ב"ה

# אין ליכט פון תורה

ספר

# עין יעקב

על מסכת

# סנהדרין

בלשון הקודש ואידיש

**223**

הוצאת אמונה
ברוקלין נוא יארק,
שנת תשמ"ו לפ"ק

בעזרת השם יתברך

# ספר
# עין יעקב
## מסכת סנהדרין

כולל כל האגדות מתלמוד בבלי
וירושלמי, הנמצאות במסכת סנהדרין

עם פירוש רש״י בשלמותו והחדושים שנתוספו
בו, ככל הנמצא בספר עין יעקב הגדול.
גם איזה מאמרים מתוספות מהרש״א, הרי״ף, ועיון יעקב.
גם ציוני הדפוס בש״ס, וציוני המקראות בתנ״ך, והגהות הב״ח.
ונוסף על זה פירוש עברי טייטש הנהוג במדינתנו.
**נעתק על ידי ה״ר יוסף מאיר יעב״ץ**
**מעתיק המשניות עברי טייטש.**

**הוצאת אמונה**
ברוקלין נוא יארק, שנת תשמ״ו לפ״ק

(דף ב) **א משנה** סנהדרין גדולה היתה של ע"א ושל קטנה של כ"ג ומנין לגדולה שהיא ע"א שנאמר (במדבר יא) אספה לי שבעים איש מזקני ישראל ומשה על גביהם רבי יהודה אומר שבעים ומנין לקטנה שהיא של כ"ג שנאמר (במדבר לה) ושפטו העדה והצילו העדה עדה שופטת ועדה מצלת הרי כאן עשרים ומנין לעדה שהיא עשרה שנאמר (שם יד) עד מתי לעדה הרעה הזאת יצאו יהושע וכלב ומנין להביא עוד שלשה ממשמע שנא' (שמות כג) לא תהיה אחרי רבים לרעות שומע אני שאהיה עמהם לטובה א"כ למה נאמר אחרי רבים להטות לא כהטייתך לטובה הטייתך לרעה הטייתך לטובה על פי אחד הטייתך לרעה על פי שנים (שם ע"ב) ואין בית דין שקול

עדה שופטת. עשרה מחייבים: עדה מצלת. עשרה מזכים להושיע דצריך עשרה שאם יחלקו יהיו עשרה מחייבים ועשרה מזכים: לעדה רעה. במרגלים כתיב: לרעות. אם הרוב מחייבים לא הלך אחריהם (לרעות) [להרוג] [ועיין ברע"ב בגמ' בארוכה]:

## פרק ראשון

**א** סנהדרין: דער בית דין פון איין אונ זיבעציג דיינים ווערט גירופען דיא גרויסע סנהדרין. אונ דער בית דין פון דריי אונ צוואנציג דיינים ווערט גירופען דיא קליינע סנהדרין. פון וואנען ווייסען מיר אז דיא גרויסע סנהדרין דארפין זיין איין אונ זיבעציג דיינים. ווארום עס שטייט אין פסוק גאט האט גיזאגט צו משה דוא זאלסט פערזאמלען זיבעציג מענטשין פון דיא עלטסטע יודין. אונ משה זאל זיין איבער זייא. איז דאך איין אונ זיבעציג. ווארום דער תנא האלט אז משה איז גיזעסין מיט זייא צוזאמען ווען זייא האבען געמשפט. רבי יהודה זאגט מען דארף נאר זיבעציג דיינים ווארום דיא זיבעציג דיינים אליין האבען געמשפט אן משה. נאר אז זייא האבען ארין גישט גיוואוסט האבין זייא גיפרעגט ביי משה. אונ פון וואנען ווייסען מיר אז דיא קליינע סנהדרין דארפין זיין פון דריי אונ צוואנציג דיינים: ווארום עס שטייט אין פסוק דיא עדה זאל משפטין (פאר שולדיגען) אונ דיא עדה זאל מציל זיין (גירעכט מאכען). דארף זיין א עדה (צעהן מענטשין) וואס זאלין פאר שולדיגען. אונ עס דארף זיין א עדה (צעהן מענטשין) וואס זאלין גירעכט מאכען. איז צוואנציג דיינים. פון וואנען ווייסין מיר אז א עדה איז צעהן מענטשין. ווארום עס שטייט אין פסוק גאט האט גיזאגט אויף דיא מרגלים ביז וויא לאנג וועל איך שווייגין דיא שלעכטע עדה. אויסער יהושע אונ כלב. יהושע אונ כלב האט גאט ניט גימיינט אין דיא עדה. אונ אן יהושע מיט כלב איז דאך נאר גיוועזען צעהן מרגלים. ווערין דאך צעהן מענטשין גירופען עדה. אונ פון וואנען ווייסין מיר אז מען דארף נאך דריי דיינים וויל עס שטייט אין פסוק דוא זאלסט ניט זיין נאך דיא מערערע צו שלעכין. דער פסוק מיינט אויב די דיינים וואס זאגין שלעכץ זענען מיט איינעם מער וויא דיא דיינים וואס זאגין גוטס. זאל ניט בלייבען וויא דיא וואס זאגין אויף שלעכטס. פאר שטייען מיר אבער אז די דיינים וואס זאגין גוטס זענין מיט איינעם מער וויא דיא דיינים וואס זאגין שלעכטס זאל בלייבען אויף גוטס. איז דאך א קשיא אויב אזוי צו וואס זאגט דער פסוק מען זאל גיין נאך דיא מערערע צו גוטין. מיר ווייסען דאך שוין פון יענעם פסוק אז צו גוטען דארף מען גיין נאך דיא מערערע. נאר אזוי מיינט מען. נישט וויא דוא גייסט צו גוטין נאך דיא מערערע: זאלסטו גיין צום שלעכטין נאך דיא מערערע. צוא גוטין גייט מען דורך איינעם. אויב דיא וואס זאגין גוט זענען מיט איינעם מער וויא דיא וואס זאגין שלעכט. בלייבט צו גוטין. אבער צו שלעכטין גייט מען נאר דורך צווייא. אויב דיא וואס זאגין שלעכט זענען מיט צוויי מער וויא דיא וואס זאגין גוט. בלייבט שלעכט. אבער אז זייא זענין נאר מיט איינעם מער. בלייבט ניט שלעכט. מוז דאך שוין זיין צוויי א.נ צוואנציג דיינים. צעהן דיינים וואס זאלין זאגין גוטס. אונ צוועלף דיינים וואס זאלין זאגין שלעכטס. דיא וואס זאגין שלעכטס זאלין זיין מיט צוויי מער. אונ בית דין דארף ניט זיין גלייכע פארין. טאמער

שקול מוסיפין עליהם עוד אחד הרי כאן כ"ג] :

ב א"ר חנינא דבר תורה אחד דיני ממונות ואחד דיני נפשות בדרישה וחקירה (דף ג) שנאמר (ויקרא כד) משפט אחד יהיה לכם ומה טעם אמרו ר"מ לא בעינן דרישה וחקירה כדי שלא תנעול דלת בפני לווין :

ג תניא (דף ה) לא יסור שבט מיהודה אלו ראשי גליות שבבבל שרודין את ישראל בשבט (בראשית מט) ומחוקק מבין רגליו אלו בני בניו של הלל שמלמדין תורה ברבים :

בדרישה וחקירה. לבדוק את העדים בשבע חקירות כלומר: כדאמר משפט אחד וכו'. ממונות כנפשות וכיון דכתיב דרישה וחקירה בדיני נפשות דכתיב ודרשת וחקרת הוא הדין דיני ממונות: שלא תנעול דלת. בפני לווין שלא יאמר המלוה לא יכתבו והעדים יטעו ולא תהא עדותן מכוונת ויפסיד (והכי עמי שמא לא ימצא מומחין לכופו לדין):

רודין את העם. שיש להם כח ורשות מאת מלכי פרס: בני בניו של הלל. נשיא היה כדאמרינן בפסחים שלא דברים הושיבוהו עליהם ומינוהו נשיא עליהם:

תניא

---

טאמער וועט אמאהל זיין עלף וועלין זאגין גוט און עלף וועלין זאגין שלעכט. וועט מען ניט קענען פסקנן דעם דין. דריבער מעהרט מען אויף זייא נאך איין דיין. איז דריי און צוואנציג דיינים. וועט קענען זיין צו גוטען מיט איינעם מער. און צו שלעכטין מיט דריי מער :

ב אמר. רבי חנינא האט גיזאגט דיא תורה הט גיהייסען סיי א משפט פון געלט בצאהלין און סיי א משפט פון אמענטשין הרגנן. זאל מען פארשטין דיא עדות מיט דרישה און חקירה ודרישה הייסט למשל ראובן מאנט ביי שמעון ער זאל איהם בצאהלין דיא הונדערט גילדין וואס ער האט ביי איהם גיבארגט. און שמעון זאגט ער האט גאר ניט גיבארגט. און עדות זאגין זיי האבען גיזעהן וויא שמעון האט יא גיבארגט. דארף מען פארשטין דיא עדות זייא זאלין זאגין וואס פאר א געלט עס איז גיוועזן. פאפירען. אדער זילבער. אדער קופער. אויף וועלכין ארט הט ער אים גיגעבין דאס געלט. און נאך אזעלכע זאכען. אדער אז דיא עדות זאגין למשל זייא האבען גיזעהן וויא ראובן האט גיהרגת א מענטשין. דארף מען פארשטין דיא עדות זייא זאלין זאגין מיט וואס הט ער אים גיהרגת מיט א שווערד אדער מיט איין אנדער כלי. אויף וועלכין ארט האט ער אים גיהרגת. און נאך אזעלכע זאכען. חקירה הייסט אויף דיא צייט. וועלכע שעה. וועלכער טאג אין וואך. וויא פיל טעג אין חודש. וועלכער חודש. וועלכער יאהר אין שמטה. די וויפילטע שמטה אין יובל) ווארום עס שטייט אין פסוק איין משפט זאל זיין ביי אייך. ביי געלט בצאהלין און ביי א מענטשין הרגנן זאל זיין איין משפט ביי ביידע זאל זיין דרישה און חקירה אזוי וויא עס שטייט אין פסוק ודרשת וחקרת. נאר פאר וואס דען האט מען גיזאגט אז ביי געלט בצאהלין דארף מען ניט קיין דרישה וחקירה. מען זאל ניט פאר שליסען דיא טיר פאר דיא מענטשין וואס בארגין געלט. אז דער מלוה וועט זעהן אז ער פאר בארגט געלט און דער לוה לייקנט און אז ער ברייננט עדות וואס זייא זאגין זייא האבען גיזעהן וויא ער האט גיבארגט די געלט. פרעגט מען דיא עדות אזוי פיל זאכען און אז איין עדות האט נאר עפעס א טעות. טויג שוין ניט זייערע עדות זאגין. און ער קען שוין ניט אפ נעמען דאס געלט. וועט ער ניט וועלין פאר בארגין קיין געלט. וועלין דאך מענטשין ניט קענען האנדלען. דריבער האט מען גיזאגט מען זאל ניט אזוי פיל אויס פרעגין דיא עדות. דער מלוה זאל קענען אפ נעמען זיין געלט :

ג תניא. מיר האבען גילערונט עס שטייט אין פסוק עס וועט ניט אפ גיטאהן ווערין ארוהט פון יהודה. דאס מיינט מען ווען יודין וועלין זיין אין גלות בבל וועלין זיי האבין אויף זיך אעלצטין פון שבט יהודה וואס ער וועט גיוועלטיגען אויף דעם יודישען פאלק מיט ארוהט. זייא זאלין פאלגין און טאהן דיא מצות פון גאט. און א גיזעץ געבער וועט ניט אפ גיטאהן ווערין פון יהודהס פיס. דאס מיינט מען דיא איניקלאך פון הלל הנשיא וואס זיי לערנען תורה מיט פיל יודין. און הלל איז גיוועזן פון שבט יהודה :

תניא

(ע״ב) **ד תניא** תלמיד אל יורה במקום רבו אא״ב היה רחוק ממנו שלש פרסאות כנגד מחנה ישראל :

(דף ו ע״ב) **ה רבי** אליעזר בנו של רבי יוסי הגלילי אומר אסור לבצוע וכל הבוצע הרי זה חוטא וכל המברך את הבוצע הרי זה מנאץ ועל זה נאמר (תהלים י) ובוצע ברך נאץ ה׳ אלא יקוב הדין את ההר שנא׳ (דברים א) כי המשפט לאלהים הוא וכן משה היה אומר יקוב הדין את ההר אבל אהרן אוהב שלום ורודף שלום ומשים שלום בין אדם לחבירו שנא׳ (מלאכי ב) תורת אמת היתה בפיהו וג׳ . רבי אליעזר אומר הרי שגזל סאה של חטים וטחנה ואפאה והפריש ממנה חלה כיצד מברך אין זה מברך אלא מנאץ ועל זה נאמר ובוצע ברך נאץ ה׳ . רבי מאיר

כנגד מחנה ישראל . דכל מאן דבעי מלתא הוי נפיק לגביה דמשה דכתיב והיה כל מבקש ה׳ וגו׳ . וא״ג שהמחנה ג׳ פרסאות והוא לגבי אהל מועד רבותא דמשה בלאי . מחנה ישראל ג׳ פרסאות דכתיב ויחנו על הירדן מבית הישימות עד אבל השטים ואמר רבה בר בר חנה לדידי חזי לי ההוא אתרא והוי תלתא פרסי בעירובין וביומא :

אסור לבצוע . מפרשא להו אסור לדיינים לבצוע (לעשות פשרה) : המברך . המשבח : אבל אהרן אוהב שלום ורודף שלום . וכיון ששמע מחלוקת ביניהם קודם שבאו לפניו לדין היה רודף אחריהם ומטיל שלום ביניהם : תורת אמת וגו׳. משמעי כאהרן כי שפתי כהן ישמרו דעת וגו׳ : הרי שגזל וכו׳. ובוצע לשון גזלה דכתיב כן ארחות כל

---

**ד** תניא . מיר האבען געלערנט א תלמיד זאל ניט פסקנען אדין אין דיא שטאט וואו זיין רבי וואוהנט . סיידין דער רבי איז ווייט פון אים דריי מייל אזו וויא דיא מחנה פון יודין איז געוועזן אין דער מדבר דריי מייל דיא לענג אונ דריי מייל די ברייט . אונ אז איינער האט געוואוהנט אין עק מחנה איז ער געגאנגען דרייא מייל ביז דעם אנדערין עק מחנה פרעגין ביי משה רבינו אדין ואונ משה רבינו האט געוואוהנט אויסער דיא מחנה) . אונ אהרן אונ חור וואס זענען געוועזן אין די מחנה האבין ניט גיפסקנט דינים ווייל זיי זענין געוועזן תלמידים פון משה :

**ה** רבי אליעזר דער זוהן פון רבי יוסי הגלילי האט געזאגט אז צוויי מענטשין קומען פאר דיא דיינים האבען אדין תורה. טארין ניט דיא דיינים מאכען אפשרה . אונ דער דיין וואס מאכט אפשרה האט ער געזינדיגט . אונ דער וואס לויבט דעם דיין ווייל ער האט גימאכט אפשרה . דער צערינט ער גאט . אויף דעם זאגט דער פסוק ובוצע ברך . דער וואס לויבט דעם דיין ווייל ער האט גימאכט אפשרה . נאץ ה׳ . דער צערינט ער גאט . נאר דער דין זאל דורך לעכערין דעם בארג . דס מיינט מען ווי דר דין איז אזו זאל דר דיין פסקנען . ווער עס איז גירעכט . איז גירעכט אונ ווער עס איז אומגירעכט איז אומגירעכט . אונ דער דיין זאל ניט מורא האבען פאר קיין מענטשין צו זאגין אים דוא ביסט אומגירעכט . ווארום עס שטייט אין פסוק דער משפט איז פון גאט . גאט זאגט דער איז גירעכט אונ דער איז אומגירעכט . דער דיין זאגט נאר דיא רייד פון גאט . פר וואס זאל דער שולדיגער זיין בייז אויף דעם דיין . אונ משה רבינו פלעגט אויך זאגין דער דין זאל דורך לעכערין דעם בארג . ער האט נאר גיפסקנט וויא דער דין איז . אבער אהרן האט אנדערש גיטאהן אז ער האט גיוועהן צוויי מענטשין קריגען זיך . איידער זייא זענין נאך גיקומען פר אים צו אדין תורה . איז ער גיגאנגען צו זיי אונ האט גימאכט שלום צווישען זיי . ווארום ער האט ליב גיהאט שלום . אונ פלעגט נאך זאגין דיא מענטשין וואס האבען געקריגט אדער אמאן מיט אווייב וס האבין געקריגט ער זאל מאכען שלום צווישען זייא . אונ ער פלעגט מאכען שלום צווישען אמענטשין מיט זיין חבר זייא זאלין ניט קומען צו אקריג . אונ דר שלום איז גוועזן וויא דער דין איז , אזו וויא עס שטייט אין פסוק אויף אהרן הכהן תורת אמת היתה בפיהו . אמתה לערנונג איז געוועזן אין זיין מויל פיל מענטשין האט ער צוריק גיקערט פון עבירות אונ מיט יעדער מענטש איז ער גיגאנגען מיט שלום . רבי אליעזר זאגט אז איינער האט גיגזלט אסאה נאזוי אמאס ווייץ . אונ ער האט גימאהלין דיא ווייץ אויף מעהל . אונ ער האט גיקנעטין אטייג אונ האט גיבאקט אברויט אונ ער האט אפ גישיידט חלה פון דעם ברויט . וויא מאכט ער אברכה אויף דיא חלה . דאס איז ניט אברכה צו גאט נאר א לעסטערונג צו גאט . אויף דעם

זאגט

מאיר אומר לא נאמר בוצע אלא כנגד יהודה שנאמר (בראשית לז) ויאמר יהודה אל אחיו מה בצע כי נהרוג את אחינו וכל המברך את יהודה הרי זה מנאץ ועל זה נאמר ובוצע ברך נאץ ה'. רבי יהושע בן קרחה אומר מצוה לבצוע שנא' (זכריה ח) אמת ומשפט שלום שפטו בשעריכם והלא במקום שיש משפט אין שלום ובמקום שיש שלום אין משפט אלא איזהו משפט שיש בו שלום הוי אומר זה ביצוע. וכן בדוד הוא אומר (ש"ב ח) ויהי דוד עושה משפט וצדקה והלא כל מקום שיש משפט אין צדקה צדקה אין משפט אלא איזהו משפט שיש בו צדקה הוי אומר זה ביצוע. אתאן לת"ק. דן את הדין זיכה את הזכאי וחייב את החייב וראה שנתחייב עני ממון ושלם לו מתוך ביתו זה

בוצע בלע את נפש בעליו יקח: כנגד יהודה. שהיה לו לומר נחזירנו לאבינו אחרי שהיו דבריו נשמעין לאחיו: אתאן לת"ק. דלאמר אסור לבצוע דרים ליה להאי משפט וצדקה שהיה דוד דן את הדין וחייב את החייב ולאחר שהיה עני מחוייב וכו'

---

זאגט דער פסוק ובוצע ברך אז דער וואס מאכט א ברכה. נאץ ה' דער צערינט ער גאט. רבי מאיר זאגט דער פסוק ובוצע ברך איז געזאגט געווארין אויף יהודה. ווארום עס שטייט אין פסוק יהודה האט געזאגט צו זיינע ברידער מה בצע כי נהרוג את אחינו. וואס פאר א גוטס וועלין מיר פאר דינען אז מיר וועלין הרגענען אונזער ברודער. און דער וואס לויבט יהודה פאר דעם וואס ער האט ניט געלאזט הרגענען יוסף: דער צערינט ער גאט. ווארום נאך איז אין בעס אויף יהודה. אז ער האט געוואוסט אז דיא ברידער פאלגין אים פאר וואס ער האט געהייסען מען זאל יוסף פר קויפען. ער האט געדארפט זאגין מען זאל אים לאזין פריי ער זאל גיין אהיים צום פאטער. אויף אים זאגט דער פסוק ובוצע ברך: דער וואס לויבט דעם בוצע יהודה וואס ער האט געזאגט מה בצע נאץ ה'. דער צערינט ער גאט. רבי יהושע בן קרחה זאגט אז צווייא מענטשין קומען האבען א דין תורה איז א מצוה צו מאכען א פשרה ווארום עס שטייט אין פסוק אמת ומשפט שלום שפטו בשעריכם. דער נביא זאגט צו דיא דיינים איר זאלט משפטין אין אייערע שטעט א משפט מיט שלום. ווי אזוי קען זיין א משפט מיט שלום. אז צוויי מענטשין קומען צו א דין תורה איינער מאנט געלט ביי זיין חבר און זיין חבר לייקענט ווייל ער וויל ניט בצאהלין. אויב דער דיין פסקנט ווי דער דין איז. איז דאך ניטא קיין שלום. ווארום דער וואס בלייבט אומגירעכט און ער דארף בצאהלין איז ער א שונא דעם חבר וואס דארף נעמען ביי אים דאס געלט. און ער איז א שונא דעם דיין פאר וואס ער האט אים גיפסקנט ער זאל בצאהלין. און וואו עס איז שלום קיינער מאנט ניט דארף מען דאך ניט טאהן קיין משפט. נאר ווי אזוי קען זיין עס זאל זיין א משפט און עס זאל זיין שלום. נאר דאס מיינט מען דער דיין זאל מאכען א פשרה. א ביסעל זאל דער בצאהלין. און א ביסעל זאל דער האבין שאדין. ווערט שלום צווישען זייא. און ביי דוד המלך שטייט אויך אזוי. דוד פלעגט טאהן משפט און צדקה. ווי אזוי קען זיין משפט און צדקה צו זאמען. וואו עס איז משפט איז דאך ניט צדקה. למשל אז בית דין פסקנט ראובן זאל בצאהלין צו שמעון וואס ער איז אים שולדיג. און ראובן בצאהלט. אפילו שמעון איז א ארעם מאן פון דעסטוועגין הייסט דאס ניט ראובן האט געגעבין צדקה צו שמעון. ווארום עס קומט דאך אים. און וואו עס איז צדקה איז דאך ניט משפט. און אז מען זאגט ראובן האט גיגעבין צדקה צו שמעון. איז א סימן אז ראובן איז צו שמעון גאר ניט שולדיג. נאר ער שענקט אים פר רחמנות ווייל ער איז ארעם. נאר ווי אזוי קען זיין משפט מיט צדקה צו זאמען. דאס איז א פשרה. למשל ראובן מאנט ביי שמעון הונדערט גילדין. און שמעון לייקענט. דער דיין פר שטייט אבער אז שמעון לייקענט ווייל ער האט ניט צו בצאהלין. מאכט ער א פשרה. שמעון זאל נאר בצאהלין פופציג גילדין. און פופציג גילדין זאל ראובן אים שענקין. דיא פופציג גילדין וואס ראובן נעמט דאס איז א דין. און דיא פופציג גילדין וואס ראובן שענקט אים דאס איז א צדקה. פרעגט דיא גמרא נאך דעם ערשטין תנא וואס ער זאגט אז מען טאר ניט מאכען א פשרה ווי אזוי קען זיין משפט און צדקה צו זאמען. ענטפערט דיא גמרא עס קען אזו זיין ·

אדין

וזה משפט וצדקה משפט לזה וצדקה לזה משפט לזה
שהחזיר לו ממון וצדקה לזה ששילם לו מתוך ביתו]
(וכן בדוד הוא אומר ויהי דוד עושה משפט וצדקה
לכל עמו משפט לזה שהחזיר לו את ממונו וצדקה לזה
ששילם לו מתוך ביתו) קשיא ליה לרבי האי לכל
עמו לעניים מיבעי ליה אלא [רבי אומר] אע"פ שלא שלם לו מתוך ביתו זהו משפט
וצדקה משפט לזה וצדקה לזה משפט לזה שהחזיר לו ממונו וצדקה לזה שהוציא גזילה
מתחת ידו (דף ז) ופליגא דרבי תנחום בר חנילאי דא"ר תנחום בר חנילאי לא נאמר
מקרא זה אלא כנגד מעשה העגל שנאמר (שמות לב) וירא אהרן ויבן מזבח לפניו מה ראה
אמר רבי בנימין בר יפת אמר ר' אלעזר ראה חור שזבוח לפניו אמר אי לא שמענא להו
השתא עבדו לי כדעבדו בחור ומקיים בי (איכה ב) אם יהרג במקדש ה' כהן ונביא ולא הויא
להו

משלם לבעל דינו מתוך ביתו : לא נאמר מקרא זה . ובוצע ברך : אלא כנגד מעשה העגל . שעשה אהרן פשרה בינו לבין עצמו והורה היתר לעשות להם את העגל : ויבן מזבח . הבין מזבוח לפניו שהרגו את חור על שלא עשה להם : אהרן ; כהן ונביא הוא : ולא הויא להו תקנתא . דשא

---

אביין האט געמשפט אדין אונ ער האט גירעכט גימאכט דעם וואס איז טאקי גירעכט . אונ ער האט
בעשולדיגט דעם וואס איז טאקי שולדיג . אונ ער האט אבער גיזעהן אז דער וואס איז שולדיג
גיווארין צו בצאהלין איז אארעם מאן . האט דער דיין בצאהלט מיט זיין געלט פאר דעם ארעם
מאן . דאס איז משפט מיט צדקה . צו איינעם איז משפט אונ צו איינעם איז צדקה . משפט איז צו
דעם וואס האט גימאנט . ער האט אפ גינומען זיין געלט . אונ צדקה האט ער גיטאהן מיט דעם
ארעם מאן וואס ער האט בצאהלט פון זיינעט וועגין . אונ וואו געפינט מען אדיין וואס זאל אזוי
טאהן . דאס האט גיטאהן דוד המלך . אזו ווי עס שטייט אין פסוק דוד האט גיטאהן משפט אונ
צדקה צו זיין גאנץ פאלק . אז פר דוד המלך איז גיקומען אדין תורה אארעם מאן מיט א רייכען .
אונ דער ארעם מאן איז פאר שולדיגט גיווארין צו בצאהלין . האט דוד בעצאהלט פון זיינעט
וועגין . האט ער גיטאהן משפט צו דעם רייכין . דער רייכער האט אפ גינומען זיין געלט . אונ
צדקה האט ער גיטאהן מיט דעם ארעם מאן וואס ער האט בצאהלט פון זיינעט וועגין . איז צו
רבי גיוועזן אקשיא פר וואס שטייט אין פסוק דוד האט גיטאהן משפט אונ צדקה צו זיין גאנץ
פאלק . דער משפט אונ צדקה איז דאך נאר גיוועזן צו ארעמע לייט . דריבער זאגט רבי אז
יעדער אמתה דין תורה וואס דער דיין פסקנת . אפילו דער דיין בצאהלט ניט זיין געלט נאר
דער בעל חוב אליין האט בצאהלט . הייסט דס אויך דער דיין האט גיטאהן משפט אונ צדקה .
משפט האט ער גיטאהן צו דעם . אונ צדקה האט ער גיטאהן צו דעם . משפט האט ער גיטאן
צום מלוה ער האט אפ גינומען זיין געלט . אונ צדקה האט ער גיטאהן צום לוה ער האט ארויס
גינומען די גיגזלתע געלט פון זיין האנט . האט ער אים גיטאהן אטובה צו עולם הבא וואס דס
איז מער וויא די עולם הזה פון דעם ביסול געלט וועם ווארט צדקה מיינט מען אטובה . מהרש"א .
אונ די פריערדיגע תנאים וואס דרשנן דעם פסוק ובוצע ברך קריגען זייא אויף רבי תנחום בר
חנילאי . ווארום רבי תנחום בר חנילאי זאגט דער פסוק ובוצע ברך איז ניט גיזאגט גיווארין אויף
קיין אנדער זאך נאר אויף די מעשה פון עגל ווארום עס שטייט אין פסוק וירא אהרן ויבן
מזבח לפניו . וואס האט אהרן גיזעהן האט רבי בנימין בר יפת גיזאגט פון רבי אלעזרס וועגין ער
האט גיזעהן וויא חור איז גישאכטין פאר זיך איז דער טייטש ויבן מזבח לפניו . ער האט
פר שטאנען פון דעם וואס איז גילעגין גישאכטען פר אים . וואס מען וועט טאהן מיט אים וויא
יודין האבין פר אים פר לאנגט פון חור ער זאל זייא מאכען דעם עגל האט חור ניט גיוואלט
האבען זייא אים גיהרגת) האט אהרן גיזאגט אויב איך וועל זייא ניט פאלגין וועלין זיי טאהן צוא
מיר אזוי וויא זייא האבען גיטאהן מיט חור וועט דורך מיר מקוים ווערין דער פסוק עס איז
גיהרגת גיווארין אין מקדש פון גאט אכהן אונ אנביא ווארום אהרן איז דאך גיוועזן אכהן אונ
אנביא (אזוי וויא זכריה איז גיוועזן אכהן אונ אנביא) . אונ אויף די עבירה וועט זיי ניט העלפין
קיין

סופו לעשות כן בזכריה בן יהוידע ויחרב בית המקדש על כך. ובקדושין הקשו על פרש"י והאמר ולי ו כמן דלכאורה מבמע דאהכן שפיר עביד אלא הקבלה דאורם אמת היתה בפיהו קיימין. ע"כ וכן בתוספתא:

תוסר מים ראשית מדון. אם באת לפטור ולהבליך כתריבה המשולה כמים כדלקמן ולבוא שלום ביניהם ראשיה מדון קודם שתבא ותהן בדין פטור אותה: נטשאו. ירדוף אחר השלום: קשה. בעל מריבה ומטריח דייגין: ה"נ שמא יתחייב חזק ושמא חזק רודפו רודף את הדיין לנסך את

להו תקנתא לעולם מותר דליעבדו לעגלא אפשר הויא להו תקנתא בתשובה:

(דף ו ע"ב) ו רבי שמעון בן מנסיא אומר שנים שבאו לפניך לדין עד שלא תשמע דבריהם או משתשמע דבריהם ואי אתה יודע להיכן הדין נוטה אתה רשאי לומר להם צאו ובצעו משתשמע דבריהם ואתה יודע להיכן הדין נוטה אי אתה רשאי לומר להם צאו ובצעו שנא' (משלי יז) פוטר מים ראשית מדון ולפני התגלע הריב נטוש קודם שנתגלע הריב אתה יכול לנטשו משנתגלע הריב אי אתה יכול לנטשו וריש לקיש אמר שנים שבאו לדין אחד רך ואחד קשה עד שלא תשמע דבריהם או משתשמע דבריהם ואי אתה יודע להיכן הדין נוטה אתה רשאי לומר להם אין אני נזקק לכם שמא נתחייב חזק ונמצא חזק רודפו משתשמע דבריהם ואתה יודע להיכן הדין נוטה אי אתה יכול לומר להן איני נזקק לכם שנאמר (דברים א) לא תגורו מפני איש. רבי יהושע בן קרחה אומר מנין לתלמיד

---

קיין תשובה. דריבער איז בעסער זיא זאלין מאכען דעם עגל. טאמער ווערין זיי תשובה טאן וועלין זייא צוריק בהעפט ווערין צו גאט. דאס זאגט דער פסוק ובוצע ברך. דער וואס בענשט אהרנען פאר דיא פשרה וואס ער האט געמאכט. דער צערינט ער גאט. וואָרום אהרן האט ניט געבארקט אזוי טאהן. ער האט געדארפט איין שטעלין זיין לעבין אויך אונ ניט מאכען דעם עגל:

ו רבי שמעון בן מנסיא זאגט אז צווייא מענטשין וועגין גיקומען פאר אהרין האבין אדין תורה, איידער דער דיין הערט זייערע טענות. אדער וויא ער האט שוין געהערט זייערע טענות נאר ער ווייס נאך ניט וועמ' עס איז גירעכט אונ וועמ' עס איז אונגירעכט. מעג ער זאגין צו זייא זייא זאלין זיך פר גלייכין. אבער אז דער דיין האט שוין גיהערט זייערע טענות. אונ ער ווייס שוין וועמ' עס איז גירעכט אונ וועמ' עס איז אונגירעכט. טאר ער ניט זאגין צו זייא זיי זאלין זיך פאר גליכען. נאר ער מוז פסקנן אריכטיגע דין תורה אזוי וויא עס שטייט אין פסוק פוטר מים. אז דער דיין וויל פטרין פון זיך דיא קריג וואס זיא איז געגליכען צו וואסער. אונ ער וויל מאכען שלום צווישען דיא מענטשין וואס וועגין גיקומען פאר אים האבען אדין תורה. ראשית מדון, איידער דיא קריג הייבט זיך אן זאלסטו זיא פר גלייכען. ולפני התגלע הריב אונ איידער דיא קריג פאר שפרייט זיך. נטוש. זאלסטו זיא פר לאזין. איידער די קריג הט זיך פר שפרייט ואיידער דוא ווייסט דיא קריג. (וועמ' עס איז גירעכט אונ וועמ' ניט). מעגסטו דיא קריג פאר לאזין. אונ מאכען צווישען זייא אפשרה. אבער וויא דיא קריג הט זיך פר שפרייט ודוא ווייסט שוין וועמ' עס איז גירעכט אונ וועמ' ניט: טארסטו ניט פר לאזין די קריג. טארסטו ניט מאכען אפשרה: נאר דוא מוזט פסקנן אריכטיגע דין תורה. אונ ריש לקיש זאגט אז צווי מענטשין קומען פר אהרין האבען אדין תורה. איינר איז אווייכער מענטש אונ איינער איז אהארטער מענטש. איידער דער דיין הערט זייערע טענות. אדער וויא ער האט שוין גיהערט זייערע טענות. נאר ער ווייס ניט וועמ' עס איז גירעכט אונ וועמ' עס איז ניט גירעכט. מעג דער דיין זאגין צו זיי איך וויל מיך ניט מישען צו דער דין תורה. ווייל איך האב מורא טאמער וועט דער שלעכטער פאר שולדיגט ווערין צו בצאהלין. וועט ער מיך יאגין ער זאל מיר שלעכטס טאהן: אבער אז דער דיין הט שוין גיהערט זייערע טענות. אונ ער ווייס שוין וועמ' עס איז גירעכט אונ וועמ' עס איז אונגירעכט טאר ער ניט זאגין איך וויל מיך ניט מישען צו דיא דין תורה. נאר ער מוז פסקנן די דין תורה, אונ אויף אים זאגט דער פסוק איר זאלט ניט מורא האבען פר קיין מענטש. רבי יהושע בן קרחה זאגט

לתלמיד שיושב לפני רבו וראה זכות לעני וחובה לעשיר מנין שלא ישתוק שנאמר לא תגורו מפני איש וא"ר חנין לא תכנים דבריך מפני איש ויהיו עדים יודעים את מי הם מעידים ולפני מי הם מעידים ומי עתיד ליפרע מהם שנאמר (שם יט) ועמדו שני האנשים אשר להם הריב לפני ה' ויהיו הדיינים יודעים את מי הם דנים ולפני מי הם דנים ומי עתיד ליפרע מהם שנאמר (תהלים פב) אלהים נצב בעדת אל בקרב אלהים ישפוט וכן ביהושפט הוא אומר (ד"ה ב יט) ויאמר לשופטים ראו מה אתם עושים כי לא לאדם תשפטו כי (אם) לה' שמא יאמר הדיין מה לי בצער הזה תלמוד לומר (שם) ועמכם בדבר משפט אין לו לדיין אלא מה שעיניו רואות:

(דף ז) ז אמר רב המנונא אין תחלת דינו של אדם נידון אלא על ד"ת שנא' (משלי יז) פוטר מים ראשית מדון:

כדין: שיושב לפני רבו. וכא דין לפני רב ולא נפנין ורואה התלמיד זכות לעני וחובה לעשיר ורבו טועה בדין מנין שלא יחלוק כבוד לרבו וישתוק ת"ל וכו' וגמ' מפרש דלא תגורו לשון עימס הוא (מלשון אגרה בקיץ): את מי הם מעידין. כאילו הם מעידים בהקב"ה כדאמרינן לקמן במטריחין אותי להחזיר ממון לבעליו: ועמדו שני האנשים אשר להם הריב. ואמרינן במסכת שבועות בעדים הכתוב מדבר: מה לי לצער הזה. שאם אטעה ליענש: ת"ל ביהושפט. ועמכם בדבר משפט. לפי מה שיש בלבבכם שלבבכם נוטה בדבר כלומר בטעותיהם עמכם במשפט לפי אומן דבריכ תשפטו ולא תענשו: דאין לו לדיין. ליראו ולמנוע עצמו מן הדין: אלא לפי מה שעיניו רואות. לידון ויכוין להוציאו לצדקו ולאמתו ושוב לא יענש: תחלת דינו. לעתיד לבא: על דברי תורה. שלא עסק בתורה: פוטר מים. שפוטר התורה מעליו: וזהו ראשית מדון. תורה נמשלה למים דכתיב הוי כל צמא לכו למים:



---

זאגט אז א תלמיד זיצט פר זיין רבי אונ ער זעהט עס איז גיקומען א ארעמער מיט א רייכען צוא האבען א דין תורה פאר זיין רבי. אונ דער רבי מאכט גירעכט דעם רייכען אונ מאכט אונגירעכט דעם ארעמען. ווייל ער האט א טעות אין דין. אונ דער תלמיד זעהט אז עס איז פר קערט דער ארעמער איז גירעכט אונ דער רייכער איז אונגירעכט. פון וואנען ווייסען מיר אז דער תלמיד טאר ניט שווייגען. נאר ער זאל זאגען צום רבי אז ער האט א טעות. ווארום עס שטייט אין פסוק לא תגורו מפני איש האט רבי חנין גזאגט דער פסוק מיינט איר זאלט ניט איין זאמלען ובהאלטען אייערע רייד ווייל איר ווערט מורא האבען פאר א מענטשין. אונ דיא עדות דארפין וויסען אויף וועמען זייא זאגין עדות. אונ פר וועמען זייא זאגין עדות. אונ ווער עס וועט זייא שטראפין אויב זיי וועלין זאגין פאלשע עדות. אזו ווי עס שטייט אין פסוק דיא צוויי מענטשין וואס צוא זיי איז די קריג וואס זייא זאגין עדות אויף דיא קריגן זאלין זיי שטיין פר גאט. אונ דיא דיינים זאלין וויסען וועמען זייא משפטין אונ פר וועמען זייא משפטין אונ ווער עס וועט זייא שטראפין אויב זייא וועלין פאלש משפטין. אזו ווי עס שטייט אין פסוק גאט וועט שטיין אין די גאטליכע עדה צווישען דיא דיינים וועט גאט משפטין. אונ ביי יהושפט שטייט אויך אזו. ער האט גזאגט צו דיא דיינים זעהט וואס איר טוהט איר משפט ניט דעם מענטשין. נאר איר משפט צו גאט. ווארום אז דער דיין וועט פאלש פסקנען. אדער דיא עדות וועלין פאלש עדות זאגין. אונ מען וועט ביי איינעם נעמען געלט אומזיסט. וועט גאט מוזין דעם מענטשין בצאהלין אנדער געלט. האבען זייא דאך שאדין גיטאהן דאס געלט ניט דעם מענטשין נאר צו גאט. טאמער וועט דער דיין זאגין וואס טויג מיר דער צער. צו וואס זאל איך זיין א דיין. דריבער שטייט אין פסוק ועמכם בדבר משפט. אזו וויא אייער הארץ אונ אייער שכל וועט אייך לערנען אזוי זאלט איר פסקנען. איר זאלט נאר ניט וועלין פסקנען פאלש. דער דיין דארף נישט מער פסקנען נאר וויא זיין שכל לערנט אים:

ז אמר. רב המנונא האט גזאגט אז דער מענטש שטארבט אונ מען נעמט די נשמה צום משפט. דאס ערשטע משפט מען פר וואס ער האט ניט גילערנט תורה. אזו וויא עס שטייט אין פסוק פוטר מים ראשית מדון. דאס ער שטע קריג איז ווייל ער האט גיפטרת פון זיך דיא תורה וואס זיא איז געגליכען צו וואסער:

ח א"ר הונא האי תיגרא דמיא לצינורא דבידקא דמיא כיון דרווח רויח אביי קשישא אמר דמי לגודא דגמלא כיון דקם קם . ההוא דהוה קאמר ויזיל טוביה דשמע ואדיש חלפוה בישתי' מאה א"ל שמואל לרב יהודה קרא כתיב פוטר מים ראשית מדון ריש מאה דיני. ההיא דהוה קאמר ואזיל אתרתי תלת גנבא לא מיקטל א"ל שמואל לרב יהודה קרא כתיב (עמוס ב) כה אמר ה' על שלשה פשעי ישראל ועל ארבעה לא אשיבנה ההוא דהוה קאמר ואזיל שב בירי לשלמנא וחד לעביד ביש א"ל שמואל לרב יהודה קרא כתיב (משלי כד) כי שבע יפול צדיק וקם (ורשע יפיל באחד) . ההוא דהוה קאמר ואזיל דמבי דינא שקלו גלימיה ליזמר וליזיל באורחא . א"ל שמואל לרב יהודה

ציפורא דבידקא . כשהנהר גדל פעמים שהולך חולה לבדות של לגביו כעין גומה ומזמרות (קטולים) [קטנים] ולא אינו סותמו מיד הולך ומרחיב ואינו יכול לסותמו והיינו דקאמר קרא פוטר מים ראשית מדון כלומר ראשית מדון ומריבה דומה לפוטר מים : פוטר פותח כמו פטר רחם : לגודא דגמלא . דפנה של גשר נתהלכ כשדורכין עליה מתנענעות ונוף מתחזקות ונקבעות במקומן והכא נמי כשאדם (מדבק) [מרבה] בקטטה מתחזקת ובאה ולא מקרא נפקא : טוביה דשמע ואדיש . אשריו ששומע חרפתו ושותק ומרגיל בכך : ואדיש . כמו כיון דדש דש : חלפוה בישתי' מאה . הלכו לכה בשתיקתו מאה רעות שהיו באות עליו ע"י הקטט : פוטר מים . ומתחיל ופותח בקטטה היא תחלה מאה דינים : ראשית מדון . נוטריקון ריש מאה דינים . נ"א מדון בגימ' מאה : אהרתי תלת גנבא לא מיקטל . כלומר אף עובר אדם עבירה פעמים ושלש ולא יבא עליו פורענות אבל יתנה דאחרי תלת גנבא לא מיקטל וסופו ללקות באחרונה : שב בירי לשלמנא . שבע בורות כרויות לרגלי איש שלום ומכולם ינצל : וחד . בירא : לעביד ביש . למושך רשעה יפול באחת ראשונה הבאה לו : דמבי דינא שקלו גלימיה . מי שנטלו ב"ד טליתו לפרעו לאחד : ליזמר וליזיל . הואיל ודין אמת דנו לא הפסיד כלום

ח אמר . רב הונא האט געזאגט אקריג איז גליך צו ארינע פון אשטראם וואסער . אז זיא הייבט אן ברייט צו ווערין אונ מען פר שטעלט ניט באלד דיא וואסער . ווערט זיא גאנץ ברייט אונ זיא קען פאר פרייצין אגרויסע פלאץ . אונ מען קען שוין ניט מער פאר שטערין . ביא אקריג איז אויך אזו . אז צוויי מענטשין קריגען אויב מען פר הארט ניט באלד די קריג . ווער ווייס וויא ווייט דיא קריג קען זיך פר ברייטען . אונ וואס פר אשרעכין פון דעם קען קומען : דער אלטער אביי זאגט אקריג איז גליך צו דיא ברעטער פון אבריק . אין אנהייב ווען מען לייגט דיא ברעטער שאקלען זייא זיך . דער נאך אז עס ווערט איין גיטרעטין ליגען שוין דיא ברעטער פעסט אונ שטארק . אקריג איז אויך אזוי . אין אנהייב איז די קריג שוואך . אונ גאנץ גרינג קען מען מאכען שלום . אונ וואס מער זייא קריגען זיך פערשטארקט זיך די קריג ; אז מען קען שוין ניט מאכען שלום . אמענטש פרעגט אמאהל גיין אונ זאגין גוט איז דעם מענטש וואס ער הערט מען זידעלט אים אונ ער שווייגט . דורך זיין שווייגין ווערט פון אים אוועק גיין הונדערט שלעכטס וואס עס ווארט אויף אים גיקומען אז ער וואלט זיך געקריגט . האט שמואל גזאגט צו רב יהודה עס שטייט אזו אין פסוק פוטר מים ראשית מדון : דער וואס עפינט אקריג איז דעם צאנהייב פון הונדערט דינים . מדון מאכט מאה דינים . הונדערט שלעכטס . אבער אז ער קריגט ניט ווערט אויף אים ניט קומען דיא הונדערט דינים . אמענטש פרעגט אמאל גיין אונ זאגין אז איינער האט גיגנבת צוויי מאהל אדער דריי מאהל הרגת מען אים נאך ניט . אבער אז ער גנבת אפערטין מאהל הרגת מען אים . האט שמואל גזאגט צו רב יהודה עס שטייט אזו אין פסוק אזו האט גאט גזאגט אויף די דריי זינד פון דיא יודין בין איך זייא מוחל : אבער אויף דיא פערטע עבירה בין איך זייא ניט מוחל . אמענטש פרעגט אמאהל גיין אונ זאגין זיבען גריבער זענען גיגראבען פר דעם פרומען מענטשין . אונ נאט העלפט אים ער זאל אין איינע ניט אריין פאלען . אונ איין גרוב איז גיגראבען פר דעם רשע אונ ער פאלט אין איר אריין . האט שמואל גזאגט צו רב יהודה עס שטייט אזו אין פסוק . אפילו דער צדיק ווערט זיבען מאהל פאלען . פון דעסטוועגין ווערט ער אויף שטיין . אונ דער רשע פאלט אריין אין דיא ערשטע גרוב אונ ער קען שוין ניט אויף שטיין . אמענטש פרעגט צמאהל גיין אונ זאגין אז בית דין האבין אוועק גינומען אקלייד ביי אמענטשין ער זאל בצאהלין זיין חוב וואס ער איז שולדיג . זאל ער גיין אין וועג אונ זינגען . ווייל בית דין האבען אים אפ גערהיט פון אעבירה . ער זאל ניט נזלנן .

יהודה קרא כתיב (שמות יח) וגם כל העם הזה על מקומו יבא בשלום. ההוא דהוה קאמר ואזיל היא גיפא ודיקולא שפיל. א"ל שמואל לרב יהודה ק־א כתיב (קהלת י) בעצלתים ימך המקרה וגו'. ההוא דהוה קאמר ואזיל גברא דרח יצנא עליה אדייה לגזיזיה וקם. א"ל שמואל לרב יהודה קרא כתיב (תהלים מא) גם איש שלומי אשר בטחתי בו אוכל לחמי הגדיל עלי עקב: ט ההוא דהוה קאמר ואזיל כי רחימתין הוה עזיזא אפותיא דספסירא שכיבן השתא דלא עזיזא רחימתין פוריא בר שיתין גרמידי לא סגי לן אמר רב הונא קראי כתיבי מעיקרא כתיב (שמות כה) ונועדתי לך שם ודברתי אתך מעל הכפורת. ותניא ארון תשעה וכפורת טפח הרי כאן עשרה וכתיב (מ"א ו) והבית אשר בנה המלך שלמה לה' ששים אמה ארכו ועשרים רחבו ושלשים אמה קומתו ולבסוף כתיב (ישעיה סו) כה אמר ה' השמים כסאי והארץ הדום רגלי אי זה בית

כלום אלא גזלה הואיל ואתו מידו: כל העם הזה. ביתרו כתיב ומשמע נ"ש זכאי ולא שנא חייב מלן במשמע: היא גימא ודיקולא שפיל. כשהאשה מנענעת הנפה שעל ראשה שהיא נותנת סלה ומלאכת ידיה בו שפיל כלומר מסוף שהיא עולה אין מלאכתה נכרת ומלין משלות הן: אדייה. לגזיזיה וקם. הרים לגרופו עלי ועמד נגדי:

רחימתין הוה עזיזא. כשאהבתנו היתה עזה ביני לבינך: אפותיא דספסירא שכיבן. על רוחב הסייף היינו שוכבים שנינו: לא סגי לן. לא די לנו: הרי כאן עשרה. גבוה מן הקרקע הרי שהקב"ה משרה שכינתו בעשרה טפחים סמוך לקרקע ועוד באורך הכפורת באמתים והאי ארכו: ולבסוף. כשהמ"ק היה גבוה שלשים אמה וארכו ששים וכשחטאו אמר להם אי זה בית אשר תבנו לי שאפל



האט שמואל גזאגט צו רב יהודה עס שטייט אזו׳ אין פסוק: דס גאנצע פאלק וועט יעדער קומען אויף זיין ארט צו פרידען. אפילו דער וואס איז שולדיג געווארין צו בצאהלין וועט אויך זיין צוא פרידען. ווייל ביי אים וועט ניט זיין קיין גזלה: אמענטש פלעגט אמאהל גיין און זאגין אז די אשה וואס שפינט דזימעט שפינענדיג. דער קארב וואס זיא האלט אין אים איר שפינענארבייט פאלט ער אראפ אויף דער ערד. דאס איז אמשל דער מענטש וואס איז פויל צו ארבעטין. ווערט גאר נישט אפילו פון די זאכען וואס ער האט שוין אפ געארבעט. האט שמואל גזאגט צוא רב יהודה עס שטייט אזו׳ אין פסוק בעצלתים ימך המקרה. דורך דיא פוילקייט וואס אמענטש איז פויל צו פאר ריכטען זיין שטוב. ווערין נידעריג די בעלקים. פאלען אראפ דיא בעלקעס. אמענטש פלעגט אמאהל גיין און זאגין דער מענטש וואס איך האב מיך פאר זיכערט אויף איהם. האט ער אויף גיהויבען זיין פויסט געגין מיר און האט מיך געוואלט שלאגין. האט שמואל גזאגט צו רב יהודה אין פסוק שטייט אויך אזו דוד המלך האט גזאגט דער מענטש וואס איז גיגאנגען מיט מיר מיט שלום וואס איך האב מיך פאר זיכערט אויף אים וואס ער עסט מיין ברויט. האט ער אויף גיהויבען אויף מיר זיין פוס ער זאל מיך צו טרעטין:

ט ההוא. אמענטש פלעגט אמאהל גיין און זאגין ווען אונזער ליבשאפט איז גיוועזן שטארק צווישען מיר מיט מיין ווייב. האבען מיר ביידע גיקענט ליגען אויף אשארף פון אשווערד. איצט אז אונזער ליבשאפט איז ניט שטארק. אבעט וואס איז ברייט זעכציג איילין איז אויך ניט גינוג פאר אונז. האט רב הונא גזאגט אין דיא פסוקים שטייט אויך אזוי. אין איין פסוק שטייט גאט האט גזאגט צו משה איך וועל מיך פאר זאמלען צו דיר דארטין ואין משכן. און איך וועל ריידין מיט דיר פון איבער דעם כפורת. און מיר האבען גילערנט די הויך פון ארון איז גיוועזן ניין טפחים. און די גרעב פון כפורת איז גיוועזן א טפח. צו זאמען איז גיוועזן הויך דער ארון פון דער ערד ביז אויף דעם כפורת צעהן טפחים. זעהן מיר ווען גאט האט אונז ליב גיהאט האט ער גימאכט רוהען די שכינה אויף דעם כפורת וואס ער איז גיוועזן צעהן טפחים נאנט צו דיא ערד: און צוויי מיט אהאלב אייל די לענג. און אאייל מיט אהאלב אייל די ברייט. דער נאך ווען שלמה האט גיבאהט דעם בית המקדש איז די ליבשאפט שוין ניט אזו גרוים גיוועזן. האט שוין די שכינה ניט גירוהט אויף דעם ארון אליין נאר אין דעם גאנצען שטוב. און עס שטייט אין פסוק די שטוב וואס דער מלך שלמה האט גיבאהט צו גאט איז גיוועזן זעכציג איילין דיא לענג און צוואנציג איילין די ברייט און דרייסיג איילין די הייך. דער נאך ווען דיא ליבשאפט האט זיך

שכינתי להיות מלוכלכת בתוכו :
עמה מקום. הסתלק מבער כ"ד : מטתו שלשלמה .
שכם של מקום : ששים גבורים . ת"ח ובנ"ס

בית אשר תבנו לי וגו' :

י מאי משמע דהאי לא תגורו לישנא דכנושי הוא א"ר נחמן אמר קרא (דברים כח) ויין לא תשתה ולא תאגור רב אהא בר יעקב אמר מהכא (משלי ו) תכין בקיץ לחמה אגרה בקציר מאכלה רב אחא בריה דרב איקא אמר מהכא (שם י) אוגר בקיץ בן משכיל :

יא א"ר שמואל בר נחמני א"ר יונתן כל דיין שדן דין אמת לאמתו משרה שכינה בישראל שנא' (תהלים פב) אלהים נצב בעדת אל בקרב אלהים ישפוט וכל [דיין] שאינו דן דין אמת לאמתו גורם לשכינה שתסתלק מישראל שנאמר (שם יב) משוד עניים מאנקת אביונים עתה אקום יאמר ה'. וא"ר שמואל בר נחמני א"ר יונתן כל דיין שנוטל (כמ:ן) מזה ונותן לזה שלא כדין הקב"ה (גובה) [נוטל] ממנו נפשו (משלי כב) אל תגזל דל כי דל הוא וגו' כי ה' יריב ריבם וקבע את קובעיהם נפש . וא"ר שמואל בר נחמני א"ר יונתן לעולם יראה דיין עצמו כאילו חרב מונחת לו בין ירכותיו וגיהנם פתוחה לו מתחתיו (ע"ב) שנא' (ש"ה ג) הנה מטתו שלשלמה ששים גבורים סביב לה וגו' מפחד בלילות מפחדה של גיהנם שדומה

---

אין גאנצען אפ גיטאהן. שטייט אין פסוק אזו הט גאט גזאגט דער הימעל איז מיין שטוהל אונ דיא גאנצע ערד איז מיין פוסבענקיל וועלכע שטוב וועט איר באהען פון מיינעט וועגן . וועגין שוין אלע ערטער צו קליין גאט זאל דארט רוהען :

י מאי . פון וואנען ווייסען מיר אז לא תגורו איז דער טייטש איר זאלט ניט איין זאמלען . הט רב נחמן גזאגט עס שטייט אין פסוק ויין לא תשתה ולא תאגור : וויין וועסטו ניט טרינקען אונ דוא וועסט ניט איין זאמלען . רב אחא בר יעקב זאגט פון דעם פסוק תכין בקיץ לחמה . זיא גרייט אן אין זומער איר ברויט . אגרה בקציר מאכלה . זיא זאמלט איין אין די צייט פון שניט איר עסין . רב אחא בריה דרב איקא זאגט פון דעם פסוק אוגר בקיץ בן משכיל . דער קלוגער זוהן זאמלט איין זיין עסין אין זומער :

יא אמר . רבי שמואל בר נחמני האט גזאגט פון רבי יונתן וועגין דער דיין וואס משפט אמתין דין . מאכט ער רוהען דיא שכינה ביי יודין . אזוי ווי עס שטייט אין פסוק אלהים נצב בעדת אל גאט שטייט אין דיא גאטליכע עדה גאט רוהט צווישען דיא יודין וואס זייא זענען אגאטליכע פאלקן . בקרב אלהים ישפוט . אויב דער דיין וואס ער ווערט גירופען אלהים משפט דיא דינים אזו אמת וויא ער וייס ביי זיך אין הארצען ווער עס איז גירעכט אונ ווער עס איז אונגירעכט . אבער דער דיין וואס משפט ניט קיין אמתין דין ברייננט ער דער צו אז די שכינה זאל אפ גיטאהן ווערין פון דיא יודין . אזו וויא עס שטייט אין פסוק פון דיא רויב וואס מען רויבט די ארעמע לייט . אונ פון דעם גישריי וואס דיא ארעמע לייט שרייען וואס מען פסקנט זייא פאלשע דינים אונ מען גזלת ביי זייא זייער געלט זאגט גאט איצט וועל איך אויף שטיין אונ וועל מיך אפ טאהן פון דיא יודין . נאך הט רבי שמואל בר נחמני גזאגט פון רבי יונתנס וועגין דער דיין וואס נעמט געלט פון איינעם אונ גיט דעם אנדערין וצווי מענטשין זענען גיקומען צום דיין אדין תורה . הט דער דיין גיפסקנט צו איינעם אז ער זאל בצאהלין צו זיין חברו . אונ דס איז ניט ווי דער דין איז . וועט גאט צו נעמען די נשמה פון דעם דיין . אזו וויא עס שטייט אין פסוק דוא זאלסט ניט גזלנן דעם ארעם מאן . ווארום ער איז אארעם מאן ווארום גאט וועט זיך קריגען זייער קריג . אונ דער וואס גזלת ביי דיא ארעמע לייט . וועט גאט ביי אים גזלנן זיין נשמה . נאך הט גזאגט רבי שמואל בר נחמני פון רבי יונתנס וועגין . אייביג זאל דער דיין זיך פאר שטעלין גלייך ווי א שווערד וואלט גילעגין צווישען זיינע פיס אונ דער גיהנם וואלט גיווען האפען אונטער אים . אונ באלד ווי ער וועט פאלש פסקנען וועט ער גישטאכען ווערין מיט דעם שווערד אונ וועט ארייו פאלען אין גיהנם . אזו ווי עס שטייט אין פסוק הנה מטתו שלשלמה . דיא בעט פון שלמה . דס מיינט מען

דעם

שדומה ללילה . דרש רבי יאשיה ואיתימא רב נחמן בר יצחק מאי דכתיב (ירמיה כא) בית דוד כה אמר ה' דינו לבקר משפט והצילו גזול מיד עושק וכי בבקר דנין וכל היום אין דנין אלא אם ברור לך הדבר כבקר אומרהו ואם לאו אל תאמרהו . ר' חייא בר אבא א"ר יוחנן מהכא (משלי ז) אמור לחכמה אחותי את אם ברור לך הדבר כאחותך שהיא אסורה לך אומרהו ואם לאו אל תאמרהו . א"ר יהושע בן לוי עשרה שיושבין בדין קולר תלוי בצואר כולן פשיטא לא צריכא אלא להתלמיד היושב לפני רבו :

לאו דוקא: מלומדי מלחמה. מלחמתה של תורה: אם ברור לך הדין כבקר. שכולה מאיר: אומרהו. והכי משמע דינו לבקר משפט הוציאו לאור משפט: קולר תלוי. עונש של הטייה: לתלמיד היושב לפני רבו. ובא דין לפני רבו והוא לא מקק לזכר נמנע אם שהק והוא מבין ברבו שטועה: דלימטייה שיבא מכשורא. שיגיעו נסורת קטנה מן הקורה כלו' שאם נטעה ישתלו העונש בין כלנו ויקלו מעלי: שיבא. נסורת כמו כי שבבים יהיה עגל (הושע ח) שומרון ומתרגמינן לנסרי לוחים: מכות.

יב רב הונא כי הוה אתי דינא לקמיה מכניף ומיתי עשרה רבנן מבי רב אמר כי היכי דלימטייה שיבא מכשורא . רב אשי כי הוה אתי טריפתא לקמיה מכניף ומייתי להן לכולהו טבחי דמתא מהסיא אמר כי היכי דלימטייה שיבא מכשורא . כי אתא רב דימי אמר

---

דעם בית המקדש וואס דארטן רוהט דיא שכינה. ששים גבורים סביב לה . אונ אין בית המקדש זענען גיזעסן זעכציג שטארקע מענטשין : מגבורי ישראל. אונ נאך עלף מענטשין זענען גיוועזען פון דיא שטארקסטע יודין ודיא פרימסטע יודין . ווארום אשטארקער הייסט דער וואס שטארקט זיך אויף זיין יצר הרע דאס איז צו זאמען די איין אונ זיבעציג סנהדרין וואס זענין גיזעסין אין בית המקדש . כלם אחזי חרב. אלע האבן גהאלטן שווערדין . מלומדי מלחמה . זיי זענין גוועזן גילערענט די מלחמה ודעם פלפול פון די תורה. איש חרבו על ירכו יעדר פון זייא האט זיך פאר גישטעלט גלייך וויא מען וואלט גיהאלטען אשווערד אויף זיין זייט אים צו שטעכין אויב ער וועט פאלש פסקנן . מפחד בלילות . זייא האבען נאך גישראקין פאר דעם גיהנם וואס ער איז פינסטער וויא דיא נאכט . זייא זאלין נים פאלש פסקנן . רבי יאשיה האט גידרשת אונ אנדערע זאגין רב נחמן בר יצחק האט גידרשת עם שטייט אין פסוק דיא פאמיליע פון דוד אזוי האט גאט גזאגט איר זאלט משפטין אין דער פריא דעם משפט . אונ איר זאלט רעטין דעם גיגזלתן פון זיין גזלן . צוא דען נאר אין דער פריא משפט מען אונ אגאנצען טאג משפט מען נישט . נאר אזוי מיינט מען אויב דער דין איז דיר קלאר אזוי וויא דער פריא מארגין . זאלסטו אים פסקנן . אונ אויב דער דין איז דיר נים קלאר זאלסטו אים נים פסקנן . רבי חייא בר אבא הט גזאגט פון רבי יוחנן וועגן פון דעם פסוק דוא זאלסט זאגין צו דיא חכמה דוא ביסט מיין שוועסטער . אויב דעם דין ווייסטו קלאר אזוי וויא דוא ווייסט קלאר דעם דין אז דיין שוועסטער טאר נים זיין דיין ווייב . זאלסטו פסקנן דעם דין . אונ אויב עס איז נאר עפעס אספק אין דעם דין . זאלסטו נים פסקנן דעם דין . רבי יהושע בן לוי האט גזאגט אז צעהן דיינים זיצען ביי אדין תורה אונ זייא האבען פאלש גיפסקנת . איינגט די קיים אויף דעם האלדז פון אלע צעהן דיינים : ווערין אלע צעהן דיינים גישטראפט . פרעגט דיא גמרא געווים ווערין אלע גישטראפט . ענטפערט די גמרא אפילו אתלמיד זיצט פר זיין רבי . אונ עס איז גיקומען אדין תורה פר זיין רבי אונ ער הט גיזעהן ווי דער רבי הט אטעות אין דעם דין אונ ער הט זיך נים אריין געמישט נאר ער הט געשוויגען . ווערט ער אויך גישטראפט :

יב רב הונא . אז עס פלעגט קומען א דין תורה פר רב הונא . פלעגט ער נעמען צעהן רבנן פון בית המדרש זייא זאלין זיצען מיט אים צו זאמען ביי דער דין התורה . אונ ער הט גזאגט טאמער וועלין מיר אטעות האבען אונ מיר וועלן דארפין גישטראפט ווערין . זאל אן קומען אויף יעדערין פון אונז אשפענדיל פון אבעלעק . דס הייסט וועט אן קומען אויף יעדערין פון אונז אצענטיל פון דיא שטראף . אז מען פלעגט ברייגען אגישאכטענע בהמה פר רב אשי ער זאל זעהן אויב דיא בהמה איז טריף צוא כשר . פלעגט ער פאר זאמלען אלע שוחטים

אמר דרש רב נחמן בר כהן מ"ד (משלי כט) מלך במשפט יעמיד ארץ ואיש תרומות יהרסנה אם דיין דומה למלך שאינו צריך לכלום יעמיד ארץ ואם דומה לכהן שמחזר בבית הגרנות יהרסנה. דבי נשיאת אוקמו דיינא דלא הוה גמיר אמרו ליה ליהודה בר נחמני מתורגמניה דריש לקיש קום עליה באמורא קם גחין עליה ולא א"ל ולא מידי פתח ואמר (חבקוק ב) הוי אומר לעץ הקיצה עורי לאבן דומם הוא יורה הנה הוא תפוש זהב וכסף וכל רוח אין בקרבו ועתיד הקב"ה ליפרע ממעמידין שנא' (שם) וה' בהיכל קדשו הס מפניו כל הארץ:

יג אמר ריש לקיש כל המעמיד דיין על הצבור שאינו הגון כאילו נוטע אשרה שנאמר (דברים טז) שופטים ושוטרים תתן לך בכל שעריך וסמיך

מקילין בטרפות: אם דומה הדיין למלך. שבקי בדינין ומלא הכמה כמלך זה שהוא עשיר: שמחזר על הגרנות. לשאול תרומותיו ואף זה צריך לחזור לשאול בדין. ופי' זה מוכח מדמייתי עלה דבי נשיאה אוקמי דיינא דלא גמיר. ותימה בפ"ק דכתובות מייתי לה על דיין שלא לקבל שוחד ומשמע שאינו צריך לכלום שהוא עשיר כן כתבו בתוס': קום עליה באמורא. להשמיע דרשה לצבור מה שילחוש לך: וה' בהיכל קדשו. כמוך לאלהי קרא דהוי אומר לעץ הקיצה וגו': הס מפניו כל הארץ. יכלה על עון הזה את כל הארץ:

---

פון דיא שטאט מחסיא. אונ ער הט גזאגט טאמער האבען מיר אטעות אונ מיר וועלין פסקנען אויף טרייף כשר. אונ מיר וועלין דארפין גישטראפט ווערין. זאל אז קומען אויף יעדערין פון אונז אשפענדיל פון אבעלעק: אביסול פון דיא שטראף וואס עס דארף קומען אויף אונז. אז רב דימי איז גיקומען הט ער גזאגט רב נחמן בר כהן הט גידרשעט עס שטייט אין פסוק מלך במשפט יעמיד ארץ ואיש תרומות יהרסנה. אויב דער דיין וואס משפט איז אזוי וויא אמלך וואס דארף ניט בעטין ביי קיינעם. אזוי איז דער דיין קלאר אלע דינים אונ ער דארף ניט פרעגין ביי קיינעם אדין. וועט ער אויף שטעלין די וועלט. ווייל ער וועט פסקנען אמתה דינים. אונ אויב דער דיין איז גלייך צו אכהן וואס ער גייט אין דיא שייערין בעטין תרומה: אזוי איז דער דיין ער גייט פון איין למדן צום אנדערין פרעגין דינים. אבער ער אליין קען ניט לערנען. דער דיין הט צו ווארפען די וועלט. ווייל ער וועט פסקנען פאלשע דינים. דיא מענטשין פון נשיא האבען אמאהל גימאכט אדיין אזוי אמענטשין וואס קען ניט לערנען. האבען די מענטשין פון נשיא גזאגט צוא יהודה בר נחמני דער מתורגמן פון ריש לקיש ופאר ציטין איז גיוועזען דער מנהג אז דער חכם וואס הט גזאגט אדרשה פלעגט שטיין נעבין איהם אמתורגמן. דער חכם פלעגט זאגין אדין אויף לשון קודש צום מתורגמן ואיבער וועצער]. אונ דער מתורגמן פלעגט זאגין דעם דין מיט אהויכע שטימע אלע זאלין הערין אונ דאס פלעגט ער זאגין אויף תרגום. אלע זאלין פאר שטיין. ווארום דאס גאנצע פאלק האבען גירעט תרגום שפראך]. שטעל דיך נעבין דעם דיין וועט ער וועט זאגין דיא דרשה. אונ דוא וועסט זיין זיין מתורגמן. דער דיין איז גיקומען זאגין דיא דרשה אונ יהודה בר נחמני הט זיך גישטעלט נעבין אים אונ ער האט זיך איין גיבויגין צום דיין הערין וואס ער וועט אים זאגין אונ דער דיין האט אים גאר ניט גזאגט. ווייל ער האט ניט גיוואוסט וואס צו זאגין. הט יהודה בר נחמני אן גיהויבין צו זאגין. דער פסוק זאגט וויי אז מען זאגט צו אהאלץ וואך דיך אויף. צו אשטיין וואס שווייגט זאגט מען וועק דיך אויף. ער זאל פסקנען. ער איז בדעקט מיט גאלד אונ זילבער אונ אין אים איז ניטא קיין אטעם. אזוי איז דער מענטש ער איז ווי אהאלץ אונ וויא אשטיין אונ צו אים זאגט מען ער זאל פסקנען. ווייל ער הט גאלד אונ זילבער דריבער הט מען אים גימאכט פר אדיין. אונ גאט וועט שטראפן די מענטשין וואס האבן אים גימאכט פר אדיין. אזוי ווי עס שטייט אין פסוק גאט וואס ער איז אין זיין הייליגן היכל. די גאנצע וועלט וועט שטיל ווערין פר אים. פר דער עבירה וועט ער פר לענדין די גאנצע וועלט:

יג אמר. ריש לקיש האט גזאגט דער וואס שטעלט אויף אדיין אויף יודין אזו אמענטש וואס ער קען ניט זיין אדיין. איז גלייך וויא ער וואלט גיפלאנצט אלינדען בוים. אזוי וויא

וסמיך ליה לא תטע לך אשרה כל עץ אמר רב אשי ובמקום שיש ת"ח כאילו נטעו אצל מזבח שנאמר (שם) אצל מזבח ה' אלהיך. כתיב (שמות כ) לא תעשון אתי אלהי כסף ואלהי זהב. אלהי כסף ואלהי זהב הוא דלא עבדי הא דעץ ואבן שרי אמר רב אשי אלוה הבא בשביל כסף ואלוה הבא בשביל זהב. רב כי היה אתי לבי דינא אמר הכי ברעות נפשאי לקטלא נפיק וצבי ביתיה לית הוא עביד וריקן לביתיה עייל הלואי שתהא ביאה כיציאה. כי הוה חזי אמבוה (דספרי) [אבתריה] אמר (איוב כ) אם יעלה לשמים שיאו וגו' כגללו לנצח יאבד וגו'. מר זוטרא חסידא כי הוו מכתפי ליה בשבתא דרגלא אמר הכי (משלי כז)

כי

כל עץ. דסמיך ליה דכתיב כי האדם עץ השדה ומוקמי ליה בתלמיד: אצל מזבח. וה"ה מכפרים ומגינין כמזבח: אלוה הבא בשביל כסף. דיין שהעמידוהו ע"י שנתן ממון למלך על כך: לדינא. לדון: נקטלא. לישא עליו חטא ועל עצמו היה אומר: וצבי ביתיה לית הוא עביד. לצרכי ביתו אינו עושה כלום: וריקן לביתיה עייל. שהיה מתעסק כאן כלום: הלואי שתהא ביאה כיציאה. שאחזור לביתי כיציאה שיצאתי מביתי בלא חטא שלא אטעה ולא אענש: אמבוה. סיעת העם: אם יעלה לשמים וגו'. כדי שלא תזוח דעתו עליו היה אומר כך: כגללו. גלל רעי: מכתפי ליה. נושאין אותו על הכתף שהיו זקנים ואינם יכולין לרוץ ומטריחין את הצבור לעמוד בפניהם לפיכך היו עבדיהם נושאין אותם מהר: בשבתא דרגלא. שבת שדורשין בו בהלכות הרגל והעם רבים

עס שטייט אין פסוק שופטים אונ שוטרים זאלסטו געבין אין דיינע אלע שטעט. נעבין דעם פסוק שטייט דו זאלסט ניט פלאנצין אלינדען בוים. אונ קיין בוים זאלסטו ניט פלאנצין. אבוים מיינט מען אמענטש. אזו ווי עס שטייט אין פסוק דער מענטש איז ווי אבוים אין פעלד. זאגט דער פסוק דו זאלסט מאכען דיינים נאר זאלסט ניט פלאנצין אלינדען בוים. דס מיינט מען דער דיין זאל ניט זיין ווייא אהאלץ. וואס ער וועט ניט וויסען צו פסקנ'ן. אונ אויב דוא וועסט יא מאכען אזוי אדיין. איז גלייך וויא דוא וואלסט גיפלאנצט אלינדען בוים צוא דינען עבודה זרה. רב אשי זאגט אויב מען הט גימאכט אעם הארץ פר אדיין אין אזו אשטאט וואס דארט איז דא אתלמיד חכם. איז גלייך ווי מען וואלט גיפלאנצט אלינדען בוים נעבין מזבח. אזו וויא עס שטייט אין פסוק זאלסט ניט פלאנצין אלינדען בוים נעבין מזבח פון דיין גאט. ווארום אתלמיד חכם איז גלייך צום מזבח. אזוי וויא דער מזבח איז מכפר אזוי איז דער תלמיד חכם מכפר אויף זיין דור. עס שטייט אין פסוק איר זאלט ניט מאכען מיט מיר זילבערנע געטער אונ גאלדענע געטער. איז דאך אקשיא זילבערנע געטער אונ גאלדענע געטער זאל מען ניט מאכען. אבער הילצערנע אונ שטיינערנע געטער זאל מען יא מאכען: האט רב אשי גזאגט אזוי מיינט דער פסוק דער גאט (דער דיין) וואס איז גיווארין ווייל ער הט גיגעבין זילבער: אונ דער גאט (דער דיין) ווס איז גיווארין ווייל ער הט גיגעבין גאלד. איז ער קיין דיין ניט. אונ עס איז גלייך וויא מען וואלט גימאכט אזילבערנע אדער אגאלדענע עבודה זרה. אז רב פלעגט קומען אין בית דין שטוב פסקנ'ן דין תורות. פלעגט ער אזו זאגין. מיט מיין אייגענעם ווילען גיי איך גהרגת וגשטראפט צו ווערין (ווען איך וועל אטעות האבן אין דין אונ פסקנ'ן שלעכט) אונ דעם זיין פון מיין שטוב טו איך ניט אונ איך וועל צוריק גיין אהיים ליידיג ואיך האב נישט קיין פר דינסט פון דיא דין תורות צו שפייזן פון דעם מיינע שטוב מענטשן. הלואי זאל זיין מיין קומען אהיים אזוי וויא מיין אוועק גיין פון דער היים. אזו וויא איך גיי פון דער היים אן עבירה. אזוי זאל איך קומען צוריק אהיים אן אעבירה. איך זאל נישט אטעות האבען אין אדין. אז רב הט גיזעהן פיל מענטשן גייען אים נאך. פון זיין כבוד וועגין. הט ער גיזאגט אין זיין הארצן זאל ניט אריין קומען קיין גרויסקייט. האט ער גזאגט דעם פסוק אפילו דיא גרויסקייט פון אמענטשין וועט אויף גיין ביז צום הימעל. פון דעסט וועגין וועט ער פאר לארין ווערין אויף אייביג אזוי וויא מיסט. מר זוטרא חסידא ווען ער איז אלט גיווארין אונ ער הט ניט גיקענט געשווינט גיין. אונ אז ער וועט דארפין דורך גיין אין בית המדרש צווישען אזוי פיל מענטשין. וועט ער אלע מטריח זיין אויף צו שטיין פר אים. דריבער אז ער פלעגט דארפין זאגין אדרשה דעם שבת פר יום טוב פלעגט מען אים טראגין אויף אשטוהל. אונ מען פלעגט לויפען מיט אים געשווינט.

כ"ן

כי לא לעולם תוסן ואם נזר לדור דור :

**יד דרש** בר קפרא מנא הא מלהא דאמור רבנן הוו מתינין בדין דכתיב (שמות כ) ולא תעלה במעלות וסמיך ליה (שם כא) ואלה המשפטים : א"ר אלעזר מניין לדיין שלא יפסיע על ראשי עם קודש שנאמר ולא תעלה במעלות וסמיך ליה ואלה המשפטים אשר תשים אשר תלמדם מיבעי ליה אמר ר' ירמיה ואיתימא רבי חייא בר אבא אלו כלי הדיינים כי הא דרב הונא כי הוה נפק לדינא אמר הכי אפיקו לי מאני חנותאי ומאי נינהו (חוטרי וסנדלי שיפורי ורצועי) [מקל ורצועה ושופרא וסנדלא] :

(דברים א) **ט ואצוה** את שופטיכם בעת ההיא א"ר יוחנן כנגד כקל ורצועה תהא

זריז

אלמים יוס קדם כתנ : כי לא לעולם חוסן . כמתו של אדם אינו כל הימים והיה אומר כך שלא תאות דעתו עליו) :

מתונין. תלין בהמתנה כדי לעיין בדין יפה קודם שתחתכוהו : במעלות . כתרגו במרולה : על ראשי עם קודש . שכשהיה ההורגמן דורש היו הלמור יושבים לארץ והמפסיע ביניהם לילך ולישב במקומו נראה כמפסיע על ראשן : וסמיך ליה ואלה המשפטים . כלומר אף לשופטים אני מזהיר : כלי הדיינין . דשיכא בהו שימוש דבר המיטלטל : רצועה . למלקות : נוקל . למכת מרדות עד שיחזור בו : שופר . לשמתא ונידוי : סנדל. לחליצה :

ואצוה. כל מוהל ל' זירוז כ"א דשגית כל מקום שנאמר בו כ"ה אינו אלא לשון זירוז ועל מה זירז על המקל ועל הרצועה שיהו מטילין אימה על הצבור לשם שמים וזה ל' ההוס' בזה הסא זריז שלא לסטיל אימה על הצבור לדרוש יותר מדאי וכן מוכח לקמן דרוים מבאי קרא שהוכרה לדיין שיסבול את הצבור

---

מען זאל נישט דארפן אויף שטיין פאר אים. אונ ער האט געוואלט אין זיין הארצען זאל ניט אריין קומען קיין גרויסקייט. האט ער געזאגט דעם פסוק ניט אויף אייביג. אין דיא שטארקייט אונ אז א מענטש זאל אפילו אן טאהן אך וין איז דם אויך ניט אויף אייביג :

**יד דרש**. בר קפרא האט געדרשת פון וואנען ווייסען מיר די זאך וואס דיא רבנן האבען געזאגט אז דיא דיינים דארפן גוט קלערין אדין איידער זיא ווערין אים פסקנן. ווארום עס שטייט אין פסוק דוא זאלסט ניט ארויף גיין אויף טרעפ אונ נעבין דעם שטייט דאס זענען די דינים. דער פסוק מיינט אז דער דיין זאל ניט אויף געשווינט ארויף לויפען מיט זיין שכל נאך צוא קלערין אדין אונ אים פסקנן. נאר ער זאל קלערין נידעריג יאונ גאנץ פאמעלאך דער נאך ווען ער פסקנן. רבי אלעזר האט געזאגט פון וואנען ווייסען מיר אז דער דיין טאר ניט טרעטן אויף די קעפ פון דיא היילינגע פאלק ווארום פר צייטין איז געוועזן דער מנהג ווען דער דרשן האט געזאגט דיא דרשה זענען אלע געזעסען אויף דער ערד. אונ דער דרשן איז געזעסן אויף א באנק. אונ אז דער דרשן וועט גיין צווישען פאלק ביז אויף זיין ארט. וועט דם אויס ווייא ער טרעט אויף זייערע קעפ. דריבער דארף דער דרשן קומען צו דער דרשה איידער דם פאלק זעצין זיך. אונ ער דארף אוועק גיין פון בית המדרש דער נאך ווייא דאס פאלק הט זיך שוין אויף גיהויבען. ווארום עס שטייט אין פסוק דו זאלסט ניט ארויף גיין אויף טרעפ אונ נעבין דעם שטייט דאס זענען דיא דינים. דער פסוק זאגט אפילו דיא דיינים וואס פסקנן דינים זאלין ניט גיין צווישען דעם פאלק ווען זייא זיצען אויף דער ערד ווארום עס זעהט אוים ווייא ער וואלט גיין אויף זייערע קעפ אזוי וויא מען גייט אויף טרעפ. עס שטייט אין פסוק דאס זענען דיא דינים וואס דוא זאלסט טאהן פאר זייא. האט דאך גידארפט שטיין וואס דוא זאלסט זייא לערנען. האט רבי ירמיה געזאגט אונ אנדערע זאגין רבי חייא בר אבא האט געזאגט דאס מיינט מען דיא כלים פון די דיינים. זאל ער טאהן מיט זיך. אזוי וויא רב הונא אז ער פלעגט גיין אין בית דין שטוב משפטין אדין: פלעגט ער אזוי זאגין גיט מיר דיא כלים פון מיין קראם. וואס זענען דיא כלים. א שטעקין צוא שלאגין מיט אים דעם מענטש וואס וויל ניט טאהן א מצוה. ולמשל ער וויל ניט זיצען אין סוכה ער וויל ניט לייגין תפילין אונ נאך אזעלכע מצוות. אונ א לעדערנעם פאס צו שלאגין מלקות דעם מענטש וואס איז עובר אויף א לאו. ולמשל ער גייט אין שעטנז ער עסט חזיר אונ נאך אזעלכע לאוין. אונ א שופר צוא בלאזין מיט אים חעק מען זאגט אויף איינעם א חרם. אונ א שוך צוא חליצה נעמען :

**טו** ואצוה. משה רבינו האט געזאגט איך האב גיבאטין אייערע שופטים אין דער צייט. עס

האט

וריז. (סס) שמוע בין אחיכם ושפטתם צדק אמר רבי חנינא אזהרה לדיין שלא ישמע דברי בעל דין קודם שיבא בעל דין חבירו ואזהרה לבעל דין שלא יטעים דבריו לדיין קודם שיבא בעל דין חבירו קרי ביה נמי (שמוע) [שמע] בין אחיכם רב כהנא אמר מהכא (שמות כג) לא תשא לא תשיא. (דברים א) ושפטתם צדק אמר ריש לקיש צדק את הדין (בלבך) ואחר כך חתכהו בין איש ובין אחיו א"ר יהודה אפילו בין בית לעליה. ובין גרו א"ר יהודה אפילו בין תנור לכירים (סס) לא הכירו

ע"כ: שמוע בין אחיכם: כשיהיו שניהם יחד שמע דבריהם ולא תשמע דברי זה בלא זה שמסדר דברי שקר כדברי אמת לפי שאין מכחישו ומכוין שלב הדיין נוטה לו לזכות שוב אין לבו מהפך בזכות השני כל כך: שמע, דכתיב בין אחיכם כשיהיו שניכם יחד תשמע: לא תשא. אל תקבל שמע שוא אזהרה לדיין וקרי ביה נמי לא תשיא אזהרה לבעל דין: בין איש ובין אחיו. שחלקו להם בית בירושה אל תאמר טול אתה בית ואחיך עליה ומה בכך הרי כל אחד יש לו דירה אלא העלה אותם בדמים והשוה חלוקתם ע"י דמים: בין גרו. ל' מגור השמיעני דירה אל תאמר יטול זה תנור וזה כירה שהרי תנור עודף על הכירה וצריך להוסיף

האט ער זיא געבאטין רבי יוחנן זאגט ער האט זיא געבאטין זיא זאלין נעמען אשטעקין אונ אפאס צום שלאגין ואזוי וויא פריער שטייטו. משה רבינו הט גזאגט צו דיא דיינים שמע בין אחיכם איר זאלט הערין צווישען אייערע ברידער אונ איר זאלט משפטין ערלאך. רבי חנינא זאגט דאס איז אאן זאג צום דיין ער זאל ניט הערין דיא רייד פון איין בעל דין איידער דער אנדערער בעל דין קומט. נאר ער זאל הערין זייערע טענות ווען ביידע בעלי דינים וועגין צו זאמען. וארום אז איין בעל דין וועט זיין אליין פר דעם דיין. אונ ער וועט דער ציילען זיינע טענות. אונ וועט עס זאל אים אפ לייקענען וועט ניט זיין. וועט דער דיין מיינען אז זיינע רייד איז אמת. אונ אז דיא רייד זיינע וועלין איין געווארצילט ווערין אין הארץ פון דיין אז זיא זענין אמת. וועט שוין דער אנדערער ניט זיין בכוחבט ביא דעם דיין. אבער אז ביידע בעלי דינים זענין צו זאמען. איינער טענת אונ דער אנדערער זאגט באלד עס איז ליגען. נעמט דער דיין אן ביידע ערליי טענות פאר אמת אונ פאר ליגען. אונ ער משפט וויא דער דין איז. אונ דער זעלביגער אן זאג איז אויף דעם בעל דין אז ער זאל ניט געבין צו פאר שטיין זיינע רייד צום דיין. איידער זיין חבר דער אנדערער בעל דין וועט קומען. ווארום מען דארף לייענען אין פסוק שמע בין אחיכם: דו זאלסט מאכען הערין דיינע רייד ווען איר ביידע ברידער וביידע בעלי דינים וועלין זיין: רב כהנא זאגט דס ווייסען מיר פון דעם פסוק לא תשא שמע שוא. דאס איז אאן זאג צום דיין. ער זאל ניט הערין דיא רייד פון איין בעל דין איידער דער אנדערער בעל דין קומט. טאמער זאגט ער ליגען. אונ מען זאל לייענען לא תשיא. דאס איז אאן זאג צום בעל דין ער זאל ניט מאכען הערין זיינע רייד צום דיין איידער זיין חבר דער אנדערער בעל דין וועט קומען. נאך האט משה גזאגט איר זאלט משפטין אמת. ריש לקיש זאגט אזוי מיינט מען פריער זאלסטו אמת מאכען דעם דין אין דיין הארצען. דוא זאלסט וויסען ביי דיר אין הארצען אז דער דין איז אמת. דער נאך זאלסטו אים פסקנן. צווישען אמענטשין אונ זיין ברודער זאלט איר פסקנן אמת. רבי יהודה זאגט דאס מיינט מען אפילו צווישען אאונטערשטע שטוב אונ אאובערשטע שטוב. למשל איינער איז געשטארבין אונ האט גילאזין צוויי זיהן. אונ ער האט גילאזין אשטוב וואס הט אאונטערשטע וואהנונג אונ אאובערשטע וואהנונג. זאל דער דיין ניט זאגין איינער זאל נעמען דיא אונטערשטע וואהנונג. אונ דער אנדערער זאל נעמען דיא אובערשטע וואהנונג. נאר מען זאל שאצען וויא פיל דיא אונטערשטע וואהנונג איז ווערט. אונ וויא פיל דיא אובערשטע וואהנונג איז ווערט. אונ וויא פיל איינע איז מער ווערט ווי דיא אנדערע. זאל איין ברודער דעם אנדערין ארויס צאהלין. אונ מען זאל משפטין אמת בין גרו צווישען וואהנונג זאגען. זאגט רבי יהודה אפילו צווישען אהויבין אונ אקוימען. אז איינער איז געשטארבען אונ ער הט גילאזין צוויי זיהן. אונ ער הט גילאזין אהויבין אונ אקוימען. זאגין מיר ניט איינער זאל נעמען דעם הויבין אונ איינער זאל נעמען דעם קומען. נאר מען זאל שאצין וויא פיל דער הויבין איז מעהר ווערט וויא דער קימען. זאל איינער דעם אנדערין ארויס צאהלין.

אין

תכירו פנים במשפט ר׳ יהודה אומר לא הכירהו ר׳ (אליעזר) [אלעזר] אומר לא תנכרהו. אושפיזכניה דרב אתא לקמיה לדינא א״ל לאו אושפיזכני את א״ל אין [א״ל מאי בעית] א״ל דינא אית לי א״ל (דף ח) פסילנא לך לדינא א״ל רב לרב כהנא פוק דייניה חזייה דהוה גאים [ביה] א״ל אי צייתת צייתת ואי לא מפיקנא לך רב מאונך. (דברים א) כקטן כגדול תשמעון אמר ר״ל שיהא חביב עליך דין של פרוטה כדין של מאה מנה למאי הלכתא אילימא לעיוני ביה ומיפסקיה פשיטא אלא לאקדומיה. (שם) (לא תגורו מפני איש אמר רב חנין אל תכנים דבריך מפני איש. (שם) כי המשפט לאלהים הוא א״ר חמא ברבי חנינא אמר הקב״ה לא דיין לרשעים שנוטלים ממון מזה ונותנים לזה שלא כדין אלא שמטריחין אותי להחזיר ממון לבעליו. והדבר אשר יקשה מכם א״ר חנינא ואיתימא ר׳

מתני׳: לא תכירהו. אם הוא אוהבך: לא תנכרהו. אם הוא שונאך לא תעשה לו כנכרי להיינו: א״ל. ההוא גברא לרב: לאו אושפיזכני את. כלומר אין אתה זכור שעשיתי עמך חסד: א״ל: רב אין: א״ל. ההוא גברא: דינא אית לי. ורוצה אני שתהא דיין: פסילנא לך. שהזכרתני טובתך: חזייה. רב כהנא להוא גברא: דקא גאים ביה. ברב סומך ובוטח עליו ומדבר גבוהות: מפיקנא לך רב מאונך. אודיעך שאין רב יכול לסייעך דמשתתיק לך: אילימא לעיוני ביה ומיפסקיה. למהוי: לאקדומיה. אם בא לפניך דין של פרוטה וזה ובא דין אחר של מנה הקודם לפניך הקדם להוך. (לא תכניס דבריך מפני איש כגון תלמיד היושב לפני רבו ורואה זכות לעני וכו׳ וכדאמריק לעיל): כי המשפט לאלהים הוא. כלומר

---

אין פסוק שטייט לא תכירו פנים במשפט. רבי יהודה זאגט מען מיינט לא תכירהו. אז איין בעל דין איז א גוטער פריינד פון דיין. זאל זיך דער דיין ניט קענען מיט אים. רבי אלעזר זאגט מען מיינט לא תנכרהו. אז איין בעל דין איז א שונא פון דיין. זאל זיך דער דיין ניט פאר פרעמדין צו אים. דער בעל הבית פון רב וואס רב הט ביי אים גיוואוהנט. איז גיקומען פאר רב מיט נאך איינעם האבין א דין תורה. האט דער בעל הבית גזאגט צו רב דוא גידיינקסט אז דו האסט ביי מיר גיוואוהנט אונ איך האב דיר גיטאהן א טובה. הט רב גזאגט צום בעל הבית יא איך גידיינק. זאג מיר וואס דארפסטו. הט דער בעל הבית גזאגט איך דארף האבען א דין תורה מיט דעם מענטשין. הט רב גזאגט צום בעל הבית איך בין פסול צו זיין א דיין ביי דיין דין תורה. ווייל דו האסט מיך דער מאנט אז דו האסט מיר גיטאהן א טובה. הט רב גזאגט צו רב כהנא גיי משפט דיא דין תורה. האט רב כהנא גיזעהן וויא דער בעל הבית רעט מיט גרויסקייט. ווייל ער איז באקאנט מיט רב. האט רב כהנא גזאגט צום בעל הבית ווילסטו פאלגין דיא דין תורה איז גוט. אונ אויב דוא ווילסט ניט פאלגין וועל איך דיך לייגין אין חרם אונ דוא וועסט זעהן אז רב וועט גאר ניט קענען העלפין דיך ארויס צו נעמען פון חרם. אין פסוק שטייט משה הט גזאגט צו דיא דיינים אזוי וויא קליין אזוי וויא גרויס זאלט איר צו הערין. ריש לקיש זאגט מען מיינט א דין תורה פון א פרוטה זאל זיין ליב ביי דיא דיינים אזוי וויא א דין תורה פון הונדערט מאהל הונדערט גילדין. פרעגט דיא גמרא נעגין וואס זאגין זייא גלייך זיין. מיר זאלין זאגין אז משה זאגט אזוי וויא מען קלערט ביי א גרויסע דין תורה פון פיל געלט. אזוי זאל מען קלערין ביי א קליינע דין תורה פון א פרוטה. געוויס מוז מען אזוי קלערין. ווארום אז מען גולת א פרוטה ווערט מען גישטראפט אזוי גוט וויא מען גזלת פיל געלט. נאר מען מיינט נעגין פריער פסקנן. אויב עס איז גיקומען א דין תורה אויף א פרוטה. דער נאך איז גיקומען א דין תורה אויף הונדערט גילדין. זאל מען פריער פסקנן דיא דין תורה פון דער פרוטה. ווייל זיא איז גיקומען פריער. עס שטייט אין פסוק לא תגורו מפני איש. האט רב חנין גזאגט מען מיינט זאלסט ניט איין זאמלען דיינע רייד ווייל דו האסט מורא פר א מענטש (עיין סימן ו) ווארום דער משפט איז צו גאט. רבי חמא ברבי חנינא זאגט גאט זאגט ניט גענוג פר דיא פאלשע דיינים וואס זייא נעמען געלט ביי דעם אונ גיבען דעם. ניט וויא דער דין איז. נאר זייא זענען מיך מטריח איך זאל דאס געלט צוריק געבין צום בעל הבית. משה הט גזאגט צו דיא דיינים די זאך וואס אייך וועט שווער זיין. איר וועט ניט וויסען צו פסקנן זאלט איר פרעגין ביי מיר. רבי חנינא האט גזאגט אונ אנדערע זאגין רבי יאשיה האט גזאגט אויף דער זאך איז משה גישטראפט גיווארין

ער

ר' יאשיה על דבר זה נענש משה שנאמר (במדבר כז) ויקרב משה את משפטן לפני ה' מתקיף לה ר"נ בר יצחק מי כתיב ואשמיעכם ושמעתיו כתיב אי גמירנא גמירנא ואי לא אזלינא וגמירנא אלא כדתניא ראויה היתה פרשת נחלות שתכתב ע"י משה אלא שזכו בנות צלפחד ונכתבה על ידן וראויה היתה פרשת מקושש שתכתב ע"י משה רבינו אלא שנתחייב מקושש ונכתבה על ידו ללמדך שמגלגלין חובה על ידי חייב וזכות ע"י זכאי. כתיב (דברים א) ואצוה את שופטיכם בעת ההיא וכתיב ואצוה אתכם בעת ההיא א"ר אלעזר א"ר שמלאי אזהרה לצבור שתהא אימת דיין עליהם ואזהרה לדיין שיסבול את הצבור עד כמה א"ר חנין ואי תימא רבי שבתאי (במדבר יא) כאשר ישא האומן את היונק:

**טז** **כתיב** (דברים לא) כי אתה תבוא וכתיב (שם) כי אתה תביא א"ר יוחנן א"ל משה ליהושע אתה והזקנים שבדור עמהם א"ל הקב"ה טול מקל והך

אשה מוצאת ממון מיד הקב"ה שהרי עליו להחזיר ממון לבעליו: על דבר זה. שנטל שררה לעצמו לומר הקריבום אלי שהל"ל הקריבום לפני השכינה: נענש משה. שלא זכה שיאמר לו פרשת נחלות עד שבא מעשה לפניו ולא ידע מה להשיב: (מי כתיב ואשמיעכם. שהיה נוטל שררה ללמדם: אלא הא דלא נאמרה פרשת נחלות ע"י משה (כדהוית: אלא שנתחייב מקושש. ונכתב על ידו): על ידי זכאי. (ע"י משה) [ע"י בנות צלפחד]: כתיב ואצוה את שופטיכם. דמשמע שצוה את השופטים להדריך לצבור במשפט והוקים על כרחם: וכתיב ואצוה אתכם. לצבור עמו הזהיר ומה הולך להזהירם עוד: (שיסבול. בעלי דינים אם הם מדברים כנגדו: כאשר ישא האומן את היונק. כאב את בנו):
כי אתה תבוא גו'. משמע גם אתה כאחד מהם:
כי אתה תביא. משמע שררה נהוג עליהם:
משה אמר לו זקנים שבדור עמהם. גרסינן על פיהם עשה משה ולא התגבר עליהם דהוה קל דכי אתה תבוא משה אמרו כדכתיב אל הארץ אשר נשבע ה' וקראו דכי אתה תביא כתיב אל הארץ

---

ער האט גידארפט זאגין וואס איר וועט ניט וויסען וועט מען פרעגין ביי גאט. אזו ווי עס שטייט אין פסוק דעם דין וואס דיא טעכטער פון צלפחד האבען גיפרעגט הט משה אויך ניט גיוואוסט נאר משה האט גינענט זייער משפט פר גאט. האט רב נחמן בר יצחק גיפרעגט שטייט דען אין פסוק אז משה האט גזאגט דער דין וואס איך וועט שווער זיין זאלט איר אים ברייגנגע פר מיר וועל איך אייך מאכען הערין דעם דין. ער האט נאר גזאגט איך וועל הערין דעם דין. וועל איך וויסען דעם דין וועל איך אייך זאגין. אונ אויב ניט וועל איך פרעגין ביי גאט. פאר וואס זאל משה גישטראפט ווערין. ענטפערט דיא גמרא דריבער איז דיא פרשה פון ירושות ניט גיזאגט גיווארין דורך משה. אזו וויא מיר האבען גילערנט. דיא פרשה פון ירושות הט טאקי גידארפט געשריבען וערין דורך משה. נאר דיא טעכטער פון צלפחד האבען זוכה גיוועין אונ עס איז געשריבען גיווארין דורך זייא. אונ די פרשה פון מקושש וואס שטייט אין סוף סדרה שלח לך האט אויך גידארפט געשריבען ווערין דורך משה רבינו. נאר דער מקושש איז פאר שולדיגט גיווארין זיא זאל געשריבען ווערין דורך אים. דער פסוק לערנט אונז אז אשלעכטע זאך ווערט גיטאהן דורך אשלעכטין מענטש. אונ אגוטע זאך ווערט גיטאהן דורך אגוטען מענטש. זאגט די גמרא אין איין פסוק שטייט משה האט גזאגט איך האב גיבאטין צו אייערע שופטים אין דער צייט. אונ אין אנדערין פסוק שטייט משה האט גזאגט איך האב גיבאטין צו אייך אין דער צייט. וואס האט ער גיבאטען צו דיא שופטים. אונ וואס האט ער גיבאטין צו די יודין. הט רבי אלעזר גזאגט פון רבי שמלאים וועגין משה האט גזאגט צו דיא יודין זייא זאלין מורא האבען פאר דעם דיין. אונ צו דיא דיינים האט ער גזאגט זייא זאלין אויף זיך טראגין דעם לאסט פון דיא יודין. ביז ווי פיל זאל ער ליידין. הט רבי חנין גזאגט אנדערע זאגין רבי שבתאי הט גזאגט אזו ווי אפאטער ליידט פון זיין קינד:

**טז** כתיב. עס שטייט אין פסוק משה האט גזאגט צו יהושע דוא וועסט קומען אין ארץ ישראל מיט דעם פאלק. זעהט אויס אז יהושע וועט זיין גלייך מיט דעם פאלק אונ גאט האט גזאגט צו יהושע דוא וועסט ברייגנגען דעם פאלק. זעהט אויס אז יהושע וועט זיין זייער פירער. רבי יוחנן זאגט משה האט גזאגט צו יהושע דוא מיט דיא אלטע לייט זאלט איר זיין אויף דעם פאלק אונ דוא זאלסט ניט גיוועלטיגען אליין אויף דיא יודין. נאר מיט דיא אלטע לייט

והך על קדקדם דבר אחד לדור ואין שני דבריב לדור (וכן בדוד הוא אומר (ד"ה א כח) ויקם דוד על רגליו ויאמר שמעוני אחי ועמי אם אחי למה עמי ואם עמי לכה אחי א"ר אלעזר אמר להם דוד לישראל אם אתם שומעין לי אחי אתם ואם לאו עמי אתם ואני רודה אתכם במקלות) :

(דף ס) **יז תנן** ר"ע אומר לא בא שלישי אלא להחמיר עליו ולעשות דינו כיוצא באלו א"כ ענש הכתוב לנטפל לעוברי עבירה כעוברי עבירה עאכ"ו שישלם שכר את הנטפל לעושה מצוה כעושה מצוה:

(דף ג) **יח משנה** עבור השנה [בשלשה דברי ר"מ] (בז') רשב"ג אומר בג' מתחילים ובחמשה

**פירוש**

אבל נשבעתי אלמא הקב"ה אמרו : דבר אחד . מנהיג אחד :

יז לא בא שלישי וכו' . דממשמע שנא' על פי שנים עדים כ"ש ג' למה נאמר או שלשה עדים : אלא להחמיר עליו . ליתן חומר בעדי שקר שהשלישי זה אע"פ שלא היה זה נידון על פיו למיתה שהרי בב' [שהעידו ההלכה] נמי הוה נידון אפ"ה עשה הכתוב דינו כיוצא באלו באם הוזמו יהרג אף השלישי מפני שנטפל לעוברי עבירה : [ק"ו שישלם שכר וכו' . דקימא לן מדה טובה מרובה ממדת פורענות הלכך ק"ו הוא] :

---

לייט צו זאמען . האט נאט גזאגט צו יהושע נעם אשטעקן אונ שלאג אויף זייער קאפ . איין פירער דארף זיין אויף דיא יודין אבער ניט צווייא פירערס . אונ ביי דוד המלך שטייט אויך אזוי . דוד האט זיך געשטעלט אויף זיינע פיס אונ האט געזאגט הערט מיך צו מיינע ברידער אונ מיין פאלק . צו וואס האט ער זייא גירופען מיט צוויי נעמען . אז ער האט גזאגט צו זייא איר זענט מיינע ברידער . צו וואס האט ער גידארפט זאגין איר זענט מיין פאלק . אונ אז ער האט גזאגט צו זייא איר זענט מיין פאלק . צו וואס האט ער גידארפט זאגין איר זענט מיינע ברידער . האט רבי אלעזר גזאגט אזוי האט דוד גזאגט צו דיא יודין , אויב איר וועט מיך פאלגין , זענט איר מיינע ברידער . אונ אויב איר וועט מיך ניט פאלגין . זענט איר מיין פאלק . אונ איך וועל אייך שלאגין מיט שטעקינס :

יז תנן . מיר האבען גילערונט רבי עקיבא זאגט עס שטייט אין פסוק דורך צוויי אדער דורך דריי עדות זאל בשטעטיגט ווערין אזאך . איז דאך אקשיא אז עס איז גענוג צווייא עדות צו וואס דארף מען דריי עדות ; זאגט רבי עקיבא דער דריטער עדות איז נישט מער גקומען נאר ער זאל אויך גישטראפט ווערין גלייך מיט דיא צוויי עדות . למשל צוויי עדות ראובן אונ שמעון האבען גזאגט עדות אויף לוי אז זונטאג אין דער פריא ניין דעם זייגער איז ער גישטאנען מיט יהודה אויף דיא גאס אונ ער האט אים גיהרגת . דער נאך איז גיקומען זבולן אונ האט אויך אזוי גזאגט וויא ראובן אונ שמעון האבען גזאגט . דעם דריטען עדות זבולן דארף מען איצט גאר ניט . ווארום אן אים וואלט אויך בית דין גיפסקת מען זאל לוי הרגנען . דער נאך זענין גיקומען צוויי עדות גד אונ אשר אונ האבען גזאגט צו ראובן אונ שמעון ווי אזוי קענט איר זאגין אז זונטאג פריא ניין דעם זייגער זענט איר גישטאנען אויף די גאס אונ איר האט גיזעהן וויא לוי האט גיהרגת יהודהן . זונטאג פריא ניין דעם זייגער זענט איר דאך גאר ניט גיוועהן אויף יענע גאס . איר זענט דאך גיוועהן מיט אונז אין פעלד . איז דער דין וואס ראובן אונ שמעון האבען גיוואלט מען זאל טאהן לוי . דאס זאל מען זייא טאהן . דארף מען הרגנען ראובן אונ שמעון . אונ לוי הרגת מען אויך . ווייל ער האט זיך בהעפט צו די פאלשע מענטשין . ווערט ער גישטראפט גלייך מיט זייא . איצט זעהן מיר אז דער פסוק שטראפט דעם מענטש וואס האט זיך בהעפט צו די מענטשין וואס האבען גיטאהן אעבירה . דעם זעלביגען שטראף וויא מען שטראפט דיא מענטשין וואס האבען גיטאהן דיא עבירה . איז דאך געוויס אז גאט וועט בצאהלין שכר דעם מענטש וואס האט זיך בהעפט צו דיא מענטשין וואס האבען גיטאהן אמצוה . דעם זעלביגען בעלוינונג וויא מען בעלוינט דיא מענטשין וואס האבען גיטאהן דיא מצוה :

יח משנה ; עבור . אויב מען דארף מאכען דעם יאהר מעובר . צוויי מאהל דעם חודש אדר ; מוז דאס גימאכט ווערין דורך דריי דיינים אזוי זאגט רבי מאיר . רבן שמעון בן גמליאל

זאגט

[ובחמשה נושאין ונותנין ונגמרים בשבעה: גמ'] (דף י ע"ב) הני ג' ה' וז' כנגד מי פליגי בה ר' יצחק בר נחמני וחד דעימיה ומנו ר' שמעון בן פזי ואמרי לה ר' שמעון בן פזי וחד דעימיה ומנו רבי יצחק בר נחמני חד אמר כנגד ברכת כהנים וחד אמר ג' כנגד שומרי הסף ה' מרואי פני המלך ז' רואי פני המלך. [תני ר' יוסף הני ג' וה' וז' ג' כנגד שומרי הסף ה' מרואי פני המלך ז' רואי פני המלך] א"ל אביי לרב יוסף עד האידנא מ"ט לא פריש לן מר הכי א"ל לא הוה ידענא דצריכיתו מי בעיתו מינאי מלתא ולא אמרי לכו:

יט ת"ר אין מעברין את השנה אלא (דף יא) במזומנים לה מעשה בר"ג שאמר השכימו לי שבעה לעלייה השכים ומצא שמונה אמר מי הוא שעלה שלא ברשות

[כנגד ברכת כהנים. בפסוק ראשון ג' תיבות ובשני ה' תיבות ובשלישי ז' תיבות: שלשה כנגד שומרי הסף וכו'. כלומר משמשים דמלכותא דפרסאי הכי נמי ממונין וחמשה ממונין ושבעה ממונין] ג' כנגד שומרי הסף דכתיב גבי גלות נבוזראדן וחמשה נמי כתיב ה' מרואי פני המלך ובאחשורוש משמע ז' שרי פרס ומדי ועבור שנה מטכסיסי מלכים שהם הוא לישב סדר השנים על מכונו: במזומנים לה. שהזמינן הנשיא מבערב: השכימו לי. אחר ז' לעלייה המיוחדת לישב בה [בה] שלא ברשות (כלומר שבאו וכדי שנשיא לא וכו' לשבר

זאגט דריי דיינים זאלין אין היבור קלערין צו מען דארף זעצין דיינים זייא זאלין קלערין אויף דעם עבור. אויב צוויי דיינים פון דיא דריי זאגין מען דארף ניט זעצין דיינים אויף דעם עבור. דער יאהר וועט געווים ניט זיין קיין עבור. זעצט מען ניט קיין דיינים. אונ אויב צוויי דיינים זאגין מען דארף זעצין דיינים זייא זאלין קלערין אויף דעם עבור. זעצט מען צו דיא דרייא דיינים נאך צוויי דיינים. אונ אלע פינף דיינים קלערין אויב מען זאל מאכען אעבור. אויב דריי פון די פינף זאגין דער יאהר דארף ניט זיין אעבור. איז ער ניט קיין עבור. אבער אז דרייא פון דיא פינף זאגין דער יאהר דארף זיין אעבור. זעצט מען צו דיא פינף נאך צוויי דיינים עס זאל זיין זיבען דיינים. אונ דיא זיבען דיינים זאגין דער יאהר איז מעובר. מאכט מען שוין צוויי מאהל אדר. פרעגט דיא גמרא געגין וואס איז דאס צוא טיילונג. דריי דיינים. אונ פינף דיינים. אונ זיבען דיינים. פר וואס זאלין ניט זיצען באלד אין אנהייב זיבען דיינים. ענטפערט דיא גמרא אין דעם קריגט רבי יצחק בר נחמני אונ נאך איינער מיט אים אונ דאס איז רבי שמעון בן פזי. אונ אנדערע זאגין אין דעם קריגט רבי שמעון בן פזי אונ נאך איינער מיט אים אונ דאס איז רבי יצחק בר נחמני. איינער זאגט דיא דריי אונ פינף אונ זיבען. איז געגין דיא ברכה פון די כהנים. אין ערשטין פסוק שטייט דריי ווערטער: אין אנדערין פסוק שטייט פינף ווערטער. אין דריטען פסוק שטייט זיבען ווערטער. אונ איינער זאגט אזו וויא ביי אמלך איז דא דריי מענטשין וואס שטייען ביי די שוועל צו היטען אים. אונ פינף זענען דא וואס זעהן דעם פנים פון מלך. אונ אמאהל זענען דא זיבען וואס זעהן דעם פנים פון מלך. אזו צו מאכען אעיבור דארף אויך זיין דרייא אונ פינף אונ זיבען. רב יוסף האט גילערונט דיא דרייא אונ פינף אונ זיבען דיינים. דרייא זענען געגין דיא דרייא וואס שטייען ביי דיא שוועל צוא היטען דעם מלך. פינף זענען געגין דיא פינף וואס זעהן דעם פנים פון מלך. זיבען זענען געגין דיא זיבען וואס זעהן דעם פנים פון מלך. אביי האט גזאגט צו רב יוסף פאר וואס האט דער רבי דאס אונז ניט גזאגט ביז איצט. האט רב יוסף גזאגט איך האב ניט גיוואוסט אז איר דארפט מען זאל דאס אייך זאגין, איך האב גימיינט איר ווייסט שוין אליין. האט איר דען גיפרעגט ביא מיר אזאך אונ איך האב אייך ניט גיזאגט:

יט תנו רבנן. דיא רבנן האבען גילערונט מען טאר ניט מעבר זיין דעם יאהר. נאר דורך דיא דיינים וואס דער נשיא האט זייא אן גיברייט פארין נאכט אז מארגין זאלין זייא קומען אין בית דין שטוב קלערין אויף דעם עיבור. עס האט אמאהל גיטראפען רבן גמליאל הט גזאגט צוא זיין בעדינער גיי ברייט אן זיבען דיינים וואס זאלין קומען מארגין גאנץ פריא אויף דיא אויבערשטע שטוב וואס איך האב אן גיברייט מען זאל דארט מעבר זיין דעם יאהר. מארגין פריא איז רבן

ברשות ירד. עמד שמואל הקטן ואמר אני הוא שעליתי שלא ברשות ולא לעבר השנה עליתי אלא ללמוד הלכה למעשה הוצרכתי א"ל שב בני שב ראויות כל השנים כולם להתעבר על ידך אלא אמרו חכמים אין מעברין את השנה אלא במזומנים לה ולא שמואל הקטן הוה אלא איניש אחרינא ומהמת כיסופא הוא דעבד כי הא דיתיב רבי וקא דריש והריח ריח שום אמר מי שאכל שום יצא עמד רבי חייא ויצא עמדו כולן ויצאו בשחר מצאו ר"ש ברבי לר' חייא א"ל אתה הוא שציערת לאבא אמר ח"ו לא תהא כזאת בישראל ורבי חייא מהיכא גמר לה מרבי מאיר דתניא מעשה באשה אחת שבאת לבית מדרשו של ר"מ אמרה לו רבי אחד מכם קדשני בביאה עמד ר"מ וכתב לה גט כריתות ונתן לה עמדו כולם כתבו ונתנו לה ור"מ מהיכא גמר לה משמואל הקטן ושמואל הקטן מהיכא גמר לה משכניה בן יחיאל דכתיב (עזרא י) ויען שכניה בן יחיאל מבני עילם ויאמר לעזרא אנחנו מעלנו באלהינו

את השנה דקבלה הוה מן המנין) : לא לעבר שנה עליתי . להצטרף עמכם עכשיו : אלא ללמוד . הורה מעשה הילך העבר : מהמת כיסופא הוא דעבד . שלא יכירו מי היה עולה שלא ברשות וילבינו פניו : שציערת לאבא . שאכלת השום ונדף הריח : חס ושלום . שאוכל שום בבואי לבית מדרשו אלא כדי שלא להלבין פניו של אוכל השום יצאתי כדי שיצאו כולם ולא יכירו מי הוא : משמואל הקטן . כדאמרן : אנחנו מעלנו . והוא לא חטא

---

גמליאל גיקומען אויף דיא אויבערשטע שטוב האט ער גיפונען אכט מענטשין. האט רבן גמליאל גיזאגט דער וואס איז ארויף גיקומען אן ערלויבנים זאל ער אראפ גיין. האט שמואל הקטן זיך גישטעלט אונ האט גיזאגט איך בין ארויף גיקומען אן ערלויבנים. אונ איך בין ניט ארויף גיקומען מעבר זיין דעם יאהר. נאר איך בין גיקומען לערנען אונ זעהן וויא אזוי מען איז מעבר דעם יאהר. האט רבן גמליאל גיזאגט צו שמואל הקטן זיץ מיין זוהן. אלע יאהרין וואלט מען גימעגט מעבר זיין דורך דיר אליין: נאר דיא חכמים האבען גיזאגט מען טאר ניט מעבר זיין דעם יאהר נאר דורך דיא דיינים וואס זענען אן גיברייט גיווארין פון נעכטין צו מעבר זיין דעם יאהר. אונ דיך האט מען נעכטין ניט אן גיברייט. אונ דער וואס איז ארויף גיקומען אן ערלויבנים איז ניט גיוועזן שמואל הקטן. נאר איין אנדערער. אונ ווייל יענער זאל ניט פאר שעמט ווערין האט שמואל הקטן גיזאגט אויף זיך. אזוי וויא רבי איז אמאהל גיזעסן אונ האט גידרשת. האט ער דער שמעקט ריח פון קנאביל. האט רבי גיזאגט ווער עס האט גיגעסין קנאביל זאל ארויס גיין. איז רבי חייא אויף גישטאנען אונ איז ארויס גיגאנגען. זענען אלע תלמידים ארויס גיגאנגען: אויף מארגין פריא האט רבי שמעון דער זוהן פון רבי גיטראפען רבי חייא. אונ האט גיזאגט צו אים דו האסט דאס מצער גיוועזן נעכטין מיין פאטער מיט דיינע קנאביל וואס דוא האסט גיגעסין. האט רבי חייא גיזאגט חס ושלום איך וועל ניט עסין קנאביל ווען איך וועל דארפין גיין צו דיין פאטער אין בית המדרש. ווארום אזעלכעס וועט ניט זיין ביי יודין מען זאל מצער זיין דיין פאטער. נאר פאר וואס בין איך ארויס גיגאנגען. ווייל איך האב ניט גיוואלט דער מענטש וואס האט גיגעסען דיא קנאביל זאל פאר שעמט ווערין. אונ רבי חייא האט דס אפ גילערינט פון רבי מאיר. ווארום מיר האבען גילערינט עס האט אמאהל גיטראפען אשה איז גיקומען צו רבי מאיר אין בית המדרש אונ זיא האט גיזאגט צו רבי מאיר רבי איינר פון אייך האט מיך מקדש גיוועזן מיט דעם ווס ער האט מיך בועל גיוועזן. האט זיך רבי מאיר גישטעלט אונ האט געשריבען אגט. אונ האט איר גיגעבין. זענען אויף גישטאנען אלע תלמידים אונ יעדער האט געשריבען אגט אונ האט איר גיגעבין. מען זאל ניט וויסען ווער עס האט איר בועל גיוועזן. אונ רבי מאיר האט דאס אפ גילערינט פון שמואל הקטן אזוי וויא פריער שטייט. אונ שמואל הקטן האט דאס אפ גילערינט פון שכניה בן יחיאל. ווארום עס שטייט אין פסוק שכניה בן יחיאל פון די קינדער פון עילם האט גיזאגט צו עזרא מיר האבען גיפעלשט אין אונזער גאט אונ מיר האבען גיזעצט אין אונזערע שטובין דאס הייסט מיר האבען חתונה גיהאט מיט גוישע ווייבער. וואס מיר האבען גינומען פון דיא פעלקער פון דעם לאנד. איז איצט דא אפענונג. צו דיא יודין גאט זאל זייא מוחל זיין אויף דיא עבירות. אונ שכניה בן יחיאל האט

ניט

**באלהינו** ונושב נשים נכריות מעמי הארץ ועתה יש (תקוה) [מקוה] לישראל על זאת ושכניה בן יחיאל מהיכא גמר לה מיהושע דכתיב (יהושע ז) ויאמר ה' אל יהושע (קום לך) למה זה אתה נופל על פניך חטא ישראל אמר לפניו רבש"ע מי חטא אמר לו וכי דילטור אני לך הטל גורלות ואבע"א ממשה דכתיב (שמות טז) עד אנה מאנתם :

נכריות והכנים עמהו בכלל שלא להגלין פסיכם : מיהושע . ממעשה דיהושע שלא רצה הקב"ה לגלות לו מי הוא החוטא והכניס את כולן בכלל שנאמר חטא ישראל במעשה דעכן : דילטור . רכיל : מאנתם . כולן בכלל והרי כולן לא יצאו ללקוט אלא מקצת דכתיב יצאו מן העם ללקוט וגו' :
משמתו נביאים וכו' . משום שמואל הקטן נקט בה

**ב תנו** רבנן משמתו נביאים האחרונים חגי זכריה ומלאכי נסתלקה רוה"ק מישראל ואף עפ"כ היו משתמשים בבת קול פעם אחת היו מסובין בעליית בית גוריא ביריחו ונתנה עליהם בת קול מן השמים יש כאן אחד שראוי שתשרה עליו שכינה כמשה רבינו אלא שאין דורו זכאי לכך נתנו חכמים עיניהם בהלל הזקן וכשמת אמרו עליו הי חסיד הי עניו תלמידו של עזרא : שוב פעם אחת היו מסובין בעליה ביבנה ונתנה עליהם בת קול מן השמים יש כאן אחד שראוי שתשרה עליו שכינה אלא שאין דורו זכאי לכך נתנו חכמים את עיניהם בשמואל הקטן וכשמת אמרו עליו הי חסיד הי עניו תלמידו של הלל אף הוא אמר בשעת מיתתו שמעון וישמעאל לחרבא

---

ניט גינומען גוישע ווייבער · פון דעסטוועגן האט ער ניט גזאגט אויף יודין איר הט גינומען · נאר ער האט גזאגט מיר האבען גינומען · האט ער גזאגט אויף זיך אויך · ניט צו פאר שעמען אנדערע יודין · אונ שכניה בן יחיאל האט דס אפ גילערנט פון יהושע · ווארום עס שטייט אין פסוק גאט האט גזאגט צו יהושע שטייא אויף פר וואס ביסטו גיפאלען אויף דיין פנים יודין האבען גזינדיגט · האט יהושע גזאגט פר גאט רבונו של עולם וועלכער יוד האט גזינדיגט · הט גאט גזאגט צו יהושע בין איך דען ארכילות זאגער · ווארף גורל וועסטו ויסען ווער דער יוד איז · זעהן מיר אז גאט האט ניט גיוואלט פאר שעמען דעם יוד וואס האט גזינדיגט · אונ אז דוא ווילסט וועל איך דיר זאגין מיר לערנען אפ פון משה רבינו · ווארום עס שטייט אין פסוק גאט האט גזאגט צוא משה ביז וויא לאנג וועט איר ניט וועלין היטען מיינע מצוה · אביסול זענען דאך נאר גיווען דיא וואס האבען ניט געהיט דיא מצ"ת · פון דעסטוועגן האט גאט גזאגט אויף אלע יודין · ניט צוא פאר שעמען דיא מענטשין וואס האבען גיטאהן די עבירה :

ב תנו רבנן · דיא רבנן האבין גילערנט ווען דיא לעצטע נביאים זענען גישטארבין · דאס איז חגי אונ זכריה אונ מלאכי · איז אפ גיטאהן גיווארין דער רוח הקודש פון דיא יודין · פון דעסטוועגין פלעגין יודין וויסען זייערע זאכין וייל עס פלעגט ארוים גיין אקול פון הימעל אונ פלעגט זאגין · אמאהל זענען דיא חכמים גיזעסין אין אאוברשטע שטוב פון דעם מענטש וואס הייסט גוריא אין דיא שטאט יריחו · איז ארוים גיגאנגען אקול פון הימעל אונ האט גיזאגט דא צווישען אייך איז דא איינער וואס ער איז ווערט דיא שכינה זאל אויף אים רוהען אזוי וויא אויף משה רבינו · נאר זיין דור איז ניט ווערט דיא שכינה זאל רוהען צווישען זייא · האבין דיא חכמים גיגעבין זייערע אויגין אז דאס מיינט מען הלל הזקן · אונ אז הלל הזקן איז גישטארבין האט מען אויף אים גיזאגט אין הספד ווא איז דער חסיד · ווא איז דער עניו · דער תלמיד פון עזרא · נאך אמאהל האט גיטראפין אז דיא חכמים זענען גיזעסין אין אאובערשטע שטוב אין יבנה · איז ארוים גיגאנגען אקול פון הימעל אונ האט גיזאגט דא צווישען אייך איז דא איינער וואס ער איז ווערט דיא שכינה זאל אויף אים רוהען · נאר זיין דור איז ניט ווערט דיא שכינה זאל רוהען צווישען זייא · האבין דיא חכמים גיגעבין זייערע אויגין אז דאס מיינט מען שמואל הקטן · אונ אז שמואל הקטן איז גישטארבין האט מען אויף איהם גיזאגט אין זיין הספד ווא איז דער חסיד · ווא איז דער עניו · דער תלמיד פון הלל · אונ שמואל הקטן איידער ער איז גשטארבין

לחיבא והברוהי לקטלא ושא ר עמא לביזא ועקן סגיאן עתידן למיתי על עלמא . ועל יהודה בן בבא בקשו לומר כן אלא שנטרפה שעה שאין מספידין על הרוגי מלכות :

(סס ע"ב) **בא אין** מעברין את השנה (דף יב) בשני רעבון תניא רבי אומר (מ"ב ד) ואיש בא מבעל שלשה ויבא לאיש האלהים לחם בכורים וגו' ואין לך קלה בכל א"י לבשל פירותיה כבעל שלשה ואעפ"כ לא בכרה אלא מין אחד שמא האמר חטים ת"ל שעורים ושמא תאמר לפני העומר ת"ל (סס) תן לעם ויאכלו אחר העומר היה . אמור מעתה ראויה היתה אותה שנה שתתעבר ומפני מה לא עיברה אלישע ששנת בצורת היתה והיו הכל רצין לבית הגרנות :

ת"ר

הכא : אף הוא בוכה . סופו שהרשה עניו בכיה שנתנבא בשעת מיתתו : שמעון וישמעאל לחרבא . רשב"ג נהרג ורבי ישמעאל בן אלישע כהן גדול יהרגו בחרב : וחבריו . כגון ר"ע ורבי חנינא בן תרדיון · לקטלא . לשאר מיתות ר"ע במסרקות של ברזל בפרק הרואה רבי חנינא בשריפה נפשי לידיה : לומר כן . אוהי חסיד הי חסיד הי עניו : אלא שאין מספידין על הרוגי מלכות . מפני יראת המלך ומהרו לקברו :

בשני רעבון . לפי שבכל התבואה צריכין לאכול מן החדש : לחם בכורים . לחם של בכורים משמע שעכשיו היה מתבכר: ושמא תאמר חטים היו . שכן אפילו לכך נתאחרו לבשל עד אחר הפסח ת"ל לחם שעורים : ושמא תאמר לפני העומר היה . ובזמן ביכור : ת"ל תן לעם ויאכלו . מלמד שקרב העומר ונותר החדש : אמור מעתה ראויה היתה שנה שתתעבר . על האביב שבכתיב ניסן עדיין לא היה רוב אביב דהא לאחר י"ז בניסן לא בכרו אלא בשעורים ולא קרוב כיה חדש האביב : ששנת בצורת היתה . בקראי מוכחא לה :

---

גשטארבין הט ער גזאגט נביאות. אז רבן שמעון בן גמליאל אונ רבי ישמעאל בן אלישע כהן גדול וועלין גיהרגת ווערין דורך דעם שווערד . אונ זייערע חברים וועלין נהרגת ווערין מיט איין אנדער טויט. רבי עקיבא האט מען גיקעמט זיין לייב מיט אייזערנע קאמען ביז ער איז גשטארבין. אונ רבי חנינא בן תרדיון האט מען פאר ברענט אין פייער . אונ דאס איבעריגע פאלק וועט מען רויבין אונ פיל צרות וועט קומען אויף דער וועלט . אונ אויף יהודה בן בבא האט מען אויך גיוואלט אזוי זאגין . ווא איז דער חסיד ווא איז דער עניו נאר עס איז אוועק גינומען גיווארין דיא צייט עס איז ניט גיוועזן דיא צייט דאס צו זאגין. ווייל מען האט מורא גיהאט מספיד זיין דיא מענטשין וואס זענען גיהרגת גיווארין דורך דער גזרה פון מלך . נאר מען הט זייא אויף געשווינט בגראבין :

**בא** אין . מען איז ניט מעבר דעם יאהר אין אהונגער יאהר . ווייל דיא אלטע תבואה איז שוין ניטא . אונ דיא נייע תבואה טאר מען ניט עסין ביז דעם אנדערין טאג פסח נאך דעם עומר מקריב זיין. דריבער מאכט מען ניט צווייא מאהל אדר . פסח זאל געשווינט ווערין . וועט מען מקריב זיין דעם עומר . וועט מען מעגין עסין פון דיא נייע תבואה . מיר האבען גילערונט רבי זאגט עס שטייט אין פסוק אמענטש איז גיקומען פון בעל שלשה אונ ער האט גיבראכט צום גאטליכען מאן וצו אלישעו צוואנציג ברויט פון דיא ערשטע צייטיגע תבואה. אונ אין גאנץ ארץ ישראל איז ניטא קיין ארט וואס זאל אזוי געשווינט צייטיג ווערין פירות אזו וויא אין בעל שלשה . פון דעסטוועגין איז נאך דאמאלס ניט גיוועזן צייטיג נאר איין מין . טאמער וועסטו זאגין ווייץ איז גיוועזן צייטיג . שטייט אין פסוק דיא ברויט איז גיוועזן פון גערשטין . טאמער וועסטו זאגין דאס איז גיוועזן פאר פסח . פר דעם עומר מקריב זיין . שטייט אין פסוק אלישע האט גזאגט צו גיחזי גיב צום פאלק זאלין זייא עסין . איז דאך דאס גיוועזן דער נאך ווי מען האט שוין מקריב גיוועזן דעם עומר . ווארום פר דעם עומר מקריב זיין טאר מען דאך ניט עסין פון נייע תבואה. וערן מיר דאך אז דיא תבואה פון דעם יאהר זענען שפעט צייטיג גיווארין . האט מען דאך גידארפט דעם יאהר מעבר זיין . אונ מאכען צוויי מאהל אדר . נאר פר וואס הט אלישע ניט מעבר גיוועזן דעם יאהר. ווייל עס איז גיוועזן אהונגער יאהר זענען אלע גילאפען צו די שייערין עסין פון די נייע תבואה. האט מען גימוזט מאכען געשווינט פסח אונ מקריב זיין דעם עומר מען זאל מעגין עסין די נייע תבואה :

הגנו

**כב** (ת"ר אין מעברין את השנה לפני ר"ה וכו' אבל כפני הדחק מעברין אותה אחר ר"ה מיד ואעפ"כ) אין מעברין אלא אדר איני והא שלחו ליה לרבא זוג בא מרקת ותפשו נשר ובידם דברים הנעשה בלוז ומאי ניהו הכלה בזכות הרחמים ובזכותם יצאו בשלום ועמוסי ירכי נחשון בקשו לקבוע נציב אחד ולא הניחן ארומי הלז אבל בעלי אסופות נאספו וקבעו ליה נציב אחד בירח שמת בו אהרן הכהן השובי מחשבי גלויי לא מגלו מאי משמע דהאי נציב לישנא דירחא שנא' (מ"א ד) ולשלמה י"ב נציבים על כל ישראל וכלכלו את המלך ואת אנשיו חדש בשנה והכתיב (שם) ונציב אחד בארץ רב יהודה ורב נחמן חד אמר אחד ממונה על כלם וחד אמר כנגד חדש העיבור:

[אין מעברין. אין יושבין ב"ד קודם ר"ה לעיין ולומר תתעבר שנה זו בשני אדרים מפני שום סבה כדבר קודם שיגיע ומזלזלין בהמתן: אבל מפני הדחק. שמא לא יהא שם ב"ד מומחה כשיגיע לאדר או שמא יצא המלך פרסי ויתעכב על ידו מעברין אותו ומודיעין לגולה אחר ר"ה מיד שעיברוהו]: ואעפ"כ אין מעברין. אותה בג' חדשים אחרים אלא כשיגיע אדר יעשו ב' אדרים: זוג (של) [ב'] ת"ח: באו מרקת. טבריא: ותפשו [נשר] חיל פרסי יש: [דברים הנעשים בלוז]. תכלת בלוז עושין כדאמרינן במנחות היא לוז שצובעין בה תכלת: עמוסי ירכי נחשון. נשיא שבא"י ההוא מזרע נחשון בן עמינדב ראשון לנשיאים: בקשו לקבוע נציב א'. בקשו להוסיף חדש אחד על השנה לעברה: ולא הניחן ארומי הלז. המלכות גזרה עליהן: בירח שמת בו אהרן. באב: אלמא מפני הדחק מעיינים בעיבור שנה קודם ר"ה: גלויי לא מגלו. עד לאחר ר"ה שלא ישכחו בני הגולה: נציבים. ממונים: חדש בשנה. יהיה על כל אחד לכלכל: כנגד חדש העיבור. בשנה מעוברת היה אותו נציב מכלכל באדר שני:

ת"ר

**כב** תנו רבנן. די רבנן האבען גילערונט פאר ראש השנה טארין ניט בית דין מעבר זיין דעם יאהר. זייא טארין ניט זאגין דער יאהר וואס וועט קומען זאל זיין צווייא מאהל אדר. נאר אז מען מוז איז מען מעבר דעם יאהר באלד נאך ראש השנה פון דעסטוועגין איז מען ניט מעבר קיין אנדער חודש נאר דעם חודש אדר. פרעגט דיא גמרא עס איז דאך ניט אזוי. מען האט דאך געשיקט צו רבא צוויי תלמידי חכמים זענען גיקומען פון רקת (פון טבריא). אונ דער חיל פון פערסיע וואס אויף זייער פאן איז גימאלט אאדלער האבען גיכאפט דיא צוויי תלמידי חכמים. אונ דיא צוויי תלמידי חכמים האבען גיהאט ביי זיך די זאכען וואס ווערין גימאכט אין לוז. אונ וואס ווערט גימאכט אין לוז. דארט פארבט מען תכלת צו ציצית. אונ אין דעם זכות פון דיא רחמנות פון גאט אונ אין זייער זכות זענען זייא ארויס גיגאנגען מיט שלום פון דעם חיל. אונ דער נשיא פון ארץ ישראל וואס ער איז פון דיא קינדער פון נחשון בן עמינדב (בקשו לקבוע נציב אחד) האט ער גיוואלט מאכען נאך איין חודש אדר. האט דער מלך אים ניט גילאזין. אבער די חכמים האבען זיך פאר זאמלט אין דעם חודש וועם אהרן הכהן איז גישטארבען (אין חודש אב) אונ זייא האבען גזאגט אז דער יאהר וואס וועט קומען זאל זיין צוויי מאהל אדר. זעהן מיר אז אין חודש אב ווייט פאר ראש השנה מעג מען שוין קלערין אויף דעם יאהר וואס וועט קומען אויב עס וועט דארפין זיין צוויי מאהל אדר. ענטפערט דיא גמרא קלערין מעג מען טאקי פר ראש השנה אויך. אונ בית דין מעגין אפ ריידין צווישען זיך אז דער יאהר וואס וועט קומען זאל זיין צוויי מאהל אדר. נאר אויס זאגין זאלין זיי ניט פר קינעם ביז נאך ראש השנה: זאגט דיא גמרא פון וואנען ווייסען מיר אז נציב מיינט מען א חודש. ווארום עס שטייט אין פסוק שלמה המלך האט גזאגט צוועלף נציבים (פירשטען) זאלען זיין אויף די יודין. אונ זיי האבען גישפייזט דעם מלך מיט זיינע מענטשין. יעדער נציב (פירשט) האט גישפייזט א חודש אין יאהר. פרעגט דיא גמרא עס שטייט דאך אין פסוק ונציב אחד בארץ. איין פירשט איז גיוועזן אין לאנד. צוא שפייזין דעם מלך. ניט צוועלף פירשטען: ענטפערט דיא גמרא רב יהודה אונ רב נחמן קריגען. איינער זאגט איין פירשט איז גיוועזן אויף דיא אלע צוועלף פירשטען: אונ איינער זאגט דער דרייצעהנטער פירשט איז גיוועזן צוא שפייזין דעם מלך דעם חודש פון עבור. דעם אנדערין אדר. אונ וויל דער פירשט פון יעדער חודש הייסט נציב. דריבער רופט מען דעם חודש אויך נציב:

**כג ת"ר** אין מעברין את השנה מפני הטומאה ר' יהודה אומר מעברין א"ר יהודה מעשה בחזקיה מלך יהודה שעיבר את השנה מפני הטומאה ובקש רחמים על עצמו דכתיב (ד"ה ב ל) כי מרבית העם רבת מאפרים ומנשה יששכר וזבלון לא הטהרו כי אכלו את הפסח בלא ככתוב כי התפלל יחזקיהו עליהם לאמר ה' הטוב יכפר בעד. ר"ש אומר אם מפני הטומאה עיברוה מעוברת אלא מפני מה בקש רחמים על עצמו שאין מעברין אלא אדר והוא עיבר ניסן בניסן ר' שמעון בן יהודה אומר משום ר"ש מפני שהשיא את ישראל לעשות פסח שני:

ומפני הטומאה. כגון שהיה נשיא חולה ואומדוהו למות ערב הפסח או שבעה ימים קודם ויהיו טמאים הן שהיו רובן טמאים בסוף אדר ואזלה אפר פרה ואין יכולין למצוא עכשיו פרה אדומה אין מעברין בכך אלא יעשו בטומאה: שעיבר את השנה מפני הטומאה. שטמאו בימי אחז הכין מע"ז שלא הבאו להורס והיה חזקיהו מחזירן למוטב וידע שלא יספיקו כולן לבא וליטהר עד הפסח ועבר השנה: ובקש רחמים על עצמו. שימחל לו עון וכקמן פריך הואיל ואר"י מעברין למה בקש רחמים על עצמו: כי אכלו את הפסח בלא ככתוב. שעיבר את השנה מפני הטומאה שלא כדה: ניסן בניסן. לאחר שקדשו נשם ניסן הזר ונמלך ועשאו אדר שני: ר"ש בן יהודה אומר. לא עברה אלא כשיאן לפסח אי שלא כדין לפיכך בקש רחמים על עצמו:

בימן

(דף יג ע"ב) **כד אמר** לו אביי לרב יוסף מיסמך סבי בשלשה מנ"ל אילימא מדכתיב

---

**כג** תנו רבנן · די רבנן האבען גילערנט מען טאר ניט מעבר זיין דעם יאהר ווייל מען וועט זיין טמא אויף פסח ודהיינו דער נשיא איז געוועזן קראנק אונ דאקטורים האבען גזאגט אז ערב פסח אדער עטליכע טעג פר פסח וועט ער שטארבן · וועלין אלע יודין טמא ווערין ביי זיין לויה. אונ מען וועט ניט קענען ריין ווערין אויף פסח צו עסן דעם קרבן פסח. ווייל דער וואס ווערט טמא פון אמת מוז ער זיין טמא זיבען טעג · אדער דאס מערסטע יודין זענין געוועזן טמא אין סוף אדר אונ עס הט פאר פעלט די אש פון דיא פרה אדומה · אונ ביז מען וועט באקומען א פרה אדומה אונ עס וועט זיין פון איר אש. אונ מען וועט שפריצען אויף די מענטשין · וועט דער וויל ווערין פסח אונ מען וועט ניט קענען עסין דעם קרבן פסח מיט טהרה · איבער דעם מאכט מען ניט נאך אאדרו · רבי יהודה זאגט איבער דעם מאכט מען יא נאך אדר. רבי יהודה זאגט עס האט אמאהל גיטראפען אז חזקיהו מלך יהודה האט גימאכט צווייא מאהל אדר ווייל די יודין זענען גיוועזן טמא. דער נאך האט ער גיבעטין ביי גאט ער זאל אים מוחל זיין די עבירה. ווארום עס שטייט אין פסוק דאס מערסטע מענטשין פון דעם פאלק. פיל מענטשין פון שבט אפרים אונ מנשה אונ יששכר אונ זבולן, זענען נאך ניט ריין גיווארין אונ זיי האבען גיגעסין דעם קרבן פסח ניט וויא אין דער תורה שטייט ווייל ער האט גימאכט נאך אדר. איז געוועזן פסח מיט אחודש שפעטער. אונ דאס האט מען ניט גיטארט טאהן. אונ יחזקיהו האט גיבעטין צו גאט פון זייערט וועגין. אונ ער האט גזאגט גאט וואס ער איז גוט זאל פאר געבין די עבירה. רבי שמעון זאגט ווען יחזקיהו וואלט גימאכט צווייא מאהל אדר ווייל דיא יודין זענין געוועזן טמא · וואלט גוט גיוועזן · וואלט ער גימעגט אזוי טאהן. נאר פאר וואס דען האט יחזקיהו גידארפט בעטין גאט זאל אים מוחל זיין. ווייל מען טאר ניט מאכען נאך אמאהל אדר נאר אזוי לאנג וויא עס איז נאך ניט געענדיגט דער ערשטער חודש אדר. אבער אז דער ערשטער חודש אדר איז שוין געענדיגט אין גאנצין · אונ דעם הינטיגען טאג האט מען שוין גירופען ניסן טאר מען ניט מאכען פון דעם ניסן נאך אמאהל אדר. האט יחזקיה גזאגט מען זאל מאכען פון ניסן נאך אמאהל אדר · אונ דאס האט מען ניט גיטארט. דריבער האט ער גידארפט בעטין ביי גאט ער זאל אים מוחל זיין · רבי שמעון בן יהודה זאגט פון רבי שמעונס וועגין חזקיה הט ניט גימאכט נאך אמאהל אדר · נאר ער האט אן גירעט דיא יודין זייא זאלין ניט מאכען דעם ערשטין קרבן פסח אין ניסן. נאר זייא זאלין מאכען דעם אנדערין קרבן פסח אין חודש אייר. אונ דאס האט מען ניט גיטארט. דריבער האט ער גידארפט בעטין גאט זאל אים מוחל זיין:

**כד** אמר · אביי האט גזאגט צו רב יוסף דריי רבנן קענען ארויף לייגין די הענט אויף א תלמיד אונ אים מאכען פאר א רבי. פרעגט די גמרא פון וואנען ווייס דאס אביי. מיר זאלין זאגן

ווייל

מדכתיב (במדבר כז) ויסמך את ידיו עליו (כבדי משה יחיד הוה) אי הכי הסגי בחד וכת משה במקום שבעים והד קאי אי הכי ליבעי שבעים וחד קשיא. א"ל רב אחא בריה דרבא לרב אשי בידא ממש סמכינן ליה א"ל סמכינן ליה בשמא קרו ליה רבי יהב ליה רשותא למידן דיני קנסות. וחד לא סמיך והאמר רב יהודה (אמר רב) ברם זכור אותו האיש לטוב ור' יהודה בן בבא שמו שאלמלא הוא נשתכחו דיני קנסות כישראל נשתכחו נגרסינהו אלא (דף יד) בטלו דיני קנסות מישראל שפעם אחת גזרה המלכות על ישראל שכל הסומך יהרג וכל הנסמך יהרג ועיר שסומכין בה תחרב ותחומין שסומכין בהם יעקרו מה עשה רבי יהודה בן בבא הלך וישב לו בין שני הרים גדולים בין שני עיירות גדולות ובין שני

מתחו

מיסמך. כדי יקרות להם רבי: במקום שבעים וחד קאי. לפי שהיה משה ראש להם ושקול כולם: בידא ממש סמכו ליה. בלשון בעיא גרסי' ליה כלו' מי בעי לאנוחי ידייהו על רישיה דסמוך: למידן דיני קנסות. דאלהים כתיב דמשמע דיינים מומחין והיינו סמוכין ובשאר דיני ממונות לא בעינן מומחין כדאוקמינן בריש פירקין משום נעילת דלת והיכא דליכא נעילת דלת כגון בד' שומרים וגזילות דיינינן בבבל אע"ג דליכא סמוכין דשליחותייהו קא עבדינן כדאמרינן בהחובל אבל בקנסא לא עבדינן שליחותייהו משום דלא שכיחא וליכא בה חסרון כיס: בטלו דיני קנסות. דכיון דליכא סמיכות בטלו (התחומים שסומכין בהם כגון אם סמכו בתוך התחום של עיר זה להם הר יעקר): בין שתי עיירות גדולות. ולא בתוך העיר כדי שלא יחריבו את העיר:

ווייל עס שטייט אין פסוק משה האט ארויף געלייגט זיינע הענט אויף יהושע. איז דאך אקשיא משה איז דאך נאר געווען איינער. זאל ביי אלע תלמידים גענוג זיין איין חכם זאל ארויף לייגן זיינע הענט אויף אים. צו וואס דארף מען דריי. טאמער וועסטו זאגן אז משה איז גערעכענט פאר איין אונ זיבעציג סנהדרין. זאל מען ביי אלע תלמידים דארפין איין אונ זיבעציג רבנן זאלין ארויף לייגן זייערע הענט אויף דעם תלמיד. ווען ער ווערין ארבי. פאר וואס איז גענוג מיט דריי רבנן. בלייבט אקשיא אויף אביי. רב אחא בריה דרבא האט גזאגט צו רב אשי אז אחכם מאכט אתלמיד פאר ארבי דארף דער חכם ארויף לייגן דיא האנט אויף דעם תלמיד. אדער ניין. האט רב אשי גזאגט ער מאכט אים פר ארבי מיט דעם נאמען אליין. ער רופט אים רבי אונ ער גיט אים רשות (ערלויבנים) צו משפטין די דינים ווס ווענען אפילו נאר אקנס ולמשל די הונדערט טאלער פון מוציא שם רע. וויא עס שטייט אין דיא סדרה כי תצא. אונ דיא פופציג טאלער פון אונס אונ מפתה. אונ דיא דרייסיג טאלער פון אעבד כנעני. וויא עס שטייט אין דיא סדרה משפטים. אונ נאך אזעלכע זאכען. אונ אנדערע דינים מעג ער שוין געווים משפטין. פרעגט דיא גמרא אונ איין חכם קען נים מאכען דעם תלמיד פאר ארבי. רב יהודה הט דאך גזאגט פון רבס וועגין מען דארף דער מאגען דעם מענטשין צו גוטען. דאס מיינט מען רבי יהודה בן בבא. ווארום ווען ניט ער וואלט שוין פאר געסין געווארין פון דיא יודין די דינים פון קנס. פרעגט דיא גמרא עס וואלט פאר געסין געווארין. זאל מען זייא לערנען וועלין זייא ניט פר געסין ווערין. נאר אזוי מיינט מען עס וואלט בטל געווארין דיא דינים פון קנס ביי יודין ווארום מען האט אויף געהערט צו מאכען דיא תלמידים פאר רבנים. איז דאך שוין ניט געווען ווער עס זאל פסקנן אדין פון קנס. ווארום אנדערע גערט זאכען מעג אתלמיד אויך פסקנן. אונ מאכען דעם תלמיד פר ארבי האט ניט געקענט קיין אנדערער נאר אזוי אחכם ווס ער איז געווארין ארבי פון זיין רבי אונ זיין רבי פון זיין רבי ביז משה רבינו. ווארום אמאהל האט דער מלך גוזר געווען אויף דיא יודין. דער חכם וואס וועט מאכען דעם תלמיד פאר ארבי. זאל מען דעם חכם הרגנן. אונ דעם תלמיד זאל מען הרגנן. אונ דיא שטאט וואס אין איר איז גימאכט געווארין דער תלמיד פר ארבי זאל דיא שטאט וויסט ווערין. אונ אז יב מען האט אים גימאכט פר ארבי ניט אין שטאט. נאר אויסער די שטאט אין צוויא טוזענד איילין פון שטאט. זאל מען דיא גאנצע צווי טוזענד איילין ערד פון שטאט. אויך אוים רייסען אונ פאר וויסטען. וואס האט רבי יהודה בן בבא גיטאהן. ער איז גיגאנגען אונ האט זיך גיזעצט צווישען צווייא גרויסע בערג. דיא צוויי בערג זענען געווען צווישען צווייא גרויסע שטעט

אונ

(בין שני הרים גדולים . בין שני תחומי שבת . כדי שלא יהיו יודעים איזה מהם לעקור אבי יודע : בין אושא לשפרעם . הם ב׳ עיירות : מה תהא עליך . אתה זקן ואי אתה יכול לברוח): לונביאות. תחיות: לא הוה מסתייעא מלתא . כבריו אלו לא היה מותא שהיה ביזיונו עמו לסומכו ואין הלכה כעין : משתקיד . מ זר ומוצה לסומכן כמו כי שוקד אני : מנין שאין נסמכין לבית עלי . שאינן זוכין להיות

תחומי שבת בין אושא לשפרעם וסמך שם ה׳ זקנים ואלו הן ר׳ מאיר ור׳ יהודה ור׳ שמעון ור׳ יוסי ור״א בן שמוע רב אויא מוסיף אף ר׳ נחמיה כיון שהכירו אויבים בהם (באו להרגו) אמר להם בני רוצו אמרו לו רבי מה תהא עליך אמר להם הריני מוטל לפניהם כאבן שאין לה הופכים אמרו לא זזו משם עד שנעצו בו שלש מאות לונביאות של ברזל ועשאוהו ככברה ר׳ יהודה בן בבא אחריני הוו בהדיה והאי דלא חשיב להו משום כבודו דר׳ יהודה בן בבא . ור״מ ר׳ יהודה בן בבא סמכו והאמר רבה בר בר חנה א״ר יוחנן כל האומר על ר׳ מאיר שלא סמכו רבי עקיבא אינו אלא טועה סמכיה ר״ע ולא קבלו (דאכתי הוה יניק) סמכיה ר׳ יהודה בן בבא וקבלו :

**כה רבי** חנינא ורבי הושעיא הוה קא משתקיד ר׳ יוחנן למסמכינהו לא הוה מסתייעא מלתא הוה קא מצטער טובא אמרו ליה לא נצטער מר דאנן מדבית עלי קאתינן דא״ר שמואל בר (נחמני) [נחמן] א״ר יונתן מנין שאין נסמכים לבית עלי שנאמר (ש״א לא

---

און צווישען צוויי תחום שבת . דיא צוויי שטעט האבען גיהייסען אושא און שפרעם . פון אושא ביז שפרעם איז געווען דאס פינף טויזענד איילין . האט ער זיך גיזעצט אין דיא מיטעלסטע טויזענד איילין צווישען צוויי בערג . און מיט איהם זענען געווען פינף תלמידים זקנים . און ער האט זיי גימאכט פר רבנים , דאס זענען זייא . רבי מאיר רבי יהודה רבי שמעון רבי יוסי רבי אלעזר בן שמוע . רב אויא זאגט רבי נחמיה איז אויך געווען . וויא דיא גוים האבען דער קענט אז דא מאכט מען רבנים . האט רבי יהודה בן בבא גזאגט צו די פינף תלמידים מיינע קינדער לויפט אוועק פון דאנען . האבען זייא גזאגט צו רבי יהודה בן בבא רבי וואס וועט זיין מיט דיר דוא ביסט דאך אַלטער מאן און קענסט ניט לויפען : האט רבי יהודה בן בבא צו זייא גזאגט איך ליג פאר זייא וויא א שטיין וואס ער האט ניט ווער עס זאל איהם אומקערין פון ארט . מען האט גזאגט דיא גוים זענין ניט אוועק גיגאנגען פון רבי יהודה בן בבא ביז זייא האבען אריין גישטאכען אין איהם דריי הונדערט אייזערנע שפיזען און זייא האבען אים גילעכערט ווי א זיפ . ווען מיר אז רבי יהודה בן בבא אליין האט גימאכט דיא פינף תלמידים פר רבנים . ענטפערט די גמרא נאך רבנן זענין געווען מיט רבי יהודה בן בבא . נאר ווייל זייא זענין געווען קלענער ווי רבי יהודה בן בבא . דריבער רעכינט מען זייא ניט מיט איהם צו זאמען פון זיין כבוד וועגין . פרעגט דיא גמרא האט דען רבי יהודה בן בבא גימאכט רבי מאיר פאר א רבי . רבה בר בר חנה האט דאך גזאגט פון רבי יוחנן'ס וועגין דער וואס זאגט אויף רבי מאיר אז ניט רבי עקיבא האט איהם גימאכט פאר א רבי . האט ער א טעות . ענטפערט דיא גמרא רבי עקיבא האט גיוואלט מאכען רבי מאיר פר א רבי . האט מען ניט אן גינומען . ווייל ער איז נאך געווען יונג . דער נאך האט רבי יהודה בן בבא גימאכט רבי מאיר פר א רבי האט מען שוין אן גינומען :

**כה** רבי יוחנן האט זייער שטארק גיוואלט מאכען רבי חנינא און רבי הושעיא זאלין ווערין רבנים . און ער האט ניט גיקענט דאס מאכען . ווארום אז רבי חנינא און רבי הושעיא פלעגין אמאהל קומען צו רבי יוחנן . האט רבי יוחנן ניט גיקענט בעקומען נאך צוויי רבנן צוא איהם מען זאל זייא שוין רופען רבי . האט רבי יוחנן פון דעם גיהאט פיל צער . האט רבי חנינא און רבי הושעיא גזאגט צוא רבי יוחנן דוא זאלסט דיך ניט מצער זיין . ווארום מיר זענען פון עלים משפחה . און רבי שמואל בר נחמן האט גזאגט פון רבי יונתנ'ס וועגין פון וואנען ווייסען מיר אז דיא משפחה פון עלי זענען ניט זוכה מען זאל זייא רופען רבי . ווארום עס שטייט אין פסוק אויף עלי עס וועט ניט זיין אַ זקן אין דיין שטוב קיין מאהל . וואס מיינט מען עס וועט ניט זיין

אזקן

כ) לא יהיה זקן בביתך כל הימים מאי זקן אילימא זקן ממש והכתיב (שם) וכל מרבית ביתך ימותו אנשים אלא סמיכה:

כו רבי זירא הוה מיטמר מלסמכיה דא"ר אלעזר לעולם הוי קבל וקיים כיון דשמעה להא דא"ר אלעזר אין אדם עולה לגדולה אלא א"כ מוחלין לו על כל עונותיו אמצי ליה אנפשיה כי סמכוה לר' זירא שרו ליה הכי וכו' עד בריך מתייך לשלם כדאיתא לעיל בכתובות פ"ב:

גמרא: זקן ממש. בא בימים: והכתיב וכל מרבית ביתך ימותו אנשים. כשבאין לכלל אנשים בני י"ח שנה למה ליה למיהדר ומיכתביה: אלא סמיכה. כאפי' [הכתיב] הבאים לכלל זקנה כגון ע"י תורה וגמילות חסדים כדאמרינן בר"ה בזבח ומנחה אינו מתכפר אבל מתכפר הוא בתורה ובג"ח מ"מ לא הוא תורה וזקנה עליהם להיות ראוין לסנהדרין: הוי קבל. אפל: וקיים. ותחים כלומר הרחק מן הרבנות שמקברת את בעליה. אפלה מתרגם קבלה: אמאי אנסביה. דהא מסמכיה מוחלין לו עונותיו: ובניס

(דף יז) כז תנו רבנן (במדבר יא) וישארו שני אנשים במחנה י"א בקלפי נשתיירו שבשעה שאמר לו הקב"ה למשה (שם) אספה לי שבעים איש מזקני ישראל אמר משה כיצד אעשה אברור ששה מכל שבט ושבט נמצאו שנים יתרים אברור חמשה מכל שבט ושבט נמצאו עשרה חסרים אברור ששה משבט זה וחמשה משבט זה הריני מטיל קנאה בין השבטים מה עשה בירר ששה ששה והביא שבעים ושנים

---

אזקן. מיר זאלין זאגין מען מיינט עס ווערט ניט זיין קיין אלטער מאן. עס שטייט דאך שוין איין מאהל אלע מענטשין וואס ווערלין זיך אדעוועס אין דיין שטוב ווערלין שטארבן יונג. אונ זיי ווערלין ניט אלט ווערין. נאר מען מיינט אפילו די וואס ווערלין יא זוכה זיין אלט צו ווערין. פון דעסטוועגין ווערלין זייא ניט האבען דעם כבוד פון אזקן. מען ווערט זיי ניט רופען רבי:

כו רבי זירא פלעגט זיך באהאלטין מען זאל איהם ניט מאכען פאר ארבי. ווארום רבי אלעזר האט גזאגט אייביג זאל אמענטש זיין פינסטער. ער זאל ניט זיין מיט מער כבוד וויא אלע מענטשין זענען. ווערט ער לעבין. וויא רבי זירא האט גיהערט וואס רבי אלעזר האט גזאגט אמענטש קומט ניט צוא גרויסקייט סיידין מען איז איהם מוחל אלע עבירות. האט ער זיך גימאכט געפינען צו די רבנן זייא זאלין איהם מאכען פאר ארבי. ווערט מען אים מוחל זיין זיינע עבירות. ווען מען האט גימאכט רבי זירא פר ארבי הט מען פר אים געזונגען אזוי ווי עס שטייט אין מסכת כתובות פרק בו:

כז תנו רבנן: דיא רבנן האבען גילערנט עס שטייט אין פסוק ווען משה רבינו האט פאר זאמלט זיבעציג מענטשין צום אהל מועד אויף זייא זאל רוהען דיא שכינה. זענען געבליבען צוויי מענטשין אין דער מחנה וואס זענען ניט גיקומען צום אהל מועד. אנדערע זאגין זייא זענען געבליבען אין קעסטיל. ווארום ווען גאט האט גזאגט צו משה פארזאמלט צו מיר זיבעציג מענטשין פון דיא אלטע יודין. האט משה גזאגט וויא זאל איך טאהן איך זאל נעמען זעקס מענטשין פון יעדער שבט. זעקס מאהל צוועלף איז דאך צוויי אונ זיבעציג ווארום צוועלף שבטים איז גיוועזן. וועל איך דאך האבען צוויי מענטשין מער. זאל איך נעמען פינף מענטשין פון יעדער שבט. פינף מאהל צוועלף איז דאך זעכציג. וועל איך דאך האבען צעהן מענטשין וויניגער. זאל איך נעמען פון צעהן שבטים צו זעקס. איז זעכציג. אונ פון צוויי שבטים צוא פינף. איז צעהן. צו זאמען איז זיבעציג. ווערט דאך זיין אקריג צווישען דיא שבטים. די צוויי שבטים ווערלין זאגין פאר וואס פון אונז נאר צו פינף מענטשין. וואס האט משה גיטאהן ער האט גינומען פון יעדער שבט צו זעקס מענטשין. איז גיוועזן צוויי אונ זיבעציג מענטשין. אונ ער האט גינומען צוויי אונ זיבעציג קוויטלאך. אויף זיבעציג קוויטלאך האט ער אויף געשריבען דעם ווארט זקן. אונ צוויי קוויטלאך האט ער גילאזין ליידיגע. אונ ער האט אויס געמישט דיא צוויי אונ זיבעציג קוויטלאך אונ האט זייא אריין גיליגט אין אקעסטיל. אונ משה האט גזאגט צו דיא צוויי אונ זיבעציג זקנים קומט אונ נעמט אייערע קוויטלאך. דער זקן וואס האט

ושנים הלק. לא נכתב עליהם זקן: מי שעלה בידו חלק וכו'. ובנים מאותם שבעים שהלכו ליטול עלה בידם חלק ונשתיירו שני פתקין שהיו כתובים בקלפי שמות של אלדד ומידד שלא הלכו ליטול ונשתיירו שלא יעלה בידן חלק (והיינו דכתיב וישארו שני אנשים והמה בכתובים כלומר פתקים כתובים הי' להם בקלפי ולא הלכו ליטלם): ולקחת חמשת חמשת. בבכורות העודפים על מנין הלוים: אמר לבן. לכל הבכורות באו וטלו פתקיכם: במחנה נשתיירו. ות"ק נמי מודה לרבי שמעון דבמחנה נשתיירו דהא כתיב ולא יצאו האהלה דמשמע שלא יצאו מן המחנה לבא לאהליהם ובהא פליגי ת"ק סבר דהאי דנשתיירו לא מחמת ענוה והסרה גדולה אלא שהיו מתיראים שלא יעלו בידם אלא הלק ונשארים מתים ודריש ליה לנשארו נשארו בקלפי ור' שמעון

ושנים פתקין על שבעים כתב זקן ושנים הניח חלק בללן ונתנן בקלפי אמר להם בואו וטלו פתקיכם כל מי שעלה בידו זקן אמר כבר קדשך שמים מי שעלה בידו חלק אמר המקום לא חפץ בך אני מה אעשה לך. כיוצא בדבר אתה אומר (שם ג) ולקחת חמשת חמשת שקלים לגלגלת אמר משה כיצד אעשה להם לישראל אם אומר לו תן לי פדיונך וצא יאמר לי כבר פדאני בן לוי מה עשה הביא עשרים ושנים אלפים פתקין וכתב עליהם בן לוי ועל שלשה ושבעים ומאתים כתב עליהם חמשת שקלים בללן ונתנן בקלפי אמר להם טלו פתקיכם מי שעלה בידו בן לוי אמר לו כבר פדאך בן לוי מי שעלה בידו חמשת שקלים אמר לו תן פדיונך וצא. (תנא) רבי שמעון אומר במחנה נשתיירו בשעה שאמר לו הקדוש ברוך הוא למשה (שם יא) אספה לי שבעים איש אמרו אלדד ומידד אין אנו

---

האט ארויס גינומען אקוויטול וואס אויף אים איז גיוועזן געשריבען דער ווארט זקן. האט משה צו אים גזאגט גאט האט דיך שוין גיהיילגט. און דער זקן וואס האט ארויס גינומען אליידיגען קוויטול. האט משה צו אים גזאגט אז גאט וויל דיך ניט וואס קען איך דיר טאהן. צום ציהען דיא קוויטלאך זענען אבער נאר גיקומען זיבעציג מענטשען. אכט און זעכציג זקנים האבען ארויס גיצויגן קוויטלאך זקן. און צוויי זקנים האבען ארויס גינומען ליידיגע קוויטלאך. איז געבליבען אין קעסטיל צוויי געשריבענע קוויטלאך דאס איז געבליבען פאר אלדד און מידד וואס זייא זענען אויך גיוועזן פון דיא צווייא און זיבעציג זקנים. און זייא האבען ניט גיוואלט קומען צום ציהען. דאס זאגט דער פסוק צוויי מענטשען זענען געבליבען אין דער מחנה. זייא זענען ניט גיקומען צום ציהונג. און זייא האבען גיהאט געשריבענע קוויטלאך. נאך אזוי אזעלכען שטייט אין פסוק ביי דיא בכורים וואס זענען גיוועזן מער וויא דיא לוים. האט גאט גזאגט צו משה דוא זאלסט נעמען פינף טאלער פון יעדער קאפ ופון יעדער בכור וואס געגען אים איז ניטא אלוי. זאלסטו נעמען פינף טאלערו. האט משה גזאגט וויא זאל איך טאהן מיט דיא בכורים: צוא וועלכען בכור איך וועל זאגען גיב מיר פינף טאלער אוים לייז געלט. וועט ער זאגען מיך האט אויס גילייזט דער לוי. וואס האט משה גיטאהן. ער האט גינומען צווייא און צוואנציג טויזענד קוויטלאך. און אויף יעדער קוויטול האט ער אויף געשריבען בן לוי. און אויף צווייא הונדערט דריי און זיבעציג קוויטלאך וואס דיא בכורים זענען גיוועזן מער וויא דיא לוים. האט ער אויך יעדער קוויטול געשריבען פינף טאלער. און ער האט אלע קוויטלאך אוים געמישט און האט זייא אריין גיליינט אין אקעסטיל. און ער האט גזאגט צוא דיא בכורים נעמט אייערע קוויטלאך. דער בכור וואס האט ארויס גינומען אקוויטול וואס אויף אים איז גיוועזן געשריבען בן לוי. האט משה צו אים גזאגט דער לוי האט דיך אוים געלייזט. און דער בכור וואס האט ארויס גינומען אקוויטול וואס אויף איהם איז גיוועזן געשריבען פינף טאלער. האט משה צוא אים גזאגט גיב דיינע פינף טאלער אוים לייז געלט. רבי שמעון זאגט וואס אלדד און מידד זענען געבליבען אין דער מחנה איז ניט גיוועזן וויא דער ערשטער תנא זאגט ווייל זייא זענען ביי זיך גרוים גיוועזן. האבען זייא מורא גיהאט טאמער וועלין זייא ארוים ציהען דיא ליידיגע קוויטלאך וועלין זייא פאר שעמט ווערין. נאר פאר קערט איז גיוועזן זייא זענען ביי זיך גיוועזן גאנץ נידעריג און זייא האבען גזאגט זייא זענען ניט ווערט דיא שכינה זאל אויף זייא רוהען. דריבער האבען זייא מורא גיהאט טאמער וועלין זייא ארוים ציהען אקוויטול וואס אויף אים שטייט זקן וועלין זייא מוזין גיין צום אהל מועד. דריבער זענען זייא געבליבען אין דער מחנה און זענען ניט

גינאנגעו

אנו ראוין לאותה גדולה אמר הקב"ה הואיל ומעטתם עצמכם הריני מוסיף גדולה על גדולתכם ומה גדולה הוסיף להם שהנביאים כולם נתנבאו ופסקו והם נתנבאו ולא פסקו ומה נבואה נתנבאו אמרו משה מת יהושע מכניס את ישראל לארץ. אבא חנין אומר משום ר"א על עסקי שליו הם מתנבאים עלי שליו עלי שליו ר"נ אומר על עסקי גוג ומגוג היו מתנבאים שנא' (יחזקאל לח) כה אמר ה' (צבאות) [אלהים] האתה הוא אשר דברתי בימים קדמונים ביד עבדי נביאי ישראל הנבאים בימים ההם שנים להביא אותך עליהם וגו' אל תקרי שנים אלא שנים איזהו הן שנים נביאים שנתנבאו בפרק אחד נבואה אחת הוי אומר אלדד ומידד. אמר מר כל הנביאים כולם נתנבאו ופסקו והם נתנבאו ולא פסקו מנא לן דפסקי אילימא מדכתיב (במדבר יא) ויתנבאו ולא יספו אלא מעתה (דברים ה) קול גדול ולא יסף ה"נ דלא אוסיף הוא (אלא) דלא פסק הוא אלא

סבר משום הכי מנעו עצמן מן הגדולה ועשו עצמם כשרים ודלים לא נתגדלו כתיוכו במתנה) : דכל הנך אים כוין . אותן שבעים זקנים נתנבאו אותה שעה לאחר זמנה לבדה כמות עניכה הרוח סביבות האהל ופסקו : על עסקי שליו . לורך שעה היתה : אל תקרי שנים [בקמץ] אלא שנים : אילימא מדכתיב בהו . בשאר זקנים ולא יספו [ומפרשת ליה ולא יוסיפון] : אלא מעתה קול גדול ולא יסף דשכינה ה"נ דלא אוסיף אלא על כרחך דלא פסק הוא [קול שכינה אינו פסק] :

---

גיגאנגען צוהערו קוויטלאך. וואָרום אזוי איז געוועזען ווען גאָט האָט געזאגט צו משה פאר זאמעל צו מיר זיבעציג מענטשין. האָבען אלדד און מידד געזאגט מיר זענען ניט ווערט די גרויסקייט. האָט גאָט געזאגט ווייל איהר האָט אייך קליין געמאכט. וועל איך נאָך מעהרען גרויסקייט אויף אייער גרויסקייט: וואָס פאר א גרויסקייט האָט גאָט זייא געגעבען. וואָרום דיא אלע נביאים (דיא אכט און זעכציג מענטשין) האָבען נאָר נביאות געזאגט צו דער צייט און האָבען אויף געהערט. אָבער אלדד און מידד האָבען נביאות געזאגט און האָבען ניט אויף געהערט צו זאָגען נביאות זייא זענען געבליבען נביאים. וואָס איז געוועזען דיא נביאות וואָס אלדד און מידד האָבען איצט געזאגט. זייא האָבען געזאגט משה וועט שטארבען און יהושע וועט אריין ברענגען די יודען אין ארץ ישראל. אבא חנין זאגט פון רבי אליעזרס וועגען זייא האָבען נביאות געזאגט וועגען דעם שלו זיי האָבען געזאגט גיי אויף דו שלו. גיי אויף דו שלו. רב נחמן זאגט זיי האָבען נביאות געזאגט אויף דיא מלחמה פון גוג ומגוג וואָס עס וועט זיין ווען משיח וועט קומען. אזוי וויא עס שטייט אין פסוק אזוי האָט גאָט געזאגט אויף גוג ומגוג דוא ביסט דאָס דער וואָס איך האָב אויף דיר גירעט אין דיא ערשטע טעג (פאר אלאנגע צייט) דורך מיינע קנעכט דיא יודישע נביאים וואָס זיי האָבען נביאות געזאגט אין דיא טעג שנים להביא אותך עליהם. זאָלסט ניט לייענען שנים. יאָהרין. נאָר זאָלסט לייענען שנים. צוויי. צוויי נביאים האָבען אויף דיר נביאות געזאגט אז איך וועל דיך ברענגען אויף דיא יודין. ווער זענען דיא צוויי נביאים וואָס זייא האָבען נביאות געזאגט אין איין צייט איין נבואה. דאָס איז אלדד און מידד. פרעגט דיא גמרא דער תנא האָט פריער געזאגט אז אלע נביאים (דיא אכט און זעכציג זקנים) האָבען נביאות געזאגט נאָר צו דער צייט און זייא האָבען באלד אויף געהערט. אָבער אלדד און מידד האָבען נביאות געזאגט און האָבען ניט אויף געהערט: פון וואנען ווייסען מיר אז זייא האָבען אויף געהערט נביאות צו זאָגען. מיר זאָלין זאָגען ווייל עס שטייט אין פסוק ויתנבאו ולא יספו. טייטשט מען ולא יספו זייא האָבען ניט גימערט זייא האָבען איצט נביאות געזאגט און האָבען ניט גימערט נאָך נביאות צו זאָגען. איז דאָך אקשיא עס שטייט אין פסוק גאָט האָט גירעט מיט א גרויסע שטימע ולא יסף: וועסטו אויך טייטשין דיא שטימע האָט ניט גימערט גרוים צו זיין. ווערט דען דיא שטימע פון גאָט אָפ גימאטערט. נאָר מען מיינט דיא שטימע האָט ניט אויף געהערט זיא איז ניט קלענער געוואָרין. אזוי דא וואָס עס שטייט ולא יספו: מיינט מען אויך זייא האָבען נביאות געזאגט און האָבען ניט אויף געהערט נביאות צו זאָגען. ענטפערט דיא גמרא פון דאנען ווייסען מיר אז דיא אכט און זעכציג זקנים האָבען אויף געהערט נביאות צו זאָגען און אלדד און מידד האָבען ניט אויף געהערט

אלא הכא כתיב ויתנבאו התם כתיב מתנבאים עדיין מתנבאים והולכים. בשלמא למ"ד משה מת היינו דכתיב (במדבר יא) אדני משה כלאם אלא למ"ד הנך תרתי מאי אדני משה כלאם דלאו אורח ארעא דהוה ליה כתלמיד המורה הלכה לפני רבו בשלמא למ"ד הנך תרתין היינו דכתיב (שם) מי יתן אלא לכ"ד משה מת מינה הוה ניחא ליה לא סיימו קמיה מאי כלאם א"ל הטל עליהם צרכי צבור והם כלים מאליהם :

ובעלי קומה ומראה. שהאל אימתן מוטלת על הבריות : בעלי כשפים. לסמית מכשפים הבוטחים בכשפיהם לנצל מידי ב"ד ולגלות על המכשפין המכיתין ומדיחין בכשפיהן כגון המצריים : מפי התורגמן. כשבאים עדים לועזים להעיד בפניהם שלא יצטרכו להעמיד מליצים ביניהם דה"ל עד מפי עד : מה נחש ממית. אדם ובהמה : ומרבה טומאה. בבליעות וטומאת מת בעולם הכי הוא טהור כשהוא מת שאינו בכלל ח' שרצים : [ולא

**כח אמר** ר' יוחנן אין מושיבין בסנהדרין אלא בעלי קומה ובעלי חכמה ובעלי מראה ובעלי זקנה ובעלי כשפים ויודעים ע' לשון שלא תהא סנהדרין שומעת מפי התורגמן . אמר רב יהודה אמר רב אין מושיבין בסנהדרין אלא מי שיודע לטהר את השרץ כן התורה אמר רב אני אדון ואטהרנו (ע"כ) ומה נחש שממית ומרבה טומאה טהור

---

גיהערט נביאות צו זאגין . ווארום ביי די אכט אונ זעכציג זקנים שטייט ויתנבאו . זיי האבין נביאות גזאגט . אבער איצט זאגין זייא שוין ניט ; אבער ביי אלדד אונ מידד שטייט מתנבאים . די זאגין נביאות . זייא זאגין נאך איצט אויך ווייטער נביאות . פרעגט דיא גמרא דער וואס זאגט אז די נביאות פון אלדד אונ מידד איז גיוועזן אז משה וועט שטארבין . איז רעכט וואס יהושע האט גזאגט צו משה מיין האר משה פר לענדט זייא . אבער נאך דעם וואס זאגט דיא צווייא זאכען . אז אלדד אונ מידד האבען נביאות גזאגט אויף דעם שלו אדער אויף גוג ומגוג . פר וואס הט יהושע גזאגט צו משה מיין האר משה פר לענדט זייא . פר וואס זאל מען זיי פאר לענדין . ענטפערט דיא גמרא ווייל עס איז ניט קיין דרך ארץ זיי זאלין נביאות זאגין פאר משה . ווארום דאס זעהט אויס וויא א תלמיד פסקנט א דין פר זיין רבי וואס איז קומט מיתה . פרעגט דיא גמרא נאך דעם וואס זאגט דיא צווייא זאכען . אז אלדד אונ מידד האבען נביאות גזאגט אויף דעם שלו אדער אויף גוג ומגוג . איז רעכט וואס עס שטייט אין פסוק משה האט גיענטפערט ווער וואלט געבין אז אלע זאלין זיין נביאים . אבער דער וואס זאגט אז אלדד אונ מידד האבען נביאות גזאגט משה וועט שטארבין . אויף דעם האט משה גיענטפערט ווער וואלט געבין אז אלע זאלין זיין נביאים . איז דען דאס ביי משה ליב גיוועזן ער זאל שטארבין ; ענטפערט דיא גמרא מען האט נאר גזאגט פאר משה אז אלדד אונ מידד זאגין נביאות אין דער מחנה . אבער וואס זייא זאגין דאס הט מען אים נישט דער ציילט . דריבער האט ער גזאגט ווער וואלט געבין אז אלע זאלין זיין נביאים . פרעגט דיא גמרא וואס מיינט מען כלאם . מען זאל זייא פאר לענדין . זאל מען זיי דען הרגנן . ענטפערט די גמרא יהושע הט גזאגט צו משה ווארף ארויף אויף אלדד אונ מידד די משא פון די יודין וועלין זייא פר לענדט ווערין פון זיך אליין :

**כח** אמר . רבי יוחנן הט גזאגט סנהדרין מאכט מען ניט קיין אנדערע מענטשין נאר הויכע אונ קלוגע אונ שיינע אונ אלטע אונ זאלין קענען כישוף (זייא זאלין וויסען ווער עס איז א מכשף זייא זאלין אים הרגנן) . אונ זייא זאלין קענען זיבעציג שפראכין . דיא סנהדרין זאלין ניט דארפין הערין פון א טאלמאטש . נאר זייא זאלין אליין פאר שטיין וואס מען רעט צו זייא . רב יהודה האט גזאגט פון רבס וועגין מען מאכט ניט פאר סנהדרין נאר אזעלכע מענטשין וואס ווייסען אפ צו לערנען פון דער תורה אז א שרץ איז טהור . האט רב גזאגט איך קען אויך אפ לערנען פון דער תורה אז א שרץ איז טהור . כאטש א שלאנג וואס ער הרגעט פיל מענטשין אונ פיל בהמות אונ ער ברענגט פיל טומאה אויף דער וועלט . פון דעכטוועגין דער שלאנג אליין אז ער פייגערט איז ער ניט מטמא . אשרץ וואס ער הרגעט ניט אונ ער ברענגט ניט קיין טומאה אויף דער וועלט . דארף דאך געוויס זיין דער דין אז דער שרץ פייגערט זאל ער ניט מטמא זיין

טהור שרץ שאינו ממית ומרבה טומאה אינו דין שיהא טהור ולא היא מידי דהוה אקוץ בעלמא :

**כמ נאמר** רב יהודה אמר רב כל עיר שאין בה שנים לדבר ואחד לשמוע אין מושיבין בה סנהדרין וכו' מיתיבי שלישית חכמה רביעית אין למעלה הימנה הוא דאמר כי האי תנא ד] תניא שניה חכמה שלישית אין למעלה הימנה למדין לפני חכמים לוי מרבי . דנין לפני חכמים שמעון בן עזאי ושמעון בן זומא וחנן המצרי וחנינא בן חכינאי . רב נחמן בר יצחק מתני ה' שמעון ושמעון חנן וחנניא .

הוא . גלו ד"ו הוא . דהין זה חומר אם הוא ממית ומרבה טומאה שהרי כמו כן יש קוצים שהם ממיתין ומרבין טומאה וכן סוברין : שנים לדבר . בע' לשון : ואחד לשמוע . שיהיה מבין בע' לשון ואע"פ שאינו יודע להשיב : שלישית חכמה . כסנהדרין שיש בה שלשה מדברים בשבעים לשון חכמה הוא וכשירה אלמא ג' בעינן לדבר : למדין לפני חכמים . כל היכא דאיתמר למדין לפני חכמים היינו לוי שהיה למד לפני רבי : ר"נ . מוסיף שמעון התימני ותתמהן לא כלו לפקום ויושבים בקרקע ומשיבין תשובות קושיות לזקנים

רבותינו שבבבל רב ושמואל . רבותינו שבארץ ישראל רבי אבא . דייני גולה קרנא , דייני דא"י ר' אמי ור' אסי , דייני דפומבדיתא רב פפא בר שמואל . דייני דנהרדעא רב אדא בר מניומי . סבי דסורא רב הונא ורב חסדא . סבי דפומבדיתא רב יהודה ורב עינא .

חריפי

---

זיין . זאגט דיא גמרא דאס איז ניט קיין קל וחומר . ווארום דער שלאנג טוהט אזו וויא אדארין . דער דארין הרגת אויך פיל מענטשין אונ בהמות אונ ער איז טהור . אזוי איז דער שלאנג אויך טהור . אזוי וויא איך קען ניט אפ לערנען דעם שרץ פון דעם דארין מיט דעם קל וחומר אז דער שרץ זאל זיין טהור . אזוי קען איך ניט אפ לערנען דעם שרץ פון דעם שלאנג מיט א קל וחומר אז דער שרץ זאל זיין טהור :

**כמ** אמר . רב יהודה האט גזאגט פון רבס וועגין דיא שטאט וואס אין איר איז נישטא צווייא מענטשין וואס קענען ריידין זיבעציג שפראכין . אונ נאך איינער זאל זיין וועניגסטונס זאל ער פאר שטיין די זיבעציג שפראכין . אפילו ער קען זייא ניט ריידין . אויב אזעלכע דרייא מענטשין זענין נישטא אין די שטאט . מאכט מען ניט קיין סנהדרין אין דיא שטאט . פרעגט דיא גמרא מיר האבען דאך גילערנט אז דרייא מענטשין וואס קענען ריידין זיבעציג שפראכין זענין דא אין א שטאט . הייסט זיא אקלוגע שטאט . אונ מען מאכט אין איר סנהדרין . אונ אויב אין דיא שטאט איז דא פיר מענטשין וואס קענען ריידין זיבעציג שפראכין . דארף מען גאר ניט בעסער . ווען מיר אז מען מאכט אנדערש ניט סנהדרין אין א שטאט סיידין עס זענין דא דרייא וואס קענען ריידין זיבעציג שפראכין . איז דאך א קשיא אויף רב יהודה . ענטפערט דיא גמרא רב יהודה זאגט וויא דער תנא וואס ער האלט עס איז גינוג אויב צוויי קענען ריידין זיבעציג שפראכין . ווארום מיר האבען גילערנט אז צווייא מענטשין וואס קענען ריידין זיבעציג שפראכין זענען דא אין א שטאט . הייסט דיא אקלוגע שטאט . אונ מען מאכט אין איר סנהדרין . אונ אויב אין דיא שטאט איז דא דרייא מענטשין וואס קענען ריידין זיבעציג שפראכין . דארף מען גאר ניט בעסער . אונ דיא מענטשין וואס קענען ריידין דיא זיבעציג שפראכין וועלין זייא זיין פון דיא סנהדרין . זאגט דיא גמרא וואו עס שטייט מען האט גילערנט פר דיא חכמים . מיינט מען לוי האט גילערנט פאר רבי . אונ וואו עס שטייט מען האט גיקלערט פר דיא חכמים . מיינט מען דיא פיר שמעון בן עזאי אונ שמעון בן זומא אונ חנן המצרי אונ חנינא בן חכינאי . רב נחמן בר יצחק לערנט פינף מענטשין . שמעון בן עזאי אונ שמעון בן זומא אונ שמעון התימני אונ חנן אונ חנניא . אונ וואו עס שטייט דיא רבנן פון בבל . מיינט מען רב אונ שמואל . אונ וואו עס שטייט דיא רבנן פון ארץ ישראל . מיינט מען רבי אבא . אונ וואו עס שטייט דיא דיינים פון בבל . מיינט מען קרנא . דיא דיינים פון ארץ ישראל מיינט מען רבי אמי אונ רבי אסי . דיא דיינים פון פומבדיתא מיינט מען רב פפא בר שמואל . דיא דיינים פון נהרדעא מיינט מען רב אדא בר מניומי . דיא אלטע לייט פון סורא מיינט מען רב הונא אונ רב חסדא . דיא אלטע לייט פון פומבדיתא מיינט מען רב יהודה אונ רב עינא . די חריפים פון פומבדיתא די מענטשין פון

פומבדיתא

חריפי דפומבדיתא עיפא ואבימי בני רחבא . אמוראי דפומבדיתא רבה ורב יוסף . אמוראי דנהרדעא רב חמא . נהרבלאי מתני רמי בר ברבי . אמרי בי רב רב הונא והאמר רב הונא אמרי בי רב אלא רב המנונא . אמרי במערבא רבי ירמיה . שלחו מתם ר׳ יוסי בר חנינא . מחכו עלה במערבא ר׳ אליעזר . והא שלחו מתם לדברי רבי יוסי בר חנינא אלא איפוך שלחו מתם רבי אליעזר מחכו עלה במערבא ר׳ יוסי בר חנינא :

זכיין דמים בהלכה : והא שלחו מתם לדברי ר׳ יוסי בר חנינא מוליא (תני) מכלל דיכן בפרק (זה בורר) ואחד דיני ממונות אלמא שלחו מתם לאו ר׳ יוסי בר חנינא הוא :

עשרה דברים. ב״ד וגבאין ומחלקין הוו להו הלת מילי . רופא . למול תינוקות : אומן . מקיז דם : לבלר . לכתוב ספרים : קופה נגבית בשנים ומתחלקת בשלשה . טעמא מפרש בהבוהפין : שרי אלפים שש מאות היו . שהרי ישראל שש מאות אלף רגלי :

ל תניא כל עיר שאין בה עשרה דברים הללו אין תלמיד חכם רשאי לדור בתוכה בית דין מכין ועונשין . וקופה של צדקה נגבית בשנים ומתחלקת בשלשה . ובית הכנסת . ובית המרחץ . ובית הכסא רופא ואומן ולבלר . ומלמד תינוקות . משום רבי עקיבא אמרו אף מיני פירא מפני שמיני פירא מאירין את העינים :

(דף יח) לא ת״ר (שמות יח) ושמת עליהם שרי אלפים שרי מאות שרי חמשים ושרי עשרות שרי אלפים שש מאות שרי מאות ששת אלפים שרי חמשים

---

פומבדיתא האבען שארפע שכלען . דאס מיינט מען עיפא אונ אבימי דיא קינדער פון רחבה . דיא אמוראים פון פומבדיתא מיינט מען רבה אונ רב יוסף . דיא אמוראים פון נהרדעא מיינט מען רב חמא . וואו עס שטייט נהרבלאי מתני ודיא מענטשין פון נהרבלאי האבען גילערונט דאס מיינט מען רמי בר ברבי . וואו עס שטייט אמרי בי רב ומען האט גזאגט אין בית המדרש האט דאס רב הונא גזאגט אין בית המדרש . פרעגט דיא גמרא רב הונא אליין האט דאך גזאגט מען האט גזאגט אין בית המדרש . נאר מען מיינט רב המנונא האט גזאגט אין בית המדרש . וואו עס שטייט מען האט גזאגט אין ארץ ישראל . איז דאס רבי ירמיה . וואו עס שטייט מען האט געשיקט פון דארטין : האט דאס רבי יוסי בר חנינא געשיקט . וואו עס שטייט מען האט גילאכט אויף דעם אין ארץ ישראל : האט דאס רבי אליעזר גילאכט . פרעגט די גמרא עס שטייט דאך מען האט געשיקט פון דארטין נאך דיא רייד פון רבי יוסי בר חנינא . זעהן מיר דאך אז איין אנדערער האט געשיקט ניט רבי יוסי בר חנינא . נאר פר קערט איז . וואו עס שטייט מען האט געשיקט פון דארטין . האט דאס רבי אליעזר געשיקט . אונ וואו עס שטייט מען האט גילאכט אויף דעם אין ארץ ישראל : דאס האט רבי יוסי בר חנינא גילאכט :

ל תניא . מיר האבען גילערונט דיא שטאט וואס אין איר איז ניטא דיא צעהן זאכען טאר ניט אתלמיד חכם וואוהנען אין איר . דאס זענען דיא צעהן זאכען . בית דין וואס זאלין שלאגין אונ שטראפין דיא רשעים . אונ אקאסטען מיט צדקה געלט וואס צווי מענטשין זאלין צו זאמען נעמען דאס געלט פון דיא בעלי בתים . אונ דריי מענטשין זאלין צו טיילען דאס געלט צוא דיא ארעמע לייט . אונ אשוהל צום דאוונען זאל זיין . אונ אבאד . אונ אבית הכסא . אונ אדאקטאר . אונ אפעלטשער אז מען דארף איינעם בלוט לאזין . אשרייבער צוא שרייבען ספרי תורות אונ תפלין אונ מזוזות . אונ אמלמד וואס לערונט מיט קליינע קינדער . פון רבי עקיבאס וועגין האט מען גיזאגט אין דער שטאט זאל זיין מינים פירות . ווארום פירות מאכען ליכטיג די אויגען :

לא תנו רבנן . דיא רבנן האבען גילערונט עס שטייט אין פסוק דו זאלסט טאהן אויף די יודין שרים אויף טויזענדער . שרים אויף הונדערטער . שרים אויף פופציגער . שרים אויף צעהנדליגען . די שרים פון טויזענדער זענען גיוועזן זעקס הונדערט . די שרים פון הונדערטער

ננעזע

חמשים שני עשר אלף שרי עשרות ששת רבוא נמצאו דייני ישראל שבעת רבוא ושמונת אלפים ושש מאות :

# כהן גדול פרק שני

**א משנה** ר' יהודה אומר נושא המלך אלמנתו של מלך שכן מצינו בדוד שנשא אלמנתו של שאול שנאמר (ש"ב יב) ואתנה לך את בית אדוניך ואת נשי אדוניך בחיקך : (ש"ב כ"ב) **גמ'** [גופא] אין מושיבין מלך בסנהדרין ולא מלך וכ"ג בעיבור שנה. מלך בסנהדרין דכתיב (שמות כג) לא תענה על ריב לא תענה על רב . ולא מלך וכ"ג בעיבור שנה מלך משום אפסניא כ"ג משום צינה אמר רב פפא שמע מינה שתא בתר ירחא אזיל איני והא הנך שלשה רועי בקר דהוו קיימי ושמעינהו רבנן דקאמרי חד אמר אם בכיר ולקיש

לא תענה על רב. אינך רשאי לסתור את דברי מופלא בבדיינים ולי אמר מלך הובה הו לא (מגיה) [מאי איכא] למתוי ליה זכותא : משום אספניא מהלך ממון לתיילותיו כך וכך לשנה ונוח לו שיהו כל השנים מעוברות : כ"ג. אינו רוצה שתתעבר שנה מפני צינה שצריך לטבול ולקדש בי"ה ה' טבילות וי' קדושין ואם תתעבר השנה הוי תשרי במרחשון וצינת חשון תהיה בתשרי : א"ל . רב פפא ש"מ הא דקתני ולא כ"ג בעיבור שנה שתא בתר ירחא אזיל אחר ירחים הראויים להיות אם לא נתעברה המלך קור והוס כל שנה וצינה הראויה במרחשון הויא בתשרי כשמתעבר : אם בכיר ולקיש כהדא יינן דין הוא אדר . אם יפא חום בקרקע ונצמח זרע הבכיר והאפיל יחד הטים שנזרעו בלאב האדם והבעורים שנזרעו עכשיו דין הוא אדר ואם לאו ניה דין אדר

---

וועגען געוועזען זעקס טויזענד . דיא שרים פון פופציגער זענען געוועזען צוועלף טויזענד . דיא שרים פון צעהנדליגען זענען געוועזען זעכציג טויזענד . צו זאמען זענען געוועזען די דיינים פון יודען אכט אונ זיבעציג טויזענד מיט זעקס הונדערט :

## פרק שני

**א** משנה . רבי יהודה זאגט אמלך מעג נעמען דיא אלמנה פון אמלך . ווארום געפינען מיר ביי דוד המלך ער האט גינומען דיא אלמנה פון שאול המלך . אזו וויא עס שטייט אין פסוק גאט האט גזאגט צו דוד המלך איך האב גיגעבין צו דיר די הויז פון דיין האר (פון שאול) אונ דיא ווייבער פון דיין האר (פון שאול) האב איך גיגעבין אין דיין שוים . פרעגט דיא גמרא מיר האבען גילערענט אמלך טאר ניט זיין איינער פון דיא סנהדרין (דיינים) . אונ אמלך אונ אכהן גדול טארין ניט זיצען צווישען דיא דיינים וואס קלערין אויב מען זאל מאכען דעם יאר מעובר (צוויי מאהל אדר) . זאגט דיא גמרא פאר וואס איז דער דין : אמלך טאר ניט זיצען צווישען דיא סנהדרין ווייל עס שטייט אין פסוק לא תענה על ריב . מיינט מען דוא זאלסט ניט ענטפערין על רב . אויף אגרויסען מאן . אז דער גרעסטער פון דיא סנהדרין וועט זאגין אזוי איז דער דין . זאלסטו ניט ענטפערין דער דין איז ניט אזוי : אונ אז אמלך וועט זיצען צווישען די סנהדרין אונ ער וועט זאגין אויף איינעם ער איז אומגירעכט . וועט אים שוין קיינער ניט קענען גירעכט מאכען . אונ פאר וואס טאר ניט זיצען אמלך אונ אכהן גדול צווישען די דיינים ווס קלערין אויב מען זאל מאכען דעם יאהר מעובר . זאגט דיא גמרא ווייל דער מלך וויל אלע יאהר זאל זיין מעובר . ווארום ער צאהלט זיינע חיל יארליכע פענסיע . למשל פון איין חודש תשרי ביז צום אנדערין חודש תשרי . דריבער וויל ער בעסער דער יאהר זאל זיין מעובר וועט זיין ראש חודש תשרי מיט אחודש שפעטער . דער כהן גדול וויל אלע יאהר זאל ניט זיין מעובר : ווארום ער וויל דער חודש תשרי זאל זיין נענטער צו זומער . עס זאל זיין ווארעם אום יום כפור ווען ער דארף טאהן דיא עבודה אין בית המקדש אונ דארף זיך פינף מאהל טובל זיין אין מקוה . אונ צעהן מאהל וואשען די הענט מיט דיא פיס . אונ אז עס איז צוויי מאהל אדר איז דער חודש תשרי אין דער צייט ווען עס דארף זיין דער חודש חשון איז דאך דיא קעלט פון חשון אין תשרי . רב פפא זאגט פון דאנען זעהן מיר אז דיא קעלט אונ די היץ פון דעם יאהר גייט נאך דיא חדשים ווס עס דארף זיין אז דער יאהר וואלט ניט גיוועזען מעובר . דריבער אז מען מאכט אעיבור דיא קעלט וואס עס דארף זיין אין חשון איז אין תשרי . פרעגט דיא גמרא עס איז דאך

ניט

ולקיש כחדא יינץ דין הוא אדר ואם לאו לית דין אדר וחד אמר אם תיר בצפר בתלג ימות ובטיהרא בטול תאנה ידמוך ישלח משכיה דין הוא אדר ואם לאו לית דין אדר וח"א אם קידום תקיף לחדא יהא יפח בלועך נפיק לקיבליה דין הוא אדר ואם לאו לית דין אדר ועברוה רבנן לההוא שתא ותסברא רבנן ארעייתא סמוך אלא רבנן אחושבנייהו סמוך ורועי בקר איסתיועי הוא דאיסתייעא מילתייהו :

(דף יט) א **תנו** רבנן בראשונה היו אבלים עומדים וכל העם עוברים והיו ב' משפחות בירושלים מתגרות זו בזו זאת אומרת אני עוברת [תחלה] וזאת אומרת אני עוברת [תחלה] התקינו שיהיו העם עומדים ואבלים עוברים :

מלך

אלא שבט : אם תור בנסר בתלג"י ימות : אם בבקר יהא קור חזק עד שיהא השור קרוב למות מחמת צינה : ובטיהרא בטול התאנה ידמוך . ובצהרים תגדל כח החום עד שיהא השור מיגל בצל התאנה מחמת החום : ישלח משכיה . ויפשוט עורו כלומר יתחכך בתאנה מחמת החום : אם קידום תקיף להדא יהא יפח בלועך נפיק לקבליה . אם כבר חשש כח החורף כ"כ שבשיהא רוח מזרחית חזקה אחד והיא מביאה ליכה ואתה נפיך מגשב ויוצא לקראתה ונפיתוך קשה מן הרוח ומהמתנה דין אדר : ואם לאו . שעדיין יש ליכה חזקה לית דין אדר אלא שבט : ועברוה רבנן . ומשאוהו כשבט שקבעו אדר השני אחריו אלמא שהא נחר פיסולא אויל ולא נהגא הוס דניסן באדר אלא מנהג אדר באדר השני : רבנן אחושבנייהו סמוך . ובלאו הכי מעברין ליה : והאי איסתיועי שאסתייעא מילתייהו . כלומר איתרמי להו מזל תשיבות דאיקלע עיבור כמילתייהו ומיא ברוב העבורים שהא נחר ירחא הוא :
וכל העם עוברים . איש איש כשמגיע אצל אבל מתנחם ועובר :

---

גיט אזוי . ווארום אמאהל זענען גישטאנען דריי אקסן פאסטיכער . האבען דיא רבנן גיהערט וויא דיא פאסטיכער זאגין איינער צום אנדערין . איין פאסטוך זאגט אז עס איז אזוי ווארעם אז דיא ווייץ וואס איז פריא געזייט גיווארין אונ דיא גערשטין וואס איז שפעטער געזייט גיווארין שפראצין צו זאמען . דאס איז אדר . אונ אויב עס איז ניט אזוי ווארעם . איז דאס נאך ניט אדר נאר שבט . דער אנדערער פאסטוך האט גזאגט אויב דעם אקס איז אין דער פריא אזוי קאלט אז ער פיגערט שיעור פר קעלט . אונ ביי טאג איז אזוי היים אז דער אקס שלאפט אינטער דעם שאטען פון אפייגין בוים . אונ ער וויל דיא פעל פון זיך אראפ ווארפען פון היץ . דס איז אדר . אונ אויב עס איז ניט אזוי איז דאס נאך ניט אדר נאר שבט . דער דריטער פאסטוך האט גזאגט אויב עס איז אשטארקער מזרח ווינט זאלסטו בלאזין מיט דיין מויל קעגין דעם ווינט . אויב דיין בלאזין וועט דער ווארעמען דעם ווינט . דס איז אדר . אונ אויב דיין בלאזין וועט ניט דער ווארעמען דעם ווינט איז דאס נאך ניט אדר נאר שבט . וויא די רבנן האבען גיזעהן דיא סימנים האבין זייא מעבר גיוועזן דעם יאהר . זיי האבען גימאכט צוויי מאהל אדר . זעהן מיר אז ניט דיא ווארעם פון ניסן איז גיוועזן אין אנדערין אדר . נאר די קעלט פון ערשטין אדר איז גיוועזן אין אנדערין אדר . אונ דיא קעלט פון שבט איז גיוועזן אין ערשטין אדר . גייט דאך ניט דיא קעלט מיט דיא ווארעם נאך די נעמען פון די חדשים . נאר זיא גייט נאך די צייטין פון יאהר . וויא דיא זוהן גייט . ענטפערט די גמרא וויא פר שטייסטו האבין זיך דען די רבנן פר לאזין אויף דיא פאסטוכער . נאר דיא רבנן האבען זיך פר לאזין אויף זייער רעכענונג . אונ אן די פאסטוכער וואלטין זיי אויך גימאכט דעם יאהר אעיבור . נאר עס האט גיטראפען אז די פאסטוכער האבין מיט זייערע סימנים מיט גיהאלפען צו דיא רבנן . אבער אלע יאהר אנדערע גייט טאקי די קעלט מיט דיא ווארעם נאך דיא חדשים אונ אז מען מאכט אעיבור . איז אין אנדערין אדר דא דיא ווארעם פון ניסן :

ב **תנו רבנן** . דיא רבנן האבען גילערנט אין אנהייב איז גיוועזן דער מנהג אז מען פלעגט גיין צוריק פון דעם מת בגראבין פלעגין דיא אבלים שטיין אונ דאס גאנצע פאלק וואס זענין גיוועזן ביי דער לויה זענין גיגאנגען פר ביי דעם אבל . אונ יעדער האט גזאגט צו אים גאט זאל דיך טרייסטין . צוויי משפחות זענין גיוועזן אין ירושלים אז דיא ביידע משפחות זענין גיוועזן צוזאמען ביי אלויה . האבען זייא גקריגט איינע מיט די אנדערע . די משפחה האט גזאגט איך וועל גיין פריער צום אבל . אונ די אנדערע משפחה האט גזאגט איך וועל גיין פריער צום אבל . האבען די חכמים גזאגט דס פאלק זאל שטיין אונ די אבלים זאלין דורך גיין :

מלך

**ג פיסקא** מלך לא דן ולא דנין אותו. אמר רב יוסף לא שנו אלא מלכי ישראל אבל מלכי בית דוד דן ודנין אותו דכתיב (ירמיה כא) בית דוד כה אמר ה' דינו לבקר משפט ואי לא דיינינן להו אינהו היכי דייני והכתיב (צפניה ב) התקוששו וקושו ואמר ריש לקיש קשוט עצמך ואחר כך קשוט אחרים אלא מלכי ישראל מ"ט לא משום מעשה שהיה דעבדיה דינאי מלכא קטל נפשא אמר להו שמעון בן שטח לחכמים תנו עיניכם בו ונדוננו שלחו ליה עבדך קטל נפשא שדריה להו שלחי ליה תא אנת נמי להכא (שמות כא) והועד בבעליו אמרה תורה יבא בעל השור ויעמוד על שורו אתא ויתיב אמר ליה שמעון בן שטח ינאי המלך עמוד על רגליך ויעידו בך ולא לפנינו אתה עומד אלא לפני מי שאמר והיה העולם אתה עומד שנא' (דברים יט) ועמדו שני האנשים אשר להם הריב וגו' א"ל לא כשתאמר אתה אלא כמה שיאמרו חבירי ך (ע"ב) נפנה לימינו כבשו פניהם

תנו עיניכם. להוו כדין ולא תחניפו לו ולא תשאו פניו: ויעידו בך. בעבדך הרג את הנפש דעבדו כחמורו והפסד ממון הוא לו לפיכך צריך לבוא כפניו: נפנה. שמעון לימינו. לידע אם יאמרו כמותו: כבשו

ט

---

**ג** פיסקא. מלך. אמלך זאל ניט זיין אדיין. אונ דיינים זאלין ניט משפטין דעם מלך. רב יוסף זאגט דאס איז נאר ביי די מלכים פון אנדערע שבטים. אבער די מלכים וואס זענין פון דוד המלך'ס משפחה. דער מלך מעג זיין אדיין. אונ דיינים מעגין אידם משפטין. וואָרום עס שטייט אין פסוק די משפחה פון דוד אזוי האט גאט גזאגט איר זאלט משפטין אין דער פריא זייערע משפטים. אונ אויב דיא מלכים וואלטין ניט געמשפט געווארין. וואלטין זייא ניט גיטענט משפטין אנדערע מענטשין. וואָרום עס שטייט אין פסוק התקוששו וקושו. האט ריש לקיש גזאגט דער טייטש איז אמענטש זאל פריער זיך אליין צירען. דער נאך וועט ער צירען אנדערע. דאס מיינט מען פריער זאל אמענטש אליין פרום זיין. דער נאך וועט ער שטראפין אנדערע זיי זאלין אויך פרום זיין. ביי דעם מלך איז אויך אזוי. אויב דיינים מעגין אים משפטין; וועט ער דאך ניט טאהן קיין אומרעכט. מעג ער משפטין אנדערע מענטשין זיי זאלין אויך ניט טאהן קיין אומרעכט. אונ אז די מלכים פון דוד'ס משפחה משפטין אנדערע מענטשין. איז געווים אז אנדערע דיינים משפטין זייא אויך. נאר דיא מלכים פון אנדערע שבטים פאר וואס טארין זייא ניט משפטין. זאגט דיא גמרא ווייל אמאהל האט אזוי גיטראפען. דער קנעכט פון ינאי המלך האט גיהרגת אמענטשין. הט שמעון בן שטח גזאגט צו די חכמים גיט אייערע אויגען אויף דעם קנעכט אונ איר זאלט אים משפטין. האבען דיא חכמים געשיקט צו ינאי המלך דיין קנעכט האט גיהרגת אמענטשין. האט ינאי געשיקט דעם קנעכט צו דיא חכמים זייא זאלין אים משפטין. האבין דיא חכמים געשיקט צו ינאי קים דוא אויך אהער צו אונז. ווארום עס שטייט אין פסוק והועד בבעליו. מען זאל עדות זאגין צום בעל הבית. דיא תורה האט גזאגט דער בעל הבית פון אָקס זאל קומען אונ זאל שטיין דער ביי ווען מען וועט עדות זאגין אויף דעם אָקס. אונ אקנעכט איז אויך דאס געלט פון בעל הבית אזוי וויא אאָקס. דריבער אז מען וויל דעם בעל הבית שאדין מאכען געלט. מען זאל הרגנן זיין קנעכט אדער זיין אקס. מוז דער בעל הבית זיין ביי בית דין ווען דיא עדות בשולדיגען דעם קנעכט אדער דעם אקס מען זאל אים הרגנן. איז ינאי המלך גיקומען צו בית דין אונ האט זיך גיזעצט. האט שמעון בן שטח גזאגט צו אים ינאי המלך שטעל דיך אויף דיינע פיס. וועט מען עדות זאגין אויף דיר. אונ ניט פר אונז וועסטו שטיין נאר פר גאט וואס ער האט בשאפען די וועלט וועסטו שטיין. אזוי וויא עס שטייט אין פסוק זאלין שטיין דיא צוויי מענטשין וואס צוא זייא איז דיא קריג. הט ינאי גזאגט צו שמעון בן שטח ניט וויא דוא זאגסט. נאר ווי דיינע חברים וועלין זאגין. אויב זייא וועלין אויך זאגין אז איך דארף שטיין. וועל איך שטיין. האט שמעון בן שטח זיך גיקערט צו די חכמים וואס זענען גיזעסין אין זיין רעכטע זייט זעהן אויב זייא וועלין

פניהם בקרקע נפנה לשמאלו כבשו פניהם בקרקע אמר להם שמעון בן שטח בעלי מחשבות אתם יבא בעל מחשבות ויפרע מכם מיד בא גבריאל וחבטן בקרקע ומתו באותה שעה אמרו מלך לא דן ולא דנין אותו לא מעיד ולא מעידין אותו:

פניהם. שהיו יראים ממנו: בעל מחשבות. הקב"ה: מלוה איח לך גבאי. עושר גד לי דוקא אתיים לא קבלתי: בעת תת. כשהגיע עת לתתה לדוד נתנה לעדריאל: מלוה ופרוטה. מלוה עושר גדול שהעשרתי לך בשביל גלית ופרוטה שוה כסף קבלתי

ד **שאלו** תלמידיו את ר' יוסי היאך נשא דוד שתי אחיות בחייהן אמר להן מיכל אחר מיתת מרב נשאה. ר' יהושע בן קרחה אומר קידושי טעות היה לו במירב שנאמר (ש"ב ג) תנה את אשתי את מיכל אשר ארשתי לי במאה ערלות פלשתים מאי תלמודא א"ר פפא מיכל אשתי ולא מרב אשתי. מאי קידושי טעות דכתיב (ש"א יז) והיה האיש אשר יכנו יעשרנו המלך עושר גדול ואת בתו יתן לו אזל קטליה א"ל מלוה אית לך גבאי והמקדש במלוה אינה מקודשת אזל יהבה לעדריאל דכתיב (שם יח) ויהי בעת תת את מרב בת שאול לדוד והיא נתנה לעדריאל המחולתי לאשה א"ל אי בעית דאתן לך מיכל זיל אייתי לי מאה ערלות פלשתים אזל אייתי ליה א"ל שאול מלוה ופרוטה אית לך גבאי שאול סבר מלוה

---

וועלין אויך זאגין וויא ער. אז ינאי דארף שטיין. האבען זייא אראפ גיבויגין דעם פנים צו דער ערד. אונ האבען מורא גיהאט צו זאגין. האט שמעון בן שטח זיך גיקערט צו דיא חכמים וואס זענען גיזעסין אין זיין לינקע זייט. זעהן אויב זייא וועלין אויך זאגין וויא ער. אז ינאי דארף שטיין. האבין זייא אויך אראפ גיבויגין דעם פנים צו דער ערד. אונ האבען אויך מורא גיהאט צו זאגין. האט שמעון בן שטח גיזאגט צו די חכמים איר מאכט אייך אזוי וויא איר וואלט גיוועזן פאר טראכט; זאל קומען גאט וואס ער ווייס וואס איר טראכט. אונ ער זאל גיצאהלט ווערין פון אייך. איז באלד גיקומען דער מלאך גבריאל אונ האט גיווארפין אלע חכמים אויף דער ערד אונ זייא זענען גישטארבען. אין דיא צייט האט מען גיזאגט א מלך זאל ניט משפטין אונ מען זאל אים ניט משפטין. ער זאל ניט זיין א עדות. אונ מען זאל ניט זאגין עדות אויף אים:

ד **שאלו**. דיא תלמידים האבין גיפרעגט ביא רבי יוסי וויא אזוי האט דוד גינומען צוויא שוועסטערין ווען זייא האבין גילעבט. האט רבי יוסי גיזאגט דוד האט גינומען מיכל דער נאך וויא מרב איז גישטארבין. רבי יהושע בן קרחה זאגט דיא קידושין וואס דוד האט מקדש גיווען מרב דאס איז גיוועזן מיט א טעות. איז מרב גאר ניט גיוועזן א ווייב פון דוד: דריבער האט דוד גינומען נעמען מיכל ווען מרב האט נאך גילעבט. ווארום עס שטייט אין פסוק דוד האט גיזאגט גיב מיר מיין ווייב מיכל וואס איך האב זיא מקדש גיוועזן מיט דיא הונדערט ערלות פון דיא פלשתים. וויא אזוי לערנען מיר אפ פון דעם פסוק. האט רב פפא גיזאגט אזוי האט דוד גימיינט מיכל איז מיין ווייב אבער נישט מרב איז מיין ווייב. פאר וואס איז גיוועזן דיא קידושין פון מרב מיט א טעות. ווארום עס שטייט אין פסוק אונ עס וועט זיין דער מענטש וואס וועט אים שלאגין דעם גלית הפלשתי וועט דער מלך אים רייך מאכין מיט א גרויסע רייכקייט אונ זיין טאכטער וועט ער אים געבין פר א ווייב. איז גיגאנגען דוד אונ האט גיהרגט דעם גלית הפלשתי. האט שאול גיזאגט צו דוד דוא האסט ביא מיר א חוב. איך בין דיר שולדיג א גרויסע רייכקייט: אונ אנדערע קידושין האסטו איהר ניט גיגעבין אונ אז מען איז מקדש א אשה מיט א חוב איז זיא ניט מקודש. איז גיגאנגען שאול אונ האט גיגעבין זיין טאכטער מרב צו עדריאל פאר א ווייב. אזוי וויא עס שטייט אין פסוק אונ עס איז גיוועזן אין דער צייט ווען מען האט גידארפט געבין מרב דיא טאכטער פון שאול צו דוד. איז זיא געגעבין גיווארין צו עדריאל המחולתי פאר א ווייב. האט שאול גיזאגט צו דוד אויב דו ווילסט איך זאל דיר געבין פאר א ווייב מיין טאכטער מיכל. גיי ברייננ מיר הונדערט ערלות פון דיא פלשתים.

כלוה ופרוטה דעתיה אמלוה ודוד סבר מלוה ופרוטה דעתיה אפרוטה ואבע"א דכ"ע מלוה ופרוטה דעתיה אפרוטה שאול סבר לא חזי ולא מידי ודוד סבר חזו לכלבי ושונרי. ור' יוסי האי הנה את אשתי את מיכל מאי דריש ביה ר' יוסי לטעמיה דתניא רבי יוסי היה דורש שתי מקראות מעורבין כתיב (ש"ב כא) ויקח המלך את שני בני רצפה בת איה אשר ילדה לשאול את ארמוני ואת מפיבושת ואת חמשת בני מיכל בת שאול אשר ילדה לעדריאל המחולתי וכי מיכל לעדריאל נתנה והלא לפלטי בן ליש נתנה דכתיב (שם כה) ושאול נתן את מיכל בתו אשת דוד לפלטי בן ליש וגו' אלא מקיש קדושי מרב לעדריאל לקדושי מיכל לפלטי מה קדושי מיכל לפלטי בעבירה אף קדושי

ממך כהלין ערלות פלשתים: באהוב ככר. דעתיה דמקדש לקדש במלוה דהבירא הילכך לאו קידושין נינהו ואזל יהבה לפלטי בן ליש: ודוד סבר דעתיה הפרוטה. משום הכי קרי לה אשתי: האי הנה את אשתי את מיכל. דמשמע זו אשתי ולא מרב אשתי: מאי דריש ביה. רבי יוסי דלא דריש ולא מרב אשתי: לטעמיה. דדריש מקראות מעורב כדלקמן דמה מיכל אשתי אף מרב אשתי: קדושי מיכל לפלטי. פסוקא לן דבעבירה דהא כתיב אשתי מיכל וקיימא לן

איז גיגאנגען דוד אונ האט געברייננט צו שאול הונדערט ערלות פון דיא פלשתים. האט שאול גיזאגט צו דוד איצט האסטו ביי מיר אחוב וואס איך האב צו גיזאגט דיך רייך צוא מאכין אונ אפרוטה האסטו מיר גיגעבין אויף קידושין ווארום דיא הונדערט ערלות זענען דאך עפעס ווערט. ווארום דער וואס האט אהונט ביי זיך אין שטוב וועט עפעס געבין פאר דיא הונדערט ערלות ער זאל זייא געבין עסין זיין הונטו: שאול האט גיטראכט וויל דוד האט ביי אים צו מאנען אחוב אונ אפרוטה. געווים וויל דוד מקדש זיין דיא טאכטער מיינע מיט דעם חוב ניט מיט דיא פרוטה (ווארום דער חוב איז דאך מער וויא די פרוטה) אונ אז מען איז מקדש מיט אחוב איז דאך ניט קיין קידושין. איז מיכל אויך ניט מקודש צו דוד דריבער האט שאול אוועק גיגעבין זיין טאכטער מיכל צו פלטי בן ליש פאר אווייב. אונ דוד זאגט אז איינער האט ביי אאשה אחוב אונ ער גיט איר נאך צו אפרוטה אונ ער זאגט דו זאלסט זיין מקודש צו מיר. מיינט ער זי זאל מקודש ווערין מיט דער פרוטה. ניט מיט דעם חוב ווארום אז ער וואלט איר ווערין מקדש זיין מיט דעם חוב צו וואס האט ער גיגעבין דיא פרוטה. אונ אז דו ווילסט וועל איך דיר זאגין שאול אונ דוד האבין ביידע גיהאלטין אז איינער מאנט אחוב ביי אאשה אונ ער גיט איר צו אפרוטה אויך. אונ ער זאגט צו איר דו זאלסט צו מיר מקודש ווערין. האט ער גימיינט זיא זאל מקודש ווערין מיט דער פרוטה. נאר שאול האט גיטראכט אז דיא הונדערט ערלות וואס דוד האט גיבראכט זענען גאר נישט ווערט. אפרוטה אויך נישט. אונ דוד האט גיטראכט דער וואס האט ביי זיך אהונט אדער אקאץ וועט עפעס געבין פאר דיא הונדערט ערלות ער זאל זייא געבין עסין זיין הונט אדער זיין קאץ. זענען זיי דאך אלין ווערט אפרוטה. פרעגט דיא גמרא רבי יוסי וואס ער זאגט אז דוד הט גינומען מיכל דער נאך וויא מרב איז גישטארבין. צו וואס האט דוד גזאגט גיב מיר מיין ווייב מיכל: זעהט אויס אז ער מיינט צו זאגין מיכל איז מיין ווייב. אונ ניט מרב. אפילו מרב וואלט גיוועזן זיין ווייב וואלט ער דאך אויך גימעגט נעמען מיכל. ווארום מרב איז דאך שוין גישטארבין. ענטפערט דיא גמרא פאר קערט איז דריבער האט דוד גזאגט מיכל איז מיין ווייב. צו זאגין אזוי וויא מיכל איז מיין ווייב איז מרב אויך גיוועזן מיין ווייב. ווארום מיר האבען גילערונט רבי יוסי האט גידרשת צוויי צו מישטע פסוקים. אין איין פסוק שטייט דער מלך האט גינומען דיא צוויי קינדער פון רצפה בת איה וואס זיא האט גיבארין צו שאול. איינער האט גיהייסען ארמוני דער אנדערער האט גיהייסען מפיבושת. אונ דיא פינף קינדער פון מיכל בת שאול וואס זיא האט זייא גיבאהרין צו עדריאל המחולתי. איז דען מיכל גיוועזן דיא ווייב פון עדריאל. זיא איז דאך גאר גיוועזן דיא ווייב פון פלטי בן ליש. אזוי וויא עס שטייט אין פסוק שאול האט גיגעבין זיין טאכטער מיכל די ווייב פון דוד צו פלטי בן ליש. נאר מיר גלייכען דיא קידושין וואס עדריאל האט מקדש גיוועזן צו מרב. צו דיא קידושין וואס פלטי האט מקדש גיוועזן צו מיכל. אזוי וויא דיא קידושין וואס פלטי

חאט

דעתיה לפרוקה דבת קדושין היא: ולאתו היהודיה. כלכב בן יפונה מתתי קרא יהודיה על שם שכפרה בע"ז ומתגיירה שכל הכופר בע"ז נקרא יהודי דכתיב איתי גוברין יהודאין וגו': ירד אבי גדור. כולן שמותיו של משה הן:
תולדות אהרן ומשה ומפרש בהדיה בני אהרן

קרושי מרב לעדריאל בעבירה ור' יהושע בן קרחה נמי הכתיב (ש"ב כא) את חמשת בני מיכל בת שאול וכי מיכל ילדה והלא מרב ילדה אמר לך ר' יהושע מרב ילדה ומיכל גידלה לפיכך נקראו על שמה ללמדך שכל המגדל יתום בתוך ביתו מעלה עליו הכתוב כאילו ילדו ר' חנינא אומ' מהכא (רות ד) ותקראנה לו השכנות שם לאמר יולד בן לנעמי וכי נעמי ילדה והלא רות ילדה אלא רות ילדה ונעמי גידלה לפיכך נקרא על שמה. ר' יוחנן אמר מהכא (ד"ה א ד) ואשתו היהודיה ילדה את ירד אבי גדור וגו' אלה בני בתיה בת פרעה אשר לקח מרד מרד זה כלב ולמה נקרא שמו מרד שמרד בעצת מרגלים וכי בתיה ילדה והלא יוכבד ילדה אלא יוכבד ילדה ובתיה גידלה לפיכך נקרא על שמה. ר' אלעזר אמר מהכא (תהלים עז) גאלת בזרוע עמך בני יעקב ויוסף סלה וכי יוסף ילד והלא יעקב ילד אלא יעקב ילד ויוסף כלכל לפיכך נקראו על שמו:

**הא"ר** שמואל בר נחמני א"ר יונתן כל המלמד בן חברו תורה מעלה עליו הכתוב כאילו ילדו שנאמר (במדבר ג) ואלה הולדות אהרן ומשה וכתיב (שם) ואלה שמות בני אהרן לומר לך אהרן ילד ומשה לימד לפיכך נקראו על שמו (ישעיה כט) לכן

כה

---

האט מקדש געוועזן צו מיכל. איז דאך געוועזן אעבירה. וואָרום מיכל איז דאך געוועזן דיא ווייב פון דוד. אזוי דיא קידושין וואס עדריאל האט מקדש געוועזן צו מרב איז אויך געוועזן אעבירה. וואָרום מרב איז אויך געוועזן דיא ווייב פון דוד. פרעגט דיא גמרא אויף רבי יהושע בן קרחה איז דאך אקשיא. עס שטייט אין פסוק דיא פינף קינדער פון מיכל בת שאול. האט דען מיכל זייא געבאָרין. מרב האט דאך זיי געבאָרין. זאָגט דיא גמרא רבי יהושע וועט דיר ענטפערין מרב האט זייא געבאָרין. אונ מיכל האט זיי געהאָדעוועט. דריבער ווערין זייא גירופען אויף איר נאָמען. דער פסוק לערנט אונז אז דער וואס האָדעוועט איתום ביי זיך אין שטוב. רעכונט אויף אים דער פסוק גלייך וויא ער וואלט אים געבאָרין. רבי חנינא זאָגט דאס ווייסין מיר פון דעם פסוק. דיא שכנות האָבען אים גירופען אנאמען. זייא האָבען גזאָגט עס איז געבאָרין געוואָרין אזוהן צו נעמי. האט דען נעמי געבאָרין דעם זוהן. רות האט דאך געבאָרין דעם זוהן. נאָר רות האט דעם קינד געבאָרין אונ נעמי האט דעם קינד געהאָדעוועט. דריבער ווערט ער גירופען אויף דעם נאָמען פון נעמי. רבי יוחנן זאָגט דאס ווייסען מיר פון דעם פסוק זיין ווייב דיא יהודיה הט געבאָרין דעם ירד אבי גדור (דאס מיינט מען משה רבינו). דאס זענען דיא קינדער פון בתיה בת פרעה וואס מרד האט איר גינומען פר אווייב. מרד איז כלב. פר וואס האט מען גירופען צו כלב מרד. וויל ער האט מורד געוועזן וער האט ניט געפאָלגט דיא עצה פון דיא מרגלים. איז דאך אקשיא האט דען בתיה געבאָרין משה. יוכבד הט דאך געבאָרין משה. נאָר יוכבד הט אים געבאָרין. אונ בתיה הט אים געהאָדעוועט. דריבער ווערט ער גירופען אויף דעם נאָמען פון בתיה. רבי אלעזר זאָגט דס ווייסען מיר פון דעם פסוק דוא האסט געלייזט מיט שטאַרקייט דיין פאָלק דיא קינדער פון יעקב אונ יוסף. האט דען יוסף געבאָרין דיא יודין. יעקב האט דאך געבאָרין דיא יודין. נאָר יעקב האט זייא געבאָרין. אונ יוסף האט זייא געשפייזט. דריבער ווערין דיא יודין גירופען אויף דעם נאָמען פון יוסף:

**ה** אָמר. רבי שמואל בר נחמני האט גזאָגט פון רבי יונתן וועגין דער וואס לערנט תורה מיט זיין חברס זוהן. רעכונט אויף אים דער פסוק גלייך וויא ער וואלט אים געבאָרין. אזוי וויא עס שטייט אין פסוק דאס זענען דיא קינדער פון אהרן אונ משה וועהט אויס אז דער פסוק וויל זאָגין דיא נעמען פון אהרןס קינדער אונ פון משהס קינדער. דער נאך זאָגט דער פסוק דאס זענען דיא נעמען פון אהרןס קינדער. אונ משהס קינדער זאָגט גאָר ניט דר פסוק.

צו

כה אמר ה' אל בית יעקב אשר פדה את אברהם וכי היכן מצינו ביעקב שפדה לאברהם א"ר יהודה שפדאו מצער גידול בנים והיינו דכתיב (שם) לא עתה יבוש יעקב ולא עתה פניו יחורו לא עתה יבוש יעקב מאביו ולא עתה פניו יחורו מאבי אביו :

**ו כתיב** (ש"א כה) פלטי וכתיב (ש"ב ג) פלטיאל אמר רבי יוחנן פלטי שמו ולמה נקרא שמו פלטיאל שפלטו אל מן העבירה מה עשה נעץ חרב בינו לבינה אמר כל העוסק בדבר זה ידקר בחרב זה והכתיב (ש"ב ג) וילך אתה אישה שנעשה לה כאישה והכתיב הולך ובכה על מצוה דאזיל מיניה. עד בחורים שנעשו שניהם כבחורים שלא טעמו טעם ביאה . א"ר יוחנן תוקפו של יוסף ענותנותו של בועז . תוקפו של בועז ענותנותו של פלטי בן ליש . תוקפו של

אלא הוזכרו בני משה שם : שפדאו מצער גידול בנים . שהוטל עליו טורח בשבטים [באשר אברהם היה מוטל אותו טורח דכתיב והרביתי את זרעך והוא פדאו] : (ובתוספות הקשו ואמרו דלא היה אלא דאינו לצער אלא שמחה כדאמרינן גבי עובד אדום שברכו ה' בבנים בשכר הארון שהיה בביתו ועוד דאברהם היה לו בנים מקטורה וי"ל לצער של יוסף ואחיו וגלגול ירידת מצרים) :
והא כתיב אישה . אלמא בא עליה : שנעשה לה כאישה . שהיה מגדלה ומחבבה : הלך ובכה אחריה . בקושיא קא נסיב לה : עד בחורים . קרא קא דריש ואזיל : תוקפו של יוסף ענותנותו של בועז . דבר גדול של יוסף כדבר קל וקטן שבבועז תוקף דבר גדול וחמור ויש לו שם ענוה דבר קטן
אלא

---

צו זאגן אונז אז אהרנ'ס קינדער זענען אויך משה'ס קינדער . ווארום אהרן האט זייא געבאהרין . אונ משה האט מיט זייא געלערנט תורה . דריבער ווערין זייא גירופען אויף דעם נאמען פון משה . אין פסוק שטייט אזוי האט גיזאגט גאט צו דיא הויז געזינד פון יעקב וואס ער האט אויס גילייזט אברהם . וואו געפינען מיר אז יעקב האט אויס גילייזט אברהם . הט רבי יהודה גזאגט יעקב האט אויס גילייזט אברהם פון דעם צער צו אדערוועהן דיא קינדער . ווארום אברהם האט גידארפט אדערוועהן דיא צוועלף שבטים . האט יעקב אים אויס גילייזט אונ ער האט זייא גיאדערוועט . דאס איז וואס דער פסוק זאגט ניט איצט וועט זיך יעקב שעמען אונ ניט איצט וועט זיין פנים ווייס ווערין . ניט איצט וועט זיך יעקב שעמען פאר זיין פאטער יצחק וואס פון אים איז עשו געבארין געווארין . אונ ניט איצט וועט זיין פנים ווייס ווערין פאר זיין פאטערס פאטער אברהם וואס פון אים איז ישמעאל געבארין געווארין . ווארום דיא קינדער פון יעקב זענען אויך דיא קינדער פון יצחק אונ זייא זענען אויך דיא קינדער פון אברהם . נאר יעקב האט זיי גיאדערוועט :

כתיב . אין איין פסוק הייסט ער פלטי . אונ אין אנדערין פסוק הייסט ער פלטיאל . רבי יוחנן זאגט זיין נאמען איז פלטי . אונ פר וואס רופט מען אים פלטיאל . וייל גאט האט איהם אפ גערהיט ער זאל ניט טאהן אעבירה . ער זאל ניט בועל זיין מיכל די וייב פון דוד . וואס האט פלטי גיטאהן ער האט איין גישטעקט אשווערד צווישען אים אונ איר . אונ ער האט גיזאגט ווער עס וועט וועלין בועל זיין די אשה . זאל ער גישטאכען ווערין מיט דעם שווערד . פרעגט דיא גמרא עס שטייט דאך אין פסוק ווען איש בשת האט אפ גינומען מיכל פון פלטי אונ ער האט זיא געפירט צו דוד איז איר מאן גיגאנגען מיט איר . זעהן מיר דאך אז פלטי איז גיוועזן איר מאן . ענטפערט דיא גמרא פלטי האט ליב גיהאט מיכל אזוי וויא ער וואלט גיוועזן איר מאן . אבער ער האט איר קיין מאהל ניט בועל גיוועזן . פרעגט דיא גמרא עס שטייט דאך אין פסוק אז פלטי האט געוויינט . אונ אז מיכל איז ניט גיוועזן זיין וייב ווס הט ער געוויינט . ענטפערט די גמרא ער האט געוויינט אויף דיא מצוה וואס פון אים איז אוועק גיגאנגען . ווארום אז אמענטשי האלט איין דעם יצר הרע אונ זינדיגט ניט . איז גלייך וויא ער וואלט גיטאהן אמצוה . עס שטייט אין פסוק זייא זענען גיקומען ביידע ופלטי אונ מיכל) ביז בחורים . זייא זענען ביידע גיווארין וויא בחורים . זייא האבען ניט פאר זוכט דעם טעם פון תשמיש המטה . רבי יוחנן זאגט וואס ביי יוסף איז גיוועזן אגרויסע זאך . איז דאס ביי בועז גיוועזן אקליינינקייט . אונ וואס ביי בועז איז גיוועזן אגרויסע זאך איז דאס ביי פלטי בן ליש גיוועזן אקליינינקייט . וואס ביי יוסף איז גיוועזן אגרויסע

פירוש

שאין לו בם האדם עושה לפי חומו : שנעשה בשרו. אבל : כראשי לפחות . נהקשה ואעפ"כ כבש יצרו ואע"פ שפנויה היתה ועמו במטה אבל יוסף אשת איש היתה ולא היה עמו במטה : תוקפו של בועז ענותנותו של פלטי . דאילו בועז חדא לילה ופלטי שנים רבות : דורו של משה ויהושע . עסקו בתורה הרבה ודורו של חזקיה יותר מהם כדכתיב והוכל עול מפני שמן ואמרינן בחלק הוכל עול של סנחריב מפני שמנו של חזקיה שהיה דולק בבית מדרשות עד שבדקו מדן ועד באר שבע ולא מצאו עם הארץ : מתכסין בטלית אחת . עניים היו :

של יוסף ענותנותו של בועז דכתיב (רות ג) ויהי בחצי הלילה ויחרד האיש וילפת מאי וילפת א"ר שנעשה בשרו כראשי לפתות (דף כ) תוקפו של בועז ענותנותו של פלטי בן ליש כדאמרן : אמר רבי יוחנן מ"ד (משלי יא) רבות בנות עשו חיל ואת עלית על כלנה רבות בנות עשו חיל זה יוסף ובועז ואת עלית על כלנה זה פלטי בן ליש . א"ר שמואל בר נחמן א"ר יונתן מ"ד (שם) שקר החן והבל היופי שקר החן זה יוסף והבל היופי זה בועז , יראת ה' היא תתהלל זה פלטי בן ליש . ד"א שקר החן זה דורו של משה . והבל היופי זה דורו של יהושע . יראת ה' היא תתהלל זה דורו של חזקיה . ד"א שקר החן זה דורו של משה ויהושע והבל היופי זה דורו של חזקיה . יראת ה' היא תתהלל זה דורו של רבי יהודה בר אלעאי שהיו ששה תלמידים מתכסים בטלית אחת ועוסקים בתורה :

---

אגרויסע זאך איז ביי בועז גיוועזן אקליינינקייט . ווארום עס שטייט אין פסוק ביי בועז אונ עס איז גיוועזן אין האלבע נאכט ויחרד האיש . דער מענטש איז דער שראקן גיווארין . וילפת וואס מיינט מען וילפת . רב זאגט דיא מילה זיינע איז גיווארין הארט . פון גרויס תאוה . פון דעסטוועגין האט ער איין גינומען דעם יצר הרע . איז דאך בועז גרעסער גיוועזן ווי יוסף . ווארום ביי יוסף מיט פוטיפרע איז זיא גיוועזן אגויה אונ אאשת איש אונ ניט מיט אים אין איין בעט . אונ ביי בועז מיט רות איז זיא גיוועזן איודישע אונ אלידיגע אן אמאן אונ מיט אים אין איין בעט . פון דעסטוועגין האט ער איין גיהאלטען דעם יצר הרע . אונ ווס ביי בועז איז גיוועזן אגרויסע זאך איז דאס ביי פלטי בן ליש גיוועזן אקליינינקייט . ווארום ביי בועז איז דאך נאר גיוועזן איין נאכט . אונ ביי פלטי בן ליש מיט מיכל איז דאך גיוועזן עטליכע יאהר ואזוי וויא עס שטייט פריערג . רבי יוחנן האט גזאגט עס שטייט אין פסוק פיל טעכטער האבען גיטאהן גרויסקייט אונ דוא ביסט ארויף גיגאנגען אויף אלע . פיל טעכטער האבען גיטאהן גרויסקייט דאס מיינט מען יוסף אונ בועז . אונ דוא ביסט ארויף גיגאנגען אויף אלע דאס מיינט מען פלטי בן ליש . רבי שמואל בר נחמן האט גזאגט פון רבי יונתנס וועגין עס שטייט אין פסוק דער חן איז פאלש אונ די שיינקייט איז נארעשקייט אונ גאר נישט . דר חן איז פאלש דס הט גזאגט יוסף אויף פוטיפרע . אונ די שיינקייט איז גאר נישט דס הט גזאגט בועז אויף רות . די אשה ווס הט מורא פר גאט זי ווערט גילויבט דאס האט גזאגט פלטי בן ליש אויף מיכל . אנדערע זאגין דער חן איז פאלש דאס האט גזאגט דער דור פון משה (דער חן וואס האט געפונען ביי גאט דיא דורות וואס זענען גיוועזן פאר משה . ווייל זייא האבען מקיים גיוועזן דיא זיבען מצות וואס גאט הט גיבאטען . אבער אין דיא צייט פון משה וואס ער האט גינומען פון גאט דיא גאנצע תורה . איז דער פריערדיגער חן גאר ניט גיוועזן) . אונ דיא שיינקייט איז נאר נישט דאס האט גזאגט דער דור פון יהושע (דיא שיינקייט וואס דער דור פון משה האט גיהאט ביי גאט . ווייל זייא האבען מקיים גיוועזן די תורה : דאס איז גאר נישט געגין דעם דור פון יהושע . ווארום זייער פיל מצות האט גיפעלט ביי דעם דור פון משה . אונ דער דור פון יהושע האט שוין גיקענט מקיים זיין אלע מצות) . דיא מורא פון גאט זיא ווערט גילויבט דאס האט גזאגט דער דור פון חזקיהו . ווארום אין דעם דור פון חזקיהו האט מען גילערונט תורה אונ מען האט מקיים גיוועזן מצות נאך מער וויא אין דעם דור פון יהושע . אנדערע זאגן דער חן איז פאלש דאס האט גזאגט דער דור פון משה אונ פון יהושע . (וויא פריער שטייט) די שיינקייט איז גאר נישט דאס האט גזאגט דער דור פון חזקיהו המלך : (וויא פריער שטייט) דיא מורא פון גאט זיא ווערט גילויבט דאס האט גזאגט דער דור פון רבי יהודה בר אלעאי . ווארום אין זיין צייט האט מען גילערונט תורה נאך מער וויא אין דיא צייט פון חזקיהו המלך . ווארום זעקס תלמידים

זענען

**ז ת"ר** מקום שנהגו נשים לצאת אחר המטה יוצאות. לפני המטה יוצאות. ר' יהודה אומר לעולם נשים לפני המטה יוצאות שכן מצינו בדוד שיצא אחר מטתו של אבנר שנא' (ש"ב ג) והמלך דוד הולך אחר המטה אמרו ליה לא היה הדבר אלא לפיים את העם נתפייסו שהיה דוד יוצא מבין האנשים ונכנס לבין הנשים ויצא מבין הנשים ונכנס לבין האנשים שנא' (שם) וידעו כל העם וכל ישראל כי לא היתה מהמלך להמית את אבנר. **דרש רבא** מ"ד (שם) ויבא כל העם להברות את דוד כתיב להכרות וקרינן להברות בתחלה להכרותו ולבסוף להברותו. א"ר יהודה אמר רב מפני מה נענש אבנר מפני שהיה לו למחות בשאול ולא מיחה ר' יצחק אמר מיחה ולא נענה ושניהם מקרא אחד דרשו (שם) ויקונן (על) [המלך אל] אבנר ויאמר הכמות נבל ימות אבנר ידיך לא אסורות ורגליך לא לנחשתים

רבי יהודה אומר לעולם לפני המטה יוצאות שכן מצינו בדוד שיצא אחר מטתו של אבנר. ואי ס"ד נשים אחר המטה הוצרך דוד להלוך עם הנשים: בתחלה להכרותו. שהיו סבורין שמאתו היתה הריגת אבנר: ולבסוף להברותו. שידעו בבירור שלא מאת דוד נהרג אבנר: למחות בשאול. בהריגת נוב עיר הכהנים: ידיך לא אסורות: אדם חשוב היית בשאול והיה לך למחות ולפני שלא

---

וענן גיוועזן צוא גידעקט מיט איין קלייד (אזוי ארעם וענען זייא גיוועזן) אונ האבען גיהערונט תורה:

ז תנו רבנן. דיא רבנן האבען גיהערונט אויף דעם ארט וואו דער מנהג איז אז ווייבער גייען ביי אלויה נאך דער מטה. זאלין זיי גיין נאך דער מטה. אונ וואו דער מנהג איז אז ווייבער גייען ביי אלויה פאר דער מטה. זאלין זייא גיין פר דער מטה. רבי יהודה זאגט אייביג זאלין גיין ווייבער ביי אלויה פר דער מטה. ווארום מיר געפינען אז דוד איז גיגאנגען נאך דער מטה פון אבנר. אונ אז ווייבער וואלטין גיגאנגען נאך דער מטה. וואלט דען דוד גיגאנגען צו זאמען מיט דיא ווייבער. געוויס גייען דיא ווייבער פאר דער מטה אונ דוד איז גיגאנגען נאך דער מטה. אזוי וויא עס שטייט אין פסוק דער קעניג דוד גייט נאך דער מטה. האבען דיא חכמים גיזאגט צו רבי יהודה פון דארטין איז ניט קיין ראיה. ווארום דאס וואס דוד איז גיגאנגען נאך דער לויה פון אבנר דאס האט ער נאר גיטאהן צו איבער בעטין דאס פאלק אונ זייא צו ווייזן אז ניט דורך אים איז אבנר גיהרגת גיווארין אונ דאס פאלק איז איבער גיבעטין גיווארין. דהיינו איז דוד ארוים גיגאנגען פון צווישען דיא מאנספייט אונ איז אריין גיגאנגען צווישען די נקבות. אונ ער איז ארוים גיגאנגען פון צווישען די נקבות אונ איז אריין גיגאנגען צווישען די מאנספייט. אזוי וויא עס שטייט אין פסוק דאס גאנצע פאלק אונ אלע יודין האבען געוואוסט אז עס איז ניט גיוועזן פון דוד צו הרגנן אבנר. אונ אז דוד איז גיגאנגען צווישען מאנען אונ ווייבער קענען מיר דאך ניט וויסען וואו דיא ווייבער זענען גיגאנגען פאר דער מטה צו נאך דער מטה. רבא האט גידרשת עס איז געשריבען להברות את דוד. אונ מיר לייענען להכרות את דוד. נאר אין אנהייב איז דאס פאלק גיקומען להכרות את דוד. צו פאר שניידין דודן. צו הרגנן אים. וייל זיי האבען גימיינט אז דורך דוד איז אבנר גיהרגת גיווארין. דער נאך וויא זייא האבען גיזעהן אז דוד איז גאר ניט שולדיג אין דעם טויט פון אבנר. איז גיוועזן להברות את דוד. צו געבין עסין דודן. אונ ער האט דעם טאג גיפאסט. רב יהודה האט גיזאגט פון רבם וועגין פאר וואס איז אבנר גישטראפט גיווארין ווייל ער האט גידארפט שטערין שאול. ער זאל ניט הרגנן דיא כהנים פון נוב. אונ ער האט ניט גישטערט. רבי יצחק זאגט אבנר האט טאקי גישטערט שאולן ער זאל זייא ניט הרגנן. שאול האט אים אבער ניט גיענפערט. אונ ביידע (רב אונ רבי יצחק) דרשנן פון איין פסוק. עס שטייט אין פסוק דער מלך דוד האט גיטרויערט אויף אבנר אונ ער הט גיזאגט הכמות נבל ימות אבנר. אבנר זאל שטארבין אזוי וויא איינער פון די שלעכטע מענטשין. דיינע הענט זענען דאך ניט גיוועזן גיבונדין. אונ דיינע פיס האבען ניט גיגענט צוא דיא קופערנע קייטין. דער וואס זאגט אז אבנר איז גישטראפט גיווארין ווייל ער האט ניט גישטערט שאולן ער זאל ניט הרגנן דיא כהנים. האט דוד אזוי גיזאגט צו אבנר. דו ביסט דאך גיוועזן אגרויסער שר דיינע הענט זענען ניט גיוועזן גיבונדען ודוא האסט גיקענט טאהן וואס דוא

האסט

הונשו מאן דאמר לא מיחה הכי קאמר מכדי ידיך לא אסורות ורגליך לא לנחשתים הונשו מאי טעמא לא מחית כנפול לפני בני עולה נפלת. ומ"ד מיחה ולא נענה אתמוהי מתמה הכמות נבל ימות אבנר ידיך לא אסורות ורגליך לא לנחשתים מכדי מחויי קא מחית מ"ט כנפול לפני בני עולה נפלת למ"ד מיחה מ"ט איענש אמר רב נחמן בר יצחק ששהה מלכות בית דוד שתי שנים ומחצה:

**ח** רבי יוסי אומר כל האמור בפרשת מלך מלך מותר בו ר' יהודה אומר לא נאמרה פרשה זו אלא כדי לאיים עליהם שנאמר (דברים יז) שום תשים עליך מלך שתהא אימתו עליך וכן היה רבי יהודה אומר שלש מצות נצטוו ישראל בכניסתן לארץ להעמיד להם מלך ולהכרית זרעו של עמלק ולבנות להם בית הבחירה רבי נהוראי אומר לא נאמרה פרשה זו אלא כנגד

פירוש

מחית כנפול לפני בני עולה נפלת: מכדי מחויי מחית. וה"ק ידיך לא אסורות היו לא נהגת בעצמך חשוב אלא בכל כחך גנית דעתך ומחית כאויל: ששהה מלכות בית דוד שהעמיד את איש בושת למלך ואם לא שהעמידו אבנר את דוד היו ממליכין ומשמלך איש בשת עד יום שמלך דוד על כל ישראל היו שתי שנים ומחצה שתי שנים לאיש בשת וחצי שנה בין מיתתו למלכות דוד שמשמת שאול מלך דוד בחברון וכתיב בחברון מלך מלך שבע שנים וששה חדשים את מכן חמש שנים מבין מיתת שאול למלכות איש בושת דאמר בסדר עולם והימים אשר מלך דוד על ישראל וגו' נמצאת מלכות ישראל בטלה ה' שנים אלמא ה' שנים היו בלא מלך נשיירו שתי שנים ומחצה ממלכות איש בשת למלכות דוד:

בפרשת מלך. בספר שמואל (א ח) בניכם ובנותיכם יקח וכיוצא בהם: לא נאמרה. פרשה דשמואל אלא לאיים עליהם שתהא אימתו עליהם אבל אינו מותר לעשות: ה"ג לא נאמרה פרשה זו אלא לאיים עליהם ול"ג ליראם ולבהלם דהא לר' יהודה כוונו שהרי נצטוו ישראל על כך וה"ג בתוספתא: ג' מצות. להכי נקט שלש הללו שהן תלויה זו בזו לעשותן כסדרן כדמפרש לקמן בתחלה מלך ולהכרית עמלק ואחריה בית הבחירה: בכניסתן לארץ. דבכולהו כתיב ירושה וישיבה וירשתה וישבתה בה ואמרת אשימה עלי מלך בעמלק כתיב והיה בהניח ה' וגו' ובבנין בית הבחירה כתיב ועברתם את הירדן וישבתם בארץ וגו' והדר כתיב והיה המקום וגו': לא נאמרה פרשה זו. שום תשים עליך מלך משום מצוה אלא כנגד תרעומתם שנגלוי לפניו

---

האסט געוואלט. אונ דיינע פיס זענען ניט געוועזן געבונדען מיט קייטען. (דוא האסט געקענט גיין וואו דוא האסט געוואלט). פאר וואס האסטו ניט געשטערט שאולן ער זאל ניט הרגנן דיא כהנים. אונ וייל דוא האסט ניט געשטערט. דריבער ביסטו געפאלען אזוי וויא איינער פאלט פאר שלעכטע מענטשין. אונ דער וואס זאגט אז אבנר האט יא געשטערט שאולן. נאר שאול האט אים ניט געפאלגט. האט זיך דוד געוואונדערט אבנר זאל שטארבין אזוי וויא אשלעכטער מענטש שטארבט. דיינע הענט זענען דאך ניט געוועזן געבונדען אונ דיינע פיס זענען ניט געוועזן געבונדען מיט קייטען. נאר דו ביסט געגאנגען צו שאול אונ דוא האסט געטאהן וואס עס איז נאר מעגליך געוועזן צו רעטין (מציל זיין) דיא כהנים שאול זאל זייא ניט הרגנן. פאר וואס ביסטו געפאלען אזוי וויא איינער פאלט פאר שלעכטע מענטשין: פרעגט דיא גמרא דער וואס זאגט אז אבנר האט יא געשטערט שאולן ער זאל ניט הרגנן דיא כהנים. פאר וואס איז אבנר געשטראפט געווארין. רב נחמן בר יצחק זאגט וייל ער האט אפ געהאלטען דיא מלוכה פון דוד צוויי מיט אהאלב יאהר. ווארום באלד וויא שאול איז געשטארבען האבען דיא יודין געוואלט מאכען דודן פר אמלך. הט אבנר ניט געלאזין אונ ער הט געמאכט אמלך איש בשת דער זוהן פון שאול. אונ דער איש בשת איז געוועזן אמלך צוויי מיט אהאלב יאהר:

**ח** רבי יוסי זאגט אלץ וואס שמואל הנביא האט געזאגט צו דיא יודין אין דיא פרשה פון מלך (שמואל א ח). דער מלך וועט צו נעמען זייערע זיהן אונ זייערע טעכטער אונ זייערע פעלדער אונ ויין גערטנער. דאס אלץ מעג טאקי דער מלך צו נעמען. רבי יהודה זאגט דער מלך טאר דאס ניט נעמען. שמואל הנביא האט נאר געזאגט די אלע זאכען צו מאכען אמורא אויף דיא יודין. זייא זאלין מורא האבען פאר דעם מלך. אזוי וויא עס שטייט אין פסוק דוא זאלסט מאהן אויף דיר אמלך. דיא מורא פון מלך זאל זיין אויף דיר. אונ אזוי הט רבי יהודה געזאגט דריי מצות זענען דיא יודין געבאטען געווארין צו טאהן ווען זייא וועלין אריין קומען אין ארץ ישראל. זייא זאלין אויף שטעלין אמלך. אונ זייא זאלין פר שניידין די קינדער פון עמלק. אונ זייא זאלין באהען אבית המקדש. רבי נהוראי זאגט וואס דיא תורה זאגט מען זאל מאכען אמלך איז דאס ניט ווייל עס איז אמצוה צו מאכען אמלך. נאר אויב דיא יודין וועלין שרייען

וויא

כנגד תרעומתן שנא' (שם) ואמרת אשימה עלי מלך וגו' תניא רבי אליעזר אומר זקנים שבדור כהוגן שאלו שנא' (ש"א ח) תנה לנו מלך לשפטנו אבל עמי הארץ שבהן קלקלו שנאמר (שם) והיינו גם אנחנו ככל הגוים ושפטנו מלכנו ויצא לפנינו. תניא (אידך) רבי (יוסי) (יודא) אומר שלש מצות נצטוו ישראל בכניסתן לארץ להעמיד להם מלך ולהכרית זרעו של עמלק ולבנות להם בית הבחירה. ואיני יודע איזה מהן תחלה כשהוא אומר כי יד על כס יה מלחמה לה' בעמלק הוי אומר להעמיד להם מלך תחלה ואין כסא אלא מלך שנאמר (ד"ה א כט) וישב שלמה על כסא ה' למלך ועדיין איני יודע אם להכרית זרעו של עמלק תחלה ואם לבנות בית הבחירה כשהוא אומר (דברים יב) והניח (ה') לכם מכל אויביכם וגו' והיה המקום אשר יבחר ה' וגו' הוי אומר להכרית זרעו של עמלק תחלה וכן בדוד הוא אומר (שמואל ב ז) ויהי כי ישב המלך דוד בביתו וה' הניח לו מסביב וכתיב (שם) ויאמר המלך אל נתן הנביא ראה נא אנכי יושב בבית ארזים וגו':

אמר

לפיו שהקדימו לו רעה על כך נומר וכיימו גם אנחנו ככל הגוים [בגמרא] ואמרת אשימה שהיה להם לומר כן: רבי נהוראי אומר כו'. ר"נ לית בתוספתא וחדא משיטות הוא דהא קיימא לן בעירובין דהוא רבי נחמיה הוא רבי נהוראי: עמי הארץ קלקלו. דאלו זקנים באלו לשופטם ולרדות הסרבנים שבהם אבל עמי הארץ באו עליו מלחמותיהם שאמרו ויצא לפנינו ונלחם את מלחמותינו:

---

זייא ווילען אמלך. מעג מען מאכען אמלך. אזוי וויא עס שטייט אין פסוק אז דוא וועסט זאגן איך וועל מאכען אויף מיר אמלך. מעגסטו מאכען אמלך. אבער בעסער איז זייא זאלין נים האבען אויף זיך אמלך. וואָרום גאָט איז זייער מלך. מיר האבען גילערונט רבי אליעזר זאגט דיא אלטע לייט פון דעם דור האבען גיבעטין וויא מען דארף. אזוי וויא עס שטייט אין פסוק זייא האבען גזאגט צו שמואל גיב אונז אמלך ער זאל אונז משפטין. אבער דם פראסטע פאלק האבען געזינדיגט אזוי וויא עס שטייט אין פסוק זייא האבען גזאגט מיר ווילען אויך זיין אזוי וויא אלע פעלקער אונ אונזער מלך זאל אונז משפטין אונ ער זאל ארויס גיין פר אונז. אונ ער זאל מלחמה האלטען אונזערע מלחמות. דאבען זייא אפ גיטאהן זייער פאר יכערונג פון גאט. אונ האבען זיך פר זיכערט אויף אמענטשין. מיר האבען גילערונט רבי יהודה זאגט דריי מצות זענען די יודין גיבאטען גיוואָרין צו טאהן ווען זייא ווילין אריין קומען אין ארץ ישראל. זייא זאלין מאכען אמלך. אונ זייא זאלין פר שניידין דיא קינדער פון עמלק. אונ זיי זאלין באהען דעם בית המקדש: נאר איך ווייס נים וועלכעס מען זאל טאהן פריער. אז עס שטייט אין פסוק כי יד על כס יה מלחמה לה' בעמלק. ווען גאָט וועט האלטען מלחמה מיט עמלק וועט זיין דיא האנט אויף דעם געטליכען שטוהל. פון דאנען ווייסען מיר אז מען זאל פריער מאכען אמלך. וואָרום דאס געטליכע שטוהל. שטוהל מיינט מען דיא יודישע מלוכה. אזוי וויא עס שטייט אין פסוק שלמה איז גיזעסען אויף דיא שטוהל פון גאָט צו זיין אמלך. נאר מיר ווייסען נים אויב פריער זאל מען פר שניידין דיא קינדער פון עמלק. אדער פריער זאל מען באהען דעם בית המקדש. אז עס שטייט אין פסוק אז גאט וועט אייך מאכען רוהען פון אלע אייערע פיינד. דר נאך שטייט אונ עס וועט זיין דער ארט וואס גאט וועט אים אויס דער ווילין. זעהן מיר אז פריער דארף מען פר שניידן דיא קינדער פון עמלק. דער נאך באהען דעם בית המקדש. אונ ביי דוד שטייט אויך אזוי אונ עס איז גיוועז אז דער מלך דוד איז גיזעסען אין זיין שטוב אונ גאָט האט אים גימאכט רוהען פון זיינע פיינד ארום. האט דער מלך גזאגט צו נתן הנביא זעה נאר איך זיץ אין אשטוב פון טענען בויהער. אונ דער ארון שטייט אונטער פלאכטעס. איך וועל באהען דעם בית המקדש. זעהן מיר אז דוד האט נים גיוואָלט פריער באהען דעם בית המקדש ביז ער הט פאר שניטען זיינע פיינד:

אמר

ט אמר ריש לקיש בתחלה מלך שלמה על העליונים שנאמר (ד"ה א כט) וישב שלמה על כסא ה' ולבסוף מלך על התחתונים שנא' (מ"א ה) כי הוא רודה בכל עבר הנהר מתפסח ועד עזה רב ושמואל חד אמר תפסח בסוף העולם ועזה בסוף העולם וח"א תפסח ועזה בהדי הדדי הוו יתבי וכשם שמלך על תפסח ועל עזה כך מלך על כל העולם כולו ולבסוף לא מלך אלא על ישראל שנא' (קהלת א) אני קהלת הייתי מלך על ישראל וגו' ולבסוף לא מלך אלא על ירושלים שנא' דברי קהלת בן דוד מלך בירושלים ולבסוף לא מלך אלא על מטתו שנא' (שה"ש ג) הנה מטתו שלשלמה וגו' ולבסוף לא מלך אלא על מקלו שנא' (קהלת א) מה יתרון לאדם בכל עמלו וגו' וכתיב (שם ב) (זה) [וזה] היה חלקי מכל עמלי רב ושמואל חד אמר מקלו וחד אמר גונדו הדר או לא הדר רב ושמואל חד אמר הדר וחד אמר לא הדר . מאן דאמר לא הדר מלך והדיוט ומאן דאמר הדר מלך והדיוט ומלך :

י [פיסקא] ופורץ לעשות לו דרך . תנו רבנן אוצרות מלכים למלך ושאר ביזה שבוזין

פירוש

ט בתחלה קודם שנשא שלמה נשים נכריות מלך על עליונים : וכשם שמלך על תפסח ועזה כך מלך על כל העולם כולו : והכי קאמר קרא כי הוא רודה בכל עבר הנהר מתפסח עד עזה : על מקלו שהשליכו אשמדאי מכסאו כדאמרינן במסכת גיטין : גונדו עליהו ובגאונות פירש רב האי הוא מקידה של חרס (וגורס) (ודומה לו) חד אמר קודו וחד אמר מקלו והוא מקידה ששותה בה מים : מלך והדיוט . ושוב לא חזר למלכותו :

---

ט אמר . ריש לקיש האט גזאגט אין אהייב איידער שלמה האט גינומען די גוישע ווייבער . איז שלמה גיוועזן א מלך אויף די אויבערשטע אויף די מלאכים אויך . אזוי וויא עס שטייט אין פסוק שלמה איז גיזעסן אויף דעם שטוהל פון גאט . דער נאך וויא ער האט גינומען די גוישע ווייבער איז ער גיוועזן א מלך נאר אויף מענטשן אליין . אזוי וויא עס שטייט אין פסוק ווארום ער האט גיוועלטיגט אויף אלע מענטשן וואס האבען גיוואוהנט אויף די אנדערע זייט פון טייך פרת פון תפסח ביז עזה . רב און שמואל קריגען . איינער זאגט תפסח איז גיוועזן אין איין עק וועלט און עזה איז גיוועזן אין אנדערן עק וועלט . און איינער זאגט תפסח און עזה זענען גיוועזן איינס נעבין דאס אנדערע . און אזוי וויא ער האט געקיניגט אויף תפסח און אויף עזה אזוי האט ער געקיניגט אויף די גאנצע וועלט . דער נאך איז ער ניט מער גיוועזן א מלך נאר אויף יודין אליין . אזוי וויא עס שטייט אין פסוק איך קהלת בין גיוועזן א מלך אויף יודין . דער נאך איז ער ניט מער גיוועזן א מלך נאר אויף ירושלים . אזוי וויא עס שטייט אין פסוק דאס איז די רייד פון קהלת דער זוהן פון דוד דער מלך פון ירושלים . דער נאך איז ער ניט מער גיוועזן א מלך נאר אויף זיין בעט . אזוי וויא עס שטייט אין פסוק ארום די בעט פון שלמה זענען גישטאנען זעכציג שטארקע מענטשן . דער נאך איז ער ניט מער גיוועזן א מלך נאר אויף זיין שטעקין . אזוי וויא עס שטייט אין פסוק דאס איז מיין חלק פון מיין גאנץ ארבעט . רב און שמואל קריגען . איינער זאגט ער האט גימיינט דעם שטעקין . און איינער זאגט ער האט גימיינט דעם קריגול . ווארום אשמדאי דער מלך פון די שדים האט פאר ווארפין דעם מלך שלמה גאנץ ווייט פון ירושלים . אזוי וויא עס שטייט אין די מסכת גטין . פרעגט די גמרא שלמה איז גיקומען צוריק צו זיין מלוכה . אדער ער איז ניט גיקומען צוריק צו זיין מלוכה . ענטפערט די גמרא רב און שמואל קריגען אין דעם . איינער זאגט שלמה איז גיקומען צוריק צוא זיין מלוכה . און איינער זאגט שלמה איז ניט גיקומען צוריק צו זיין מלוכה . דער וואס זאגט אז שלמה איז ניט גיקומען צוריק צו זיין מלוכה . איז שלמה גיוועזן א מלך דער נאך איז ער גיווארין א פראסטער מענטש ביז ער איז גישטארבען . און דער וואס זאגט אז שלמה איז גיקומען צוריק צו זיין מלוכה . איז שלמה גיוועזן א מלך . דער נאך איז ער גיווארין א פראסטער מענטש . דער נאך איז ער צוריק גיווארין א מלך :

י פיסקא . ופורץ . א מלך מעג אוים ברעכין א וואנט צו מאכען א וועג זיין חיל זאל דורך גיין . די רבנן האבען גילערונט אז א מלך מיט זיין חיל נעמען איין א מדינה . די אוצרות פון

וימשחו לזהו. בשלמה כתיב: והיתה לאהרן ולבניו · בלחם הפנים כתיב: הרשתם בעגלתי. שמשון קרי לה לאשתו

שבוזזין מחצה למלך ומחצה לעם א"ל אביי לרב דימי ואמרי לה לרב אחא בשלמא אוצרות מלכים למלך אורחא דמלתא אלא שאר ביזה שבוזזין מחצה למלך ומחצה לעם מנ"ל דכתיב (דה"א כט) וימשחו לה' לנגיד ולצדוק מקיש נגיד לצדוק מה צדוק מחצה לו ומחצה לאחיו אף נגיד מחצה לו ומחצה לאחיו וצדוק גופיה מנלן דתניא רבי אומר (ויקרא כד) והיתה לאהרן ולבניו מחצה לאהרן ומחצה לבניו:

**יא לא** ירבה לו נשים על י"ח מנ"ל שנאמר (ש"ב ג) ויולדו לדוד בנים בחברון ויהי בכורו אמנון לאחינועם היזרעאלית ומשנהו כלאב לאביגיל וגומר והשלישי אבשלום בן מעכה וגו' והרביעי אדוניה בן חגית והחמישי שפטיה בן אביטל והששי יתרעם לעגלה אשת דוד אלה ילדו לדוד בחברון וכתיב (שם יב) ואם מעט ואוסיפה לך כהנה וכהנה כהנה שית וכהנה שית הוי להו תמני סרי והא הות מיכל אמר רב עגלה זו מיכל ולמה נקרא שמה עגלה שחביבה עליו כעגלה וכן הוא אומר (שופטים יד) לולי חרשתם בעגלתי

---

יענע מלכים געהער צום מלך אליין. אונ די איבעריגע רויב וואס זייא רויבין, געהער העלפט צום מלך אונ העלפט צום פאלק. אביי האט געזאגט צו רב דימי אנדערע זאגין אביי האט געזאגט צו רב אחא וואס די אוצרות פון די מלכים געהער צום מלך אליין איז רעכט, נאר די איבעריגע רויב וואס זייא רויבין געהער צום מלך העלפט אונ צום פאלק העלפט. פון וואנען ווייסען מיר דעם דין. ענטפערט די גמרא ווארום עס שטייט אין פסוק וימשחו לה' לנגיד ולצדוק מען האט געזאלבט שלמה ער זאל זיין א מלך צו גאט אונ צדוק זאל זיין א כהן. גלייכין מיר צו דעם נגיד צו צדוק, אזוי וויא צדוק (דער כהן גדול) אז ער צו טיילט זיך מיט דעם לחם הפנים מיט די איבעריגע כהנים. נעמט ער אליין העלפט אונ די איבעריגע אלע כהנים נעמען אויך העלפט. אזוי דער נגיד (דער מלך) אז ער צו טיילט זיך מיט די רויב מיט דעם איבעריגען פאלק. נעמט ער אליין העלפט אונ די גאנצע פאלק נעמען אויך העלפט. פרעגט די גמרא פון וואנען ווייסען מיר אז צדוק נעמט העלפט פון לחם הפנים. ענטפערט די גמרא ווארום מיר האבען געלערנט רבי זאגט עס שטייט אין פסוק ביי דעם לחם הפנים דאס זאל זיין צו אהרן מיט די קינדער. העלפט זאל זיין צו אהרן אונ העלפט זאל זיין צו זיינע קינדער:

**יא לא.** עס שטייט אין פסוק דער מלך זאל ניט נעמען פיל ווייבער: מער וויא אכטצעהן זאל ער ניט נעמען. פון וואנען ווייסען מיר אז דער מלך מעג נעמען אכטצעהן ווייבער אונ ניט מער. ווארום עס שטייט אין פסוק עס איז געבארין געווארין צוא דוד קינדער אין חברון. דער עלצטער זוהן האט געהייסען אמנון. זיין מוטער האט געהייסען אחינועם היזרעאלית. דער אנדערער זוהן האט געהייסען כלאב: זיין מוטער האט געהייסען אביגיל. דער דריטער זוהן האט געהייסען אבשלום. זיין מוטער האט געהייסען מעכה. דער פערטער זוהן האט געהייסען אדוניה: זיין מוטער האט געהייסען חגית. דער פינפטער זוהן האט געהייסען שפטיה. זיין מוטער האט געהייסען אביטל. דער זעקסטער זוהן האט געהייסען יתרעם. זיין מוטער האט געהייסען עגלה. דאס זענען געוועזען די זעקס קינדער וואס זענען געבארין געווארין צו דוד אין חברון פון זעקס ווייבער. אונ עס שטייט אין פסוק גאט האט געזאגט צו דוד אויב די זעקס ווייבער זענען דיר ווייניג. וועל איך דיר מתיר זיין צו נעמען אזוי פיל אונ אזו פיל. אזוי פיל איז נאך זעקס. אונ נאך אזוי פיל איז נאך זעקס איז אכטצעהן. זעהן מיר אז א מלך מעג נעמען ביז אכטצעהן ווייבער. פרעגט די גמרא דוד האט דאך געהאט נאך א ווייב. מיכל די טאכטער פון שאול. רב זאגט עגלה איז מיכל. פאר וואס האט מען איר גירופען עגלה, ווייל זיא איז געוועזען געליבט אויף דוד אזוי וויא א קאלב. אונ אזוי זאגט דער פסוק שמשון האט אויך גירופען זיין ווייב מיין קאלב. ווארום ער האט געזאגט צו זיינע חברים ווען איר וואלט

**בעגלתי וגו'** ומי הוי למיכל בני והכתיב (ש"ב ו) **ולמיכל** בת שאול לא היה לה ולד עד יום מותה אמר **רב** הסדא עד יום מותה **לא** היה לה ביום מותה **היתה** לה מכדי בנים היכא קא חשיב להו בחברון **ואילו** מעשה דמיכל בירושלים הוה דכתיב (שם) ומיכל **בת** שאול נשקפה בעד החלון ותרא את המלך דוד **מפזז** ומכרכר לפני ה' ותבז לו בלבה וא"ר יהודה **ואיתימא** רב יוסף שקלתה מיכל לכטרפסה אלא אימא עד אותו מעשה היה לה מכאן ואילך **לא היתה** לה והכתיב (שם ה) ויקח דוד עוד פילגשים ונשים בירושלים למלויי שמונה עשר. **מאי** נשים ומאי פילגשים אמר רב יהודה אמר רב נשים בכתובה ובקדושין פילגשים **בלא** כתובה ובלא קידושין. א"ר יהודה אמר רב ת' ילדים היה לו לדוד וכולן בני יפת **תואר** **היו** ומגדלי בלורית היו וכולן יושבים בקרנות של זהב ומהלכים בראשי גייסות **היו והם** **בעלי** אגרופיז של בית דוד. א"ר יהודה [אמר רב] תמר בת יפת תואר היתה **שנאמר**

דבר

כשהגידה להם הידותיו: ואמר רב שקלה מיכל למטרפסה. זה היה פרעון תפלה מה שנכתב בגדו לא היה לה ולד: אלא מאותו מעשה ואילך לא היה לה. אבל מקמי הכי איכא למימר דהיה לה: יפת כתיב ויקח דוד עוד. אלמא טובא הוו ליה נשים: יפת תואר. הנשבית במלחמה כדכתיב וראית בשביה: תמר. אחות אבשלום בת יפת תואר היתה קודם שנתגיירה בלב בלא מעכה אמו ילדה לו לדוד את תמר והיתה אצלו בתורת יפת

---

וואלט ניט געהאקערט מיט מיין קאלב. פרעגט די גמרא האט דען מיכל געהאט קינדער. עס שטייט דאך אין פסוק מיכל די טאכטער פון שאול האט ניט געהאט קיין קינד ביז דעם טאג וואס זיא איז געשטארבין. האט רב חסדא געזאגט ביז דעם טאג וואס זיא איז געשטארבען האט זיא ניט געהאט קיין קינד. אבער דעם טאג וואס זיא איז געשטארבען האט זי יא געהאט אקינד: פרעגט די גמרא דער פסוק רעכונט דאך די קינדער וואס זענען געבארין געווארין צו דוד ווען ער איז געווען אין חברון. זאגט דער פסוק אז ווען דוד איז נאך געווען אין חברון האט שוין מיכל גיבארין אזוהן צו דוד. אונ מיכל האט דאך נאך געלעבט ביז אציט שפעטער ווען דוד איז שוין געווען אין ירושלים. דער נאך זאגט איצט דער פסוק אז מיכל האט ניט געהאט קיין קינדער. ביז זיא איז געשטארבין: ווארום עס שטייט אין פסוק אונ מיכל די טאכטער פון שאול האט געקוקט דורך דעם פענסטער אונ זיא האט געזעהן ווי דער מלך דוד שפרינגט אונ טאנצט פר גאט האט זיא אים פאר שעמט אין איר הארצן. האט רב יהודה געזאגט אונ אנדערע זאגין רב יוסף האט געזאגט מיכל האט אפ גינומען דעם שטראף פר איר עבירה. וואס זיא האט ניט געהאט קיין קינדער: נאר אזוי איז געווען. ביז דער מעשה וואס דוד האט געטאנצט האט זיא יא געהאט קינדער: פון דער מעשה אונ ווייטער האט זיא שוין ניט געהאט קיין קינד ביז זיא איז געשטארבין. פרעגט די גמרא עס שטייט דאך אין פסוק דוד האט גינומען נאך פלגשים אונ ווייבער אין ירושלים. האט דאך דוד געהאט פיל ווייבער. ענפערט די גמרא ער האט נאר גינומען ביז אכטצעהן. פרעגט די גמרא וועלכע רופט מען ווייבער. אונ וועלכע רופט מען פילגשים. האט רב יהודה געזאגט פון רבם וועגין די ווייבער וואס מען נעמט מיט כתובה אונ קידושין. הייסען ווייבער. אונ די ווייבער וואס מען נעמט אן כתובה אונ אן קידושין הייסען פילגשים. רב יהודה האט געזאגט פון רבם וועגין פיר הונדערט קינדער האט דוד המלך געהאט. אונ אלע זענען געווען געבארין פון די שיינע ווייבער וואס דוד האט געפאנגען אין דער מלחמה. אונ זייא זענען געווען בעוואקסין מיט גרויסע האר. אונ אלע פלעגין פארין אן גאלדענע קארעטין. אונ זייא פלעגין גיין אין די ערשטע אין חיל. אונ זייא זענען געווען די שטארקסטע פון דודס פאמיליע. רב יהודה האט געזאגט פון רבם וועגין תמר די טאכטער פון דוד איז געווען איר מוטער אגויה וואס דוד האט איר געפאנגען אין דער מלחמה ווייל זי איז שיין געווען. אונ דער נאך ווייא תמר איז געבארין געווארין האט די מוטער זיך מגייר געווען. אונ האט געבארין איר ברודער אבשלום. ווארום עס שטייט אין פסוק תמר האט געזאגט צוא אמנון זאג דיין פאטער דעם מלך אז דו ווילסט מיך פר אווייב. אונ דיין פאטער וועט מיך ניט

פאר

(ש"ב יג) דבר נא אל המלך כי לא ימנעני ממך ואי ס"ד בת נשואים היא אחתיה מי הוה שריא ליה אלא ש"מ בת יפת תואר היתה (שם) ולאמנון רע ושמו יונדב בן שמעה אחי דוד (והיה) [ויונדב] איש חכם וגו' אמר רב יהודה אמר רב איש חכם לרשעה. (שם) ויאמר לו מדוע אתה ככה דל בן המלך וגו' ויאמר לו יונדב שכב על משכבך והתחל וגו' ועשתה לעיני את הבריה וגו' ותקח את המשרת ותצוק לפניו אמר רב יהודה אמר רב שעשתה לו מיני מיגון. (ש"ב יג) ותקח תמר אפר על ראשה וכתנת הפסים אשר עליה קרעה תנא משמיה דר' יהושע בן קרחה גדר גדול גדרה תמר באותה שעה אמרו אם לבנות מלכים כך לבנות הדיוטות עאכ"ו אם לצנועות כך לפרוצות עאכ"ו אמר רב יהודה א"ר באותה שעה גזרו (שם כ"ב) על היחוד ועל הפנויה:

(מ"א א) **יב** ואדוניה בן חגית מתנשא לאמר אני אמלוך אמר רב יהודה אמר רב מלמד שבקש להולמו ולא

המלך: ועתה דבר נא וגו'. יונדב מסייע ליה עצה לאמנון: מי הוה שריא ליה. אלא שמע מינה עדיין לא נתגיירה אמה כשילדתה והבן ולד שפחה ונכרית מישראל אין לו קורבה לא: במסכת יבמות: בהמל. עשה עצמך כחולה: הבריה. מאכל: מיגון. פריו"ם: גדרה תמר בדמעתה וצעקתה והגה עצמה בבזיון כשלא באו נשים קל וחומר בעצמן מה בנות מלכים אירע קלקול זה בהדיוטות על אחת כמה וכמה: על היחוד. דאשת איש ועל הפנויה: שבקש להולמו ולא הולמתו (ויעש לו רכב ופרשים) שבס בראשו כתר מלכות ולא הולמתו לפי שהיה שרביט של זהב בתוך חללה מרוחק לחוסן

---

פאר מיידין פון דיר. אז מיר וועלין זאגין אז דיא מוטער פון תמר האט תתונה גיהאט מיט דוד איידער זיא איז מעוברת גיווארין מיט תמר. איז דאך תמר גיוועזן אשוועסטער פון אמנין זיא אזוי וואלט אמנון איר גימענט נעמען פאר אוייב. נאר געווים מוז זיין אז דיא מוטער פון תמר איז גיוועזן אגויה ווען זיא איז מעוברת גיווארין מיט תמר פון דוד. זיא איז גיוועזן אשיינע וואס דוד האט איר גיפאנגען אין דער מלחמה. דריבער איז תמר ניט גיוועזן גירעכנט אשוועסטער צו אמנון. אונ אמנון האט גימענט נעמען תמר פאר אוייב. אין פסוק שטייט אמנון האט גיהאט אגוטען פריינד זיין נאמען איז גיוועזן יונדב דער זוהן פון שמעה דער ברודער פון דוד. אונ יונדב איז גיוועזן אגרויסער חכם. רב יהודה האט גזאגט פון רבס וועגין ער איז גיוועזן ארכם צו שלעכטן. יונדב האט גזאגט צו אמנון דו ביסט דאך אקעניגס אזוהן ווארום ביסטו אזוי מאגער. האט אמנון גזאגט ווייל איך האב ליב תמר דיא שוועסטער פון אבשלום. האט יונדב גזאגט צו אמנון לייג דיך אויף דיין גילעגער אונ זאג דוא ביסט קראנק וועט דיין פאטער קומען צו דיר דיך זעהן וועסטו זאגין צו דיין פאטער זאל קומען מיין שוועסטער תמר אונ זיא זאל מאכין פר מיינע אויגין דאס גיפרעגילטע עסין. תמר איז גיקומען אונ זי האט גינומען דיא פאטעלנע (דיא סקאווראדע) אונ זיא האט גיגאסען פר זיינע אויגען דיא בוימאייל. רב יהודה זאגט פון רבס וועגין תמר האט גימאכט אזעלכע ערליי גיפרעגילטע עסין. דער נאך ווי אמנון האט מיט איר מזנה גיוועזן. האט תמר גינומען אש אונ הט גילייגט אויף איר קאפ. אונ דיא זיידענע העמדיל וואס אויף איר האט זיא צעריסען. מיר האבען גילערנט פון רבי יהושע בן קרחה וועגין. תמר האט אין דיא צייט פר צאמט אגרויסע פאר צאמונג. אז נקבות זאלין ניט זיין אליין אין אשטוב מיט אזכר. ווארום דיא נקבות האבען גזאגט מאדאך אקעניגליכע טאכטער האט אזעלכעס גיטראפען. קען דאך אפראסטין מענטשינס אטאכטער געוויס אזעלכעס טרעפין. אויב צו אפרומע האט אזעלכעס גיטראפען קען דאך צו ניט אפרומע געוויס אזעלכעס טרעפין. רב יהודה הט גזאגט פון רבס וועגין אין דיא צייט האבען די חכמים גזר גיוועזן אז אאשה וואס הט אמאן אונ אפילו אזעלכע וואס האט ניט אמאן זאלין ניט זיין אליין אין אשטוב מיט זכרים:

**יב** ואדוניה. אונ אדוניה דער זוהן פון חגית איז ביי זיך גרוים גיוועזן אונ ער הט גזאגט איך וועל זיין אמלך. רב יהודה האט גזאגט פון רבס וועגין דער פסוק דער ציילט אונז אז אדוניה הט אן גימאסטין דיא קרוין אויב זיא וועט זיצען אויף זיין קאפ. אונ זיא הט ניט

גיפאסט

ולא הולמתו (שם) ויעש לו רכב ופרשים וחמשים איש רצים לפניו כאי רבותא אמר רב יהודה אמר רב כלן נטולי טחול והקקי כפות רגלים היו:

יג רב יהודה רמי כתיב (מ"א ה) ויהי לשלמה ארבעים אלף ארוות סוסים למרכבתו וכתיב (ד"ה ב ט) ויהי לשלמה ארבעת אלפים ארוות סוסים הא כיצד אם מ' אלף איצטבלאות היה כל אחד ואחד היו בו ארבעה אלפים ארוות ואם ארבעת אלפים איצטבלאות היו כל אחד ואחד היה בו ארבעים אלף אהוות. ר

אינה מהוגנת בראשו אלא למי שיש לו תרין בראשו וכיה עדות לבית ד"ד שכל הראוי למלכות הולמתו ומי שאינו ראוי למלכות אינה הולמתו: מאי רבותיה. ש"ים חמשים איש (מאי רבותיה) לכן מלך: נטולי טחול והקקי כפות הרגלים. נטולי טחול ע"י סם שהטחול מכביד על האדם והקקי כפות הרגלים אין בשר בפרסותיהם ורצים על הקוצים ועל הברקנים ואינן ניזוקין:

איצטבלאות. בית גדול למאכל הסוסים: ארוות. הבדלה בין שורה לשורה על פני הבית: כאבנים. חשוב מיאוס פורתא:

יצחק רמי כתיב (שם) אין כסף נחשב בימי שלמה למאומה וכתיב (מ"א י) ויתן (שלמה המלך) את הכסף בירושלים כאבנים לא קשיא כאן קודם שנשא שלמה את בת פרעה כאן לאחר שנשא שלמה את בת פרעה א"ר יצחק בשעה שנשא שלמה את בת פרעה ירד גבריאל ונעץ קנה בים והעלה שירטון ועליו נבנה כרך גדול שברומי:

וא"ר

---

גיפאכט צו זיין קאפ. ווארום אין דיא קרוין איז גיוועזן אגאלדענע רוהט זיא הט גישטעקט פון איין וואנט צו די אנדערע וואנט. דריבער האט דיא קרוין נים גיקענט זיצען אויף קיינעמס קאפ. נאר דער וואס האט גידארפט זיין אמלך האט ער גיהאט אשפאלט אין קאפ. ווס די רוהט הט זיך אריין גיזעצט אין שפאלט. הט שוין די קרוין גיקענט זיצען אויף זיין קאפ. אונ אדוניה הט ניט גיהאט קיין שפאלט אין קאפ. אונ אדוניה הט גימאכט פאר זיך רייטוועגין אונ רייטער אונ פופציג מענטשין זענען גילאפען פאר אים. פרעגט דיא גמרא וואס פאר אגרויסקייט איז דס גיוועזן פר אזוהן כון אמלך. הט רב יהודה גזאגט פון רבס וועגין די אלע פופציג מענטשין הט מען פון זייא ארויס גינומען זייערע מילצען. זייא זאלין זיין גרינג צום לויפען. אונ מען הט אראפ גנומען די פלייש פון די פארעשוועס פון די פיס. עס איז נאר געבליבען די ברויזע ביינער. זייא זאלין קענען לויפען אפילו אויף דערנער:

יג רב יהודה האט גיפרעגט אין איין פסוק שטייט שלמה האט גיהאט פערציג טויזנד שטאלין מיט פערד צו זיינע רייטוועגין. אונ אין אנדערין פסוק שטייט שלמה האט גיהאט פיר טויזנד שטאלין מיט פערד. וויא אזוי איז דאס גיוועזן. ענטפערט דיא גמרא אויב עס איז גיוועזן פערציג טויזנד שטאלין. איז גיוועזן אין יעדער שטאל פיר טויזנד ווענט אפ גיצאמט מיט אוואנט צווישען יעדער שורה פערד (אשורה פערד אונ אוואנט נאך אשורה פערד אונ אוואנט. אונ אזוי איז גיוועזן אין יעדער שטאל פיר טויזנד שורות פערד אונ פיר טויזנד ווענט). אונ אויב עס איז גיוועזן פיר טויזנד שטאלין. איז גיוועזן אין יעדער שטאל פערציג טויזנד ווענט אפ גיצאמט מיט אוואנט צווישען יעדער שורה פערד (אשורה פערד אונ אוואנט נאך אשורה פערד אונ אוואנט. אונ אזוי איז גיוועזן אין יעדער שטאל פערציג טויזנד שורות פערד אונ פערציג טויזנד ווענט). רבי יצחק האט גיפרעגט אין איין פסוק שטייט אין דיא צייט פון שלמה איז זילבער נים גיוועזן גירעכונט צו עפעס. אונ אין אנדערין פסוק שטייט דער מלך האט גיגעבין דיא זילבער אין ירושלים אזוי וויא שטיינער. איז דאך דיא זילבער יא עפעס ווערט גיוועזן. וויא שטיינער. זאגט דיא גמרא עס איז נים קיין קשיא. איידער שלמה האט גינומען דיא טאכטער פון פרעה פאר אווייב. איז זילבער גאר ניט ווערט גיוועזן. אבער דער נאך וויא שלמה האט חתונה גיהאט מיט דיא טאכטער פון פרעה. אונ שלמה האט גידארפט אוים געבין זייער פיל געלט אויף אירע פערגעניגונגס. איז שוין זילבער טייערער גיווארין. רבי יצחק זאגט ווען שלמה הט חתונה גיהאט מיט דיא טאכטער פון פרעה. האט אראפ גענידערט גבריאל פון הימל אונ ער האט אריין גישטעקט אשטעקין אין ים אונ צו דעם שטעקין הט זיך צו גיקליבען בלאטע ביז עס איז גיווארין

אאינזול

**יד וא"ר** יצחק מפני מה לא נתגלו טעמי התורה שהרי שתי מקראות נתגלו טעמם

לא נתגלו טעמי תורה: כגון למה אסרה כבישת שעטנז ואכילת חזיר וכיוצא בהן:

ונכשל בהן גדול העולם כתיב (דברים יז) לא ירבה לו נשים אמר שלמה אני ארבה ולא אסור. וכתיב (מ"א י"א) ויהי לעת זקנת שלמה נשיו הטו את לבבו. וכתיב (דברים יז) ולא ירבה לו סוסים ואמר שלמה אני ארבה ולא אשיב וכתיב (מ"א י) ותצא מרכבה ממצרים בשש מאות כסף וגו':

**טו משנה** מלך כותב לו ספר תורה לשמו יוצא למלחמה והא עמו נכנס והוא עמו יושב בדין והוא עמו מסב והוא כנגדו שנאמר (דברים יז) והיתה עמו וקרא בו כל ימי חייו: **גמ'** אמר (רבה) אף על פי שהניחו לו לאדם אבותיו ספר תורה מצוה לכתוב משלו שנאמר (דב לא) ועתה כתבו לכם את השירה איתיביה

---

אַאינְגוּל. אוּנ אוֹיף דֶעם אֵינְגוּל אִיז גִיבָּאהט גִיוָוארִין דִי שְׁטָאט רוֹים. וָוס זִי הָט חָרוּב גִימַאכְט דֶעם בֵּית הַמִקְדָשׁ:

**יד** וְאָמַר: נָאךְ הָאט רַבִּי יִצְחָק גְזָאגְט פַאר וָואס הָאט גָאט נִיט גְזָאגְט דֶעם טַעַם פוּן דִי מִצְוֹת וָואס שְׁטֵייט אִין דֶער תּוֹרָה לְמָשָׁל פַאר וָואס מֶען טָאר נִיט עֶסִין חֲזִיר, אוּנ מֶען טָאר נִיט גֵיין גִיקְלֵייְדִט אִין שַׁעַטְנֵז. וָוארוּם צְווֵיי פְּסוּקִים הָט גָאט גִיזָאגְט זֵייעֶר טַעַם. אוּנ דֶער גְרֶעסְטֶער מֶענְטְשׁ פוּן דֶער וֶועלְט אִיז אִין זֵייא גִישְׁטְרוּיכֶלְט גִיוָוארִין. אוּנ הָאט זֵייא נִיט מְקַיֵים גִיוֶועִן. אִין אֵיין פָּסוּק שְׁטֵייט אַמֶלֶךְ זָאל נִיט נֶעמֶען פִיל וַוייבֶּער. שְׁטֵייט אַטַעַם פַאר וָואס זָאל עֶר נִיט נֶעמֶען פִיל וַוייבֶּער. זֵייא זָאלִין נִיט אָפּ טָאהן זַיין הַארְץ פוּן גָאט. הָאט שְׁלֹמֹה גְזָאגְט אִיךְ מֶעג נֶעמֶען פִיל וַוייבֶּער וָוארוּם מַיין הַארְץ וֶועלִין זֵייא נִיט אָפּ טָאהְן פוּן גָאט. וָואס אִיז גִיוֶועִן דֶער סוֹף. דֶער נָאךְ וִויא שְׁלֹמֹה אִיז אַלְט גִיוָוארִין הָאבֶּען דִיא וַוייבֶּער זַיינֶע טַאקִי אָפּ גִינֵייגְט זַיין הַארְץ פוּן גָאט. נָאךְ שְׁטֵייט אִין פָּסוּק דֶער מֶלֶךְ זָאל נִיט הָאבֶּען פִיל פֶערְד: שְׁטֵייט אַטַעַם פַאר וָואס זָאל עֶר נִיט הָאבֶּען פִיל פֶערְד. עֶר זָאל נִיט בַּאדַארְפִין שִׁיקֶען מֶענְטְשִׁין פוּן דִיא יוּדִין אִין מִצְרַיִם דָארְטִין קוֹיפֶען פֶערְד: הָאט שְׁלֹמֹה גְזָאגְט אִיךְ מֶעג הָאבֶּען פִיל פֶערְד. וָוארוּם אִיךְ וֶועל נִיט שִׁיקֶען יוּדִין אִין מִצְרַיִם צוּם קוֹיפֶען פֶערְד. וָואס אִיז גִיוֶועִן דֶער סוֹף פְלֶעגִין יוּדִין פָארִין אִין מִצְרַיִם הַאנְדְלֶען מִיט פֶערְד פַאר שְׁלֹמֹהס וֶועגִין אוּנ אַקָאטְשׁ מִיט פִיר פֶערְד פְלֶעגְט מֶען בְּרֵיינְגֶען פוּן מִצְרַיִם פַאר זֶעקְס הוּנְדֶערְט טָאלֶער. אָבֶּער וֶוען גָאט וָואלְט נִיט גְזָאגְט פַר וָואס עֶר הֵייסְט נִיט נֶעמֶען פִיל וַוייבֶּער אוּנ עֶר וָואלְט נִיט גְזָאגְט פַאר וָואס עֶר הֵייסְט נִיט הָאבֶּען פִיל פֶערְד. וָואלְט שְׁלֹמֹה נִיט גְנוּמֶען פִיל וַוייבֶּער אוּנ וָואלְט נִיט גִיהַאט פִיל פֶערְד. הָאט גָאט גְוֶוויזֶען אַז מֶען קֶען נִיט זָאגִין צוּא אַמֶענְטְשִׁין דֶעם טַעַם פוּן דִיא מִצְוֹת:

**טו** מִשְׁנָה: מֶלֶךְ: דֶער מֶלֶךְ זָאל שְׁרֵייבִּין אַסֵפֶר תּוֹרָה אוֹיף דֶעם נָאמֶען פוּן דִיא מְלוּכָה. אוֹיסֶער דִיא סֵפֶר תּוֹרָה וָואס יֶעדֶער יוּד אִיז מְחוּיָב צוּ שְׁרֵייבִּין: מוּז עֶר שְׁרֵייבִּין נָאךְ אַסֵפֶר תּוֹרָה ווייל עֶר אִיז אַמֶלֶךְ. דִיא סֵפֶר תּוֹרָה וָואס עֶר הָאט גֶעשְׁרִיבֶּען ווייל עֶר אִיז אַיוּד. זָאל זִיא לִיגֶען אִין זַיינֶע אוֹצְרוֹת. צוּ זַאמֶען מִיט אַלֶע טַייעֶרֶע זַאכֶען. אוּנ דִיא סֵפֶר תּוֹרָה וָואס עֶר הָאט גֶעשְׁרִיבֶּען ווייל עֶר אִיז אַמֶלֶךְ. אַז עֶר גֵייט אִין אַמִלְחָמָה. נֶעמְט עֶר דִי סֵפֶר תּוֹרָה מִיט זִיךְ. אַז עֶר קוּמְט צוּרִיק פוּן דִיא מִלְחָמָה צוּ זִיךְ אַהֵיים. זָאל עֶר נִיט אַוֶועק שְׁטֶעלִין דִיא סֵפֶר תּוֹרָה. נָאר עֶר הַאלְט זִיא נֶעבִּין זִיךְ. אוֹיבּ עֶר זִיצְט מִשְׁפָּטִין. זָאל זַיין דִי סֵפֶר תּוֹרָה נֶעבִּין אִים. אַז עֶר זֶעצְט זִיךְ צוּם עֶסִין. זָאל דִיא סֵפֶר תּוֹרָה לִיגֶען אַיין קֶעגִין אִים. וָוארוּם עֶס שְׁטֵייט אִין פָּסוּק דִיא סֵפֶר תּוֹרָה זָאל זַיין מִיט אִים (מִיט דֶעם מֶלֶךְ) אוּנ עֶר זָאל לֵייעֶנֶען אִין דִיא סֵפֶר תּוֹרָה אַזוֹי לַאנְג וִויא עֶר וֶועט לֶעבִּין. גְמָרָא. רַבָּה זָאגְט אֲפִילוּ אַמֶענְטְשׁ הָט שׁוֹין אַסֵפֶר תּוֹרָה, עֶר הָאט זִיא גֶעיַרְשְׁנְט פוּן זַיינֶע עֶלְטֶערִין. פוּן דֶעסְטְוֶועגִין אִיז אַמִצְוָה עֶר זָאל אַלֵיין לָאזִין שְׁרֵייבֶּען אַסֵפֶר תּוֹרָה. אַזוֹי וִויא עֶס שְׁטֵייט אִין פָּסוּק אִיצְט זָאלְט אִיר שְׁרֵייבֶּען יֶעדֶער פַאר

זיך

שתי תורות. בגמ׳ דהאי מלך מהדיוט דהלוא היה הדיוט הבי ליה בהדא ומלך בעי הכהי משנה. כתיב במשמע:

איתיביה אביי וכותב לו ס״ת לשמו (ובלבד) שלא יתנאה בשל (אבותיו) (אח״ים) . מלך אין הדיוט לא לא צריכא אלא לשתי תורות כדתניא וכתב לו את

**משנה** וכותב לשמו שתי תורות אחת שהיתה יוצאת ונכנסת עמו ואחת שמונחת לו בבית גנזיו אותה שיוצאה ונכנסת עמו (עושה אותה כמין קמיע ותולה בזרועו שנא׳ (תהלים טז) שויתי ה׳ לנגדי תמיד כי מימיני בל אמוט) אינו נכנס בה לבית המרחץ ולא לבית הכסא שנאמר (דברים יז) והיתה עמו וקרא בו מקום הראוי לקרות בו:

**גמ׳ אמר** מר זוטרא ואיתימא מר עוקבא בתחלה ניתנה תורה לישראל בכתב עברי ולשה״ק חזרה וניתנה להם בימי עזרא בכתב אשורית ולשון ארמי ביררו להן ישראל כתב אשורית ולשון הקודש והניחו להדיוטות כתב עברית ולשון ארמית מאן הדיוטות אמר רב חסדא כותאי מאי כתב

עברית

---

זיך דיא שירה. דס מיינט מען אספר תורה. הט אביי גיפרעגט מיר האבען דאך גילערונט דער מלך דארף שרייבען אספר תורה אויף זיין נאמען. אונ ער זאל זיך ניט בשיינען מיט אספר תורה וואס ער האט פון אנדערע מענטשין. זעהן מיר אז דער דין איז נאר ביי אמלך אפילו ער האט אספר תורה נאר איין אנדערער האט איר גילאזט שרייבען. ניט ער. מוז ער אליין לאזין שרייבען אספר תורה. אבער אפראסטער מענטש אז ער האט אספר תורה אפילו איין אנדערער האט איר גילאזט שרייבען איז שוין גענוג. דארף ער ניט אליין אויך לאזין שרייבען. ענטפערט דיא גמרא. דער דין איז טאקי אזוי ביי יעדער מענטש. אפילו ער האט שוין אספר תורה. נאר איין אנדערער האט איר גילאזט שרייבין. ניט ער. מוז ער אליין לאזין שרייבען אספר תורה. נאר אמלך דארף לאזין שרייבין צוויי ספרי תורות. אזוי וויא מיר האבען גילערונט עס שטייט אין פסוק וכתב לו את משנה. משנה איז טייטש טאפילט. ער דארף אליין לאזין שרייבין צוויי ספרי תורות. איינע זאל ער האבען מיט זיך ווען ער איז אין שטוב אונ ווען ער גייט אין דער מלחמה. אונ איינער זאל ליגען אין זיינע אוצרות. דיא ספר תורה וואס גייט אריין אונ ארויס מיט אים זאל ער איר מאכען אזוי וויא אקמיע ווער זאל זיא אריין לייגין אין אשיידן אונ זאל זיא אויף איינגען אויף דעם ארעם. אזוי וויא עס שטייט אין פסוק איך האב גיטאן גאט גענין מיר אייביג. ווארום אז גאט איז ביי מיין רעכטע האנט וועל איך מיך ניט אויס גליטשען. אונ ער טאר ניט אריין גיין מיט דיא ספר תורה אין אבאד. אונ ניט אין אבית הכסא. ווארום עס שטייט אין פסוק דיא ספר תורה זאל זיין מיט אים אונ ער זאל לייענען אין איר. אז ער איז אויף אזו אארט ווס מען מעג לייענען אין אספר תורה. מעג די ספר תורה זיין מיט אים. אבער אז ער איז אויף אזוי אארט ווס מען טאר ניט לייענען אין אספר תורה. טאר ניט זיין די ספר תורה מיט אים:

**גמ׳ אמר.** מר זוטרא האט גזאגט אונ אנדערע זאגין מר עוקבא הט גזאגט אין אנהייב ווען דיא תורה איז גיגעבין גיווארין צו דיא יודין. איז זיא גיוועןן געשריבען מיט דאס געשריפט (דיא אותיות) וואס מען שרייבט אויף די אנדערע זייט פון טייך פרת. אונ דיא שפראך איז גיוועןן לשון הקודש. דער נאך ווען דיא תורה איז גיגעבין גיווארין צו די יודין אין דיא צייט פון עזרא. איז זיא גיוועןן געשריבען מיט דעם כתב (מיט דיא אותיות) וואס מען שרייבט אין אשור. אונ דיא שפראך איז גיוועןן ארמית. האבין דיא יודין אויס געקליבען דאס געשריפט (דיא אותיות) זאל זיין אזוי וויא מען שרייבט אין אשור. אונ דיא שפראך זאל זיין לשון הקודש. אונ זייא האבין גילאזין פאר דיא פראסטע מענטשין זייא זאלין שרייבין דאס געשריפט (דיא אותיות) אזוי וויא מען שרייבט אויף דיא אנדערע זייט טייך. אונ דיא שפראך זאל זיין ארמית. ווער זענין דיא פראסטע מענטשין. הט רב חסדא גזאגט דס זענין דיא כותים. וויא זענען גיוועןן דיא אותיות וואס מען שרייבט אויף דיא אנדערע זייט טייך פרת. האט רב חסדא גזאגט

ליבונאה

עברית אמר רב חסדא כתב ליבונאה . תניא ר' יוסי אומר ראוי היה עזרא שתנתן תורה על ידו לישראל אלמלא קדמו משה במשה הוא אומר (שמות יט) ומשה עלה אל האלהים בעזרא הוא אומר הוא עזרא עלה מבבל מה עליה האמור כאן תורה אף עליה האמור להלן תורה במשה אומר (דברים ד) ואותי צוה ה' בעת ההיא ללמד אתכם חקים ומשפטים בעזרא הוא אומר (עזרא ז) כי עזרא הכין לבבו לדרוש את תורת ה' (אלהיו) ולעשות וללמד לישראל חק ומשפט ואע"פ שלא נתנה התורה על ידו נשתנה ע"י הכתב שנאמר (דף כב) (עזרא ד) וכתב הנשתון כתוב ארמית ומתורגם ארמית וכתיב (דניאל ה) ולא כהלין כתבא למקרא ופשרא להודעה למלכא (מלמד שבאותו היום ניתן) [וכתיב] (דברים יז) וכתב לו את משנה התורה הזאת כתב הראוי להשתנות למה נקראת אשורית שעלה עמהם מאשור . תניא רבי אומר בכתב זה ניתנה תורה לישראל כיון שחטאו נהפך להן לרועץ כיון שהזרו בהם החזירו להן שנאמר (זכריה ט) שובו לבצרון אסירי התקוה גם היום מגיד משנה אשיב לך למה

כתב עברי . של בני עבר הנהר: ליבונאה . אותיות גדולות כעין אותן שכותבין בקמיעות ומזוזות:
וכתב הנשתוון . כתב שנשתנה והאי קרא בעזרא כתיב שהיו כותבין בימיו כתב משונה שנשתנה על ידי מלאך שכת' [מנא] מנא תקל ופרסין בימי דניאל וכתב ארמי ומתורגם ארמי ואומר לא כהלין כתבא למקרא (דכיון שחטאו) לא היו יכולין לקרות כתב שכתב המלאך בימי בלשאצר והיו שם יהודים הרבה שמע מינה נשתנה להם אותו כתב באותו היום: את משנה התורה . כתב הראוי להשתנות (מן האשורית) [מן עברית לאשורית] שנתן להם בימי דניאל ובא עזרא וכתב בו את התורה בכתב אשורית: בכתב זה כו' . בימי משה ולמה לא כהלין כתבא למקרא דכיון שחטאו בימי רחבעם ובזו את התורה: נהפך להם לרועץ . לשון תרעץ אויב שברתהו: שובו לבצרון . לעיר מבצר שלכם לירושלים והכית אשי קא מתנית: גם היום מגיד משנה . מה שכתבת את משנה התורה הזאת: אשיב לך . אחזיר לך מה

ליבונאה דאס איז גרויסע אותיות . אונ דס איז געוועזן דער כתב פון לבן הארמי . מיר האבן גילערנט רבי יוסי זאגט עזרא איז ווערט געוועזן אז דיא תורה זאל דורך אים גיגעבן ווערן צו די יודין . ווען ניט משה וואלט גיקומען אויף דער ווערט פאר עזרא . וואלט די תורה גיגעבן געווארן דורך עזרא . ווארום ביי משה שטייט אין פסוק ומשה עלה אל האלהים . אונ ביי עזרא שטייט אין פסוק הוא עזרא עלה מבבל . אזו וויא דער עלה ארויף גיין וואס משה איז ארויף גיגאנגען צו נאט . איז דאה געוועזן צו נעמען דיא תורה . אזוי דער עלה ארויף גיין וואס עזרא איז ארויף גיגאנגען פון בבל איז אויך געוועזן צו נעמען דיא תורה . ביי משה שטייט אין פסוק מיך האט גאט גיבאטין אין דיא צייט איך זאל אייך לערנען חקים אונ משפטים . אונ ביי עזרא שטייט אויך אין פסוק עזרא הט אן גיברייט זיין הארץ צו פארשטין די תורה פון גאט אונ איר צו טאהן אונ צו לערנען צוא דיא יודין חקים אונ משפטים . אונ אפילו דיא תורה איז ניט גיגעבן געווארן דורך עזרא . אבער די אותיות פון דיא תורה איז גיענדערט געווארן דורך עזרא . אזוי וויא עס שטייט אין פסוק וכתב הנשתון . דאס געשריפט וואס איז גיענדערט געווארן . עס איז געוועזן געשריבען ארמית אונ איבער גיזעצט אויף ארמית . אונ עס שטייט אין פסוק מען האט ניט גיקענט לייענען דס געשריפט אונ דס בשיידונג פון דעם געשריפט האט מען ניט גיקענט מאכען וויסען צום מלך . פר וואס האט קיינער ניט גיוואוסט . ווייל אין דעם זעלבינן טאג איז גיגעבן געווארן צו די יודין דאס געשריפט אונ די שפראך . אונ עס שטייט אין פסוק דער מלך זאל שרייבן את משנה התורה הזאת . פאר וואס רופט מען דאס משנה . ווייל דאס געשריפט פון די תורה איז געוועזן אין משה'ס צייט אן גיברייט זיא זאל גיענדערט ווערן אין דיא צייט פון עזרא . פר וואס רופט מען דעם כתב אשורית . ווייל דיא יודין האבין גיברייננט דאס געשריפט פון אשור . מיר האבען גילערנט רבי זאגט מיט דעם געשריפט ארמית איז גיגעבן געווארן דיא תורה צו די יודין דורך משה . ווען דיא יודין האבין געזינדיגט . איז דער כתב ביי זיי צו בראכין ופאר געסין געווארן . אונ אז דיא יודין האבין תשובה גיטאהן . האט מען זייא דעם כתב צוריק גיגעבן . אזוי וויא עס שטייט אין פסוק שובו לבצרון אסירי התקוה דיא יודין וואס זענען געוועזן פאר בונדען מיט דיא אפענונג . זאלט איר אייך צוריק קערין צו אייער פעסטע שטאט צו ירושלים גם היום מגיד משנה אשיב לך איך זאג דיר היינט אויך

למה נקרא שמה אשורית שמאושרת בכתב ר' שמעון [בן אלעזר] אומר משום ר' אלעזר בן פרטא שאמר משום רבי אלעזר המודעי כתב זה לא נשתנה כל עיקר שנא' (שמות כז) ווי העמודים מה עמודים לא נשתנו אף ווים לא נשתנו ואומר (אסתר ח) ואל היהודים ככתבם וכלשונם מה לשונם לא נשתנה אף כתבם לא נשתנה אלא מה אני מקיים את משנה התורה הזאת לשתי תורות אחת שיוצאת ונכנסה עמו ואחת שמונחת לו בבית גנזיו אותה שיוצאת ונכנסת עמו עושה אותה כמין קמיע ותולה לו בזרועו שנא' (תהלים טז) שויתי ה' לנגדי תמיד ואידך האי שויתי מאי דריש ביה ההוא מיבעי' ליה לכדרב חנא בר ביזנא א"ר שמעון חסידא המתפלל צריך שיראה עצמו כאילו שכינה כנגדו שנאמר שויתי ה' לנגדי תמיד לרבי שמעון דאמר כתב זה לא נשתנה מאי לא כהלין כתבא למקרא אמר רב בגימטריא איכתב להון יט"ת יט"ת אר"ך פוגחס"ט מאי פריש להו מנא מנא תקל ופרסין

שנכתב את משנה התורה הזאת : ווי העמודים . יהדות נקבו העשויין כאונקליות וקבעום בעמודים שבהם תוחבין לולאות קלעי החצר והמסך וכל אונקלאות דומין לווין אלמא בימי משה עשויין היוין כעין שלנו . והעמודים לא נשתנו [ל"נ לא בתוספתא] : ה"ג בתוספתא מה לבושם לא נשתנה דהא ד"ה בלשון הקודש (נכתבה) [נאמרה] ועדיין בלשון הקודש היא : כמין קמיע . קטנה בכתב דק שיהא קלה לשאת : שויתי ה' לנגדי . כיש"ה דקרא כי מימיני בל אמוט דוד המלך על שם ספר תורה שבזרועו אמר : לא נשתנה כל עיקר משמע לא (נשתנה) [נכתבת] מהם כלל דהא עליה דרבי אתא לאישלוגי ומאי לא כהלין כתבא למקרא : יט"ת .

---

אז איך וועל דיר צוריק געבין דעם כתב פון דיא תורה וואס דו האסט פר געסן . פאר וואס רופט מען דעם כתב אשורית . ווייל דאס איז דאס בעסטע כתב . רבי שמעון בן אלעזר זאגט פון רבי אלעזר בן פרטאס וועגין וואס ער האט גזאגט פון רבי אלעזר המודעים וועגין דאס געשריפט פון די תורה וואס משה רבינו האט גיגעבין איז קיין מאהל ניט גיענדערט גיווארין . ווארום עס שטייט אין פסוק ווי העמודים דיא האקין וואס זענען גיוועזן אריין גישטעקט אין דיא ויילין . פר וואס רופט מען דיא האקין ווי . ווייל זייא זענען גיוועזן גימאכט אזוי ווי א וא"ו . זעהן מיר דאך אז דער וא"ו וואס איז גיוועזן אין משהס צייט איז דער זעלביגער וא"ו וואס היינט איז . אזוי וויא אין משהס צייט האט א האק אויס גיזעהן וויא א וא"ו : היינט זעהט אויך אויס א האק וויא א וא"ו . איז דאך דער כתב ניט גיענדערט גיווארין . נאך שטייט אין פסוק צו דיא יודין זאל מען שרייבין אזוי וויא זייער געשריפט אונ וויא זייער שפראך איז . אזוי וויא דיא שפראך פון דיא יודין איז ניט גיענדערט גיווארין . אזוי איז זייער געשריפט אויך ניט גיענדערט גיווארין . נאר וואס דען מיינט דיא תורה דער מלך זאל שרייבין את משנה התורה הזאת . משנה מיינט מען צוויי . דער מלך דארף שרייבין צוויי תורות . איין תורה וואס זיא גייט ארויס אונ אריין מיט אים . אונ איין תורה וואס זיא ליגט אין זיינע אוצרות . דיא תורה וואס זיא גייט אריין אונ ארויס מיט אים . מאכט ער זיא אזוי וויא א קמיע וצקליינע אונ מיט קליינע אותיות געשריבען . אונ ער הייגט זיא אן אויף דעם ארעם . אזוי וויא עס שטייט אין פסוק איך האב גיטאהן גאט אנקעגין מיר אייביג . ווארום אז גאט איז ביי מיין רעכטע האנט ואז איך האב דיא ספר תורה אויף מיין רעכטע האנטו וועל איך מיך ניט אויס גליטשען . פרעגט דיא גמרא דער תנא וואס זאגט אז משנה מיינט מען דער כתב איז גיענדערט גיווארין . אונ ער האלט ניט אז דער מלך האט גיהאט צווי ספרי תורות . וואס דרשת ער מיט דעם פסוק איך האב גיטאהן גאט געגין מיר . ענפערט דיא גמרא דעם פסוק דארפין מיר אזוי וויא רב חנא בר ביזנא האט גזאגט פון רבי שמעון חסידאס וועגין . דער וואס דאוונט דארף ער זעהן גלייך וויא דיא שכינה וואלט גישטאנען געגין אים . אזוי וויא עס שטייט אין פסוק איך האב גיטאהן גאט געגין מיר אייביג . פרעגט דיא גמרא נאך רבי שמעון וואס ער זאגט אז דער כתב איז ניט גיענדערט גיווארין . אונ ער איז קיין מאהל ניט פאר געסין גיווארין . פר וואס האט מען דעם כתב ניט גיקענט לייענען . האט רב גזאגט דער כתב איז גיוועזן געשריבען אויף גימאטשטע אותיות . עס איז גיוועזן געשריבען יט"ת יט"ת אר"ך פונחמ"ט . וויא האט דם דניאל גילייענט . מנא מנא תקל ופרסין

ופרסין כנא מנא אלהא מלכותך והשלמה לך תקל תקלתא במאזניא והשתכחת חסיר פרסין פריסת מלכותך ויהיבת למדי ופרס ושמואל אמר ממתו"ם ננקפ"י אאלר"ן ור"י אמר אנ"ם אנ"ם לק"ת ניסרפ"ו. רב אשי אמר נמ"א נמ"א קת"ל פורסי"ן:

**יז א"ר** יעקב א"ר יוחנן אבישג מותרת לשלמה ואסורה לאדוניה מותרת לשלמה דמלך היה ומלך משתמש בשרביטו של מלך ואסורה לאדוניה דהדיוט הוא אבישג מאי היא דכתיב (מ"א א) והמלך דוד זקן בא בימים ויאמרו לו עבדיו יבקשו וגומר וכתיב (שם) ויבקשו נערה יפה וגו' וכתיב (שם) והנערה יפה עד מאד ותהי למלך סוכנת ותשרתהו אמרה ניניסבן אמר לה אסירת לי אמ"ה ליה חסריה לגנבא נפשיה לשלמא נקט אמר להו קראו לי לבת שבע וכתיב ותבא בת שבע אל המלך החדרה א"ר יהודה א"ר באותה שעה קינהה בת שבע בי"ג מפ"ת: אמר

נה"ת כ"ג (מגה) מניח את זו וכו': מה שכתב במקום מ"ם כותב יו"ד הסמוכה לה במקום נו"ן כותב פ"א ובמקום אל"ף כותב פ"ו: ויהיבת. שהי פריסות משמע וזו היא פריסת מלכותך ויהיבת למדי ופרס: ממתו"ם ננקפ"י אאלר"ן. עשאן שלש תיבות של חמש אותיות וכתב אותיות הראשונות של כל תיבה ועשאן תיבה אחת ואח"כ כתב השניות וכן מן השלישים: (ע"כ פירש"י ז"ל וכרים מסכת מגלה הארכנו בזה הענין):

אסירת לי. שככר נשאתי י"ח: הסריה לגנבים נפשיה לגלמא מקט. כשהגנב חסר בתים מולא מקום לגנב מחזיק עצמו בענוה כלומר שלום כלומר מפני שזקנת ותשש כחך אתה אומר שאני אסורה לך: וקינתה בת שבע. שבא עליה י"ג ביאות ומקנחת בין השמ"ש להמים ובמקרא כזה כשוכין שלב עשרה תיבות: ותבא בת שבע אל המלך החדרה והמלך זקן מאד ואבישג השונמית משרת את המלך:

ופרסין ווארום אויף דעם א"ב אי"ת ב"ש ווערט גיטאהשט פון יט"ת יט"ת אד"ך פונחמ"ט אויף מנא מנא תקל ופרסין. מנא מנא איז דער טייטש גאט האט גיצ"ילט דיא יאהרין פון דיין מלוכה אונ זייא האבען זיך שוין אויס גילאזט. תקל. גאט האט גיוואוגין דיינע מעשים אויף אוואג שאל אונ דוא ביסט גיפונען גיווארין פעל. עס פעלט דיר גוטע מעשים. פרסין. גאט האט אפ גיבראכען דיין מלוכה אונ ער האט זיא גיגעבין צו מדי אונ פרס. שמואל זאגט עס איז גיוועזן געשריבען ממתו"ם ננקפ"י אאלר"ן. אז מען זאל נעמען פון יעדער ווארט איין אות קען מען לייענען מנא. נאך אמאהל מנא. תקל. ופרסין. אונ רבי יוחנן זאגט עס איז גיוועזן געשריבען פאר קערט אנ"ם אנ"ם לק"ת ניסרפ"ו. רב אשי זאגט אזוי איז גיוועזן געשריבען נמ"א נמ"א קת"ל פורסי"ן:

**יז** אמר. רבי יעקב האט גיזאגט פון רבי יוחנן וועגין שלמה האט גימעגט נעמען דיא אבישג פאר אווייב. אונ אדוניהו האט ניט גיטארט נעמען די אבישג פאר אווייב. שלמה האט גימעגט נעמען דיא אבישג פאר אווייב. ווארום ער איז גיוועזן א מלך: אונ א מלך מעג ניצען מיט דיא רוט פון א מלך. אונ ארוניה האט ניט גיטארט נעמען דיא אבישג, וייל ער איז גיוועזן א פראסטער מענטש. אונ א פראסטער מענטש טאר ניט נעמען דיא אלמנה פון א מלך. פרעגט דיא גמרא וויא אזוי האט שלמה גימעגט נעמען דיא אבישג פאר אווייב זיא איז דאך גיוועזן זיין פאטערס ווייב. ענפערט דיא גמרא זיא איז ניט גיוועזן אווייב פון דוד זיא האט אים נאר בדינט. אזוי וויא עס שטייט אין פסוק דער מלך דוד איז גיוועזן אלט ער איז שוין גיקומען אין יאהרין. האבין דיא קנעכט גיזאגט צוא אים מען וועט זוכען פארין מלך אשיינע מיידיל אונ מען האט גיפונען דיא אבישג. אונ דיא מיידיל אבישג איז גיוועזן זייער שיין אונ זיא פלעגט דעם מלך דער ווארעמען אונ זיא האט אים בדינט. האט אבישג גיזאגט צו דוד האב חתונה מיט מיר. האט דוד גיזאגט צו אבישג איך טאר דיך ניט נעמען פאר אווייב. ווארום איך האב שוין אכטצעהן ווייבער אז דיר. אונ מער וויא אכטצעהן טאר איך ניט נעמען. האט אבישג גיזאגט צו דוד אז דער גנב האט ניט ווא צוא גנבנן ווערט ער פרום. אז דו ביסט שוין אלט אונ שוואך זא סטו אז דו טארסט ניט התונה האבין מיט מיר. האט דוד גיזאגט מען זאל רופין בת שבע זאל קומען צו אים. איז בת שבע גיקומען צום מלך אין זיין צימער. רב יהודה האט גיזאגט פון רבם וועגין אין דער צייט האט זיך בת שבע אפגעווישט דרייצעהן מאהל מיט דרייצעהן טיכער וייל דוד האט איר בועל גיוועזן דרייצעהן מאהל. איין מאהל

נאך

אסירו לו. ליחד עם אבישג ואע"ג שאסור יחוד של פנויה : ולא התירו לו לגרש . אחת משמונה עשרה ישאנה : אור חשך באהלו . בשביל אשתו ואין אהלו אלא אשתו : יצרו צעדי אונו . בהריס כתיב :

יח אמ' רב שמן בר אבא בוא וראה כמה קשה גרושים שהרי לדוד התירו לו לי חד ולא התירו לו לגרש . אר"א כל המגרש את אשתו ראשונה אפילו מזבח מוריד עליו דמעות שנאמר (מלאכי ב) וזאת שנית תעשו כסות דמעה את מזבח ה' וגו' וכתיב (שם) ואמרתם על מה וגו' והיא חברתך ואשת בריתך . א"ר יוחנן ואיתימא רבי אלעזר אין אשתו של אדם מתה אלא א"כ מבקשין ממנו ממון ואין לו שנאמר (משלי כב) אם אין לך לשלם למה יקח משכבך מתחתיך וא"ר יוחנן כל אדם שמתה אשתו ראשונה כאילו חרב בהמ"ק בימיו שנאמר (יחזקאל כד) בן אדם הנני לוקח ממך מחמד עיניך במגפה לא תספוד ולא תבכה ולא תבא דמעתך וכתיב (שם) ואדבר אל העם בבקר ותמת אשתי בערב וכתיב (שם) הנני מחלל את מקדשי גאון עוזכם ומחמד עיניכם . א"ר אלכסנדראי כל אדם שמתה אשתו בימיו עולם חשך בעדו שנאמר (איוב יח) אור חשך באהלו ונרו עליו ידעך ר' יוסי בר' חנינא אמר פסיעותיו מתקצרות שנא' (איוב יח) יצרו צעדי אונו רבי אבהו אומר עצתו נופלת שנא' שם

---

נאך דאס אנדערע . צו ווייזן אבישג אז ער האט נאך גינוג כח צו בועל זיין א ווייב . נאר ער האט ניט חתונה מיט איר וויל ער טאר ניט :

יח אמר . רב שמן בר אבא האט גזאגט קום אונ זעה וויא שווער עס איז צוא גטין א ווייב . ווארום מען האט מתיר גיוועזן צוא דוד ער זאל זיין אליין אין אשטוב מיט דיא אבישג. אונ מען האט אים ניט מתיר גיוועזן ער זאל גטין איינע פון זיינע ווייבער אונ ער זאל חתונה האבען מיט דיא אבישג . רבי אלעזר זאגט דער וואס גט זיין ערשטע ווייב . אפילו דער מזבח וויינט אויף אים . אזוי וויא עס שטייט אין פסוק נאך אזאך טוהט איר : איר בדעקט מיט טרערין דעם מזבח פון גאט . אונ איר פרעגט פאר וואס זענען דיא טרערין . וויל איר האט פאר שטויסין פון זיך אייערע ווייבער . אונ דיא ווייב איז דאך דיין בהעפטונג וואס דו ביסט מיט איר גיקומען אין פאר בינדונג . רבי יוחנן זאגט אנדערע זאגין רבי אלעזר האט גזאגט ווען שטארבט ביי א מאן זיין ווייב . אז ער האט גיטאהן א נדר . אונ מען מאנט ביי אים ער זאל בצאלן דאס געלט וואס ער האט א נדר גיטאהן צו געבין . אונ ער האט ניט צו געבין . אזוי וויא עס שטייט אין פסוק אוב דו האסט ניט צו בצאהלין דיין נדר . פאר וואס זאל מען נעמען דיין גילעגער פון אונטער דיר . פאר וואס זאל מען ביי דיר צו נעמען דיין ווייב . נאך האט רבי יוחנן גזאגט דער מענטש וואס זיין ערשטע ווייב איז גישטארבין . איז ביי אים גליך וויא דער בית המקדש וואלט חרוב גיווארין אין זיין צייט . אזוי וויא עס שטייט אין פסוק נאט האט גזאגט צוא יחזקאל הנביא בן אדם . איך וועל צו נעמען פון דיר דאס גלוסטונג פון דיינע אויגין מיט א מגפה . זאלסט ניט קלאגין אונ זאלסט ניט וויינען אונ דיינע טרערין זאלין ניט קומען אין דיינע אויגען . האט יחזקאל גזאגט איך האב דאס גירעט צום פאלק אין דער פריא אונ מיין ווייב איז גישטארבין פארין נאכט . זעהן מיר וואס גאט האט גזאגט דיא גלוסטונג פון דיינע אויגין . האט ער גימיינט דיא ווייב זיינע . ווערט דאס ווייב גירופען די גלוסטונג פון דעם מענטשינס אויגן : אונ ביי דעם בית המקדש שטייט אין פסוק איך וועל פראסט מאכען מיין היליגקייט וואס דאס איז אייער גרויסע שטארקייט אונ דיא גלוסטונג פון אייערע אויגען . ווערט דער בית המקדש אויך גירופען דיא גלוסטונג פון דיא אויגען אזוי וויא דיא ווייב פון מענטשין . רבי אלכסנדראי האט גזאגט דער מענטש וואס זיין ווייב שטארבט ביי זיין לעבין . איז דיא וועלט פינסטער פאר אים . אזוי וויא עס שטייט אין פסוק אור חשך באהלו . דיא ליכטיגקייט איז ביי אים פינסטער גיווארין דורך זיין גיצעלט דורך זיין ווייב וואס זיא איז גישטארבין . אונ זיין ליכט איז ביי אים אפ גישפרונגען אוועק גיגאנגען . רבי יוסי ברבי חנינא זאגט זיינע טריט ווערין

אים

(סס) ותשליכהו עצתו אמר רבה בר בר חנה א"ר יוחנן קשה לזווגם כקריעת ים סוף שנאמר (תהלים סח) אלהים מושיב יחידים ביתה מוציא אסירים בכושרות אל תקרי מוציא אסירים אלא כמוציא אסירים אל תקרי בכושרות אלא בכי ושירות איני והא אמר רב יהודה אמר רב ארבעים יום קודם יצירת הולד בת קול יוצאת ואומרת בת פלוני לפלוני לא קשיא הא בזווג ראשון הא בזווג שני. א"רשב"נ לכל יש תמורה חוץ מאשת נעורים שנאמר (ישעיה נד) ואשת נעורים כי תמאס מתני ליה רב יהודה לרב יצחק בריה אין אדם מוצא קורת רוח אלא מאשתו ראשונה שנאמר (משלי ה) יהי מקורך ברוך ושמח מאשת (סס ע"ב) נעוריך א"ל כגון מאן א"ל כגון אמך איני והא מקרי ליה רב יהודה לרב יצחק בריה (קהלת ז) ומוצא אני מר ממות את האשה אשר היא מצודים וחרמים וא"ל כגון מאן וא"ל כג"ן אמך מיתקף תקיפא עבורי מיעברה במילי אמר רבי שמואל בר אוניא [משמיה דרב] אשה גולם היא ואינה כורתת ברית אלא למי שעשאה כלי שנאמר

עבורי מעברה. במילי מעברת על מדוחים: גולם כ"ד. קודם שבעלה. גולם כלי שלא נגמר קרוי גולם:

אים איינג. ער קען ניט גיין אין גאס פר דינגען. אזו וויא עס שטייט אין פסוק יצרו צעדי אונו. זיינע שטארקע טריט וועלין אים איינג ווערין. רבי אבהו זאגט זיינע עצות פאלען אוועק פון אים. אזוי וויא עס שטייט אין פסוק ותשליכהו עצתו. זיין עצה ווערט אים אוועק ווארפען. רבה בר בר חנה הט גזאגט פון רבי יוחנן וועגין אמאן מיט אווייב איז ביי גאט שווער צו זאמען צו פארין. אזוי וויא עס איז שווער גיוועזן צום צוא רייסען דעם ים. אזוי וויא עס שטייט אין פסוק אלהים מושיב יחידים ביתה. אז גאט בזעצט פון איינצעלנע מענטשין אשטוב ואמאן מיט אווייב האבען חתונה אונ פון זייא ווערט אבזונדער שטוב]. מוציא אסירים בכושרות. דו זאלסט ניט לייענען מוציא אסירים. נאר זאלסט לייענען כמוציא אסירים. אונ זאלסט ניט לייענען בכושרות. נאר זאלסט לייענען בכי ושירות. [דאס איז ביי גאט אזוי שווער. וויא עס איז שווער גיוועזן ווען גאט האט ארויס גינומען די גיבונדענע יודין פון מצרים. אונ האט זייא געפירט איבער דעם ים מיט גיזאנג. אונ ווען זייא זענען ארויס גיגאנגען פון ים האבען זייא גיזונגען]. פרעגט די גמרא עס איז דאך ניט אזוי. ווארום רב יהודה האט גזאגט פון רבס וועגין פערציג טעג איידער דאס קינד ווערט בשאפען גייט ארויס אקול אונ זאגט דעם מענטשינס טאכטער זאל זיין דעם מענטש נס ווייב. זאגט דיא גמרא עס איז ניט קיין קשיא אז אבחור נעמט אבתולה דאס ווערט אויס גרופען איידער זייא ווערין בשאפען. אבער אז אאלמן נעמט אאלמנה אדער אגרושה. אדער אגרוש נעמט אאלמנה אדער אגרושה. דאס איז ביי גאט שווער צו זאמען פארין. רבי שמואל בר נחמן זאגט אלץ וואס אמענטש פאר לירט קען ער בעקומען איין אנדער זאך אזעלכע. נאר אז ער פאר לירט. דיא ערשטע ווייב זיינע. דאס קען ער שוין אזעלכעס ניט בעקומען. אזו וויא עס שטייט אין פסוק אפילו דיא ווייב פון דער יוגענד ווערט פאר מיאוסט. אונ ער נעמט איין אנדערע. האט ער דער נאך חרטה. ווארום ער וועט פון דיא אנדערע ווייב ניט האבען דעם פערגעניגען וואס ער האט גיהאט פון דיא ערשטע ווייב. רב יהודה האט גילערונט צו זיין זוהן רב יצחק אמענטש געפינט ניט קיין פערגעניגען נאר ביי זיין ערשטע ווייב: אזוי ווי עס שטייט אין פסוק דיין קואל [דיין בשאפונג] וועט זיין גיבענשט אז דוא וועסט דיך פרייען מיט דיא ווייב וואס דו האסט גינומען אין דיין יוגענד. האט רב יצחק גזאגט צום פאטער וועמען מיינסטו. האט דער פאטער צו אים גזאגט איך מיין דיין מוטער. פרעגט די גמרא עס איז דאך ניט אזוי ווארום רב יהודה האט גילערונט מיט זיין זוהן רב יצחק דעם פסוק אונ איך געפין ביטערער וויא דער טויט איז דיא ווייב זיא איז נאר אנעץ צו פאנגען דעם מענטשין. האט רב יצחק גיפרעגט ביים זיין פאטער וועלכע ווייב איז אזוי ביטער. הט דער פאטער גזאגט אזוי אווייב וויא דיין מוטער איז. זעהן מיר אז זיין ווייב איז גיוועזן אשלעכטע. ענטפערט די גמרא זיא איז ניט גיוועזן אשלעכטע

גאר

שנאמר (ישעיה נד) כי בועליך עושיך ה' צבאות שמו
תנא אין איש מת אלא לאשתו ואין אשה מתה אלא לבעלה אין איש מת אלא לאשתו שנאמר (רות א) וימת אלימלך איש נעמי ואין אשה מתה אלא לבעלה שנא' (בראשית מח) ואני בבואי מפדן מתה עלי רחל :

אלא אם כן יודעין מי חותם עמהם. שמא יתחתמו עמהם עם הוא פסול ומבטל עדות כלם ומאלו אלו גושיב (ורבק אית לא דרב יהודה הלכך דעת הדיינין בעיק שיכררו מי ישב עמהן הגון) : ואין נכנסין לסעודה וכו'. מנהגי הוא להלמידי חכמים ליכב אלא עם הארץ בסעודה :
ושוחקן זה בזה. מטית ומקיש זה לזה הלמה תריפא

## זה בורר פרק שלישי

(דף כג) א תניא כך היו נקיי הד״ת שבירושלים עושין לא היו חותמים על השטר אלא אם כן היו יודעים מי חותם עמהם ולא היו יושבין בדין אלא א״כ היו יודעים מי יושב עמהם ולא היו נכנסים בסעודה אלא א״כ יודעים מי מיסב עמהם :

(דף כד) ב [גופא] (אמר ר״מ זה פסל עדיו של זה) אמר ר״ל פה קדוש יאמר דבר זה תני עדו איני והאמר עולא הרואה ריש לקיש בבית המדרש כאילו עוקר הרים וטוחנן זה בזה אמר רבינא והלא כל הרואה ר״מ בבית המדרש כאילו עוקר הרי הרים

---

נאר אבעקן. אונ אז מען האט איר דער צערינט אונ מען האט ביי איר געבעטין זיא זאל מוחל זיין. האט זיא מוחל געוועזן. רב שמואל בר אוניא האט געזאגט פון רבס וועגין: אאשה ואמידולו איז אזוי וויא אשטיק מאטריאל וואס מען קען פון איר מאכען וואס פאר אכלי מען וויל. אזוי ענדערט אמידול איר נאטור נאך דעם ווילען פון איר ערשטין מאן. ווארום אמידיל מאכט ניט קיין פאר בינדונג נאר מיט דעם מענטש וואס האט איר גימאכט פר אכלי. אזוי וויא עס שטייט אין פסוק דער וואס האט דיך בועל גיוועזן. האט דיך גימאכט. זיין נאמען איז דער גאט פון אלע ערשאפט. מיר האבען גילערונט אמאן שטארבט נאר צו דער וייב. אונ אווייב שטארבט נאר צום מאן. אז אמאן שטארבט נאר צו דער וייב ווייסען מיר פון דעם פסוק עס איז גישטארבען אלימלך דער מאן פון נעמי. מיר ווייסען שוין פריער אז אלימלך איז גיוועזן דער מאן פון נעמי. נאר דער פסוק דער ציילט אונז אז נאר צוא נעמי איז ער גישטארבין. אונ אז אווייב שטארבט נאר צום מאן. ווייסען מיר פון דעם פסוק. יעקב האט גזאגט ווען איך בין גיקומען פון פדן איז רחל גישטארבין אויף מיר. נאר אויף מיר אז זיא גישטארבין ניט צוא קיין אנדערין :

## פרק שלישי

א תניא. מיר האבען גילערנט דיא איידעלע מענטשין פון ירושלים פלעגין אזוי טאהן; זיא פלעגין זיך ניט התמנן אויף אוועקסיל פאר אעדות. סידין זיא האבען געוואסט ווער ווענען דיא איבעריגע עדות וואס וועלין זיך חתמנן מיט זיא. אונ זיא זענען ניט גיזעסין פר דיינים. סידין זיא האבען גיוואוסט ווער עס וועלין זיין דיא איבעריגע דיינים וואס וועלין זיצען מיט זיא. אונ זיא זענען ניט אריין גיגאנגען צוא אסעודה. סידין זיא האבען גיוואוסט ווער עס וועלין זיין דיא איבעריגע מענטשין וואס וועלין זיצען מיט זיא ביא דער סעודה :

ב נופא. פריער שטייט רבי מאיר האט גזאגט דער מאכט פסול דיא עדות פון דעם. האט ריש לקיש גזאגט אזוי אהייליגע מויל וויא רבי מאיר האט גיהאט זאל זאגין אזוי אזאך נאר זאלסט ניט לערנען עדיו זיינע עדות. פיל עדות. אונ אמווייניגסטען צוויי עדות. נאר זאלסט לערנען עדו. זיין איין עדות. פרעגט דיא גמרא עולא האט דאך גזאגט דער וואס הט גיזעהן ריש לקיש אין בית המדרש איז גיוועזן גלייך וויא ער וואלט גיזעהן מען רייסט אוים בערג אונ מען מאלט איין בארג מיט דעם אנדערין בארג. ביז פון ביידע בערג ווערט זאמד. אזוי

הרים וטוחנן זה בזה הכי קאמר בא וראה כמה מחבבין זה את זה כי הא דיתיב רבי וקאמר אסור להטמין את הצונן אמר לפניו ר' ישמעאל בר' יוסי אבא התיר להטמין את הצונן א"ל כבר הורה זקן אמר רב פפא בא וראה כמה מחבבין זה את זה דאילו ר' יוסי היה קיים היה כפוף ויושב לפני רבי דהא רבי ישמעאל ברבי יוסי ממלא מקום אבותיו הוה והיה כפוף ויושב לפני רבי וקאמר כבר הורה זקן:

**ג א"ר** אושעיא מאי דכתיב (זכריה יא) ואקח לי שני מקלות לאחד קראתי נועם ולאחד קראתי חובלים נועם אלו ת"ח שבא"י שמנעימין זה לזה בהלכה (שם ד) ויאמר אלי אלה בני היצהר העומדים וגו' ושנים זיתים עליה יצהר א"ר יצחק אלו ת"ח שבא"י שנוחין זה לזה בהלכה כשמן זית ושנים זיתים עליה

טובא הוה ומקרי ליה לר"מ דכך עגוה פת קדוש : אמר רבינא . ומאי תמיהא והא ר"מ עיקר הרי הרים הוא כלומר אלים וגבר טפי ע"כ : בא וראה כמה . כנו' לא אתמוהי קמתמהי אלא ה"ק בא וראה כמה בני א"י מחבבין זה את זה דהא ר"ל תריף והכים טובא הוה וקרי ליה לר"מ פה קדוש דקא מחבב ליה ומייבב הדבר להתקיים : להטמין את הצונן . מים צונן ומאיכלא בלא יוחמו אסור להטמין כהול צונן לשבת : הורה זקן . רבי יוסי דאזליק בתריה : ממלא מקום אבותיו . חשוב כאביו : מחבלים. בלשון עז וחמה מקבין זה לזה ובני א"י נוחין יחד ומעיינין יחד ומתקן זה את

---

פלעגט ריש לקיש נעמען צוויי דריי שווערע קשיות אונ פלעגט פאר ענפערן מיט איין קשיא די אנדערע . אונ אז ריש לקיש איז געוועזען אזוי אגרויסער חריף וועט ער זיין ביי זיך אזוי נידעריג אז ער זאל זאגען אויף רבי מאיר דיא היילינע מויל . האט רבינא גזאגט דאס איז גאר קיין קשיא ניט וואהרום רבי מאיר איז געוועזען אגרעסערער חריף וויא ריש לקיש . וואהרום דער וואס האט געזעהן רבי מאיר אין בית המדרש איז געוועזען גלייך וויא ער וואלט געזעהן מען רייסט אויס צוויי גרויסע בערג וואס אויף יעדער בארג האט געוואקסען נאך אבארג אונ מען טאקט איין בארג מיט דעם אנדערין בארג ביז פון ביידע בערג ווערט זאמד . אזוי פלעגט רבי מאיר נעמען צוויי דריי דיא גרעסטע קשיות אונ פלעגט פאר ענפערן מיט איין קשיא דיא אנדערע . זאגט דיא גמרא ניט מען האט זיך געוואונדערט אויף ריש לקיש פאר וואס ער זאגט אויף רבי מאיר דיא היילינע מויל . נאר פארקערט האט מען גזאגט קום זעה וויא דיא חכמים פון ארץ ישראל האבען ליב גיהאט איינער דעם אנדערין . אונ זייא האבען גיגעבין כבוד איינער צום אנדערין . אז ריש לקיש וואס ער איז געוועזען אזוי אגרויסער חריף האט ער גיגעבין כבוד צוא רבי מאיר אונ האט אים גירופען דיא היילינע מויל . נאך אזוי אגלייכע געפינען מיר רבי איז אמאהל גיזעסין אונ האט גזאגט אדין אז איינער האט קאלטע וואסער אונ ער הט מורא זיי וועלין ווארעם ווערין וויל ער זייא בעהאלטין אין קאלטע זאמד אום שבת . טאר מען ניט . האט רבי ישמעאל ברבי יוסי גזאגט פאר רבי מיין פאטער האט גזאגט מען מעג בעהאלטין דיא קאלטע וואסער אין קאלטע זאמד אום שבת . האט רבי גזאגט אויף רבי יוסי אז דער אלטער מאן האט גזאגט מען מעג . מעג מען . האט רב פפא גזאגט קום אונ זעה וויא ליב דיא חכמים האבען גיהאט איינער דעם אנדערין . וואהרום ווען רבי יוסי וואלט גילעבט וואלט ער גיוועזען אונטער טעניג צוא רבי . וואהרום רבי ישמעאל דער זוהן פון רבי יוסי האט גיקענט אזוי גוט לערנען וויא זיין פאטער רבי יוסי . אונ רבי ישמעאל איז געוועזען אונטער טעניג צו רבי . וואלט דאך דער פאטער אויך גיוועזען אונטער טעניג צו רבי . פון דעסטוועגין האט רבי גזאגט אויף רבי יוסי אז דער אלטער הט אזוי גיפסקת . זאל בלייבען וויא ער האט גיפסקת :

**ג** אמר . רבי אושעיא האט גזאגט עס שטייט אין פסוק דער נביא זאגט איך האב גענומען צוויי שטעקינס . איין שטעקין האב איך גערופין נועם . דעם אנדערין שטעקין האב איך גירופען חובלים . נועם מיינט מען דיא תלמידי חכמים וואס אין ארץ ישראל . ווען איינער לערנט מיט דעם אנדערין . לערנט ער מיט אים מיט זיסע רייד . חובלים מיינט מען דיא תלמידי חכמים פון בבל . אז איינער לערנט מיט דעם אנדערין . לערנט ער מיט בייזין אונ מיט כעס . עס שטייט אין פסוק דער מלאך האט גזאגט צו מיר דאס זענען דיא קינדער יצהר .

אונ

עליה אלו ת"ח שבבבל שמרירין זה לזה בהלכה כ"ת כתיב (זכריה ה) (ואשא) עיני וארא והנה שתים נשים יוצאות ורוח בכנפיהן ולהנה כנפים ככנפי החסידה ותשנה (את) האיפה בין הארץ ובין השמים ואומר אל המלאך הדובר בי אנה כוליכות את האיפה ויאמר אלי לבנות לה בית בארץ שנער א"ר יוחנן משום ר' שמעון בן יוחאי זה הנופה וגסות הרוח שירדו לבבל. וגסות הרוח לבבל נחית והאמר מר עשרה קבין גסות ירדו לעולם תשעה נטלה עילם ואחד כל העולם כלו אין לבבל נחית ואשתרבובי הוא דאשתרבב לעילם דיקא נמי דכתיב לבנות לה בית בארץ שנער ש"מ. תסית לבבל לא והאמר מר סימן לגסות הרוח עניות ועניות לבבל נחית מאי עניות עניות דתורה דכתיב (שיר השירים ח) אחות לנו קטנה ושדים אין לה ואמר ר' יוחנן זו עילם שזכתה ללמוד ולא זכתה ללמד. מאי בבל א"ר יוחנן בלולה במקרא בלולה במשנה

דברי זה והמשועה יוצאות ללול : איפה . זה יצר הרע : שתי נשים . הנופה וגסות הרוח : ורוח בכנפיהם . לשון גסות הרוח : ככנפי החסידה . זו תוספת שמרחין עצמם חסידים : לבנות לה בית . ולא כתיב להן (תלת) [תרתי] האחת לבדה נתיסבה שם : עניות תורה . בעילם היא דליכא בעילם הוה דכתיב והני הויהו כשוכן הבירה אשר בעילם המדינה ולא דיין תורה עולא הוה כבבל ולמד הן ומשפט

---

און צוויא איילבירטען זענען אויף איר. רבי יצחק האט געזאגט יצהר (בוימאייל) מיינט מען די תלמידי חכמים וואס אין ארץ ישראל. אז זייא לערנען איינער מיט דעם אנדערין. ריידין זייא מיט גוטע רייד אזוי וויא בוימאייל. און צוויי איילבירטען זענען אויף איר מיינט מען די תלמידי חכמים וואס אין בבל. אז זייא לערנען איינער מיט דעם אנדערין. ריידין זייא מיט ביטערע רייד. אזוי וויא איילבירטען וואס זענען ביטער. עס שטייט אין פסוק דער נביא זאגט איך האב אויף גיהויבין מיינע אויגען און איך האב גיזעהן צוויי ווייבער גייען ארויס און אווינט איז אין זייערע פליגול און זייא האבען פליגול אזוי וויא דיא פויגיל חסידה. און זייא האבען גיטראגען דיא מאס צווישען די ערד און דעם הימעל (אין דער לופטין). האב איך געזאגט צום מלאך וואס האט גירעט מיט מיר וואו אהין טראגען זייא דיא מאס. האט דער מלאך צו מיר געזאגט דיא ווילען באהעלן אשטוב פאר דיא מאס אין דעם לאנד שנער (דאס איז בבל). (די מאס דאס איז דער יצר הרע. אזוי וויא עס שטייט אין די מסכת יומא פ"ו. און דיא צוויא ווייבער זענען האט רבי יוחנן געזאגט פון רבי שמעון בן יוחאים ווערין דאס איז הניפה (פאלשקייט). אזוי וויא איינער וואס ווייזט ער איז אחסיד. און עס איז ליגען). און גאוה. וואס אמענטש איז גרוים ביי זיך. און דיא צוויי שלעכטע מדות זענען דא אין בבל. דאס מיינט מען פר זייא צו באהעלען אשטוב (אוואוהנונג) אין בבל. פרעגט די גמרא איז דען דיא מדה פון גאוה גיקומען אין בבל. דער תנא האט דאך געזאגט צעהן מאס גאוה איז אראפ גיקומען אויף דער וועלט. ניין מאס גאוה האט גינומען דיא מדינה עילם. און איין מאס האט גינומען דיא גאנצע וועלט. ענפערט דיא גמרא גאוה איז טאקי גיקומען אין בבל. פון בבל איז זיא גיקומען אין עילם. פון פסוק זעהט מען אויך אזוי. ווארום עס שטייט אין פסוק צו באהעלען פאר איר אשטוב אין בבל. צוויי שלעכטע מדות זענען דאך גיקומען אין בבל. האט דאך גידארפט שטיין צו באהעלען פאר זייא אשטוב. נאר איין מדה איז אוועק גיגאנגען פון בבל. דיא מדה פון גאוה איז אוועק גיגאנגען פון בבל אין עילם. און אין בבל איז נאר געבליבען די מדה פון הניפה (פאלשקייט) אליין. פרעגט דיא גמרא און אין בבל איז ניטא קיין גאוה. דער תנא הט דאך געזאגט אסימן אויף גאוה איז ארעמקייט. דער וואס איז ארעם איז אסימן אז ער איז גרוים ביי זיך. און בבל איז דאך ארעם איז דאך אסימן אז אין בבל איז דא גאוה. ענפערט דיא גמרא דער וואס איז גרוים ביי זיך האט ניט ארעמקייט כון געלט. נאר ארעמקייט פון תורה. און בבל איז נאר גיוועו ארעם אין געלט אבער ניט אין תורה. איז אסימן אז בבל איז ניט גיוועו גרוים ביי זיך. אבער עילם איז גיוועו גרוים ביי זיך איז זיא גיוועו ארעם אין תורה. ווארום עס שטייט אין פסוק מיר האבען אקליינע שוועסטער און זיא הט ניט קיין בריסט. האט רבי יוחנן געזאגט דס מיינט מען דיא מדינה עילם זיא האט זוכה גיוועו צוא

לערנען

במשנה בלולה כתלמוד (איכה ג) במחשכים הושיבני כמתי עולם א"ר ירמיה זה תלמודא של בבל:

(דף כה) **ד ההוא** טבחא דאישתכח דנפקא טריפותא מתותי ידיה (פסליה) [שמתיה] רב נחמן ועבריה אזל רבי מזייה וטופריה סבר ר"נ לאכשוריה א"ל רבא דילמא איערומי קא מערים אלא מאי תקנתיה כדרב אידי בר אבין דאמר רב אידי בר אבין החשוד על הטריפות אין לו תקנה עד שילך למקום שאין מכירין אותו ויחזיר אבידה בדבר חשוב או שיוציא טרפה מתחת ידו בדבר חשוב שלו:

(שם ע"ב) **ה אמר** רב יהודה סתם רועה פסיל סתם גבאי כשר אבוה דר' זירא עבד גביותא תליסר שנין כי הוה אתא ריש נהרא למתא כי הוה חזי רבנן אמר להו (ישעיה כו) לך עמי בא בחדריך כי הוה חזי אינש דמתא אמר ריש נהרא

בישולא: במחשכים הושיבני. שאין מהיס זה עם זה ותלמודם ספק בידם:
רבי מזייה וטופריה. הגדיל שערו וצפרניו לגנוז עצמו לעשות תשובה: שאין מכירין אותו. דתשובה דהתם לאו עירומי הוא: ויחזיר אבדה. את מצא אבידה חבירו דכיון דמחזיר אבידה כולה ודאי הדר ביה מחמדת ממון:
סתם. רועה דאלכתי לא חזינן דעיילו בסמוכות בשדות אחרות: סתם גבאי כשר. עד דשמעינן ביה דשקיל יתירתא כי הוה חזי. אבוה דרבי זירא דכהן מיושבי העיר: אמר לך עמי כו׳

---

לערנען תורה און זי האט ניט זוכה געוועז צו לערנען תורה מיט אנדערע. דס הייסט זי האט גיט קיין בריסט צו געבין זייגין. פרעגט די גמרא פר וואס רופט מען בבל. האט רבי יוחנן געזאגט בבל איז דער טייטש צו מישט ווייל אין די גמרא פון בבל איז אויס געמישט תורה נביאים כתובים משניות גמרא. עס שטייט אין פסוק ירמיה הנביא האט געזאגט אין דער פינסטער האט ער מיך גיזעצט אזוי ווי די אייביגע מתים. האט רבי ירמיה געזאגט דס מיינט מען די גמרא פון בבל. אין דער גמרא לערנט מען אזוי ווי אין דער פינסטער. מען קען ניט געפינען אריכטיגען דין:

**ד** ההוא. עס איז געוועז אשוחט וואס מען האט געפונען אז ער פאר קויפט טרפה פליש פאר כשרה. האט רב נחמן אים מחרים געוועז און האט געזאגט אז ער טאר ניט זיין אשוחט. איז דער שוחט גיגאנגען און האט גילאזט וואקסען דיא האר און דיא נעגיל און ער האט געזאגט אז ער טוהט דאס ווייל ער טוהט תשובה. האט רב נחמן גיוואלט זאגין אז דער שוחט מעג שוין ווייטער שעכטין ווייל ער האט גיטאהן תשובה. האט רבא געזאגט צו רב נחמן טאמער איז דאס גאר פאלש. ער האט גילאזט וואקסען דיא האר מיט דיא נעגיל מען זאל מיינען אז ער טוהט תשובה. נאר וויא דען זאל ער טאהן אז מען זאל וויסען אז ער טוהט מיט אמת תשובה. ער זאל טאהן וויא רב אידי בר אבין האט געזאגט. דער מענטש וואס מען איז אידם חושד אז ער פאר קויפט טרפה פליש פאר כשרה. גייט ער אנדערש ניט ארויס פון חשד סיידין ער זאל גיין אין אזוי אארט וואס מען קען אים ניט. און אז ער געפינט אטייערע זאך גיט ער זיא אוועק צוא דעם וואס האט איר פאר לארין. אדער זיינע אטייערע בהמה איז טרייף גיווארין. און ער פאר קויפט זיא פאר אטרפה. זעהט מיר שוין אז ער איז פרום גיווארין און אמצוה איז ביי אים טייערער וויא געלט. וועט ער שוין ניט פר קויפען טרפה פליש פר כשרה ער זאל מער פר דינען. מעג מען אים שוין לאזין שעכטין:

**ה** אמר. רב יהודה האט געזאגט אפאסטוך אפילו מען האט ניט גיזעהן ער זאל פיטערין זיינע בהמות אין פרעמדע פעלדער. פון דעסטוועגין איז ער פסול צו זיין אעדות. ווארום עס איז געווים אז זיינע בהמות פיטערין זיך אין פרעמדע פעלדער. אפילו מיר האבען ניט גיזעהן. און אגבאי וואס נעמט צו זאמען דיא פאדטקעס פון מלך: איז כשר צו זיין אעדות. ווארום געווים נעמט ער ניט מער וויא ער דארף נעמען. סיידין מען וויס אז ער נעמט מער. איז ער פסול צוא עדות:

אתא למתא והאידנא נכים אבא לפום ברא וברא לפים אבא (דף כו) ומגנזו כולי עלמא כי אתי אמר ליה ממאן ניבעי כי ניחא נפשיה א"ל שקולי תליסר מעי דציירי לי בסדינאי והדרו ליה לפלניא דשקלתינהו מיניה ולא איצטריכו לי:

ו רבי חייא בר זרנוקי ור' שמעון בן יהוצדק הוו קאזלי לעבר שנה בעס"א פגע בהו ריש לקיש איטפל בהדייהו אמר איזיל איחזי היכי עבדי עובדא חזייה להההוא גברא דקא כריב אמר להן כהן וחריש אמרו לו יכול לומר אגיסטון אני בתוכו. תו חזייה לההוא גברא דהוה כסח בכרמי אמר להו כהן וזומר אמר לו יכול לומר לעקל בית הבד אני צריך אמר להם הלב יודע אם לעקל אם לעקלקלות הי אמר להו ברישא איליכא הא קמייתא אמר להם בר"שא הא נמי ליםרון אגיסטון אני בתוכו אלא הא אמר להו ברישא והדר אמר להו הך מאי שנא כהן משום דחשידי אשביעית

בהדריך. דלא ליתזיהו ריש כרלא שהוא שר העיר ורוצה שרבים יושבי בעיר וישאל ממון הרבה לכל שנה והוא היה מקיל עליהם במס ומדחה את שר העיר לאמר שיושביה מועטין ואין ממי לגבות: נכים אבא לפום ברא. ישהוט את האב לפני הבן כלומר יגבה מהן ממון: מגנזו. מתחבאים: כריב. חריש: ואמר להו. ריש לקיש: כהן הוא שהורש בשביעית דאמרינן לקמן כהשדו כהנים על השביעית: אגיסטון. שכיר וקרקע של נכרי הוא אי נמי משום ארנונא שכרו בעל הבית להרוש: כסח. זומר כרם: עקל. רשות"א וצריכא לבית הבד לקבור בה תפוח הזיתים כשעוצרין אותן בקורה: הלב יודע. לבו יודע אם לעקל מתכוון או לעקלקלות לעבור על דת: נתשדו כהנים. לחשוב שביעית אחר זמן הביעור דמוכר בה סיהלא משום דאיסתכו תרומה וקדשי קדשים לגבייהו ושביעית נמי קדושת

---

**תוספות** למבר השנה בעסיא וא"ת היאך היו מעברים בעסיא הא עבי' ח"ל היא כדאמרינן פרק הזק' הכתים עשיא ואספמייא וכו' ויש לומר דלעבר ר"ל להשוב והכי משמע מדקאמר כהן וחריש משמע שבשביעי' היתה ואין מעברין השנה בשביעית כדאמרינן לעיל:

**מהרש"א** הכ"י דא עקא וכו' מה שלא חשו הם על שקרא להן רשעים ולא חשו רק על שקרא להן רועי בקר אפשר שלא הגידו השומעים להן שקרא אותן רשעים ועי"ל דודאי הקפידו על ר"ל גם בזה אלא שעל ר"י הקפידו נ"כ למה מתחלה שקרא אותן רועי בקר לא א"ל ולא מידי עד לבסוף שקרא אותן רשעים שא"ל ר"י דא עקא וע"ז השיב להן ר"י ואי קרו לכו רועי צאן כו' ר"ל דע"ז אין לכם להקפיד דמלינו דה"א מקפחין מהגדין זה את זה בהאי ליטנא כדאמרינן פ"ק דיבמות דא"ל יוחנן בן הרכינס לר"ע אתה עקיבא שמך הולך מסוף עולם עד סופו ועדיין לא הגעת לרועי בקר וא"ל אפילו לרועי צאן וק"ל:

---

ו רבי חייא בר זרנוקי אונ רבי שמעון בן יהוצדק זענען גיגאנגען אין עס"א זייא זאלין דארט מעבר זיין דעם יאהר (מען זאל מאכען צוויי מאהל אדר). אין וועג האט זייא גיטראפין ריש לקיש איז ער גיגאנגען מיט זיי. ער האט גזאגט צו זייא איך וועל מיט גיין זעהן ווי אזוי איר זענט מעבר דעם יאהר. דער ווייל האט ריש לקיש גיזעהן ווי א מענטש שטייט אין אפעלד אונ האקערט. האט ריש לקיש גזאגט צו רבי חייא אונ רבי שמעון דער מענטש וואס האקערט איז אכהן (אונ דער יאהר איז גיוועזן שמטה וואס מען טאר ניט האקערין אין פעלד). האבען זייא גזאגט צו אים דער מענטש קען זאגין דיא פעלד איז אגוישע אונ דער גוי האט מיך גידונגען איך זאל איר האקערין אונ דאס מעג מען. דער נאך האט גיזעהן ריש לקיש אמענטש שטייט אין אויין גארטין אונ ער שנייד אפ די נעדריכטע צווייגען עס זאל ווערין שיטערער ווען בעסער וואקסען. האט ריש לקיש גזאגט צו רבי חייא אונ רבי שמעון דער מענטש וואס שניידט די צווייגן איז אכהן (אונ אין יאהר פון שמטה טאר מען ניט אפ שניידין דיא געדיכטע צווייגין פון בוים צו מאכען שיטערער). האבען זיי גזאגט צו אים דער מענטש קען זאגין איך שנייד ניט דיא צווייגין שיטערער צו מאכען די איבעריגע צווייגין. נאר איך דארף די צווייגין לעקל בית הבד. ארום צו בינדען מיט זיי די איילבירטען אויס קוועטשין. האט ריש לקיש צו זיי גזאגט פר אונז קען ער טאקי אזוי זאגין. אבער זיין הארץ ווייס צו וואס ער שניידט די צווייגן אם לעקל או לעקלקלות: אויב ארום צו בינדען די איילבירטען. אדער צו פר קריפען נצו טאהן

אעבירה

אשביעית דתנן וכו' אמרו טרודא הוא דין כי מטו להתם סליקא לאיגרא שלפוה לדרגא מתותיה אתא לקמיה דרבי יוחנן א"ל בני אדם החשודין על השביעית כשרין לעבר שנה הדר אמר לא קשיא לי מידי דהוה אשלשה רועי בקר ורבנן אחושבנייהו סמיך הדר אמר לא דמי התם הדור אימנו רבנן ועברוה להוא שתא הכא קשר רשעים הוא וקשר רשעים אינו מן המנין א"ר יוחנן דא עקא כי אתו לקמיה דר' יוחנן אמרו ליה

אבן סיד: תמרו. כי חיה בר אכוקי ור"ש עליה דרים לקיש: טרודא הוא דין. קנהין הוא זה ומטריה בדבריו: כי מטו התם. לעליה שמעברין בה שנה כדאמרינן בפרק קמא: החשודין על השביעית. שעשו כגגוריה לרשעים: שלשה רועי בקר. בפרק כהן גדול (קאמר דעבדוה רבנן לשתא על פי שלשה רועי בקר ובתר הכי קאמר דרבנן לאו ארועי בקר סמכו אלא אחושבנייהו): קשר רשעים הוא. והילך אנו סומכין על מנין זה לעשות כדב יהסם ואפילו (אי עבוד) [אם כן עושין עיבור] כדין וכרת אין השנה מתעברת על ידיהם דבעינן גית דין (נאמנים) [נימנין] והלו הינן (נאמנים) [מנין]: דא"

---

א עבירה. די איבעריגע צווייגן זאלין ווערין שיט ערער) . פרעגט די גמרא וועלבע זאך המ ריש לקיש פריער דער ציילט . מיר זאלין זאגין אזוי וויא דא שטייט . פריער המ ער דער ציילט מיט דעם האקערין . דער נאך מיט די צווייגן . האבען זייא דאך אים אויף דיא צווייגן גיקענט ענפערין דעם זעלביגען תירוץ אזו וויא זייא האבין גיענפערט אויף דעם האקערין . ער קען זאגין דער בוים איז אגוישער אונ ער האט מיך גידונגען איך זאל שניידען דיא צווייגן . נאר פריער האט ער גזאגט דיא מעשה מיט די צווייגן . איז זיי נאך ניט איין גיפאלען אין דיא גידאנקין צו ענפערין אז ער קען זאגין אגוי האט מיך גידונגען . דריבער האבען זיי גיענפערט ער קען זאגין ער דארף דיא צווייגן צו בינדען מיט זיי איילבירטען . דער נאך האט ריש לקיש גזאגט די מעשה מיט דעם האקערין . איז זייא איצט איין גיפאלען דער תירוץ אז ער קען זאגין אגוי האט מיך גידונגען . פרעגט דיא גמרא פון וואנען האט ריש לקיש גיוואוסט אז דער מעטש איז אכהן . ענפערט דיא גמרא ווייל כהנים זענען גוועזן אין חשד זיי זאלין ארבעטין אין דעם יאהר פון שמטה . האט רבי חייא אונ רבי שמעון גזאגט אויף ריש לקיש דער מענטש מוז זיין אקריגער ווער האט ליב צו פרעגין קשיות . אז זייא זענען גיקומען אין עכיא איז ריש לקיש ארויף גיגאנגען אויף דעם בוידים וואו רבי חייא אונ רבי שמעון האבען גידארפט ארויף גיין מעבר צו זיין דעם יאהר) . האבען זייא צו גענומען דעם לייטער . ער זאל ניט קענען אראפ גיין . אונ זייא זענין גיזעסין אונטען אונ האבין מעבר גיוועזן דעם יאהר . אונ זייא האבען ניט גיוואלט ריש לקיש זאל זיין מיט זייא . ער זאל זייא ניט פרעגין קשיות . אז רבי חייא אונ רבי שמעון זענען אוועק גיגאנגען האט מען צו גישטעלט דעם לייטער איז ריש לקיש אראפ גיגאנגען . אונ ער איז גיקומען פאר רבי יוחנן (מיט כעס) . אונ ער האט גזאגט צוא רבי יוחנן מענטשין וואס זענען אין חשד אז זיי היטען ניט דיא דינים פון שמטה ווייל רבי חייא אונ רבי שמעון האבען גזאגט ת ירוצים אויף דעם יוד וואס האט גיארבעט אום שמטה מעגין מעבר זיין דעם יאהר . דער נאך האט ער גזאגט דאס איז ביי מיר ניט קיין קשיא . ווארום דריי פאסטוכער האבען אויך אמאהל גזאגט אז מען דארף מעבר זיין דעם יאהר . אונ דיא רבנן האבען זיך פר לאזין אויף זייער רעכענונג אונ האבען מעבר גיוועזן דעם יאהר . איז דאך רבי חייא אונ רבי שמעון ניט ערגער וויא דיא פאסטוכער . דער נאך האט ער גזאגט עס איז ניט גלייך דער צוא . דארטין האבען דאך דיא פאסטוכער ניט מעבר גיוועזן דעם יאהר . זיי האבען נאר גזאגט מען דארף מעבר זיין דעם יאהר . אונ נאך זייערע רייד האבען דיא רבנן גיקלערט אין דער זאך אונ די א רבנן האבען מעבר גיוועזן דעם יאהר . אבער דא האבען דאך רבי חייא אונ רבי שמעון מעבר גיוועזן דעם יאהר . אונ זייא זענען אבאנדע מיט רשעים וואס זיי זענען אין חשד ניט צו היטען דיא דינים פון שמטה . דריבער אפילו זייא האבען ריכטיג מעבר גיוועזן דעם יאהר . איז דאס אויך ניט קיין עיבור . ווארום אבאנדע רשעים זענען ניט קיין בית דין . האט רבי יוחנן גזאגט דאס איז שלעכט . אז דוא זאגסט זייא זענען רשעים . אז רבי חייא אונ רבי שמעון זענען גיקומען פאר רבי יוחנן האבען זייא גזאגט צו אים דוא האבסט

גיהערט

ליה קרי לן רועי בקר (ולא מחית) ולא א"ל מר ולא מידי אמר להו ואי קרי לכו רועי צאן מאי אמרי ליה:
ז מאי קשר רשעים שבנא הוה דריש בתליסר רבוותא חזקיה ה"ה דריש בהד סר רבוותא כי אתא סנחריב וצר עלה דירושלים כתב שבנא פתקא שדא בגירא שבנא וסיעתו השלימו חזקיה וסיעתו לא השלימו שנא' (תהלים יא) כי הנה הרשעים ידרכון קשת כוננו חצם על יתר הוה קא מסתפי חזקיה אמר דלמא חס ושלום נטייה דעתיה דקב"ה בהר רובא כיון דרובא מימסרי אינהו נמי מימסרי בא נביא ואמר לו (ישעיה ח) לא תאמרון קשר לכל אשר יאמר העם הזה קשר כלומר קשר רשעים הוא וקשר רשעים אינו מן המנין הלך לחצוב לו קבר בקברי בית דוד בא נביא ואמר לו (שם כב) מה לך פה ומי לך פה כי חצבת לך פה קבר הנה ה' מטלטלך טלטלה גבר אמר רב טלטולא דגברא קשה מדאתתא. (שם) ועטך עטה א"ר יוסי בר' חנינא מלמד

עקה. שלהם קורא אותם רשעים: שבנא ממונה על ביתו של חזקיהו מלך יהודה: השלימו. לעונדך: ידרכון קשת כוננו חצם וגו'. על שם שע"י החץ הוא מנקש לנמית את אדוניו בלבון הרע הכתוב שם: לא תאמרון. אל תחשוב כדעתך חזקיהו שיהא מניינו של שבנא מנין לחשב רוב: בקברי בית דוד. שהיה מתגאה למרוד במלכות וליקבר במותו בקבורת המלכים: ומי יאסף לנפש כדוד. [טכג] יסובבך היילוה כדור כשורה להגלותך אל ארץ רחבת ידים שיפיה דקלא שמה המות ושמה מרכבות כבודך קלון בית

---

גיהערט אז ריש לקיש רופט אונז אקסין פאסטוכער. אוג דוא האסט גאר ניט אן געשריבען אויף אים (אז ריש לקיש האט זייא גירופין רשעים אויך. האבען זייא ניט געוואוסט). האט רבי יוחנן גזאגט צו זייא אונ אז ריש לקיש וואלט אייך רופען שעפסין פאסטוכער וואס וואלט איך אים גידארפט זאגין. איר זענט אומגירעכט. אז ריש לקיש האט אייך דער ציילט דיא צוויי זאכען פון דעם כהן. וואס איז גיוועזען אייער בעס אויף אים. אז איר הט אים דער וויטערט פון אייך:

ז מאי. ווער זענען גיוועזען דיא באנדע רשעים. זאגט דיא גמרא ווען שבנא האט גזאגט אדרשה זענען געבין אים גישטאנען דרייצעהן גרויסע לייט איבער צו זאגין זיינע רייד פר דעם פיל פאלק וואס זענען דארטין גישטאנען צו הערין דיא דרשה. אונ ווען חזקיה האט גזאגט דרשה. זענען געבין אים גישטאנען נאר עלף גרויסע לייט איבער צו זאגין זיינע רייד. ווייל דאס פאלק איז גיוועזען וויינגער. ווען סנחריב איז גיקומען אונ האט בלעגערט אויף ירושלים האט שבנא געשריבען אקוויטל אונ האט אים ארויס גיווארפין מיט אפייל אויסער דיא שטאט ירושלים. שבנא מיט זיין קאמפאניע ווילען מאכען שלום מיט סנחריב. חזקיה מיט זיין קאמפאניע ווילען ניט מאכען שלום מיט סנחריב. אזוי וויא עס שטייט אין פסוק די רשעים טוען טרעטין דעם בויגן. זייא ברייטען אן זייערע פיילין אויף דעם שטריק פון דעם בויגן ודאס מיינט מען שבנא וואס ער האט ארויס גיווארפען דאס קוויטול מיט דעם פייל צו סנחריבו. חזקיה האט מורא גיהאט אונ האט גזאגט טאמער חס ושלום איז גינייגט די דעה פון גאט צו דיא קאמפאניע וואס אין איר זענען דא מער מענטשין. ווייל דאס מערסטע מענטשין זענען איבער גיגעבין צו סנחריב. וועט זיין קאמפאניע אויך איבער גיגעבין ווערין צו סנחריב. איז גיקומען דער נביא אונ האט גזאגט צו חזקיהו איר זאלט ניט זאגין אבונד צו דיא מענטשין וואס דאס פאלק זאגט אבונד. דאס איז אבונד (אקאמפאניע) פון רשעים. אונ אקאמפאניע פון רשעים איז גאר ניט קיין צאהל מען זאל רעכענען זייא זענען מער. איז גיגאנגען שבנא אונ הט גיוואלט גראבין פאר זיך אקבר צווישען דיא קברים וואס דארטין ליגען דיא מלכים פון הורס משפחה. איז גיקומען דער נביא אונ האט גזאגט צו שבנא וואס טוהסטו דא. וויא קומסטו צו ליגען צווישען מלכים. אונ ווען האסטו דא וואס דוא האסט דיר דא אויס גיהאקט אקבר. גאט וועט דיך פאר ווארפין אפאר ווארפונג פון אמאנס פערזאהן. רב זאגט אז אמאנס פערזאהן איז פר ווארפען אין אפרעמדין ארט. איז אים ערגער וויא אנקבה איז פאר ווארפען אין אפרעמדין ארט. ווארום אויף אנקבה האט מען מער רחמנות וויא אויף אמאנס פערזאהן. ועטך עטה. רבי יוסי

ברבי

מלמד שפרחה בו צרעת כתיב הכא ועטך עטה וכתיב התם (ויקרא יג) ועל שפם יעטה. (ישעיה כב) צנוף יצנפך צנפה כדור אל ארץ רחבת ידים תנא הוא בקש לעשות גדולה לעצמו וקלון לבית אדוניו לפיכך נהפך כבודו לקלון כי הוה נפיק איהו אתא גבריאל אחדיה דשא באפיה משרייתיה (שם ע"ב) אמרו ליה משרייתך היכא א"ל מרדו ואהדרו בי אמרו ליה א"כ אחוכי קא מחייכת בן נקבוהו בעקביו ותלאוהו בזנבי סוסוהם והיו מגררין אותו על הקוצים ועל הברקנים א"ר אלעזר [אלעזר] שבנא בעל הנאה היה כתיב הכא (ישעיה כב) לך בא אל הסוכן וכתיב התם (מ"א א) ותהי לו סוכנת:

חדוניך: כי הוה. שבנא נפיק עם סייעתו לנלאת מירושלים ולהשלים עם סנחריב: משרייתך היכא. שכתבת לנו שבנא וסייעתו השלימו: הדרו בי. חזרו ממה שהבטיחוני: בעל הנאה. כמשמעו וי"א משכב זכור: סוכנת. מחממתו והבירו ומקע עניס יסכן בם:
כי השתות יהרסון וגו'. בהריה דפי הנה השתיים ידרמון קפת כתיב: צדיק מה פעל. הקב"ה מה שכר הוא מצלם ולקמן מפרש מאי משמע דשתות לשון סיעה צדיקים: אילו בהמ"ק יחרב. ע"י סנחריב בעצתו של שבנא: צדיק מה פעל. חיש נפלאותיו

(תהלים יא) ח כי השתות יהרסון צדיק מה פעל. רב יהודה ורב עינא חד אמר אלו חזקיה וסיעתו נהרסין צדיק מה פעל וחד אמר אלו בית

---

ברבי חנינא זאגט דער פסוק לערונט אונז אז אויף אים האט געבליהט קרעץ. ווארום דא שטייט ועטך עטה. אונ ביי אקרעציגען שטייט ועל שפם יעטה אויף דיא לעפצין זאל ער זיין פאר וויקעלט. האט דער נביא גזאגט צו שבנא דו וועסט זיין פאר וויקעלט ווייל דו וועסט זיין קרעציג. אין פסוק שטייט צנוף יצנפך צנפה כדור אל ארץ רחבת ידים. ער וועט דיך ארומרינגלען מיט חיל אזוי וויא אקיילאכדיגע זאך אונ ער וועט דיך פאר טרייבען אין אלאנד וואס דארט איז אברייטער פלאץ. דארט וועסטו שטארבין. מיר האבען געלערנט שבנא האט געוואלט ער זאל האבען גרויסקייט. אונ זיין בעל הבית חזקיה זאל האבען שאנד. דריבער איז געווארין פאר קערט חזקיה איז גרויס געווארין אונ שבנא איז געווארין צו שאנד. ווען שבנא מיט זיינע מענטשין זענען ארויס געגאנגען פון ירושלים צו מאכען שלום מיט סנחריב. איז פריער ארויס געגאנגען פון טויער שבנא. ווי דיא מענטשין זיינע האבען אויך געוואלט ארויס גיין. איז געקומען דער מלאך גבריאל אונ הט פר שלאסען דעם טויער פון ירושלים אונ הט זייא ניט געלאזט ארויס גיין. האט סנחריב גזאגט צו שבנא דו האסט געשריבען אקוויטול אז דוא מיט דיינע מענטשין ווילען מאכען שלום מיט מיר. וואו זענען דיינע מענטשין. האט שבנא גזאגט מיינע מענטשין האבען חרטה גיהאט. האט סנחריב צו אים גזאגט דו האסט געלאכט פון אונז. עס איז גאר ליגען דו האסט גאר ניט גיהאט קיין מענטשין צו דיר. הט מען אים גילעכערט די פאדעשוועס פון די פיס אונ מען האט אריין געצויגען אשטריק אונ מען האט אן גיבונדען דעם שטריק אן דעם ווידיל פון אפערד אונ דער פערד הט אים געשלעפט אויף דערנער ביז זיין לייב איז צו ריסען געווארין. רבי אליעזר זאגט שבנא הט גיהאט אגרויסע תאוה צו ווייבער. ווארום דא שטייט גאט האט גזאגט צום נביא גיי אונ קום צום סוכן וצו שבנא. אונ דארט שטייט ביי אבישג ותהי לו סוכנת זי איז געווען צו דוד אדער ווארעמערין. זיא פלעגט שלאפין מיט דוד זיא זאל איהם דער ווארעמען. זעהן מיר אז דערווארט סוכנת ווערט גזאגט אויף דיא אשה וואס שלאפט מיט אמאן. אזוי האט מען גירופען שבנא סוכן ווייל ער האט ליב גיהאט מזנה צוא זיין מיט ווייבער:

ח כי השתות יהרסון צדיק מה פעל. אין דעם פסוק קריגט רב יהודה אונ רב עינא. איינער זאגט אזוי מיינט דער פסוק ווען חזקיה מיט זיינע מענטשין וואלטין צו פירט געווארין. וואס וואלט געווען דער שכר וואס גאט וואלט גיגעבין צו חזקיה פר זיין פרומקייט (טייטשט ער דעם ווארט השתות אקאמפאניע צדיקים). אונ איינער זאגט אזוי מיינט דער פסוק ווען סנחריב וואלט חרוב גימאכט דעם בית המקדש. וואו וואלט מען גיזעהן די וואונדער פון גאט (טייטשט ער דעם ווארט

בית המקדש יהרס צדיק מה פעל ועולא אמר אלו מחשבותיו של אותו רשע אינם נהרסות צדיק מה פעל בשלמא למ"ד אלו מחשבותיו של אותו רשע היינו דכתיב כי השתות יהרסון (כמשמעו שנאמר (ש"א כא) וישם דוד את הדברים האלה אל לבו) ולמ"ד בהמ"ק נמי דתנן אבן היתה שם מימות נביאים הראשונים ושתיה היתה נקראת אלא למ"ד הזקיה וסיעתו היכא אשכחן צדיקי דאיקרו שתות דכתיב (שם ב) כי לה' מצוקי ארץ וישת עליהם תבל ואבע"א מהכא (ישעיה כח) הפליא עצה הגדיל תושיה א"ר חנין למה נקרא שמה תושיה מפני שמתשת כחו של אדם דבר אחר תושיה שנתנה בחשאי מפני השטן דבר אחר תושיה דברים של תוהו שהעולם מושתת עליהם:

**ט אמר** עולא מחשבה מועלת אפילו לד"ת שנאמר (איוב ה) מפר מחשבות ערומים ולא תעשנה ידיהם

פירוש

נפלאותיו של הקב"ה: אלו מחשבות. של אותו הרשע אין נהרסות והכי משמע קרא כי השתות יהרסון מחשבותיו של אותו הרשע הכתוב למעלה כי הנה הרשעים ידרכון קשת ולשון שתות מחשבות שהוא מפיל נקירות לבו יהרסון להיות כן ניהרם שהם לא כן צדיק מה פעל מה פעלו של חזקיהו והיכן שכרו כי השתות ל' ולא שת לבו גם לזאת: אבן היתה שם. תחת הארון: ושתיה היתה נקראת. שממנה נשתת העולם שנאמר ד"ה ויקרא אבן ואמר מציון מכלל יופי וגו' במסכת יומא עולם מציון נברא: תושיה. על שם שהעולם מושתת על התורה ולומדיה נקראת תושיה: מפני השטן. שהיה מקטרג ואמר שהספק לעליונים ולא ימסרו הלוחות ביד משה: דברים של תוהו. דיבור וקריאה בעלמא וכל דבור אין בו גשמיות ממש כתוהו הזה ואעפ"כ עולם מושתת עליהם ומעריכין הוא היו תוהו בית מושתת:

מחשבה. דאגת הלב על מזונותיו של אדם: מועלת. מפני לבטלה ממנו תלמודו: מפר מחשבות ערומים. נותן להם מזונות ומבטל מחשבות מלבם שלא היו מגיעים הותר לעבות תושיה לכן להם מחשבה

---

השתות דער בית המקדש). עולא זאגט אזוי מיינט דער פסוק ווען די טראכטונג פון דעם רשע שבנא וואלטין ניט צו פירט געווארין. וואס וואלט דער צדיק חזקיה געטאהן (טייטשט עולא דעם ווארט השתות געדאנקען). זאגט די גמרא דער וואס זאגט אז דער פסוק מיינט די טראכטונג פון דעם רשע שבנא איז צו פירט געווארין. איז רעכט. ווארום עס שטייט אין פסוק כי השתות יהרסון. אונ שתות איז דער טייטש טאהן. די געדאנקען וואס שבנא האט געטאהן אין זיין הארצין זאלען צו פירט געווארין אונ דער וואס זאגט אז שתות מיינט מען דעם בית המקדש. איז אויך רעכט. ווארום מיר האבען געלערנט אין דעם בית המקדש אונטער דעם ארון איז געלעגען א שטיין פון דר ציים וואס די ערשטע נביאים זענען נאך געווען. דעם שטיין האט מען גערופען שתיה. דורך דעם שטיין ווערט דער גאנצער בית המקדש גערופען שתיה: אדער שתות. אבער דער וואס זאגט אז שתות מיינט מען חזקיה מיט זיינע מענטשין. וואו געפינען מיר אז צדיקים ווערין גערופען שתות. ענטפערט די גמרא עס שטייט אין פסוק צו גאט זענען די שטארקע פון דער וועלט (דאס מיינט מען די צדיקים) וישת עליהם תבל: אונ אויף זייא האט ער געטאהן דיא וועלט. שטייט דאך ביי צדיקים דער ווארט וישת. איז דאס די זעלביגע ווי השתות. אונ אז דוא ווילסט וועל איך דיר זאגין פון דעם פסוק הפליא עצה הגדיל תושיה. גאט האט געטאהן וואונדערליכע עצות ער האט גרויס געמאכט די תורה. רבי חנין האט געזאגט פאר וואס רופט מען די תורה תושיה. ווייל זי מאכט שוואך דעם כח פון דעם מענטש וואס לערנט איר. אדער דריבער רופט מען די תורה תושיה. ווייל זיא איז געגעבין געווארין אין דער שטיל. ווייל דער שטן האט מקטרג געווען מען זאל ניט געבין די תורה צו די יודין. אדער דריבער רופט מען די תורה תושיה. ווייל די תורה איז דאך נאר רייד. אונ דיא רייד איז דאך גאר אווינט וואס עס גייט ארויס פון מויל. אונ אויף דעם ווינט העולם משותת. שטייט דער פונדאמענט פון דער וועלט. דיא וועלט איז נאר בשאפען געווארין דיא תורה זאל גילערנט ווערין: אונ דיא צדיקים וואס לערנען תורה זענען זייא דער פונדאמענט פון דער וועלט; דאס ווערט גירופען השתות דיא פונדאמענטין. זאגט דער פסוק כי השתות יהרסון. אז די צדיקים חזקיה מיט זיינע מענטשין וואס זייא זענען דיא פונדאמענטין פון דער וועלט: זאלין צוא פירט געווארגען ווערין דורך סנחריב: צדיק מה פעל: וואס האט גאט געטאהן. וואס פר אשכר האט ער בצאהלט צו דיא גרויסע צדיקים:

**ט אמר**. עולא האט געזאגט דיא זארג פון מענטשין וואס ער זארגט אויף זיין פרנסה.

דאס

ידיהם תושיה אמר רבה אם עסוקים לשמה אינה מועלת שנא' (משלי יט) רבות מחשבות בלב איש ועצת ה' היא תקום עצה שיש בה דבר ה' היא תקום לעולם:

שאדם מחשב כך וכך אעשה כך וכך תעלה בידי מועלת להבניה הדבר ועוקר שאין מחשבתו מתקיים אפילו לד"ת כגון האומר עד יום פלוני אסיים כך וכך מסכתות בגרבא: מפר מחשבות ערומים. שאין מחשבתו עולה בידו ואפי' לטובים: כשאוחזין מעשה אבותיהם בידיהם. ונפרעין מהם

(דף כז ע"ב) י **לא** יומתו אבות על בנים (דברי' כד) מה ת"ל אם ללמד שלא יומתו אבות בעון בנים ובנים בעון אבות הרי כבר נאמר (שם) איש בחטאו יומתו אלא לא יומתו אבות על בנים על עדות בנים ובנים לא יומתו על אבות בעדות אבות ובנים בעון אבות לא והכתיב (שמות לד) פוקד עון אבות על בנים ההם כשאוחזין מעשה אבותיהם בידיהם כדתניא (ויקרא כו) ואף בעונות אבותם אתם ימקו כשאוחזין מעשה אבותיהם בידיהם אתה אומר כשאוחזין או אינו אלא כשאין אוחזין כשהוא אומר (דברים כד) איש בחטאו יומתו הרי כשאוחזין מעשה אבותיהם בידיהם וכשאין אוחזין לא והכתיב (ויקרא כו) וכשלו

---

דאס מאכט פאר געסן פון איה אלע זיינע זאכין. אפילו דאס לערנען וואס ער האט גילערונט פאר געסט ער אויך. אזוי וויא עס שטייט אין פסוק מפר מחשבות ערומים ולא תעשנה ידיהם תושיה. דיא זארג וואס דיא קלוגע מענטשין האבען גיהאט וואו זייא ווילין געמען עסין. דריבער האבין זייא ניט גילערונט. האט גאט פאר שטערט זייערע זארג. ער האט זייא גיגעבין זייערע שפייז: רבה זאגט דיא תורה וואס מען לערונט פון גאטס וועגין פאר געסט מען ניט. אזוי וויא עס שטייט אין פסוק פיל טראכטונג זענען דא בייא דעם מענטשין אין הארץ. אונ דיא עצה פון גאט זיא בלייבט שטיין. דיא עצה וואס אין איר איז דא דיא רייד פון גאט. זיא וועט בלייבין שטיין אויף אייביג ואנדערע זאגין אזוי האט עולא גזאגט. וואס א מענטש טראכט בייא זיך אזוי אונ אזוי וועל איך טאהן. אונ אזוי אונ אזוי וועט זיך דאס גישעפט אויספירען. דורך זיין טראכטין ווערט דאס גישעפט ניט אויס געפירט. אונ אפילו צום לערנען איז אויך אזוי. אז איינער זאגט צו דעם טאג וועל איך אויס לערנען דיא מסכת. מאכט זיך איס אזעלכע סבות ער זאל ניט קענען אויס לערנען דיא מסכת צו דעם טאג:

י **לא**. אין פסוק שטייט דיא עלטערין זאלין ניט שטארבין דורך דיא קינדער. וואס מיינט דער פסוק. אויב דער פסוק וויל אונז לערנען אז דיא עלטערין שטארבין ניט דורך דיא קינדערס זינד. אונ דיא קינדער שטארבין ניט דורך דיא עלטערינס זינד. דאס שטייט דאך שוין. יעדער מענטש שטארבט נאר פאר זיינע זינד. נאר אזוי מיינט מען דיא עלטערין זאלין ניט שטארבין דורך דיא קינדער. דורך דיא עדות פון דיא קינדער. אויב אזוהן זאגט עדות אויף זיין פאטער אז ער האט גיטאהן אעבירה וואס מען דארף איס הרגנן. הרגנט מען ניט דעם פאטער דורך דיא עדות פון דעם זוהן. אונ דיא קינדער זאלין ניט שטארבין דורך דיא עלטערין. דורך דיא עדות פון דיא עלטערין. אויב אפאטער זאגט עדות אויף זיין זוהן אז ער האט גיטאהן אעבירה וואס מען דארף איס הרגנן. הרגנט מען ניט דעם זוהן דורך דיא עדות פון דעם פאטער. פרעגט דיא גמרא אונ קינדער שטארבין ניט דורך דיא זינד פון זייער פאטער. עס שטייט דאך אין פסוק פוקד עון אבות על בנים. גאט גידיינקט דיא זינד פון דיא עלטערין אויף דיא קינדער. ענטפערט דיא גמרא דאס איז נאר אז דיא קינדער טוהען דיא זעלביגע זינד וואס דער פאטער טוהט. וויל זייא ווערין גישטראפט אויף זייערע אייגענע זינד ווערין זייא גישטראפט אויף זייער פאטערס זינד אויך. אבער אז דיא קינדער אליין האבען ניט קיין זינד ווערין זייא ניט גישטראפט אויף זייער פאטערס זינד. אזוי וויא מיר האבין גילערונט עס שטייט אין פסוק מיט דיא זינד פון זייערע עלטערין מיט זייא ווערין זייא צו גיין. דאס מיינט מען אז זייא טוהען דיא זינד וואס זייערע עלטערין האבין גיטאהן. שטראפט מען זייא פאר ביידע עקליי זינד. פרעגט דיא גמרא דו זאגסט נאר אז זייא טוהען דיא זינד פון זייערע עלטערין ווערין זייא גישטראפט

פאר

וכשלו איש באחיו איש בעון אחיו מלמד שכולם ערבים זה לזה התם שהיה בידם למחות ולא מיחו: (דף כט) **יא מאיימין** על העדים היכי אמרינן להו א"ר יהודה הכי אמרינן להו (משלי כה) נשיאים ורוח וגשם אין איש מתהלל במתת שקר אמר רבא יכלי למימר שב שני הוה כפנא ואבבא דאומנא לא חליף אלא אמר רבא אמרינן להו (שם) מפץ וחרב וחץ שנון איש עונה ברעהו עד שקר אמר רב אשי יכלי למימר שב שני הוה מותנא ואינשי בלא שני לא שכיב אלא אמר רב אשי אמר לי נתן בר מר זוטרא אמרי להו סהדי שקרא אאוגרייהו זילי דכתיב (מ"א כא) והושיבו שנים אנשים בני בליעל נגדו ויעידוהו

שונאת ועון אבותיהם: איש באחיו. איש בעון אחיו:
היכי אמרינן להו. לעדים כשמאיימין עליהם: נשיאים ורוח וגשם וכו'. בשביל מתהלל בשקר דהיינו מעידי שקר גשמים נעצרים ואפילו כשהשמים מתקשרים בעבים ורוח להוריד גשמים אין הגשם בא: אמר רבא. מה איכפת להו אם לא ירדו גשמים אמרי בלבם משל הדיוט: שב שני הוה כפנא ואבבא דאומנא לא חליף. על פתח מי שיודע אומנות ובעל מלאכה לא עבר הרעב: מפץ וחרב וגו' איש עונה וגו'. בעון עדות שקר דבר בא ויתירא שלא ימותו: אאוגרייהו זילי. השוכרים אותם מזולזלים בעיניהם: והושיבו שני אנשים בני בליעל. גבי נבות היזרעאלי כתיב שיועצי המלך היו יועצין לשוכרן והיו קורין אותם

---

פאר זייערע עלטערין אויך. טאמער אפילו זייא האבין ניט געטאהן דיא זינד פון זייערע עלטערין ווערין זייא אויך געשטראפט פאר זייערע עלטערין. ענטפערט דיא גמרא אז עס שטייט אין פסוק יעדער מענטש שטארבט פאר זיינע זינד. ניט פאר פרעמדע זינד, מוזין מיר זאגין אז אזוי מיינט דער פסוק: אז דיא קינדער טוהען דיא עבירות וואס דיא עלטערין טוהען. ווערין זייא געשטראפט פאר ביידע ערליי עבירות. אונ אז דיא קינדער האבין ניט קיין עבירות ווערין זייא ניט געשטראפט פאר זייערע עלטערין. פרעגט דיא גמרא עס שטייט דאך אין פסוק עס וועלין געשטרויכלט ווערין איין מענטש אן זיין ברודער. דאס מיינט מען איין מענטש וועט געשטראפט ווערין פאר דיא זינד פון זיין ברודער. דער פסוק לערנט אונז אז אלע יודין זענען ערב איינער פאר דעם אנדערין, ער זאל ניט טאהן קיין עבירות. ענטפערט דיא גמרא דארט שטייעסט אז ער האט געקענט ווערין דעם חבר ער זאל ניט טאהן קיין עבירה. אונ ער האט אים ניט געווערט. דריבער ווערט ער געשטראפט פאר זיין חבר. אבער אויף דיא עבירות וואס דער חבר האט געטאהן אונ ער ווייסט ניט. אדער ער האט ניט געקענט ווערין. ווערט ער ניט געשטראפט:

**יא מאיימין**. אז מען מאכט אמורא אויף דיא עדות. וויא זאגט מען צו זייא. האט רב יהודה געזאגט אזוי זאגט מען צו זייא. וואלקינס אונ ווינט. אונ רעגין איז נישטא ואפילו דער הימעל איז פאר וואלקינט אונ עס איז דא אווינט אויך. פון דעסטוועגין קומט ניט קיין רעגין. דורך דעם מענטשין וואס זאגט פאלשקייט. דורך פאלשע עדות ווערט דיא וועלט געשטראפט אז עס קומט ניט קיין רעגין. אונ עס ווערט אהונגער אויף דער וועלט: האט רבא געזאגט פאר דיא ווערטער וועלין דיא עדות ניט דער שראקין ווערין: ווארום זייא וועלין זאגין דעם וועלטליכען משל. זיבען יאהר איז אמאהל געווען אהונגער אונ בייא דיא טיר פון בעל מלאכה איז דער הונגער ניט פאר ביי געגאנגען. מיר וועלין ווערין בעלי מלאכות וועלין מיר ניט האבען הונגער: האט רבא געזאגט נאר אזוי זאל מען זאגין צו דיא עדות. מפיץ וחרב וחץ שנון איש עונה ברעהו עד שקר. דער וואס זאגט אויף זיין חבר פאלשע עדות קומט אויף אים דער מלאך המות אונ ער הרג'ת אים מיט זיין שווערד. האט רב אשי געזאגט פאר דיא ווערטער וועלין אויך דיא עדות ניט דער שראקין ווערין. ווארום זייא וועלין זאגין אמאהל איז געווען זיבען יאהר אחליריע. פון דעסטוועגין איז קיין מענטש ניט געשטארבען פאר דער צייט. האט רב אשי געזאגט נתן בר מר זוטרא האט געזאגט מען זאגט צו דיא עדות איר זאלט וויסען אז אפילו די מענטשין וואס האבען אייך געדונגען איר זאלט זאגין פאלשע עדות. זייא אליין האלטען אייך אויך פאר שלעכטע אונ פאלשע מענטשין. אונ אין הארצין האבען זייא אייך פיינט. אזוי ווי עס שטייט

ויעידוהו לאמר ברכת אלהים ומלך:

**יב** א"ר שמואל בר נחמן א"ר יונתן כניין שאין טוענין למסית מנחש הקדמוני דאמר ר' שמלאי הרבה טענות היה לו לנחש לטעון ולא טען ומפני מה לא טען לו הקב"ה לפי שלא טען הוא מאי הוה ליה למימר דברי הרב ודברי התלמיד דברי מי שומעין דברי הרב שומעין אמר חזקיה מנין שכל המוסיף גורע שנאמר (בראשית ג) כי אמר אלהים לא תאכלו ממנו ולא תגעו בו רב משרשיא אמר כהכא (שמות כה) אמתים וחצי ארכו רב אשי אמר (שם כו) עשתי עשרה יריעות:

הרי

בני בליעל:

שאין טוענין למסית. כשהכירו לעבוד ע"ז אין טוענין אותו כ"ד בשבילו טענות זכות אלא א"כ טוען הוא: לפי שלא טען. הנחש לא טען הקב"ה בשבילו: ולא תגעו בו. והקב"ה לא הזהירם על הנגיעה והתוספת גרעון שדחף הנחש את חוה על האילן עד שנגעה בו אמר לה כמו שאין מיתה על הנגיעה אף על אכילה לא תמותו: אמתים. דל אל"ף מהכא קרי ביה מאתים הוי שתי מאות אמה כל אותיות שבתורה (הכהנתה) [הכתובה] ככתיבתה כמו ועשית ואמרת כאילו כתיב ה' וכן אתם חסר כמו אותה מלא: עשתי. עברה. דל

אין פסוק איזבל האט געשיקט צו דיא מענטשין פון יזרעאל איר זאלט זעצין צוויא שלעכטע מענטשין געגין נבות אונ זייא זאלין עדות זאגין אויף נבות. אונ זאלין זאגין צו אים דוא האסט גילעכטערט גאט אונ דעם קעניג. זעהן מיר אז איזבל אליין וואס זיא האט גיוואלט זיי זאלין זאגין פאלשע עדות. הט זיא זייא גירופען שלעכטע מענטשין:

**יב** אמר. רבי שמואל בר נחמן האט גזאגט פון רבי יונתן ווען אז איינער רעט אן זיין חבר ער זאל דינען עבודה זרה. אונ מען נעמט דעם אן ריידער צו בית דין: מען זאל אים הרגנן. פון וואנען ווייסען מיר אז בית דין טאר ניט טענען פון זיינעט וועגין אים גירעכט צו מאכען. נאר סיידין ער אליין ווייזט אז ער איז גירעכט. דאס ווייזען מיר פון דעם ערשטין שלאנג וואס ער האט אן גירעט חוהן זיא זאל עסין פון עץ הדעת. ווארום רבי שמלאי האט גזאגט פיל טענות האט גיהאט דער שלאנג צו טענן ער זאל פטור ווערין פון דיא קללות אונ ער האט ניט גיטענת ווייל ער האט ניט גיוואוסט וואס צו טענן. אונ פאר וואס האט גאט ניט גיטענת פון זיינעט וועגין. ווייל ער האט ניט גיטענת פאר זיך. האט גאט ניט גיוואלט טענן פון זיינעט וועגין. וואס האט דען דער שלאנג גיקענט טענן. אז דער רבי זאגט אזוי. אונ דער תלמיד זאגט פאר קערט וויא דער רבי. וועמעס רייד פאלגט מען. געוויס פאלגט מען די רייד פון דעם רבי. אז גאט האט גזאגט מען זאל ניט עסין דעם עץ הדעת. אונ איך האב גזאגט מען זאל יא עסין דעם עץ הדעת. ווען האט חוה גידארפט פאלגין. געוויס הט זיא ניט גידארפט עסין. חזקיה זאגט פון וואנען ווייסען מיר אז איינער מערט אויף דיא רייד פון גאט. מינערט ער. אונ ער טוהט נאך אעבירה. ווארום עס שטייט אין פסוק חוה האט גזאגט צום שלאנג גאט האט גזאגט איר זאלט ניט עסין פון עץ הדעת אונ איר זאלט אים ניט אן רירען. וואס האט דער שלאנג גיטאהן. ער האט אשטויס גיטאהן חוהן אויף דעם עץ הדעת אונ זיא האט אים אן גערירט. האט דער שלאנג צו איר גזאגט אזו וויא דוא ביסט ניט גישטארבין פון אן רירען אזוי וועסטו ניט שטארבין פון עסין. האט זיא גיפאלגט דעם שלאנג אונ הט גיגעסן. אונ אין אמת האט גאט גאר ניט גזאגט מען זאל דעם עץ הדעת ניט אן רירען. אונ ווען זי וואלט אויך ניט זאגין פון אן רירען. וואלט דאך איר דער שלאנג ניט גיהאט וואס צו ווייזין אז מען מעג עסין. אונ זיא וואלט ניט גיגעסין. אונ ווייל זיא האט גזאגט פון גאטס וועגין אנייע עבירה וואס גאט האט ניט גזאגט. איז זיא גיקומען דער צו זיא זאל טאהן אאמתה עבירה רב משרשיא זאגט פון דעם פסוק ווייסען מיר אז מען מערט מינערט מען. ווארום גאט האט גזאגט צו משה דיא לענג פון ארון זאל זיין. אמתים וחצי צווייא איילין אונ אהאלב אייל. אונ אז דער אל"ף פון אמתים וואלט ניט גישטאנען. עס וואלט נאר גישטאנען מתים וחצי. וואלט מען טייטשען צוויי הונדערט מיט אהאלב אייל. זעהן מיר אז מתים אן אאל"ף איז דער טייטש צוויי הונדערט. אמתים מיט אאל"ף איז דער טייטש צוויי. רב אשי זאגט פון דעם פסוק ווייסן

מיר

(דף ל) **יג הרי** שהיה מצטער על מעות (מעשר שני) שהניח לו אביו ובא בעל החלום וא"ל כך וכך הם במקום פלוני הן של מעשר שני הן זה היה מעשה ואמר דברי חלומות לא מעלין ולא מורידין:

**יד תניא** ר' נחמיה אומר כך היה מנהגן של נקיי הדעת בירושלים מכניסין לבעלי דינין ושומעין דבריהם ומכניסין העדים ושומעין דבריהם ומוציאין אותם לחוץ ונושאין ונותנין בדבר:

**פירוש**

ט"ז מכלל הוו להו שתי עשרה: שהניח לו אביו. ולא אמר לו היכן הם: בעל החלומות. בר המראה החלומות בלילה: כך וכך הם. מגיד לו כמה יש: ולא מורידין. ויכול להוציאן במקומן:

משתקיד. מלמד ומהור ושוקד לתמכו: דין ידע. זה ידע זכ' יוסי בר חנינא היה: במודה ר' יהושע לר' נתן. דכי היכי דלא בעי ר' יהושע כהיה כי הדדי הגדה נמי כי הדדי לא בעי:

(סס ע"ב) **טו רבי** שמעון בן אליקים הוה משתקיד עליה דר' יוסי בר חנינא למסמכיה ולא קמסתייעא מילתא יומא חד הוה יתיב קמיה דר' יוחנן אמר להו מי איכא דידע הלכה כר' יהושע בן קרחה או לא א"ל ר"ש בן אליקים דין ידע א"ל ליסא איזי א"ל לים מכיה מי ברישא סמכיה א"ל בני אמור לי כיצד שמעת א"ל כך שמעתי שמודה ר' יהושע בן קרחה לר' נתן אמר לזה הוצרכתי השתא ומה עיקר ראיה

---

מיר אז מען מערט סיגערט מען. אין פסוק שטייט עשתי עשרה יריעות. עקף יריעות. ווען עס וואלט גישטאנען שתי עשרה יריעות. אן אעי"ן. וואלט גיוועזן דער טייטש צוועלף יריעות. אונ אז עס שטייט עשתי עשרה. מיט אעי"ן איז דער טייטש עלף:

**יג** הרי. איינער האט אמאהל גיהאט צער. זיין פאטער איז גישטארבין אונ ער האט גילאזין געלט. אונ ער האט ניט גיקענט געפינען וואו דאס געלט ליגט. איז מען גיקומען צו אים אין חלום אונ מען האט גיזאגט צו אים אזוי פיל געלט האט זיין פאטער גילאזין. אונ זייא ליגען אויף דעם ארט. אונ דאס געלט איז גיטאהשט גיווארין אויף פירות פון מעשר שני. דארפסטו דיא געלט פירען אין ירושלים אונ פר זייא קויפען עסינווארג אונ עסן אין ירושלים. אזוי האט אמאהל גיטראפען אונ ער האט גיפונען אלין ריכטיג וויא מען האט אים גיזאגט אין חלום. איז ער גיקומען פרעגין ביי די חכמים וואס ער זאל טאהן מיט דעם געלט. האבען דיא חכמים צו אים גיזאגט די רייד פון די חלומות פר בעסערין ניט אונ פר ערגערין ניט. אונ דו מעגסט אויס געבין דס געלט אין דער היים אויף וואס דוא ווילסט אונ דארפסט זייא ניט פירען אין ירושלים:

**יד** תניא. מיר האבען גילערנט רבי נחמיה זאגט אזוי איז גיוועזן דער פירונג פון דיא פרומע דיינים וואס אין ירושלים. אז עס פלעגט קומען פאר זיי א דין תורה פרעגין זייא פריער אריין רופען די מענטשין וואס האבען דיא דין תורה. הערין זייערע טענות. דער נאך פלעגין זייא אריין רופען די עדות. הערין וואס זיי זאגין. דער נאך פלעגין אלע ארויס גיין פון שטוב. אונ די דיינים האבען גיקלערט ווער עס איז גירעכט:

**טו** רבי שמעון בן אליקים האט זייער שטארק גיוואלט מאכען רבי יוסי בר חנינא פר ארבי. אונ עס האט ניט גיקענט ווערין. אמאהל איז רבי שמעון גיזעסין פאר רב יוחנן. הט רבי יוחנן גיזאגט צו דיא רבנן וואס זענין גיזעסן פאר אים. אויב עס איז דא צווישען אייך איינער וואס ווייס אויב דער דין איז וויא רבי יהושע בן קרחה אדער ניין. זאל ער זאגין. האט רבי שמעון בן אליקים גיזאגט אויף רבי יוסי בר חנינא. דער ווייס. האט רבי יוחנן גיזאגט זאל ער זאגין. האט רבי שמעון גיזאגט צו רבי יוחנן מאך אים פריער פר ארבי. דער נאך וועט ער זאגין: האט רבי יוחנן אים גימאכט פאר ארבי. דער נאך האט רבי יוחנן גיזאגט צו רבי יוסי מיין זוהן זאג מיר וויא האסטו גיהערט. האט רבי יוסי גיזאגט אזוי האב איך גיהערט אז רבי יהושע בן קרחה איז מודה צו רבי נתן. הט רבי יוחנן גיזאגט צו רבי יוסי צו דעם האב איך דיך גידארפט. דאס האב איך דאך אליין גיוואוסט. מאראך רבי יהושע בן קרחה האט גיזאגט מען דארף ניט

ראיה בהרי הרדי א"ר יהושע בן קרחה לא בעינן הגדה מבעיא א"ל הואיל ועלית לא תרד א"ר זירא ש"מ גברא רבה כין (דסמיך) [דאסתמיך] סמיך :

(דף לא) טז ת"ר מנין לכשיצא שלא יאמר אני מזכה וחבירי מחייבין אבל מה אעשה שחבירי רבו עלי ת"ל (ויקרא יט) לא תלך רכיל בעמיך ואומר (משלי יא) הולך רכיל מגלה סוד :

יז ההוא תלמידא (דאפיק) [דנפיק עליה קלא דגלי] מלתא דאיתמר בי מדרשא דרבי אמי בתר עשרין ותרתין שנין ואפקיה ר' אמי מבי מדרשא ואכריז עליה דין גלי רזיא הוא :

(שם ע"ב) יח שלחו ליה למר עוקבא לדזו ליה כבר בתיה שלם עוקבן הבבלי קבל קדמנא ירמיה אחי העביר עלי את הדרך ואמרו לו השיאוהו ויראה פנינו בטבריא [הא גופא קשיא אמרת אמרו לו אלמא דיינוהו אתון· השיאוהו ויראה פנינו בטבריא

בתר כ"ב שנין דאיתמר בי מדרשא אפקיה שהוא תלמידא ודבר לשון הרע היה :

מר עוקבא אב בית דין היה במסכת שבת בבמה בהמה : לדזו ליה כבר בתיה . כמשה שהוא בן בתיה לפי שמקרין עור פניו כמרע"ה שגידלתו בתיה בת פרעה לי"א כבר בתיה כמשה שהוא בן בית דכתיב בכל ביתי נאמן הוא לדזו ליה על שם שהיה חכם וכתיב חכמת אדם תאיר פניו ומצאתי בספר אגדה שהיה מר עוקבא בעל תשובה (וכתן) [וכהן] עיניו באשה אחת ועלה לבו טינא ונפל בחולי ואשת איש היתה לימים הולכת ללות ממנו ומתוך דוחקה נתגלית לו וכבש יצרו ונפטרה לשלום והרכת זכותיה יצאה לבוק היה כר דונק נראהו מן השמים ועל שם כך קרו ליה ר' נתן צוציתא במסכת שבת הבא נמי לכך כתבו ליה הכי על שם האור שהיה זורח עליו : עוקבן הבבלי קבל קדמנא . צעק לפנינו : ירמיה אחי העביר עלי את הדרך . אינו ממני דרך בני אדם שבירכו כך במעשי .

וי"א העביר עלי את הדרך לא נהג עמי כשורה ועל עסקי ממון היה צועק : אמרו לו . לירמיה לפתפיס עמו : השיאוהו ויראה פנינו בטבריא . הכריחוהו והזקיקוהו לבא כאן לדון עמו :

---

אז בײדע עדות זאלין זעהן צו זאמען דיא זאך . דאס זאגין דארף מען געװיס ניט זײא זאלי זאגין בײדע צו זאמען . האט רבי יוחנן גזאגט צו רבי יוסי װײל דו ביסט שוין געװארין ארבי . װעסטו שוין בלייבען ארבי . האט רבי זירא גזאגט פון דאנען זעהן מיר אז מען האט גימאכט אגרויסען למדן פאר ארבי . אפילו עס איז געװעזען דורך אטעות . פון דעסטװעגין בלײבט ער שוין ארבי :

טז תנו רבנן . דיא רבנן האבען גירעדט פון װאנען װייסען מיר אז איין בעל דין גייט ארויס פון בית דין זאל ניט ארויס גיין אדיין צו אים און זאגין איך האב דיך גירעכט גימאכט און מייגע חברים האבען דיך בעשולדיגט . װאס האב איך גיקענט העלפין אז מיינע חברים זענען געװען מער פאר מיר . דריבער ביסטו געבליבען פאר שולדיגט . שטייט אין פסוק . דוא זאלסט ניט זאגין רכילות . שלמה המלך האט אויך אזוי גזאגט דער װאס זאגט רכילות און זאגט אויס די סודות :

יז ההוא . עס איז געװען אתלמיד װאס מען האט גזאגט אויף אים אז ער האט אויס גזאגט אזאך װאס איז גזאגט געװארין ביי רבי אמי אין בית המדרש פאר צװיי און צװאנציג יאהר צוריק . האט רבי אמי אים ארויס געטריבען פון בית המדרש . און מען האט אויס גירופען אויף דעם תלמיד דער זאגט אויס די סודות :

יח שלחו . מען האט געשיקט צו מר עוקבא עס זאל זיין שלום צו דעם װאס איז אזוי שיין װיא משה רבינו װס ער װערט גירופען דער זוהן פון בתיה דיא טאכטער פון פרעה װייל זיא האט גיהאדעװעט עוקבן פון בבל האט געשריגען פאר אונז מיין ברודער ירמיה האט אפ גיצויגען פון מיר דיא װעג װער פירט זיך ניט מיט מיר װיא אברודער און ער טוהט מיר שאדין געלט . און מען האט גזאגט צו ירמיה ער זאל איבער בעטין זיין ברודער עוקבן . און מען זאל אים נייטין ער זאל גיזעהן װערין פאר אונז אין טבריא . פרעגט דיא גמרא פריער זאגסטו אז מען האט גזאגט צו ירמיה ער זאל איבער בעטין זיין ברודער עוקבן . האט איר דאך אים שוין געמשפט און גיפסקנת דעם דין אז ער דארף אים איבער בעטין . דער נאך זאגסטו מען זאל אים נייטין ער זאל גיזעהן װערין פאר די דיינים װאס אין טבריא . זעהן מיר דאך אז איר שיקט אים אין טבריא מען זאל אים דארט משפטין . נאר אזוי איז געװען מען האט גזאגט צוא ירמיה

מען

א"ר חנינא וכו' ומתניתין דאורייתא קמי תקנתא וברייתא דרבנן בתר תקנתא : רבא אמר. תרווייהו בתר תקנתא דרבנן ומתניתין בדיני קנסות

בטבריא אלמא שדרוהו הכא אלא ה"ק אמרו ליה דיינוהו אתון אי ציית ציית ואי לא השיאוהו ויראה פנינו בטבריא] :

# אחד דיני ממונות פרק רביעי

(דף לב) **א משנה** אחד דיני ממונות ואחד דיני נפשות בדרישה ובחקירה וכו' : **גמ'** דיני ממונות מי בעינן דרישה וחקירה וכו' א"ר חנינא דבר תורה אחד דיני ממונות ואחד דיני נפשות בדרישה ובחקירה שנאמר (ויקרא כד) משפט אחד יהיה לכם ומה טעם אמרו דיני ממונות לא בעינן דרישה וחקירה כדי שלא תנעול דלת בפני לוין וכו' (דף ע"ב) רבא אמר מתניתין דהכא בדיני קנסות ואידך בהודאות והלוואות

---

מען וועט אים דא משפטן ער זאל איבער בעטן דעם ברודער עוקבן . וועט ער פאלגן איז גוט . אונ אויב ער וועט ניט פארגין זאלט איר אים נייטין ער זאל גיזעהן ווערין פאר אונז אין טבריה ואנדערע זאגין די שיינקייט פון מר עוקבא איז גיוועזן דורך תשובה ווארום מר עוקבא האט זיך אמאהל פאר ליבט אין אאשה וואס זיא האט גיהאט אמאן . אונ ער איז קראנק גיווארין פון ליבשאפט . אמאהל האט גיטראפען דיא אשה איז ארעם גיווארין אונ זיא איז גיקומען צוא מר עוקבא ער זאל איר בארגין געלט . אונ זיא וועט טאהן זיין ווילען . האט זיך מר עוקבא גישטארקט אויף דעם יצר הרע אונ האט ניט מזנה גיוועזן מיט איר . אונ ער איז גיזונד גיווארין . ווייל ער האט תשובה גיטאהן דריבער איז גיוועזן אז מר עוקבא איז ארויס גיגאנגען אין גאס האט גיברענט אליכט פון הימעל אויף זיין קאפ . אונ עס האט בעלויכטין זיין פנים :

## פרק רביעי

**א** משנה . אחד . סיי דיא עדות וואס קומען זאגין אויף געלט זאכען . למשל זייא זאגין ראובן איז שולדיג צו בצאהלין געלט צו שמעון וואס ער האט ביי אים גיבארגט . אונ סיי דיא עדות וואס קומען זאגין אויף נפשות . למשל זייא זאגין מען דארף ראובן הרגנן ווייל ער האט גיטאהן אמלאכה אום שבת . אדער זייא זאגין ער האט גיהרגת אמענטשין . דארף מען די עדות פארשטין מיט צוויי ערליי זאכען . איינס ווערט גירופען דרישה . דיא אנדערע ווערט גירופען חקירה . דרישה הייסט מען פרעגט דיא עדות וויא פיל געלט האט ראובן גיבארגט . וועלכע געלט האט ראובן גינומען פון שמעון . זילבער געלט אדער פאפירען געלט . וועלכע מטבעות . אדער וועלכע פאפירען . אין וועלכע קליידער איז ראובן גיגאנגען ווען ער הט גיבארגט דאס געלט . האט ראובן גינומען דאס געלט שטייענדיג . אדער זיצענדיג . אונ נאך אזעלכע זאכען וואס בית דין ווייל פרעגין ופריער גייט אריין איין עדות צו בית דין אונ מען פרעגט אים דאס אלץ . דער עדות גייט ארויס רופט מען אריין דעם אנדערין אונ מען פרעגט אים די אלע זאכען וואס מען האט גיפרעגט דעם ערשטין . אויב זייא זאגין ביידע גלייך . איז גוט . דארף ראובן בצאהלין . אונ אויב זייא זאגין ניט ביידע גלייך למשל איינער זאגט ער האט גינומען פאפירען געלט . דער אנדערער זאגט זילבער געלט . איז דיא עדות בטל . דארף ניט ראובן בצאהלין . אונ ביי נפשות איז אויך אזוי מען פרעגט דיא עדות וועלכע מלאכה האט ער גיטאהן אום שבת . וויא אזוי האט ער גיטאהן דיא מלאכה . מיט וועלכע כלים הט ער גיטאהן דיא מלאכה . ער האט גיטאהן דיא מלאכה זיצענדיג אדער שטייענדיג . אונ נאך אזעלכע זאכען וואס בית דין וויל פרעגין . אונ ביי אמענטשין הרגנן פרעגט מען וועלכין מענטשין האט ער גיהרגת . אאלטען אדער איונגען . אהויכען אדער אנידעריגען . וואס פאר אהאר הט ער גיהאט מיט וואס הט ער אים גיהרגת . אונ נאך אזעלכע זאכען וואס בית דין וויל

פרעגין

והלואות רב פפא אמר אידי ואידי בהודאה והלואה כאן בדין מרומה כאן בדין שאינו מרומה כדריש לקיש דריש לקיש רמי כתיב (ויקרא יט) בצדק תשפוט עמיתך וכתיב (דברים יז) צדק צדק תרדוף הא כיצד כאן בדין מרומה כאן בדין שאין מרומה רב אשי אמר מתני' (כדרשינן) [כדשנין] קראי אחד לדין ואחד לפשרה כדתניא צדק צדק תרדוף אחד לדין ואחד לפשרה כיצד

שתי

דליכא למיחש לנעילה דלא תנן בהודאות והלואות בדיני ממונות וזה כה לידון בעדי הודאה שהודה לו בפניהם ובעדי הלואה שהלווהו בפניהם דליכא למיחש לנעילת דלת]: מרומה. שב"ד מכירין בתובע זה שהוא רמאי או מבינים טענת רמאי בדבריו: בצדק תשפוט. ולא כתיב בצדק צדק להזהיר בית דין לדקדק בו כל כך לדרוש ולחקור: מתניתא. בפי' אתמר כחד מהני שינויי אי כר' חנינא אי כרב פפא אנא קראי דרמי להו ר"ל לא קשו דצדק צדק לאו לדרישה וחקירה אתו אלא צדק דין אחד וצדק פשרה אחד לפי

---

פרעגן. אונ חקירה הייסט אין וועלכער צייט דאס איז גיוועזן. וועלכע שעה אין טאג. וועלכער טאג אין וואך. וויא פיל טעג אין חודש. וועלכער חודש אין יאהר. וועלכער יאהר אין שמטה. וועלכע שמטה אין יובל. זאגט דיא גמרא ביי געלט זאכען דארף מען דאך ניט קיין דרישה אונ חקירה. האט רבי חנינא גזאגט דיא תורה זאגט סיי געלט זאכען אונ סיי נפשות דארף האבען דרישה אונ חקירה. ווארום עס שטייט אין פסוק איין דין זאל זיין ביי אייך. אונ פאר וואס האט מען גזאגט אז געלט זאכען דארף ניט קיין דרישה אונ חקירה. מען זאל ניט פאר שליסען דיא טיר פר דיא מענטשין וואס באָרגין געלט ולמשל אז ראובן האט פר בארגט געלט צו שמעון. אונ שמעון לייקנט. אונ זייא קומען צו בית דין. אונ ראובן ברייננט עדות. אז בית דין וועט אזוי פיל אוים פרעגין דיא עדות. אונ זייא וועלין ניט גלייך זאגין. אדער איין עדות וועט זאגין ער וייס ניט. וועט שוין זיין בטל זייערע עדות אונ ראובן וועט שוין ניט קענען אויף מאנען זיין געלט. וועט ראובן ווייטער ניט וועלין פאר בארגין קיין געלט. ווארום עס קען דאך זיין אז דיא עדות האבען טאקי גיזעהן וויא ראובן האט פאר בארגט דם געלט. נאר זייא האבען ניט אזוי גוט אכטונג גיגעבין אויף אזעלכע זאכען וואס בית דין פרעגט אלין ביי זייא. דריבער האט מען גימאכט אז בית דין זאל נאר פרעגין אויב זייא ווייסען אז ראובן האט פאר בארגט געלט צו שמעון. אונ אז זייא זאגין יא. זאל שמעון מוזין בצאהלין. רבא זאגט דיא משנה שמועסט ביי אזעלכע געלט זאכען וואס דאס איז אקנס. דארפין די עדות האבען דרישה אונ חקירה. אבער ביי געלט זאכען וואס עדות זאגין פאר אונז האט שמעון מודה גיוועזן אז ער איז שולדיג געלט צו ראובן. אדער זייא זאגין מיר האבען גיזעהן ווא שמעון האט גיבארגט געלט ביי ראובן. דארפין ניט דיא עדות דרישה אונ חקירה. רב פפא זאגט אפילו ביי געלט פאר בארגין איז אויך דא אפטיילונג. אז בית דין דער קענען אן דיא רייד פון דעם וואס מאנט אז עס איז פאלש. דארף מען חוקר ודורש זיין דיא עדות. אונ וואו מען דער קענט ניט קיין פאלשקייט. דארף מען ניט חוקר ודורש זיין דיא עדות. אזוי וויא ריש לקיש האט גזאגט. ווארום ריש לקיש האט גיפרעגט אין איין פסוק שטייט בצדק תשפוט עמיתך. מיט גירעכטיקייט זאלסטו משפטין דיין חבר. שטייט נאר איין מאהל צדק. אונ אין אנדערין פסוק שטייט צדק צדק תרדוף. דוא זאלסט נאך יאגין גירעכטיגקייט. שטייט צוויי מאהל צדק. נאר אז בית דין דער קענט אן דיא רייד פון דעם וואס מאנט אז עס איז פאלש. דארף מען נאך קלערין דעם דין מיט פיל גירעכטיגקייט. מען זאל חוקר ודורש זיין דיא עדות. אונ אז מען דער קענט ניט קיין פאלשקייט. דארף מען ניט נאך קלערין דעם דין מיט פיל גירעכטיגקייט. מען דארף ניט חוקר ודורש זיין דיא עדות. רב אשי זאגט דיא משנה מיט דיא ברייתא זענען גוט פאר ענפערט. וויא רבי חנינא אדער וויא רבא אדער וויא רב פפא. נאר דיא פסוקים וואס ריש לקיש האט גיפרעגט איז ניט קיין קשיא. דריבער שטייט צוויא מאהל צדק איין מאהל אויף דין אונ איין מאהל אויף פשרה. דוא זאלסט גירעכט מאכען דיין דין אונ זאלסט גירעכט מאכען דיין פשרה. אזוי וויא מיר האבען גילערנט עס שטייט אין פסוק גירעכטיגקייט זאלסטו נאך יאגין. איין מאהל אויף דין אונ איין מאהל

אויף

שתי ספינות עוברות בנהר ופגעו זה בזה אם עוברות שתיהן שתיהן טובעות בזה אחר זה שתיהן עוברות וכן שני גמלים שהיו עולין במעלות בית חורון ופגעו זה בזה אם עלו שניהם שניהם נופלים בזה אחר זה שניהם עולים הא כיצד טעונה ושאינה טעונה תדחה שאינה טעונה קרובה ושאינה קרובה תדחה קרובה מפני שאינה קרובה היו שתיהן קרובות שתיהן רחוקות הטל פשרה ביניהן ומעלות שכר זו לזו :

ב ת"ר (דברים יז) צדק צדק תרדוף הלך אחר ב"ד יפה אחר רבי אליעזר ללוד אחר ר' יוחנן בן זכאי לברור חיל . תנא קול ריחים בבורני שבוע הבן שבוע הבן שם . אור הנר בברור חיל משתה שם

ראות עיניך ואל הרדוף את האחד יותר מחבירו : שתיהן טובעות . שתדחק זו את זו : והם בזה אחר זה שהנך אחת אל היכנס עד שתעבור חברתה ואח"כ תעבור היא : מעלות בית חורון . מקום צר ואין דרך לנטות ימין ושמאל וצריך האחד לנטות לאחוריו עד שמוצא מקום לנטות : הא עונות בניהם . כגון זה עולה מלך זה וזה עונה מלך זה ופוגעות בהם הורו של הר והבקעה עמוקה מימין ושמאל : קרובה . לעיר : ומעלות שכר . לאחת ותדחה :

קול ריחים. שבשמעין : בבורני . מקום: שבוע הבן שבוע הבן . סימן הוא שיש שם ברית מילה כאמריה ואומר שבוע הבן כאן ונרות סימן לסעודת ששמנין למכת התינוק ושמה גזרה המלכות היה שגזרו שלא למול והיו ירחים להוציא קול וקבעו סימן זה : אור הנר בברור חיל . כיום הו נרות גוהן

---

אויף פשרה . וויא אזוי . למשל צוויי שיפען זענען געשוואומען אויף אטייך אונ זיי האבען בגעגינט איינע די אנדערע . אויב זייא ווילען ביידע גיין צו זאמען וועט איין שיף שטויסען די אנדערע ווילען ביידע דער טרונקען ווערין . אבער אז איין שיף וועט אוועק שווימען אויף אזייט אונ זיא וועט מאכען אארט די אנדערע שיף זאל דורך גיין . דער נאך וועט זיא גיין . ווילען ביידע שיפען דורך גיין אן אשאדין . אדער צוויי קעמלען זענען געגאנגען אויף דעם בית חורין . איינער איז ארויף געגאנגען אויף דעם בארג פון מזרח זייט . דער אנדערער איז געגאנגען אויף דעם בארג פון מערב זייט . אונ אויף דעם שפיץ בארג האבען זיך ביידע בגעגינט . אונ אין צפון זייט פון בארג איז אטאהל . אונ אין דרום זייט פון בארג איז אויך אטאהל . אויב זייא וועלין ביידע ארויף קומען אויף דעם שפיץ בארג ווילען ביידע אראפ פאלען . אבער אז איין קעמיל וועט אראפ צוריק . אונ וועט ווארטין אונטען ביי דעם בארג ביז דער קעמיל פון אויבין וועט אראפ גיין . דער נאך וועט ער צוריק ארויף גיין ווילען ביידע נים האבען קיין שאדין . וויא זאל מען טאן . אויב איין שיף איז בלאדין אונ דיא אנדערע איז ליידיג . אדער איין קעמל איז בלאדין אונ דער אנדערער איז ליידיג . זאל דיא נים בלאדענע אפ געשטויסען ווערין צו מאכען אארט פאר דיא בלאדענע . אבער אז ביידע שיפען זענען בלאדין . נאר איינע איז נאנט צום ברעג אונ איינע איז ווייט פון ברעג . דיא שיף וואס איז נאנט צום ברעג זאל זיא צו שווימען צום ברעג . צו מאכען אארט פאר די אנדערע שיף . אדער ביידע קעמלען זענען בלאדין . נאר איין קעמיל איז שוין פיל ווייט ארויף געגאנגען אויף דעם בארג . אונ דער אנדערער קעמיל איז נאר אביסול ארויף געגאנגען . דער וואס איז ווייניגער ארויף געגאנגען . דער זאל צוריק גיין . אבער אז ביידע שיפען זענען נאנט צום ברעג אדער ביידע שיפען זענען ווייט פון ברעג . אדער ביידע קעמלען זענען גלייך ארויף געגאנגען אויף דעם בארג . דער קעמיל פון דער זייט אונ דער קעמיל פון דער זייט . ביידע זענען נאר אביסול ארויף געגאנגען אויף דעם בארג . אדער ביידע זענען שוין פיל ארויף געגאנגען אויף דעם בארג . זאל מען מאכען אפשר גלייכונג צווישען זייא . איינער זאל בצאהלין דעם אנדערין פאר הם ער ווערט אפ געשטויסין :

ב תנו רבנן . דיא רבנן האבין גילערונט עס שטייט אין פסוק דוא זאלסט נאך יאגין גירעכטיגקייט . אז דוא דארפסט האבין אדין תורה זאלסטו גיין צו אגוטין בית דין . דוא זאלסט גיין אין לוד צו רבי אליעזר . דוא זאלסט גיין אין ברור חיל צו רבי יוחנן בן זכאי . מיר האבין גילערנט ווען עס איז גיווען אגזרה מען זאל נים מל זיין דיא קינדער . אונ מען פלעגט מל זיין אין דער שטיל קינדער זאל נים וויסען . אז מען האט גיוואלט מענטשין זאלין וויסען צו קומען אויף דעם ברית אום גיבעטין . פלעגט מען מאכין סימנים . אין דיא שטאט בורני איז

גיוועז

שם . ת"ר צדק צדק תרדוף הלך אחר חכמים לישיבה אחר ר' אליעזר לל"ד אחר רבן יוחנן בן זכאי לברור חיל אחר רבי יהושע לפקיעין אחר רבן גמליאל ליבנה אחר ר' עקיבא לבני ברק אחר רבי מתיא לרומי אחר רבי חנינא בן תרדיון לסיכני אחר ר' יוסי לציפורי אחר ר' יהודה בן בתירה לנציבין אחר (ר' חנינא בן אחי) רבי יהושע לגולה אחר רבי לבית שערים אחר חכמים ללשכת הגזית :

הרבה בלילה סימן הוא כמו שלועק מתחם שם משתה בס ברית מילה קרי שבוע הבן על שם שהוא לסוף שבוע : אחר חכמים לישיבה . בית הועד שבשבתי דינין קבוע כגון אחר רבי אליעזר ללוד וכן כולם כל אחד למקומו : לגולה . לפומבדיתא כדאמר' בר"ה עד שרואה כל הגולה לפניו כמדורות אש ומשנינן מאי גולה אמר אביי פומבדיתא שעיקר ישיבת ישראל שם היתה : אחר חכמים סנהדרי גדולה :

(טועה בדבר מלוה] שטעותו מצוי. בדבר המשנה אין דינו דין לגמרי וחוזר] : לרב ששת . דאמר טעה בדבר משנה חוזר : האם שלה . בית הרחם

(דף לג) ג ורמינהו דן את הדין זיכה את החייב וחייב את הזכאי וכו') כה שעשה עשוי וישלם מביתו אמר רב יוסף לא קשיא כאן במומחה וכו' (רב ששת אמר כאן שטעה בדבר משנה כאן שטעה בשיקול הדעת וכו') איתיביה רב הכנונא לרב ששת מעשה בפרה של בית מנחם שניטלה האם שלה והאכילה ר' טרפון לכלבים ובא מעשה לפני חכמים

---

גיוועזן אסימן אז מען האט גיהערט אין אשטוב מאלט מען מיט זארנעם. האט מען גיוואוסט אז דארט איז אבריה . אין דיא שטאט ברור חיל איז גיוועזן אסימן אז מען האט גיזעהן אין אשטוב ברענט אליכט ביי טאג אדער ביי נאכט ברענט פיל ליכט . האט מען גיוואוסט אז אין דיא שטוב איז אסעודה . דיא רבנן האבין גילערונט עס שטייט אין פסוק גירעכטיגקייט גירעכטיגקייט זאלסטו נאך יאגין . אז דוא דארפסט האבין אדין תורה זאלסטו גיין אויף דעם ארט ווא חכמים זיצען אונ לערנען מיט אישיבה . דוא זאלסט גיין אין לוד צו רבי אליעזר אין ברור חיל צו רבי יוחנן בן זכאי . אין פקיעין צו רבי יהושע : צו רבן גמליאל אין יבנה . דוא זאלסט גיין צו רבי עקיבא וואס ער וואהנט ביי דיא בני ברק . אין רוים צו רבי מתיא בן חרש : אין סיכני צו רבי חנינא בן תרדיון . אין ציפורי צו רבי יוסי . אין נציבין צו רבי יהודה בן בתירה . אין פומבדיתא צו רבי חנינא דער זוהן פון רבי יהושעס ברודער . אין בית שערים צו רבי . אין לשכת הגזית צו דיא סנהדרי גדולה :

ג ורמינהו . פרעגט דיא גמרא מיר האבין גילערונט אדיין האט געמשפט אדין תורה אונ ער האט אטעות גיהאט. למשל ראובן האט געקריגט מיט שמעון וועגין געלט . האט דער דיין גיפסקנט ראובן זאל בצאהלין . אונ ער האט בצאהלט . דער נאך האט מען גיזעהן אז עס איז אטעות . נאך זייערע טענות איז גיוועזן דער דין ראובן זאל ניט בצאהלין . דאס הייסט ווער עס איז גיוועזן אומגירעכט (שמעון) . האט דער דיין גיזאגט ער איז גירעכט . אונ ווער עס איז גיוועזן גירעכט (ראובן) האט דער דיין גיזאגט ער איז אומגירעכט : וואס דער דיין דאס גיטאהן איז פר פאלין . שמעון דארף ניט צוריק געבין דאס געלט . אונ דער דיין דארף בצאהלין צו ראובן וואס ער האט בצאהלט צו שמעון . האט רב חסדא גיזאגט עס איז ניט קיין קשיא אז אמומחה (ארבו) האט אטעות דארף ער ניט בצאהלין . אונ אז דער דיין איז גיוועזן אבעל הבית אונ ער האט גיהאט אטעות . דארף ער יא בצאהלין . רב ששת זאגט אויב דער דיין האט אטעות גיהאט אין אזוי אדין וואס עס שטייט אין אמשנה אנדערש וויא ער האט גיפסקנט . זאל מען פון דעם דין הרטה האבין . אונ שמעון גיט צוריק דאס געלט צו ראובן . אונ אויב מען האט אטעות גיהאט אין אדין וואס מען דארף קלערין . נאר דיא אלע חכמים פסקנן אז ראובן איז גירעכט . אונ דער דיין האט געפסקנט אז שמעון איז גירעכט . וואס ער האט גיטאהן איז פארפאלין . דיא געלט בלייבט ביי שמעון . אונ ער דארף בצאהלין צו ראובן אנדער געלט . האט רב המנונא גיפרעגט צו רב ששת עס האט אמאהל גיטראפין ביי דיא קוה פון מנחם האט מען ארויס גינומען פון בויך דעם ארט ווא דיא קאלב ליגט (דאס הייסט דיא מוטער) . האט רבי טרפון גזאגט דיא קוה איז טרייף . אונ ער האט צו שניידען דיא קוה אונ האט איהר גיגעבין צו דיא הינט זיא

זאלין

חכמים ביבנה והתירוה שאמר תודוס הרופא אין פרה וחזירה יוצאה מאלכסנדריא של מצרים אלא א"כ הותכין האם שלה כדי שלא תלד א"ר טרפון הלכה חמורך טרפון א"ל ר' עקיבא פטור אתה שכל המומחה לרבים פטור מלשלם (ואם איתא לימא ליה טעה בדבר משנה אתה וטועה בדבר משנה חוזר חדא ועוד קאמר חדא דטועה בדבר משנה אתה וטועה בדבר משנה חוזר ועוד אי נמי בשיקול הדעת טעית מומחה לרבים אתה וכל המומחה לרבים פטור מלשלם):

ומקדלוה טרפתה ושלפוהית ובלעו מלרי"ו : אין פרה וחזירה יוצאה וכו'. לפי שטובות הן ואין רוצין שיהיו מצויות במקומות אחרות וקא הויא דמתקיימות : הלכה חמורך טרפון. כלומר צריך אתי למכור את ומורי להחזיר פרה לבעליהן : טועה בדבר משנה אתה. שהם משנה היא כאלו טרפות (דף לג) ניטלה האם שלה כבירה : וטועה בדבר משנה חוזר. ולקמן פריך הכא מאי הוה איכא כא האכילה לכלבים] :

(סס ע"ב) ד פיסקא דיני נפשות (מחזירין לזכות ואין מחזירין לחובה) ת"ר מנין ליוצא מבית דין חייב ואמר אחד יש לי ללמד עליו זכות מנין

---

זאלין איהר עסין. דער נאך האט מען דער צו"לט דיא זאך פאר דיא חכמים וואס זענען געווען אין יבנה. האבין זייא גיזאגט דיא קוה איז געווען כשר. מען האט איהר גימעגט שעכטין אונ עסין. ווארום דער דאקטאר תודוס האט גיזאגט מען לאזט ניט ארויס פירען א קוה אונ א חזיר פון אלכסנדריא וואס אין מצרים. סיידין מען שניידט אויס פון בויך דיא מוטער. זייא זאלין ניט גיבאהרין קיין קינדער. ווייל זייא האבין ניט גיוואלט אז אזעלכע קיה אונ חזירים זאלין זיין אין אנדערע שטעט. זעהן מיר דאך אז אפילו דיא מוטער איז ארויס גינומען פון דעסטוועגין קען זיא לעבין. האט רבי טרפון גיזאגט צו זיך אליין. טרפון דיין אייזיל איז שוין אוועק גיגאנגען פון דיר. דוא מוזט שוין פאר קויפין דיין אייזיל אונ בצאהלין פאר דיא קוה. וואס דוא האסט טרייף גימאכט. האט רבי עקיבא גיזאגט צו רבי טרפון דוא דארפסט ניט בצאהלין פר די קוה. ווארום דער וואס איז בעוואוסט צו פיל מענטשין אז ער איז אלמדן אונ ער האט גיהאט אטעות אין אדין. דארף ער ניט בצאהלין. איז דאך אקשיא פאר וואס האט רבי עקיבא ניט גיזאגט צו רבי טרפון דוא האסט דאך גיהאט אטעות אין אזוי אזאך וואס עס שטייט אין אמשנה אנדערש וויא דוא האסט גיפסקנט ווארום אין דער משנה שטייט אז עס איז ארויס גינומען גיווארין פון אבהמה איהר מוטער איז זיא כשרה. אונ אז מען האט אטעות אין אדין וואס אין אמשנה שטייט אנדערש. דארף מען איבער פסקנען דעם דין אבער דער דיין דארף ניט בצאהלין. אונ אז רבי עקיבא האט ניט אזוי גיזאגט צו רבי טרפון. געוויס איז דער דין ניט אזוי. נאר אפילו מען האט אטעות אין אזוי אדין וואס אין אמשנה שטייט אנדערש. איז אויך דער דין פאר פאלען אונ דער דיין דארף בצאהלין. איז דאך אקשיא אויף רב ששת. ענפערט דיא גמרא רבי עקיבא האט גזאגט צו רבי טרפון צוויי זאכען. איין מאהל האסטו גיהאט אטעות אין אזוי אדין וואס אין אמשנה שטייט אנדערש וויא דוא האסט גזאגט. אונ אז מען האט אטעות אין אזוי אדין וואס אין אמשנה שטייט אנדערש. דארף מען איבער פסקנען דעם דין. אבער דער דיין דארף ניט בצאהלין. אונ ווען אפילו דוא וואלסט גיהאט אטעות אין אזוי אדין וואס מען דארף קלערין. דו ביסט דאך בעוואוסט צו פיל מענטשין פר אלמדן. אונ דער דיין וואס איז בעוואוסט צוא פיל מענטשין פאר אלמדן. אז ער האט אטעות אין אדין דארף ער ניט בצאהלין:

ד פיסקא. דיני. אז בית דין האבען גיפסקנט אויף איינעם מען זאל אים הרגנן. אונ מען האט אים שוין געפירט צום הרגנן. דער נאך האט בית דין גיזעהן זייא האבען גיהאט אטעות מען דארף אים ניט הרגנן. קערט מען אים אום צוריק. אונ מען לאזט אים לעבין. אבער אז בית דין האבען גיפסקנט מען דארף אים ניט הרגנן. אונ ער איז שוין אוועק גיגאנגען פון בית דין. דער נאך האבען בית דין גיזעהן זייא האבען גיהאט אטעות מען דארף אים יא הרגנן.

קערט

[מנין] שמחזירין אותו ת"ל (שמות כג) נקי אל תהרוג וסנין ליוצא מבית דין זכאי ואמר אחד יש לי ללמד עליו חובה מנין שאין מחזירין אותו ת"ל (שם) צדיק אל תהרוג אמר רב שימי בר אשי וחילופא למסית דכתיב (דברים יג) לא תחמול ולא תכסה עליו רב כהנא מתני (שם) מכי [הרג] תהרגנו:

**ה ואין** מחזירין לחובה וכו' [א"ר חייא בר אבא א"ר יוחנן והוא שטעה בדבר שאין הצדוקין מודין בו אבל טעה בדבר שהצדוקין מודין בו זיל קרי בי רב הוא] בעא מיניה רבי חייא בר אבא מרבי יוחנן טעה בנואף ונואפת מהו א"ל

נקי משמע מן החטא ואע"ס שנתחייב בב"ד: צדיק. משמע שנצטדק בדין ואע"פ שאינו נקי: דבר שאין הצדוקין מודין בו. שאין מקומו מפורש בתורה בהדיא אלא במשנה או בדברי האמוראים: זיל קרי בי רב הוא: תינוקות של בית רבן יודעין שאינו כלום והדר: טעה בנואף ונואפת. זיכה מכן מי אמרינן דהדריה ליה לחובה דבשלמא ברישא איכא למטעי במילי טובא דלא מפרשי בהדיא כגון באומר אתן שהרגו בה לא היה בה כדי מיתה או במותרה מפי ההרוג ולא מפי עדים או באומר הוא היה רודפו ויכול להציל באחד מאבריו ולא הציל אלא הרגו אבל בנואף ונואפת ליכא טעותא

קערט מען אים ניט אום צוריק צום הרגנן. נאר ער בלייבט לעבין: דיא רבנן האבען גילערנט אז איינער גייט ארויס פון בית דין צום הרגנן אים. אונ דער נאך האט איין דיין גזאגט איך וויים צוא לערנען פר אים אזכות מען זאל אים ניט הרגנן. פון וואנען ווייסין מיר אז מען קערט אים אום צוריק. שטייט אין פסוק נקי אל תהרוג. דער וואס איז אין אמת ריין פון דיא זינד. אפילו ביי בית דין איז ער פר שולדיגט גיווארין. פון דעסטוועגין זאל מען אים ניט הרגנן. אונ אז איינער גייט ארויס פון בית דין גירעכט אז מען דארף אים ניט הרגנן. דער נאך האט איין דיין גזאגט איך וויים צו לערנען אויף אים אז ער איז ניט גירעכט נאר מען דארף איהם יא הרגנן. פון וואנען ווייסען מיר אז מען קערט אים ניט אום צוריק. שטייט אין פסוק צדיק אל תהרוג. אז ער איז נאר איין מאהל גירעכט גיווארין ביי בית דין. אפילו אין אמת איז ער ניט גירעכט. פון דעסטוועגין זאל מען אים ניט הרגנן. רב שימי בר אשי זאגט אז מען דארף איינעם הרגנן ווייל ער האט אן גירעט זיין חבר ער זאל דינען עבודה זרה. איז פאר קערט דער דין: אז ער איז ארויס גיגאנגען פון בית דין צום הרגנן. אונ דער נאך האט אביין גזאגט איך וויים צו לערנען אויף אים אזכות. קערט מען אים ניט אום צוריק. נאר מען הרגת אים. אונ אויב פאר קערט איז גיוועזן ער איז ארוים גיגאנגען פון בית דין גירעכט מען זאל איהם ניט הרגנן. אונ איין דיין האט גזאגט איך וויים צו לערנען אויף אים אז ער איז אומגירעכט אונ מען דארף אים יא הרגנן. קערט מען אים אום צוריק אונ מען הרגת אים. ווארום עס שטייט אין פסוק דוא זאלסט ניט רחמנות האבען אונ זאלסט ניט פאר דעקין אויף אים זיין זינד. רב כהנא לערנט פון דעם פסוק הרג תהרגנו: דוא זאלסט איהם הרגנן אונ הרגנן וויא פריער שטייט]:

**ח** ואין מחזירין לחובה. רבי חייא בר אבא זאגט פון רבי יוחנן וועגין ווען זאגין מיר אז ער איז ארוים גיגאנגען פון בית דין גירעכט אונ דער נאך האט איין דיין גזאגט איך וויים אויף אים צו לערנען אז ער איז אומגירעכט. קערט מען אים ניט אום צוריק. דאס איז נאר אז בית דין האט גיהאט אטעות אין אזוי אזאך וואס עס שטייט ניט אין דער תורה. נאר דיא חכמים לערנען דאס אפ דורך זייערע דרשות. אונ דיא אפקורסים גלויבין ניט דיא זאך. אבער אז בית דין האט גיהאט אטעות אין אזוי אזאך וואס עס שטייט אין דער תורה. אונ די אפקורסים גלויבין אויך דיא זאך. דאס ווייסען דאך דיא קינדער וואס לערנען אין חדר אויך אז עס איז אטעות. קערט מען אים אום צוריק אונ מען הרגת אים. רבי חייא בר אבא האט גיפרעגט ביי רבי יוחנן אז דער מענטש וואס מען האט אים גידארפט הרגנן איז גיוועזן ווייל ער האט מזנה גיוועזן מיט אאשת איש. אדער מען האט גיוואלט די אשת איש הרגנן. אונ בית דין האבען פריער גיהאט אטעות אונ האבען גזאגט מען דארף אים ניט הרגנן. איז ער אוועק גיגאנגען פון בית דין גירעכט. דער נאך האט איין דיין זיך דער מאנט אז דער דין איז

א"ל אדמוקדך יקוד זיל קוץ קרך וצלי :
(דף לד) (תהלים סב) ה אחת דבר אלהים שתים זו (שמענו) [שמעתי]
וגו' מקרא א' יוצא לכמה טעמים ואין טעם אחד יוצא (משתי) [מכמה] מקראות דבי ר' ישמעאל תנא (ירמיה כג) וכפטיש יפוצץ סלע מה פטיש זה מתחלק לכמה ניצוצות אף מקרא אחד יוצא לכמה טעמים :
(דף לה) (במדבר כה) ו קח כל ראשי העם והוקע אותם אם העם חטאו ראשי העם מה חטאו אמר רב יהודה אמר רב א"ל הקב"ה למשה חלק עליהם בתי דינין כ"ט אילימא משום שאין דנין שנים ביום אחד האמר רב חסדא לא שנו

לזכרתו : עד דיוקדך יקיד קוץ קרך וצלי . בעוד שהלא דולקת קוץ דלועין בלק וגלה אוזן כלומר בעוד שהלב עסוק במעתה תן לב להגין ולהוסיף לקח דרי במעת נומי ועשה כדבר שבלדוקין מודין בו האוזן והוי דבר שבלדוקין מודין בו כוח] : טעם אחד מאי מקראות . מפרש להמן כדהנית דם יהשב לאים הכות דס פפך לרבות את הוורק דברי דבי יסמעאל רבי עקיבא אומר או זבה לרבות את הוורק והרזויתו מלבי זריקה מר מייתי לה מדם יהשב ימר מייתי לה מאו זבה והמ־ין הכי נגמרת לענין במתלוקת שהיה בין הסנהדרין שהם אמרו כוים טעם אחד מבני מקראות אין מוזין להם אלא אחד משום דהד מהנך קראי לא להכי אתא דקיימה לן לא נכתבו שני מקראות לטעם אחד סילקך חד מיניהו מטעה מעי וכביה הני לחים מלאכת דבר הנכים בחים זו שמעתי הכל בתים לא דבר אלהים לשמוע אחת) :
חלק עליהם בתי דינין. וה"ק קרא קח את כל ראשי העם והוליך אותם לבתי דינין סרבה וידונו את עוברי עבירה והוקע אותם את המתחייבים מפני שלמדו לבעל פעור ועובד ע"ז בסקילה וכל הנסקלין ניתנין כדאמרינן בד' מיתות אין ב"ד אחד דנין שנים ביום אחד : אלא בשתי מיתות הוא דאין דנין לפי שאין זו דומה לזו צריך לעלות טעם לדבריהם

---

מען זאל אים יא הרגנן . קערט מען אים אום צוריק צום הרגנן . אדער ניין : הט רבי יוחנן גזאגט צו רבי חייא ווען דער פייער ברענט נאך זיי האק אפ די פלוצערין אונ בראט זיי : דאס מיינט מען ווען דוא האלברט נאך ביי דעם דין לערין ווייטער דעם דין אויך . איך האב דיר דאך איין מאהל גזאגט אויב דער טעות איז גיוועזן אין אזוי אזאך וואס די רבנן דרשנן : זאל מען אים ניט הרגנן . אונ אויב דער טעות איז גיוועזן אין אזוי אזאך וואס שטייט אין דער תורה . זאל מען אים הרגנן :

ך אחת . דוד המלך האט גזאגט גאט האט גרעט איינס . אונ איך האב גיהערט צוויי . דאס מיינט מען דער פסוק איז איינער . אונ פון דעם איין פסוק קען מען וויסען פיל טעמים . אבער איין טעם קומט ניט ארויס פון עטליכע פסוקים . עס זאל שטיין למשל צוויי אדער דריי פסוקים מען זאל פון זיי וויסען איין זאך . דס איז ניטא אין דער תורה . דבי רבי ישמעאל הט גילערנט עס שטייט אין פסוק וכפטיש יפוצץ סלע . עס איז דא אזוי אהארטער שטיין אז מען קלאפט אויף אים מיט אהאמער . ווערט דער האמער צו האקט אונ צו בראכען אין פיל שטיקער . אונ דער שטיין בלייבט גאנץ . אזוי איין פסוק ווערט צו טיילט אויף פיל טעמים . פון איין פסוק קען מען וויסען פיל דינים :

ך קח . גאט האט גזאגט צו משה נעם דיא אלע עלצטע פון פאלק אונ איינג זיי אויף . איז דאך אקשיא אויב דאס פאלק האט געזינדיגט . וואס האבען דיא עלצטע פון פאלק געזינדיגט . פאר וואס זאל מען די עלצטע פון פאלק אויף איינגען . האט רב יהודה גזאגט פון רבס וועגן ניט גאט האט גימיינט מען זאל דיא עלצטע אויף איינגען . נאר אזוי הט גאט גזאגט צו משה . נעם דיא עלצטע פון פאלק אונ צו טייל זייא אויף עטליכע בית דינים אונ זייא זאלין משפטין דאס פאלק . מען זאל דאס פאלק וואס האבען געדינט צו דיא עבודה זרה פעור אויף איינגען . זאגט דיא גמרא צו וואס האט מען גידארפט עטליכע בית דינים . פאר וואס זאל ניט איין בית דין משפטין אלע . מיר זאלין זאגין וויל איין בית דין טאר ניט משפטין צוויי מענטשין אין איין טאג . רב חסדא הט דאך גזאגט דאס איז נאר ביי צוויי ערליי מיתות . אז מען משפט יעדערין בזונדער פאר איין אנדער עבירה . אונ עס קומט יעדערין בזונדער איין אנדער טויט . דאס משפט ניט איין בית דין צוויי מענטשין אין איין טאג . אבער אז אלע מענטשין האבען גיטאהן איין עבירה . אונ עס קומט זיי איין טויט . משפט איין בית דין אפילו עטליכע אין איין טאג : אונ דא איז דאך גיוועזן איין עבירה אונ איין טויט האט דאך גיקענט זיין איין בית דין .

ענפערט

שנו אלא בשתי מיתות אבל במיתה אחת דנין אלא כדי שישוב חרון אף מישראל:

**ז דיני** ממונות גומרין בו ביום (בין לזכות בין לחובה דיני נפשות גומרין בו ביום לזכות וביום של אחריו לחובה) מה"מ א"ר חנינא דאמר קרא (ישעיה א) מלאתי משפט צדק ילין בה ועתה מרצחים ורבא אמר מהכא (שם) אשרו חמוץ אשרי דיין שמחמץ את דינו ואידך אשרו המוץ ולא חומץ:

**ח א"ר** (אליעזר) [אלעזר א"ר יצחק] כל תענית שמלינין בה צדקה כאילו שופך דמים שנאמר (ישעיה א) צדק ילין בה ועתה מרצחים והני מילי

לדכריהם כאן וכאן ואחי לקלקולי במאי לא יתפשו ככל הלורך: אבל במיתה אחת. ועבירה אחת דנין אלא. כדמוכח קרא וישוב חרון אף וגו' כשבקב"ה רואה בכולם עסוקים בדבר ומקנאים לכבודו: צדק ילין בה. רגילים היו מתחלה להלין את הדין כדי לצדקו ועתה כשאין עושין כן הרי הן כמרצחים: שמחמץ את דינו. שמשהה אותו ומלינו כדי להוציאו לאמתו: ואידך. מיבעי ליה לכך דרבא דאמר בב"ק מנין שמחזקין להוציא מתחת הגזלן ההוציא את חבירו לדין שהלוהו ואינו מעלה וזה טוענו משכון היה לי בידך ונתקלקלה או אבדה מחזקין ב"ד תחלה להניעה ההוצא עד שיהא ממונו בידו ואח"כ מחזקין לדין המשכון: אשרו המוץ. החזיקו את הגזל ולא את הגזול:

כל תענית כו'. רגילים היו לחלק צדקה בלילי התעניות והיו עיני עניים נשואות לכך ואם ילינוהו נמצאו עניים רעבים שבטחו על כך: והני מילי. במקום שרגילין לחלק ריפתא ותמרי דבר מוכן לאכילה.

ענטפערט דיא גמרא אז גאט וועט זעהן אז אלע עלצטע פון פאלק בעשעפטיגען זיך צו שטראפין דיא מענטשין וואס האבען געדינט עבודה זרה וועט געשווינט געשטילט ווערן דער כעס פון גאט פון די יודין:

**ח דיני**. אז עס קומט פאר בית דין א דין תורה פון געלט זאל בית דין פסקנען דיא דין תורה דעם זעלביגען טאג. סיי ער געווינט דיא דין תורה סיי ער פארשפילט. אבער אז בית דין משפטין א מענטשין צו מען דארף איהם הרגנן אדער ניין. אויב זייא האבין אפ גיקלערט אז מען דארף איהם ניט הרגנן. זאלין זייא פסקנען דעם דין דעם זעלביגען טאג. אבער אז זיי האבין אפ גיקלערט אז מען דארף איהם הרגנן. זאלין זייא ווארטין מיט דעם פסקנען ביז מארגין. פון וואנען ווייסין מיר דאס. האט רבי חנינא גיזאגט ווארום עס שטייט אין פסוק איך בין פול גיוועזן מיט משפט. צדק ילין בה. דער דין פלעגט נעכטיגען ביז מארגין טאמער וועט מען איהם קענען גירעכט מאכין. ועתה מרצחים. אבער איצט אז מען טוהט ניט אזוי. נאר אפילו צום הרגנן פסקנן זייא אויך באלד דעם זעלביגען טאג. איז גלייך וויא זייא וואלטין גיהרגט אומשולדיגע מענטשין. רבא זאגט דאס ווייסין מיר פון דעם פסוק אשרו חמוץ. וואוהל צו דעם דיין וואס ער מאכט זויער דעם דין. דאס מיינט מען ער פסקנט היינט ניט דעם דין צום הרגנן. נאר ער ווארט ביז מארגין. טאמער וועט מען איהם ניט דארפין הרגנן. מען וועט געפינען אויף איהם א זכות, און פאר וואס זאגט ניט רבי חנינא פון דעם פסוק וואס רבא זאגט. ווארום רבי חנינא טייטשט אשרו חמוץ, שטארקט דעם גירויבטין אבער ניט דעם רויבער. בית דין דארפין זעהן אפ צו נעמען דיא גיגזלה'טע געלט פון דעם גזלן. און אוועק געבין צו דעם וואס מען האט ביי איהם גיגזלת:

**ט אמר**. רבי אלעזר האט גיזאגט פון רבי יצחקס וועגין דיא צדקה וואס דיא גבאים נעמען צו זאמען אין דעם טאג פון א תענית. און זייא צו טיילין ניט דיא צדקה באלד צו די ארעמע לייט. נאר זייא האלטין ביי זיך דיא צדקה ביז מארגין וועלין זייא צו טיילין. איז גלייך וויא זיי וואלטין גיהרגט מענטשין, ווארום דיא ארעמע לייט וואס האבין אגאנצין טאג גיפאסט און די האבין גיוואוסט אז פארין נאכט טיילט מען זייא צדקה האבין זייא זיך פארלאזט אויף דיא צדקה ביי נאכט. און אז דער גבאי האט אבער ניט גיטיילט דעם תענית פארין נאכט דיא צדקה. האבין דיא ארעמע לייט גיכוזט פאסטין אגאנצע נאכט. ווער וויים טאמער האט זיי דאס לענגערע פאסטין דער קירצט זייער לעבין. האט דאך דער גבאי זייא גיהרגת. ווארום עס שטייט אין פסוק צדק ילין בה ועתה מרצחים. אז דיא צדקה נעכטיגט ביי דעם גבאי. ער האט איר ניט צו טיילט פארין נאכט. זענען די גבאים רוצחים. דס איז נאר אז דיא צדקה איז פערטיגע עסין. למשל ברויט. טייטלען. האט זיך דער ארעם מאן דארויף פר לאזט אגאנצין טאג. און הט

מילי בריפתא ובתמרי אבל זוזי והיטי ושערי לית לן בה:

(דף לו) ט אמר רבה בריה דרבא ואיתימא רבי הלל בריה דרבי וולס מימות משה ועד רבי לא מצינו תורה וגדולה במקום אחד ולא והא הוה יהושע הוה אלעזר והא הוה פנחס הוו זקנים והא הוה שאול הוה שמואל והא נח נפשיה כולהו שניה קאמרינן והא הוה דוד הוה עירא היאירי והא נח נפשיה כולהו שניה קאמרינן והא הוה שלמה הוה שמעי בן גרא והא קטליה כולהו שניה קאמרינן והא הוה חזקיה הוה שבנא והא איקטיל כולהו שניה קאמרינן והא הוה עזרא הוה נחמיה בן חכליה אמר רב אדא בר אהבה אף אני אומר מימות רבי עד רב אשי לא מצינו תורה וגדולה במקום אחד ולא והא הוה הונא בר

אבל זוזי או היטי או שערי. לא כשעתו העניים עליהם אותו הלילה ולית לן בה עד למחר: במקום אחד. תורתן וגדולתן של ישראל באדם אחד שאין כמותו בכל ישראל בתורה ובגדולה כגון משה שהיה גדול על כל ישראל במלכות ובתורה וכן רבי בנשיאות ובתורה: הוה אלעזר. שהיה בתורה ולא הוי במקום אחד: והא הוה פנחס. משמתו יהושע ואלעזר: הוו זקנים. כגון עתניאל ואבצן ובועז: עירא היאירי. במו"ק אמרינן דהוה מתני להו לרבנן על גבי כרים וכסתות ודוד היה מכינו עליו לראש דכתיב עירא היאירי היה כהן לדוד: שמעי. גדול היה כדאשכחן שירד לקראת דוד בירדן באלף איש: שבנא. שהיה ישיבתו גדולה משל חזקיהו כדאמרינן בפרק זה בורר:

---

נים אן גיגרייט קיין אנדער עסין אויך נאך דעם תענית. אבער אז דיא צדקה איז געלט אדער ווייץ אונ גערשטין. אויף דעם האט זיך דער ארעם מאן ניט פר לאזט אויף ביי נאכט צו עסין; נאר ער האט אן גיגרייט אויף ביי נאכט וואס צו עסין. דריבער הארט מיך ניט אז מען וועט די געלט אדער די ווייץ מיט גערשטין מארגין צו טיילין:

ט אמר. רבה בריה דרבא האט גזאגט. אנדערע זאגין רבי הלל בריה דרבי וולס האט גזאגט: פון משה רבינו ביז רבי געפינען מיר ניט אמענטשין וואס ער זאל זיין דער גרעסטער חכם אין דער תורה מער פון אלע יודין. אונ ער זאל זיין דר רייכסטער פון אלע יודין. נאר משה רבינו איז גיוועזן דער גרעסטער אין דער תורה אונ אין רייכקייט. אונ רבי איז אויך גיוועזן אין זיין צייט דער גרעסטער אין דער תורה אונ דער גרעסטער אין רייכקייט. פרעגט די גמרא עס איז דאך גיוועזן יהושע. איז אבער גיוועזן אלעזר. איז דאך יהושע ניט גיוועזן דער גרעסטער. פרעגט דיא גמרא דער נאך וויא יהושע אונ אלעזר זענען גישטארבין איז דאך גיוועזן פנחס דער גרעסטער. זענען דאך גיוועזן די זקנים. עתניאל בן קנז אונ אבצן אונ בועז וואס זייא זענען גיוועזן גלייך צו פנחס. פרעגט דיא גמרא שאול המלך איז דאך גיוועזן. איז דאך גיוועזן שמואל הנביא. איז שאול ניט גיוועזן דער גרעסטער. פרעגט די גמרא שמואל איז דאך גישטארבין ווען שאול האט נאך גילעבט. איז דאך שאול שוין גיוועזן דער גרעסטער. ענטפערט דיא גמרא מיר מיינען ער זאל זיין דער גרעסטער אלע יארין זיינע. פרעגט דיא גמרא דוד המלך איז דאך גיוועזן. איז דאך גיוועזן עירא היאירי. דער רבי פון דוד. איז דוד ניט גיוועזן דער גרעסטער. פרעגט דיא גמרא עירא איז דאך גישטארבין ווען דוד האט נאך גילעבט. איז דאך שוין דוד גיוועזן דער גרעסטער. ענטפערט דיא גמרא מיר מיינען ער זאל זיין דער גרעסטער אלע יארין. פרעגט דיא גמרא שלמה המלך איז דאך גיוועזן. איז דאך גיוועזן שמעי בן גרא. איז שלמה ניט גיוועזן דער גרעסטער. פרעגט די גמרא שלמה האט דאך גיהרגת דעם שמעי. איז דאך שוין שלמה גיוועזן דער גרעסטער. ענטפערט דיא גמרא מיר מיינען ער זאל זיין דער גרעסטער אלע יארין זיינע. פרעגט די גמרא חזקיה המלך איז דאך גיוועזן. איז דאך גיוועזן שבנא. איז חזקיה ניט גיוועזן דער גרעסטער. פרעגט דיא גמרא שבנא איז דאך גיהרגת גיווארין. איז דאך שוין גיוועזן חזקיה דער גרעסטער. ענטפערט די גמרא מיר מיינען ער זאל זיין דער גרעסטער אלע יארין זיינע. פרעגט די גמרא עזרא איז דאך גיוועזן. איז דאך גיוועזן נחמיה בן חכליה. איז עזרא ניט גיוועזן דער גרעסטער. רב אדא בר אהבה זאגט איך וועל אויך זאגין פון רבי ביז רב אשי געפינען מיר ניט אמענטשין וואס ער זאל זיין דער גרעסטער חכם אין דער תורה

מער

בר נתן מיכף הוה כייף ליה לרב אשי :

**יא ופיסקא**) דיני נפשות מתחילין מן הצד מנה"מ א"ר אחא בר פפא אמר קרא (שמות כג) **לא** תענה על רב לא תענה על רב רבה בר בר חנה אמר ר' יוחנן מהכא (ש"א כה) ויאמר דוד לאנשיו חגרו איש חרבו ויחגרו איש חרבו ויחגור גם דוד את חרבו :

לא תענה על רב. כתיב בלא יו"ד ומשמע לא תענה על מופלא של בית דין הילכך לא מתחילין מיניה דלמא חזי ליה חובה ולא פלגינן עילויה ומתחילין מן הצד (שלא ישמע) ושמעו אחד דברי אחד מן המזכים ויסכים עמו : ויחגור גם דוד את חרבו . באחרונה נמנו עליו לדונו משום מורד במלכות :

ומכל מום . פגם משפחה : משום שכינה . הכי דכימי משה הוא דבעינן מיוחסין שיכו ב..יין

(סס ע"ב) **יב פיסקא**) ואין הכל כשרין לדון דיני נפשות מ"ט דתני רב יוסף כשם שב"ד מנוקין בצדק כך מנוקין מכל מום אמר אמימר מאי קראה (ש"ה ד) כלך יפה רעיתי ומום אין בך ודלמא מום ממש א"ר אחא בר יעקב אמר קרא (במדבר יא) והתיצבו שם עמך ברומין לך ודילמא התם משום

---

מער פון אלע יודין . און ער זאל זיין דער בייבסטער פון אלע יודין . נאר רב אשי איז געוועזן אי זיין צייט דער גרעסטער חכם פון אלע יודין אין דער תורה און דער רייכסטער פון אלע יודין : פרעגט דיא גמרא עס איז דאך געוועזן הונא בר נתן וואס ער איז געוועזן אגרויסער חכם און אגרויסער עושר . ענטפערט דיא גמרא הונא בר נתן איז געוועזן אונטער טעניג צוא רב אשי :

**יא** פיסקא . דיני . אז בית דין זיצען און קלערין אויף אמענטשין אויב מען דארף אים הרגנן . און מען פרעגט ביי יעדער דיין בזונדער וואס ער זאגט . פרעגט מען פריער ביי די דיינים וואס זיצען ביי דער זייט . צום לעצטין פרעגט מען דעם גרעסטין דיין . פון וואנען ווייסן מיר דאס . האט רב אחא בר פפא גזאגט עס שטייט אין פסוק לא תענה על רב . לייענען מיר רב . דוא זאלסט ניט ענטפערין . דוא זאלסט ניט קריגען אויף דעם גרעסטין דיין . און אז מען וועט צו ערשט פרעגין דעם גרעסטין דיין . טאמער וועט ער זאגין . מען דארף דעם מענטשין הרגנן . וועט שוין קיינער נישט טארין זאגין אנדערש . דריבער פרעגט מען פריער דיא קלענערע דיינים און זיי קלערין איינער מיט דעם אנדערין . און דער גרעסטער דיין הערט דער וויל דיא דעות (מיינונגען) פון אלע דיינים . דער נאך זאגט ער זיין דעה און מען פסקנת דעם דין . רבה בר בר חנה זאגט פון רבי יוחנן וועגין פון דעם פסוק . דוד האט גזאגט צו זיינע מענטשין יעדער פון אייך זאל אן גורטין זיין שווערד . האט יעדער אן גיגורט זיין שווערד . דער נאך האט דוד אן גיגורט זיין שווערד . דער פסוק מיינט אונז צו זאגין אז דוד הט גיקלערט מיט זיינע מענטשין אויב נבל הייסט אמורד במלכות . ווארום דוד איז דאך שוין געוועזן גיזאלבט פר אמלך . און אז נבל האט אים ניט גיפאלגט . מעג אים דוד הרגנן . אדער ניין ווייל שאול לעבט נאך און ער איז אמלך . איז נאך דוד ניט קיין מלך . טאר מען ניט הרגנן דעם נבל . פריער האבען די מענטשין פון דוד גזאגט יעדער זיין מיינונג . דער לעצטער איז געוועזן דוד צוא זאגין זיין מיינונג . זעהן מיר אז דעם גרעסטינס דעה איז די לעצטע :

**יב** פיסקא . ואין . ניט אלע דיינים זענען כשר צו משפטין אמענטשין צום הרגנן אים . פאר וואס . ווארום רב יוסף הט גילערנט אזוי וויא בית דין דארפין זיין ריין מיט גירעכטיגקייט . אזוי דארפין זייא זיין ריין פון אלע פעלערס . דאס מיינט מען אין זייער משפחה זאל ניט זיין קיין פעלר . זייא זאלין זיין מיוחסים . אמימר זאגט דאס ווייסען מיר פון דעם פסוק דוא ביסט אין גאנצין שיין אין דיר איז ניטא קיין פעלער . פרעגט דיא גמרא טאמער מיינט מען אין דעם דיין זאל ניט זיין אפעלער . זיין גוף זאל זיין גאנץ . אבער מען דארף ניט קיין יחוס . רב אחא בר יעקב זאגט דאס ווייסען מיר פון דעם פסוק גאט הט גזאגט צו משה דיא זקנים זאלין דארטין שטיין מיט דיר . מיט דיר מיינט מען זייא זאלין זיין גלייך צו דיר . אזוי וויא דו ביסט אמיוחס . זאלין זיי אויך זיין מיוחסים . פרעגט די גמרא דיא זקנים פון משה האבען יא גידארפט

זיין

משום שכינה אלא אמר רב נחמן בר יצחק אמר קרא (שמות יח) ונשאו אתך בדומין לך ליהוי: (דף לז) (ש"ס ז) יג ערך אגן הסהר אל יחסר המזג וגו' שררך זו סנהדרין למה נקרא שמה שררך שהיא יושבת בטבורו של עולם אגן שהיא מגינה על כל העולם כלו הסהר שהיא דומה לסהר אל יחסר המזג שאם הוצרך אחד מהם לצאת רואים אם יש כ"ג כנגד סנהדרי קטנה יוצא ואם לאו אינו יוצא. (שם) בטנך ערמת חטים מה ערמת חטים הכל נהנין ממנה אף סנהדרין הכל נהנין מטעמיהן סוגה בשושנים שאפי' בסוגה של שושנים לא יפרצו בהם פרצות והיינו דא"ל ההוא מינא לרב כהנא אמריתו נדה שרי ליחודי בהדי גברא אפשר אש בנעורת ואינה מהבהבת א"ל התורה העידה עלינו סוגה

פירוש

שתשרה שכינה עליהן: שכינה. דכתיב והאלהים מן הנזה]: ונשאו אתך. בסנהדרין שהלך לו יתרו לשפוט את העם דאין כאן משום שכינה (כתיב) ודכתיב והקל מעליך ונשאו אתך ולא מוכחא אתך במתא כעס יליף דכוות הע' זקנים שהלכו עמו לאהל מועד כתיב ומשום שכינה:

סהר. עגול הוא: בטבורו של עולם. שבהמ"ק באמצעו של עולם: דומה לסהר. בעגולה: אל יחסר המזג. לא יחסרו מחלק השלישי שהוא כדי הראוי למזוג: מזג'. ב' חלקי מים ואחד יין: ערבים ושלמה. שלום של שבעים: ולא. לעסקיו הון ללכת: סייג. היא גדר: סוגה בשושנים. גדורה בשושנים כלומר בהזהרה קלה ובהבדלה מועטת הם נפרשין מן העבירה ואין צריך גדר אבנים להפסיק שאפילו אין רחוקים מן העבירה אלא גדר שושנים מפסיק ביניהם לא יפרצו בה פרצות הגדר מהבהבת. ואוחזת ודולקת כמו בקפלה ולא כבהבה

זיין מיוחסים. ווייל די שכינה הט גידארפט רוהען אויף זיי. אבער אנדערע דיינים פון וואנען ווייסען מיר אז זייא דארפין זיין מיוחסים. דאט רב נחמן בר יצחק וזאגט דאס ווייסען מיר פון דעם פסוק יתרו האט געזאגט צו משה דוא זאלסט נעמען דיינים זייא זאלין טראגין דיים פאקק מיט דיר. מיט דיר מיינט מען זייא זאלין זיין גלייך צו דיר. אזעלכע מיוחסים ווי דו ביסט. זעהן מיר אז דיינים דארפין זיין מיוחסים:

יג שררך אגן הסהר אל יחסר המזג. שררך מיינט מען דיא סנהדרין. פאר וואס רופט מען דיא סנהדרין שררך. ווייל דיא סנהדרין זענען געזעסין אין מיטען פון דער וועלט. אזוי ווי דער נאפיל וואס ער איז דער מיטען פון דעם מענטשין [שרר איז דער טייטש אנאפיל]. אגן איז דער טייטש בשיצונג. דיא סנהדרין האבען בשיצט אויף דער גאנצער וועלט. הסהר איז דער טייטש דיא לבנה. זייא זענען געזעסין האלב קיילעכדיג וויא א האלבע לבנה. אל יחסר המזג: וויין [אין ארץ ישראל] אז מען שטערט אים מיט וואסער. ווערט ער גירופען מזג. דארף זיין איין דריטעל וויין און צוויי דריטעל וואסער. דער עיקר איז דער דריטעל וויין. אזוי ביי דיא גרויסע סנהדרין איז אויך גיוועזען דריי מאהל דריי און צוואנציג דיינים. נאר איין מאהל דריי און צוואנציג איז גיוועזען דער עיקר. דריבער האט מען גידארפט זעהן: אז ווייניגער וויא דריי און צוואנציג דיינים זאל קיין מאהל ניט זיין. דאס מיינט מען דער מזג זאל ניט פעלין. אז איין דיין האט גידארפט אוועק גיין: זעהט מען אויב אן אים זענען אויך דא דריי און צוואנציג דיינים. אזוי וויא דיא קליינע סנהדרין זענין. הט ער גימעגט אוועק גיין: און אויב אן אים איז ניט געבליבען דריי און צוואנציג דיינים. האט ער ניט גיטארט אוועק גיין. בטנך ערמת חטים: דיין בויך איז וויא א באראג ווייץ: אזוי וויא בארג ווייץ האבען אלע מענטשין הנאה פון אים. אזו דיא סנהדרין האבען אלע מענטשין הנאה פון זייא וזייא מאבען שלום צווישען דיא מענטשין וואס האבען אקריג. און זייא הרגנן דיא רוצחים [. סוגה בשושנים. זיא איז פאר צאמט מיט רויזין. אפילו זי וואלט גיוועזען פאר צאמט מיט אנגרינגען צאם. נאר מיט רויזין. וואלטין זייא אים אויך ניט צוא בראכען. דיא יודין זענען אזוי גישיידט פון אעבירה: מיט אגרינגען פאר זאג. אז מען זאגט נאר צו איודין ער זאל דיא זאך ניט טאהן. טוהט ער שוין ניט. אפילו צווישען אים און דיא עבירה וואלט נאר גיזיין אוואנט פון רויזין. וואלט ער זיא אויך ניט צו בראכען. און ער וואלט אוועק גיין פון דיא עבירה. דאס איז וואס אאפיקורוס האט אמאהל גזאגט צו רב כהנא איר זאגט אז א נדה מעג זיין אליין אין אשטוב מיט איר מאן: וויא אזוי איז דאס מעגלאך פייער זאל זיין אין פלאקס און עס זאל ניט ברענען. וויא אזוי קען דאס זיין דיא האוה זאל ניט ברענען אין

דעם

סוגה בשושנים שאפי' סונה בשושנים לא יפרצו בהן פרצות ר"ל אמר מהכא (ש"ה ז) כפלח הרמון רקתך אפילו ריקנין שבך מלאים מצות כרמון רבי זירא אמר מהכא (בראשית כז) וירח את ריח בגדיו אל תקרי בגדיו אלא בוגדיו (דאפילו בוגדים שבהם יש בהם ריח) הנהו בריוני דהוין בשבבותיה דרבי זירא דהוה מקרב להו כי היכי דניהדרו בתשובה והוו קפדי רבנן כי נח נפשיה דר' זירא אמרו עד האידנא הוה קטינא חריך שקי דהוה בעי עלן רחמי השתא מאן בעי עלן רחמי הרהרו בלביהו ועבדו תשובה:

יד **משנה** כיצד מאיימין את העדים על עדי נפשות היו מכניסים אותם ומאיימין עליהם שמא תאמרו מאומד ומשמועה עד מפי עד ומפי אדם נאמן שמא אי אתם יודעים שסופנו לבדוק אתכם בדרישה ובחקירה הוו יודעין שלא כדיני ממונות דיני נפשות דיני ממונות אדם נותן ממון ומתכפר לו דיני נפשות דמו ודם זרעותיו הלוין בו עד סוף העולם

וגלע"ז פלמי"ד: בריוני. פריצים לשון בוריס: רבי זירא. גולא הוה ונתרכו שוקיו ע"י מעשה דבדיק נפשיה בהוגא בגירא בהכובר את הסועלים וקרי ליה קטינא חריך שקי: מאיימין. שלא יעידו עדות שקר: מאומד. בגמ' מפרש: דיני ממונות. אם העיד שקר

דעם מענטשין ער זאל בעסער זיין דיא וויבר זיינע אפילו זיא איז א נדה. האט רב כהנא געזאגט צום אפקורוס דיא תורה האט עדות געזאגט אויף אונז סוגה בשושנים. אפילו מיר זענין נאר פאר צאכט מיט אדינעם און אגרינגען צאם וויא מיט רויזין: פון דערכטווען ווערין מיר ניט אויף ברעכין דעם צאם צו טאהן א עבירה: ריש לקיש זאגט פון דעם פסוק כפלח הרמון רקתך. אזו וויא א שטיק מילגרוים זענין דיינע ליידיגע. אפילו דיא ליידיגע יודין ודיא פראכטע יודין זענין אויך פול מיט מצות אזוי וויא א מילגרוים איז פול מיט קערנער. רבי זירא זאגט פון דעם פסוק וירח את ריח בגדיו. זאלסט ניט לייענען בגדיו. זיינע קליידער. נאר זאלסט לייענען בוגדיו. זיינע פעלשערם. ער האט גישמעקט דעם ריח פון דיא פאלשע מענטשין. אפילו דיא פאלשע יודין שמעקט אויך פון זייא תורה און מצות. שלעכטע מענטשין האבען אמאהל גיוואוהנט אין דיא גאס וואו רבי זירא האט גיוואוהנט. פלעגט רבי זירא אלע מאהל שמועסין מיט זייא. און האט זייא נאנט גימאכט צו זיך: און פלעגט זייא זאגין מוסר. זייא זאלין טאהן תשובה. זענען דיא רבנן אין כעס גיוועזן אויף רבי זירא פאר וואס ער שמועסט מיט די רשעים. וויא רבי זירא איז גישטארבין האבען דיא שלעכטע מענטשין גזאגט ביז איצט איז גיוועזן דער קליינער מיט דיא אפ געבריטע פיס פלעגט ער בעטין צו גאט פון אונזערט וועגין. איצט אז ער איז גישטארבן ווער וועט בעטין פון אונזערט וועגין. האבין זיי גיטראכט אין הארצין זיי זאלין אוועק ווארפין זייערע שלעכטע מעשים און האבען גיטאהן תשובה:

יד משנה. כיצד: וויא אזוי האט בית דין גימאכט א מורא אויף דיא עדות וואס זאגין אויף א מענטשין מען זאל אים הרגנן. זייא זאלין ניט זאגין פאלשע עדות. מען האט ארויין גיברייננט דיא עדות צו בית דין. און מען האט גימאכט א מורא אויף זייא. טאמער זאגט איר ווייל עס דאכט זיך אייך עס איז אזוי. אדער איר האט גיהערט פון א מענטשין אזוי. און איר גידיינקט ניט פון וועמען. אדער איר האט גיהערט אנדערע עדות האבען אזוי גזאגט פאר איין א נדער בית דין. זענט איר אויך גיקומען עדות זאגין פאר אונז. אדער איר טראכט מיר מעגין קומען עדות זאגין ווייל מיר האבען אזוי גיהערט פון א בגלויבטין מענטש וום מיר ווייסן ער וועט ניט זאגין קיין ליגען. אדער ווייל איר הט ניט גיוואוסט אז מיר וועלין אייך אזו פארשטין. דריבער זענט איר גיקומען זאגין אפילו אזוי אזאך וואס איר ווייסט ניט גענויים. דריבער זאגין מיר אייך איר זאלט וויסען אז דער משפט פון געלט זאכען איז ניט אזוי וויא דער משפט פון א מענטשין הרגנן. אז מען זאגט פאלש עדות אויף געלט זאכען און דיא עדות האבין איינעם גיטאהן א שאדין געלט. קענען דיא עדות תשובה טאהן. זייא געבין יענעם אוועק דם געלט וואס זייא האבען אים שאדין גיטאהן. וועט זייא פר געבין ווערין דיא עבירה. אבער אז

העולם שכן מצינו בקין שהרג את אחיו שנאמר (בראשית ד) קול דמי אחיך צועקים אינו אומר דם אחיך אלא דמי אחיך דמו ודם זרעותיו ד"א דמי אחיך שהיה דמו מושלך על העצים ועל האבנים לפיכך נברא אדם יחידי ללמדך שכל המאבד נפש אחת מישראל מעלה עליו הכתוב כאלו איבד עולם מלא וכל המקיים נפש אחת מישראל מעלה עליו הכתוב כאילו קיים עולם מלא ומפני שלום הבריות שלא יאמר אדם לחבירו אבא גדול מאביך ושלא יהיו המינים אומרים הרבה רשויות בשמים ולהגיד גדולתו של הקב"ה שאדם טובע כמה מטבעות בחותם אחד כולן דומין זה לזה ומלך מלכי המלכים הקב"ה טבע כל אדם בחותמו של אדם הראשון ואין אחד מהם דומה לחבירו לפיכך כל אחד ואחד חייב לומר בשבילי נברא העולם ושמא תאמרו

כה

פירוש: מתן ממון לזה שנפסד על ידו ומתכפר: לפיכך נברא אדם יחידי. כל זה אומרים להם לפיכך נברא אדם יחידי להראותך כמאדם אחד נברא מלואו כל עולם: הרבה רשויות בשמים. וכל אחד ברא את שלו: ולהגיד גדולתו. ועוד לכך נברא יחידי להראות לדורות הבאים גדולתו של הקב"ה שבהו הם כראשון כל הדורות טבועות שלא היה תחלה אלא חותם אחד: חותם. היינו אותו ברזל שצורה חקוקה בו: טובע כמה מטבעות בחותם אחד. כל (המעות) [המטבעות] שאדם טובע ע"י ברזל אחד כולן דומין: בשבילי נברא העולם. כלומר חשוב אני כעולם מלא אל אאבד את עצמי מן העולם

מען זאגט פאר'ש עדות צו הרגנן אמענטש. זיין בלוט אונ דיא בלוט פון זיינע קינדער וואס ווען ער וואלט האבען אז ער וואלט גילעבט. אונ דיא קינדער וואלטין ווייטער האבען קינדער ביז צום סוף וועלט. דאס איינגט אלץ אויף דיא פאלשע עדות. וויא הרגנן ניט נאר איין מענטש. נאר טויזענדער מענטשין מיט איין מאהל. אזוי געפינען מיר ביי קין. ער האט נאר גיהרגט איין מענטש. זיין ברודער. שטייט ביי אים דער קול פון דיא בלוטין פון דיין ברודער שרייען. גאט האט ניט גזאגט דיא בלוט פון דיין ברודער. נאר דיא בלוטין פון דיין ברודער. פיל בלוטין. זיין בלוט אונ דיא בלוט פון דיא קינדער וואס ער וואלט האבען. דבר אחר נאך אזוי קען מען זאגין. פאר וואס שטייט אין פסוק דיא בלוטין פון דיין ברודער. פיל בלוט. ווייל זיין בלוט איז פר גאסין גיווארין אויף עטליכע ארטער. אויף העלצער אויף שטיינער (פון דבר אחר ונאך אזוי קען מען זאגין ביז לפיכך ודריבער). זאגין ניט בית דין צו דיא עדות. נאר ווייל דיא משנה שמועסט פון דעם פסוק דמי אחיך ודיא בלוטין פון דיין ברודער) זאגט דיא משנה נאך אפשט אויף דעם פסוק אויסער דעם פשט וואס בית דין זאגין פר דיא עדות. אונ פון לפיכך (דריבער) אונ ווייטער זאגין בית דין צו דיא עדות. לפיכך. דריבער איז דער מענטש "אדם הראשון" בשאפען גיווארין איינער. צו לערנען אונז. דער וואס פאר ליהרט איין מענטש פון דער וועלט. רעכנט אויף אים דער פסוק גלייך וויא ער וואלט פארלארין א גאנצע וועלט. אונ דער וואס מאכט לעבעדיג איין מענטש. למשל א מענטש האט זיך גיטרונקן אין א טייך. אדער ער איז גיוועזן אין איין אנדער סכנה. אונ מען האט אים גיראטעוועט אונ דער האלטין ביי זיין לעבין. רעכנט אויף אים דער פסוק גלייך וויא ער וואלט דער האלטען ביים לעבין א גאנצע וועלט. ומפני שלום הבריות אונ דריבער איז אדם הראשון בשאפען גיווארין איינער. עס זאל זיין שלום צווישען מענטשין. א מענטש זאל ניט זאגן צו זיין חבר מיין פאטער איז אגרעסערער יחסן פון דיין פאטער. נאר מיר אלע זענען גיבארין פון איין פאטער. פון אדם הראשון. אונ נאך אטעם פאר וואס אדם הראשון איז בשאפען גיווארין איינער. דיא אפיקורסים זאלין ניט זאגין פיל געטער זענען דא אין הימעל. יעדער גאט האט בשאפען איין אנדער מענטש. אונ נאך אטעם פאר וואס אדם הראשון איז בשאפען גיווארין איינער. צו זאגין דיא גרויסקייט פון גאט. אז א מענטש מאכט פיל מטבעות אין איין פארעם. מוזין אלע מטבעות האבען איין צורה אונ מוזין זיין גלייך איינע צו די אנדערע. אונ גאט האט בשאפען אלע מענטשין פון אדם הראשון ווארום אלע מענטשין זענען גיבארין גיווארין פון אדם הראשון. אונ איין מענטש איז ניט גלייך צום אנדערין. דריבער דארף יעדער מענטש זאגין פון מיינעט וועגין איז דיא וועלט בשאפען גיווארין. ווייל איך בין איינער אויף דער

וועלט

(שם ע"ג) מה לנו ולצרה זו והלא כבר נאמר (ויקרא ה) והוא עד או ראה או ידע אם לוא יגיד וגו' ושמא תאמרו מה לנו לחוב בדמו של זה והלא כבר נאמר (משלי יא) באבוד רשעים רנה: **גמ'** ת"ר כיצד מאומד אומר להם שמא כך ראיתם שרץ אחר חבירו לחורבה ורצתם אחריו וכצאתם סייף בידו ודמו מטפטף והרוג מפרפר אם כך ראיתם לא ראיתם כלום:

בעבירה אחת ויעשך סימנה: מה לי ולצרה הזאת. לסנהדרין לאמר בצרה כזאת אפילו על האמת: הלא כבר נאמר והוא עד. עליכם (כתיב) [תוספ] חובה ונשיאות עון אם לא תעידו מה שראיתם: ושמא תאמרו מה לנו לחוב. להיות מתחייבים בדמו של זה נוח לנו לעמוד באם לא יגיד: הלא כבר נאמר באבוד רשעים רנה. אם רשע הוא אין כאן עונש: או אני או אתה. שמעון בן שטח קאמר ליה הכי:

**טו תניא** אמר שמעון בן שטח אראה בנחמה אם לא ראיתי אחד שרץ אחר חבירו לחורבה ורצתי אחריו וראיתי סייף בידו ודמו מטפטף והרוג מפרפר ואמרתי לו רשע מי הרג לזה או אני או אתה אבל מה אעשה שאין דמך מסור בידי שהרי אמרה תורה (דברים יז) על פי שנים עדים יומת המת היודע

מחשבות

---

וועלט מיט מיין צורה. נאך איינער ריכטיג מיט אזוי אצורה וויא איך האב. איז ניטא. אונ ווייל דיא וועלט איז בעשאפען געווארען נאר פון זיינעט וועגין דארף ער זעהן ער זאל ניט זינדיגען. אונ ער זאל ניט פאר לידען זיך מיט אלע קינדער וואס קענען פון אים געבארין ווערין ביז סוף וועלט (פון ומפני שלום הבריות ביז ושמא תאמרו. זאגין ניט בית דין צו דיא עדות. נאר ווייל דיא משנה שמועסט פאר וואס אדם הראשון איז בעשאפען געווארין איינער. זאגט די משנה נאך טעמים אויף דער זאך. אויסער דעם טעם וואס בית דין זאגין צו דיא עדות. אונ פון ושמא תאמרו ביז באבוד רשעים רנה זאגין ווייטער בית דין צו דיא עדות). ושמא תאמרו. טאמער וועט איר זאגין צו וואס טויג אונז דיא צרה. אפילו מיר ווייסען עס איז אמת. צו וואס זאלין מיר אויף אונז נעמען דעם זארג פון דעם מוסר: טאמער האבען מיר אין איין זאך אטעות. עס שטייט שוין אבער לאנג אין דיא תורה אז ער איז אעדות. ער האט געזעהן דיא זאך. אדער ער חיים פון דיא זאך. אויב ער וועט ניט זאגין. וועט ער געשטראפט ווערין: דריבער אויב איר ווייסט אמת עדות צו זאגין. מוזט איר זאגין. טאמער וועט איר זאגין צו וואס זאלין מיר אונז פאר שולדיגען אין זיין בלוט: צוא וואס זאל דורך אונז גיהרגת ווערין אמענטש. מיר וויסען בעסער האבען דיא עבירה אם לא יגיד איידער אמענטש זאל גיהרגת ווערין דורך אונז. עס שטייט שוין לאנג אין פסוק באבוד רשעים רנה: אז ארשע ווערט פאר לארין פון די וועלט דארף מען זינגען. דריבער אויב איר ווייסט אז דער מענטש איז ארשע. וועט איר נאך האבען אמצוה וואס ער וועט גיהרגת ווערין דורך אייך. זאגט דיא גמרא דיא רבנן האבען גילערונט וויא אזוי קען זיך דיא עדות דאכטין. בית דין זאגין צו דיא עדות טאמער האט איר אזוי גיזעהן. איינער האט געיאגט זיין חבר אונ זיא זענען ביידע אריין גילאפען אין אפוסטע שטוב. זענט איר גילאפען נאך זיי. האט איר געטראפען דער איינער שטייט אונ האלט אשווערד אין האנט אונ דיא בלוט רינט פון שווערד אונ דער גיהרגתר צאפילט זיך. רעכינט איר געווים האט דער מענטש אים גיהרגת. אויב איר האט נאר אזוי גיזעהן. הט איר נאר ניט גיזעהן:

**טו** תניא. מיר האבען גילערונט שמעון בן שטח האט גזאגט איך זאל אזוי זוכה זיין צו זעהן אטרייסטונג וויא איך האב גיזעהן איינער האט געיאגט זיין חבר. אונ זיא זענין ביידע אריין גילאפען אין אפוסטע שטוב. בין איך גילאפען נאך זייא. אונ איך האב גיזעהן דער איינער שטייט אונ האלט אשווערד אין האנט אונ דיא בלוט רינט פון שווערד אונ דער גיהרגתר צאפילט זיך. האב איך גזאגט צו אים רשע ווער האט גיהרגת דעם מענטש. איך אדער דו. געווים דו. אבער וואס זאל איך טאהן דיין בלוט איז ניט איבער גיגעבין אין מיין האנט. איך טאר דיך ניט הרגנן. ווארום דיא תורה הט גזאגט דורך צוויי עדות זאל גיהרגת ווערין דער וואס מען דארף אים הרגנן. אונ איך בין נאר איין עדות. דער וואס וויים אלע

טראכטונג

דין ד' מיתות. פורענות בידי שמים הדומה למיתה שהוא מחוייב בה: נחש מכישו. דקלי ליה אזהרה לרש של נחש שורפו: נופל מן הגג. דומיא דסקילה כדתנן לקמן בית הסקילה היה גבוה שתי קומות וקומה שלו הרי כאן שלש: ליסטין באין עליו. שדרכן נהרוג בסייף: חטא אחריתי הוא ביה. שהיה מחויב שרפה שהיא המורה דהיינו רולח בסייף הוא ומיתה בסייף קלה כדאמרינן בפרק ד' מיתות: פצעים. מכה הרב קרי פצעים: חבורות חבורות.

מהשבות יפ"ע מאותו הא"ש שהרג את חבירו אמרו לא זזו משם עד שבא נחש והכישו ומת והאי בר נחש הוא והאמר רב יוסף וכן תני דבי חזקיה מיום שחרב בהמ"ק אע"פ שבטלה סנהדרין ד' מיתות לא בטלו לא בטלו והא בטלו אלא דין ד' מיתות לא בטלו מי שנתחייב סקילה או נופל מן הגג או חיה דורסתו מי שנתחייב שרפה או נופל בדליקה או נחש מכישו מי שנתחייב הריגה לסטים באים עליו מי שנתחייב חנק או טובע בנהר או מת בסרונכי אמרי ההוא חטא אחריתי הוה ביה דאמר מר מי שנתחייב שתי מיתות ב"ד נידון בחמורה:

**טז פיסקא** הוו יודעין וכו') אמר רב יהודה בריה דר' חייא מלמד שעשה קין בהבל אחיו חבורות חבורות פציעות פציעות שלא היה יודע מהיכן נשמה יוצאת עד שהגיע לצוארו: וא"ר יהודה בריה

---

טראכטונג. זאל ער שטראפין דעם מענטש וואס האט גיהרגת זיין חבר. מען זאגט רבי שמעון מיט דעם מענטש זענען ניט אוועק גיגאנגען פון דעם ארט ביז א שלאנג איז גיקומען אונ האט אים אביס גיטאהן אונ ער איז גישטארבין. פרעגט די גמרא האט דען דער מענטש גידארפט גיהרגת ווערין דורך א שלאנג. רב יוסף האט דאך גיזאגט אונ אזוי האט גילערנט דבי חזקיה פון דעם טאג וואס דער בית המקדש איז חרוב גיווארין אפילו די סנהדרין זענין בטל גיווארין. אבער די פיר ערליי מיתות וואס בית דין פלעגין הרגנן זענען ניט בטל גיווארין. פרעגט די גמרא זייא זענען ניט בטל גיווארין. זייא זענען דאך יא בטל גיווארין. בית דין האבין דאך שוין ניט גיהרגת. נאר אזוי זאג דער דין פון די פיר מיתות איז ניט בטל גיווארין. גאט שטראפט דעם מענטשין מיט דעם זעלביגען טויט וואס בית דין וואלטין אים גישטראפט. אז איינער האט גיטאהן אזוי אעבירה וואס בית דין וואלטין אים גיהרגת מיט שטיינער. שטראפט אים גאט אדער ער פאלט אראפ פון א דאך אונ ווערט גיהרגת. אדער א חיה הרגת אים. אונ דער וואס האט גיטאהן אזוי אעבירה וואס בית דין וואלטין אים פאר ברענט. שטראפט אים גאט אדער ער פאלט אריין אין א פייער אונ ווערט פאר ברענט. אדער א שלאנג בייסט אים. אונ דער גיפט פון שלאנג פאר ברענט אים אינווייניג. אונ דער וואס האט גיטאהן אזוי אעבירה וואס בית דין וואלטין אים הרגנן מיט א שווערד. שטראפט אים גאט אדער מען מאכט אויף אים א בלבול צום מלך. אונ מען הרגת אים מיט א שווערד. אדער גזלנים קומען אויף אים אונ הרגנן אים מיט א שווערד. אונ דער וואס האט גיטאהן אזוי אעבירה וואס בית דין וואלטין אים דער שטיקט. שטראפט אים גאט אדער ער ווערט דער טרונקען אין א טייך. אדער ער שטארבט דורך אזוי א קראנקייט וואס ער האט א מכה אין האלדז אונ ער ווערט דער שטיקט. איז דאך א קשיא פאר וואס איז דער מענטש פון שמעון בן שטח גישטארבין דורך א שלאנג. ער האט דאך גידארפט גיהרגת ווערין דורך א שווערד. ענפערט די גמרא דער מענטש האט גיטאהן נאך א עבירה וואס ער האט גידארפט פאר די עבירה פאר ברענט ווערין. אונ דער תנא האט גיזאגט דעם וואס קומט ביי בית דין צוויי ערליי מיתות. ווערט ער גישטראפט מיט די שווערערע מיתה. אונ פאר ברענען איז א שווערער טויט ווי הרגנן מיט א שווערד. דריבער איז דער מענטש אויך פאר ברענט גיווארין דורך דעם גיפט פון שלאנג:

**טז** פיסקא. הוו יודעין. רב יהודה דער זוהן פון רבי חייא הט גיזאגט דריבער שטייט ביי קין דמי די פיל בלוטין. ווייל ווען קין האט גיהרגת זיין ברודער הבל האט ער אים גימאכט ביילין אונ וואונדען וואס פון זייא איז ארויס גיגאנגען בלוט ווייל קין הט ניט גיוואוסט פון וועלכין ארט די נשמה גייט ארויס פון גוף. ביז ער האט אים גיעפינט דעם האלדז. נאך האט רב יהודה דער זוהן פון רבי חייא גיזאגט פון דעם טאג וואס די ערד הט גיעפינט

איר

בריה דרבי חייא מיום שפתחה הארץ את פיה וקבלתו לדמו של הבל שוב לא פתחה שנא' (ישעיה כד) מכנף הארץ זמירות שמענו צבי לצדיק מכנף הארץ ולא מפי הארץ איתיביה חזקיה אחיו (במדבר כז) ותפתח הארץ את פיה א"ל לרעה פתחה לטובה לא פתחה ואמר רב יהודה בריה דרבי חייא גלות מכפרת מחצה עון מעיקרא כתיב (בראשית ד) והייתי נע ונד ולבסוף כתיב וישב בארץ נוד:

יז **אמר** רב יהודה גלות מכפרת ג' דברים שנאמר (ירמיה כא) (כה אמר ה') היושב בעיר הזאת ימות בחרב וברעב ובדבר והיוצא (אל) [ונפל על] הכשדים והצרים עליכם וחיה] והיתה לו נפשו לשלל (והי) . ר' יוחנן אמר גלות מכפרת על הכל שנאמר (שם כב) כה אמר ה' כתבו את האיש הזה ערירי גבר לא יצלח בימיו כי לא יצלח מזרעו איש יושב על כסא דוד ומושל עוד ביהודה ובתר דגלה כתיב (דה"א ג) ובני יכניה אסיר (בנו) שאלתיאל בנו . אסיר שעיברתו אמו בבית האסורים שאלתיאל ששתלו

לכך נאמר דמי : מארץ נוד ולא כתיב נע שכיפרה לו גלותו דכתיב ויצא קין : שלשה דברים . חרב ורעב ודבר : לא יצלח . מוס הגלהו גבי יכניה מלך יהודה כתיב : של אלהו . להתיר לו גזירה שנשבע שלא יהיה לו בן והתירו לו פמליא של מעלה ושמעה כתיבה בכתובה

---

איר מויל אונ האט צו גינומען דיא בלוט פון הבל . האט זיא שוין מער ניט גיעפינט דיא מויל . אזוי וויא עס שטייט אין פסוק פון דעם פליגל פון דיא ערד האבען מיר גיהערט אגיזאנג צום צדיק וועט זיין דיא שיינקייט . פון דעם פליגל פון דיא ערד איז גיוועזען דער גיזאנג . אבער ניט פון דיא מויל פון דיא ערד . האט חזקיה דער ברודער פון רב יהודה גיפרעגט צו רב יהודה עס שטייט דאך אין פסוק ביי קרח דיא ערד האט גיעפינט איר מויל אונ האט אים איין גישלונגען . האט רב יהודה גזאגט צו חזקיה צום שלעכטין האט די ערד גיעפינט איר מויל . צו גוטין האט זיא ניט גיעפינט איר מויל . נאך האט רב יהודה דער זוהן פון רבי חייא גזאגט אז איינער האט גיטאהן אעבירה אונ ער איז פאר טריבען גיווארין פון זיין ארט . דאס איז מכפר אויף אים אהאלבע עבירה . וואריום ביי קין שטייט איך וועל זיין נע ונד ונד איז דער טייטש פר וואגילט . ער וועט זיין פאר וואגילט [פאר טריבען] פון זיין ארט . נע איז דער טייטש שאקלען . וואו ער איז גיגאנגען האט זיך דיא ערד גישאקילט דער נאך וויא ער איז פאר טריבען גיווארין פון זיין ארט . שטייט ער איז גיזעסען אין לאנד נוד . איז ער נאר גיוועזען נד אונ ניט נע . דיא ערד האט זיך שוין ניט גישאקילט אונטער אים :

יז **אמר** : רב יהודה האט גזאגט אז אמענטש ווערט פאר טריבען פון זיין ארט . איז דס מכפר אויף דריי שלעכטע גזרות וואס עס האט אויף דעם מענטשין גידארפט קומען פר זיינע עבירות . אזוי וויא עס שטייט אין פסוק אזוי האט גאט גזאגט דער וואס זיצט אין דיא שטאט וועט שטארבען דורך דעם שווערד אונ דורך הונגער אונ דורך פעסט ומגפה . אונ דער וואס וועט ארויס גיין פון שטאט אונ וועט צו פאלן צו די כשדים וואס בעלאגערין אויף איך . וועט ער בלייבען לעבין . אונ ער וועט רעטין זיין נשמה : רבי יוחנן זאגט דער מענטש וואס ווערט פאר טריבען פון זיין ארט . איז דאס מכפר אויף אלע עבירות . אזוי וויא עס שטייט אין פסוק אזוי האט גאט גזאגט איר זאלט פאר שרייבען דעם מענטשין ער זאל אייביג זיין אליין . ער זאל זיין אמענטש וואס ער זאל קיין מאהל ניט בגליקען . וואריום פון זיינע קינדער וועט קיינער ניט בגליקען ער זאל זיין אמלך אונ זאל זיצען אויף דעם שטוהל פון דוד אונ זאל גיוועלטיגען אין יהודה . אונ דער נאך וויא ער איז פאר טריבען גיווארין שטייט אין פסוק אונ דיא קינדער פון יכניה איז גיוועזען אסיר שאלתיאל זיין זוהן . אסיר האט מען אים גירופען ווייל דיא מוטער איז מיט אים מעוברת גיווארין בבית האסורים . אין גיפיינקעניס . שאלתיאל האט מען אים גירופען ששתלו אל . ווייל גאט האט אים איין גיפלאנצט ביי זיין מוטער אין בויך ניט וויא אלע קינדער ווערין

פרשה דכתבו את האיש הזה בספר ירמיה: היה. מיפיעון של ישראל: למקדש. של ישראל: ולאבן נגף. ממהר הגלות במגפת את הרגלים: ולצור מכשול. סלע מכשלה יהיה לשני בתי ישראל: בשבעים אותיות: בגימטריא: וישקוד. וימהר כמו כי שוקד אני ומתרגמינן מוחי: שהקדים. ומיהר גלות צדקיה שהיא אחרונה בעוד שגלות יכניה קיימת בעדיין לא מתו אותן שגלו לבבל עם יכניה שהיו חכמים

ששתלו אל שלא כדרך הנשתלין דבר אחר שאלתיאל שנשאל על אלתו אל. זרובבל שנזרע בבבל ומה שמו נחמיה בן חכליה שמו:

**יה יהודה** וחזקיה בני ר' חייא הוו יתבי בסעודתא כמיה דרבי ולא הוו קאמרי ולא מידי אמרי להו אגברו חמרא אדרדקי כי היכי דלימרו מלתא כיון דאיבסום פתחו ואמרו אין בן דוד בא עד שיכלו שתי בתי אבות מישראל אלו הן ראש גולה שבבבל ונשיא שבא"י שנאמר (ישעיה ח) והיה למקדש ולאבן נגף ולצור מכשול לשני בתי ישראל אמר להם בני קוצים אתם משילים לי בעיני א"ל ר' חייא רבי אל ירע בעיניך יין ניתן בשבעים [אותיות] וסוד ניתן בשבעים (איתיות) נכנס יין יצא סוד אמר רב חסדא אמר מר עוקבא ואמרי לה אמר רב הסדא דרש מרי בר מר מ"ד (דניאל ט) וישקוד ה' על הרעה ויביאה עלינו כי צדיק ה' אלהינו משום דצדיק ה' וישקוד ה' על הרעה ויביאה עלינו אלא צדקה עשה הקב"ה עם ישראל שהקדים גלוה צדקיה ועוד גלוה יכניה קיימת דכתיב בגלות

---

ווערין איין גיפלאנצט. אלע ווייבער קענען ניט מעוברת ווערין שטייענדיג. און זי איז מעוברת גיווארין שטייענדיג. אדער מען קען זאגין דריבער האט מען גירופען דעם זוהן שאלתיאל. ווייל גאט האט גיפרעגט אויף זיין שבועה מען זאל אים מתיר זיין. פריער האט גאט גישוואוירן אז יכניה זאל ניט האבען קיין קינד. דער נאך האט גאט גימאכט ער זאל יא האבען א קינד. און דיא מלאכים וואס זיי זענען אין הימעל האבען מתיר גיוועזן צו גאט דיא שבועה. זרובבל האט מען אים גירופען ווייל ער איז פאר זייט גיווארין אין בבל. זיין מוטער איז מיט אים מעוברת גיווארין אין בבל. און וויא איז גיוועזן זיין אמתר נאמען. נחמיה בן חכליה. זעהן מיר אז דער נאך וויא יכניה איז פאר טריבען גיווארין דאט אים גאט מוחל גיוועזן זיינע עבירות. און ער האט אים גיגעבען א זוהן:

**יה** יהודה און חזקיה דיא קינדער פון רבי חייא זענען גיזעסן ביי א סעודה פאר רבי: און זייא האבען גאר ניט גיזאגט קיין תורה ביי דער סעודה. האט רבי גיזאגט צוא זיינע בעדינערס איר זאלט געבין דיא קינדער (יהודה און חזקיה) נאך וויין צוא טרינקען. זייא זאלין פרייליך ווערין ווערין זייא עפעס זאגין: וויא זייא זענען גיווארין פרייליך און אביסור שכור אויך. האבען זייא אן גיהויבען צו זאגין משיח וועט אנדערש ניט קומען ביז די צוויי פאמיליעס וועלין פאר לענדט ווערין פון דיא יודין. דאס זענען דיא צוויי פאמיליעס. דער גרעסטער פון דיא פאר טריבענע יודין וואס זענען אין בבל (מען רופט אים ראש גולה. אדער רייש גלותא) און דער נשיא וואס אין ארץ ישראל. ווארום עס שטייט אין פסוק והיה למקדש ולאבן נגף ולצור מכשול לשני בתי ישראל. דער משיח וועט זיין א הייליגקייט צו יודין און א שטיין פון שטרויכלונג. און צוא א פעלזין פון שטרויכלונג וועט ער זיין. צו דיא צוויי הייזער פון יודין (דיא צוויא הייזער. דער ראש גולה פון בבל און דער נשיא פון ארץ ישראל וועלין גישטרויכעלט (פאר לענדט) ווערין דורך משיח. האט רבי גיזאגט צו יהודה און חזקיה מיינע קינדער איר ווארפט מיר דערנער אין דיא אויגען (ווארום רבי איז גיוועזן דער נשיא פון ארץ ישראל): האט רבי חייא גיזאגט צו רבי זאל דיך דיא רייד ניט פאר דריסען דער ווארט יין בטרעפט זיבעציג. און דער ווארט סוד בטרעפט אויך זיבעציג: אז וויין גייט אריין גייט ארויס דער סוד. רב הסדא האט גיזאגט פון מר עוקבאס וועגין. אנדערע זאגין רב חסדא האט גיזאגט מרי בר מר האט גידרשת. עס שטייט אין פסוק גאט האט גיאיילט אויף דיא שלעכץ און ער האט זיא גיבראכט אויף אונז ווארום גאט איז א צדיק: איז דאך א קשיא ווייל גאט איז א צדיק דריבער האט ער גיאיילט צו ברייגען אויף אונז דיא שלעכץ. נאר גאט האט גיטאהן

אצדקה

בגלות יכניה (מ"ב כד) החרש והמסגר אלף חרש כיון שפותחין הכל נעשו כחרשין מסגר כיון שסוגרין בהלכה שוב אין פותחין וכמה היו אלף עולא אמר שהקדים שתי שנים לונושנתם אמר רב ארא בר יעקב ש"מ מהרה דמרי עלמא תמני מאה וחמשין והרתין הוו :

יט ופיסקא לפיכך כו'] ת"ר אדם יחידי נברא מפני מה שלא יהיו המינים אומרים הרבה רשויות בשמים ד"א מפני הצדיקים ומפני הרשעים שלא יהיו צדיקים אומרים אנו בני צדיק ורשעים אומרים

בחורה ולמדוה לבני גולה כאהרונה : פותחין ההוצב : כחרשין . קרי ביה ההרש : כיון שסוגרין . דבר הלכה שנעלמה מכן . אין לנו פותחין אחריס : עולא אמר . לדקה של בקידה היינו שהקדים חרבן של מקדש ב' שנים לגמטריא דונושנתם דהיינו תמניא מאה והמבין ותרתין והם ל"א לכוף שמונה מאות והמשים שנכנסו לארץ דכתיב ויהי בשמונים שנה וארבע מאות שנה וגו' ויומי ביה ראשון ארבע מאות ועשר הרי שמונה מאות והשביע לא מהם ארבעים שנה שנשתהו במדבר הרי הי מאות והמשים ולאמלאת (היו ממהיגין) והיס ממהיגין עד ונושנתם היה מתקיים בהם כי אבד תאבדון מהר והשמד תשמדון דכתיב בסבות פרשתא: מהרה דמרי עלמא כו' . דהוא גימטריא דונושנתם וקרי ליה אבד תאבדון מהר והקדמה דהוי שנים לדקה היתה :

אנו בני צדיק . אבינו צדיק נברא לפיכך אנו צדיקים ואין אנו צריכין להתרחק מן העבירה כי לא נכשל

---

אצדקה מיט דיא יודין וואס ער האט פאר טריבען צדקיהו מיט דיא איבעריגע יודין אין בבל ׳ ווען דיא יודין וואס זענען פאר טריבען געווארין מיט יכניה האבען נאך געלעבט אין בבל . ווארום מיט יכניה זענען פאר טריבען געווארין אין בבל דיא גרעסטע לומדים פון יודין . אזוי וויא עס שטייט אין פסוק ביי דיא פאר טריבענע פון יכניה החרש והמסגר אלף . חרש האט מען זייא גירופען וייל אז זייא האבען געעפינט דיא מויל אונ האבען אן געהויבען צוא ריידין תורה זענען אלע שטיל געווארין אזוי וויא זייא וואלטין געוועזען טויב אונ שטום . מסגר האט מען זייא גירופען אז זייא האבען פאר שלאסען אדין . זייא האבען געזאגט אזוי איז דער דין . האט שוין קיינער ניט געעפינט דעם דין צו זאגין דער דין איז ניט אזוי . זייא זענען געוועזען טויזענד אונ אז נאט וואלט געווארט ביז דיא יודין פון יכניה וואלטין געשטארבען אין בבל . דער נאך וואלט ער גיבראכט צדקיהו מיט דיא יודין אין בבל . וועט וואלט געלערנט תורה מיט דיא יודין וואס זענען שפעטער פאר טריבען געווארין מיט צדקיהו . עולא זאגט דיא צדקה פון גאט איז געוועזען וואס ער האט פאר טריבען דיא יודין צוויי יאהר פאר ונושנתם . ווארום אין פסוק שטייט ונושנתם בארץ . אז איר וועט זיין אין לאנד אזוי פיל יאהר וויא דער ווארט ונושנתם בטרעפט (דאס איז אכט הונדערט צוויי אונ פופציג יאהר) אונ איר וועט דינען עבודה זרה . וועט איר געשווינד פאר לארין ווערין . אונ אז גאט וואלט געווארט ביז וויא פיל ונושנתם בטרעפט . וואלטין דיא יודין גימוזט פאר לענדט ווערין . דריבער האט זייא גאט פאר טריבען מיט צוויי יאהר פריער זייא זאלין ניט פאר לענדט ווערין . רב אחא בר יעקב זאגט פון דאנען זעהן מיר אז גאט זאגט געשווינד . דווערט דאס אכט הונדערט מיט צוויי אונ פופציג יאהר . ווארום גאט האט געזאגט זיי וועלין פאר לארין ווערין געשווינד . אונ דם האט גידארפט דויערין אזוי פיל יאהר וויא דער ווארט ונושנתם בטרעפט :

יט פיסקא. לפיכך . דיא רבנן האבען גילערנט דריבער איז אדם הראשון באשאפען געווארין איינער . דיא אפקורסים זאלין ניט זאגין אין הימעל איז דא פיל געטער . ווארום אז אין אנהייב וואלטין באשאפען געווארין עטליכע מענטשין מיט אמאהל . וואלטין דיא אפקורסים זאגין אין הימעל איז דא עטליכע געטער . יעדער גאט האט באשאפען איין מענטש . אנדערע זאגין דריבער איז אדם הראשון באשאפען געווארין איינער . פון וועגין דיא צדיקים אונ רשעים . ווארום אז אין אנהייב וואלטין באשאפען געווארין צוויא מענטשין . וואלט מען זאגין איינער איז געוועזען אצדיק זענען פון אים גיבארין געווארין צדיקים . דער אנדערער איז געוועזען ארשע זענען פון אים גיבארין געווארין רשעים . דיא צדיקים וועלין זאגין מיר זענען גיבארין געווארין פון דעם צדיק . דארפין מיר אונז ניט דער ווייטערין פון עבירות . ווארום מיר וועלין ניט גישטרויכלט ווערין אין אעבירה וייל פון אונזער גאטור מוזין מיר בלייבען צדיקים . אונ די רשעים וועלין זאגין מיר זענען גיבארין געווארין פון דעם רשע . דארפין מיר ניט מאהן תשובה אונ זעהן פרוב

צו

אומרים אנו בני רשע דבר אחר מפני המשפחות שלא יהיו משפחות מתגרות זו בזו ומה עכשיו שנברא יחידי מתגרות אם נבראו שנים עאכ"ו ד"א מפני הגזלנים ומפני החמסנים ומה עכשיו שנברא יחידי גוזלים וחומסים אם נבראו שנים עאכ"ו :

כ ופיסקא ולהגיד גדולתו וכו' . תנו רבנן ולהגיד גדולתו של מלך מלכי המלכים הקב"ה שאדם טובע כמה מטבעות בחותם אחד וכולן דומין זה לזה אבל הקב"ה טובע כל אדם בחותמו של אדם הראשון ואין אחד מהם דומה להברו שנאמר (איוב לח) תתהפך כחומר חותם ויתיצבו כמו לבוש ומפני מה אין פרצופין דומין זה לזה שלא יראה אדם דירה נאה ואשה נאה ויאמר שלי הוא שנאמר (שם) וימנע מרשעים אורם וזרוע רמה תשבר . תניא

היה

נכפל כה : אנו בני רשע . ואין אנו זקוקין בתשובה ולהצטדק כי לא יועיל : אם נבראו שנים . יאמרו זה לזה אבא גדול מאביך : הגזלנים והחמסנים . שיאמרו קרקע זה לבני אבינו הראשון היתה ולא לבני אביכם :

תתהפך כחומר חותם . לאחר מיתתו של אדם מתהפך חותם שלו לחומר ויתיצבו כמו לבוש בתחיית המתים ומלקרי לה חותם ש"מ בחותם הן טבועין : ויאמר שלי הוא . ואין אדם מכחישו הואיל ואין היכר ביניהן : וימנע מרשעים אורם . קלסתר פניו ומתוך כך שלא יהא קלסתר פנים דומה לכל חביריהם וזרוע רמה תשבר שאין יכול לומר שלי

---

צו זיין . ווארום עס וועט אונז ניט העלפין . וייל פון אונזער נאטור מוזין מיר שוין בלייבען רשעים . אנדערע זאגין דריבער איז אדם הראשון בשאפען געווארין איינער . עס זאל ניט זיין קיין קריג ביי דיא משפחות . ווארום מאדאך איצט אז דיא גאנצע וועלט איז גיבארין געווארין פון איין מענטש . קריגען זיך דיא משפחות . דיא משפחה זאגט איך בין מער יחסן פון דיר . אונ דיא משפחה זאגט איך בין מער יחסן פון דיר . אז עס וואלט אין אנהייב בשאפען געווארין צוויי מענטשין . וואלט געוויס גיוועזן קריג . דער וואלט זאגין מיין פאטער איז גיוועזן גרעסער פון דיין פאטער . אונ דער וואלט זאגין מיין פאטער איז גיוועזן גרעסער פון דיין פאטער . אנדערע זאגין דריבער איז אדם הראשון בשאפען געווארין איינער . דורך דיא גזלנים . מאדאך איצט אז דיא גאנצע וועלט איז גיבארין געווארין פון איין מענטש . גזלת מען אונ מען רויבט איינער פון אנדערין . אז עס וואלט אין אנהייב בשאפען געווארין צוויי מענטשין . וואלט געוויס גיגזלת איינער ביי דעם אנדערין . ווארום יעדער וואלט זאגין די פעלד האט גאט גיגעבין צוא מיין ערשטין פאטער :

כ פיסקא . ולהגיד גדולתו . דיא רבנן האבען גילערנט דריבער איז בשאפען געווארין אדם הראשון איינער צו זאגין דיא גרויסקייט פון גאט . אז א מענטש מאכט פיל מטבעות אין איין פארעם , מוזין אלע מטבעות האבען איין צורה . אונ מוזין זיין גלייך איינע צו די אנדערע , אונ גאט האט בשאפען אלע מענטשין פון אדם הראשון . ווארום אלע מענטשין זענען גיבארין געווארין פון אדם הראשון . אונ איין מענטש איז ניט גלייך צום אנדערין . אזוי ווי עס שטייט אין פסוק תתהפך כחומר חותם . אז דער מענטש שטארבט ווערט פון די חתימה זיינע אשטיק ליים . ויתיצבו כמו לבוש . אונ אז דיא מתים וועלין לעבעדיג ווערין וועט יעדער אויף שטיין אין דיא זעלביגע קליידער וואס ער איז גיוועזן אן גיקליידט ווען מען האט אים בגראבין . זאגט דיא גמרא אונ פאר וואס איז אין אמת ניט גלייך דיא פנימער פון אלע מענטשין איינער צום אנדערין . ווארום אז אלע מענטשין וועלין האבען איין פנים . אונ מען וועט ניט דער קענען צווישען איין מענטש אונ דעם אנדערין . וועט איינער זעהן ביי דעם אנדערין א שיינע וואהנונג אדער איין אנדער זאך . וועט ער זאגין דאס איז זיינע . אונ דער אנדערער וועט ניט קענען ברינגען עדות אז דאס איז זיינע . ווארום דיא עדות קענען אויך ניט וויסען צו וועמען די פעלד גיהער . וייל דיא ביידע מענטשין זעהן גלייך אוים . אדער עס וועט אים געפעלין זיין חבר'ס ווייב . וועט ער זאגין זיא איז זיינע . אונ זיא אליין וועט אויך ניט דער קענען ווער עס איז איר מאן . אזוי וויא עס שטייט אין פסוק וימנע מרשעים אורם . דורך דיא רשעים האט גאט פר מיטען דיא ליכטיגקייט פון פנים . עס זאל ניט זיין גלייך איין פנים צום אנדערין . דיא הויכע

האנט

היה ר' מאיר אומר בשלשה דברים אדם משתנה מחברו בקול במראה ובדעת. בקול ובמראה משום ערוה. ובדעת מפני הגזלנים והחמסנים:

**כא ת"ר** אדם נברא בערב שבת ומפני מה שלא יהו מינים אומרים שותף היה לו להקב"ה במעשה בראשית. ד"א שאם תזוח דעתו עליו אומרים לו יתוש קדמך במעשה בראשית. ד"א כדי שיכנס למצוה [מיד]. ד"א כדי שיכנס לסעודה מיד משל למלך בשר ודם שבנה פלטרין ושכללן והתקין סעודה ואח"כ הכנים אורחים שנא' (משלי ט) חכמות בנתה ביתה וגו' טבחה טבחה וגו' שלחה נערותיה תקרא וגו' חכמות בנתה זו מדתו של הקב"ה שברא את כל העולם כולו בחכמה. הצבה עמודיה שבעה אלו שבעת ימי בראשית. טבחה טבחה מסכה יינה אלו ימים ונהרות וכל צרכי עולם. אף ערבה שלחנה אלו אילנות ודשאים. שלחה נערותיה תקרא זה אדם וחוה

פירוש: הוא: משום ערוה. שלא יתחלף לאשה בנעלם לא ביום מפני המראה ובלילה מפני הקול: ובדעת מפני הגזלנין. אם יודע מה בלב חבירו יחפש [מלפניו] ויודע היכן ממונו:
שלא יאמרו המינים שותף היה אדם במעשה בראשית לפיכך קדמו לו כולם: למצוה. שבת: ניכנס לסעודה מיד. שימצא הכל מוכן ויאכל מאשר

---

האט דיא שטארקע פון דעם רשע זאל צו בראכען ווערין. ער זאל ניט קענען גזלנן. מיר האבן געלערנט רבי מאיר זאגט מיט דריי זאכען איז גיענדערט איין מענטש פון אנדערין: מיט דער שטימע זיינע: מיט דעם אויס זעהן. אונ מיט דעם שכל. מיט דער שטימע אונ מיט דעם אויס זעהן איז מען גיענדערט גיווארין דורך זנות: ווארום אז אלע מענטשין ווערין האבען איין שטימע אונ ווערין גלייך אויס זעהן. וועט אמאן ניט דער קענען זיין ווייב. אונ א ווייב וועט ניט דער קענען איר מאן. ווערין אלע מונה זיין. אונ אין שכל איז מען גיענדערט גיווארין. דורך די גזלנים אונ די רויבערם. ווארום אז אלע וואלטין האבען איין שכל. וואלט אלע מענטשין גיפעלין איין זאך. למשל איינעם וואלט גיפעלין דיא אשה. וואלט אלעמען גיפעלין דיא אשה. וואלט מען זיך קריגען אונ איינער וואלט זיא אוועק גינומען פון אנדערין: אבער אז דער שכל פון דעם מענטש איז ניט גלייך צו דעם שכל פון דעם מענטש. איינעם גיפעלט די אשה. דעם אנדערין גיפעלט זי ניט. אים גיפעלט גאר אין אנדערע אשה. דער נעמט די אונ דער נעמט דיא. אונ אזוי איז ביי אלע זאכען:

**כא** תנו רבנן. די רבנן האבען גילערנט אדם הראשון איז בשאפען גיווארין ערב שבת: פאר וואס איז אדם ניט בשאפען גיווארין באלד דעם ערשטין טאג. דיא אפקורסים זאלין ניט זאגין גאט הט גיהאט אשותף צו אלע זאכען וואס ער האט בשאפען. דריבער איז אלץ בשאפען גיווארין פריער איידער דער מענטש איז בשאפען גיווארין. אדער מען קען זאגין דריבער איז אדם בשאפען גיווארין צום לעצטין. אויב ער וועט ביי זיך גרויס ווערין. וועט מען אים זאגין אפליג איז פריער בשאפען גיווארין אין דיא ערשטע זעקס טעג וויא דוא. אדער דריבער איז אדם בשאפען גיווארין צום לעצטין. ער זאל באלד האבען אמצוה פון שבת. אדער דריבער איז אדם בשאפען גיווארין צום לעצטין. ער זאל באלד האבען וואס צו עסין. למשל אמלך האט פריער גיבאהט אפאלאסט אונ האט אים אויס געצירט אונ האט פערטיג גימאכט אסעודה דער נאך האט ער גיבעטין דיא געסט זייא זאלין קומען עסין: אזוי האט גאט גיטאהן ער הט גיבאהט אוועלט אונ הט איר אויס גצירט אונ האט אלץ בשאפען צום עסין. דער נאך האט ער בשאפען דעם מענטשין. אזוי וויא עס שטייט אין פסוק חכמות בנתה ביתה. דיא חכמה האט גיבאהט אהויז. דאס מיינט מען גאט. ער הט בשאפען די גאנצע וועלט מיט חכמה. זי האט אויס גיהאקט זיבען זיילין. דס מיינט מען דיא זיבען טעג וואס אין זייא איז דיא וועלט בשאפען גיווארין. זיא האט גישאכטין איר שעכטונג אונ האט גיגאסען איר ווין. דאס מיינט מען דיא ימים אונ טייכען אונ אלע בדערפעניש פון דער וועלט וואס גאט האט בשאפען. זיא האט אן גיברייט איר טיש. דאס מיינט מען דיא אלע ערליי בוימער אונ גראזין וואס גאט הט בשאפן.

דער

יתמוך: גפי. מקום גבוה: לבסוף. בסרת נסרד: מי פתי יסור הנה. בתריה דסמי קרא כתיב מי פתאו לזה שיסור הנה לאכול מן העץ: חסר לב אמרה לו. כלומר שבית הסר לב אמרה לו: גלמי ראו עיניך. מכל מראה עיניך מלמתי וכיום כל העולם כדכתיב בזכריה עיני ה' משוטטים בכל הארץ:

גופו מבבל. על שם שבית עמוקה מראה שמשם לוקח ולכך נעשה מהולה: וראשו מא"י. שבית [גבוה] השובה מכל הארצות: ואיבריו. ידיו ורגליו: מכאר ארצות. מכל העולם כדילוף לעיל: מאקרא דאגמא. (בבל) [בבבל] הוא והוא

והוה. על גפי מרומי קרת רבה בר בר חנה רמי כתיב **על** גפי וכתיב על כסא בתחלה על גפי ולבסוף על כסא. מי פתי יסור הנה חסר לב אמרה לו אמר הקב"ה מי פתאו לזה אשה אמרה לו דכתיב (משלי ו) נואף אשה חסר לב. [תניא] היה ר"מ אומר אדם הראשון מבל העולם כולו הוצבר עפרו שנאמר (תהלים קלט) גלמי ראו עיניך וכתיב (זכריה ד) עיני ה' המה משוטטים בכל הארץ:

**אמר** רב אושעיא משמיה דרב אדם הראשון (דף ס ע"ב) גופו מבבל ראשו מארץ ישראל ואיבריו משאר ארצות ענבותיו א"ר (יוחנן) [אחא] מאקרא דאגמא. א"ר (אחא) [יוחנן] בר' חנינא שתים עשרה שעות הוי היום שעה ראשונה הוצבר עפרו שניה נעשה גולם שלישית נמתחו איבריו רביעית נזרקה בו נשמה חמישית עמד על רגליו ששית קרא שמות שביעית נזדווגה לו חוה שמינית עלו למטה שנים וירדו ארבעה תשיעית נצטוה שלא לאכול מן האילן

---

דער נאך האט זיא געשיקט אירע יונגפרויען רופען. דאס מיינט מען אדם אונ חוה. על גפי מרומי קרת. זייא זאלין זיצען אויף דיא העכסטע ערטער פון שטאט. רבה בר בר חנה האט גיפרעגט אין איין פסוק שטייט על גפי. אונ אין איין פסוק שטייט על כסא. אין אנהייב איירער אדם האט געזינדיגט האט גאט אים גיוואלט זעצין אויף דעם העכסטין ארט פון דער וועלט. דער נאך ווייא ער האט געזינדיגט האט גאט אים נאר גיזעצט אזוי וויא אויף א שטוהל. מי פתי יסור הנה. גאט האט גיפרעגט ווער האט אן גירעט אדם ער זאל אפקערין אהער צום עץ הדעת. חסר לב אמרה לו. דיא ווייב זיינע האט אים אן גירעט. זיא האט גיזאגט צו אים אז ער וועט ניט עסין פון עץ הדעת וועט ער זיין אחסר לב. וועט אים פעלין דער פאר שטאנד פון בארץ. אזוי וויא עס שטייט אין פסוק נואף אשה חסר לב. דער וואס איז מזנה מיט אאשה ווייל זיא האט אים אן גירעט ער זאל מיט איר מזנה זיין. פעלט אים דער פאר שטאנד פון הארץ. מיר האבען גילערנט רבי מאיר זאגט ווען גאט האט גיוואלט בשאפען אדם הראשון האט ער צו זאמען גינומען ערד פון דער גאנצער וועלט אונ הט גימאכט דעם מענטש. אזוי ווי עס שטייט אין פסוק גלמי ראו עיניך. מין גוף איז גימאכט גיווארין פון די ערד וואס דיינע אויגען האבען גיזעהן. אונ די אויגין פון גאט זעהן דאך די גאנצע וועלט. אזו ווי עס שטייט אין פסוק די אויגן פון גאט שוועבין אויף די גאנצע וועלט:

**כב** אמר. רב אושעיא הט גיזאגט פון רבס וועגין דער גוף פון אדם הראשון איז גימאכט גיווארין פון דיא ערד וואס אין בבל. דער קאפ איז גימאכט גיווארין פון די ערד וואס אין ארץ ישראל די הענט מיט די פיס זענען גימאכט גיווארין פון דיא ערד וואס אין אנדערע לענדער. רבי אחא זאגט דיא ערוה איז גימאכט גיווארין פון דיא ערד וואס אין אקרא דאגמא. רבי יוחנן בר רבי חנינא זאגט דער טאג איז צוועלף שעה. דיא ערשטע שעה פון טאג האט גאט פר זאמלט דיא ערד. אין דיא אנדערע שעה איז פון דיא ערד גיווארין אקערפער. אין דיא דריטע שעה זענען גיווארין דיא גלידער. אין דיא פערטע שעה איז ארין גיקומען אין אים א נשמה. אין דיא פינפטע שעה האט ער זיך גישטעלט אויף דיא פיס. אין דיא זעקסטע שעה האט ער גירופען נעמען צו אלע זאכען וואס עס איז דא אויף דער וועלט. אין דיא זיבעטע שעה איז בשאפען גיווארין חוה. אונ איז בהעפט גיווארין צו אדם. אין דיא אכטע שעה זענען זייא ארויף גיגאנגען אויף דעם בעט צוויי. אדם אונ חוה. אונ זענען אראפ גענידערט פיר. אדם אונ חוה. קין אונ הבל זייערע קינדער. אין דיא נייגטע שעה איז אדם פאר באטין גיווארין ער זאל ניט עסין פון

האילן עשירית פרח י"א נידון י"ב נטרד והלך לו שנאמר (תהלים מט) אדם ביקר בל ילין. אמר רמי בר חמא אין חיה רעה שולטת באדם אלא א"כ נדמה לו כבהמה שנאמר (שם) נמשל כבהמות נדמו:

עמוק מאד: בל ילין. לינה לילה: עד זקנה. כל ימיו אסבלנו: ולי מה יקרו רעיך אל. בהר גלמי ראו עיניך כתיב בתורתו מזמור ובירכת אדם מדבר (בנ"פ.

**כג אמר** רב יהודה אמר רב בשעה שבקש הקב"ה לבראות את האדם ברא כת אחת של מלאכי השרת אמר להם רצונכם (בראשית א) נעשה אדם בצלמנו אמרו לפניו רבש"ע מה מעשיו אמר להם כך וכך מעשיו אמרו לפניו רבש"ע (תהלים ח) מה אנוש כי תזכרנו ובן אדם כי תפקדנו הושיט אצבעו הקטנה ביניהם ושרפם וכן כת שניה כת שלישית אמרה לפניו רבש"ע ראשונים שאמרו לפניך מה הועילו כל העולם כולו שלך הוא כל מה שאתה רוצה לעשות בעולמך עשה כיון שהגיע (לדור) ולאנשי המבול ואנשי דור הפלגה שמעשיהם מקולקלים אמרו לפניו רבש"ע לא יפה אמרו הראשונים לפניך אמר להם (ישעיה מו) ועד זקנה אני הוא ועד שיבה אני אסבול:

(אמר רב יהודה אמר רב אדם הראשון מסוף העולם ועד סופו היה וכו' עד אידי ואידי חדא מדה היא כדכתיב לעיל חגיגה פרק ב'):

**כד אמר** רב יהודה אמר רב אדם הראשון בלשון ארמי סיפר שנאמר (תהלים קלט) ולי מה יקרו רעיך אל והיינו דאמר ריש לקיש מאי דכתיב (בראשית ה) זה

---

עץ הדעת. אין דיא צעהנטע שעה האט ער געזינדיגט און האט געגעסין פון עץ הדעת. אין די עלפטע שעה האט איהם גאט געמשפט. אין דיא צוועלפטע שעה האט מען איהם ארויס געטריבען פון גן עדן. אזוי וויא עס שטייט אין פסוק אדם ביקר בל ילין. אדם האט ניט גענעכטיגט אין די טייערקייט. אין דעם טייערין גן עדן. רמי בר חמא האט געזאגט אשלעכטע חיה געוועלטיגט ניט אויף אמענטשין. סיידין די חיה מיינט אז דאס איז אבהמה. אזוי ווי עס שטייט אין פסוק נמשל כבהמות נדמו. ווען געוועלטיגט די חיה אויף דעם מענטשין. אז דער מענטש זעהט אויס ביי די חיה [די חיה מיינט] אז ער איז אבהמה:

**כג** אמר. רב יהודה האט געזאגט פון רבם ווענין ווען גאט האט געוואלט באשאפען דעם מענטש. האט ער באשאפען פריער אקאמפאניע מלאכים. און גאט האט געזאגט צו דיא מלאכים איר ווילט מיר זאלין מאכען אמענטשין אין אונזער בילד. האבען דיא מלאכים געזאגט פר גאט: רבונו של עולם וואס וועט דער מענטש טאהן אויף דער וועלט. האט גאט געזאגט צו די מלאכים אזוי און אזוי וועט ער טאהן: האבען די מלאכים געזאגט פר גאט רבונו של עולם וואס איז דער מענטש דוא זאלסט איהם דער מאנען. און וואס איז דער מענטש דו זאלסט איהם געדיינקען. הט גאט אריין געשטעקט זיין קליינעם פינגער צווישען די מלאכים און ער האט זייא פאר ברענט. די אנדערע קאמפאניע מלאכים האבען אויך אזוי געזאגט הט זיי גאט אויך פאר ברענט. דיא דריטע קאמפאניע מלאכים האבען געזאגט פר גאט רבונו של עולם דיא ערשטע מלאכים וואס האבען געזאגט פר דיר דו זאלסט דעם מענטשין ניט באשאפען. ווס האבען זייא געהאלפען מיט זייערע רייד: דיא גאנצע וועלט איז דיינע. אלץ וואס דו ווילסט טאהן אין דיין וועלט טוה. האט גאט באשאפען דעם מענטשין. וויא מען איז געקומען צו די מענטשין פון מבול און צו דיא מענטשין פון דור הפלגה וואס זייא האבען געזינדיגט. הט דיא דריטע קאמפאניע מלאכים געזאגט פר גאט רבונו של עולם האבען די ערשטע מלאכים ניט גוט געזאגט פר דיר דו זאלסט דעם מענטשין ניט באשאפען. הט גאט געזאגט צו די מלאכים ביז דער מענטש וועט אלט ווערין מוז איך פון איהם ליידין. אבער אויף דער עלטער טוהט ער תשובה:

**כד** אמר. רב יהודה האט געזאגט פון רבם וועגין אדם הראשון האט גערעט דיא ארמישע שפראך. אזוי וויא עס שטייט אין פסוק ולי מה יקרו רעיך אל. דיא ערשטע אותיות פון

זה ספר תולדות אדם מלמד שהראהו הקב"ה דור דור ודורשיו דור דור וחכמיו כיון שהגיע לדורו של ר"ע שמח בתורתו ונתעצב במיתתו אמר ולי מה יקרו רעיך אל . א"ר יהודה אמר רב אדם הראשון מין היה (שם ג) ויקרא ד' אלהים אל האדם ויאמר לו איכה אן נטה לבך ורבי יצחק אמר מושך בערלתו היה כתיב הכא (הושע י) והמה כאדם עברו ברית וכתיב התם (בראשית יז) את בריתי הפר . ר"נ אמר כופר בעיקר היה כתיב הכא עברו ברית וכתיב התם (דברים כט) על אשר עזבו את ברית ה' אלהי אבותם :

מ"ס יקרו ר"עיך א"ל ר"ח (מפרש ארמי) : מין היה . נוטה לע"ז :
שקוד. מהיר וזריז כדי שתדע להשיב לאפיקורוס . סכה להביא ראיה מן התורה לדברי האפיקורסות כל שכן דפקר טפי (אם תחזיר לו תשובה) בכרי (בכל) וכפר ומתוך כך מדקדק ולא תוכל להשיבו דבר המקובל לו : כל מקום שפקרו הצדוקים .

**כה תנן** התם ר' אליעזר אומר הוי שקיד ללמוד תורה ודע מה שתשיב לאפיקורוס אמר רבי יוחנן לא שנו אלא אפיקורוס נכרי אבל אפיקורוס ישראל כל שכן דפקר טפי . אמר ר' יוחנן כל מקום שפקרו הצדוקים תשובתן בצדן (בראשית א) נעשה אדם

---

פון מה יקרו רעיך אל. מאכט ארמ"י . דאס איז וואס ריש לקיש האט גזאגט עס שטייט אין פסוק זה ספר תולדות אדם . דאס איז דיא דער ציילונג פון דיא קינדער פון אדם . דער פסוק לערונט אונז אז גאט האט געוויזען צוא אדם הראשון דיא דרשנים פון יעדער דור . אונ זיא חכמים פון יעדער דור . וויא ער איז גיקומען צום דור פון רבי עקיבא האט ער זיך גיפרייט מיט זיין תורה . אונ ער איז גיוועזן טרויעריג דורך זיין שטארבין וואס ער וועט שטארבין פון גרויסע יסורים . האט אדם גזאגט ולי מה יקרו רעיך אל . גאט וויא טייער זענען בייא מיר דיינע גידאנקען . נאך האט רב יהודה גזאגט פון רבם ווערין אדם הראשון איז גיוועזן אאפיקרוס . אזוי וויא עס שטייט אין פסוק גאט האט גירופין צו אדם אונ ער האט גזאגט צו אים איכה ווא ביסטו . ווא אהין האסטו גינייגט דיין הארץ . רבי יצחק זאגט אדם הראשון איז באשאפין גיווארין גימלת . אונ ער האט ארויף גיצויגין דיא הויט פון דיא מילה ער זאל ניט אויס זעהן וויא גימלת . ווארום דא שטייט והמה כאדם עברו ברית . זייא האבען ניט גיהאלטין דעם ברית אזוי וויא אדם האט ניט גיהאלטין . זעהן מיר אז אדם האט ניט גיהאלטין דעם ברית . וועלכין ברית האט ער ניט גיהאלטין . דעם ברית פון מילה . ווארום מילה ווערט גירופין ברית ; אזוי וויא עס שטייט אין פסוק את בריתי הפר . ער האט געשטערט מיין ברית . אונ האט זיך ניט גימלת . רב נחמן זאגט אדם הראשון האט גילייקונט אין גאט . ווארום דא שטייט והמה כאדם עברו ברית . זייא האבין ניט גיהאלטין דעם ברית אזוי וויא אדם האט ניט גיהאלטין : זעהן מיר אז אדם האט ניט גיהאלטין דעם ברית . וועלכין ברית האט ער ניט גיהאלטין . דעם ברית צו גלויבין אין גאט . ווארום דאס גלויבין אין גאט ווערט גירופין ברית . אזוי וויא עס שטייט אין פסוק זייא האבין פארלאזין את ברית ה' אלהי אבותם . דעם ברית וואס זייא האבין גימאכט מיט דעם גאט פון זייערע עלטערין . זייא זאלין אים דינען אונ זייא דינען עבודה זרה :

**כה** תנן התם . מיר האבין גילערונט רבי אליעזר זאגט דו זאלסט זיין גיאיילט צו לערנען תורה . אונ וייס וואס דו זאלסט ענפערין צו אאפיקורוס . אז דער אפיקורוס וועט דיר ווייזן אין דער תורה שטייט אזוי וויא ער זאגט . זאלסטו וויסען איהם וואס צו ענפערין . רבי יוחנן זאגט נאר צו אגוישען אפיקורוס זאל מען ענפערין . אבער צו איודישען אפיקורוס זאלסטו ניט ענפערין . ווארום ער וועט אנהייבין נאך מער קלערין ער זאל דיר צוריק ענפערין וועט ער ווערין נאך אגרעסערער אפיקורוס . רבי יוחנן זאגט פון וועלכין ארט אין דיא תורה דיא אפיקורסים ווייזן אז עס שטייט וויא זייא זאגין . שטייט באלד אפגיענפערט אז עס איז ניט וויא זייא זאגין . עס שטייט נעשה אדם בצלמנו . מיר וועלין מאכין אמענטש אין אונזער בילד . זעהן מיר אז

עם

אדם בצלמנו וגו' (שם) ויברא אלהים את האדם בצלמו . (שם יא) הבה נרדה ונבלה שם שפתם (שם) וירד ה' לראות את העיר ואת המגדל . (שם לה) כי שם נגלו אליו האלהים (ואומר) (שם) [לאל] העונה אותי ביום צרתי . (דברים ד) כי מי גוי גדול אשר לו אלהים קרובים אליו כה' אלהינו בכל קראנו אליו .

(ש"ב ז) ומי כעמך ישראל גוי אחד בארץ אשר הלכו אלהים לפדות לו לעם . (דניאל ז) עד די כרסון רמיו ועתיק יומין יתיב הנך למה לי כדרבי יוחנן דא"ר יוחנן אין הקב"ה עושה דבר אלא א"כ נמלך בפמליא של מעלה שנא' (שם ד) בגזרת עירין פתגמא ובמאמר קדישין שאלתא התינח כולהו עד די כרסון רמיו מאי איכא למימר אחד לו ואחד לדוד דתניא אחד לו ואחד לדוד דברי ר' עקיבא אמר לו ר' יוסי עקיבא עד מתי אתה עושה שכינה חול אלא אחד לדין ואחד לצדקה . קבלה מיניה או לא קבלה מיניה ת"ש

שמגילין לאיה מן התורה להפקירן]: ויגלו. יחידי: העונה. לשון יחיד: אשר הלכו אלהים לפדות לו. הרי לשון יחיד: עד די כרסון רמיו. נתיישבו הכסאות דמשמע שנים: כתיב ביה ועתיק יומין יתיב. יחידי: הנך למה לי. למה נכתב בלשון רבים: כדרבי יוחנן. דבכל בעלת פמליא של מעלה: שכינה חול. שאתה מושיב בשר ודם אצלו: זה

עס איז דא מער וויא איין גאט . שטייט דער בייא ויברא אלהים את האדם בצלמו . גאט האט בשאפין דעם מענטש אין זיין בילד . זעהן מיר אז נאר איין גאט איז דא . עס שטייט אין פסוק הבה נרדה ונבלה שם שפתם . מיר וועלין אראפ נידערין אונ מיר וועלין דארט צוא מישען זייערע לעפצין זעהן מיר אז עס איז דא מער וויא איין גאט . שטייט דער בייא וירד ה' לראות את העיר ואת המגדל . גאט האט אראפ געניזערט זעהן דיא שטאט אונ דעם טורעם . זעהן מיר אז נאר איין גאט איז דא . עס שטייט אין פסוק כי שם נגלו אליו האלהים ווארום דארט זענען צו אים בעוויזען געווארין דיא געטער . זעהן מיר אז עס איז דא מער וויא איין גאט . שטייט דער בייא לאל העונה אותי ביום צרתי . צום גאט וואס ער האט מיר גיענטפערט אין דעם טאג ווען מיר איז שלעכט געוועזן . זעהן מיר אז נאר איין גאט איז דא . עס שטייט אין פסוק וואו איז נאך דא אזוי אגרויסע פאלק וואס צו אים זענען דיא געטער נאנט זעהן מיר אז עס איז דא מער וויא איין גאט . שטייט דער בייא כה' אלהינו בכל קראנו אליו . אזוי וויא אונזער גאט אין אלע צייטין וואס מיר רופין צו אים . זעהן מיר אז נאר איין גאט איז דא . עס שטייט אין פסוק ווער איז וויא דיין פאלק יודין וואס זייא זענען איין פאלק אויף דער וועלט וואס צו אים זענען גיגאנגען דיא געטער : זעהן מיר אז עס איז דא מער וויא איין גאט שטייט דער בייא לפדות לו לעם . ער זאל זייא אויס לייזין פאר זיך צו א פאלק . זעהן מיר אז נאר איין גאט איז דא . עס שטייט אין פסוק ביז דיא שטוהלין זענען אומגיווארפין געווארין זעהן מיר אז עס איז דא מער וויא איין שטוהל . ווייל עס איז דא מער וויא איין גאט . שטייט דער בייא ועתיק יומין יתיב . דער וואס איז אלט אין טעג איז גיזעסין אויף דעם שטוהל . זעהן מיר אז נאר איין גאט איז דא . אונ צו וואס שטייען דיא אלע פסוקים וואס עס זעהט אויס אז עס איז דא מער וויא איין גאט . דאס איז אזוי וויא רבי יוחנן האט גזאגט . גאט טוהט גיט קיין זאך סיידין ער פרעגט בייא דיא מלאכים . אזוי וויא עס שטייט אין פסוק בגזרת עירין פתגמא . דיא רייד פון גאט ווערט גיטאהן דורך דיא גזרה פון דיא מלאכים . ובמאמר קדישין שאלתא . גאט פרעגט דעם זאג פון דיא הייליגע . ער פרעגט בייא דיא מלאכים וואס זייא זאגין . פרעגט דיא גמרא דאס איז רעכט דיא אלע פסוקים . וואס וועלין מיר זאגין צו דעם פסוק ביז דיא שטוהלין זענען אומגיווארפין גיווארין . אז עס איז נאר דא איין גאט . צו וואס זענען דא צווייא שטוהלין . ענטפערט דיא גמרא איין שטוהל איז פאר גאט . אונ איין שטוהל איז פאר דוד המלך : אזוי וויא מיר האבין גילערנט איין שטוהל איז פאר גאט אונ איין שטוהל איז פאר דוד המלך . אזוי זאגט רבי עקיבא . האט רבי יוסי גזאגט צו רבי עקיבא . ביז וויא לאנג נאך וועסטו מאכין דיא שכינה אזוי פראסט . אז דו זאגסט דוד זאל זיצען

נעבין

מטטרון. הוא אמר עלה אל ה': ששמו כשם רבו. ה' לפניך לא הזכיר שמו וכתוב סתם: אם כן לא ישא לפשעכם. לא יכול לסלוח לפשעים ומה יתרון בו: א"ל הימנותא (דידן) [בידן]. ש"ק בו כח לכחש פשעינו ואנו נמי מאכנוהו ומיאלנו לקבל אפי' בפרוונקא שליח מוליך ומביא:

ת"ש דתניא אחד לדין ואחד לצדקה דברי ר' עקיבא אמר ר' אלעזר בן עזריה עקיבא מה לך אצל הגדה כלך לך אצל נגעים ואהלות אלא אחד לכסא ואחד לשרפרף כסא לישב עליו שרפרף להדום רגליו. א"ר נחמן האי מאן דידע לאהדורי למיני כרב אידית ליהדר ואי לא לא ליהדר. אמר ההוא מינא לרב אידית כתיב (שמות כד) ואל משה אמר עלה אל ה' עלה אלי מיבעי ליה א"ל זהו מטטרון ששמו כשם רבו דכתיב (שם כג) כי שמי בקרבו אי הכי נפלחו ליה כתיב (שם) אל תמר בו אל תמירני בו אם כן לא ישא לפשעכם למה לי א"ל הימנותא (דידן) [בידן] דאפילו בפרוונקא נמי לא קבלינוהו דכתיב (שם לג) ויאמר אליו אם אין פניך הולכים וגו'. א"ל ההוא מינא לר' ישמעאל בר' יוסי כתיב (בראשית יט) וה' המטיר על סדום ועל עמורה גפרית ואש מאת ה' מאתו מיבעי ליה א"ל ההוא כובס שבקיה אנא מהדרנא ליה דכתיב (שם ד) ויאמר למך לנשיו עדה וצלה שמען קולי נשי למך נשיי מיבעיא ליה אלא משתעי קרא הכי ה"נ משתעי קרא הכי א"ל מנא לך הא מפרקיה דר' מאיר שמיע לי דא"ר יוחנן כי הוה

דריש

---

געבין דיא שכינה. נאר ווען גאט משפט דיא וועלט זיצט ער אויף דיא שטוהל. אונ ווען גאט טוהט צדקה מיט דער וועלט זיצט ער אויף דיא אנדערע שטוהל. פרעגט דיא גמרא האט רבי עקיבא אן גינומען דיא רייד פון רבי יוסי. אדער ער האט ניט אן גינומען. ענטפערט דיא גמרא מיר האבין גילערונט איין שטוהל איז צו משפט אונ איין שטוהל איז צו צדקה. אזוי זאגט רבי עקיבא: אזוי וויא רבי יוסי. האט רבי אלעזר בן עזריה גזאגט צו רבי עקיבא פאר וואס בשעפטיגסטו דיך מיט אגדתא. גיי בעסער לערנען דיא דינים פון נגעים אונ אהלות. נאר דיא צווייא שטוהלין איינער איז אשטוהל אונ איינער איז אפוסין בייינקול: דיא שטוהל איז צום זיצען אויף איר. דער פוסין בייינקול איז צו האלטין אויף אים דיא פיס. רב נחמן זאגט דער וואס ווייסט צו ענטפערין צו דיא אפיקורסים אזוי וויא רב אידית ווייסט. זאל ער ענטפערין. אונ אויב ער ווייסט ניט צו ענטפערין אזוי וויא רב אידית זאל ער זייא גאר ניט ענטפערין. אאפיקורוס האט אמאהל גזאגט צו רב אידית עס שטייט אין פסוק צו משה האט ער גזאגט גיי אויף צו גאט. האט דאך גידארפט שטיין גיי אויף צו מיר. האט רב אידית גזאגט צום אפיקורוס דער מלאך מטטרון האט גזאגט צו משה גיי אויף צוא גאט. אונ פאר וואס שטייט ניט דער נאמען מטטרון אין דער תורה. ווייל דער נאמען פון מטטרון איז וויא דער נאמען פון זיין בעל הבית. וויא דער נאמען פון גאט. אזוי וויא עס שטייט אין פסוק גאט האט גזאגט מיין נאמען איז אין אים. האט דער אפיקורוס גיפרעגט זאל מען דינען צו מטטרון. האט רב אידית גיענפערט גאט האט גזאגט אל תמר בי. זאלסט ניט אויסטאהשין מיך אויף אים. האט דער אפיקורוס גיפרעגט אויב דינען צו מטטרון טאר מען ניט. אונ מוחל זיין דיא עבירות קען ער אויך ניט. צו וואס דען דארף מען אים: האט רב אידית גזאגט צום אפיקורוס אונזער גלויבונג איז פעסט בייא אונז אז דער מלאך קען אן גאט גאר ניט טאהן. דריבער האבין מיר טאקי ניט גיוואלט אז דער מלאך זאל גיין מיט אונז. אפילו פאר קיין שליח האבין מיר אויך ניט גיוואלט ער זאל גיין מיט אונז. אזוי וויא עס שטייט אין פסוק משה האט גזאגט צו גאט אויב דו אליין וועסט ניט גיין מיט אונז זאלסטו אונז ניט אויף ברייגגען פון דאנען. אאפיקורוס האט אמאהל גזאגט צו רבי ישמעאל ברבי יוסי עס שטייט אין פסוק גאט האט גימאכט רעגנען אויף סדום אונ אויף עמורה שוועביל אונ פייער פון גאט. האט דאך גידארפט שטיין פון זיך. האט אוועשער גזאגט צו רבי ישמעאל לאז אים איך וועל אים ענפערין. עס שטייט אין פסוק למך האט גזאגט צו זיינע ווייבער עדה אונ צלה הערט צו מיין קול דיא

גוויבער

דריש ר' מאיר בפרקיה הוה דריש תלתא שמעתא תלתא אגדתא תלתא מתלי. וא"ר יוחנן שלש מאות משלי שועלים היו לו לרבי מאיר ואנו אין לנו אלא שלשה. (דף לט) (יחזקאל יח) אבות אכלו בוסר ושני בנים תקהינה (ויקרא יט) מאזני צדק אבני צדק (משלי יא) צדיק מצרה נחלץ ויבא רשע תחתיו:

א"ל

שמיע לי. בפרקיה הוה דריש תלתא: אבות אכלו בוסר. משל הוא ברימה השועל את הזאב לכנס לחצר היהודים בע"ש ולתקן עמהם צרכי הסעודה ויאכל עמהן בשבת וכשבא ליכנס חברו עליו במקלות בא להרוג את השועל אמר לא הוכיתי אלא בשביל אביך שפעם אחת שהתחיל לסייען בסעודה ואכל את כל נתח טוב אמר לו ובשביל אבא אני לוקה אמר לו הן אבות אכלו בוסר וגו' אבל בא עמי ואראך מקום לאכול ולשבוע בא לו על הבאר ועל שפתו מוטל עץ והחבל (מושכת) מושכת] גלגל וב' דליים קשורים ונכנס השועל בדלי העליון והכביד וירד למטה ודלי התחתון עלה אמר לו הזאב למה אתה נכנס לכאן א"ל יש כאן בשר וגבינה לאכול ולשבוע הראה לו דמות הלבנה במים כדמות עגול כמין גבינה עגולה א"ל אני היאך ארד אמר לו הכנס אתה בדלי העליון נכנס והכביד וירד ודלי שהשועל עליו עלה א"ל היאך אני עולה אמר לו צדיק מצרה נחלץ ויבא

---

וויטער פון לך פאר נעמט מיין זאג. האט דאך גידארפט שטיין מינע ווייבער פאר נעמט מיין זאג. נאר דער פסוק שמועסט אזוי. דא ביא גאט שטועכט אויף דער פסוק אזוי. האט רבי ישמעאל גזאגט צום וועשער פון וואנען ווייסטו אז דער פסוק פון לך איז אתירוץ אויף דעם פסוק פון נאט. האט דער וועשער גזאגט פון דער דרשה פון רבי מאיר האב איך דאס גיהערט. ווארום רבי יוחנן האט גזאגט ווען רבי מאיר פלעגט זאגין אדרשה. פלעגט ער זאגין אדריטטול דרשה דינים. אונ אדריטטול אגדתא. אונ אדריטטול משלים. נאך האט רבי יוחנן גזאגט דרייא הונדערט משלים פון פוקס האט רבי מאיר גיוואסט צו זאגין. אונ מיר ווייסין נאר דרייא משלים איין משל הייסט דיא עלטערין האבין גיגעסין אומצייטיגע ווינטרויבין זאערע. אונ דיא ציין פון זייערע קינדער זענען הייליג. דאס מיינט מען דיא עלטערין האבין גיטאהן עבירות. אונ דיא קינדער ווערין גישטראפט. אויף דעם איז דא אמשל מיט אפוקס. אפוקס האט אמאהל גינארט אוואלף אונ ער האט גזאגט צום וואלף גיי אריין ערב שבת צוא איודין אין שטוב. ועסטו זייא העלפין אן גרייטין זייער עסין אויף שבת. וועסטו עסין מיט זייא אום שבת. וויא דער וואלף איז אריין גיקומען צום יודין ערב שבת. האבין אלע מענטשין פון שטוב גינומען שטעקינס אונ האבין אים גישלאגין. איז דער וואלף גילאפין צום פוקס אונ האט אים גיוואלט הרגנן. האט דער פוקס גזאגט צום וואלף מען האט דיך גישלאגין פאר דיין פאטער. אמאהל איז דיין פאטער אויך אריין גיקומען צו איודין ערב שבת. האבין זייא אים גילאזין העלפין אן גרייטין אויף שבת. דער וויל האט ער אויף גיגעסין אלע בעסטע עסינס. האט דער וואלף גזאגט פאר מיין פאטער וואס ער האט געזינדיגט שלאגט מען מיך. האט דער פוקס גזאגט יא עס איז אזוי. דיא פאטערס האבין גיגעסין אומצייטיגע ווינטרויבין זאערע. אונ דיא ציין פון דיא קינדער זענען הייליג. נאך אמשל האט רבי מאיר גזאגט אויף דעם דין אז מען זאל ניט געבין אפאלשע וואג. אונ דער משל איז אויף נאך אזאך אויך. אז דער צדיק גייט ארוים פון דיא צרה. אונ דער רשע קומט אויף זיין ארט. אמאהל האט דער פוקס גיוואלט נארין דעם וואלף. האט ער גזאגט צו אים קום מיט מיר איך וועל דיר ווייזין אארט וואו עס איז דא צו עסין זאט צו ווערין. זענען זייא ביידע גיקומען צו אברונען. איבער דעם ברונען איז גילעגין אהאלץ. אונ אויף דעם האלץ איז גיהאנגען אשטריק. אונ אין איין עק שטריק איז גיוועזן אנגיבונדין אעמער אונ אין דעם אנדערין עק שטריק איז גיוועזן אנגיבונדין אעמער. איז דער פוקס אריין גיגאנגען אין איין עמער. איז דער עמער אראפ גיגאנגען ביז צום וואסער. האט דער וואלף גזאגט צום פוקס צו וואס ביסטו אראפ גיגאנגען ביז צום וואסער. האט דער פוקס גזאגט ווייל דא ליגט פלייש אונ קעז. אונ דיא לבנה האט גישיינט אין דיא וואסער וואס אין ברונען. האט דער פוקס גזאגט צום וואלף אויף דיא לבנה אז דאס איז דער קעז. האט דער וואלף גזאגט צום פוקס וויא אזוי וועל איך אראפ קומען צו דיר. האט דער פוקס גזאגט צום וואלף גיי אריין אין דעם אנדערין עמער וועסטו אראפ קומען צו מיר. דער וואלף איז

אריין

ויכל רבא מההיו לא כך כתיב מהזי לרק וגו': נוכל. ענגים קודם ביבולם ומקרין את הסויים: למכל לו הנו לי דוכום אחד. בופט לנקום נקמה: אוהבה הוחי בהבלא. הרה כרמן קליל"י בלע"ז וכן דרך גלייהם ומהוק בראה אותה בגנותם כ: אבה עליו: הוה מאיכה ליה. בירלא בההוכה קודם גמר היקונם: אלהיכם מאי עביד. מכהם היה וככנור

**כו** א"ל קיסר לרבן גמליאל אלהיכם גנב הוא דכתיב (בראשית ב) ויפל ה' אלהים תרדמה על האדם ויישן אמרה ליה ברתיה שבקיה דאנא מהדרנא ליה אמרה ליה תנו לי דוכום אחד אמר לה למה ליך אמרה ליה לסטים באו עלינו הלילה ונטלו ממנו קיתון של כסף והניחו לנו קיתון של זהב אמר לה הלואי שיבא עלינו בכל יום ולא יפה היה לו לאדם הראשון שנטלו ממנו צלע אחת ונתנו לו שפחה לשמשו אמר לה הכי קאמינא [אלא] לישקליה בהדיא אמרה ליה אייתי לי אומצא דבשרא אייתי לה אותבה תותי בהשא אפיקתה אמרה ליה אכול מהאי אמר לה מאיסא לי אמרה ליה אדם הראשון נמי אי הוה שקילה בהדיא הוה מאיסא ליה. א"ל קיסר לר"ג ידענא אלהייכו מאי קא עביד (והיכן יתיב) אינגיד ואיתנח א"ל מאי האי אמר בן אחד יש לי בכרכי הים ויש לי געגועין עלין בעינא דתהוית ליה

---

אריין גיגאנגען אין דעם אנדערין עמער. אונ ווייל ער איז געוועזן שווערער וויא דער פוקס איז דער עמער מיט דעם וואלף אראפ געגידערט ביז אין וואסער. אונ דער עמער מיט דעם פוקס איז ארויף אין דער הייך. איז דער פוקס ארויס גיגאנגען פון דעם עמער. אונ דער וואלף איז געבליבען אין וואסער:

**כו** אמר. א קיסר הט אמאהל גזאגט צו רבן גמליאל אייער גאט איז א גנב. ווארום עס שטייט אין פסוק גאט האט גימאכט פאלען א שלאף אויף אדם אונ ער איז אנשלאפין גיווארין. אונ ער האט גינומען פון אדם א ריפ אונ ער האט גימאכט פון דעם ריפ די וויב זיינע. חוה. האט דאך גאט גיגנבת א ריפ ביי אדם. האט דיא טאכטער פון קיסר גזאגט צו רבן גמליאל לאז מיך איך וועל ענטפערין מיין פאטער. האט דיא טאכטער גזאגט צום פאטער גיב מיר א שופט איך דארף בשטראפין מענטשין. האט דער קיסר צוא איר גזאגט צוא וואס דארפסטו א שופט: וועלכע מענטשין ווילסטו בשטראפין. האט דיא טאכטער גזאגט דיא נאכט זענען ביי אונז גיוועזן גזלנים אונ האבען גינומען פון אונז א זילבערנעם קריגול אונ האבען גילאזין ביי אונז א גאלדענעם קריגול. האט דער קיסר צו איר גזאגט פאר דעם ווילסטו זיי בעשטראפין. הלואי זאלין זיי קומען צו אונז אלע נאכט אונ נעמען א זילבערנעם קריגול אונ לאזין א גאלדענעם קריגול. האט דיא טאכטער גזאגט צום קיסר אזוי האט דאך גאט אויך גיטאהן. איז דען ניט גוט גיוועזן פר אדם הראשון מען האט גינומען פון אים א ריפ. אונ מען האט אים צוריק גיגעבין א דינסט צו בעדינען אים. האט דער קיסר גזאגט צוא דיא טאכטער אזוי מיין איך צו וואס האט גאט גינומען דיא ריפ אין שלאף. ער זאל ניט וויסען. פר וואס האט ער ניט גינומען ווען ער איז גיוועזן וואכעדיג. האט דיא טאכטער גזאגט צום קיסר איך וועל היסען מען זאל מיר ברייגגען א שטיק רויע פלייש: הט מען איר גיבראכט א שטיק רויע פלייש. האט זיא גילייגט די פלייש אויף דעם קומען איז דיא הייסע אש מיט קוילין. דיא פלייש זאל גיבראטען ווערין: וויא דיא פלייש איז שוין גיוועזן גיבראטין. האט זיא ארויס גינומען די פלייש פון די אש אונ האט גזאגט צום פאטער עס די פלייש. האט דער פאטער צו איר גזאגט וויל איך האב גיזעהן וויא דיא פלייש איז גילעגין אין דיא אש. איז מיר מיאוס דיא פלייש צו עסין: האט זיא גזאגט צום פאטער ביי אדם הראשון וואלט אויך אזוי גיוועזן. ווען גאט וואלט פון אים גינומען דיא ריפ אונ ער וואלט גיזעהן וויא מען מאכט דיא וויב זיינע פון די ריפ. וואלט זיא אויף אים מיאוס גיוועזן: אמר. א קיסר האט אמאהל גזאגט צו רבן גמליאל איך ווייס וואס אייער גאט טוהט איצט. האט רבן גמליאל א זיפץ גיטאהן. האט דער קיסר גזאגט צו רבן גמליאל וואס זיפצטו. האט רבן גמליאל גזאגט איך האב א זוהן אין דיא שטעט וואס זענען

אויף

ליה ניהלי א"ל מי ידענא היכא ניהו א"ל דאיכא בארעא לא ידעת דאיכא בשמיא ידעת . א"ל קיסר לר"ג כתיב (תהלים קמז) מונה מספר לכוכבים מאי רבותיה אנא מצינא למימני כוכבים אייתי חבושי שדינהו בארבילא וקא מהדר להו א"ל מנינהו א"ל אוקמינהו א"ל רקיעא נמי הכי הדרא א"ד הכי א"ל קיסר מני לי כוכבי א"ל ר"ג אימא לי ככיך ושיניך בכמה הוו שדא ידיה לפומיה וקא מני להו א"ל דאיכא בפומך לא ידעת דאיכא ברקיעא ידעת :

**כז** א"ל קיסר לרבן גמליאל מי שברא הרים לא ברא רוח (ומי שברא רוח לא ברא הרים) שנאמר (עמוס ד) יוצר הרים ובורא רוח אלא מעתה גבי אדם דכתיב (בראשית ב) ויברא וייצר ה"נ מי שברא זה לא ברא זה טפח על טפח יש בו באדם ושני נקבים יש בו מי שברא זה לא ברא זה שנאמר (תהלים צד) הנוטע אוזן הלא ישמע אם יוצר עין

ה'לא

מי הוא ישא לברחשאי : חבושי . קודוניי"ן בלעז : ארבילא . קריבי"ל בלע"ז : וקא מהדר להו . סביב סביב בארבילא : מני לי כוכבי . ממיין לי הכוכבים כלו' יודע אתה מספרם : לא ידעת . שצריך אתה למנותם : דאיכא ברקיע ידעת . בלא מנין ולמנותם איך יכול :

מי שברא הרים לא ברא רוח . שזה נקרא יוצר וזה נקרא בורא ושני שמות הם : ה"נ מי שברא אבר זה לא ברא אבר זה ולא"ת כן הוא כל תיבה באברים המרוחקים מיהו טפח על טפח יש בו באדם וכאותו טפח יש בו שני נקבים כאוזן ובעין וקרי להאי נוטע אוזן ולהאי יוצר עין שאמר שבאזנטקן

אויף דעם ים . אונ איך ביינג צו אים . איך וואלט וועלין דו זאלסט מיר אים ווייזין ; איך זאל אים זעהן . האט דער קיסר גזאגט צו רבן גמליאל וויים איך דען וואו ער איז . אין וועלכע שטאט ער איז . האט רבן גמליאל גזאגט צום קיסר וואס אויף דער ערד איז ווייסטו ניט . אונ וואס אויף דעם הימעל איז ווייסטו יא . אמר . אקיסר האט אמאהל גזאגט צו רבן גמליאל עס שטייט אין פסוק גאט ציילט דיא שטערין וואס אין הימעל וואס איז דאס פאר אגרויסקייט . איך וואלט אויך קענען ציילען דיא שטערין . האט רבן גמליאל גיברייגט ארבעס אונ האט זיי ארין גילייגט אין איזפ . אונ ער האט גישאקילט אונ גידרייט דיא זיפ . האט ער גזאגט צום קיסר צייל די ארבעס . האט דער קיסר גזאגט צו רבן גמליאל שטעל דיא זיפ וועל איך קענען ציילען דיא ארבעס . האט רבן גמליאל גזאגט צום קיסר דער הימעל דרייט זיך אויך אזוי אונ פון דעסטוועגין קען גאט ציילין דיא שטערין . אנדערע זאגין אזוי האט דער קיסר גזאגט צו רבן גמליאל דיא שטערין זענען ביי מיר אפ גיציילט . איך וויים וויא פיל שטערין עס איז דא . האט רבן גמליאל גזאגט צום קיסר זאג מיר וויפיל ציין האסטו אין מויל . האט דער קיסר ארין גישטעקט די האנט אין מויל אונ האט אן גיהויבען ציילען דיא ציין זיינע . האט רבן גמליאל גזאגט צום קיסר וואס אין דיין מויל איז ווייסטו ניט ; אונ וואס אין הימעל איז ווייסטו יא :

**כז** אמר ; דער קיסר האט גזאגט צו רבן גמליאל דער וואס האט בשאפען דיא בערג האט ניט בשאפען דעם ווינט . איין גאט האט בשאפען דיא בערג . אונ איין גאט האט בשאפען דעם ווינט ; אזוי וויא עס שטייט אין פסוק יוצר הרים ובורא רוח . דער גאט וואס האט בשאפען דיא בערג הייסט יוצר . אונ דער גאט וואס האט בשאפען דעם ווינט הייסט בורא . האט רבן גמליאל גזאגט צום קיסר אז ביי דעם מענטש שטייט אמאהל ויברא אונ אמאהל שטייט וייצר ; ווערסטו אויך זאגין אז צוויי געטער האבען בשאפען דעם מענטש . דער גאט האט בשאפען למשל אהאנט . אונ דער אנדערער גאט האט בשאפען אפוס . טאמער וועסטו זאגין אז אזוי איז טאקי גיוועזן . דער וואס האט בשאפען דעם גליד האט ניט בשאפען דעם אנדערין גליד . דאס קענסטו נאר זאגין ביי די גלידער וואס זענען ווייט איינער פון אנדערין . למשל אהאנט מיט אפוס . אבער ביי דעם מענטשין איז דא איין ארט וואס ער איז גרויס אטפח דיא לייננ אונ אטפח דיא ברייט . אונ אין דעם שטיקל ארט זענען דא צוויי לעכער . די אויגין אונ די אויערין . ווערסטו אויך זאגין אז איין גאט האט בשאפען דיא אויגען אונ איין גאט האט בשאפען די אויערין ווייל עס שטייט אין פסוק הנוטע אוזן הלא ישמע ואז ער האט גיפלאנצט דעם אויער .

נעווים

הלא יביט אמר ליה אין אמר ליה ובשעת מיתה כולם נתפיסו א"ל ההוא אמגושא לאמימר מפלגך לעילאי דהורמיז מפלגך לתתא דאהורמיז א"ל [א"כ] היכי שביק ליה אהורמיז להורמיז לאעבורי מיא בארעיה:

**כח** א"ל קיסר לרבי תנחום תא ליהוי כולן לעמא. חד א"ל להיי מיהו אנן דמהלינן לא מצינן למיהוי כוותייכו ואתון מהילתו והוו כוותן א"ל מימר שפיר קאמרת מיהו כל דזכי למלכא לישדיוה לביבר שדיוה לביבר ולא אכלוהו א"ל ההוא מינא האי דלא אכלוהו משום דלא כפון הוא. שדיוה לדידיה ואכלוה. א"ל קיסר לר"ג אמריתו כל בי עשרה שכינתא שריא כמה שכינתא איכא קרייה לשמעיה מחייה בהפתקיה א"ל

פירוש:
ש"ים בלותו טפח: אמר לו. הן: וכי בשעת מיתה בניהם נתפיסו. כבעלים כנוטע והיוצר מבכימים להמיתו: המגושא. מכשף יודע אני ע"י כישוף דמהליך ולמעלה דהורמיז עד כדאמרינן הורמיז בר לילהא בב"ב: דאהורמיז. הקב"ה קרי הכי: והיכי שביק ליה. א"ל היאך שביק אהורמיז להורמיז לאעבורי מים כרותים באַרעיה א"כ היאך מניח הורמיז לעביר מים באַרעו בכל מה באדם מכנים דרך פיו מוליא דרך הנקבים התחתונים: לא מצינן למיהוי כוותייכו. שאי אפשר להיות לנו עוד ערלה: דזכי למלכא. מלאו ומשתיקו בדבריו ומבייסו: לביבר. מקום היות רעות של מלכות: קייס. נ"א לשמעיה דקיסר: מחייה בהפתקיה.

---

גְעווּיס הערט ער) אַם יוֹצֵר עין הֲלֹא יַבִּיט (אויב ער האט בשאפען דיא אויג. געוויס זעהט ער) ווְעסטו אויך זאגין דער גאט פון דיא אויערין הייסט נוטע. אונ דער גאט פון די אויגען הייסט יוצר. ווי קען דאס זיין אז אויף אזוי אַקליינע שטיקול אָרט זאלין זיך בשעפטיגען צוויי געטער. האט דער קיסר גזאגט יא עס איז דאך אזוי גיוועזן. די אויגען האט בשאפען איין גאט. אונ דיא אויערין האט בשאפען איין אנדער גאט. האט רבן גמליאל גזאגט וויא אזוי קען זיין אז עטליכע גאטער האבען בשאפען דעם מענטשין. פאר וואס קריגען זיך קיין מאהל ניט דיא גאטער. איינער זאל זאגין דער מענטש זאל היינט שטארבין. דער אנדערער זאל זאגין דער מענטש זאל נאך לעבין. קען דאס זיין אז ביי דעם שטארבען פון דעם מענטש זאלין אלע גאטער שלום ווערין אונ אלע זאלין זאגין גלייך אז דיא רגע מוז דער מענטש שטארבען. פון דעם זעהן מיר אז נאר איין גאט האט בשאפען דעם מענטש. אונ דער איין גאט הייסט די אלע נעמען יוצר בורא נוטע. אזוי דער ווינט אונ דיא בערג האט אויך בשאפען דער איין גאט. אונ ער הייסט יוצר אונ בורא. אמכשף האט אמאהל גזאגט צו אמימר איך ווייס דורך מיין כישוף אז דיא אובערשטע העלפט פון דיין גוף איז פון אשד וואס ער הייסט הורמיז. אונ די אונטערשטע העלפט דייגע איז פון גאט וואס ער הייסט אהורמיז. האט אמימר גזאגט צום מכשף אויב עס איז אזוי. וויא אזוי לאזט גאט צום שד דיא וואסער זאל גיין דורך זיין פעלד. אלץ וואס דער מענטש טרינקט הויבין אין זיין מויל גייט ארוס צוריק דורך די אונטערשטע לעבער. אז די מויל וואלט גיהערין צו איין אנדערין. ווי אזוי וואלט גאט לאזין יענעמס וואסער זאל גיין דורך זיין חלק:

**כח** אמר. דער קיסר האט גזאגט צו רבי תנחום קום מיר וועלין זיין אלע איין פאלק. האט רבי תנחום גזאגט צום קיסר רעכט. מיר וועלין אזוי טאהן. נאר מיר זענען דאך שוין געמלת. קענען מיר דאך ניט זיין אזוי ווי איר זענט. נאר איר זאלט אייך מל זיין וועט איר זיין אזו ווי מיר זענען. האט דער קיסר גזאגט צו אמימר זאגין זאגסטו גאנץ ריכטיג נאר דער וואס זאגט בעסער פר דעם קיסר. אז דער קיסר קען אים ניט ענפערין. ווארפט מען אים ארייין צווישען שלעכטע חיות (ביבר איז אגרויסער פלאץ ארום גיצאמט מיט הויכע ווענט. אונ אינווייניג אדעווען זיך חיות) האט מען אריין גיווארפען דעם אמימר צווישן די חיות. אונ דיא חיות האבען אים ניט אויף גינגעסין. האט אאפיקורוס גזאגט צום קיסר דוא ווייסט פר וואס דיא חיות האבען ניט אויף גיגעסען דעם אמימר. ווייל זייא זענען ניט הונגעריג. האט מען אריין גיווארפען דעם אפיקורס צווישען דיא חיות האבען זייא אים אויף גיגעסען. אמר. דער קיסר האט גזאגט צו רבן גמליאל איר זאגט וואו עס זענען דא צעהן מענטשין אונ לויבען גאט רוהט די שכינה צווישען זיי. ווי פיל שכינות איז דא. האט רבן גמליאל גירופען דעם בעדינער פון קיסר. אונ האט אים גישלאגען אויפן קארג.

הט

א"ל אמאי (מחית ליה ד') על שמשא בביתא א"ל שמשא אכולי עלמא ניחא א"ל ומה שמשא דהוה חד מן אלפא אלפי רבוון דשמשי קודשא בריך הוא ניחא אכולי עלמא שכינתא דקודשא בריך הוא עאכ"ו .

כט א"ל ההוא מינא לר' אבהו אלהיכם גחכן הוא דקאמר ליה ליחזקאל (יחזקאל ד) שכב על צדך השמאלי וכתיב (שם) ושכבת על צדך הימני (אדהכי והכי) אתא ההוא תלמידא א"ל מ"ט דשביעתא א"ל השתא אמינא לכו מלתא דשויא לתרוייכו אמר הקב"ה לישראל זרעו שש והשמיטו שבע כדי שתדעו שהארץ שלי הוא והם לא עשו כן אלא חטאו וגלו מנהגו של עולם מלך בשר ודם שסרחה עליו מדינה אם אכזרי הוא הורג את כולן אם רחמן הוא הורג חציין אם רחמן מלא רחמים הוא מייסר את הגדולים שבהם ביסורים אף כך הקב"ה מייסר את יחזקאל כדי למרק עונותיהם של ישראל :

ל א"ל ההוא מינא לר' אבהו אלהיכם כהן הוא דכתיב (שמות כה) ויקחו לי תרומה כי קבריה למשה במאי טביל וכי תימא במיא והכתיב (ישעיה מ) מי מדד

ככתו על גולגו: א"ל. קיסר שמשא אכולי עלמא ניחא: שמשא. חמה:
גחכן. הוכא דמצחק בנביאיו: מ"ט דשביעתא. למה צוה הקב"ה על השמיטה: דשוי לתרוייכו. עצה מועלת לשניכם כמו אין שוה לבניהם: כדי שתדעו וכו'. ולא ירום לבבכם בשבת א.לסס ותשבתו עול מלכות שמים :

---

האט דער קיסר געזאגט צו רבן גמליאל פאר וואס שלאגסטו אים. האט רבן גמליאל געזאגט ווייל דיא זוהן גייט אריין אין שטוב: האט דער קיסר געזאגט וואס איז דער בעדינער שולדיג. די זוהן רוהט אויף די גאנצע וועלט. האט רבן גמליאל געזאגט צום קיסר מאדאך די זוהן וואס זי איז נאר איינע פון דיא טויזענד מאהל טויזענד צעהן טויזענדער פון דיא בעדינערס פון גאט. רוהט דיא זהן אויף דיא גאנצע וועלט. היינט דיא רוהונג פון גאט אליין איז געווים אויף דיא גאנצע וועלט :

כט אמר. אאפיקורוס האט געזאגט צו רבי אבהו אייער גאט לאכט פון מענטשין. ווארום נאט האט געזאגט צום נביא יחזקאל דו זאלסט ליגען אויף דיין לינקע זייט דריי הונדערט מיט ניינציג טעג. דער נאך זאלסטו ליגען אויף דיין רעכטע זייט פערציג טעג. ווייא דער אפיקורוס האט אזוי גישמועסט מיט רבי אבהו איז גיקומען אתלמיד אונ האט געזאגט צו רבי אבהו פאר וואס האט גאט גיבאטען אויף דעם זיבעטען יאהר (דאס איז שמטה) מען זאל ניט האקערין אונ ניט זייען נאזו וויא עס שטייט אין די סדרה בהר]: האט רבי אבהו געזאגט איצט וועל איך אייך זאגן אזאך וואס עס וועט זיין גוט פאר אייך ביידע. גאט האט געזאגט צו דיא יודין איר זאלט זייען זעקס יאהר אונ דעם זיבעטין יאהר זאל די פעלד זיין ליידיג. איר זאלט וויסען אז דיא ערד איז מיינע. אונ די יודין האבען ניט אזוי גיטאהן. נאר זייא האבען געזינדיגט אונ האבען גיזייט דעם זיבעטין יאהר אויך. ווענען זיי פאר טריבען גיווארין פון לאנד. דער פירונג פון דר וועלט איז. אז אמדינה זינדיגט אויף אמלך. אויב דער מלך איז אשלעכטער הרגת ער אלע מענטשין וואס האבען געגין אים געזינדיגט. אונ אויב ער איז אגוטער מלך. הרגת ער נאר דיא העלפט פון זיי. וועלין שוין די אנדערע העלפט מורא האבען. אונ אויב ער איז גאר אגוטער געמט ער נאר די גרעסטע פון זייא אונ שטראפט זייא מיט יסורים. וועלין שוין דיא קלענערע מורא האבען. גאט האט אויך געזאגט איך וועל שטראפין דעם נביא יחזקאל. וועלין שוין אלע יודין מורא האבען אונ וועלין תשובה טאהן. וועל איך זייא מוחל זיין זייערע עבירות :

ל אמר. אאפיקורוס האט געזאגט צו רבי אבהו אייער גאט איז דאך אכהן. אזוי וויא עס שטייט אין פסוק גאט האט געזאגט מען זאל געמען צו מיר תרומה אונ תרומה גיהער צו אכהן. אז גאט האט בגראבין משה רבינו איז ער דאך טמא גיווארין. אין וואס האט ער זיך טובל גיוועין. טאמער וועסטו זאגין ער האט זיך טובל גיוועין אין וואסער. עס שטייט דאך אין פסוק

ווער

מדד בשעלו מים אמר ליה בנורא טביל דכתיב (שם סו) כי הנה ה' באש יבא וגו' ומי סלקא טבילותא בנורא א"ל אדרבה עיקר טבילותא בנורא הוא דכתיב (במדבר לא) (כל דבר אשר יבא באש תעבירו באש וטהר וגו') וכל אשר לא יבא באש תעבירו במים. א"ל ההוא מינא לר' אבינא כתיב (ש"ב ז) ומי כעמך ישראל גוי אחד בארץ מאי רבותייכו יתון נמי ע־ביתו בהדן דכתיב (ישעיה מ) כל הגוים כאין נגדו. א"ל מדידכו אסהידו עלן דכתיב (ע"ב) (במדבר כג) ובגוים לא יתחשב (כדר' אלעזר ד) ר' אלעזר רמי כתיב (תהלים קמה) טוב ה' לכל וכתיב (איכה ג) טוב ה' לקויו משל לאדם שיש לו פרדס כשהוא משקה משקה את כולו כשהוא עודר אינו עודר אלא טובים שבהם:

ויעבור

וכל אשר לא יבא באש וגו'. דהוי דמייה ודריש ליה הכי כל מי שאינו יכול לבא באש מפני שישרף באש תעבירו במים: כל הגוים כאין. גם אתכם לא הוציא מן הכלל: מדידכו. נביאים שלאו מכם דהיינו בלעם שהיה עכו"ם העיד עלינו שאין אנו בכללו כלל: ובגוים לא יתחשב. כל מקום שהוזכרו שם גוים לא הוזכרו ישראל בכלל: כשהוא משקה. אינו מונע המים לילך לטובים ולרעים לפי שאינו אלא כורה אחד וכשהוא עודר דהוי טורח לכל אחד ואחד אינו עודר אלא הטובים: עודר. חופר כך הקב"ה זן טובים ורעים הכל בעבור אחד ממלא את כל העולם כולו טובה שהכל שלו אבל כשבא לשגין

---

ווער האט גימאסטין מיט זיין טריט דיא וואסער זענען דאך אלע וואסערין גאר איין טריט פון גאט. קען דאך זיך גאט ניט טובל זיין אין וואסער. האט רבי אבהו גיזאגט צום אפיקורוס גאט האט זיך טובל גיוועזן אין פייער. אזוי וויא עס שטייט אין פסוק גאט וועט קומען אין פייער. האט דער אפיקורוס גיפרעגט אז מען איז זיך טובל אין פייער ווערט מען דען טהור. האט רבי אבהו גיזאגט טובלין זיך דארף מען גאר אין פייער. אזוי וויא עס שטייט אין פסוק אלע זאכין וואס עס קענין קומען אין פייער עס וועט ניט פאר ברענט ווערין זאל מען דאס אריין לייגין (טובלין) אין פייער. וועט זיין טהור. אונ דיא אלע זאכין וואס קענען ניט קומען אין פייער וויא וועלין פאר ברענט ווערין זאל מען דאס טובלין אין וואסער:

אמר. אאפיקורוס האט גיזאגט צו רבי אבינא עס שטייט אין פסוק ווער איז וויא דיין פאלק ישראל. זייא זענען איין פאלק אויף דער וועלט. וואס איז אייער גרויסקייט. איר זענט אויך צו מישט מיט אונז. ווארום עס שטייט אין פסוק אלע פעלקער זענען וויא גאר נישט גיגין גאט. אז מען זאגט אלע פעלקער. מיינט מען דאך דיא יודין אויך. זענען דאך די יודין אויך וויא גאר נישט. האט רבי אבינא גיזאגט צים אפיקורוס אייער אייגענער נביא האט עדות גיזאגט אויף אונז אז מיר זענען ניט גירעכינט צווישען גוים. אזוי וויא עס שטייט אין פסוק בלעם האט גיזאגט צווישען פעלקער וועלין יודין ניט גירעכינט. וויא עס שטייט דער ווארט גוים. פעלקער. מיינט מען אלע פעלקער אויסער יודין דריבער אז עס שטייט אלע פעלקער זענען גיגין גאט וויא גאר נישט. מיינט מען ניט דיא יודין:

רבי אלעזר האט גיפרעגט אין איין פסוק שטייט טוב ה' לכל. גאט איז גוט צו אלע מענטשין. צו צדיקים אונ צו רשעים. אונ אין איין אנדער פסוק שטייט גאט איז גאר גוט צו דיא וואס האפין צו אים. נאר דאס איז גלייך צו א מענטשין וואס האט א ווייגארטין. אז ער בשפריצט דעם וויינגארטין מיט וואסער. גייט דיא וואסער אויף דיא גוטע בוימער אונ אויף דיא שלעכטע בוימער. אונ ער פארשטעלט ניט דיא וואסער זייא זאלין ניט גיין אויף דיא שלעכטע בוימער. ווארום וואס הארט אים אז עס וועט גיין אויף דיא שלעכטע בוימער אויך. ער האט זיך דאך וועגין דיא שלעכטע בוימער גאר ניט מטריח גיוועזן. אבער אז ער דארף גראבין ארום דיא בוימער. מוז ער דאך גראבין ארום יעדער בוים בזונדער. גראבט ער נאר ארום דיא גוטע בוימער. אבער ניט ארום דיא שלעכטע בוימער. בייא גאט איז אויך אזוי. אז ער וויל שפייזין דיא וועלט. מיט איין ווארט ווען ער זאגט דעם יאהר זאלין אלע תבואות גראטין ווערט שוין פול דיא גאנצע וועלט מיט גוטס. דריבער ווערין גישפייזט דיא גוטע אונ דיא שלעכטע. אבער אז גאט דארף בשיצען אויף דיא מענטשין. דארף ער דאך שיצען אויף יעדער מענטש בזונדער

שיצט

(מ"א כב) **לא ויעבור** הרנה במחנה אמר ר' אחא בר הנינא (משלי יא) באבוד רשעים רנה באבוד אחאב בן עמרי רנה ומי חדי קודשא בריך הוא במפלתן של רשעים והכתיב (דה"ב כ) בצאת לפני החלוץ ואומרים הודו לה' כי לעולם חסדו וא"ר (יוחנן) [יונתן] מפני מה לא נאמר בהודאה זו כי טוב לפי שאין הקב"ה שמח במפלתן של רשעים דא"ר שמואל בר נחמן א"ר יונתן מ"ד (שמות יד) ולא קרב זה אל זה כל הלילה באותה שעה בקשו מלאכי השרת לומר שירה לפני הקב"ה אמר להן הקב"ה מעשה ידי טובעים בים ואתם אומרים שירה לפני א"ר יוסי בר הנינא הוא אינו שש אבל אחרים משיש דיקא נמי דכתיב (דברים כח) והיה כאשר שש ה' וגו' כתיב ישיש ולא כתיב ישוש ש"מ:

(מ"א כב) **לב והזונות** רחצו וגו' א"ר אלעזר למרק שתי חזיונות אחת של מיכיהו ואחת של אליהו במיכיהו כתיב (שם) אם שוב תשוב בשלום

לא

מן הפורענות. שלא שבר אינו אלא לקיום: ויעבור הרנה. מדלא כתיב רנה משמע הרנה המיוחדת שהיתה עתידה לבא בשבר הזכרים והיכן הוזכרה באבוד רשעים רנה והיה העולם מלפס מהי הבא הרנה היינו בל אחאב ובאבואג עברה הוזכרה הרנה בפי הכל: בצאת לפני החלוץ. ביהושפט כתיב בצאת להלחם בעמונים שבאו עליו: כי טוב. משמע כי טוב בעיניו הודאה ושמחה: דכתיב שש ה' עליכם להאביד אתכם וגו'. ישיש אחרים שונאיכם:

והזונות רחצו. באחאב כתיב במיתתו: למרק. ללקוט ולהאיר כלומר רחצו והובררו השתי הזיונות

---

שיצט ער נאר אויף דיא גוטע אבער ניט אויף דיא שלעכטע:

**לא** ויעבור. עס איז דורך געגאנגען אגיזאנג אין דער מחנה. רבי אחא בר חנינא זאגט אז ארשע ווערט פארלארין איז אגיזאנג. אז אחאב בן עמרי איז פארלארין געווארין איז געווען אגיזאנג: פרעגט דיא גמרא פרייט זיך דען גאט אז ארשע שטארבט. עס שטייט דאך אין פסוק ווען מען איז ארויס געגאנגען פאר דיא געוואפינטע אין דער מלחמה. האט מען גזאגט הודו להי כי לעולם חסדו לויבט צו גאט ווארום זיין חסד איז אויף אייביג. האט רבי יונתן גזאגט פאר וואס שטייט ניט ביא דעם לויב כי טוב: הודו לה' כי טוב. ווייל גאט פרייט זיך ניט אז רשעים שטארבין. דריבער איז דער לויב פון אמלחמה ניט גוט ביא גאט. ווארום רבי שמואל בר נחמן האט גזאגט פון רבי יונתנס וועגין עס שטייט אין פסוק ווען דיא מצרים האבין געיאגט דיא יודין אגאנצע נאכט האט ניט גינענט איינער צום אנדערין. דאס מיינט מען דיא מלאכים האבען ניט גינענט איינער צום אנדערין צו זאגין שירה. ווארום אין דיא צייט ווען דיא מצריים האבין גיטרונקען אין ים. האבין דיא מלאכים גיוואלט זאגין שירה פאר גאט, האט גאט גזאגט צו דיא מלאכים דיא מענטשין וואס איך האב בשאפין ווערין דער טרונקען אין ים. אונ איר ווילט זאגין שירה פאר מיר. זעהן מיר דאך אז גאט פרייט זיך ניט ווען רשעים שטארבין. האט רבי יוסי בר חנינא גזאגט גאט אליין פרייט זיך ניט אז רשעים שטארבין. אבער ער דער פרייט אנדערע מענטשין. דיא וואס האבין פיינט גיהאט דעם רשע פרייען זיך ווען דער רשע שטארבט. פון פסוק זעהט מען אויך אזוי. עס שטייט אין פסוק ישיש. גאט ווערט מאכען אנדערע זאלין זיך פרייען. אונ עס שטייט ניט ישוש ער אליין ווערט זיך פרייען. ווארום גאט אליין פרייט זיך ניט אז רשעים שטארבין. אבער די וואס האבען פיינט גיהאט די רשעים פרייען זיך יא:

**לב** והזונות רחצו. ביי אחאב שטייט ווען מען הט אים גיהרגת אונ דיא בלוט איז ארויין גיגאסען גיווארין אין זיין רייט וואגין. דער נאך האט מען אויס גיגאסען די בלוט נעבין אקוואל אונ דיא הינט האבען גילעקט זיין בלוט. אונ דיא זונות האבען זיך גיוואשען. זאגט רבי אלעזר מען זאל ניט לייענען והזונות. נאר מען זאל לייענען והזיונות. דיא נבואות. דיא צווייא נבואות איינע פון מיכיהו אונ די אנדערע פון אליהו. זענען גיוואשען אונ קלאר גיווארין. דאס מיינט מען זייא זענען מקוים גיווארין. מיכיהו הט גזאגט צו אחאב אויב דוא וועסט קומען צוריק אהיים לעבעדיג פון דער מלחמה. הט ניט גאט גירעט מיט מיר. אונ אליהו הט גזאגט צוא

אחאב

לא דבר ה' בי באליהו כתיב (שם כא) במקום אשר לקקו הכלבים את דם נבות. רבא אמר זונות כמש אחאב איש מצונן היה ועשתה לו איזבל ב' צורי זונות במרכבתו כדי שיראה אותם ויתחמם (שם כב) ואיש משך בקשת לתומו ויכה וגו' ר' אלעזר אומר לפי תומו רבא אמר להתם שתי חזיונות אחת של מיכיהו ואחת של אליהו:

שנאמר עליו: מתוק היה. לא היה אוהב תשמיש: דמים שהי זונות כו'. וכיון רחצו אותן ב' ערות כתאו מדמו: להתם. לתשלום:

מאי קאמר. האי קרא מה ענין ועובדיהו היה ירא הלל ויקרא אחאב: נתברכתם. כתיב ירא אלהים אתה ולא כתיב מאד: מפני מה זכה לנביאות.

לג כתיב (מ"א יח) ויקרא אחאב אל עובדיהו אשר על הבית ועובדיהו היה ירא את ה' מאד מאי קאמר [קרא] (א"ל) [אמר] רבי יצחק הכי א"ל ביעקב כתיב (בראשית ל) נחשתי ויברכני ה' בגללך וביוסף כתיב (שם לט) ויברך ה' את בית המצרי בגלל יוסף וביתיה דההוא גברא לא קא מבריך שמא לא ירא אלהים הוא יצאת בת קול ואמרה ועובדיהו היה ירא את ה' מאד וביתו של אחאב אינו מזומן לברכה. אמר (רבא) [ר' אבא] גדול שנאמר בעובדיה יותר כמה שנאמר באברהם אבינו דאילו באברהם לא כתיב מאד ובעובדיה כתיב מאד. וא"ר יצחק מפני מה זכה עובדיה לנביאות מפני שהחביא מאה נביאים במערה דכתיב (מ"א יח) ויהי בהכרית איזבל את נביאי

---

אחאב אויף דעם ארט וואו דיא הינט האבען גילעקט דיא בלוט פון נבות. ווערין זייא לעקין דיין בלוט. אונ אזוי איז טאקי גיוועזן. רבא זאגט והזונות רחצו מיינט מען די זונות האבען זיך גיוואשין. ווארום אחאב איז גיוועזן אקאלטער מענטש. אונ ער פלעגט זיך ניט בהעפטין מיט זיין ווייב נאר אמאהל אין אלאנגע צייט. האט זיין ווייב איזבל גימאכט צוויי צורות פון זונות אונ האט זייא ארין גישטעלט אין זיין רייט וואגין ער זאל זייא זעהן וועט ער דער היצט ווערין צו זיין ווייב. אונ ווען דער רייט וואגין איז פול גיווארין מיט בלוט. זענען דיא צווייא בילדער פון זונות גיוואשין גיווארין אין דעם בלוט פון אחאב. עס שטייט אין פסוק ואיש משך בקשת לתומו. אמענטש האט גיצויגין מיט זיין בויגין צו זיין גאנצקייט אונ דער פייל איז גיפאלען אויף דיא פרייצעס פון אחאב אונ האט אים גיהרגת. רבי אלעזר זאגט צו זיין גאנצקייט מיינט מען ער האט ניט אין זינען גיהאט צו הרגנן אחאב. נאר דער פייל איז גיפאלין אויף אחאב. רבא זאגט צוא זיין גאנצקייט מיינט מען דער פייל איז גיקומען אויף אחאב אונ האט אים גיהרגת. גאנץ צו מאכין דיא צווייא נבואות: איינע פון מיכיהו אונ איינע פון אליהו וואזוי וויא פריער שטייט:

לג כתיב. עס שטייט אין פסוק אחאב האט גירופין צו עובדיהו וואס ער איז גיוועזן דער בעל הבית פון אחאבס שטוב. אונ עובדיהו האט גיהאט גרויס מורא פאר גאט. פרעגט דיא גמרא וואס זאגט דער פסוק. רבי יצחק זאגט אזוי האט אחאב גיזאגט צו עובדיהו. ביא יעקב שטייט לבן האט גיזאגט צו יעקב איך האב גיפרובט אונ האב גיזעהן אז גאט האט מיך גיבענטשט פון דיינעטוועגין. ביא יוסף שטייט גאט האט גיבענטשט דיא הויזי פון מצרי פון וועגין יוסף. אונ מיין שטוב איז ניט גיבענטשט גיווארין דורך דיר. מאכער ביסטו גאר ניט פרום אונ האסט ניט מורא פאר גאט. איז ארויס גיגאנגען אקול פון הימעל אונ האט גיזאגט עובדיהו האט שטארק מורא פאר גאט. נאר דיא שטוב פון אחאב איז ניט ווערט זיא זאל גיבענטשט ווערין. רבי אבא זאגט דער פסוק זאגט אויף עובדיהו מער וויא ער זאגט אויף אברהם אבינו. ביא אברהם שטייט איצט זעה איך דו האסט מורא פאר גאט. אונ עס שטייט ניט מאוד. שטארק מורא. אונ ביא עובדיהו שטייט מאוד. ער האט גיהאט שטארק מורא פאר גאט. נאך האט רבי יצחק גיזאגט פאר וואס האט עובדיה זוכה גיוועזן צו זיין אנביא. ווייל ער האט בעהאלטין הונדערט נביאים אין אקעלער. איזבל זאל זייא ניט הרגנן. אזוי ווי עס שטייט אין פסוק ווען איזבל האט פארשניטען דיא נביאים פון גאט. האט עובדיה גינומען הונדערט נביאים אונ ער האט זייא בעהאלטין פופציג אין איין קעלער. אונ פופציג אין

איין

נביאי ה' ויקח עובדיהו מאה נביאים ויחביאם חמשים (המשים) איש במערה מ"ש חמשים (המשים) [איש] א"ר אלעזר מיעקב למד שנא' (בראשית לב) והיה המחנה הנשאר לפליטה ר' אבהו אמר לפי שלא היתה המערה מחזקת יותר מהמשים (איש). (עובדיה א) חזון עובדיה כה אמר ה' אלהים לאדום מאי שנא עובדיה לאדום א"ר יצחק אמר הקב"ה יבא עובדיה שדר בין שני רשעים ולא למד כמעשיהם ויתנבא על עשו שדר בין ב' צדיקים ולא למד ממעשיהם אמר אפרים מקשאה תלמידו של ר' מאיר [משום ר"מ] עובדיה גר אדומי היה והיינו דאמרי אינשי מניה וביה אבא ליזיל ביה נרגא:

(ש"ב ח) **לד ויך** את מואב וימדדם בחבל השכב אותם ארצה וימדד שני חבלים להמית וגו' אמר [ר' יוחנן משום] ר' שמעון בן יוחאי היינו דאמרי אינשי מיניה וביה אבא ליזיל ביה נרגא. כי אתא רב דימי אמר ירך מתוכה מסרחת (מ"ב ג) ויקה

מכרי גר היה כדלקמן ואין הסכינה בורה אלא על המיוחסין בבישראל כדכתיב להיות לך [לאלהים] ולזרעך אחריך: מלי שלא המשים. ולא כהביאם כל המאה במערה אחת: אין מערה מחזקת יותר מהמישים. מערות שלו לא היו מחזיקות יותר: מאי שנא עובדיה לאדום. הואיל ולא כהנבא נבואה אחרת למה נבחר לזו מכאר הנביאים: שני רשעים. אחאב ואיזבל: שני צדיקים. יצחק ורבקה: מיניה וביה אבא ליזיל ביה נרגא. אבא יער מעצמו של יער יכנס בתוך הגרזן להיות בית יד ויקצצו בו את היער וכן עובדיה לאדום ודוד למואב והוא יצא מרות המואביה:

---

איין אנדער קעלער. פאר וואס האט ער בעהאלטין פופציג אין אקעלער. און ניט די גאנצע הונדערט אין איין קעלער. האט רבי אלעזר גזאגט עובדיה האט אפ גילערונט פון יעקב. אזוי וויא עס שטייט אין פסוק יעקב האט צו טיילט זיינע מענטשין מיט זיין גאנץ פאר־מעגין אין צוויא טייל. און ער האט גזאגט אויב עשו וועט קומען צו איין מחנה. וועט די אנדערע מחנה אנטרונען ווערין. אזוי האט עובדיה אויך גיטראכט טאמער וועט איזבל געפינען איין קעלער מיט נביאים. וועלין דיא נביאים פון אנדערין קעלער אנטרונען ווערין. רבי אבהו זאגט דריבער האט עובדיה בעהאלטין נאר פופציג נביאים אין אקעלער. וויל דיא קעלערס זענען גיוועזן קליינע. און מער וויא פופציג מענטשין אין אקעלער האט ניט גיקענט זיין. עס שטייט אין פסוק חזון עובדיה. דיא נבואה פון עובדיה. אזוי האט גאט גזאגט צו אדום. פאר וואס האט עובדיה נביאות גזאגט אויף אדום. און ניט קיין אנדער נביא. האט רבי יצחק גזאגט גאט האט גזאגט זאל קומען עובדיה וואס ער האט גיוואנט צווישען צוויא רשעים (אחאב און איזבל). און ער האט ניט אפגילערונט זייערע שלעכטס. און ער זאל נביאות זאגין אויף עשו וואס ער האט גיוואנט צווישען צוויא צדיקים (יצחק און רבקה) און ער האט ניט אפגילערנט זייערע פרומקייט. אפרים מקשאה דער תלמיד פון רבי מאיר האט גזאגט פון רבי מאירס וועגין עובדיה איז גיוועזן אגר פון אדום. דריבער האט ער נביאות גזאגט אויף אדום אז גאט וועט זייא שטראפין. דאס איז וואס מענטשין זאגין פון דעם וואלד נעמט מען אהאלץ אריין צו שטעקין אין דיא האק אוים צו האקין דעם וואלד:

**לד** ויך. דוד המלך הט גישלאגין מואב. ער האט זיי אוים גיליגט אויף דיא ערד. און ער הט זייא גימאסטען מיט אשטריק. ער האט אפ גימאסטין צוויי מאהל מיט דעם שטריק און ער האט זייא גיהרגת. דער נאך האט ער גימאסטען איין מאהל מיט דעם שטריק און ער האט זיי גילאזט לעבין. צוויי דריטול פון מואב האט ער גיהרגת. און איין דריטול האט ער גילאזט לעבין. פר וואס האט דוד אזו גישלאגן די מואבים. רבי יוחנן זאגט פון רבי שמעון בן יוחאים וועגין דאס איז וואס מענטשין זאגין פון דעם וואלד נעמט מען אהאלץ אריין צוא שטעקין אין די האק אוים צו האקין דעם וואלד. וויל דוד איז פון מואב (פון רות המואביה) דריבער הט ער גישלאגין דיא מואבים. אז רב דימי איז גיקומען הט ער גזאגט אפאלקע פלייש אז זיא ווערט אלט הייבט זי אן צו שטינקען פון זיך אליין. אזוי איז מואב גיהרגת גיווארין פון זיך אליין. דוד וואס ער איז פון מואב האט ער גיהרגת דיא מואבים. עס שטייט אין

בפסוק

ויקח את בנו הבכור אשר ימלוך תחתיו ויעלהו עולה על החומה רב ושמואל חד אמר לשם שמים וחד אמר לשם ע"ז בשלמא למ"ד לשם שמים היינו דכתיב (שם) ויהי קצף גדול על ישראל אלא למ"ד לשם ע"ז מאי ויהי קצף גדול על ישראל כדר' יהושע בן לוי דריב"ל רמי כתיב (יחזקאל ה) וכמשפטי הגוים אשר סביבותיכם לא עשיתם וכתיב (שם יא) וכמשפטי וגו' עשיתם כמתוקנים שבהם לא עשיתם אבל כמקולקלים שבהם עשיתם. (מ"ב ג) ויסעו מעליו וישובו לארץ אמר ר' חנינא בר פפא אותה שעה ירדו שונאיהם של ישראל למדרגה התחתונה. (מ"א א) והנערה יפה עד מאד א"ר חנינא בר פפא עד ין לא הגיעה לחצי יופיה של שרה דכתיב עד מאד ולא מאד בכלל:

אמר

**פירוש**

משוכה מסרתה. מגופה ומתוך עוביה מתחיל הסרהון: כמתוקנין שבהם לא עשיתם. כגון עגלון מלך מואב שהיה מכבד את השם כשאמר לו אהוד דבר אלהים לי אליך המלך מיד ויקם מעל הכסא: כמקולקלין שבהם. כגון מישע מלך מואב שהקריב בנו לע"ז כך היו ישראל עושין וכאותה שעה מכר להם אותו עון שהיו רגילים גם הם בו: לארץ. מדלא כתיב לארצם ה"ק לשפלות ולתהיות שנו שנגזר עליהם פורענות: ולא מאד בכלל. וכשרה כתיב כי יפה היא מאד והאי קרא דאבישג נקט למדרש הכא משום דרבה דלע"ל דדרים מאד דכתיב בעובדים:

---

פסוק דער מלך פון מואב הט גינומען זיין עלצטין זוהן וואס ער וואלט געקיניגט נאך אים אונ ער האט אים ארויף געברייננט אויף דיא מאהער אונ האט אים מקריב גיוועזן פר אעולה. רב אונ שמואל קריגען: איינער זאגט ער הט אים מקריב גיוועזן צו גאט. אונ איינער זאגט ער האט אים מקריב גיוועזן צו דער עבודה זרה. זאגט דיא גמרא נאך דעם וואס זאגט אז ער הט מקריב גיוועזן זיין זוהן צו גאט. איז רעכט וואס עס שטייט אין פסוק עס איז גיוועזן אגרויסער כעס פון גאט אויף די יודין ומאדאך דער מלך פון מואב וואס ער איז אגוי האט ער גערינט צו גאט אונ האט מקריב גיוועזן צו אים זיין עלצטע קינד. אונ די יודין האבען ניט גיוואלט דינען צו גאט]. אבער דער וואס זאגט אז ער הט מקריב גיוועזן דעם זוהן צו די עבודה זרה. פאר וואס איז גיוועזן אגרויסער כעס אויף די יודין. זאגט די גמרא דער כעס איז גיוועזן אזוי ווי רבי יהושע בן לוי הט גזאגט. ווארום רבי יהושע בן לוי הט גיפרעגט אין איין פסוק שטייט אזוי ווי דער פירונג פון דיא פעלקער וואס ארום אייך הט איר ניט גיטאהן. אונ אין אנדערין פסוק שטייט אזוי וויא דער פירונג פון די פעלקער וואס ארום אייך הט איר יא גיטאהן. וויא די גוטע גוים האבען גיטאהן הט איר ניט גיטאהן ולמשל עגלון דער מלך פון מואב אז אהוד האט גזאגט צו אים איך האב מיט דיר צו ריידן אגעטליכע זאך. איז עגלון אויף גישטאנען פון זיין שטוהל: אונ האט גיגעבין כבוד צו גאט. אונ איר גיט ניט קיין כבוד צו גאט]. אונ ווי די שלעכטע גוים האבען גיטאהן. הט איר יא גיטאהן [אזוי וויא דער מלך פון מואב האט מקריב גיוועזן זיין זוהן צו די עבודה זרה. אזוי פלעגט איר אויך מקריב זיין אייערע קינדער צו דיא עבודה זרה]. אונ דער מלך פון מואב האט דער מאנט פר גאט דעם כעס אויף דיא יודין. דער נאך האבען דיא יודין אפ גיצויגען פון מואב אונ זיי האבען צוריק גיקערט לארץ. רבי חנינא בר פפא זאגט זאלסט ניט טייטשין לארץ צום לאנד. נאר לארץ מיינט מען צו דיא ערד. אין דער צייט האבען דיא יודין אראפ גענידערט ביז צו דיא ערד. מען הט אויף זיי גזר גיוועזן שלעכטע גזרות: עס שטייט אין פסוק די נערה [ואבישג השונמית] איז גיוועזן שיין ביז מאד. רבי חנינא בר פפא זאגט די אבישג איז נאך ניט גיקומען ביז צו די העלפט שיינקייט פון שרה. ווארום ביי שרה שטייט יפה מאד. זי איז גיוועזן זייער שיין. אונ ביי אבישג שטייט זי איז גיוועזן שיין ביז מאד. ביז זייער. אבער ניט זייער שיין:

# היו בודקין פרק המישי

(דף מא ע"ב) **א אמר** רב אחא בר' חנינא א"ר אסי א"ר יוחנן עד כמה מברכין על החדש עד שתתמלא פגימתה וכמה א"ר יעקב בר אידי אמר רב יהודה עד שבעה נהרדעי אמרי עד ט"ז (דף מב) ותרוייהו כר' יוחנן ס"ל הא למהוי כי יתירא הא למהוי כי נפיא אמר ליה רב אחא מדפתי לרבינא וליבריך הטוב והמטיב א"ל אטו כי חסר מי מברכינן דיין האמת [דלברך הטוב והמטיב] וליברכינהו לתרויהו כיון דהיינו אורחיה לא מברכינן:

**ב ואמר** רב אחא בר' חנינא (אמר רב אסי) א"ר יוחנן כל המברך על החדש בזמנו כאילו מקבל פני שכינה כתיב הכא (שמות יב) החדש הזה

עד כמה מברכין. אם לא בירך היום יברך למחר: על החדש: על הלבנה בהתחדשה: עד שתתמלא פגימתה. אבל בתר הכי לא שייך למימר מחדש חדשים שהרי כבר נשנה היא: ותרוייהו כרבי יוחנן. במילתיה דרבי יוחנן פליגי ועד שתתמלא כ"ל מיהו רב יהודה סבר מילוי פגימתה דקאמר רבי יוחנן למיהוי כי יתירא דהוא כמו יתר בל קשת שהיא כל פגימת הקשת מלאה עד היתר דהיינו תלי בעיגול והוי לסוף ז' הוא ונהרדעי סברי מלוי פגימה דקאמר רבי יוחנן עד שתהיה כי נפיא עגולה במלואתה: וליבריך הטוב והמטיב. אהרב יהודה פריך הכי נמי דמשבעה ואילך ניכא למימר מחדש חדשים ניברך מיהא הטוב והמטיב שבכל שעה הוא מטיב לנו במילואתה תמיד שמוספת להאיר לעולם: אטו כי חסר. מתחבסק ליה רעה לגבן לברך דיין האמת הכתוב את מילואתה טיבותא לברוכי הטוב והמטיב: וניברך לתרוייהו. דיין האמת בחסרונה וטוב ומטיב במילואתה: דהיינו אורחיה. בכל חודש בריאת עולם כמנהגו היא ואין כאן דין פורענות בחסרונה ולא הטבה לנו הכד במילואתה:

דיין

## פרק חמישי

**א** אמר. רב אחא ברבי חנינא האט געזאגט רב אסי האט געזאגט פון רבי יוחנן'ס וועגן ביז וויא פיל טעג אין חודש מעג מען מחדש זיין דיא לבנה. ביז עס וועט פול ווערין איר פגימה; וויא פיל טעג אין חודש איז דאס. רבי יעקב בר אידי האט געזאגט פון רבי יהודה'ס וועגן ביז זיבען טעג אין חודש. די נהרדעי זאגין ביז זעכצעהן טעג אין חודש. און ביידע האלטען וויא רבי יוחנן ביז דיא פגימה פון דער לבנה וועט פול ווערין. נאר זייא קריגען וואס מיינט מען פול ווערין. רבי יעקב בר אידי זאגט מען מיינט זיא זאל ווערין פר גליכט אזוי ווי דער שטריק פר גליכט דעם פייל בויגין. ווארום באלד ווי די לבנה קומט אין אנהייב חודש. איז זי אזוי ג און אלע טאג ווערט זיא פולער אינווייניג. און ביז זיבען טעג איז זיא אין גאנצין פול: דער נאך טאר מען שוין ניט מחדש זיין דיא לבנה. ווארום זיא הייסט שוין ניט אנייע לבנה. נאר אאלטע לבנה. און דיא נהרדעי זאגין אז מען מעג מחדש זיין דיא לבנה ביז זיא ווערט קיילעכדיג וויא אזוי. און ביז זעכצעהן טעג דאערט זיא זאל אין גאנצען ווערין קיילעכדיג. רב אחא מדפתי הט געזאגט צו רבינא נאך רבי יהודה וואס ער זאגט אז נאך זיבען טאג איז מען שוין ניט מחדש דיא לבנה. אבער אברכה הטוב והמטיב דארף מען דאך זאגין. ווארום אלע טאג פאר בעסערט זיך דאך דיא ליכטיגקייט פון דיא לבנה. ביז זיא ווערט קיילעכדיג. האט רבינא געזאגט צו רב אחא אזו וויא דיא לבנה ווערט קלענער זאגט מען ניט דיין האמת. וואס דיא לבנה ווערט קלענער דייכט ניט קיין שלעכטס. אזוי וואס דיא לבנה ווערט גרעסער הייסט ניט קיין גוטס מען זאל דארפין מאכען אברכה הטוב והמטיב. פרעגט דיא גמרא זאל מען זאגין ביידע ברכות. ביז האלב חודש וואס דיא לבנה ווערט אלע טאג גרעסער און ליכטיגער. זאל מען מאכען אברכה הטוב והמטיב. און נאך האלב חודש וואס די לבנה ווערט אלע טאג קלענער און טינקעלער. זאל מען מאכען אברכה דיין האמת. ענטפערט דיא גמרא וייל דער בשאפונג פון דער וועלט איז אזוי. די לבנה זאל קלענער און גרעסער ווערין. דריבער דארף מען ניט מאכען אברכה:

**ב** ואמר. נאך האט רב אחא ברבי חנינא געזאגט רב אסי האט געזאגט פון רבי יוחנן'ס וועגן דער וואס איז מחדש דיא לבנה אין דער צייט. איז גלייך וויא ער וואלט אויף גינומען דעם פנים פון דיא שכינה. ווארום ביי דיא לבנה שטייט החודש הזה. און ביי גאט שטייט זה

וכתיב התם (שם טו) זה אלי ואנוהו תנא דבי ר' ישמעאל אלמלא (לא) זכו ישראל אלא להקביל פני אביהן שבשמים כל חדש וחדש דיין אמר אביי הלכך נימרינהו מעומד מרימר ומר זוטרא מכתפי (אהדדי) ומברכי א"ל רב אחא לרב אשי במערבא מברכי ברוך מחדש חדשים א"ל האי נשי דידן נמי מברכי אלא כדרב יהודה דאמר רב יהודה ברוך אתה ה' אשר במאמרו ברא שחקים (וברוח פיו כל צבאם חוק וזמן נתן להם שלא ישנו את תפקידם ששים ושמחים לעשות רצון קונם פועלי אמת שפעולתן אמת וללבנה אמר שתתחדש עטרת תפארת לעמוסי בטן שהן עתידין להתחדש כמותה ולפאר ליוצרם על שם כבוד מלכותו ברוך אתה ה' מחדש חדשים).

(משלי כד) ג כי בתחבולות תעשה לך מלחמה א"ר אחא בר' חנינא א"ר אסי א"ר יוחנן בְּמי אתה מוצא מלחמתה של תורה במי שיש בידו חבילות של משנה קרי רב יוסף אנפשיה (שם יד) ורב תבואות בכח שור:

דיין אילו לא זכו למצוה אחרת אלא לזו שמקבלין פני שכינה פעם אחת בחודש כדאמרן בגזירה שוה: אמר אביי. הואיל ומקבל פני שכינה מעומד. בעי לברוכי מפני כבוד שכינה שהוא מקבל: תפקידם. מלוה שאותיות להתנהג בסילוק תקופותיהם: ששים ושמחים. כדכתיב יפים כגבור: פועלי אמת. הם שאינם משנים את דרכם: ולגבנה אמר הקב"ה שתתחדש בכל חדש: עטרת תפארת. היא זו: לעמוסי בטן. היינו ישראל להם שאף הם במוזין לו עתידים להתחדש כנגוהן כמותה ולפאר ליוצרם ע"כ:

מלחמתה של תורה. קושיותיה ולעמוד על בוריה ועל עיקרה לא כאדם המפולפל ומחודד ובעל סברא ולא למד משניות וברייתות הרבה כי מסיכן יתגלה לו הסוד אלא בבעל משניות הרבה שאם יצטרך לו טעם בכהן ילמדנו מתוך משנה אחרת לו אם יקשה לו דבר על דבר יבין מתוך משניות הרבה שכינו כל גני פלוני היא ששמענוהו במקום אחר הומר כך:



---

אלי ואנוהו. לערנען מיר אגזרה שוה זה זה אז מען איז מחדש די לבנה איז גלייך וויא מען וואלט געזעהן דיא שכינה אונ מען וואלט געזאגט זה אלי. דבי רבי ישמעאל האבען געלערנט ווען יודין וואלטין ניט זוכה געוועזען צו קיין אנדער מצוה. נאר צו דיא איין מצוה מחדש צו זיין דיא לבנה יעדער חודש וואס דאס איז גלייך וויא ער וואלט אויף גענומען דעם פנים פון דעם פאטער וואס אין הימעל אלע חודש. וואלט אויך פאר יודין גינוג געוועזען. אביי זאגט דריבער דארף מען מחדש זיין דיא לבנה שטייענדיג. מרימר אונ מר זוטרא האבען ארויף גילייגט די הענט איינער אויף דעם חברס אקסיל אונ האבען מחדש געוועזן דיא לבנה. רב אחא האט געזאגט צו רב אשי אין ארץ ישראל מאכט מען א ברכה ברוך מחדש חדשים. האט רב אשי געזאגט אזוי א ברכה מעגין דאך ווייבער אויך זאגין. א ברכה אן השם איז גאר ניט קיין ברכה. נאר מען זאל זאגין אזוי וויא רב יהודה האט געזאגט [ווי עס שטייט אין די סדורים]:

ג כי בתחבולות תעשה לך מלחמה. רב אחא ברבי חנינא זאגט רבי אסי האט געזאגט פון רבי יוחנן וועגין ביי וועמען געפינט מען דיא מלחמה פון דער תורה. ביי וועלכין למדן קען מען געפינען אמתין דין. ווייל ער ווייס מלחמה צו האלטין אין דיא תורה. צוא פאר ענטפערין תירוצים אויף די קשיות וואס מען וועט אים פרעגין. דס איז נאר ביי דעם למדן וואס ער האט בינטלאך מיט משניות אונ ברייתות. ער הט גילערנט פיל משנות אונ ברייתות. אונ אזוי מיינט דער פסוק כי בתחבולות. אז דו וועסט האבען בינטלאך מיט משנות אונ ברייתות. תעשה לך מלחמה. וועסטו קענען מלחמה האלטען אין דער תורה. וועסטו קענען ענטפערין תירוצים צו די אלע קשיות וואס מען וועט דיר פרעגין. רב יוסף האט אויף זיך גיזייענט דעם פסוק ורב תבואות בכח שור. אזוי וויא דורך דעם האקער פון אקס [אז דער אקס האקערט מיט כח אונ דער האקער גראבט טיף אין דיא ערד] וואקסט פיל תבואות. צו געבין לעבין אויף דער וועלט צום גוף. אזוי דורך מיין לערנען מיט כח טאג אונ נאכט האב איך איין גיזאמעלט פיל משנות אונ ברייתות צוא וויסען אלע דינים צוא געבין לעבין אויף דער וועלט צוא די נשמות]:

ד (פיסקא) מצאו לו זכות וכו' ולא היו שותין יין כל היום וכו' יין מ"ט לא א"ר אחא בר חנינא אמר קרא (משלי לא) ולרוזנים אי שכר העוסקין ברזו של העולם אל ישתכרו:

שתטרוף דעתו. ולא יחוש ויתמהמה בהריגתו: זובח את יצרו. לאחר שכבשו לתאות הוא זובחו והורגו ושב בתשובה ומתודה עליו. בני מני"ן דרים לבני פגודים: זבחי אלהים. לשון רבים משמע: את הבזה. אין דבר לבזותו:

## נגמר הדין פרק ששי

(דף מג) **א אמר** רב חייא בר רב אשי אמר רב חסדא היוצא ליהרג משקין אותו קורט של לבונה בכוס של יין כדי שתטרף דעתו שנא' (משלי לא) תנו שכר לאובד ויין למרי נפש ותניא נשים יקרות שבירושלים היו מתנדבות ומביאות אותן לא התנדבו נשים יקרות משל מי הא ודאי מסתברא משל ציבור כיון דכתיב תנו מדידהו:

(שם ע"ב) **ב א"ר** יהושע בן לוי כל הזובח את יצרו ומתודה עליו מעלה עליו הכתוב כאילו כבדו להקדוש ב"ה בשני עולמין בעולם הזה ובעולם הבא דכתיב

---

ד פיסקא. מצאו. דיא דיינים וואס פר זייא איז געשטאנען א מענטש צום משפט אויב מען זאל אים הרגנן אדער ניין. אויב די דיינים האבען געפונען א זכות פאר אים. אז מען דארף אים ניט הרגנן. האט מען אים באלד געהייסען גיין אהיים. נאר אז זייא האבען געזעהן מען וועט אים יא דארפין הרגנן. האבען זייא אפ געלייגט דעם משפט אויף מארגען. און דעם גאנצען טאג און די גאנצע נאכט האבען זייא נאר געדארפט קלערין אין דעם דין. און זייא האבען ניט געטארט טרינקען וויין דעם טאג. פרעגט דיא גמרא פר וואס האבען זייא ניט געטארט טרינקען וויין. האט רבי אחא ברבי חנינא געזאגט עס שטייט אין פסוק ולרוזנים אי שכר. דיא מענטשין וואס זענען בשעפטיגט אין דיא סודות פון דער וועלט צו וויסען דעם אמת אויב מען דארף א מענטשין הרגנן אדער ניין. זאלין זייא ניט טרינקען קיין וויין טאמער וועלין זייא שכור ווערין. און וועלין פאלש פסקנן. און וועלין הרגנן א מענטשין אומזיסט וואס דאס איז גלייך ווי זייא וואלטין פר ליהרען א גאנצע וועלט (עיין פ"ד משנה כיצד):

## פרק ששי

אמר. רב חייא בר רב אשי האט געזאגט פון רב חסדא וועגין דער מענטש וואס מען פירט אים צום הרגנן גיט מען אים טרינקען א גלאז וויין און אין דיא וויין לייגט מען אריין א שטיקל לבונה. ער זאל פאר מישט ווערין און זאל נישט וויסען וואו הין מען פירט אים. אזוי וויא עס שטייט אין פסוק גיט אלטען וויין שטארקין צו דעם מענטש וואס ווערט פר לארין; און וויין זאלט איר געבין צו דעם מענטש וואס זיין הארץ איז אים פאר ביטערט. מיר האבען געלערנט דיא פרומע ווייבער וואס אין ירושלים פלעגין געבין א נדבה דיא וויין, אז דיא פרומע ווייבער האבען ניט געברייננגט דיא וויין. פון וועמען האט מען גינומען די וויין. געוויס האט מען גינומען געלט פון די שטאט קאסע און מען האט געקויפט די וויין; ווייל עס שטייט תנו שכר לאובד. איר זאלט געבין וויין צום פאר לארענעם. צו וועמען זאגט מען איר זאלט געבין. געוויס צו די מענטשין פון שטאט:

ב אמר. רבי יהושע בן לוי האט געזאגט דער וואס שעכט ווער נעמט איין זיין יצר הרע דער יצר הרע זאל זיין וויא טויט ער זאל אים ניט אן ריידין צו עבירות און ער איז זיך מתודה אויף דיא עבירות וואס ער האט געטאהן. רעכונט אויף אים דער פסוק גלייך וויא ער וואלט גיגעבין כבוד צו גאט אין ביידע וועלטין. אויף דיא וועלט און אויף יענע וועלט. אזוי וויא עס שטייט אין פסוק זובח תודה יכבדנני. דער וואס שעכט דעם יצר הרע. ער זאל שוין מער ניט טאהן קיין עבירות און ער איז זיך מתודה אויף דיא עבירות וואס ער האט גיטאר

בזאת וכזאת עייני בגמ' מפ' (טעמא) במעל דכתיב (תהלים נ) זובח תודה יכבדנני ואמר ריב"ל (בא
בגרמים אמרים) : שהוא מזומם. שהעדים שקרים וראה כמה גדולים נמוכי הרוח לפני הקב"ה) בזמן
שבית המקדש קיים אדם מקריב עולה שכר עולה בידו מנחה שכר מנחה בידו אבל מי
שדעתו שפלה מעלה עליו הכתוב כאילו הקריב כל הקרבנות כולן שנאמר (תהלים נא)
זבחי אלהים רוח נשברה ולא עוד אלא שאין תפלתו נמאסת שנאמר (שם) לב נשבר
ונדכה אלהים לא תבזה

**ג משנה** היה רחוק מבית הסקילה כעשר אמות אומרים לו התודה שכן דרך כל
המומתין מתודין שכל המתודה יש לו חלק לעה"ב שכן מצינו בעכן שא"ל
יהושע (יהושע ז) בני שים נא כבוד לה' אלהי ישראל ותן לו תודה וגו' ויען עכן את יהושע
ויאמר אמנה אנכי חטאתי וכזאת וגו' ומנין שכיפר לו וידויו שנאמר (שם) ויאמר יהושע
מה עכרתנו יעכרך ה' היום הזה היום הזה אתה עכור ואי אתה עכור לעולם הבא
ואם אינו יודע להתודות אומרים לו אמור תהא מיתתי כפרה על כל עונותי רבי יהודה
אומר אם היה יודע שהוא מזומם אומר תהא מיתתי כפרה על כל עונותי חוץ מעון זה
אמרו

---

גיטאהן. גיט ער כבוד צו גאט. אונ ווייל עס שטייט יכבדנני מיט צוויא נוני"ן. מיינט מען צוויא מאהל כבוד. אויף דיא וועלט אונ אויף יענע וועלט:

נאך האט רבי יהושע בן לוי גזאגט קום אונ זעה דער מענטש וואס איז בייא זיך נידעריג וויא גרויס איז ער בייא גאט. ווארום ווען דער בית המקדש איז גישטאנען אז אמענטש האט מקריב גיוועזן אעולה. האט ער גיהאט שכר פאר אעולה. אז ער האט מקריב גיוועזן אמנחה. האט ער גיהאט שכר פאר אמנחה. אבער דער מענטש וואס איז בייא זיך נידעריג. רעכונט אויף אים דער פסוק גלייך וויא ער וואלט מקריב גיוועזן אלע קרבנות. אזוי וויא עס שטייט אין פסוק זבחי אלהים רוח נשברה. דער מענטש וואס האט אצובראכין הארץ. איז גלייך וויא ער וואלט מקריב גיוועזן צו גאט אלע קרבנות. אונ זיין תפלה ווערט ניט פארמיאוסת בייא גאט וניט אזוי וויא אמענטש אז פאר אים קומט אזייכער עפעס בעטין. ענפערט ער אים באלד אונ גיט אים וואס ער פארלאנגט מיט אפרייליך פנים. צו ווייזין אז זיין גיבעט איז בייא אים אן גינומען. אבער אז אארעם מאן קומט פאר אים בעטין ענפערט ער אים ניט באלד. אונ גיט אים גאר ניט. אונ אז ער גיט אים. איז דאס מיט כעס. אבער גאט ענפערט דעם צו בראכענעם מענטש פריער וויא ער ענפערט דעם מענטש וואס איז גרויס בייא זיך. אזוי וויא עס שטייט אין פסוק דער וואס האט אצובראכין הארץ אונ אצושטויסענע. דעם וועט גאט ניט פארשעמען:

ג משנה. היה. אז ער איז גיוועזן ווייט צעהן איילין פון דעם ארט וואס מען דארף אים פארשטיינען. זאגט מען צו אים ער זאל זאגין וידוי. אזוי איז דער שטייגער דיא וואס דארפין גיהרגת ווערין זאגין פריער וידוי. אונ דער וואס זאגט וידוי האט עולם הבא. אונ אזוי געפינען מיר בייא עכן. יהושע האט גזאגט צו עכן מיין זוהן טוה כבוד צו גאט אונ זיי מודה דיין עבירה. האט עכן גיענפערט צו יהושע אונ האט גזאגט אמת איך האב געזינדיגט אונ אזוי האב איך גיטאהן. האט עכן גזאגט וידוי. אונ פון וואנען ווייסין מיר אז דער וידוי האט מכפר גיוועזן זיינע זינד ער זאל האבין עולם הבא. ווארום עס שטייט אין פסוק יהושע האט גזאגט צו עכן וואס האסטו אונז פארדארבין. זאל גאט דיך פארדארבין דעם היינטיגען טאג. נאר דעם היינטיגען טאג ביסטו פארדארבין. אבער צו עולם הבא ביסטו ניט פארדארבין. אונ אויב ער ווייסט ניט וויא צו זאגין וידוי. זאגט מען צו אים. זאג מיין טויט זאל זיין אכפרה אויף מיינע אלע עבירות. רבי יהודה זאגט אויב ער ווייסט אז ער האט דיא עבירה ניט גיטאהן נאר דיא עדות זענען פאלשע זייא האבין אויס גיטראכט אויף אים אליגען. זאל ער זאגין מיין טויט זאל זיין

אכפרה

אמרו לו א"כ יהו כל אדם אומר כן כדי לנקות עצמו: ד ת"ר [נא] אין נא אלא לשון בקשה בשעה שאמר ליה הקב"ה ליהושע (יהושע ז) חטא ישראל אמר לפניו רבש"ע מי חטא א"ל הקב"ה וכי דלטור אני לך הפל גורלות הלך והפיל גורלות ונפל הגורל על עכן א"ל (עכן) יהושע בגורל אתה בא עלי אתה ואלעזר הכהן שני גדולי הדור אתם אם אני מפיל עליכם גורל על אחד מכם הוא נופל א"ל בבקשה ממך אל תוציא לעז על הגורלות שעתידה א"י שתתחלק בגורל שנאמר (במדבר כ) אך בגורל (תהלק) [יחלק את] הארץ תן תודה אמר רבינא שחודי שחדיה במילי א"ל כלום אני מבקש ממך אלא הודאה תן (לו) תודה והפטר [יהושע ז) ויען עכן את יהושע ויאמר אמנה אנכי חטאתי לה' אלהי ישראל וכזאת וכזאת עשיתי א"ר אסי א"ר חנינא מלמד שמעל עכן בשלש חרמים שנים בימי משה ואחד בימי יהושע שנאמר וכזאת וכזאת עשיתי ר' יוחנן אמר משום ר' אלעזר בר' (יהושע) [שמעון]

ובמחשבתם הרעה יהרג הוא: יהא כל אדם. אף התופשים יהו אומרים כן לנקות את עצמן מן הבריות ויוציאו לעז על העדים והדיינים:
שים נא כבוד. נא בקשה: דלטור. רכיל: א"ל עכן יהושע בגורל אתה בא. להרגני בלא עדים:
בבקשה ממך. היינו דקאמר ליה נא: שחדיה במילי. פתהו באחד דברים עד שהודה כשאמר לו תן [לו] תודה הכא שאין מבקשין ממנו אלא הודאה ולא יהרגוהו: אנכי חטאתי. במעל זה: וכזאת וכזאת עשיתי. הרי שלשה: שנים בימי משה. אותו של הכנעני מלך ערד דכתיב וידר ישראל נדר גו' והחרמתי את עריהם החרים עליהם בהגלה

המשה

אכפרה אויף מיינע אנדערע עבירות. נאר ניט אויף דיא עבירה. ווייל דיא עבירה האב איך ניט גיטאהן. האבין דיא חכמים גזאגט צו רבי יהודה. אויב דוא הייסט אזוי זאגין. וועלין אלע מענטשין אזוי זאגין. זייא זאלין זיך ריין מאכין פון דיא עבירה. אונ מענטשין וועלין ריידין אויף דיא עדות אונ אויף בית דין אז מען האט אומזיסט גיהרגית א מענטש:

ד תנו רבנן: דיא רבנן האבין גילערנט עס שטייט אין פסוק יהושע האט גזאגט צו עכן שים נא כבוד. נא איז דער טייטש איך בעט דיך. ווען גאט האט גזאגט צו יהושע דיא יודין האבין געזינדיגט. האט יהושע גזאגט פאר גאט רבונו של עולם ווער האט געזינדיגט. האט גאט גזאגט צו יהושע בין איך דען א מסור. וואַרף גורל וועסטו וויסען ווער עס האט געזינדיגט. איז גיגאנגען יהושע אונ האט גיווארפין גורל. איז גיפאלין דער גורל אויף עכן. האט עכן גזאגט צו יהושע דורך א גורל ווילסטו מיך הרגנן. דו אונ אלעזר הכהן זענט דאך דיא צוויי גרעסטע מענטשין פון דיא יודין. אויב איך וועל ווארפין אויף אייך גורל מוז ער פאלין אויף איינעם פון אייך. ובמשל איך וועל נעמען צווייא קוויטלאך אויף איינעם וועל איך אויף שרייבין דעם ווארט געזינדיגט. דער אנדערער קוויטול וועט זיין א לידיגער. אונ מען וועט דיא צווייא קוויטלאך אריין לייגין אין א קעסטיל. אונ דו וועסט ארויס ציהען איין קוויטול. אונ אלעזר וועט ארויס ציהען דעם אנדערין קוויטול. וועט איינער פון אייך האבין ארויס גיצויגן דעם קוויטול געזינדיגט) האט יהושע גזאגט צו עכן איך בעט דיך דו זאלסט ניט זאגין פאר יודין אז א גורל איז ניט ריכטיג. ווארום ארץ ישראל וועט דארפין צו טיילט ווערין דורך א גורל. אזוי וויא עס שטייט אין פסוק נאר מיט א גורל זאל צו טיילט ווערין דיא לאנד. דער נאך האט יהושע גזאגט צו עכן זייא דיך מודה אויב דו האסט גינומען פון חרם. רבינא זאגט יהושע האט איין גינומען עכן מיט גוטע רייד. יהושע האט גזאגט צו עכן איך פארלאנג דאך פון דיר ניט מער נאר דו זאלסט דיך מודה זיין. זיי דיך מודה וועסטו זיין פריי. האט עכן גימיינט אז אזוי וועט טאקי זיין. דריבער האט עכן גיענפערט צו יהושע אונ האט גזאגט אמת איך האב טאקי געזינדיגט צו גאט אונ אזוי אונ אזוי האב איך גיטאהן. רבי אסי האט גזאגט פון רבי חנינאס וועגין דער פסוק לערונט אונז אז עכן האט דרייא מאהל גינומען פון חרם. צווייא מאהל ווען משה האט גילעבט. אונ איין מאהל אין דיא צייט פון יהושע. ווארום עס שטייט אין פסוק עכן האט גזאגט איך האב געזינדיגט. איז איין מאהל. אזוי אונ אזוי האב איך גיטאהן. איז נאך צווייא מאהל. איז דרייא מאהל: רבי יוחנן זאגט פון רבי אלעזר ברבי שמעונס וועגין

פינף

תמעה ארבעה בימי משה ואחד בימי יהושע שנאמר (שם) אנכי חטאתי וכזאת וכזאת עשיתי ועד השתא מ"ט לא איענוש א"ר יוחנן משום ר' (אליעזר) [אלעזר] בר' שמעון לפי שלא ענש על הנסתרות עד שעברו ישראל את הירדן :

ה כתנאי (דברים כט) הנסתרות לה' אלהינו והנגלות לנו ולבנינו עד עולם למה נקוד על לנו ולבנינו ועל עי"ן שבעד כלמד שלא ענש על הנסתרות עד

וביולא גא עבד בעבירות אחרות ולא נתפרסמו : מ"ט לא איענוש : ישראל על מעילתו כי היכי דאיענוש השתא : לפי שלא ענש . המקום את הצדיקים שביניהם : על הנסתרות . שכל עובר עבירה אלא על העבירות הידועות : עד שעברו את הירדן . ושמעו וקבלו עליהם ברכות וקללות בהר גריזים והר עיבל ונעשו ערבים זה בזה כדאמרינן במסכת סוטה מיד נענשו זה על זה אפילו לא ידע זה בעבירות שבידי חבירו וכימי עכן כבר עברו את הירדן :

מלמד שלא ענש על הנסתרות עד שעברו וכו'. כ"ל דה"ג מלמד שנענשו על הנסתרות משעברו ילמאי דגרסינן נמי שלא ענש עד שעברו היא היא וה"ק מלמד מה שלא ענש על הנסתרות לא נהג אלא עד שעברו אבל משעברו ענש והכי דרשינן לקרא הנסתרות לה' אלהינו משמע עליו לבקש עלבון (העבירה העשויה בסתר) ולפרע מן העוברים ואין עלינו עונש בדבר : והנגלות לנו ולבנינו . קולר תלוי בצואר כולנו והי לאו נקודה הוה אמינא כך המדה לעולם בלא הוהה הנקודה לדרוש דאין מדה זו נוהגת לפוטרנו מן הנסתרות אלא עד שעברו את הירדן והיה לו לנקוד את הנקודה הזאת על לה' אלהינו ללמד שלא עד עולם כן לה' אלהינו אבל לא הוה ארעא ננקוד את השם ונקוד על לנו ולבנינו לומר שאין כאן מקומו נמצא אלא למעלה מן הנגלות נמי ניתן לדרוש כך הנסתרות לה' אלהינו ולנו ולבנינו בלא אנו נענשים ותיהו אי הוה כתיב ליה הכי הוה משמע דאף קודם שעברו את הירדן נמי לבכי פלגינהו ונקד לומר דלכאן ולכאן הוא נדרש ולומר לך דעד השתא בסוף ארבעים שנה שאמר להם מקרא זה בערבות מואב לא היו הנסתרות אלא לה' אלהינו אבל מכאן ואילך הם אף לנו ולבנינו ונקוד דעי"ן שבעד לחלק כאמה דלא היתה מעולם ועד

---

פינף מאהל האט עכן גינומען פון חרם פיר מאהל אין משהס צייט. אונ איין מאהל אין יהושעס צייט. ווארום עס שטייט אין פסוק עכן האט גזאגט אנכי חטאתי איך האב געזינדיגט. איז איין מאהל. וכזאת וכזאת. אונ אזוי אונ אזוי. איז צוויא מאהל. עשיתי האב איך גיטאהן, איז אויך איין מאהל איז שוין פיר מאהל. אונ דער וא"ו פון ערשטין וכזאת איז איבעריג. צו ווייזין אויף נאך איין מאהל. איז פינף מאהל. פרעגט דיא גמרא אז עכן האט גינומען פון חרם נאך אין דיא צייט פון משה. פאר וואס זענען דיא יודין ביז איצט ניט גישטראפט גיווארין. אזוי וויא זיא זענען איצט אין דיא צייט פון יהושע גישטראפט גיווארין. האט רבי יוחנן גזאגט פון רבי אלעזר ברבי שמעון וועגין וייל אין משהס צייט האט גאט ניט גישטראפט דיא צדיקים אויף דיא פארבארגענע עבירות וואס דיא רשעים טוהען ואונ דיא צדיקים ווייסין ניט פון זייא. ביז אין דער צייט פון יהושע וואס דיא יודין זענען אריבער גיגאנגען דעם ירדן אונ זייא האבין אויף זיך גינומען דיא ברכות אונ קללות פון בארג גריזים אונ פון בארג עיבל. זענען אלע יודין גיווארין איינם. אונ אז איינער זינדיגט אפילו אין דער שטיל וואס קיינער ווייסט ניט ווערין אלע גישטראפט. דריבער זענען דיא יודין גישטראפט גיווארין אין יהושעס צייט אויף דיא עבירה פון עכן :

ה כתנאי. זאגט דיא גמרא תנאים קריגען אין דער זאך אויב דיא יודין ווערין גישטראפט איינער פאר דעם אנדערין. ווארום עס שטייט אין פסוק הנסתרות לה' אלהינו והנגלות לנו ולבנינו עד עולם ודי פאר בארגענע זאכין זענען צו גאט. אונ דיא בעוואסטע זאכין זענען צו אונז אונ צו אונזערע קינדער ביז אייביג. פרעגט דיא גמרא פאר וואס זענען געפינטולט דיא צוויא ווערטער "לנו ולבנינו" אונ דער עי"ן פון ווארט עד איז אויך געפינטולט. ענפערט דיא גמרא דער פסוק לערנט אונז אז גאט האט ניט גישטראפט דיא צדיקים אויף דיא פארבארגענע עבירות וואס דיא רשעים טוהען. ביז דיא יודין זענען אריבער גיגאנגען דעם ירדן. אבער דער נאך וויא דיא יודין זענען אריבער גיגאנגען דעם ירדן. האט שוין גאט גישטראפט דיא צדיקים אויף דיא פארבארגענע עבירות וואס דיא רשעים טוהען. אונ דריבער איז דער לנו ולבנינו אונ דער עי"ן פון עד גפינטולט צו ווייזין אז ניט אייביג גיהערין דיא פארבארגענע עבירות צו גאט אליין. אונ ניט פון אייביג גיהערין דיא פארבארגענע עבירות צו אונז מיט אונזערע קינדער. נאר איידער דיא יודין זענען אריבער גיגאנגען דעם ירדן איז גיוועזן צו טיילט. די פאר בארגענע עבירות האט גיקערט צו גאט. גאט האט גישטראפט

דעם

עד שעברו ישראל את הירדן דברי רבי יהודה א"ל ר' נחמיה וכי ענש על הנסתרות לעולם והלא כבר נאמר עד עולם אלא כשם שלא ענש על הנסתרות כך לא ענש על עונשין שבגלוי עד שעברו ישראל את הירדן אלא (דף מד) אעכן מ"ט איענוש משום דהוו ידעי ביה אשתו ובניו . (יהושע ז) חטא ישראל א"ר אבא בר זבדי אע"פ שחטא ישראל הוא א"ר אבא היינו דאמרי אינשי אסא דקאי ביני הילפי אסא שמיה ואסא קרו ליה וגם עברו את בריתי אשר צויתי אותם גם לקחו מן החרם גם גנבו גם כחשו גם שמו בכליהם א"ר אלעאי משום ר' יהודה בר מספרתא מלמד שעבר עכן על חמשה חומשי תורה שנאמר חמשה (פעמים) גם . וא"ר אלעאי משום ר' יהודה בר מספרתא עכן מושך בערלתו היה כתיב הכא (שם) וגם עברו את בריתי

ועד עולם אלא מעתה מהתלת מרה זו ותכוג עד עולם : וכי ענש על הנסתרות . את האחרים לעולם : והרי כבר נאמר עד עולם . ואי לא אסטורא דנסתרות קאי לאשמעינן דעד עולם תנהוג מדה זו דלא תימא משעברו את הירדן ויקבלו עליהם ערבות יענשו זה על זה למה לי דכתביה אי מאום תיובא דוגבות סטיבא דעונש תנהוג עכשיו יענוש לעולם (דמס לו לפסוק) [דלמה יפסוק] : אלא . הקודה נמדהן דהוי דכתיב לנו ולבנינו לאו עד הגר נהגה מדה זו אלא מכאן והילך דכל נקודה למעט דכך לא ענש את האחרים על העונשין שבגלוי עד שעברו את הירדן : אלא . לר' נחמיה כיון דאף משעברו לא ענש על הנסתרות : אעכן מ"ט איענוש . ישראל עליה הלא נכתר היה : חטא ישראל . מדלא אמר חטא העם עדיין שם קדושתן עליהן : הילפי . אורטיגא"ש : מושך בערלה . משך את עור אמתו המיד עד שנתכסתה וכסתה את המילה כגיד כדי

דעם רשע אליין פאר זיינע פאר בארגענע עבירות (אבער די עבירות וואס דער רשע האט גיטאהן עפענטליך . אונ דיא צדיקים האבען זייא ניט גיווערט . זיינען די צדיקים אויך גישטראפט גיווארין) : אבער אז דיא יודין זיינען אריבער גיגאנגען דעם ירדן איז שוין אנדערש גיווארין . דיא פאר בארגענע (אונ די עפענטליכע) עבירות וואס דיא רשעים טוהען גיהער ארין צו אונז אונ צו אונזערע קינדער . גאט האט גישטראפט דיא יודין וואס זיינען גיוועזן צדיקים אפילו אויף דיא פאר בארגענע עבירות פון דיא רשעים . אונ אזוי בלייבט שוין ביז אייביג . אזוי זאגט רבי יהודה . האט רבי נחמיה גיזאגט האט דען גאט אמאהל גישטראפט דיא צדיקים אויף די פאר בארגענע עבירות וואס דיא רשעים האבען גיטאהן . קיין מאהל ניט ; ווארום עס שטייט דאך אין פסוק ביז אייביג . ביז אייביג וועלין זיין די פאר בארגענע עבירות צו גאט אליין . נאר וואס דען זיינען דיא פינטעלאך אויף לנו ולבנינו אונ אויף דעם עי"ן פון עד . צו זאגען אונז אזוי וויא גאט האט ניט גישטראפט אויף די פאר בארגענע עבירות איידער מען איז אריבער גיגאנגען דעם ירדן . אזו האט ער ניט גישטראפט אויף דיא עפענטליכע עבירות איידער מען איז אריבער גיגאנגען דעם ירדן . אונ דער נאך וויא מען איז אריבער גיגאנגען דעם ירדן האט שוין גאט גישטראפט אלע יודין אויף דיא עפענטליכע עבירות פון דיא רשעים . אבער אויף דיא פאר בארגענע עבירות פון דיא רשעים שטראפט גאט קיין מאהל ניט דיא צדיקים . פרעגט דיא גמרא נאך רבי נחמיה נאר וואס הט גאט גישטראפט אלע יודין אויף דיא עבירה פון עכן . די עבירה איז דאך גיוועזן פר בארגין . ענטפערט דיא גמרא ווייל דיא ווייב אונ קינדער פון עכן האבען גיוואוסט פון דיא עבירה . הייסט דאס שוין אעפענטליכע עבירה . יהושע האט גיזאגט חטא ישראל . רבי אבא בר זבדי זאגט איוד אפילו ער זינדיגט פון דעסטוועגין איז ער איוד . רבי אבא זאגט דאס איז וואס מענטשין זאגין אהדס אפילו ער שטייט צווישען דערנער פון דעסטוועגין איז ער אהדס אונ מען רופט אים הדס . גאט האט גיזאגט צו יהושע וגם עברו את בריתי אשר צויתי אותם . (זייא האבען צרשטערט מיין בונד וואס איך האב זייא גיבאטען) גם לקחו מן החרם . (זייא האבען גינומען פון דעם חרם) . גם גנבו (זייא האבען גיגנבת) . גם כחשו ; (זייא האבען גילייקענט) . גם שמו בכליהם . (זייא האבען גיטאהן אין זייערע כלים) . רבי אלעאי האט גיזאגט פון רבי יהודה בר מספרתאס וועגין דער פסוק לערנט אונז אז עכן האט עובר גיוועזן אויף אלע פינף חומשים פון דיא תורה . ווארום עס שטייט פינף מאהל גם . נאך הט רבי אלעאי גיזאגט פון רבי יהודה בר מספרתאס וועגין עכן האט ארויף גיצויגען דיא הויט פון זיין

מילה

בריתי וכתיב התם (בראשית יז) את בריתי הפר פשיטא מהו דתימא במצות גופיה לא פקר קמ"ל. (יהושע ז) וכי עשה נבלה בישראל א"ר אבא בר זבדא מלמד שבעל עכן נערה המאורסה כתיב הכא וכי עשה נבלה וכתיב התם (בראשית לד) (כי נבלה עשה בישראל) (דברים כב) [כי עשתה נבלה בישראל] פשיטא מהו דתימא כולי האי לא פקר נפשיה קמ"ל. רבינא אמר דינו כנערה המאורסה דבסקילה. א"ל ריש גלותא לרב הונא כתיב (יהושע ז) ויקח יהושע את עכן בן זרח וגו' ואת בניו ואת בנותיו וגו' אם הוא חטא בניו ובנותיו מה חטאו אמר ליה ולטעמיך אם הוא חטא כל ישראל מה חטאו דכתיב (שם) וכל ישראל עמו אלא לרדותן הכא נמי כדי לרדותן (שם) וישרפו אותם באש ויסקלו אותם באבנים בתרתי אמר רבינא הראוי לשרפה לשריפה הראוי לסקילה לסקילה. (שם) וארא בשלל אדרת שנער אחת [טובה] ומאתים שקלים כסף

רב.

שלא יראה מהול: פשיטא. דהא ר' אלעזר גופיה אמר דעבר על כל התורה: לא פקר. לא הפקיר עצמו כל כך. בנערה המאורסה כתיב כי עשתה נבלה בישראל: כולי האי. רע לשמים ורע לבריות לבייש את משפחתה ולא זנתה על בעלה: דינה כנערה המאורסה. נגמרו לסקלו: לרדותן. שיראו את קלקולו ויוסרו בעצמן ולא יוסיפו למעול כמהם: הראוי לשריפה. כסף וזהב ובגדים: הראוי לסקילה. שור וחמור ובהמותיו וכגם היה לרדות את האחרים:

---

מילה מען זאל ניט דער קענען אז ער איז גימלת. ווארום דא שטייט וגם עברו את בריתי זייא האבן צערשטערט מיין בונד. וועלכין בונד. דאס מיינט מען דעם בונד פון מילה. אזוי ווי עס שטייט אין פסוק דער וואס ווערט זיך ניט מל זיין הט ער גישטערט מיין בונד וואס איך האב גימאכט מיט אברהם אבינו. פרעגט די גמרא געוויס האט עכן גישטערט דעם ברית פון מילה. ווארום רבי אלעאי אליין זאגט דאך פריער אז עכן הט ניט געהיט די גאנצע תורה. ענטפערט דיא גמרא איך וואלט מיינען די מצוה וואס עכן האט שוין גיטאהן. הט ער גיהאלטען. זאגט רבי אלעאי אפילו דיא מצוה פון מילה וואס ער איז שוין גיוועזן גימלת. הט ער אויך ניט גיוואלט האלטען. נאר ער האט ארויף גיצויגען דיא הויט מען זאל ניט דער קענען אז ער איז גימלת. עס שטייט ביי עכן וכי עשה נבלה בישראל. ער האט גיטאהן אמיאוסה זאך צווישען יודין. וואס איז גיוועזן דיא מיאוסה זאך. רבי אבא בר זבדא זאגט עכן האט מזנה גיוועזן מיט אבתולה וואס אמאן האט איר שוין מקדש גיוועזן (דאס הייסט נערה המאורסה). ווארום דא שטייט עכן האט גיטאהן אנבלה. אונ אז אנערה המאורסה האט מזנה גיוועזן שטייט זי האט גיטאהן אנבלה צווישען יודין. זעהן מיר אז מען איז מזנה מיט אנערה המאורסה הייסט דאס אנבלה. פרעגט דיא גמרא געוויס האט עכן דיא עבירה אויך גיטאהן. ער האט דאך עובר גיוועזן אויף דיא גאנצע תורה. ענטפערט דיא גמרא איך וואלט מיינען אזו אמיאוסה עבירה הט ער נים גיטאהן. זאגט רבי אבא ער האט דיא עבירה אויך גיטאהן. רבינא זאגט דער פסוק מיינט עכן האט גיהאט דעם זעלביגען דין ווי דער וואס איז מזנה מיט אנערה המאורסה. מען האט אים געמשפט צום פאר שטיינען. דער ריש גלותא האט גזאגט צו רב הונא עס שטייט אין פסוק יהושע האט גינומען עכן אונ זיינע זיהן אונ זיינע טעכטער אונ מען הט זייא געפירט צום ארט עמק עכור. אויב עכן האט געזינדיגט אבער וואס האבען געזינדיגט זיינע זיהן אונ זיינע טעכטער. האט רב הונא גזאגט צום ריש גלותא איך וועל דיך פרעגין אויב עכן האט געזינדיגט וואס האבען אלע יודין גזינדיגט. צו וואס האט מען דיא יודין אויך געפירט צום עמק עכור. נאר מען האט גימיינט דיא יודין זאלין זעהן ווי מען הרגת דעם עכן וועלין זייא נעמען אמוסר זייא זאלין אזוי ניט טאהן. דיא קינדער פון עכן האט מען אויך צו דער זאך מיט גינומען. זייא זאלין זעהן ווי מען הרגת זייער פאטער וועלין זייא אזוי ניט טאהן. עס שטייט אין פסוק מען האט זייא פאר ברענט אין פייער אונ מען האט זייא בעווארפין מיט שטיינער. מיט צוויי זאכען האט מען זייא גיהרגת. האט רבינא גזאגט אלע לעבעדיגע זאכן האט מען גיהרגת מיט שטיינער. אונ ניט לעבעדיגע האט מען פאר ברענט אין פייער. עס שטייט אין פסוק עכן האט גזאגט איך האב גיזעהן אין דיא רויב אמאנטיל פון שנער (פון בבל)

רב אמר א'צטלא דמלתא ושמואל אמר סרבלא דצריפא. ויציקום לפני ה' אמר רב נחמן בא וחבטן לפני המקום אמר לפניו רבש"ע על אלו תהרג רובה של סנהדרין דכתיב (שם) ויכו מהם אנשי העי כשלשים וששה איש ותניא שלשים וששה ממש דברי רבי יהודה א"ל ר' נחמיה וכי נאמר שלשים וששה איש והלא לא נאמר אלא כשלשים וששה איש אלא זה יאיר בן מנשה ששקול כנגד רובה של סנהדרין:

איצטלא דמילתא. טלית של למר נקי בן יומו (שמכסים) [שמכבנין אותן למילת ומלבישו] לבוש בגלו יתלכלך למרו: סרבלא דצריפא. לבוש כגריף שקורין אלוס:

זה משה. כשהיה צריך לבקש רחמים על ישראל סיה מדבר בלשון רכה: פלילות. דין: ולו הואלנו.

ו **אמר** רב נחמן אמר רב מ"ד (משלי יח) תחנונים ידבר רש ועשיר יענה עזות תחנונים ידבר רש זה משה ועשיר יענה עזות זה יהושע מאי טעמא אילימא משום דכתיב (יהושע ז) ויציקום לפני ה' ואמר רב נחמן בא והבטן לפני המקום אטו פנחס לא עביד הכי והכתיב (תהלים קו) ויעמוד פנחס ויפלל ותעצר המגפה וא"ר אלעזר ויתפלל לא נאמר אלא ויפלל מלמד שעשה פלילות עם קונו בא וחבטן לפני המקום אמר לפניו רבש"ע על אלו יפלו כ"ד אלף מישראל דכתיב (במדבר כה) ויהיו המתים במגפה כ"ד אלף ואלא מהכא (יהושע ז) למה העברת העביר את העם הזה את הירדן משה נמי מימר אמר (שמות ה) למה הרעותה לעם הזה אלא מהכא (יהושע ז) ולו הואלנו ונשב

---

אנוטע אונ צוויי הונדערט טאלער זילבערנע. פון וואס איז געוועזן דער מאנטיל: רב זאגט ער איז געוועזן פון גאנץ ריינע וואל עס האט אויס געזעהן וויא זייד. אונ שמואל זאגט דר מאנטיל איז געוועזן געפארבט מיט אזוי אפארב וואס הייסט צריפא. עס שטייט אין פסוק יהושע האט דיא אלע זאכען געשטעלט פאר גאט. רב נחמן זאגט יהושע האט דיא אלע זאכען אוועקגעווארפן פאר גאט. אונ ער האט געזאגט רבונו של עולם דורך דיא זאכען האסטו געהרגעט דאס מערסטע פון דיא סנהדרין. ווארום עס שטייט אין פסוק דיא מענטשין פון עי האבען געהרגעט פון דיא יודין אזוי וויא זעקס אונ דרייסיג מענטשין. אונ מיר האבען געלערנט רבי יהודה זאגט מען האט געהרגעט ריכטיגע זעקס אונ דרייסיג מענטשין. האט רבי נחמיה געזאגט שטייט דען אין פסוק זעקס אונ דרייסיג מענטשין. עס שטייט דאך אזוי וויא זעקס אונ דרייסיג מענטשין. נאר דאס מיינט מען זייא האבען געהרגעט דעם יאיר בן מנשה. וואס ער איז גערעכענט געגען דאס מערסטע פון סנהדרין. דאס איז זעקס אונ דרייסיג מענטשין:

ו **אמר**. רב נחמן האט געזאגט פון רבס וועגין. עס שטייט אין פסוק דער ארעם מאן רעדט מיט געבעט. אונ דער רייכער ענטפערט מיט שטאלצקייט. דער ארעם מאן רעדט מיט געבעט דס מיינט מען משה רבינו. או ער הט גידארפט בעטין ביי גאט פאר יודין האט ער גירעט מיט וויכע רייד. אונ דער רייכער רעט מיט שטאלצקייט דאס מיינט מען יהושע. פרעגט די גמרא וואס פאר אשטאלצקייט האט יהושע גירעט פאר גאט. מיר זאלין זאגין ווייל עס שטייט אין פסוק ער האט זייא געשטעלט פאר גאט. האט רב נחמן געזאגט ער האט דיא זאכען אוועקגעווארף געטאהן פאר גאט. האט דען פינחס ניט אזוי געטאהן. עס שטייט דאך אין פסוק פינחס הט זיך געשטעלט ויפלל אונ דיא מגפה איז אויף געהאלטען געווארין. הט רבי אלעזר געזאגט עס שטייט ניט ויתפלל. פינחס האט געבעטין. נאר עס שטייט ויפלל. אונ ויפלל איז דער טייטש משפט. ער האט גירעט פאר גאט וויא איינער האט אמשפט מיט זיין חבר. ער האט אוועקגעטאהן זמרי בן סלוא מיט דיא מדינית פאר גאט. אונ ער האט געזאגט רבונו של עולם דורך די צווייא מענטשין זאלין פאלען פיר אונ צוואנציג טויזענד יודין. ווארום עס שטייט אין פסוק די וואס זענען געשטארבען אין דער מגפה זענען געוועזן פיר אונ צוואנציג טויזענד. נאר די רייד האט יהושע גירעט מיט שטאלצקייט. ער האט געזאגט פאר גאט צו וואס האסטו אריבער געפירט דאס פאלק איבער דעם ירדן. פרעגט דיא גמרא משה האט דאך אויך אזוי געזאגט פאר גאט צו וואס האסטו שלעכט געטאהן צו דעם פאלק. נאר דיא רייד האט יהושע גירעט מיט שטאלצקייט

שטאלצקייט

ונשב בעבר הירדן (שם) ויאמר ה' אל יהושע קום לך דרש ר' שילא א"ל הקב"ה שלך קשה משלהם אני אמרתי (דברים כז) והיה בעברכם את הירדן תקימו ואתה ריחקתם ששים מיל בתר דנפק אוקים רב אמורא עליה ודרש (יהושע יא) כאשר צוה ה' את משה עבדו כן צוה משה את יהושע וכן עשה יהושע ולא הסיר דבר מכל אשר צוה ה' את משה א"כ מה ת"ל קום לך א"ל אתה גרמת להם והיינו דקא"ל בעי (שם ח) ועשית לעי ולמלכה כאשר עשית ליריחו ולמלכה רק שללה ובהמתה תבוזו לכם:

(יהושע ה) ז ויהי בהיות יהושע ביריחו וישא עיניו וירא וגו' ויאמר לא כי אני שר צבא ה' עתה באתי ויפול יהושע אל פניו ארצה וישתחו היכי עביד הכי והא ר' יוחנן אסור לו לאדם שיתן שלום לחברו בלילה חיישינן שמא שד הוא שאני התם דקאמר ליה אני שר צבא ה' עתה באתי ודלמא משקר

ואלו בכותלא ליכא ולא לעמוד את הירדן משמע בטוב היה לא באת לקיים מאמר שאמרתי לך קום עבור את הירדן: קום לך. משלך ומידך היה ולא להם באף בבניך ועכשו שלא קיימת את דברי: ריחקתם ששים מיל. הר גרזים והר עיבל רחוקים ששים מיל מן הירדן במסכת סוטה ושם הקימו את האבנים: כן עשה יהושע. מקרא כתיב כן ולא יסה דרש רבי שילא שיהושע שינה: אתה גרמת ל"ס. שלא היה לך לאסור עליהם ביזת יריחו: והיינו דקאמר לה בעי. רק שללה ובהמתה תבוזו שלא החרימם עוד:

היכי עביד הכי. דמשתחוה לאדם בלילה דהיינו דא"ל כלום אתה לנו אם לצרינו מכלל דלילה הוא דאי ביממא הוי לא היה מכיר בין שרי ישראל לשרי עמ"ס: שמא שד הוא. ואין מוליכין שם שמים על כמזיק דשלום שם שמים הוא כדאמר ויקרא לו ה' שלום וכ"ש שאין משתחוים דדומה כמשתחוה לשעירים:

---

שטאלצקייט. הלואי וואלטין מיר גיוואלט זיצען אויף יענע זייט ירדן ודס הייסט אונ מיר וואלטין דיך ניט גיפאלגט אריבער צו גיין דעם ירדן. הט גאט גזאגט צו יהושע שטיי אויף דורך דיר ווענען זייא גישטראפט גיווארין וויל דו האסט ניט מקיים גיווען מיינע גיבאט אזוי וויא רבי שילא האט גידרשנט גאט האט גזאגט צו יהושע דיין עבירה איז נאך ערגער וויא זייערע. איך האב גזאגט אז איר וועט אריבער גיין דעם ירדן זאלט איר אויף שטעלין דיא שטיינער. אונ דו האסט שוין דער ווייטערט דיא יודין זעכציג תחום שבת פון ירדן אונ דו האסט נאך ניט אויף גישטעלט דיא שטיינער. דער נאך וויא רבי שילא איז ארויס גיגאנגען האט רב גישטעלט אמענטשין געבין זיך ווער זאל איבער זאגין דיא דרשה פאר אלע מענטשין אונ ער האט גידרשנט עס שטייט אין פסוק אזוי וויא גאט האט גיבאטין צו זיין קנעכט משה. אזוי האט משה גיבאטין צו יהושע: אונ אזוי האט יהושע גיטאהן. ער האט ניט פארפעלט קיין זאך פון דיא אלע זאכין וואס גאט האט גיבאטין צו משה. פרעגט דיא גמרא אויב אזוי אז יהושע האט אלץ גיטאהן וויא גאט האט גיבאטין. צו וואס האט גאט גזאגט צו יהושע קום לך. נאר דאס האט גאט גזאגט צו יהושע דו האסט גיברייגנט דיא יודין זייא זאלין ווערין נהרג. צו וואס האסטו גימאכט חרם דאס פארמעגין פון יריחו. איצט איז רעכט וואס גאט האט גזאגט אין עי דו זאלסט טאהן צו עי אונ צו איר מלך אזוי וויא דו האסט גיטאהן צו יריחו אונ צו איר מלך נאר דאס פארמעגין אונ דיא בהמות זאלט איר רויבין פאר אייך. דו זאלסט שוין ניט מער מאכין חרם:

ז ויהי. ווען יהושע איז גיוועזן אין יריחו האט ער אויף גיהויבין זיינע אויגין אונ ער האט גיזעהן אמענטש שטייט גיגען אים אונ ער האלט אבלאנקין שווערד אין זיין האנט. האט יהושע גיפרעגט בייא אים ביסטו גיקומען צו אונז אדער צו אונזערע פיינד. האט דער מענטש גיענטפערט איך בין ניט אמענטש נאר איך בין אמלאך פון גאט. איצט בין איך גיקומען: איז יהושע גיפאלין מיט זיין פנים אויף דער ערד אונ האט זיך גיבוקט. פרעגט דיא גמרא דאס איז דאך גיוועזן בייא נאכט. וויא אזוי האט יהושע זיך גימעגט בוקין צו דעם מענטש. רבי יוחנן האט דאך גזאגט אמענטש טאר ניט געבין שלום צו זיין חבר בייא נאכט וויל מיר האבין מורא טאמער איז ער אשד. ענטפערט דיא גמרא בייא יהושע איז אנדערש ער האט דאך גזאגט איך בין אמלאך פון גאט. פרעגט דיא גמרא טאמער האט ער גזאגט אליגען. ער איז

נאר

משקר גמירי דלא מפקי שם שמים לבטלה (סם ע"ב)
א"ל אמש בטלתם תמיד של בין הערבים ועכשיו
בטלהם ת"ת א"ל על איזה מהם באת א"ל עתה
באתי מיד וילן יהושע בלילה ההוא בתוך העמק
זא"ר יותנן מלמד שלן בעומקה של הלכה אמר (ר')
שמואל בר (אויא) [אוניא] משמיה דרב גדול ת"ת יותר
מהקרבת תמידין שנאמר עתה באתי:
ח א"ל אביי לרב דימי האי קרא במערבא במאי
מוקמיתו ליה (משלי כה) אל תצא לריב מהר
פן מה תעשה באחריתה בהכלים אותך רעך ריבך ריב
את רעך וסוד אחר אל תגל בשעה שא"ל הקב"ה
ליחזקאל לך אמור להם לישראל (יחזקאל טז) אביך
האמורי ואמך התית אמרה רוח פסקנית לפני הקב"ה
רבש"ע אם יבאו אברהם ושרה ויעמדו לפניך אתה אומר להם ומכלים אותם ריבך ריב
את רעך וסוד אחר אל תגל ומי אית ליה רשותא כולי האי אין דא"ר יוסי בר חנינא
שלש שמות יש לו פסקון אטמון סגרון

א"ל אמש בטלתם וכו'. עתה באתי דרשינן מדקאמר עתה באתי מכלל דמילתא אחריתי א"ל (יהושע) דמהדר ליה עתה באתי: אמש. היום כשהעריב בין הערבים קרי ליה נמי אמש שאין זה אלא לשון ערבית: ועכשיו בטלתם ת"ת. וכיון דביום אי אתם יכולים לעסוק בתורה מחמת עסקי מלחמה צריכין אתם לעסוק בתורה בלילה והיה לך לשכב בגלגל שם המחנה ולא במצור: עתה באתי. על של עכשיו באתי לפרע: מיד. אחר יהושע ולא הוסיף עוד לבא במצור בלילה לכך נאמר בעי וילן יהושע בלילה ההוא בתוך העמק שלן בעומק של הלכה: אביך האמורי. הרה והבזהיו הכנען כאו: אמרה רוח פסקנית. גבריאל: אתה מכלים אותם. שאתה קורא להם אמורי והתי: ריבך ריב את רעך. אם יש לך להוכיח את ישראל הוכיחן בעצמן וסוד של אברהם ושרה אל תגל לבזותם פן מה תעשה בבואה אברהם ושרה לפניך ואומרים מה חטאנו לך שאתה מכלימנו: ומי אית ליה רשותא. לגבריאל
ל

פסקון

---

גאר ניט קיין מלאך גאר אשד. ענטפערט די גמרא מיר האבן געלערנט אז אשד זאגט ניט דעם נאמען פון גאט אומזיסט. אונ אויף אלינע; וועט ער געוויס ניט זאגן דעם נאמען פון גאט. האט דער מלאך געזאגט צו יהושע פארין נאכט האט איר ניט מקריב דעם קרבן תמיד. אונ איצט לערנט איר ניט די תורה. האט יהושע געזאגט צום מלאך אויף וועלכע עבירה ביסטו אונז געקומען שטראפן. האט דער מלאך געזאגט אויף די איצטיגע עבירה בין איך געקומען. פאר וואס איר לערנט ניט די תורה: באלד אז עס איז געווען נאך אבלחמה. אין עי. האט יהושע גענעכטיגט די נאכט אין די טיף. האט רבי יוחנן געזאגט דער פסוק מיינט יהושע האט גענעכטיגט אין די טיפקייט פון די דינים. ער האט געלערנט תורה ביי נאכט. רבי שמואל בר אוניא זאגט פון רבס וועגן לערנען תורה איז גרעסער ווי מקריב זיין דעם קרבן תמיד. ווארום דער מלאך איז געקומען שטראפן פאר וואס מען לערנט ניט די תורה אונ ער איז ניט געקומע שטראפן פאר וואס מען האט ניט מקריב געווען דעם תמיד:

ח אמר. אביי האט געזאגט צו רב דימי אין ארץ ישראל וויא לערנט מען דעם פסוק דו זאלסט ניט ארויס גיין צו אקריג געשווינד. טאמער וואס וועסטו טאהן אין סוף ווען דיין חבר וועט דיך פאר שעמען. קריג דיך מיט דיין חבר אונ אפרעמדין סוד (געהיימנים) זאלסטו ניט אויס זאגן. דער פסוק ציילט אונז ווען גאט האט געזאגט צו יחזקאל הנביא גיי זאג צו די יודין דיין פאטער (תרח) איז פון אמורי. אונ דיין מוטער (די ווייב פון תרח) איז פון חת. האט דער רוח פסקנית (דער מלאך גבריאל) געזאגט פאר גאט רבונו של עולם אויב אברהם אונ שרה וועלין קומען אונ וועלין זיך שטעלין פאר דיר וועסטו דאס זאגין (אז זייער פאטער איז פון אמורי אונ זייער מוטער איז פון חת) אונ דו וועסט זייא פאר שעמען. קריג דיך מיט דיין חבר (מיט די יודין). אבער פרעמדע סודות זאלסטו ניט אויס זאגין. וואס וועסטו טאהן אז אברהם אונ שרה וועלין קומען פאר דיר אונ וועלין דיך פרעגין וואס האבין מיר געגין דיר געזינדיגט וואס דו האסט אונז פארשעמט. פרעגט די גמרא האט דען דער מלאך גבריאל רשות (ערלויבנים) אזוי צו ריידין פאר גאט. זאגט די גמרא ער מעג אזוי ריידין ווארום רבי יוסי ברבי חנינא האט געזאגט דריי נעמען האט דער מלאך גבריאל: פסקין אטמון סגרון. פסקין רופט מען אים ווייל ער האקט אפ די רייד געגין גאט. אויב גאט וויל ריידין עפעס שלעכטס געגין די יודין. לאזט ער ניט. אטמון רופט מען אים ווייל ער פארמאכט (ער פאר
שטעלט

פסקן שפוסק דברים כלפי מעלה אטמון שאוטם עונותיהם של ישראל סגרון כיון שסוגר שוב אינו פותח :

(איוב לו) **ט היערוך** שועך לא בצר א"ר אלעזר לעולם יקדים אדם תפלה לצרה שאלמלא לא הקדים אברהם תפלה בין בית אל ובין העי לא נשתייר משונאיהן של ישראל שריד ופליט ר"ל אמר כל המאמץ עצמו בתפלה מלמטה אין לו צרים מלמעלה ר' יוחנן אמר לעולם יבקש אדם רחמים שיהו הכל מאמצים את כחו ואל יהו לו צרים מלמעלה :

**י כתיב** (ד"ה א ב) ובני זרח זמרי ואיתן והימן וכלכל ודרדע כלם חמשה מאי כולם חמשה כלם חמשה הם לעה"ב כתיב זמרי וכתיב (יה׳ סע ז) עכן רב ושמואל חד אמר עכן שמו ולמה נקרא שמו זמרי שעשה מעשה זמרי וחד אמר זמרי שמו ולמה נקרא שמו עכן שעיכן עונותיהם של ישראל :

לנקות

**פירוש**

פסקן שפוסק דברים כלפי מעלה : כיון שסוגר. שאין לו רשות לבקש רחמים כיון שנגזרה חימה : שוב . אין מועיל אחר פוסק בבקשה כי לא יועיל : היערוך שועך לא בצר. כך היו אומרים חבריו לאיוב כלום הקדמת שועך לא בצר עד לא באה צרה ואם היית עושה כן היו הכל מאמצין את כחך ומסייעין את כחך : כל המאמץ עצמו בתפלה מלמטה. אין צרים יכולים להסטינו מלמעלה : לעולם יבקש אדם רחמים שיהו הכל מאמצים את כחו שיסייעוהו מלאכי השרת לבקש רחמים ושלא יהיו לו מסטינים מלמעלה והכי משמע היערוך שועך אם באת לערוך שוע כזאת הערכתו לא בצר שלא יהיו לך צרים ושהכל יהיו מאמצים כחך : זמרי כולה עכן כדמפרש לקמיה וכוללו הכתוב עם שאר אחיו בשוו לצדיקים : כתיב זמרי וכתיב עכן . בהלא קרא כתיב לבני זרח ולא כתיב עכן וביהושע כתיב ויקח יהושע את עכן בן זרח וגו' אלמא נכרים כולא : רב ושמואל . דאמרי תרוייהו כולה עכן הוא זמרי : חד אמר עכן שמו וכו' מעשה זמרי . מולך כדאמרן לעיל בא על נערה המאורסה ושוד שנסקלו ונגפו ישראל בעונו כמו שנמנו ע"י זמרי במאה כ"ד אלף וכאן רובה של סנהדרין : שעיכן . גלגל עליהן פקודת עונותיהם כעכנא זו שמתגלגלת בכיפה עגול :

---

שטעלט) דיא זינד פון דיא יודין זייא זאלין ניט געזעהן ווערין. סגרון רופט מען אים ווייל ער פאר שליסט דיא רייד. אויב דער בעם פון גאט איז אזוי גרוים אויף דיא יודין אז ער קען שוין ניט בעטין פאר זייא. וועט שוין קיין אנדער מלאך ניט אנהייבין בעטין פאר זייא. ווייל ער ווייסט עס וועט שוין ניט העלפין :

**ט** היערוך. דיא חברים פון איוב האבין געזאגט צו איוב האסטו דען געבעטין פאר גאט איידער דיא צרה איז געקומען אז זיא זאל ניט קומען. רבי אלעזר זאגט אייביג זאל א מענטש בעטין פאר גאט איידער דיא צרה קומט אז זיא זאל ניט קומען: ווארום ווען אברהם וואלט ניט געבעטין פאר גאט אויף דיא יודין צווישען בית אל אונ עי. ווען דיא יודין האבען מלחמה געהאלטין אין עי וואלטין זייא אלע געהרגת געווארין אונ איינער פון זייא וואלט ניט געבליבען. ריש לקיש זאגט דער וואס שטארקט זיך אונ בעט פאר גאט מיט גרויס כונה. האט ער ניט קיין פיינד הויבין אין הימעל. קיינער מסרת ניט פאר גאט אויף אים. רבי יוחנן זאגט איידער דער מענטש בעט זיינע בדערפענים. זאל ער פריער בעטין אז אלע מלאכים זאלין שטארקין זיין כח ער זאל קענען בעטין מיט גרויס כונה. אונ ער זאל ניט האבין קיין פיינד הויבין אין הימעל. דער נאך וועט ער בעטין זיין בדערפענים :

**י** כתיב. עס שטייט אין פסוק דיא קינדער פון זרח זענען געווען זמרי איתן הימן כלכל דרדע. אלע זענען געוועזן פינף. פרעגט דיא גמרא צו וואס זאגט דער פסוק אז אלע זענען געוועזן פינף. מיר זעהן דאך אז זייא זענען געוועזן פינף. נאר דער פסוק מיינט אז אלע פינף וועלין האבין עולם הבא. פרעגט דיא גמרא דא רופט אים דער פסוק זמרי אונ דארט רופט אים דער פסוק עכן. רב אונ שמואל קריגען. איינער זאגט זיין נאמען איז געוועזן עכן. אונ פאר וואס האט מען אים גירופין זמרי. ווייל ער האט געטאהן אזוי וויא זמרי. ער האט מזנה געוועזן אזוי וויא זמרי. אונ דיא יודין זענען דורך אים געהרגת געווארין אזוי וויא דורך זמרי. אונ איינער זאגט זיין נאמען איז געוועזן זמרי. אונ פאר וואס האט מען אים גירופין עכן. ווייל ער האט ארויף געוויקעלט זיינע זינד אויף דיא יודין זייא זאלין דורך אים געשטראפט ווערין :

פיסקא

**יא פיסקא** לנקות עצמו וינקה את עצמו כדי שלא להוציא לעז על בתי דינים ועל העדים

ת"ר מעשה באחד שיצא ליהרג אמר אם יש בי עון זה לא תהא מיתתי כפרה על כל עונותי ואם אין בי עון זה תהא מיתתי כפרה על כל עונותי ובית דין וכל ישראל מנוקין והעדים לא תהא להם מחילה לעולם כששמעו חכמים לדבריו אמרו להחזירו אי אפשר שכבר נגזרה גזרה אלא יהרג ויהא קולר תלוי בצוארי העדים כל כמיניה לא צריכא דקא הדרי בהו סהדי וכי הדרי בהו מאי הוי והא כיון שהגיד שוב אינו חוזר ומגיד לא צריכא דאף ע"ג דקא יהבי טעמא למלתייהו כי ההוא מעשה דבעיא מיכסא :

וינקה את עצמו ומאי איכפת לן (דקאמרת) ודקאמרי רבנן] א"כ יהו כל אדם אומרין כן ומצוי שלא להוציא לעז וכו׳ : אי אפשר שכבר. נגמר הדין : כל כמיניה . וכי נאמן הוא דקא מהדיגא לאו לסהדי לומר קולר תלוי בצוארם : כיון שהגיד שוב אינו חוזר ומגיד . דבר המכחיש את הראשון דכתיב אם לא יגיד אהגדה קמייתא קפיד קרא ואפילו מתהדרינהו נמי לא מבעיא דאיכא למיתר דהאי דהדרי בהו דאמרי מה לנו להוב בדמו : דיהבי טעמא למלתייהו . מפני שנאת פלוני עשינו : דבעיא מיכסא . מעשה במוכס אחד מישראל רשע שמת וכו ביום מת הכהן גדול וכל גדולי העיר נתעסקו במטתו וקרובי אותו המוכס נתעסקו בזה של מוכס והוליאוהו אחרי המטה של חכם גדול קפאו אויבים עליהם והניחו המטות וברחו כלם היה שם תלמיד אחד ולא הכיר מטת רבו למחר הזהו הגדולים לקבור את החכם ונתחלפה מטתם וקברו המוכס בכבוד והתלמיד היה צועה ובוכה ולא הועיל וקרובי המוכס

יא פיסקא. אין דער משנה וסימן גו איז געשטאנען ווען יעדער מענטש זיך וועלין ריין מאכין פון דער עבירה פרעגט דיא גמרא זאל ער זיך ריין מאכין. ענטפערט דיא גמרא מען זאל ניט אוים ציהען שלעכטע רייד אויף ביתדין אונ אויף דיא עדות. מען וועט זאגין דיא עדות זענען געוועזן פאלשע. אונ ביתדין האבין אים אומזיסט גיהרגת. דיא רבנן האבין גילערונט עס האט אמאהל גיטראפין מען האט איינעם געפירט צום הרגנן. האט ער גזאגט אויב איך האב גיטאהן דיא עבירה זאל מיין טויט ניט מכפר זיין מיינע עבירות. אונ אויב איך האב ניט גיטאהן דיא עבירה. זאל מיין טויט מכפר זיין מיינע אלע עבירות. אונ ביתדין אונ אלע יודין זענען ריין. אונ דיא עדות בין איך ניט מוחל אויף אייביג. ווייא דיא חכמים האבין גיהערט דיא רייד זיינע. האבין זייא גזאגט מען זאל אים צוריק פירען קען מען ניט. מען האט איין מאהל גיפסקת מען זאל אים הרגנן. נאר מען זאל אים הרגנן. אונ דיא עבירה וועט זיין אויף דיא עדות. פרעגט דיא גמרא איז ער דען בגלויבט אז דורך זיינע רייד זאלין מיר חושד זיין דיא עדות. ענטפערט דיא גמרא דא שמועסט אז דיא עדות האבין אויך חרטה פון זייערע רייד. פרעגט דיא גמרא וואס איז אז זייא האבין חרטה. זייא האבין איין מאהל גזאגט אויף דעם מענטש אז ער האט גיטאהן דיא עבירה. קענען זייא שוין ניט חרטה האבין אונ זאגין ער האט ניט גיטאהן: נאר מיר גלויבין זייערע ערשטע רייד. אונ וואס זייא האבין איצט הרטה איז ווייל זייא האבין רחמנות אויף דעם מענטשין וואס מען פירט אים הרגנן דריבער ווילען זייא צוריק ציהען זייערע רייד זייא טראכטין צו וואס האט דאס אונז גיטויגט אז ער זאל דורך אונז גיהרגת ווערין. אבער דיא מעשה איז אמת ער האט טאקי דיא עבירה גיטאהן. פאר וואס זאלין מיר זאגין אז דיא עבירה זאל זיין אויף דיא עדות. ענטפערט דיא גמרא דא שמועסט אפילו דיא עדות גיבען אטעם צוא זייערע ערשטע רייד פאר וואס זייא האבין אויף אים גזאגט אז ער האט גיטאהן דיא עבירה. ווייל זייא זענען אויף אים אין כעס גיוועזן. פון דעסטוועגין גלויבט מען זייא איצט ניט. נאר אים הרגת מען. אונ מען זאגט די עבירה זאל זיין אויף דיא עדות. אזוי וויא עס האט אמאהל גיטראפען אמוכס ארשע איז גישטארבען אונ אין דעם זעלביגען טאג איז גישטארבן אגרויסער חכם. אלע מענטשין פון שטאט זענען גיוועזן בשעפטיגט מיט זיין לויה. אונ דיא פריינד פון דעם מוכס זענען גיוועזן בשעפטיגט מיט דער לויה פון דעם מוכס. אונ מען האט גיטראגן איין מת נאך דעם אנדערין. פריער האט מען גיטראגען דעם חכם נאך דעם. האט מען גיטראגן דעם מוכס. דער ווייל זענען אן גיקומען גוים. האבען דיא יודין אוועק גישטעלט דיא בייד קאסטינס מיט דיא מתים אונ זייא זענען אנטלאפין. איין תלמיד איז גיוועזן וואס ער איז

שמוכס קברו שהכס בקבריסס והתלמיד שלמעל ואמר מה חטא רבי שנקבר בבזיון וזה הרשע מה עשה שזכה לזה הכבוד בא רבו בחלום ואמר לו אל תצטער בא ואראך מקומי בגן עדן ומקום המוכס בגיהנם וציר פתח גיהנם סובב באזנו אבל פעם אחת שמעתי נגמת של ת"ח ולא מחיתי ונענשתי וזה פעם אחת הכין סעודה לשר העיר ולא בא והלכה לעניים ונטל שכרו ואמר לו התלמיד וזה עד מתי יצא ידון בכך א"ל עד שימות שמעון בן שטח ויכנס תחתיו א"ל ומפני מה א"ל מפני נשים כשפניות ישראליות שבארץ אשקלון והוא עושה בהם דין למחר סיפר התלמיד הדברים לשמעון בן שטח מה עשה ביום שמונים בחורים בעלי קומה וביד כל אחד כד גדול וטלית בתוכו ויום הגשמים היה אמר להם הזהרו כן שכן בשמונים וכיון שתכנסו הגביהו איש את אחת מכן מן הארץ והוב אין מכשפותן שולט בהם ואם לאו לא נוכל להן הלך לו לאשקלון שלהן והניח בחוריו מבחוץ אמרו לו מי אתה אמר להם מכשף אני לנסותכם בכשפים אני באתי אמרו לו ומה כשפים בידך א"ל יכולני להביא לכם פ' בחורים כלם עטופים טליתות נגובים ואע"פ שהיום יום גשמים אמר ליה כהלכה יצא לחוץ ורמז להם והוציאו הטליתות מן הכדים ונתעטפו בהם ונכנסו ולהנו

---

נים אנטלאפען אונ ער איז געבליבען זיצען נעבען דעם חכם. אויף מארגען וועגען די יודען צוריק גיקומען בגראבען דיא מתים. וועגען דיא קאסטינס פאר טאהשט ניוואהרען. הט מען בגראבען דעם מוכס מיט גרויס כבוד צווישען דיא צדיקים. אונ דעם חכם האט מען בגראבען מיט חרפה צווישען דיא משפחה פון דעם מוכס. דער תלמיד האט געשריגען אונ גיוויינט אונ הט געוויזען אז אין דיא קאסטען ליגט דער חכם. אונ מען האט אים נים גיוואלט הערען. אונ דער תלמיד האט גיהאט גרויס צער אונ האט אלץ גיטראכט וואס האט מיין רבי געזינדיגט וואס ער איז בגראבען גיווארען מיט חרפה. אונ וואס פאר אמצוה האט דער מוכס גיטאהן וואס ער איז בגראבען גיווארען מיט גרויס כבוד. איז דער רבי גיקומען צו אים אין חלום אונ האט גזאגט צו אים דוא זאלסט קיין צער נים האבען. קום איך וועל דיר ווייזען מיין ארט אין גן עדן. אונ דעם ארט פון מוכס אין גיהנם. אונ דיא זאווייעסע פון דיא טיר פון גיהנם זיצט אין זיין אויער. נאר אמאהל האב איך גיהערט וויא מען האט געווידולט אתלמיד חכם. אונ איך האב מיך נים אן גינומען פאר אים. דריבער בין איך גישטראפט גיווארען. אונ דער מוכס האט אמאהל גימאכט אסעודה פאר דעם שר פון שטאט. דער נאך איז דער שר נים גיקומען האט ער צוא טיילט דיא סעודה צו ארעמע לייט. האט ער איצט גינומען זיין שכר. הט דער תלמיד גיפרעגט ביז וויא לאנג וועט מען דעם מוכס אזוי משפטין. האט דער חכם גזאגט ביז שמעון בן שטח וועט שטארבין. וועט מען ארויס נעמען דעם מוכס אונ מען וועט לייגען אויף זיין ארט דעם שמעון בן שטח. הט דער תלמיד גיפרעגט פאר וואס וועט מען שטראפין דעם שמעון בן שטח וואס איז זיין עבירה. האט דער חכם גזאגט ווייל אין אשקלון זענען דא יודישע מכשפות אונ ער הרגעט זייא נים. אויף מארגען האט דער תלמיד דער ציילט דיא רייד צו שמעון בן שטח. וואס האט שמעון בן שטח גיטאהן. ער האט גינומען אכציג יונגע מענטשין הויכע. אונ יעדער האט גיהאלטען אין האנט אגרויסען קרוג. אונ אין יעדער קרוג איז גילעגען אקאפאטע. אונ עס איז גיוועזען ארעגינדיגער טאג. הט שמעון בן שטח גזאגט צו די אכציג יונגע מענטשין. איר זאלט וויסען אז דיא מכשפות זענען אויך אכציג. אונ וויא איר וועט אריין קומען צו זייא אין שטוב זאל יעדער פון אייך אויף הייבען איינע פון זייא פון דער ערד. וועלין זיי אייך שוין נים קענען טאהן קיין כשוף. איז שמעון בן שטח גיגאנגען מיט די אכציג מענטשין ביז צוא דיא שטוב וואו די מכשפות האבען גיוואוהנט. האט שמעון בן שטח גילאזט שטיין די אכציג מענטשין אויף די גאס. אונ ער איז אליין אריין גיגאנגען אין שטוב צו דיא מכשפות. האבען דיא מכשפות צו אים גזאגט ווער ביסטו. האט ער גזאגט איך בין אמכשף. איך בין אייך גיקומען פרובין מיט כשוף. האבען די מכשפות צו אים גזאגט וועלכע כשוף האסטו גיבריינגט. האט ער גזאגט איך קען אייך ברייננען אכציג יונגע מענטשין זייא זאלין אלע גיין מיט טרוקענע קליידער אין דעם רעגין וואס עס רעגינט. האבען דיא מכשפות גזאגט מיר ווילען דאס זעהן. איז שמעון בן שטח ארויס גיגאנגען פון שטוב אונ האט אוואונק גיטאהן צו דיא אכציג מענטשין. האבען זייא ארויס גינומען דיא קאפאטעס פון דיא קריג אונ האבען זיי אן גיטאן אויף זיך אונ זענען אריין גיגאנגען אין שטוב. אונ יעדער הט גינומען איין מכשפה אונ האט איר אויף גיהויבין. אונ האבען גינומען די מכשפות אונ האבין זייא אויף גיהאנגען. די פריינד

פון

(דף מו) יב **משנה** כיצד תולין אותו וכו' ואם לן עובר עליו בלא תעשה שנאמר (דברים כא) לא תלין נבלתו על העץ כי קבור תקברנו ביום ההוא כי קללת אלהים תלוי וגו' כלומר מפני מה זה תלוי מפני שבירך את השם ונמצא שם שמים מתחלל. אמר רבי מאיר בשעה שאדם מצטער שכינה מה לשון אומרת קלני מראשי קלני מזרועי אם כן המקום מצטער על דמם של רשעים שנשפך ק"ו על דמם של צדיקים ולא זה בלבד אמרו אלא כל המלין את מתו עובר בלא תעשה הלינו לכבודו להביא לו ארון ותכריכים אינו עובר עליו.

ואמו כל אחד לא אחת מהן והגניבום שכלו שלא שבאליהן ואלאוה כלם ונתקאו קרוביהם. בדבר ומה שאים מתם וכיונו דבריהם והעידו על בנו של שמעון בן שטח חייב מיתה ונגמר דינו וכשהיה יוצא ליסקל אמר אם יש בי עון זה לא תהא מיתתי כפרה של עונותי ואם אין בי עון זה מיתתי תהא כפרה על ועליכם ועתה קולר תלויה בצוארי עדים ושמעו אלו וחזרו בהם ונתנו טעם לדבריהם מתמם שנאת כהנים ואעפ"כ לא נפטר :

שם שמים מתחלל. שאומרין שזה גרמו : אדם מצטער. שפורענות באה עליו כעונו : מה לשון אומרת. באיזה לשון היא קובלת ומתאוננת עליו : קלני מראשי. כמו שאדם יגע ועיף אומר ראשי כבד עלי וזרועי כבד עלי כלומר קלה קל לים אני אומר קל : ולא זו בלבד. בלא תעשה : אלא

---

פון דיא מכשפות ווענין אין בעס גיוואַרין אויף שמעון בן שטח. ווענין גיגאנגען צוויי פון די פריינד צו בית דין אונ האבען עדות גזאגט אויף דעם זוהן פון שמעון בן שטח אז ער האט מחלל שבת גיוועזן. אונ מען האט אים געפירט צום הרגנן. האט ער גזאגט אויב איך האב דיא עבירה גיטאהן זאל מיין טויט ניט מכפר זיין מיינע עבירות. אונ אויב איך האב דיא עבירה ניט גיטאהן זאל מיין טויט מכפר זיין מיינע אלע עבירות. אונ דער שטראף פון מיין טויט זאל זיין אויף דיא עדות. ווייא דיא עדות האבען גיהערט דיא רייד. האבען זייא חרטה גיהאט. אונ האבען מודה גיוועזן אז ער האט דיא עבירה ניט גיטאהן נאר דורך דיא מכשפות וואס זיין פאטער האט גיהרגת האבען זייא אזוי גיזאגט. פון דעסטוועגין האט מען איהם גיהרגת :

יב כיצד. וויא אזוי איינגט מען אמענטשין. מען זעצט אריין אבעלעק אין דיא ערד. אונ הויבין ביי דעם שפיץ בעלעק גייט ארויס אשטיק האלץ. אונ מען נעמט צו זאמען זיינע ביידע הענט אונ מען לייגט ארויף איין האנט אויף דיא אנדערע. אונ מען איינגט אים אויף ביי דיא הענט. רבי יוסי זאגט מען שטעקט ניט אריין דעם בעלעק אין דיא ערד. נאר דער בעלעק שטייט אויף דיא ערד אן גישפארט אויף אוואנט אין דער קרים. אונ מען איינגט אים אויף דעם בעלעק. אזוי וויא דיא קצבים (קיילערס) איינגען אויף אבהמה. אונ מען בינט אים באלד אויף דיא הענט אונ מען נעמט אים אראפ פון דעם האלץ. אונ אויב ער האט גינעכטיגט אויף דעם האלץ. איז מען עובר אויף אלאו. ווארום עס שטייט אין פסוק זיין טויטער קערפער זאל ניט נעכטיגען אויף דעם האלץ. נאר בגראבין זאלסטו אים. ווארום עס איז ניט שיין פאר גאט אז דער מענטש איינגט. אזוי מיינט מען מענטשין וועלין פרעגין פאר וואס איינגט דער מענטש. וועט מען ענטפרין. ווייל ער האט גילעסטערט גאט. ווערט גיפונען אז דער נאמען פון גאט איז פאר שעמט. רבי מאיר האט גזאגט ווען אמענטש האט צער פון דיא יסורים וואס עס קומט אויף אים פאר זיינע עבירות. וואס זאגט גאט. איך בין ניט גרינג פון מיין קאפ. אונ בין ניט גרינג פון מיין ארעם. דאס מיינט מען גאט האט אויך צער פון דעם מענטשין. אונ ער זאגט אזוי וויא אמענטש וואס איז מיר זאגט. מיין קאפ איז אויף מיר שווער. מיינע ארעם ומיינע הענט זענען מיר שווער. אז גאט האט אזוי פיל צער אויף דיא בלוט פון דיא רשעים וואס עס ווערט פאר גאסען. איז דאך געווים אז גאט האט צער אויף דיא בלוט פון דיא צדיקים אז עס ווערט פאר גאסען. אונ ניט נאר דאס אליין האט מען גזאגט. אז מען טאר ניט לאזין איינגען דעם טויטין אויף דעם האלץ אגאנצע נאכט. נאר ווער עס לאזט ליגען אמת אגאנצע נאכט איז ער עובר אויף אלאו. אבער אז ער לאזט נעכטיגען דעם מת ווייל עס וועט זיין שיין פאר דעם מת. למשל מארגין וועט זיין אגרויסע לויה. אדער דער נייל וועט מען ברייגגען אקאסטין אריין צו לייגן איינווייניג דעם מת. אדער ברעטער. אדער תכריכים וועט מען ברייגגען. איז ניט

קיין

עליו ולא היו קוברין אותו בקברות אבותיו אלא שתי בתי קברות היו מתוקנים לב"ד אחת לנהרגין ולנחנקין ואחת לנסקלין ולנשרפין נתעכל הבשר מלקטין את העצמות וקוברים אותם במקומם והקרובים באים ושואלים בשלום הדיינים ובשלום העדים כלומר שאין בלבנו עליכם שדין אמת דנתם (גם ע"ב) ולא היו מתאבלים אבל אוננים שאין אנינות אלא בלב. תניא א"ר מאיר משלו משל למה"ד לשני אחים תאומים בעיר אחת אחד מינוהו מלך ואחד יצא ללסטיות צוה המלך ותלאוהו כל הרואה אותו אומר המלך תלוי צוה המלך והורידוהו :

יג א"ר יוחנן משום רבי שמעון בן יוחאי מנין למלין את מתו שעובר עליו בלא תעשה שנאמר (דברים כא) כי קבור תקברנו מכאן למלין את מתו שעובר בלא תעשה [א"ד] א"ר יוחנן משום רשב"י רמז לקבורה מן התורה מנין ת"ל כי קבור תקברנו מכאן רמז לקבורה מן התורה אמר ליה שבור מלכא לרב חסדא

כל מתים הלנתן בלא תעבר כדיליף בברייתא מרבויא דתקברנו : ולא היו קוברין אותו בקברות אבותיו. לפי שאין קוברין רשע אצל צדיק כך מפרש לה בגמ' : ב' קברות. בגמ' מפרש טעמא דהלכה למשה מסיני ב' ולא ד' : נתעכל הבשר. כבר נתכפר במיתתו ובבזיונו מלקטין את העצמות וקוברין אותו בקברות אבותיו : ולא היו מתאבלים. על הם כדי שתהא בזיונם כפרה להם אלא אוננין בלבד דאין זה כבוד להרוג ואין כפרתו נמנעת בכך שאין אנינות אלא בלב בלבד : לשני תאומים. אף אדם עשוי בדיוקנו של מקום. וזה לשון הרמב"ם בפי' המשנה מה הכבוד אומרת כלומר אי זה דבר הוא מנהג בני אדם לומר כשהוא רוצה (לענות) [לענות] מי שמצטער בצערו אין הנאה בזה המעשה ולא בטעמו והדברים שהיו אומרים בימי ר"מ קלני מראשי קלני מזרועי כך אמר הכתוב שבמיתת זה החוטא יש הרבה השגיאות והכנית אותו בחיים אינו טוב והם זה אומר במתחייב מיתה כ"ש מי שנהרג נקי : ה"ג ה"ל כי קבר תקברנו. מרבויא דרים כל המתים : רמז לקבורה. שאדם חייב

---

קיין עבירה אז מען לאזט אים נעכטיגען. דער וואס מען האט אים פאר שטיינט. האט מען אים ניט בגראבען נעבען זיינע עלטערן. נאר בית דין האבען אן גיברייט צוויי בית הקברות: אויף איין בית הקברות האט מען בגראבען דיא וואס פלעגען גיהרגעט ווערין דורך בית דין מיט אשווערד. אונ דיא וואס פלעגען דער ווארגין ווערין דורך בית דין. אונ אויף דעם אנדערין בית הקברות פלעגט מען בגראבען דיא וואס ווערין פר שטיינט אונ פאר ברענט דורך בית דין. אונ אז דיא פלייש זיינע איז פאר פוילט גיווארין אין קבר. קלויבט מען צו זאמען דיא ביינער אונ מען בגראבט די ביינער אין דעם בית הקברות וואו זיינע עלטערין אונ זיין פאמיליע ווענען בגראבין. אונ דיא פריינד פון דעם גיהרגעטין קומען צו דיא דיינים אונ זאגין צו זייא שלום זאל זיין אויף אייך. אונ זייא קומען צוא דיא עדות אונ זאגין צו זייא אויך שלום זאל זיין אויף אייך. דיא פריינד מיינען צו זאגין מיר האבען ניט אין הארצען אויף אייך קיין שנאה. ווארום איר האט גישפט וויא דער אמת איז. אונ מען איז ניט גיוועןן קיין אבלים אויף אים. מען איז ניט גיזעסין קיין שבעה אונ מען האט ניט גערימען דיא קליידער. אבער טרויערין מעגין דיא קרובים אויף אים. ווארום טרויערין איז אין הארצין וואס קיינער וויים ניט. דריבער מעג מען. מיר האבען גילערונט רבי מאיר זאגט מען האט גזאגט אמשל פאר וואס מען טאר ניט לאזין דעם גיהרגעטין מענטשין לאנג איינגען. אמאהל זענען גיוועןן צוויי ברידער אצווילינג וואס האבען גיוואוהנט אין איין שטאט. איין ברודער איז גיווארין אמלך. אונ איין ברודער איז גיווארין אגזלן. האט דער מלך גיהייסען מען זאל דעם ברודער דעם גזלן אויף איינגען. ווער עס האט אים גיזעהן איינגענדיג. האט ער גזאגט דער מלך איינגט. הט דער מלך גיהייסען מען זאל אים אראפ נעמען. אזוי יעדער מענטש איז בשאפען גיווארין אין צלם אלהים. פאסט ניט פר גאט אז דער צלם אלהים זאל איינגען:

יג אמר. רבי יוחנן האט גזאגט פון רבי שמעון בן יוחאים וועגין פון האנען וויסען מיר אז מען לאזט ליגען אמת אגאנצע נאכט איז מען עובר אויף אלאו. ווארום עס שטייט אין פסוק דער טויטער קערפער זאל ניט נעכטיגען אויף דעם בוים. נאר בגראבין זאלסטו אים בגראבין. צו וואס שטייט צוויי מאהל דער ווארט בגראבין. צו לערנען אונז ניט נאר איין גיהאנגענעם טאר מען ניט לאזין איינגען אגאנצע נאכט. נאר אלע מתים טאר מען ניט

לאזין

(חסרא) [חמא] קבורה מדאורייתא מנא לבו אשתיק ולא אמר ולא מידי א"ל רב אחא בר יעקב איכסר עלמא בידי דטפשאי איבעי ליה למימר כי קבור דליעבד ליה ארון תקברנו לא משמע ליה ולימא מדקבור צדיקי מנהגא בעלמא מדאקבריה רחמנא למשה דלא לשתני ממנהגא ת"ש (פ"ס יד) וספדו לו כל ישראל וקברו אותו דלא לישתני ממנהגא (ירמיה ה) לא יספדו ולא יקברו לדומן על פני האדמה יהיו דלשתנו ממנהגא . איבעיא להו קבורה משום בזיונא הוא או משום כפרה הוא למאי נ"מ דאמר לא תקברוה להווא גברא אי אמרת משום בזיונא הוא לאו כל כמיניה אלא אי אמרת משום כפרה הוא הא אמר ל בעינא

לקבור את מתו : דליעבד ליה ארון . אבל קבורת בארון לא מישתמע מיניה להכי לא א"ל מהאי . ופריך נימא ליה מדכתיב תקברנו : ומהכי לא משמע . לעכו"ם (קבור תקבר) דרשה מרבויא : ונימא ליה מדאקבור צדיקי . אברהם יצחק ויעקב : ומשני מנהגא בעלמא הוא . שנהגו קודם לכן : ונימא ליה . מדקבריה רחמנא למשה אלמא דעתו הכבודה : ומשני דילמא כי היכי דלא לישתני .

לאזין נעכטיגען אנאנצע נאכט . אונ אז מען לאזט יא נעכטיגען אמת אגאנצע נאכט איז מען עובר אויף א לאו . אנדערע זאגין אזוי האט רבי יוחנן גיזאגט פון רבי שמעון בן יוחאים וועגין . וואו שטייט אין דער תורה אז אמת דארף מען בגראבין . שטייט אין פסוק בגראבין זאלכט דוא אים בגראבין . צו וואס שטייט צוויי מאהל דער ווארט בגראבין . צו לערנען אונז אז אלע מתים דארף מען בגראבין . שבור מלכא האט גיפרעגט ביי רב חמא פון וואנען ווייסט איר פון דער תורה אז אמת דארף מען בגראבין . האט רב חמא געשוויגען אונ ער האט אים גאר נים גיענטפערט . הט רב אחא בר יעקב גיזאגט דיא וועלט איז איבער געגעבין גיווארין צו די נארין אין דיא הענט ער האט אים גידארפט זאגין עס שטייט אין פסוק כי קבור . מען זאל אים בגראבין . ענטפערט דיא גמרא רב חמא האט גיטראכט אז שבור מלכא וועט אים ענטפערין בגראבין מיינט מען נים אין דיא ערד . נאר מען מיינט מען זאל מאכען פאר אים אקאסטין . אונ מען זאל אים אריין לייגין אין קאסטין . דאס הייסט אויך בגראבין . פרעגט דיא גמרא האט רב חמא גידארפט זאגין עס שטייט דאך אאיבעריגער ווארט תקברנו . זאלסט אים בגראבין ; געווים מיינט מען אין דיא ערד . ענטפערט דיא גמרא רב חמא האט גיטראכט אגוי דרשת נים אדין פון איבעריגען ווארט . פרעגט דיא גמרא הט רב חמא גידארפט זאגין ווייל די צדיקים אברהם יצחק יעקב זענין בגראבין גיווארין אין דיא ערד . זעהן מיר אז מען דארף בגראבין אין דיא ערד . ענטפערט דיא גמרא רב חמא האט גיטראכט שבור מלכא וועט אים ענטפערין דם איז נאר גיוועזן אזוי אמנהג . אבער פון וואנען ווייסען מיר אז דער דין איז אזוי . פרעגט דיא גמרא האט רב חמא גידארפט זאגין ווייל גאט האט בגראבין משה רבינו אין דיא ערד זעהן מיר אז מען דארף בגראבין אין דיא ערד . ענטפערט דיא גמרא רב חמא האט גיטראכט שבור מלכא וועט אים ענטפערין גאט האט נים גיוואלט ענדערין דעם מנהג . פרעגט דיא גמרא הט רב חמא גידארפט זאגין פון דעם פסוק אלע יודין וועלין אים מספיד זיין אונ זייא וועלין אים בגראבין . ענטפערט דיא גמרא דא איז אויך גיוועזן מען זאל נים ענדערין פון מנהג . פרעגט דיא גמרא עס שטייט דאך אין פסוק מען וועט נים מספיר זיין אונ מען וועט נים בגראבין . זייא וועלין זיין אזוי וויא מיסט אויף דיא ערד . זעהן מיר דאך אז אטויטין דארף מען בגראבין . ענטפערט דיא גמרא מען קען זאגין נים מען דארף אים בגראבין . נאר עס איז אמנהג מען זאל בגראבין . אונ אין דער שלעכטער צייט וועט מען ענדערין דעם מנהג אונ מען וועט נים בגראבין . דיא תלמידים האבען גיפרעגט וואס מען בגראבט אמת איז מחמת חרפה ווייל אז דער מת וועט בלייבין ליגען אונ ער וועט פאר פוילט ווערין . וועט ער פר מיאוסת ווערין . אדער מען בגראבט אים ווייל דורך דעם שטראף וועט אים גישיינקט ווערין זיינע עבירות . צו וואס דארפין מיר דם וויסען וועגין וואס מען בגראבט אים . אויב איינער האט גיזאגט פאר זיין טויט מען זאל אים נים בגראבין . אויב דאס בגראבין איז ער זאל נים פאר מיאוסט ווערין אויף דיא לעבעדיגע . פאלגט מען אים . נים נאר מען בגראבט אים . אונ אויב דאס בגראבין איז מען זאל אים מוחל

בעינא כפרה מאי ת"ש כדאקבור צדיקי אי אמרת משום כפרה הוא צדיקי לכפרה צריכי אין דכתיב (קהלת ז) כי אדם אין צדיק בארץ וגו' ת"ש וספדו לו כל ישראל וקברו אותו אי אמרת כי היכי דתיהוי ליה כפרה הנך נמי לקברו כי היכי דתהוי להו כפרה האי דצדיק (הוא) תיהוי ליה כפרה הנך לא ליהוו כפרה ת"ש לא יספדו ולא יקברו דלא תיהוי להו כפרה:

**יד איבעיא** להו הספדא יקרא דחיי הוא או יקרא דשכבי הוא למאי נ"מ דאמר לא תספדיה להההוא גברא א"נ לאפיקי מורשים (מאי) ת"ש (בראשית כג) ויבא אברהם לספוד לשרה ולבכותה אי אמרת משום יקרא דחיי הוא משום יקרא דאברהם משהו

מקום מתנגנת דעלמא: וספדו לו. באחיה בן ירבעם כתיב ואחיה השילוני נהגלא עליו דבר זה לשנח יען כי נמלא בו דבר טוב שביטל פרדיסאות אשר לאביו: ולא יקברו. ברשעים כתיב ומדלייט להו שמע מינה קבורה משמיה לכפרתו עלה: משום בזיונא הוא. שלא יתבזו לעין כל כשיראוהו מת ונרקב ומהנכב או כי היכי דתיהוי ליה כפרה בהעמנה זו שמורידין ומשפילים אותו בתחתיות: אלו כל מיליה. דבזיון הוא לקרוביו: הא אמר לא בעינא כפרה. ואי נמי קברי ליה לא (מכפר) [מתכפר]: ולא יקברו. ואי משום כפרה היא יקברו ויתכפר להם ומכי לא ניחא להקב"ה דתיהוי להו כפרה לפי שאף כל פתה קבריהם לא היו חוזין:

אי נמי לאפוקי מיורשין. על כרחן שכר הספדנין אי יקרא דשכבא כי אמר לא תספדוה לייהיק ליה ואי לא אמר ואמרי יורשין לא ניחא לן כפיק להו ואי יקרא דחיי הוא לדידי' לא לייהיק וליורשין לייהיק: משהו לא לשרה. עד שבא לאהכסם

---

מוחל זיין דיא עבירות בגראבט מען אים ניט. ווארום ער האט דאך געזאגט ער וויל ניט מען זאל אים מוחל זיין דיא עבירות. וויא איז דער דין. ענטפערט דיא גמרא ווייל מיר זעהן מען בגראבט צדיקים. אז מיר וועלין זאגין דאס בגראבין איז מען זאל מוחל זיין די עבירות. צדיקים האבען דאך ניט קיין עבירות. געוויס מוזין מיר זאגין אז דאס בגראבין איז ער זאל ניט פר שאוכט ווערין. זאגט די גמרא צדיקים האבין אויך עבירות. אזוי וויא עס שטייט אין פסוק עס איז נישטא קיין צדיק אויף דער וועלט וואס ער זאל ניט זינדיגען. זאגט דיא גמרא פון דעם פסוק וועלין מיר וויסען אלע יודין וועלין אים מספיד זיין. אונ זייא וועלין אים בגראבין. אז מיר וועלין זאגין דאס בגראבין איז מען זאל מוחל זיין די עבירות. זאל מען אלע קינדער פון ירבעם בגראבין אז זייא וועלין שטארבין. נאט זאל מוחל זיין זייערע עבירות. פר וואס האט גאט גיזאגט נאר אויף איין זוהן פון ירבעם אז מען וועט אים בגראבין. ענטפערט דיא גמרא ווייל דער זוהן איז א צדיק וויל גאט מען זאל אים בגראבין אז ער וועט שטארבין מען זאל אים מוחל זיין זיינע עבירות. אבער דיא איבעריגע קינדער פון ירבעם ווייל זייא זענען רשעים וויל ניט גאט מען זאל זייא בגראבין מען זאל זייא ניט מוחל זיין זייערע עבירות. זאגט דיא גמרא פון דעם פסוק וועלין מיר וויסען. מען וועט ניט מספיד זיין אונ מען וועט ניט בגראבין. אז מיר וועלין זאגין דאס בגראבין איז מען זאל מוחל זיין דיא עבירות. זאל מען זייא יא בגראבין מען זאל מוחל זיין זייערע עבירות. ענטפערט דיא גמרא ווייל זייא זענען גיוועזן רשעים. וויל ניט גאט מוחל זיין זייערע עבירות דריבער וועט מען זייא ניט בגראבין:

יד איבעיא. דיא תלמידים האבין גיפרעגט דער הספד וואס מען זאגט אויף א מת איז צו געבין כבוד דיא לעבעדיגע. דעם יחוס פון דער משפחה גרוס צו מאכין. אז צווישען זייא איז גיוועזן אזוי אגרויסער צדיק. אדער דער הספד איז צו געבין כבוד דעם מת. מען דער ציילט זיינע תורה אונ מצות אונ פרומקייט. צו וואס דארפין מיר דאס וויסען. אויב איינער האט גזאגט פאר זיין שטארבין מען זאל אים ניט מספיד זיין. אויב דער כבוד איז פאר דיא לעבעדיגע איז מען אים מספיד. אונ אויב דער כבוד איז פאר דעם טויטין. איז מען אים ניט מספיד. אדער מען זאל נייטען דיא יורשים זייא זאלין בצאהלין דעם ספדן פאר האס ער וועט זאגין דעם הספד. אויב דער הספד איז פאר דיא יורשים וועגין. קענען דיא יורשים זאגין מיר ווילען ניט דעם כבוד פון הספד. אונ מיר ווילען ניט בצאהלין. אונ אויב דער הספד איז פאר דעם מת נייט מען דיא יורשים זייא מוזין בצאהלין מען זאל זאגין א הספד. זאגט דיא גמרא דאס קענען מיר וויסען פון דעם פסוק אברהם איז גיקומען זאגין א הספד אויף שרה אונ צו בעווייגען איר. אז מיר וועלין זאגין דער הספד איז פאר דעם כבוד פון דיא לעבעדיגע. איז

דאך

**משהו** לה לשרה שרה גופה ניחא לה כי היכי דנתיקר בה אברהם ת"ש וספדו לו כל ישראל וקברו אותו ואי אמרת משום יקרא דחיי הוא הני בני יקרא נינהו ניחא להו לצדיקי דנתייקרו בהו אינשי ת"ש לא יספדו ולא יקברו (אי אמרת משום יקרא דשכבי שפיר דהני לאו בני יקרא נינהו אלא אי אמרת יקרא דחיי הוא הא נמי יספדו כי היכי דתיהוי להו יקרא לאינשי) לא ניחא (להו) (לצדיקיא) דנתייקרו ברשיעא תא שמע (ירמיה לד) בשלום תמות ובמשרפות אבותיך המלכים הראשונים וגו' והוי אדון גו' אי אמרת יקרא דחיי הוא מאי נפקא ליה מיניה ה"ק ליה ליתייקרו בך ישראל כי היכי דאתייקרו באבהתך (דף מז) ת"ש (תהלים טו) נבזה בעיניו נמאס זה חזקיה מלך יהודה שגירר עצמותיו של אביו (במטה) [על מטה] של חבלים ואי אמרת יקרא דחיי הוא מ"ט עביד הכי משום דתיהוי כפרה לאביו ומשום כפרה דאבוה משהי

מעקידת יצחק כדכתיב ויבא אברהם מכלל דספדא שעתא לא הוה התם : הנך בני יקרא נינהו . בתמיה והלא כל בית ירבעם המתים רשעים היו : ולא יקברו . ואי יקרא דחיי הוא והלא המותרים יש בהם צדיקים : והוי אדון יספדו לו . לצדקיהו אמר : נבזה בעיניו נמאס . בתהלים כתיב (מי יעלה בהר ה' נקי כפים ובר לבב וגו') (מי יגור באהלך וגו') וקא חשיב נמי האי : על מטה של חבלים [דרך] בזיון מפני שהיה אביו רשע ובזיונו לעין כל כדי שיתיסרו האחרים ולכבוד עצמו לא חש ומפני כבוד אב נמי ליכא למיחש דנשיא בעמך כתיב בעושה מעשה עמך : נבזה בעיניו . הוא עצמו נתבזה : ונמאס . בפני עצמו שלא חש לכבודו במקום קדוש השם : ואי אמרת . כבוד שעושין למת אינו של אלא של חיים מאי טעמא עביד הכי נמי ניחא לא

---

דָאךְ גִיוֶוען דֶער הֶסְפֵּד פוּן שָׂרָה פַאר דֶעם כָּבוֹד פוּן אַבְרָהָם. קֶען דֶען זַיין אַז פוּן וֶועגִין דֶעם כָּבוֹד פוּן אַבְרָהָם. זָאל מֶען וַוארְטִין מִיט שָׂרָהס בַּגְרֶעבֶּנִיס. גֶעוִויס מוּזִין מִיר זָאגִין אַז אַהֶסְפֵּד אִיז אַכָּבוֹד פַאר דֶעם מֵת אוּנ דֶער הֶסְפֵּד פוּן אַבְרָהָם אִיז גִיוֶוען פַאר דֶעם כָּבוֹד פוּן שָׂרָה. דְרִיבֶּער הָאט מֶען אוֹיף גִיהַאלְטִין דִיא בַּגְרֶעבֶּנִיס פוּן שָׂרָה בִּיז אַבְרָהָם אִיז גִיקוּמֶען אִיר מַסְפִּיד זַיין. זָאגְט דִיא גְמָרָא מֶען קֶען טַאקִי זָאגִין אַז דֶער הֶסְפֵּד אִיז גִיוֶוען אַכָּבוֹד פַאר אַבְרָהָם נָאר שָׂרָהְן אַלֵיין אִיז לִיב גִיוֶוען מֶען זָאל וַוארְטִין מִיט אִיר בַּגְרֶעבֶּנִיס בִּיז אַבְרָהָם וֶועט קוּמֶען זָאגִין אוֹיף אִיר אַהֶסְפֵּד. אַבְרָהָם זָאל הָאבִּין כָּבוֹד. זָאגְט דִיא גְמָרָא דָאס קֶענֶען מִיר וִויסֶען פוּן דֶעם פָּסוּק. אַלֶע יוּדִין וֶועלִין אִיהם מַסְפִּיד זַיין אוּנ וֶועלִין אִיהם בַּגְרָאבִּין. אַז דוּא וֶועסְט זָאגִין אַהֶסְפֵּד אִיז אַכָּבוֹד פַאר דִיא לֶעבֶּעדִיגֶע. וֶועגֶען דֶען דִיא קִינְדֶער פוּן יָרָבְעָם וֶוערְט גִיוֶוען זֵיי זָאלִין הָאבִּין כָּבוֹד. גֶעוִויס מוּזִין מִיר זָאגִין אַז דֶער הֶסְפֵּד אִיז אַכָּבוֹד פַאר אַלֶעבֶּעדִיגֶען אוּנ דֶער קִינְד פוּן יָרָבְעָם אִיז גִיוֶוען פְרוּם אִיז עֶר וֶוערְט גִיוֶוען מֶען זָאל זָאגִין אוֹיף אִים אַהֶסְפֵּד, זָאגְט דִיא גְמָרָא מֶען קֶען טַאקִי זָאגִין אַז דֶער הֶסְפֵּד אִיז אַכָּבוֹד פַאר דֶעם מֵת. אוּנ נָאר דֶער צַדִיק וִויל אַז דוּרְךְ אִים זָאלִין אַנְדֶערֶע מֶענְטְשִׁין הָאבִּין כָּבוֹד. אוּנ וַוייל דֶער צַדִיק וִויל דֶעם הֶסְפֵּד. דְרִיבֶּער הָאט גָאט גְזָאגְט אַז דֶעם זוּהְן פוּן יָרָבְעָם וַוייל עֶר אִיז פְרוּם גִיוֶוען וֶועט מֶען אִים מַסְפִּיד זַיין. זָאגְט דִיא גְמָרָא דָאס קֶענֶען מִיר וִויסֶען פוּן דֶעם פָּסוּק. גָאט הָאט גְזָאגְט מֶען וֶועט זֵייא נִיט מַסְפִּיד זַיין אוּנ מֶען וֶועט זֵייא נִיט בַּגְרָאבִּין. אַז מִיר וֶועלִין זָאגִין דֶער הֶסְפֵּד אִיז אַכָּבוֹד פַאר דִיא גִישְׁטָארְבֶּענֶע אִיז רֶעכְט וָואס מֶען וֶועט זֵייא נִיט מַסְפִּיד זַיין. וַוייל זֵייא וֶועלִין זַיין רְשָׁעִים דַארְף מֶען זֵייא נִיט גֶעבִּין כָּבוֹד. אָבֶּער אַז מִיר וֶועלִין זָאגִין דֶער הֶסְפֵּד אִיז אַכָּבוֹד פַאר דִיא לֶעבֶּעדִיגֶע. זָאל מֶען דִיא רְשָׁעִים אוֹיךְ מַסְפִּיד זַיין דִיא לֶעבֶּעדִיגֶע מֶענְטְשִׁין דִיא פְרוּמֶע זָאלִין הָאבִּין כָּבוֹד. זָאגְט דִיא גְמָרָא מֶען קֶען טַאקִי זָאגִין אַז דֶער הֶסְפֵּד אִיז אַכָּבוֹד פַאר דִיא לֶעבֶּעדִיגֶע. פוּן דֶעסְטְווֶעגִין וֶועט מֶען אוֹיף דִיא רְשָׁעִים נִיט זָאגִין אַהֶסְפֵּד. וַוייל דִיא צַדִיקִים ווִילֶען נִיט הָאבִּין כָּבוֹד דוּרְךְ דִיא רְשָׁעִים: זָאגְט דִיא גְמָרָא מִיר קֶענֶען וִויסֶען פוּן דֶעם פָּסוּק גָאט הָאט גְזָאגְט צוּ צִדְקִיָהוּ מִיט שָׁלוֹם וֶועסְטוּ שְׁטַארְבִּין אוּנ אַזוֹי וִויא מֶען הָאט פַאר בְּרֶענְט דִיא קְלֵיידֶער פוּן דַיינֶע עֶלְטֶערִין דִיא עֶרְשְׁטֶע מְלָכִים. אַזוֹי וֶועט מֶען פַאר בְּרֶענֶען דַיינֶע קְלֵיידֶער אוֹיךְ: אוּנ מֶען וֶועט אוֹיף דִיר זָאגִין אַהֶסְפֵּד הוֹי אָדוֹן. אַז מִיר וֶועלִין זָאגִין דֶער הֶסְפֵּד אִיז אַכָּבוֹד פַאר דִיא לֶעבֶּעדִיגֶע. וָואס פַאר אַטוֹבָה הָאט צִדְקִיָהוּ אַז מֶען וֶועט זָאגִין אוֹיף אִים אַהֶסְפֵּד. זָאגְט דִיא גְמָרָא אַזוֹי הָאט גָאט גְזָאגְט צוּ צִדְקִיָהוּ דִיא יוּדִין וֶועלִין הָאבִּין כָּבוֹד דוּרְךְ דִיר אַזוֹי וִויא זֵייא הָאבִּין גִיהַאט כָּבוֹד דוּרְךְ דַיינֶע עֶלְטֶערִין. זָאגְט דִיא

כחייס: אל תספדוני בעיירות. רבינו הקדוש צוה את בניו בכתובות בגוסס אל הספדוני כשהוליכו אם ארוני למקום קבורתי דהוה מת בציפורי וקבורתו בבית שערים אל הספדוני בעיירות קטנות שתעברו עליהן אלא בכרכים גדולים דאיכא אינשי טובא ומכנפי מהעיירות נמי להתם: סימן יפה למת. כשנפרעין ממנו בעה"ז לאחר מיתה דיש לו כפרה בכך: ש"מ יקרא דשכבא. דאי לא יקרא דידיה אמאי מיכפר בבזיונות:

ויחי ויקם על רגליו. אותו הנקבר נביא השקר היה הוא הנביא אשר השיב את עדו לאכול ולשתות בבית אל ונענש עדו על ידו והמיתהו האריה וכשמת לאחר ימים קברוהו אצל אלישע ולא הוכשר לפני המקום שיקבר אצלו והחייהו: פי שנים. ואליהו החיה את המת והיה לאלישע להחיות שני מתים

ליה ליקרא דכל ישראל ישראל גופייהו ניחא להו דמחלי יקרייהו לגביה ת"ש אמר להו (רבי) אל תספדוני בעיירות ואי אמרת יקרא דהיי הוא מאי נפקא ליה מיניה קסבר (רבי) להתיקרו בי ישראל טפי (פורתא) תא שמע ר' נתן אומר סימן יפה למת שנפרעין ממנו לאחר מיתה מת שלא נספד ולא נקבר או שהיה גוררתו או שהיו גשמים מזלפים על מטתו זהו סימן יפה למת ש"מ יקרא דשכבא הוא ש"מ:

**מן** א"ר אחא בר חנינא מנין שאין קוברין רשע אצל צדיק דכתיב (מ"ב יג) ויהי הם קוברים איש והנה ראו את הגדוד וישליכו את האיש בקבר אלישע וגו' (ויחי) ויקם על רגליו וגו' א"ל רב פפא ודלמא לקיומי (סס) ויהי נא פי שנים ברוחך אלי א"ל אי הכי היינו דתניא (סס יג) על רגליו עמד ולביתו לא

---

גמרא מיר וועלין קענען וויסען פון דעם פסוק דוד המלך האט גזאגט דער וואס איז פארמיאוסת אין זיינע אויגין. ער פאר שעמט זיך אליין נאר עס זאל דורך אים גיהייליגט ווערין דער נאמען פון גאט. דאס מיינט מען חזקיהו דער מלך פון יהודה. ער האט גישלעפט די ביינער פון פאטער אויף אבעט גיפלאכטין פון שטריק. אז מיר וועלין זאגין דער הספד איז אכבוד פאר די לעבעדיגע. און יעדער כבוד וואס מען טוהט דעם מת איז אלין אכבוד פאר די לעבעדיגע. און אז מען פארשעמט דעם מת איז דאס אשאנדע פאר די לעבעדיגע. פאר וואס האט חזקיהו פאר שעמט די לעבעדיגע משפחה פון זיין פאטער אחז. זאגט די גמרא חזקיהו האט גיוואלט דער פאטער זאל האבין אכפרה אויף זיינע זינד. פרעגט די גמרא פון וועגין דעם פאטערס כפרה האט ער פארשעמט אלע יודין. ענטפערט די גמרא די יודין האבין מוחל גיוועזן זייער כבוד נאר עס זאל זיין אכפרה צום מלך אחז דער פאטער פון חזקיהו: זאגט די גמרא מיר קענען דאס וויסען פון רבי. ווארום רבי איידער ער איז גישטארבין האט ער גזאגט צו זיינע קינדער איר זאלט ניט זאגין אויף מיר אהספד אין די קליינע שטעט נאר אין די גרויסע שטעט. אז מיר וועלין זאגין דער הספד איז אכבוד פאר די לעבעדיגע: וואס האט רבי גידארפט פאר זארגין זייער כבוד. זאגט די גמרא רבי האט גיוואלט די יודין זאלין האבין דורך אים כבוד. זאגט די גמרא פון דאגען קענען מיר וויסען. רבי נתן האט גזאגט עס איז אגוטער סימן פאר דעם מת אז מען ווערט פון אים אפגיצאהלט נאך זיין טויט פאר זיינע עבירות אויף דער וועלט. אמת וואס מען האט אים ניט מספיד גיוועזן. און מען האט אים ניט בגראבין. אדער אחיה האט אים פארשלעפט נאך זיין טויט. אדער רעגין האט גיגאסין אויף אים ווען מען האט אים גיטראגין אויף זיין מטה. דאס איז אגוטער סימן פאר דעם מת. זעהן מיר אזוי וויא די שאנדע האט דער מת. אזוי דעם כבוד האט אויך דער מת. איז דאך אהספד אכבוד פאר דעם מת:

**מן** אמר. רבי אחא בר חנינא האט גזאגט פון וואנען ווייסען מיר אז מען טאר ניט בגראבין ארשע נעבין אצדיק. ווארום עס שטייט אין פסוק זייא האבען גיטראגן אמענטשין צו בגראבין אים. האבען זייא גיזעהן אמחנה קומט. האבען זייא אוועק גיטאהן דעם מענטשין אין דעם קבר פון אלישע איז דער מענטש לעבעדיג גיווארין און האט זיך גישטעלט אויף זיינע פיס און איז אוועק גיגאנגען. פאר וואס האט גאט גיטאהן דעם נס. וויל דער מענטש איז ניט ווערט גיוועזן צו ליגען נעבין אלישע. האט רב פפא גזאגט צו רב אחא טאמער האט גאט גיוואלט מקיים זיין די רייד פון אליהו הנביא וואס ער האט גזאגט צו אלישע דו זאלסט

האבען

הלך אלא ויהי נא פי שנים היכי משכחת לה דאחיה אמר ליה ר' יוחנן שריפא צרעת נעמן שהיא שקולה כמת דכתיב (במדבר יב) אל נא תהי כמת וכשם שאין קוברים רשע אצל צדיק כך אין קוברין רשע חמור אצל רשע קל:

והוא לא כתיב אלא בנס של שונמית: לא כלך: והי משום ברכתא דאליהו הוא טיבי מקיימא בהכי: וכשם שאין קוברין כו'. לפרושי טעמא דמתני' מהדר דלפיכך (נהמנו) [כהקנו] שני קברות שאין קוברין נסקלין ונשרפין שהם רשעים חמורים אצל נהרגין ונחנקין שהם רשעים קלים:

**מז** א"ל רבא מי קא מדמית נהרג מתוך רשעו למת מתוך רשעו מת מתוך רשעו כיון דכי אורחיה קמיית לא הויא ליה כפרה נהרג מתוך רשעו כיון דלאו כי אורחיה מיית הוי ליה כפרה תדע דכתיב (תהלים עט) מזמור לאסף אלהים באו גוים בנחלתך טמאו את היכל קדשך וגו' נתנו את נבלת עבדיך מאכל לעוף השמים בשר חסידיך לחיתו ארץ מאי עבדיך ומאי חסידיך לאו חסידיך חסידיך ממש עבדיך הנך דהייבי דינא מעיקרא וכיון דאיקטל קרי להו עבדיך:

קבריח

---

האבען רוח הקודש צוויי מאהל אזוי פיל וויא איך. אונ אליהו האט לעבעדיג געמאכט איין מת, דארף אלישע לעבעדיג מאכען צוויי מתים, איין מת האט אלישע לעבעדיג געמאכט ווען ער האט גילעבט. אונ איין מת האט ער איצט לעבעדיג געמאכט נאך זיין טויט. האט רב אחא געזאגט צו רב פפא אויב דער מענטש איז לעבעדיג געווארין נאר ער זאל אוועק גיין פון אלישעס קבר. איז רעכט וואס מיר האבען גילערנט דער מענטש האט זיך גישטעלט אויף זיינע פיס אונ איז אוועק גיגאנגען פון קבר אבער אהיים איז ער ניט גיגאנגען. נאר ער איז געבליבען ליגען אויף איין אנדער ארט. אבער אז מיר ווערין זאגין ער איז לעבעדיג געווארין צו מקיים זיין דיא נבואה פון אליהו. האט דאך דער מענטש גידארפט אין אמת לעבעדיג ווערין. אונ גיין אהיים אונ זיין וויא אלע לעבעדיגע מענטשין. אזוי וויא דער מת פון אליהו איז גיוועז. אונ אזוי וויא דער מת וואס אלישע האט לעבעדיג גימאכט ווען ער האט גילעבט. פרעגט די גמרא נאר ווען דען איז מקיים געווארין דיא נבואה פון אליהו אז אלישע זאל לעבעדיג מאכען צוויי מתים. איין מת האט דאך נאר אלישע לעבעדיג גימאכט ווען ער האט גילעבט. האט רבי יוחנן גיזאגט אלישע האט גיהיילט דיא קרעץ פון נעמן. א קרעציגער איז גלייך וויא א טויטער. אזוי וויא עס שטייט אין פסוק ווען מרים איז קרעציג געווארין האט אהרן גיזאגט צוא משה זאל זיא ניט זיין וויא א מת. אונ דאס היילונג הייסט לעבעדיג גימאכט. אונ אזוי וויא מען דארף ניט בגראבען א רשע נעבין א צדיק. אזוי זאל מען ניט בגראבען א גרויסין רשע נעבין א קליינעם רשע:

**מז** אמר. האט רבא גיזאגט דוא גלייכסט א רשע וואס איז גיהרגת געווארין צו א רשע וואס איז גישטארבין. א רשע וואס איז גישטארבין ווייל ער איז גישטארבין אזוי וויא אלע מענטשין. איז דער טויט ניט מכפר זיינע עבירות. אבער דער רשע וואס איז גיהרגת געווארין. ווייל ער איז ניט גישטארבין וויא אלע מענטשין. איז זיין טויט מכפר זיינע עבירות. איך וועל דיר ווייזין אז עס איז אזוי. ווארום עס שטייט אין פסוק אסף האט גיזונגען. נאט פעלקער זענען גיקומען אין דיין ארב. אין ארץ ישראל. זייא האבין טמא גיוועז דיין הייליגען בית המקדש. זייא האבען גימאכט פון דיא שטאט ירושלים בערג. זייא האבען גיגעבין די טויטע קערפערס פון דיינע קנעכט אשפייז צו די פייגיל וואס פליהען אונטערין הימעל. דיא טויטע קערפער פון דיינע חסידים האבען זייא גיגעבין צו דיא חיות פון פעלד. ווער זענען דיא קנעכט אונ ווער זענען דיא חסידים. נאר חסידים מיינט מען פרומע מענטשין. אונ קנעכט מיינט מען זייא זענען גיוועז רשעים אונ זייא זענין פאר שולדיגט גיוועז מען זאל זייא הרגנן אונ אז מען האט זיי גיהרגת. האט דער טויט מכפר גיוועז זייערע עבירות. רופט זיי שוין דער פסוק די קנעכט פון גאט:

קבריה

(שם ע"ב) **יז קבריה** דרב הוו שקלי מיניה עפרא לאשתא בת יומא אתו אמרו ליה לשמואל אמר להו יאות עבדין קרקע עולם היא וקרקע עולם אינה נאסרת דכתיב (מ"ב כג) וישלך את עפרה על קבר בני העם מקיש קבר בני העם לע"ז מה ע"ז במחובר לא כתסרא דכתיב (דברים יב) אשר אתם יורשים אותם את אלהיהם על ההרים הרמים אלהיהם על ההרים ולא ההרים אלהיהם ה"נ במחובר לא מיתסר :

(דף מח ע"ב) **יח ת"ר** הרוגי מלכות נכסיהם למלך הרוגי ב"ד נכסיהם ליורשים ר' יהודה אומר אף הרוגי מלכות נכסיהם ליורשים אמרו לר"י והלא כבר נאמר (מ"א כא) הנה בכרם נבות אשר ירד שם לרשתו אמר להן בן אחי אביו היה וראוי ליורשו היה אמרו לו והלא הרבה בנים היו לו אמר להן אותו ואת בניו הרג שנא' (שם ב ט) אם לא את דמי נבות ואת דמי בניו ראיתי ורבנן ההוא בנים הראוין לצאת ממנו בשלמא למ"ד נכסיהם למלך היינו

**לאשתא** בת יומא. ביום ראשון שלה והב מתרפאין באותו עפר: אתרו בו לשמואל. משום דמת וכל הנקבר בו היסורי הנאה ניהו דנמר גם גם מעגלה ערופה כדלקמן: יאות עבדין. כדמפרש לקמן בקרקע אינה נאסרת: ע"ז לא מיתסרא במחובר לקרקע. דכתיב אלהיכם על ההרים ולא ההרים אלהיכם:

**הרוגי מלכות.** בתהייגו מיתה למלכי ישראל כגון שמרדו בו דכתיב כל איש אשר ימרה את **פיך וגו'**: ירפאו. משמע יורשה גמורה ומן **הדין**: והלא הרבה בנים היו לו לא ידענא מאי

---

**יז** קבריה. אז איינער האט געהאט אהיץ קראנקייט. באלד דעם ערשטן טאג פלעגט מען נעמען ערד פון רבס קבר. פלעגט מען געזונד ווערן. האט מען דאס דער ציילט פאר שמואל: האט שמואל געזאגט זייא טוהען רעכט. דאס איז דאך נאר ערד. און ערד ווערט ניט אסור. ווארום עס שטייט אין פסוק ער האט געווארפן די אש פון דיא עבודה זרה אויף דיא קברים פון פאלק. גלייכן מיר דיא קברים צו דיא עבודה זרה. אזוי וויא די עבודה זרה אז זיא איז בהעפט צו דיא ערד. ווערט זיא ניט אסור. ווארום עס שטייט אין פסוק דיא געטער וואס אויף דיא הויכע בערג. דיא געטער וואס אויף דיא בערג ווערין אסור. אבער אז דער בארג אליין איז א גאט. ווערט ער ניט אסור. ווייל ער איז בהעפט צו דיא ערד. אזוי א קבר ווייל ער איז בהעפט צו די ערד ווערט ער ניט אסור:

**יח** תנו רבנן. דיא רבנן האבען געלערנט דיא מענטשין וואס ווערין געהרגת פון מלך ווייל זייא האבען געזינדיגט צום מלך. געהער זייער פאר מעגין צום מלך. און דיא מענטשין וואס ווערין געהרגת פון בית דין: געהער זייער פר מעגין צו דיא יורשים. רבי יהודה זאגט דיא וואס ווערין געהרגת פון מלך געהער אויך זייער פאר מעגין צו דיא יורשים. האבען דיא חכמים געזאגט צו רבי יהודה עס שטייט דאך אין פסוק ביי אחאב ווען ער האט געהרגת נבות היזרעאלי ער איז אין ווייגארטין פון נבות וואס ער איז אין אים אריין געגאנגען צוא ירשנן אים. ווען מיר וואס דער מלך נעמט צוא פון דעם מענטשין וואס ער האט אים געהרגת. הייסט דאס א ירושה. ווארום דער דין איז אז דאס פאר מעגין געהער צוא איהם. האט רבי יהודה געזאגט ווען נבות וואלט ניט געהרגת געווארין פון דעם מלך אחאב. נאר ער וואלט געשטארבין. וואלט אויך אחאב אים גירשת. ווייל דער פאטער פון אחאב און דער פאטער פון נבות זענען געווען צוויי ברידער. האבען דיא חכמים געזאגט צו רבי יהודה נבות האט דאך געהאט פיל קינדער זייא זאלין אים ירשנן. האט רבי יהודה געזאגט אחאב האט געהרגת נבות מיט זיינע קינדער. אזוי וויא עס שטייט אין פסוק גאט האט געזאגט דיא בלוט פון נבות און דיא בלוט פון זיינע קינדער האב איך געזעהן. און דיא רבנן זאגין דאס מיינט מען די קינדער וואס וואלטין פון אים געבארין געווארין אז ער וואלט געלעבט. אבער דיא קינדער וואס זענען געווען אויף דער וועלט האט אחאב ניט געהרגת. זאגט דיא גמרא דער וואס זאגט די וואס ווערין געהרגת פון מלך געהער זייער פאר מעגין צום מלך. און אחאב איז ניט געווען א יורש איז רעכט וואס עס שטייט אין פסוק נבות האט

געלעסטערט

היינו דכתיב (שם א כח) ביך נבות אלהים ומלך אלא למ"ד נכסיהם ליורשים למה לי ומלך ולמעמי"ד אלהים למה לי אלא לאפושי ריתחא הכא נמי לאפושי ריתחא. בשלמא למ"ד נכסיהם למלך היינו דכתיב (מ"א ב) וינס יואב אל אהל ה' ויחזק בקרנות המזבח וכתיב (שם) ויאמר לא כי פה אמות אלא למ"ד נכסיהם ליורשים מאי נפקא ליה מיניה לחיי שעה:

(מ"א ב) **וישב** בניהו את המלך דבר לאמר כה דבר יואב וכה ענני א"ל זיל אימא ליה תרתי לא תעביד בההוא גברא אי קטלת ליה קביל לטותיה דלטייה אבוך ואי לא שבקיה דליקום בלטותיה דלטייה אבוך (שם) ויאמר לו המלך עשה כאשר דבר ופגע בו וקברתו אמר רב יהודה אמר רב כל

ילפינן: היינו דכתיב ומלך. העידוהו שברך במלכות כדי שיתחייב מיתה למלכות ויהיו נכסיו למלך: למה לי ומלך. א' משום למיקטליה ויירשנו מחמת קורבה כברך נבות אלהים סגי: ולטעמיך דמלך לחייבו מיתת מלכות נאמר: אלהים למה לי. הא מחייב ליה משום מלכות: לאפושי ריתחא. דדיינין עליו שלא ירכנו אחר אהאב לומר בשבילו הרגנו ובלי פשע: כי פה אמות. ביואב כתיב לא אהיה נדון למלכות כדי שלא יהו נכסי למלך: לחיי שעה. דהוית בעלמא עד שישובו הדברים לשלמה ויבואו:

כה דבר יואב וכה ענני. משמע דבר ועמיה סרבה וקרא כי פה אמות הוא דכתיב ותו לא אלא

---

גילעסטערט גאט אונ דעם מלך. דער מלך זאל קענען צוא נעמען זיין פאר מעגין. אבער דער תאם זאגט דאס פאר מעגין גיהער צוא דיא יורשים. אונ אחאב איז גיוועזן איורש צו ווס האבען דיא גידארפט זאגין ער האט גילעסטערט דעם מלך. אז זייא וואלטין נאר זאגין ער האט גילעסטערט גאט אליין. וואלט מען דאך אים אויך גיהרגת. אונ אחאב וואלט צוא גינומען זיין פאר מעגין. פרעגט דיא גמרא אונ דער וואס זאגט אז דם פאר מעגין גיהער צום מלך. האבען דייא נאר נידארפט זאגין נבות האט גילעסטערט דעם מלך. וואלט מען אים גיהרגת אונ דער מלך וואלט צו גינומען זיין פאר מעגין. צוא ווס האבען זייא נידארפט זאגין ער הט גילעסטערט גאט. נאר די עדות זאלין פר גרעסערין דעם כעס פון פאלק אויף נבות מען זאל אים געשווינט הרגנן דריבער האבען זייא גזאגט ער האט גאט אויך גילעסטערט. איך מיין אויך אזו ווייל דיא עדות זאלין פאר גרעסערין דעם כעס פון פאלק אויף נבות מען זאל אים געשווינט הרגנן. דריבער האבען זייא גזאגט ער האט דעם מלך אויך גילעסטערט. פרעגט די גמרא דער תאם זאגט אז דאס פאר מעגין גיהער צום מלך. איז רעכט וואס עס שטייט אין פסוק יואב איז אנטלאפין אין גיצעלט פון גאט אונ ער האט אן גינומען דיא ווינקלען פון מזבח אונ ער האט גזאגט דא וויל איך שטארבין. אונ ער האט ניט גיוואלט גיהרגת ווערין דורך שלמה המלך. ער זאל ניט צו נעמען זיין פאר מעגין. נאר דער פאר מעגין זאל בלייבען פאר זיינע יורשים. אבער דער וואס זאגט אז דאס פאר מעגין גיהער ניט צום מלך נאר אייביג צו דיא יורשים: פאר וואס איז יואב אנטלאפין צום מזבח. ענטפערט דיא גמרא ווייל ער הט גיוואלט לעבין נאך אשעה. ביז מען וועט גיין צו שלמה אים זאגין אז יואב איז אנטלאפין צום מזבח. אונ שלמה וועט זאגין וואס מען זאל טאהן מיט אים. אונ מען וועט קומען צוריק צו איהם. וועט ער דער ווייל לעבין די ביסל צייט:

**ויש וישב**: בניהו איז גיקימען צום מלך שלמה אונ האט גיזאגט צו אים. אזוי האט יואב גירעט אונ אזוי האט ער מיר גיענטפערט. וואס איז גיוועזן דיא רייד אונ דער ענטפער. נאר יואב הט גיזאגט צו בניהו גייא זאג צו שלמה אזוי האט יואב גיזאגט צוויא זאכין זאלסטו ניט טאן מיט מיר. ווילסטו מיך הרגנן נעם אויף זיך דיא קללה וואס דיין פאטער דוד האט מיך גיפלוכט. ווילסטו ניט נעמען אויף זיך די קללה. זאלסטו מיך ניט הרגנן. גינוג פאר מיר דיא קללה וואס דיין פאטער דוד האט מיך גיפלוכט. האט דער מלך שלמה גיזאגט צו בניהו איך נעם אויף זיך די קללה אונ טוה מיט אים אזוי וויא ער האט גירעט. זאלכט אים הרגנן אונ בגראבין. רב יהודה האט גיזאגט פון רבם וועגין אלע קללות וואס דוד האט גיפלוכט צו יואב זענען מקוים גיווארין בייא דיא קינדער פון דוד ובייא דיא קינדער פון שלמה ווייל ער האט אויף זיך גינומען דיא קללות

דוד

כל קללות שקלל דוד את יואב נתקיימו בזרעו של דוד (ש"ב ג) ואל יכרת מבית יואב זב ומצורע ומחזיק בפלך ונופל בחרב וחסר לחם זב מרחבעם דכתיב (מ"א יב) והמלך רחבעם התאמץ לעלות במרכבה לנום ירושלים וכתיב (ויקרא טו) כל המרכב אשר ירכב עליו הזב יטמא מצורע מעוזיהו דכתיב (ד"ה ב כו) ובחזקתו גבה לבו עד להשחית וימעל בה' אלהיו ויבא אל היכל ה' להקטיר על מזבח הקטרת וכתיב (שם) והצרעת זרחה במצחו. מחזיק בפלך מאסא דכתיב (מ"א טו) רק לעת זקנתו חלה את רגליו ואמר רב יהודה אמר רב שאחזו פודגרא א"ל מר זוטרא בריה דרב נחמן לרב נחמן היכי דמי א"ל כמחט בבשר החי כנא ידע אבע"א מיחש הוה חייש ביה ואבע"א מרביה הוה גמיר לה ואבע"א (תהלים כה) סוד ה' ליראיו ובריתו להודיעם. נופל בחרב מיאשיהו דכתיב (ד"ה ב לה) ויורו היורים למלך יאשיהו וא"ר יהודה א"ר שעשו כל גופו ככברה. וחסר לחם מיכניה דכתיב (מ"ב כה וירמיה נב) וארוחתו ארוחת תמיד נתנה לו א"ר יהודה א"ר היינו דאמרי אינשי (דף מט) תהא ליטא ולא תהא (מלטטא) [לייטא] אתיוה ליואב לדיניה א"ל מ"ט קטלתיה לאבנר א"ל גואל הדם דעשהאל הואי

ה"ק ליה הכי לא העביד לי: כולן נתקיימו בזרעו של דוד. מפני שקבין בלמה עליו: לעלות במרכבה. ונבי זב כתיב נמי מרכב. אסמכתא לג"ש: מחזיק בפלך. אוחז מקל לישען עליו מחמת חולי הרגלים: פודגרא. כן שם החולי אף בלשונו: מנא ידע. ר"נ: וארוחתו ארוחת תמיד. מתת נ"נ היתה לו: תהא ליטא ולא לייטא. טוב לך להיות מן המקוללים ולא מן המקללים לפי שסוף קללה חנם לבוא אל

---

דוד האט גיזאגט אויף יואב. עס זאל ניט פארשניטען ווערין פון יואבס הויז געזינד אזב ועס זאל פון אים אייביג ריינען זבעו. אונ זאל גיין מיט אשטעקין ווייל ער וועט האבין קראנקע פיס. אונ ער זאל פאלין אין שווערד פון זיינע פיינד. אונ עס זאל אים פעלין ברויט. אונ דאס אלין איז מקוים גיווארין ביא דיא קינדער פון שלמה. רחבעם איז גיוועזן אזב. אזוי וויא עס שטייט אין פסוק דער מלך רחבעם האט זיך גישטארקט ארויף צו גיין אויף דעם רייט וואגין צו אנטלויפען אין ירושלים. אונ ביי אזב שטייט אלע רייט וועגין וואס דער זב וועט רייטין אויף אים זאל ווערין טמא. לערנען מיר אגזרה שוה ווייל רחבעם איז גיוועזן אזב דריבער הט ער ניט גיקענט גיין נאר ער האט גימוזט זיצען אויף דעם רייט וואגין. עוזיהו איז גיוועזן קרעציג. אזו וויא עס שטייט אין פסוק אונ אין זיין שטארקייט איז זיין הארץ גרויס גיווארין ביז צו פארדארבין אונ ער האט גיפעלשט אין גאט אונ ער איז גיקומין אין היכל פון גאט צו מקטיר זיין קטורת אויף דעם מזבח. האבען דיא קרעץ גישיינט אויף זיין שטערין. אסא. האט גיהאט קראנקע פיס אונ איז גיגאנגען מיט אשטעקין. אזוי וויא עס שטייט אין פסוק צו זיין עלטער איז ער קראנק גיווארין אויף דיא פיס. אונ רב יהודה האט גזאגט פון רבס וועגין ער האט גיהאט דיא קראנקייט וואס הייסט פודגארא. מר זוטרא דער זוהן פון רב נחמן האט גזאגט צו רב נחמן וויא אזוי איז דיא קראנקייט. האט רב נחמן גזאגט דיא קראנקייט שטעכט אזוי וויא מען שטעכט מיט אנאדיר אין געזונטע פלייש. פון וואנען וייס דס רב נחמן. אנדערע זאגין רב נחמן אליין הט גיהאט דיא קראנקייט. אנדערע זאגין זיין רבי הט גיהאט דיא קראנקייט. האט ער אים גזאגט. אנדערע זאגין גאט זאגט דעם צדיק אלע סודות. יאשיהו איז גיפאלען אין שווערד. אזוי וויא עס שטייט אין פסוק דיא וואס האבין גיווארפען פיילין האבען גיווארפין זייערע פיילין אויף דעם מלך יאשיהו. אונ רב יהודה האט גזאגט פון רבס וועגין זייא האבען גימאכט לעכער אין זיין גוף אזוי וויא אזיפ. דעם מלך יכניה האט גיפעלט ברויט אזוי וויא עס שטייט אין פסוק אויל מרודך האט גיגעבין צו יכניה אייביגע שפייז ביי זיין טיש. רב יהודה האט גזאגט פון רבס וועגין דאס איז וואס מענטשין זאגין דוא זאלסט בעסער זיין גיפלוכט פון איין אנדערין. אונ דוא זאלסט ניט פלוכין קיין אנדערין. ווארום אאומזיסטע קללה קומט צוריק צו דעם פלוכער. דער נאך האט מען גיברייגנט יואב צום משפט. האט שלמה גיזאגט צו יואב פאר וואס האסטו גיהרגת אבנר. האט יואב גזאגט איך

בין

**הואי** עשהאל רודף הוה א"ל היה לו להצילו בא' מאבריו א"ל לא הוה יכיל ליה א"ל השתא בדופן המישית כיון ליה דכתיב (ש"ב ג) ויכהו אבנר באחרי החנית אל החומש וא"ר יוחנן בדופן חמישית במקום שמרה וכבד תלויים בו באחד מאיבריו לא יכיל ליה (אמרו) [אמר] ליה ניזיל אבנר מ"ט קטלתיה לעמשא א"ל מורד במלכות הוה דכתיב (ש"ב כ) ויאמר המלך לעמשא הזעק לי את איש יהודה שלשת ימים וגו' וילך עמשא להזעיק את איש יהודה ויוחר וגו' (אמרו) [אמרו] ליה עמשא אכין ורקין דרש אשכחינהו לישראל דפתיח להו במסכתא אמר כתיב (יהושע א) כל אשר ימרה את פיך ולא ישמע את דבריך לכל אשר תצונו יומת יכול אפי' לד"ת ת"ל (שם) רק חזק ואמץ אלא ההוא גברא מורד במלכות הוה דכתיב (מ"א ב) והשמועה באה עד יואב כי יואב נטה אחרי אדוניה ואחרי אבשלום לא נטה מאי לא נטה א"ר יהודה שבקש

במקלו: היה לו. לאבנר: להציל. את עצמו בא' מאיבריו. של עשהאל ולא יהרגנו דהכי אמרינן (באלו הן הנשרפין) [בפ' בן סורר ומורה דף ע"ד] הרודף אחר חבירו להורגו ויכול זה להציל את עצמו באחד מאיבריו של רודף ולא עשה כן אלא חזר כנגדו והרגו נהרג עליו: א"ל לא יכיל ליה. אבנר לכוין באחד מאבר איבריו: אמר להו. יואב השתא בדופן המשית כנגד צלע חמישי: (אמרו) [אמר] ליה ניזיל אבנר. דינו של אבנר פטור אתה עליו: אכין ורקין דריש. במאי דהוו עסוקים במס' ולא רצה לבטלם כדעסקים ואזיל דאימו מורד במלכות דכתיב רק חזק ואמץ רקין מיעוטין באים כאן המלך לבטל דברי (נביא) [תורה] אין שומעין לו: השמועה. בשמועת שלמה בא אל יואב והיירא: כי יואב נטה אחרי אדוניה ואחרי אבשלום. כשמרד בדוד אביו לא נטה: מאי לא נטה. מה לנו להזכיר זאת כאן וכי (לא) [מה] היה לו יראה בשביל שלא נטה אחרי אבשלום וכאן נטה אלא מגיד לך הכתוב שביקש לנטות גם אחרי אבשלום אלא שלא גמר מחשבתו כדמפרש ואזיל מפני שעדיין היה לו להלותית גבורתו של דוד קיימת אבל עכשיו בזקנו יצא מדכו ונטה אחרי אדוניהו:

---

בין אברודער פון עשהאל האב איך מיך אן גינומען פאר זיין בלוט וואס אבנר האט איהם גיהרגת האט שלמה גזאגט עשהאל האט דאך נעיאגט אבנר און האט איהם גיוואלט הרגנן. האט אבנר גיוואלט היטען זיין לעבין דריבער האט ער גימוזט הרגנן עשהאל. האט יואב גזאגט אבנר האט גידארפט היטען זיין לעבין מיט איינע פון עשהאלס גלידער וכמשל אבנר האט גידארפט אפ האקין עשהאלס האנט וואלט דאך עשהאל אים שוין ניט גיקענט הרגנן. פאר וואס האט אבנר אים גיהרגת. דארף מען אבנר הרגנן. האט שלמה גזאגט צוא יואב אבנר האט ניט גיקענט טרעפין צו איינע פון עשהאלס גלידער ער זאל אים אפ האקין. דריבער האט ער אים גימוזט הרגנן. האט יואב גזאגט מאדאך צום פינפטין ריפ זאט ער גיקענט טרעפין. אזוי ויא עס שטייט אין פסוק אבנר האט אים גישלאגין מיט דעם הינטען פון דעם שפיז צום פינפטען. האט רבי יוחנן גזאגט צום פינפטען ריפ. אויף דעם ארט איינגט די גאל מיט דיא לעבער. האט ער דאך צו איינע פון זיינע גלידער גיוויס גיקענט טרעפין. האט שלמה גזאגט צו יואב מיר וועלין אוועק גיין פון אבנר. אויף אבנר ביסטו גירעכט. פאר וואס האסטו גיהרגת עמשא. האט יואב גזאגט עמשא האט געזינדיגט צום מלך דוד. וואראם עס שטייט אין פסוק דער מלך האט גזאגט צו עמשא דו זאלסט פר זאמלען צו מיר אלע מענטשין פון יהודה אין דריי טעג. און עמשא איז גיגאנגען פאר זאמלען דיא מענטשין פון יהודה. אבער ער האט פאר שפעטיגט דיא צייט. עס האט גידויערט מער וויא דריי טעג. האט שלמה גזאגט צוא יואב. עמשא האט גידרשת דעם ווארט אך און דעם ווארט רק. וואראם ווען עמשא איז גיקומען צוא דיא יודין האט ער גיטראפין זייא האבען אן גיהויבען צוא לערנען א מסכתא. האט עמשא גזאגט עס שטייט אין פסוק אויף יהושע ווער עס וועט ווידער שפעניגען דיין מויל און וועט ניט פאלגין דיינע רייד צוא אלץ וואס דוא וועסט אים געביטען. זאל ער שטארבין. ווארט איך מיינען אפילו יהושע וועט הייסען מען זאל ניט לערנען תורה מוז מען אים אויך פאלגין: שטייט אין פסוק רק חזק ואמץ. דער ווארט רק קומט ווייניגער צוא מאכען. ניט אלע מאהל זאלסטו דיך שטארקין אויף דעם פאלק. נאר אויב דאס פאלק לערנט תורה. טארסטו זייא ניט שטערין. און ווייל דיא יודין האבען גילערנט תורה דריבער האט עמשא ניט גיקענט זייא שטערין פון תורה לערנען זייא זאלין גיין צום מלך. האט דאך עמשא גאר ניט געזינדיגט נעגין דעם מלך פאר וואס האסטו אים גיהרגת. נאר דוא האסט געזינדיגט צום מלך. וואראם

עם

לנטות ולא נטה ומ"ט לא נטה א"ר אלעזר עדיין לחלוחית של דוד קיימת ר' יוסי בר' חנינא אמר עדיין א אצטגניני של דוד קיימין דאמר רב יהודה אמר רב ת' ילדים היו לו לדוד וכולן בני יפת תואר היו ומגדלי בלורית היו ומהלכין בראשי הגייסות והן הן בעלי אגרופין של דוד :

ב ופליגא דר' אבא בר כהנא דא"ר אבא בר כהנא אלמלא ד"ד לא עשה יואב מלחמה ואלמלא יואב לא עסק דוד בתורה כדכתיב (ש"ב ח) ויהי דוד עושה משפט וצדקה לכל עמו (וסמיך ליה) ויואב [בן צרויה] על הצבא מ"ט דוד עושה משפט וצדקה לכל עמו משום דיואב על הצבא ומ"ט יואב על הצבא משום דדוד עושה משפט וצדקה [לכל עמו] (שם ג) ויצא יואב מעם דוד וישלח מלאכים אחרי אבנר וישיבו אותו מבור הסרה (ודוד לא ידע) מאי בור הסרה אמר ר' אבא בר כהנא בור וסירה גרמו לאבנר

פירוש

אצטגניני דוד. בעלי אגרופין שלו שעל ידם הוא נוטה ויוצא ובא על פיהם אצטגנינות דכל ההגנות לבין מזלות ומזיק בכוכבים והיך קרי הכי משום שהיה דוד נסמך עליהם ועושה על פיהם והולך אחר דבריהם : ילדים. בחורים : ומגדלי בלורית. כמשפטי הגוים כדי שיראו בעלי קומה [היתה] ויפחדו מהן : בני יפת תואר. בני נכרים שהיו לקוחים בשביה והיורש הכתוב כדכתיב ונחית בשבים וגו' :

אלמלא דוד. שהיה עוסק בתורה לא עשה יואב מלחמה אבל זכותו של דוד עומדת לו לי אב במל. מה של דוד : בור וסירה גרמו לו לאבנר שיהרג. בור לצפחת המים שלקח דוד מראשותיו של שאול כשהיה ישן במעגל וכשאמר להם דוד בני מות אתם שלא שמרתם אדוניכם שכבר הייתי יכול להרגו ראו את איפה חנית המלך ואיה צפחת המים היה לו לאבנר למחות בשאול ולומר לו ראה כמה צדיק זה שלא הרגך ולא מיחה בו אלא א"ל שמא אחד מבני הצבא נתנם לו וסירה קוץ כשכרת דוד את [כנף] מעילו של שאול במערה היה לו לאבנר ללמד זכות על דוד ולומר לשאול ראה כמה הם עליך שלא הרגך בהיותך יחידי עמו במערה ולא למד זכות אלא אמר לו שמא כשעברת אצל הקוצים והסירים נכנס אחד מן

עס שטייט אין פסוק דיא הערונג ואז מען האט גיזאגט שמהן פאר אמלך) איז גיקומען צוא יואב. ווארום יואב האט גינייגט נאך אדוניה (ער האט גיוואלט אדוניה זאל זיין אמלך). אונ נאך אבשלום האט ער ניט גינייגט. צו וואס דער ציילט דא דער פסוק אז ער האט ניט גינייגט נאך אבשלום. האט רב יהודה גיזאגט ער האט גיוואלט גייגן נאך אבשלום אויך. נאר ער האט ניט גינייגט. פר וואס האט ער ניט גענייגט. האט רבי אלעזר גיזאגט ווייל ער הט גיזעהן ער וועט ניט אוים פירען. ווארום דיא רייכטקייט פון דוד איז נאך גיוועז. דוד הט נאך גילעבט מיט זיין שטארקייט. האט ער מורא גיהאט פאר אים. אבער איצט אז דוד איז שוין אלט גיוועזן האט ער שוין פאר דוד ניט מורא גיהאט דריבער האט ער גינייגט נאך אדוניהו ער זאל ווערין אמלך. רבי יוסי ברבי חנינא זאגט דריבער האט יואב מורא גיהאט פאר דוד ווייל דיא שטארקע מענטשין פון דוד האבען נאך גילעבט. ווארום רב יהודה האט גיזאגט פון רבם וועגן פיר הונדערט קינדער האט דוד גיהאט. אונ דיא אלע קינדער זענען גיוועזן פון דיא נוישע ווייבער דיא שיינע וואס ער פלעגט פאנגען אין דער מלחמה אונ זיי האבען גילאזט וואקסן גרוסע האר. אונ זייא פלעגין גיין פאר אוים פאר דעם חיל. אונ דאס זענען גיוועזן דיא שטארקסטע מענטשין פון דוד :

ב ופליגא. אונ ער קריגט אויף רבי אבא בר כהנא. ווארום רבי אבא בר כהנא זאגט ווען דוד וואלט ניט לערנען תורה וואלט יואב ניט איין נעמען דיא מלחמות. נאר דער זכות פון דוד האט גיהאלפען צו יואב ער זאל איין נעמען דיא מלחמות וואס דוד האט אים געשיקט. אונ ווען יואב וואלט ניט גינאנגען אין דער מלחמה. וואלט דוד ניט גילערנט תורה. ווארום דוד אליין וואלט גימוזט גיין אין דער מלחמה. ווען וואלט ער גילערנט תורה. אזוי וויא עס שטייט אין פסוק דוד האט גיטאהן משפט אונ צדקה צו זיין גאנץ פאלק אונ יואב בן צרויה איז גיוועזן אויף דעם חיל. פר וואס האט דוד גיקענט טאהן משפט אונ צדקה צו זיין גאנץ פאלק. ווייל יואב איז גיוועזן אויף דעם חיל. אונ פאר וואס איז יואב גיוועזן אויף דעם חיל. ווייל דוד הט גיטאהן משפט אונ צדקה צוא זיין גאנץ פאלק. עס שטייט אין פסוק יואב איז ארוים גיגאנגען פון דוד אונ ער הט געשיקט שלוחים נאך אבנר אונ מען הט אים צוריק גיקערט פון בור הסרה. וואס מיינט מען בור הסרה. האט רבי אבא בר כהנא גיזאגט בור וסירה ווער ברונען אונ דערי

דאריו

לאבנר שיהרג (שם) ויטהו יואב אל תוך השער לדבר אתו בשלי א"ר יוחנן שדנו בדין סנהדרין א"ל מ"ט קטלתיה לעשהאל עשהאל רודף הוה היה לך להצילו באחד מאיבריו לא יכילנא ליה השתא בדופן חמישית איכוונת ליה באחד מאיבריו לא יכלת ליה לדבר אתו בשלי א"ר יהודה אמר רב לדבר אתו על עסקי שלו (שם) ויכהו שם אל החומש אמר ר' יוחנן בדופן חמישית מקום שמרה וכבד תלויים בו (מ"א ב) והשיב ה' את דמו על ראשו אשר פגע בשני אנשים צדיקים וטובים

סקולים בכנף מעילך וזהו היה סימן שם וחתכו : שדנו דין סנהדרין . כמו אל זקני עירו ואל שער מקומו דפתח שער לשון סנהדרין כוה שהיו דנין שם : על עסקי שלו . ל' של נעלך שאל לו בערמה יבמה נדמת כילך חולצת התחיל שוחח לפניו ומראהו כך היא חולצת בשינים וזהו שלף חרבו והכהו כדכתיב בתגורתו אשר במתניו ונפלה אשר ברגלו :

---

דאָרין האָבען בעשולדיגט אַבנר ער זאָל גיהרגת ווערין ודעם ברוגען מיינט מען דעם קריגעל וואַסער וואָס איז גישטאַנען נעבין שאול צו קאָפּין ווען ער איז גישלאָפען . אונ דוד האָט אים צוא גינומען : דער נאָך איז דוד גישטאַנען פון ווייטין אונ האָט געשריגען צו אַבנר איר זענט אַלע ווערט מען זאָל אייך הרגנן פאַר וואָס האָט איר ניט געהיט אייער מלך . זעהט נאָר וואו איז דער קריגעל וואַסער פון מלך . ווען איך האָב גינומען דעם קריגעל וואַסער אונ בין גישטאַנען נעבין מלך האָב איך דאָך אים גיקענט הרגנן : האָט אַבנר גידאַרפט זאָגין צו שאול זעה נאָר וואָס פאַר אַ צדיק דוד איז וואָס ער האָט דיך ניט גיהרגת . דאַרפסטו אים אויך ניט יאָגין צום הרגנן אים : אונ אַבנר האָט אַזוי ניט גזאָגט . ער האָט גזאָגט צו שאול דוד איז גאָר ניט גיווען נעבין דיר . ער האָט גאָר ניט גינומען דעם קריגעל וואַסער . נאָר איינער פון אונזערע מענטשין האָט אים געווים גיגעבין דעם קריגעל וואַסער . האָט ער נאָך גימאַכט מער שנאה צווישען שאול אונ דוד . דריבער איז ער גישטראָפט גיוואָרין . דעם דאָרין מיינט מען . ווען דוד האָט אָפּ געשניטען די פּאָלע פון שאולס קלייד אין דעם קעלער . האָט אַבנר גידאַרפט זאָגין צו שאול זעה נאָר וואָס פאַר אַ צדיק דוד איז . ווען ער האָט אָפּ געשניטען די פּאָלע דיינע האָט ער דאָך דיך גיקענט הרגנן . אונ ער האָט דיך ניט גיהרגת . דאַרפסטו אים אויך ניט יאָגין צום הרגנן אים . אונ אַבנר האָט אַזוי ניט גזאָגט . נאָר ער האָט גזאָגט צו שאול דוד האָט גאָר ניט אָפּ געשניטען דיין פּאָלע אין קעלער . נאָר דוא ביסט גיגאַנגען נעבין דערנער האָבען די דערנער אָפּ געריסען די פּאָלע . ווייל ער האָט גימאַכט נאָך מער שנאה צווישען שאול אונ דוד : דריבער איז ער גישטראָפט גיוואָרין . עס שטייט אין פּסוק יואָב האָט גענייגט אַבנרן אין טויער ער זאָל מיט אים ריידין בשלי . רבי יוחנן זאָגט אין טויער מיינט מען צוא די סנהדרין זייא זאָלין אים משפּטין . יואָב האָט גיפרעגט ביי אַבנר פאַר וואָס האָסטו גיהרגת מיין ברודער עשהאל . האָט אַבנר גזאָגט עשהאל האָט מיך געיאָגט צו הרגנן : האָט יואָב גזאָגט צו אַבנר האָסטו גידאַרפט אָפּ האַקין איינע פון זיינע גלידער וואָלט ער דיך שוין ניט גיקענט הרגנן . וואָלסטו ניט געטעט גיוואָרין . האָט אַבנר גזאָגט איך האָב ניט גיקענט אָפּ האַקין פון אים אַ גליד . האָט יואָב גזאָגט מאַדאָך דוא האָסט גיקענט טרעפין מיט דיין שפּיז צו זיין פינפטין ריפּ . האָסטו ניט גיקענט טרעפין אָפּ צו האַקין פון אים אַ גליד . עס שטייט אין פּסוק צו ריידין מיט אים בשלי . וואָס מיינט מען בשלי . האָט רב יהודה גזאָגט פון רבם וועגין יואָב האָט אָן גיהויבין צו ריידין מיט אַבנר פון דעם וואָרט של . אויס טאָהן דעם שוך . יואָב האָט גיפרעגט ביי אַבנר אַדין . איבמה וואָס האָט ניט קיין הענט וויא אַזוי נעמט זי אַראָפּ דעם שוך פון יבם . האָט זיך אַבנר איין גיבויגין אים צו ווייזין וויא אַזוי זיא בינדט אָפּ מיט די ציין . דער ווייל האָט יואָב אַרויס גינומען דעם שפּיז אונ האָט אים גישטאָכין אין פינפטין ריפּ . עס שטייט אין פּסוק ער האָט אים גישטאָכין צום פינפטען . האָט רבי יוחנן גזאָגט דאָס מיינט מען צום פינפטען ריפּ אויף דעם אָרט וואו די גאַל מיט די לעבער איינגען . שלמה המלך האָט גזאָגט גאָט וועט צוריק קערין זיין בלוט אויף זיין קאָפּ ואויף דעם

קאָפּ

וטובים ממנו ויהרגם בחרב טובים שהם דרשו אכין ורקין והוא לא דרש וצדיקים שהם בפה ולא עשו והוא באגרת ועשה (ש"ב כ) ועמשא לא נשמר בחרב אשר ביד יואב וגו' (אר"י) אמר רב שלא חשדו (מ"א ב) ויקבר בביתו במדבר אטו ביתו מדבר הוא אמר רב יהודה [אמר רב] כמדבר מה מדבר מופקר לכל אף ביתו של יואב מופקר לכל ד"א כמדבר (הזה) מה מדבר (הזה) מנוקה מגזל ועריות אף ביתו של יואב מנוקה מגזל ועריות (ד"ה א יא) ויואב יחיה את שאר העיר אמר רב יהודה (אמר רב) אפילו מוניני וצחנתא טעים פרים להו:

שהם דרשו אכין ורקין. בלא לקיים מצות המלך לעבור על דברי תורה עמשא כדאמרן אבנר כשאמר לו שאול לעבדיו סובו והמיתו את כהני ה' וכתיב ולא אבו עבדי המלך לשלוח את ידם לפגוע וגו' : והוא לא היה דורש. והרג את אוריה במצותו של דוד אע"ג שלא צוה דוד בפיו אלא באגרת כדכתיב ויכתוב בספר לאמר הבו את אוריה וגו' : ויקבר בביתו במדבר. ביתא כתיב : מופקר לכל. לעניים להספרנם [ומביהו] : אפילו מוניני וצחנתא טעים. אפי' דברים דקים ועינוגים : טעים. שהיה טועם: פרים להו. מבלה להם למזונות לעניי העיר פרס לבן פרס שנוטלין מבית המלך ופסוק זה בדברי הימים כשהלך דוד את מצודת ציון : מוניני. דגים קטנים : צחנתא. מין דגים קטנים :

## פרק שביעי

דף נג) **כא תניא** היה ר"מ אומר מה ת"ל (ויקרא כא) את אביה היא מחללת שאם היו נוהגין בו קדש נוהגין בו חול כבוד נוהגין בו בזיון אומרים ארור שזו ילדה ארור שזו גידל ארור שיצאה זו מחלציו אמר רב אשי כמאן קרינן רשיעא

---

קאפ פון יואב) וואס ער האט בגעגנט צוויי מענטשן וואס זענין גיוועזן פרימער און בעסער פאר אים און ער האט זייא גיהרגנט מיט דעם שווערד. בעסער פון אים זענין זייא גיוועזן. זייא האבען גידרשנט דעם ווארט אך און דעם ווארט רק. אז דער מלך הייסט טאהן אעבירה זאל מען אים ניט פאלגין (עמשא אזוי וויא עס שטייט אין כימן ינ. און אבנר. שאול האט אים גיהייסן ער זאל הרגנן דיא כהנים פון נוב. האט ער ניט גיוואלט). און יואב דרשנט ניט די צוויא ווערטער אך און רק. נאר ער האט גיטאהן אעבירה צו פאלגין דעם מלך (אז דוד האט גיהייסען יואב זאל הרגנן אוריה החתי. האט ער אים גיהרגנט). און פרום זענין זייא גיוועזן. צו עמשא און צוא אבנר האט דער מלך מיט זיין מויל גזאגט. און זייא האבען אים ניט גיפאלגט. ווייל זייא האבען ניט גיוואלט טאהן אעבירה. און צוא יואב האט דער מלך מיט זיין מויל ניט גזאגט. ער האט נאר געשיקט אבריף צו יואב מען זאל הרגנן אוריה החתי. האט יואב איב באלד גיפאלגט. עס שטייט אין פסוק און עמשא האט זיך ניט געהיט פאר דעם שווערד וואס בייא יואב אין האנט. רב זאגט עמשא האט ניט חושד גיוועזן יואב ער זאל אים וועלין הרגנן. עס שטייט אין פסוק מען האט יואבן בגראבין אין זיין שטוב אין דער מדבר. איז דען דיא שטוב פון יואב גיוועזן אין דער מדבר. האט רב יהודה גזאגט פון רבס וועגין זיין שטוב איז גיווארין אזוי וויא דער מדבר. אזוי וויא דער מדבר איז פרייא צו אלע מענטשן. אזוי די שטוב פון יואב איז אויך גיווארין פרייא צו אלע מענטשן. אנדערע זאגין אזוי מיינט מען דיא שטוב [פון] יואב איז גיוועזן אזוי וויא דער מדבר. אזוי וויא דער מדבר איז ריין פון גזלה און פון זנות אזוי דיא שטוב פון יואב איז אויך גיוועזן ריין פון גזלה און פון זנות. אין פסוק שטייט און יואב האט גישפייזט דיא איבעריגע מענטשן פון שטאט. רב יהודה האט גזאגט אפילו מוניני (קליינע פישלאך) און צחנתא (דאס איז אויך אזוי אמין קליינע פישלאך) וואס יואב הט גיגעסן. האט ער זיי אויך געשיקט צום עסין:

## פרק שביעי

**א** תניא. מיר האבען גילערנט רבי מאיר האט גזאגט עס שטייט אין פסוק אז אטאכטער פון אכהן האט מזנה גיוועזן האט זיא פאר שעמט איר פאטער. אויב מען הט אים גיהאלטען הייליג. זאל מען אים האלטען פראסט. אויב מען האט אים גיגעבין כבוד זאל מען

אים

בר רשיעא ואפילו לרשיעא בר צדיקא כמאן (כהני תנאי) [כהאי תנא]: **משנה** מצות הנשרפים וכו' ונותנין סודר קשה לתוך הרכה וכורך על צוארו זה מושך אצלו וזה מושך אצלו עד שפותח את פיו ומדליק את הפתילה וזורקה לתוך פיו ויורדת לתוך מעיו וחומרת את בני מעיו וכו': **גמ'** מנ"ל אתיא שרפה שרפה מעדת קרח מה להלן שרפת נשמה וגוף קיים אף כאן שרפת נשמה וגוף קיים ר' אלעזר אומר אתיא שרפה שרפה מבני אהרן מה להלן שרפת נשמה וגוף קיים אף כאן שרפת נשמה וגוף קיים מאן דיליף מעדת קרח מנ"ל דכתיב (במדבר יז) את מחתות החטאים האלה בנפשותם שנשמתם נשרפת וגוף קיים ואידך ההיא שרפה ממש [היא] ומאי בנפשותם שנתחייבו

שרפה

קשה לתוך הרכה. כורכים סודר קשה לתוך הרכה מפני שהרכה אינה חזקה לפתוח פיו והקשה מחבלת את גרונו ומכוונתו לפיכך קשה מבפנים לחזק ורכה מבחוץ להגין: [ומדליק. מתיך]: פתילה בגמ' מפרש פתילה של אבר: וחומרת. לשון תמרמרו מעי [כוולת]: מנ"ל. דכי האי גוונא שרפה היא [דקאמר רחמנא]: אתיא שרפה שרפה. כ' הכא באש תשרף וכתיב התם אשר הקריבו השרופים מה להלן גוף קיים וכו': מבני אהרן. דכתיב בהו ויבכו את השריפה: מנ"ל. דעדת קרח הכי הוו: בנפשותם. ולא בגופם: שרפה ממש. הלכך ע"כ לא מצינן למילף גוף קיים מהתם [ולקמן פריך והאוי שריפה ממש ולילף שריפת ב"ד מינייהו ותהוי נמי].

---

אים פאר שעמען. מען זאגט צו אים פאר פלוכט זאל זיין דיא פאטער אונ מוטער וואס האבען אזוי אטאכטער גיבארין. פאר פלוכט זאל זיין דיא פאטער אונ מוטער וואס האבען אזוי אטאכטער גיאדעוועט. פאר פלוכט זאל זיין די פאטער אונ מוטער וואס די טאכטער איז ארויס גיגאנגען פון זייערע לענדין. רב אשי זאגט פר וואס רופט מען רשע בן רשע אפילו צו ארשע בן צדיק. אזוי וויא דער תנא. וואס ער זאגט אז אטאכטער איז מזנה פלוכט מען דעם פאטער. אפילו דער פאטער הט גאר ניט געזינדיגט:

ב משנה. מצות. וויא אזוי האבען בית דין פאר ברענט אמענטשין. מען האט דעם מענטש אריין גיזעצט אין מיסט ביז צו דיא קניא. אונ מען האט אריין גילייגט אהארטין שטריק אין אווייכין האנטוך. מען האט ארום געוויקולט דעם שטריק מיט אהאנטוך. אונ מען האט דעם האנטוך מיט דעם שטריק ארומגעוויקולט ארום זיין האלדז. איין מענטש האט גיהאלטען איין עק אונ דער אנדערער האט גיהאלטען דעם אנדערין עק. דער הט גיצויגין דעם עק צו זיך. אונ דער אנדערער הט גיצויגין דעם אנדערין עק צו זיך. ביז ער האט גימוזט עפענען די מויל. אונ מען לייגט אריין אשטיק בלייא אין אלעפיל אונ מען האלט דעם לעפיל אויף דעם פייער ביז די בלייא ווערט צו שמאלצין ווי וואסער. אונ מען גיסט אריין דיא בלייא דעם מענטש אין האלדז אונ די בלייא גייט אראפ ביז אין דיא גידערים. אונ דאס פאר ברענט דיא גידערים: פרעגט די גמרא פון וואנען ווייסען מיר אז אזוי זאל מען פאר ברענען. ענפערט די גמרא מיר לערנען אפ דעם פאר ברענען פון בית דין פון דעם פאר ברענען וואס דיא מענטשין פון קרח זענען פאר ברענט גיווארין. אזוי וויא דיא מענטשין פון קרח זענען זייערע נשמות פאר ברענט גיווארין. אונ דיא קערפערס זענען געבליבען אין גאנצין. אזוי דיא מענטשין וואס ווערין פאר ברענט פון בית דין זאל מען אויך פאר ברענען זייערע נשמות. אונ דיא קערפערס זאלין בלייבען אין גאנצין: רבי אלעזר זאגט מיר לערנען אפ דעם פאר ברענען פון בית דין. פון דעם פר ברענען וואס דיא קינדער פון אהרן זענען פאר ברענט גיווארין. אזוי וויא דיא קינדער פון אהרן זענען זייערע נשמות פאר ברענט גיווארין. אונ דיא קערפערס זענען געבליבען. אזוי דיא מענטשין וואס ווערין פאר ברענט פון בית דין זאל מען אויך פאר ברענען זייערע נשמות אונ די קערפערס זאלין בלייבען אין גאנצין. פרעגט דיא גמרא דער וואס לערנט אפ פון קרחס מענטשין. פון וואנען ווייסען מיר אז דיא מענטשין פון קרח זענען נאר דיא נשמות פאר ברענט גיווארין אונ ניט דיא קערפערס. ענפערט דיא גמרא עס שטייט אין פסוק דוא זאלסט נעמען דיא פייער פאנען פון דיא מענטשין וואס האבען געזינדיגט מיט זייערע נשמות. זייערע נשמות זענען פאר ברענט גיווארין אבער זייערע קערפערס זענען געבליבען אין גאנצין. אונ דער וואס לערנט אפ פון אהרנס קינדער זאגט דיא מענטשין פון קרח זענען אין גאנצין פאר ברענט גיווארין. וואס דען שטייט מיט

זייערע

שרפה על עסקי נפשותם כדריש לקיש דאר"ל מ"ד (תהלים לה) בחנפי לעגי מעוג חרק עלי שנימו בשביל חנופה שהחניפו לקרח על עסקי לגימה חרק עליהם שר של גיהנם שיניו ומאן דיליף מבני אהרן מנ"ל דכתיב (ויקרא י) וימותו לפני ה' כעין מיתה ואידך ההוא שרפה ממש הואי ומאי דכתיב וימותו דאתחיל בהו מגואי כעין מיתה דתניא אבא יוסי בן דוסתאי אומר שני חוטים של אש יצאו מבית קדשי הקדשים ונחלקו לד' ונכנסו שנים בחוטמו של זה ושנים בחוטמו של זה ושרפום והכתיב (שם) ותאכל אותם אותם ולא בגדיהם :

על עסקי נפשותם. על תפיסת רבינו והמיס כמנכם בנפשותם: בחנפי לעגי מעוג. בשביל חנופה של לגימות מעוג שהאכילום והשקום קרח לעדתו ונתחברו עמו חרק עלי וגו' מעוג לשון דבר מאכל כדכתיב בצלמנה בצרפית שאמרה לאליהו חי ה' אלהיך אם יש לי מעוג: מנ"ל. דגוף קיים בבני אהרן: שרפה ממש. אף הגוף אבל מבפנים בתחילה שריפתן ובדפה ואכלה עצמות ובשר: והכתיב ותאכל אותם. ומשמע מיעוט אותם ולא דבר אחר ואם הכל נשרף מאי קא ממעט ומשני אותם ולא בגדיהם :

וכבר היו. איידי דאיירי בבני אהרן תנא נמי הכא לאשמועינן דבשביל שהיו מנקטין גדולה הכנים

ג וכבר היו משה ואהרן מהלכים בדרך ונדב ואביהוא מהלכין אחריהם וכל ישראל אחריהם אמר ליה נדב לאביהוא אימתי ימותו שני זקנים הללו

---

זייערע נשמות. זיא זענען פאר שולדיגט געווארין צו פאר ברענט ווערין וועגין דיא זינד וואס זיי האבען געטאהן מיט זייערע נשמות. דאס מיינט מען אזוי וויא ריש לקיש האט געזאגט עס שטייט אין פסוק בחנפי לעגי מעוג חרק עלי שנימו. פון וועגין דיא חניפה וואס דיא מענטשין האבען געחנפת צו קרח פון וועגין דאס עסין אונ טרינקען וואס קרח האט זייא געגעבין. דריבער האט דער שר פון גיהנם געקריצט אויף זייא מיט דיא ציין. פרעגט דיא גמרא אונ דער וואס לערינט אפ פון אהרנ'ס קינדער. פון וואנען ווייס ער אז נאר זייערע נשמות זענען פאר ברענט געווארין אונ דיא קערפערס זענין געבליבען. ענטפערט דיא גמרא ווארום עס שטייט אין פסוק זייא זענען געשטארבין פאר גאט. האט דאך גידארפט שטיין זייא זענען פאר ברענט געווארין פאר גאט. נאר צו ווייזין אז זייער פאר ברענען איז געוועזין וויא שטארבין. אזוי ווי מען שטארבט גייט דאך נאר ארויס דיא נשמה אונ דער גוף בלייבט אין גאנצין. זייער פאר ברענען איז אויך אזוי געוועזין. דיא נשמות זענען פאר ברענט געווארין אונ דיא קערפערס זענען געבליבען אין גאנצין. אונ דער וואס לערינט אפ פון קרח'ס מענטשין זאגט. דיא קינדער פון אהרן זענין אין גאנצין פאר ברענט געווארין. די קערפערס אויך. וואס דען שטייט זיי זענען געשטארבן. זייא זענען פאר ברענט געווארין אזוי וויא שטארבין. אזוי וויא שטארבט מען דאך אינוויינינ. אזוי איז געוועזן זייער ברענונג. זייא זענען פריער פאר ברענט געווארין אינווייניג. אז זייא זענען שוין טויט געוועזן. האבען אן גיהויבען צו ברענען דיא קערפערס ואבער אז מען לייגט איינעם אויף אפייער צום פאר ברענען. פריער ברענט דער קערפער. אונ ער לעבט נאך. דער נאך גייט ארויס דיא נשמה. ווארום מיר האבען גילערונט אבא יוסי בן דוסתאי זאגט צוויי פעדים פייער זענען ארויס גיגאנגען פון קדשי קדשים. אונ זייא זענען צו טיילט געווארין אויף פיר פעדים. אונ צווייא פעדים פייער זענען אריין גיגאנגען אין די צווייא נאז לעכער פון נדב. אונ צוויי פעדים פייער זענען אריין גיגאנגען אין דיא צווייא נאז לעכער פון אביהוא. אונ זייא זענען פאר ברענט געווארין. פריער דיא נשמות דער נאך דיא קערפערס. פרעגט דיא גמרא עס שטייט דאך אין פסוק דער פייער האט זייא פר ברענט. זייעט אוים נאר זיי. אונ ניט קיין אנדער זאך. אז דיא נשמות מיט דיא קערפערס זענען פאר ברענט געווארין. וועלבע זאך איז ניט פאר ברענט געווארין. איז דאך אלץ פאר ברענט געווארין. ענטפערט די גמרא זייערע קליידער זענען ניט פר ברענט געווארין :

ג וכבר. משה אונ אהרן זענען אמאהל גיגאנגען אין וועג: אונ אינטער זייא איז גיגאנגן נדב אונ אביהוא. אונ אלע יודין זענען גיגאנגען אינטער נדב ואביהוא: האט נדב גזאגט צו אביהוא ווען וועלין שטארבין דיא צוויי זקנים (משה אונ אהרן) אונ איך אונ דוא

וועלין

דללו וא י ואתה ננהיג את הדור אמר להן הקב"ה נראה כי קובר את מי א"ר פפא היינו דאמרי אינשי נפישי גמלי סבי דטעיני משכי דהוגני :

ד א"ר אלעזר (שם ע"ב) למה ת"ח דומה לפני עם הארץ בתחלה דומה לו לקיתון של זהב סיפר עמו דומה לו לקיתון של כסף נהנה ממנו דומה לו לקיתון של חרס כיון שנשבר שוב אין לו תקנה :

(דף נז) ה (תניא כתיב (דברים יב) ואשריהם תשרפון באש) [א"ר ששת תניתוה] ומה אילנות שאין אוכלים ואין שותים ואין מריחים אמרה תורה השחת שרוף וכלה הואיל ובא לאדם תקלה על ידם המתעה את חבירו מדרכי חיים לדרכי מיתה עאכ"ו :

(דף נו) ו ת"ר ז' מצות נצטוו בני נח דינין וברכת השם וע"ז וגלוי עריות ושפיכות דמים וגזל ואבר מן החי (שם ע"ב) ר' (חנינא) [חנניא בן גמליאל] אומר אף על הדם [מן החי] ר' חידקא אומר אף על הסירוס ר' שמעון אומר אף על הכשוף רבי יוסי

מחו : נפישי גמלי כבי דטעיני מבכי דהתם . כרכה גמלים זקנים בטוענין עורות גמלים יונקים שמתו . בכרי מדין ועיפה מתרגמינן הוגני בכרה קלה סינו גמלה נערה ויונקה שהיא קלה ועסקים רעים מתמת שלא הורגלה לטעון מכאוי :

למה ת"ח כו'. משום דאיירי בעדת קרח נקט לה שהיו ת"ח כדכתיב נשיאי עדה קריאי מועד אנשי שם ועל פה כפיהם אותו רשע כשנהנו ממנו סוקלו בעיניו להשיאם ולהחזיק ידו במחלוקת ולמרוד בהקב"ה : בתחלה . בעודו מתנהג בכבוד שאין צריך לו הוא יקר בעיניו :

והילנות של אשרה דכתיב בהו תשרפון באש . אמרה תורה וכו' . תקלת הקלה וכו' באף שם כוהרו על ע"ז :

וגלוי עריות כולן חוץ מנערה המאורסה כדכתיב גבי אבימלך הנך מת על האשה אשר לקחת והיא בעולת בעל בעולה בעל יש להם נערה מאורסה אין להם : אף על הדם מן החי . וכולהו יליף

וועלן פירען דעם דור (דיא יודין) . האט גאט גיזאגט צו זייא מיר וועלן זעהן וועך עס וועט בגראבין ווערען . צו איר וועט בגראבין משה אונ אהרן . צו משה אונ אהרן וועלן אייך בגראבין . רב פפא זאגט דאס איז וואס מענטשין זאגין פיל אלטע קעמלען טראגין אויף זיך די פעל פון די יונגע קעמלען וואס זענען גיפייגערט :

ד אמר רבי אלעזר האט גיזאגט וויא זעהט אויס דער תלמיד חכם ביי דעם עם הארץ . אין אנהייב איז דער תלמיד חכם טייער ביי דעם עם הארץ אזוי וויא א גאלדענער קריגול . אז דער תלמיד חכם האט נאר גישמועסט מיט דעם עם הארץ . איז ער ביי אים נאר טייער ווי א זילבערנער קריגול . אז דער תלמיד חכם האט נאר הנאה גיהאט פון דעם עם הארץ . איז ער ביי אים נאר גליך וויא אערדענער קריגול . אונ אערדענער קריגול אז ער ווערט צו בראכין קען ער שוין ניט גאנץ ווערין . אזוי קען שוין ניט דער תלמיד חכם צוריק טייער ווערין ביי דעם עם הארץ :

ה תניא . מיר האבען גילערונט עס שטייט אין פסוק זייערע לינדען בוימער זאלט איר פאר ברענען אין פייער . רב ששת זאגט מיר האבען גילערונט . מאדאך בוימער וואס זייא עסין ניט אונ טרינקען ניט אונ שמעקין ניט האט די תורה גיזאגט מען זאל זייא פאר דארבין אונ פאר ברענען אונ פאר לענדין . וייל א מענטש האט גיזינדיגט דורך זייא . אז א מענטש פאר פירט זיין חבר פון די וועגין וואס פירען צום לעבין אויף דיא וועגין וואס פירען צום שטארבין . געווים וועט גאט שטראפין דעם מענטש :

ו תנו רבנן . דיא רבנן האבען גילערונט זיבען מצות זענען גיבאטין גיווארין דיא קינדער פון נח (אלע פעלקער) . איינס איז דינים . זייא זאלין מאכען דיינים צו משפטין אונ פר גלייכען אלע קריג וואס וועט זיין צווישען מענטשין . דאס אנדערע איז זייא זאלין ניט לעסטערין גאט . דאס דריטע איז זייא זאלין ניט דינען עבודה זרה . דאס פערטע איז זייא זאלין ניט מזנה זיין . דאס פינפטע איז זייא זאלין ניט הרגנן מענטשין . דאס זעקסטע איז זייא זאלין ניט גזלנן . דאס זיבעטע איז זייא זאלין ניט אפ שניידין אשטיק פלייש פון א לעבעדיגע בהמה אונ עסין . רבי חנניא בן גמליאל זאגט זייא טארין ניט עסין בלוט וואס גייט ארויס פון א לעבעדיגע בהמה . רבי חידקא זאגט זייא טארין ניט מאכין אפעלער אין א לעבעדיגע זאך אז עס זאל ניט

קענען

טעמייהו לקמן]: פרשת מכשף. זו היא במזכיר וסולך לא ימצא בך ובגלל התועבות האלה ומדכתיב עליה ש"מ אוזהרו על כולן דלא ענש אלא א"כ הזהיר: מוזהרין בני נח כו'. סיפא דמלתא דרבי אליעזר היא וכולה מפרש לקמן: מכל עץ הגן ולא גזל. מדאיצטריך למישרי ליה ולהפקיר לו עצי הגן ש"מ שאינו מופקר לו נאסר לו: אכול תאכל. שעומד לאכילה ולא תאכל אבר מן החי דבהמה

יוסי אומר כל האמור בפרשת מכשף בן נח מוזהר עליו (שם יח) לא ימצא בך מעביר בנו וגו' כי תועבת ה' כל עשה אלה ובגלל התועבות האלה וגו' ולא ענש הכתוב אלא אם כן הזהיר ר' (אליעזר) [אלעזר] אומר אף על הכלאים מותרים בני נח ללבוש כלאים ולזרוע כלאים ואינם אסורים אלא בהרבעת בהמה והרכבת אילן מנה"מ א"ר יוחנן דאמר קרא (בראשית ב) ויצו ה' אלהים על האדם לאמר מכל עץ הגן אכול תאכל ויצו אלו הדינים וכה"א (שם יח) כי ידעתיו למען אשר יצוה את בניו ואת ביתו אחריו וגו' ה' זו ברכת השם וכה"א (ויקרא כד) ונוקב שם ה' מות יומת אלהים זו ע"ז וכה"א (שמות כ) לא יהיה לך אלהים אחרים על פני על האדם זו שפיכות דמים וכה"א (בראשית ט) שופך דם האדם לאמר זו גילוי עריות וכה"א (ירמיה ג) לאמר הן ישלח איש את אשתו והלכה מאתו והיתה לאיש אחר מכל עץ הגן ולא גזל אכול תאכל ולא אבר

מן

---

קענען האבין קינדער. רבי שמעון זאגט זייא טארין ניט מאכין כישוף. רבי יוסי זאגט אלץ וואס עס שטייט אין דיא פרשה פון מכשף זענען דיא קינדער פון נח (אלע גוים) פאר באטין זייא זאלין דאס ניט טאהן. אזוי וויא עס שטייט אין פסוק עס זאל ניט געפונען ווערין אין דיר ווער עס זאל דורך פירען זיין זוהן אדער זיין טאכטער אין פייער. ווארום עס איז פאר מיאוסת בייא גאט ווער עס טוהט דיא אלע זאכין אונ פון וועגין דיא פאר מיאוסתה זאכין טרייבט זייא גאט ארויס פון לאנד. אונ גאט שטראפט ניט אז ער האט ניט פריער אן גיזאגט בעווים האט גאט פריער אן גיזאגט זייא זאלין דאס ניט טאהן. רבי אלעזר זאגט דיא קינדער פון נח (דיא גוים) זענען פאר באטין אויף כלאים. דיא קינדער פון נח (דיא גוים) מעגין אן קליידין כלאים. זייא מעגין גיין אין אקלייד וואס איז גימאכט פון וואל מיט פלאקס. אונ זיי מעגין פאר זייען אין פעלד כלאים. צוויי מינים צו זאמען. זייא טארין נאר ניט צו זאמען פארין צוויי מינים בהמות (משל אאקס מיט אאייזיל) זייא זאלין האבען קינדער איינער פון אנדערין. אונ זייא טארין ניט נעמען אצווייג פון איין בוים ארין זעצין אין איין אנדער בוים וואס ער איז ניט זיין מין פון דעם צווייג זאל ווערין אבוים מיט פירות. זאגט דיא גמרא פון וואנען ווייסען מיר דיא אלע זאכען. האט רבי יוחנן גזאגט ווארום עס שטייט אין פסוק ויצו ה' אלהים על האדם לאמר מכל עץ הגן אכול תאכל. ויצו מיינט מען גאט האט גיבאטין אויף דינים. מען זאל מאכען דיינים צו משפטין דיא מענטשין וואס האבען קריג. אזוי וויא עס שטייט אין פסוק גאט האט גזאגט אויף אברהם איך האב אים ליב וויל ער וועט געביטען זיינע קינדער אונ זיינע שטוב מענטשין זייא זאלין טאהן משפט. ה' מיינט מען זייא זאלין ניט לעסטערין גאט. אזוי וויא עס שטייט אין פסוק דער וואס וועט ארויס רעדין דעם נאמען פון גאט אונ וועט אים לעסטערין. זאל מען אים הרגנן. אלהים מיינט מען מען זאל ניט דינען עבודה זרה. אזוי וויא עס שטייט אין פסוק דוא זאלסט ניט האבען אלהים אחרים. פרעמדע געטער. על האדם מיינט מען מען זאל ניט הרגנן אמענטשין. אזוי וויא עס שטייט אין פסוק שופך דם האדם. דער וואס פאר גיסט דיא בלוט פון אמענטשין. ער הרגת אים. זאל מען זיין בלוט פאר גיסען. זאל מען אים הרגנן. לאמר מיינט מען זאל ניט מזנה זיין. אזוי וויא עס שטייט אין פסוק לאמר הן ישלח איש את אשתו. דער נביא זאגט אז אמאן גט זיין ווייב אונ זיא נעמט איין אנדער מאן. טאר איר שוין דער ערשטער מאן ניט צוריק נעמען. אונ אז ער נעמט איר צוריק הייסט דאס מזנה גיוועין. שטייט דאך ביי מזנה זיין דער ווארט לאמר. מכל עץ הגן. פון אלע בוימער פון גארטין מענסטו עסין. אבער טארסט ניט גזלנן אונ עסין. אכול תאכל. דוא זאלסט עסין אזוי אזאך וואס איז שוין צום עסין. אבער דוא זאלסט ניט אפ שניידין אשטיק פלייש פון

אלעבעדיגע

מן החי כי אתא ר' יצחק תאני אפכא ויצו זו ע"ז אלהים אלו הדינים בשלמא אל הים אלו דדינים דכתיב (שמות כב) ונקרב בעל ה בית אל האלהים אלא ויצו זו ע"ז מאי משמע רב חסדא ורב יצחק בר אבדימי חד אמר מהכא (שם לב) סרו מהר מן הדרך אשר צויתים עשו להם וגו' וח"א מהכא (הושע ה) עשוק אפרים רצוץ משפט כי הואיל הלך אחרי צו ואדינין בני נח איפקוד והתניא עשר מצות נצטוו בני ישראל במרה שבע שקבלו בני נח והוסיפו עליהם דינים ושבת וכבוד אב ואם דינים דכתיב (שמות טו) שם שם לו חק ומשפט שבת וכבוד אב ואם דכתיב (דברים ה) כאשר צוך ה' אלהיך ואמר רב יהודה כאשר צוך במרה אמר רב נחמן אמר רבה בר אבוה לא נצרכה אלא לעדה ועדים והתראה אי הכי מאי והוסיפו עליהם דינים אלא אמר רבא לא נצרכה אלא לדיני קנסות אכתי הוסיפו

בדינים

כהייב ליה עומדת להכילה אלא לגדל ולדות : עשוק לפרים : מיד שונאיו ורצוץ משפט רצוץ ע"י שופטים של סקנ"ה : כי הואיל הלך אחרי צו. מפני שמה לה ללכת אחרי צווי נביאים של בעל : כאשר צוך ה' אלהיך (כדכתיב) [וכתיב] בדברות האחרונות גבי שבת וכבוד אב ואם וזיכן צוך הא ליכא למימר דמשה הוה אמר להו בערבות מואב כאשר צוך בסיני דמשה לאו מאליו היה שונה להם משנה תורה ומזהירם על מצותיו אלא כמו שקבלה הוא היה אומר ומגיד להם וכל מה שכתוב בדברות האחרונות היה כתוב בלוחות וכן שמע בסיני : לעדה ועדים והתראה. וכן נצטוו ישראל במרה להיות דנין בסנהדרין של כ"ג כדאמרינן עדה שופטת ועדה מצלת דבני נח לא איפקוד בהכי כדלקמן מקרא דנן מה נהרג בעד אחד ובדיין אחד : א"ה מה הוסיפו עליהן דינין. אין אלו דינין אלא מלוה דיינין : דיני קנסות. הוסיפו במרה דבני נח לא הוזהרו עליהן דכתיב וי לו ונתריק לה מאשר יצוה דהתם לאקם

---

אלעבעדיגע בהמה אונ עסין. ווארום אבהמה ווען זיא לעבט איז זיא דאך נאך ניט קיין עסינווארג. אז רבי יצחק איז גיקומען האט ער גילערונט פאר קערט. ויצו מיינט מען גאט האט גיבאטין מען זאל ניט דינען עבודה זרה. אלהים מיינט מען דינים (דיינים) זאגט דיא גמרא אז אלהים מיינט מען דינים (דיינים) איז רעכט. אזוי וויא עס שטייט אין פסוק דער בעל הבית זאל גינענען אל האלהים. צו דיא דיינים. אבער פון וואנען ווייסין מיר אז ויצו מיינט מען עבודה זרה. זאגט דיא גמרא אין דעם קריגט רב חסדא אונ רב יצחק בר אבדימי. איינער זאגט פון דעם פסוק זייא האבין געשווינט אפ גיקערט פון דיא וועג אשר צויתים. וואס איך האב זייא גיבאטין אונ זייא האבען גימאכט אקאלב צום דינען צו איר: אונ איינער זאגט פון דעם פסוק אפרים איז גירויבט גיווארין פון זיינע פיינד. אונ ער איז צוא בראכען פון דעם משפט וואס גאט האט אים גיטאהן. ווייל ער האט גיוואלט גיין אחרי צו. נאך דעם גיבאט וואס דיא נביאים פון דער עבודה זרה האבען גיבאטען. פרעגט דיא גמרא זענען דען דיא קינדער פון נח (דיא גוים) גיבאטין גיווארין אויף דינים. מיר האבען דאך גילערונט צעהן מצות זענען דיא יודין גיבאטען גיווארין אין מרה. זיבען מצות וואס דיא קינדער פון נח האבען אויף זיך גינומען. אונ מען האט זייא צו גיגעבין נאך דריי מצות. דינים אונ שבת אונ צוא געבין כבוד פאטער אונ מוטער. פון וואנען ווייסען מיר אז אין מרה האט מען דיא יודין גיבאטין אויף דינים. ווארום עס שטייט אין פסוק דארטין (אין מרה) האט מען גיטאהן צו די יודין חוקים אונ משפטים. ביי שבת אונ ביי כבוד געבין פאטער אונ מוטער שטייט אזוי וויא גאט האט דיך גיבאטין. האט רב יהודה גיזאגט אזוי וויא גאט האט דיך גיבאטען אין מרה: זעהן מיר אז דיא קינדער פון נח זענען גאר ניט גיבאטין גיווארין אויף דינים: האט רב נחמן גיזאגט פון רבה בר אבוהם וועגין. דיא קינדער פון נח זענען יא גיבאטין גיווארין אויף דינים. נאר וואס מען האט גיב אטין צו דיא יודין אין מרה. איז דאס גיוועזן אויף עדה אונ עדים אונ התראה. דאס מיינט מען אז מען משפט אמענטשין צום הרגען מוז זיין דריי אונ צוואנציג דיינים. אונ עס מוזין זיין צוויי עדות. אונ מען מוז דעם מענטשין פריער זאגין דוא זאלסט ניט טאהן דיא עבירה ווארום מען וועט דיך הרגנען. אונ דיא קינדער פון נח ווערין גימשפט דורך איין דיין אונ איין עדות אונ מען דארף אים ניט פריער אן זאגין. פרעגט דיא גמרא אויב אזוי. וואס זאגט דיא גמרא מען האט גימערט אויף זייא דינים. דאס איז דאך ניט קיין דינים. נאר דאס איז פאר דיינים. וויא פיל דיינים עס זאלין זיצען ביי דעם משפט. אונ וויא פיל עדות דארפין זיין. אונ דיא עדות דארפין דעם מענטשין פריער אן זאגין. הט רבא

גזאגט

בדינים מיבעי ליה וכו' אלא אמר (רב פפא) [רבא] האי תנא דבי מנשה הוא דמפיק ד"כ ומעייל ס"כ דתני דבי מנשה ז' מצות נצטוו בני נח ע"ז וגילוי עריות ושפיכות דמים וגזל ואבר מן החי וסירוס וכלאים ר' יהודה אומר אדם הראשון לא נצטוה אלא על ע"ז בלבד שנא' (בראשית ב) ויצו ה' אלהים על האדם ר' יהודה בן בתירא אומר אף על ברכת השם וי"א אף על הדינין: (דף מ ע"ב) ז ואשכחת רבי יעקב בר אחא דהוה כתוב בספר אגדתא דבי רב] בן נח נהרג (בדיין אחד ובעד אחד שלא בהתראה מפי א"ש ולא מפי אשה ואפי' קרוב משום ר' ישמעאל אמרו) אף על העוברין וכו' מ"ט דר' ישמעאל דכתיב (בראשית ט) שופך דם האדם באדם דמו ישפך איזהו אדם

משפט כתיב דהיינו דין והשתא אבל קשות לאו משפט נינהו דקשוקין ליה טפי מדינים: בדינין מבעי ליה. דליכוי מהמנת שהוסיפו להם בהלכות דינין שנאמרו עליהם ככר אבל השתא דקתני הוסיפו עליהם דינין משמע כל הלכות דינין הוסיפו: הלי הגה. דברייתא דלעיל דקתני הוסיפו עליהן דינין דמשמע דבני נח לא נצטוו עליה הלא דבי מנשה הוא: ד"כ. דינין וברכת השם: ס"כ. סירוס וכלאים: שבע מצות וכו' לקיין מפרש דתנא דבי מנשה לא דרש ויצו (דכל מדא) והכי כל הדא כלאפי נפשיה כתיבא בכו: אדם הראשון לא נצטוה אלא על ע"ז בלבד. שנאמר ויצו ה' אלהים את אלהותו צוה עליו על האדם שלא ימירנו באחר: אף על ברכת השם. דנפקא ליה נמי מאלהים אלהותו צוה עליו שלא יקללנו כדכתיב אלהים לא תקלל: אף הדינין. מאלהים נפקא נמי יהא אלהותו עליך להיות מוראו עליך ולא מורא בשר ודם להטות משפט כי המשפט לאלהים הוא כדמתרגם ותזיל: שופך דם האדם

---

זאגט אזוי מיינט מען אין גמרא האט מען צוא געגעבן נאך דינים נייע וואס דיא קינדער פון נח וועגען אויף דעם ניט גיוועןְ געבאטין: דיא קינדער פון נח וועגען נאר גיוועןְ געבאטען אויף דינים. אונ דיא יודין האט מען געבאטען אז די דיינים מעגין קנסנן מען זאל בצאהלין מער וויא דער דין איז. פרעגט דיא גמרא האט דאך גיבארפט שטיין מען האט גימערט נאך דינים. וואָרט מען גימיינט צוא דיא דינים וואס איז גיוועןְ פון פריער. האט מען צוא געגעבן נאך דינים. אבער אז עס שטייט מען האט גימערט דינים. מיינט מען פריער איז קיין דינים ניט גיוועןְ. אונ איצט האט מען געבאטין דינים. האט רבא גיזאגט דער תנא וואס זאגט אז דיא קינדער פון נח וועגין י י געבאטין גיווארין אויף דינים. דאס איז דער תנא דבי מנשה: וואס ער נעמט ארויס פון ... מצות ד"כ דינים אונ ברכת ה'. נאט לעסטערין. אונ ער שטעלט אריין ס"כ סירוס אונ כלאים. מען טאר ניט מאכען אפעלער אין אלעבעדיגע זאך. עס זאל ניט קענען האבען קינדער. אונ מען טאר ניט צו זאמען פארין צוויי מינים בהמות זייא זאלין האבען קינדער איינער פון אנדערין. ווארום דבי מנשה האבען גילערנט זיבען מצות וועגען די קינדער פון נח געבאטין גיווארין. זייא זאלין ניט דינען עבודה זרה. זייא זאלין ניט מזנה זיין. זייא זאלין ניט הרגנן אמענטשין. זייא זאלין ניט גזלנן. זייא זאלין ניט אפ שניידין אשטיק פלייש פון אלעבעדיגע בהמה אונ עסין. אונ זייא זאלין ניט מסרס זיין. אונ זאלין ניט פארין צוויי מינים. רבי יהודה זאגט אדם הראשון געבאטין איז ניט מער געבאטין גיווארין נאר ער זאל ניט דינען עבודה זרה. אזוי וויא עס שטייט אין פסוק ויצו ה' אלהים על האדם. גאט האט געבאטין אויף אדם ער זאל אים האלטען פאר אגאט אונ ער זאל ניט דינען קיין אנדערין. רבי יהודה בן בתירא זאגט אדם הראשון איז געבאטין גיווארין ער זאל ניט לעסטערין גאט. אנדערע זאגן אדם הראשון איז געבאטין גיווארין אויף דינים. אז עס וועלין געבארין ווערין נאך מענטשין זאל ער זיין זייער דיין. אדער מען זאל מאכען דיינים:

ז אשכחת. רבי יעקב בר אחא האט געפונען אספר אגדתא ביי רב. איז אין אים געווען געשריבען אז דיא קינדער פון נח ווערין געמשפט צום גיהרגת ווערין דורך איין דיין אונ דורך איין עדות אונ מען דארף אים ניט פריער אן זאגין. דער עדות דארף זיין אזכר. אבער ניט אנקבה. אפילו אקרוב קען אויך זיין אעדות. פון רבי ישמעאלס וועגין האט מען גיזאגט אז אגוי הרגת אקינד ווען ער איז נאך ביי זיין מוטער אין בויך. דארף מען דעם גוי הרגנן. פון וואנען וייס דאס רבי ישמעאל. ווארום עס שטייט אין פסוק אז ער פאר גיסט די בלוט פון אמענטשין אין אמענטשין. זאל זיין בלוט פאר גאסין ווערין. וואס מיינט מען אמענטשין

אין

אדם שבאדם הוי אומר זה עובר שבמעי אמו :
(דף נח ע"ב) ה ת"ש מפני מה לא נשא אדם את בתו כדי שישא קין את אחותו שנא' (תהלים פט) אמרתי עולם חסד יבנה :
ט [א"ר הנינא עכו"ם שהכה את ישראל חייב מיתה שנאמר (שמות ב) ויפן כה וכה וירא כי אין איש ויך את המצרי וגו'] וא"ר חנינא הסוטר לועו של ישראל כאילו סוטר לועו של שכינה שנאמר (משלי כ) מוקש אדם ילע קדש :
י אמר ריש לקיש כל המגביה ידו על חברו אע"פ שלא הכהו נקרא רשע שנאמר (שמות ב) ויאמר לרשע למה תכה רעך הכית לא נאמר אלא תכה אע"פ שלא הכהו נקרא רשע זעירי א"ר חנינא נקרא חוטא שנאמר (ש"א ב) ואם לא לקחתי בחזקה וכתיב (שם) ותהי חטאת הנערים גדולה מאד את פני ה' רב הונא אמר תקצץ ידו שנא' (איוב לח) וזרוע רמה תשבר רב

[באדם . שבתוך האדם] דמו ישפך : חסד יבנה . תחלתו של עולם נבנה בחסד שאסר הקב"ה לגמול חסד את בנו ואסרה לו והתירה לקין כדי שיבנה העולם והיינו דכתיב כי יקח איש את אחותו בת אביו חסד הוא מה שהתרתי לקין חסד גמלתי עמו: ויך את המצרי . משום דהכה איש עברי : מוקש אדם ילע קודש . המוקש את האדם היינו ישראל שקרויין אדם דכתיב ואתנה צאני צאן מרעיתי אדם אתם אתם קרויין אדם וכו' : ילע קודש . כאלו לועה את הקודש כלו' כסוטר על לועו סומך מכה : ואם לא לקחתי בחזקה . בבני עלי כתיב שהיו תוקפין בבשר הזבחים ואומרים אם לא תתן לי אקח בחזקה דהיינו כמרים ידו שהיו מגזמים להכות : וזרוע רמה . סרגילה לרוס על חבירו :

---

אין אַמענטשין . דאָס איז אַקינד וואָס אין דער מוטערס בויך . אַז מען הרגעט דאָס קינד . דאַרף מען דעם רוצח הרגענען :

ח תא שמע . דיא גמרא פרעגט פאַר וואָס האָט אָדם הראשון נישט גינומען זיין טאָכטער פאַר אַווייב ; ענטפערט דיא גמרא קין זאָל נעמען זיין שוועסטער פאַר אַווייב . אַזוי וויא עס שטייט אין פסוק גאָט זאָגט איך האָב גזאָגט דיא וועלט זאָל גיבאָהט ווערין מען זאָל טאָהן חסד איין מענטש מיט דעם אַנדערין . אַזוי וויא איך האָב גיטאָהן חסד מיט קין . איך האָב פאַר באָטען אָדם זאָל ניט נעמען זיין טאָכטער ; קין זאָל קענען נעמען זיין שוועסטער פאַר איין ווייב :

ט אמר . רבי חנינא האָט גזאָגט אַז אַגוי שלאָגט אַיודין . אַפילו ער הרגעט אים ניט ; ווערט אים גאָט שטראָפין אַז ער וועט שטאַרבין פאַר דיא עבירה [ועיין מהרש"א . אַזוי ווי עס שטייט אין פסוק . ווען דער מצרי האָט גישלאָגין דעם יודין ; האָט זיך משה גיקערט אין יעדער זייט [ער האָט זיך גוט אומגיקוקט אויף דעם מצרי] אונ ער האָט גיזעהן אַז עס איז ניטאָ קיין מענטש וועלכער מענטש איז שוין פאַר שולדיגט גיוואָרין צו גאָט ער זאָל שטאַרבין . אונ ער וועט שוין ניט לעבין] . האָט משה אים גישלאָגען אונ האָט אים גיהרגעט . נאָך האָט רבי חנינא גזאָגט אַז מען גיט אַפאַטש אַיודין אין באַק איז גלייך וויא מען וואָלט אַפאַטש גיגעבין דיא באַק פון דער שכינה . אַזוי וויא עס שטייט אין פסוק מוקש אָדם . דער וואָס שלאָגט אַמענטשין ועיין רשי"י בחומש פרשה ראה על פסוק פן תנקש] . דאָס מיינט מען ער שלאָגט [ער פאַטשט] אַיודין . ילע קדש ; איז גלייך וויא ער וואָלט גישלאָגען [גיפאַטשט דיא באַק פון] דיא הייליגע שכינה :

י אמר . ריש לקיש זאָגט דער וואָס הייבט אויף די האַנט אויף זיין חבר צו שלאָגין אים . אַפילו ער האָט אים נאָך ניט גישלאָגין . ווערט ער שוין גירופען אַרשע . אַזוי וויא עס שטייט אין פסוק משה האָט גזאָגט צום רשע למה תכה רעך . עס שטייט ניט הכית . פאַר וואָס האָסטו גישלאָגען דיין חבר . נאָר עס שטייט תכה . פאַר וואָס וועסטו שלאָגין דיין חבר . זעהן מיר אַפילו ער האָט אים נאָך ניט גישלאָגען . ווערט ער שוין גירופען אַרשע . זעירי האָט גיזאָגט פון רבי חנינאס וועגין דער וואָס הייבט אויף זיין האַנט צו שלאָגין דעם חבר ; הייסט ער אַזינדיגער ; אַזוי וויא עס שטייט אין פסוק אונ אויב דוא וועסט ניט געבין . וועל איך נעמען מיט שטאַרקייט . ער וועט שלאָגין אונ וועט נעמען ; זאָגט דער פסוק דיא זינד פון דיא יונגען איז גיוועזן זייער גרויס פאַר גאָט . ווייל זייא האָבען גיוואָלט שלאָגין . רב הונא זאָגט זיין האַנט וועט

רב הונא קץ ידא ר' אלעזר אומר אין לו תקנה אלא קבורה שנאמר (שם כב) ואיש זרוע לו הארץ ואמר ר"א לא נתנה קרקע אלא לבעלי זרועות שנא' ואיש זרוע לו הארץ . ואמר ר"ל מ"ד (משלי יב) עובד אדמתו ישבע לחם אם עושה אדם עצמו כעבד לאדמה ישבע לחם ואם לאו לא ישבע לחם :

**יא אמר** ריש לקיש בן נח ששבת חייב מיתה שנאמר (בראשית ח) ויום ולילה לא ישבותו ואמר מר אזהרה שלהן זו היא מיתתן (פשיטא) אמר רבינא (לא נצרכה) אפילו בשני בשבת (דף נט) א"ר יוחנן עבו"ם שעוסק בתורה חייב מיתה שנא' (דברים תורה

קץ ידא : מאדם אחד בהיה רגיל להכות את חבירו וקצצו בכך כדאמרינן בפרקין דלעיל בית דין מכין ועונשין שלא מן התורה לעבות סייג וגדר לדבר · איש זרוע . איש במניף זרוע לו הארץ מתוקנת לקבורה כלומר ראוי להמיתו ולקברו : לא ניתנה קרקע . כלומר אין ראוי לקנות קרקע אלא לבני זרוע מפני שהתגר רבה ע"י קרקע שגלות בכיות ומסבידות וגנבים בהן וגוזלים (ועוררין עליה) [ועוררין עליו] וצריך בידה רבה לעומדם לעמוד כנגדן : כעבד לאדמה . לעסוק בה תמיד לחרישה והשקאה וניכוש ועידור :

עכו"ם ששבת. ממלאכתו יום שלם חייב מיתה שנא' ויום ולילה לא ישבותו וקרא דריש לה לא ישבותו ממלאכה דהאי אדם [נמי] קאי ולא תימא לא ישבותו אהך ו' עתים דקרא קאי כלומר יבטלו לא יפסקו מלהיות פשיטא אמר רבינא לא גרסינן דהא טובא קמשמע לן דהאי אדם קאי [ולא תימא לא ישבותו אהך ו' עתים דקרא קאי כלומר לא יבטלו ולא יפסקו מלהיות] : (לא נצרכה) [אמר רבינא] כו' . לא תימא שביתה (לשון תורה דקאמר ר"ל) [דקאמר ר"ל] לבוש הוכה קאמרן דלא נכוין לבבות כגון בשבת שהוא יום שביתה לישראל וכו' בשבת שמותרין בו הגולים אלא מנוחה בעלמא קא אמר להו שלא יבטלו ממלאכה ואפילו יום שאינו בו שביתה : שני בשבת . יומא קמא דלאו בו שביתה קקע

---

אף גיהאקט ווערין . אזוי וויא עס שטייט אין פסוק וזרוע רמה תשבר . דער מענטש וואס זיין ארעם איז אויפגיהויבען צו שלאגין זיין חבר . וועט דער ארעם צו בראכען ווערין . עס איז אמאהל גיוועזען א מענטש וואס ער איז גיוועזען גיוואוהנט צו שלאגין מענטשין . האט רב הונא גיפסקנט מען זאל אים אפהאקין די האנט . רבי אלעזר זאגט צו אזוי א מענטש איז ניטא קיין היילף נאר מען זאל אים בגראבין . אזוי וויא עס שטייט אין פסוק ואיש זרוע דער מענטש וואס הייבט אויף די האנט זייניגע צו שלאגין לו הארץ פאר אים איז אן גיבגרייט די ערד . מען זאל אים אין איר בגראבין . נאך האט רבי אלעזר גיזאגט ערד זאלין נאר קויפען די שטארקע מענטשין ווייל פיל קריג איז דא ביי פעלדער . אמאהל עסין פרעמדע בהמות די תבואה פון פעלד . אמאהל קומען גנבים ביי נאכט און שניידן אפ די תבואה . אזוי וויא עס שטייט אין פסוק ואיש זרוע לו הארץ . דער שטארקער מענטש פאר אים איז גוט ער זאל קויפען ערד . נאך הט ריש לקיש גיזאגט עס שטייט אין פסוק עובד אדמתו ישבע לחם . דער מענטש וואס הט פעלדער אויב ער איז ביי זייניגע פעלדער אזוי ווי א קנעכט . ער זאל טאהן אלע ארבעט צו דער צייט . וועט ער זאט זיין מיט ברויט . און אויב ער וועט זיין פויל צו די ארבעט וועט ער ניט זאט זיין מיט ברויט :

**יא** אמר . ריש לקיש האט גיזאגט די מענטשין וואס זענען גיוועזען גענצין דינער וויא ווערין גירופען די קינדער פון נח אז זייא רוהען א טאג מיט א נאכט און ארבעטין ניט . זענען זייא פאר שולדיגט גיווארין צו גאט זייא זאלין שטארבין פאר די עבירה . ווארום עס שטייט אין פסוק א טאג מיט א נאכט זאלין זייא ניט רוהען . און דער תנא האט גיזאגט צו די קינדער פון נח מען האט זייא פאר זאגט זייא זאלין אזאך ניט טאהן און זייא האבען גיטאהן . זענען זייא פאר שולדיגט דעם טויט . זייא זאלין שטארבען פאר די עבירה דורך די האנט פון גאט . רבינא זאגט אפילו דער טאג וואס זייא רוהען איז ניט דער יודישער שבת און ניט דער קריסטליכער שבת . זייא רוהען מאנטאג אדער אין אנדער טאג אין דער וואך . איז אויך א עבירה און זייא וועלין שטארבען פאר די עבירה . רבי יוחנן זאגט אז א גוי לערנט תורה קומט אים מיתה . אזוי וויא עס שטייט אין פסוק תורה צוה לנו משה מורשה . די תורה וואס משה האט אונז גיגעבען . איז ביי אונז א ירושה . די תורה איז אונזער ירושה . אבער ניט צו גוים א ירושה . דר בער אז די גוים לערנען די תורה . גזלען זייא די תורה ביי אונז . פרעגט די גמרא פאר וואס רעכנט מען ניט דעם דין צו די זיבען מצות וואס מען האט זייא גיגעבען . ענטפערט די גמרא דער וואס טייטשט מורשה א ירושה . איז דאך די תורה אונזערע :

(נג) תורה צוה לנו משה מורשה לנו מורשה ולא להם וליחשבה גבי שבע מצות מ"ד מורשה מגזל קא גזיל לה מאן דאמר מאורסה דינה כנערה המאורסה דבסקילה מיתיבי היה רבי מאיר אומר מנין שאפילו עכו"ם ועוסק בתורה שהוא ככהן גדול שנא' (ויקרא יח) אשר יעשה אותם האדם וחי בהם כהנים לוים וישראלים לא נאמר אלא האדם הא למדת שאפי' עכו"ם ועוסק בתורה הרי הוא ככהן גדול התם בשבע מצות דידהו •

נקט וה"ה דהוה מצי למינקט ג' וד': מורשה לנו ולא להם. ואיכא משום גזל כדמפרש: מורשה מאורסה. אמורשה איכא דדרשי להו גבי עם הארץ בפ' אלו עוברין בפסחים: מיגזל קא גזיל לה. ואמאי קחשיב גזל וכן נערה המאורסה דהא בכלל גילוי עריות הוא: [בשבע מצות דידהו. עוסקין בהלכות אותן שבע מצות להיות בקיאין בהן:

(שם ע"ב) יב אמר רב יהודה אמר רב אדם הראשון לא הותר לו בשר לאכילה דכתיב (בראשית א) לכם יהיה לאכלה ולכל חית הארץ ולא חית הארץ לכם וכשבאו בני נח התיר להם שנא' (בראשית ט) כירק עשב נתתי לכם את כל יכול לא יהא אבר מן החי נוהג בו ת"ל (שם) אך בשר בנפשו דמו לא תאכלו וכו' מיתיבי (שם א) ורדו בדגת הים מאי לאו לאכילה לא למלאכה ודגים בני מלאכה נינהו

לא הותר בשר לאכילה דכתיב הנה נתתי לכם את כל עשב זורע זרע וגו' ולכל חית הארץ לכם ולחיות נתתי כל העשבים ואת כל האילנות ואת כל ירק עשב לאכילה אבל חית הארץ לא נתתי לכם: כירק עשב. שהפקרתי לאדה"ר לאכול נתתי לכם מעכשיו את כל חפצי בהמות וחיות: ורדו

---

אז דער גוי לערנט דיא תורה. הייסט דאס ער גזלת זיא ביי אונז. אונ גזלה איז דאך איינע פון דיא זיבען מצות. אונ דער וואס טייטשט מורשה. אזוי וויא מאורסה. דיא תורה איז אזוי וויא אכלה צו דיא יודין. אזוי וויא אגוי טאר ניט מזנה זיין מיט אכלה וואס איזר האט איר מקדש גיוועזן. אונ אז ער איז יא מיט איר מזנה דארף מען אים הרגנן מיט שטיינער. אזוי אז אגוי לערנט דיא תורה וואס זיא איז דיא יודישע כלה וואס זייא האבען איר מקדש גיוועזן. איז אויך גלייך וויא זייא וואלטען מיט איר מזנה גיוועזן. קומט זיי מיתה. אונ מזנה זיין איז דאך איינע פון דיא זיבען מצות. פרעגט דיא גמרא מיר האבען דאך געלערנט רבי מאיר פלעגט זאגין פון וואנען ווייסען מיר אז אפילו אגוי לערנט תורה איז ער גלייך וויא אכהן גדול. ווארום עס שטייט אין פסוק איר זאלט היטען מיינע חקים אונ מיינע משפטים וואס אמענטש וועט זייא טאהן וועט ער לעבין דורך זייא. עס שטייט ניט אין פסוק אז אכהן אדער אלוי אדער אישראל וועט זייא טאהן. עס שטייט נאר אז אמענטש וועט זייא טאהן. ווער דער מענטש וועט זיין. אפילו אגוי וועט לערנען תורה איז ער גלייך צו אכהן גדול. ענטפערט דיא גמרא דאס מיינט מען אז ער וועט לערנען זיינע זיבען מצות. אבער די גאנצע תורה גיהער צו איודין. אונ אז אגוי לערנט איר קומט אים מיתה׳

יב אמר. רב יהודה האט גזאגט פון רבס וועגין צו אדם הראשון איז ניט מותר גיוועזן צו עסין פלייש. ווארום עס שטייט אין פסוק אלץ וואס עס וועט וואקסען אין פעלד אונ אלע פירות זאל דאס זיין פאר אייך צום עסין אונ צו אלע חיות צום עסין. דיא מענטשין אונ דיא חיות זאלין עסין אלץ וואס וועט וואקסען אין פעלד. אבער דיא מענטשין טארין ניט עסין דיא חיות. אונ אז נח מיט זיינע קינדער זענען ארויס גיגאנגען פון דער תיבה. האט גאט זיי מתיר גיוועזן צו עסין פלייש. אזוי וויא עס שטייט אין פסוק אזוי וויא ביז איצט האב איך אייך מתיר גיוועזן צום עסין נאר גראז. פון איצט אן גיב איך אייך אלץ צום עסין. אפילו פלייש אויך. איך וואלט מיינען אז זייא האבען גימעגט אפ שנייהן אשטיק פלייש פון אלעבעדיגע בהמה אונ עסין. שטייט אין פסוק ווען דיא פלייש איז נאך מיט דיא נשמה מיט דיא בלוט זאלט איר ניט עסין. נאר פריער טוז מען דיא בהמה שעכטין דער נאך עסין דיא פלייש. פרעגט די גמרא עס שטייט דאך אין פסוק איר זאלט גיוועלטיגען אין דיא פיש פון ים גיוויס מיינט מען מען זאל זייא עסין. זאגט דיא גמרא ניט צום עסין נאר צו ארבעטין מיט זייא. פרעגט דיא גמרא פיש ארבעטין. ענטפערט דיא גמרא יא עס איז דא אזעלכע פיש וואס ארבעטין. אזוי ווי רחבה

האט

נינהו אין כדרחבה דבעי רחבה הנהיג בעיזא ושבוטא מאי ת"ש (שם) ובעוף השמים מאי לאו לאכילה לא למלאכה ועופות בני מלאכה נינהו אין כדבעי רבה בר רב הונא דש באווזין ותרנגולין לרבי יוסי ברבי יהודה מהו ת"ש (שם) ובכל חיה הרומשת ההוא (מיבעי ליה) לאהויי נחש הוא דאתא דתניא ר"ש בן מנסיא אומר חבל על שמש גדול שאבד מן העולם שאלמלא נתקלל נחש כל אחד ואחד מישראל היו מזמנים לו שני נחשים טובים אחד משגרו לצפון ואחד משגרו לדרום להביא לו סנדלבונים טובים וכרגליות טובות ולא עוד אלא שמפשילין לו רצועה מתחת זנבו ומוציא בו עפר לגינתו ולחורבתו מיתיבי [היה] רבי יהודה בן תימא אומר אדם הראשון מיסב בגן עדן היה והיו מלאכי השרת צולין לו בשר ומצננין לו יין והציץ בו נחש וראה כבודו ונתקנא בו התם בבשר היורד מן השמים ומי איכא בשר היורד מן השמים אין כי הא דרבי

נהגת סיס. לאדה"ר נאמר: שהנהיג בעיזא ושבוטא. קשר קרון לדג שבים ולעז בינבה על שפת ים והעיזים מנהיגין אותן: מהו. לוקה משום מנהיג בכלאים או לא חורש בשור ובחמור לאו דוקא דכל תרי מיני נמי אסירי בשור ובגת את כפרה: דש באווזין והרנגולים לר' יוסי. בהשוכר את הפועלים תנן היה עושה בידיו אבל לא ברגליו וכו' רבי יוסי ברבי יהודה אומר וכו' ע"ש אלמא בני מלאכה נינהו: ובכל חיה הרומשת. ואי לאו לאכילה חיות לאו בני מלאכה נינהו: ומשני הכיא לאהויי נחש קאמר. ולמלאכה דנחש בר מלאכה הוא קודם שנתקלל לילך על גחון: חבל: הפסד כל חבל לשון קבול וצער הוא כלו' הפסד בא לעולם ויש לנוד ולקבול על שמש גדול שאבד וכו': סנדלבונין. שם אבן טובה: צולין לו בשר. אלמא

---

האט גזאגט. ווארום רחבה האט גיפרעגט אז איינער האט גיהאט א וואגן ביי דעם ברעג ים האט ער צו גיבונדען צום וואגן דעם פיש וואס הייסט שבוטא אונ א קאזע האט ער אויך צו גיבונדען צום וואגן. אונ דער פיש מיט די קאזע שלעפן דעם וואגן. דער פיש שווימט אין וואסער ביי דעם ברעג אונ ציהט דעם וואגן אונ די קאזע גייט אויף דער ערד ביי דעם ברעג אונ ציהט אויך דעם וואגן: מעג מען אזוי צוא גיין. זעהן מיר דאך אז א פיש קען אויך ארבעטין. פרעגט דיא גמרא עס שטייט דאך איר זאלט גיוועלטיגען אויף דיא פויגעל וואס פליהען אונטערין הימעל. וואס זאל מען אויף זייא גיוועלטיגען. געווים צו עסין. ענטפערט די גמרא ניט צום עסין נאר צו ארבעטין מיט זיי. פרעגט דיא גמרא עופות ארבעטין. ענטפערט דיא גמרא יא עס איז דא אזעלכע עופות וואס מען ארבעט מיט זייא. אזוי וויא רבה בר רב הונא האט גיפרעגט. אז מען האט גידרעשט תבואה מיט גענדז אונ מיט הינער נאך רבי יוסי ברבי יהודה וויא איז דער דין. זעהן מיר אז עופות ארבעטין. פרעגט דיא גמרא עס שטייט דאך איר זאלט גיוועלטיגען אייף אלע חיות וואס קריכען אויף דיא ערד. וואס זאל מען אויף זייא גיוועלטיגען. געווים צום עסין. ענטפערט די גמרא ניט צום עסין נאר צום ארבעטין מיט זייא: אונ וועלכע חיה שטייט צו דיא ארבעט. דאס מיינט מען דעם שלאנג: ווארום איידער דער שלאנג איז געפלוכט גיווארין האט מען גיארבעט מיט אים. אזוי וויא מיר האבען גילערונט רבי שמעון בן מנסיא האט גזאגט מיר האבען אגרויסען שאדין גיהאט וואס מיר האבען פארלארען פון דער וועלט אגרויסען בדינער. ווארום אז דער שלאנג וואלט ניט געפלוכט גיווארין. וואלט מען גיגעבין צו יעדער יוד צוויי גוטע שלאנגען. איינעם וואלט ער געשיקט אין צפון זייט פון דער וועלט. אונ איינעם וואלט ער געשיקט אין דרום זייט פון דער וועלט זיי זאלין אים ברייגען גוטע סנדלבונים ובריליאנטין גוטע אונ פעריל גוטע. אונ נאך מער וואלט מען מיט אים גיטאהן. מען וואלט אים איין גישפאנט צו א וואגין אונ מען וואלט מיט אים געפירט ערד צו א גארטין אויס מיסטען אונ אוויסטען ארט אויס גלייכען מיט ערד. פרעגט דיא גמרא מיר האבען גילערונט רבי יהודה בן תימא האט גזאגט אדם הראשון איז גיזעסען אין גן עדן אונ דיא מלאכים האבען גיבראטען פלייש פון זיינעט וועגין אונ זיי האבען אפ געקיהלט וויין פון זיינעט וועגין אונ דער שלאנג האט גיקוקט אויף אדם אונ ער האט גיזעהן זיין כבוד האט ער אים מקנא גיוועזן: זעהן מיר דאך אז אדם האט גיגעסען פלייש. ענטפערט דיא גמרא אין גן עדן האט ער גיגעסען פלייש וואס איז אראפ גיקומען פון הימעל. פון די פלייש

דרבי שמעון בן חלפתא הוה קא אזיל באורחא פגעו ביה הנך אריותא והוה קא נהמי באפיה אמ׳ (תהלים קד) הכפירים שואגים לטרף נחותו תרתי אטמתי חדא אכלוה וחדא שבקוה איתי׳ ואתא לבי מדרשא בעו עלה דבר טמא הוא זה או דבר טהור א״ל אין דבר טמא יורד מן השמים

הותר נו לאכול בהמות וחיות : טמאי כחפיה . לאכלו :

קרועי בגדים . על גידופין ששמעו מפי רבשקס כדכתיב אשר שלחו מלך אשור לחרף אלהים חי :

(דף ס) יג ‎פיסקא) נגמר הדין (הדיינין עומדין על רגליהן וקורעין וכו׳) עומדין מנ״ל אמר רבי יצחק בר אמי דאמר קרא (שופטים ג) ואהוד בא אליו והוא יושב בעלית המקרה אשר לו לבדו ויאמר אהוד דבר אלהים לי אליך ויקם מעל הכסא והלא דברים ק״ו ומה עגלון מלך מואב שהוא נכרי ולא ידע אלא בכינוי עמד ישראל ושם המפורש עאכ״ו . קורעין מנ״ל דכתיב (מ״ב יח) ויבא אליקים בן חלקיהו ושבנא הסופר ויואח בן אסף המזכיר אל חזקיהו קרועי בגדים ויגידו לו את דברי רבשקה . ולא מאחין מנ״ל א״ר אבהו אתיא קריעה קריעה כתיב הכא קרועי בגדים וכתיב התם (מ״ב ב) ואלישע רואה והוא מצעק אבי אבי רכב ישראל ופרשיו ולא ראהו עוד ויחזק בבגדיו ויקרעם לשנים קרעים

---

פלייש שמעקען מיר ניט ; פרעגט דיא גמרא קומט דען פלייש פון הימעל . ענטפערט די גמרא יא עס קומט פלייש פון הימעל . ווארום רבי שמעון בן חלפתא איז אמאהל גיגאנגען אין וועג . האבען אים בעגעגענט לייבין אונ האבען גיברומט צו אים . אויף צוא עסן אים . האט רבי שמעון גזאגט דיא לייבין ברומען אונ שרייען ווייל זייא ווילען עסין . איז אראפ גיקומען פון הימעל צוויי גרויסע שטיקער פלייש . איין שטיק פלייש האבען דיא לייבין אויף גיגעסן . אונ איין שטיק האבען זייא גילאזין . איז רבי שמעון גיקומען אין בית המדרש אונ האט גיוויזען דיא שטיק פלייש . האט מען אין בית המדרש ניט געוואוסט צו דיא פלייש איז פון אבהמה וואס איז טמא . אדער פון אבהמה וואס איז טהור . הט רבי שמעון צוא זיי גזאגט פון הימעל ווערט ניט אראפ קומען אזאך וואס איז טמא :

יג פיסקא . נגמר . אין דער משנה שטייט ווען דיא עדות זאגין פאר בית דין וויא אזוי דער מענטש האט גילעסטערט גאט . זענען דיא דיינים גישטאנען אויף זייערע פיס אונ זייא האבען געריסען דיא קליידער אונ זייא האבען ניט צוריק צו זאמען גינייט קיין מאהל . פרעגט דיא גמרא פון וואנען ווייסען מיר אז מען דארף שטיין . האט רבי יצחק בר אמי גיזאגט עס שטייט אין פסוק אהוד איז גיקומען צו עגלון דער מלך פון מואב . אונ עגלון איז גיזעסען אין זיין קיהל שטוב אויף דעם בוידים וואס איז גאר גיוועזן פר אים אליין . הט אהוד גזאגט צו עגלון איך האב דיר צו זאגין אגעטליכע זאך ; איז עגלון אויף גישטאנען פון שטוהל . מאראך עגלון דער מלך פון מואב וואס ער איז אגוי אונ ער האט ניט מער גיהערט נאר דעם ביי נאמען פון גאט איז ער אויף גישטאנען פון זיין שטוהל אונ איז געבליבען שטיין . אזוי וואס הערט דעם אמתין נאמען פון גאט ; איז געווים אז ער דארף שטיין . פרעגט דיא גמרא פון וואנען ווייסען מיר אז מען דארף רייסען דיא קליידער . ווארום עס שטייט אין פסוק אליקים בן חלקיהו אונ שבנא הסופר אונ יואח בן אסף המזכיר זענען גיקומען צו חזקיהו מיט צוריסענע קליידער אונ זייא האבען גזאגט צו אים דיא רייד פון רבשקה . וואס ער האט גילעסטערט גאט . זעהן מיר אז זייא האבען גיהערט דיא לעסטערונג פון גאט האבען זייא צוריסען די קליידער . פון וואנען ווייסען מיר אז מען זאל דעם ריס קיין מאהל ניט צו נייען ; האט רבי אבהו גזאגט מיר לערנען אגזרה שוה קריעה קריעה . דא שטייט זייא זענען גיקומען קרועי בגדים (מיט צוריסענע קליידער) אונ דארט שטייט אלישע האט גיזעהן וויא אליהו גייט ארויף אויף דעם הימעל האט ער געשריגען מיין פאטער מיין פאטער דוא ביסט דער רייט וואגין פון דיא יודין אונ זיינע רייטער אונ אלישע הט שוין אליהו ניט מער גיזעהן האט אלישע אן גינומן

קרעים משמע שנא' ויקרעם לשנים איני יודע שה קרעים מה ת"ל קרעים מלמד שהן קרועין לעולם:

**יד ואמר** רב יהודה אמר שמואל השומע אזכרת מפי הנכרי אינו חייב לקרוע וא"ת רבשקה ישראל מומר היה. ואמר רב יהודה אמר שמואל אין קורעין אלא על שם המיוחד בלבד לאפוקי כינוי דלא ופליגא דרבי חייא בתרוייהו דא"ר חייא השומע אזכרה בזמן הזה אינו חייב לקרוע שאם אי אתה אומר כן נתמלא כל הבגד קרעים ממאן אילימא מישראל מי פקירי כולי האי אלא פשיטא מנכרי ואי בשם המיוחד מי גמירי אלא לאו בכינוי וש"מ בזמן הזה הוא דלא הא מעיקרא חייב ש"מ:

(דף סג) **טו אמר** רבי יוחנן אלמלא וא"ו שבהעלוך נתחייבו שונאיהם של ישראל כליה כתנאי אחרים אומרים אלמלא וא"ו שבהעלוך נתחייבו

**השומע אזכרה.** ברכת השם מפי הנכרי אינו חייב לקרוע: וא"ת. הרי קרע על רבשקה ישראל מומר היה: בזמן הזה. שאנו בגלות ואין בית דין מוטלת עליהן לדון חייבי מיתות: נתמלא כל הבגדים קרעים. לפי שהדבר תדיר לפי שאין מתיראים מב"ד: מי גמירי נכרים שם המיוחד כ"ש שמקללין בו תמיד דקאמר נתמלא כל הבגד קרעים: אלא לאו בכינוי. תדיר ובזמן הזה הוא דלא קרעינן משום דנתמלא כל הבגד וכו' אבל בזמן ב"ד קורעין על הנכרים ואכינוי: אלמלא וי"ו שבהעלוך. והשתא לא כפרו בהקב"ה אמרי שמשתפוהו בדבר אחר: נ"א הגהות

---

זיינע קליידער ויקרעם לשנים קרעים. אונ ער האט זייא צוריסען אויף צווייען צו ריסען. איז דאך אקשיא אז עס שטייט ויקרעם לשנים ער האט זייא צוריסען אויף צווייען; ווייסען מיר דאך אז זייא זענען צוריסען. וואס שטייט דער ווארט קרעים. צו ריסען; נאר דער פסוק לערונט אונז אז זייא זענען געבליבען צוריסען אויף אייביג. אזוי דיא קליידער וואס דיא מענטשין פון חזקיהו האבען צו ריסען איז אויך געבליבען צוריסען אויף אייביג. ווייל זיי האבען גיהערט ווייא רבשקה האט גילעסטערט גאט. אונ דיא דיינים אז זייא הערין פון די עדות די לעסטערונג פון גאט אונ זיי צו רייסען די קליידער בלייבט אויך צו ריסען אויף אייביג:

**יד** אמר. רב יהודה האט גזאגט פון שמואלס וועגין אז מען הערט ווייא אגוי לעסטערט גאט דארף מען ניט רייסען דיא קליידער. פרעגט דיא גמרא פאר וואס האבען דיא מענטשין פון חזקיה געריסען דיא קליידער ווען רבשקה הט גילעסטערט גאט. ענפערט די גמרא רבשקה איז גיוועזן אמשומד. נאך האט רב יהודה גזאגט פון שמואלס וועגין אז דער מענטש וואס לעסטערט גאט האט ארויס גירעט דעם שם הוי"ה. וואס דאס איז דער נאמען פון גאט. דארף מען צו רייסען דיא קליידער. אבער אז ער האט נאר גזאגט אביי נאמען פון גאט. למשל רחום חנון. דארף מען ניט רייסען דיא קליידער. אונ שמואל קריגט אויף רבי חייא אין ביידע דינים; וואס רבי חייא האט גזאגט אז מען הערט דיא היינטיגע צייט ווייא מען לעסטערט גאט; דארף מען ניט רייסען דיא קליידער; ווארום אז דוא וועסט זאגין מען דארף יא רייסען די קליידער. וועלין אלע קליידער זיין פול מיט ריסען. זאגט דיא גמרא פון וועמען וועט מען הערין דיא לעסטערונג. זאלין מיר זאגן פון יודין. זענען דען אלע יודין אפקורסים זייא זאלין לעסטערין גאט. נאר געוויס מיינט מען פון אגוי. דער גוי לעסטערט גאט. אונ מיר זאלין זאגין ער רעט ארויס דעם שם הוי"ה. ווען ער לעסטערט. אגוי ווייס דאך ניט דעם שם הוי"ה. נאר געוויס לעסטערט ער דעם ביי נאמען פון גאט. אונ נאר דיא איצטיגע צייט דארף מען ניט רייסען דיא קליידער. ווייל אלע גוים לעסטערין גאט וועלין אלע קליידער זיין פול מיט ריסען. אבער פאר צייטען אז אגוי וואלט לעסטערין גאט מיט אביי נאמען וואלט מען גידארפט רייסען די קלייער. איז דאך ניט ווייא שמואל הט גזאגט:

**טו** אמר. רבי יוחנן האט גיזאגט ווען ניט דער וא"ו וואס שטייט אין ווארט העלוך וואלטין דיא יודין פאר לענדט גיווארין ווען זייא האבין גימאכט דעם עגל. ווארום ווען דיא יודין האבין גימאכט דעם עגל האבין זייא גיזאגט אלה אלהיך ישראל אשר העלוך. דאס איז כיין גאט וואס זייא האבין דיך אויף גיבראכט פון מצרים. וועמען האבין דיא יודין גימיינט מיט

דעם

נתחייבו שונאיהם של ישראל כליה א"ל ר"ש בן יוחאי והלא כל המשתף שם שמים ודבר אחר נעקר מן העולם שנאמר (שם כב) בלתי לה' לבדו אלא מה ת"ל אשר העלוך שאוו לאלהות הרבה:

**טז תניא** מניין לאוכל מן הבהמה קודם שתצא נפשה שהוא בלא תעשה ת"ל (ויקרא יט) לא תאכלו על הדם ד"א לא תאכלו על הדם לא תאכלו בשר ועדיין דם במזרק. ר' דוסא אומר מניין שאין מברין על הרוגי ב"ד ת"ל לא תאכלו על הדם ר"ע אומר מנין לסנהדרין שהרגו את הנפש שאין טועמין כלום כל אותו היום ת"ל לא תאכלו על הדם ר"י אמר אזהרה לבן סורר ומורה מנין ת"ל לא תאכלו על הדם:

(שם ע"ב) **יז אמר** אבוה דשמואל אסור לאדם שיעשה שותפות עם עכו"ם שמא יתחייב לו שבועה ונשבע באליל שלו והתורה אמרה (שמות כג) לא ישמע

הרבה. לפי שהשוה אלהים קבלו עליהם: ועדיין דם במזרק. הקרבנות: שאין מברין. את האבלים נוהגים כדרך שמברין את האבלים בסעודה ראשונה משל אחרים כדאמרינן במ"ק: על הדם. על הנפש ומסכתא מוקמינן לה בהרוגי ב"ד שנהרגין על עונם שלא ינהגו בהם כבוד מפני כפרה: לבן סורר ומורה. דלא ענש אלא"כ הזהיר והיכן הזהיר לא תאכלו על הדם לא תאכלו אכילה שמתחייבו עליה:

---

דעם ווארט זייא. גאט אונ דער עגל. האבין זייא געדינט צו ביידע. אונ אז אגוי דינט צו גאט אונ צו נאך איינעם קומט איהם ניט צו הרגנן. אונ דיא יודין וועגען נאך דאמאלס געוועזען גירעכנט פאר גוים. אבער אז זיס וואלט געשטאנען העלוך אן אוא"ו וואלט געוועזען דער טייטש ער האט דיך אויף גיבראכט פון מצרים. דער עגל אליין. וואלטין זייא דאך געדינט צום עגל אליין. וואלט זייא גאט פאר לענדט פון דער וועלט. זאגט דיא גמרא תנאים קריגען אין דער זאך. אנדערע זאגין וועגן ניט דער וא"ו וואס שטייט אין ווארט העלוך וואלטין דיא יודין פאר לענדט געווארין ווען זייא האבין גימאכט דעם עגל. האט רבי שמעון בן יוחאי גיזאגט דער וואס זאגט אז צו גאט איז דא אשותף. אונ ער דינט צו ביידע צו גאט אונ צום שותף ווערט ער אויס געריסען פון דער וועלט. ווארום עס שטייט אין פסוק נאר צו גאט אליין זאל מען דינען. נאר וואס שטייט אין פסוק אשר העלוך. זייא האבין דיך אויף גיבראכט פון מצרים. נאר די יודין האבין גיגלוסט צו נאך גאטער. זייא האבין ניט געדינט צום עגל אליין. נאר צו נאך עבודות זרות:

**טז** תניא. מיר האבין גילערנט פון וואנען ווייסן מיר אז איינער האט גישאכטין אבהמה אונ דיא בהמה לעבט נאך טאר מען ניט אפ שניידין פון איהר אשטיק פלייש אונ עסין איידער דיא נשמה גייט ארויס פון איהר. ווארום עס שטייט אין פסוק איהר זאלט ניט עסין אויף בלוט. ווען אין דער בהמה איז נאך דא איהר בלוט זאלט איהר זיא ניט עסין. אנדערע זאגין דער פסוק מיינט אז מען האט גישאכטין אקרבן אונ דיא בלוט איז נאך אין בעקין. מען האט נאך ניט געשפריצט דיא בלוט אויף דעם מזבח. טאר מען ניט עסין דיא פלייש פון קרבן. ווייל עס שטייט אין פסוק איהר זאלט ניט עסין אויף בלוט. איהר זאלט ניט עסין דיא פלייש ווען דיא בלוט איז נאך אין בעקין. רבי דוסא זאגט פון וואנען ווייסן מיר אז דיא מענטשין וואס ווערין גיהרגת דורך בית דין טארין ניט דיא אבלים עסין דיא ערשטע סעודה נאך דער קבורה פון פרעמדע מענטשין אזוי וויא מען טוהט אויף אלע מתים. שטייט אין פסוק איהר זאלט ניט עסין אויף בלוט. אויף אמענטשין וואס איז גיהרגת געווארין זאלט איהר ניט עסין דיא ערשטע סעודה אזוי וויא אבלים עסין. רבי עקיבא זאגט פון וואנען ווייסין מיר אז בית דין האבין גיהרגת אמענטשין. טארין זייא ניט עסין דעם גאנצין טאג. שטייט אין פסוק איהר זאלט ניט עסין אויף בלוט. רבי יוחנן זאגט וואו האט דיא תורה פאר זאגט אז אבן סורר ומורה טאר ניט זיין אזולל וסובא. ווארום עס שטייט אין פסוק איהר זאלט ניט עסין אויף בלוט. איהר זאלט ניט עסין אזוי אעסינווארג. וואס דורך דעם וועט אייער בלוט פאר גאסין ווערין:

**יז** אמר. דער פאטער פון שמואל האט גיזאגט אמענטש טאר ניט מאכין אהאנדיל שותפות

בת בקלנבו. [לשון גנאי הוא וכיון שכתוב בקרא על שם ע"ז שבה: קורס. נכרע כלו' כרע על ברכיו ונפתו דהיינו ליצנות דלישתמי ביה קרא: לא יכלו מלט משא. כרעי שבהם לא יכלו לסבול ונפתו: לעגלות בית און. על עגלים שבבית אל: יגורו שכן שומרון. ידאגו שוכני שומרון: כי אבל עליו עמו: שיטלם סנחריב וילך לו: וכמריו. שהיו משמשים אותו: עליו יגילו. שהיו שמחים על שכר משא שבלם (ממנו) [משם]: כבודו אלא

ישמע על פיך כי אתא עולא בת בקלנבו אמר ליה רבא והיכא בת מר א"ל בקלנבו א"ל והא כתיב (שם) ושם אלהים אחרים לא תזכירו א"ל הכי א"ר יוחנן כל ע"ז הכתוב בתורה מותר להזכיר שמה והא היכא כתיבא כדכתיב (ישעיה מו) כרע בל קורס נבו. א"ר נחמן כל ליצנותא אסורה חוץ מליצנותא דע"ז דשריא דכתיב כרע בל קורס נבו קרסו כרעו יחדו לא יכלו מלט משא וכתיב (הושע י) לעגלות בית און יגורו שכן שומרון כי אבל עליו עמו וכמריו עליו יגילו על כבודו כי גלה ממנו אל תקרי כבודו אלא כבדו. א"ר יצחק מ"ד (שם יג) ועתה יוסיפו לחטוא ויעשו להם מסכה מכספם כתבונם עצבים מעשה חרשים וגו' מאי כתבונם עצבים מלמד שכל אחד ואחד עשה דמות יראתו ומניחו בכיסו ובשעה שזוכרה מוציאה מתוך חיקו ומחבקה ומנשקה מאי (שם) זובחי אדם עגלים ישקון א"ר יצחק דבי ר' אמי שהיו כומרים נותנים

עיניהם

---

שותפות מיט אנוי. טאמער וועט דער גוי דארפן שווערן צום יודן. וועט ער שווערן בייא זיין עבודה זרה. וועט דאך גיהערט ווערן דער נאמען פון דער עבודה זרה דורך דעם יודן. אונ דיא תורה האט גיזאגט עס זאל ניט גיהערט ווערן דורך דיין מויל דער נאמען פון דיא עבודה זרה. אז עולא איז גיקומען האט ער גינעכטיגט אין קלנבו. האט רבא גיזאגט צו עולא וואו האסטו גינעכטיגט. האט עולא גיזאגט איך האב גינעכטיגט אין קלנבו. האט רבא גיזאגט צו עולא עס שטייט דאך אין דיא תורה איהר זאלט ניט דער מאנען דעם נאמען פון פרעמדע גאטער ואונ קלנבו איז דאך א נאמען פון א עבודה זרה. אונ דיא שטאט ווערט גירופן אויף דעם נאמען פון דיא עבודה זרה]. האט עולא גיזאגט צו רבא אזוי האט גיזאגט רבי יוחנן די עבודה זרה וואס איהר נאמען שטייט אין דער תורה. מעג מען דער מאנען איהר נאמען. אונ ווא שטייט דער נאמען פון די עבודה זרה. ישעיה הנביא האט גיזאגט כרע בל קורס נבו. רב נחמן זאגט פון קיין זאך טאר מען ניט לאכין. נאר פון דער עבודה זרה מעג מען לאכין. ווארום דער פסוק לאכט אויך פון די עבודה זרה. כרע בל קורס נבו. די עבודה זרה בל אונ נבו האבין זיך גיזעצט אויף די קניא פון זייא זאל ארויס גיין דיא צואה. קרסו כרעו יחדו. זייא האבין צו זאמען געקניט דיא צואה זאל פון זייא ארויס גיין. לא יכלו מלט משא. זייא האבין ניט גיקענט דער טראגין דיא משא פון דיא צואה וואס איז גיוועזן אין זייער בויך וואס האט דער נביא גילאכט פון דיא עבודה זרה. דיא עבודות זרות זענען נאר גיוועזן פון זילבער אדער פון גאלד. נאך שטייט אין פסוק צוא דיא קעלבער פון בית און טוהען זיך פאר זאמלען דיא וואס רוהען אין שומרון. דיא פאלק זיינע טרויערין אויף אים זייא האבין מורא טאמער וועט סנחריב צוא נעמען זייער גאט. אונ דיא כומרים פרייען זיך אויף אים על כבודו כי גלה ממנו. זאלסט ניט לייענען כבודו. נאר זאלסט לייענען כבדו. זיין שווערקייט. דיא כומרים וואס פלעגין טראגין די עבודה זרה. פרייען זיך היינט ווייל דיא עבודה זרה איז גרינגער גיווארין. עס איז פון איר ארויס גיגאנגען דיא צואה. דער פסוק לאכט אויך פון דיא עבודה זרה. רבי יצחק זאגט עס שטייט אין פסוק איצט וועלין זייא נאך מערין צוא זינדיגען אונ זייא מאכין פאר זיך גיגאסענע געטער פון זייערע זילבער אזוי וויא זייער פאר שטאנד בילדער פון מייסטער ארבעט. וואס מיינט מען בילדער וויא זייער פארשטאנד. דער פסוק דער ציילט אונז אז יעדער מענטש האט גימאכט א בילד פון זיין גאט אונ ער האט איהם אריין גילייגט אין זיין בייטיל. אונ ווען ער האט זיך דער מאנט האט ער ארויס גינומען דיא עבודה זרה פון זיין שויס אונ האט זיא ארום גינומען אונ האט איהר געקושט. וואס מיינט דער פסוק זובחי אדם עגלים ישקון. דיא וואס שעכטין מענטשין קושין דיא קעלבער. רבי יצחק האט גיזאגט פון דבי רבי אמים ווען אז די

כומרים

עיניהם בבעלי ממון ומרעיבין את העגלים ועושים דמות עצביהם ומעמידין אותם בצד אבוסיהם ומוציאים אותם לחוץ כיון שראו אותם רצים אחריהם וממשמשין בהן אומרים לו ע"ז חפץ בך יבא ויזבח עצמו לו אמר רבא האי זובחי אדם עגלים ישקון לזבח אדם מיבעי ליה אלא אמר רבא כל הזובח את בנו לע"ז אומרים לו דורון גדול הקריב לו יבא וישק לו. א"ר יהודה אמר רב אנשי בבל עשו (מ"ב יז) סכות בנות ומאי ניהו תרנגולת אנשי כותא עשו נרגל ומאי ניהו תרנגול אנשי חמת עשו את אשימא ומאי ניהו ברחא קרחא והעוים עשו את (נבחן) [נבחז] ואת תרתק ומאי ניהו כלב וחמור (זס) והספרוים שורפים את בניהם (ואת בנותיהם) באש לאדרמלך וענמלך אלהי ספרוים ומאי ניהו הפרד והסוס אדרמלך דאדר ליה למריה בטעינה וענמלך דעני ליה למריה בקרבא

אף

כגון. מתלאי עגבוהיו ודעי שבקן ואע"ג דלאו בעלי חיים ניהו ואין נכס רעי אשתעי בהו קרא לשון גנאי: מרעיבין את העגלים. בעלי חיים שהיו עובדים אותם והיו מרעיבין אותם ועושין דמות עצביהם של בעלי ממון כלו' דמות דיוקנם ומעמידין אותם בצד אבוסיהן של עגלים ומתוך שהן רואין את הדמות תמיד היו מכירין אותם (וכשהיו מוציאין אותם לחוץ היו רעבים ורואין את בעלי הממון וסבורים שאלו הן הרגילין לעמוד אצל אבוסיהן): ורצין אחריהם וממשמשין בהם. כלו' כאילו ואומרים להם הכומרים ע"ז חפץ בך וכו': זובחי אדם. משמע אותן שזבחו האדם: עגלים ישקון. לאחר מכן לעגלים ישקון: לזבוח אדם מיבעי ליה. [והכי קא] הכומרים אומרים עגלים הללו נושקין אתכם לזבוח עצמכם להם: אנשי בבל עשו את סכות בנות. פסוק אחד בספר מלכים באותן [האומות] שהושיב סנחריב בשומרון ובעריה ועשו לשם ע"ז: תרנגולת. היו עובדין לדמות תרנגולת ובלשונם קורין לתרנגולת סכות בנות: ברחא קרחא. עז ברחא קרוי כל להן והעז קרי ליה קרחא על שאין לו שער כל כך: נבחן. כלב נובח: דאדר ליה למריה. מהדר את אדוניו ומכבדו שמפליג עליו משאו שהיה צריך לטעון על צוארו: אדרמלך.

כומרים פלעגין געבין זייערע אויגין אויף דיא רייכע מענטשין אוועק צו ברייגגען זייא פון דער וועלט. פלעגין זייא מאכין בילדער אזוי ווי די רייכע מענטשין האבין אויסגיזעהן. אונ פלעגין שטעלין דיא בילדער נעבין דיא קארעטעס וואס דיא קעלבער וואס מען האט געדינט צו זיין האבין גיגעסין. אונ דיא בילדער זענען אזוי גישטאנען אלאנגע צייט ביז דיא קעלבער זענען שוין גיוועזין גיוואוהנט מיט זיי. דער נאך פלעגין זיי לאזין דיא קעלבער הונגעריג. אונ פלעגין זייא ארויס לאזין אויף דיא גאס. ווייא דיא קעלבער האבין דער זעהן דיא רייכע מענטשין. האבין דיא קעלבער, זייא דער קענט ווייל זייא האבען שוין גיקענט דיא בילדער זייערע. פלעגין די קעלבער זייא נאך לויפען אונ האבען זייא גילעקט ווייל זייא זענען גיוועזין הונגעריג. פלעגין דיא כומרים זאגין צו דעם מענטש דיא עבודה זרה וויל דיך. דוא זאלסט דיך מקריב זיין צוא איר. פלעגט ער מוזין קומען זיך לאזין שעכטין צו דיא עבודה זרה. האט רבא גזאגט אויב אזוי מיינט דער פסוק פאר וואס שטייט זובחי אדם עגלים ישקון. דיא וואס האבען גישאכטען דיא מענטשין גייען דער נאך קושין דיא קעלבער. עס האט דאך גיבאדפט שטיין פר קערט עגלים ישקון לזבוח אדם. דיא כומרים זאגין צו דיא מענטשין דיא קעלבער קושין אייך איר זאלט אייך לאזין שעכטין צו זייא. האט רבא גזאגט אזוי מיינט דער פסוק דער וואס האט גישאכטען זיין זוהן צו דיא עבודה זרה. פלעגין דיא כומרים זאגין צו אים אז ער האט מקריב גיוועזין אגרויסע מתנה צו דיא עבודה זרה אונ ער זאל קומען קושין דיא קעלבער נדי עבודה זרה. רב יהודה האט גזאגט פון רבס וועגין עס שטייט אין פסוק דיא מענטשין פון בבל האבען גימאכט פאר עבודה זרה סכות בנות. וואס איז סכות בנות. אהון. צו דיא הון האבען זייא געדינט. דיא מענטשין פון כותא האבען גימאכט עבודה זרה נרגל. וואס איז נרגל. אהאן. צו דעם האן האבען זייא געדינט. דיא מענטשין פון חמת האבען גימאכט עבודה זרה אשימא. וואס איז אשימא. אקאזע צוא דיא קאזע האבען זייא געדינט. אונ דיא עוים האבען גימאכט צווייא עבודה זרות נבחן אונ תרתק. דאס איז אהונט אונ אאייזיל. אונ דיא ספרוים פלעגין פאר ברענען זייערע קינדער אין פייער צו אדרמלך אונ ענמלך דיא גאטער פון ספרוים. דאס איז אאייזיל אונ אפערד. דעם אייזיל רופט מען אדרמלך. ווייל ער בשיינט דעם בעל הבית ער זאל נים דארפין טראגין אויף זיך די משא: נאר ער לייגט זיא ארויף אויף דעם אייזיל ואבר איז דער טייטש פון: מלך מיינט מען דעם

בעל

אף חזקיה מלך יהודה בקש אביו לעשות לו כן אלא שסכתו אמו כלמנדרא אר"י אמר רב יודעים היו ישראל בע"ז שאין בה ממש ולא עבדו ע"ז אלא להתיר להם עריות בפרהסיא מתיב רב משרשיא (ירמיה ז) כזכור בניהם מזבחותם וגו' וא"ר אלעזר כאדם שיש לו געגועין על בנו בתר דאביקו ביה ת"ש (ויקרא כו) ונתתי את פגריכם על פגרי גלוליכם אמ"ר אליהו הצדיק היה מחזר על תפוחי רעב שבירושלי' פעם אחת מצא תינוק שהיה תפוח ומוטל באשפה א"ל מאיזה משפחה אתה א"ל ממשפחה פלונית אני אמר ליה כלום נשתייר מאותה משפחה א"ל לאו חוץ ממני א"ל ים אני מלמדך דבר שאתה חי בו אתה למד א"ל הן א"ל אמור בכל יום שמע ישראל ה' אלהינו ה' אחד אמר לו (דף סד) (עמוס ו) הס כי לא להזכיר בשם ה' שלא למדוהו אביו ואמו מיד הוציא יראתו מחיקו

מהדר מלכי כלו' את הדויין: לעשות לו כן. לשורפו באש כמו הספרוים: סלמנדרא. היא קטנה שיוצאה מתנור שהאש בוערה בו שבע שנים והכך מדמה אין האור שולט בו ונאחז מינו [כתוב] גם את בנו העביר באש ולא מלינו לו בן אלא חזקיהו: אלא להתיר להם עריות בפרהסיא. שהיה יצרן תוקפן על עריות אמרו נפרוק כל עול תורה מעלינו ואל יוכיחונו על העריות אבל ע"ז לא תקפן יצרם: כזכור בניהם מזבחותם. משמע שהי' להם געגועין עליהם כאדם שיש לו געגועין על בנו ובזוכרו נהנה והכי משמע כזכור בניהם דומה להם זכירת מזבחותם ואשריהם: בתר דאביקו ביה. אחר שנקשרו בה מעלמן הקפה תינתן עליהם: תפוחי רעב. כמו נפוחי: הס. שתוק כמו ויהס כלב העם:

---

בעל הבית). דעם פערד רופט מען ענמך. ווייל ער ענפערט דעם בעל הבית אין דער מלחמה. ער רעטעט דעם בעל הבית אין דער מלחמה ווען איז דער טייטש ענפערין. אזוי וויא וי_ען מלך מיינט מען דעם בעל הבית). דער פאטער פון חזקיהו האט אויך געוואלט אזוי טאהן. ער האט געוואלט פאר ברענען זיין זוהן חזקיהו צו דיא גאטער. נאר דיא מוטער האט אים בשמירט מיט סלמנדרא איז ער ניט פאר ברענט געווארין ואז מען ברענט פייער אין אהויבין זיבען יאהר אן אאויפהערונג גייט ארויס פון דעם פייער אקליינע חיה זיא הייסט סלמנדרא. אונ אז מען בשמירט אזאך מיט דעם בלוט פון דיא חיה ווערט דיא זאך ניט פאר ברענט). רב יהודה האט גזאגט פון רבס וועגין דיא יודין האבען געוואוסט אז דיא עבודה זרה איז גאר נישט. זייא האבען גאר געדינט עבודה זרה ווייל זייא האבען געוואלט מזנה זיין. האבן זייא מורא גיהאט דיא נביאים וועלין זייא שטראפין פאר וואס זייא זענען מזנה. דריבער האבין זייא אראפ געווארפען פון זיך דיא גאנצע יודישקייט. רב משרשיא האט גיפרעגט עס שטייט אין פסוק אזוי וויא זייא האבען גידיינקט זייערע קינדער. אזוי האבען זייא גידיינקט זייערע מזבחות וואס זייא האבען גימאכט צוא דיא עבודה זרה. האט רבי אלעזר גזאגט אזוי וויא אמענטש וואס בייענגט נאך זיין זוהן. אזוי האבען זייא גיבייענגט צו דיא עבודה זרה. זעהן מיר דאך אז זייא האבען גיהאלטען דיא עבודה זרה פאר אגאט. ענפערט דיא גמרא אין אנהייב האבען זייא ניט גימיינט דיא עבודה זרה. נאר זייא האבען גימיינט זנות. נאר דער נאך ווי זייא האבען זיך שוין בהעפט צו דיא עבודה זרה. האבען זייא איר שוין ליב גיהאט. פרעגט דיא גמרא עס שטייט אין פסוק איך וועל געבין אייערע פגרים אויף דיא טויטע עבודה זרות. מען האט גזאגט אליהו הצדיק פלעגט ארום גיין אין ירושלים צו דיא אלע מענטשין וואס זענען גיוועזן נישוואלין פון הונגער. אונ ער פלעגט זייא דער נ ערין. אמאהל האט ער גיטראפען אגישוואלין קינד ליגט אויף דעם מיסט. האט אליהו גזאגט צום קינד פון וועלכע משפחה ביסטו. האט דער קינד גזאגט איך בין פון דיא משפחה. האט אליהו גיזאגט צום קינד עס איז ווער געבליבען פון דיא משפחה. האט דער קינד גזאגט עס איז קיינער ניט געבליבן נאר איך אליין. האט אליהו גזאגט צום קינד אויב איך וועל מיט דיר לערנען אזוי אזאך ווס דוא וועסט לעבין דורך דעם. וועסטו וועלין לערנען. האט דער קינד גזאגט יא. האט אליהו גזאגט צום קינד זאג אלע טאג שמע ישראל ה' אלהינו ה' אחד. האט דאס קינד גיזאגט צוא אליהו שטיל מען דארף ניט דער מאנען דעם נאמען פון גאט. ווארום מיין פאטער אונ מוטער האבען מיך דאס ניט גילערנט. באלד נאך דיא רייד האט דאס קינד ארויס גינומען זיין גאט

פון

מחיקו ומנשקה ומחבקה על שנבקעה כריסו ונפל יראתו [לארץ] ונפל הוא עליה לקיים מה שנאמר ונתתי את פגריכם על פגרי גלוליכם בתר דאביקו ביה ת"ש (נחמיה ט) ויזעקו בקול גדול אל ה' אלהיהם מאי אמור א"ר יהודה ואי תימא רבי (יוחנן) [יונתן] ביא ביא היינו דאחרביה לביתא וקליא להיכלא וקטלינהו לצדיקיא ואגלינהו לישראל מארעייהו ועדיין הוא מרקד בינן כלום יהבתיה לן אלא לקבולי אגרא לא איהו בעינן ולא אגריה בעינן (בתר דאביקו ביה) וכו'

ויזעקו. בני ישראל: בקול גדול. באנשי כנסת הגדולה כתיב: ביא. בלשון ארמי כוי לשון גסה וזעקה כמו אהה בלה"ק: היינו דאחרביה לביתיה. למקדשו: לקבולי ביה אגרא. לכוף את יצרם ולקבל שכר על כך: לא איהו בעינן וכו'. אלמא יצר הקטן: תרדין. בלד"ב בלע"ז ומבשלין את המעים וכן שכר הדם: אתם בית ישראל אינן כן. רב יהודה קאמר לה למדרשיה לקרא: הנצמדים לבעל פעור. כלו' אבל אבותם לא השיבו זאת על לבב שע"ז מגונה היא מכל ע"ז שבעולם ונצמדו ואדבקו בה כצמיד פתיל המוקף על פי כלי שממרחין אותו בטיט יפה ואבל המקום ב"ה לא נצמדים אלא דבוק

עד בקרובתי' אמר רב יהודה אמר רב מעשה בנכרית אחת שהיתה חולה ביותר אמרה אם תעמוד ההיא אשה מחליה תלך ותעבוד לכל עבודה זרה שבעולם עמדה ועבדה לכל ע"ז שבעולם כיון שהגיעה לפעור שאלה לכומרים במה עובדים לזו אמרו לה אוכלין תרדין ושותין שכר ומתריזין בפניה אמרה מוטב שתחזור ההיא אשה לחליה ולא תעבוד עבודה זרה בכך אתם בית ישראל אינם כן (במדבר כה) הנצמדים לבעל פעור כצמיד פתיל (דברים ד) ואתם הדבקים בה' אלהיכם כב'

---

פון שוים אונ האט אים ארום גינומען אונ גיקושט ביז זיין בויך איז צו שפאלטין גיווארין אונ דער גאט זיינער איז אראפ גיפאלען אויף דיא ערד אונ ער איז ארויף גיפאלען אויף דעם גאט אונ איז גישטארבען. צו מקיים זיין דעם פסוק איך וועל געבין אייערע טויטע קערפערס אויף אייערע טויטע עבודה זרות. זעהן מיר דאך אז דיא יודין האבען שטארק גיגלויבט אין דער עבודה זרה. ענפערט דיא גמרא דער נאך וויא זייא האבען זיך שוין בהעפט צוא דיא עבודה זרה. האבען זייא שוין גיגלויבט אין איר. פרעגט דיא גמרא עס שטייט אין פסוק דיא יודין האבען געשריגען מיט אגרויסע שטימע צו זייער גאט. וואס האבען זייא גיזאגט ווען זייא האבען געשריגען האט רב יהודה גזאגט אנדערע זאגין רבי יונתן האט גזאגט. זייא האבען געשריגען בייא בייא. דאס איז דער יצר הרע וואס ער האט חרוב גימאכט דעם בית המקדש אונ ער האט פאר ברענט דעם היכל. אונ ער האט גיהרגת דיא צדיקים. אונ ער האט פאר טריבען דיא יודין פון זייער לאנד. אונ ער טאנצט נאך צווישען אונז: צו וואס האסטו אונז גיגעבין דעם יצר הרע. מיר זאלין אונז שטארקין אויף אים וועלין מיר האבען שכר. מיר ווילען ניט דעם יצר הרע אונ מיר ווילען ניט זיין שכר. זעהן מיר דאך אז דיא יודין האבען גיהאט אשטארקין יצר הרע צו עבודה זרה. ענפערט דיא גמרא דער נאך וויא זייא האבען זיך שוין בהעפט צוא דיא עבודה זרה האבען זייא שוין גיגלויבט אין איר. רב יהודה הט גזאגט פון רבס וועגין עס האט אמאהל גיטראפען אגויה איז גיוועזן שטארק קראנק. האט זיא גיזאגט אויב איך וועל גיזונד ווערין פון מיין קראנקייט וועל איך דינען אלע עבודה זרות וואס עס איז נאר דא אויף דער וועלט. אונ זיא איז גיזונד גיווארין. אונ האט גערינט צו אלע עבודה זרות. וויא זיא איז גיקומען צו דיא עבודה זרה פעור. האט זיא גיפרעגט בייא די כומרים מיט וואס דינט מען צו דיא עבודה זרה. האבען דיא כומרים צו איר גיזאגט. מען עסט תרדין דער נאך טרינקט מען ביר ביז דיא גידערים ווערין לויז עס זאל ארויס גיין פיל צואה. אונ דער מענטש זעצט זיך נעבין דיא עבודה זרה דיא צואה זאל פון אים דארט ארויס גיין: וויא דיא גויה הט דס גיהערט האט זיא גזאגט איך וויל בעסר נאך אמאל קראנק ווערין אונ איך וויל ניט אזוי דינען צוא דיא עבודה זרה. זאגט רב יהודה אבער איר יודין זענט ניט אזוי. איר האט אייך בהעפט צו דיא מיאוסה עבודה זרה בעל פעור אזוי וויא אצודעק איז בהעפט צוא אכלי. אבער אז איר הט אייך בהעפט צו גאט. האט איר אייך ניט אזוי שטארק בהעפט. נאר אזוי וויא צוויא טייטלען וואס ווענען צו גיקלעבט איינער צום אנדערין: אין אברייתא האבען מיר גילערנט עס שטייט אין

פסוק

כב' תכרות הדבוקות זו בזו במתניתא תנא הנצמדים לבעל פעור כצמיד ע"י אשה ואתם הדבקים בה' אלהיכם דבוקים ממש :

**יח משנה** הנותן מזרעו למולך אינו חייב עד שימסור למולך ויעביר באש וכו' :

**גמ'** תניא אחד למולך ואחד לשאר ע"ז חייב ר"א בר"ש אומר למולך חייב ושלא למולך פטור אמר אביי ר' אלעזר בר"ש ור' חנינא בן אנטיגנוס אמרו דבר אחד ר' אלעזר בר' שמעון הא דאמרן רבי חנינא בן אנטיגנוס דתניא) ר' חנינא בן אנטיגנוס אומר מפני מה תפסה תורה לשון מולך כל שהמליכוהו עליהם ואפילו צרור ואפילו קיסם רבא אמר מולך עראי איכא בינייהו (פס ע"ב) א"ר ינאי אינו חייב עד שימסרנו וכו' אמר רב יהודה אינו חייב עד שיעבירנו דרך העברה היכי

כתמרות. המדובקות בדביקה ואין דבוקות : במתניתא תנא. בנה הוא אגלה דדבוק משמע הבזל ספי מגלמי לצמידים אין מחוברין. ונמשכין וזין אילך ואילך דבוק משמע יפה יפה :

ואחד למולך ואחד לשאר ע"ז העביר זרעו חייב קסבר מולך נמי ע"ז הוא ולא איצטרך לאזהורי עלה בכדרכה דמאיכה יעבדו (דברים יב) נפקא אלא נימר נך באלה עשה שלא כדרכה חייב : שלא למולך פטור . דמולך דווקא כתיבא שדרכה בכך ולא משום ע"ז אזהיר עליו דלא מאיכה יעבדו נפקא אלא חוק הוא להם והתורה הקפידה על חוק זה בכהילה לפיכך הולך להוב) : כל שהמליכוהו עליהם . בקראו נמו מולך : רבא אמר . לא אמרו דבר [אחד] דמולך עראי איכא ביניהו כגון לצור וקיסם שהיננו ראוי לכך וזה לפי שעה המליכוהו עליו [להעביר לו בנו זה לר' אלעזר בר שמעון לא מיחייב אלא במולך קבוע ובלא : ר' ינאי . לפרושי עד שימסור דמתניתין אתא למימר דכך עבודתו למפרהי ע"ז קאמר] : דרך העברה . שלא בימה מן החוק אלא כדרך

---

**פסוק** הנצמדים לבעל פעור . זיא האבען זיך בהעפט צו די עבודה זרה בעל פעור . ניט שטארק בהעפט . נאר אזוי ווי אפינגעריל וואס איז אויף דעם פינגער פון אאשה . מען נעמט אים אראפ פון פינגער אונ מען זעצט אים ארויף אויף דעם פינגער . אבער אז די יודין האבען זיך בהעפט צו גאט . זענען זייא גיוועזן גוט בהעפט :

**יח** משנה . הנותן . אז ער גיט אקינד פון זיינע קינדער צו דער עבודה זרה מולך . איז ער אנדערש ניט חייב סיידין ער זאל געבין דאס קינד צו דיא כומרים . אונ דער כומר גיט צוריק דאס קינד צום פאטער אונ דער פאטער אליין זאל פירען דאס קינד בייא דעם פייער וואס איז אן גיצונדען גיווארין צוא דיא עבודה זרה מולך . זאגט דיא גמרא מיר האבין גילערונט סיי ער פירט דאס קינד צו דיא עבודה זרה מולך . אונ סיי צו איין אנדער עבודה זרה . קומט איהם אלץ מיתה . רבי אליעזר ברבי שמעון זאגט אז ער פירט דאס קינד צו דיא עבודה זרה מולך קומט איהם מיתה . אבער אז ער פירט דאס קינד צו איין אנדער עבודה זרה . ניט צו מולך . קומט איהם ניט קיין מיתה . אביי האט גיזאגט רבי אלעזר ברבי שמעון אונ רבי חנינא בן אנטיגנוס האבין גיזאגט איין זאך . רבי אלעזר ברבי שמעון אזוי וויא מיר האבין פריער גיזאגט . אונ רבי חנינא בן אנטיגנוס אזוי וויא מיר האבין גילערונט . רבי חנינא בן אנטיגנוס זאגט פאר וואס האט דיא תורה ניט גירופין דיא עבודה זרה מיט איהר נאמען . נאר זיא רופט איהר מולך . צו לערנען אתז וועלכע עבודה זרה דיא גוים האבין איהר גימאכט קיניגען אויף זיך אפילו אשפענדיל אשטיקול האלץ אונ זייא רופען איהר מולך אז ער פירט זיין קינד צו דעם מולך . קומט איהם אויך מיתה . אבער צו דיא עבודה זרה וואס מען רופט איר ניט מולך . איז מען פטור . רבא זאגט רבי אלעזר אונ רבי חנינא זאגין ניט איין זאך . רבי אלעזר ברבי שמעון זאגט דיא וואס איז אשטענדיגע עבודה זרה אונ מען רופט איהר מולך . אז אפאטער פירט צוא איהר זיין קינד קומט איהם מיתה . אבער אז דאס איז ניט אשטענדיגע עבודה זרה אונ עס פאסט נאר ניט דאס זאל זיין אעבודה זרה . נאר דיא כנענים האבין דאס איצט גימאכט פאר אעבודה זרה אונ ער פירט צו איהר זיין קינד קומט איהם ניט מיתה . אונ רבי חנינא בן אנטיגנוס זאגט אפילו ער פירט זיין קינד צו אזוי אעבודה זרה קומט איהם אויך מיתה . רבי ינאי זאגט עס קומט איהם אנדערש ניט קיין מיתה סיידין ער גיט דאס קינד צו די כומרים פון דיא עבודה זרה מולך . רבי יהודה זאגט עס קומט איהם אנדערש ניט קיין מיתה

סידיג

היכי דמי אמר אביי שרגא דלבני במיצעי נורא מהאי גיסא ונורא מהאי גיסא רבא אמר כמשוורתא דפוריא:

**אמר** א״ר יוסי בר חנינא ג׳ כריתות בע״ז למה א׳ לכדרכה ואחד לשלא כדרכה ואחד למולך

תניא (במדבר טו) הכרת תכרת הכרת בעה״ז תכרת לעה״ב דברי ר״ע א״ל ר׳ ישמעאל והלא כבר נאמר ונכרתה וכי ג׳ עולמים יש אלא ונכרתה בעה״ז הכרת לעה״ב תכרת דברה תורה כלשון בני אדם:

(דף סה) **מתני׳** בעל אוב זה פיתום המדבר משחיו וידעוני זה המדבר בפיו הרי אלו בסקילה

**פירוש**

מנהג העברת המולך: שרגא דלבני. שורת לבנים גבוה לגבה ע״ג לבנה והאש מכאן ומכאן ומעבירו עליו ואיננו שורפו מדקתני לקמן המעביר שלמו פטור אלמא לאחר העברה הוא חי וכל דאמרינן גבי חזקיה שהכתו אמו שלמגדלא לאו למולך היה אלא לאלהי הגויים דהתם שריפה הויא: רבא אמר כמשוורתא דפוריא. אינו מעבירו ברגליו אלא קופץ ברגליו כדרך שהתינוקות קופצין בימי הפורים שהיתה חפירה בארץ והאש בוער בו והוא קופץ מצד לצד:

ג׳ כריתות בע״ז. תרתי גבי מולך בקדושים תהיו ואני אתן את פני באיש ההוא והכרתי אותו מקרב עמו ושמתי אני את פני באיש ההוא ובמשפחתו והכרתי אותו ואת כל הזונים אחריו וגו׳ (ושמתי אני את פני וגו׳ א״כ) [ואני נמי] דס״ל דמולך לאו ע״ז הוא מ״מ קרי ליה ע״ז והשלישי בשלח לך אנשים כי דבר ה׳ בזה ואת מצותו הפר הכרת תכרת הנפש ההיא וגו׳ והניא לקמן באלו שאין להם חלק לעוה״ב דבר ה׳ בזה זה דבור ראשון שנאמר בסיני והוא ע״ז וכל דכתיב הכרת תכרת תדא תשיב ליה כדמפרש לקמן דברה תורה כלשון בני אדם את ה׳ הוא מגדף ונכרתה לקמן מפרש: א׳ שלא כדרכה. כרת יתירה גבי מולך אם אינו ענין לו הנהו ענין לזבוח וקטור ונסוך והשתחואה שהוא חייב לו עליהם אף שלא כדרכה: ואחד למולך. דאע״פ שדרכן בכך מיבעי ליה למיכתביה באפי נפשייהו דמולך לאו ע״ז הוא והקפידה תורה עליו: וכי ג׳ עולמות יש כו׳ ודומה לו בשסיפת חולין וכו׳ [מעמא דנפשיה קאמר]:

פיתום. שם המכשף: המדבר משחיו. מעלה את המת מן הארץ ומושיבו לו בשחיו תחת זרועותיו ומדבר מתחי אייש״ל בלע״ז: ידעוני המדבר בפיו. כדמפרש בגמ׳ היה אתה יש שמה ידוע ומכניס ממנה עצם לתוך פיו והעצם מדבר מאליו

על

---

פירין ער פירט דאס קינד צו דיא עבודה זרה מולך אזוי וויא אלע וואס דינען איהר פירען זייערע קינדער. אזוי וויא עס איז אויס גיזעצט פון דיא כומרים וויא דאס פירען זאל זיין. אבער אז ער האט גיענדערט פון דעם מנהג קומט איהם ניט קיין מיתה. וואס איז גיוועזן דער מנהג. אביי זאגט עס איז גיוועזן אוואנט פון ציגעל. פון דער זייט וואנט איז גיוועזן אפייער. אונ פון דער זייט וואנט איז גיוועזן אפייער. אונ דעם קינד האט מען געפירט אויף דער וואנט צווישען ביידע פייערין. רבא זאגט ער איז גישפרונגען אזוי ווי דיא קינדער שפרינגען אום פורים. עס איז גיוועזן אגרוב אין דיא ערד. אין גרוב איז גילעגין אפייער: אונ דאס קינד איז אריבער גישפרונגען איבער דעם גרוב:

**אמר** רבי יוסי בר חנינא האט גיזאגט ביא עבודה זרה שטייט דרייא מאהל כרת. איין מאהל כרת קומט אז מען דינט דיא עבודה זרה מיט וואס דיא כומרים האבין אויס גיזעצט מען זאל איהר דינען. אונ דאס אנדערע קומט כרת אז מען דינט דיא עבודה זרה אפילו מיט אזוי אזאך וואס עס איז ניט דער שטייגער איהר צו דינען. אונ דאס דריטע קומט כרת אז אפאטער פירט זיין קינד צו דיא עבודה זרה מולך. זאגט דיא גמרא מיר האבין גילערונט עס שטייט אין פסוק הכרת תכרת. פארשניטען זאל זיא פארשניטען ווערין. צו וואס שטייט צוויי מאהל דער ווארט פארשניטען. צו זאגין אונז זיא וועט פארשניטען ווערין פון דער וועלט. אונ זיא וועט פארשניטען ווערין פון יענע וועלט אזוי זאגט רבי עקיבא. האט רבי ישמעאל גיזאגט צו רבי עקיבא עס שטייט דאך אין פסוק ונכרתה. זיא זאל פארשניטען ווערין. איז דען דא דריי וועלטין. נאר אזוי לערנט. ונכרתה. זי וועט פארשניטען ווערין פון דער וועלט. הכרת. זיא וועט פארשניטען ווערין פון יענע וועלט. תכרת. זיא וועט פארשניטעט ווערין קומט ניט צו דרשנן. ווארום דיא תורה רעט אזוי וויא מענטשין ריידין. צוויי מאהל איין ווארט אזוי ווי מענטשין ריידין. צו פארשטארקין דיא זאך:

**כ** משנה. בעל. אז מען מאכט כישוף מיט אוב. דאס מיינט מען אזוי וויא דער מכשף פיתום האט גיטאהן. ער האט גינומען אקאפ פון אמת. דער נאך וויא דיא פלייש פון קאפ איז פאר פוילט גיווארין. אונ עס איז נאר געבליבען דיא ביינער אונ ער האט גירייכערט צום קאפ מיט אועלכע קרייטער. אונ ער האט גיפרעגט ביי דעם קאפ וואס ער האט גיוואלט. אונ דיא קאפ האט גיענטפערט. אנדערע ריידין פון אונטערין ארעם. דאס מיינט מען ער נעמט

ארויס

בסקילה והנשאל בהם באזהרה :

(סס ע"ב) **כא ת"ר** בעל אוב זה המדבר בין הפרקים ובין אצילי ידיו ידעוני זה המניח עצם ידוע בפיו והוא מדבר מאליו מיתיבי (ישעיה כט) והיה כאוב מארץ קולך מאי לאו דמשתעי (באורחיה) [כי אורחיה] לא דסליק ויתיב בין הפרקים ומשתעי ת"ש (ש"א כח) ותאמר האשה אל שאול אלהים ראיתי עולים מן הארץ מאי לאו דמשתעי כי אורחיה לא דיתיב בין הפרקים ומשתעי :

**כב ואף** שאלה זו שאל טורנוסרופוס את ר"ע א"ל מה יום מיומים א"ל ומה גבר בגוברין א"ל דמרי צבי שבת נמי דמרי צבי אמר ליה הכי קאמינא

על ידי כשפים : הרי אלו בסקילה . כדכתיב באבן ירגמו אותם : והנשאל בהם . שבא ושואל בהם להגיד לו דבר העתיד כגון שאול : באזהרה . דאל תפנו אל האובות ואזהרה דמכשפים גופייהו מלא ימצא בך וגו' וחובר חבר ושואל אוב או ידעוני: מבין הפרקים . מעלה את המת ויושב לו באחד מבין פרקי העצמות של מכשף כגון על פרקי אצבעותיו או על [פרקי] ברכיו : ידוע . שם חיה : כי אורחיה . מתוך קברו ומתוך כך קולו נמוך : לא דסליק ויתיב בין הפרקים . ומיהו קולו נמוך לפי שאין בו חיותא :

מה יום מיומים . למה התחכם יום שבת יותר מכל ימים: ומה גבר מגוברין . מה לאדם כמוך להיות שר וגדול מכל האדנים : דמרי צבי . אדוני חפץ וגדולי המלך קיסר המכובדני : שבת נמי דמרי צבי .

---

ארויס אמת פון קבר . אונ נעמט אים אונטערין ארעם . אונ דער מת ענטפערט פון אונטערין ארעם וואס מען פרעגט ביי אים . ידעוני מיינט מען אזוי אחיה וואס איר נאמען איז ידוע . דיא חיה זעהט אויס וויא אמענטש מיט דעם פנים אונ מיט דיא הענט אונ מיט דיא פיס . נאר פון דיא ערד איז ארויס גיוואקסען אזוי וויא אלאנגער שטריק . אונ דער שטריק איז בהעפט צו איר נאפיל . אונ מען קען ניט צו גיין צו דיא חיה ווייל זיא ווארפט איר גיפט אויף דעם מענטש אונ פאר ברענט אים . אונ אז מען וויל איר פאנגען שיסט מען מיט פיילין אין דעם שטריק . ביז דער שטריק ווערט צוריסען . פיינערט זיא באלד . אונ אז מען נעמט אריין אין מויל אביינדיל פון דיא חיה . דורך כישוף רעט דער ביינדיל . אונ ענטפערט וואס מען פרעגט ביא אים . דיא מענטשין וואס טוהען דיא כישוף קומט זייא צוא פאר שטיינען אונ דער וואס פרעגט ביא דעם מכשף ער זאל איהם זאגין וואס עס וועט זיין . איז ער עובר אויף אלאו :

**כא** תנו רבנן . דיא רבנן האבען גילערונט בעל אוב מיינט מען ער נעמט אמת אונ ער האלט אים צווישען זיינע גלידער אונ צווישען עלינבויגען . אונ דער מת רעט אונ ענטפערט וואס מען פרעגט אים . ידעוני איז אחיה וואס הייסט ידוע . אונ אז דיא חיה פיינערט נעמט ער פון איר אביינדיל אונ לייגט אים אריין אין מויל אונ ער רעט פון זיך אליין . פרעגט דיא גמרא עס שטייט דאך אין פסוק אונ דיין קול וועט זיין אזוי שטיל אזוי וויא דער קול פון דעם אוב וואס גייט פון דער ערד . זעהן מיר דאך אז דער מת רעט פון דער ערד פון זיין קבר . זאגט דיא גמרא ניין ניט אזוי איז . מען נעמט ארויס דעם מת פון קבר אונ מען האלט אים צווישען די גלידער אונ ער רעט . נאר ווייל ער איז טויט דריבער איז זיין רייךן גאנץ שטיל אזוי וויא ער וואלט גירעט פון דער ערד . פרעגט דיא גמרא עס שטייט דאך אין פסוק דיא אשה וואס האט גימאכט כישוף מיט אוב הט גזאגט צו שאול אגעטליכען מענטש האב איך גיזעהן ארויף גיין פון דער ערד . געוויס הט שמואל גירעט מיט שאול פון זיין קבר . זאגט דיא גמרא ניין דיא אשה האט ארויף גיבראכט שמואלן פון זיין קבר אונ האט אים גיהאלטען צווישען די גלידער אונ ער הט גירעט צו שאול :

**כב** ואף . אונ דיא שאלה האט אויך גיפרעגט טורנוסרופוס ביי רבי עקיבא . פר וואס איז דער טאג (שבת) ביי אייך בעסער פון אלע טעג . האט רבי עקיבא גזאגט צוא טורניסרופוס מיט וואס ביסטו בעסער פון אלע מענטשין אז דוא זאלסט זיין דער גרעסטער שר . האט טורנוסרופוס גזאגט ווייל מיין האר דער קיסר הט גיוואלט מיך גרויס מאכען . הט רבי עקיבא גזאגט שבת איז אויך אזוי גאט האט גיוואלט דעם טאג גרויס מאכען האט ער אונז גיבאטין מיר זאלין געבין כבוד צו דעם טאג . האט טורנוסרופוס גזאגט צו רבי עקיבא אזוי פרעג איך ביי

קאמינא לך מי יימר דהאידנא שבת א"ל נהר סמבטיון יוכיח בעל אוב יוכיח קברו של אביו יוכיח שאינו מעלה עשן בשבת א"ל בזיתו ביישתו וקללתו :

**כג תניא** (דברים יח) ודורש אל המתים זה המרעיב עצמו והולך ולן בבית הקברות כדי שתשרה עליו רוח טומאה וכשהיה ר"ע מגיע למקרא זה היה בוכה ומה המרעיב עצמו כדי שתשרה עליו רוח טומאה שורה עליו רוח טומאה המרעיב עצמו כדי שתשרה עליו רוח טהרה עאכ"ו אבל מה אעשה שעונותינו גרמו לנו שנא' (ישעיה נט) כי אם עונותיכם היו מבדילים ביניכם לבין אלהיכם אמר רבא אי בעו צדיקי ברו עלמא שנאמר עונותיכם היו מבדילים רבא ברא גברא שדריה לקמיה דר' זירא הוה קא משתעי בהדיה ולא הוה קא מהדר ליה א"ל מן חבריא את הדר לעפרך ר' חנינא ורבי הושעיא הוו יתבי כל מעלי שבתא

סקנ"ה הפן והזכיר על כבודו : מי יימר דהאידנא שבתא היא . ודילמא אחד משאר ימים הוא שבת : נהר סמבטיון יוכיח . נהר אחד של אבנים ובכל ימות השבוע זוטף והולך וביום השבת שוקט ונח : בעל אוב יוכיח . שאינו עולה בשבת : קברו של אביו. דטורנוסרופוס כל ימות השבת היה מעלה עשן שהיה נידון ונשרף ובשבת פושעי גיהנם נוחין : בזיתו ביישתו קללתו . כך קללו הימה אלא גדוף כמו קללה נמרצת שלא היה שם קללה אלא גדוף : שתשרה רוח טומאה עליו. שד של בית הקברות יבא אצלו ומגייעו בכשפיו : המרעיב עצמו כדי שתשרה עליו רוח טהרה . שכינה ונבואה : עאכ"ו . שהרי מדה טובה מרובה שע"י התעניות ובקשה תשרה עליו שכינה דהא מדה טובה יתירה על מדת פורענות והוי בוכה על כך ואין אנו נענין אבל מה אעשה כו' : אי בעו צדיקי . להיות נקיים מכל עון : הוו ברו עלמא שנא' כי אם עונותיכם היו מבדילים . הא אם לא היו בהם עונות אין כאן הבדלה : ברא גברא . ע"י ספר יצירה (שמלמד) [שלמדו] צירוף אותיות של שם : ולא הוה אהדר ליה . שלא היה בו דבור : מן חבריא . מן

---

דיר פון וואנען ווייסט איר אז דער טאג איז שבת . טאמער האט גאט גירוהט אין איין אנדער טאג פון דער וואך . האט רבי עקיבא גזאגט דאס קענסטו וויסען פון דעם טייך סמבטיון וואנאנצע וואך פליצט דער טייך אונווארפט שטיינער . אונ דעם טאג שבת רוהט ער . דער בישוף מאכער אוב וועט דיר אויך זאגין אז דער טאג איז שבת . אגאנצע וואך קען ער מאכן זיינע בישוף אונ שבת נית : דער קבר פון דיין פאטער וועט דיר אויך זאגין אז דער טאג איז שבת . ווארום אגאנצע וואך גייט ארויס ארויך פון דיין פאטערס קבר . ווייל מען ברענט אים . אונ שבת גייט ניט קיין רויך . ווייל שבת רוהען אלע אפילו דיא רשעים אין גיהנם אויך . האט טורנוסרופוס גיזאגט צו רבי עקיבא מיט דיינע דריי ראיות (בעווייזונגען) האסטו מיך דריי מאל פר שעמט :

**כג** תניא . מיר האבען גילערנט עס שטייט אין פסוק ער פארשט צו די מתים . דאס מיינט מען דער וואס הונגערט זיך (ער פ אסט) אונ ער נעכטיגט אויף דעם בית הקברות . ער זאל ווערין טמא . אונ די רשעים פון בית הקברות זאלין אים העלפין זיינע בישוף . אונ אז רבי עקיבא איז גיקומען צו דעם פסוק הט ער גיוויינט . מאדאך דער וואס הונגערט זיך (ער פאסטן) עס זאל אויף אים רוהען די טומאה . העלפט אים זיין פאסטען אונ דיא טומאה רוהט אויף אידם . דער וואס הונגערט זיך (ער פאכט) עס זאל אויף אידם רוהען די שכינה אונ דיא נבואה ער זאל הייליג ווערין . וואלט אים געווים גידארפט העלפין זיין פאסטען די שכינה זאל אויף אים רוהען . וואס זאל איך אבער טאהן אונזערע זינד לאזין ניט אונזער פאסטען זאל העלפין . אזוי ווי עס שטייט אין פסוק אייערע זינד מאכען אצווישען שייד צווישען אייך אונ אייער גאט . רבא זאגט אז די צדיקים וואלטין וועלין זיין ריין פון עבירות וואלטין זייא קענען בשאפען וועלטין . ווארום עס שטייט אין פסוק אייערע זינד מאכען אצווישען שייד צווישען אייך אונ אייער גאט . אבער ווען ניט דיא זינד וואלטין זייא גיווען גלייך צו גאט . רבא האט אמאהל בשאפען אמענטש האט ער אים געשיקט צו רבי זירא . הט רבי זירא גירעט צוא דעם מענטש אונ ער הט אים ניט גיענפערט . ווארום ריידן האט ער ניט גיקענט . ער איז גיווען אזוי וויא אבהמה . הט רבי זירא גזאגט צום מענטש דו ביסט פון אונזערע חברים . איינער פון אונזערע חברים הט דיך געווים בשאפען . גיי צוריק צו דיין ערד . רבי חנינא אונ רבי הושעיא פלעגין זיצען אלע ערב שבת אונ פלעגין לערנען דעם ספר יצירה פלעגט בשאפען ווערין פון

זייערט

שבתא ועסקו בספר יצירה ומיברא להו עגלא תלתא ואכלו ליה:

כד ת"ר מעונן ר"ש אומר זה המעביר ז' מיני זכור על העין וחכ"א זה האוחז את העינים ר"ע אומר זה המחשב עתים ושעות ואומר היום יפה לצאת למחר יפה ליקח וכו'. ת"ר מנחש זה האומר פתו נפלה מפיו מקלו נפלה מידו בנו קורא לו מאחריו עורב קורא לו צבי הפסיקו בדרך נחש מימינו ושועל משמאלו (דף סו) אל התחיל בי שחרית הוא ר"ח הוא מוצאי שבת הוא ת"ר לא תנחשו כגון אלו המנחשים בחולדה בעופות בדגים ובכוכבים:

כה ת"ר מכשפה אחד האיש ואחד האשה א"כ מה ת"ל (שמות כב) מכשפה (לא תחיה) מפני שרוב

בילדים פ"י התנ"ך אחת: עגלא תלתא. גדול כשיעור שליש כמו ונמר גדולתו דהכי שניא ומעלי למיכל כמו ומגדלין אותן עד היות משולשין ל"א שהיה טוב בטל טעם שהיה שלישי לבטן: ז' מיני זכור. שכבת זרע מז' בריות ומעביר על פניו ועושה כשפים: אוחז את העינים. אוחז ומגר עיני הבריות ומראה להם כאילו עושה דברים של פלא והוא אינו עושה כלום: המחשב עתים ושעות. כגון מעוק כמו בעל עוסת שמבחין את עונה והאומר היום יפה לצאת לדרך וביום למחר יפה ליקח מקח ויתחכר בו בלוקחו: פתו נפלה מפיו. צריך להזהר היום מהיזק: נחש בא לו מימינו או שועל משמאלו. סימן רע הוא לו: צבי הפסיקו. שהוא הולך ממזרח למערב והצבי הולך מצפון לדרום והפסיק דרכו: אל התחיל בי. כשבא הגבאי לגבות מס ממנו או המוכס אומר לו בבקשה ממך אל התחיל בי להיות ראשון בדבר הפסד בסימן רע הוא לו: שחרית הוא. שהיה תובע ממנו הוב אל בהגיע הוא ולא אתחיל סהלה משבה הוא נפרעון: ר"ח הוא. המתן לי עד מחר: מוצאי שבת הוא. המתן למי השבוע: המנחשים. כשואלין עתיד (הם מנחשים) [או כשמתחילין] בשום דבר: אחד האיש ואחד האשה. דהא גבי אוב וידעוני דמכשפים הם לא חלק בין איש לאשה דכתיב איש

זייערט וועגן אנרויסע קאלב . אונ זיי פלעגין עסין די קאלב אום שבת :

כד תנו רבנן . די רבנן האבען גילערונט ווס איז מעונן . רבי שמעון זאגט דער וואס נעמט זיבען ערליי שכבת זרע פון זיבען ערליי בשעפענונג . אונ מיט די שכבת זרע בשמירט ער די אויגען . אונ דאס העלפט אים צו זיינע כישוף . אונ דיא חכמים זאגין דאס מיינט מען דער ווס פאר בלענדט די אויגען . ער ווייזט פר אלע מענטשין אז ער טוהט וואונדערליכע זאכען . אונ ער טוהט גאר ניט . רבי עקיבא זאגט מעונן מיינט מען דער וואס רעכונט דיא צייטען . למשל ער זאגט היינט איז גוט ארויס צו גיין אין וועג . מארגין איז גוט צוא קויפען סחורה . אונ נאך אזעלכע זאכען . דיא רבנן האבען גילערונט מנחש . ער פרובט . דאס מיינט מען ער זאגט היינט איז ארויס גיפאלען א שטיקול ברויט פון מיין מויל . וועל איך היינטיגען טאג געווים האבען א שאדין אדער ער זאגט מיין שטעקין איז ארויס גיפאלען פון מיין האנט : דס איז א שלעכטער סימן . אדער ער זאגט מיין זוהן רופט מיך פון הינטען . איז א שלעכטער סימן . אדער ער זאגט א קראה רופט אים . איז א שלעכטער סימן אדער ער זאגט א הירש איז אים איבער גינאנגען דיא וועג . למשל ער איז גיגאנגען פון מזרח צו מערב אונ דער הירש איז אריבער גיגאנגען די וועג פון צפון צו דרום . איז א שלעכטער סימן . אדער ער זאגט א שלאנג איז גיגאנגען ביי מיין רעכטע זייט . אדער א פוקס איז גיגאנגען ביי מיין לינקע זייט . איז דאס א שלעכטער סימן . אדער איינער איז גיקומען צו זיין חבר נעמען געלט אויף אנדבה אדער אויף אנדערע זאכען . בעט ער אים זאלסט ניט אנהייבין פון מיר . איך וויל ניט זיין דער ערשטער צום געלט געבין . ווארום דאס איז א שלעכטער סימן פאר מיר . אדער ער זאגט איצט אז אין דער פריא . אונ איך וויל ניט אנהייבין דעם טאג מיט געלט געבין . אדער ער זאגט היינט איז ראש חודש . אונ איך וויל ניט אנהייבין דעם חודש מיט געלט געבין אדער ער זאגט איצט איז שבת צו נאכט וויל איך ניט אנהייבין דיא וואך מיט געלט געבין . דאס אלץ טאר מען ניט . דיא רבנן האבען גילערונט עס שטייט אין פסוק לא תנחשו . איר זאלט ניט פרובין אזוי ווי די מענטשין וואס פרובין מיט קעץ אונ מיט עופות אונ מיט פיש אונ מיט שטערין צו זיא וועלין האבען מזל אין דער זאך וואס זיי גייען טאהן אדער ניין :

כה תנו רבנן . זיא רבנן האבען גילערונט עס שטייט אין פסוק א מכשפה זאלסטו ניט לאזין לעבין . סיי א מכשף אונ ביי א מכשפה זאלסטו ניט לאזין לעבין . נאר פאר וואס דען שטייט

שרוב נשים מצויות בכשפים (שס ע"ב) א"ר יוחנן למה נקרא שמם כשפים שמכחישים פמליא של מעלה. (דברים ד) אין עוד מלבדו א"ר חנינא אפילו בדבר כשפים. ההיא איתתא דהוה קא מהדרא למשקל עפרא מתותי כרעיה דר' חנינא אמר לה אי מסתייעת זיל עביד אין עוד מלבדו כתיב איני והא א"ר יוחנן למה נקרא שמם כשפים שמכחישין פמליא של מעלה שאני ר"ח דנפיש זכותיה. א"ר אייבו בר נגרי א"ר חייא בר אבא בלטיהם אלו מעשה שדים בלהטים אלו מעשה כשפים וכה"א (בראשית ג) ואת להט החרב המתהפכת אמר אביי דקפיד אמנא שד דלא קפיד אמנא כשפים אמר אביי הלכות כשפים כהלכות שבת יש מהן בסקילה ויש מהן פטור אבל אסור ויש מהן מותר לכתחלה

העושה

איש או אשה : כשפים . מכחישין כחם פמליא של מעלה שפעמים שנגזר מיתה בן ממיתין : אפילו כשפים. אין להם כח לפני גזירותיו שאין ממשלה אלא לו לבדו : מתותי כרעיה . לעשות לו מכשפות · אי תסתייעא . מלאה אי את מצלחת לעשות לו מכשפות עשי : אין עוד מלבדו כתיב . ואם המקום חפץ בי לא תוכלי להרע ואם תוכלי מאתו יבא ואני אסבול ואקבל : נפישא זכותיה . ומסרי נפשי' משמיא להצילו : בלטיהם . כמו והבא בלט בסתר : זה מעשה שדים . שנסתרים ולא נראים בכל מקום שנאמר בלטיהם היו החרטומים עושים בלחשיהם ע"י שדים : כשפים . אינה נעשים ע"י שדים אלא מעצמן : להט החרב המתהפכת גו' . מתהפכת מאליה ודומה לכשפים שלא ע"י שדים היתה מתהפכת אלא מאליה וקרי לה להט : דקפיד אמנא שד . מי שמקפיד על הכלי שאינו יכול לעשות הדבר בלא כלי הראוי לאותו דבר כגון שרי זוגן שצריכין סכין שקתו שחור ושרי כוס שצריכין כוס של זכוכית : דלא קפיד אמנא . אינו חושש באיזה כלי הוא עושה : כהלכות שבת . דמלאכות בסקילה ושבות פטור אבל אסור וצידת נחש ועקרב מותר לכתחלה

---

שטייט אין פסוק אמכשפה זאלסטו ניט לאזין לעבין : ווייל דאס מערסטע כישוף מאכען נאר ווייבער . רבי יוחנן זאגט פאר וואס רופט מען דאס כישוף · ווייל דיא מלאכים פון הימעל בלייבען ליגנערס דורך דעם כישוף . אז מען איז גוזר אין הימעל אויף אמענטשין ער זאל לעבין : קענען דיא מכשפים אים הרגנן . עס שטייט אין פסוק אין עוד מלבדו . עס איז ניטא קיינער אויסער גאט אליין . רבי חנינא זאגט אפילו כישוף העלפט אויך ניט געגין גאט . אאשה האט אמאל געזוכט צו נעמען ערד פון אונטער די פיס פון רבי חנינא צו מאכן כישוף אונ שלעכטס טאהן צוא רבי חנינא . האט רבי חנינא גזאגט צו די אשה אויב דוא וועסט קיר קענען טאהן כישוף · טוה . עס שטייט אין פסוק עס איז ניטא אויסער גאט : אויב גאט וויל מיר גוטס טאהן . וועסטו מיר ניט קענען שלעכטס טאהן . אונ אויב דוא וועסט מיר שלעכטס טאהן . איז דיא שלעכטס ניט פון דיר נאר פון גאט . וואס ער האט דיך געשיקט מיר שלעכטס צו טאהן . פרעגט די גמרא רבי יוחנן האט דאך גיזאגט פאר וואס רופט מען דאס כישוף . ווייל דיא מלאכים פון הימעל בלייבען ליגנערס דורך דעם כישוף : אז מען איז גוזר אין הימעל אויף אמענטשין ער זאל לעבין . קענען דיא מכשפים אים הרגנן . ענפערט דיא גמרא רבי חנינא איז אנדערש פון אלע מענטשין . זיין זכות איז גרויס . וועט מען ניט לאזין פון הימעל מען זאל אים שלעכטס טאהן . רבי אייבו בר נגרי האט גיזאגט פון רבי חייא בר אבאס וועגין . וואו עס שטייט אין דער תורה בלטיהם . מיינט מען דיא חרטומים האבען גיטאהן זייערע זאכען דורך די א שדים . וואורום בלט איז דער טייטש אין דער שטיל . אונ דיא שדים טוהען זייערע זאכען אין דער שטיל . קיינער זאל ניט זעהן . אונ וואו עס שטייט בלהטיהם . מיינט מען דיא חרטומים האבען גיטאהן זייערע זאכען מיט כישוף . אונ אזוי שטייט אין פסוק ואת להט החרב המתהפכת . זעהן מיר דיא זאך וואס קערט זיך ווערט גירופען להט . אונ כישוף קערט זיך אויך · דיא זאך וואס איז פריער גיוועזן למשל אשטעקין איז גיווארין פון דעם שטעקין אשלאנג . אביי זאגט דער וואס וויל' מאכען אוואונדערליכע זאך אונ ער זאגט ער קען אנדערש ניט מאכען . סיידין ער כוז האבען אזוי אכלי וויא ער פאר לאנגט . למשל ער וויל אמעסער . אבער נאר מיט אשווארצען שטיל : מיינט ער צו מאכען דורך שדים . אונ דער וואס דארף ניט קיין כלי . אדער ער דארף אכלי . למשל ער דארף אמעסער . אבער וועלכין מעסער מען וועט אים געבין : איז ביי אים אלץ גוט · מיינט ער צוא מאכען כישוף . אביי זאגט דיא דינים פון כישוף זענען אזוי וויא דיא דינים פון שבת . אויף אנדערע זאכען קומט צו פר שטיינען . אנדערע זאכען טאר מען ניט טאהן . פון דעסטוועגין

אז

העושה מעשה בסקילה האוחז את העינים פטור אבל אסור מותר לכתחלה כדרבי חנינא ורבי אושעיא כל מעלי שבתא הוו עסקי בהלכות יצירה ומיברי להו עיגלא תילתא ואכלי ליה אמר רב אשי חזינא ליה לאבוה דקרנא דנפיק ושדי כריכי דשיראי מנחיריה. (שמות ח) ויאמרו החרטומים אל פרעה אצבע אלהים היא א"ר אליעזר מכאן שאין השד יכול לבראות בריה פחותה מכשעורה רב פפא אמר האלהים אפילו כגמלא נמי לא מצי ברי אלא האי מכניף ליה והאי לא מכניף לי' א"ל רב לרבי חייא לדידי חזי לי ההוא טייעא דשקליה לספסירא וגיידיה לגמלא וטרף ליה בטבלא וקם א"ל לבתר הכי דם ופרתא מי הואי אלא ההיא אחיזת עינים הואי. זעירי איקלע לאלכסנדריא של מצרים זבן חמרא כי מטא לאשקויי מיא פשר קם אגמלא דאסקוניתא

לכתחלה ה"ג העושה מעשה בסקילה: האוחז את העינים. מראה כאילו עושה ואינו עושה כלום פטור אבל אסור: עסקי בהלכות יצירה. ומגילה אחרי להו עגלא תלתא ע"י שהיו מצרפין אותיות השם שבהן נברא העולם ואין כאן משום כשפים דמעשה הקב"ה [הן] ע"י שם קדושה בלו היא: אבוה דקרנא. מכשף היה: דנפיק. מנפק הוציא כבה יבלע"ז מיקיר: ושדי כריכי דשיראי מנחיריה. ומשליך חתיכות של מעילים מנחיריו: אצבע אלהים היא. מכה זו של כנים לא ע"י מכשפות באה אלא ע"פ הקב"ה ואין חרטום יכול לה: לא מצי ברי. אינו יכול לבראות אפילו בריה גדולה אלא כשמצרך לבריות גדולות הוא מלקט ומקבץ ומביא מן המרחק: האי מכניף ליה. בריות גדולות נוחים לקבצם ולמכשפים הגיו אבל קטנה אינה מכשפת אלא שאין כח לבא מרחוק: ה"ג. א"ל רב לרבי חייא. כו' ונ"ג אינו: טייעא. סוחר ערבי: דשקל ספסירא וגיידיה לגמלא. נטל החרב והרג גמלו לאיברים. גיידיה כמו לאוזי מגוייד פרק בתרא דיבמות: וטריף ליה בטבלא. הקשקש לו בזוג המקליט"ה בלע"ז: וקם. ועמד על רגליו: א"ל. רבי חייא לרב: והדר הכי דם ופרתא מי הוה. אחר שעמד הגמל כלום נשאר לבלוך מן הדם והפרש: אחיזת עינים הוה. ולא מגוייד היה שאינו יכול להחיות את המת: פשר: נמס המכשפות כל מיני מכשפות נבדקין על מים חיים ונימוחין: קם אגמלא דאסקוניתא. נעשה התמור דף כל גשר שנעשו מהלם.

אז מען האט גיטאהן איז מען פטור. אונ אנדערע זאכען מעג מען טאהן. דער וואס מאכט כישוף דארף מען אים פאר שטיינען. דער וואס מאכט אפאר בלענדונג איז פטור. פון דעסטוועגין טאר מען ניט מאכען קיין פאר בלענדונג. אונ אזוי וויא רבי חנינא אונ רבי אושעיא האבען גיטאהן מעגין אלע יודין טאהן. ווארום רבי חנינא אונ רבי אושעיא פלעגין אלע ערב שבת לערנען דעם ספר יצירה פלעגט באשאפען ווערין פון זייערטוועגין אגרויסע קאלב אונ זייא פלעגין זיא עסין. רב אשי האט גיזאגט איך האב גיזעהן דעם פאטער פון קרנא ער איז גיוועזן אמכשף ער האט אניס גיטאהן פלעגט ער ארויס ווארפען שטיקער זיידינציג פון זיינע נאז לעבער. עס שטייט אין פסוק דיא חרטומים האבען גיזאגט צו פרעה דיא מכה פון כנים איז ניט פון כישוף נאר דער פינגער פון גאט האט דאס גימאכט. רבי אליעזר זאגט פון וואנען האבען דיא חרטומים גיוואוכט אז דאס איז ניט פון כישוף. וויל אשד קען ניט באשאפען אבאשעפעניש וואס איז קלענער וויא אגערשט. רב פפא זאגט איך שווער ביא גאט אפילו אבאשעפעניש וואס איז גרויס וויא אקעמיל קענען זיי אויך ניט באשאפען. נאר גרויסע באשעפעניש וואס קענען קומען פון ווייט. קענען דיא שדים זייא פארזאמלען אויף איין ארט. וויא פיל זייא ווילען. אבער קליינע באשעפעניש אזוי וויא כנים. קענען זייא ניט פאר זאמלען. ווארום די כנים האבען ניט קיין כח צו קומען פון ווייט. רב האט גיזאגט צו רבי חייא איך האב גיזעהן וויא אטערק האט גינומען אשווערד אונ האט צו שניטען זיין קעמיל אויף שטיקער. דער נאך האט דער טערק אקלונג גיטאהן מיט אגלעקיל. האט זיך דער קעמיל גישטעלט אגאנצער אלעבעדיגער. האט רבי חייא גיזאגט צו רב דער נאך וויא דער קעמיל האט זיך אויף גישטעלט האסטו גיפונען אויף דעם קעמיל בלוט אונ מיסט פון דיא ערד וואס ער איז דארט גילעגין. האט רב גיזאגט ניין. האט רבי חייא גיזאגט דאס איז נאר גיוועזן אפארבלענדונג. אונ דער קעמיל איז קיין מאהל ניט צוא שניטען גיווארין. זעירא איז אמאהל גיקומען אין אלכסנדריא פון מצרים. האט ער דארט גיקויפט אאייזיל. וויא ער האט גיברענגט דעם אייזיל צום וואסער ער זאל אים געבין טרינקען. איז פון דעם אייזיל גיווארין אברעט. ווארום דאס איז פריער גיוועזן אברעט. אונ מיט כישוף האט מען גימאכט פון דעם ברעט אאייזיל. וויא ער איז גיקומען צום וואסער איז דיא כישוף אוועק גיגאנגען. ווארום דורך וואסער ווערט אפ גימאכט

אלע

דאסקוניתא א"ל אי לאו דזעירי את לא הוי מהדרינן לך מי איבא דזבין מידי הכא ולא בדק ליה אמיא . ינאי איקלע להיא אושפיזא אמר להו אשקיון מיא קריבו ליה שתיתא הזייה להיא אתתא דהות קא מרחשן שיפוותה שדי פורתא מיניה הוו עקרבי אמר להו אנא שתאי מדידכו ואתון נמי שתו כדידי אשקייה הות חמרא רכבא סליק לשוקא אתא הברתה פשרא לה הזיוהו (אינשי) דרכיב אאתתא בשוקא . (שם) ותעל הצפרדע ותכס גו' א"ר אלעזר צפרדע אחת היתה והשריצה ומלאה כל ארץ מצרים כתנאי ר"ע אומר צפרדע אחת היתה ומלאה כל ארץ מצרים א"ל רבי אלעזר בן עזריה עקיבא מה לך אצל הגדות כלה מדברותיך ולך אצל נגעים ואהלות צפרדע אחת היתה ושרקה להם והם באו :

ההוא אם כדף המור . גמלא גבר . דאסקוניתא מין עץ הוא : איכא דזבין מידי הבא וכו'. כלומר יש לוקח נעיר הוא במוהקה נכשפים בוס כהורה ואינו בודק על המים : ינאי איקלע לסגות לאכפיזא . גרסינן ולא גרסינן רבי ינאי דהאי ינאי לאו היינו מעילא הוא שעסק כשפים : שתיתא . קמח שלוף במים : הזייה דמרחשן שיפוותה . ראה ינאי את הדבר כמניחה לו את המשקה שהיו שפתים נעות והבין שמכשפה היא : שדי פורתא . מן המשקה לארץ ונעשו עקרבים (והאמלי שהם מכן כיו נעשים נגופו עקרבים): אנא בהאי מדידכו . לא גגה לכן בהבין לדבר והכלה עצמו כאילו שתה : הוא חמרה . כלבה נעשית חמור : רכבה . ינאי וכליק כשוקא : פברה לה . מימה את הכשפים וחזרה לקדמותה : הצפרדע . חדא משמע : הבריכה . משעיר ילאו ולדות : מדברותיך . מנע מדבריך ופנה לך להלכות נגעים ואהלות שהן המודים ובהן אתה מחודד ולא בהגדה : שרקה להן . ושמעו קולה כל הצפרדעים שבעולם ובאו כלו : קינוף . ד' עמודים וכילה פרוסה עליהם כדאמרינן

(דף סח) **כו תניא** כשחלה ר' אליעזר נכנסו ר"ע וחבריו לבקרו הוא יושב בקינוף שלו

---

י מנין. פון וואנען ווייסן מיר אז איינער זעהט זיין חבר טרינקט זיך אין אטייך. אדער אחיה שלעפט אים אדער גזלנים קומען אויף איהם. אז ער מוז איהם מציל זיין (רעטין). שטייט אין פסוק דוא זאלסט ניט שטיין ביי דיא בלוט פון דיין חבר (נאר דוא זאלסט איהם העלפין ער זאל מציל זיין ורעטין זיין לעבין). פרעגט דיא גמרא דאס לערנען מיר אפ פון דעם פסוק. מיר לערנען דאך אפ פון איין אנדער פסוק. פון וואנען ווייסן מיר אז איינער פארלירט זיין גוף מוז דער חבר איהם העלפין מציל זיין. שטייט אין פסוק והשבותו לו. דוא זאלסט איהם אליין צוריק קערין. דוא זאלסט צוריק געבין דיין חבר זיין גוף. ענטפערט דיא גמרא פון דעם פסוק והשבותו לו וואלטין מיר מיינען ער דארף העלפין זיין חבר מיט זיין גוף. אבער ער זאל זיך מטריח זיין צו דינגען מענטשין זייא זאלין העלפין מציל זיין דעם חבר. דאס דארף ער ניט טאהן: דריבער שטייט אין פסוק דוא זאלסט ניט שטיין אויף דיא בלוט פון דיין חבר. נאר דוא זאלסט נאך זוכען אלע מיטלען סייא מיט דיין גוף אונ סייא מיט דיין געלט אונ זאלסט איהם מציל זיין:

יא בעו. מען האט גיפרעגט ביי רבי אמי דאס ווייסן מיר אז אגוי איז פאר באטין ער זאל ניט דינען עבודה זרה. אבער אז מען זאגט צו אגוי דוא זאלסט דינען עבודה זרה אונ אויב ניט וועט מען דיך הרגנן. וויא איז דער דין איז דער גוי פאר באטין צו היילינגען דעם נאמען פון גאט אונ זיך לאזין הרגנן אונ ניט צו דינען עבודה זרה. אדער ניין. דער גוי איז ניט פארבאטין צו היילינגען דעם נאמען פון גאט. נאר ער זאל זיך ניט לאזין הרגנן. אונ ער זאל דינען עבודה זרה. אביי זאגט מיר האבין גילערנט דיא קינדער פון נח (דיא גוים) זענען גיבאטין גיווארין אויף זיבען מצות. אז מיר וועלין זאגין זייא מוזין היילינגען דעם נאמען פון גאט. איז דאך שוין דא אאכטע מצוה. האט רבא גיזאגט עס קען זיין זייא זענען טאקי גיבאטין צו היילינגען דעם נאמען פון גאט. נאר מען מיינט זייא זענען גיבאטין גיווארין אויף זיבען מצות אונ וואס צו דיא מצות גיהער. אויב מען וועט זאגין צו זייא איהר זאלט עובר זיין אויף איינע פון דיא זיבען מצות. אונ אויב ניט וועט מען אייך הרגנן. מוזין זייא זיך לאזין הרגנן אונ ניט עובר זיין אויף דיא מצוה. אונ דאס הייסט ניט אאכטע מצוה. נאר דאס גיהער צו דיא זיבען מצות. זאגט דיא גמרא וויא בלייבט דער דין: רב אדא בר אהבה זאגט ביי רב האט מען גיזאגט עס שטייט אין פסוק ווען נעמן האט אויף זיך גינומען ער זאל ניט דינען עבודה זרה. האט ער גיזאגט צו אלישע צו דער זאך זאל גאט מוחל זיין צו דיין קנעכט (צוא מיר). ווען מען האר קומט אין דיא הויז וואו דיא עבודה זרה רמון שטייט. אונ ער בוקט זיך דארט צו דיא עבודה זרה. אונ מיין האר איז אן גילעהנט אויף מיין האנט. מוז איך מיך אויך

איינבייגין

נשען על ידי והשתחויתי וכתיב (שם) לך לשלום ואם איתא לימא ליה הא בצנעא הא בפרהסיא :

**יב אמר** רב יהודה א"ר מעשה באדם אחד שנתן עיניו באשה אחת והעלה לבו טינא באו ושאלו לרופאים אמרו אין לו תקנה עד שתבעל לו אמ"ו חכמים ימות ואל תבעל לו. תעמוד לפניו ערומה ימות ואל תעמוד לפניו ערומה. תספר עמו מאחורי הגדר ימות ואל תספר עמו מאחורי הגדר . פליגי בה רבי יעקב בר אידי ורבי (שמעון בר נחמיה) [שמואל בר נחמני] חד אמר אשת איש היתה וחד אמר פנויה היתה בשלמא למ"ד אשת איש היתה שפיר אלא למ"ד פנויה היתה מאי כולי האי א"ר פפא משום פגם משפחה רב אחא בריה דרב איקא אמר כדי שלא יהו בנות ישראל פרוצות בעריות ולינסבה מינסב

נשען על ידי וכתיב ויאמר לו לך לשלום אלמא הודה לו : ואם איתא. דבן נח מוזהר על ק"ה לא נימא ליה לך לשלום דמשמע דהודה לו ההי דהוכיחו לא היה מצווה דהוכח הוכיח את עמיתך כתיב ולא גר תושב מיהו אודויי לדבר האסור לא לודי : בצנעה. כעמון בצנעה הוה ולא היו ישראל בבית רמון שהוא משתחוה לשם וגבי ק"ה בתוך בני ישראל כתיב ואפילו נצטווה בן נח עליה לא נצטווה לקדשו אלא בתוך ישראל :

והעלה לבו טינא. כימה מרוב אהבה נתמטמט לבו והעלה חולי :

משום פגם משפחה. האשה שהיו בושין בדבר: שלא יהיו בנות ישראל פרוצות בעריות. לעמוד בפני האנשים להת בהם עיניהם וימסרו להם לביאה : ולינסבה מינסב. דהא כאן פריצות בעריות דכולהו [ליענבן] הכי (עבדו) ולינסבן ואין כאן [עבירה]

---

אײנבײגין . דיא עבירה זאל מיר גאט מוחל זיין . האט אלישע גזאגט צו נעמן גיי צוא פרידען . דאס הײסט דוא װעסט גיט האבען קײן עבירה . אז מיר װעלין זאגין אז אגוי מוז זיך לאזין הרגנן און ניט דינען עבודה זרה . װיא אזוי האט אלישע גזאגט צו נעמן גייא צוא פרידען . דאס הײסט דוא מעגסט דיך בוקין צו דיא עבודה זרה . מען טאר דאך ניט . נאר געװיס זעהן מיר פון דאנען אז אגוי דארף ניט הײליגען דעם נאמען פון גאט . ענטפערט דיא גמרא נײן עס קען זיין אז אגוי מוז יא הײליגען דעם נאמען פון גאט . אבער נאר עפענטליך צווישען יודין . אבער צווישען גוים וואו יודין זענען נישטא (דאס הײסט אין דער שטילן . דארף נישט דער גוי הײליגען דעם נאמען פון גאט (און בײ איודין איז אויך אזוי דער דין) . און אין דיא שטוב פון דיא עבודה זרה רמון איז דאך נישטא קײן יודין דריבער האט נעמן גימעגט דארט זיך בוקין מיט דעם מלך :

**יב אמר** . רב יהודה האט גזאגט פון רבס װעגין עס האט אמאהל גיטראפען אמענטש האט גיגעבין זיינע אויגען אויף אאשה . זיא איז אים גיפעלין . און פון גרויס ליבשאפט איז ער דערפון זײנע קראנק גיװארין . האט מען גיפרעגט בײ דאקטורים . האבען זייא גיזאגט ער האט ניט קײן אנדער הילף סײדען ער זאל זיא בועל זיין . האבען דיא חכמים גזאגט שטארבען זאל ער און ער טאר זיא ניט בועל זיין : האבען דיא דאקטורים גזאגט זיא זאל שטיין פר אים נאקעט . האבען די חכמים גזאגט שטארבען זאל ער און זיא זאל ניט שטיין פר אים נאקעט . האבען דיא דאקטורים גזאגט עס זאל שטיין צווישען זייא אװאנט . און ער זאל שטיין פון דער זייט װאנט און זיא זאל שטיין אויף דיא אנדערע זייט װאנט און זייא זאלין שמועסין . האבען דיא חכמים גזאגט שטארבען זאל ער . און זיא זאל ניט שמועסין מיט אים פון אינטער די װאנט . רבי יעקב בר אידי און רבי שמואל בר נחמני קריגען אין דעם . אײנער זאגט דיא אשה הט גיהאט אמאן . און אײנער זאגט דיא אשה איז גיװען אלײדיגע אן אמאן . זאגט דיא גמרא דער װאס זאגט די אשה האט גיהאט אמאן איז רעכט װאס די חכמים האבען אויף אים אזוי פיל ניאסרת . אבער דער װס זאגט זיא איז גיװען אלײדיגע אן אמאן . פאר װאס האבען דיא חכמים אזו פיל גיאסרת אויף אים . רב פפא זאגט מען זאל ניט פאר שעמען דיא משפחה אירע . רב אחא בריה דרב איקא זאגט דיא יודישע טעכטער זאלין ניט זיין אויספארשעמט מיט זנות . װארום דיא נקבות װעלין אלע מאהל שטיין פאר דיא זכרים . דיא זכרים זאלין זיך פאר ליבען אין זייא ביז צום קראנק װערין . װעט מען מוזין מתיר זיין מען זאל זייא בועל זיין . פרעגט דיא גמרא נאך דעם װאס זאגט אז די אשה האט ניט גיהאט קײן מאן פאר װאס הט ער זיא ניש גינומען פאר

אווייב

מינכב לא מיתבא דעתיה כדר' יצחק דא"ר יצחק מיום שחרב בה"מ ניטלה טעם ביאה ונתנה לעוברי עבירה שנאמר (משלי ט) מים גנובים ימתקו ולחם סתרים ינעם:

## הנשרפין פרק תשיעי

(דף מו) **א אל** תחלל את בתך להזנותה (ויקרא יט) רבי (אלעזר) [אליעזר] אומר זה המשיא בתו לזקן ר"ע אומר זה המשהה בתו בוגרת. א"ר כהנא משום ר"ע (ע"ב) איזהו עני רשע ערום זה המשהה בתו בוגרת. וא"ר כהנא משום ר"ע הוי זהיר כן היועצך לפי דרכו. א"ר יהודה אמר רב המשיא בתו לזקן והמשיא אשה לבנו קטן והמחזיר אבידה לעכו"ם עליו הכתוב אומר (דברים כט) למען ספות הרוה את הצמאה

אלא מלוה: לא מיתבא דעתיה. ולא ירצה בכך: מיום שחרב בהמ"ק. כשל הכח. מדאגות רבות ואין רוח קמה בהם להיות תאב לאשתו לפיכך ניטל טעם ביאה: וניתן לעוברי עבירה. שיהא יצה"ר תוקפן ומרבה תאותן: דכתיב לחם סתרים ינעם. ליכא מעליא נקט (דכתיב) [כמו] כי אם הלחם אשר הוא אוכל:

המשיא בתו לזקן. מתוך שאינה מקבלתו מזנה היא תחתיו: המשהה בתו בוגרת. שמתאוה להפקירה ומזנה: איזהו עני רשע ערום. שבשביל עניות מרשיע: המשהה וכו'. שמשהה אותה בשביל מלאכה וזו היא ערמת רשע שגורם להזנותה בשביל ממונו שאין רוצה לקנות שפחה לשמשו: לפי דרכו. להנאתו: והמחזיר אבדה לעכו"ם. משוה והכר עכו"ם לישראל ומראה בעצמו שהשבת אבדה אינה חשובה לו מצות בוראו שהרי לעכו"ם הוא כן שלא נצטוה עליהם: למען ספות. לחבר כמו ספו שנה על שנה: רוה את הצמאה. שבע

---

אַוויבּ. ענטפערט די גמרא אז זיא וועט זיין אַוויבּ זיינע וועט זיין יצר הרע נאך ניט זיין בּרוהיגט. וועט ער נאך ניט גיהיילט ווערין. וואָרום ער וויל הנאה האבען פון אַעבירה. אַזוי ווי רבי יצחק האט גזאגט פון דעם טאג וואס דער בית המקדש איז חרוב גיווארין איז אַוועק גינומען גיווארין דער טעם פון תשמיש המטה. אונ עס איז גיגעבּין גיווארין צו דיא וואס זענען מזנה. ווייל דער מענטש וואס האט אַווייבּ מיט קינדער איז זיין זארג פון פרנסה זייער גרויס האט ער ניט קיין תאוה צו זיין ווייבּ. אבער דער וואס איז מזנה שטארקט שוין דער יצר הרע זיין תאוה דריבּער האט ער הנאה פון דעם מזנה זיין. אַזוי ווי עס שטייט אין פסוק גיגנבתע וואסער איז זיס. אונ פאר בּארגענע בּרויט איז גישמאַק:

## פרק תשיעי

**א** אַל. עס שטייט אין פסוק דו זאלסט ניט פאר שעמען דיין טאכטער צו מאכען זיא זאל מזנה זיין. רבי אליעזר זאגט דס מיינט מען אז איינער מאכט חתונה זיין טאכטער מיט אַאלטין מאן. ווייל ער איז צו אַלט פאר איר איז זיא מזנה מיט אַנדערע. רבי עקיבא זאגט אז איינער האט אַגרויסע טאכטער אַמיידיל. אונ ער מאכט איר ניט חתונה. איז זיא מזנה רב כהנא זאגט פון רבי עקיבאס וועגין וועלכער הייסט אַארעמער רשע אַקלוגער. דער ארעם מאן וואס אַלט בּיי זיך אַגרויסע טאכטער אונ ער מאכט איר ניט חתונה. אַרשע איז ער ווייל ער בּריינגט דער צו אַז זיא זאל מזנה זיין. אונ ער טוהט זיין זאך מיט חכמה. ער זאגט איר צו ער וועט איר געבּין נדן. זיצט זי בּיי אים אונ ווארט אויף דעם נדן. דער ווייל אַרבּעט זיא פון זיינעט וועגין. נאך האט רב כהנא גזאגט פון רבי עקיבאס וועגין דוא זאלסט דיך היטען פון דעם מענטשין וואס גיט דיר אַעצה פון זיין הנאה וועגין. רב יהודה האט גיזאגט פון רבס וועגין דער וואס מאכט חתונה זיין טאכטער צו אַאלטין מאן. אָדער ער מאכט חתונה זיין קליינעם זוהן מיט אַגרויסע מיידיל. אָדער ער האט גיזעהן ווי אַגעצין דינער האט פר לארין אַזאך. האט ער זיא אויף גיהויבּען אונ האט אים אַוועק גיגעבּין. אויף אים זאגט דער פסוק ער האט בּהעפט דעם זאטין מיט דעם דארשטיגען ווער אַלטער מאן איז שוין זאט מיט תשמיש המטה. אונ דיא יונגע מיידיל איז נאך דארשטיג צו תשמיש המטה. אָדער אַז דער מאן איז נאך אַקינד. ער איז זאט פון תשמיש המטה. וואָרום ער האט נאך ניט קיין תאוה. אונ זיא אי דארשטיג צו תשמיש המטה. וואָרום זיא האט שוין אַתאוה. אונ אַז ער האט צוריק גיגעבּי דעם געצין דינער וואס ער האט פאר לארין. האט ער אויך בּהעפט די זאטע מיט דיא דארשטיגע

וואָרום

הצמאה לא יאבה ה' סלוח לו וסמוך לפרקן שפיר דמי להשיאן לקטנים וקטנות. האוהב את אשתו כגופו וכו' האוהב את שכניו וכו':

ב אמר שמואל מפני מה לא נאמרה יד בברזל שהברזל ממית בכל שהוא תנ"ה רבי אומר גלוי וידוע לפני מי שאמר והיה העולם שהברזל ממית בכל שהוא לפיכך לא נתנה תורה בו שיעור וה"מ דברזייה מיברז:

(דף עח) ג משנה המכה את חבירו בין באבן בין באגרוף ואמדוהו למיתה והקל ממה שהיה ולאחר מכאן הכביד ומת חייב ר' נחמיה אומר פטור שרגלים לדבר:

ד גמ' ת"ר את זו דרש ר' נחמיה (שמות כא) אם יקום והתהלך בחוץ (פ"נ) על משענתו ונקה המכה וכי תעלה על דעתך שזה מהלך בשוק

מדבר עם נמא לדבר זקן וילדה או גדולה להתמיה זקן שבע וכן גדולה לקטן: סמוך לפרקן. סדיין קטנים הם וסמוך לפרקן הואי דלאו קטנים הם כולי האי דמבוס בזה לו תאי שנה לא תזנה עליו: לא נאמר יד בברזל. כמ"ש באבן יד בכלי עץ יד משמע שיש שיהיה דבעיא שיעורא אבל בברזל כתיב ואם בכלי ברזל הכהו: שהברזל ממית בכל שהוא. ע"י סחיכה שהחב לו מחט בוושט או בלבו: דברזיה מיברז. פוגע בלב"ז אבל הכאה לאו"כו דק הכאה שיעורא בעי: [ואמדוהו למיתה. ב"ד אבל אמדוהו תחלה לחיים אפילו לבסוף פטור: והקל ממה שהיה. ושוב ואמדוהו לחיים: שרגלים לדבר. שלא מת מחמת מכה א' בחרי קל: על משענתו. מתרגמינן על בוריה שנתרפא לגמרי ובשען על כחו: וכי

חארום דער ערעם מאן האט ניט אזוי אהאוה צו געלט ווא דער רייכער. אונ אז דער געזען דינער האט פאר לארין געלט. איז ער ארעמער געווארין. איז אביכול ווייניגער געווארין זיין תאוה צו געלט. אונ אז ער האט אים דיא געלט צוריק גיגעבין. איז ער צוריק רייכער געווארין. וועט זיך ווידער שטארקין זיין תאוה צו געלט. וועט ער נאך גנבנן אונ גזלנן דריבער וועט נאט ניט וועלין אים פר געבין זיין זינד. אבער דיא קינדער ווס זענען נאנט צו דער צייט פון חתונה מאכען. מעג מען חתונה מאכען אז דער בחור איז יונגער אונ דיא מיידיל איז עלטער אדער פאר קערט אז דער בחור איז עלטער אונ דיא מיידיל איז יונגער. ווארום אז איין קינד איז עלטער פר דס אנדערע קינד מיט אהאלב יאהר אדער אזאהר. מעג מען זיי מאכען חתונה צו זאמען:

ב אמר: שמואל האט גזאגט פאר וואס אז איינער הרגת דעם אנדערין מיט אייזין שטייט ניט אין פסוק אז דער אייזין דארף זיין אזוי גרויס מען זאל אים קענען האלטען אין דיא האנט. אונ אשטיק זאל ארויס גייך פון דהאנט צו שלאגין מיט אים. ווארום אקליין שטיקל אייזין קען אויך הרגנן אמענטשין. מיט אנאדיל קען מען אויך הרגנן אמענטשין. אז מען שטעקט אריין אנאדיל אין האלדז אדער אין הארצען קען מען שטארב. מיר האבען אויך אזוי גילערנט רבי זאגט ווייל גאט ווייס אז דיא קלענסטע שטיקול אייזין קען הרגנן אמענטשין. דריבער האט דיא תורה ניט גזאגט וויא גרויס דער אייזן זאל זיין. דאס איז נאר אז ער האט אידם גישטאכען מיט דעם אייזין. אבער אז ער האט איהם גישלאגין מיט אייזין אונ האט אידם גיהרגנת. דארף מען ווערן אויב מיט אזוי אייזין קען מען הרגנן. דארף מען דעם רוצח הרגנן אבער אז מיט דעם אייזין קען מען ניט הרגנן. דארף מען ניט הרגנן דעם רוצח:

ג משנה. המכה. אז איינער שלאגט זיין חבר מיט אשטיין אדער מיט דעם פויסט אונ דאקטורים האבען גישאצט אז ער וועט שטארבן. דער נאך איז דיא קראנקייט גרינגער געווארין. דער נאך איז דיא קראנקייט צוריק שווער געווארין. אונ ער איז גישטארבן. דארף מען הרגנן דעם רוצח. רבי נחמיה זאגט מען זאל ניט הרגנן דעם רוצח. ווארום דאס וואס דיא קראנקייט איז פריער גרינגער געווארין. איז אבווייזונג אז ער איז ניט גישטארבין פון זיין שלאגין:

ד גמרא: תנו רבנן. דיא רבנן האבען גילערנט דעם פסוק האט גידרשת רבי נחמיה. אויב ער וועט אויף שטיין אונ ער וועט גיין אין גאס אויף זיין אן לע הנוגנ. אויף זיינע כוחות. זאל דער שלעגער פריי זיין. פרעגט דיא גמרא צו וואס דארף דס דיא תורה זאגין וואלטין מיר

בשוק וזה נהרג אלא זה שאמדוהו למיתה והקל ממה שהיה ולאחר כך הכביד ומת שהוא פטור] ורבנן האי (סס) ונקה המכה מאי דרשי ביה מלמד שחובשין אותו ור׳ נחמיה חבישה מנ״ל יליף ממקושש ורבנן נמי לילפו ממקושש מקושש בר קטלא ומשה לא הוה ידע קטליה במאי לאפוקי האי דלא ידעינן אי בר קטלא הוא אי לאו בר קטלא הוא ורבי נחמיה יליף ממגדף דלא הוה ידע אי בר קטלא הוא וחבשוהו ורבנן מגדף הוראת

חולה על דעתן. למה ליה למימר ונקה המכה ממיתה: אלא זה שאמדוהו. מתחלה למיתה ומה הכתוב ללמדך שאם יקום מן המשכב והתהלך בחוץ ואמדוהו לגמרות החיים ונקה המכה ואפילו מת לאחר מכן שחזר והכביד]: ורבנן האי ונקה המכה מלמד שחובשין אותו. אם אמדוהו למיתה חובשין המכה שלא יברח עד שנראה אם ימות אם לאו לאו אי ונקה המכה דמשמע לכשיקום ונקה המכה מכלל דעד השתא חבוש הוה: יליף ממקושש. דכתיב ויניחו אותו במשמר: מקושש בר קטלא הוה. פשיטא ליה למשה דבר קטלא הוה כדאיתא לקמן בברייתא יודע היה מרע״ה שהמקושש במיתה שנאמר מחלליה מות יומת אבל לא היה יודע באיזה מיתה יומת ורבנן ס״ל כמ״ד לא בעינן שיודיעוהו בהתראתו באיזו מיתה נהרג: דלא הוה ידע אי בר קטלא הוא אי לא. כדמפרש לקמן אבל מגדף לא נאמר בו אלא לפרש וכו׳: הוראת שעה היתה. אי לא כתיב חבישה דהכא מחבישה דהתם לא

דען געמיינט אז דער מענטש וואס מען האט אים געשלאגן וועט גיין געזונדט אין גאס אונ דעם שלעגער זאל מען הרגנן. נאר אזו מיינט דער פסוק למשל ראובן האט געשלאגן זיין חבר שמעון. אונ דאקטורים האבען געשאצט ער וועט שטארבען פון דיא שלעק. דער נאך איז די קראנקייט גרינגער געווארין. האבין דיא דאקטורים געזאגט ער וועט שוין לעבין. דער נאך איז צוריק די קראנקייט אויף איהם שווער געווארין אונ ער איז געשטארבין. דארף מען ניט הרגנן ראובן. אונ אזוי מיינט דער פסוק אויב ער וועט אויף שטיין פון זיין קריינק אונ וועט גיין אין גאס אויף זיין אן לעהנונג. דער נאך וועט ער צוריק קראנק ווערין אונ וועט שטארבין. פון דעסטוועגין זאל דער שלעגער ריין ווערין אונ ער איז פרייא. אונ דיא רבנן וואס זאגין אז מען הרגנת יא דעם שלעגער וואס דרשנן זייא מיט דעם פסוק דער שלעגער זאל ריין ווערין נאויב ער שטארבט פון דיא שלעק הרגנת מען דאך דעם שלעגער. אונ אויב ער שטארבט ניט געווים אז דער שלעגער איז ריין. פאר וואס זאל מען איהם הרגנן. צו וואס דארף דער פסוק זאגין אז ער איז ריין. זאגט דיא גמרא דער פסוק לערונט אונז אז איינער שלאגט זיין חבר. אונ דער חבר ווערט קראנק. פארשליסט מען דעם שלעגער אין אשטוב ער זאל ניט אנטלויפין. אונ מען ועהט אויב דער חבר שטארבט הרגנת מען דעם שלעגער. אונ אויב ער ווערט געזונד לאזט מען איהם פרייא. זאגט אזוי דער פסוק אויב דער חבר שטייט אויף פון זיין קריינק אונ גייט ארום אין גאס אויף זיין אן לעהנונג אויף זיינע כחות. דאמאלס ווערט דער שלעגער ריין. אבער פריער איז ער ניט ריין. נאר ער זיצט פאר שלאסין. זאגט דיא גמרא פון וואנען ווייס רבי נחמיה אז מען דארף דעם שלעגער פארשליסען אין אשטוב ער זאל ניט אנטלויפין. ענטפערט דיא גמרא רבי נחמיה לערונט אפ פון דעם מקושש אזוי וויא עס שטייט אין פרשה שלח. דארט שטייט מען האט אים פארשלאסין מען זאל איהם היטען. פרעגט דיא גמרא זאלין דיא רבנן אויך אפ לערנען פון מקושש. ענטפערט דיא גמרא ביי דעם מקושש האט מען געוואוסט געווים אז מען דארף איהם הרגנן. נאר משה האט ניט געוואוסט מיט וועלכין טויט מען זאל איהם הרגנן. דריבער האט מען איהם פארשלאסין מען זאל איהם היטען. אבער דער מענטש וואס האט געשלאגין זיין חבר אונ ער איז נאך ניט געשטארבין. ווייס מען נאך ניט אויב מען וועט דעם שלעגער הרגנן ואויב דער חבר וועט שטארבין. אדער מען וועט איהם ניט דארפין הרגנן. וייל דר חבר וועט לעבין. פון וואנען ווייסין מיר אז פון ספק וועגין דארף מען איהם פארשליסען. דריבער שטייט אין פסוק דער שלעגער זאל ריין ווערין. אזוי וויא עס שטייט פריער. פרעגט דיא גמרא פון וואנען ווייס רבי נחמיה אז פון ספק וועגין פאר שליסט מען אים אויך. ענטפערט די גמרא רבי נחמיה לערונט אפ פון דעם מגדף. ודער וואס האט געלעסטערט גאט אזוי וויא עס שטייט אין פרשה אמור: משה רבינו הט ניט געוואוסט אויב מען דארף אים הרגנן אדער ניין. פון דעסטוועגין הט מען אים פר שלאסין אין אשטוב צו היטען אים. פרעגט די גמרא פר וואס לערנען דיא רבנן ניט אפ פון

דעם

הוראת שעה היתה כדתניא יודע היה מרע"ה שהמקושש במיתה שנאמר (שמות לא) מחלליה מות יומת אלא לא היה יודע באיזה מיתה נהרג שנאמר (במדבר טו) כי לא פורש וגו' אבל מגדף לא נאמר בו אלא לפרוש להם ע"פ ה' שלא היה משה יודע אם הוא בן מיתה כל עיקר אם לאו :

(דף פ ע"ב) **ה א"ל** שמואל לרב יהודה שיננא (דף פה) לא תימא ליה לאבוך הכי דתניא הרי שהיה אביו עובר על ד"ת לא יאמר לו אבא עברת על דברי תורה אלא אומר לו אבא כך כתיב בתורה סוף סוף היינו הך אלא אומר לו אבא מקרא כתיב בתורה כך :

**ו דרש** רב אחא בר חנינא מ"ד (יחזקאל יח) אל ההרים לא אכל שלא אכל בזכות אבותיו ועיניו לא נשא אל גלולי בית ישראל שלא הלך בקומה זקופה ואת אשת רעהו לא טמא שלא ירד

לא הוה גמרינן דהוראת שעה היתה שהרי לא נצטוו מתחלה על אותה הבישה ומעלתם עשו דכיון דלא נאמר בו מיתה מתחלה מה ספק היה להטיל עליו ספק מיתה לתוכנו : כדתניא. סייעתא לכא דאמר לעיל מקושש לא נסתפקו עליו אלא באיזה מיתה נהרג אבל מגדף לא היו יודעין שהיה חייב מיתה : מה יעשה לו. משמע בר עשייה הוא אבל לא היו יודעין מה : לפרוש להם. ולא כתיב מה יעשה משמע כל דינו היו צריכין להם לפרש :

לא תימא ליה לאבוך הכי. להודיעו בהדיא שהוא עושה עולה משום דמכסיף ומצטער. אלא אומר לו אבא כך כתיב בהורה. קס"ד בתמיה קאמר וכי כך כתיב בתורה : סוף סוף היינו הך. דמבייש ואומר וכי יפה אתה עושה : אלא. כמתוהא א"ל מקרא כאמור בתורה והוא עצמו יבין על נבו על מה זה הזהירו וה"נ אין לך לומר לאביך לא תעשה הכי :

אל ההרים לא אכל. סיפיה דקרא צדיק הוא חיה יחיה לומר זה צדיק גמור על כרחך משום דלא עבד הכי לאו צדיק הוא אם עבר עבירות אחרות אלא לאו כמשמעותיה מדרים אל ההרים לא

---

דעם מגדף אז פון ספק וועגן פר שליסט מען אויך : ענטפערט דיא גמרא פון מגדף קען מען ניט אפ לערנען . ווארום דער פר שליסען פון מגדף איז נאר גיפסקת געווארין אויף דעם דין אונ צוא דער צייט . אבער ניט מען זאל פון דעם דין אפ לערנען אויף אנדערע זאכין . אזוי וויא מיר האבען גילערונט משה רבינו עליו השלום האט געוואוסט אז דעם מקושש דארף מען הרגנן . ווארום עס שטייט אין פסוק דער וואס איז מחלל שבת זאל מען אים הרגנן . נאר ער האט ניט געוואוסט מיט וועלכין טויט זאל מען אים הרגנן . ווארום עס שטייט אין פסוק עס איז ניט בשייד גיוועןוואס מען זאל איהם טאהן . ווען מיר מען האט געוואוסט אז מען דארף איהם טאהן . הרגנן : נאר מען האט ניט געוואוסט מיט וועלכין טויט מען זאל איהם הרגנן . דריבער האט מען אים פאר שלאסין מען זאל אים היטן . אבער ביי דעם מגדף שטייט ניט מער נאר עס זאל ארוס גירעט ווערין דורך גאט . אויב מען זאל איהם הרגנן אדער ניין . ווארום משה האט ניט געוואוסט אויב מען דארף אים הרגנן אדער ניין . פר וואס האט מען אים פר שלאסין צו היטן אים . נאר צוא דער צייט האט משה גיפסקת מען זאל איהם פר שליסען . אבער אנדערע מענטשין אויף אנדערע עבירות קען זיין אז מען דארף ניט פאר שליסען פון ספק וועגין . דריבער לערנען אפ דיא רבנן פון דעם פסוק . דער שלעגער זאל ריין ווערין . אז פון ספק וועגין דארף מען אויך פר שליסען :

**ה** אמר . שמואל האט גזאגט צו רב יהודה דוא למדן דוא זאלסט ניט אזוי זאגין צו דיין פאטער . ווארום מיר האבין גילערונט אז אזוהן זעהט דער פאטער טוהט ניט וויא אין דער תורה שטייט . זאל ער ניט זאגין פאטער דוא טוהסט ניט וויא אין דער תורה שטייט . ווארום ער וועט פאר שעמט ווערין . נאר ער זאל זאגין צום פאטער . פאטער אזוי שטייט דען אין דער תורה . פרעגט דיא גמרא אז ער וועט אזוי זאגין וועט ער דאך אויך פאר שעמט ווערין . ווארום דאס איז גימיינט אין דער תורה שטייט דאך אנדערש וויא דוא טוהסט : נאר אזוי זאל דער זוהן זאגין . פאטער אין דער תורה שטייט אזוי אפסוק . אונ דער פאטער וועט זיך שוין אליין דער מאנען אז ער טוהט אנדערש :

**ו** דרש . רב אחא בר חנינא האט גידרשת עס שטייט אין פסוק צו דיא בערג האט ער ניט גיגעסין . דאס מיינט מען ער האט ניט גיגעסין אין דעם זכות פון זיינע עלטערין . נאר אין זיין אייגענעם זכות : אונ זיינע אויגין האט ער ניט אויף גיהויבין צו דיא עבודה זרות פון דיא יודין

ירד לאומנות חבירו ואל אשה נדה לא יקרב שלא נהנה מקופה של צדקה וכתיב (שם) צדיק הוא חיה יחיה . וכשהיה ר"ג מגיע למקרא זה היה בוכה ואמר כאן דעביד לכולהו הוא דחי בחדא מינייהו לא (חיי) א"ל ר"ע אלא מעתה (ויקרא יח) אל תטמאו בכל אלה הכא נמי בכולהו אין בחדא מינייהו לא אלא באחת מכל אלה הכי נמי באחת מכל אלה :

אלא שלא נטריך לנכות לאחיו מתוך שהוא חסיד: שלא נהנה מקופה של צדקה. שהוא דבר גנאי לאדם הגון :
מי שלקה ושנה . שלקה ב׳ פעמים על ב׳ עבירות : שלא בעדים . שלא מתן לב"ד להרגו : היכא רמיזא . ודאי הלכה למשה מסיני הוא האי עונש דכיפה ומיהו היכא רמיזא מקלא : תמותת רשע רעה . מי שהוחזק רשע המוחתהו רעתו אלמא מוחזק רשע בר מיתה הוא : עצורה רעה . אידי

(ע"ב) ז משנה מי שלקה ושנה ב"ד כונסין אותו לכיפה ומאכילין אותו שעורים עד שכרסו נבקעת . ההורג נפשות שלא בעדים כונסין אותו לכיפה ומאכילין אותו לחם צר ומים לחץ : גמ׳ מאי כיפה א"ר יהודה מלא קומתו והיכא רמיזא אמר ריש לקיש (תהלים לד) תמותת רשע רעה . ואמר ר"ל מ"ד (קהלת ט) כי גם לא ידע האדם את עתו

---

יודין . דאס מיינט מען ער איז ניט גיגאנגען דעם קאפ אויף גיהויבן אין דער הייך . אונ דעם חברס ווייב האט ער ניט טמא גיוועזן . דאס מיינט מען ער איז ניט אריין גיגאנגען אין זיין חברס מלאכה צו נעמען זיין פרנסה . אונ צו אשה וואס איז אנדה האט ער ניט גיגענט . דאס מיינט מען ער האט ניט הנאה גיהאט פון צדקה געלט . אונ אז ער האט גיטאהן דיא אלע זאכן הייסט ער אצדיק אונ ער וועט לעבין . אונ אז רבן גמליאל איז גיקומען צו דעם פסוק האט ער גיוויינט אונ ער האט גיזאגט דער וואס האט גיטאהן דיא אלע זאכן וועט ער לעבין . אבער אז ער האט נאר גיטאהן איינע פון דיא זאכן . איז ער ניט זוכה צום לעבין . האט רבי עקיבא גיזאגט צו רבן גמליאל עס שטייט אין פסוק איהר זאלט אייך ניט מטמא זיין אין דיא אלע זאכן . וועסטו אויך זאגין אין אלע זאכן טאר מען זיך ניט מטמא זיין . אבער אין איינע פון דיא זאכן מעג מען זיך מטמא זיין . נאר מען מיינט איהר זאלט אייך ניט מטמא זיין אפילו אין איינע פון דיא אלע זאכן . דא מיינט מען אויך אזוי דער וואס טוהט אפילו איין זאך פון דיא אלע זאכן וועט ער אויך זוכה זיין צום לעבין :

ז משנה . מי . אז איינער האט גיטאהן אעבירה פון כרת . אונ מען האט איהם גישלאגין מלקות . דער נאך האט ער גיטאהן דיא זעלביגע עבירה נאך אמאהל . אונ מען האט איהם נאך אמאהל גישלאגין מלקות . אז ער טוהט דיא זעלביגע עבירה נאך אדריטען מאהל . מכניסין אותו לכיפה . זאל בית דין הייסין מען זאל איהם ברייגגען אין אשטוב וואס זיא איז נאר גרויס וויא דער מענטש . אונ מען גיט איהם עסין ברויט מיט וואסער . אלע מאהל ווייניגער ביז דיא גידערים ווערין איינגיצויגין אונ קליין . דער נאך גיט מען אים עסין גערשטין . אונ דיא גערשטין ווערין אויף גיבלאזין אין דיא גידערים . ביז זיין בויך ווערט צו שפאלטין . אויב איינער האט גהרגת אמענטשין . אונ עס איז ניטא קיין עדות . נאר בית דין ווייס גיוויס אז ער האט דעם מענטשין גיהרגת . זאל בית דין הייסין מען זאל איהם אריין ברייגגען אין אשטוב וואס זיא איז נאר גרויס ווי דער מענטש . אונ מען גיט איהם עסין ברויט מיט וואסער . אלע מאהל ווייניגער ביז די גידערים ווערין איין גיצויגין אונ קליין . דער נאך גיט מען איהם עסין גערשטין אונ דיא גערשטין ווערין אויף גיבלאזין אין דיא גידערים ביז זיין בויך ווערט צו שפאלטין . זאגט די גמרא וואס איז דער ווארט כיפה . רב יהודה זאגט דאס איז אשטוב וואס אינווייניג קען ניט מער שטיין נאר איין מענטש . אונ וואו שטייט דאס אז מען זאל דעם רשע לאנג פייניגען ביז ער וועט שטארבין פון זיך אליין . האט ריש לקיש גיזאגט דוד המלך האט גיזאגט ואין תהלים קפיטל לד) דעם רשע זאל טייטין זיין שלעכטס . נאך האט ריש לקיש גיזאגט עס שטייט אין פסוק דער מענטש ווייסט ניט זיין צייט ווען ער וועט שטארבין) . אזוי וויא דיא פיש וואס ווערין גיכאפט מיט אשלעכטע נעץ . וואס מיינט מען אשלעכטע נעץ . ריש לקיש זאגט דאס איז אוועגקע

אפּגיציגד

עתו כדגים שנאחזים במצודה רעה מאי מצודה רעה אמר ר"ל חכה .

ה פיסקא הבועל ארמית קנאין פוגעים בו . בעא מיניה רב כהנא מרב (דף פב) לא פגעו בו קנאים מהו אנשייה רב לגמריה אקריוה לרב כהנא בחלמיה (מלאכי ב) בגדה יהודה ותועבה נעשתה בישראל ובירושלים כי חלל יהודה קדש ה' אשר אהב ובעל בת אל נכר אתא א"ל הכי אק־ון אדהכי אדכריה רב לגמריה בגדה יהודה זו ע"ז וכן הוא אומר (ירמיה ג) בגדתם בי בית ישראל נאם ה' ותועבה נעשתה בישראל ובירושלים זה משכב זכור וכה"א (ויקרא יח) ואת זכר לא תשכב משכבי אשה תועבה היא . כי חלל יהודה קדש ה' זו זונה וכה"א (דברים כג) (ולא יהיה קדש) (שם) [לא תהיה קדשה מבנות ישראל] ובעל בת אל נכר זה הבא על הארמית וכתיב בתריה (מלאכי ב) יכרת ה' לאיש אשר יעשנה ער ועונה מאהלי

דאיירי הכא ר"ל בהאי קרא מייתי גאידך דרבא ור"ל : מאי מצודה רעה חכה . אגוחיל"י בלע"ז באות רע והלוס וקטן ואות ז בו דגים גדולים פ.ג.ו.ג ואינו דומה לגאגו ברשת על ידי מארב והמבוליה : קנאין פוגעין בו . בני אדם כשרים המקנאים קנאתו של מקום פוגעין בו בשעה בואין את המעשה אבל לאחר מיכן אין מיתתו מכוס לבית דין והלכה נמשה מסיני הוא : פוגעין . ממיתין כמו לך ופגע בו : לא פגעו בו קנאין מהו . מה עונש כדבר : אנשייה רב לגמריה . שכח מה שאמר רבו בדבר זה ולא ידע להשיבו : וכה"א ואת זכר וגו'. סיפיה דקרא תועבה היא : זונה . מופקרת ואפילו יבהלנית : קדש . כמו קיר קדושתו והולך לגדוף זונות : קדשה . מחלל את קדושתם וכן

---

יאשפיצינגער אייזן הויבין זיצט אוועקעמיל . דער פיש קומט עסין דאס וועקעמיל ער מיינט דאס איז אן גיבייט גיווארין צו זיין גומען ער זאל האבין צו עסין . און דער אייזן שטעכט איהם אריין אין גומען און ער ווערט באלד טויט [אבער אז מען פאנגט דעם פיש אין אנעץ . האט נאך דער פיש צייט צום לעבין איניווייניג . אין די נעץ נאך ניט אזוי שטעכט פאר איהם] . ביי דעם מענטש איז אויך אזוי . עס קומט אמאהל צוא דעם מענטש אגוטער גישעפט . ער מיינט דער גישעפט וועט איהם שוין ברייינגען זיין גאנצין גליק . און דער גישעפט ברייינגט אויף איהם אפלוצלונגען אומגליק . ער זאל פלוצלונג שטארבין . למשל מען זאגט צוא אמענטשין ער זאל פארין אין דער שטאט וועט ער דארטין קויפין סחורה זייער וואלוויל . אין וועג זענין אויף איהם ארויף גיפאלין גזלנים און האבין איהם גיהרגת :

ח פיסקא . הבועל . אז איד איז מזנה מיט אגויה . אז אפרומער יוד טרעפט איהם ווען ער איז מזנה . מעג ער איהם הרגנן . רב כהנא האט גיפרעגט ביי רב . אויב די פרומע יודין האבין איהם ניט גיהרגת . וואס פאר אשטראף קומט אויף איהם . האט רב פאר געסין וואס זיין רבי האט איהם גיזאגט אויף דער זאך . האט מען גזאגט צוא רב כהנא אין חלום דעם פסוק יהודה האט גיפעלשט און אמיאוסע זאך איז גיטאהן גיווארין ביא יודין און אין ירושלים . ווארום יהודה הט פאר מיאוסט די הייליגקייט פון גאט . וואס ער האט ליב גיהאט און האט מזנה גיוועז מיט די טאכטער וואס דינט אפגעטער . איז גיקומען רב כהנא צוא רב און האט גיזאגט צוא איהם דעם פסוק האב איך גיזייעגט אין חלום . דער וויל האט רב זיך דער מאנט וואס ער האט גילערנט . עס שטייט אין פסוק יהודה האט גיפעלשט . דאס מיינט מען זייא האבען געדינט עבודה זרה . און אזוי שטייט אין פסוק גאט האט גיזאגט די יודין האבין גיפעלשט אין מיר . און אמיאוסע זאך איז גיטאהן גיווארין ביי יודין און אין ירושלים . דאס מיינט מען זיי האבין מזנה גיוועז מיט זכרים . אזו ווי עס שטייט אין פסוק מיט אזכר זאלסטו ניט ליגן ווי מען ליגט מיט אאשה . ווארום יהודה האט פאר מיאוסט די הייליגקייט פון גאט . דס מאוס דאס איז אמיאוסע זאך . דס מיינט מען ער הט מזנה גיוועזן [אפילו מיט אידישע זונה] . און אזוי שטייט אין פסוק לא תהיה קדשה מבנות ישראל . עס זאל ניט זיין ביי יודין אזוי אאשה וואס פאר מיאוסט איר הייליגקייט און איז מזנה . און ער הט מזנה גיוועזן מיט די טאכטער פון אפגעטער גאט . דאס מיינט מען ער הט מזנה גיוועזן מיט אגויה וואס זיא דינט צו אפגעטער גאט . דער נאך שטייט אין פסוק גאט וועט פאר שניידין פון דעם מענטש וואס וועט טאהן די זאכען ער ועונה מאהלי

מאהלי יעקב ומגיש מנחה לה' צבאות] אם ת"ח הוא לא יהיה לו ער בחכמים ועונה בתלמידים אם כהן הוא לא יהיה לו בן מגיש מנחה לה' צבאות א"ר חייא בר אבויה כל הבא על הארמית כאילו מתחתן בע"ז דכתיב ובעל בת אל נכר וכי בת יש לו לאל נכר אלא זה הבא על הארמית . כי אתא רב דימי אמר בית דינו של חשמונאי גזרו הבא על הנכרית חייב עלה משום נשג"א כי אתא רבין אמר משום נשג"ז נדה שפחה גויה זונה אבל משום אישות לית להו ואידך נשייהו ודאי לא מפקרי . אמר רבה בר בר חנה א"ר יוחנן הבא לימלך אין מורין לו ולא עוד אלא שאם פירש זמרי והרגו פנחס נהרג עליו נהפך זמרי והרגו לפנחס אין נהרג עליו שהרי רודף הוא . (במדבר כה) ויאמר משה אל שופטי ישראל הלך שבטו של שמעון אצל זמרי בן סלוא אמרו לו הם דנין דיני נפשות ואתה

קדש מחלל קדושתו : חייב עליה . כלומר נטרד מש מסוף כל אלו (ועיין ברש"י בגמרא) : קנאי פבא לימלך . בב"ד בשעת מעשה אם יפגע בו אין מורין לו שלא נאמר אלא למקנא מעצמו ולימו נמלך : ולא עוד אלא שאם פירש זמרי . מן האשה והרגו פנחס אחר כן נהרג עליו שלא נאמרה הלכה אלא בשעת

---

מאהלי יעקב ומגיש מנחה לה' צבאות . דאס מיינט מען אויב ער איז אתלמיד חכם . וועט ער ניט האבען אזוהן וואס זאל האבין אשארפין שכל אין דיא תורה אונ זאל זיך קענען מפלפל זיין מיט חכמים . אונ דער זוהן וועט ניט וויסען צו ענטפערין די תלמידים תירוצים אויף זייערע קשיות (ער איז דער טייטש וואכעדיג . דער וואס האט אשארפין שכל איז ער אוואכעדיגער מענטש . אונ עונה איז דער טייטש ענטפערין) . ועיין מהרש"א) . אונ אויב ער איז אכהן וועט ער ניט האבען אזוהן וואס זאל מקריב זיין אמנחה צום גאט . רבי חייא בר אבויה האט גזאגט דער וואס איז מזנה מיט אגויה . אדער ער נעמט אגויה פאר אווייב . איז גלייך וויא ער וואלט זיך מתחתן גיוועזן מיט דער עבודה זרה . ווארום עס שטייט אין פסוק ער האט בועל גיוועזן דיא טאכטער פון אפרעמדין גאט : האט דען דער פרעמדער גאט אטאכטער . נאר דער וואס איז בועל אגויה וואס זיא דינט צו אפרעמדין גאט : איז גלייך וויא זי וואלט גיוועזן די טאכטער פון דער עבודה זרה אליין . אז רב דימי איז גיקומען האט ער גיזאגט דער בית דין פון דיא חשמונאים האבען גוזר גיוועזן דער וואס איז בועל אגויה . זאל ער גישטראפט ווערין אויף די פיר עבירות וואס זיי הייסין נשג"א (נדה . שפחה . גויה . אשת איש) . אז רבין איז גיקומען האט ער גיזאגט ער ווערט גישטראפט אויף די פיר עבירות וואס זייא הייסען נשג"ז (נדה שפחה גויה זונה) . אבער אאשת איש איז ביי גוים ניטא . ווארום דיא מאנען פאר בארגין זייערע ווייבער צו אנדערע מאנען . זענען זייא זונות . אונ רב דימי זאגט אגוי איז ניט מפקיר זיין ווייב . ער האלט זיין ווייב נאר פר זיך . דריבער איז זיא ניט קיין זונה . נאר אאשת איש . רבה בר בר חנה האט גזאגט פון רבי יוחנן וועגין אז איינער זעהט ווי זיין חבר איז מזנה מיט אגויה . אונ ער קומט צו בית דין פרעגין אויב ער זאל איהם הרגנן . פסקית מען ניט צום הרגנן . נאר אויב ער האט אים גיהרגת פון זיך אליין . אומגיפרעגט ; הט ער גוט גיטאהן . אונ נאך מער ווען פינחס הט גיזעהן וויא זמרי בן סלוא הט מזנה גיוועזן מיט דיא מדינית . ווען פינחס וואלט גיווארט ביז זמרי הט זיך אפ גישיידט פון איר . דער נאך וואלט פינחס אים גיהרגת . וואלט מען גידארפט פנחסן הרגנן ; אונ אפילו ווען זמרי איז גיוועזן בהעפט צו די מדינית . אונ פינחס איז אים גיקומען הרגנן . ווען זמרי וואלט זיך אומגיקערט אונ וואלט גיהרגת פנחסן . וואלט מען זמרין ניט גיהרגת . ווארום פנחס הט דאך נאך געיאגט זמרין צוא הרגנן אים . אונ אז איינער יאגט נאך זיין חבר צו הרגנן אים . מעג דער חבר אים פריער הרגנן . עס שטייט אין פסוק משה האט גיזאגט צוא דיא שופטים פון די יודין זייא זאלין הרגנן אלע מענטשין וואס זענען בהעפט גיווארין צו די עבודה זרה פעור איז גיגאנגען דער שבט שמעון צוא זמרי בן סלוא אונ זיי האבען גזאגט צו אים דיא דיינים משפטין מען זאל אונז הרגנן אונ דוא זיצט אונ שווייגסט . וס הט זמרי גיטאהן . ער הט פארזאמלט פיר אונ צוואנציג טויזענד יודין . אונ ער

ואתה יושב ושותק מה עשה עמד וקבץ עשרים וארבעה אלף מישראל והלך אצל כזבי אמר לה השמיעי לי אמרה לו בת מלך אני וכן צוה לי אבי לא תשמעי אלא לגדול שבהם אמר לה אף הוא נשיא שבט הוא ולא עוד אלא שהוא גדול ממנו שהוא שני לבטן והוא שלישי לבטן תפשה בבלוריתה והביאה אצל משה אמר לו בן עמרם זו אסורה או מותרת ואם תאמר אסורה בת יתרו מי התירה לך נתעלמה ממנו הלכה געו כולם בבכיה והיינו דכתיב (שם) והמה בוכים פתח אהל מועד וכתיב (שם) וירא פינחס בן אלעזר מה ראה אמר רב ראה מעשה ונזכר הלכה אמר לו אחי אבי אבא לא כך למדתני בירידתך מהר סיני הבועל ארמית קנאין פוגעין בו א"ל קריינא דאגרתא איהו ליהוי פרוונקא. ושמואל אמר ראה שאין חכמה ואין תבונה ואין עצה נגד ה' כל מקום שיש חלול השם אין חולקין כבוד לרב רבי יצחק א"ר אלעזר ראה שבא מלאך והשחית בעם. (שם) ויקם מתוך העדה ויקח רמח בידו מכאן שאין נכנסין בכלי זין לבית המדרש שלף שננא והניחה באונקלי שלו והיה (ע"ב) נשען [והולך] על מקלו וכיון שהגיע אצל

חטבה: זמרי. הוא שמואל נשיא שבט שמעון כדלקמן: שמעון שני (לשבטים). [לבטן] לוי שלישי לבטן: בת יתרו מי התירה לך. משה קודם מתן תורה נשאה וכשנתנה תורה כולן בני נח היו ונכנסו לכלל מצות והיא עמהם וגרים רבים של ערב רב: ונתעלמה ממנו הלכה. שאמרה לו הבועל ארמית וכו': אחי אבי אבא. היינו משה שהיה אחי אבי אביו אהרן: פרוונקא. שליח: שמואל אמר. מאי וירא ראה שאין חכמה כלומר מכח פסוק אין חכמה ואין תבונה נגד ה' שכל מקום שיש חילול השם אין חולקים כבוד לרב לפיכך הורה כתלמיד הלכה בפני רבו ולא המתין ליטול רשות ממשה שלא יהרגו הרוצחים וילמדו להתיר את הנכרית: ויקם ויקח. מכלל דעד השתא לאו בידו הוה: העדה. סנהדרין שהיו יושבין ודנין כדכתיב קח את כל ראשי והוקע בפרק בכיפי חלק לכם כתי דינין לדונם דיני נפשות על פעור: שלף הברזל. שלף הברזל בכרתה העץ של רומח: אונקלי. מלבוש: נשען [והולך] על מקלו. [על] העץ נכנה כלי הברזל שלא יכיר

---

איז גיגאנגען צו די גויה כזבי. אונ ער הט גזאגט צו איר איך וויל מיט דיר מזנה זיין. האט כזבי גזאגט צוא זמרי איך בין א טאכטער פון א מלך. אונ מיין פאטער האט מיר פאר באטין איך זאל ניט מזנה זיין נאר מיט דעם גרעסטין פון די יודין. הט זמרי גזאגט צו כזבי איך בין א נשיא פון א שבט. אונ איך בין גרעסער פון משה. איך בין פון דעם אנדערין זוהן פון יעקב. אונ משה איז פון דעם דריטען זוהן פון יעקב. הט זמרי אן גינומען די כזבי ביי דיא האר אונ ער הט איר גיבריינגט צו משה. הט זמרי גזאגט צו משה די גויה מעג איך נעמען פר אווייב. אדער איך טאר ניט. אויב דו וועסט זאגין איך טאר ניט. ווער הט דיר מתיר גיוועזן צוא נעמען דיא טאכטער פון יתרו. הט זמרי אן גיהויבען מזנה זיין מיט כזבי. אונ פון משה איז פאר געסין גיווארין דער דין אז איצט מעג ער דעם זמרי הרגנן. האבין אלע יודין געשריגען מיט אגיוויין. אזוי וויא עס שטייט אין פסוק. זיי האבען גיוויינט אין טיר פון אהל מועד. נאך שטייט אין פסוק פנחס בן אלעזר הט גיזעהן. וואס הט ער גזעהן. רב זאגט ער הט גיזעהן ווי זמרי איז מזנה מיט כזבי. הט ער זיך דער מאנט דעם דין אז איצט מעג ער אים הרגנן. הט פנחס גזאגט צו משה. פעטער האסטו דען מיך ניט גילערנט ווען דוא ביסט אראפ גיקומען פון בארג סיני אז איזר איז מזנה מיט א גויה זאלין דיא פרומע מענטשין אים הרגנן. הט משה גזאגט צו פנחס דער וואס וויס צו לייענען דעם בריף. זאל ער זיין דער שליח אוועק צו טראגין דעם בריף. דוא ווייסט דעם דין זיי דו אים מקיים. אונ גיי הרגה דעם זמרי. שמואל זאגט פינחס הט גיזעהן דעם פסוק עס איז ניטא קיין חכמה אונ ניט קיין פאר שטאנדיגקייט אונ ניט קיין עצה געגין גאט. וואו עס איז א חילול השם זאל מען ניט געבין כבוד צו א רבי. דריבער האט פינחס ניט גיווארט צו הערין וואס משה וועט זאגין. נאר ער האט אליין גיפסקנת דעם דין. עס זאל ניט זיין א חילול השם. נאך יודין זאלין ניט נעמען גויהס מיט זייא מזנה זיין. רבי יצחק זאגט פון רבי אלעזרס וועגין פינחס הט גיזעהן ווי דער מלאך המות הרגנת אין דעם פאלק. איז ער אויף גישטאנען פון די עדה אונ הט גינומען דעם שפיז אין האנט. אבער ביז איצט האט ער ניט גיהאלטען דעם שפיז אין האנט. ווייל מען טאר ניט אריין גיין אין בית המדרש מיט געווער. ער האט אראפ גינומען דעם שפיציגען אייזן פון דעם שטעקין. אונ דעם אייזן אבין

גיליינט

אצל שבטו של שמעון אמר היכן מצינו ששבטו של לוי גדול משל שמעון אמר הניחו לו אף הוא לעשות צרכיו נכנס דתירו פרושים את הדבר :

ט אמר ר' יוחנן ששה נסים נעשו לו לפנחס : אחד שהיה לו לזמרי לפרוש ולא פירש . ואחד שהיה לו לדבר ולא דבר . ואחד שכוון בזכרותו של איש ובנקבותה של אשה - ואחד שלא נשמטו מן הרומח . ואחד שבא מלאך והגביה את המשקוף . ואחד שבא מלאך והשחית בעם ובא וחבטן לפני המקום אמר לפניו רבש"ע על אלו יפלו כ"ד אלף מישראל שנאמר (במדבר כה) ויהיו המתים במגפה ארבעה ועשרים אלף והיינו דכתיב (תהלים קו) ויעמוד פנחס ויפלל א"ר אלעזר ויתפלל לא נאמר אלא ויפלל מלמד [כביכול] שעשה פלילות עם קונו בקשו מה"ש להדפו אמר להם הניחו לו קנאי בן

מכירין בו בני שבטו שלהרוג הוא בא : היכן מצינו כו'. כלומר אתם מפקירים עצמכם אחר בנות מואב אני למה לא אעשה כמותכם וכי שבט שלי גדול משלכם שאלה פרוש ועשור יותר משלכם כיון ששמעו כן אמרו הניחו לו ליכנס לקובה שאף הוא רוצה כמותנו : צרכיו. תשמיש: שהיו פרושים את הדבר . ודאי מותר לעשות כן שהרי נכנס עשה כמותנו כך אמרו העומדים שם כשראו שנכנס : שהיה לו לפרוש . מן האשה ושוב לא ניתן להרגו: לדבר . לזעוק לאנשי שבטו לסייעו : שכוון בזכרותו ובנקבותה . וראו אותן דבוקים זה בזה וידעו שניתן רשות לקנאי לפגוע בו ולא יאמרו שנאה היה בלבו עליו : שלא נשמטו מן הרומח . לפרוש זה מזה עד שראו ישראל שהרגם כדין : והגביה את המשקוף . והוציאן (עד שהן) נדבקין ולא הולך להשפיל הרומח וישמטו : ואחד שבא מלאך והשחית בעם . והוטרדו בני שבטו במגפה ולא הרגו לפנחס : פלילות . ריב : בן קנאי . מסבע

---

גילייגט אין אקעשענע . אונ ער האט זיך אן גילעהנט אויף דעם שטעקן פון דעם אייזן אונ איז גיגאנגען . מען זאל ניט וויסן אז ער וויל איינעם הרגנן . אונ וויא ער איז געקומען צום שבט שמעון . האט ער גזאגט וואו געפינגע מיר אז דער שבט לוי איז גרעסער פאר דעם שבט שמעון . אז איר מעגט מזנה זיין מיט די טעכטער פון מואב . מעג איך אויך מיט זייא מזנה זיין . בין איך דען מער יחסן פר אייך . וויא דער שבט שמעון הט דאס גיהערט . האבן זייא גזאגט לאמיר לאזן פנחסן אריין גיין צו זמרי מיט כזבי . ער וויל אויך מיט איר מזנה זיין . איז פנחס אריין גיגאנגען צו זייא . האבן אלע פרומע גזאגט אז פנחס מעג מזנה זיין מעגן מיר אלע מזנה זיין . ביז פינחס הט גישטאכן זמרי מיט כזבי :

ט אמר . רבי יוחנן הט גזאגט . זעקס נסים זענען גיטאהן גיווארן צוא פנחס . איינס ווען זמרי וואלט זיך אפ גישיידט פון כזבי . וואלט פי הס אים ניט גימעגט הרגנן . אבער זמרי האט זיך ניט אפ געשיידט פון איר . דאס אנדערע ווען זמרי וואלט געשריגן וואלטען אריין גילאפין די מענטשן פון זיין שבט אונ וואלטן ניט גילאזט פינחס זאל אים שטעכן . ער האט אבער ניט געשריגן . דאס דריטע אזוי וויא זמרי איז גילעגן אויף כזבי אזוי האט פינחס גיטראפען צוא שטעכין אין ביידע ביז צוא איר אין בויך . אז אלע מענטשין האבן גיקענט זעהן ווי זמרי איז מזנה מיט כזבי . אונ אויף דעם שפיז האבן זייא ניט גיקענט אפ גישיידט ווערין איינער פון אנדערין . דאס פערטע זייא זענען ניט אראפ גיפאלען פון שפיז ביז אלע יודין האבן גיזעהן פאר וואס זייא ווערין גיהרגת . דאס פינפטע אמלאך איז גיקומען אונ האט פאר גרעסערט די טיר פינחס מיט דעם שפיז אין דער הייך אונ זמרי מיט כזבי וואס זענען גיוועזן ארויף גישטאכען אויף דעם שפיז זאלן קענען גיין גלייך דורך די טיר . אונ מען זאל ניט דארפן איינבייגן דעם שפיז . זייא זאלן ניט אראפ פאלען . דאס זעקסטע אמלאך איז גיקומען אונ האט גיהרגת די מענטשין פון זיין שבט . האבן זייא קיין צייט גיהאט צו מאכען אקריג מיט פינחס אונ צוא הרגנן אים . דער נאך איז פינחס גיקומען אונ האט אוועק גיטאהן זמרי מיט כזבי פאר גאט . אונ ער האט גיזאגט פאר גאט רבונו של עולם פון וועגין די צוויי מענטשין זאלן גיהרגת ווערין פיר אונ צוואנציג טויזענט יודין . וואס עס שטייט אין פסוק די וואס זענען געשטארבן דורך דער מגפה זענען גיוועזן פיר אונ צוואנציג טויזענט , דאס מיינט דער פסוק ויעמוד פינחס ויפלל . רבי אלעזר זאגט עס שטייט ניט ויתפלל . פינחס הט גיבעטין . נאר עס שטייט ויפלל . ער הט געקריגט דער פסוק לערינט אונז אז פינחס האט גימאכט אקריג מיט גאט . די מלאכים האבן גיוואלט אוועק

בן קנאי הוא משיב חמה בן משיב חמה הוא . התחילו שבטים מבזים אותו ראיתם בן פוטי זה שפטם אבי אמו עגלים לע"ז והרג נשיא שבט מישראל בא הכתוב ויחסו (במדבר כה) פנחס בן אלעזר בן אהרן הכהן א"ל הקב"ה למשה הקדם לו שלום שנא' (שם) לכן אמור הנני נותן לו את בריתי שלום וראויה כפרה זו שתהא מכפרת והולכת לעולם . אמר ר' יוחנן ה' שמות יש לו זמרי בן סלוא ושאול בן הכנענית ושלומיאל בן צורישדי זמרי על' שנעשה כביצה המוזרת בן סלוא על שהסליא עונותיו של משפחתו שאול על שהשאיל עצמו לדבר עבירה בן הכנענית על שעשה מעשה כנען ומה שמו שלומיאל בן צורישדי שמו :

אמר ר' חייא בר (אבא) [אבויה] כתוב על גולגלתו של יהויקים זאת ועוד אחרת זקנו דר' פרידא אשכח ההוא גולגלתא דהוה שדיא בשערי ירושלים והוה כתיב עילויה זאת ועוד אחרת קברה

לו שקנא כמעשה דיהו דכתיב בקנאו יעשה את אלהיו : בן משיב חמה . אהרן במעשה דקרח דכתיב כי יצא הקצף וכתיב ויתן את הקטורת : אבי אמו . יתרו דאלעזר אבי פנחס לקח מבנות יתרו דכתיב ואלעזר בן אהרן לקח לו מבנות פוטיאל לו לאשה ומפרש באגדה פוטיאל זה יתרו שפטם עגלים לע"ז ואמרינן בסוטה פוטיאל זה בנו של יוסף שפטפט ביצרו ומשנינן לו אבוה דאימיה מיתרו ואימיה דאימיה מיוסף או אבוה דאימיה מיוסף ואימיה דאימיה מיתרו דיקא נמי דכתיב פוטיאל ולא פוטאל : וראויה כפרה זו . שעשה פנחס : שתהא מכפרת לעולם . דכתיב ברית כהונת עולם תחת אשר קנא לאלהיו ויכפר (דכפרה זו לעולם עומדת לזכרון טוב לישראל) : הסליא . גרם שיזכרו ויספרו לשון לא תסולה בכתמים בפז שהיו מעריכין אותן בפז ואת זה ולא משפחתו הלו בגלופים ל"א גרס לתפש ולדקדק אחר עונם לשון מסלסל בשערו : מעשה כנען . זמה כדאמרינן בע"פ חמשה דברים צוה כנען את בניו אהבו את הזמה : זאת ועוד אחרת . זאת נעשית בה כבר ועוד אחרת תעשה בה : זקנו דרבי פרידא . סבא ר'

---

אנוועק שטויסען פנחסן . האט גאט צו זיי געזאגט לאזט איהם . ער איז א קנאי דער זוהן פון א קנאי ווער איז אין בעם אויף זנות (פון זמרי מיט כזבי) . אונ זיין פאטער לוי איז אויך געוועזן אין כעס אויף זנות (פון דינה מיט שכם) . ער איז א משיב חמה דער זוהן פון א משיב חמה . ער האט געשטילט מיין כעס פון דיא יודען איצט . אונ זיין פאטער האט אויך געשטילט מיין כעס פון דיא יודען ביא דער מעשה פון קרח ווען אהרן האט אויף געהאלטין דיא מגפה מיט דיא קטרת . דער נאך האבין דיא שבטים אנגעהויבין צו פארשעמען פנחסן אונ זייא האבין געזאגט האט איהר געזעהן וואס דער זוהן פון דעם שטאפער האט געטאהן . דער פאטער פון זיין מוטער וואס איז געוועזן יתרו האט געשטאפט קעלבער מען זאל זייא מקריב זיין צו דיא עבודה זרה . זאל ער הרגנען א נשיא פון איודישען שבט . איז געקומען דער פסוק אונ האט געשטעלט דעם יחוס פון פנחס . פנחס איז דער זוהן פון אלעזר . אונ אלעזר איז דער זוהן פון אהרן הכהן . האט גאט געזאגט צוא משה זאג דוא פריער שלום צוא פנחסן . אזוי וויא עס שטייט אין פסוק דריבער זאלסטו זאגין צו פנחסן איך גיב צו איהם מיין ברית שלום אז ער וועט אייביג האבין שלום אונ דאס פארגעבונג איז ווערט זיא זאל אייביג פארגעבין אויף דיא יודין . רבי יוחנן זאגט פינף נעמען האט ער געהאט זמרי בן סלוא (איז צוויא) . שאול בן הכנענית (איז צווייא) . אונ שלומיאל בן צורי שדי (איז איינס) . זמרי האט מען איהם גירופין ווייל דורך דעם וואס ער האט פיל מאהל (פיר הונדערט מיט פיר אונ צוואנציג מאהל) בועל געוועזן דיא זונה כזבי . איז דיא זרע אין איהם צו מישט געווארין כביצה המוזרת . אזוי וויא א רויע איי וואס אהגן איז אויף איהר געזעסן . בן סלוא האט מען איהם גירופין . ווייל דורך איהם איז דער מאנט געווארין די עבירות פון זיין משפחה . שאול האט מען איהם גערופין . ווייל ער האט זיך פארבארגט צו מאכן עבירות . בן הכנענית האט מען איהם גירופין . ווייל ער האט געטאהן אזוי וויא כנען . ער האט מזנה געוועזן . זיין נאמען איז געוועזן שלומיאל בן צורישדי :

אמר . רבי חייא בר אבויה האט געזאגט אויף דיא קאפ פון יהויקים איז געוועזן געשריבען זאת ועוד אחרת . (דיא נקמה איז שוין געטאהן געווארין מיט דיא קאפ . אונ נאך א נקמה וועט מיט איהר געטאהן ווערין) . דער זיידע פון רבי פרידא האט געפונען א קאפ איז געלעגין אין דיא טויערין פון ירושלים . אונ אויף דיא קאפ איז געוועזן געשריבען זאת ועוד אחרת . האט דער זיידע

פון

קברה והדר נבוג קברה והדר נבוג אמר דילמא האי גולגלתא של יהויקים דכתיב ביה (ירמיה כב) קבורת חמור יקבר סחוב והשלך מהלאה לשערי ירושלים אמר מלכא הוא ולאו אורח ארעא לבזוייה שקלה כרכה בשיראי ואותביה בסיפטא אתאי דביתהו חזיתה נפקת אמרה להו לשיבבתהא אמרי לה האי דאתתא קמייתא היא דלא קא מנשי לה שגרתא להנורא וקלתה כי אתא אמר היינו דכתיב עילויה זאת ועוד אחרת:

ר"ה בר אבויה וכבי אמריק בחלק : גבה : נגלה ויצאה מקבורתה : קבורת חמור . מהלך ברחובות : בסיפטא . אל גב : לשיבבתהא . אל שכנותיה : דלא קא מנשי לה . אינה נשכחת מלבה : שגרתא להנורא . הסיקה את התנור :
מה מכה בהמה לרפואה . כגון מקיז דם פטור מן התשלומין שהרי לא הזיקה : אף מכה אדם. דכייא אביו : לרפואה פטור . ממילא ולא"צ דתנורא הוא : ואהבת לרעך כמוך . לא הוזכר

## אלו הן הנחנקין פרק עשירי

(דף פד ע"ב) **א איבעיא** להו בן מהו שיקיז [דם] לאביו רב מתנה אמר (ויקרא יט) ואהבת לרעך כמוך רב דימי בר חנינא אמר מכה אדם ומכה בהמה מה מכה בהמה לרפואה פטור אף מכה אדם לרפואה פטור . רב לא שביק לבריה למישקל ליה

---

פון רבי פרידא גינומען דיא קאפ אונ האט איהר בגראבין . איז דיא קאפ צוריק ארויס פון דער ערד . האט ער זיא נאך אמאהל בגראבין ; איז זיא נאך אמאהל ארויס פון דער ערד : האט ער גיזאגט טאמער איז דאס דיא קאפ פון יהויקים . וואס ביי איהם שטייט ער וועט בגראבין ווערין וויא מען בגראבט אאייזיל . מען וועט איהם אוועק שלעפין אונ אוועק ווארפין ווייטער פון דיא טויערין פון ירושלים . האט דער זיידע פון רבי פרידא גיזאגט ער איז דאך גיוועזען אמלך איז ניט שיין מען זאל איהם פארשעמען . דיא קאפ זיינע זאל ליגען אויף דיא נאס . האט ער גינומען דיא קאפ אונ האט איהר איינגעוויקעלט אין זיידינס אונ האט איהר אריין גילייגט אין אקאסטין . איז גיקומען דיא ווייב זיינע אונ האט גיזעהן וויא דער מאן לייגט אריין די קאפ אין קאסטין האט זיא דאס דער ציילט צו איהרע שכנות וצו דיא ווייבער וואס וואהנען נאנט פון איהר . האבין דיא ווייבער צו איהר גיזאגט דיא קאפ איז פון דיין מאנס ערשטע ווייב . ער האט בעהאלטין איהר קאפ ער זאל אן איהר ניט פארגעסין . האט זיא אוים גיהייצט אין הויבין אונ האט פאר ברענט דעם קאפ : אז איהר מאן איז גיקומען אונ ער האט גיזעהן דער קאפ איז פאר ברענט גיווארין . האט ער גיזאגט דאס איז וואס אויף דעם קאפ איז גיוועזען געשריבען זאת ועוד אחרת ודיא נקמה איז שוין גימאכט גיווארין מיט דיא קאפ . אונ נאך אנקמה וועט מען מיט איהר גימאכט ווערין :

## פרק עשירי

**א** איבעיא . מען האט גיפרעגט אויב אזוהן מעג עפענען אאדער פון זיין פאטער עס זאל ארויס גיין בלוט . וועט דער פאטער גיהיילט ווערין ׳ רב מתנה זאגט עס שטייט אין פסוק דוא זאלסט ליב האבין דיין חבר וויא ליב דוא האסט דיך אליין . אזוי וויא אז דער מענטש אליין וואלט קראנק גיוועזען . וואלט ער גיעפינט זיין אדער עס זאל ארויס גיין בלוט ער זאל גיזונד ווערין . אזוי מעג ער עפענען דעם אדער פון זיין חבר עס זאל ארויס גיין בלוט דער חבר זאל גיזונד ווערין . אונ אזוי מעג ער עפענען דעם אדער פון זיין פאטער אויך . רב דימי בר חנינא זאגט עס שטייט אין פסוק אז מען שלאגט אמענטשין אונ מען שלאגט אבהמה די ביידע דינים שטייען אייגם נעבין דאס אנדערע . אזוי וויא אז מען שלאגט אבהמה (מען לאזט פון איהר בלוט) זיא זאל געזונד ווערין . דארף מען ניט בצאהלין . ווארום ער האט דאך דעם בעל הבית גימאכט אטובה . אזוי אז אייגער שלאגט אמענטשין (ער עפינט איהם אאדער פון איהם זאל ארויס גיין בלוט) ער זאל גיזונד ווערין : אפילו פון זיין פאטער ; מעג מען אויך . רב אז אין זיין

 לייב

ליה סילוא מר בריה דרבינא לא שביק לבריה למפתח ליה כוותא דילמא חביל והוה ליה שגגת איסור אי הכי אחר נמי אחר שגגת לאו בנו שגגת חנק :

(דף פו ע"ב) **ב משנה** זקן ממרא ע"פ ב"ד שנאמר (דברים יז) כי יפלא ממך דבר למשפט וגו' ושלשה בתי דינין היו שם אחד יושב על פתח הר הבית ואחד יושב על פתח העזרה ואחד יושב בלשכת הגזית באים לזה שעל פתח הר הבית ואומר להם כך דרשתי וכך דרשו חברי כך למדתי וכך למדו חברי אם שמעו [אומרים] להם ואם לאו (אלו ואלו) באים לאותו שעל פתח העזרה ואומר כך דרשתי וכך דרשו חברי כך למדתי וכך למדו חברי אם שמעו אמרו להם ואם לאו אלו ואלו באים לבית' דין

ישראל מלעשות לחבריהם אלא דבר שאינו הפן לעשות לעצמו : סלוא קוץ ישב לו בבשרו : למפתח ליה כוותא. כויה להוציא ליחה הימנה : אי הכי אחר נמי. לא ליפתח שהרי כל ישראל הוזהרו על חבלת חבירו דכתיב לא יוסיף פן יוסיף : שגגת לאו. באין מתכוין הוי שגגה באיסור שהזהרו לאו בעלמא דקיל :

ג' בתי דינין היה שם בירושלים דמשתעי בה קרא וקמת ועלית : אחד יושב על פתח הר הבית. סוף שער המזרחי שלפנים מן החיל לפני עזרת נשים : ואחד יושב. למעלה הימנו כשעברו עזרת נשים ובאין לעזרת ישראל : ואחד בלשכת הגזית. שהיא בנויה בתוך העזרה חציה בקודש וחציה בחול כדאמרינן בסדר יומא : באין לזה שעל פתח הר הבית. זקן זה שהורה בעירו ונחלק ב"ד שבעירו עליו

---

לייב האט גישטעקט אשטיקול האלץ אונ מען האט דאס גידארפט ארויס נעמען . הט ער ניט גילאזין דעם זוהן ער זאל דאס ארויס נעמען : מר בריה דרבינא אז ער האט גיהאט אמכה אונ מען האט איר גידארפט עפענען דיא מאטעריע זאל ארויס גיין . האט ער ניט גילאזין דעם זוהן ער זאל עפענען דיא מכה . טאמער וועט דיא מכה ערגער ווערין : וועט דער זוהן האבען גיטאהן אעבירה אומגערין . פרעגט דיא גמרא אויב אזוי דארף דאך איין אנדערער אויך ניט עפענען די מכה . ווארום יעדער יוד איז פרבאטין ער זאל נישט מאכען אוואונד צו זיין חבר . ענפערט די גמרא אז אפרעמדער מאכט זיין חבר אוואונד אומגערין . הט ער גיטאהן אומגערין אעבירה פון אלאו . אבער אז אזוהן מאכט אוואונד צוא זיין פאטער אומגערין . האט ער גיטאהן אומגערין אעבירה פון חנק :

**ב** משנה . זקן . אויב איינער וויל ניט פאלגין וואס דער בית דין פון בית המקדש הט גיפסקת . קומט אים חנק . ווארום עס שטייט אין פסוק אז עס וועט זיין פר הוילען אזאך פון דיר צום משפט . דאס מיינט מען אויב עס וועט דיר זיין אספק אין אדין . דוא וועסט ניט וויסען ווי צו משפטין . (אזוי וויא עס שטייט אין דיא סדרה שופטים) . זאגט דיא משנה דרייא ערליי בית דין זענען גיוועזען אין ירושלים . איין בית דין איז גיזעסען ביי דעם טויער ווי מען גייט ארויף אויף דעם בארג וואס אויף אים איז דער בית המקדש גישטאנען . דער אנדערער בית דין איז גיזעסען ביי דיא טיר וויא מען גייט אריין אין דיא עזרה . אונ דער דריטער בית דין איז גיזעסען אין דיא שטוב וואס מען רופט איר לשכת הגזית . דער זקן וואס האט גיקריגט מיט דעם בית דין פון זיין שטאט . אונ מען האט ניט גיוואוסט וויא דער דין איז . זענען גיקומען אין ירושלים צו דעם בית דין וואס זיצט ביי דעם טויער וויא מען גייט ארויף אויף דעם בארג . אונ דער זקן זאגט אזוי האב איך גידרשת דעם פסוק . אונ אזוי האבען מיינע חברים גידרשת דעם פסוק . אזוי האב איך גילערונט דעם דין . אונ אזוי האבען מיינע חברים גילערונט דעם דין . אויב דער בית דין וואס זענען גיזעסען ביי דעם טויער האבען גיוואוסט דעם דין . זאגן זיי ווי זייא ווייסען . אונ אויב זייא ווייסען אויך ניט . קומען זייא צו דעם בית דין וואס זיצען ביי דיא טיר פון דיא עזרה . אונ דער זקן זאגט אזוי האב איך גידרשת דעם פסוק . אונ אזוי האבען מיינע חברים גידרשת דעם פסוק . אזוי האב איך גילערונט דעם דין . אונ אזוי האבען מיינע חברים גילערונט דעם דין . אויב דער בית דין פון דיא עזרה האבען גיוואוסט דעם דין . זאגין זייא וויא זייא ווייסען . אונ אויב זייא ווייסען אויך ניט זענען אלע דיינים פון דיא ביידע ערליי בית דין גיקומען צו דעם גרויסען בית דין וואס זיצען אין דיא שטוב וואס הייסט

לשכת

דין הגדול שבלשכת הגזית שמשם תורה יוצאה לכל ישראל שנאמר (שם) מן המקום [ההוא] אשר יבחר ה' חזר לעירו ושנה ולמד כדרך שהיה לומד פטור ואם הורה לעשות חייב שנאמר (שם) והאיש אשר יעשה בזדון לבלתי שמוע אינו חייב עד שיורה לעשות תלמיד שהורה לעשות פטור נמצא חומרו קולו:

והזקקים ככתוב לעלות לירושלים ולשאול (ובא ב"ד) [ובאין הוא וב"ד] שבעירו לב"ד זה שעל פתח הר הבית שהרי בו פוגעין תחלה: תלמיד שהורה לעשות. תלמיד שלא הגיע להוראה והלך על ב"ד שבעירו ובא לב"ד הגדול ושאל וחזר לעירו והורה כבתחלה: פטור. שאין נסמך על הוראתו והורה לא הייתה רלא מופלא ומומחה כב"דו כדאמרינן בגמ': נמצא חומרו קולו. חומר שהחמיר עליו שאינו ראוי להוראה עד שיהא בן ארבעים

(דף פח ע"ב) ג תניא א"ר יוסי מתחלה לא היו מרבין מחלוקת בישראל אלא ב"ד של שבעים ואחד יושבים בלשכת הגזית ושני בתי דינין של עשרים ושלשה אחד יושב על פתח הר הבית ואחד יושב על פתח העזרה ושאר בתי דינין של כ"ג יושבים בכל עיירות ישראל הוצרך הדבר לשאול שואל מב"ד שבעירו אם שמעו אמרו להם ואם לאו באים לזה שסמוך לעירו אם שמעו אמרו להם ואם לאו באים לזה שעל פתח הר הבית וכו'

---

קיסר'ס טאכטער זאגט צוא רבן גמליאל לאז מיך איך וועל ענטפערן מיין פאטער. צוויא טעפערס זענען דא אין אונזער שטאט. איינער מאכט טעפ פון וואסער: אונ דער אנדערער מאכט טעפ פון ליים. וועלכער איז א גרעסערער מייסטער. האט דער קיסר געזאגט דער וואס מאכט דיא טעפ פון וואסער איז געוויס א גרעסערער מייסטער. האט דיא טאכטער געזאגט צום קיסר מאדאך גאט קען באשאפן א מענטשין פון וואסער (פון דעם טראפין זרע) פון דיא ליים אונ ערד וואס ווערט פון דעם געשטארבענעם מענטש. וועט גאט געוויס קענען באשאפען אלעבעדיגען מענטש. דבי רבי ישמעאל האט געזאגט אזוי האט דיא טאכטער געזאגט צו איר פאטער דער קיסר. עס איז א קל וחומר פון אגלעזערנע כלי. מאדאך אגלעזערנע כלי וואס זיא איז אויף געבלאזין געווארין פון דעם מענטשינס אטעם. אז זיא ווערט צו בראכען. קען מען מאכען פון די שטיקער א נייע כלי. א מענטש וואס ער איז אויף געבלאזין געווארין פון דעם אטעם פון גאט. אז ער ווערט צוא בראכען (אז ער שטארבט) קען מען פון אים געוויס מאכען א נייעם מענטש. אאפיקורוס האט אמאהל געזאגט צוא רבי אמי איר זאגט אז דיא געשטארבענע וועלין לעבעדיג ווערין. דיא געשטארבענע ווערין דאך ערד. אונ ערד קען דען לעבין. האט רבי אמי געזאגט צום אפיקורוס איך וועל דיר זאגן א משל. צו וואס איז דיא זאך גלייך צוא א מלך וואס האט געזאגט צו זיינע קנעכט גייט באהט פון מיינעטוועגין גרויסע פאלאצין אויף אזוי א ארט וואס דארטין איז נישטא קיין וואסער אונ נית קיין ערד. זענען זייא געגאנגען אונ האבען אויף געבאהט. דער נאך זענען דיא פאלאצין איין גיפאלען. האט דער מלך געזאגט צו זיינע קנעכט גייט אונ באהט פון מיינעט וועגין אנדערע פאלאצין אויף אזוי א ארט וואס דארטין איז יא דא ערד אונ וואסער. האבען די קנעכט געזאגט צום מלך מיר קענען נית באהען. איז דער מלך אויף זייא אין כעס געווארין אונ האט געזאגט צו זייא אויף דעם ארט וואס איז נישטא קיין ערד אונ וואסער האט איר געקענט באהען. אונ אויף דעם ארט וואס עס איז יא דא ערד אונ וואסער. זאגט איר אז איר קענט נית באהען. ביי גאט איז אויך אזוי. מאדאך ער האט גיקענט באשאפען אויף גאר נישט אונ פון גאר נישט אגאנצע וועלט אונ אזוי פיל לעבעדיגע זאכען. וועט ער דאך פון ערד געוויס קענען באשאפען אלעבעדיגען מענטשין. אונ אויב דוא גלויבסט מיר נישט אז גאט באשאפט לעבעדיגע זאכען פון ערד. גיי צום טאהל וועסטו דארט זעהן אזוי אמויז וואס האט היינט אן גיהויבען ארויס צו גיין אונ באשאפען ווערין פון דיא ערד. אונ ער איז נאך העלפט פלייש אונ

העלפט

מרובה עלה להר וראה שהיום אין בו אלא חלזון אחת למחר ירדו גשמים ונתמלא כולו חלזונות . א"ל ההוא צדוקי לגביהה בן פסיסא אוי לכון חייביא דאמריתון מיתיא חיין דחיין מיתי דמיתי חיין א"ל אוי לכון חייביא דאמריתון מיתי לא חיין דלא הוו הוו דהוו לא כ"ש אמר ליה חייביא קרית לי אי קאימנא בעיטנא בך ופשיטנא לעקמומיתך מינך א"ל אם אתה עושה כן רופא אומן תקרא ושכר הרבה תטול :

ד ת"ר בכ"ד בניסן איתנטילו דימוסנאי מיהודה ומירושלים כשבאו בני אפריקא לדון עם ישראל לפני אלכסנדרוס מוקדון אמרו לו ארץ כנען שלנו היא דכתיב (במדבר לד) ארץ כנען לגבולותיה וכנען אבוהון דהני אינשי הוי אמר להו גביהה בן פסיסא לחכמים תנו לי רשות ואלך ואדון עמהם לפני

מרובה . שבוע אחד שבועים והאי בנור שאין הקב"ה מהי' מתים לפי שעה כך עלה להר וכו' : חלזון . הולכת בימות כן יום אחד לשבעים שנה ומכבין כמו הלכת ולהלכה אינו נראה בכל הסר אלא חלזון אחד : ולמחר שהגשמים יורדין מתמלא כולו חלזונות ונראה למורי שבימי חלזון מבריאות כולן אלמא יש בידו להיות לפי שעה : גביהה בן פסיסא . כך שמו והיה לו עקמומית בגבו כדמוכח לקמן : ווי לכון חייביא . אוי לכם רשעים : דהוי מתים . אותן שכן חיים רואין אנו שמתים והאיך יעלה על דעתנו שהמתים חוזרין וחיין : דלא הוו . אותן שלא היו בעולם נוצרין ונולדין וחיין אותן שהיו כבר לא כ"ש שחוזרין וחיין : א"ל . מינא : חייביא קרית לי וכו' . לקמהרו בה :

דימוסנאי . עוררין נעלי חמס שהיו רוצין ליטול חלק ביהודה ובירושלים : שבאו בני אפריקא לדון וכו' . ובמגלת תענית חשיב להו כל אותן ימים שנעשו בהן נסים [[illegible]] וקבעום י"ט ולהכי קאמר הכא בכ"ד בניסן לומר די"ט הוא ואסור בהספד משום נס זה : ארץ כנען לגבולותיה . דלהך ארעא

---

העלפט ערד . אונ אויך מארגין ווערט ער אשדין אונ איז אין גאנצן פלייש . טאמער וועסטו זאגין אז עס דאערט אלאנגע צייט ביז פון דיא ערד קומט ארויס דער שרץ . גיי ארויף אויף דעם בארג וועסטו זעהן אז היינט איז נישט מער דא אויף דעם בארג נאר איין ווערעמיל חלזון . אונ דוא וועסט ווארטען ביז מארגין וועסטו זעהן עס וועט גיין רעגין אונ דער גאנצער בארג וועט פול ווערין מיט דיא ווערעמלאך וואס הייסען חלזון והער חלזון איז אזוי א ווערעמיל וואס ער גייט ארויס פון ים איין מאהל צו זיבעציג יאהר . אונ מען פארבט מיט זיין בלוט תכלת צו ציצית . פריער גייט ארויף אויף דעם בארג איין חלזון . אונ נאך דעם רעגין ווערט פול דער גאנצער בארג מיט חלזונות :

אמאהל האט אאפיקורוס גיזאגט צו גביהה בן פסיסא וויי צו אייך רשעים איר זאגט אז דיא טויטע וועלין לעבעדיג ווערין : אז מיר זעהן דיא לעבעדיגע שטארבין . וועלין דיא טויטע לעבעדיג ווערין . האט גביהה גזאגט צום אפקורוס וויי צו אייך רשעים איר זאגט דיא טויטע וועלין ניט לעבעדיג ווערין . מאדאך דיא מענטשין וואס זענען גאר ניט גיוועזען אויף דער וועלט אונ לעבין . דיא וואס זענען שוין אמאהל גיוועזען אויף דער וועלט . איז דען ניט געוויס אז זייא וועלין צוריק קומען אויף דער וועלט אונ וועלין לעבין . הט דער אפקורוס גזאגט צוא גביהה דוא רופסט מיך רשע . אז איך וועל מיך אויף שטעלין וועל איך אטרעט געבין אויף דיר וועל איך אוים גלייכען דיין קרומע פלייצע . האט גביהה גיזאגט צום אפיקורוס אויב דוא וועסט אזוי טאהן וועט מען דיך רופען דוא ביסט אגרויסער דאקטאר אונ דוא וועסט נעמען פאר דעם פיל געלט :

ד תנו רבנן . דיא רבנן האבען גילערונט דעם פיר אונ צוואנציגסטין טאג אין ניסן זענין צו גינומען גיווארין דיא מענטשין וואס האבען געקריגט אויף דיא יודין אונ האבען גיוואלט נעמען אחלק אין יהודה אונ אין ירושלים . ווארום אמאהל זענען גיקומען מענטשין פון אפריקא צו האבען אמשפט מיט יודין פאר אלכסנדרוס מוקדון . אונ דיא אפריקאנער האבען גיזאגט די לאנד כנען וואס איז ארץ ישראל] איז אונזערע . אזוי וויא עס שטייט אין פסוק די לאנד כנען צו אירע גרענעצין . ווערט אייער לאנד גירופען דיא לאנד פון כנען . האט איר דאך דיא לאנד אוועק גינומען פון כנען . אונ כנען איז גיוועזען דער פאטער פון די אפריקאנער מענטשין . דארפין מיר ירשנן דיא לאנד . הט גביהה בן פסיסא גזאגט צו דיא חכמים גיט מיר רשות אונ איך וועל גיין מיט זייא צום משפט פאר אלכסנדרוס מוקדון . אויב זיי וועלין מיך איין נעמען אונ

זייא

לפני אלכסנדרוס מוקדון אם ינצחוני אמרו הדיוט שבנו נצחתם ואם אני אנצח אותם אמרו [להם] תורת משה רבינו נצחתכם נתנו לו רשות הלך ודן עמהם אמר להם מהיכן אתם מביאים ראיה אמרו לו מן התורה אמר אף אני לא אביא לכם ראיה אלא מן התורה שנאמר (בראשית ט) ויאמר ארור כנען עבד עבדים יהיה לאחיו עבד שקנה נכסים עבד למי נכסים למי ולא עוד אלא שהרי כמה שנים שלא עבדתונו אמר להו אלכסנדרוס מלכא החזירו לו תשובה אמרו לו תנה לנו זמן ג' ימים נתן להם זמן בדקו ולא מצאו תשובה מיד ברחו והניחו שדותיהן כשהן זרועות וכרמיהן כשהן נטועות ואותה שנה שביעית היתה :

קי׳ ארץ כנען ואתם ירשתם אותה שלא כדין דשלם סוף דכנען אבינו היה :

**השוב** פעם אחת באו בני מצרים לדון עם ישראל לפני אלכסנדרוס מוקדון אמרו לו הרי הוא אומר (שמות יב) וה' נתן את חן העם בעיני מצרים וישאילום תנו לנו כסף וזהב שנטלתם ממנו אמר גביהה בן פסיסא לחכמים תנו לי רשות ואלך ואדון עמהם לפני אלכסנדרוס אם ינצחוני אמרו להם הדיוט שבנו נצחתם ואם אני אנצח אותם אמרו להם תורת משה רבינו נצחתכם נתנו לו רשות והלך ודן עמהם אמר להם

---

זיא וועלין געווינען דעם משפט. וועט איר זאגין דעם פראסטין מענטשין וואס צווישען אונז האט איר איין גינומען. אונ אויב איך וועל זייא איין נעמען אונ איך וועל געווינען דעם משפט וועט איר זאגן צו זייא דיא תורה פון משה רבינו האט אייך איין גינומען. האבען דיא חכמים גיגעבין רשות צו גביהה אונ ער איז גיגאנגען מיט זייא צום משפט פאר אלכסנדרוס. האט גביהה גיזאגט צו דיא אפריקאנער פון וואנען ברייננט איר אבעווייזונג אז דיא לאנד איז אייערע. האבען דיא אפריקאנער גיזאגט צוא גביהה אונזער בעווייזונג איז פון אייער תורה. האט גביהה גיזאגט איך וועל אויך ניט ברייננען אבעווייזונג פון קיין אנדער ארט נאר פון דער תורה. עס שטייט אין דער תורה נח האט גיזאגט פאר פלוכט זאל זיין כנען אקנעכט זאל ער זיין צוא זיינע ברידער. אקנעכט וואס האט גיקויפט אלאנד. צוא וועמען גיהער דער קנעכט אונ צו וועמען גיהער דיא לאנד. געוויס גיהער אלץ צום בעל הבית. גיהער דאך אלץ צו שם. אונ מיר זענין דיא קינדער פון שם. דארפין מיר ירשנן דיא לאנד. אונ איך האב נאך ביי אייך צו מאנען. איר זענט דאך אונזערע קנעכט דארפט איר דאך ביא אונז דינען. אונ עס איז שוין אוועק גיגאנגען פיל יאהר וואס איר האט אונז ניט בדינט. האט דער מלך אלכסנדר גיזאגט צוא דיא אפריקאנער ענפערט צוא דעם גביהה וואס ער מאנט ביי אייך. האבן די אפריקאנער גיזאגט צום מלך גיב אונז צייט דרייא טעג. האט דער מלך זייא גיגעבין צייט דרייא טעג. האבען זיי גיקלערט אונ האבען ניט גיוואוסט וואס צו ענפערין. זענען זיי אנטלאפין אונ האבען גילאזין פארזייטע פעלדער אונ גיפלאנצטע וויינגערטנער. אונ דער יאהר איז גיוועזן דער זיבעטער יאהר דאס איז שמטה:

**ה** שוב אמאהל זענען גיקומען די מצריים צו האבין אמשפט מיט יודין פאר אלכסנדרוס מוקדן. די מצריים האבין גיזאגט עס שטייט אין דער תורה גאט האט גיגעבין חן צו דעם פאלק יודין אין די אויגין פון די מצריים. אונ די מצריים האבין פאר בארגט צו די יודין גאלד אונ זילבער אונ קליידער. גיט אונז אפ צוריק די זילבער אונ די גאלד וואס איר האט גינומען ביי אונז. האט גביהה בן פסיסא גיזאגט צו די חכמים גיט מיר רשות אונ איך וועל גיין מיט זיי צום משפט פאר אלכסנדרוס מוקדן. אויב זיי וועלין מיך איין נעמין אונ זיי וועלין געווינען דעם משפט. וועט איר זאגין דעם פראסטין מענטשין וואס צווישען אונז האט איר איין גינומען. אונ אויב איך וועל זיי איין נעמען אונ איך וועל געווינען דעם משפט. וועט איר זאגין צו זיי די תורה פון משה רבינו האט אייך איין גינומען. האבין די חכמים גיגעבין רשות צו גביהה אונ ער איז גיגאנגען מיט זיי צום משפט פאר אלכסנדרוס. האט גביהה גיזאגט צו די מצריים פון וואנען ברייננט איר אבעווייזונג

לאנטין כתיב בלא יטול אחד בחלק הבכור כמו בנכסי הבכורה נימטעל בלא ליטול במה בנתן

להם מהיכן אתם מביאים ראיה אמרו לו מן התורה אמר להם אף אני לא אביא לכם ראיה אלא מן התורה שנאמר (שם) ומושב בני ישראל אשר ישבו במצרים שלשים שנה וארבע מאות שנה תנו לי שכר עבודה של ששים רבוא ששעבדתם במצרים שלשים שנה וארבע מאות שנה אמר להם אלכסנדרוס מוקדון החזירו לו תשובה אמרו לו תנה לנו זמן ג' ימים נתן להם זמן בדקו ולא מצאו תשובה מיד הניחו שדותיהן כשהן זרועות וכרמיהן כשהן נטועות וברחו ואותה שנה שביעית היתה. ושוב פעם אחת באו בני ישמעאל ובני קטורה לדון עם ישראל לפני אלכסנדרוס מוקדון אמרו לו ארץ כנען שלנו ושלכם שנאמר (בראשית כה) ואלה תולדות ישמעאל בן אברהם וכתיב (שם) ואלה תולדות יצחק בן אברהם אמר להם גביהה בן פסיסא לחכמים תנו לי רשות ואלך ואדון עמהם לפני אלכסנדרוס אם ינצחוני אמרו הדיוט שבנו נצחתם ואם אנצח אותם אמרו להם תורת משה רבינו נצחתכם נתנו לו רשות והלך ודן עמהם אמר להם מהיכן אתם מביאים ראיה אמרו לו מן התורה אמר להם אף אני לא אביא ראיה אלא מן התורה שנאמר (שם) ויתן אברהם את כל אשר לו ליצחק ולבני הפילגשים אשר לאברהם נתן אברהם מתנות אב שכתב אנטין לבניו בחייו ושיגר זה מעל זה כלום יש

---

אבעווייזונג צו אייערע רייד. האבן די מצרים געזאגט צו גביהה אונזער בעווייזונג איז פון אייער תורה. האט גביהה געזאגט איך וועל אויך ניט ברייננען אבעווייזונג פון קיין אנדער ארט נאר פון דער תורה. עס שטייט אין דער תורה דאס זיצונג פון די יודין וואס זיי זענען געזעסן אין מצרים. איז געווען פיר הונדערט מיט דרייסיג יאהר. בצאהלט אונז פאר די ארבעט וואס זעקס מאהל הונדערט טויזענד מענטשין האבן ביי אייך געארבעט פיר הונדערט מיט דרייסיג יאהר. האט אלכסנדר מוקדן געזאגט צו די מצריים. זאגט אים אנטווארט. האבן די מצריים געזאגט צו אלכסנדר גיב אונז צייט דריי טאג. האט אלכסנדר זיי געגעבן צייט דריי טאג. האבן זיי געקלערט אונ האבן זיי ניט געוואסט וואס צו ענפערן. זענען זיי אנטלאפין אונ האבן געלאזין פאר זייטע פעלדער אונ געפלאנצטע וויינגערטנער. אונ דער יאהר איז געווען דער זיבעטער יאהר. דאס איז שמטה. אמאהל זענען געקומען די קינדער פון ישמעאל אונ די קינדער פון קטורה צו האבן אמשפט מיט יודין פאר אלכסנדר מוקדן. זיי האבן געזאגט צו די יודין די לאנד כנען איז אונזערע אונ אייערע. ווארום מיר אלע זענען קינדער פון אברהם: אזו וויעס שטייט אין פסוק דאס זענען די קינדער פון ישמעאל דער זוהן פון אברהם. אונ דאס זענען די קינדער פון יצחק דער זוהן פון אברהם. אונ אברהם האט גינומען נאך אווייב זי האט געהייסן קטורה אונ זיא האט געבארין צו אים קינדער. אונ גאט האט דאך געגעבין די לאנד כנען צו אברהם מיט זיינע קינדער. האט גביהה בן פסיסא געזאגט צו די חכמים גיט מיר רשות אונ איך וועל גיין מיט זיי צום משפט פאר אלכסנדרוס מוקדן. אויב זיי וועלין מיך איין נעמען אונ זיי וועלין געווינען דעם משפט. וועט איר זאגין דעם פראסטין מענטשין וואס צווישען אונז האט איר איין גינומען. אונ אויב איך וועל זיא איין נעמען אונ איך וועל געווינען דעם משפט. וועט איר זאגין צו זיי דיא תורה פון משה רבינו האט אייך איין גינומען. האבען דיא חכמים גיגעבין רשות צו גביהה אונ ער איז גינאנגן מיט זיי צום משפט פר אלכסנדרוס. הט גביהה געזאגט צו דיא קינדער פון ישמעאל אונ צו די קינדער פון קטורה פון וואנען ברייננט איר אבעווייזונג צו אייערע רייד. האבען זייא געזאגט צו גביהה אונזער בעווייזונג איז פון אייער תורה. האט גביהה געזאגט צו זייא איך וועל אויך ניט ברייננען אבעווייזונג פון קיין אנדער ארט נאר פון דער תורה. ווארום עס שטייט אין דער תורה אברהם הט גיגעבין זיין גאנץ פאר מעגין צו זיין זוהן יצחק. אונ צו דיא קינדער פון די פילגשים וואס אברהם הט גיהאט. האט אברהם גיגעבין מתנות. אפאטער וואס האט געשריבען אצוואה ווען ער האט גילעבט אונ ער האט צו טיילט זיין פאר מעגין צוא יעדער קינד בזונדער.

אונ

יש לזה על זה כלום . מאי מתנות א"ר ירמיה בר אבא מלמד שמסר להם שם טומאה :

ן א"ל אנטונינוס לרבי גוף ונשמה יכולין לפטור עצמן מן הדין כיצד גוף אומר נשמה חטאה שמיום שפירשה ממני הריני מוטל כאבן דומם בקבר ונשמה אומרת גוף חטא שמיום שפירשתי ממנו הריני פורחת באויר כצפור . א"ל אמשול לך משל למה"ד למלך שהיה לו פרדס נאה והיה בו (סס ע"ג) בכורות נאה והושיב בו שני שומרים אחד חגר ואחד סומא א"ל חגר לסומא בכורות נאות אני רואה בפרדס בא והרכיבני ונביאם לאכלם רכב חגר על גבי סומא והביאום ואכלום לימים בא בעל הפרדס אמר להם בכורות נאות היכן הם א"ל סומא כלום יש לי עינים לראות א"ל חגר כלום יש לי רגלים להלך בהם מה עשה הרכיב חגר ע"ג סומא ודן אותם כאחד אף הקב"ה מביא את הנשמה וזורקה בגוף ודן אותם כאחד שנאמר (תהלים נ) יקרא אל השמים מעל ואל הארץ לדין עמו יקרא אל השמים מעל זו נשמה ואל הארץ לדין עמו זה הגוף :

ליהנות כלום יש לזה ע"ז כלום : שם טומאה . כשוף ומעשה שדים :
בכורות . פירות הבכורות : יקרא אל השמים מעל . כלומר יקרא הקב"ה לנשמה שבאה לו (לאדם בתוך) [לתוך] גופו של אדם מאל השמים ממעל ויקרא אף אל הגוף שבא מן הארץ :

---

בייא צוא כאנען קינד אין געבען האט . אנדערין איינעם פון געשיקט צווייק האט ער אונ זאגט אבא בר ירמיה רבי . מתנות דיא געוועזן זענען וואס . גישט גאר געווים . אנדערין דעם ווי אונ כישוף מאכען זאלין זייא אזוי ווי . טומאה פון נאמען דעם גילערנט אויס זיי הט אברהם אזוי זייא זאלין בדינען מיט שדים :

ן אמר . דער מלך אנטונינוס האט גזאגט צו רבי דער גוף מיט דיא נשמה קענען זיך בעפרייען ווען גאט וועט זייא משפטין אויף זייערע עבירות . וויא אזוי . דער גוף קען זאגין דיא נשמה האט געזינדיגט . ווארום פון דער צייט וום דיא נשמה איז אפ גישיידט גיווארין פון מיר . ליג איך אין קבר אזוי וויא א שטיין . אונ טוה ניט קיין עבירה . אונ דיא נשמה וועט זאגין דער גוף הט געזינדיגט . ווארום פון דער צייט וואס איך בין אפ גישיידט גיווארין פון דעם גוף . פליה איך אין דער לופטין אזוי וויא א פויגיל . אונ זינדיג גאר ניט . הט רבי גזאגט צו אנטונינוס איך וועל דיר זאגין א משל צו וואס דיא זאך איז גליך . אמלך הט אמאהל גיהאט א שיינעם ווייגארטין . אין דעם ווייגארטין איז גיוועזן שיינע פרוכטין צייטיגע . האט דער מלך גיזעצט אין דעם ווייגארטין צוויי מענטשין זייא זאלין היטען דיא פרוכטין . איינער איז גיוועזן לאהם והינקעדיג אונ איינער איז גיוועזן בלינד . האט דער לאמער גזאגט צום בלינדען איך זעה שיינע צייטיגע פרוכטין אין דעם ווייגארטין . קום איך וועל מיך זעצין רייטין אויף דיר אונ איך וועל אפ רייסען פרוכטין אונ מיר וועלין ביידע עסין . איז אזוי גיוועזן דער לאמער האט גערייטען אויף דעם בלינדען אונ זייא האבען אפ גערישען פרוכטין אונ האבען גיגעסין . אמאהל איז גיקומען דער בעל הבית צו דיא היטערס וואו זענין דיא שיינע צייטיגע פרוכטין אין ווייגארטין האט ער גיזאגט . האט דער לאמער גזאגט האב איך דען אויגין צום זעהן . האט דער בלינדער גזאגט האב איך דען פיס צו גיין נעמען . ווס האט דער מלך גיטאהן ער האט ארויף גיזעצט דעם לאמען אויף דעם בלינדען אזוי וויא זייא האבען גיטאהן אונ ער האט זייא גערייטען צוזאמען . גאט טוהט אויך אזוי ער ברייננט דיא נשמה אונ זעצט זיא אריין צוריק אין גוף אונ ער משפט ביידע צו זאמען . אזוי וויא עס שטייט אין פסוק ער וועט רופען צום הימעל פון הויבין . אונ צו דיא ערד וועט ער רופין ער זאל משפטין זיין פאלק . ער וועט רופין צום הימעל פון הויבין דאס מיינט מען ער וועט רופין דיא נשמה וואס זיא איז הויבין אין הימעל . אונ צו דיא ערד וועט ער רופין דאס מיינט מען ער וועט רופין צום גוף וואס ער ליגט אין די ערד . אונ ער וועט אריין זעצין דיא נשמה אין דעם גוף . אונ אזוי וועט ער משפטין ביידע צו זאמען :

אמר

ז א"ל אנטונינוס לרבי מפני מה חמה יוצאה במזרח ושוקעת במערב א"ל אי הוה איפכא נמי הכי הוה אמרת לי א"ל הכי קאמינא לך מפני מה שוקעת במערב א"ל כדי ליתן שלום לקונה שנאמר (נחמיה ט) וצבא השמים לך משתחוים א"ל ותיתי עד פלגא דרקיעא ותתן שלמא ותיעול משום פועלים ומשום עוברי דרכים:

ח א"ל אנטונינוס לרבי נשמה מאימתי נתנה באדם משעת פקידה או משעת יצירה א"ל אפשר לחתיכה של בשר עומדת ג' ימים בלא מלח ואינה מסרחת א"ל משעת פקידה (א"ל אין משעת פקידה)

אמר

ז מפני מה שוקעת במערב תסובב את כל העולם עד שתחזור למקום זריחתה למזרח ותשקע דהוי שוה ככי לא שוה אמינא לך מפני מה שוקעת במזרח דמסב העולם כך הוא המקום שיצא שם נכנס: כדי ליתן שלום לקונה להקב"ה שהשכינה במערב וכיון שמגעת עד מערב הולכת ומשתחוה לפני הקב"ה שברא לכך שוקעת ונכנסת בסופה לפני הקב"ה: ותיתי עד פלגא דרקיעא. דאם לכך מתכוונה נמי הולכת בתוך המערב תבא עד אמצע של רקיע ותשקע שם ומשם תשתחוה כלפי מערב שכן דרך בני אדם משתחוים ברחוק לפני המלך ואינו מתקרב כל כך: משום פועלים. דאילו כן היה מחשיך פתאום שכשהחמה באמצע הרקיע מאירה ביותר וסבורים הם שעדיין יש שהות ביום והיו פועלים שוהין במלאכתן עד שתחשיכה ועוברי דרכים (נמי) לא היו יודעים מתי יחשיך לבקש להם בית לינה ולכך שוקעת במערב שכשהולכת ומשפלת והולכת וכלה אורה יודעין שמגיע שעת חשכה:

ח משעת יצירה שנקרם כולו בבשר וגידין ועצמות: פקידה. משעה שהמלאך פוקד הטפה ומביאה לפני המקום מה תהא עליה כדאמרינן בפרק כל היד במסכת נדה מיד מזקקה בו נשמה ותיום: א"ל. רבי משעת יצירה: א"ל. אנטונינוס וכי אפשר לחתיכה שתתקיים אפילו ג' ימים בלא מלח שאינה מסרחת וה"נ אילו לא היתה נשמה נתונה עד שעת יצירה היאך תתקיים הטפה שלא תסריח במעיה וכיון בטפה מסרחת שוב אינה מולדת (וא"ל אנטונינוס לרבי משעת פקידה: א"ל. רבי אין משעת

ז אמר. דער מלך אנטונינוס האט גזאגט צו רבי פאר וואס גייט ארויס דיא זוהן אין מזרח. אונ זיא גייט אונטער אין מערב. האט רבי גזאגט צו אנטונינוס אז עס וואלט גיוועז פאר קערט. דיא זוהן וואלט ארויס גיגאנגען פון מערב אונ וואלט אונטער גיגאנגען אין מזרח. וואלסטו אויך גיפרעגט פאר וואס עס איז אזוי. האט אנטונינוס גזאגט צו רבי אזוי פרעג איך ביי דיר. פאר וואס גייט אונטער דיא זוהן אין מערב. זאל דיא זוהן קומען צוריק אין מזרח אונ זאל אונטער גיין אין מזרח. האט רבי גזאגט וייל גאט איז אין מערב דריבער קומט דיא זוהן ביז צו מערב אונ זיא בוקט זיך פאר גאט אונ בעדאנקט זיך פאר וואס ער האט איר בשאפין. אונ זיא גייט אונטער. אזוי וויא עס שטייט אין פסוק דיא ערשאפט פון הימעל בוקען זיך צו דיר. האט אנטונינוס גזאגט צו רבי זאל דיא זוהן קומען ביז צום האלבין הימעל. אונ זאל זיך בוקין אונ זאל אונטער גיין. האט רבי גזאגט אז דיא זוהן איז אין האלבין הימעל אין דאמאלס דיא גרעסטע ליכטיגקייט. אז דיא זוהן ווער פלוצלינג אונטער גיין וועלין דיא ארבעטער בלייבן שטיין אין דער פינסטער ביי זייער ארבעט. אונ דיא מענטשין וואס פארין אין וועג וועלין בלייבען שטיין אין מיטען וועג אין דער פינסטער. דריבער גייט דיא זוהן ביז צו מערב אונ זיא ווערט אלע מאהל טינקעלער. אונ אלע מענטשין ווייסין ווען עס וועט ווערין נאכט. ווייסין דיא ארבעטער ווען אויף צו ראמען דיא ארבעט. אונ דיא מענטשין וואס זענען אין וועג ווייסן ווען אריין צו פארין אין אשטוב נעכטיגען:

ח אמר. דער מלך אנטונינוס האט גיזאגט צו רבי ווען ווערט גינעבין דיא נשמה אין מענטשין. משעת פקידה ווען דער מלאך ברייגנט דעם טראפין זרע פאר גאט אונ ער פרעגט וואס פון דעם טראפין וועט ווערין. דאמאלס קומט אריין דיא נשמה אין דעם טראפין זרע. אדער משעת יצירה ווען עס ווערט שוין אמענטש פלייש מיט אדערין אונ מיט ביינער דאמאלס קומט אריין דיא נשמה. האט רבי גיזאגט ווען דיא יצירה איז קומט אריין דיא נשמה. האט אנטונינוס גזאגט איז דען מעגליך אז אשטיק פלייש זאל ליגען דריי טעג אן זאלץ אונ זיא זאל ניט פאר שטונקען ווערין. אז דיא נשמה קומט איצט צו דער יצירה ווען עס איז שוין גיווארין פלייש מיט אדערין אונ ביינער וויא אזוי קען דער טראפין זרע אזוי לאנג ליגען אן אנשמה אונ זאל ניט פאר שטונקען ווערין. געוויס ווערט ער פאר שטונקען אונ אז דער טראפין זרע איז פאר שטונקען קען שוין פון אים קיין קינד ניט ווערין. האט אנטונינוס גזאגט באלד וויא

דער

אמר רבי דבר זה למדני אנטונינוס ומקרא מסייעו שנאמר (איוב י) ופקדתך שמרה רוחי. אמר ליה אנטונינוס לרבי יצר הרע מאימתי שולט בו באדם משעת יצירה או משעת יציאה אמר ליה משעת יצירה [א"ל] אם כן יבעוט באמו ויצא אלא משעת יציאה אמר רבי דבר זה למדני אנטונינוס והכתוב מסייעו שנאמר (בראשית ד) לפתח חטאת רובץ:

**ט ריש** לקיש רמי כתיב (ירמיה לא) בם עור ופסח הרה ויולדת יחדו וכתיב (ישעיה לה) אז ידלג כאיל פסח ותרון לשון אלם כי נבקעו במדבר מים ונחלים בערבה הא כיצד עומדים במומם ומתרפאים. עולא רמי כתיב (שם כה) בלע המות לנצח ומחה ה' אלהים דמעה מעל כל פנים וכתיב (שם סה) כי הנער בן מאה שנה ימות לא יהיה משם עוד עול ימים לא קשיא כאן בישראל כאן באומות העולם מאי בעו התם

משעת פקידה כדכתיב): למדני אנטונינוס. מדכתיב למדתי: ופקדתך שמרה רוחי: משעת פקידה כשמר רוחי: משעת יציאה. כביכול ממעי אמו לא משעת יצירה: א"ל. רבי משעת יצירה: א"ל. אנטונינוס אם כן בועט במעי אמו ויוצא אלא משעת יציאה:

בם עור ופסח. שחיין עם מומן: וכתיב אז ידלג כאיל פסח. דמשמע שמתרפאין: ועומדין במומן. ואחר כך מתרפאין: בלע המות לנצח. דלעתיד לבא מאחר שחיין שוב אין מתין: כי הנער. כלומר כשימות אדם לעתיד ומת בן ק' שנה יאמרו נער הוא מת כי הנער בן מאה שנה

---

דער טראפין זרע קומט אריין אין דיא אשה. קומט אריין אין דיא זרע אנשמה. האט רבי גזאגט דיא זאך האט מיך גילערנט אנטונינוס. אונ פון פסוק איז אויך אבעווייזונג וויא ער זאגט. אז וויא עס שטייט אין פסוק ופקדתך שמרה רוחי. ווען דער טראפין ווערט דער מאגט פאר גאט. וואס פון אים זאל זיין: ווערט שוין גהיט אין דעם טראפין דיא נשמה. נאך האט אנטונינוס גזאגט צו רבי ווען קומט דער יצר הרע אין דעם מענטשין. ווען דער מענטש ווערט בשאפען בייא זיין מוטער אין בויך. אדער ווען ער גייט ארויס פון זיין מוטערס בויך. האט רבי גזאגט ווען דער מענטש ווערט בשאפען בייא זיין מוטער אין בויך קומט אין אים דער יצר הרע. האט אנטונינוס גזאגט צוא רבי אז דאס קינד וואס איז בייא דיא מוטער אין בויך וואלט גיהאט איצר הרע. וואלט ער ארויס גיגאנגען פון דער מוטערס בויך פאר דיא צייט. נאר ווען ער גייט ארויס פון דיא מוטערס בויך קומט אין אים אריין דער יצר הרע. האט רבי גזאגט דיא זאך האט מיך גילערנט אנטונינוס. אונ פון פסוק איז אויך אבעווייזונג וויא ער זאגט. אזוי ווי עס שטייט אין פסוק לפתח חטאת רובץ. צו די טיר (פון דער מוטערס בויך) ליגט דער יצר הרע. אזוי וויא דאס קינד גייט נאר ארויס פון דער מוטערס בויך. גייט שוין דער יצר הרע אריין אין אים:

ט ריש לקיש האט גיפרעגט אין איין פסוק שטייט צווישען די מתים וואס וועלין לעבעדיג ווערין וועלין זיין בלינדע אונ הינקעדיגע. מעוברתה אונ געווינערינס. אלע צו זאמען. אזו וויא זייא וועלין שטארבען. וועלין זייא לעבעדיג ווערין. דער וואס וועט שטארבען מיט אפעלער. וועט ער לעבעדיג ווערין מיט דעם זעלביגען פעלער. אונ אין אנדערין פסוק שטייט ווען דיא מתים וועלין לעבעדיג ווערין. דער וואס איז גישטארבען הינקעדיג וועט ער גיזונד ווערין אז ער וועט קענען שפרינגען אזוי וויא אאינד. אונ דער שטומער וועט קענען זינגען. אונ אין דער מדבר וועלין אויף גישפאלטען ווערין קוואלין וואסער. אונ טייכען וועלין זיין אין דיא וויסטע ערטער. נאר אזוי וועט זיין. דיא מתים וועלין אויף שטיין מיט דיא פעלערס דער נאך וועלין זייא גיהיילט ווערין:

עולא האט גיפרעגט אין איין פסוק שטייט דער טויט וועט פאר דארבין ווערין אויף אייביג (דיא מתים וואס וועלין לעבעדיג ווערין וועלין שוין קיין מאהל ניט שטארבין) אונ גאט וועט אפ ווישען די טרערין פון אלע פנים. אונ אין אנדערין פסוק שטייט דער וואס וועט אלט זיין הונדערט יאהר אונ וועט שטארבין. וועט מען אויף איהם זאגין ער איז יונג גישטארבין. עס וועט דארט ניט זיין אמענטש וואס זאל זיין יונג אין יאהרין. זעהן מיר דאך אז מען וועט יא שטארבין. זאגט דיא גמרא עס איז ניט קיין קשיא יודין וועלין ניט שטארבען. אונ גוים וועלין

התם הנך דכתיב בהו (שם סא) ועמדו זרים ורעו צאנכם ובני נכר אכריכם וכורמיכם. רב חסדא רמי כתיב (שם כד) וחפרה הלבנה ובושה החמה כי מלך ה' צבאות וכתיב (שם ל) והיה אור הלבנה כאור החמה ואור החמה יהיה שבעתים כאור שבעת הימים. ל"ק כאן לימות המשיח כאן לעה"ב ולשמואל דאמר אין בין העה"ז לימות המשיח אלא שעבוד מלכיות בלבד לא קשיא כאן במחנה צדיקים כאן במחנה שכינה. רבא רמי כתיב (דברים לב) אני אמית ואחיה וכתיב (שם) מחצתי ואני ארפא אמר הקב"ה מה שאני ממית אני מחיה והדר מה שמחצתי אני ארפא:

י **תנו** רבנן אני אמית ואחיה יכול תהא מיתה באחד וחיים באחד כדרך שהעולם נוהג ת"ל מחצתי

יחזו תלמוד מהכא: וחפרה הלבנה ובושה החמה. משמע ביאה אורם כהה וכתיב והיה אור הלבנה כאור החמה: כאן לימות המשיח. כשיבא העבוד יהיה אור הלבנה כאור החמה ולעתיד לבא וחפרה הלבנה ובושה החמה מרוב נוגה של צדיקים: ולשמואל דאמר. בדוכתי אחריתי אין בין העוה"ז לימות המשיח וכו': אידי ואידי לעוה"ב: אלא כאן במחנה צדיקים. וחפרה מזיו השכינה: כאן במחנה צדיקים. כאן במחנה שכינה לא גרסינן: כתיב אני אמית ואחיה. דמשמע כשם שאני אמית את האדם כך אני מחייהו כמת בעל מום עומד והוי בעל מום: וכתיב מחצתי ואני ארפא. כשהוא מחיה מרפא את המחץ ועומד שלם: והדר מה שמחצתי. שלאחר כן מתרפאים וכדלעיל עומדין במומן ומתרפאין: מיתה באחד וחיים באחד. וה"ק אני ממית אדם זה ומחיה אדם אחר: כדרך שהעולם נוהג.

---

יָא שְׁטַארְבְּן · פְרֶעגְט דִיא גְמָרָא וָואס וֶועלְין טָאהן דִיא גוֹיִם· אִין יְרוּשָׁלַיִם · עֶנְטְפֶערְט דִיא גְמָרָא דָאס וֶועלְין זַיין דִיא גוֹיִם וָואס וֶועלְין בְּרִינְגֶען דִיא יוּדִין · אַזוֹי וִויא עֶס שְׁטֵייט אִין פָּסוּק פְרֶעמְדֶע וֶועלְין אוֹיף שְׁטֵיין אוּנ וֶועלְין פִּיטֶערִין אַייעֶרֶע שֶׁעפְּסִין אוּנ פְרֶעמְדֶע וֶועלְין זַיין צוּם הַאקֶערִין אַייעֶרֶע פֶעלְדֶער אוּנ הִיטֶען אַייעֶרֶע ווַיינְגֶערְטְנֶער :

רַב חִסְדָא הָאט גִיפְרֶעגְט אִין אֵיין פָּסוּק שְׁטֵייט דִיא לְבָנָה וֶועט זִיךְ שֶׁעמֶען אוּנ דִיא זוּהן וֶועט זִיךְ שֶׁעמֶען ווַייל זֵייעֶר לִיכְטִיגְקֵייט וֶועט טוּנְקֶעל וֶוערִין · וָוארוּם גָאט וֶועט קֵינִיגֶען אוֹיף דֶער וֶועלְט · אוּנ אִין אַנְדֶערִין פָּסוּק שְׁטֵייט דִיא לִיכְטִיגְקֵייט פוּן דֶער לְבָנָה · וֶועט זַיין וִויא דִיא לִיכְטִיגְקֵייט פוּן דִיא זוּהן · אוּנ דִיא לִיכְטִיגְקֵייט פוּן דִיא זוּהן וֶועט זַיין זִיבֶּען מָאהל אַזוֹי לִיכְטִיג וִויא דִיא לִיכְטִיגְקֵייט וָואס עֶס אִיז גִיוֶוען דִיא עֶרְשְׁטֶע זִיבֶּען טֶעג וָואס דִיא וֶועלְט אִיז בַּשַׁאפֶען גִיוָוארִין · זָאגְט דִיא גְמָרָא עֶס אִיז נִיט קֵיין קַשְׁיָא וֶוען מָשִׁיחַ וֶועט קוּמֶען אוּנ דִיא יוּדִין וֶועלְין אַרוֹיס גֵיין פוּן גָלוּת · וֶועט זַיין דִיא לִיכְטִיגְקֵייט פוּן דִיא לְבָנָה אוּנ פוּן דִיא זוּהן לִיכְטִיגֶער וִויא זֵייא זֶענֶען אִיצְט · אָבֶּער צוּ עוֹלָם הַבָּא וֶועט דִיא לִיכְטִיגְקֵייט פוּן דִיא לְבָנָה אוּנ פוּן דִיא זוּהן טוּנְקֶעלֶער וֶוערִין · ווַייל דִיא צַדִיקִים וֶוערִין בֶּעלֵי כֹּחַ פוּן דִי וֶועלְט · פְרֶעגְט דִיא גְמָרָא נָאךְ שְׁמוּאֵלְן וָואס עֶר זָאגְט אַז פוּן אִיצְט בִּיז צוּ דֶער צַייט וָוס מָשִׁיחַ וֶועט קוּמֶען · אִיז נִיט מֶער אַאוּנְטֶערְשֵׁייד נָאר וָואס אִיצְט זֶענֶען מִיר אִין גָלוּת אוּנ אַז מָשִׁיחַ וֶועט קוּמֶען וֶועט מֶען אוֹיס גִילֵייזְט וֶוערִין פוּן גָלוּת · אָבֶּער דִיא לִיכְטִיגְקֵייט פוּן דִיא זוּהן מִיט דִיא לְבָנָה וֶועט זַיין אַזוֹי וִויא הַיינְט אִיז · ווִי וֶועט מֶען פַאר עֶנְטְפֶערִין דִיא צְוֵויא פְּסוּקִים · זָאגְט דִיא גְמָרָא עֶס אִיז נִיט קֵיין קַשְׁיָא אִין דֶער מַחֲנֶה פוּן דִיא צַדִיקִים וֶועט לֵייכְטֶען דִיא זוּהן מִיט דִיא לְבָנָה · אוּנ אִין דִיא מַחֲנֶה פוּן דֶער שְׁכִינָה וָואס דָארְט וֶועט זַיין דִיא לִיכְטִיגְקֵייט פוּן גָאט · וֶועט זַיין דִיא זוּהן מִיט דִיא לְבָנָה טוּנְקֶעל ·

רָבָא הָאט גִיפְרֶעגְט· אִין אֵיין פָּסוּק שְׁטֵייט אֲנִי אָמִית וַאֲחַיֶה · אַזוֹי וִויא אִיךְ מַאךְ טוֹיט דֶעם מֶענְטְשִׁין · אַזוֹי וֶועל אִיךְ אִים לֶעבֶּעדִיג מַאכֶען · אַז עֶר שְׁטַארְבְּט מִיט אַפֶּעהֶער · לְמָשָׁל אַבְּלִינְדֶער · וֶועט עֶר לֶעבֶּעדִיג וֶוערִין אוֹיךְ אַבְּלִינְדֶער · אוּנ אִין אַנְדֶערִין פָּסוּק שְׁטֵייט מָחַצְתִּי וַאֲנִי אֶרְפָּא · אַז דֶער מֶענְטְשׁ וֶועט לֶעבֶּעדִיג וֶוערִין וֶועל אִיךְ אִיהם הֵיילִין וָואס אִיךְ הָאבּ אִים גִישְׁלָאגֶען · לְמָשָׁל עֶר אִיז גִישְׁטָארְבֶּן אַבְּלִינְדֶער · וֶועט עֶר לֶעבֶּעדִיג וֶוערִין אַזֶעהֶעדִיגֶער · עֶנְטְפֶערְט דִיא גְמָרָא גָאט זָאגְט אַזוֹי וֶועל אִיךְ טָאהן · פְרִיעֶר וֶועל אִיךְ לֶעבֶּעדִיג מַאכֶען אַזוֹי וִויא אִיךְ הָאבּ גִיטֵייט · לְמָשָׁל עֶר אִיז גִישְׁטָארְבֶּן אַבְּלִינְדֶער אוּנ וֶועט לֶעבֶּעדִיג וֶוערִין אַבְּלִינְדֶער · אַלֶע זָאלִין אִים דֶער קֶענֶען · אַז דָס אִיז דֶער זֶעלְבִּיגֶער מֶענְטְשׁ וָואס אִיז גִישְׁטָארְבֶּן · דֶער נָאךְ וֶועל אִיךְ הֵיילִין וָואס אִיךְ הָאבּ גִישְׁלָאגֶען :

תָּנוּ רַבָּנָן · דִי רַבָּנָן הָאבִּין גִילֶערִנְט גָאט הָאט גִיזָאגְט אִיךְ וֶועל טוֹיט מַאכִין אוּנ וֶוער לעבעדיג

ואני ארפא מה מחיצה ורפואה באחד אף מיתה וחיים באחד מכאן תשובה לאומר אין תחית המתים מן התורה . תניא ר"מ אומר מנין לתחית המתים מן התורה שנאמר (שמות טו) אז ישיר משה ובני ישראל שר לא נאמר אלא ישיר מכאן לתחית המתים מן התורה ، כיוצא בדבר (יהושע ח) אז יבנה יהושע מזבח בנה לא נאמר אלא יבנה מכאן לתחית המתים מן התורה . [ואלא מעתה (מ"א יא) אז יבנה שלמה במה וגו' ה"נ דיבנה אלא מעלה עלי׳ הכתוב כאילו בנה] ، א"ר ידושע בן לוי מנין לתחית המתים מן ההורה שנאמר (תהלים פד) אשרי יושבי ביתך עוד יהללוך סלה הללוך לא נאמר אלא יהללוך מכאן לתחית המתים מן התורה . וא"ר יהושע בן לוי כל האומר שירה בעה"ז זוכה ואומרה לעה"ב שנאמר אשרי יושבי ביתך וגו'. א"ר חייא בר אבא א"ר יוחנן מנין לתחית המתים מן התורה שנאמר (ישעיה נב) קול צופיך נשאו קול יחדו ירננו רננו לא נאמר אלא ירננו מכאן לתחית המתים מן התורה . וא"ר חייא בר אבא א"ר יוחנן עתידין כל הנביאים כולם לומר שירה בקול אחד שנאמר קול צופיך נשאו קול וגו' :

זה מה וזה מלך : מה מקן ורפוי באחד . ואין רפואה אלא במקום מחץ : ישיר . משמע לעתיד:

אמר

---

לעבעדיג מאכין . וואָרט איך מיינען אזוי זאגט דער פסוק איינעם וועל איך טויט מאכין . דעם אנדערין וועל איך לעבעדיג מאכין . אזוי ווי די וועלט ווערט געפירט איינער שטארבט אונ איינער ווערט געבארין . דריבער שטייט אין פסוק מחצתי ואני ארפא . איך האב געשלאגין אונ האב גיהיילט . אזוי ווי שלאגין אונ היילען מוז דאך זיין ביי איין מענטשין . ווארום דעם וואס מען האט ניט געשלאגין . וואס זאל מען אים היילין · אזוי דער טויט מאכין אונ לעבעדיג מאכין מיינט מען אויך אויף איינעם . דעם וואס איך וועל טויט מאכין . דעם זעלביגען וועל איך לעבעדיג מאכין . פון דעם פסוק קען מען אפ פרעגין צו דעם מענטש וואס זאגט אז אין די תורה שטייט ניט אז די מתים וועלין לעבעדיג ווערין . דער פסוק זאגט דאך אז די מתים וועלין לעבעדיג ווערין . מיר האבין גילערנט רבי מאיר זאגט ווא שטייט אין דער תורה אז די מתים וועלין לעבעדיג ווערין . ווארום עס שטייט אין פסוק דאמאלס וועט זינגין משה אונ די יודין די שירה . עס האט גידארפט שטיין משה האט גיזונגען . פאר וואס שטייט ער וועט זינגען . פון דאנען וויסין מיר אז די טויטע וועלין לעבעדיג ווערין . וועט משה אויך לעבעדיג ווערין אונ ער וועט זינגען די שירה . נאך אזוי אנגליכין זאגט דער פסוק . דאמאלס וועט יהושע באהען א מזבח . עס האט גידארפט שטיין יהושע האט גיבאהט א מזבח . פאר וואס שטייט ער וועט באהען . פון דאנען וויסין מיר אז די טויטע וועלין לעבעדיג ווערין וועט יהושע אויך לעבעדיג ווערין אונ וועט באהען א מזבח . ופרעגט די גמרא עס שטייט אין פסוק דאמאלס וועט שלמה באהען א במה צו די עבודה זרה וועסטו אויך זאגין אז שלמה וועט לעבעדיג ווערין וועט ער באהען א במה צו די עבודה זרה . נאר אזוי מיינט דער פסוק די ווייבער פון שלמה האבין גיבאהט א במה צו די עבודה זרה . אונ שלמה האט זיי ניט גישטערט רעכענט אויף אים דער פסוק גלייך ווי ער אליין וואלט גיבאהט די במה צו די עבודה זרה . רבי יהושע בן לוי זאגט ווא שטייט אין די תורה אז די מתים וועלין לעבעדיג ווערין . ווארום עס שטייט אין פסוק וואהל צו די מענטשין וואס זענין אין דיין שטוב זיי וועלין דיך נאך לויבין אייביג . עס שטייט ניט זיי האבין דיך גילויבט . נאר עס שטייט זיי וועלין דיך לויבין . פון דאנען וויסין מיר אז די טויטע וועלין לעבעדיג ווערין אונ זיי וועלין לויבין נאך ביז אייביג . נאך האט רבי יהושע בן לוי גיזאגט דער וואס זאגט שירה אויף דער וועלט . איז ער זוכה צו זאגין שירה אויף עולם הבא אויך . אזוי ווי עס שטייט אין פסוק וואהל צו די מענטשין וואס זיצען אין דיין שטוב אונ לויבין דיך . אונ זיי וועלין דיך נאך לויבין ביז אייביג . רבי חייא בר אבא האט גיזאגט פון רבי יוחנן ווערין ווא שטייט אין דער תורה אז די מתים וועלין לעבעדיג ווערין . ווארום עס שטייט אין פסוק דער קול פון דיינע נביאים זיי האבין אויף גיהויבין א קול צו זאגען

וועלין

אמר (מר זוטרא) [רבא] מנין לתחית המתים מן התורה שנאמר (דברים לג) יחי ראובן ואל ימות יחי ראובן (לימות המשיח) [בעה"ז] ואל ימות לעה"ב. רבינא אמר מהכא (דניאל יב) ורבים מישני אדמת עפר יקיצו. רב אשי אמר מהכא (שם) ואתה לך לקץ ותנוח והעמוד לגורלך לקץ הימין:

(דף צא ע"ב) **יא אמר** רב יהודה אמר רב כל המונע הלכה מפי תלמיד כאילו גוזלו מנחלת אבותיו שנא' (דברים לג) תורה צוה לנו משה מורשה קהלת יעקב מורשה היא לכל ישראל מששת ימי בראשית. אמר רב חנא בר ביזנא א"ר שמעון חסידא כל המונע הלכה מפי תלמיד אפילו עוברין שבמעי אמן מקללין אותו שנאמר (משלי יא) מונע בר (דף צב) יקבוהו לאום ואין לאום אלא עוברין שנאמר (בראשית כה) ולאם מלאם יאמץ ואין קב אלא קללה שנאמר (במדבר כג) מה אקב לא קבה אל ואין בר אלא

תורה

כאלו קול יחדו. כיון קול אחד: ואתה לך לקץ והגוה והכריד וגו רמז לו במיתה ויעמוד לאחר כ"ג: לקץ הימין. לקץ שעתיד הקב"ה להחזיר ימינו לפניו שהרי כתיב כתיב לאחור ימינו:

המונע הלכה. מלמדו: [מששת ימי בראשית. דכתיב בראשית ברא בשביל התורה שנקרא ראשית וישראל נקראו ראשית תבואתה שעתידין לקבלה ברא אלהים את השמים וגו']. ב. בורה: יקבוהו. מקללים אותו לשון ויקוב מור

---

ווערן זיי זינגען. עס שטייט ניט זיי האבן געזונגען. נאר עס שטייט זיי וועלן זינגען: פון דאנען ווייסן מיר אז די טויטע וועלן לעבעדיג ווערן. אונ זיי וועלן זינגען צו גאט. נאך האט רבי חייא בר אבא געזאגט פון רבי יוחנן וועגן אלע נביאים זענען אן געבייט צו זאגן שירה פאר גאט אלע מיט איין שטימע. ווארום עס שטייט אין פסוק דער קול פון דיינע נביאים זיי האבן אויף געהויבן א קול אונ וועלן צו זאמען זינגען. אלע מיט איין קול וועלן זינגען. רבא זאגט ווא שטייט אין די תורה אז די מתים וועלן לעבעדיג ווערן. ווארום עס שטייט אין פסוק ראובן זאל לעבן אונ זאל ניט שטארבן געוויס אז ער וועט לעבן וועט ער ניט שטארבן. נאר אזוי מיינט מען ער וועט לעבן אויף דער וועלט אונ ער וועט ניט זיין געשטארבן צו עולם הבא. ווארום ער וועט צוריק לעבעדיג ווערן. רבינא זאגט פון דעם פסוק ווייסן מיר אז די טויטע וועלן לעבעדיג ווערן. פיל פון די וואס שלאפן אין דער ערד וועלן אויף וואכן. רב אשי זאגט פון דעם פסוק גאט האט געזאגט צו דניאל דער וויל גיי צו דיין ענדע אונ וועסט רוהען דער וויל וועסטו שטארבן. אונ דו וועכט צוריק אויף שטיין צו דיין גורל ווען דער רעכטער סוף וועט זיין אז גאט וועט מיט זיין רעכטע האנט אלע קברים עפענען די מתים זאלן אויף שטיין אונ לעבעדיג ווערן:

**יא אמר.** רב יהודה האט געזאגט פון רבס וועגן דער רבי ווס הט פר פעלט אפילו נאר איין דין ווס ער הט ניט געלערנט מיט זיין תלמיד. איז גלייך ווי ער וואלט אים אוועק גינומען פון דעם פארמעגין ווס ער הט גירשת פון זיינע עלטערין. ווארום עס שטייט אין פסוק די תורה וואס משה האט אונז געגעבן איז דאס אירושה צו די פארזאמלונג פון יעקב די תורה איז אירושה צו אלע יודין פון דעם טאג וואס די וועלט איז בשאפין געווארין: רב חנא בר ביזנא הט געזאגט פון רבי שמעון חסידאס וועגן דער רבי וואס פאר פעלט אפילו נאר איין דין וואס ער האט ניט געלערנט מיט זיין תלמיד. אפילו די קינדער וואס זענען אין זייער מוטערס בויך פלוכין אים. אזוי ווי עס שטייט אין פסוק מונע בר יקבוהו לאום. לאום מיינט מען די קינדער וואס זענען אין זייער מוטערס בויך. אזוי ווי עס שטייט אין פסוק אויף יעקב מיט עשו ווען זיי האבין זיך געשטויסין אין זייער מוטערס בויך ולאום מלאום יאמץ איין קינד וועט זיך שטארקן פון דעם אנדערין קינד. אונ קב איז דער טייטש פלוכין. אזוי וו עס שטייט אין פסוק בלעם האט געזאגט מה אקוב לא קבה אל. וואס זאל איך פלוכין אז גאט פלוכט ניט. אונ בר מיינט מען די תורה. אזוי ווי עס שטייט אין פסוק נשקו בר פון יאנף. קושט די תורה טאמער וועט גאט צערענען. אונ אזוי מיינט דר פסוק מונע בר ווער ווס פר מיידט די תורה ער לערנט זי ניט מיט זיין

תלמיד

תורה שנאמר (תהלים ב) נשקו בר פן יאנף עולא בר ישמעאל אומר מנקבין אותו ככברה כתיב הכא יקבוהו לאום וכתיב התם (מ"ב יב) ויקוב חור בדלתו ואמר אביי כי אוכלא דקצרי ואם למדו מה שכרו אמר רבא אמר רב ששת זוכה לברכות כיוסף שנאמר (משלי יא) וברכה לראש משביר ואין משביר אלא יוסף שנאמר (בראשית מב) ויוסף הוא השליט על הארץ הוא המשביר לכל עם הארץ. אמר רב ששת כל המלמד תורה בעולם הזה זוכה ומלמדה לעוה"ב שנאמר (משלי יא) ומרוה גם הוא יורה:

יב אמר רבי אלעזר כל פרנס שמנהיג את הצבור בנחת זוכה ומנהיגם לעולם הבא שנאמר (ישעיה מט) כי מרחמם ינהגם ועל מבועי מים ינהלם. וא"ר א גדולה דעה שניתנה בין שתי אותיות שנא' (ש"א ב) כי אל דעות ה' וגו'. וא"ר אלעזר כל אדם

בדלתו: אוכלא דקצרי. כלי של כובסין שהוא ממלא ומזלפין בו מים על הבגדים: ומרוה גם הוא יורא. מי שמורה ומשקיע תלמידו בדבר הלכה גם הוא יורה לעוה"ב ל"א מרוה לשון מורה: מנהגם. בעוה"ז ינהגם בעוה"ב: [שתי אותיות. של שם קך במעתי ל"א כל שמות של שם

---

תלמיד. יקבוהו לאום וועלין אים פלוכין די קינדער וואס וועגן אין זייער מוטערס בויך). עולא בר ישמעאל זאגט דער וואס לערנט ניט די תורה מיט זיינע תלמידים וועט מען אים לעכערין אזוי ווי א זיפ. דא שטייט יקבוהו לאום. אונ דארט שטייט ויקוב חור בדלתו. אזו ווי ויקוב חור בדלתו איז דער טייטש ער האט גילעכערט אלאך אין די טיר. אזוי מוזע בר יקבוהו לאום מיינט מען אויך דער וואס פאר מיידט די תורה פון זיינע תלמידים. וועט ער גילעכערט ווערין אזוי ווי א זיפ. אביי זאגט ער וועט גילעכערט ווערין אזו ווי די כלי פון די וועשערס וועלכע מיינט אזוי ווי די מעהל גייט ארויס פון די לעכער פון א זיפ. אזוי די תורה וואס איז געגליכען צו ברויט וועט אויך ארויס גיין ביסלאכווייז פון דעם תלמיד חכם: ביז ער וועט זי אין גאנצין פאר געסין. ווייל ער לערנט ניט די תורה מיט תלמידים. אונ אביי זאגט אזו ווי די וואסער גייט ארויס פון די לעכער פון אכלי. אזוי די תורה וואס איז געגליכען צו וואסער וועט אויך ארויס גיין ביסלאכווייז פון דעם תלמיד חכם. ביז ער וועט זי אין גאנצין פאר געסין: ווייל ער לערנט ניט די תורה מיט תלמידים). אונ אז ער לערנט תורה מיט תלמידים וואס איז זיין שכר. האט רבא גיזאגט פון רב ששת וועגין ער איז זוכה צו ברכות אזוי ווי יוסף. אזוי ווי עס שטייט אין פסוק וברכה לראש משביר. ברכות זאל זיין צום קאפ פון משביר. משביר מיינט מען יוסף. אזוי ווי עס שטייט אין פסוק יוסף איז גיוועזען דער גיוועלטיגער אויף דעם לאנד מצרים אונ ער איז גיוועזען דער משביר (דער פאר קויפער תבואה) צום גאנצין פאלק פון לאנד. אונ אזוי ווי יוסף איז גיבענשט גיווארין ווייל ער האט גישפייזט מענטשין מיט ברויט. זייער גוף זאל לעבין. אזוי וועט דער תלמיד חכם גיבענשט ווערין ווייל ער שפייזט מענטשין מיט תורה זייערע נשמות זאלין לעבין. רב ששת זאגט דער וואס לערנט תורה מיט מענטשין אויף דער וועלט. איז ער זוכה ער זאל לערנען תורה מיט מענטשין ווען ער וועט זיין אויף יענע וועלט. אזוי ווי עס שטייט אין פסוק ומרוה גם הוא יורה: דער וואס מאכט זאט מענטשין מיט זיין תורה (איין מאהל אויף דער וועלט). וועט ער זאט מאכין מענטשין מיט זיין תורה נאך אמאהל (אויף די אנדערע וועלט):

יב אמר רבי אלעזר האט גיזאגט דער פירער וואס פירט די מענטשין פון זיין שטאט מיט גוטע רייד. איז ער זוכה ער זאל זיי פירען אז משיח וועט קומען. אזוי ווי עס שטייט אין פסוק כי מרחמם ינהגם. דער וואס האט רחמנות אויף יודין אויף דער וועלט. וועט ער זייא פירען ווען משיח וועט קומען. אונ ביי קוואלין וואסער וועט ער זיי פירען. דאס מיינט מען ער וועט זיי פירען אזוי ווי די תורה האט אונז גילערנט. וואס די תורה איז געגליכען צו וואסער. נאך האט רבי אלעזר גיזאגט דעה (ווילסענשאפט) איז גרויס. ווייל דער ווארט דעה שטייט צווישען צווי נעמען פון גאט. אזוי ווי עס שטייט אין פסוק כי אל דעות ה'. נאך האט רבי אלעזר גיזאגט דער מענטש וואס האט וויסענשאפט וועט ער רייך ווערין. אזוי ווי עס שטייט אין פסוק מיט

וויסענשאפט

דלמריך בעלמא לגלות הוא כוה כלגא שלו קהל נמי אהיות לשן מופלא : ובדעת. מפני כדעת ימלאו כל החדרים הון : בסביל לחכך. שנתת למי שאין בו דעה ישימו מזור וגו' :
כל חשך וגו'. כל לילה לפון וגנוז ממלמודי התורה שאין ד"ת נשמעין באותו בית : תאכלהו אש לא נופח . זה אש של גיהנם שאין צריך נפוח : ירע שריד באהלו. מי ברע בעיניו שיש שריד באהלו :

אדם שיש בו דעה לסוף מתעשר שנאמר (משלי כד) ובדעת חדרים ימלאו כל הון יקר ונעים . וא"ר אלעזר כל אדם שאין בו דעת אסור לרחם עליו שנאמר (ישעיה כז) כי לא עם בינות הוא על כן לא ירחמנו עושהו ויוצרו לא יחננו. וא"ר אלעזר כל הנותן פתו למי שאין בו דעה יסורין באין עליו שנא' (עובדיה) לחמך ישימו מזור תחתיך אין תבונה בו ואין מזור אלא יסורין שנאמר (הושע ה) וירא אפרים את חליו ויהודה את מזורו. וא"ר אלעזר כל אדם שאין בו דעת לסוף גולה שנאמר (ישעיה ה) לכן גלה עמי מבלי דעת :

**יג ואמר** ר' אלעזר כל בית שאין דברי תורה נשמעין בו בלילה אש אוכלתו שנאמר (איוב כ) כל חשך טמון לצפוניו תאכלהו אש לא נופח ירע שריד באהלו ואין שריד אלא ת"ח שנאמר (יואל ג) ובשרידים אשר ה' קורא. וא"ר אלעזר כל שאינו מהנה תלמיד חכם מנכסיו אין רואה סימן ברכה לעולם שנאמר (איוב כ) אין שריד לאכלו על כן לא יחיל טובו ואין שריד אלא תלמיד חכם שנאמר ובשרידים אשר ה' קורא :

ואמר

---

ויסענשאפט וועלין זייגע שטובין פול ווערין מיט טייערע אונ גוטע פארמעגין. נאך האט רבי אלעזר גיזאגט דער מענטש וואס האט ניט קיין ויסענשאפט טאר מען ניט רחמנות האבין אויף אים. אזוי ווי עס שטייט אין פסוק ווייל ער איז אפאלק וואס איז ניט פארשטענדיג. דריבער וועט זיין בשעפר אויף אים ניט רחמנות האבין. אונ זיין בשעפער וועט אים ניט געבין חן. נאך האט רבי אלעזר גיזאגט דער וואס גיט זיין ברויט צו דעם מענטש וואס האט ניט קיין ויסענשאפט. וועלין אויף אים קומען יסורים. אזוי ווי עס שטייט אין פסוק לחמך ישימו מזור תחתיך אין תבונה בו. דיין ברויט וואס דו האסט גיגעבין צו דעם מענטשין וואס האט קיין פארשטאנד ניט. דאס וועט דיר מאהן מזור. אונ מזור מיינט מען יסורים. אזוי ווי עס שטייט אין פסוק אפרים האט גיזעהן זיין קראנקייט. אונ יהודה האט גיזעהן מזורו. זיינע יסורים. נאך האט רבי אלעזר גיזאגט דער מענטש וואס האט ניט קיין וויסענשאפט וועט זיין דער סוף זיינער אז ער וועט פאר טריבען ווערין פון זיין ארט. אזוי ווי עס שטייט אין פסוק דריבער איז מיין פאלק פאר טריבען גיווארין ווייל זיי האבין ניט קיין וויסענשאפט :

**יג ואמר**. נאך האט רבי אלעזר גיזאגט די שטוב וואס אין איר ווערט ניט גיהערט תורה לערנין ביי נאכט. וועט איר אפייער פאר ברענען. אזוי ווי עס שטייט אין פסוק כל חשך טמון לצפוניו ואלע נאכט וואס זענען בעהאלטין פון די תורה. וואס מען הערט ניט אין די שטוב תורה לערנען ביי נאכט. תאכלהו אש לא נופח. וועט די שטוב פאר ברענט ווערין אונ דער בעל הבית פון שטוב וועט אויך פאר ברענט ווערין פון אזוי אפייער וואס מען דארף אים ניט אויף בלאזין דאס מיינט מען דעם פייער פון גיהנם. ירע שריד באהלו. דער מענטש וואס אים פאר דריסט וואס ביי אים אין שטוב איז דא אשריד. וועט ער אויך פאר ברענט ווערין פון דעם פייער וואס אין גיהנם: שריד מיינט מען אתלמיד חכם. אזוי ווי עס שטייט אין פסוק ובשרידים אשר ה' קורא. די תלמידי חכמים וואס זיי רופין צו גאט. נאך האט רבי אלעזר גיזאגט דער מענטש וואס גיט ניט פון זיין פאר מעגין צו אתלמיד חכם. וועט ער קיין מאהל ניט זעהן קיין ברכה אין זיין פארמעגין. אזוי ווי עס שטייט אין פסוק אין שריד לאכלו. ווייל אשריד עסט ניט פון זיין פארמעגין. על כן לא יחיל טובו. דריבער וועט ער ניט האבין הצלחה אין זיין גוטס. אונ שריד מיינט מען אתלמיד חכם. אזוי ווי עס שטייט אין פסוק ובשרידים אשר ה' קורא. דיא תלמידי חכמים וואס זיי רופין צו גאט :

ואמר

**יד ואמר** ר' אלעזר כל שאינו משייר פת על שלחנו אינו רואה סימן ברכה לעולם שנאמר (שם) אין שריד לאכלו על כן לא יחיל טובו. והא"ר אלעזר כל המשייר פתיתים על שלחנו כאילו עובד ע"ז שנאמר (ישעיה סה) העורכים לגד שלחן הממלאים למני ממסך לא קשיא הא דאיכא שלמה בהדיה הא דליכא שלמה בהדיה. ואמר ר' אלעזר כל המחליף בדבורו כאילו עובד ע"ז כתיב הכא (בראשית כז) והייתי בעיניו כמתעתע וכתיב התם (ירמיה י) הבל המה מעשה תעתועים. וא"ר אלעזר לעולם הוי קבל וקיים א"ר זירא אף אנן נמי תנינא בית אפל אין פותחין בו חלונות לראות נגעו ש"מ. ואמר ר' אלעזר כל המסתכל בערוה קשתו ננערת שנאמר (חבקוק ג) עריה תעור קשתך:

**טו א"ר** טבי א"ר יאשיה מ"ד (משלי ל) שאול ועוצר רחם ארץ לא שבעה מים וכי מה ענין שאול

כל שאינו משייר פת. דצריך לשייר כדכתיב אכול והותר: והא"ר אלעזר כו' שנאמר העורכים וגו'. ככן עושין שמניחין שלחן ערוך במאכל ובמשתה לשם אותה ע"ז שקורין גד וממלאין כוסות של מרקחים נסיכים לע"ז ששמה מני: הא. דקאמר אסור: דאיכא שלמה בהדיה. שמביא שלימה לאחר שאכל ינתן על השלחן עם הפתיתים ששייר דמחזי דלשם ע"ז עביד הכי: והא דליכא שלמה בהדיה. מעלי דמזומנים לעניים. הא גדא לביתיה ל"ג: המחליף בדבורו. משנה בדבורו שלא יהא ניכר: הוי קבל וקיים. הוי (עמי) [עניו] ומתיה קבל [לשון] אפל עשה עצמך אפל ושפל: בית אפל אין פותחין בו חלונות לראות את נגעו. כנגע נראה לי בבית כתיב דמשמע נראה ממילא ועוד דכתיב לי ולא לאורי נמצא שאפלתו הצלתו (וכ"ז) [דכ"ז] שאין להן רואהו אין מטמא בנגעים: קשתו ננערת. כח קושי אבר שלו ננער שאינו מוליד שנאמר עריה שאתה מסתכל בה ממש (בערותך כוא) [בערותה היא] תעור קשתך ד"א המסתכל כל המתשב (ערות אשת) [בעריות דאשת] איש קשתו גבורת ידו ננערת מתהלכת ומתמעטת כמו וינער ה':

שאול ועוצר רחם ארץ לא שבעה מים וקבר לא שבע ממתים] ועוצר רחם בית הרחם שהוא קבר ועוצר לא ישבע מבעילות, וכן ארץ לא שבעה מים: וכי מה ענין שאול וכו'. למה נסמכו

---

**יד** ואמר. נאך האט רבי אלעזר גזאגט דער וואס לאזט ניט אשטיקל ברויט ליגען אויף זיין טיש נאך דעם עסין. נאר ער עסט אויף ביז אין גאנצין. וועט ער קיין מאהל ניט האבען א ברכה אין שטוב. אזוי וויא עס שטייט אין פסוק אין שריד לאכלו. אז עס איז נישא קיין איבער בלייבונג פון זיין עסין. דריבער וועט זיין גוטס ניט האבען הצלחה. פרעגט דיא גמרא רבי אלעזר האט דאך גזאגט דער וואס לאזט שטיקלאך ברויט אויף זיין טיש איז גלייך וויא ער וואלט געדינט עבודה זרה. אזוי וויא עס שטייט אין פסוק העורכים לגד שלחן. זייא גרייטען א טיש מיט עסינווארג אונ מיט משקה צו די עבודה זרה וואס הייסט גד. הממלאים למני ממסך. אונ זייא פילען אן כוסות מיט משקה אונ שטעלין אויף א טיש צוא דיא עבודה זרה וואס הייסט מני. זאגט דיא גמרא עס איז ניט קיין קשיא. אז ער לייגט אויף דעם טיש א גאנצין ברויט אויך צוא דיא שטיקלאך. טאר מען ניט. ווארום צוא דיא עבודה זרה גד פלעגט מען לייגן גאנצע ברויט. אבער נאר שטיקלאך ברויט דארף מען לייגן אויף דעם טיש. ווארום דיא ברכה קומט ניט אויף גאר ניט. נאך האט רבי אלעזר גזאגט דער וואס פר טאהשט זיינע רייד. זיין חבר זאל ניט דער קענען אז ער זאגט אזיגען איז גלייך וויא ער וואלט געדינט עבודה זרה. ווארום דא שטייט יעקב האט גזאגט אז איך וועל נארין מיין פאטער מיט מיינע רייד והייתי בעיניו כמתעתע. אונ ביא עבודה זרה שטייט הבל המה מעשה תעתועים. זעהן מיר אז פאר טאהשין דיא רייד איז אזוי וויא עבודה זרה דינען. נאך האט רבי אלעזר גיזאגט אייביג זאל א מענטש זיין ביא זיך פינסטער אונ נידעריג ווייט ער לעבין. רבי זירא זאגט מיר האבען אייך אזוי גילערנט א פינסטערע שטוב עפינט מען ניט אין איר פענסטער צו זעהן דיא נגע. נאר זיא בלייבט טהור. זעהן מיר אז דיא פינסטערקייט איז א טובה. נאך האט רבי אלעזר גזאגט דער וואס קוקט אויף דיא ערוה פון אן אשה ווערט דער גליד זיינר וויך אז ער קען ניט געבארין קיין קינדער. אזוי וויא עס שטייט אין פסוק עריה תעור קשתך. די ערוה טוהט צו ברעכין די שטארקייט פון דעם מענטשין:

**טו** אמר. רבי טבי האט גזאגט פון רבי יאשיהם וועגן עס שטייט אין פסוק דרייא זאכען ווערין ניט זאט. שאול דער קבר ווערט ניט זאט פון דיא מתים. ועוצר רחם אונ דאס מוטער לייב פון א אשה ווערט ניט זאט מיט דיא שכבת זרע פון מאן. ארץ לא שבעה מים

אונ

שאיל אצל רחם אלא לומר לך מה רחם מכנים ומוציא אף שאול מכנים ומוציא והלא דברים ק"ו ומה רחם שמכניסים בו בהשאי מוציאין ממנו בקולי קולות שאול שמכניסין בו בקולות אינו דין שמוציאין הימנו בקולי קולות מכאן תשובה לאומרים אין תחית המתים מן התורה. תנא דבי אליהו צדיקים שעתיד הקב"ה לרחיותן אינם חוזרים לעפרם שנאמר (ישעיה ד) והיה הנשאר בציון והנותר בירושלים קדוש יאמר לו כל הכתוב לחיים בירושלים מה קדוש לעולם קיים אף הם לעולם קיימין (כ"נ) ואם תאמר אותם (אלף) שנים שעתיד הקב"ה לחדש בהן את עולמו שנאמר (שם ב) ונשגב ה' לבדו ביום ההוא צדיקים מה הם עושים הקב"ה עושה להם כנפים כנשרים ושטין על פני המים שנאמר (תהלים מו) על כן לא נירא בהמיר ארץ וגו' ושמא תאמר יש להם צער ת"ל (ישעיה מ) וקוי ה' יחליפו כח יעלו אבר כנשרים ירוצו ולא ייגעו ילכו ולא ייעפו. ונילף ממתים שהחיה יחזקאל סבר לה כמ"ד באמת משל היה

דתניא

בני אהדדי: מכנים. הזרע ומוציא הולד אף שאול מכנים ומוציא לתחיית המתים: שמכניסין בו בקולי קולות. בבכי גדול קוברין את המת: אינו דין שמוציאין אותו בקולי קולות. שלא יתקע בשופר גדול: בעתיד הקב"ה להחיות. לימות המשיח לאחר שיחיו: שוב אין חוזרין לעפרן. בין (לימות המשיח בין לעוה"ב) אלא בגופן מתקיים עליהם עד שישובו ויחיו לעתיד לבא: ואותן שנים שעתיד הקב"ה לחדש את עולמו. ויהיה עולם זה חרב אלף שנים אותן צדיקים כיון שהם חיים ואינן נקברים בארץ: לא נירא בהמיר ארץ. כשמחליף הקב"ה את הארץ לא נירא לפי שאנו בלא ימים: וקוי ה' יחליפו כח. שיהא להם כח לטוס ולעוף בלי צער: ונילף ממתים שהחיה יחזקאל. שהרי ומתו כך צדיקים שעתיד להחיות יחזרו לעפרם כך

---

און דיא ערד ווערט ניט זאט מיט וואסער. פאר וואס שטייט שאול נעבן רחם. נאר צו זאגין דיר אזוי וויא דאס מוטער לייב פון אשה נעמט אריין אין זיך דיא זרע און גיט ארויס פון זיך אקינד. אזוי דער קבר נעמט אריין אין זיך אטויטען מענטש און וועט ארויס געבין פון זיך אלעבעדיגען מענטש. און דיא זאך קען מען אפ לערנען מיט אקל וחומר. מאדאך דאס מוטער לייב וואס מען ברייננט אריין אינווייניג דיא זרע אין דער שטיל: נעמט מען ארויס דעם קינד פון דעם מוטער לייב מיט גרויס גישריי. דער קבר וואס מען לייגט אריין אין אים דעם מת מיט גרויס גישרייא. איז דאך געוויס אז מען וועט פון איהם ארויס נעמען צוריק דעם מענטש לעבעדיג מיט גרוס גישריי. אזו ווי עס שטייט אין פסוק ווען די מתים וועלין דארפין לעבעדיג ווערין. וועט מען פריער בלאזין מיט אגרויסען שופר. פון דעם פסוק קען מען פרעגין אויף דיא מענטשין וואס זאגין אז תחית המתים שטייט ניט אין דער תורה. דבי אליהו האט גילערונט דיא צדיקים וואס גאט וועט זייא לעבעדיג מאכען. וועלין שוין ניט מער שטארבן. אזוי וויא עס שטייט אין פסוק דער וואס וועט בלייבען אין ציון און דער וואס וועט בלייבען אין ירושלים וועט צו אים גזאגט ווערין קדוש. דער וואס וועט פאר שריבען ווערין צום לעבין אין ירושלים. אזוי וויא גאט וואס ער ווערט גערופין קדוש. לעבט אייביג. אזוי דיא צדיקים וועלין לעבין אייביג. אויב דוא וועסט פרעגין דיא טויזענד יאהר וואס דיא וועלט וועט זיין וויסט און דיא גאנצע וועלט זיין וואסער אזוי וויא עס איז גיוועזן אידער דיא וועלט איז בשאפען גיווארין. און גאט וועט אין דיא יאהרין בענייען דיא וועלט. אזוי וויא עס שטייט אין פסוק גאט אליין וועט גיגרייסט ווערין אין דעם טאג (און אטאג פון גאט איז טויזענד יאהר) וואו וועלין זיין דיא צדיקים אין דיא טויזענד יאהר. נאר גאט וועט זייא מאכען פליגול אזוי וויא דיא אדלערס און זייא וועלין פליהען איבער דעם וואסער. אזוי וויא עס שטייט אין פסוק דריבער וועלין מיר ניט מורא האבען ווען דיא וועלט וועט אומגיטאהשט ווערין. טאמער וועסטו זאגין דיא צדיקים וועלין האבען צער פון דעם פליהען. שטייט אין פסוק די וואס האפען צוא גאט וועלין אומטאהשין זייער כח. זייא וועלין אויף גיין אין דיא היך מיט פליגול אזוי וויא דיא אדלערס זייא וועלין לויפען און וועלין ניט מיד ווערין זייא וועלין גיין און וועלין ניט מיד ווערין. פרעגט די גמרא לאביר אפ לערנען פון דיא מתים וואס דער נביא יחזקאל האט לעבעדיג גימאכט. וואס זייא

זענען

דתניא רבי אליעזר אומר מתים שהחיה יחזקאל עמדו על רגליהם ואמרו שירה ומתו ומה שירה אמרו ה' ממית בצדק ומחיה ברחמים רבי יהושע אומר שירה זו אמרו (שמואל א ב) ה' ממית ומחיה מוריד שאול ויעל. רבי יהודה אומר אמת משל היה א"ל רבי נחמיה אם אמת למה משל ואם משל למה אמת אלא באמת משל היה. ר' אליעזר בנו של ר' יוסי הגלילי אומר מתים שהחיה יחזקאל עלו לא"י ונשאו נשים והולידו בנים ובנות. עמד ר' יהודה בן בתירא על רגליו ואמר אני מבני בניהם והללו תפילין שהניח לי אבי אבא מהן. ומאן נינהו מתים שהחיה יחזקאל אמר רב אלו בני אפרים שמנו לקץ וטעו שנאמר (ד"ה א ז) ובני אפרים שותלח וברד בנו ותחת בנו ואלעדה בנו ותחת בנו וזבד בנו ושותלח בנו ועזר ואלעד והרגום אנשי גת הנולדים בארץ

שהחיה יחזקאל בגולה נבואתו עד ימי צדקיה מלך יהודה והיה יחזקאל מתנבא בבבל וירמיה בא"י באותן י"א שנה שמלך צדקיה: באמת. בברור: משל היה. שהיה מרמז (לעם) [להם] על הגלות כאדם מת שחוזר וחי כך ישראל ישובו מן הגולה: מהן. שאותן תפילין היו שלהם: שמנו לקץ. של יצ"מ: וטעו. שלא היה להם למנות גזרת ושעבוד ועינוי אותה אלא משנולד יצחק דכתיב כי גר יהיה זרעך (בארץ לא להם) זה יצחק דכתיב כי ביצחק יקרא לך זרע והם מנו משעת הדבור לאברהם והיינו בכ"ע אברהם אבינו בשעה שנדבר עמו בין הבתרים בן ע' שנה היה ומבין הבתרים עד שנולד יצחק היו ל' שנה כדכתיב ואברהם בן מאת שנה בהולד לו את יצחק בנו נמצאת אומר מדבר עמו בין הבתרים עד שיצאו ממצרים היו ד' מאות ואותן ל' שמן הדיבור עד לידת יצחק טעו בני אפרים ומנין מבני אפרים הן שיצאו קודם זמנם ונהרגו כנאמר

זענען צוריק געשטארבן. טאמער װעלין זיין דיא מתים װאס װעלין לעבעדיג װערין װען משיח װעט קומען. זייא װערין צוריק שטארבן. ענטפערט דיא גמרא דבי אליהו האלט װיא דער װאס זאגט אז יחזקאל האט קיין מאהל ניט לעבעדיג געמאכט מתים נאר באמת משל היה. דאס איז געװיס געװען נאר א משל. אזוי װיא א טויטער װאס װערט צוריק לעבעדיג: אזוי װעלין זיין די יודין װען זייא װעלין אויס געלייזט װערין פון גלות. װארום מיר האבען געלערנט רבי אליעזר זאגט דיא מתים װאס יחזקאל האט לעבעדיג געמאכט האבען זיך אויף געשטעלט אויף זייערע פיס. אונ האבען געזאגט שירה אונ זענען צוריק געשטארבן. װאס איז געװען דיא שירה װאס זייא האבען געזאגט. גאט מאכט טויט דעם מענטשין מיט גערעכטיגקייט. אונ ער מאכט איהם לעבעדיג מיט רחמנות. רבי יהושע זאגט דיא שירה האבען זייא געזאגט גאט מאכט טויט אונ מאכט לעבעדיג. ער נידערט אראפ פון דעם מענטשין אין גרוב אונ ברייננגט איהם אויף פון גרוב. רבי יהודה זאגט אמת משל היה. האט רבי נחמיה געזאגט צו רבי יהודה איז דאס געװען אמת איז דאך ניט געװען א משל. איז דאס געװען א משל איז דאך ניט געװען אמת. נאר אזוי האט געזאגט רבי יהודה באמת משל היה דאס איז געװיס געװען נאר א משל. רבי אליעזר דער זוהן פון רבי יוסי הגלילי זאגט דיא מתים װאס יחזקאל האט לעבעדיג געמאכט זענען אויף געגאנגען אין ארץ ישראל אונ האבען גענומען װייבער אונ האבען געבאהרין זיהן אונ טעכטער. רבי יהודה בן בתירה האט זיך געשטעלט אויף זיינע פיס אונ האט געזאגט איך בין פון זייערע אייניקלאך. אונ דאס זענען זייערע תפלין װאס מיין זיידע האט מיר געלאזין. װער זענען געװען דיא מתים װאס יחזקאל האט לעבעדיג געמאכט. האט רב געזאגט דאס איז פון שבט אפרים. װאס זייא האבען געציילט דעם סוף פון די פיר הונדערט יאהר װאס דיא יודין האבען געדארפט זיין אין מצרים. אונ זייא האבען זיך טועה געװען אין רעכענונג. נאך זייער רעכענונג האבען זיך דיא פיר הונדערט יאהר אויס געלאזט מיט דרייסיג יאהר פריער װיא דיא יודין זענען ארויס געגאנגען פון מצרים. דריבער זענען זייא ארויס געגאנגען פון מצרים מיט דרייסיג יאהר פריער אונ דיא פלשתים האבען זייא געהרגעט. אזוי װיא עס שטייט אין פסוק דיא קינדער פון אפרים זענען געװען שותלח אונ זיין זוהן ברד אונ זיין זוהן תחת אונ זיין זוהן אלעדה אונ זיין זוהן תחת אונ זיין זוהן זבד אונ זיין זוהן שותלח אונ זיין זוהן עזר אונ אלעד אונ דיא מענטשין פון גת האבען זייא געהרגעט. אונ זייער פאטער אפרים האט געטרויערט אויף זייא

פיל

בארץ וגו׳ וכתיב (שם) ויתאבל אפרים אביהם ימים רבים ויבואו אחיו לנחמו. ושמואל אמר אלו בני אדם שכפרו בתחית המתים שנאמר (יחזקאל ל״ז) ויאמר אלי בן אדם העצמות האלה כל בית ישראל המה הנה אומרים יבשו עצמותינו ואבדה תקותנו נגזרנו לנו. ר׳ ירמיה בר אבא אמר אלו בני אדם שאין בהם להלוחית של מצוה שנאמר (שם) דעצמות היבשות שמעו דבר ה׳. ר׳ יצחק נפחא אמר אלו בני אדם שחיפו את ההיכל כולו שקצים ורמשים שנאמר (שם ח) ואבא ואראה והנה כל תבנית רמש ובהמה ושקץ וכל גלולי בית ישראל מחוקה על הקיר סביב (כתיב הכא סביב) וכתיב התם (יחזקאל לז) והעבירני עליהם סביב סביב. ר׳ יוחנן אמר מתים שבבקעת דורא (דא״ר) [וא״ר] יוחנן מנהר אשל עד רבתי בקעת דורא (דא״ר יוחנן בשעה) [שבשעה] שהגלה נבוכדנאצר את ישראל היו בהן בחורים שהיו מגנין את החמה ביופין והיו כשדיות רואות אותם ושופעות זיבות אמרו

**פירוש**

ובני אפרים שותלח וגו׳ ותרגום אנשי גת: ושמואל אמר. מתים שהחיה יחזקאל אלו בני אדם שכפרו בתחיית המתים שנא׳ אבדה תקותנו: העצמות האלה כל בית ישראל המה. עצמות הללו סימן לכל ישראל הן שעתידה להן תחיית המתים כמו לאלו שהרי אלו אמרו אבדה תקותנו ועכשיו ידעו שאני מחיה את המתים וסימן זה לכל ישראל שגם הם עתידין להיות ולא מן הדין חיו דהא אמרן הכופר בתחיית המתים אין לו חלק לעה״ב אלא משום סימן חיו: שחיפו ההיכל. שהיו מציירין צלמים על קירות ההיכל דכתיב ואבא ואראה מחוקה על הקיר סביב: וכתיב והעבירני עליהם סביב. כלומר על אותן אנשים שכתוב עליהם סביב עבר עליהם יחזקאל להחיותן: אלו מתים שבבקעת דורא, שהמית נבוכדנאצר מלך בבל על שהיו יפים כדלקמן: מנהר אשל עד רבתי. מקומות כן היו בבקעת דורא:

פיל צייטין אונ זיינע ברידער זענען גיקומען צו טרייסטין איהם. די מענטשין האט יחזקאל לעבעדיג גימאכט. שמואל זאגט די מענטשין וואס זייא האבען גזאגט ווען זייא האבען גילעבט אז מתים וועלין ניט לעבעדיג ווערין. די מענטשין האט יחזקאל לעבעדיג גימאכט צוא ווייזין אז מתים קענען יא לעבעדיג ווערין. אזוי וויא עס שטייט אין פסוק גאט האט גיזאגט צו מיר. בן אדם. די ביינער וועלין זיין א סימן פאר אלע יודין. די מענטשין ווען זיי האבען גילעבט האבען זייא גזאגט אונזערע ביינער וועלין טרוקען ווערין אונזער האפענונג איז פארלארין מיר זענען פארשניטען גיווארין. אז די יודין וועלין זעהן די מתים זענען לעבעדיג גיווארין וועלין זייא אלע גלויבין אז זייא וועלין אויך לעבעדיג ווערין. רבי ירמיה בר אבא זאגט די מענטשין וואס זענען לעבעדיג גיווארין. ווען זייא האבען גילעבט איז אין זייא ניט גיוועזען קיין פייכטקייט פון מצות. אזוי וויא עס שטייט אין פסוק איר טרוקענע ביינער הערט צו די רייד פון גאט. זעהן מיר אז די ביינער זענען גיוועזען טרוקען פון גאטס רייד. רבי יצחק נפחא זאגט די מענטשין וואס זענען לעבעדיג גיווארין האבען אמאהל בדעקט דעם בית המקדש מיט אלע ערליייא מיאוסע זאכען. דאס מיינט מען זייא האבען אויס גימאלט אויף די ווענט פון בית המקדש מיאוסה זאכען אונ צלמים. אזוי וויא עס שטייט אין פסוק איך בין גיקומען אונ האב גיזעהן אלע צורות פון די קליינע מיאוסה זאכען וואס קריכט אויף די ערד אונ די צורות פון בהמות אונ די צורות פון גרויסע מיאוסה זאכען אונ אלע עבודה זרות פון די יודין כחוקה על הקיר סביב איז אויס געקריצט אויף די ווענט ארום. דא שטייט דערווארט סביב. אונ דארט ביי די מתים שטייט אויך ער האט מיך געפירט נעבין זייא סביב סביב. ארום אונ ארום. האט יחזקאל גימיינט איך בין גיגאנגען ארום די מתים וואס ביי זיי שטייט דער ווארט סביב איך זאל זייא לעבעדיג מאכען. זעהן מיר אז די מענטשין וואס יחזקאל האט לעבעדיג גימאכט זענען די זעלביגע מענטשין וואס האבען גימאלט די צורות אויף די ווענט פון בית המקדש. רבי יוחנן זאגט די מתים וואס יחזקאל האט לעבעדיג גימאכט זענען גיוועזען די מענטשין וואס זענען גישטארבען אין בקעת דורא. וואס נבוכדנצר האט זייא גיהרגעט. נאך האט רבי יוחנן גזאגט די אלע ערטער וואס פון טייך אשל ביז דעם ארט רבתי זענען גיוועזען אין דעם טאהל וואס הייסט דורא. ווען נבוכדנצר האט פארטריבען די יודין איז גיוועזען צווישען די יודין אזעלכע שיינע יונגע לייט וואס זענען גיוועזען שענער וויא די זוהן. די זוהן האט

אמרו לבעליהן ובעליהן למלך וצוה המלך והרגום ועדיין היו שופעות זיבות וצוה המלך ורמסום :

**טז תנו** רבנן בשעה שהפיל נבוכדנאצר חנניה מישאל ועזריה לכבשן האש אמר ליה הקב"ה ליחזקאל לך והחיה מתים בבקעת דורא כיון שהחיה אותם באו עצמות וטפחו (לו לנבוכדנאצר) [לאותו רשע שחיק טמיא] על פניו אמר מה טיבן של אלו א"ל חבריהם של אלו מחיה מתים בבקעת דורא פתח ואמר (דניאל ג) אתוהי כמה רברבין ותמהוהי כמה תקיפין מלכותיה מלכות עלם וגו' א"ר יצחק יוצק זהב רותח לתוך פיו של (נבוכדנאצר) [אותו רשע שחיק טמיא] שאלמלא בא מלאך וסטרו על פיו בקש לגנות כל שירות ותושבחות שאמר דוד בספר תהלים. ת"ר ששה נסים נעשו באותו היום אלו הן צף הכבשן ונפרץ



שופעות. מחמת תאוה ואמר המלך והרגן : ועדיין היו שופעות. שהייה רואה זיו אמרס ואמר המלך ורמסום :

באו עצמות. מן הבקעה וטפחו לו לנבוכדנאצר על פניו והלכו להם ואית דאמרי במאזן עצמות היו לו כלים וכשהגיע שעה שהיו טפחו לו על פניו כשהיה רוצה לשתות בהם : חבריהם של אלו מחיה מתים. על יחזקאל היו אומרים שהיה חבר של חנניה מישאל ועזריה ונבוכדנאצר היה יודע שהקב"ה מחיה אותם : פתח ואמר. להקב"ה : אתוהי רברבין. פסוק הוא : יוצק זהב רותח. משום דקא מיירי בשבחו דנבוכדנאצר נקיט נמי ליה מעליא ולשון קללה : סטרו. הכהו מאחורי ידו : לגנות. שהיה משבחו בשבחות נאות יותר מדוד ואילו אמרן הקב"ה היה נוטה אחריהם יותר מאחרי השירות שעשה דוד : באותו יום. שהשליכן לכבשן : צף הכבשן. שהכבשן היה משוקע בארץ כעין כבשן של סיד וצף ועומד ע"ג קרקע כדי שיראוהו כל העולם : נפרץ

האט אויס גיזעהן טינקעלער פאר זייער פנים. אז דיא נקבות פון דיא כשדים האבען גיזעהן דיא יונגע מענטשין האט אן גיהויבן צו גיסען פון זייא בלוט פון גרוים תאוה האבען זיי דאס גזאגט צוא זייערע מאנען. אונ דיא מאנען האבען דאס גזאגט צום מלך נבוכדנצר. האט דער מלך גיהייסען מען זאל זייא הרגנן. אבער נאך זייער טויט זענען זייא נאך אויך שיין גיוועזן. אונ אז דיא ווייבער האבען זייא גיזעהן. האבען זייא נאך גיהאט גרוים תאוה צוא זייא. אונ פון דער תאוה האט זיך נאך גיגאסין בלוט פון זייא. האט דער מלך גיהייסען האט מען זייא צוא טרעטין. די מענטשין האט יחזקאל לעבעדיג גימאכט :

טז תנו רבנן. דיא רבנן האבען גילערנט ווען נבוכדנאצר האט אריין גיווארפען חנניה מישאל ועזריה אין דעם ברענענדיגען הויבין. האט גאט גזאגט צוא יחזקאל גיי מאך לעבעדיג דיא מתים וואס ליגען אין דעם טאהל דורא. וויא יחזקאל האט זייא לעבעדיג גימאכט זענען גיקומען דיא בייגער פון דעם טאהל אונ זייא האבען גישלאגן אויף דעם פנים פון נבוכדנצר ואנדערע זאגין נבוכדנצר האט גיהאט כלים וואס זענען גימאכט גיווארין פון דיא בייגער פון דיא מתים וואס זענען גיוועזן אין דעם טאהל דורא. אונ וויא דיא מתים האבען גידארפט לעבעדיג ווערין. איז גיווארין א לעבעדיגקייט אין דיא כלים. אונ אז נבוכדנצר האט גיוואלט טרינקען פון דיא כלים. האבען דיא כלים אים גישלאגן אויף דעם פנים. האט נבוכדנצר גיפרעגט וואס איז מיט דיא כלים. האט מען גזאגט צוא איהם דער חבר פון דיא דרייא מענטשין וואס דוא האסט אריין גיווארפין אין פייער. מאכט לעבעדיג דיא מתים וואס ליגען אין דעם טאהל דורא. האט נבוכדנצר אן גיהויבן צוא זאגן ווי גרויס זענען דיא צייכינס פון גאט. וויא שטארק זענען זיינע וואונדער זיין קיניגרייך איז אייביגע קיניגרייך. רבי יצחק האט גזאגט הלואי וואלט אריין גיגאסען גיווארין הייסע גאלד אין דיא מויל פון נבוכדנצר אונ ער וואלט דאס ניט גזאגט. ווארום ווען עס וואלט ניט גיקומען א מלאך זאל איהם א פאטש געבין אויף זיין מויל ער זאל אויפהערין צוא זאגין. האט ער גיוואלט זאגן אזעלכע לויב פאר גאט וואס זייא וואלטין גיוועזן שענער ווי דיא לויב וואס דוד המלך האט גזאגט אין ספר תהלים. אונ ווען נבוכדנצר וואלט יא גזאגט זיינע לויב פאר גאט. וואלט גאט זיך גיצויגען נאך נבוכדנצר מער ווי נאך דוד. דריבער האט דער מלאך איהם א פאטש גיטאהן אויף דעם מויל ער זאל אויף הערין צוא זאגין :

דיא רבנן האבען גילערנט זעקס נסים זענען גיטאהן גיווארין אין דעם טאג וואס מען

ונפרץ הכבשן והומק סורו ונהפך צלם על פניו ונשרפו ד' מלכיות והחיה יחזקאל את המתים בבקעת דורא וכולהו גמרא וד' מלכיות קרא דכתיב (שם) ונבוכדנצר מלכא שלח למכנש לאחשדרפניא סגניא ופחותא אדרגזריא גדבריא דתבריא תפתיא וכל שלטוני מדינתא וגו'] וכתיב (שם) ומתכנשין אחשדרפניא סגניא ופחותא והדברי מלכא חזין לגובריא אלך וגו' - תנא דבי ר' אליעזר בן יעקב אפילו בשעת הסכנה לא ישנה אדם את עצמו מן הרבנות שלו שנאמר (שם) באדין גובריא אלך כפיתו בסרבליהון פטשיהון וכרבלתהון וגו'. א"ר יוחנן (דף צג) גדולים צדיקים יותר ממלאכי השרת שנאמר (שם) ענה ואמר הא אנה חזה גוברין ארבעה שרין מהלכין בגוא נורא וחבל לא איתי בהון ורוה די רביעיא דמה לבר אלהין:

אמר

**פירוש**

הכבשן. נפלו קצת כותליו כדי שיוכלו כולם לראות בתוכו: הומק סורו. נשפל גאותו כמו סורו רע לשון אחר סודו כמו יסודו נשתלשל וכן לימדנו ר' יעקב בר יקר אבל מורי גריס והומק סידו כיד הכבשן נמחה מרוב המימות כך שמעתי והיתה מושכת למרחוק ומכלה של אותן סביב נשרפו אותן שהשליכו חנניה מישאל ועזריה לתוך כבשן האש: נהפך צלם. של זהב על פניו: ארבע מלכיות. מלכים ואנשיהם שסייעו לנבוכדנאצר להשליך חנניה מישאל ועזריה לתוך האור: מקראי נפקי. דכתיב ונבוכדנאצר מלכא שלח למכנש לאחשדרפניא וגו' ולבסוף אחר שיצאו מן הכבשן כתיב ומתכנשין אחשדרפניא סגניא ופחותא והנך דלא כתיבי נשרפו: אל ישנה אדם מן הרבנות שלו. שהרי חנניה מישאל ועזריה היו לובשין בגדי השררות כשהושלכו לכבשן. אל ישנה שלא יראה מבוזה ומפוחד מהבהלין: פטשיהון וכרבלתהון. ענייני מלבושין: גדולים צדיקים יותר ממלאכי השרת. דברישא חשיב תלתא צדיקי ומלאך לבסוף דכתיב ורוה די רביעאה דמה לבר אלהין:

---

האט אריין גיווארפען חנניה מישאל און עזריה אין דעם ברענענדיגען הויבין. דאס זענען די זעקס נסים. דער הויבין איז גיוועזען אזוי וויא ארוב אין דער ערד. און ער איז אויף גיהויבען גיווארין צוא זיין גלייך מיט די גאנצע ערד. און די וועגט פון הויבין זענען צוא בראכין גיווארין. אלע זאלין קענען זעהן דעם נס וואס אין הויבין וועט ווערין. און די וואפגע איז צו שאמען גיווארין פון היץ איז דער פלאם גינאנגען גאנץ וייט און דריבער האט ער פאר ברענט די מענטשין וואס האבען אריין גיווארפן חנניה מישאל ו' עזריה אין דעם הויבין. און דער צלם איז אומגיפאלען אויף זיין פנים. און פיר מלכים מיט זייערע מענטשין וואס זייא האבען גיהאלפען אריין ווארפען חנניה מישאל ו' עזריה אין דעם הויבין זענען אויך פאר ברענט גיווארין. און יחזקאל האט לעבעדיג גימאכט די מתים וואס זענען גיוועזען אין דעם טאהל דורא. און די אלע נסים האט גילערנט איין תנא פון אנדערין אז אזוי איז גיוועזען. נאר אז פיר מלכים זענען פאר ברענט גיווארין דאס שטייט אין פסוק. ווארום עס שטייט אין פסוק דער מלך נבוכדנצר האט געשיקט פאר זאמלען אחשדרפניא סגניא פחותא אדרגזריא גדבריא דתבריא תפתיא און אלע גיוועלטיגערס פון די מדינות. דאס איז גיוועזען פאר דעם אריין ווארפען חנניה מישאל ו' עזריה. און נאך דעם אריין ווארפען שטייט עס האבען זיך פאר זאמעלט אחשדרפניא סגניא פחתא והדברי מלכא און זייא האבען גיזעהן וויא חנניה מישאל ו' עזריה גייען ארום אין דעם הויבין. פעלט דאך נאר פיר אדרגזריא גדבריא דתבריא תפתיא. נאר די פיר זענען פאר ברענט גיווארין ווען זייא האבען אריין גיווארפען חנניה מישאל ו' עזריה אין דעם הויבין. דבי רבי אליעזר בן יעקב האט גילערנט אפילו ווען אמענטש איז אין אסכנה זאל ער זיך ניט ענדערין פון זיין גרויסקייט. אזוי וויא עס שטייט אין פסוק די מענטשין (חנניה מישאל ו' עזריה) זענען גיוועזען איין געוויקעלט אין זייערע מאנטלען. זעהן מיר אפילו ווען מען האט זייא געפירט צום פאר ברענען פון דעסטוועגין זענען זייא גיוועזען איין געוויקעלט אין זייערע שיינע קליידער און זייא זענען גינאנגען מיט גרויסקייט צום פאר ברענט ווערין. רבי יוחנן זאגט צדיקים זענען גרעסער וויא מלאכים. אזוי וויא עס שטייט אין פסוק נבוכדנצר האט גזאגט איך זעה פיר מענטשין אויף געבונדענע גייען ארום אין דעם פייער און קיין וואונד (קיין שאדין) איז ניטא אין זייא און דער גישטאלט פון דעם פערטין איז גלייך צו אמלאך. האט ער גירעכענט פריער די דריי צדיקים דער נאך דעם מלאך צום פערטין. זעהן מיר אז צדיקים זענען גרעסער וויא מלאכים:

אמר

**יז אמר** ר' תנחום בר חנילאי בשעה שיצאו חנניה מישאל ועזריה מכבשן האש באו כל אוה"ע וטפחו לשונאיהן של ישראל על פניהם אמרו להם יש לכם אלוה כזה ואתם משתחוים לצלם מיד פתחו ואמרו (דניאל ט) לך ה' הצדקה ולנו בשת הפנים כיום הזה. א"ר שמואל בר נחמני אמר רבי יונתן מ"ד (שיר ז) אמרתי אעלה בתמר אחזה בסנסניו (אמר הקב"ה) אני אמרתי אעלה בתמר אלו ישראל ועכשיו לא עלה בידי אלא סנסן אחד של חנניה מישאל ועזריה. א"ר יוחנן מ"ד (זכריה א) ראיתי הלילה והנה איש רוכב על סוס אדום והוא עומד בין ההדסים אשר במצולת ואחריו סוסים אדומים שרוקים ולבנים מאי ראיתי הלילה בקש הקב"ה להפוך את כל העולם כלו ללילה. והנה איש רוכב ואין איש אלא הקב"ה שנא' (שמות טו) ה' איש מלחמה ה' שמו. על סוס אדום בקש הקב"ה להפוך את כל העולם כלו לדם כיון שנסתכל בחנניה מישאל ועזריה נתקררה דעתו שנאמר (זכריה א) והוא עומד בין ההדסים אשר במצולה ואין הדסים אלא צדיקים שנאמר (אסתר ב) ויהי אומן את הדסה ואין מצולה אלא בבל שנאמר (ישעיה מד) האומר לצולה חרבי ונהרותיך אוביש מיד מלאים רוגז נעשים שרוקים ואדומים נעשו לבנים

אמר

ומפחו לישראל על פניהם. שהשתחוו לצלם: אמ' אמרתי שכל התמר שלי כולו שיהיו כולם צדיקים הרבה ולא עלתה בידי וכו' ישראל נמשלו לתמר כדאמרינן מה תמר זה אין לו אלא לב אחד כו': והנה איש רוכב על סוס אדום. בזכריה כתיב: כל העולם כלו ללילה. מפני שהשתחוו לצלם: והוא עומד בין ההדסים. העמיד הקב"ה [עצמו] בזכות ההדסים שבמצולה: האומר לצולה חרבי. לבבל שיושבת במצולה: חרבי. לשון חרבו המים: שרוקים. צבועים ואח"כ נעשו לבנים

---

**יז** אמר. רבי תנחום בר חנילאי האט געזאגט ווען חנניה מישאל ועזריה זענען ארויס געגאנגען פון קאלך הויבין זענען געקומען אלע פעלקער און האבען געשלאגן די יודען אויף זייערע פנימער און האבען געזאגט צוא זייא איר האט אזוי א גאט און איר בוקט אייך צום צלם. האבען די יודען באלד געזאגט צו דיר גאט איז די גערעכטיגקייט און צוא אונז איז די שאנד אויף דעם פנים אזוי וויא מיר זעהן היינטיגען טאג. רבי שמואל בר נחמני האט געזאגט פון רבי יונתן וועגין עס שטייט אין פסוק אמרתי אעלה בתמר אחזה בסנסניו. גאט זאגט איך האב געמיינט איך וועל ארויף גיין אויף דעם גאנצען טייטעל בוים ואיך וועל גרויס ווערין אויף דער וועלט דורך אלע יודין איצט האב איך נישט מער אן גינומען נאר איין צווייג. מיין נאמען איז נישט מער געגרייסט געווארין נאר דורך דיא דרייא צדיקים חנניה מישאל ועזריה. רבי יוחנן זאגט עס שטייט אין פסוק איך האב געזעהן דיא נאכט א מענטש רייט אויף א רויטען פערד און ער שטייט צווישען דיא הדסים וואס אין דער טיפעניש און נאך איהם זענען געגאנגן פערד רויטע געפארבטע ווייסע. וואס מיינט מען איך האב געזעהן דיא נאכט. גאט האט געוואלט אומקערין דיא גאנצע וועלט און מאכען פון איר נאכט. און איך האב געזעהן איש רוכב: איש מיינט מען גאט. אזוי וויא עס שטייט אין פסוק ה' איש מלחמה ה' שמו. וואס מיינט מען איך האב געזעהן גאט רייט אויף ארויטען פערד. דאס מיינט מען גאט האט געוואלט אומקערין דיא גאנצע וועלט צוא בלוט וואס איז רויט. ווייל זייא האבען זיך געבוקט צום צלם פון נבוכדנצר. ווייא גאט האט געזעהן וואס חנניה מישאל ועזריה האבען געטאהן. זייא האבען זיך געלאזט אריין ווארפען אין פייער צום פאר ברענט ווערין און ניט צוא בוקין זיך צום צלם. איז אפ געקיהלט געווארין דער כעס פון גאט. אזוי וויא עס שטייט אין פסוק און ער שטייט צווישן דיא הדסים וואס אין דער טיפעניש: הדסים מיינט מען צדיקים אזוי וויא עס שטייט אין פסוק און ער האט דער צויגין דיא הדסה דאס איז אסתר המלכה. און דיא טיפעניש מיינט מען בבל אזוי וויא עס שטייט אין פסוק ער האט געזאגט צו דיא טיפעניש זאלסט טרוקען ווערין און דיינע טייכען וועל איך טרוקען מאכען. דאס מיינט מען גאט האט אפ געשטילט דעם כעס זיינעם פון וועגין דעם זכות פון דיא צדיקים וואס זענען געוועזן אין בבל. דריבער באלד אין אנהייב ווען גאט איז געוועזן אין כעס זענען דיא פערד געוועזן געפארבט און רויט. און דער

גאד

אמר רב פפא ש"מ סוסיא חיורא מעלי לחלמא. ורבנן להיכן אזלו אמר רב בעין הרע מתו ושמואל אמר ברוק טבעו. ורבי יוחנן אמר עלו לא"י ונשאו נשים והולידו בנים ובנות. כתנאי ר' (אלעזר) [אליעזר] אומר בעין הרע מתו ר' יהושע אמר ברוק טבעו וחכמים אומרים עלו לא"י ונשאו נשים והולידו בנים ובנות שנא' (זכריה ג) שמע נא יהושע הכהן הגדול אתה ורעיך היושבים לפניך כי אנשי מופת המה איזו הם אנשים שנעשה להן מופת הוי אומר זה חנניה מישאל ועזריה ודניאל להיכן אזל אמר רב למיכרא נהרא רבא במורא ושמואל אמר לאתויי ביזרא דאספסתא רבי יוחנן אמר לאתויי הזירי [דאלכסנדריא של מצרים]

בשנתגלגלו הצדיקים מה מבעתו: סוסיא חיורי מעלי לחלמא. מדקאמר שהדסים הוא רמז לגאולה: ורבנן. חנניה מישאל ועזריה: להיכן אזלו כשיצאו מן הכבשן דהא לא מדכר להו בכולהו כתובי: בעין הרע מתו. שהיו מסתכלין בהן על הנס. המתין בהן: ברוק טבעו. שאותו רוק שרקקו אוה"ע בישראל שאומרים להם אלוה כזה היה לכם והשתחויתם לצלם: כי אומר זה הנס כו'. אלמא הדרו לו לארץ אצל יהושע כהן גדול: דניאל להיכן אזל. כשהשליכו הכניסו לתוך הכבשן הלא בלא הוזכר שמם: למיכרא נהרא רבא בטבריא. להפיר ולהוליא נהר בטבריא ל"א למכרא נהרא בטורא גסר: לאתויי ביזרא דאספסתא. להביא זרע של עשב שהוא מאכל בהמה שלהו נ"כ הכי הוי קים להו: לאתויי הזירי ממצרים. שלהו כדי לגדלם לגלות

נאך ווען דער כבש איז געשטילט געווארין זענען דיא פערד געווארין ווייס. רב פפא זאגט פון דאנען זעהן מיר אז מען זעהט אין חלום אווייסען פערד איז אגוטער סימן. זאגט דיא גמרא אונ דיא רבנן וחנניה מישאל ועזריה וואו אהין זענען זייא גיגאנגען נאך דעם וויא זיי זענין ארויס גיגאנגען פון קאלך הויבין. רב זאגט זייא זענען געשטארבען פון עין הרע. ווייל אלע מענטשין האבען זיך געוואונדערט אויף זייא. שמואל זאגט זייא זענען דער טרונקען געווארין אין דעם שפייאכץ וואס אלע פעלקער האבען געשפיגען אויף דיא יודין אונ האבען גיזאגט צו זייא אזוי אגאט האט איר אונ איר גייט אייך בוקן צום צלם. ווער מהרש"א זאגט מען מיינט ניט עס איז גיוועזן אזוי פיל שפייאכץ אז חנניה מישאל ועזריה זענען אין דיא שפייאכץ דער טרונקען געווארין. נאר אזוי מיינט מען דורך דעם שפייאכץ זענען חנניה מישאל ועזריה געשטארבין. ווייל ווען דיא פעלקער האבען געקוקט אויף חנניה מישאל ועזריה. האבען זייא פאר שעמט דיא יודין אונ האבען זייא געשפיגען אין פנים. אונ האבען גזאגט צוא זייא איר הט אזוי אגאט אונ איר בוקט אייך צום צלם. האבען די יודין גיהאט גרויס צער. דריבער זענען חנניה מישאל ועזריה געשטארבען די זאך זאל פאר געסין ווערין. רבי יוחנן זאגט חנניה מישאל ועזריה זענען אויף גיגאנגען אין ארץ ישראל אונ האבען גינומען ווייבער אונ האבען גיבארין זיהן אונ טעכטער. זאגט דיא גמרא תנאים קריגען אין דער זאך וואס עס איז געווארין מיט חנניה מישאל ועזריה. רבי אליעזר זאגט זייא זענען געשטארבין פון עין הרע. רבי יהושע זאגט זייא זענען דער טרונקען געווארין אין דעם שפייאכץ: אונ דיא חכמים זאגין זייא זענען אויף גיגאנגען אין ארץ ישראל אונ האבען גינומען ווייבער אונ האבען גיבארין זיהן אונ טעכטער. ווארום עס שטייט אין פסוק הער צו יהושע כהן גדול דוא אונ דיינע חברים וואס זיצען פאר דיר ווארום זייא זענען מענטשין וואס צוא זייא איז גיטאהן געווארין וואונדער: צוא וועלכע מענטשין איז (אין דער צייט פון יהושע כהן גדול) גיטאהן געווארין וואונדער. דאס איז חנניה מישאל ועזריה. זעהן מיר אז חנניה מישאל ועזריה זענען גיקומען אין ארץ ישראל צו יהושע כהן גדול. פרעגט דיא גמרא וואו איז גיוועזן דניאל ווען מען הט אריין גיווארפען חנניה מישאל ועזריה אין קאלך הויבין ווארום אז ער וואלט גיוועזן צוא זאמען מיט חנניה מישאל ועזריה וואלט מען דאך אים אויך אריין גיווארפען אין קאלך הויבין. רב זאגט ער איז גיגאנגען גראבין אגרויסען טייך אויף אבארג (נבוכדנצר האט איהם געשיקט). שמואל זאגט ער איז גיגאנגען ברייננגען קערנער צו פאר זייען גראז פאר בהמות (נבוכדנצר האט איהם געשיקט). רבי יוחנן זאגט נבוכדנצר האט איהם געשיקט ער זאל ברייננגען חזירים פון דיא שטאט אלכסנדריא וואס אין מצרים. (דיא חזירים זאלין האבען קינדער אין בבל. וועט גימערט ווערין מצרים חזירים אין בבל. ווייל אין מצרים זענען גיוועזן דיא בעסטע חזירים). פרעגט דיא גמרא

מיר

איני (והתניא) [והתנן] תודוס הרופא אומר אין פרה וחזירה יוצאה מאלכסנדריא של מצרים שאין חותכין האם שלה בשביל שלא תלד. זוטרי איתו בלא דעתייהו:

**יח תנו** רבנן שלשה היו באותה עצה הקב"ה ודניאל ונבוכדנאצר הקב"ה אמר ליזיל דניאל מהכא דלא לימרו בזכותיה איתנצל. ודניאל אמר איזיל מהכא דלא ליקיים בי פסילי אלהיהם תשרפון באש. ונבוכדנאצר אמר יזיל דניאל מהכא דלא לימרו קלייה לאלהיה בנורא ומנין דסגיד ליה דכתיב (דניאל ב) באדין מלכא נבוכדנאצר נפל על אנפוהי ולדניאל סגיד וגו':

בחזירי מגרים גדולים הם: והתניא אמר תודוס הרופא. לחכמים שהיו אומרים ניטלה האם טרפה והא אין פרה וחזירה יוצאה ממצרים כו' כדי שלא יהו מצויין במקומות אחרים [ואף בפ"ב חיו]. זוטרי אייתיהו. ולא העלו על לבם דלפריה ורביה בעי והניחו להוציאן בלא חתוך האם:
באותה עצה. שהלך משם דניאל: דלא ליקיים בי פסילי אלהיהם תשרפון באש. דנבוכדנצר עשאו אלוה כדכתיב ולדניאל סגיד והוה ליה כפסילי אלהיהם שהמקרא הזה היה צוה עלינן לשורפן לכך היה מתיירא:

קליות

(ירמיה כט) **יט כה** אמר ה' צבאות אלהי ישראל אל אחאב בן קוליה ואל צדקיהו בן מעשיה הנבאים לכם בשמי שקר וגו' וכתיב (שם) ולוקח מהם קללה לכל גלות יהודה אשר בבבל לאמר ישימך ה' כצדקיהו וכאחב אשר קלם מלך בבל באש אשר שרפם לא נאמר אלא אשר קלם אמר רבי יוחנן משום רבי שמעון בן יוחאי מלמד שעשאם כקליות. (שם) יען אשר עשו נבלה בישראל וינאפו את נשי

רעיהם

---

מיר האבען דאך גילערנט תודוס הרופא זאגט דיא מענטשין פון אלכסנדריא האבען ניט גילאזט ארויס פירען פון אלכסנדריא קיין קוה און קיין חזיר ביז זייא האבען אויס געשניטען דיא מוטער וואס אין בויך זייא זאלין נישט קענען האבען קינדער. ווייל זייא האבען גיוואלט אין דער גאנצער וועלט זאל ניט זיין אזעלכע קיה און אזעלכע חזירים וויא ביי זייא. ענטפערט די גמרא דניאל האט גיקויפט אין אלכסנדריא קליינע חזירים. האבען זייא גימיינט ער קויפט זייא באלד צום עסין האבען זייא ניט אויס געשניטען דיא מוטערס:

**יח** תנו רבנן. די רבנן האבין גילערנט דריי זענען גיוועזען אין דער עצה אז דניאל זאל ניט זיין אין בבל ווען מען וועט אריין ווארפין חנניה מישאל ועזריה אין קאלך הויבין. גאט און דניאל און נבוכדנצר. גאט האט גיזאגט דניאל זאל אוועק גיין פון דאנען מען זאל ניט זאגין דורך זיין זכות איז חנניה מישאל ועזריה גירעטעט גיווארין פון פייער. דניאל האט גיזאגט איך וועל אוועק גיין פון דאנען ווייל נבוכדנצר האט מיך גימאכט פאר א גאט זאל ניט מקוים ווערין אויף מיר דער פסוק די בילדער וואס זענען געטער זאלט איר פאר ברענען אין פייער. דריבער האב איך מורא טאמער וועל איך פאר ברענט ווערין אין דעם פייער. נבוכדנצר האט גיזאגט דניאל זאל אוועק גיין פון דאנען מען זאל ניט זאגין איך האב פאר ברענט מיין גאט אין פייער. פון וואנען ווייסין מיר אז נבוכדנצר האט זיך גיבוקט צו דניאל און האט אים גיהאלטין פאר א גאט. ווארום עס שטייט אין פסוק דאמאלס. איז דער מלך נבוכדנצר גיפאלין אויף זיין פנים און האט זיך גיבוקט צו דניאל:

**יט** כה. אזוי האט גיזאגט ה' צבאות דער גאט פון די יודין אויף אחאב בן קוליה און אויף צדקיהו בן מעשיה וואס זיי זאגין צו אייך פאלשע נביאות אין מיין נאמען. פון זיי וועט גינומען ווערין א קללה צו אלע פארטריבענע פון יהודה וואס זענען אין בבל. אז איינער וועט וועלין פלוכין זיין חבר וועט מען זאגין גאט זאל צו דיר טאהן אזוי ווי ער האט געטאהן צוא צדקיהו און צו אחאב אשר קלם מלך בבל באש. וואס דער מלך פון בבל האט זיי פאר ברענט אין פייער. עס שטייט ניט אשר שרפם. נאר עס שטייט אשר קלם. האט רבי יוחנן גיזאגט פון רבי שמעון בן יוחאים וועגין דער פסוק לערנט אונז שעשאם כקליות. ער האט זיי ניט פאר ברענט אויף אש. נאר ער האט זיי אפ גיזענקט אויף דעם פייער אזוי ווי מען זענקט אפ זאנגען

אויף

קליות. שבלים המתהבהבין באש: השמיעי. השתחוי: תלתא. ונסיבי זכותייהו: כלוט זז אוד.

רעידהם מאי עביד אזיל לגבי ברתיה דנבוכדנאצר אחאב אמר לה כה אמר ה' השמיעי אל צדקיה וצדקיה אמר כה אמר ה' השמיעי אל אחאב אזלה ואמרה ליה לאבוה אמר לה אלהיהם של אלו שונא זמה הוא כי אתו לגבך שדרינהו לגבאי כי אתו לגבה שדרתינהו לגבי אבוה אמר להו מאן אמר לכון אמרו ליה הקב"ה והא חנניה מישאל ועזריה שאלתינהו ואמרו לי אסור אמרו ליה אנן נמי נביאי כותייהו לדידהו לא אמר להו לדידן אמ' לן. אמר להו אנא בעינא דאבדקינכו כי היכי דבדקתינהו לחנניה מישאל ועזריה. אמרו ליה אינון תלתא הוו ואנן תרין אמר להו בחרו לכו מאן דבעיהו בהדייכו אבחרי יהושע כהן גדול סברי ליתי יהושע דנפיש זכותיה וכנגי עלן אחתינהו שדינהו אינהו איקלו יהושע כהן גדול איחרוכי מאניה שנאמר (זכריה ג) ויראני את יהושע הכהן הגדול עומד לפני מלאך ה' והשטן עומד על ימינו לשטנו וכתיב (שם) ויאמר ה' אל השטן יגער ה' בך השטן ויגער ה' בך הבוחר בירושלים הלוא זה אוד מצל מאש א"ל ידענא דצדיקא את אלא מ"ט אהניא בך פורתא נורא וחנניה מישאל ועזריה לא אהניא בהו כלל אמר להו אינהו תלתא

---

אויף דעם פייער צו טריקענען. ווייל זיי האבין גיטאהן אמיאוסה זאך צווישען יודין אונ זיי האבין מזנה גיוועזן מיט זייער חברים ווייבער. וואס האבין זיי גיטאהן. זיי זענען גינאנגען צו די טאכטער פון נבוכדנצר אחאב האט גיזאגט צו איר אזוי האט גאט גיזאגט דו זאלסט מזנה זיין מיט צדקיהו. אונ צדקיהו האט גיזאגט צו איר אזוי האט גאט גיזאגט דו זאלסט מזנה זיין מיט אחאב איז זי גינאנגען אונ האט דאס גיזאגט צום פאטער. האט דער פאטער צו איר גיזאגט איך וויים אז דער גאט פון יודין האט פיינט מען זאל מזנה זיין. אז צדקיהו אונ אחאב וועלין קומען צו דיר שיק זיי צו מיר. אז צדקיהו אונ אחאב זענען גיקומען צו איר האט זיא זיי געשיקט צום פאטער. האט נבוכדנצר צו זיי גיזאגט ווער האט אייך גיזאגט איר זאלט מזנה זיין מיט מיין טאכטער האבין זיי גיזאגט צו נבוכדנצר גאט האט אונז גיזאגט. האט נבוכדנצר גיזאגט איך האב גיפרעגט ביי חנניה מישאל ועזריה האבין זיי מיר גיזאגט מען טאר ניט מזנה זיין. האט צדקיהו אונ אחאב גיזאגט צו נבוכדנצר מיר זענען אויך אזעלכע נביאים ווי זיי זענען. צו זיי האט דאס גאט נים גיזאגט, אונ צו אונז האט דאס גאט יא גיזאגט. האט נבוכדנצר צו זיי גיזאגט איך וויל אייך פרובין אויב איר זענט אמתה נביאים. אזוי ווי איך האב גיפרובט חנניה מישאל ועזריה. האבין צדקיהו אונ אחאב גיזאגט צו נבוכדנצר זיי זענען גיוועזן דריי אונ מיר זענען נאר צוויי. דער זכות פון דריי מענטשין איז דאך גרעסער ווי דער זכות פון צוויי מענטשין. האט נבוכדנצר צו זיי גיזאגט קלויבט אייך אוים אדריטין מענטש וועמען איר ווילט. האבין זיי אוים געקליבען יהושע כהן גדול. זיי האבין גימיינט ווייל יהושע איז אגרויסער צדיק וועט ער קומען אונ וועט בשיצען אויף זיי. אז דורך אים וועלין זיי אויך נים פאר ברענט ווערין. האט מען גינומען אלע דריי יהושע אונ צדקיה אונ אחאבו אונ מען האט זיי אריין גיווארפין אין דעם ברענענדיגען הויבין. אחאב אונ צדקיה זענען פאר ברענט גיווארין. יהושע כהן גדול זענען נאר אפ גזענקט גיווארין זייגע קליידער. אזוי וויא עס שטייט אין פסוק ער האט מיר געוויזען דעם יהושע כהן גדול ער שטייט פאר דעם מלאך פון גאט אונ דער שטן שטייט בייא זיין רעכטע האנט צו ריידין אויף אידם שלעכטס. האט גאט גיזאגט צום שטן גאט וועט אן שרייען אויף דיר שטן. אונ דער גאט וואס האט אויסדערוויילט אין ירושלים וועט ער אן שרייען אויף דיר. דער יהושע איז אזוי וויא אשטיק האלץ וואס איז אפ גיזענקט גיווארין פון פייער. האט נבוכדנצר גיזאגט צו יהושע איך וויים אז דוא ביזט אצדיק. נאר פאר וואס אין דיר האט דער פייער אביסול געווירקט. דיינע קליידער זענען אפ גזענקט גיווארין. אונ חנניה מישאל ועזריה אויף זייא האט דער פייער גאר נים געווירקט. אפילו זייערע קליידער זענען אויך נים אפ

ניזענקט

תלתא הוו ואנא חד א"ל והא אברהם יחיד הוה התם לא הוו רשעים בהדיה ולא איתיהיב רשותא לנורא הכא הוו רשעים בהדי' ואתיהיב רשותא לנורא והיינו דאמרי אינשי תרי אודי יבישי וחד רטיבא אוקדן יבישי לרטיבא. מה טעמא איענש אמר רב פפא שהיו בניו נושאין נשים שאינן הגונות לכהונה ולא מיחה בהן שנאמר (זכריה ו) ויהושע היה לבוש בגדים צואים וכי דרכו של יהושע ללבוש בגדים צואים אלא מלמד שהיו בניו נושאין נשים שאינן הגונות לכהונה ולא מיחה בהן:

מה אוד נחרך אף זה נחרך: אבי. מטיל: אוקרן. פרפוי: מ"ט איענש. יהושע דאמרי מהא למחמה דהוי דאהדר איהו לנבוכדנאצר דתייס בעלמא דהוי:

שש שעורים. שש גרעינין [שעורים] ממש: וכי דרכו של בועז ליתן שש ש ליס. וכא סאן אין פוחתין לעני בגורן פחות מחצי קב שעורים: אלא שש סאין. דהא קבין הוו שש לוגין ליכא למימר דלא נייחי בגורן מדה פחותה מכלה: ליטול שש סאין. ליכא משוי כזה: רמז רמז לה. דשש גרעינין נתן לה לסימן ורמז שעתידין לצאת שש בנים ממנה: יודע נגן גבור חיל ואיש מלחמה וג' א דבר ואיש תאר וה' עמו. היינו שש ברכות: אל

ב אמר ר' תנחום דרש בר קפרא בצפורי מ"ד (רות ג) ותאמר שש השעורים האלה נתן לי מאי שש השעורים אי ליכא שש שעורים ממש וכי דרכו של בועז ליתן מתנה שש שעורים (ע"ב) אלא שש סאין וכי דרכה של אשה ליטול שש סאין אלא רמז רמז לה שעתידין ששה בנים לצאת ממנה שמתברכין בשש שש ברכות ואלו הן דוד ומשיח דניאל חנניה מישאל ועזריה. דוד דכתיב (ש"א טז) ויען אחד מן הנערים ויאמר הנה ראיתי בן לישי בית הלחמי יודע נגן וגבור חיל ואיש מלחמה ונבון דבר ואיש

---

געזעגקט געווארין: האט יהושע געזאגט צו נבוכדנצר זייא זענען געוועז דרייא צדיקים אונ איך בין נאר געוועזן איינער. האט נבוכדנצר געזאגט אברהם איז דאך אויך געוועזן נאר איינער. פאר וואס זענען זיינע קליידער גיט אפ געזענגט געווארין. האט יהושע געזאגט דארט ביי אברהם זענען מיט איהם ניט געוועזן רשעים. איז ניט געגעבין געווארין רשות צום פייער ער זאל ברענען. אבער דא ביי יהושע זענען מיט איהם געוועזן רשעים איז געגעבין געווארין רשות צום פייער ער זאל ברענען. האט ער שוין אפ געזענגט די קליידער פון יהושע אויך. דאס איז וואס מענשין זאגין אז אוף פייער ליגט צווייא שטיקער האריך טרוקענע אונ איין שטיק האלץ צנאסע. פאר ברענען די טרוקענע האלץ דעם נאסען האלץ אויך. פרעגט די גמרא אונ אין אמת פר וואס איז פארברענט געווארין זיינע קליידער. רב פפא זאגט ווייל זיינע זיהן האבין גענומען אזעלכע ווייבער וואס זענען ניט כשר צו כהנים. אונ יהושע האט זיי ניט געווערט. אזוי ווי עס שטייט אין פסוק יהושע איז געוועזן אן געקליידט אין מיאוסר קליידער. איז דען געוועזן דר שטייגער פון יהושע ער זאל אן קליידין מיאוסה קליידער. נאר מען מיינט זיינע זיהן האבין גינומען אזעלכע ווייבער וואס זענען ניט כשר צו כהנים. אונ יהושע האט זייא ניט געווערט:

ב אמר. רבי תנחום האט געזאגט בר קפרא האט גידרשת אין צפורי. עס שטייט אין פסוק רות האט געזאגט די זעקס גערשטין האט בועז מיר געגעבין. וואס מיינט מען זעקס גערשטין. מיר זאלין זאגין זעקס קערנער גערשטין. איז דען דער שטייגער פון בועז ער זאל געבין אמתנה זעקס קערנער גערשטין. וועלין מיר זאגין בועז האט איהר געגעבין זעקס סאה גערשטין וסאה איז אזוי אמאס. קען דען אאשה טראגין זעקס סאה גערשטין. וויא אזוי הט דאס רות געקענט טראגין ביז אהיים. נאר ער האט איהר טאקי געגעבין זעקס קערנער גערשטין. אונ ניט דאס איז געוועזן אמתנה. נאר דאס איז געוועזן אסימן אז פון איהר וועלין געבארין ווערין זעקס קינדער: וואס יעדער קינד וועט זיין געבענשט מיט זעקס ברכות. אונ דאס זענען די זעקס קינדער דוד משיח דניאל חנניה מישאל ועזריה. בייא דוד שטייט זעקס ברכות. אזוי ווי עס שטייט אין פסוק איינער פון די יונגען האט געזאגט צו שאול איך האב געזעהן ישי פון בית לחם האט אזוהן דוד. ער קען שפילען. ער איז אשטארקער העלד. ער קען גיין אין אמלחמה. ער איז אפארשטענדיגער מענטש. אונ אשיינער מענטש. אונ גאט איז מיט איהם.

אונ

ואיש תאר וה' עמו ואמר רב יהודה אמר רב כל הפסוק הזה לא אמרו דואג אלא בלה"ר. יודע נגן שיודע לשאול. גבור חיל שיודע להשיב. איש מלחמה שיודע לישא וליתן במלחמתה של תורה. ונבון דבר שמבין דבר מתוך דבר. איש תואר שמראה פנים בה כה. וה' עמו שהלכה כמותו בכל מקום. בכולהו אמר יונתן בני כמוהו כיון דא"ל וה' עמו מלתא דבדידיה נמי לא הוה חלשא דעתיה ונתקנא בו דבשאול כתיב (ש"א יד) ובכל אשר יפנה ירשיע ובדוד כתיב בכל אשר יפנה יצליח ומנ"ל דדואג (האדומי) הוה כתיב הכא (שם טז) אחד מהנערים מיוחד שבנערים וכתיב התם (שם כא) ושם איש מעבדי שאול ביום ההוא נעצר לפני ה' ושמו דואג האדומי אביר הרועים אשר לשאול. משיח דכתיב (ישעיה יא) ונחה עליו רוח ה' רוח חכמה ובינה [רוח עצה וגבורה רוח דעת ויראת ה'] (שם) והריחו ביראת ה' ולא למראה עיניו ישפט ולא למשמע אזניו יוכיח אמר ר' אלכסנדרי מלמד

**פירוש**

אמרו דואג. לקמן מפרש דאחד מן הנערים היינו דואג: אלא בלה"ר. שהיה מספר בגנותו של דוד כדי שיקנא בו שאול ויהרגנו: לישא וליתן במלחמתה של תורה. נתשובות כה"ת: פנים בהלכה. שמביא ראיה לדבריו: דבדידיה נמי לא הוה. דשאול נמי לא הוי הלכה כמותו כדאמרינן בעירובין דוד דגלי מסכתא כתיב ביה יראיך יראוני וישמחו שאול דלא גלי מסכתא כתיב ביה בכל אשר יפנה ירשיע: נעצר לפני ה'. ללמוד תורה הרבה: אביר הרועים אביר לשאול. אלמא הוה מיוחד בנערים דהיינו דואג. דמוקי הכא: קרי ליה אביר הרועים: ונחה עליו רוח ה'. איזה רוח רוח חכמה ובינה רוח עצה וגבורה רוח דעת ויראת ה' הכי גרסינן: ה"ג והריחו ביראת ה' א"ר אלכסנדרי שהטעינו במצות ויסורים כרחים. היינו והריחו לשון רחים ולא

---

אונ רב יהודה האט געזאגט פון רבס וועגן דעם גאנצן פסוק האט געזאגט דואג אויף דוד צו ריידן אויף איהם לשון הרע. דריבער האט ער אזוי געלויבט דודן פאר שאול. שאול זאל האבן קנאה אויף דוד וועט ער איהם הרגנן. ער קען שפילען מיינט מען ער קען פרעגן שאלות אין דער תורה. ער איז אשטארקער העלד מיינט מען ער וויים צו ענפערין אויף יעדער שאלה. ער קען גיין אין אמלחמה מיינט מען ער וויים מלחמה צו האלטין אין דער תורה. ער וויים ווי אזוי צו קריגען מיט תנאים אין דיא דינים אונ אין דיא פשטים פון דער תורה. ער איז אפאר שטענדיגער מענטש מיינט מען ער פארשטייט אפ צו לערנען איין זאך פון דיא אנדערע. ער איז אשיינער מענטש מיינט מען ער וויים צו זאגן אשיינעם טעם אויף אדין. פאר וואס דער דין איז אזוי. אונ גאט איז מיט איהם מיינט מען אין דער גאנצער תורה איז דער דין ווי דוד זאגט. גאט איז מיט איהם ער זאל אין דער גאנצער תורה טרעפין דעם אמתין פשט. אויף אלע זאכין וואס דואג האט געזאגט אויף דוד. האט שאול געזאגט מיין זוהן יונתן איז אויך אזוי. ווי דואג האט געזאגט גאט איז מיט דוד. דאס איז אזוי אזאך וואס שאול אליין האט אויך ניט געהאט שאול אליין האט אויך ניט געקענט טרעפין דעם אמתין דין אונ דעם אמתין פשט אין דער תורה. איז שאול ביי זיך אראפ געפאלין אונ ער האט מקנא געווען דודן. ווארום ביא שאול שטייט ווא ער הט זיך געקערט איז ער געווארין ארשע. דאס מיינט מען ווא ער האט געלערנט האט ער ניט געטראפין דעם אמת. אונ ביא דוד שטייט ווא ער האט זיך געקערט האט ער געגליקט. דאס מיינט מען ווא ער האט געלערנט האט ער געטראפין דעם אמתין דין. אונ פון וואנען ווייסין מיר אז דער יונג וואס האט גירעט פאר שאול איז געווען דואג. ווארום דא שטייט אחד מהנערים האט גירעט. דאס מיינט מען דער גרעכטער פון שאולס קנעכט האט גירעט פאר שאול. אונ דארט שטייט ביא אחימלך איז געווען אמענטש פון שאולס קנעכט אין דעם טאג האט ער זיך אויף געהאלטין ביא אחימלך פאר גאט ער זאל לערנען תורה דער נאמען פון דעם מענטש איז דואג האדומי ער איז דער שטארקסטער פון דיא פאסטיכער וואס שאול האט געהאט. זעהן מיר אז דער עלצטער פון שאולס קנעכט איז געווען דואג:

ביי משיח שטייט אין פסוק עס וועט רוהען אויף איהם אגייסט פון גאט. אגייסט פון חכמה אונ בינה. עצה אונ גבורה. דעת אונ יראת ה'. אין זעקס זאכין. עס שטייט אין פסוק ביא משיח והריחו ביראת ה'. וויא איז דער טייטש והריחו. רבי אלכסנדרי זאגט דער פסוק דער ציילט אונז אז גאט האט בעלאדען אויף משיח מצות אונ יסורים אזוי שווער ווי אמיהל מיט

ד"א

סלמד שהטעינו מצות ויסורים כרחים רבא אמר דמ רח ודאין דכתיב ולא למראה עיניו ישפוט ושפט בצדק דלים והוכיח במישור לענוי ארץ . בר כוזיבא מלך תרתין שנין ופלגא אמר להו לרבנן אנא משיח אמרו ליה במשיח כתיב דמורח ודאין נחזי אנן אי מורח ודאין כיון דחזיוהו דלא מורח ודאין קטלוהו . דניאל חנניה מישאל ועזריה דכתיב בהו (דניאל א) ילדים אשר אין בהם כל מום וט בי מראה ומשכילים בכל חכמה ויודעי דעת ומביני מדע ואשר כח בהם לעמוד בהיכל המלך] מאי אשר אין בהם כל מום א"ר חמא בר חנינא אפילו כריבדא דכוסילתא לא הוה בהו . מאי ואשר כח בהם לעמוד בהיכל המלך א"ר חמא בר חנינא סלמד שהיו אונסין את עצמן מן השחוק ומן השיחה ומן השינה ומעמידין על עצמן בשעה שנצרכים לנקביהם מפני אימת מלכות :

**כא** (דניאל א) **ויהי** בהם מבני יהודה דניאל חנניה מישאל ועזריה א"ר אלעזר כולן מבני יהודה הם ור' שמואל בר נחמני אמר דניאל מבני יהודה חנניה מישאל ועזריה משאר שבטים . (מ"ב כ ישעיה לט) ומבניך אשר יצאו ממך אשר תוליד

יקחו

גרסינן ודאין והריחו : רבא אמר . מאי והריחו דמורח ודאין מריח באדם ושופט ויודע אם חייב הוא : לא למראה עיניו ישפוט ולא למשמע אזניו יוכיח . ואפ"ה ושפט בצדק דלים כגון ע"י הריח : בר כוזיבא . ממלכי הורדוס היה : אשר אין בהם כל מום . ומובי מראה משכילים בכל חכמה יודעי דעת ומביני מדע ואשר כח בהם הרי שבח : אפי' ריבדא דכוסילתא . לא היתה בגופם שלא היו צריכין להקיז: ריבדא. פוגמ"א בלע"ז : כוסילתא, שם כלי המקיז : מן השיחה . שלא היו מספרין בדברים בטלים כדי שלא ישגו בפני המלך :

כולם מבני יהודה . כדכתיב לעיל שמה בניס העתידים נאמת מרות ותשיב בכדייתו חנניה מישאל ועזריה : דניאל . לחוד מבני יהודה אבל חנניה מישאל ועזריה לא ולית ליה הך דרשה דלעיל דשם בעורים : מבניך אשר יצאו ממך .

דיא מיהל שטיינער . וַהֲרִיחוֹ איז דער טייטש אזוי וויא רֵיחַ. מיהל שטיינער . רָבָא זאגט וַהֲרִיחוֹ איז דער טייטש שמעקין . אז משיח וועט אשמעק טאהן צו א מענטשין וועט ער וויסען וויא צו משפטין . אויב דער מענטש איז גירעכט אדער אומגירעכט . אזוי וויא עס שטייט אין פסוק ער וועט ניט דארפין משפטין צו דיא זעהונג פון זיינע אויגין . פון דעסטוועגין וועט ער משפטין די ארעמע לייט מיט גירעכטיקייט אונ ער וועט שטראפין מיט ריכטיגקייט צו דיא מענטשין וואס זענען נידעריג בייא זיך . בר כוזיבא האט גיקיניגט אויף דיא יודין צוויי יאהר מיט אהאלבס . האט ער גיזאגט צו דיא חכמים איך בין משיח . האבין דיא חכמים צו איהם גיזאגט ביי משיח שטייט ער וועט שמעקין אונ משפטין . וועלין מיר זעהן אויב דוא קענסט אויך שמעקין צוא א מענטשין אונ וויסען . וויא אזוי איהם צו משפטין אויב ער איז גירעכט אדער אומגירעכט . אז דיא חכמים האבין גיזעהן אז ער קען ניט שמעקין אונ משפטין . האבין זייא איהם גיהרגת :

ביא דָנִיאֵל חֲנַנְיָה מִישָׁאֵל וַעֲזַרְיָה שטייט זייא זענען גיוועזען קינדער וואס אין זייא איז ניט גיוועזען קיין פעהלער . אונ האבין גוט אויס גיזעהן . אונ זענען גיוועזען קלוג אין אלע חכמות . אונ האבין גיוואוסט וויסענשאפט אונ האבין פארשטאנען קענטעניס . אונ האבין גיהאט כח צו שטיין אין פאלאץ פון מלך . וואס מיינט מען אין זייא איז גאר ניט גיוועזען קיין פעהלער . רבי חמא בר חנינא זאגט אפילו אזוי א צייכען וויא מען עפינט אאדער איז אין זייא אויך ניט גיוועזען . וואס מיינט מען זייא האבען גיהאט כח צו שטיין אין פאלאץ פון מלך . רבי חמא בר חנינא זאגט דאס מיינט מען ווען זייא וועלין שטיין פאר דעם מלך זאלין זייא זיך קענען אויף האלטען ניט לאכען . אונ ניט שמועסין . אונ ניט שלאפען . אונ זייא זאלין קענען זיך אויף האלטען ווען זייא וועלין דארפין ארויס גיין . עס זאל אויף זייא זיין דיא מורא פון מלך :

**כא** וַיְהִי . אונ עס איז גיוועזען צווישען דיא קינדער פון יְהוּדָה דָנִיאֵל חֲנַנְיָה מִישָׁאֵל וַעֲזַרְיָה . רבי אֶלְעָזָר זאגט אלע פיר זענען גיוועזען פון שבט יְהוּדָה . רבי שְׁמוּאֵל בר נַחְמָנִי זאגט דָנִיאֵל איז גיוועזען פון שבט יְהוּדָה . חֲנַנְיָה מִישָׁאֵל וַעֲזַרְיָה זענען גיוועזען פון אנדערע שבטים . אין פסוק שטייט יְשַׁעְיָהוּ הַנָּבִיא האט גזאגט צו חִזְקִיָּהוּ הַמֶּלֶךְ פון דיינע קינדער וואס וועלין

פון

יקחו והיו סריסים בהיכל מלך בבל מאי סריסים רב אמר סריסים ממש ורבי חנניה אמר שנסתרסה ע"ז בימיהם. בשלמא למ"ד שנסתרסה ע"ז בימיהם היינו דכתיב (דניאל ג) וחבל לא איתי בהון אלא למ"ד סריסים ממש מאי וחבל לא איתי בהון חבלא דיורא והכתיב (שם) וריח נור לא עדת בהון לא חבלא ולא ריחא. בשלמא למאן דאמר שנסתרסה ע"ז בימיהם היינו דכתיב (ישעיה נו) כה אמר ה' לסריסים אשר ישמרו את שבתותי וגו' אלא למ"ד סריסים ממש משתעי

כחזקיה מלך יהודה כתיב: סריסים ממש. שסירסן לחנניה מישאל ועזריה שכן דרכם של מלכים לסרס את האדם כדי שלא יבא אשה ויהא פנוי לעבודת המלך ולית ליה הא דחכמים דאמרי לעיל שעלו לא"י ונשאו נשים והולידו בנים ובנות: ור' חנניה אמר. לא סריסים אלא נקראו סריסים שנסתרסה ע"ז בימיהם שבימיהם נודע (ולכך) שאין ממש בע"ז ופורענויות בהם נגלה מהגלה לחזקיהו שיהו גולים מארצם ויוליכם בהיכל מלך בבל לר' שמואל בר נחמני דאמר הגניה מישאל ועזריה מבשר שבטים היו מוקים אלי קרא בדניאל לחוד: מאי וחבל לא איתי בהון. והלא חבלה היא זו שנסרסו ומאי קרא דלעיל ילדים אשר אין בהם כל מום לא מאי סריך דאיכא למימר בשעה שבאו לנבוכדנצר תמימים היו וסרסם: חבל די מרא לא איכי בהון. אבל חבלה הגוף מיהו איכא: (ופריך) ונחבלא דנורא. לא איצטריך דהא כתב וריח נור לא עדת בהון: ולא ריחא

---

פון דיר געבוירן ווערין. וועלין גענומען ווערין און זייא וועלין זיין סריסים אין דעם פאלאץ פון מלך בבל. וואס מיינט מען סריסים. רב זאגט אמת'ע סריסים. מען האט זייא געמאכט פאר סריסים זייא זאלין ניט קענען האבען קינדער און זאלין ניט גלוסטין צו ווייבער. זייא זאלין קענען זיין פריי צו דיא ארבעט פון מלך. רבי חנניה זאגט זייא זענען ניט געוועזען סריסים. נאר דריבער האט מען זייא גירופען סריסים ווייל דיא עבודה זרה האט זיך ניט גיפרוכטבארט אין זייער צייט. איינע האבען אויף גיהערט צו דינען עבודה זרה. זאגט דיא גמרא דער וואס זאגט אז דניאל חנניה מישאל ועזריה זענען ניט געוועזען סריסים. נאר מען האט זייא גירופען סריסים ווייל מען האט אויף גיהערט צו דינען עבודה זרה אין זייער צייט. איז רעכט וואס עס שטייט אין פסוק אין דיא פיר קינדער איז ניט געוועזען קיין פעלער. אבער דער וואס זאגט זייא זענען געוועזען אמת'ע סריסים. פאר וואס שטייט אין זייא איז ניט געוועזען אפעלער. איז דען דאס ניט קיין פעלער. אז מען מאכט א מענטשין ער זאל ניט האבען קינדער איז דאך דאס א גרויסער פעלער. זאגט דיא גמרא דער פסוק מיינט פון דעם פייער האבען זייא ניט גיהאט א פעלער. אבער אין אנדער פעלער האבען זייא יא גיהאט. פרעגט דיא גמרא אז זייא האבען ניט גיהאט א פעלער פון פייער שטייט דאך שוין אין פסוק. דער ריח פון פייער איז ניט דורך גיגאנגען דורך זייא ענטפערט דיא גמרא דער פסוק זאגט צוויי זאכען. פון דעם פייער האבען זייא ניט גיהאט קיין פעלער. און אפילו א ריח פון דעם רויך פון פייער האבען זייא אויך ניט גיהאט. פרעגט דיא גמרא דער וואס זאגט אז סריסים מיינט מען דיא עבודה זרה איז געווארין אומ פרוכטבאר. מען האט אויף גיהערט צו דינען עבודה זרה אין זייער צייט. איז רעכט וואס עס שטייט אין פסוק אזוי האט גאט גזאגט צו דיא סריסים ודניאל חנניה מישאל ועזריה וואס זייא וועלין היטען מיינע שבתים. ווארום דאס גיהער איינס צו דאס אנדערע. דיא וואס וועלין זיין סריסים וואס וועלין ניט דינען עבודה זרה און וועלין היטען דיא שבתים. אבער דער וואס זאגט אז סריסים מיינט מען דיא וואס קענען ניט האבען קינדער. וועט דער פסוק שמועסין צו פאר שעמען די צדיקים וואס היטען שבת און האבען ניט קיין קינדער. ער זאל זייא רופען סריסים ענטפערט די גמרא סריסים האט צוויי טייטשין. איינמאהל מיינט מען סריסים אזעלכע וואס האבען ניט קיין קינדער. און אמאהל מיינט מען סריסים אויף דיא עבודה זרה וואס איז אומפרוכטבאר. מען דינט ניט צו איר. און ביי דניאל חנניה מישאל ועזריה איז ביידע זאכען געוועזען. זייא זענען געוועזען סריסים זייא זאלין ניט האבען קינדער. און דיא עבודה זרה איז געווארין אומפרוכטבאר אין זייער צייט. און פון דעם סריסים פון עבודה זרה שמועסט דער פסוק. פרעגט די גמרא דער וואס זאגט סריסים מיינט מען זייא האבען ניט קיין קינדער. איז רעכט וואס עס שטייט אין פסוק איך וועל זייא געבין אין מיין שטוב און אין מיינע מויערן אארט און א נאמען וואס

משתעו קרא בגנותא דצדיקי הא והא הוה בהו. בשלמא למ"ד סריסים ממש היינו דכתיב (שם) בביתי ובחומותי יד ושם טוב מבנים ומבנות אלא למ"ד שנסתרסה ע"ז בימיהם מאי טוב מבנים ומבנות אמר רב נחמן בר יצחק מבנים שהיו להם כבר ומתו. מאי שם עולם אתן לו אשר לא יכרת אמר ר' תנחום דרש בר קפרא בציפורי זה ספר דניאל שנקרא על שמו:

ריתא. עכן הלא: הא והא הוו. סריסים ממש וסתרסה ע"ז בימיהם: ייש מבנים ומבנות. מכלל דבנים לא היו להו דסריסים היו: מאי טוב מבנים ומבנות. הכא לא מצי לתרוצי הא והא הוי והל"כ נמאי פליגי: מבנים שהיו להם כבר ומתו. דלא הוו בניהם קיימים ומיהו לא הוו סריסים אלא לו. להם לא נאמר אלא לו לאחד מהם והיינו ספר דניאל שנקרא על שמו:
מכדי וכו'. רוב דברים שבספר עזרא נחמיה אמרן: דוד נמי מימר אמר הכי. כלומר מאי מחזיק טובה א"נ: רב יוסף אמר לאו הכי אימעט דהא דוד נמי אמר כי האי גוונא אלא לכך נענש שספר

כב מכדי כל מילי דעזרא נחמיה בן חכליה אמרינהו ונחמיה בן חכליה מ"ט לא אקרי ספרא על שמיה אמר ר' ירמיה בר אבא מפני שהחזיק טובה לעצמו שנאמר (נחמיה ה) זכרה לי אלהי לטובה כל אשר עשיתי על העם הזה. דוד נמי מימר אמר (תהלים קו) זכרני ה' ברצון עמך פקדני בישועתך דוד רחמי הוא דקבעי. רב יוסף אמר מפני שספר בגנותן של ראשונים שנאמר (נחמיה ה) והפחות הראשונים אשר לפני הכבידו על העם ויקחו מהם בלחם ויין אחר כסף שקלים ארבעים גם נעריהם שלטו על העם ואני לא עשיתי כן מפני יראת אלהים. ואף על דניאל שגדול ממנו סיפר ומנ"ל דגדול ממנו דכתיב (דניאל י) וראיתי אני דניאל לבדי

---

איז בעסער ווי זיהן אונ טעכטער. אבער דער וואס זאגט אז סריסים מיינט מען דיא עבודה זרה איז אונפרוכטבאר געווארן. ווי קומט דער צו דער צו זאג פון זיהן מיט טעכטער. האט רב נחמן בר יצחק געזאגט דער פסוק שמועסט אויב דיא צדיקים וואס היטען שבת ווענען טאקי קיין סריסים ניט געוועזן. זייא האבען געהאט קינדער נאר זייא זענען געשטארבען. זאגט זייא גאט צו אז ער וועט זייא געבען אנאמען אויף דער וועלט וואס עס וועט זיין בעסער ווי קינדער. פרעגט דיא גמרא עס שטייט אין פסוק אאייביגען נאמען וועל איך געבען צו אים וואס ער וועט ניט פאר שניטען ווערין פאר וואס שטייט צו אים. צו איינעם. עס דארף דאך שטיין צו זייא. האט רבי תנחום געזאגט בר קפרא האט גידרשת אין צפורי דעם איינעם מיינט מען דניאל. אונ דער איינציגער נאמען מיינט מען דעם ספר דניאל וואס ער ווערט גירופען דניאל: אונ ניט אויף דעם נאמען פון חנניה אדער מישאל אדער עזריה:

כב מכדי: פרעגט דיא גמרא דאס מערסטע רייד פון דעם ספר עזרא האט נחמיה בן חכליה געזאגט. פאר וואס ווערט גירופען דער ספר עזרא. אונ ער ווערט ניט גירופען אויף דעם נאמען נחמיה. האט רבי ירמיה בר אבא געזאגט ווייל דיא אלע טובות וואס נחמיה האט גיטאהן מיט דיא יודין. האט ער גימיינט פון זיינעט וועגין. אזוי ווי עס שטייט אין פסוק נחמיה האט געזאגט גאט זאל מיר גידיינקין צו גוטען אלץ וואס איך האב גיטאהן מיט דעם פאלק. פרעגט דיא גמרא דוד האט דאך אויך אזוי געזאגט. גאט זאלסט מיך גידיינקען ווען עס וועט זיין דיין ווילען צו דיין פאלק דוא זאלסט מיך גידיינקען מיט דיין הילף. ענטפערט די גמרא דוד האט גיבעטין. אבער נחמיה האט גימאנט עס קומט איהם. רב יוסף זאגט נחמיה איז גישטראפט געווארין ווייל ער האט געזאגט ניט שיינע רייד אויף דיא פריערדיגע עלצטע פון די יודין. אזוי וויא עס שטייט אין פסוק נחמיה האט געזאגט דיא ערשטע עלצטע וואס זענען געוועזע פאר מיר האבען בשווערט אויף דעם פאלק אונ זייא האבען גינומען פון דעם פאלק פאר ברויט אונ וויין פערציג טאלער זילבער. אונ דיא יונגען פון די עלצטע האבען אויך געוועלטיגט אויף דעם פאלק. אבער איך האב ניט אזוי גיטאהן ווייל איך האב מורא גיהאט פר גאט. אונ אפילו אויף דניאל וואס ער איז גיוועזן גרעסער פון איהם האט ער אויך גירעדט שענדליכע רייד. פון וואנען ווייסען מיר אז דניאל איז גיוועזן גרעסער פון נחמיה. ווארום עס שטייט אין

פסוק

לבדי את המראה והאנשים אשר היו עמי לא ראו את המראה אבל חרדה גדולה נפלה עליהם ויברחו בהחבא מאן נינהו אנשים א"ר ירמיה ואיתימא ר' חייא בר אבא זה חגי זכריה ומלאכי (דף לד) אינהו עדיפי מיניה ואיהו עדיף מינייהו אינהו עדיפי מיניה דאינהו נביאי ואיהו לאו נביא ואיהו עדיף מינייהו דאיהו חזא ואינהו לא חזו וכי מאחר דלא חזו מ"ט איבעית אע"ג דאינהו לא חזו מידי מזלייהו חזי . אמר רבינא ש"מ האי מאן דמבעית אע"ג דאיהו לא חזי מוליה חזי מאי תקנתיה לנשוף מדוכתיה ארבעה גרמידי אי נמי ליקרי קריאת שמע ואי קאי במקום הטינופת לימא הכי עיזא דבי טבחא שמינא מינאי :

נגמקן כל רחבונים : מאן מיהו . בהיו עמו : חגי זכריה ומלאכי . וכיון בהם לא ראו והוא ראה אלמא גדול מהם היה ומדאלכנק דניאל הוה השיב ספי מחגי זכריה ומלאכי דהוו נביאי מ"מ דגדול הוה מנהמיה בן חכליה דלא הוה נביא ולא י"ב ספר עליו דלא אפקיה מכלל גמה סרלבונים דניאל היה מבלי גולה עם החרש והמסגר ומתחים היה מפולי הגולה זמן מרובה לאחר מכן : אינהו עדיפי מיניה וכו' . אגב גררא בעלמא קתני הכא ומלאה כלפיה נפסה כיה וכתב ספרים אימה כהלכה : מ"ס איבעית . דלהיב אבל חרדה גדולה נפלה עליהם : לנכוף . לדלוג : במקום הטינופת . דלא מני קרי : לימא הכי . לתם כלומר לך אצל העזים והניחני :

מ"ם שבהיכת למרבה כמשרה סתום : כל הנסים כגלו . שניצל מסנחריב ונתרפא מחליו : לכך

(ישעיה ט) **כג למרבה** המשרה ולשלום אין קץ וגו' אמר רבי תנחום דרש בר קפרא בצפורי מפני מה כל מ"ם שבאמצע תיבה פתוחה וזו סתומה בקש הקב"ה לעשות חזקיה משיח וסנחריב גוג ומגוג אמר מדת הדין לפני הקדוש ברוך הוא רבונו של עולם ומה דוד מלך ישראל שאמר כמה שירות ותושבחות לפניך לא עשיתו משיח חזקיה שעשית לו כל הנסים הללו

---

פסוק דניאל האט געזאגט איך דניאל אליין האב געזעהן דיא זעהונג. אונ די מענטשין וואס זענין געווען מיט מיר האבען ניט געזעהן דיא זעהונג. נאר א גרויסע שרעק איז אויף זייא געפאלען אונ זייא זענען אנטלאפען אין אבעהאלטענעם ארט. ווער זענען געווען דיא מענטשין. האט רבי ירמיה געזאגט אנדערע זאגין רבי חייא בר אבא האט געזאגט דאס איז געווען חגי זכריה מלאכי. זאגט דיא גמרא זייא זענען געווען בעסער פון אים. אונ ער איז געווען בעסער פון זייא. זייא זענען געווען בעסער פון איהם. זייא זענען געווען נביאים אונ ער איז ניט געווען א נביא. אונ ער איז געווען בעסער פון זייא. ווארום ער האט געזעהן דיא זעהונג. אונ זייא האבען ניט געזעהן דיא זעהונג. פרעגט דיא גמרא אז זיי האבען ניט געזעהן פאר וואס זענען זיי דער שראקין געווארין. ענטפערט דיא גמרא אפילו זייא האבען ניט געזעהן. אבער זייער מזל האט געזעהן. רבינא זאגט פון דאנען ווייסען מיר דער מענטש וואס שרעקט אונ ער ווייס ניט פאר וואס ער שרעקט. אפילו ער זעהט ניט די שלעכטס וואס אויף איהם דארף קומען אבער זיין מזל זעהט. וואס זאל ער טאהן. ער זאל אפ שפרינגען פון דעם ארט פיר איילין. אדער ער זאל לייענען קריאת שמע. אונ אויב ער שטייט אויף אמיאוסין ארט וואס ער קען דארט ניט לייענען קריאת שמע. אונ אפ שפרינגען פון דעם ארט האט ער ניט וואו. זאל ער אזוי זאגין דיא ציגען פון שעכט הויז זענין פעטער פון מיר לאז מיך אפ אונ גיי צו זייא. אבער פון דאנען זעהן מיר אז דניאל איז געווען גרעסער פון חגי זכריה מלאכי. וואס זייא זענען געווען נביאים. איז ער דאך פון נחמיה געווים געווען גרעסער. ווארום נחמיה איז ניט געווען א נביא. פון דעסטוועגין הט נחמיה אויף איהם גירעט שענדליכע רייד. ווארום ער האט גירעט אויף אלע עלצטע. הט ער דאך דניאלן אויך גימיינט. ווארום דניאל איז דאך אויך געווען א עלצטער :

**כג** למרבה. רבי תנחום האט געזאגט בר קפרא האט גידרשנט אין צפורי פאר וואס אלע מ"ן וואס אין מיטען ווארט זענען האפען. אונ דער מ"ם פון ווארט למרבה איז פאר מאכט. נאר וייל גאט האט געוואלט מאכען חזקיה זאל זיין משיח. אונ סנחריב זאל זיין גוג ומגוג. הט דער מדת הדין געזאגט פאר גאט רבונו של עולם מאדאך דוד מלך ישראל וואס ער האט געזאגט פאר דיר אזוי פיל געזאנג אונ לויב האסטו אים ניט גימאכט משיח. אונ חזקיה וואס דוא האסט גיטאהן

הללו ולא אמר לפניך שירה תעשה משיח לכך נסתתם . סיד פתחה הארץ ואמרה לפניו רבש"ע אני אומר לפניך שירה תחת צדיק זה ועשהו משיח פתחה ואמרה שירה לפניו שנאמר (שם כד) מכנף הארץ זמירות שמענו צבי לצדיק וגו' אמר שר העולם לפני הקב"ה רבש"ע עשה צביונו לצדיק זה יצתה ב"ק ואמרה רזי לי רזי לי אמר נביא אוי לי אוי לי עד מתי . יצתה בת קול ואמרה (שם) בוגדים בגדו ובגד בוגדים בגדו ואמר רבא ואיתימא רב יצחק עד דאתי בוזזי ובזוזי דבזוזי . (שם כא) משא דומה אלי קורא משעיר שומר מה מלילה וגו' א"ר יוחנן אותו מלאך הממונה על הרוחות דומה שמו נתקבצו כל הרוחות אצל דומה אמרו לו שומר מה מלילה שומר מה מליל אמר שומר

אתא

כסתם . כלומר נסתמו הדברים כ לו כמ שבה ולא נענו . ל"א לרי נסתם פנקם הקב"ה לסתום גרוהיכן של יגראל שבקש לעשותו משיח ומורי אמר נפי שנסתם פיו של חזקיהו ולא אמר שירה : שר העולם . מלאך שכל העולם מסור בידו (וה"ק מכנף הארץ זמירות שמענו שפתחה ואמרה שירה) : שמענו צבי לצדיק . שר העולם שאמר עשה צביונו של צדיק : רזי לי רזי לי . נסתרות שלי הן ואני יודע על מה מעכב : אמר נביא [אוי לי] עד מתי . יבא משיח : עד דאתי בוזזי ובוזזי דבוזזי . עד שיהבוזו שוללי ישראל כמה פעמים : על הרוחות . שהנשמות נפקדות אצלו והיינו משא דומה כך אמר דומה אלי קורין הרוחות על עסקי שעיר עשו ואמר לי שומר מה מגיעה הקב"ה שבות . ומר מה אמר (מלילה זה) מן הגלות בכוח כגיגה : שומר מה מליל . מה דבר למתי קץ הגאולה מליל זה : אתה בקר . בתמיה ויאית בספרים דלא כתיב בהו וכגון : אמר להם . השר כך אמר שומר הקב"ה אתא בקר גאולה הבא וגם לילה אבל מתחלה תהיה גלות הרבה. ל"א לאמר שיגאלו ויבנה מקדש שני יחזרו ויגלו גלות זה . ל"א גם לילה לרשעים וכן תרגומו מוליכ

גיטאהן פאר איהם די אלע נסים . האסט איהם געזעגנט פון סנחריב און האסט איהם געזונד געמאכט פון זיין קראנקהייט און ער האט ניט געזאגט פאר דיר שירה . ווילסטו איהם מאכען ער זאל זיין משיח . דריבער איז פאר מאכט געווארן דער מ"ם פון למרבה . צוא ווייזן נאט האט געוואלט למרבה . צו מערן די געוועלטיגקייט פון חזקיה . איז פאר מאכט געווארן דם מערונג . באלד נאך דיא רייד האט דיא ערד געעפונט איר מויל און האט געזאגט פאר גאט רבונו של עולם איך וועל זאגען פאר דיר שירה פאר דעם צדיק חזקיהוס וועגען און מאך אידם ער זאל זיין משיח . האט דיא ערד אן געהויבען צו זאגען שירה פאר גאט . אזוי וויא עס שטייט אין פסוק פון עק ערד האבען מיר געהערט לויב צוא גאט . צבי לצדיק . דער שר פון דער וועלט דאט געזאגט פר גאט רבונו של עולם טוה דעם ווילען פון דעם צדיק . איז ארויס געגאנגען אקול פון הימעל און האט געזאגט . רזי לי רזי לי . דיא סודות פון משיח ווייס קיינער ניט נאר איך . האט דער נביא געזאגט אוי לי אוי לי . ווי צוא מיר . ביז ווען וועט מען ווארטין אויף משיח . איז ארויס געגאנגען אקול פון הימעל און האט געזאגט בוגדים בגדו ובגד בוגדים בגדו . האט רבא געזאגט אנדערע זאגין רב יצחק האט געזאגט דער פסוק מיינט ביז עס וועלין קומען רויבערס און וועלין רויבען ביי דיא יודין זייער פאר מעגין . און נאך דיא רויבערס וועלין קומען נאך אמאהל רויבערס און וועלין רויבין וואס דיא ערשטע האבען איבער געלאזין . און אזוי וועט זיין עטליכע מאהל ביז דיא יודין וועלין ארעם ווערין דער נאך וועט קומען משיח . עס שטייט אין פסוק משא דומה אלי קורא משעיר שומר מה מלילה . רבי יוחנן זאגט . דער מלאך וואס דיא נשמות פון דיא טויטע זענען אונטער זיין רשות . זיין נאמען איז דומה . אלע נשמות וואס האפען משיח זאל קומען וועלין זייא צוריק לעבעדיג ווערין און וועלין ארויס גיין פון גיהנם . פר זאמלען זיך צום מלאך דומה און זייא פרעגין ביי איהם דוא ביסט דאך אונזער שומר זאג אונז וואס וועט זיין דער סוף פון דער נאכט [פון דעם ערשטין גלות וואס ער איז פינסטער וויא דיא נאכט] . און דוא ביסט דאך אונזער שומר זאג אונז וואס וועט זיין דער סוף פון דער נאכט [פון דעם אנדערין גלות וואס ער איז נאך פינסטערער וויא דיא נאכט] . זאגט דער שומר פון דיא פינסטערנים פון דעם ערשטין גלות און איז שוין געקומען דער מארגין . פון איהם וועט איר געשווינט און באלד אויס געלייזט ווערין . אבער דיא אנדערע נאכט דאס איז דער אנדערער גלות אז איר וועט וועלין פון איהם אויס געלייזט ווערין מוזט איר פיל בעטין צוא גאט און תשובה מאכן וועט איר קומען צוא דיא גאולה . און אזוי מיינט דער פסוק משא דומה . אזוי

אית אגר לצדיקים ואית פורענות לרשעייא: אם תבעיון. אם תבקשו לגאול: בעיו. בקשו רחמים: שובו. בתשובה: אתיו. לגאולה:

גנאי הוא. דבר מגונה עשו: חרב חדה. שמ בשרו ונתגייר: חדודין חדודין. קמטין קמטין שהיה מיצר אחד על מפלת מצרים: גיורא עד עשרה דרי. הכי הוא משל בני אדם ומיהו יתרו גלאו עשירי הוה: פלא יועץ אל גבור אבי עד שר שלום: כתחזק ישראל. העוסקין בתורה כלקמן: תגלת פלאסר. שם אחד הוא דכתיב בימי פקח בן רמליהו בא תגלת פלאסר מלך אשור:

אתא בקר וגם לילה אם תבעיון בעיו שובו אתיו:

**כד תנא** משום ר' פפיס גנאי הוא לחזקיה וסייעתו שלא אמרו שירה עד שפתחה הארץ ואמרה שירה שנאמר (ישעיה כד) מכנף הארץ זמירות שמענו צבי לצדיק וגו' וכיוצא בדבר אתה אומר (שמות יח) ויאמר יתרו ברוך ה' אשר הציל אתכם תנא משום רבי פפיס גנאי הוא למשה וששים רבוא שלא אמרו ברוך עד שבא יתרו ואמר ברוך ה'. (שם) ויחד יתרו רב ושמואל רב אמר שהעביר הרב הדה על בשרו ושמואל אמר שנעשה חדודין חדודין כל בשרו אמר רב היינו דאמרי אינשי גיורא עד עשרה דרי לא תבזי ארמאה קמיה. (ישעיה י) לכן ישלח האדון ה' צבאות במשמניו רזון מאי משמניו רזון אמר הקדוש ב"ה יבא חזקיה שיש לו שמונה שמות ויפרע מסנחריב שיש לו שמונה שמות. חזקיה דכתיב (שם ט) כי ילד יולד לנו בן נתן לנו ותהי המשרה על שכמו ויקרא שמו פלא יועץ אל גבור אבי עד שר שלום והאיכא חזקיהו שחזקו יה ד"א חזקיה שחזק את ישראל לאביהם שבשמים. סנחריב דכתיב ביה תגלת

---

זאגט דער מלאך דומה. אלי קורא משעיר. צו מיר רופען די נשמות און זיי פרעגן ווס וועט זיין פון דעם גלות שעיר:

**כד** תניא. מיר האבען גילערנט רבי פפיס זאגט עס איז גיוועין אשאנדע פאר חזקיה מיט זיינע מענטשען וואס זייא האבען ניט גיזאגט שירה ביז דיא ערד האט גיעפינט איר מויל און האט גזאגט שירה. אזוי וויא עס שטייט אין פסוק פון עק ערד האבען מיר גיהערט לויב צו זאגט אז ער האט גיטאהן דעם ווילען פון דעם צדיק יחזקיה. נאך אזוי אגלייכען זאגט דער פסוק יתרו האט גזאגט גילויבט איז גאט וואס ער האט אייך גירעטעט פון מצרים. האבען מיר גילערנט רבי פפיס זאגט עס איז גיוועין אשאנדע פאר משה און זעקס מאהל הונדערט טויזענד יודין וואס זייא האבען ניט גזאגט ברוך ה׳: גילויבט איז גאט. ביז יתרו איז גיקומען האט ער גזאגט ברוך ה׳. גלויבט איז גאט: אין פסוק שטייט ויחד יתרו. רב און שמואל קריגען. רב זאגט ויחד איז דער טייטש שארפין יתרו האט דורך געפירט אשארפין שווערד אויף זיין לייב. דאס מיינט מען ער האט זיך מל גיוועין און מגייר גיוועין. און שמואל זאגט ויחד איז דער טייטש גישטאבען. דאס גאנצע לייב האט איהם גישטאבען. ווייל ער האט גיהאט גרויס צער וואס די מצרים זענען פאר לארין גיווארין. רב זאגט דאס איז וואס מענטשען זאגן אפילו איינער איז דער צעהנטער געבוירט פון אגר. זאלסטו ניט פאר שעמען אגוי פאר אים. ווארום ער הט צער. און יתרו וואס ער אליין איז גיוועין אגר. האט געווים גיהאט גרויס צער פון דיא מצרים וואס זיי זענען פאר לארין גיווארין. עס שטייט אין פסוק דריבער וועט שיקען דער הערר גאט פון אלע ערשאפט במשמניו רזון. וואס מיינט מען במשמניו רזון. גאט האט גזאגט זאל קומען חזקיה וואס ער האט אכט נעמען און ער זאל אפ גיצאלט ווערין פון סנחריב וואס ער האט אויך אכט נעמען. ער טייטשט דעם ווארט משמניו אזוי וויא עס וואלט גישטאנען שמונה. אכט. במשמניו רזון. אין זיינע אכט נעמען וועט קומען אמאגערקייט. בייא חזקיה שטייט אין פסוק אקינד איז צו אונז גיבארין גיווארין. אזוהן איז צו אונז גיגעבין גיווארין. און די גיוועלטיגקייט איז גיוועין אויף זיין אקסיל. און ער האט גירופען זיין נאמען פלא יועץ אל גבור אבי עד שר שלום. איז אכט נעמען. פרעגט דיא גמרא מען האט דאך אים גירופען חזקיה. ענטפערט דיא גמרא חזקיה איז ניט גיוועין אנאמען נאר מען האט גזאגט אויף איהם חזקו יה. גאט האט אים גישטארקט. אנדערע זאגן חזקיה מיינט מען חזק יה. ער האט גישטארקט דיא יודין צוא גאט.

כיי

(ת"ב טו) הגלת פלאסר (ד"ה א' ה') פלנאסר (מ"ב יז) שלמנאסר (שם טו) פול (ישעיה כ) סרגון (עזרא ד) אסנפר רבא ויקירא והאיכא סנהריב שסיחתו ריב ד"א סה ונחר דברים כלפי מעלה. אמר ר' יוחנן מפני מה זכה אותו רשע לקרותו אסנפר רבא ויקירא מפני שלא סיפר בגנותה של א"י שנאמר (מ"ב יח) עד בואי ולקחתי אתכם אל ארץ כארצכם רב ושמואל ח"א מלך פקח היה וח"א מלך טפש היה למ"ד מלך פקח היה אי אמינא להו עדיפא מארעייכו אמרו קא משקרת ומ"ד מלך טפש היה א"כ מאי רבותיך. להיכא אגלי להו מר זוטרא אמר לאפריקא ור' חנינא אמר להרי סלוג. אבל ישראל ספרו בגנותה של א"י כי מטו שוש אמרו שויא כי ארעין כי מטו עלמין אמרו כעלמין כי מטו שוש תרי אמרו על חד תרין:

(ישעיה י) **כה ותחת** כבודו יקד יקוד כיקוד אש אמר רבי יוחנן תחת כבודו ולא כבודו ממש כי הא דרבי יוחנן קרי ליה למאניה

אסנפר. חד רבא חד ויקירא חד: כלפי מעלה. כלומר שחירף ע"י מלאך: אל ארץ כארצכם. ולא אמר מוטבת מארצכם: קא מבקרה. שהכי אין ארץ מעולה הימנה ולכן לא הזיר מוטבה מארצכם: להיכא אגלינהו. סנחריב לעשרה השבטים דכתיב וינחם בחלח ובחבור נהר גוזן וערי מדי כי ניסא אותן מקומות: אבל ישראל. כי אגלינהו סנחריב. ספרו בגנותה של א"י דכי מטו לאותו מקום שבמו שיש: אמרי שוה לארצנו. ואת כארץ שויש לארצנו: כשבאו. למקום שבמו עלמין אמרו כי עלמין זה המקום שוה לירושלים שנקראת בית עולמים: כשבאו למקום שוש תרי אמרו על חד תרין. כלו' זה יפה פי שנים כמקומנו ועל שם כך נקראו כל אותן מקומות כך:

ה"ג תחת כבודו ולא כבודו ממש. דכבודו ממש משמע בגדיו וגופו תחת כבודו משמע תחת הגוף והבשר כלומר נשמה שבתוך הגוף והכא קאמר תחת כבודו ולא כבודו ממש כנשמה שבתוך הגוף

---

ביי סנחריב שטייט אין פסוק תגלת פלאסר. פלנאסר. שלמנאסר. פול. סרגון. אסנפר. רבא. ויקירא. אכט נעמען. פרעגט דיא גמרא מען האט דאך איהם גירופען סנחריב ענטפערט דיא גמרא סנחריב איז ניט געוועזען א נאמען נאר מען האט גזאגט אויף איהם סנחריב. שסיחתו ריב. זיינע רייד איז געוועזען צו מאכען אקריג. דיא יודין זאלין זיך קריגען מיט חזקיהו. אנדערע זאגען סנחריב מיינט מען סח ונחר דברים כלפי מעלה. ער האט גירעט אונ גיברומט מיט רייד געגען גאט. רבי יוחנן זאגט פאר וואס האט זוכה געוועזען דער רשע סנחריב מען זאל איהם רופען אסנפר רבא ויקירא (דער גרויסער אונ דער טייערער מלך). וייל ער האט ניט גירעט קיין שענדליכע רייד אויף ארץ ישראל. אזוי וויא עס שטייט אין פסוק סנחריב האט גזאגט ביז איך וועל קומען אונ וועל אייך נעמען. צו אזוי אלאנד וויא אייער לאנד איז. אונ ער האט ניט גזאגט אבעסערע וויא אייערע לאנד איז. רב אונ שמואל קריגען. איינער זאגט אז דער מלך סנחריב איז געוועזען אקלוגער מלך. אונ איינער זאגט אז דער מלך סנחריב איז געוועזען אנארישער מלך. דער וואס זאגט אז סנחריב איז געוועזען אקלוגער מלך. ווארום סנחריב האט גיטראכט אז איך וועל זייא זאגן איך וועל אייך געבין אלאנד אבעסערע וויא אייער לאנד. וועלין זייא מיר ניט גלויבען זייא וועלין זאגין איך זאג ליגען. דריבער האט ער ניט גזאגט אבעסערע וויא אייער לאנד נאר אזוי וויא אייער לאנד. אונ דער וואס זאגט ער איז געוועזען אנארעשער מלך. אז ער האט זייא גזאגט דיא נייע לאנד וואס ער וויל זייא געבן וועט זיין אזוי גוט וויא ארץ ישראל. אבער ניט בעסער. האט ער דאך בדארפט טראכטין דיא יודין וועלין אים ענפערין אז ניט בעסער וויא אונזער לאנד. צו וואס זאלין מיר אוועק גיין פון אונזער לאנד. וואו אהין האט סנחריב פאר טריבען דיא צעהן שבטים. מר זוטרא זאגט אין אפריקא. רבי חנינא זאגט צו דיא בערג סלוג. אבער דיא יודין אז זייא זענען גיקומען אין דיא לענדער וואס סנחריב האט זייא פאר טריבען. האבען זייא גישענדט ארץ ישראל. אז זייא זענען גיקומען צו דעם ארט וואס הייסט שוש. האבען זייא גזאגט דער ארט איז גלייך צו אונזער לאנד. אז זייא זענען גיקומען צו דעם ארט וואס הייסט עלמין האבען זייא גזאגט דער ארט איז גלייך צו ירושלים. אז זיי זענען גיקומען צום ארט וואס הייסט שוש תרי. האבען זייא גזאגט דער ארט איז צוויי מאהל אזוי גוט וויא אונזער לאנד:

**כה** ותחת. אונטער זיין כבוד האט גיברענט אפלאם פייער. רבי יוחנן זאגט אונטער זיין כבוד האט גיברענט. אבער דער כבוד האט ניט גיברענט. ווארום רבי יוחנן האט גירופין

זיינע

סבבדותיה רבי אלעזר אומר תחת כבודו ממש כשרפת בני אהרן מה להלן שרפת נשמה וגוף קיים אף כאן שרפת נשמה וגוף קיים :

**כן תנא** משמיה דרבי יהושע בן קרחה פרעה שחירף בעצמו נפרע הקב"ה ממנו בעצמו סנחריב שחירף ע"י שליח נפרע הקב"ה ממנו (שם ע"ב) ע"י שליח . פרעה דכתיב ביה (שמות ה) מי ה' אשר אשמע בקולו נפרע הקב"ה ממנו בעצמו דכתיב (שם יד) וינער ה' את מצרים בתוך הים וכתיב (חבקוק ג) דרכת בים סוסיך חומר מים רבים . סנחריב דכתיב (מ"ב יט) ביד מלאכיך חרפת ה' נפרע הקב"ה ממנו ע"י שליח דכתיב (שם) ויצא מלאך ה' ויך במחנה אשור מאה ושמונים וחמשה אלף וגו'. ר' חנינא בר פפא רמי כתיב (ישעיה לז) מרום קצו וכתיב (מ"ב יט) מלון קצו אמר אותו רשע בתחלה אחריב דירה של מטה ואח"כ אחריב דירה של מעלה . אמר רבי יהושע בן לוי מאי דכתיב (שם יח) עתה המבלעדי ה' עליתי על המקום הזה

אלא אלו כבודו היינו בגדיו דאמת בגדיהם נשרפו וכי כה דר' יונתן וכו' דכל הגוף נשרף תחת בגדיו ולא גרסינן פיום כבודו ולא תחת כבודו ממש דמשמע דמקרא נפקא לזה דכתי תחת כבודו לא תחת [כבודו] ממש ומסיכא סיפוק ליה הכי אבל השתא דרשה בעלמא דרים ליה : תחת כבודו ממש. תחת גופו ממש שהגוף קיים ונשמה נשרפת : בעצמו. הוא עצמו ולא ע"י שליח לא הי' ביזוי כל כך ולכך הקב"ה כמו כן נפרע ממנו בעצמו ולא נתביים כל כך דהוא דומה מתביים מן הגדול נמתביים מן הקטן : ע"י שליח . דהיינו ביזוי יותר אף הקב"ה נפרע ע"י שליח ונתבייש יותר : כתיב מרום קצו . בישעיה : וכתיב מלון קצו. במלכים מרום קצו משמע דירה של מעלה כדכתיב מרום מלאשון מקום מקדשנו מלון קצו משמע דירה של

ניינע קליידער מכבדותיה . דאס איז מיין כבוד . מיינט דער פסוק דער גאנצער גוף וואס אונטער דיא קליידער איז פאר ברענט גיווארין . אבער דיא קליידער זענען ניט פאר ברענט גיווארין . רבי אלעזר זאגט כבודו מיינט מען דעם גוף . אונ עס האט גיברענט אונטער דעם גוף ודיא נשמה האט גיברענט] אבער דער גוף איז ניט פאר ברענט גיווארין . אזוי וויא נדב ואביהוא דיא קינדער פון אהרן זענען פאר ברענט גיווארין . אזוי וויא זייא זענען פאר ברענט גיווארין דיא נשמות אונ דיא גופים זענען געבליבען אין גאנצין . אזוי דא בייא סנחריב זענען די נשמות פאר ברענט גיווארין אבער דיא גופים זענען געבליבען :

**כן** תניא : מיר האבין גילערונט רבי יהושע בן קרחה האט גיזאגט פרעה וואס ער אליין האט גילעסטערט גאט . איז גאט אליין פון איהם גיצאהלט גיווארין . אבער סנחריב וואס ער הט געשיקט אשליח . דער שליח זאל לעסטערין גאט . איז גאט אויך פון איהם גיצאהלט גיווארין דורך אשליח . בייא פרעה שטייט אין פסוק ער האט גיזאגט ווער איז דאס דער גאט וואס איך זאל הערין זיין קול . איז גאט אליין פון איהם גיצאהלט גיווארין . אזוי וויא עס שטייט אין פסוק גאט האט אליין גישאקלט דיא מצרים אין ים . נאך שטייט אין פסוק דוא האסט גיטרעטין אין ים דיינע פערד ווען דיא פיל וואסער האט גירוישט אונ גישטורעמט אונ דיא וואסער זענען גיווארין אזוי וויא בערג . זעהן מיר אז פרעה אונ דיא פערד זיינע האט גאט אליין דער טרונקען אין ים . בייא סנחריב שטייט אין פסוק דורך דיינע שלוחים האסטו גילעסטערט גאט . איז גאט אויך פון איהם גיצאהלט גיווארין דורך אשליח . אזוי וויא עס שטייט אין פסוק דר מלאך פון גאט איז ארויס גיגאנגען אונ האט גישלאגין אין דער מחנה פון אשור הונדערט פינף אונ אכציג טויזענד מענטשין . רבי חנינא בר פפא האט גיפרעגט אין איין פסוק שטייט סנחריב הט גיזאגט איך וועל חרוב מאכין מרום קצו . דאס מיינט מען דעם אונטערשטין בית המקדש . אונ אין אנדערין פסוק שטייט איך וועל חרוב מאכין מלון קצו . דאס מיינט מען דעם אויבערשטין בית המקדש . דער רשע סנחריב האט גיזאגט פריער וועל איך חרוב מאכין דאס אונטערשטע וואהנונג דעם אונטערשטען בית המקדש . דער נאך וועל איך חרוב מאכין דאס אויבערשטע וואהנונג דעם אויבערשטין בהמ"ק . רבי יהושע הט גיזאגט עס שטייט אין פסוק סנחריב האט גיזאגט אויסער דעם ווילען פון גאט בין איך אויף גיגאנגען אויף דעם ארט אים צו פר דרבין. גאט הט צו מיר גיזאגט גייא אויף אויף די לאנד אונ פאר דארב זיא . וואס האט דאס גאט גיזאגט

ווארום

הזה להשחיתו ה' אמר אלי עלה על הארץ הזאת והשחיתה מאי היא דשמעיה לנביא דקאמר (ישעיה ח) יען כי מאס העם הזה את מי השלוח ההולכים לאט ומשוש את רצין ובן רמליהו אמר רב יוסף אלמלא תרגומו דהאי קרא לא הוה ידענא מאי קאמר . חלף דקץ עמא הדין במלכותא דבית דוד דמדבר להון בנייחי כמי השלוח דנגדין בנייח ואתרעיאו ברצין ובן רמליהו :

מעלה בית מלונו : ה' אמר אלי עלה על הארץ הזאת והשחיתה מאי היא. היכן א"ל הקב"ה להשחיתה יען כי מאס העם הזה וגו' . ומשוש את רצין ואת רמליהו ואתרעיאו [ולהשחיתה] ברצין ובן רמליהו : מארת ה'. אשר לא ישבע מכל מה שהיה אוכל : אוכל ליטרא (בשר) [ירק] . במדה : ועלה על כל אפיקיו . פא"ל הקב"ה עלה והשחת : מ"ט איענש . מאחר שבדרשות הלך ונבואה נאמרה עליו מ"ט איענש : בא נביא ואמר לו . שנבא על ירושלים : לא מועף לאשר מוצק לה. לא נמסר עמו של חזקיהו שהוא עיף בתורה ביד סנחריב המציק לו : כעת הראשון הקל ארצה זבלון וארצה נפתלי וגו' לא כראשונים . עשרת השבטים שהקלו מעליהם עול

**כז א"ר** יוחנן מ"ד (משלי ג) מארת ה' בבית רשע ונוה צדיקים יברך מארת ה' בבית רשע זה פקח בן רמליהו שהיה אוכל ארבעים סאה גוזלות בקינוח סעודה ונוה צדיקים יברך זה חזקיה מלך יהודה שהיה אוכל ליטרא (בשר) [ירק] בסעודה . (ישעיה ה) ולכן הנה ה' מעלה עליהם את מי הנהר העצומים והרבים את מלך אשור [וגו' ועלה על כל אפיקיו] וכתיב (שם) וחלף ביהודה שטף ועבר עד צואר יגיע אלא מ"ט איענש . נביא אעשרת השבטים אתנבי והוא יהיב דעתיה על כולה ירושלים בא נביא וא"ל (שם) כי לא מועף לאשר מוצק לה א"ר אלעזר בר ברכיה אין נמסר עם עיף בתורה ביד מי שמציק לו . מאי (שם) כעת הראשון הקל ארצה

---

וואָרום סנחריב האָט געהערט דער נביא האָט געזאָגט ווייל דאָס פאָלק האָט פאַרמיאוסט די וואַסער פון דעם טייך שלוח וואָס זייא גייען פאַמעלאַך און ער האָט דער פרייט דעם רצין און דעם זוהן פון רמליהו . רב יוסף האָט געזאָגט ווען ניט דער תרגום פון דעם פסוק וואָלט איך ניט וויסען וואָס דער פסוק זאָגט . אַזוי זאָגט דער תרגום ווייל דאָס פאָלק האָט פאַר מיאוסט דיא קעניגרייך פון דודס פאַמיליע וואָס ער פירט זייא רוהיג אַזוי ווייא דיא וואַסער פון דעם טייך שלוח וואָס זייא ציהען זיך רוהיג . און איהר ווילט די מלוכה פון דיזן פאַר דאַרבין און נעמען אַמלך דעם רצין און דעם זוהן פון רמליהו . דריבער איז סנחריב געגאַנגען חרוב מאַכען ירושלים און שטראָפען די יודין אַזוי ווי ווייטער אין סימן כז שטייט :

**כז** אמר . רבי יוחנן האָט געזאָגט עס שטייט אין פסוק די פלוכונג פון גאָט איז אין די שטוב פון רשע . און די וואוהנונג פון די צדיקים איז געבענשט . די פלוכונג פון גאָט איז אין די שטוב פון רשע דאָס מיינט מען דעם מלך פקח בן רמליהו . זיין פלוכונג איז געוועזן ער פלעגט קיין מאָהל ניט זאַט ווערין . צום פאַר בייסין נאָך דעם עסין פלעגט ער אויף עסין פערציג סאה טויבין (אסאה איז אַזוי אַמאָס) . און די וואוהנונג פון די צדיקים איז געבענשט דאָס מיינט מען חזקיה מלך יהודה : ער פלעגט עסין אפונט ירק און דאָס איז געוועזן זיין סעודה (ירק מיינט מען די גרינוואַרג וואָס וואַקסט אין גאָרטין) . זאָגט דער נביא ווייל זיי האָבין פאַר מיאוסט די מלוכה פון דוד וועט גאָט ברייננען אויף זיי די וואַסער פון טייך פרת די פילע און די שטאַרקע . דאָס מיינט מען סנחריב דער מלך פון אשור . און ער וועט אויף גיין אויף די יודין . און עס שטייט נאָך אין פסוק סנחריב וועט דורך גיין אין יהודה און ער וועט פאַר פרייצין ביז צום האַלדז וועט ער גיין . האָב דאָך גאָט געהייסין סנחריב זאָל גיין חרוב מאַכין די יודין . פרעגט די גמרא פאַר ווס איז סנחריב געשטראָפט געוואָרין . ענטפערט די גמרא דער נביא האָט נביאות געזאָגט אַז סנחריב וועט קומען אויף די צעהן שבטים . און סנחריב האָט געוואָלט איין נעמען גאַנץ ירושלים . ווי סנחריב איז געקומען צו ירושלים זי איין נעמען . איז געקומען דער נביא און האָט געזאָגט צו איהם כי לא מועף לאשר מוצק לה . דער וואָס איז מיד וועט ניט איבער געגעבין ווערין אין די האַנט פון דעם ווס דריקט איהם . רבי אלעזר בר ברכיה זאָגט די פאָלק פון חזקיה וואָס זיי זענען מיד פון תורה לערנען וועלין ניט איבער געגעבין ווערין אין די האַנט .

פון

הארץ אבל האחרונים עמו של חזקיה הכבידו עליהם של תורה והיינו דכתיב והאחרון הכביד דרך הים עבר הירדן גליל הגוים ראויין הללו לעשות להם נס כיוצאי מצרים שעברו את הים ודורכי הירדן: אם חזר בו . סנחריב : מוטב . ואם לאו אעשה אותו גליל בגוים (גולה בגוים שמתגלגלת) [שמגלגל] בתרסה (בגוים) [בכל הגוים] נ"א לשון גלליה : מ"ד אחרי הדברים והאמת האלה . השתא משמע אמת שהיה בחזקיהו שהיו עוסקין בתורה בא סנחריב מלך אשור ויבא ביהודה ויחן על הערים ויאמר לבקעם אליו : האי דיבנא להאי פרדשנא . וכי מבילין דורון [כזהו לאדון כזה וכי מפני שהאמת בחזקיהו בא סנחריב : אמר רבינא . מאי אחר הדברים והאמת אחר שקפץ הקב"ה ונשבע להביא סנחריב והיינו אמת שהוהמו של הקב"ה וקיומו אמת: ויעשה אבום . שיהיו כלם פגרים ויאכלו כוכיהם והסמפה בתוך [עצמות] הפגרים כעין אבום :

ארצה זבלון וא צה נפתלי והאחרון הכביד ד־ך הים עבר הירדן גליל הגוים לא כראשונים שהקלו מעליהם עול תורה אבל אחרונים שהכבידו עליהם עול תורה וראויין הללו לעשות להם נס כעוברי הים וכדורכי הירדן אם חוזר בו מוטב ואם לאו אני אעשה לו גליל בגוים . (דה"ב לב) אחרי הדברים והאמת האלה בא סנחריב מלך אשור ויבא ביהודה ויחן על הערים הבצורות ויאמר לבקעם אליו האי ד־שנא להאי פרדשנא . אחרי הדברים והאמת מאי אחר אמר רבינא לאחר שקפץ הקב"ה ונשבע ואמר אי אמינא ליה לחזקיה מייתינא ליה לסנחריב ומסרנא ליה בידך השתא אמר לא הוא בעינא ולא ביעתותיה בעינא מיד קפץ הקב"ה ונשבע דמייתינא ליה שנא' (ישעיה יד) נשבע ה' צבאות לאמר אם לא כאשר דמיתי כן היתה וכאשר יעצתי היא תקום לשבור אשור בארצי ועל הרי אבוסנו וגו' א"ר יוחנן [אמר הקב"ה] יבא סנחריב וסיעתו ויעשה אבום לחזקיהו ולסיעתו . (שם י) והיה ביום ההוא יסור סבלו מעל שכמך ועלו מעל צוארך ותבל

---

פון דעם וום דריקט איהם . וואס מיינט דער פסוק די ערשטע צייט איז גרינג געווען די לאנד זבולון אונ די לאנד נפתלי אונ דער לעצטער איז שווער געווען די וועג פון ים אונ די זייט פון ירדן אונ גליל הגוים . ניט אזוי ווי די ערשטע ווי די צעהן שבטים וום האבין אויף זיך גרינג גימאכט דעם יאך פון די תורה . אזוי ווי דער שבט זבולון אונ דער שבט נפתלי האבין גיטאהן . אבער די לעצטע דאס פאלק פון חזקיהו האבין אויף זיך שווער גימאכט דעם יאך פון דער תורה . ווענען זיי ווערט איך זאל טאהן צו זייא ניסים אזוי ווי איך האב גיטאהן נסים צו דיא מענטשין וום ווענען אריבער גיגאנגען דעם ים אונ ווי די וואס האבין גיטרעטין אין ירדן . אויב סנחריב וועט אליין אוועק גיין פון ירושלים איז גוט . אונ אויב ער וועט ניט וועלין אוועק גיין פון ירושלים . וועל איך איהם מאכין גליל בגוים . אז ער וועט זיין פאר מיאוסת אונ צו שאנד צווישען אלע פעלקער . אין פסוק שטייט נאך די רייד אונ דעם אמת איז גיקומען סנחריב דער מלך פון אשור אונ ער איז גיקומען אין יהודה אונ ער הט גירוהט אויף די פעסטע שטעט אונ ער האט גיזאגט ער מוז זיי צו שפאלטין פון זיינעט וועגין . פרעגט די גמרא האי דישנא להאי פרדשנא . די מתנה ברייננט מען צו דעם האר . ווייל חזקיה האט גילערנט תורה וואס זי איז אמת . דריבער ברייננט מען אויף איהם סנחריב מלך אשור : האט רבינא גיזאגט וואס עס שטייט אין פסוק נאך די רייד אונ דעם אמת . מיינט מען אזוי . נאך די רייד וואס גאט האט גיזאגט אויב איך וועל זאגין צו חזקיהו איך וועל ברייננען אויף דיר דעם מלך סנחריב . אונ איך וועל איהם איבער געבין אין דיין האנט . וועט חזקיהו זאגין איך וויל ניט דעם נס אונ איך וויל ניט די שרעק : דריבער האט גאט גישוואורין ער זאל חזקיהו גאר ניט זאגין אונ ער זאל פלוצלונג ברייננען אויף איהם דעם מלך סנחריב ודאס מיינט מען אמת ווארום די שבועה פון גאט איז דאך געווים אמת . אזוי ווי עס שטייט אין פסוק גאט האט גישווארין אונ האט גיזאגט אויב ניט אזוי ווי איך האב גיטראכט אזוי איז גיווארין אונ אזוי ווי מיין עצה איז געווען אזוי וועט בלייבען שטיין . צום צו ברעכין סנחריב מלך אשור אין מיין לאנד . אונ אויף מיינע בערג אבוסנו . וועל איך איהם צו טרעטין ואונ נאך די רייד אונ די שבועה איז סנחריב גיקומען אויף ירושלים) . רבי יוחנן זאגט אבוסנו מיינט מען קארעטעס . גאט האט גיזאגט סנחריב מיט זיינע מענטשין זאלין קומען צו ירושלים אונ דארטין וועלין זיי בלייבען ליגען טויט אונ מען וועט אויף שפאלטין

די

וחבל עול מפני שמן א"ר יצחק נפחא חובל עול של סנחריב מפני שמנו של חזקיהו שהיה דולק בבתי כנסיות ובבתי מדרשות מה עשה נעץ חרב ע' פתח בית המדרש ואמר כל שאינו עוסק בתורה ידקר בחרב זו בדקו מדן ועד באר שבע ולא מצאו עם הארץ מגבת ועד אנטיפרס ולא מצאו תינוק ותינוקת איש ואשה שלא היו בקיאין בהלכות טומאה וטהרה ועל אותו הדור הוא אומר (שם ז) והיה ביום ההוא יחיה איש עגלת בקר ושתי צאן וגו' ואומר (שם) והיה ביום ההוא יהיה כל מקום אשר יהיה שם אלף גפן באלף כסף לשמיר ולשית יהיה אע"פ שאלף גפן באלף כסף לשמיר ולשית יהיה (שם לג) ואוסף שללכם אוסף החסיל אמר להם נביא לישראל אספו שללכם אמרו לו לבוז או לחלוק אמר להם כאוסף החסיל מה אוכף החסיל כל אחד ואחד לעצמו אף שללכם כל אחד ואחד לעצמו. אמרו לו והלא ממון עשרת השבטים מעורב בו אמר להם (שם) כמשק גבים שוקק

כו

מגבת ועד אנטיפרס . מקומות שבסוף התחומים : אע"פ שאלף גפן באלף כסף . שהם יקרים שאין להם רוב כרמים אפי' הכי לשמיר ולשית יהיה שמניחין אותן לאיבוד ומכיירות אותן והיו עוסקין בתורה : (לשלול) [לבזוז] כל אחד ואחד לעצמו או בהלוק ביחד אותו ממון שנשאר מחיל סנחריב ל"א או לחלוק לאחרים מה שאנו שוללים אבל אנו אסורים באותו שלל שממון בבזו מעשרת השבטים מעורב בו . והיכא משום גזל : כמשק גבים שוקק בו :

---

די טויטע קערפערס אונ מען וועט זיי מאכין פאר קארעטעם צו די בהמות פון חזקיה מיט זיינע מענטשין . עס שטייט אין פסוק אונ עס וועט זיין אין דעם טאג וועט ער אפ טאהן זיין לאסט פון זיין אקסיל . זיין יאך וועט ער אפ טאהן פון זיין האלדז . עס וועט פאר דארבין ווערין דער יאך פאר דיא פעטס . רבי יצחק נפחא זאגט דער פסוק מיינט עס וועט פאר דארבין ווערין דער יאך פון סנחריב פאר דיא פעטס (פאר דיא בומאייל) פון חזקיהו וואס ער פלעגט ברענגען אין דיא שוהלען אונ אין די בתי מדרשים . וואס האט חזקיהו גיטאהן ער האט ארין גישטעקט אשווערד ביי דיא טיר פון בית המדרש אונ ער האט גיזאגט דער וואס וועט ניט לערנען תורה . זאל ער גישטאכין ווערין מיט דעם שווערד . מען האט גיזוכט פון דן ביז באר שבע אונ מען האט ניט גיפונען קיין עם הארץ . אונ מען האט גיזוכט פון גבת ביז אנטיפרס אונ מען האט ניט גיפונען איינגעל א מיידיל א מאן אדער א ווייב וואס זאלין ניט וויסען די דינים פון טמא אונ טהור . נאר אלע האבין גיוואוסט . אונ אויף דעם דור זאגט דער פסוק אונ עס וועט זיין אין דעם טאג וועט אמענטש דער נערין אקאלב מיט צוויי שעפסין . אונ דם וועט ער האבין גינוג צו זיין פרנסה . ווייל קיינער וועט ניט זוכען פערגניגונס מען וועט נאר לערנען תורה . נאך זאגט דער פסוק אונ עס וועט זיין אין דעם טאג יעדער ארט וואס דארט פלעגט זיין טויזענד ווינשטאקין פאר טויזענד טאלער וועט דארט זיין דערנער . אפילו דיא ווין שטאקין וועלין דארטין זיין טייער . אז פאר טויזענד ווין שטאקין נעמט מען טויזענד טאלער . פון דעסט וועגין וועט קיינער ניט פלאנצין ווין שטאקין . נאר דארט וועלין וואקסין דערנער . ווייל קיינער וועט זיך ניט וועלין בשעפטיגען מיט אזעלכע זאכין נאר מיט תורה לערנען : אין פסוק שטייט אייערע רויב (וואס איר וועט רויבין פון סנחריב) וועלין פאר זאמולט ווערין אזוי ווי דער איישעריק פארזאמולט . דער נביא האט גיזאגט צו די יודין פאר זאמולט אייערע רויב . האבין דיא יודין גיזאגט צום נביא יעדער זאל רויבין פאר זיך . ווי פיל יעדער וועט קענען איינער מער איינער ווייניגער . אדער מען וועט דער נאך צו טיילן די רויב צו אלע יודין גלייך . האט דער נביא צו זייא גיזאגט אזוי וויא דער איישעריק פארזאמולט . אזוי ווי דער איישעריק זאמולט דאך יעדער פאר זיך . אזוי איהר זאלט אויך רויבין יעדער פאר זיך . האבין די יודין גיזאגט צום נביא אין די רויב פון סנחריב איז דאך ארין געמישט דיא געלט פון דיא עשרת השבטים וועט דאך דאס זיין גזלה . האט דער נביא גיזאגט צו די יודין כמשק גבים שוקק בו . די רויב פון סנחריב איז אזוי ווי אברונען אז אמענטש וואס איז טמא גייט ארין אין איהם אונ איז זיך טובל גייט ער ארויס טהור . אזוי די געלט פון איודין אז עס פאלט ארין צו אגוי אין

די

בו מה גבים הללו מעלין את האדם מטומאה לטהרה אף מטונם של ישראל כיון שנפל ביד העכו"ם מיד טיהר:

**כה אמר** רב הונא עשר מסעות נסע אותו רשע באותו היום שנאמר (ישעיה י) בא על עית עבר במגרון למכמש יפקיד כליו עברו מעברה גבע מלון לנו הרדה הרמה גבעת שאול נסה צהלי קולך בת גלים הקשיבי לישה עניה ענתות נדדה מדמנה יושבי הגבים העיזו (עוד היום בנוב לעמוד וגו') הני טובא הויין צהלי קולך בת גלים נביא הוא דקאמר להו לכנסת ישראל צהלי קולך בת גלים בתו של אברהם יצחק ויעקב שעשו מצות לפני כגלי הים. הקשיבי לישה מהאי לא תסתפי אלא אסתפי מנבוכדנאצר הרשע דמתיל כאריה שנאמר (ירמיה ד) עלה אריה מסבכו מאי (דף צה) עניה ענתות עתיד ירמיה בן חלקיה מענתות דמתנבי עלך דכתיב (שם א) דברי ירמיהו בן חלקיה מן הכהנים אשר בענתות כי דמי ההם אריה הבא לישה א"ר יוחנן ששה שמות (יש) לארי אלו הם (בראשית מט) ארי (שופטים יד) כפיר (בראשית מט) לביא (ישעיה ל) ליש (תהלים לא) שחל

שחץ

האספקלא של צינורות שמקלחין מהם מים ונכנעים בקו בתוהו ממין וטיהרתו דמה צינורות הללו מעלין את האדם מטומאה לטהרה ע"י טבילה אף מטונם כו':

בא על עית וגו'. ומתרגמינן ומני רבני משרייתיה: עברו מעברה וגו'. ולא קא חשיב עוד היום בנוב לעמוד דההוא לא מסע הוא אלא כדאמרינן לקמן אותו היום נשתייר מעונה של נוב: הני טובא הוו. די"ב הוא דאיכא: נביא הוא. קרא דצהלי קולך בת גלים הקשיבי לישה דחשיבנא ביה הלכה בת גלים לישה ענתות היינו לאו מחושבנא נינהו דנביא הוא דקאמר להו לישראל: מהאי לא תסתפי. שתנצל מידו כיון דכתיב צהלי קולך: אלא איסתפי מנבוכדנאצר. שנמשל לליש דכתיב ביה עלה אריה מסבכו והיינו דקאמר הקשיבי לישה: עניה ענתות. כלומר נבואות ירמיה הענתותי [היא] שעתידה לנבא על ליש שתכבש ירושלים בידו: אריה כפיר וכו'. בגמרא אחריתי מפורש למה נקרא לו כל השמות

---

די הענט וועט דער גוי האט גירויבט דאס געלט פון אידן מעג קומען איין אנדער יוד און אוועק נעמען דאס יודישע געלט פון גוי און זיי נעמען פאר זיך. ווייל דער גירויבטער יוד האט שוין זיין געלט מפקיר גיוועז:

**כה** אמר. רב הונא האט גיזאגט אזוי אשטיק וועג וואס מען האט גידארפט גיין אין צעהן טעג. האט דער רשע סנחריב גיצויגן אין איין טאג. אזוי ווי עס שטייט אין פסוק ער איז גיקומען אויף עית. ער איז דורך גיגאנגען מגרון. אין מכמש האט ער בעהאלטין זיינע כלים. זייא זענען אריבער גיגאנגען מעברה. אין גבע וועט זיין פאר אונז א ארט צום נעכטיגען. דיא מענטשין פון הרמה האבען געציטערט. דיא מענטשין פון גבעת שאול זענען אנטלאפין. בת גלים הייב אויף דיין קול צום שרייען. פאר נעם לישה. דיא ארעמע ענתות. מדמנה איז פאר וואגילט גיווארין. דיא זיצער פון גבים האבען זיך פאר זאמולט. פרעגט דיא גמרא איז דאך שוין מער וויא צעהן שטעט ועית. מגרון: מכמש. מעברה. גבע. הרמה. גבעת שאול. בת גלים. לישה. ענתות. מדמנה. גבים איז דאך צוועלף שטעט ענטפערט דיא גמרא בת גלים לישה ענתות זענען ניט דיא נעמען פון דיא שטעט וואס סנחריב איז דורך גיגאנגען. נאר דם זאגט דער נביא צו דיא יודין. בת גלים הייב אויף דיין קול. איר יודין וואס איר זענט די טאכטער פון אברהם יצחק יעקב וואס זייא האבען גיטאהן פאר מיר מצות אזוי פיל וויא די אינדען וריא וואלען פון ים. הייבט אויף אייער קול מיט פרייד. פאר נעם לישה. פאר סנחריב זאלט איר ניט מורא האבען. ווייל פון אים וועט איר גיהאלפען ווערין. נאר זאלסט מורא האבען פר דעם רשע נבוכדנצר וואס ער איז געגליכען צו אאריה וצו אלייבו. אזוי וויא עס שטייט אין פסוק עלה אריה מסבכו. דער לייב איז אויף גיגאנגען פון זיין בידיל וואס מיינט מען עניה ענתות. דער נביא ירמיה בן חלקיה וואס ער איז פון ענתות וועט אויף דיר נביאות זאגין אז דוא וועסט אריין פאלען אין דיא הענט פון נבוכדנצר. אזוי וויא עס שטייט אין פסוק דם איז דיא רייד פון ירמיה בן חלקיה וואס ער איז פון דיא כהנים וואס אין ענתות. פרעגט דיא גמרא עס איז דאך ניט גלייך נבוכדנצר ווערט גירופען אריה. און דא שטייט לישה. ענפערט דיא גמרא רבי יוחנן האט גזאגט אלייב האט זעקס נעמען. ארי כפיר לביא ליש

שהל

(סוטה כח) שחץ אי הכי בצרי להו עברו מעברה תרתי נינהו. מאי (ישעיה י) עוד היום בנוב לעמוד א"ר הונא אותו היום נשתייר מעונה של נוב אמרו ליה כלדאי אי אזלת האידנא יכלת לה ואי לא לא יכלת לה אורחא דבעא לסגויי בעשרה יומי סגא בחד יומא כי מטו לירושלים שדו ליה ביסתרקי עד דסליק ויתיב מעלוי שורא עד דחזייה לכולה ירושלים כי חזייה אדזוטר בעיניה אמר הלא דא היא קרתא דירושלם דעלה ארגשית כל משריתי ועלה כבשית כל מדינתי הלא היא זעירא וחלשא מכל כרכי עממיא דכבשית בתקוף ידי עלה קם מניד ברישיה מוביל ומייתי בידיה על טור בית מקדשא דבציון ועל עזרתא דבירושלים אמרי ליה נשדי בה ידא האידנא אמר להו תמהיתו (דאתיתו מאורחא) למחר אייתו לי כל חד וחד מנייכו גולמיה הרג מינה מיר (מ"ב יט) ויהי בלילה ההוא ויצא מלאך ה' ויך במחנה אשור וגו' וישכימו בבקר והנה כלם פגרים מתים א"ר פפא

הלנו: א"ב. יכוליה קרא אהני קולן לאו מחושבא כזה א"כ ליכא אלא ט' מסעות דהא עוד היום לאו מחושבא כמי הוא. ומתרץ עברו מעברה תרתי אינון. עברו חד מעברא חד והיכא עשר מסעות: אותו היום נשתייר מעונה של נוב. דמפני עון שהיה להם ליענש על שנהרגו כהני נוב קבע הקב"ה העונש עד אותו היום ואותו יום כלבד נשתייר מזמן העונש ואילו היה נלחם בירושלים אותו היום היה כובשה הכי משמע קרא עוד היום אותו יום העמידו לסנחריב על ירושלים בעון נוב: סגא בחד יומא. והיינו י' מסעות שנסע אותו היום: שדו ליה. לסנחריב: ביסתרקי תחתיו עפמ"י בלע"ז עד שהראה ירושלים כולה: עלה קם ומניד ברישיה. עליה עמד והיה מניד ברישיה: נישדי ביה ידא האידנא. נלחם בה עתה (האידנא): תמהיתו. עייפא הוא להתחיל היום משום הולכא דאורחא ל"א תמהיתו כהייגעתם: גולמיה הרג. חתיכה של חומה לגון

שחץ שחץ. פרעגט די גמרא אז דוא נעמסט אראפ בת גלים אונ לישה אונ ענתות. בלייבט דאך נאר ניין שטעט. ענטפערט די גמרא עברו מעברה איז צוויי שטעט. וואס מיינט דער פסוק עוד היום בנוב לעמוד. רב הונא זאגט דער טאג איז געבליבען פון די זינד פון נוב וואס שאול האט גיהרגת די כהנים פון נוב האט גאט אויס גירעכנט וויא פיל טעג יודין זאלין גישטראפט ווערין. איז נאך גיוועזין איין טאג גישטראפט צו ווערין האבען די שטערין זעהער גזאגט צו סנחריב אויב דוא וועסט גיין היינטיגען טאג וועסטו קענען איין נעמען ירושלים. אונ אויב נישט היינט. וועסטו ניט קענען איין נעמען ירושלים ודאס מיינט דר פסוק עוד היום בנוב לעמוד. נאך דעם היינטיגען טאג האט צו שטיין די זינד פון נוב. דעם וועג וואס ער האט גידארפט גיין צעהן טאג. איז ער גיגאנגען אין איין טאג. אז סנחריב מיט זיינע מענטשין זענען גיקומען צו ירושלים האט מען גילייגט נעבין די מאהער אזוי פיל בעטגיוואנט ביז סנחריב איז ארויף גיגאנגען אונ האט זיך גיזעצט אויף די מאהער ביז ער האט גיקענט זעהן גאנץ ירושלים. וויא ער האט גיזעהן ירושלים איז זיא גאנץ קליין גיוועזין אין זיינע אויגין. האט ער גזאגט דאס איז די שטאט ירושלים וואס אויף איר האב איך גיברענגט מיין גאנצע מחנה. אונ פון וועגין איר האב איך איין גינומען מיינע אלע מדינות. זיא איז דאך קלענער אונ שוואכער פון אלע שטעט פון די פעלקער וואס איך האב איין גינומען מיט די שטארקייט פון מיין האנט. ער האט זיך גישטעלט אויף די מאהער פון ירושלים אונ האט גישאקילט מיט דעם קאפ אונ ער האט גימאכט מיט די האנט אויף דעם בית המקדש וואס אין ציון אונ אויף די עזרות פון ירושלים. האבען זיינע מענטשין גזאגט צו אים מיר וועלין שוין מלחמה האלטין מיט די שטאט ירושלים. האט סנחריב צו זייא גזאגט עס וואונדערט מיך וואס איר ווילט היינט מלחמה האלטען איר זענט דאך אפ גימאטערט פון וועג. אויף מארגין וועט יעדער פון איך ברייגען א שטיק מאהער אין האנט. באלד אין די זעלביגע נאכט איז ארויס גיגאנגען א מלאך פון גאט אונ האט גישלאגין אין די מחנה פון אשור אונ אין דער פריה זענען אלע גילעגין טויט. רב פפא זאגט דאס איז וואס מענטשין זאגין אז די קריג געדויערט איבער ווערט די קריג בטל. אז צוויי מענטשין זענען גיוועזין אין כעס אונ האבען זיך גיוואלט קריגען. אז עס איז נאר אריבער גיגאנגען דער טאג אונ די נאכט אונ זייא האבען זיך ניט גיקריגט. מארגן וועלין זייא זיך שוין ניט קריגען דר כעס איז שון איבר גיגאנגען. ביי סנחריב איז אויך אזו

גיוועזן

פסי אכן רעועה מן התורה ונבקענו: בת דינא בטל דינא. כיון שבן דינא בטל הריב וכן מפני שלא נכנסה בו ביום לא הגלות ממתרת:

וישבי בנוב אשר בילידי הרפה יושבי נוב שהיו יום הכתוב על עסקי נוב: הרפה. היינו ערפה: משקל קינו. מהגמיון משקל סופיניה: נטרד דואג האדומי. שכיפר לה"ר על דוד בהתקנה בשאול ולפי שגרם להימלך את דוד בנוב א"ל שאול סוב ופגע בכהני ה' נמצא שעל ידך נהרגו ואתה גרמת והגלה זו נהרג שאול ושלשת בניו במלחמת פלשתים: שבר ביזאי. לשון פרסי קריט"א. ל"א כפי הוא: קמטיה. הכניעו תחת הכד של זיתים ויתיב עליה למעכו: מכא ליה ארעא מתותיה. נתרככה הארץ מתחתיו ולא הזיקו. ל"א מכא ליה. נכפלה סקרקע כעין גומא והיתה מגינה עליו: בד' גרויי. בד' כלין של מים ל"א בד' גרויי בירה

פפא היינו דאמרי אינשי בת דינא בטל דינא: (ש"ב כא) **ויִשבי** בנוב אשר בילידי הרפה ומשקל קינו וגומר [ויאמר להכות את דוד] מאי וישבי בנוב א"ר יהודה אמר רב איש שבא על עסקי נוב א"ל הקב"ה לדוד עד מתי היה עון זה טמון בידך על ידך נהרג נוב עיר הכהנים ועל ידך נטרד דואג האדומי ועל ידך נהרג שאול ושלשת בניו רצונך יכלה זרעך או תמסר ביד אויב אמר לפניו רבש"ע מוטב אמסר ביד אויב ולא יכלה זרעי יומא חד נפק לשבר בזאי אתא שטן ואדמי ליה כטביא פתק ביה גירא ולא מטייה משכיה עד דאמטייה לארץ פלשתים כדחזייה ישבי בנוב אמר היינו האי דקטליה לגלית אחי כפתיה קמטיה ואותביה תותי בי סדיא אהעביד ליה ניסא מכא ליה ארעא מתותיה היינו דכתיב (תהלים יח) תרחיב צעדי תחתי ולא מעדו קרסולי ההוא יומא אפניא דמעלי שבתא הוה אבישי בן צרויה חייף רישיה בד' גרבי דמיא חזינהו כתמי דמא א"ד אתא יונה איטריף קמיה אמר כנסת ישראל כיונה

---

גיווען · אז ער האט נאר ניט מלחמה געהאלטען היינט. האט שוין אויף געהערט זיין גליק:

**כמו** וישבי. ישבי אין נוב וואס ער איז פון דיא קינדער פון הרפה ודאס איז ערפה דיא שוועגערין פון רות. און זיין שווערד האט געוואוגען דריי הונדערט קופערנע פאערדס און ער האט געזאגט צו שלאגען דוד המלך. וואס מיינט מען ישבי אין נוב. האט רב יהודה געזאגט פון רבס וועגין ישבי איז געקומען וועגין דיא עבירה פון נוב וויא עס שטייט אין סימן כחו. גאט האט געזאגט צו דוד ביז וויא לאנג וועט זיין דיא עבירה בעהאלטען אין דיר און דוא וועסט ניט תשובה מאכען אויף איר. דורך דיר זענען געהרגת געווארין דיא כהנים פון דיא שטאט נוב. און דורך דיר איז דואג האדומי פאר טריבען געווארין פון עולם הבא: און דורך דיר איז נהרגת געווארין שאול מיט זיינע דרייא זיהן. קלויב דיר אויס וואס דוא ווילסט בעסער. אדער דיינע קינדער זאלין פאר לענדט ווערין. אדער דוא זאלסט פאלען אין דיא הענט פון דיינע פיינד. האט דוד געזאגט פאר גאט רבונו של עולם איך וויל בעסער פאלען אין דיא הענט פון מיין פיינד נאר מיינע קינדער זאלין ניט פאר לענדט ווערין. אמאהל איז דוד ארוים געגאנגען אין דעם דארף שבר בזאי. איז געקומען דער שטן און האט זיך פאר שטעלט פאר אהערש. האט דוד אויף אים געווארפען אפייל. און דיא פייל האט איהם ניט געטראפען. און דער הערש איז אלע מאהל געלאפען ווייטער און דוד האט איהם נאך געיאגט. און דער הערש האט איהם פאר צויגען ביז ער האט איהם געברייננגט אין לאנד פלשתים. וויא ישבי אין נוב האט דער זעהן דוד המלך איז דא. האט ישבי געזאגט אויף דוד דאס איז דאך דער דוד וואס האט געהרגת מיין ברודער גלית. האט ישבי געבונדען הודן. און האט איהם געלייגט א ונטער אברעט וואס מען קוועטשט מיט איר די איילבירטען. און ער האט זיך געזעצט אויף דיא ברעט ער זאל דודן צו קוועטשין. איז איהם געטאהן געווארין אנס דיא ערד וואס אונטער איהם איז ווייך געווארין. איז ער ארין געקוועטשט געווארין אין דיא ערד. און עס האט איהם גאר ניט געשאדט. דאס איז וואס עס שטייט אין פסוק דוא האסט דער ברייטערט מיינע טריט אונטער מיר און מיינע קנעביל האבן זיך נישט אויס געגליטשט. דער טאג איז געוועזן ערב שבת. און אבישי בן צרויה הט געקעמט דעם קאפ און האט זיך געוואשען אין פיר בעקינס וואסער. האט ער געזעהן אין דיא וואסער פלעקען בלוט. אנדערע זאגן אטאהב איז געקומען צו פליהען און האט זיך געשטעלט נעבין אבישי

און

ביונה אמתילא שנא' (תה סח) כנפי יונה נחפה בכסף ש"ם דוד מלכא דישראל בצערא שרי אתא לביתיה ולא אשכחיה (שדר לבי מדרשא ולא אשכחיה) אמר תנן אין רוכבין על סוסו ואין יושבין על כסאו ואין משתמשין בשרביטו בשעת הסכנה מאי אתא שאל בי מדרשא אמרו ליה בשעת הסכנה שפיר דמי רכביה לפרידיה וקם ואזל קפצה ליה ארעא בהדי דקא מסגי חזייה לערפה אימיה דהות נוולא כי חזיתיה פסקתיה לפילכא שדיתיה עלויה סברה למקטליה אמרה ליה עלם אייתי לי פלך פתקיה בריש מוחה וקטלה כד חזייה ישבי בנוב אמר השתא הוו בי תרין וקטלי לי פתקיה לדוד לעילאי ודץ ליה לרומחיה אמר ניפול עליה ונקטול אמר אבישי שם אוקמיה לדוד בין שמיא לארעא ונימא ליה איהו אין חבוש מוציא את עצמו מבית האסורים אמר ליה מאי בעית הכא אמר ליה הכי אמר לי קודשא בריך הוא והכי אהדרי ליה א"ל אפיך צלותך

דמיא כי בורות של מים: איפריך קמיה. יונה טורפת ומתכנסת עצמה ומורטת כנפה והומה ומצערת: קפצה ליה ארעא. כמו לא תקפוץ נתקצרה הארץ והגיע מהרה לארץ פלשתים: לערפה אמיה. דישבי: נוולה. טווה: כד תויסיס. ערפה לאבישי סברה למקטליה באותו פלך שביה בידה ולא פגעה בו: אמרה ליה. לאבישי אייתי לי ההוא פלך דנפל לפניך: ה"ג. פתקיה בריש מוחה וקטלה. השליך אבישי הפלך לראשה ומתה: פתקיה לדוד לעילאי. זרקו כלפי מעלה: ודץ ליה. נעץ החניתו תחתיו בקרקע כדי שיפול עליו וימות: ונימא איהו. דוד עצמו לימא שם: אין חבוש מוציא עצמו. אין דעתו מכוונת עליו לומר השם והשתא ניטל דוד והבליעו השם ברתוה והלכו אבישי ודוד והזרו לסבב: א"ל. אבישי לדוד. מאי בעית הכא. למה באת כאן: א"ל. הקב"ה אמר לי לצוך שיכלה זרעך או תמסר ביד אויבך ואהדרי ליה מוטב שאפול ביד אויב: א"ל אפיך צלותך. הפוך תפלתך ואמור נפיל מוטב

---

אונ זיא האט זיך גישלאגען אונ האט אויס גערישען אירע פעדערן אונ האט גיברומט אונ גיקלאגט. האט אבישי גזאגט דיא יודין זענען געגליכען צו אטאהב. אזוי וויא עס שטייט אין פסוק דיא פליגול פון דיא טאהב איז בדעקט מיט זילבער וואזוי דיא יודין זענען אויך בדעקט מיט תורה אונ מצות. געווים מוז זיין אז דוד דער מלך פון דיא יודין איז אין צער. איז אבישי גיקומען צו דוד אהיים אונ האט איהם ניט גיטראפען. אונ ער האט איהם געשיקט זוכען אין בית המדרש. אונ מען האט איהם ניט גיטראפען. האט אבישי גזאגט מיר האבען גילערונט מען טאר ניט רייטען אויף דעם פערד פון מלך. אונ מען טאר ניט זיצען אויף דיא שטוהל פון מלך אונ מען טאר ניט ניצען מיט דיא רוט פון מלך ווען עס איז אסכנה מעג מען אדער ניין. איז אבישי גיקומען אין בית המדרש אונ האט גיפרעגט. האט מען גזאגט צו אים ווען עס איז אסכנה מעג מען. האט אבישי זיך גזעצט רייטען אויף דעם אייזיל פון דוד. אונ דער אייזיל האט אן גיהויבען צו גיין: אזוי וויא דער אייזיל איז גילאפען איז דיא ערד אלע מאהל קירצער גיווארין דורך אנס. אונ ער איז געשווינט גיקומען אין דיא לאנד פלשתים. האט אבישי דער זעהן ערפה דיא מוטער פון ישבי זיא שפינט. וויא ערפה האט דער זעהן דעם אבישי האט זיא איבער גיהאקט דעם פארים אונ האט גינומען דאס שפינדול אונ האט גיווארפען אויף אבישי אונ זיא האט איהם גיוואלט הרגנן. דאס שפינדיל איז אבער ניט גיפאלען אויף אבישי. נאר נעבין אבישי האט ערפה גזאגט צוא אבישי יונגער מאן גיב מיר דאס שפינדול וואס ליגט נעבין דיר: האט אבישי אוואורף גיטאהן דאס שפינדול אויף ערפהס קאפ אונ האט איר גיהרגת. וויא ישבי פון נוב האט גיזעהן אז אבישי איז דא. האט ישבי גיזאגט איצט זענען זייא שוין צווייא ואבישי אונ דוד וועלין זייא מיך הרגנן. האט ישבי אוואורף גיטאהן דודן אין דער הייך. אונ ישבי האט אריין גישטעקט זיין שפיז אין דער ערד. האט ישבי גזאגט דוד וועט אראפ פאלען אויף דעם שפיז אונ וועט גיהרגת ווערין האט אבישי גזאגט דעם שם המפורש איז דוד געבליבען אין דיא הייך צווישען הימעל אונ ערד. אונ איז ניט אראפ גיפאלען. פרעגט דיא גמרא פר וואס האט דוד אליין ניט גזאגט דעם שם המפורש. ענטפערט דיא גמרא דער גיבונדענער קען ניט זיך אליין אויף בינדען ער זאל ארויס גיין פון גיפיינקענים. האט אבישי גזאגט צוא דוד וויא אזוי קומסטו אהער. האט דוד גזאגט צוא אבישי אזוי האט גאט גזאגט צוא מיר וואויב איך וויל ביינע קינדער זאלן פאר לענדט ווערין. אדער איך זאל פאלען צוא מיין פיינד אין די הענטן.

אונ

צלותך בר ברך קירא ליזבן וזאת לא תצטער א"ל אי הכי סייע בהדן היינו דכתיב (ש"ב כא) ויעזר לו אבישי בן צרויה אמר רב יהודה אמר רב שעזרו בתפלה אמר אבישי שם ואחתיה הוה קא רדף בתרייהו כי מטו קובי אמרי קום ביה כי מטו בי תרי אמרי בתרי גוריין קטליה לאריא אמרי ליה זיל אשכח לערפה אמך בקברה כי אדכרו ליה שמא דאימיה כחש חיליה קטליה היינו דכתיב (שם) אז נשבעו אנשי דוד לו לאמר לא תצא אתנו ולא תכבה את נר ישראל:

צל: דרכך ולא תמסר ביד אויב דמה לך נצטער בנך: בר ברך קירא ליזבן ולא תצטער. אבל אין אומרים בני אדם בר בנך בעיה יזבון ולא תצטער: סייע בהדן. עזור בתפלה לנפשו: והוה קא רדיף בתרייהו. והן בורחין מפניו קרוב ארץ פלשתים: כי מטו קובי. לאותו כפר בשמו קובי בגבול א"י לארץ פלשתים: אמרי קום ביה. אמרו זה לזה עמוד כנגדו ולא נכרת ונכנו אלך נקרא קובי איכהו הוו בדקי בבמות הכפרים ועדיין היו מפחידין ומבהלין: כי מטו בי תרי. שם מקום: אמרי בתרי גוריין. בתמיה: נקנוס. באבנים.

ת"ר שלשה קפצה להם הארץ אליעזר עבד אברהם יעקב אבינו ואבישי בן צרויה. אבישי בן צרויה הא דאמרן. אליעזר עבד אברהם דכתיב (בראשית כד) ואבא היום אל העין למימרא דההוא יומא נפק. יעקב אבינו (ע"ב) דכתיב (בראשית כח) ויצא יעקב מבאר

---

און אזוי האב איך געענטפערט ואיך וויל בעסער איך זאל פאלען צוא מיין פיינד אין די הענט, נאר מיינע קינדער זאלען ניט פאר לענדט ווערין. האט אבישי גזאגט צו דוד בעט פאר קערט; בעסער זאלין דיינע קינדער פאר לענדט ווערין. און דוא זארסט ניט פאלען אין דיא הענט פון דיין פיינד. ווארום וואס האדט דיך פאר דיינע קינדער. מען זאגט אמשל זאר דיין איינקול מאכם פאר קויפען. נאר דוא זארסט קיין צער ניט האבען. האט דוד גזאגט צו אבישי. אויב אזוי העלף מיר צו בעטין ביי גאט דער שטראף זאל געענדערט ווערין. עס זאל אראפ גינומען ווערין פון מיר און ארויף גיגעבען ווערין אויף מיינע קינדער. דאס איז וואס עס שטייט אין פסוק אבישי בן צרויה האט גיהאלפען צו דוד. האט רב יהודה גזאגט פון רבס וועגין ער האט איהם גיהאלפען צו בעטין ביי גאט. דער נאך האט אבישי נאך אמאהל גזאגט דעם שם המפורש און דוד האט אראפ געגידערט אויף דער ערד. האט ישבי געיאגט נאך דוד און אבישי. אז זייא זענען גיקומען צום דארף וואס הייסט קובי. האבען זייא גזאגט מיר וועלין דא שטיין געגין ישבי און מיר וועלין איהם שלאגין. זייא האבען אבער מורא גיהאט פאר אים זענען זייא ווייטער גילאפען. אז זייא זענען גיקומען צום ארט וואס הייסט בי תרי: האבען זיי גזאגט וועלי דען קענען צוויי יונגע לייבין הרגנן דעם אלטן לייב. ווערין מיר דען קענען הרגנן דעם ישבי. דער וויל האבען זייא גזאגט צו ישבי גיי ועסט געפינען דיין מוטער ערפה אין קבר. מיר האבען איר שוין גיהרגת. וויא זייא האבען איהם דער מאנט דעם נאמען פון זיין מוטער. אז זיא איז נישטארבען. איז ער שוואך גיווארין און זייא האבען איהם גיהרגת. דאס איז וואס עס שטייט אין פסוק דאמאלס האבען די מענטשין פון דוד גישווארין צו דוד דו זאלסט שוין ניט ארויס גיין מיט אונז ודו זאלסט שוין זיין נאר אין דער היים און דוא זאלסט ניט פר לעשין דם ליכט פון די יודין:

ל תנו רבנן. דיא רבנן האבען גילערנט צו דריי מענטשין איז גישעהן גיווארין דער נס אז דיא ערד איז פאר קירצט גיווארין פון זייערטוועגין. צו אליעזר דער קנעכט פון אברהם. און צו יעקב אבינו: און צו אבישי בן צרויה. צו אבישי בן צרויה אזוי וויא פריער שטייט. צו אליעזר דער קנעכט פון אברהם. ווארום עס שטייט אין פסוק אליעזר האט גזאגט היינט בין איך גיקומען צום קוואל. צו וואס דארף ער דער ציילען ווען ער איז גיקומען צום קוואל. נאר ער מיינט היינט בין איך ארויס גיגאנגען פון אברהם און היינט בין איך גיקומען אין חרן. וועלין זייא ווייסען אז צו אים איז גישעהן גיווארין א נס דיא ערד איז פאר קירצט גיווארין. צו יעקב אבינו אזוי וויא עס שטייט אין פסוק יעקב איז ארויס גיגאנגען פון באר שבע און האט בגעגינט דעם ארט ואזוי וויא עס שטייט אין דער מסכת חולין פרק גיד הנשה. און פון

וואנען

מבאר שבע גו׳ ויפגע במקום ונומר כי כשו כו׳ ומנ״ל דכלה זרעיה דדוד דכתיב (מ״ב יא) ועתליה אם אחזיה ראתה כי מת בנה ותקם ותאבד את כל זרע הממלכה הא אשתייר לה יואש התם נמי אשתייר אביתר דכתיב (ש״א כב) וימלט בן אחד לאחימלך בן אחיטוב ושמו אביתר. א״ר יהודה אמר רב אלמלא נשתייר אביתר לאחימלך בן אחיטוב לא נשתייר מזרעו של דוד שריד ופליט:

וממנו לא דכלו זרעיה של דוד. כדאמרינן לעיל: התם נמי אשתייר אביתר. מהכא מנ: שגלונות. מלכות: על אברהם. כשנלחם בד׳ מלכים: בעי אביי. הא חסר חד היכי קאמר אי חסר חד רבוא וכו׳: ראשונה. כת ראשונה מחייליו של סנחריב: עברו בשחי. שטו הסוסים בירדן ונתמעטו המים עד שעברו: האמצעיים בקומה. זקופה ולא היו המים מגיעים אלא עד הצואר: שחי. כמו שחו: שטלו עפר

**לא אמר** רב יהודה אמר רב בא עליהם סנחריב במ״ה אלף איש בני מלכים ויושבים בקרונות של זהב ועמהם שגלונות וזונות ובשמונים אלף גבורים לבושי שריון קליפה וששים אלף אחוזי חרב רצים לפניו והשאר פרשים וכן באו על אברהם וכן עתידין לבא עם גוג ומגוג במתניתא תנא אורך מחנהו ת׳ פרסה רוחב צואר סוסיו ארבעים פרסה סך מחנהו ר׳ וששים רבוא אלפין חסר חד בעא אביי חסר [חד רבוא או חסר חד] אלפא או חסר מאה או חסר חד תיקו תנא ראשונה עברו בשחי (שטו ועברו) שנאמר (ישעיה ח) וחלף ביהודה שטף ועבר אמצעיים עברו בקומה שנאמר (שם) עד צואר יגיע אחרונים העלו

---

וואגען ווייסען מיר אז דיא קינדער פון דוד זענען פאר לענדט געווארין. ווארום עס שטייט אין פסוק עתליה דיא מוטער פון אחזיה האט געזעהן אז איר זוהן איז געשטארבען איז זיא אויף געשטאנען אונ האט פאר לענדט אלע קעניגליכע קינדער. פרעגט דיא גמרא יואש איז דאך געבליבען. ענטפערט דיא גמרא פון דיא כהנים פון נוב איז אויך איינער געבליבען. דאס איז אביתר. אזוי וויא עס שטייט אין פסוק איין זוהן פון אחימלך בן אחיטוב איז אנטרונען געווארין. זיין נאמען איז אביתר. רב יהודה האט געזאגט פון רבס וועגין ווען אביתר דער זוהן פון אחימלך בן אחיטוב וואלט ניט געבליבען. וואלט פון דודס קינדער גאר ניט געבליבען איינער אויך ניט:

**לא אמר.** רב יהודה האט געזאגט פון רבס וועגין סנחריב איז געקומען אויף ירושלים מיט פינף אונ פערציג טויזענד מענטשין וואס זענען אלע געוועזען קיניגליכע קינדער. אונ זענען געזעסין אין גאלדענע וועגין. אונ יעדער האט מיט זיך געהאט זיין מלכה אונ זונות. אונ נאך אכציג טויזענד שטארקע מענטשין געקליידט אין פאנצירען. אונ נאך זעכציג טויזענד מענטשין וואס האבין געהאלטין שווערדין אין דיא הענט זענען געלאפין פאר איהם. אונ דיא איבעריגע מענטשין זענען געוועזען רייטער. אונ אזוי פיל מענטשין זענען געקומען מלחמה האלטין מיט אברהם אבינו ווען ער האט מלחמה געהאלטין מיט דיא פיר מלכים. אונ אזוי פיל מענטשין וועלין קומען מיט גוג ומגוג מלחמה האלטין מיט די יודין ווען משיח וועט קומען. אין אברייתא האבין מיר געלערנט דיא לייננ פון סנחריבס מחנה איז געוועזען פיר הונדערט מייל. די ברייט פון די האלדז פון זיינע פערד איז געוועזען פערציג מייל. אלע מענטשין צו זאמען וואס זענען געוועזען אין זיין מחנה איז געוועזען צוויי הונדערט מיט זעכציג מאל צעהן טויזענדער איינס האט געפעלט צו דעם רעכענונג. האט אביי געפרעגט וואס מיינט מען איינס האט געפעלט. איין מאהל צעהן טויזענד אדער איין טויזענד אדער איין הונדערט אדער גאר איינער. ווייס מען ניט. מיר האבין געלערנט דיא ערשטע מחנה פון סנחריב ווען זיי זענען אריין געגאנגען מיט זייערע פערד אין דעם ירדן. זענען די וואסער ווייניגער געווארין ביז די פערד האבין געקענט אריבער שווימען. אזוי ווי עס שטייט אין פסוק וחלף ביהודה שטף ועבר. סנחריב וועט גיין דורך יהודה. אונ וועט דורך שווימען. דיא אנדערע מחנה זענען אריין געגאנגען מיט די פערד אין ירדן. זענען דיא וואסער נאך ווייניגער געווארין אז די פערד זענען שטייענדיג אריבער געגאנגען מיט דיא פיס

העלו עפר על רגליהם ולא מצאו מים בנהר לשתות עד שהביאו מים ממקום אחר ושתו שנאמר (שם לז) אני קרתי ושתיתי מים וגו' והכתיב (מ"ב יט, ישעיה לז) ויצא מלאך ה' ויך במחנה אשור מאה ושמונים וחמשה אלף וגו' א"ר אבהו הללו ראשי גייסות הן אמר רב אשי דיקא נמי דכתיב (שם י) במשמניו רזון בשמנים דאית בהו אמר רבינא דיקא נמי דכתיב (דה"ב לב) וישלח ה' מלאך ויכחד כל גבור חיל ונגיד ושר במחנה וגו' ויבא בית אלהיו ומיציאי מעיו שם הפילוהו בחרב ש"מ:

ברגליהם. שלא היה שם מים כל עיקר: קרתי. לשון מקור: ה"ג: ויצא מלאך ה' ויך במחנה אשור קפ"ה אלף א"ר וכו'. ולא גרסינן והכתיב ויצא מלאך ה' אלמא כל מחנה אשור הימו אלא קפ"ה אלף ולעיל קתני ר"ס רבות: הללו. קפ"ה אלף: ראשי גייסות. ונגידי החיל כגון עולץ ההבכין כדאמרינן מ"ה אלף בני מלכים פ' אלף גבורים כ' אלף אחוזי חרב הרי קפ"ה אלף אבל האחרים במהו אין מספר כדאמרינן והשאר פרשים אין מספר: במה הכם. המלאך: היד הגדולה. יד הגדולה לא נאמר אלא היד דמשמע היד שעתידה וכו': מגלך נטושה. שחוזה מגלך לכרות את אלו:

**לב במה** הכם רבי אליעזר אומר ביד הכם שנאמר (שמות יד) וירא ישראל את היד הגדולה היא היד שעתידה ליפרע מסנחריב ר' יהושע אומר באצבע הכם שנאמר (שם ח) ויאמרו החרטמים אל פרעה אצבע אלהים היא היא אצבע שעתידה ליפרע מסנחריב רבי אליעזר בנו של ר' יוסי הגלילי אומר אמר ליה הקב"ה לגבריאל מגלך נטושה אמר לפניו רבש"ע נטושה ועומדת מששת ימי בראשית שנאמר (ישעיה כא)

---

דעם ירדן. אונ די וואסער איז געוועזן ביז צום האלדז. אזוי ווי עס שטייט אין פסוק ער צואר יגיע. ביז צום האלדז וועט גרייכן די וואסער. אז די לעצטע מחנה זענען אריין געגאנגען מיט די פערד אין ירדן. איז די וואסער געוועזן אזוי ווייניג אז דיא פערד האבן אויף געבריינגט ערד אויף זייערע פיס. אונ דיא פערד האבן שוין ניט געפונען אפילו קיין ביסול וואסער אין טייך צו טרינקען. ביז מען האט געבריינגט וואסער פון איין אנדער טייך האבן זיי געטרונקען. אזוי ווי עס שטייט אין פסוק איך האב גימוזט גראבן קוואלין האב איך געטרונקען וואסער. ווארום די אלע טייכן פון פעסטונג האב איך טרוקען געמאכט מיט די טריט פון מיינע פיס. פרעגט די גמרא עס שטייט דאך אין פסוק דער מלאך פון גאט איז ארויס געגאנגען אונ האט געשלאגן אין די מחנה פון אשור הונדערט מיט פינף אונ אכציג טויזענד מענטשין. זעהן מיר אז די מחנה איז ניט אזוי גרויס געוועזן ווי אין דער ברייתא שטייט. האט רבי אבהו געזאגט הונדערט מיט פינף אונ אכטציג טויזענד זענען געוועזן די ערצטע פון דעם חיל. האט רב אשי געזאגט אין פסוק שטייט אויך אזוי אז דיא הונדערט פינף אונ אכטציג טויזענד זענען געוועזן עלצטע. ווארום עס שטייט אין פסוק במשמניו רזון. אין די פעטע וועט זיין אמאגערקייט. שמועסט דער פסוק נאר פון די פעטע ופון די עלצטעו. רבינא זאגט פון דעם פסוק ווייסין מיר אז מען שמועסט נאר פון דיא עלצטע. ווארום עס שטייט אין פסוק גאט האט געשיקט א מלאך אונ ער האט פארשניטען אלע שטארקע העלדין אונ אלע פירשטען אונ אלע שרים וואס זענען געוועזן אין די מחנה פון סנחריב. דער נאך איז סנחריב געקומען אין די שטוב וואו זיין גאט איז געשטאנען אונ זיינע קינדער האבין אידם דארט געהרגעט מיט א שווערד:

**לב** במה. מיט וואס האט זייא דער מלאך געשלאגן. רבי אליעזר זאגט ער האט זייא געשלאגן מיט דיא האנט. אזוי וויא עס שטייט אין פסוק ביי דיא מצרים. יודין האבין געזעהן את היד הגדולה. האט געדארפט שטיין יד הגדולה. איז דאך דיא הייא איבעריג צו זאגן די האנט וואס האט געשלאגן דיא מצרים. דיא זעלביגע האנט איז אנגיברייט צו שלאגן די מחנה פון סנחריב. רבי יהושע זאגט מיט א פינגער האט ער זייא געשלאגן. אזוי וויא עס שטייט אין פסוק דיא חרטומים האבין גיזאגט צו פרעה אצבע אלהים היא. דיא מכה האט אונז געשלאגן דער פינגער פון גאט. איז דר ווארט היא איבעריג. צו זאגן היא אצבע. דער זעלביגער פינגער וואס האט געשלאגן דיא מצרים איז אנגיברייט צו שלאגן דיא מחנה פון סנחריב. רבי אליעזר בנו של רבי יוסי הגלילי זאגט גאט האט געזאגט צום מלאך גבריאל דיין מגל איז שארף ווער

מעסער

מפני חרבות נדדו [מפני חרב נטושה וגומר] רשב"י אומר אותו הפרק זמן בישול פירות היה א"ל הקב"ה לגבריאל כשאתה יוצא לבשל פירות היזקק להם שנאמר (שם כח) מדי עברו יקח אתכם כי בבקר בבקר וגו' אמר רב פפא היינו דאמרי אינשי אגב אורחך לבעל דבבך אישתמע וי"א בחוטמן נשף בהם ומתו שנאמר (שם מ) וגם נשף בהם ויבשו רבי ירמיה בר אבא אמר כפים ספק להם וכתו שנאמר (יחזקאל כא) וגם אני הכיתי כפי אל כפי והניחותי חמתי בי יצחק נפחא אמר אזנים גלה להם ושמעו שירה מפי החיות ומתו שנאמר (ישעיה לג) מרוממותך נפצו גוים:

לג כמה נשתיירו מהם אמר רב עשרה שנאמר (ישעיה י) ושאר עץ יערו מספר יהיו ונער יכתבם כמה נער יכול לכתוב (יוד וכמה יו"ד) עשרה ושמואל אומר ט' שנאמר (שם יז) [ונשאר בו עוללות] כנוקף זית שנים שלשה גרגרים בראש אמיר ארבעה חמשה

גבריאל. ממונה על בישול הפירות: היזקק להם. לחיל סנחריב להרגן: אגב אורחך. כשתלך לדרכך לפי תומך: לבעל דבבך אישתמע. לשונאך בשרהו: וספחידו: נשף. נפח:
עשרה. שהנער יכול להטיל טפה של דיו והיינו יו"ד כשאלו עשרה: ושמואל אמר תשעה.
ונשאר בו עוללות כנוקף זית שאין נשארים בו אלא דבר מועט שנים או שלשה גרגרים בראש אמיר כן לא ישאיר במחנהו אלא דבר מועט וכמה ארבעה

מעסער וואס מען שניידט מיט איהם תבואה הייסט מגל. האט גבריאל גיזאגט פאר גאט רבונו של עולם מיין מגל איז שארף פון דער צייט וואס די וועלט איז בעשאפין געווארין. אזוי וויא עס שטייט אין פסוק זייא זענען אנטלאפין פאר דיא שווערדין פאר דעם גישארפטין שווערד. רבי שמעון בן יוחאי זאגט די צייט איז געוועזן וואס פירות ווערין פערטיג. אונ דער מלאך גבריאל האט צו שאפין פערטיג צו מאכין דיא פירות. האט גאט גיזאגט צו גבריאל אז דוא וועסט ארויס גיין אויף דער וועלט צייטיג צו מאכין דיא פירות. זאלסטו אפ טרעטין ביי דעם חיל פון סנחריב אונ זאלסט זיי הרגנן. אזוי וויא עס שטייט אין פסוק ווען ער וועט דורך גיין וועט ער אייך צו נעמען ווארום אלע אין דער פריה גייט ער דורך. רב פפא זאגט דאס איז וואס מענטשין זאגין אזוי וויא דוא וועסט גיין אין גאס צו דיין גישעפט. זאלסטו אפ טרעטין בייא דיין שונא אונ זארסט איהם אביסול איבער שרעקין. אנדערע זאגין גבריאל האט זייא אבלאז גיטאהן אין דיא נאז לעכער זענין זייא גישטארבין. אזוי וויא עס שטייט אין פסוק ער האט אין זייא אבלאז גיטאהן זענען זייא פאר טריקנט גיווארין. רבי ירמיה בר אבא זאגט גבריאל האט אפאטש גיטאהן מיט דיא הענט האבין זייא זיך דער שראקין אונ זענען גישטארבין. אזוי ווי עס שטייט אין פסוק איך האב אפאטש גיטאהן אהאנט אויף אהאנט אונ האב געשטילט מיין כעס. ווייל זייא זענען גישטארבין דורך דעם פאטש. רבי יצחק נפחא זאגט גאט האט זייא אויף גימאכט דיא אויערין האבין זייא גיהערט וויא דיא חיות וואס זענען אין הימעל זאגין שירה פון דיא זיסקייט פון דער שטימע איז ארויס זייערע נשמות אונ זענען גישטארבין. אזוי ווי עס שטייט אין פסוק מרוממותך נפצו גוים: פון דיין גרויסקייט וואס זייא האבין גיהערט זענין דיא פעלקער פארשפרייט גיווארין:

לג כמה. וויא פיל מענטשין זענען געבליבען פון סנחריבס חיל. רב זאגט צעהן זענען געבליבען. אזוי וויא עס שטייט אין פסוק דיא איבעריגע בוימער פון זיין וואלד די איבעריגע מענטשין פון זיין חילו וועלין זיין אקלייגער צאהל. אז אקינד וועט זיי קענען אויף שרייבין. וויא פיל קען אקינד אויף שרייבין. צעהן. ווארום ער מאכט אפינטעלע. איז דאס איו"ד. אונ איו"ד איז צעהן. אונ שמואל זאגט ניין זענען געבליבען. אזוי וויא עס שטייט אין פסוק עס וועט בלייבין פון סנחריבס חיל אזוי וויא עס בלייבט אויף אבוים קליינע פירות וואס מען קלויבט זייא ניט אראפ. אזוי וויא עס בלייבט אויף דעם אייבערט בוים ווען מען האקט אפ די אייבערטען.. בלייבט אויף דעם שפיץ צוויג וואס הייסט אמיר צוויי דריי קליינע אייבערטען. אונ אויף דעם צווייג וואס הייסט סעיף בלייבט פיר פינף אייבערטען: אזוי וועט בלייבען פון

סנחריבם

חמשה בסעיפיה וגו' ר' יהושע בן לוי אומר י"ד שנאמר שנים שלשה גרגרים ד' וחמשה וגו' ר' יוחנן אומר ה' סנחריב ושני בניו נ"נ ונבוזראדן . נבוזראדן גמרא נ"נ דכתיב (דניאל ג) ורוה די רביעאה דמה לבר אלהין ואי לא דחזייה מנא הוה ידע סנחריב ושני בניו דכתיב (מ"ב יט) ויהי הוא משתחוה בית נסרוך אלהיו ואדרמלך ושראצר בניו הכוהו בחרב א"ר אבהו אלמלא מקרא כתיב אי אפשר לאמרו דכתיב (ישעיה ז) ביום ההוא יגלח ה' בתער השכירה בעברי נהר במלך אשור את הראש ואת שער הרגלים וגם את הזקן תספה אתא קוב"ה ואדמי ליה כגברא סבא אמר ליה כי אזלת לגבי מלכי מזרח ומערב דאייתיתינהו לבנייהו וקטלתינהו מאי אמרת להו א"ל ההוא גברא בההוא פחדא נמי יתיב א"ל היכי נעביד א"ל זיל (דף צ') ושני נפשך במאי אישני א"ל זיל אייתי

חמשה בסעיפיה פוריה ארבעה וחמשה והיינו תשעה: י"ד. דכתיב שנים ושלשה ארבעה וחמשה היינו י"ד: רבי יוחנן. מקרא לא דייק אלא ה"ק הללו חמשה נשתיירו מהן סנחריב ושני בניו ומקרא משמע כמוקף מלקט זית דמשייר (מעליו) [מעט] בראש עוף שנים או שלשה גרגרים כך ישתייר לו מעט ד' או ה': נבוכדנצר. דכתיב גבי חנניה מישאל ועזריה ורוה די רביעאה דמה לבר אלהין אלמא דחזא גבריאל והכירו בכבשן: סנחריב ושני בניו. דכתיב ויהי הוא משתחוה וגו': אי אפשר לאמרו. שהקב"ה בעצמו גלחו לסנחריב: דאייתיתינהו לבנייהו. כדאמרן שהביא עמו מ"ה אלף בני מלכים: אשני נפשך. שנה עצמך כדי שלא

---

סנחריבס חיל פיר פינף מענטשין . פיר מיט פינף איז ניין . רבי יהושע בן לוי זאגט פערצעהן מענטשין זענען געבליבען . אזוי וויא עס שטייט אין דעם פסוק וואס שמואל זאגט עס בלייבט אויף דעם בוים איילבירטען צוויי דריי פיר פינף . צו זאמען איז פערצעהן . אזוי איז געבליבען פון סנחריבס חיל פערצעהן מענטשין . רבי יוחנן זאגט פינף מענטשין זענען געבליבען סנחריב מיט צוויא זיהן אונ נבוכדנצר אונ נבוזראדן . אז נבוזראדן איז געוועזן ביי די מלחמה פון סנחריב אונ ער איז געבליבען דאס האבין מיר געלערנט אויסוויינינג . אונ אז נבוכדנצר איז געוועזן בייא דיא מלחמה פון סנחריב אונ ער איז געבליבען דאס קענען מיר וויסען פון פסוק . עס שטייט אין פסוק ווען מען הט אריין געווארפין חנניה מישאל ועזריה אין דעם ברענענדיגען הויבין . האט נבוכדנצר געזאגט איך זעה פיר מענטשין גייען ארום אין הויבין אונ דר פערטער זעהט אוים וויא אמלאך . פון וואנען ווייס נבוכדנצר וויא אמלאך זעהט אוים . ווען האט ער געזעהן אמלאך . נאר ער איז געוועזן בייא דיא מלחמה פון סנחריב האט ער געזעהן דעם מלאך גבריאל ווען ער האט געהרגת דעם חיל פון סנחריב אונ איצט אין הויבין איז אויך געוועזן דר מלאך גבריאל האט נבוכדנצר איהם דער קענט . אונ פון וואנען וויסין מיר אז סנחריב מיט זיינע צוויי זיהן זענען געבליבען . ווארום עס שטייט אין פסוק סנחריב איז געוועזן אין דיא שטוב ווא זיין גאט נסרוך איז געשטאנען . אונ ער הט זיך געבוקט צו איהם . זענען אריין געקומען זיינע צווייא זיהן אדרמלך אונ שראצר אונ האבין איהם געהרגת מיט אשווערד .

רבי אבהו זאגט ווען דער פסוק וואלט ניט געשטאנען . וואלטין מיר דאס ניט געקענט זאגין . ווארום עס שטייט אין פסוק אין דעם טאג וועט גאט אפ גאלין מיט דעם גידונגענעם גאל מעסער די מענטשין וואס וואוהנען אויף דיא אנדערע זייט פון דעם טייך . דאס מיינט מען דעם מלך אשור . ער וועט איהם אפ גאלין דעם קאפ אונ דיא האר פון די פיס אונ דעם בארד וועט ער אויך פארלענדין . גאט איז געקומען צו סנחריב אונ האט זיך פארשטעלט פאר איהם אזוי וויא אאלטער מאן . אונ גאט האט געזאגט צו סנחריב אז דוא וועסט קומען צו דיא מלכים וואס וואוהנען אין מזרח זייט אונ אין מערב זייט . אונ זייא וועלין דיך פרעגין פאר וואס האסט דוא גינומען אונזערע קינדער אונ האסט זייא געבריינגט צו ירושלים אונ האסט זיי געהרגת . וואס וועסטו זייא ענטפערין . האט סנחריב געזאגט צו גאט איך זיין טאקי אין דעם שרעק . אונ וואס זאל איך טאהן . האט גאט געזאגט צו סנחריב פאר ענדער דיך מען זאל דיך ניט דער קענען . האט סנחריב געזאגט מיט וואס זאל איך מיך ענדערין . האט גאט געזאגט צו סנחריב גיי בריינג אשער וועל איך דיר אפ שערין די האר . האט סנחריב געזאגט פון וואנען זאל איך

נעסען

אייתי לי מספר ואינגזייך [אנא] מהיכא אייתי א"ל זיל לההוא ביתא ואייתי אזל אשכחינהו מלאכי ואידמו ליה כגברי והוו קא טחני קשייתא אמ׳ להו הבו לי מספרא אמרו ליה טחין חד גריוא דקשייתא וניתן לך טחן חד גריוא דקשייתא ויהבו ליה מספרתא עד דאתא איחשך אמר ליה זיל אייתי נורא אזל ואייתי נורא בהדי דקא נפח אהלי ביה נורא בדיקניה אזל גזייה לרישיה ודיקניה אמר היינו דכתיב (ישעיה ז) וגם את הזקן תספה אמר רב פפא היינו דאמרי אינשי גירותיה לארמאה ושפר ליה אתלי ביה נורא בדיקניה ולא שבעא חובא מיניה אזל אשכח דפא מתיבותא דנח אמר היינו אלהא רבא דשיזביה לנח מטופנא אמר אי אזיל ההוא גברא ומצלח מקרב להו לתרין בנוהי קמך שמעו בנוהי וקטלוהו היינו דכתיב (מ"ב יט) ויהי הוא משתחוה בית נסרוך אלהיו ואדרמלך ושראצר בניו הכוהו בח"ב :

**לד** (בראשית יד) **ויחלק** עליהם לילה הוא ועבדיו ויכם וגו׳ אמ׳ רבי יוחנן אותו מלאך שנזדמן לו לאברהם לילה שמו שנאמר (איוב ג) והלילה

יכירוך : ואינגזייך אנא . אני לגלחך : קשייתא : גרעיני תמרים : טחון . אלו גרעינין ונתן לך מספרים והיינו דכתיב בתער השכירה על שם שטרח נתנו לו תער לגלח ואיזה שכר נתנו לו בעבור שהכר דברים שדרך לעשות ע"י שכר והיינו טחינת ריחים : וגם את הזקן תספה . דלא כתיב גלוח אלא תלאה לבל הזקן כתיב תספה לשון כילוי דמשמע ע"י אור שכלתה לגמרי : גבירתיה לארמאה ושפר בעיניה . אם אתה מהרך את לארמאה והוטב בעיניו הנער לו את זקנו ולא שבעא חובא מיניה : בית נסרוך אלהיו . לשון נסר שהשתחוה לנסר ועשאו אלוה : היינו דכתיב ויהי הוא משתחוה בית נסרוך וגו׳ . דמשמע דמפני שהשתחוה לשם הכוהו בח"ב :

[ויחלק עליהם] איידי דאיירי במלכים איירי נמי בהאי קרא [דכתיב] ויהי בלילה ההוא ויצא מלאך ה׳ וגו׳ נקט ויחלק עליהם לילה הוא ועבדיו ויכם : מלאך שנזדמן לאברהם לילה שמו . והוא

---

גֶעמֶען אַשֶׁער . הָאט גָאט גֶזָאגְט צוּ סַנְחֵרִיב גֵייא אַרֵיין אִין דִיא שְׁטוּבּ אוּנ בְּרֵיינְג פוּן דָארְטִין אַשֶׁער . אִיז סַנְחֵרִיב אַרֵיין גִיקוּמֶען אִין שְׁטוּבּ הָאט עֶר גִיטְרָאפִין אִין שְׁטוּבּ מַלְאָכִים . הָאט עֶר גִימֵיינְט דָאס זֶענֶען מֶענְטְשִׁין . אוּנ דִיא מַלְאָכִים הָאבִּין גִימָאלִין קֶערְנֶער פוּן טֵייטְלֶען . הָאט סַנְחֵרִיב גֶזָאגְט צוּ דִי מַלְאָכִים גִיט מִיר אַשֶׁערִיל . הָאבִּין דִי מַלְאָכִים גִיזָאגְט צוּ סַנְחֵרִיב אַז דוּא וֶועסְט צוּ מָאלִין דִיא מָאס קֶערְנֶער . וֶועלִין מִיר דִיר גֶעבִּין אַשֶׁערִיל . הָאט סַנְחֵרִיב צוּ מָאלִין דִי מָאס קֶערְנֶער . הָאבִּין זֵיי אִיהם גִיגֶעבִּין דִי שֶׁערִיל (דָאס אִיז דֶער גִידוּנְגֶענֶער גָאל מֶעסֶער . וַוייל עֶר הָאט בַּצָאהָלְט מִיט זַיין אַרְבֶּעט פַאר דִי שֶׁערִיל) . בִּיז סַנְחֵרִיב אִיז גִיקוּמֶען צוּרִיק צוּ גָאט אִיז דֶער וַוייל פִינְסְטֶער גִיוָוארִין . הָאט גָאט גִיזָאגְט צוּ סַנְחֵרִיב גֵיי בְּרֵיינְג פַייֶער . אִיז סַנְחֵרִיב גִיגַאנְגֶען אוּנ הָאט גִיבְּרֵיינְגְט פַייֶער . ווִי סַנְחֵרִיב הָאט גִיבְּלָאזִין דָאס פַייֶער הָאט זִיךְ אָן גִיצוּנְדֶען דִי בָּארְד זַיינֶע אִין דֶעם פַייֶער . אִיז גִיגַאנְגֶען סַנְחֵרִיב אוּנ הָאט אָפּ גִיגָאלְט דֶעם קָאפּ . אוּנ דִיא בָּארְד הָאט עֶר שׁוֹין נִיט גִידַארְפְט אָפּ גָאלִין וָוארוּם זִיא אִיז פַאר בְּרֶענְט גִיוָוארִין . דָאס אִיז וָואס עֶס שְׁטֵייט אִין פָּסוּק וְגַם אֶת הַזָּקָן תִּסְפֶּה . דִיא בָּארְד וֶועסְטוּ פַאר לֶענְדִין . נִיט אָפּ גָאלִין נָאר פַארלֶענְדִין אִין פַייֶער . רַב פַּפָּא זָאגְט דָאס אִיז וָואס מֶענְטְשִׁין זָאגִין אַז דוּא הָאסְט גִינוּמֶען אַגוֹי פוּן אָרֶם אוּנ דוּא הָאסְט אִיהם רֵיין אַרוּם גִיוַואשִׁין אוּנ עֶס אִיז אִיהם גִיפֶעלִין . וָואלְסְט דוּ אָן צִינְדֶען פַייֶער אִין זַיין בָּארְד וֶועסְטוּ נִיט זַאט וֶוערִין לַאבֶּענְדִיג פוּן אִיהם . דֶר נָאךְ אִיז גִיגַאנְגֶען סַנְחֵרִיב אוּנ הָאט אִיפוּנֶען אַבְּרֶעט פוּן דֶער תֵּבָה פוּן נֹחַ . הָאט סַנְחֵרִיב גִיזָאגְט אוֹיף דִיא בְּרֶעט דָאס אִיז דֶער גְרוֹיסֶער גָאט וָואס עֶר הָאט גִירֶעטֶעט נֹחַ פוּן מַבּוּל . הָאט סַנְחֵרִיב גִיזָאגְט אוֹיף זִיךְ אוֹיבּ אִיךְ וֶועל גֵיין אוּנ וֶועל בַּגְלִיקְן וֶועל אִיךְ מַקְרִיב זַיין מַיינֶע צְוֵויי קִינְדֶער פַאר דִיא בְּרֶעט . ווִי זַיינֶע קִינְדֶער הָאבִּין דָאס גִיהֶערְט הָאבִּין זֵיי אִיהם גִיהַרְגֶת . דָאס אִיז וָואס עֶס שְׁטֵייט אִין פָּסוּק עֶר הָאט זִיךְ גִיבּוּקְט צוּ זַיין גָאט נִסְרוֹךְ (נֶסֶר אִיז דֶער טַייטְשׁ אַבְּרֶעט) . הָאבִּין זַיינֶע קִינְדֶער אַדְרַמֶּלֶךְ אוּנ שַׂרְאֶצֶר אִיהם גִיהַרְגֶת מִיט אַשְׁוֶוערְד :

**לד** וַיֵּחָלֵק . וֶוען אַבְרָהָם אָבִינוּ הָאט מִלְחָמָה גִיהַאלְטִין מִיט דִיא פִיר מְלָכִים שְׁטֵייט אִין פָּסוּק וַיֵּחָלֵק עֲלֵיהֶם לַיְלָה . דִיא נַאכְט אִיז אוֹיף זֵייא צוּ טֵיילְט גִיוָוארִין אוֹיף אִיהם מִיט זַיינֶע קְנֶעכְט אוּנ עֶר הָאט זֵייא גִישְׁלָאגִין . וֶוער הָאט זֵייא גִישְׁלָאגִין . רַבִּי יוֹחָנָן זָאגְט דֶער מַלְאָךְ וָואס

והלילה אמר הורה גבר ר' יצחק נפחא אמר שעשה עמו מעשה לילה שנאמר (שופטים ה) מן השמים נלחמו הכוכבים ממסלותם וגו' אמר ריש לקיש טבא דנפחא מדבר נפחא. (בראשית יד) וירדוף עד דן א"ר יוחנן כיון שבא אותו צדיק עד דן תשש כחו ראה בני בניו שעתידין לעבוד ע"ז בדן שנאמר (מ"א יב) וישם האחד בבית אל ואת האחד נתן בדן ואף אותו רשע לא נתגבר עד שהגיע לדן שנאמר (ירמיה ח) מדן נשמע נחרת סוסיו:

לה א"ר זירא אע"ג דשלח ר' יהודה בן בתירא מנציבין הזהרו בזקן ששכח תלמודו מחמת אונסו והזהרו בורידין כר' יהודה והזהרו בבני עמי הארץ שמהן תצא תורה כי האי מלתא מודעינן להו

צדיק

**פירוש:** סייעו: מעשה לילה. שנלחמו בשבילו כוכבי לילה כמו שעשו בשביל ברק: טבא. מליה דר' יצחק שהוא נפחא: מדבר נפחא. מר' יוחנן דמקרי בר נפחא בכולי תלמודא כגון מאן עייל בר נפחא. גדולה למורי דאביו של ר' יוחנן הוה נפח לפיכך נקרא בר נפחא ואית דמפרשי בר נפחא על שם יפיו:

ששכח בזקן. אע"פ ששכח תלמודו מחיל ומחמת אונסו הוא: הזהרו בורידין כרבי יהודה. דאמר בשחיטת חולין עד שישחוט את הורידים של עוף מחיל ונולהו כולו כאחד ואיתו מוהכו ומולתו כבשר חיה ובהמה: והזהרו בבני עם הארץ. שעשו תלמידי חכמים לעשות להם כבוד: שמהם תצא תורה. ליפרשל שכרי יצאו שמעיה ואבטליון מבני בניו של סנחריב ומבני בניו של המן למדו תורה בבני ברק כדלקמן ואע"ג דאמר כרייהודה הכי הזהרו בבני עם הארץ: כי הא מלתא. דלקמן: מודעינן להו. דכי כיכי דתוין לקמן דלא זכה נבוכדנאצר לאותו כבוד אלא מפני זכות ד' פסיעות כדאמריק לקמן הכי נמי אמריק בבני עם הארץ דלא זכו להוהו כבוד אלא מפני זכוה מעט שהיה

---

איז גיקומען צו אברהם העלפין איהם אין דיא מלחמה. האט ער גיהייסן לילה: אונ דר מלאך האט זייא גישלאגין. אזוי וויא עס שטייט אין פסוק והלילה אמר הורה גבר. דער מלאך וואס הייסט לילה האט גיזאגט דער מאן האט מעוברת גימאכט דיא אשה. רבי יצחק נפחא זאגט דר מלאך האט ניט גיהייסן לילה. נאר וויל ער האט מלחמה גיהאלטין פאר אברהם ביי נאכט. דריבער האט מען איהם גירופין לילה. אזוי וויא עס שטייט אין פסוק ביא ברק פון הימעל האט מען מלחמה גיהאלטין. די שטערין פון זייער וועג וואס זיי גייען האבין מלחמה גיהאלטין מיט סיסרא. אזוי דא ביא אברהם האבין אויך ביי נאכט דיא שטערין מלחמה גיהאלטין מיט דיא פיר מלכים. ריש לקיש האט גיזאגט נפחא האט בעסער גיזאגט וויא בר נפחא. רבי יצחק נפחא זאגט בעסער וויא רבי יוחנן וואס מען רופט איהם בר נפחא. אין פסוק שטייט אברהם האט נאך געיאגט די מלכים ביז דן. פר וואס ניט ווייטער. רבי יוחנן זאגט ווי דר צדיק אברהם איז גקומען צום ארט דן. איז שוואך גווארין זיין כח. ווארום ער האט גזעהן אז זיינע איינינקלאך וועלין דינען עבודה זרה אין דן. אזוי ווי עס שטייט אין פסוק ירבעם בן נבט האט גמאכט צווייא גאלדענע קעלבער איינעם האט ער גישטעלט אין בית אל אונ איינעם האט ער גישטעלט אין דן. אונ דר רשע נבוכדנצר האט זיך אויך ניט גישטארקט ביז ער איז גיקומען אין דן. אזוי וויא עס שטייט אין פסוק פון דן איז גיהערט גיווארין דיא ברומונג פון זיינע פערד:

לה אמר. רבי זירא האט גזאגט רבי יהודה בן בתירה פון נציבין האט געשיקט זאגין מען זאל זיך היטען צו געבין כבוד דעם אלטען מאן וואס האט פאר געסין זיין לערנען וויל ער האט גיהאט אאומגליק וממשל ער איז קראנק גיוועזן איז ביי אים צו גינומען גיווארין זיין שכל. דריבער האט ער פאר געסין דאס לערנען. נאך האט רבי יהודה בן בתירה גיהייסען אז מען וועט שעכטין אעוף זאל מען זיין געהיט איבער צו שניידין דיא ורידין וואס זענען דיא דינע אדערין וואס אין האלדז ביי דער זייטן. אונ נאך האט רבי יהודה בן בתירה גיהייסען אז אעם הארץ האט קינדער וואס קענען לערנען תורה. זאלט איר זיין געהיט צו געבין כבוד דיא קינדער פון דעם עם הארץ. וויל פון זייא וועט ארויס גיין תורה צו אלע יודין ואזו וויא מיר זעהן שמעיה אונ אבטליון וואס זענען גיוועזן תנאים. זענען גיוועזן איינינקלאך פון סנחריב. אונ דיא איינינקלאך פון המן האבען גילערנט תורה ביי דיא בני ברק. אפילו רבי יהודה האט אזוי גיזאגט. פון דעסטוועגין זאגט מען זייא אז דעם כבוד האבען זייא נוט פון זייער פאטער. נאר פון זייער תורה וואס זייא האבען גילערנט. זייא זאלין ניט זיין גרויס ביי זיך. עס שטייט אין פסוק ירמיה הנביא האט גזאגט פאר נאט איך ווייס אז איך וועל מיך קריגען מיט דיר

וועכטו

(ירמיה יב) צדיק אתה ה' כי אריב אליך אך משפטים אדבר אותך מדוע דרך רשעים צלחה שלו כל בוגדי בגד נטעתם גם שורשו ילכו גם עשו פרי מה אהדרו ליה (שם) כי את רגלים רצתה וילאוך ואיך תתחרה את הסוסים גו' משל לאדם אחד שאמר יכול אני לרוץ שלש פרסאות לפני הסוסים בין בצעי המים נזדמן לו רגלי אחד רץ לפניו שלשה מילין ביבשה ונלאה א"ל ומה לפני רגלי כך לפני הסוסים עאכ"ו ומה ג' מילין כך ג' פרסאות עאכ"ו ומה ביבשה כך בין בצעי המים עאכ"ו אף אתה ומה בשכר ד' פסיעות ששלמתי לאותו רשע שרץ אחר כבודי אתה מתמיה כשאני משלם שכר לאברהם יצחק ויעקב שרצו לפני כסוסים עאכ"ו היינו דכתיב (ירמיה כג) לנביאים נשבר לבי בקרבי וגו' הני ד' פסיעות מאי היא דכתיב (מ"ב כ) בעת ההיא שלח בראדך בלאדן בן בלאדן מלך בבל ספרים וגו' משום דשמע כי חלה חזקיהו ויחזק שדר ליה ספרים ומנחה אין (דברי הימים ב' לב) לדרוש המופת אשר היה בארץ דאמר ר' יוחנן אותו היום

שמת

באביהם מ"כ . ואית דאמרי דר' זירא אדלעיל קאי אבני סנחריב אע"ג דאלא ר' יהודה הנאנו נבני עמי הארץ לכבדן שמהם תצא תורה כי היכי דנפקי מסנחריב כי הא מלתא מודעיק להו לבני עמי הארץ דהא דמייקרים להו לאו משום כבוד אביהם אלא גם יש התורה שבהם שלא הזות דעתם עליהם ויאמרו אבותיהם לדיקים היו : מדוע דרך רשעים צלחה , מפני מה הצליח נבוכדנאצר וכבש ירושלים : מאי אהדרו ליה . לירמיה: בצעי מים . מרש"ק בלע"ז: ארבע פסיעות . מפורש לקמן : עאכ"ו . שיהיו כל אדם יכולין לתמוה על השכר גדול שישתלם להם : לנביאים . אברהם יצחק ויעקב : נשבר לבי

וועסטו זיין גיערבט . נאר איך וועל מיט דיר ריידן אזעלכע זאכען וואס דער דין איז אז איך דארף גיערבט זיין . פאר וואס איז דיא וועג פון דיא רשעים אזוי גליקלאך . פאר וואס זענען צוא פרידען און רוהיג אלע פאלשע מענטשין . דוא האסט זייא גיפלאנצט און זייא זענען איין גיווארצילט גיווארין . זייא גייען אויף דער וועלט און עם וואקסט אויף זייא פרוכטען וירמיה האט זיך גיוואונדערט פאר וואס אזוי ארשע ווייא נבוכדנצר האט גיקענט איין נעמען ירושלים און ח"ו מאכען דעם בית המקדש) . וואס האט מען גיענפערט צו ירמיה . מיט פוס גייער ביסטו גילאפען האבען זייא דיך מיד גימאכט . ווייא אזוי וועלסטו דיך שטארקין צוא זאגין אז דוא וועסט לויפען בעסער ווייא פערד . דאס איז געגליכען צו א מענטשין וואס ער האט גזאגט איך קען לויפען דריי מייל פאר אוים פאר דיא פערד צווישען זומפיקע ערטער . האט זיך איהם גיטראפען אפוס גייער איז ער גילאפען פאר דעם פוס גייער דריי תחום שבת אויף דער טריקענעש און איז מיד גיווארין . האט מען גזאגט צו איהם מאראך פר אפוס גייער האסטו ניט גיקענט לויפען . פאר פערד וועסטו דאך געווים ניט קענען לויפען . און מאראך דריי תחום שבת האסטו ניט גיקענט לויפען . דריי מייל וועסטו דאך געווים ניט קענען לויפען . און מאראך אויף דער טריקענעש האסטו ניט גיקענט לויפען . אויף דיא זומפיקע ערטער וועסטו געווים ניט קענען לויפען . דוא ירמיה ביסט אויך אזוי . מאראך דוא וואונדערסט זיך אויף דעם שכר וואס איך האב גיגעבין צו דעם רשע נבוכדנצר פאר דיא פיר טריט וואס ער איז גילאפען פאר מיין כבוד וועגין . ווייא גרויס וועט שוין זיין דיין וואונדער אז דוא וועסט זעהן דעם שכר וואס איך וועל בצאהלען צו אברהם יצחק יעקב וואס זייא זענען גילאפען פאר מיר ווייא דיא פערד . דאס מיינט דער פסוק לנביאים נשבר לבי בקרבי . אויף דיא נביאים דאס איז אברהם יצחק יעקב איז צוא בראכען מיין הארץ אין מיר וירמיה הנביא זאגט אז איך זעה דעם שכר וואס גאט וועט געבין צו אברהם יצחק יעקב ווערט צו בראכען אין מיר מיין הארץ . פאר וואס האב איך ניט זוכה גיוועין צו זיין אזוי אצדיק ווייא אברהם יצחק יעקב זענען גיוועזען) . וואס זענען גיוועזען דיא פיר טריט פון נבוכדנצר . ווארום עם שטייט אין פסוק אין דער צייט האט געשיקט בראדך בלאדן בן בלאדן דער מלך פון בבל בריף און מתנות צו חזקיהו ווארום ער האט גיהערט אז חזקיהו איז קראנק גיוועזען . איז דאך א קשיא ווייל ער האט גיהערט אז חזקיהו איז קראנק גיוועזען און האט זיך גישטארקט . דריבער האט ער איהם געשיקט בריף און מתנות . ענפערט די גמרא בראדך בלאדן האט גיוואלט פארשטין דעם וואונדער וואס איז גיוועזען אין דער וועלט . ווארום רבי יוחנן האט

גזאגט

מקרי. כלומר מוספי על מתן שכרן: שתי שעות. כדי שלא יטה אלו למופדו ולקוברו: ואיתפח. נתרפא: אהדרינהו הקב"ה להנך עשר שעות לחזקיהו דלוותו יום שנתרפא חזקיה היה של כ"ב שעות: רהט בתריה. דגליה: לא היה להם תקנה. שהיה שכבר מבונה והיה לו רשות לאבד שונאיהם:

שמת בו אחז שתי שעות היה וכי חלה חזקיה ואיתפח אהדרינהו קב"ה להנך עשר שעי ניהליה דכתיב (ישעיה לח) הנני משיב את צל המעלות אשר ירדה במעלות אחז בשמש אחורנית עשר מעלות ותשב השמש עשר מעלות במעלות אשר ירדה אמר להו מאי האי אמרו ליה חזקיה חלש ואיתפח אמר איכא גברא כי האי ולא בעינא לשדורי ליה שלמא כתבו ליה שלמא למלכא חזקיהו שלם לקרתא דירושלם שלם לאלהא רבא. נבוכדנאצר ספרא דבלאדן הוה ההיא שעתא לא הוה התם כי אתא אמר להו היכי כתביתו אמרו ליה הכי כתיבנן אמר להו קריתו ליה אלהא רבא וכתביתו ליה לבסוף [אמר] אלא הכי כתיבו שלם לאלהא רבא שלם לקרתא דירושלים שלם למלכא חזקיה אמרו ליה קריינא דאיגרתא איהו להוי פרוונקא רהט בתריה כדרהיט ארבעה פסיעות אתא גבריאל ואוקמיה א"ר יוחנן אלמלא לא בא גבריאל והעמידו לא היה תקנה לשונאי ישראל:

מאי

---

טאגט דער טאג וואס אחז איז אין גישטארבן איז ער נאר גיוועזן צוויי שעה. מען זאל אים ניט קענען מספיד זיין אונ ניט קענען בגראבן ביי טאג נאר ביי נאכט. ער זאל ניט האבען כבוד. אונ אז חזקיה איז קראנק גיוועזן אונ איז געזונד געווארין. האט גאט איהם אפ גיגעבין די צעהן שעה. דער טאג איז גיוועזן גרעסער מיט צעהן שעה וויא אלע טאג. אזוי וויא עס שטייט אין פסוק איך וועל צוריק קערין דעם שאטען פון דיא טרעפ וואס עס האט אראפ גענידערט אויף דיא טרעפ פון אחז אויף דיא זוהן צעהן טרעפ צוריק (אונ אז דער שאטען איז אוועק גיגאנגען פון דיא צעהן טרעפ) האט זיך דיא זוהן צוריק גיקערט צעהן טרעפ אויף דיא טרעפ וואס זיא האט פריער אראפ גענידערט. איז דער טאג גרויס גיוועזן צוויי אונ צוואנציג שעה. האט בראדך גיפרעגט ביי זיינע מענטשין פאר וואס איז היינט דער טאג גרעסער וויא אלע טעג. האבען זייא גזאגט צו אים. דער מלך חזקיה איז קראנק גיוועזן אונ היינט איז ער גיזונד גיווארין: פון זיינעט וועגין האט גאט גרעסער גימאכט דעם טאג. ער זאל הנאה האבען פון דיא זוהן. האט בראדך גזאגט אויף דער וועלט איז דא אזוי אמענטש אונ איך זאל אים ניט שיקען אמתנה מיט שלום. האט ער באלד גיהייסען מען זאל שרייבען אבריף. שלום צום מלך חזקיהו. שלום צו די שטאט ירושלים. שלום צום גרויסען גאט. נבוכדנצר איז גיוועזן דער שרייבער פון מלך בראדך בלאדן. דיא צייט וואס מען הט גידארפט שרייבען דעם בריף. איז נבוכדנצר ניט גיוועזן דארטין. האט איין אנדערער געשריבען. אז נבוכדנצר איז גיקומען האט ער גיפרעגט וויא אזוי האט איר געשריבען. האבען זייא גזאגט צו נבוכדנצר אזוי האבען מיר געשריבען. האט נבוכדנצר גזאגט איר רופט אים דער גרויסער גאט. אונ איר האט אים געשריבען צום לעצטין. נאר אזוי האט איר גידארפט שרייבען. שלום צום גרויסען גאט: שלום צו דיא שטאט ירושלים. שלום צום מלך חזקיהו. האבען זייא גזאגט צו נבוכדנצר דער וואס קען לייענען דעם בריף דער זאל זיין דער שליח פון דעם בריף. דוא ווייסט ווי צו שרייבען דעם בריף. שרייב איהם דוא. איז נבוכדנצר גילאפען אומקערין דעם שליח. ווי נבוכדנצר איז גילאפען פיר טריט. איז גיקומען דער מלאך גבריאל אונ האט איהם גישטעלט. ער זאל ניט לויפען ווייטער. וואורום רבי יוחנן האט גזאגט ווען דער מלאך גבריאל וואלט ניט גיקומען איהם אפ האלטען ער זאל ניט גיין ווייטער. נאר ער וואלט נאך מער גילאפען פאר דעם כבוד וואלט דער זכות פון נבוכדנצר אזוי גרויס גיוועזן. אז ווען ער האט חרוב גימאכט דעם בית המקדש. וואלט פון דיא יודין גאר ניט געבליבען:

מאי

לז מאי בלאדן בן בלאדן אמרי בלאדן מלכא הוה ואשתני אפיה והוו כי דכלבא הוה יתיב בריה על מלכותא כי הוה כתב הוה כתב שמיה ושמיה דאבוה והיינו דכתיב (מלאכי א) בן יכבד אב ועבד אדוניו בן יכבד אב הא דאמרן ועבד אדוניו דכתיב (ירמיה נב) בחדש החמישי (בשבעה) [בעשור] לחודש היא שנת תשע עשרה למלך נבוכדנאצר מלך בבל בא נבוזראדן רב טבחים עמד לפני מלך בבל בירושלים וישרוף את בית ה' ואת בית המלך (ע"ב) ומי סליק נ"נ לירושלים והכתיב (שם) ויעלו אותו (רבלתה) אל מלך בבל [רבלתה] וא"ר אבהו זו אנטוכיא רב חסדא ורב יצחק בר אבדימי חד אמר דמות דיוקנו היתה לו חקוקה על מרכבתו וחד אמר אימה יתירא היתה לו ממנו ודימה כמי שעומד לפניו אמר רבא טעין תלת מאה כודניאתא נרגא דפרזלא דשליטא בפרזלא שדר ליה נבוכדנאצר לנבוזראדן

הוה כתב שמיה ושמיה דאבוה. כדי שיתכבד אביו בכך נקרא שם אביו עליו שנקרא מרודך בלאדן דאי לאו כתיב אלא מרודך בן בלאדן לא הוה מתקרי עליה שמיה דאבוה דהכי כתבי כלהו אינשי סב"ם להכי כתב מרודך בלאדן: בחדש החמישי (בשבעה) [בעשור] לחדש בא נבוזראדן רב טבחים עמד לפני מלך בבל בירושלים. אלמא נבוכדנאצר סליק לירושלים: ומי סליק. והכתיב ויעלו אותו ויעלו צדקיהו אל המלך רבלתה אלמא ברבלה הוה: זו אנטוכיא. ואנטוכיא קי"ל דלאו מא"י: דמות דיוקנו. של נ"נ: חקוקה לו על מרכבתו. של נבוזראדן ודומה לו כמי שעומד לפניו ולכך כתיב בא נבוכדנאצר והיינו כבוד: טעין תלת מאה כודניאתא. משאוי שלש מאות פרדות: נרגא דפרזלא. פטישי ברזל: דשליטא בפרזלא. כרזל

לן מאי. פאר וואס האט מען אים גירופען בלאדן בן בלאדן זאגט דיא גמרא עס איז גיוועזן א מלך בלאדן איז גיענדערט גיווארין זיין פנים אונ ער האט אויס גיזעהן ווי א הונט. איז דער זוהן גיזעסען אויף זיין קעניגרייך. אז דער זוהן פלעגט שרייבען. האט ער געשריבען זיין נאמען בראדך. צו זאגען מיט דעם פאטערס נאמען. בראדך בלאדן. וואס ער איז בן בלאדן: דער זוהן פון בלאדן. דאס איז וואס דער פסוק זאגט דער זוהן גיט כבוד צו זיין פאטער אונ דער קנעכט גיט כבוד צו זיין בעל הבית. דער זוהן גיט כבוד צוא זיין פאטער. אזוי ווי מיר האבען גזאגט. דאס איז בראדך בלאדן. אונ דער קנעכט גיט כבוד צו זיין בעל הבית אזוי ווי עס שטייט אין פסוק דעם פינפטען חודש דעם צעהנטען טאג אין חודש דאס איז דער ניינצעהנטער יאהר ווי נבוכדנצר איז גיווארין א מלך אין בבל. איז גיקומען נבוזראדן רב טבחים אונ האט זיך גישטעלט פאר דעם מלך פון בבל אין ירושלים אונ ער האט פאר ברענט דיא הויז פון גאט אונ דיא הויז פון מלך (ווערט אויס פון דאנען אז נבוכדנצר איז גיוועזן אין ירושלים) איז דען נבוכדנצר גיוועזן אין ירושלים. עס שטייט דאך אין פסוק מען האט גיברייננגט דעם מלך צדקיהו פאר דעם מלך פון בבל אין דעם ארט רבלה. האט רבי אבהו גזאגט אז רבלה איז אנטוכיא. (אונ אנטוכיא איז גאר ניט פון ארץ ישראל): זעהן מיר אז נבוכדנצר איז גיוועזן אין רבלה ניט אין ירושלים. רב חסדא אונ רב יצחק בר אבדימי קריגען אין דעם. איינער זאגט דיא צורה פון נבוכדנצר איז גיוועזן גימאלט אין דיא קארעטע פון נבוזראדן. אונ אז נבוזראדן איז גיקומען מיט זיין קארעטע אין ירושלים. איז ביי נבוזראדן גיוועזן גלייך ווי נבוכדנצר אליין וואלט גיקומען אין ירושלים אונ ער וואלט גישטאנען פאר נבוכדנצר (ווען מיר דעם כבוד וואס דער קנעכט נבוזראדן האט גיגעבין צוא זיין האר נבוכדנצר). אונ איינער זאגט אז נבוזראדן הט אזוי שטארק מורא גיהאט פאר נבוכדנצר. וואו נבוזראדן איז גישטאנען איז ביי אים גלייך גיוועזן ווי ער וואלט גישטאנען פר נבוכדנצר. רבא זאגט דריי הונדערט אייזלין וואס האבען אויף זיך גיטראגען אייזערנע העק וואס זענען גיוועזן אזוי שארף אז זייא האבען גיקענט צו האקן אייזן האט נבוכדנצר געשיקט צו נבוזראדן. אונ אויף איין טויער פון ירושלים זענען צו בראכען גיווארין דיא אלע העק. אזוי ווי עס שטייט אין פסוק ועתה פתוחיה יחד בכשיל וכילפות יהלומון. אונ איצט אויף איין טיר האט מען גיקלאפט מיט אלע העק אונ מיט אלע האמערס. אונ דיא טיר איז ניט צוא בראכען גיווארין. האט נבוזראדן גוואלט אוועק גיין פון ירושלים צוריק אהיים. נבוזראדן הט גזאגט

איך

לנבוזראדן וכולה בלעינהו חד דשא דירושלים שנאמר (תהלים עד) ועתה פתוחיה יחד בכשיל וכילפות יהלומון בעי למיהדר אמר מסתפינא דלא ליעבדו בי כי היכי דעבדו בסנחריב נפק קלא ואמ״ה שוור בר שיור שוור נבוזראדן דמטא זימנא דמקדש חריב והיכלא מיקלי פש ליה חד נרגא אתא מחייה בקופא ואיפתח שנאמר (שם) יודע כמביא למעלה בסבך עץ קרדומות הוה קטיל ואזיל עד דמטא היכלא אדליק ביה נורא גבה היכלא דרכו ביה מן שמיא שנאמר (איכה א) גת דרך ה׳ לבתולת בת יהודה הוה קא זיחא דעתיה נפקא בת קלא ואמ״ה ליה עמא קטילא קטלת היכלא קליא קלית קימחא טחינא טחינת שנאמר (ישעיה מז) קחי רחים וטחני קמח גלי צמתך חשפי שובל גלי שוק עברי נהרות חטים לא נא״ר אלא קמח חזי דמיה דזכריה וגו׳:

חזיז סקולן ברזל אחר: בלעתינהו. לא בליעה ממש אלא שברם שהיו פטישיהם מהפולין בכותש במכתש לשוברו: פתוחיה יחד משמע על פתח אחד כלמו כל הכשילין והכילפות יחד ולא הועיל כלום: שוור בר שוור. דלג בר דלג קום וכתב ירושלים [לנבוזראדן קאמר]: שוור נבוזראדן. דלג נבוזראדן ל״א שוור בר שוור מדלג בר מדלג קפצת פעם אחת עם סנחריב ועכשיו פעם שניה: בקופא. מגב הפטיש לא מחודו כמו קופא דמרא: יודע כמביא למעלה. הפיתוח היה יודע לפניך אותו סבך עץ קרדומות שהיכה בו את ירושלים כאילו הביאו למעלה לכסא הכבוד: גבה היכלא. ונקם לעלות לרקיע: דרכו ביה מן שמיא. והשפילוהו: אזח דעתיה מתגאה (בעצמו) על שהיה מצליח: עמא קטילא. ככבר נגזר עליהם על כך: וטחני קמח. ושהיי הסין לא נאמר אלא קמח שאינו צריך טחינה: צמתך מקום שהקלועים עומדין כגד כרלה: שובל. קלע הכלה דומין לשבלים: גלי שוק עברי נהרות. פורענות זה היה אומר הקב״ה לישראל לכו זם כי קמח כלומר טחונים אתם כבר לקמח ותהוה נכריה עדיין ותגלו קלועי ראשיכם ושוקיכם ותלכו בגלות:

גר תושב שלא הגל עליו שאר מצות וכבל עליו שלא

לז ת״ר נעמן גר תושב היה נבוזראדן גר צדק היה מבני

---

איך האב מורא דיא יודין װעלין מאכען מיט מיר אזוי װיא זיא האבען געמאכט מיט סנחריב: איז ארויס געגאנגען אקול פון הימעל אונ האט געזאגט צו נבוזראדן. דוא ביסט איין מאהל געשפרונגען מיט סנחריב חרוב מאכען ירושלים אונ איצט ביסטו געקומען צוא עפרינגען נאך אמאהל חרוב מאכען ירושלים. װארום איצט איז געקומען דיא צייט דער בית המקדש זאל חרוב װערין אונ דער היכל זאל פאר ברענט װערין. עס איז נאך געבליבען בייא נבוזראדן איין האק. האט נבוזראדן גענומען דיא האק אונ האט אקלאפ געטאהן מיט דיא גראבע זייט ניט מיט דעם שארפען אויף אטויער. האט זיך דער טויער געעפינט. אזוי װיא עס שטייט אין פסוק דוד המלך האט געבעטין פאר גאט יודע כמביא למעלה בסבך עץ קרדומות. עס זאל דיר װאוכט װערין פאר דיר די האק װאס מען האט מיט איר צו בראכען דעם אונטערשטען בית המקדש. גלייך װיא מען װאלט איר געבריינגט אין דער הייך אין הימעל אונ מען װאלט מיט איר צו בראכען דעם אובערשטען בית המקדש. האט נבוזראדן געהרגט פון דיא יודין ביז ער איז געקומען צום היכל. האט ער אין געצונדען פייער אין היכל: האט דער היכל זיך אויף געהויבען אונ האט געוואלט ארויף גיין אין הימעל. האט מען אטרעט געטאהן פון הימעל אויף דעם היכל אונ מען האט איהם צוריק אראפ געשטויסען אויף דער ערד. אזוי װיא עס שטייט אין פסוק גת דרך ה׳ לבתולת בת יהודה. גאט האט געטרעטין אויף דעם בית המקדש פון יהודה אזוי װיא מען טרעט װיינטרויבען אין אקעלטער. איז נבוזראדן ביי זיך גרויס געווארין פון דער הצלחה װאס ער האט געהאט איין צו נעמען דיא יודין מיט דעם בית המקדש. איז ארויס געגאנגען אקול פון הימעל. אונ האט געזאגט צו איהם אגעהרגעטע פאלק האסטו געהרגט. אפאר ברענטין בית המקדש האסטו פאר ברענט. געמאלענע מעהל האסטו געמאלין. אזוי װיא עס שטייט אין פסוק נעם מיהל שטיינער אונ מאל מעהל. דעק אפ דעם פארדעקונג פון דיין פנים. דעק אפ די טריט פון דיינע פיס צו גיין בארועס. אונ דעק אויף דיינע קליידער ביז איבער די קניא װייל דו װעסט דארפין אריבער גיין די טייכען װאס װעלין זיין אין װעג װען איר װעט גיין אין גלות. עס שטייט ניט ער זאל מאלין װייץ. נאר ער זאל מאהלין מעהל (אזוי זאגט דער נביא אויף די מענטשין פון בבל):

לז תנו רבנן. דיא רבנן האבען געלערנט נעמן איז געווען אגר תושב ער האט זיך נאר

מבני בניו של סיסרא למדו תורה בירושלים מבני בניו של סנחריב לימדו תורה ברבים ומאן נינהו שמעיה ואבטליון מבני בניו של המן למדו תורה בבני ברק (ומנו רב שמואל בר שילת) ואף מבני בניו של אותו רשע בקש הקב"ה להכניסן תחת כנפי השכינה אמרו מ"ה לפני הקב"ה רבש"ע מי שהחריב את ביתך ושרף את היכלך תכניסם תחת כנפי השכינה היינו דכתיב (ירמיה נא) רפאנו את בבל ולא נרפתה עולא אמר זה נ"נ ר' שמואל בר נחמני אמר אלו נהרות בבל ותרגומא צינייתא דבבל:

**לח אמר** עולא עמון ומואב שיבבי בישי דירושלים הוה כיון דשמעינו לנביאי דקא מתנבי לחורבנא דירושלים שלחו לנ"נ פוק ותא אמר מסתפינא דלא לעבדן לי כדעבדו בקמאי שלחו ליה (משלי ז) כי אין האיש בביתו ואין איש אלא הקב"ה שנא' (שמות טו) ה' איש מלחמה שלח להו בקריבא הוא ואתי שלחו ליה הלך בדרך מרחוק שלח להו אית בהו צדיקי דבעו רחמי ומייתי ליה שלהו ליה צרור

לעבוד ע"ז : של אותו רשע . נ"נ : רפאנו ולא נרפתה . שהיה הקב"ה מבקש לרפאותן להכניס מבני בניו תחת כנפי השכינה : אלו נהרות בבל . שהם רעים לשתות : צינייתא דבבל . [דקלים מרים הן שעומדים בנהרות ל"א] דקלים רעים של נהרות בבל שאין מוציאין פירות לפי שהמים רעים הן לגדל פירות (בגיטין) [בכתובה דף מו] אמרינן קוצא הוא דאמריתו הני צינייתא דבבל משעת ימי בראשית איתנהו ונכרא דהאת הנהו צינייתא מי מריה ניהו: שיבבי. שכנים : פוק ותא. צא ממקומך ובא אל א"י והשכנה: כי אין האיש . מקרא הוא במשלי : בקריבא הוא . בקרוב הוא ויבא בעם דהקם לפי דרכו של מקרא זה שהם בלא"ה לו שומעין אנו שהוא הפינס ככה : צרור הכסף לקח בידו :

---

נאר מגייר געווען ער זאל ניט דינען עבודה זרה . אבער צו אלע זאכען איז ער געוועזן אגוי און נבוזראדן איז געוועזן אגר צדק ער איז געווארן איוד וויא אלע יודין . דיא אייניקלאך פון סיסרא האבען געלערנט תורה אין ירושלים . די אייניקלאך פון סנחריב האבען געלערנט תורה מיט פיל תלמידים . דאס זענען געוועזן שמעיה און אבטליון . דיא אייניקלאך פון המן האבען געלערנט תורה ביי די בני ברק . און די אייניקלאך פון דעם רשע נבוכדנצר האט אויך גאט געוואלט אריין נעמען אונטער זיינע פליגעל . זייא זאלין זיך מגייר זיין און זאלין לערנען תורה . האבען דיא מלאכים געזאגט פאר גאט . רבונו של עולם דער וואס האט חרוב געמאכט דיין הויז און האט פאר ברענט דיין היכל זאלסטו זיינע קינדער אריין ברייגגען אונטער דיינע פליגעל : דאס איז וואס עס שטייט אין פסוק רפאנו את בבל . מיר האבען געמיינט אז גאט וועט היילין בבל . עולא זאגט דם מיינט מען נבוכדנצר מיר האבען געמיינט אז גאט וועט אריין נעמען פון נבוכדנצרס קינדער אונטער זיינע פליגעל . בבל איז אבער ניט געהיילט געווארן . דיא מלאכים האבען ניט געלאזין גאט זאל זיי אריין נעמען אונטער זיינע פליגעל . רבי שמואל בר נחמני זאגט דאס מיינט מען די טייכן פון בבל זענען ניט געהיילט געווארן דיא וואסער אין געוועזן שלעכטע צום טרינקען און זענען געבליבען שלעכטע . דאס מיינט מען דיא שלעכטע טייטל ביימער פון בבל וואס וואקסען נעבין וואסער . זייא מאכען קאלייע דאס וואסער :

**לח** אמר . עולא האט געזאגט עמון און מואב זענען געוועזן שלעכטע שכנים פון ירושלים . אז זייא האבען געהערט די נביאים זאגען נביאות אז ירושלים וועט חרוב ווערין . האבען זיי געשיקט צו נבוכדנצר גיי אר ויס פון בבל און קום איין נעמען ירושלים . האט נבוכדנצר געזאגט איך האב מורא פאר זייער גאט ער זאל ניט טאהן מיט מיר אזוי וויא ער האט געטאהן מיט די פריערדיגע מלכים וואס זענען געקומען חרוב מאכען ירושלים . האבען זייא געשיקט צוא נבוכדנצר כי אין האיש בביתו . איש מיינט מען גאט . אזוי וויא עס שטייט אין פסוק ה' איש מלחמה . גאט איז נישטא אין בית המקדש . האט נבוכדנצר צו זייא געשיקט גאט איז נאנט פון זייא . אז איך וועל וועלין חרוב מאכען ירושלים וועט ער באלד קומען . האבען זייא געשיקט צוא נבוכדנצר . גאט איז פון דיא יודין ווייט אוועק געגאנגען . האט נבוכדנצר צוא זייא געשיקט עס איז דא צדיקים צווישען דיא יודין זייא וועלין תפלה טאהן וועלין זייא צוריק ברייגגען גאט . האבען זייא געשיקט צו נבוכדנצר דעם צרור הכסף האט גאט מיט גינומען הכסף מיינט

(משלי ז) צרור הכסף לקח בידו ואין כסף אלא צדיקים שנאמר (הושע ג) ואכרה לי בחמשה עשר כסף וחומר שעורים ולתך שעורים שלח להו הדרי רשיעי בתשובה ובעו רחמי ומייתו לי' שלחו ליה כבר קבע להן זמן שנאמר (משלי ז) ליום הכסא יבא ביתו אין כסא אלא זמן שנא' (תהלים פא) בכסה ליום חגנו שלח להו סיתוא הוא ולא מצינא דאתי מתלגא וממטרא שלחו ליה הא אשינא דטורא שנא' (ישעיה טז) שלחו כר מושל ארץ מסלע מדברה אל הר בת ציון שלח להו אי אתינא לית לי דוכתא דיתיבנא ביה שלחו ליה קברות שלהם מעולין מפלטירין שלך דכתיב (ירמיה ח) בעת ההיא נאם ה' יוציאו את עצמות מלכי יהודה וגו' ושטחום לשמש ולירח ולכל צבא השמים אשר אהבום

צדיקים שבהם מתו: ואכרה לי בחמשה עשר כסף. שקניתי אותם ממצרים בט"ו בניסן: כסף וחומר שעורים ולתך בעורים. בזכות לדיקים שנקראים כסף הומר שלשים סאים ולתך ט"ו כאן אלו מ"ה צדיקים שבעולם מתקיים עליהם כחולין בפ' גיד הנשה פעמים שלשים כאן וט"ו כא"י ופעמים שט"ו כאן ושלשים כא"י וכמס' חולין היכא דקא מפרש כאי קרא בצדיקייא (איירי) [אמרי] אין כסף אלא צדיקים וכן הוא אומר צרור הכסף לקח בידו: כבר קבע להם זמן. שלא יבא עד ע' שנה בתשלום גלות בבל: מתלגא ומטרא. מהמת שלגים ומטרות: הא אשינא דטו א. כא דרך תחתית ההרים וההרים יגינו עליך מן השלגים ומן המטרות: שלחו כר מושל ארץ. שלחו כליה אל נבוכדנצר שהיה מושל [ארץ] ביבא אל הר בת ציון דרך הסלעים וההרים: לית לי דוכתא. לא יהיה לי מקום שבינותיו של ירושלים לישב בו אני וחיילי במקום מכובד מפני הגשמים: קבריהם. של ישראל ומערות שלהם סביב לירושלים וכבן אתה וחיילך יכולין לישב: יוציאו את עצמות מלכי יהודה. שעתידין להשליך מהן עצמות שבקברי;

---

מיינט מען צדיקים. אזוי וויא עם שטייט אין פסוק ואכרה לי בחמשה עשר. איך האב גיקויפט דיא יודין צוא מיר ואיך האב זייא אוים גילייזט פון מצרים דעם פופצעהנטען טאג אין ניסן. אין דעם זכות פון דיא צדיקים וואס זייא ווערין גירופען כסף וכסף איז טייטש גלוסטין. גאט גלוסט צוא דיא צדיקים. אונ דיא צדיקים גלוסטין צוא גאט וחומר שעורים. מיינט מען דרייסיג צדיקים. ולתך שעורים מיינט מען פופצעהן צדיקים. דאס זענען פינף אונ פערציג צדיקים וואס דיא וועלט שטייט דורך זייער זכות. דא צדיקים האט שוין גאט גינומען צו זיך. זייא זענען שוין גישטארבען. האט נבוכדנצר צוא זייא געשיקט דיא רשעים וועלין תשובה טאהן אונ זייא וועלין בעטין וועלין זייא צוריק ברייגגען גאט. האבען זייא געשיקט צוא נבוכדנצר גאט האט אוים גיזעצט א צייט ער זאל ניט קומען ביז זיבעציג יאהר. אזוי וויא עם שטייט אין פסוק ליום הכסא יבא ביתו וכסא איז דער טייטש א צייט. אזוי וויא עם שטייט אין פסוק בכסה ליום חגנו. דעם אוים גיזעצטין טאג צו אונזער יום טוב צוא דער אוים גיזעצטער צייט וועט גאט צוריק קימען אין זיין הויז. אבער ניט פריער. האט נבוכדנצר צוא זייא געשיקט עם איז ווינטער איך קען ניט קומען דורך דעם שנייא אונ רעגין. האבען זייא געשיקט צוא נבוכדנצר גייא אונטער דיא בערג. וועלין דיא בערג אויף דיר פאר שטעלין. עם זאל ניט גיין אויף דיר קיין רעגין אונ קיין שנייא. אזוי וויא עם שטייט אין פסוק שלחו כר עמון אונ מואב האבען געשיקט אשירות. מושל ארץ. צוא נבוכדנצר וואס ער גיוועלטיגט אויף דעם לאנד בבל. מסלע מדברה אל הר בת ציון. ער זאל קומען אין ציון דורך דיא שטיינער וואס זענען אין דער מדבר. האט נבוכדנצר געשיקט צו זייא אז איך וועל קומען וועל איך ניט האבען קיין בדעקטין ארט ארום ירושלים וואו איך זאל זיצען מיט מיין חיל. עס זאל אויף אונז ניט קומען דער רעגין אונ דער שנייא. האבין זייא געשיקט צו נבוכדנצר זייערע קעלערס ווא זייערע מתים זענין בגראבין זענען בעסער וויא דיינע פאלאצין. דארט אין דיא קעלערס וועסטו קענען זיצען מיט דיין חיל דעם ווינטער. אזוי וויא עם שטייט אין פסוק גאט האט גזאגט אין דער צייט וועט מען ארוים נעמען די ביינער פון דיא מלכים פון יהודה אונ מען וועט זייא פאר שפרייטין גענין דיא זוהן אונ גענין דיא לבנה אונ גענין אלע שטערין פון הימעל וואס דיא יודין האבען זייא ליב גיהאט צו דינען אונ וואס דיא יודין זענען גיגאנגען נאך זייא ווארום נבוכדנצר וועט ארוים נעמען אלע מתים פון דיא קעלערס ער זאל האבין אארט אין דיא קעלערס ווא צו וואוגען מיט זיין חיל אום ווינטערו. רב נחמן האט גזאגט צו רב יצחק טאמער ווייסטו ווען בר נפלי וועט קומען. האט רב יצחק גזאגט ווער איז דאס דער בר נפלי. האט רב נחמן גזאגט דאס איז משיח. האט רב יצחק גזאגט צו

אהבום וגו' ואשר הלכו אחריהם. א"ל רב נחמן לרב [יצחק] מי שמיע לך אימת אתי בר נפלי א"ל מאן בר נפלי א"ל משיח ומשיח בר נפלי קרית ליה א"ל אין דכתיב (עמוס ט) ביום ההוא אקים (דף לז) את סכת דוד הנופלת:

לט א"ל הכי א"ר יוחנן דור שבן דוד בא בו ת"ח מתמעטין והשאר עיניהם כלות ביגון ואנחה וצרות רבות וגזרות קשות מתחדשות עד שהראשונה פקודה שניה ממהרת לבא. ת"ר שבוע שבן דוד בא בו שנה ראשונה מתקיים מקרא זה (עמוס ד) והמטרתי על עיר אחת ועל עיר אחת לא אמטיר שניה חצי רעב משתלחין שלישית רעב גדול ומתים אנשים ונשים וטף חסידים ואנשי מעשה ותורה משתכחת מלומדיה ברביעית שובע ואינו שובע בחמישית שובע גדול ואוכלין ושותין ושמחין ותורה חוזרת על לומדיה בששית קולות ובשביעית מלחמות במוצאי שביעית בן דוד בא אמר רב יוסף הא כמה שביעיות דהוה כן ולא אתא אמר אביי בששית קולות בשביעית מלחמות מי הוה ועוד כסדרן מי הוה. (תהלים פט) אשר חרפו אויביך ה' אשר חרפו עקבות משיחך

שנאמר בעת ההיא וגו': [אימת אתי בר נפלי]: אליבא דאמרינן לרוב הכסף לקח בידו שנתמעטו הצדיקים קא מיירי נמי במשיח וקאמר תלמידים מתמעטין ואליבא דאמרינן דוהבי האמת נעדרת אייתו הא דהואה אתרא דשמיה קושטא: את סכת דוד הנופלה. מלכות דוד שנפלה להכי קרי משיח בר נפלי:

עד שהראשונה פקודה. עד שלא כלתה צרה ראשונה שניה ממהרת לבא. פקודה כמו לא נפקד: שבוע. שמטה: והמטרתי על עיר אחת. שיהא מטר מטר ויהא רעב במקום זה ושובע במקום זה: חצי רעב. רעב מטר שלא יהיה שובע בשום מקום: משתכחת מלומדיה. מתוך שאין להם מה לאכול: בששית קולות. יאמרו קולות שבן דוד בא. א"נ קולות מתקיעות שופר שנאמר יתקע בשופר גדול: מלחמות. בין עכו"ם לישראל: דהוה הכי. שנה אחת רעב שנה אחת שובע ואף ע"פ כן לא בא בן דוד: בששית קולות מי הוה. כלום יאמרו קולות שבן דוד בא: ועוד כסדר מי הוה. כלומר אלו הצרות דקתני הכא כסדרן לא אתרמו בשבוע אחד אבל כי אתרמי אתי משיח: אשר חרפו ה' אשר חרפו

---

רב נחמן משיח רופט בר נפלי [דער געפאלענער]. האט רב נחמן גיזאגט יא משיח הייסט דער געפאלענער. אזוי וויא עס שטייט אין פסוק אין דעם טאג וועל איך אויף שטעלין דיא סוכה פון דוד [דאס איז דער בית המקדש] וואס איז געפאלען. אונ וויל דער בית המקדש וועט זיין געפאלען ביז משיח וועט קומען. דריבער רופט ער משיחן אויך דער געפאלענער:

לט אמר. האט רב יצחק גזאגט צו רב נחמן אזוי האט געזאגט רבי יוחנן דער דור וואס משיח וועט צו אים קומען. וועלין זיין ווייניג תלמידי חכמים. אונ דיא איבעריגע מענטשין וועלין זייערע אויגען פאר ענדט ווערין פון טרויער אונ פון זיפצונג אונ פיל צרות אונ שלעכטע גזרות וועלין קומען אלע טאג נייע. איידער דיא ערשטע צרה וועט אוועק גיין וועט שוין אן קומען דיא אנדערע צרה. די רבנן האבען געלערנט זיבען יאהר פריער איידער משיח אליין וועט קומען וועט אזוי זיין. דעם ערשטין יאהר וועט מקוים ווערין דער פסוק אויף איין שטאט וועל איך מאכען רעגענען. אונ אויף איין שטאט וועל איך ניט מאכען רעגענען. דעם אנדערין יאהר וועט זיין הונגער. דעם דריטען יאהר וועט זיין א גרויסער הונגער. אונ עס וועלין שטארבען מאנען אונ ווייבער אונ קליינע קינדער אונ חסידים אונ פרומע מענטשין אונ די תורה וועט פארגעסין ווערין פון דיא לומדים ווייל עס וועט זיין א גרויסער הונגער אונ יעדער וועט גיין זוכין א שטיקעל ברויט. וועט מען ניט לערנען תורה. דעם פערטין יאהר וועט שוין בעסער זיין מען וועט זיין זאט אונ ניט זאט. דעם פינפטען יאהר וועט זיין א גרויסע זאט מען וועט עסין אונ טרינקען אונ מען וועט זיך פרייען. אונ דיא לומדים וועלין ווייטער לערנען תורה. דעם זעקסטין יאהר וועט מען הערין קולות פון שופר בלאזין. דיים זיבעטין יאהר וועלין דיא יודין מלחמה האלטען מיט די גוים. אין סוף זיבעטין יאהר וועט קומען משיח. רב יוסף זאגט עס איז שוין פיל מאהל גיוועזען אזעלכע זיבען יאהר אונ משיח איז ניט גיקומען. האט אביי גזאגט צו רב יוסף איז דען גיוועזען דעם זעקסטין יאהר קולות פון שופר בלאזין. אונ איז דען גיוועזען דעם זיבעטין יאהר מלחמות יודין מיט גוים. אונ זענען דען גיוועזען דיא אלע צרות כסדר אזוי וויא ווי דא שפייען דא גירעכנט. נאר אז מען וועט זעהן זיבע יאהר וועט זיין כסדר אזוי ווי דא שטייט זאל

משיחך) תניא רבי יהודה אומר דור שבן דוד בא בו בית הועד יהיה לזנות והגליל יחרב והגבלן (ישתומם) [יאשם] ואנשי (גליל) [גבול] יסובבו מעיר לעיר ולא יחוננו והכמת הסופרים תסרח ויראי חטא ימאסו ופני הדור כפני הכלב והאמת נעדרת שנא' (ישעיה נט) ותהי האמת נעדרת (וסר מרע משתולל) מאי ותהי האמת נעדרת אמרי דבי רב מלמד שנעשית עדרים עדרים והולכת לה מאי (שם) וסר מרע משתולל אמרי דבי רבי שילא כל מי שסר מרע משתולל על הבריות:

מ אמר רבא מריש הוה אמינא ליכא קושטא בעלמא אמר לי ההוא מרבנן ורב טבות שמו ואמרי לה רב טביומי שמיה דאי הוו יהבי ליה כל חללי דעלמא לא הוה משני בדיבוריה זימנא חדא איקלע להחוא אתרא וקושטא שמיה ולא הוו משנו בדיבורייהו ולא הוו מיית איניש מהתם בלא זימניה נסיבי אתתא מנהון והוו לי תרתין בנין מינה יומא חד הוה יתבה דביתהו וקא חייפא רישא אתאי שיבבתא טרפא אדשא סבר לאו אורח ארעא אמר לה ליתא הכא שכיבי ליה

עקביה מפיהן. לא להספרם כאי קרא למאי איכתיב ככא דהא לא קא דריש ביה מידי וגראה למורי שכך כתוב בספרים הללו כמו שבגמ' בפרק ההרון דכוסה בעקבות המשיח הוצפא יסגי וכהנו פירוש זה על בעקבות שהוא לבון כיף כמו האר תרכו עקבות משיחך: בית הועד. מקום שת"ח מתוועדין שם ללמוד תורה: והגבלן. מקום שבמו יך יבהומס: ואנשי הגבול דכפי גבול א"י נ"א אנשי גזית כסדרין: כפני הכלב. דדמיין ממש לכלב. מ"ר. לבון אחר כפני הכלב שלא יתביישו זה מזה: משתולל על הבריות. כל העולם אומרים עליו שוטה הוא והיינו משתולל לשון שטות כמו מוליך יועצים שולל:

ליכא קושטא בעלמא. אין אדם בעולם שידבר אמת תמיד: אמר לי ההוא מדרבנן דאי יהבי ליה כל חללי דעלמא לא משני בדיבוריה. לשקרא ולשתעי לי זימנא חדא איקלעי להחוא אתרא וקושטא שמיה: טרפא אדשא. שכיבה בוהלה הוהב:

---

מען ווייסען אז אין סוף זיבעטין יאהר וועט קומען משיח:

מיר האבין געלערונט רבי יהודה זאגט דער דור וואס משיח וועט צו אים קומען וועט אזו זיין. דיא הויז וואס חכמים פלעגין זיך דארט פאר זאמלען וועט מען דארט מזנה זיין מיט זונות. אונ דיא גרויסע שטעט וועלין וויסט ווערין. אונ דער וואס פלעגט מאכען דיא גרענעצין וצו דער תייטערין מענטשין פון אעבירהו וועט ער אליין זיין פאר שולדיגט אין עבירות. אונ דיא מענטשין וואס וואוהנען ביי די גרענעצין פון ארץ ישראל וועלין ארום גיין פון שטאט צו שטאט אונ מען וועט אויף זייא ניט רחמנות האבין. אונ דיא חכמה פון דיא מענטשין וואס לערנען תורה. וועט זיין פאר מיאוסט. אונ דיא מענטשין וואס האבין מורא צו טאהן אעבירה. וועלין זיין פאר מיאוסט. דער פנים פון דיא גרויסע לייט פון דעם דור. וועט זיין גירעכונט בייא דיא פראסטע מענטשין אזוי וויא דער פנים פון אהונט. אונ דער אמת וועט פעלין. אזוי וויא עס שטייט אין פסוק ותהי האמת נעדרת. וואס איז דער טייטש נעדרת דבי רב האבין גזאגט דער פסוק לערונט אונז אז דער אמת וועט אוועק גיין פון דער וועלט סטאדעס וייז ונעדרת איז לשון עדר: אסטאדעס. דיא אמתה מענטשין וואס וועלין ניט קענען ליידין דיא פאלשקייט. וועלין סטאדעס וויים אוועק גיין פון דיא שטעט צוא וואוהנען אפילו אין דער מדבר. וואס מיינט דער פסוק וסר מרע משתולל. דבי רבי שילא זאגין דער וואס וועט אפ קערין פון שלעכטס וועט ער אויס זעהן ביי די מענטשין ווי אמשוגענער:

מ אמר. רבא האט גיזאגט אמאהל פלעג איך זאגין עס איז ניטא איין מענטש אויף דער וועלט וואס זאל זאגין נאר אמת. האט צו מיר גיזאגט אלמדן זיין נאמען איז רב טבות. אנדערע זאגין זיין נאמען איז רב טביומי אפילו מען זאל איהם געבין דאס גאנצע גאלד אונ זילבער פון דער וועלט. וועט ער ניט ענדערין זיינע רייד צו זאגין אליגען. אונ ער האט מיר דער ציילט אמאהל בין איך גיקומען צו אארט וואס הייסט קושטא ואמת. אונ דיא מענטשין פון דער שטאט פלעגין ניט ענדערין זייערע רייד צו זאגין אליגען. אונ אין דער שטאט פלעגט ניט שטארבין אמענטש פר זיין צייט. יעדער האט גילעבט ביז אין אלטע יאהרין. האב איך גינומען אווייב פון זייא. אונ איך האב גיהאט מיט איהר צוויא קינדער. אמאהל איז גיזעסין מיין ווייב אונ האט גיקעמט דעם קאפ. איז גיקומען אשכנה אונ האט גיקלאפט אין טיר. מען זאל

ליה תרתין בנין אתו אינשי דאתרא לקמיה א"ל מאי האי אמר להו הכי הוה מעשה אמרו ליה במטותא מינך פוק מאתרין ולא תיגרי בהו ם תנא בהנך אינשי תניא רבי נהוראי אומר דיר שבן דוד בא בו נערים ילבינו פני זקנים וזקנים יעמדו לפני נערים ובת קמה באמה וכלה בחמותה ופני הדור כפני הכלב ואין הבן מתבייש מאביו . תניא רבי נחמיה אומר דור שבן דוד בא בו העזות תרבה והיוקר יעות והגפן יתן פריו והיין ביוקר ונהפכה כל המלכות למינות ואין תוכחה . מסייע ליה לר' יצחק דאר"י אין בן דוד בא עד שתתהפך כל המלכות למינות אמר רבא מאי קרא (ויקרא יג) כלו הפך לבן טהור הוא . ת"ר (דברים לב) כי ידין ה' עמו כי יראה כי אזלת יד ואפס עצור ועזוב אין בן דוד

נקו אורח ארעא . לומר היכן היא כותי' ותייפה ליה : ה"ג נערים ילבינו פני זקנים . כלומר יחרפו ויביישו אותם : וזקנים יעמדו בפני הנערים . לכבדם והיינו דאמרינן בעקבות דמשיחא חוצפא יסגי : בת קמה באמה . לחרפה ולביישה : היוקר יעות . מכובד שבהם יהא עותן ורמאי וכו'. נ"א היוקר יעות שלא יכבדו זה את זה . יקר כבוד : והגפן יתן פריו . ואעפ"כ יהיה היין ביוקר שלא יהיה בפרי עצמו ברכה . נ"א שיהיו כולן רודפין אחר היין ומשתכרים והיוקר אע"פ שהוא יין בעולם : כלו הפך לבן טהור הוא . כשתפשט הנגע בכל העור כך כשתהפך כל המלכות למינות תבא גאולה : כי ידין ה' עמו . להביא להם גאולה : כי יראה כי אזלת יד . שתלך ותחזק ידן של מסורות

---

זאל איהר עפ.נען ; זיא דארף צו מיין ווייב . האב איך גיטראכט עס איז ניט שיין אפרעמדער מענטש זאל אריין קומען אין שטוב ווען מיין ווייב קעמט דיא האר . האב איך גיזאגט צו דעם וואס האט גיקלאפט מיין ווייב איז ניטא . וויל איך האב גיזאגט אליגען דריבער זענען ביידע קינדער גישטארבין . זענען די מענטשין פון שטאט גיקומען צו מיר אונ האבין גיפרעגט וואס איז גיוועזן אונזער עבירה וואס דיא קינדער זענען גישטארבין . האב איך זיי דער ציילט ווא דא איז גיוועזן . האבין זיי גיזאגט צו מיר מיר בעטין דיך גייא ארויס פון אונזער שטאט ; אונ דוא זאלסט ניט אן רייצין דעם טויט אויף דיא מענטשין פון אונזער שטאט . וואר׳ום וויל דוא ביזט ניט אפ געהיט פון צו זאגין אליגען . זעלין פון דיר זיך אפ לערנען נאך מענטשין צו זאגין ליגען . אונ זייא וועלין אויך שטארבין פאר דער צייט :

מיר האבין גילערנט רבי נהוראי זאגט דער דור וואס משיח וועט צו איהם קומען . דיא יונגע מענטשין וועלין פארשעמען די אלטע . אונ די אלטע מענטשין וועלין זיך אויף שטעלין פאר דיא יונגע צו געבין זיי כבוד . אטאכטער וועט אויף שטיין געגין איהר מוטער צו פאר שעמען זיא . אונ אשנור וועט אויף שטיין געגין איהר שווינער צו פאר שעמען זיא . דר פנים פון דיא גרויסע לייט פון דעם דור . וועט זיין גירעכנט ביי דיא פראסטע מענטשין אזוי ווי דער פנים פון ארונט . אונ אזוהן וועט זיך ניט שעמען פאר זיין פאטער :

מיר האבין גילערנט רבי נחמיה זאגט דער דור וואס משיח וועט צו איהם קומען וועט זיין זייער פיל העזה בייא דיא מענטשין . אונ דער גרויסער מאן וואס אלע געבין איהם כבוד . וועט ער אויך פאר קרימען אונ וועט טאהן פאלשקייט . דער ווינשטאק וועט געבין זיין פרוכט ווינע טרויבין אזוי וויא אלע יאהר . פון דעסטוועגין וויין וועט זיין טייער . וויל אלע וועלין טרינקען וויין ביז צום שיכור זיין . אונ אלע וועלין ווערין אפיקורסים אונ איינער וועט ניט שטראפין דעם אנדערין . דאס איז אזוי וויא רבי יצחק האט גיזאגט אז משיח וועט אנדערש ניט קומען ביז אלע וועלין ווערין אפקורסים . רבא זאגט דאס ווייסין מיר פון דעם פסוק בייא נגעים שטייט אז אין דיא הויט פון אמענטשין איז גיווארין צווייסער פלעק איז ער טמא . אונ אז דיא גאנצע הויט איז גיווארין ווייס . איז ער טהור . אז אלע וועלין ווערין אפקורסים וועט קומען משיח :

דיא רבנן האבין גילערנט עס שטייט אין פסוק כי ידין ה' עמו . גאט וועט משפטין זיין פאלק . ער זאל ברייגען צו זייא משיח . ווארום ער וועט זעהן עס גייט אויס דער כח פון יודין . אונ עס איז נישטא ווער עס זאל זייא אויף האלטין אונ העלפין . ווארום משיח וועט אנדערש ניט קומען ביז עס וועלין זיין פיל מוסרים וואס וועלין מסרן אונ ריידין שלעכטס פאר דעם מלך

אויף

ומלאתך כמלבימתן: ויתמעטו התלמידים. שמחזיקין ידי ישראל להחזיק למוטב: שתכלה פרוטה מן הכיס. והיינו אזלת יד שיהיו בידים ריקניות: כביכול. כא לו יכולין לומר דבר זה כלפי מעלה: אין עוזר ואין סומך לישראל. שיהיו שפלים למאוד ואין עוזר וסומך [שיהיו מתיאשין מן הגאולה]: דמעסקי ביה. לידע מתי יבא: ועקרב. נושך לאדם פתאום:

חד חרוב. שאלף אחד יהיה חרוב חוץ מו' אלפים [אלו] דהיינו אלף שביעי: תרי. אלפים הוא חרב אלף ז' ואלף ח' יומו של הקב"ה אלף שנה שנה' כי אלף שנים בעיניך כיום אתמול: משמט ועשה חרב. שכולו שבת: שהעולם משמט: הוי

דוד בא עד שירבו המסורות ד"א עד שיתמעטו התלמידים ד"א עד שתכלה פרוטה כן הכיס ד"א עד שיתיאשו מן הגאולה שנא' ואפס עצור ועזוב כביכול אין סומך ואין עוזר לישראל כי הא דר' זירא כי הות משכח רבנן דמעסקי ביה אמר להו במטותא מינייכו לא תרחקוה דתנינא ג' באין בהיסח הדעת אלו הן משיח מציאה ועקרב:

**מא אמר** רב קטינא שית אלפי שני הוי עלמא וחד חרוב שנא' (ישעיה ב) ונשגב ה' לבדו ביום ההוא אביי אמר תרי חרוב שנאמר (הושע ו) יחיינו מיומים ביום השלישי יקימנו ונחיה לפניו תניא כותיה דרב קטינא כשם שהשביעית משמטת שנה אחת לז' שנים כך העולם משמט אלף שנים לז' אלפים שנה שנא' ונשגב ה' לבדו ביום ההוא ואומר (תהלים צב) מזמור שיר ליום השבת יום שכלו שבת ואומר

כי

---

אויף יודין. אנדערע זאגין משיח וועט אנדערש ניט קומען ביז עס וועט זיין ווייניג תלמידי חכמים: אנדערע זאגין משיח וועט אנדערש ניט קומען ביז יודין וועלין ארעם ווערין אז זייא וועלין ניט האבין אגראשין אין בייטול. אנדערע זאגין משיח וועט אנדערש ניט קומען סיידין יודין וועלין שוין רעכענען זייא וועלין קיין מאהל ניט אויסגילייזט ווערין. אזוי וויא עס שטייט אין פסוק ואפס עצור ועזוב. אויב יודין וועלין זאגין עס איז ניטא ווער עס זאל אויף האלטין אונ ווער עס זאל זייא העלפין. זייא וועלין זיין אזוי נידעריג ביא זיך אז זייא וועלין רעכענען זייא קענען שוין נאר ניט גיהאלפין ווערין. ביא דער צייט וועט קומען משיח: אז רבי זירא פלעגט טרעפין רבנן וואס שמועסין ארום משיח ווען ער וועט קומען. פלעגט ער צו זייא זאגין איך בעט פון אייך. איהר זאלט ניט אפ לייגין זיין קומען אויף אווייטע צייט. ווארום מיר האבין גילערענט דריי זאכין קומען צו אמענטשין ווען ער האט ניט גיהאט אין זינען דיא זאך זאל קומען. דאס זענען די דריי זאכין. משיח. אונ מען זאל עפעס אזאך געפינען. אונ אעגדיס זאל בייסין אמענטשין ומשיח וועט קומען פלוצלונג. אז מען וועט זיך שוין גאר ניט ריכטען אויף איהם וועט ער קומען. ווייס מען דאך ניט צו זאגין ווען ער וועט קומען. נאנט צו וייט. אונ דאס אנדערע איז אז איינער וועט זוכען אין די גאסין צו געפינען אזאך. וועט ער ניט געפינען. נאר אמאהל געפינט מען אפילו מען זוכט ניט. אונ אעגדיס אז ער קריכט צום בייסין אמענטשין. קריכט ער גאנץ שטיל. אונ פלוצלונג גיט ער אביס:

**מא** אמר: רב קטינא האט גיזאגט זעקס טויזענד יאהר וועט זיין דיא וועלט. אונ דעם זיבעטין טויזענד וועט דיא וועלט ווערין וויסט. אזוי וויא עס שטייט אין פסוק גאט וועט גיגרייסט ווערין אליין אין דעם טאג ווען עס וועט זיין אטאג וואס נאר גאט אליין וועט זיין אויף דער וועלט. אונ אטאג פון גאט איז טויזענד יאהר: אביי זאגט צוויא טויזענד יאהר וועט זיין דיא וועלט וויסט: אזוי וויא עס שטייט אין פסוק ער וועט אונז לאזין לעבין פון צוויא טעג אונ צוויא טעג פון גאט איז צוויא טויזענד יאהר) אויף דעם דריטען טאג וועט ער אונז אויף שטעלין אונ מיר וועלין לעבין פאר איהם. זאגט דיא גמרא מיר האבין גילערנט אזוי וויא רב קטינא האט גיזאגט אזוי וויא שמטה זעקס יאהר זייעט מען דיא פעלדער: אונ דער זיבעטער יאהר זענען אלע פעלדער אונ גערטנער וויסט. אזוי וועט זיין דיא וועלט אויך. זעקס טויזענד יאהר וועט זיא שטיין. אונ דעם זיבעטין טויזענד וועט זיא זיין וויסט. אזוי וויא עס שטייט אין פסוק גאט וועט גיגרייסט ווערין אליין אין דעם טאג. נאך אפסוק שטייט מזמור שיר ליום השבת. אגיזאנג צו דעם טאג וואס ער איז אין גאנצין שבת וא זי וויא שבת איז

אין

(שם ל) כי אלף שנים בעיניך כיום אתמול תנא רבי אליהו ששת אלפים שנה הוי עלמא ב' אלפים תהו ב' אלפים תורה ב' אלפים ימות המשיח (ע"ב) ובעונותינו שרבו יצאו מהם מה שיצאו א"ל אליהו לרב יהודה אחוה דרב סלא חסידא אין העולם פחות מפ"ה יובלות וביובל האחרון בן דוד בא א"ל בתחלתו או בסופו א"ל איני יודע כלה או אינו כלה א"ל איני יודע רב אשי אמר הכי א"ל עד הכא לא תסתכי ליה מכאן ואילך איסתכי ליה שלח רב חנן בר תחליפא לרב יוסף מצאתי אדם אחד ובידו מגלה אחת כתובה אשורית ובלה"ק אמרתי לו זו מנין לך א"ל לחילות של (רומי) [פרס] נשכרתי ובין גנזי (רומי) [פרס] מצאתיה וכתוב בה לאחר ארבעת אלפי' ומאתים וצ"א שנה לאחר

עגלא. העולם כך מתקיים: ב' אלפים תהו תהו. שלא ניתנה עדיין תורה והיה העולם כתוהו ומאדם הראשון ועד שהיו לו לאברהם חמשים ושתים שנה היכא אלפים שנה כדמוכחי קראי וכשנשלמו אלפים שנה עסק אברהם בתורה שנא' ואת הנפש אשר עשו בחרן ומתרגמינן שעבידו לאורייתא בחרן ואמרינן בע"ז גמירי דההיא שעתא הוה אברהם בר חמשין ותרתין שנין: וב' אלפים תורה. מן הנפש אשר עשו בחרן עד אלפים ימות המשיח ארבעים ושמונה שנה עד שנולד יצחק וששים שנה משנולד יצחק עד שנולד יעקב הרי ק"ח וק"ל שהיו לו ליעקב כשבא למצרים הרי רל"ח ור"י שעמדו במצרים הרי תמ"ח ומשיצאו ממצרים עד שנבנה בית ראשון ת"פ דכתיב ויהי בשמונים שנה וארבע מאות שנה לצאת בני ישראל מארץ מצרים ויבן הבית לה' הרי תתקכ"ח ות"י שעמד בית ראשון כדמוכחי קראי ע"פ חשבון שנות המלכים ושבעים דגלות בבל וא"כ שעמד בית שני הרי תת"ק ותתקכ"ח הן אלפים פחות קע"ב וקע"ב קודם השלמת ארבע אלפים נחרב הבית ולסוף אותן קע"ב שלמו ב' אלפים תורה אידי דאמר שני אלפים תוהו קאמר שני אלפים תורה אלא שתכלה תורה אחר ב' אלפים: ושני אלפים ימות המשיח. שלאחר שני אלפים של תורה היה דין שיבא משיח ויבטל שעבוד מישראל: אבל בשביל עונותינו שרבו. לא בא משיח לסוף ארבעה אלפים ויצאו מהן מה שיצאו שעדיין הוא מעוכב לבא: פ"ה יובלים. היינו ד' אלפים ומאתים והמשים שנה: בתחלתו. של יובל האחרון הוא בא או בסופו: כלה. זמן הזה קודם שיבא משיח או אינו כלה דבתוך היובל בסופו הוא בא: עד הכא לא הסתכי ליה. עד יובל האחרון אל תצפה לו (שיבא קודם) דודאי לא יבא קודם זמן זה: אסתכי ליה. חכה לו שיבא: אשורית. כתב שלנו שבא מאשור כדאמרן באידך פרקין. לחיילות של (רומי) פרס

---

איין טאג אליין גישטערט : אזוי וועט זיין די גאנצע וועלט גישטערט איין טאג]. אונ דער טאג פון גאט איז טויזענד יאהר. אזוי וויא עס שטייט אין פסוק טויזענד יאה" איז אין דיינע אויגען אזוי וויא נעכטיגער טאג וואס איז אוועק גיגאנגען רבי אליהו האבין גילערנט זעקס טויזענד יאהר וועט שטיין די וועלט. די ערשטע צוויא טויזענד יאה" וואס איז ביי אברהם אבינו) איז די וועלט גיוועזן וויסט. עס איז ניט גיוועזן קיין תורה. די אנדערע צוויי טוזענד יאהר [פון אברהם אבינו ביז דער אנדערער בית המקדש איז חרוב גיווארין] האט מען גילערנט תורה : אונ די דריטע צוויא טויזענד יאהר איז די צייט משיח זאל קומען. אונ דורך אונזערע פיל זינד איז שוין אוועק גיגאנגען פון די דריטע צוויי טויזענד יאהר וויא פיל עס איז שוין אוועק גיגאנגען אונ משיח איז נאך ניט גיקומען : אליהו האט גיזאגט צו רב יהודה דער ברודער פון רב סלא חסידא די וועלט איז ניט ווייניגער וויא פינף אונ אכטציג יובלות. אין דעם לעצטין יובל וועט קומען משיח. האט רב יהודה גיזאגט צו אליהו אין אנהייב פון דעם לעצטין יובל וועט ער קומען אדער אין סוף יובל. האט אליהו גיזאגט איך ווייס ניט. נאך האט רב יהודה גיפרעגט ביי אליהו עס וועט זיך אויסלאזין דער לעצטער יובל אין גאנצען דער נאך וועט משיח קומען. אדער ער וועט קומען אין די לעצטע יאהרין פון יובל איידער דער יובל וועט זיך אויסלאזין. האט אליהו גיזאגט איך ווייס ניט. רב אשי זאגט אזוי האט אליהו גיזאגט צו רב יהודה ביז דעם לעצטין יובל פון די פינף אונ אכטציג יובלות. זאלסטו גאר ניט האפין אז משיח וועט קומען. ווארום פאר דער צייט וועט ער געוויס ניט קומען. אז עס וועט שוין אוועק גיין די פינף אונ אכטציג יובלות. זאלסט דוא אנהייבין האפין אז משיח וועט קומען. רב חנן בר תחליפא האט גישיקט צו רב יוסף איך האב גיטראפין א מענטשין אונ ער האט גיהאלטין א מגלה די אותיות זענען גיוועזן אשורית [אזוי וויא אונזערע אותיות] אונ די שפראכע איז גיוועזן לשון הקודש. האב איך גזאגט צו דעם מענטשין פון וואנען האסטו דו די מגלה האט ער גיזאגט איך האב מיך אמאהל פארדונגען צום חיל פון פרס. אונ צווישען די אוצרות פון פרס האב איך גיפונען די מגלה. אונ אין די מגלה איז גשטאנען אז מען וועט אפ צייליען פיר טויזענד מיט צוויי הונדערט מיט איין אונ ניינציג יאהר פון דער צייט

וואס

לאחר בריאתו של עולם עולם יתום מהם מלחמות הנינים ומהם מלחמת גוג ומגוג והשאר ימות המשיח ואין הקב"ה מחדש עולמו אלא לאחר ז' אלפים שנה רב אחא בריה (דרבי אבא) [דרבא] אמר לאחר המשת אלפים שנה איתמר :

**מב תניא** רבי נתן אומר מקרא זה נוקב ויורד עד התהום (חבקוק ב) כי עוד חזון למועד ויפח לקץ ולא יכזב אם יתמהמה חכה לו כי בא יבא לא יאחר לא כרבותינו שהיו דורשין (דניאל ז) עד עדן עדנין ופלג עדן ולא כר' שמלאי שהיה דורש (תהלים פ) האכלתם לחם דמעה ותשקמו בדמעות שליש ולא כר"ע שהיה דורש (חגי ב) עוד אחת מעט היא

[פרקן כככרתי שהייתי נוליך לאחר תהם : הנינים. דגים : והשאר ימות המשיח. שכלה השעבוד ומביח כל : מחדש עולמו. נברא עולם חדש : (ויפח לקץ. דבור של קץ לא יכזב שיהיה בעתו) : נוקב ויורד עד התהום. מה התהום אין לו סוף כך אין אדם יכול לעמוד על סוף פסוק זה (וכי קא מפרש חימה קאמר) אם יתמהמה חכה לו דאין לו סוף : לא כרבותינו. אלא הלכה לאותו קץ שהיו רבותינו דורשין : עד עדן עדנין ופלג עדן. עידן כעידן הגלות של מצרים והיינו ד' מאות ב' עידנין היינו ח' מאות והיינו י"ב מאות ופלג עדן ב' מאות כך הכל אלף וד' מאות : והשקמו בדמעות שליש. פירוש שלשה שהיו בגלות מצרים דהיינו ג"פ ת' ובלשה שהיו בגלות בבל ג"פ ע' דהיינו ר"י כך בכל אלף וה"י וזה לבון רש"י [כלומר הבקה אותם הקב"ה בין גלות מצרים וגלות בבל שליש גלות אחרון כי קץ גלות אחרון זה יהיה לסוף ג"פ ת' שנה וג"פ ע' שנה כנגד גלות בבל דהיינו לסוף אלף וד' מאות ועבר שנים ככר עברו ולא היה כך מצאתי כתוב בשם הרב ר' שמואל בר דוד ז"ל] : אחת מעט היא. בנבואת חגי כתיב שהיה נתנבא

---

וואס דיא וועלט איז בשאפין געווארין. וועט דיא וועלט אויסגילאזין ווערין. עס וועט זיין אין די יאהרין מלחמות פון גרויסע פיש דאס מיינט מען גרויסע קיזערין וועלין מלחמה האלטין. עס וועט זיין דיא מלחמה פון גוג ומגוג. דער נאך וועט משיח קומען. און אז מען וועט צאלען זיבען טויזענד יאהר. נאך די זיבען טויזענד יאהר וועט גאט בעניען דיא וועלט. רב אחא בריה דרבא זאגט מיר האבין גילערנט אז נאך פינף טויזענד יאהר וועט גאט בעניען די וועלט :

**מב** תניא. מיר האבין גילערנט רבי נתן זאגט דער פסוק לעכערט ביז צום אבגרונד. דאס הייסט דער מענטש קען ניט קומען צום סוף פון דעם פסוק. אין פסוק שטייט עוד חזון למועד ומען וועט נאך אמאהל זעהן די צייט ויפח לקץ און מען וועט נאך ריידין וויען דער סוף וועט זיין. ולא יכזב און עס וועט ניט זיין קיין ליגען אם יתמהמה ואפילו משיח וועט זיך פאר זאמען צו קומען. פון דעסטוועגין חכה לו וואס זאלסטו ווארטין אויף איהם כי בא יבא ווארום ער וועט געוויס קומען לא יאחר ער וועט ניט קומען שפעטער ווי די צייט זיינע איז צו קומען. ביז ווי לאנג מען זאל ווארטין ווייס מען ניט. מען זאל ניט ווארטין צו דעם סוף וואס די רבנן דרשנן ביז עדן עדנין ופלג עדן. אזוי ווי די צייט פון מצרים פיר הונדערט יאהרן. און נאך צוויי מאהל ווי די צייט פון מצרים ואכט הונדערט יאהרן. און נאך אהאלבין מאל ווי די צייט פון מצרים [צוויי הונדערט יאהרן]. צו זאמען איז פערצעהן הונדערט יאהר. צו דר צייט וועט קומען משיח. זאל מען אויף דעם ניט רעכענן. נאר אפילו משיח וועט צו דר צייט ניט קומען. פון דעסטוועגין זאל מען נאך ווארטין. און ניט וויא רבי שמלאי האט גדרשת דעם פסוק האכלתם להם דמעה ותשקמו בדמעות שליש. דוד המלך האט גיזאגט דוא האסט איהם גימאכט עסין ברויט מיט טרערין. און דו האסט איהם אן גיטרונקען מיט טרערין דריי מאל אזוי פיל ווי ער האט גיטרונקען אין גלות פון מצרים און אין גלות פון בבל. דר גלות פון מצרים איז גיווען פיר הונדערט יאהר. דריי מאהל פיר הונדערט איז צוועלף הונדערט. דר גלות פון בבל איז גיווען זיבעציג יאהר. דרייא מאהל זיבעציג איז צווייא הונדערט מיט צעהן. צו זאמען איז פערצעהן הונדערט יאהר. צו דער צייט וועט קומען משיח. זאל מען אויף דעם ניט רעכענען. נאר אפילו משיח וועט צוא דער צייט ניט קומען. פון דעסטוועגין זאל מען נאך ווארטען. און ניט וויא רבי עקיבא וואס ער דאט גידרשת דעם פסוק עוד אחת מעט היא אויף בן כוזיבא אז ער וועט זיין משיח. און אזוי האט רבי עקיבא גיזאגט חגי הנביא האט נביאות גיזאגט וואס עס וועט זיין נאך דעם וויא דער אנדערער בית המקדש וועט חרוב ווערין.

עיר

היא ואני מרעיש את השמים ואת הארץ אלא מלכות ראשונה ע' שנה מלכות שניה נ"ב ומלכות בן כוזיבא שתי שנים ומחצה מאי (חבקוק ב) ויפח לקץ ולא יכזב אמר רבי שמואל בר נחמני אמר רבי (יוחנן) [יונתן] תיפח עצמן של מחשבי קיצין שהיו אומרים כיון שהגיע הקץ ולא בא שוב אינו בא אלא חכה לו שנא' (שם) אם יתמהמה חכה לו שמא תאמר אנו מחכין והוא אינו מחכה ת"ל (ישעיה ל) לכן יחכה ה' לחננכם ולכן ירום לרחמכם וכי מאחר שאנו מחכים והוא מחכה מי מעכב מדת הדין מעכבת וכי מאחר שמדת הדין מעכבת אנו למה מחכים לקבל שכר שנא'

כשיגלו ישראל מגלות בבל ויבנה בה"מ והיינו עוד אחת מעט היא מעט כבוד אתן להם לישראל ואני מרעיש את השמים ואת הארץ והבאתי חמדת כל הגוים אל ירושלים וה"ע דבעי ליה לימות המשיח ולאחר חרבן והכי דריש ליה עוד אחת מעט היא מעט כבוד אתן לישראל ולא כ"כ יבא המשיח ודרשה זו אינה אלא קרא אלפני הבית קאי וה"ק הגי מעט גדולה ומלכות אתן להם לישראל ושוב לא יהיה להם מלך כל ימות בית האחרון וכך היה דמלכות ראשונה של בית חשמונאי ע' שנה. ואע"ג דאמרינן בסדר עולם דמלכות בית חשמונאי ק"ג ומלכות הורדוס ק"ג עיקר בהורדוס ופרס בלא בלעה בהם אומה לא נתקיים כ"כ: (מלכות ראשונה). ושניה של הורדוס נ"ב שנה ומלכות בן כוזיבא ב' שנים ומחצה ושוב לא היה להם מלך מ"ר וכל הנך דרשות לא משנה ולא ברייתא: ל"א עוד אחת מעט היא מעט מלכות אתן להם לישראל לאחר חרבן ולאחר אותו מלכות הנני מרעיש את השמים וארץ ויבא משיח ואין דרשה זו כלום שהרי ראינו כמה מלכות לישראל לאחר חרבן ואעפ"כ לא בא משיח שהמלכות הראשונה שהיתה להם לישראל אחר חרבן ע' שנה הורדוס כ"ב בן כוזיבא ב' ומחצה ובגילו בס"ע מפולמוס של אספסינוס עד פולמוס של טיטוס י"ב שנה ומפולמוס של טיטוס עד מלכות בן כוזיבא שבעה עשר שנים ומלכות בן כוזיבא שתי שנים ומחצה: בן כוזיבא. מלך בביתר: ויפח לקץ. היפח נפשו של מחשב הקץ שלא היה לו לכזב ולומר כיון שהגיע וכו': יחכה ה'. הוא עצמו

מתכה

---

עוד אחת. עס וועט נאך זיין איין גלות. ומעט היא. אבער אויף אקורצע צייט נאר אביסעל וועלין יודין ליידין צרות ביז בן כוזיבא וואס ער איז משיח וועט קומען. ביי דער צייט וועל איך מאכען שטורעמען דיא הימעל אונ דיא ערד. אבער אין אמת וועט בן כוזיבא ניט זיין משיח. אונ חגי הנביא האט ניט גימיינט דיא צייט וואס עס וועט זיין נאך דעם וויא דער בית המקדש וועט חרוב ווערין. נאר ער האט גימיינט דיא צייט ווען דער אנדערער בית המקדש וועט שטיין אונ אזוי האט ער גיזאגט עוד אחת. נאך אגרויסקייט וועל איך געבען צו יודין מעט היא. אבער אויף ווייניג צייט. דיא ערשטע מלוכה פון חשמונאי וועט זייער כבוד נאר זיין זיבעציג יאהר. דיא אנדערע מלוכה פון הורדוס וועט זיין כבוד נאר זיין צוויא אונ פופציג יאהר דיא מלוכה פון בן כוזיבא וועט נאר זיין צוויי יאהר מיט אהאלבם. דער נאך וועלין שון יודין דארפין ווארטין ביז דיא צייט ווען משיח וועט קומען דאמאלס וועל איך מאכען שטורעמען די הימעל אונ דיא ערד. זאגט דיא גמרא וואס מיינט דער פסוק ויפח לקץ ולא יכזב. רבי שמואל בר נחמני האט גיזאגט פון רבי יונתן וועגין גישוואלין זאלין ווערין דיא מענטשין וואס רעכענען דעם סוף ווען משיח דארף קומען. ווארום אז זייא זעהן דיא צייט פון זייער רעכענונג איז גיקומען. אונ משיח איז נאך ניט גיקומען זאגין זייא אז משיח וועט ניט קומען. אונ זייא דארפין אבער ניט רייקענען אונ זאגין אז משיח וועט שוין ניט קומען. נאר מען דארף ווארטין. אזוי וויא עס שטייט אין פסוק אפילו משיח וועט פאר זאמען צוא קומען פון דעסטוועגין זאלסטו ווארטין אויף איהם. טאמער וועסטו זאגין מיר ווארטין משיח זאל קומען. אבער גאט ווארט ניט. שטייט אין פסוק גאט וועט ווארטין ווען וועט שוין קומען משיח אונ מען זאל שוין אויף אייך רחמנות האבען. אונ גאט וועט דער הויבין ווערין דורך אייער רחמנות. פרעגט דיא גמרא אז מיר ווארטין אויף משיח זאל קומען אונ גאט ווארט אויף משיח זאל קומען. ווער האלט אויף משיח זאל ניט קומען. דער מדת הדין האלט אויף. פרעגט דיא גמרא אז דער מדת הדין האלט אויף ער זאגט מיר זענין ניט ווערט מיר זאלין אויס גילייזט ווערין. צוא וואס האפין מיר אלע טאג משיח זאל קומען. אז מיר זענין נאך ניט בעסער גיווארין וועט ער דאך ניט קומען. ענטפערט די גמרא פאר די אמונה וואס מיר גלויבין אז מיר וועלין בעסער ווערין וועט קומען משיח. וועלין מיר האבין שכר. אזוי וויא עס שטייט אין פסוק וואוהל צוא דעם מענטש וואס האפט אז משיח זאל קומען:

שנא' (שם) אשרי כל חוכי לו אמר אביי לא פחות עלמא מתלתין ושיתא צדיקי דמקבלי אפי שכינה בכל דרא שנא' אשרי כל חוכי לו לו בגימטרא תלתין ושיתא הוו איני והאמר רבא דרא דקמיה קב"ה תמני סרי אלפי פרסא הואי שנאמר (יחזקאל מח) סביב שמונה עשר אלף ל"ק הא דמסתכלי באספקלריא המאירה הא דמסתכלי באספקלריא שאינה מאירה ומי נפישי כולי האי והאמר חזקיה א"ר ירמיה משום רבי שמעון בן יוחאי ראיתי בני עליה והם מועטין אם אלף הן אני ובני מהם וכו' עד אם שנים הם אני ובני הם לא קשיא הא דעיילי בבר הא דעיילי בלא בר:

הכס וממתאהו בינה וביה : כבינ י"ח אלף. בירושלים של מעלה מההיא קרא בכוך יחזקאל : באספקלריא המאירה . בחוזק נגהו של הקב"ה אין מסתכלין אלא בלבים וביה אבל בקליבות הנוגה לנדין מרחוק מסתכלין כהיות הרבה : ומי נפישי כולי האי . דלהוי בריר לן דל"ו הוו ולא פחות : יבא הכב"י . לא הוה ידע אם אלף הם אם מאה הם אם בנים הם : הא דעיילי בבר . בצריכין ליטול רשות כשנכנסין והמסתכל באספקלריא המאירה במהו לא בתותי מסלהין ובית אבל אותן בנכנסין בלא רשות מרוב לדהס בהכנו ויספקא לן כמה הוו : בתשובה . אבל כל ישראל רוזריך בתשובה יבא ואם לאו לא יבא : דיו לאבל שעומד באבלו . דיו להקב"ה בעומד (בימינו) [כמה ימים וימינו] אחור כלומר אבל לא יעשו תשובה אינו עומד באבלו

**מג אמר** רב כלו כל הקיצין ואין הדבר תלוי אלא בתשובה ומעשים טובים ושמואל אמר דיו לאבל שיעמוד באבלו כתנאי רבי אליעזר אומר אם ישראל עושין תשובה נגאלין ואם לאו אין נגאלין א"ל רבי יהושע אם ישראל אין עושין תשובה אין

---

אביי זאגט ין יעדער דור איז אויף דער וועלט דא ניט ווייניגער וויא זעקס אונ דרייסיג צדיקים וואס זייא זעהן דעם פנים פון דיא שכינה . אזוי וויא עס שטייט אין פסוק אשרי כל חוכי לו . דער ווארט לו' בטרעפט זעקס אונ דרייסיג . וואהל צוא דיא זעקס אונ דרייסיג צדיקים וואס האפין צוא גאט . פרעגט דיא גמרא עס איז דאך ניט אזוי . רבא האט דאך גזאגט דיא שורה צדיקים וואס שטייען פר גאט פאר נעמט אכטצעהן טויזענד מייל . אזוי וויא עס שטייט אין פסוק סביב שמונה עשר אלף . ארום איז אכטצעהן טויזענד . דאס מיינט מען דער ארט וואס דיא צדיקים שטייען ארום גאט איז ארום אכטצעהן טויזענד מייל . זאגט דיא גמרא עס איז ניט קיין קשיא דיא צדיקים וואס זעהן קלאר דעם פנים פון דיא שכינה . זענען נאר זעקס אונ דרייסיג . אונ דיא וואס זעהן דעם פנים פון דיא שכינה נאר ניט אזוי קלאר . זענען דא פיל צדיקים . פרעגט דיא גמרא אונ דיא צדיקים וואס זעהן קלאר דעם פנים פון דיא שכינה זענען דא אזוי פיל ביז זעקס אונ דרייסיג ניט ווייניגער . חזקיה האט דאך גזאגט פון רבי ירמיהם וועגן רבי שמעון בן יוחאי האט גזאגט איך האב גזעהן דיא מענטשן וואס גייען ארויף גזעהן ווערין פאר גאט אונ זייא זענען ווייניג נאר איך ווייס ניט וויא פיל . אויב זייא זענען טויזענד בין איך מיט מיין זוהן צווייא פון דיא טויזענד . אונ אפילו עס איז נאר צווייא . דיא צווייא זענען איך מיט מיין זוהן . זאגט דיא גמרא עס איז ניט קיין קשיא . דיא צדיקים וואס דארפין נעמען רשות אויב זייא זאלין אריין גיין פאר גאט . זענען דא ביז זעקס אונ דרייסיג . ניט ווייניגער . אונ דיא צדיקים וואס מעגין אריין גיין אן רשות . קען אמאהל זיין עס איז ניט מעהר דא נאר צווייא :

**מג** אמר : רב האט גזאגט אלע רעכענונגם האבין זיך שוין אוים גילאזט אויף משיחס קומען . אונ זיין קומען ווענדט זיך נאר אויב אלע יודין וועלין תשובה טאהן אונ וועלין טאהן מצות וועט משיח קומען . אונ אויב זייא וועלין ניט תשובה טאהן . וועט ער ניט קומען . אונ שמואל זאגט עס איז גינוג פאר דעם אבל זיינע אבלות . גענוג פאר דיא יודין דער צער פון גלות . דריבער אפילו זייא וועלין ניט תשובה טאהן וועט אויך משיח קומען . זאגט דיא גמרא תנאים קריגען אין דער זאך . רבי אליעזר זאגט אויב דיא יודין וועלין טאהן תשובה וועלין זייא אוים גילייזט ווערין . אונ אויב זייא וועלין ניט טאהן תשובה . וועלין זייא ניט אוים גילייזט ווערין . רבי יהושע זאגט צו רבי אליעזר איך זאג אויך אזוי . וויא דוא אויב דיא יודין וועלין

אין נגאלין אלא הקב"ה מעמיד להן מלך שגזירותיו קשות כהמן ומחזירן למוטב . תניא אידך רבי אליעזר אומר אם ישראל עושין תשובה נגאלין שנא' (ירמיה ג) שובו בנים שובבים ארפא משובותיכם א"ל רבי יהושע והלא כבר נאמר (ישעיה נב) חנם נמכרתם ולא בכסף תגאלו חנם נמכרתם בע"ז ולא בכסף תגאלו לא בתשובה ומעשים טובים א"ל רבי אליעזר לרבי יהושע והלא כבר נאמר (מלאכי ג) שובו אלי ואשובה אליכם א"ל רבי יהושע והלא כבר נאמר (ירמיה ג) כי אנכי בעלתי בכם ולקחתי אתכם אחד מעיר ושנים ממשפחה והבאתי אתכם ציון א"ל ר"א והלא כבר נאמר (ישעיה ל) בשובה ונחת תושעון וגו' א"ל רבי יהושע לר' אליעזר והלא כבר נאמר (שם מט) כה אמר ה' גואל ישראל וקדושו לבזה נפש למתעב גוי ונוכר (דף לח) א"ל רבי אליעזר והלא כבר נאמר (ירמיה ד) אם תשוב ישראל נאם ה' אלי תשוב א"ל רבי יהושע והלא כבר נאמר (דניאל יב) ואשמע את האיש לבוש הבדים אשר ממעל למימי היאור וירם ימינו ושמאלו אל השמים וישבע בחי העולם כי למועד מועדים והצי וככלות נפץ יד עם קדש תכלינה

כל

כל הימים אלא ודאי קץ לדבר ל"א דיו לאבל דיין לישראל צער גלות דאפילו בלא תשובה נגאלין : לא בכסף . לא בתשובה ומעשים טובים דאפי' אין עושין תשובה נגאלין משום דאמר חנם נמכרתם קרי כסף בלשון תשובה : בעלתי אתכם . משמע בעל כרחכם בלא תשובה : אחד מעיר . אבחר הצדיקים והביאם לציון אע"פ שאין כולם חוזרים : כה אמר ה' לבזה נפש למתעב גוי . אותן הבזויין ומתועבין בעבירות אעפ"כ יגאלו ומלכים יראו וקמו : כי למועד מועדים . אלמא יש קץ לדבר : וככלות נפץ יד עם קדש . כשתכלה תקומתם ותוקף ידיהם שהיתה נפוצה אילך ואילך גבורם ומעלתם

---

וועלין ניט טאהן תשובה . וועלין זייא ניט אויס געלייזט ווערין . נאר זייא וועלין מוזין טאהן תשובה . גאט וועט אויף שטעלין אויף דיא יודין אמלך וואס ער וועט אויף זייא גוזר זיין שווערע גזרות וויא המן האט גיטאהן . וועלין דיא יודין מוזין גוט ווערין . נאך אין אברייתא האבען מיר גילערונט רבי אליעזר זאגט אויב דיא יודין וועלין טאהן תשובה . וועלין זיי אויס גילייזט ווערין . אזוי וויא עס שטייט אין פסוק קערט צוריק צו גאט איר ווילדע קינדער וועל איך היילין אייער ווילדקייט . האט רבי יהושע גזאגט עס שטייט דאך אין פסוק איר זענט אומזיסט פאר קויפט גיווארין : אונ איר וועט אויס גילייזט ווערין ניט פאר געלט . איר זענט פאר קויפט גיווארין אומזיסט . ניט פאר געלט . נאר ווייל איר האט געדינט עבודה זרה . אונ ניט פאר געלט וועט איר אויס גילייזט ווערין : מען וועט ניט ווארטין ביז איר זאלט טאהן תשובה אויף אלע עבירות אונ איר זאלט טאהן מעשים טובים . אז איר וועט נאר טאהן תשובה אויף עבודה זרה אליין . וועט איר אויך אויס גילייזט ווערין . האט רבי אליעזר גזאגט צו רבי יהושע עס שטייט דאך אין פסוק קערט אייך צו מיר וועל איך מיך קערין צו אייך . זעהן מיר דאך אז גאט וויל זיך ניט קערין צו דיא יודין . ביז דיא יודין וועלין פריער תשובה טאהן . הט רבי יהושע גזאגט צוא רבי אליעזר עס שטייט דאך אין פסוק גאט זאגט כי אנכי בעלתי בכם . איך וועל ווערין אייער מאן . אונ איך וועל נעמען פון אייך איינעם פון אשטאט אונ צווייא פון אמשפחה ואיך וועל אויס קלויבין אבעסערע אונ איך וועל אייך ברייננען אין ציון . אונ פון תשובה שמועסט מען גאר ניט : האט רבי אליעזר גזאגט צו רבי יהושע עס שטייט דאך אין פסוק בשובה ונחת תושעון . אז איר וועט טאהן תשובה צו גאט מיט נחת ומיט אייער גוטען ווילען וועט איר גיהאלפען ווערין . האט רבי יהושע גזאגט צו רבי אליעזר עס שטייט דאך אין פסוק אזוי האט גזאגט גאט דער אויס לייזער פון דיא יודין אונ זיין הייליגער צו דיא מענטשין וואס זענען פאר שעמט אונ פאר מיאוסט פון עבירות . פון דעסטוועגין וועלין זייא אויס גילייזט ווערין . זעהן מיר אז אן תשובה וועלין זייא אויך אויס גילייזט ווערין . האט רבי אליעזר גזאגט צוא רבי יהושע עס שטייט דאך אין פסוק יודין אויב איר ווילט אייך צוריק קערין . זאגט גאט זאלט איר צו מיר צוריק קערין . האט רבי יהושע גזאגט עס שטייט דאך אין פסוק דניאל האט גזאגט איך האב גיהערט חיא דער מענטש וואס איז גיוועזין אן גיקליידט אין דיא ווייסע קליידער וואס ער איז גיוועזין איבער דיא וואסער פון טייך אונ ער האט אויף גיהויבין זיין רעכטע האנט אונ זיין

ליבקע

לפכות אגה ואגה ואחר שתכלה גבורתם שיהיו שפלים למאוד : הכליה . אלו הגרות ויבא משיח כדאמרינן כי אזלת יד : מגולה מזה . כשיתן ארץ ישראל פריה בעין יפה אז יקרב הקץ ואין לך קץ מגולה יותר : ר"א אומר אף מזה . פסוק כשתכלה שאין שום אדם משתכר ואף שכר בהמה לא נהיה והיינו כדאמרן עד שתכלה פרוטה מן הכיס אין מעות מלויות בכיס : שכר בהמה . עבודת האדמה שהיא ע"י בהמה איננה : וליוצא ולבא אין שלום . אז יבא משיח : שלום רב . והיינו ליוצא ולבא אלו ת"ח אותם שהיה דינם לצאת ולבא בשלום כדכתיב שלום רב לאוהבי תורתך אפילו להנהו אין שלום : מן הצר . מרוב הצרה ל"א מיצה"ר : שקולין . שוין שער התבואה ויין רווחים כדאמרינן ס' שובע גדול ל"א שקולים שכלם יקרים:

כל אלה שתק רבי אליעזר וא"ר אבא אין לך קץ מגולה כזה שנאמר (יחזק"ל לו) ואתם הרי ישראל ענפכם תתנו ופריכם תשאו לעמי ישראל כי קרבו לבא ר' (אליעזר) [אלעזר] אומר אף מזה שנא' (זכריה ח) כי לפני הימים ההם שכר האדם לא נהיה ושכר הבהמה איננה וליוצא ולבא אין שלום מן הצר מאי ליוצא ולבא אין שלום מן הצר רב אמר אף תלמידי חכמים (שיש) [שכתוב] בהם שלום דכתיב (תהלים קיט) שלום רב לאוהבי תורתך אין להם שלום מפני הצר ושמואל אמר עד שיהיו כל השערים כולם שקולין :

**מד** א"ר חנינא אין בן דוד בא עד שיתבקש דג לחולה ולא ימצא שנאמר (יחזקאל לב) אז אשקיע

---

רינקע האנט צום הימעל) האט געשווארין ביי דעם וואס לעבט אייביג אז צוא אצייט און צוויא צייטין און אהאלבע צייט און אזוי וויא עס וועט פאר לענדט ווערין דיא פאר שפרייטע האנט דער פאר שפרייטער כח פון דיא היילגע פאלק וועלין פאר לענדט ווערין דיא אלע צרות און משיח וועט קומען . זעהן מיר אז עס איז דא אאוים געזעצטע צייט ווען משיח זאל קומען . אפילו מען וועט ניט תשובה טאהן . האט רבי אליעזר געשוויגען . רבי אבא זאגט מען דארף ניט קיין בעסערין פסוק וויא דער איז . אין דעם פסוק שטייט ארויס ווען יודין וועלין אוים גילייזט ווערין און ווען זייא וועלין קומען אין ארץ ישראל . אזוי שטייט אין פסוק איר בערג פון ארץ ישראל אייערע צווייגין זאלט איר געבין . און אייער פרוכט זאלט איר טראגין פאר מיין פאלק יודין ווארום עס איז נאנט דיא צייט וואס דיא יודין וועלין קומען אין ארץ ישראל . זעהן מיר אז אין ארץ ישראל וועט אנהייבין וואקסען פיל פירות . איז אסימן אז יודין וועלין שוין אוים גילייזט ווערין . רבי אלעזר זאגט פון דעם פסוק קענען מיר אויך וויסען ווען יודין וועלין אוים גילייזט ווערין ווארום עס שטייט אין פסוק פאר דיא טעג וואס דיא יודין וועלין דארפין אוים גילייזט ווערין וועט קיין מענטש ניט פאר דינען . און קיין בהמה וועט ניט פאר דינען ודאס מיינט מען אז דיא בהמה וועט האקערין דיא ערד . וועט פון דיא ערד ווייניג וואקסין און דער מענטש וואס וועט ארויס גיין ופון שטאט אין וועג . און דער וואס וועט קומען ופון וועג אין שטאט) וועט צו אים ניט זיין שלום וניט אין וועג ניט אין שטאט) פון דעם פיינד וואס וועט אייך שלעכטס טאהן . וועלין שוין יודין האבען אסימן . אז דיא צרות וועלין קומען : וועלין זייא שוין באלד אוים גילייזט ווערין . וואס מיינט מען צוא דעם וואס וועט ארויס גיין און צוא דעם וואס וועט קומען וועט ניט זיין שלום פון דעם שונא . רב זאגט אפילו צוא תלמידי חכמים וואס ביי זיי שטייט אז זייא וועלין האבען שלום . אזוי וויא עס שטייט אין פסוק פיל שלום וועט זיין צוא דיא וואס האבען ליב דיין תורה . פון דעסטוועגין וועט ביי זייא אויך ניט זיין שלום . פון דיא פיל צרות וואס זייא וועלין האבען פון דיא שונאים . שמואל זאגט איין אנדער סימן וועלין יודין האבען צוא וויסען ווען משיח וועט קומען . אז זייא וועלין זעהן עס איז גיווארין אויף דער וועלט אזוי אגרויסע זעט און אלע תבואות און פירות וועגען אזוי וואלוויל וואס עס איז נאך אויף דער וועלט קיין מאהל ניט גיוועז אזוי . זאל מען וויסען אז משיח וועט באלד קומען :

**מד** אמר . רבי חנינא האט גזאגט איין אנדער סימן וועלין יודין האבען צוא וויסען ווען משיח וועט קומען . אז מען וועט זוכען אין חוץ לארץ אפיש פאר אקראנקען און מען וועט ניט געפינען . ווארום אלע פיש וועלין שוין זיין אוועק גיגאנגען אין ארץ ישראל . זאל מען

וויסען

אשקיע מימיהם ונהרותם כשמן אוליך וכתיב (בתריה) (שם כט) ביום ההוא אצמיח קרן לבית ישראל. אמר רבי חמא ברבי חנינא אין בן דוד בא עד שתכלה מלכות הזלה מישראל שנאמר (ישעיה יח) וכרת הזלזלים במזמרות וכתיב בתריה בעת ההיא יובל שי לה' צבאות וגו'. ואמר זעירא א"ר חנינא אין בן דוד בא עד שיכלו גסי הרוח בישראל שנאמר (צפניה ג) כי אז אסיר מקרבך עליזי גאותך וכתיב (שם) והשארתי בקרבך עם עני ודל וחסו בשם ה'. א"ר שמלאי משום ר אלעזר בר' שמעון אין בן דוד בא עד שיכלו כל שופטים ושוטרים מישראל שנאמר (ישעיה א) ואשיבה ידי עליך ואצרוף כבר סיגיך ואסירה כל בדיליך ואשיבה שופטיך וגו'. אמר עולא אין ירושלים נפדית אלא בצדקה שנאמר (שם) ציון במשפט תפדה ושביה בצדקה. א"ר פפא אי בטלי יהירי בטלי אמגושי דכתיב (שם) ואצרוף כבר סיגיך ואסירה כל בדיליך אי בטלי דייני בטלי גזירפטי דכתיב (צפניה ג) הסיר ה' משפטיך פנה אויבך. א"ר יוחנן אם ראית דור שמתמעט והולך חכה לו שנאמר (ש"ב כב) ואת עם עני

כשמן אוליך. שיהו כולם קפוין וכיון שהם קפויים אין דגים נמצאים בהם. עד שתכלה מלכות הזלה. שלא תהא להם שולטנות לישראל אפי' שולטנות קלה וזלה: נטישותיו. ענפים קטנים כלומר השרים והשופטים: וחסו בשם ה'. כלומר שתבא להם גאולה ויחסו בצל שדי: סיגיך. תערובות שבך: בדיליך. המובדלים לראשי עם: יהירי. גסי רוח מישראל: אמגושי. מכשפים המצירים ישראל במסכת שבת פלוגתא איכא מ"ד אמגושי חרשי ואיכא מ"ד גידופי עובדי ע"ז: ואצרוף כבור סיגיך. כמו בר דמתרגמינן בגיא רביב ונדונים בגבורתם כשאצרף ואסלקם ממך אזי אסירה כל בדיליך אמגושי הבדלים מיראת במקום: גזירפטי. שופטי עכו"ם התובעים את ישראל במקולות: משפטיך. כמו שופטיך: פנה אויבך

---

וויסען אז משיח קומט שוין. אזוי וויא עס שטייט אין פסוק נאך זאגט איך וועל טיף מאכען זייערע וואסער אונ דיא טייכען וועל איך פירען אזוי וויא בוימאייל. אז אלע פיש ווערין מוזין פון דארטען אוועק שווימען אין ארץ ישראל. אין דעם טאג וועל איך מאכען שפראצין אגרויסקייט צו יודין. רב חמא ברבי חנינא זאגט משיח וועט אנדערש ניט קומען ביז יודין וועט שוין ניט זיין קיין גיוועלטיגקייט. אפילו דיא קלענסטע גיוועלטיגקייט אויך ניט. אזוי ווי עס שטייט אין פסוק ער וועט אפ שניידין דיא קליינע צווייגעלאך מיט גיעשערם דאס מיינט מען די קליינע הערשאפט וואס איז דא ביי יודין וועט נאך אפ שניידין. אין דער צייט וועט מען ברענגען מתנות צוא גאט. זעירא האט גיזאגט פון רבי חנינאס וועגין משיח וועט אנדערש ניט קומען ביז עס וועלין פאר לענדט ווערין אלע יודישע מענטשין וואס זענען גרויס ביי זיך. אזוי וויא עס שטייט אין פסוק איך וועל אפ טאהן פון דיר די וואס פרייען זיך מיט דיין גרויסקייט אונ איך וועל איבער לאזין אין דיר אארעמע פאלק זייא ווערין זיך בשיצען אין דעם נאמען פון גאט. רבי שמלאי האט גיזאגט פון רבי אלעזר ברבי שמעונס וועגין משיח וועט אנדערש ניט קומען ביז עס וועלין פאר לענדט ווערין אלע פאלשע דיינים פון דיא יודין. אזוי וויא עס שטייט אין פסוק איך וועל צוריק קערין מיין האנט אויף דיר אונ איך וועל לייטערין אזוי וויא מיט זייף דיין צומישונג אונ איך וועל אפ טאהן דיא מענטשין וואס זענען אפ גישיידט פון פאלק אונ זענען גיווארין דיינים. נאר איך וועל געבין אויף דיר דיינים. ביי דער צייט וועט ציון אונ ירושלים אויס גילייזט ווערין פון דיא גוים אונ זיא וועט גיהערין נאר צוא יודין ווט וועלין קומען פון גלות. עולא זאגט ירושלים וועט אנדערש ניט אויס גילייזט ווערין נאר אז מען וועט געבין צדקה. אזוי וויא עס שטייט אין פסוק ציון וועט אויס גילייזט ווערין דורך דעם ערליכען משפט וואס וועט גיטאהן ווערין. אונ אירע זיצער וועלין אויס גילייזט ווערין דורך די צדקה וואס זיי וועלין טאן. רב פפא זאגט אז ביי יודין וועט ניט זיין מענטשין וואס האלטין זיך גרויס וועלין דיא גוים ניט מצער זיין דיא יודין. אזוי וויא עס שטייט אין פסוק ואצרוף כבור סיגיך אז איך וועל אים לייטערין אונ וועל ארויס נעמען פון דיר דיא מענטשין וואס האלטען זיך גרויס. וועל איך אפ טאהן פון דיר דיא מענטשין וואס זענען אפ גישיידט פון מיר אונ דינען עבודה זרה. אונ אז פון יודין וועלין אפ גיטאהן ווערין פאלשע דיינים. וועלין אפ גיטאהן ווערין פון זייא דיא

גרדסקי : מסכה . כמו כמסוס מכס וכמו יאכלם סס רוח כמקום נוקבת ומגרבת אותם עס הגרות כטלית שלף בוא מהכוך לבמידס : ויכהו אבן . היינו גאולה :
עס ענני שמיא כבר אינש אתי . במהירות : וכתיב עני ורוכב על חמור . כעני הבא על חמורו בעצלות : סוכיא ברקא . סוס מבורק ומלוין ומהו שיש לי דגמא היא סיבה על חמור מלגלג היה ל"ה

עני תושיע ועיניך על רמים תשפיל . וא"ר יוחנן אם ראית דור שצרות רבות באות עליו כנהר חכה לו שנאמר (ישעיה נט) כי יבא כנהר צר רוח ה' נוססה בו (וכתיב) [וסמיך ליה] (שם) ובא לציון גואל . וא"ר יוחנן אין בן דוד בא אלא בדור שכולו זכאי או בדור שכולו חייב בדור שכולו זכאי שנאמר (שם ס) ועמך כלם צדיקים לעולם יירשו ארץ בדור שכולו חייב דכתיב (שם נט) וירא כי אין איש וישתומם כי אין מפגיע וכתיב (שם מח) למעני למעני אעשה :

**מה אמר** ר' אלכסנדראי ר' יהושע בן לוי רמי כתיב (ישעיה ס) בעתה וכתיב אחישנה זכו אחישנה לא זכו בעתה . וא"ר אלכסנדראי רבי יהושע ב"ל רמי כתיב (דניאל ז) וארו עם ענני שמיא כבר אינש אתי וכתיב (זכריה ט) עני ורוכב על חמור זכו עם ענני שמיא לא זכו עני רוכב על החמור א"ל שבור מלכא לשמואל אמריתו משיח על חמרא אתי אישדר ליה אנא סוסיא ברקא דאית לי א"ל

---

דיא גוישע דיינים וואס שראגין דיא יודין זייא זאלין מקים זיין זייערע דינים . אזוי וויא עס שטייט אין פסוק אז גאט וועט אפ טאהן דיינע פאלשע משפטים . וועט ער אפ קערין פון דיר דיינע פיינד . רבי יוחנן זאגט אז דוא זעהסט דער דור וועט אלע מאהל ווייניגער ווערט אלע מאל ארעמער זאלסטו ווארטין אויף משיח . אזוי וויא עס שטייט אין פסוק דיא ארעמע פאלק וועסטו העלפין אונ דיינע אויגען וועלין זיין אויף דיא מענטשין וואס זענען גרויס ביי זיך דוא זאלסט זייא נידעריג מאכען . רבי יוחנן זאגט אויב דוא זעהסט אז אויף דעם דור קומט אזוי פיל צרות אזוי וויא א טייך . זאלסטו ווארטען אויף משיח . אזוי וויא עס שטייט אין פסוק אז עס וועט קומען אויף יודין צרות אזוי וויא א טייך אונ דער ווילען פון גאט וועט אויך זיין שלעכט צו זייא . נאך דעם וועט קומען צוא ציון דער אויסלייזער . דאס איז משיח . נאך האט רבי יוחנן גזאגט משיח וועט אנדערש ניט קומען נאר אדער אין דעם דור וואס אלע וועלין זיין צדיקים . אדער אין דעם דור וואס אלע וועלין זיין רשעים . אז דער דור וועלין אלע זיין צדיקים שטייט אין פסוק דיין פאלק וועלין אלע זיין צדיקים וועלין זייא ירשנען דיא לאנד וארץ ישראל אויף אייביג . ווארום אז משיח וועט קומען וועט זיין אן אייביגע אויס לייזונג . אונ אז דער דור וועלין אלע זיין רשעים שטייט אין פסוק גאט האט גזעהן עס איז גיטא קיין מענטש אונ ער האט זיך פר וואונדערט עס איז ניטא ווער עס זאל בעטין פאר זייא . האט גאט גזאגט פון מיינעט וועגין וועל איך טאהן אונ וועל זיי אויס לייזין :

**מה אמר** . רבי אלכסנדראי האט גזאגט רבי יהושע בן לוי האט גיפרעגט עס שטייט אין פסוק משיח וועט קומען צו דער צייט . אונ עס שטייט אין פסוק איך וועל איילין זיין קומען פאר דיא צייט . אז יודין וועלין זוכה זיין וועט גאט איילין צו ברייגגען משיח פאר דער צייט . אונ אז יודין וועלין ניט זוכה זיין . וועט משיח קומען צו דער צייט . נאך האט רבי אלכסנדראי גזאגט רבי יהושע בן לוי האט גיפרעגט אין איין פסוק שטייט משיח וועט קומען געשווינט מיט דיא וואלקינס פון הימעל אזוי וויא א מענטש . אונ אין אנדערין פסוק שטייט ער וועט קומען וויא א ארעם מאן אונ ער וועט רייטין אויף אן אייזיל ווער וועט קומען פאמעלאך אזוי וויא א ארעם מאן רייט פאמעלאך אויף זיין אייזיל אונ גייט פון שטאט צו שטאט . אויב יודין וועלין זוכה זיין וועט משיח קומען געשווינד אויף דיא וואלקינס פון הימעל . אויב דיא וועלין ניט זוכה זיין וועט ער קומען צו רייטין אויף אן אייזיל אזוי וויא א ארעם מאן . שבור מלכא האט גזאגט צו שמואל איהר זאגט משיח וועט קומען צו רייטין אויף אן אייזיל . איך וועל איהם שיקען דעם בעסטין פערד וואס איך האב . האט שמואל גזאגט צו שבור מלכא האסטו א פערד מיט הונדערט קאלארין .

אויב

א״ל מי אית לך בר חיור גווני. (רבי יהושע בן לוי אשכחיה לאליהו דהוה קאי אפתחא דג״ע א״ל אימת אתי משיח א״ל לכשירצה אדוננו הזה א״ר יהושע ב״ל ב׳ ראיתי וקול ג׳ שמעתי ד) ריב״ל אשכחיה לאליהו דהוה קאי אפתחא דמערתא דרשב״י א״ל אתינא לעלמא דאתי א״ל אם ירצה האדון הזה אריב״ל ב׳ ראיתי וקול ג׳ שמעתי (אמינא) [אמר] ליה אימת אתי משיח א״ל זיל שייליה לדידיה והיכא יתיב אפתחא דרומי ומאי סימניה יתיב ביני עניי סובלי חלאים וכולן שרו ואסירי בחד זמנא ואיהו שרי חד ואסיר חד אמר דלמא מבעינא דלא איעכב אזיל לגביה א״ל שלום עליך רבי ומורי א״ל שלום עליך בר ליואי א״ל לאימת אתי מר א״ל היום. אתי לגבי אליהו א״ל מאי אמר לך א״ל שלום עליך בר ליואי א״ל אבטחך לך ולאבוך לעלמא דאתי א״ל שקורי קא שקיר בי דאמר לי היום אתינא ולא אתא א״ל הכי אמר לך

סוסי בדקא סוס בדוק לרוץ: בר חיור גווני. כלום יש לך סוס בר מאה גוונין שחמור שלו כן סוסא במלתא בעלמא דחייס. חיור מאה בלשון פרסי. גווני גוונין: האדון הזה. שכינה היתה עמהם: קול ג׳. דשכינה הוה בהדייהו: לדידיה. למשיח: בפתחא דרומי. כלומר למורי לא בפתח רומי ממש אלא גן עדן הוא כנגד כל העולם וקאמר ליה דבאותו לד של גן עדן שכנגד פתח רומי משיח שרוי: סובלי חלאים. מנוגעים והוא נמי מנוגע דכתיב והוא מחולל מפשעינו וכתיב חליינו הוא נשא: כלהו. מי שיש לו ד׳ וה׳ נגעים: אסרי להו ושרי בהדא זימנא. מתירין כל נגעיהם ביחד ומקנחין אותם ומוזרין וקושרין אותן: ואיהו. משיח: שרי חד. נגע ומקנחו וקושרו ואח״כ מתיר האחר ועושה כמו כן ואינו מתיר שני נגעים יחד דסבר אי בעי לי לצאת ולגאול את ישראל לא איתעכב כדי קשירת שני נגעים: א״ל. ר׳ יהושע למשיח לאימת אתי מר א״ל היום: אבטח לך ולאבוך לעולם הבא:

---

אויב משיח וועט קומען אויף אפערד: וועט דער פערד האבין הונדערט קאלאיין. רבי יהושע בן לוי האט גיטראפין אליהו הנביא איז גישטאנען ביי דיא טיר פון גן עדן. האט רבי יהושע גיזאגט צו אליהו ווען וועט קומען משיח. האט אליהו גיזאגט ווען דער הער וועט וועלין ודאס האט ער גימיינט אויף גאט) וועט משיח קומען. האט רבי יהושע בן לוי גיזאגט צוויי מענטשין האב איך גיזעהן ודאס מיינט מען זיך אונ אליהו) אונ אקול פון אדריטען ופון גאט) האב איך גיהערט. רבי יהושע בן לוי האט גיטראפין אליהו הנביא שטייט ביי דיא טיר פון דר מערה וואס רבי שמעון בן יוחאי איז גיזעזן אינווייניג: האט רבי יהושע גיזאגט צו אליהו איך וועל קומען צו עולם הבא. האט אליהו גיזאגט אויב דער הער וועט וועלין ודאס האט ער גימיינט אויף גאט). האט רבי יהושע בן לוי גיזאגט צווייא מענטשין האב איך גיזעהן ודיך אונ אליהו אונ אקול פון אדריטען ופון גאט) האב איך גיהערט. רבי יהושע בן לוי האט גיפרעגט בייא אליהו הנביא ווען וועט קומען משיח. האט אליהו גיזאגט צו רבי יהושע גיי צו משיח אונ פרעג איהם ווען ער וועט קומען. האט רבי יהושע גיפרעגט ווא זיצט משיח. האט אליהו גיזאגט ער זיצט אין גן עדן אויף דעם ארט וואס געגין איבער דיא טיר פון רוים. האט רבי יהושע גיפרעגט וואס איז דער צייכין איך זאל איהם דער קענען. האט אליהו גיזאגט ער זיצט צווישען דיא ארעמע לייט וואס זייא האבין מכות אונ יסורים. אונ ער האט אויך מכות. אונ דיא אלע ארעמע לייט דער וואס האט עטליכע מכות בינט ער אויף אלע מכות מיט איין מאהל. אונ מאכט זיי ריין. דער נאך בינט ער צו אלע מכות מיט איין מאהל. אונ משיח טוהט ניט אזוי ער בינט אויף איין מכה אונ מאכט זיא ריין אונ בינט זיא צו. דער נאך בינט ער אויף דיא אנדערע מכה אונ מאכט זיא ריין אונ בינט זיא צו. ער זאגט טאמער וועט מען מיך שיקען אויס לייזין דיא יודין. זאל איך ניט דארפין אויף האלטין ביז איך וועל צו בינדען צוויי מכות. נאר איינע. איז רבי יהושע גיגאנגען צו משיח אונ האט גיזאגט צו איהם שלום אויף דיר רבי ומורי. האט משיח גיזאגט צו רבי יהושע שלום אויף דיר לוים זוהן. האט רבי יהושע גיזאגט צו משיח ווען וועט דער רבי קומען. האט משיח גיזאגט היינט. איז רבי יהושע גיקומען צו אליהו. האט אליהו גיזאגט צו רבי יהושע וואס האט משיח דיר גיזאגט. האט רבי יהושע גיזאגט משיח האט גיזאגט צו מיר שלום אויף דיר לוים זוהן. האט אליהו גיזאגט צו רבי יהושע דוא מעגסט שוין זיין זיכער אז דו מיט דיין פאטער וועט איהר האבין עולם הבא. האט רבי יהושע גיזאגט צו אליהו

משיח

לך (תהלים צה) היום אם בקולו תשמעו:

**מו שאלו** תלמידיו את ר' יוסי בן קסמא אימתי בן דוד בא אמר מתירא אני שמא תבקשו ממני אות אמרו לו אין אנו מבקשים ממך אות אמר להן לכשיפול השער הזה ויבנה ויפול ויבנה ויפול ואין מספיקין לבנותו עד שבן דוד בא אמרו רבינו תן לנו אות אמר להן ולא כך אמרתם לי שאין אתם מבקשים ממני אות אמרו לו ואעפ"כ אמר להם אם כך יהפכו מי מערת פמיים לדם ונהפכו. בשעת פטירתו אמר להם העמיקו לי ארוני (ע"ג) שאין כל דקל ודקל שבבבל שאין סוס של פרסיים נקשר בו ואין לך כל ארון וארון שבארץ ישראל שאין סוס מדי אוכל בו תבן. אמר רב אין בן דוד בא עד שתפשוט מלכות (רומי) על ישראל תשעה חדשים שנאמר (מיכה ה) לכן יתנם

דאי לאו צדיקים גמורים אתם לא הוה יהיב לך שלמא ולא הוה מדבר עמא דהכוך: היום אם בקולו. של הקב"ה תשמעון:

השער הזה. של רומי שברומי היה באותה שעה: ואין מספיקין לבנותו. פעם שלישית: מי פמיים שירדן נובע ממנו כדתניא בבכורות ירדן יוצא ממערת פמיים ומפרש התם שפיר: העמיקו ארוני. עשו לי קבר בקרקע עמוק: שאין סוס מדי אוכל בו תבן. במוציאין הארונות הון לקרקע ועושין מהן אבוסים במלחמת גוג ומגוג: שאין כל דקל וכו'. כלומר עתידין פרס ומדי לבא על בבל ולכבדה ותתמלא כל ארץ בבל חיילות פרסיים וסוסיהם ומשם באים לא"י ולוכדין אותה: עד שתפשוט מלכות על ישראל ט' חדשים שנאמר לכן יתנם לישראל עד עת יולדה ילדה והיינו תשעה חדשים:

---

משיח האט מיר גיזאגט אריגען. ער האט גיזאגט היינט וועל איך קומען אונ ער איז ניט גיקומען. האט אליהו גיזאגט צו רבי יהושע אזוי האט משיח צו דיר גיזאגט אויב היינט וועלין דיא יודין צו הערין דעם קול פון גאט. וועל איך היינט קומען:

**מן** שאלו. דיא תלמידים האבין גיפרעגט ביא רבי יוסי בן קסמא ווען וועט משיח קומען. האט רבי יוסי גיזאגט איך האב מורא אז איך וועל אייך זאגין ווען ער וועט קומען. וועט איהר זאגין איך זאל אייך געבין איין צייכין אז מיינע רייד זענען אמת. האבין דיא תלמידים גיזאגט צו רבי יוסי מיר וועלין פון דיר ניט בעטין אצייכין. האט רבי יוסי גיזאגט אז דער טויער פון רוים וועט איין פאלין אונ ער וועט צוריק אויף גיבאהט ווערין אונ ער וועט נאך איין מאהל איין פאלין אונ ער וועט נאך אמאהל אויף גיבאהט ווערין אונ ער וועט נאך אמאהל איין פאלין אונ איידער מען וועט איהם אויף באהען דעם דריטען מאהל וועט שוין משיח קומען. האבין דיא תלמידים גיזאגט צו רבי יוסי. רבי גיב אונז אצייכין. האט רבי יוסי גיזאגט צו די תלמידים איהר האט דאך גיזאגט צו מיר אז איהר וועט ניט בעטין פון מיר אצייכין. האבין דיא תלמידים גיזאגט צו רבי יוסי פון דעסטוועגין גיב אונז דאך אצייכין. האט רבי יוסי צו זייא גיזאגט אויב איהר ווילט נאר אצייכין. וועל איך געבין אצייכין דיא וואסער וואס אין קעלער פמיים וואס פון איהם ציהט זיך דער ירדן זאל פאר קערט ווערין צו בלוט. אונ עס איז אזוי גיווארין. איידער רבי יוסי איז גישטארבין האט ער גיזאגט צו דיא תלמידים אז מען וועט איהם אריין לייגין אין אקאסטין צו בגראבין איהם. זאל מען דעם קאסטין אריין שטעלין טיף אין דיא ערד. ווארום עס וועט ניט זיין איין בוים אין בבל אז אפערד פון די פערסיאנער זאל ניט זיין אנגעבונדען אן אים. אזוי פיל חיל פון פערסיע וועלין קומען אויף בבל. אונ פון בבל וועלין זייא קומען אויף ארץ ישראל. אונ עס וועט ניט זיין איין קאסטען פון אמת אין ארץ ישראל אז אפערד פון מדי זאל ניט עסין אין אים שטרויא. זייא וועלין אויס גראבין די קאסטינס פון דיא מתים. אונ וועלין דיא מתים ארויס ווארפען. אונ דיא קאסטינס וועלין זייא מאכען פאר קארעטעס פערד זאלין אין זייא עסין. דריבער זאלט איר מיין קאסטען בגראבען טיף אין דיא ערד. רב זאגט משיח וועט אנדערש ניט קומען ביז דיא מלוכה פון איין מלך וועט זיין פאר שפרייט אויף אלע יודין ניין חדשים. וואס איז אגרויסע צרה. ווארום אז דיא יודין זענען פאר שפרייט אונטער עטליכע מלכים שעמט זיך איין מלך פאר דעם אנדערין גוזר צו זיין שלעכטע גזרות אויף דיא יודין. ווארום אז דער מלך וועט זאגן דיא יודין זענען שלעכט. וועט דער אנדערער מלך זאגין ביי מיר אין מיין מדינה זענען אויך דא יודין אונ זייא זענען גאר ניט

שלעכט

יתגם עד עת יולדה ילדה ויתר אחיו ישובון על בני ישראל :

**מז אמר** עולא ייתי ולא אחמיניה וכן אמר (רבא) [רבה] ייתי ולא אחמיניה רב יוסף אמר ייתי ואזכה דאיתיב בטולא דכופיתא דחמריה אמר ליה אביי (לרבא) ולרבה] מאי טעמך אילימא משום חבלו של משיח והתניא שאלו תלמידיו את ר' אליעזר מה יעשה אדם וינצל מחבלו של משיח יעסוק בתורה ובגמילות חסדים ומר הא תורה והא גמילות חסדים אמר שמא יגרום החטא כדר' יעקב בר אידי דר' יעקב בר אידי רמי כתיב (בראשית כח) והנה אנכי עמך ושמרתיך בכל אשר תלך וכתיב (שם לב) ויירא יעקב מאד ויצר לו שהיה מתירא שמא יגרום החטא כדתניא (שמות טו) עד יעבור עמך ה' זו ביאה ראשונה עד יעבור עם זו קנית זו ביאה שניה אמור מעתה ראויין היו ליעשות להם נס בביאה שניה כביאה ראשונה אלא שגרם החטא . וכן אר"י ייתי ולא אחמיניה א"ל ר"ל מ"ט

כדמתרגמינן בכן יתמסרון בעידן דילדהא למילד וכתיב ועמד ורעה בעוז ה' וישבו כי עתה יגדל ומתר גמינן ויהון מכיני גלותהון : על בני ישראל . היינו כל העולם שישראל מפוזרים בו :

ייתי. משיח ולא אחמיניה: בטולא דכופיתא דחמריה. גללי רעי של חמורו כלומר אפי' בכך אני רוצה ובלבד שאראנו : כופיתא . רעי כמו ורמא כופתא זבכר ירדנא בב"ב : מ"ט . אמר לא אחמיניה : חבלו של משיח . צורנו והנקו ולקמן בעי מאי היא נ"א חבלי פחדים והבלים שיהיו בימיו מהיל הנכרים : לעשות בהם נס . לעשות בזרוע על כרחם של מלכי פרס : בביאה שניה . בימי עזרא כביאה ראשונה בימי יהושע מדהקינן הכתוב : מ"ט . אי זו לרה בלה בימיו שאתה לומר לא

---

שלעכט . אבער אז דיא יודין זענען אללע אונטער איין מלך שעמט ער זיך ניט פאר קיינעם אונ איז גוזר אויף זייא שלעכטע גזרות דארום ער וועט זאגין דיא יודין זענען שלעכט. אזוי וויא עס שטייט אין פסוק דריבער וועט זייא גאט געבין אין גלות אונטער איין מלך אזוי אצייט וואס אנגעווינערין געווינט . דער נאך וועלין דיא איבעריגע ברידער צוריק גיקערט ווערין צוא אללע יודין :

**מז** אמר . עולא האט גזאגט זאל משיח קומען אונ איך וויל איהם ניט זעהן . אונ אזוי הט רבה גזאגט זאל משיח קומען אונ איך וויל איהם ניט זעהן . רב יוסף זאגט זאל משיח קומען אונ איך וויל זוכה זיין צוא זיצען אין דעם שאטען פון די צואה פון זיין אייזיל . אביי האט גזאגט צו רבה פאר וואס ווילסטו ניט זעהן משיחן . איך זאל זאגן דורך דיא שרעק וואס עס וועט זיין אין דער צייט ווען ער וועט דארפן קומען . מיר האבען דאך גילערנט דיא תלמידים האבען גיפרעגט ביי רבי אליעזר וואס זאל דער מענטש טאהן ער זאל גירעטעט ווערין פון דיא שרעק וואס עס וועט זיין אין דער צייט ווען משיח וועט קומען . האט רבי אליעזר זייא גיענטפערט ער זאל לערנען תורה, אונ זאל טאהן גמילות חסדים . אונ דוא לערנסט דאך תורה אונ טוהסט גמלות חסדים . דארפסטו דאך ניט מורא האבען : האט רבה גזאגט איך האב מורא טאמער וועלין מיינע זינד מיך שטראפין אין דער צייט ווען עס איז אסכנה . אזוי וויא רבי יעקב בר אידי האט גזאגט. ווארום רבי יעקב בר אידי האט גיפרעגט עס שטייט אין פסוק גאט האט גזאגט צו יעקב איך וועל זיין מיט דיר אונ וועל דיך היטען וואו דוא וועסט גיין אונ עס שטייט יעקב האט זייער מורא גיהאט אונ עס האט איהם באנק גיטאהן . איז דאך אקשיא אז גאט הט איהם צו גזאגט צו היטען איהם . פאר וואס האט ער מורא גיהאט . נאר ער האט מורא גיהאט טאמער וועלין זיינע זינד איהם שטראפין אין דער צייט ווען עס איז אסכנה אזוי וויא מיר האבען גילערנט עס שטייט אין פסוק עד יעבור עמך ה' . גאט ביז דיין פאלק וועט אריבער גיין. דאס מיינט מען דעם ערשטין אריין קומען וואס יודין זענען אריין גיקומען אין ארץ ישראל . ביז עס וועט אריבער גיין דיין פאלק וואס דוא האסט גיקויפט: דאס מיינט מען דעם אנדערין אריין קומען וואס יודין זענען אריין גיקומען אין ארץ ישראל . אין דיא צייט פון עזרא הסופר . וייל מיר זעהן דער פסוק האט גליך גימאכט ביידע מאהל וואס יודין זענען אריין גיגאנגען אין ארץ ישראל . אײנס צו דאס אנדערע . ווייסין מיר אז עס האט גידארפט גיטאהן ווערין נסים צו יודין בייא דעם אנדערין אריין קומען אין ארץ ישראל אזוי וויא בייא דעם ערשטין אריין קומען : נאר דיא עבירות האבין ניט גילאזין עס זאל גיטאהן ווערין נסים . רבי יוחנן האט אויף

אזוי

אילימא משום דכתיב (עמוס ה) כאשר ינוס איש מפני הארי ופגעו הדוב [ובא ה בית] וסמך ידו על הקיר ונשכו הנחש בא ואראך דוגמתו בעה"ז בזמן שאדם יוצא לשדה פגע בו סנטר דומה כמי שפגע בו ארי נכנס לעיר פגע בו גבאי דומה כמי שפגעו דוב נכנס לביתו ומצא בניו ובנותיו מוטלין ברעב דומה כמי שנשכו נחש אלא משום דכתיב (ירמיה ל) שאלו נא וראו אם יולד זכר מדוע ראיתי כל גבר ידיו על חלציו כיולדה ונהפכו כל פנים לירקון מאי ראיתי כל גבר אמר רבא בר יצחק א"ר מי שכל גבורה שלו ומאי נהפכו כל פנים לירקון א"ר יוחנן פמליא של מעלה ופמליא של מטה (באותה שעה אומר) [בשעה שאמר] הקב"ה הללו מעשה ידי והללו מעשה ידי היאך אאבד אלו מפני אלו [אמר רב פפא] היינו דאמרי אינשי רהיט ונפל תורא ואזיל ושדי

אלמיה: סנטר. מפרש בב"ב בר מחוייתא בידע מלכי השדות וגבולין עד כאן של פלוני מכאן אילך של פלוני ובידו לרבות להם ולמעט נאהג ובשפוגעו אותו סנטר רוצה למדוד שדות ולקבל מילוי חשדות דומה. כמי שפגע בו ארי: גבאי. גובה מס המלך: מי שכל הגבורה שלו. הקב"ה מלפני בעלתו כיולדה ואומר בשעה שמעביר האומות מפני ישראל היאך אאביד אלו מפני אלו: פמליא של מעלה ושל מטה. מלאכים וישראל. אפילו כגוים לא נרכיך: רהיט ונפל תורא ואזיל ושדי סוסיא באוריה. כשרץ השור ונפל מעמידין סוס במקומו באבוסו מה שלא היה רוצה לעשות קודם מפלתו של שור שהיה חביב שורו ביותר ובשמתרפא שורו ביום אחר לאחר ממפלתו קשה לו להוציא סוסיא מפני כשור לאהר שהעמידו שם כך הקב"ה כיון

---

געזאגט משיח זאל קומען נאר איך וויל איהם ניט זעהן. האט ריש לקיש געזאגט צו רבי יוחנן פאר וואס ווילסטו איהם ניט זעהן. מיר זאלען זאגען ווייל עס שטייט אין פסוק אזוי ווי א מענטש אנטלויפט פאר א לייב און עס בעגעגנט איהם א בער און ער קומט אריין אין שטוב און ער לייגט ארויף די האנט אויף די וואנט טוהט איהם א ביס א שלאנג. אזוי וועט זיין ווען משיח וועט קומען פון איין צרה וועט מען ארויס גיין און אין די אנדערע צרה וועט מען אריין קומען. פאר דעם האסטו מורא. קום איך וועל דיר ווייזן אזוי אגלייכען היינטיגע צייטען. אז א מענטש גייט ארויס אין פעלד און דער סנטר (דער וואס מעסט דא פעלדער) בעגעגנט איהם. איז ביי איהם גלייך ווי א לייב וואלט איהם געטראפען. אז ער גייט אריין אין שטאט און דער גבאי וואס נעמט צו זאמען די קייזערליכע פאדאטקעס בעגעגנט איהם. איז ביי איהם גלייך ווי א בער וואלט איהם געטראפען. אז ער גייט אריין אין שטוב און ער טרעפט זיינע זיהן און זיינע טעכטער זענען פאר חלשות פון הונגער איז ביי איהם גלייך ווי א שלאנג וואלט איהם געביסען. זעהן מיר אז היינט איז אויך אזוי. א מענטש גייט פון איין צרה ארויס און אין די אנדערע צרה גייט ער אריין. נאר דורך דעם וויל איך ניט זיין אין די צייט ווען משיח וועט קומען ווייל עס שטייט אין פסוק פרעגט און זעהט אויב א זכר איז געבארען געווארען. פאר וואס האב איך געזעהן כל גבר ידיו על חלציו יעדער מענטש האלט זיינע הענט אויף זיינע לענדען אזוי ווי א געווינערין ונהפכו כל פנים לירקון און אלע פנימער פון די מענטשען זענען פארקערט געווארען צו געל ודער פסוק שמועסט פון דער צייט ווען משיח וועט קומען. און ער גלייכט דאס יודישע ארויס גיין פון גלות אזוי ווי א געווינערין וואס דארף געבארען א קינד און זיא גייט שווער צו קינד. און אלע מענטשען וואס זענען ביי דער געווינערין און זעהן אירע יסורים האלט יעדער זיינע הענט אויף די לענדין. און אלע פנימער זענען געל. אזוי וועט זיין גרויס דער צער און די יסורים פון די יודין. וואס מיינט מען איך האב געזעהן כל גבר. האט רבא בר יצחק גזאגט פון רבס וועגין גבר מיינט מען שטארקייט. אפילו גאט וואס די גאנצע שטארקייט איז זיינע וועט אויך האבען צער. און וואס מיינט מען אלע פנימער חערין פארקערט ווערין צו געל. ווער זענען די אלע פנימער. האט רבי יוחנן גזאגט פמליא של מעלה און פמליא של מטה. די מלאכים וואס זענען אין הימעל און די יודין וואס זענען אויף דער ערד. דער פנים פון אלע וועט זיין געל. אין די צייט וועט גאט זאגען די יודין האב איך בשאפען און די פעלקער פון דער וועלט האב איך אויך בשאפען. ווי אזוי וועל איך פאר ליר ן די א פעלקער פאר די יודין. רב פפא זאגט דאס איז

ושדי ליה סוסיא באורייה :

מז **אמר** רב גידל אמר רב עתידין ישראל דאכלי שני משיח א"ר יוסף פשיטא ואלא מאן אכיל להו חילק ובילק אכלי להו לאפוקי מדרבי הלל דאמר אין משיח לישראל שכבר אכלוהו בימי חזקיה . אמר רב לא איברי עלמא אלא לדוד ושמואל אמר למשה ור' יוחנן אמר למשיח . מה שמו דבי ר' שילא אמרי שילה שמו שנא' (בראשית מט) עד כי יבא שילה . דבי ר' ינאי אמרי ינון שמו שנאמר (תהלים עב) יהי שמו לעולם לפני שמש ינון שמו . דבי רבי חנינא אמרי חנינא שמו שנאמר (ירמיה טז) אשר לא אתן לכם חנינה . וי"א מנחם בן חזקיה שמו שנאמר (איכה א) כי רחק ממני מנחם משיב נפשי . ורבנן אמרי חוורא דבי רבי שמו שנאמר (ישעיה נג) אכן חלינו הוא נשא ומכאובינו סבלם ואנחנו חשבנוהו נגוע מוכה אלהים

שבא מפלתן של ישראל נוהן גדולתן לאוה"ע וכשחוזרין ישראל בתשובה ונגאלין קשה לו לאבד אוה"ע מפני ישראל . אוריה כמו אורוות סוסים : דאכלי שני משיח . שובע שיהיה באותן הימים לישראל יהיה : אלא חילק ובילק אכלי להו . כך היו רגילין לומר כאדם שאומר פלוני ופלוני יאכלוהו וכמה ' חוזין לא חילק ידעינא ולא בילק ידעינא . ולי נראה דמשמעות לשון חילק ובילק לשון תערובת כמו ומבולקה ואמרינן בחולין לא חילק דרבנן דמצריכין לחלק הסימן שמצריכין לחלק כל הטבעת ולשייר על פני כולה ולא בילק לר' יוסי שמצריך הסימן שחותך קצת בתוך הטבעת והשאר חוץ לטבעת ונראה למורי דאין לו משמעות לא הכא ולא התם . נ"א חילק ובילק שני דייני סדום שהיו שמותיהם כך : אין משיח לישראל . שחזקיה היה משיח ועליו נאמרו כל הנבואות אצמיח קרן לבית ישראל ועמד ורעה בעוז ה' : אלא לדוד . בזכותו שהיה עתיד לומר כמה שירות ותשבחות : למשה . בשביל משה שהיה עתיד לקבל את התורה : מה שמו . של משיח : ינון שמו . כמו ינאי כל אחד היה דורש אחר שמו : לפני שמש עד שלא נברא היה שמו ינון והיינו אחד משבעה דברים שעלו במחשבה לבראות : ולא אתן לכם חנינה . עדיין לא יבא משיח : מנחם . בן חזקיה : חוורא דבי רבי , מצורע של

---

איז וואס מענטשין זאגין אז דער אקס לויפט אונ פאלט אונ ווערט קראנק . שטעלט מען דעם פערד אויף זיין ארט ביי דיא קארעטע . אונ פריער איידער דער אקס איז גיפאלען וואלט מען ניט צו גינומען דעם אקס פון דיא קארעטע מען זאל שטעלין דעם פערד אויף זיין ארט . ווארום דער אקס איז ביא איהם טייערער וויא דער פערד . אונ איצט אז דער פערד שטייט שוין אונ דער אקס ווערט גיזונד וויל ער שוין ניט צו נעמען דעם פערד אונ צוריק שטעלין דעם אקס . ביי גאט איז אויך אזוי אז דיא יודין פאלען גיט ער אוועק זייער גרוסקייט צוא די גוים . אונ דער נאך אפילו יודין טוהען שוין תשובה איז שוין ביי גאט שווער צו פארליערען די פעלקער פאר יודינס וועגין :

מח **אמר** . רב גידל האט גזאגט פון רבס וועגין דיא זעט וואס עס וועט זיין אין דיא צייטין ווען משיח וועט קומען . וועלין דאס יודין עסין . האט רב יוסף גזאגט געווים וועט אזוי זיין . ווארום ווער דען וועט דאס עסין . חילק אדער בילק וועלין דאס עסין . זאגט דיא גמרא רב מיינט צו זאגין אז עס איז ניט וויא רבי הלל האט גזאגט . אז צוא יודין וועט גאר ניט קומען משיח ווארום דעם זכות פון משיח האבען שוין ; יא יודין לאנג אויף גיגעסין אין דיא צייטין פון חזקיה המלך . דריבער זאגט רב אז צו יודין וועט נאך קומען משיח אונ דיא יודין וועלין נאך עסין דאס גוטס וואס עס וועט זיין אין משיחס צייט . רב זאגט דיא וועלט איז נאר בשאפען גיווארין אין דעם זכות פון דוד המלך . שמואל זאגט אין דעם זכות פון משה רבינו . רבי יוחנן זאגט אין דעם זכות פון משיח . וויא איז דער נאמען פון משיח דבי רבי שילא זאגין זיין נאמען איז שילה . אזוי וויא עס שטייט אין פסוק ביז שילה וועט קומען . דבי רבי ינאי זאגין זיין נאמען איז ינון . אזוי וויא עס שטייט אין פסוק זיין נאמען זאל זיין אויף אייביג . פאר דיא זוהן נאיידער דיא זוהן איז בשאפען גיווארין איז גיוועזן דער נאמען פון משיח ינון . דבי רבי חנינא האבען גזאגט דער נאמען פון משיח איז חנינה . אזוי וויא עס שטייט אין פסוק אשר לא אתן לכם חנינה . איך וועל ניט געבין צוא אייך דעם מלך המשיח וואס ער הייסט חנינה . אנדערע זאגין זיין נאמען איז מנחם בן חזקיה . אזוי וויא עס שטייט אין פסוק ער האט דער ווייטערט פון מיר דעם משיח וואס ער הייסט מנחם וואס ער ברוהיגט מיין נפש . די רבנן זאגין דער נאמען פון משיח איז חורא דבי רבי דער מצורע וואס איז ביא רבין . אזוי וויא עס שטייט אין פסוק באמת אונזער קראנקייט טראגט ער אונ אונזערע שמערצין ליידט ער אונ

מיר

אלהים ומעונה. אמר רב נחמן אי מן חייא הוא כגון אנא שנאמר (ירמיה ל) והיה אדירו ממנו ומושלו מקרבו יצא. אמר רב אי מן חייא הוא כגון רבינו הקדוש אי מן מתייא הוא כגון דניאל איש חמודות. אמר רב יהודה אמר רב עתיד הקב"ה להעמיד להם דוד אחר שנאמר (שם) ועבדו את ה' אלהיהם ואת דוד מלכם אשר אקים להם הקים לא נאמר אלא אקים א"ל רב פפא לאביי והכתיב (יחזקאל ל) ודוד עבדי נשיא להם לעולם כגון קיסר ופלג קיסר. דרש ר' שמלאי מאי דכתיב (עמוס ה) הוי המתאוים את יום ה' למה זה לכם יום ה' הוא חשך ולא אור משל לתרנגול ועטלף שהיו מצפים לאור א"ל תרנגול לעטלף אני מצפה לאורה שאורה שלי הוא ואתה למה לך אורה (דף צט) והיינו דא"ל ההוא צדוקי לרבי אבהו אימתי אתי משיח א"ל לכי חפי גהו חשוכא להנהו אינשי א"ל מילט קא לייטת לי א"ל קרא כתיב כי.

בית כו': אי מן חייא הוא כגון רבינו הקדוש. אם משיח מאותן שחיים עכשיו ודאי היינו רבינו הקדוש דסובל תחלואים והסיד גמור הוה כדאמרינן בב"מ: ואם. הוא מאותן שמתו כבר היינו דניאל איש חמודות שנדון ביסורין בגוב אריות וחסיד גמור היה וכאי כגון לאו דווקא נ"א כגון רבינו הקדוש כלומר אם יש דוגמתו בחיים היינו רבינו הקדוש ואם דוגמא הוא למתים היינו כגון דניאל איש חמודות: דוד אחר. בעתיד למלוך עליהם: אקים. הקים לא נאמר אלא אקים: כגון קיסר ופלג קיסר. מלך ושני לו כך דוד התחת מלך כדכתיב ודוד מלכם אשר אקים ודוד המלך בני לו דכתיב נשיא להם ולא כתיב מלך: עטלף. קלב"א שורי"ץ בלע"ז ואין לו עינים: שאורה שלי הוא. יש לי עינים לראות ומאלתי נהנית בה כך ישראל מצפין

---

מיר האבען אים גירעכענט אז ער איז גיפלאגט און גישלאגין פון גאט און גיפייניגט פאר זיינע עבירות. און איצט זעהן מיר אז ער האט גאר ניט גיזינדיגט נאר ער טראגט אויף זיך דעם שטראף פון אונזערע זינד. און וויל רבי האט אויך גיטראגען יסורים פאר דער טובה פון דער וועלט אזוי וויא עס שטייט אין מסכת בבא מציעא. דריבער רופט מען משיחן דער מצורע פון רבין. רב נחמן האט גיזאגט אויב משיח איז איינער פון דיא מענטשין וואס לעבין איצט. בין איך משיח. ווארום עס שטייט אין פסוק דער שטארקער וועט זיין פון אים. און דער גיוועלטיגער וועט פון איהם ארויס גיין. דאס מיינט מען משיח וואס ער איז דער שטארקער און דער גיוועלטיגער וועט ער זיין פון דוד המלך וואס ער איז פון שבט יהודה. און וויל רב נחמן איז אויך גיוועזן פון שבט יהודה און פון דיא משפחה פון דוד דריבער האט ער גירעכענט אויף זיך אז ער קען זיין משיח. רב זאגט אויב משיח איז איינער פון דיא מענטשין וואס לעבין איצט. וועט דאס זיין אונזער הייליגער רבי דאס איז רבי יהודה הנשיא וואס מען האט איהם גירופען רבין. און אויב משיח איז איינער פון דיא וואס זענען שוין גישטארבען. וועט דאס זיין דניאל איש חמודות. רב יהודה האט גיזאגט פון רבס וועגין גאט וועט אויף שטעלין צו יודין איין אנדער דוד וואס ער וועט זיין א מלך אויף זייא. אזוי וויא עס שטייט אין פסוק זייא וועלין דינען צו ה' וואס ער איז זייער גאט און צו זייער מלך דוד אשר אקים להם. וואס איך וועל איהם אויף שטעלין צו זייא. עס שטייט ניט אשר הקים להם. וואס איך האב איהם אויף גישטעלט צו זייא. נאר וואס איך וועל אויף שטעלין. זעהן מיר אז גאט וועט איצט אויף שטעלין א נייעם דוד וואס ער וועט זיין א מלך אויף דיא יודין. האט רב פפא גיזאגט צו אביי עס שטייט דאך אין פסוק מיין קנעכט דוד וועט זיין צוא זייא א נשיא אויף אייביג. זאגט דיא גמרא עס וועט זיין א קיסר און א האלבער קיסר. דער נייער דוד וועט זיין א מלך. און דער אלטער דוד וועט זיין א נשיא. א האלבער מלך. רבי שמלאי האט גידרשת עס שטייט אין פסוק זייא גלוסטין צום טאג פון גאט צו וואס טויג אייך דער טאג פון גאט ער איז פינסטער ניט ליכטיג. דאס איז גיגליכען צו א האן מיט א פלעדער מויז האבען גיווארט ווען וועט שוין ווערין טאג. האט דער האן גיזאגט צו דיא פלעדער מויז איך האף צו דיא ליכטיגקייט איז רעכט ווארום דיא ליכטיגקייט איז מיינע. ביי נאכט זעה איך ניט אז עס וועט ווערין ליכטיג וועל איך זעהן. אבער דוא ביסט דאך פארקערט ביי נאכט זעהסטו און ביי טאג זעהסטו ניט. צו וואס האפסטו אויף דיא ליכטיגקייט. דער נביא וואונדערט זיך אויך. יודין האפען

אויף

(ישעיה ס) כי הנה החשך יכסה ארץ וערפל לאומים ועליך יזרח ה' וכבודו עליך יראה. תנא ר' (אלעזר) [אליעזר] אומר ימות המשיח ארבעים שנה שנאמר (תהלים צה) ארבעים שנה אקוט בדור. ר' אלעזר בן עזריה אומר ע' שנה שנאמר (ישעיה כג) והיה ביום ההוא ונשכחת צור שבעים שנה כימי מלך אחד אי זהו מלך מיוחד הוי אומר זה משיח. ר' אומר שלשה דורות שנאמר (תהלים עב) ייראוך עם שמש ולפני ירח דור דורים. רבי הלל אומר אין להם משיח לישראל שכבר אכלוהו בימי חזקיהו אמר רב יוסף שרא ליה מריה לר' הלל הזקיה אימת הוה בבית ראשון ואילו זכריה קא מתנבי בבית שני ואמר (זכריה ט) גילי מאד בת ציון הריעי בת ירושלים הנה מלכך יבא לך צדיק ונושע וגו':

לגאולה שיהיה ה' יהיה להם אור גדול אבל העכו"ם למה מקויה אותו הרי הוא להם חשך ולא אור: ה"ג היינו דא"ל ההוא מינא לר' אבהו וכו': הקיפו בדור. הקץ ישראל ואמלוך עליהם כמו נקיפ נקטיה: ארבעים שנה אקוט בדור. אעשה בדור קטן של מ' שנה שהוא משונה מדורות שלפניו ומשהאי היינו משיח שבימים גדולים יהיו בדורו ופשטיה דקרא מיהא גבי מתי מדבר אבל מדכתיב אקוט משמע אף להבא כמו מהגבא: מיוחד. השוב: ה"ג רבי אומר ג' דורות שנא' ייראוך עם שמש: כלומר בימי משיח שכתוב בו לפני שמש ינון שמו ייראוך כל ישראל ולפני ירח לפני מלכות בית דוד שמשל לירח כדכתיב כירח יכון עולם וגו' כמו כן ייראוך דור דורים דור אחד דורים ב' הרי ג': אין להם משיח לישראל. אלא הקב"ה ימלוך בעצמו ויגאלם לבדו: שרא ליה מריה. ימחול לו הקב"ה שאמר דברים אשר לא כן: ואילו זכריה מיהא מתנבא על משיח בבית שני. דכתיב בתרי עשר הנה מלכך יבא לך וגו' ואלו היינו זכריה בן יהוידע הכהן שנבא בבית ראשון אלא זכריה בן ברכיה שהיה במלכות דריוש:

תניא

אויף דעם טאג פון גאט זייא זאלין אויס גילייזט ווערין פון גלות. איז רעכט ווארום היינט איז זייא פינסטער. שפעטער וועט זייא זיין ליכטיג. אבער די גוים וואס האפין זייא צו דעם טאג. בייא זייא איז דאך פאר קערט. היינט איז זייא ליכטיג אונ שפעטער וועט זייא זיין פינסטער. דאס איז וואס אאפיקורוס האט גזאגט צו רבי אבהו ווען וועט קומען משיח. הט רבי אבהו גזאגט צום אפיקורוס אז דיא פינסטערניש וועט בדעקין דיא מענטשין. דאמאלס וועט קומען משיח. האט דער אפיקורוס גזאגט צו רבי אבהו דו פלוכסט מיך. האט רבי אבהו גזאגט צום אפיקורוס איך מיין ניט צו פלוכען. איך זאג נאר אזוי וויא עס שטייט אין פסוק די פינסטערניש וועט בדעקין דיא ערד. אונ דיא שטארקע פינסטערניש וועט בדעקין דיא פעלקער. אונ אויף דיר (אויף דיא יודין) וועט גאט מאכען שיינען אונ זיין כבוד וועט אויף דיר גיזעהן ווערין. מיר האבען גילערונט רבי אליעזר זאגט דיא צייט פון משיחן וועט דויערין פערציג יאהר. אזוי וויא עס שטייט אין פסוק ארבעים שנה אקוט בדור. דיא צייט וואס איך וועל אן נעמען דיא יודין אונ איך וועל אויף זייא קיניגען וועט דויערין פערציג יאהר. רבי אלעזר בן עזריה זאגט דיא צייט פון משיח וועט דויערין זיבעציג יאהר. אזוי וויא עס שטייט אין פסוק אונ עס וועט זיין אין דעם טאג וועט צור פאר געסין ווערין אויף זיבעציג יאהר אזוי וויא דיא טעג פון איין מלך. ווער איז דאס דער איין מלך. דאס איז דער מלך המשיח. זעהן מיר אז דיא צייט פון משיח וועט דויערין זיבעציג יאהר. רבי זאגט עס וועט דויערין דרייא דורות. אזוי ווי עס שטייט אין פסוק ייראוך עם שמש. ווען עס וועט זיין דיא צייט פון דיא זוהן (פון משיח) וואס ער איז געגליכען צו דיא זוהן) וועלין אלע מול א האבען פאר גאט. ולפני ירח. אונ אידער עס וועט קומען דיא לבנה (דאס מיינט מען דיא מלוכה פון דוד וואס ער איז געגליכען צוא דיא לבנה). וועט מען מורא האבען פאר גאט דור דורים. דור איז איינס דורים איז צווייא. איז דרייא דורות. רבי הלל זאגט יודין וועלין ניט האבען קיין משיח. נאר גאט אליין וועט אויף זיי קיניגען. דער מלך חזקיהו איז שוין גיוועזן משיח. אונ יודין האבען איהם אויף גיגעסין (דאס מיינט מען זייא האבען איהם פאר זינדיגט. ווען זייא וואלטין ווערט גיוועזן וואלט דיא לעצטע גאולה גיוועזן דורך חזקיהו. האט רב יוסף גזאגט גאט זאל מוחל זיין צו רבי הלל. וואס ער זאגט אז חזקיה איז גיוועזן משיח. אונ מער וועט שוין קיין משיח ניט זיין. ווארום חזקיה איז גיוועזן ביי דעם ערשטין בית המקדש. אונ דער נביא זכריה איז גיוועזן ביי דעם אנדערין בית המקדש. אונ ער האט נביאות גזאגט פריי דיך זייער דוא טאכטער ציון. דוא זאלסט שאלין

דוא

**מט תניא** אידך ר' אליעזר אומר ימות המשיח ארבעים שנה כתיב הכא (דברים ח) ויענך וירעיבך ויאכילך את המן וכתיב התם (תהלים צ) שמחנו כימות עניתנו שנות ראינו רעה ורבי דוסא אמר ת' שנה שנאמר שמחנו כימות עניתנו וגו' וכתיב (בראשית טו) ועבדום וענו אותם ארבע מאות שנה. רבי אומר שס"ה שנה כמנין ימות החמה שנאמר (ישעיה סג) כי יום נקם בלבי ושנת גאולי באה מאי יום נקם בלבי א"ר יוחנן ללבי גליתי לאברי לא גליתי ר' שמעון בן לקיש אומר ללבי גליתי למלאכי השרת לא גליתי. תני אבימי בריה דר' אבהו ימות המשיח לישראל שבעה אלפים שנה שנאמר (שם) ומשוש חתן על כלה ישיש עליך אלהיך. אמר רב יהודה אמר שמואל ימות המשיח כמיום שנברא העולם ועד עכשיו שנאמר (דברים יא) כימי השמים על הארץ. רב נחמן בר יצחק אמר כימי נח עד עכשיו

רבי אומר שס"ה כמנין ימות החמה דכתיב כי יום נקם בלבי ושנת גאולי באה. ליום נקם של מרגלים מ' יום מה יום נקם של מרגלים שנה אחת לכל יום דכתיב יום לשנה יום לשנה גו' אף שנת גאולי באה שנה ליום שנה שכל יום ויום של שנה זו הכתובה שנת גאולי במקרא זה נותנין שנה אחת ואית דגרסי רבי אומר שס"ה אלפים שנה דכתיב ושנת גאולי באה ושנה של הקב"ה הכי הוי דכתיב כי אלף שנים בעיניך כיום: לאברי לא גליתי. אלא גליתי דבר מפי שיהיו אברי יכולין לשמוע אלא ללבי היה טמון הדבר: ועד עכשיו. עד ימות המשיח: למען ירבו ימיכם כימי השמים על הארץ. ולא עמדו באחרים כ"כ אלא עתידין לעמוד כשיגלה משיח: כמשוש החתן. שבעת ימי המשתה כן ישיש עליך ז' ימים ויומו של הקב"ה אלף שנה:

---

דו טאכטער ירושלים. דיין מלך וועט קומען צו דיר. ער איז א צדיק אונ א גיהאלפענער. ווען מיר אז משיח וועט נאך קומען:

**מט** תניא. נאך אין א ברייתא האבען מיר גילערנט רבי אליעזר זאגט דיא צייט פון משיח וועט דויערן פערציג יאהר. וואריום דא שטייט גאט האט דיך גיפייניגט אונ האט דיך הונגעריג גימאכט אונ האט דיר גיגעבין עסין מן. זעהן מיר אז גאט האט גיפייניגט יודין פערציג יאהר. אונ דארט שטייט אין פסוק דוא זאלסט אונז דער פרייען אזוי וויא דיא טעג וואס דוא האסט אונז גיפייניגט אזוי וויא דיא יאהרין וואס מיר האבין גיזעהן שלעכטס. אונ יודין זענען דאך גיפייניגט גיווארין אין דער מדבר פערציג יאהר. וועלין זייא זעהן דיא גוטס פון משיח אויך פערציג יאהר. רבי דוסא זאגט דיא יאהרין פון משיח וועט זיין פיר הונדערט יאר, אזוי וויא עס שטייט אין פסוק דוא זאלסט אונז דער פרייען אזוי וויא דיא טעג וואס דוא האסט אונז גיפייניגט. אונ אין מצרים האט מען יודין גיפייניגט פיר הונדערט יאהר. רבי זאגט דיא יאהרין פון משיח וועלין זיין דריי הונדערט פינף אונ זעכציג יאהר. וויא פיל טעג עס איז דא אין איאהר נאך דעם חשבון פון דיא זוהן. אזוי וויא עס שטייט אין פסוק כי יום נקם בלבי. אזוי וויא דיא צייט וואס איך האב גיטאהן א נקמה אן דיא יודין. ביי דיא עבירה פון דיא מרגלים. האב איך דאך גירעכנט א טאג פאר א יאהר. ושנת גאולי באה. אזוי דער יאהר פון מיין אויס לייזונג וואס וועט קומען. וועט אויך גירעכנט ווערין א טאג פאר א יאהר. דריי הונדערט פינף אונ זעכציג טעג איז דא אין א יאהר. וועט זיין דיא צייט פון משיח דריי הונדערט פינף אונ זעכציג יאהר. וואס מיינט מען דער טאג פון נקמה. איז אין מיין הארץ. רבי יוחנן זאגט גאט זאגט דעם טאג פון נקמה האב איך נאר גיזאגט אין מיין הארץ. אבער צו מיינע גלידער האב איך ניט גיזאגט. רבי שמעון בן לקיש זאגט גאט זאגט דעם טאג פון נקמה האב איך נאר גיזאגט אין מיין הארץ. אבער צו די מלאכים האב איך ניט גיזאגט אבימי בריה דרבי אבהו האט גילערנט דיא צייט פון משיח וועט זיין צו דיא יודין זיבען טויזענד יאהר. אזוי וויא עס שטייט אין פסוק אזוי וויא א חתן פרייט זיך מיט זיין כלה זיבען טעג. אזוי וועט גאט זיך פרייען מיט דיר זיבען טעג. אונ דער טאג פון גאט איז טויזענד יאהר, איז דאס זיבען טויזענד יאהר. רב יהודה האט גיזאגט פון שמואל וועגין דיא צייט פון משיח וועט זיין אזוי לאנג וויא פון דעם טאג וואס דיא וועלט איז בשאפען גיווארין ביז משיח וועט קומען. אזוי וויא עס שטייט אין פסוק אייערע טעג וועלין גימערט ווערין וויא דיא טעג וואס דער הימעל איז איבער דיא ערד. רב נחמן בר יצחק

זאגט

עכשיו שנאמר (ישעיה נד) כי מי נח זאת לי אשר נשבעתי. א"ר חייא בר אבא א"ר יוחנן כל הנביאים לא נתנבאו אלא לימות המשיח אבל לעה"ב (שם) עין לא ראתה אלהים זולתך יעשה למחכה לו ופליגא דשמואל דאמר שמואל אין בין העה"ז לימות המשיח אלא שעבוד מלכיות בלבד. וא"ר חייא בר אבא א"ר יוחנן כל הנביאים לא נתנבאו אלא לבעלי תשובה אבל צדיקים גמורים עין לא ראתה אלהים זולתך ופליגא דרבי אבהו דא"ר אבהו מקום שבעלי תשובה עומדים שם אין צדיקים גמורים יכולין לעמוד שם שנאמר (שם נז) שלום שלום לרחוק ולקרוב אמר ה' ורפאתיו ברישא רחוק והדר קרוב מאי רחוק דמעיקרא ומאי קרוב קרוב דמעיקרא ודהשתא ור' יוחנן אמר לרחוק שהוא רחוק מעבירה קרוב שהוא קרוב מעבירה ונתרחק ממנה. וא"ר חייא בר אבא א"ר יוחנן כל הנביאים כולן לא נתנבאו אלא למשיא בתו לתלמיד חכם

כי מי נח. כמו כימי נח. כחשבון השנים שמשגא בידי להיות וזמן שנשבעתי מעבור מי נח עוד על הארץ כן נשבעתי כפי אותו חשבון נשבעתי מקצוף עליך ומגער בך שלא אחריב את עולמי לאחר ביאת משיח עד שיכלה זה הזמן: לא נתנבאו. טובה לישראל: עין לא ראתה. אין קץ לדבר: צדיקים אין עומדין. דגדול כחן של בעלי תשובה שאין כל בריה יכולה לעמוד במחיצתן: ברישא לרחוק. שנתרחק מן הקב"ה והח"כ שב אליו בתשובה: והדר. שלום לקרוב מעיקרו צדיק גמור דגדול כחן של בעלי תשובה: שהיה רחוק מעבירה כל ימיו. דהיינו צדיק גמור:

---

זאגט דיא צייט פון משיח וועט זיין אזוי לאנג וויא פון נאך דעם מבול ביז משיח וועט קומע אזוי וויא עס שטייט אין פסוק כי מי נח זאת לי אשר נשבעתי. וויא פיל יאהרין עס איז פון דיא צייט וואס איך האב גישווארין עס זאל שוין מער נישט זיין קיין מבול ביז משיח וועט קומען. אזוי לאנג וועט זיין די צייט פון משיח:

רבי חייא בר אבא האט גזאגט פון רבי יוחנן וועגין אלע נביאים האבען נישט מער נביאות גזאגט נאר אויף דיא גוטס וואס וועט זיין ווען משיח וועט קומען. אבער דיא גוטס וואס וועט זיין צו עולם הבא האט קיין אויג ניט גיזעהן נאר גאט אליין וועט טאהן דיא גוטס צו דיא מענטשי וואס האפין צו איהם. אונ רבי יוחנן קריגט אויף שמואל. ווארום שמואל האט גזאגט ווען משיח וועט קומען וועט נאך גאר ניט זיין קיין גוטס. אונ פון איצטיגע צייט צוא דער צייט פון משיח וועט ניט מער זיין אאונטערשייד. נאר וואס מען וועט ארויס גיין פון גלות. אונ דאס גוטס וואס דיא נביאים האבען גזאגט דאס איז צו עולם הבא. נאך דאס רבי חייא בר אבא גזאגט פון רבי יוחנן וועגין. אלע נביאים האבען נישט מער נביאות גזאגט נאר אויף דאס גוטס וואס וועלין האבען דיא רשעים וואס וועלין תשובה טאהן. אבער דאס גוטס וואס דיא אמתה צדיקים וועלין האבען. דאס האט נאך קיין אויג ניט גיזעהן נאר גאט אליין. אונ רבי יוחנן וואס ער זאגט אז אמתה צדיקים זענען גרעסער וויא רשעים וואס טוהען תשובה. קריגט ער אויף רבי אבהו. ווארום רבי אבהו האט גזאגט אויף דעם ארט וואו דיא רשעים וואס האבען תשובה גיטאהן וועלין שטיין. דארטין וועלין אמתה צדיקים ניט קענען שטיין. ווארום בעלי תשובה וועלין זיין גרעסער וויא אמתה צדיקים. אזוי וויא עס שטייט אין פסוק גאט האט גזאגט שלום שלום צום ווייטען אונ צום נאנטין אונ איך וועל איהם היילין. פריער האט גאט גזאגט שלום צום ווייטען. דער נאך האט גאט גזאגט שלום צום נאנטען. וואס מיינט מען צום ווייטען. דער וואס איז גיוועזן פריער ווייט פון גאט. דער נאך איז ער גיווארין נאנט. ער האט גיטאהן תשובה. אונ וואס מיינט מען צום נאנטען. דער וואס איז גיוועזן נאנט צו גאט פון אנהייב אן. ער האט קיין מאהל ניט געזינדיגט. זעהן מיר אז א בעל תשובה איז נענטער צו גאט וויא א צדיק. רבי יוחנן זאגט אז א צדיק איז נענטער צו גאט ווי א בעל תשובה. דער ווייטער מיינט מען ער איז ווייט פון עבירות דאס איז א צדיק. דער נאנטער מיינט מען ער איז גיוועזן נאנט צו עבירות אונ ער האט זיך דער ווייטערט פון זייא. ער האט גיטאהן תשובה. נאך האט גזאגט רבי חייא בר אבא פון רבי יוחנן וועגין אלע נביאים האבען נישט מער נביאות גזאגט נאר דאס גוטס וואס וועט זיין צו דעם מענטש וואס גיט זיין טאכטער פאר א ווייב צוא

אתלמיד

לאפיקורוס ומגלה פנים: מפרש לקמן: נגרית בשר. מילה: מכאן. מן כפסוק הזה בכתוב כי דבר ה' בזה א"ר אלעזר וכו' מחלל את הקדשים דמחלל קדשים ומבזה מועדות ומגלה פנים בתורה היינו דבר ה' בזה דהיינו היא: מפר ברית. היינו את כריתי הבשר: מועדות. הולו של מועד:

חכם ולעושה פרקמטיא לתלמיד חכם ולמהנה ת"ח מנכסיו אבל ת"ח עצמן עין לא ראתה אלהים זולתך. מאי עין לא ראתה א"ר יהושע בן לוי זה יין המשומר בענביו מששת ימי בראשית ריש לקיש אמר זה עדן שלא ראתה עין מעולם. וא"ת אדם היכן דר בגן. וא"ת גן הוא עדן ת"ל (בראשית ב) ונהר יוצא מעדן להשקית את הגן:

**ג פיסקא** והאומר אין תורה מן השמים. ת"ר (במדבר טו) כי דבר ה' בזה ואת מצותו הפר הכרת הכרת זה האומר אין תורה מן השמים. ד"א כי דבר ה' בזה זה אפיקורוס. דבר אחר כי דבר ה' בזה זה המגלה פנים בתורה ואת מצותו הפר זה המפר ברית בשר הכרת תכרת הכרת בעה"ז תכרת בעה"ב מכאן אמר ר' אלעזר המודעי המחלל את הקדשים ומבזה את המועדות והמפר בריתו של אברהם אבינו והמגלה פנים בתורה שלא כהלכה והמלבין פני חבירו ברבים אע"פ שיש בידו תורה ומעשים טובים אין לו חלק לעה"ב תניא אידך כי דבר ה' בזה זה האומר אין תורה מן השמים ואפילו אמר

כל

---

אַתַּלְמִיד חָכָם. אונ צוא דעם וואס מאכט אַהאַנְדיל צו אַתַּלְמִיד חָכָם. אונ צו דעם וואס גיט פון זיין פאר מעגין צו אַתַּלְמִיד חָכָם ער זאל פון איהם הַנָאָה האבען. אָבער דאס גוטס וואס וועט זיין צום תַּלְמִיד חָכָם אַליין. האט קיין אויג ניט גיזעהן נאר גאט אַליין. וועלכעס איז דאס גוטס וואס קיין אויג האט נאך ניט גיזעהן. רַבִּי יְהוֹשֻׁעַ בֶּן לֵוִי זאגט דאס איז דער ויין וואס ער איז נאך געהיט אין די טרויבען פון דער צייט וואס די וועלט איז בשאפען גיווארין. וועט מען אויס קוועטשין די טרויבען אונ דעם ויין וועט מען געבען טרינקען צו די תַּלְמִידֵי חֲכָמִים. רֵיש לָקִישׁ זאגט דאס מיינט מען דעם עֵדֶן וואס קיין אויג האט איהם נאך ניט געזעהן. וועסטו פרעגין וואו איז אָדָם הָרִאשׁוֹן גיוועזען. אָדָם איז גיוועזען אין גַן. וועסטו וועלין זאגין אַז גַן איז דאס זעלביגע וואס עֵדֶן. זאגט דער פָּסוּק אַטייך גייט אַרויס פון עֵדֶן אַן צו טרינקען דעם גַן. זעהן מיר אַז גַן איז אַבעזונדער אָרט אונ עֵדֶן איז אַבעזונדער אָרט. גַן איז דער גארטין פון עֵדֶן. אונ אין דעם גארטין איז גיוועזען אָדָם. אָבער דעם עֵדֶן האט נאך קיין מענטש ניט גיזעהן:

ג פיסקא וְהָאוֹמֵר. אונ דער וואס זאגט די תּוֹרָה איז ניט גיגעבען גיווארין פון הימעל. הייסט ער אַפִּיקוֹרוֹס. די רַבָּנָן האבין גילערונט עס שטייט אין פָּסוּק די רייד פון גאט האט ער פאר שעמט. אונ זיין גיבאט האט ער פאר שטערט. זאל ער פאר שניטען ווערין: וואס מיינט מען ער האט פאר שעמט די רייד פון גאט. ער האט גיזאגט אַז די תּוֹרָה איז ניט גיגעבען גיווארין פון הימעל. אַנדערע זאגין די רייד פון גאט האט ער פאר שעמט. דאס איז אַאַפִּיקוֹרוֹס. אַנדערע זאגין די רייד פון גאט האט ער פאר שעמט. דאס מיינט מען מְגַלֶּה פָּנִים בַּתּוֹרָה ווער לערנט אַפּאַרשין פְּשַׁט אין דער תּוֹרָה. זיין גיבאט האט ער פאר שטערט דס מיינט מען ער האט גישטערט די מִצְוָה פון מִילָה. וועט ער פאר שניטען ווערין פון דער וועלט. אונ ער וועט פארשניטען ווערין פון עוֹלָם הַבָּא. פון דעם פָּסוּק האט רַבִּי אֶלְעָזָר הַמּוֹדָעִי גיזאגט דער וואס האלט די היליגע פלייש פון קָרְבָּנוֹת. אַזוי וויא פּראָסטע פלייש. אונ דער וואס פאר שעמט דעם חול הַמּוֹעֵד ווער האלט דעם חול הַמּוֹעֵד אַזוי וויא אַפּראָסטין וואכעדיגען טאג. אונ דער וואס פארשטערט די מִצְוָה פון מִילָה. אונ דער וואס לערנט אַפְּשַׁט אין דער תּוֹרָה ניט ווי דער דין איז. אונ דער וואס פאר שעמט דעם פָּנִים פון זיין חָבֵר פאר פיל מענטשין. פאר די פינף עֲבֵירוֹת אֲפִילוּ ער. האט גילערונט תּוֹרָה אונ ער האט גיטאהן מִצְוֹת. פון דעסטוועגין האט ער ניט קיין חֵלֶק עוֹלָם הַבָּא. נאך אין אַבְּרַייתָא האבין מיר גילערונט עס שטייט אין פָּסוּק די רייד פון גאט האט ער פאר שעמט. דאס איז דער וואס זאגט די תּוֹרָה איז ניט גיגעבען גיווארין פון הימעל. אֲפִילוּ ער זאגט די גאנצע תּוֹרָה איז גיגעבען גיווארין

פון

כל התורה כולה מן השמים חוץ מפסוק זה שלא אמרו הקב"ה אלא משה מפי עצמו זה הוא כי דבר ה' בזה ואפילו אמר כל התורה כולה מן השמים חוץ מדקדוק זה מקל וחומר זה מג"ש זו זהו כי דבר ה' בזה. תניא היה רבי מאיר אומר הלומד תורה ואינו מלמדה זהו דבר ה' בזה. רבי נתן אומר כל מי שאינו משגיח על המשנה. ר' נהוראי אומר כל שאפשר לעסוק בתורה ואינו עוסק. ר' ישמעאל אומר זה העובד ע"ז מאי משמע דתנא דבי רבי ישמעאל כי דבר ה' בזה זה המבזה דביר שנאמר לו למשה מסיני (שמות כ) אנכי ה' אלהיך לא יהיה לך אלהים אחרים וגו'. ר' יהושע בן קרחה אומר כל הלומד תורה ואין חוזר עליה דומה לאדם שזורע ואינו קוצר. ר' יהושע אומר כל הלומד תורה ומשכחה דומה לאשה שיולדת וקוברת. רבי עקיבא אומר זמר (פ"ב) בכל יום זמר בכל יום אמר רב יצחק בר אבדימי מאי קראה שנאמר (משלי טז) נפש עמל עמלה לו כי אכף עליו פיהו הוא עמל במקום הזה ותורתו עומלת לו במקום אחר.

דקדוק זה. חכרות ויתרות: מקל וחומר (וזה) ומג"ש (זו). (ושאמר לו רבו גזירה שוה) לא גמר מרבו: המשנה. זה בעונה כמי שאינה עיקר: זה העובד ע"ז. היינו דבר ה' דבור בדבר הקב"ה בעצמו לישראל דהכי ולא יהיה לך מפי הגבורה שמענום: חוזר. לשונה: זמר בכל יום. היה מסדר תלמודו אע"פ שסדור בפיו כזמר והוא יגרום לך שתהא נעימה הבא בשמחה ובשירים: נפש עמל עמלה לו. מפני שעמל עמלה (לו) מפני שעמל בתורה תורה עומלת לו: כי אכף עליו פיהו. מפני שהוא משים דברים בפיו תמיד כאוכף שעל החמור. ל"א זמר כלו' שעוסק בשירים ובזמירות תדיר נעשה זמר כך החוזר על התורה נעשה לו התורה בפיו: תורה עומלת לו. שמחזרת עליו ומבקשת מאת קונה נמסור לו טעמי תורה וסתרים

א"ר

פון הימעל. נאר דעם פסוק האט ניט געזאגט גאט נאר משה אליין האט איהם געזאגט דאס הייסט שוין ער האט פאר שעמט די רייד פון גאט און אפילו ער זאגט דיא גאנצע תורה איז געגעבען געווארין פון הימעל נאר דאס לערנונג וואס דיא חכמים לערנען ווייל עס פעלט איין אות אין דיא תורה אדער ווייל עס איז מער צאות אין דיא תורה. דאס איז ניט געגעבען געווארין פון גאט: אדער ער זאגט דער קל וחומר איז ניט געגעבען געווארין פון גאט. אדער ער זאגט די גזרה שוה איז ניט געגעבען געווארין פון גאט. דאס הייסט ער האט פאר שעמט דיא רייד פון גאט:

מיר האבין געלערנט רבי מאיר פלעגט זאגין דער וואס לערנט תורה און ער וויל זיא ניט לערנין מיט אנדערע מענטשין. דאס הייסט אויך ער פאר שעמט די רייד פון גאט. רבי נתן זאגט דער וואס וויל ניט לערנען משניות. נאר חומש אליין. דאס הייסט אויך ער פאר שעמט דיא רייד פון גאט. וואָרום אן משניות קען מען ניט וויסען וואס עס שטייט אין דיא תורה. רבי נהוראי זאגט דער וואס האט צייט צו לערנען תורה און ער לערנט ניט. דאס הייסט אויך ער פאר שעמט דיא רייד פון גאט. רבי ישמעאל זאגט דער וואס דינט עבודה זרה הייסט אויך ער פאר שעמט דיא רייד פון גאט וואָרום דבי רבי ישמעאל האט געלערנט עס שטייט אין פסוק דיא רייד פון גאט האט ער פאר שעמט. דאס מיינט מען ער פאר שעמט די רייד וואס גאט האט גירעט צו משה אויף דעם בארג סיני איך בין דיין גאט און דוא זאלסט ניט האבין קיין אנדערע געטער. און ער דינט יא צו אנדערע געטער. רבי יהושע בן קרחה זאגט דער וואס לערנט תורה און ער חזרת ניט ער זאל געדיינקען. איז דאס גלייך ווא איינער פאר זייט תבואה און ער שנייט ניט. רבי יהושע זאגט דער וואס לערנט תורה און ער פאר געסט וואס ער לערנט. איז דאס גלייך צו אשה וואס האט געבארין קינדער און הט זיי בגראבין. רבי עקיבא זאגט אפילו דוא האסט געלערנט תורה און דוא ווייסט זיא גאנץ קלאר אויסווייניג. פון דעסטוועגין זאלסטו אלע טאג זינגען דיא תורה וואָרום תורה ווערט געלערנט מיט אניגון. דורך דעם וועסטו זוכה זיין צו לערנען תורה מיט אגיזאנג צו עולם הבא. און די תורה אליין וועט זינגען צו דיר דאס מיינט מען זיא וועט דיר אויס זאגין איהרע סודות. רב יצחק בר אבדימי זאגט דאס ווייסין מיר פון דעם פסוק. נפש עמל עמלה לו. דער מענטש וואס מאטערט זיך צו וויסען וואס עס שטייט אין דיא תורה. מאטערט זיך דיא תורה פון זייטעטוועגין זיא זאל איהם אויס זאגין איהרע אלע סודות. כי אכף עליו פיהו. דאס איז אלץ

ווייל

א"ר אלעזר אדם לעמל נברא שנאמר (איוב ה) כי אדם לעמל יולד ואיני יודע אם לעמל פה נברא אם לעמל מלאכה נברא כשהוא אומר כי אכף עליו פיהו הוי אומר לעמל פה נברא ועדיין איני יודע אם לעמל תורה אם לעמל שיחה כשהוא אומר (יהושע א) לא ימוש ספר התורה הזה מפיך הוי אומר לעמל תורה נברא והיינו דאמר רבא כולהו גופי דרופתקי ניניהו טוביה לדזכי דהוו דרופתקי דאורייתא. (משלי ו) נואף אשה חסר לב אר"ל זה הלומד תורה לפרקים שנאמר (שם כב) כי נעים כי תשמרם בבטנך יכונו יחדו על שפתיך:

וכ"כ למה שלבך שכפך פיהו על דברי תורה: דרופתקי. סותמין כלומר כל הגופין לעמל נבראו: טוביה לדזכי. אשריו למי שזכה והיה עמלו וטרחו בתורה. ל"א דרופתקי כיס אדוק שמשימין בו מעות כל הגופין עתידין הם לקבל ולהכניס דברים אשריו למי שזכה ועשה עצמו כיס לתורה: לומד תורה לפרקים. ואינו לומד תדיר כמי שאין לו אשה ונוגע פעמים זו ופעמים זו: [כי נעים כי תשמרם]. אימתי תשמרם בבטנך בזמן שיכונו יחדו על שפתיך: אלא כיה לו למשה לכתוב אלא ואחות לוטן תמנע. כתמיה דבר שאינו צריך הוא וכן היה מלגלג ואומר שכתב משה בלא צורך ולקמיה מפרש דכיינו מגלה פנים בתורה וילך רא'. וגו'. סיים שם

**נא ת"ר** (במדבר טו) והנפש אשר תעשה ביד רמה זה מנשה בן חזקיה שהיה יושב ודורש בהגדות של דופי אמר וכי לא היה לו למשה לכתוב אלא (בראשית לו) ואחות לוטן תמנע ותמנע היתה פלגש לאליפז (שם ל) וילך ראובן בימי קציר חטים וימצא דודאים

---

וייל ער האט גימאטערט זיין מויל זיא זאל ריידין אין דער תורה. דער מענטש מאטערט זיך אויף דעם ארט. ער מאטערט זיך צו לערנען תורה. אונ די תורה מאטערט זיך פון זיינעטוועגין אויף איין אנדער ארט. צו בעטין ביי גאט מען זאל איהם אויס זאגין אלע סודות. רבי אלעזר זאגט דער מענטש איז בשאפין גיווארין ער זאל זיך מאטערין. אזוי וויא עס שטייט אין פסוק דער מענטש איז גיבארין גיווארין צו מאטערין זיך. נאר איך וויים ניט צו ער איז בשאפין גיווארין ער זאל מאטערין דיא מויל זיינע צו ריידין מיט איהר. אדער ער איז בשאפין גיווארין צו מאטערין זיך אין ארבעט. אז דער פסוק זאגט ער האט גימאטערט זיין מויל. ווייסין מיר אז ער איז בשאפין גיווארין צו מאטערין דיא מויל זיינע צו ריידין מיט איהר. ווייסין מיר נאך ניט וואס ער זאל ריידין מיט דיא מויל: תורה אדער פראסטע רייד. אז עס שטייט אין פסוק דער ספר תורה זאהל ניט אפ גיטאהן ווערין פון דיין מויל. ווייסין מיר אז ער איז בשאפין גיווארין ער זאל מאטערין דיא מויל זיינע צו ריידין דיא רייד פון דיא תורה. דאס איז וואס רבא האט גיזאגט אלע גופים אלע מענטשין דארפין זיך מאטערין אויף דער וועלט. נאר גוט איז דעם מענטשין וואס ער איז זוכה ער זאל זיך מאטערין אין דער תורה. עס שטייט אין פסוק דער וואס איז מונה מיט ווייבער פערט איהם זיין הארין. ריש לקיש זאגט דאס מיינט מען דער וואס לערנט תורה ציטין וויז. איז ער אזוי וויא א מענטש וואס האט נישט קיין ווייב אונ ער איז מונה אמאהל מיט דיא ווייב אונ אמאהל מיט דיא ווייב. אונ ער קומט צו דיא זונה אמאהל ציטין וויז. אזוי לערנט ער תורה ציטין וויז: אמאהל אויף דעם ארט אמאהל אויף דעם ארט. אזוי וויא עס שטייט אין פסוק ווען איז דיא תורה זיס אז דוא וועסט איהר היטען אין דיין בויך אונ זיי וועלין זיין אנגיבריייט צו זאמען אויף דיינע לעפצין. דוא וועסט לערנען דיא תורה אלע טאג איין טאג נאך דעם אנדערין:

**נא** תנו רבנן. דיא רבנן האבין גילערנט עס שטייט אין פסוק דער מענטש וואס וועט מאהן אעבירה מיט אאויף גיהויבענע האנט דאס מיינט מען ער וועט וועלין זינדיגען געגין גאט. דאס איז גיוועזן מנשה בן חזקיה. ער איז גיזעסין אונ האט גידרשנת דרשות פון פסוקים צוא לאכין פון דער תורה. ער האט גיזאגט מער האט שוין משה נישט גיהאט צו שרייבין אין דער תורה נאר אז דיא שוועסטער פון לוטן האט גיהייסין תמנע. אונ תמנע איז גיוועזן אפילגש צו אליפז. אונ ראובן איז גיגאנגען אין דער ציים ווען מען האט געשניטען ווייץ אונ ער האט גיפונען דודאים אין פעלד. צו וואס דארפין מיר וויסין פון אזעלכע זאכין. איז ארוים גיגאנגע

אקול

דידאים בשדה יצתה בת קול ואמרה ליה (תהלים נ) תשב באחיך תדבר בבן אמך תתן דופי אלה עשית והחרשתי דמית היות אהיה כמוך וגו׳ ועליו מפורש בקבלה (ישעיה ה) הוי מושכי העון בחבלי השוא וכעבות העגלה חטאה מאי כעבות העגלה א״ר אסי יצר הרע בתחלה דומה לחוט של בוכיא ולסוף דומה לעבות העגלה. דאתאן עלה מיהא אחות לוטן תמנע מאי היא תמנע בת מלכים הואי דכתיב (בראשית לו) אלוף לוטן אלוף תמנע וכל אלוף מלכותא בלא תאגא היא בעיא לאיגיורי באתה אצל אברהם יצחק ויעקב ולא קבלוה הלכה והיתה פלגש לאליפז בן עשו אמרה מוטב תהא שפחה לאומה זו ולא תהא גבירה לאומה אחרת נפק מינה עמלק דצערינהו לישראל מ״ט דלא איבעי להו לרחקה. וילך ראובן בימי קציר חטים אמר רבא בר יצחק אמר רב מכאן לצדיקים שאין פושטים ידידם בגזל. וימצא דודאים בשדה מאי דודאים אמר רב יברוחי

שלא עורך : כחבלי השוא . כתוב כאן עון השוא היה מוכה : מלכותא בלא תאגא . שר גדול אלא שאינו מוכתר וכיון דתמנע הימה אחות מלך ואלוף בת מלך היא : מוטב שאהיה שפחה לאומה זו . לבני אברהם ויצחק ויעקב שהם ירחי שמים ואלו אהיה גברת לאומה אחרת ולכך נעשית פלגש לאליפז בן עשו שהיה מזרע יצחק : לרחקה . מתחת כנפי השכינה שהיה להם לגיירה : בימי קציר חטים, לאחר שקצרו השדה שהכל רשאין ליכנס לתוך שדה חבריהן : יברוחי . כדמתרגמינן ולא איתפרש מאי

---

אַקול פון הימעל אונ האט געזאגט צו איהם דוא זיצט אונ רעדסט אויף דיין ברודער נאוף משה אויף דעם זוהן פון דיין מוטער גיבסטו שלעכטע רייד. דאס האסטו געמאכט אונ אז איך וואלט געשוויגען וואלסטו געמיינט איך וויל אויך זיין וויא דוא ודוא וואלסט געמיינט אז דוא ביזט גירעכט. אויף מנשה האט דער נביא געזאגט ווייא צו דיא מענטשין וואס זייא ציהען אויף זיך דיא עבירות מיט אפאלשין שטריק ווייא טוהען אזעלכע עבירות וואס זייא האבין פון זייא גאר קיין הנאה ניט. ווארום וואס פאר הנאה האט גיהאט מנשה ווען ער האט גירעדט אזעלכע ריידן. אונ וויא דיא גרעב פון דעם שטריק פון אוואגין איז זייערע זינד. ואונ זייא ווערין געשטראפט חוץ פר דיא גרעסטע עבירה. רב אסי זאגט דער פסוק מיינט דער יצר הרע איז אין אנהייב גלייך צו אספאדים ופריער רעט ער אן דעם מענטש צו אקליינע עבירה. דער נאך ווערט ער גלייך צו אגראבין שטריק פון אוואגין ודר נאך רעט ער אן דעם מענטש צו גרויסע אונ גראבע עבירות. זאגט דיא גמרא אונ אז מיר האלטען בייא דעם פסוק דיא שוועסטער פון לוטן איז גיוועזן תמנע. וועלין מיר טאקי פרעגין צו וואס דער ציילט דאס דער פסוק. נאר תמנע איז גיוועזן אטאכטער פון אמלך. אונ אשוועסטער פון אמלך. אזוי וויא עס שטייט אין פסוק אלוף לוטן אלוף תמנע. אונ ביי וועמען עס שטייט אלוף איז דער מענטש גיוועזן אמלך נאר אן אקרין. איז דאך לוטן גיוועזן אמלך. אונ תמנע איז גיוועזן דיא שוועסטער פון לוטן. איז זיא דאך גיוועזן די שוועסטער פון אמלך. אונ געוויס איז דער פאטער פון לוטן אונ תמנע אויך גיוועזן אמלך. איז דאך תמנע גיוועזן אטאכטער פון אמלך. האט תמנע גיוואלט זיך מגייר זיין איז זיא גיקומען צו אברהם יצחק יעקב זייא זאלין איר מגייר זיין. האבען זייא ניט גיוואלט איר מגייר זיין ווייל זיא איז גיוועזן אממזרת. איז זיא גיגאנגען אונ איז גיווארין אפילגש צו אליפז דער זוהן פון עשו. אונ זיא האט גיזאגט בעסער וועל איך זיין אדינסט צו דעם פאלק וואס איז גיבארין פון אברהם. אונ איך וויל ניט זיין אפירשטין ביי דעם מאן פון אנדערע פעלקער. אונ ווייל אברהם יצחק יעקב האבען איר ניט גיוואלט מגייר זיין דריבער איז פון איר גיבארין גיווארין עמלק וואס ער האט מצער גיוועזן דיא יודין ווארום זייא האבען איר ניט גידארפט דער ווייטערין פון גאט. צו וואס דער ציילט דער פסוק אז ראובן איז גיגאנגען אין דער צייט ווען מען שניידט ווייץ. האט רבא בר יצחק גיזאגט פון רבם וועגין פון באגע זעהן מיר אז צדיקים ציהען ניט אויס דיא האנט צוא גזלן. דריבער האט ראובן גיווארט ביז מען האט אפ געשניטען דיא ווייץ פון פעלד. וואס אלע מענטשין גייען שוין אין פעלד. דער נאך איז ער גיגאנגען אין פעלד. אונ ער האט געפונען דודאים אין פעלד. וואס איז דודאים. רב זאגט דאס איז יברוחי. לוי זאגט דאס איז סיגלי

רבי

יברוחי. לוי אמר סיגלי. ר' יונתן אמר כביכקי (סיבכוד). א"ר אלכסנדראי כל העוסק בתורה לשמה משים שלום בפמליא של מעלה ובפמליא של מטה שנאמר (ישעיה כז) או יחזק במעוזי יעשה שלום לי שלום יעשה לי. רב אמר כאילו בנה פלטרין של מעלה ושל מטה שנאמר (שם נא) ואשים דברי בפיך וגו' (שם) לנטוע שמים וליסוד ארץ ר' יוחנן אמר אף מגין על כל העולם כלו שנאמר (שם) ובצל ידי כסיתיך ולוי אמר אף מקרב את הגאולה שנאמר (שם) ולאמר לציון עמי אתה. אמר ריש לקיש כל המלמד את בן חבירו תורה מעלה עליו הכתוב כאלו עשאו שנאמר (בראשית יב) ואת הנפש אשר עשו בחרן. ר"א אומר כאילו עשאו לדברי תורה שנאמר (דברים כט) ושמרתם את דברי הברית הזאת ועשיתם אותם. רבא אומר כאילו עשאו לעצמו שנאמר ועשיתם אותם אל תקרי אותם אלא אתם. א"ר אבהו כל המעשה את חבירו לדבר מצוה מעלה עליו הכתוב כאלו עשאו שנאמר (שמות יז) וסטך

סיה: סיגלי וסניסקי (וכבסוך). מינין אחרים סיגלי עיקרי עשבים והוא ממיני בשמים ואחרות של אותן עשבים קרי כגלי וסניסקי (וכבסוך) שני מין בשמים: מעוז. תורה: שלום שלום. תרי זימני אחד למעלה ואחד למטה: פלטרין של מעלה ושל מטה. כדכתיב לנטוע שמים וליסוד ארץ: אשר עשו בחרן. דמתרגמינן דשעבידו לאורייתא בחרן וקרי להו עשייה: כאילו עשאו. נאוהו דבר מצוה: והנה אהרן הכהן. דכתיב אמור אל

רבי יונתן זאגט דאס איז סביסקי. רבי אלכסנדראי זאגט דער מענטש וואס לערנט תורה נאר וויל גאט האט געהייסען לערנען תורה. מאכט ער שלום צווישען די מלאכים וואס אין הימעל, אונ צווישען די מענטשין וואס אויף דער ערד. אזוי וויא עס שטייט אין פסוק או יחזק במעוזי. אויב ער וועט האלטען אין מיין שטארקייט. ער וועט לערנען תורה פון מיינעט וועגין. יעשה שלום לי. וועט ער מאכען שלום צו מיר. שלום יעשה לי. שלום וועט ער מאכען צו מיר. צו וואס שטייט צוויי מאהל שלום. איין מאהל וואס ער וועט מאכען שלום אין הימעל. דאס אנדערע וואס ער וועט מאכען שלום אויף דער ערד. רב זאגט עס איז גלייך וויא ער וואלט געבאהט דעם הימעל הויבין אונ די ערד אונטען. אזוי וויא עס שטייט אין פסוק איך וועל טאהן מיינע רייד אין דיין מויל ואויב מיין תורה וועט זיין אין דיין מויל. איז גלייך וויא דוא וואלסט געפלאנצט דעם הימעל אונ וואלסט געמאכט דעם פונדאמענט פון די ערד. רבי יוחנן זאגט ער בשיצט אויף די גאנצע וועלט. אזוי וויא עס שטייט אין פסוק ובצל ידי כסיתיך מיט דעם שאטען פון מיין האנט האב איך צו גידעקט אויף די גאנצע וועלט פון דיין זכות וועגין. לוי זאגט דורך זיין זכות וועלין די יודין געשווינט אויס גילייזט ווערין אזוי וויא עס שטייט אין פסוק גאט וועט זאגין צו ציון דוא ביסט מיין פאלק. ריש לקיש זאגט דער וואס לערנט תורה מיט דעם זוהן פון זיין חבר רעכונט אויף איהם דער פסוק גלייך וויא ער האט איהם בשאפען. אזוי וויא עס שטייט אין פסוק די מענטשין וואס אברהם אונ שרה האבען בשאפען אין חרן. האבען דען אברהם אונ שרה בשאפען מענטשין. נאר זייא האבען כנייר גיוועזן מענטשין, רעכונט דער פסוק גלייך וויא זייא וואלטין די מענטשין בשאפען. רבי אלעזר זאגט גאט רעכונט אויף אים גלייך וויא ער וואלט גימאכט די תורה. אזוי וויא עס שטייט אין פסוק אז איר וועט היטען די רייד פון דעם ברית דאס מיינט מען אז איר וועט מאכען אהיטונג צו דער תורה. איר וועט לערנען תורה צו תלמידים. דורך דעם וועט די תורה געהיט ווערין זי זאל בלייבין אויף אייביג. וואָרום די תלמידים וועלין לערנען מיט אנדערע תלמידים אונ אזוי וועט זיין ביז אייביג) איז גלייך וויא איר וואלט גימאכט די רייד פון דער תורה. רבא זאגט עס איז גלייך וויא ער וואלט זיך אליין בשאפען. ווארום עס שטייט אין פסוק אז איר וועט היטען די רייד פון דעם ברית. ועשיתם אותם. זאלסט ניט לייענען אותם זייא. נאר זאלסט לייענען אתם. איר. עס איז גלייך ועשיתם אתם. וויא איר וואלט זיך אליין גימאכט. רבי אבהו זאגט דער וואס מאכט אז זיין חבר זאל טאהן א מצוה רעכונט אויף איהם דער פסוק גלייך וויא ער אליין וואלט געטאהן די מצוה אזוי וויא עס שטייט אין פסוק גאט האט גזאגט צוא משה

וכ׳טך אשר הכ׳ית בו את היאור וכי משה הכה את היאור והלא אהרן הכהו אלא לומר לך כל המעשה את חברו לדבר מצוה מעלה עליו הכתוב כאילו עשאו :

נב פיסקא אפיקורוס רב ורבי חנינא אמרי תרוייהו זה המבזה תלמיד חכם רבי יוחנן ורבי יהושע בן לוי אמרי זה המבזה חברו בפני תלמיד חכם בשלמא למאי דאמר המבזה חברו בפני תלמיד חכם אפיקורוס הוי מבזה תלמיד חכם עצמו מגלה פנים בתורה שלא כהלכה הוי אלא למאן דאמר מבזה תלמיד הכם עצמו אפיקורוס הוי מגלה פנים בתורה נגון מאן כגון מנשה בן הזקיה ואיכא דמתני לה אסיפא מגלה פנים בתורה רב ורבי חנינא אמרי זה המבזה תלמיד חכם רבי יוחנן ור׳ יהושע בן לוי אמרי זה המבזה את חברו בפני ת״ח בשלמא למאן דאמר המבזה ת״ח עצמו מגלה פנים בתורה הוי מבזה חברו בפני ת״ח אפיקורוס הוי אלא למ״ד המבזה חבירו בפני תלמיד חכם מגלה פנים בתורה הוי אפיקורוס כגון מאן א״ר יוסף כגון הוי דאמרי מאי אהנו לן רבנן לדידהו קרו לדידהו תנו א״ל

תהכן קה מטך ונטה ידך : מגלה פנים בתורה . מעיז פנים כלפי עוסקי תורה מגלה פנים משתמע לן דהמיר מהאפיקורוס דאפיקורוס ליכא דלית ביה אפקירותא בעלמא : אלא למ״ד מבזה ת״ח עצמו אפיקורוס הוי . כ״ש למבזה חברו בפני ת״ח ולאו מגלה פנים בתורה הוי ובהאי מגלה פנים מאי ניהו : מנשה בן הזקיה . שהיה דורש באגדות של דופי : איכא דמתני לה אסיפא . דברייתא דקתני מכאן אר״א וכו׳ המגלה פנים בתורה רב ורבי חנינא וכו׳ : מה אהנו לן .

משה אונ דיין שטעקין וואס דוא האסט מיט איהם גישלאגין דעם טייך . האט דען משה גישלאגין דעם טייך . אהרן האט דאך גישלאגין דעם טייך . נאר דער פסוק זאגט אינז דער וואס מאכט זיין חבר זאל טאהן א מצוה . רעכינט אויף איהם דער פסוק גלייך וויא ער אליין וואלט גיטאהן דיא מצוה . דריבער אז משה האט גיזאגט צו אהרן ער זאל שלאגין דעם טייך . איז גלייך ווי משה אליין וואלט אים גישלאגין :

נב פיסקא . אפיקורוס . ווער הייסט אאפיקורוס רב אונ רבי חנינא זאגין ביידע דער וואס פאר שעמט אתלמיד חכם הייסט ער אפיקורוס . רבי יוחנן אונ רבי יהושע בן לוי זאגין ביידע דער וואס פאר שעמט זיין חבר פאר אתלמיד חכם הייסט ער אפיקורוס . זאגט דיא גמרא דער וואס זאגט אז מען פאר שעמט אחבר פאר אתלמיד חכם איז מען אאפיקורוס . אונ דער וואס פאר שעמט דעם תלמיד חכם אליין הייסט ער מגלה פנים בתורה שלא כהלכה ווס איז גלייך ווי ער וואלט גילערונט אפשט אין דער תורה ניט וויא דער דין איז . וארום אז ער האט פיינט דעם תלמיד חכם וויל ער דאך ניט לערנען דעם פשט אין דער תורה וויא דער תלמיד חכם זאגט . נאר וויא ער אליין וויל . איז דאך דאס ניט וויא דער דין איז . אונ אז מען לערונט אפשט אין דער תורה ניט וויא דער דין איז . האט מען ניט קיין חלק עולם הבא . אבער דער וואס זאגט אז מען פאר שעמט דעם תלמיד חכם אליין איז מען אאפיקורוס . ווער הייסט מגלה פנים בתורה . דאס איז מנשה בן חזקיה אזוי וויא עס שטייט אין סימן נא . אנדערע לערנען דס אויף דעם סוף פון דער ברייתא . ווער הייסט אמגלה פנים בתורה . רב אונ רבי חנינא זאגין דער וואס פאר שעמט אתלמיד חכם . רבי יוחנן אונ רבי יהושע בן לוי זאגין דער וואס פאר שעמט זיין חבר פאר אתלמיד חכם . זאגט דיא גמרא דער וואס זאגט אז מען פר שעמט אתלמיד חכם הייסט מען מגלה פנים בתורה . אבער אז מען פאר שעמט אחבר פאר אתלמיד חכם . הייסט מען אפיקורוס אבער דער וואס זאגט אז מען פאר שעמט אחבר פאר אתלמיד חכם הייסט מען מגלה פנים בתורה . ווער הייסט אפיקורוס . האט רב יוסף גיזאגט דיא מענטשין וואס זאגין וואס פאר אטובה טוהען אונז דיא רבנן . זייא לערנען הגמ״ך פאר זיך . זייא לערנען משנה פאר זיך . דיא מענטשין הייסין אפקורסים . האט אביי גיזאגט צו רב יוסף די מענטשין הייסין דאך מגלה פנים בתורה . ווארום זייא ריידען דאך אין די תורה . ווארום דיא תורה האט דאך גיזאגט דיא מענטשין וואס לערנען תורה טוהען זייא אטובה דיא גאנצע וועלט . אז

וויא

א"ל אביי האי מגלה פנים בתורה נמי הוא דכתיב (ירמיה לג) אם לא בריתי יומם ולילה חקות שמים וארץ לא שמתי א"ר נחמן בר יצחק מהכא נמי שמע מינה שנאמר (בראשית יח) ונשאתי לכל המקום בעבורם אלא כגון דיתיב קמי רביה ונפלה ליה שמעתא בדוכתא אחריתי ואמר הכי אמרינן התם ולא אמר הכי אמר מר . רבא אמר כגון הני דבי בנימין אסיא דאמרי מאי אהנו לן רבנן מעולם (דף ק) לא שרו לן עורבא ולא אסרו לן יונה . רבא כי הוו מייתי טרפה דבי בנימין קמיה כי הוה חזי ביה טעמא להתירא אמר להו תחזו דקא שרינא לכו עורבא כי הוי חזי ליה טעמא לאיסורא אמר להו תחזו דקא אסרנא לכו יונה :

נג רב פפא אמר כגון דאמר הני רבנן רב פפא אישתלי ואמר כגון הני רבנן ואיתיב בתעניתא . לוי בר שמואל ורב הונא בר חייא הוו קא מתקני מטפחות ספרי דבי רב יהודה כי מטו מגלת אסתר אמרי הא מגלת אסתר לא בעיא מטפחת אמר להו כי האי גונא נמי מיחזי כי אפקירותא רב

נחמן

**פירוש:** והכי אינן יודעין שהעולם מתקיים עליהם : מגלה פנים בתורה הוא שבוזה במה שכתוב בתורה : אם לא בריתי יומם ולילה . וגו' שמכאן לעולם מקיימין אותו והוא אומר דלא מהני מידי : מהכא. נמי שמע מינה שהצדיקים מגינין לאחרים : לא שרו לן עורבא . לא אמרו לנו דבר חדוש אלא מה שכתוב בתורה (דשרי לן עורבא) : דקא שריק למו עורבא . שהיתר זה אינו מצוי בתורה אלא בדבריהם אמרוהו : כגון דאמר הני רבנן . כלומר אותו ת"ח דלשון ביזוי הוא זה שהיה לו לומר רבותינו דמקום פלוני : נ"א דאמר הני רבנן דכשהוא מספר שום דבר מרבנן אומר הני (רבנן) ולשון גנאי הוא הכי אבל רבנן אינו גנאי : כי מטו מגלת אסתר . נהגו לה מטפחת אמרי הא מגלת אסתר לא בעיא מטפחת כלומר כגון בעית אמרי ליה

---

זיא עס שטייט אין פסוק אם לא בריתי יומם ולילה ווען יודין וואלטין ניט לערנען די תורה טאג אונ נאכט חקות שמים וארץ לא שמתי וואלט איך ניט דער האלטען די וועלט . נאר איך וואלט זיא חרוב געמאכט . אונ ער לייקנט דעם פסוק . ער זאגט אן תורה קען אויך שטיין די וועלט . רב נחמן בר יצחק זאגט פון דעם פסוק ווייסין מיר אויך אז צדיקים טוהען אטובה די וועלט . ווארום עס שטייט אין פסוק ביי סדום . אויב עס זענען דא צדיקים . וועל איך מוחל זיין די עבירות פון די רשעים פון וועגין די צדיקים . נאר אז אתלמיד זיצט פאר זיין רבי אונ עס איז איהם אריין געפאלען אין די געדאנקין אהין פון איין אנדער מסכתא . אונ ער זאגט צום רבי אזוי האבען מיר דארט געזאגט . אונ ער זאגט ניט אזוי האט דער רבי דארט געזאגט . דער הייסט אפיקורוס . רבא זאגט אזוי וויא די קינדער פון בנימין דעם דאקטאר . וואס זייא זאגין וואס פאר אטובה האבען אונז די רבנן געטאהן . אלץ וואס די רבנן זאגין שטייט אין דער תורה . זייא האבען אונז ניט געמאכט אנייעם איסור אונ ניט אנייעם היתר זייא האבען אונז קיין מאהל ניט מתיר געוועזן אקראה . אונ זייא האבען אונז קיין מאהל נישט געאסרת אטאהב . זייא הייסען אפיקורסים . אונ אז מען פלעגט ברייגען צשאלה פון בנימין דעם דאקטאר פאר רבא . אז רבא האט געזעהן די שאלה איז כשר . פלעגט ער זאגין צו די מענטשין פון בנימין זעהט איך בין מתיר אקראה (ווארום אין דער תורה שטייט ניט דאס זאל זיין כשר . נאר די רבנן מאכען דאס כשר) . אונ אז רבא האט געזעהן די שאלה איז טרפה . פלעגט ער זאגין צו די מענטשין פון בנימין זעהט איך מאך אסור אטאהב . (ווארום אין דער תורה שטייט ניט דס זאל זיין אסור . נאר די רבנן מאכען דס אסור) :

נג רב פפא זאגט דער וואס זאגט די רבנן (דמשל ער זאגט דא גייען די רבנן) . הייסט ער אפיקורוס . ווארום די ווערטער . די רבנן . איז ניט שיין צו זאגין אויף רבנן . מען דארף זאגין אונזערע רבנן (דמשל ער זאגט דא גייען אונזערע רבנן) . רב פפא האט אמאהל פאר געסין אונ האט געזאגט די רבנן . האט ער געפאסט . לוי בר שמואל אונ רב הונא בר חייא האבען געמאכט מענטעלאך צו די ספרים פון רב יהודה אז זייא זענען געקומען צו מגלת אסתר . האבען זייא געזאגט די מגלת אסתר דארף ניט קיין מענטעלע . האט רב יהודה צו זייא געזאגט דיא ווערטער זעהט אויך אויס וויא אפיקורסות . ווארום איך בין אייער רבי האט איר געדארפט ביי מיר פרעגין צו מען זאל מאכען אמענטעלע צו מגלת אסתר אדער ניין . אונ ווארטין ביז איך

וועל

נחמן אמר זה הקורא רבו בשמו דא"ר יוחנן מפני מה נענש גיחזי מפני שקרא לרבו בשמו שנאמר (מ"ב ח) ויאמר גיחזי ארני המלך זאת האשה וזה בנה אשר החיה אלישע. יתיב רבי ירמיה קמיה דרבי זירא ויתיב וקאמר עתיד הקב"ה להוציא (מעין) נחל מבית קדשי הקדשים ועליו כל מיני מגדים שנאמר (יחזקאל מז) ועל הנחל יעלה על שפתו מזה ומזה כל עץ מאכל לא יבול עלהו ולא יתום פריו לחדשיו יבכר כי מימיו מן המקדש המה יוצאים והיה פריו למאכל ועלהו לתרופה א"ל ההוא סבא יישר וכן א"ר יוחנן א"ל ר' ירמיה לר' זירא כי האי גוונא מיחזי אפקירותא א"ל האי סיועי קא מסייע לך אלא אי שמיע לך הא שמיע לך כי הא דיתיב ר' יוחנן וקא דריש עתיד הקב"ה להביא אבנים טובות ומרגליות שהם שלשים על שלשים אמ"ת (והוקק) [וחקוק] בהם י' ברום עשרים ומעמידם בשערי ירושלים שנאמר (ישעיה נד) ושמתי כדכד שמשותיך ושעריך לאבני אקדח וגו' לגלג עליו אותו תלמיד השתא כביעתא דצלצלא

לרב יהודה הא והאי לא צריכה מספחה כגון באחרות ולאו גבאי הוא דהוה לגו למימר לרבנו בלשון שאלה כך צריכה זו איכא צריכה : כגון . שאומר פלוני ואינו אומר מורי רבי פלוני : מעין מבית ה'. יצא והשקה את נחל שטים (יואל ד) : מגדים. דיגטר"ס בלע"ז כל מיני פירות מתוקים : יבכר. בכל חדש וחדש יתבכרו בו פירות : א"ל ההוא סבא יישר וכן א"ר יוחנן. כדדריך ורבי יוחנן מני ה"ק כדאמרת ולא גרסינן וכן א"ר יוחנן יישר : כי האי גוונא. מי מחזי כאפקירותא : אלא אי שמיע לך מידי הא שמיע לך. לגלג עליו אותו תלמיד אחד ר"י דהיינו אפקירותא : כדכד. אבן טובה וכך שמה : שמשותיך. (כמו שמש ומגן מ"ל וכראה לי שמשותיך) חלונות שהשמש זורח בהן [כמו שמש ומגן] (ושמש ומגן) היינו שמש אמש : לאבני אקדח. הקב"ה חוקקן כמקדחת עד בחוקן

---

וועל איך זאגין. אבער ניט איר זאלט אייך אויך פסקנן אדין אז כנגת אסהר דארף ניט קיין כיינטעלע. רב נחמן זאגט אז מען רופט ארבי ביא זיין נאמען אונ מען רופט איהם ניט רבי. איז מען אאפיקורוס. וואורום רבי יוחנן זאגט פאר וואס איז גיחזי גישטראפט גיווארין וויל ער האט גירופען זיין רבי ביי זיין נאמען אונ ער האט איהם ניט גירופען רבי. אזוי וויא עס שטייט אין פסוק גיחזי האט גזאגט צום מלך אדני המלך דאס איז דיא אשה אונ דאס איז איר זוהן וואס אלישע האט לעבעדיג גימאכט. אונ ער האט ניט גזאגט מיין רבי אלישע. רבי ירמיה איז גיזעסין פאר רבי זירא אונ האט גזאגט גאט וועט אמאהל ארויס ציהען א טייך פון קדשי קדשים. אונ ביי דעם טייך וועלין וואקסען אלע מינים זיסע פרוכטין: אזוי וויא עס שטייט אין פסוק אונ ביי דעם טייך וועט אויף גיין ביי דעם ברעג פון דער זייט טייך אונ פון דער זייט טייך צרע ערליי בוימער מיט פרוכטין צום עסין. זיינע בלעטער וועלין ניט פארוויאלקעט ווערין. אונ זיינע פרוכטין וועלין זיך ניט אויס לאזין. אלע חודש וועלין צייטיג ווערין פרוכטין וויל דיא וואסער גייט ארויס פון בית המקדש דריבער וועלין זיין דיא פרוכטין צום עסין ועלהו לתרופה אונ דיא בלעטער צו צהיילונג. האט אאלטער מאן גזאגט צו רבי ירמיה דיין כח זאל גישטארקט ווערין וייל דוא האסט שיין גידרשת. אונ רבי יוחנן האט אויך אזוי גידרשת. האט רבי ירמיה גזאגט צו רבי זירא דאס זעהט דאך אויס וויא אפקורסות פון דעם צלטען. אז ער האט ניט גיוואלט גלויבין דעם פראסטין פשט פון פסוק וויא איך האב גילערונט. האט רבי זירא גזאגט צו רבי ירמיה פאר קערט דער אלטער גלויבט יא וויא דוא זאגסט. ער העלפט דיר נאך. ער זאגט רבי יוחנן האט אויך אזוי גזאגט וויא דוא. נאר אויב דוא האסט גהערט אז א תלמיד האט גילאכט פון רבי יוחנן. האסטו דאס גיהערט. רבי יוחנן איז אמאהל גיזעסן אונ דרט גידרשת גאט וועט ברייגען ברילאנטען אונ פעריל וואס דיא לייגג פון יעדער דימאנט אונ פון יעדר פעריל וועט זיין דרייסיג איילין אונ דיא ברייט וועט זיין דרייסיג איילין: אונ אינוויינינ וועט מען אויס זעגין אשטיק וואס וועט זיין ברייט צעהן איילין אונ הויך צוואנציג איילין. אונ מען וועט דיא ברילאנטין שטעלין אין דיא טויערין פון ירושלים: אזוי וויא עס שטייט אין פסוק איך וועל מאהן דעם דימאנט כדכד אין דיינע פענסטער אונ דיינע טויערין וועלין זיין דימאנטין וואס הייסין אקדח וויל פון זייא וועט זיין אין מיטען אויס געשניטן ען אשטיק צעהן איילין די ברייט אונ צוואנציג איילין דיא הייך. האט א תלמיד גילאכט פון רבי יוחנן. מארוך מען געפינט ניט

דצרצלא לא משכחינן כולי האי משכחינן לימים הפליגה ספינתו בים חזינהו למלאכי השרת דקא כנכרי אבנים טובות ומרגליות אמר להו הני למאי אמרי ליה עתיד הקב"ה להעמידן בשערי ירושלים כי הדר אשכחיה לר' יוחנן דיתיב וקא דריש א"ל רבי דרוש ולך נאה לדרוש כשם שאמרת כך ראיתי אמר לו ריקה אם לא ראית לא האמנת מלגלג על דברי חכמים אתה יהב ביה עיניה ועשאו גל של עצמות. מיתיבי (ויקרא כו) ואולך אתכם קוממיות ר' מאיר אומר מאתים אמה כשתי קומות של אדם הראשון ר' יהודה אומר מאה אמות כנגד היכל וכתליו שנאמר (תהלים קמד) אשר בנינו כנטיעים מגודלים בנעוריהם בנותינו כזויות מחוטבות תבנית היכל כי קאמר ר' יוחנן לכוי דבי זיקא:

נד מאי (יחזקאל מז) ועלהו לתרופה רב יצחק בר אבדימי ורב חסדא חד אמר להתיר פה של

נכס עשר כרוס מעיים: גלגלא. עוף קטן: גל של עצמות. שמת דאדם שמת ועשה גל של עצמות: קוממיות. ב' קומות של אדה"ר כדאמרי' במסכת חגיגה שמיעטו הקב"ה והעמידו על מאה אמה שנאמר ותשת עלי כפכה כף בגמטריא' ככי הוו: כנגד היכל וכתליו. שכך היה אורך כל ההיכל עם הכתלים דכתיב והבית אשר בנה המלך שלמה לה' ששים אמה ארכו וכותל מזרח שש אמות וכותל מערב שש אמות ואמה טרקסין הרי י"ג אמות אולם עשר אמה רוחב וכותל האולם שש הרי כ"ט ומאחורי האולם תא אחת רחבו שש וכותלו ה' הרי ע' אמה ושלשים אמה של אורך הבית הרי מאה ושלך יכולין לגדל קומתן וליכנס בפתח שאין לו אלא רום כ' כדאמרן: אשר בנינו. כלומר בנים שלנו יהיו לעתיד כאילנות גבוהים מגודלים: ובמעשיהם. בנות שלנו כזויות המחוטבות להבנית היכל כלומר ככותל היכל מחוטבה כמו מחוטב עציך. ל"א אהיכל דבית שני קאמר וקים לן היכל ב' אורך ברוב מאה הוה: לכוי דבי זיקא. לאלומת שבמשב והאורה נכנסין בהם אבל השערים גבוהים יותר:

להתיר פה של מעלה. להתיר פה אלמים שיהיו מדברים: להתיר פה של מטה. רחם שכל

---

ניט אדימאנט וואס ער זאל זיין גרויס וויא אאיי פון דעם פויגיל צלצלא. וועט מען געפינען דימאנטין וואס זאלין זיין גרויס דרייסיג איילין אליינג און דרייסיג איילין אברייט. אמאהל איז דער תלמיד גפארין אין אשיף אויף דעם ים האט זיך דיא שיף זייניע דער ווייטערט אויף דעם ים. האט ער גיזעהן וויא מלאכים זעגין דימאנטען אונ פעריל. האט דער תלמיד גזאגט צו דיא מלאכים צו וואס זעגט איר דיא דימאנטין מיט דיא פעריל. האבען דיא מלאכים גזאגט צום תלמיד גאט וועט שטעלין דיא דימאנטין אין דיא טויערין פון ירושלים. דער נאך אז דער תלמיד האט גיטראפין רבי יוחנן זיצט אונ דרשת. האט דער תלמיד גזאגט צוא רבי יוחנן רבי דוא מעגסט דרשנן אונ פאר דיר איז שיין דוא זאלסט דרשנן. אזוי וויא דוא האסט גיזאגט אזוי האב איך גיזעהן. האט רבי יוחנן גזאגט צום תלמיד אז דוא וואלסט ניט גיזעהן וואלסטו ניט גיגלויבט. לאכסטו פון דיא רייד פון דיא חכמים. האט רבי יוחנן אקוק גיטאהן אויף דעם תלמיד. איז פון דעם תלמיד גיווארין אבארג ביינער. פרעגט דיא גמרא עס שטייט אין פסוק ואולך אתכם קוממיות. איך וועל אייך פירען וויא צווי היכין. רבי מאיר זאגט יעדער מענטש וועט זיין הויך צווי הונדערט איילין. צווי מאהל אזוי הויך וויא אדם הראשון איז גיוועזן. רבי יהודה זאגט יעדער מענטש וועט נאר זיין הויך הונדערט איילין. אזו וויא דער היכל מיט זייניע ווענט זענען. אזוי וויא עס שטייט אין פסוק אשר בנינו כנטיעים מגודלים (אונזערע זיהן וועלין וואקסען וויא דיא ביימער אין זייער יוגענד). בנותינו כזויות מחוטבות תבנית היכל (אונזערע טעכטער זענען וויא דיא ווינקלען אויס גיהאקט וויא דער גישטאלט פון היכל). זעהן מיר אז דיא מענטשין וועלין זיין הויך צווי הונדערט איילין אדער הונדערט איילין. אונ אמענטש פון צווי הונדערט איילין אדער פון הונדערט איילין קען זיך דאך ניט איינבייגין אונ דורך גיין דורך אטויער וואס ער איז הויך נאר צוואנציג איילין. ענטפערט דיא גמרא רבי יוחנן מיינט ניט מען וועט דורך גיין דורך דעם טויער. דאס העט נאר זיין פענסטער דער לופט זאל אריין גיין. אבער דער טויער וועט זיין העכער אמענטש זאל קענען דורך גיין:

נד מאי. וואס מיינט מען ועלהו לתרופה. רב יצחק בר אבדימי אונ רב חסדא קריגען. איינער זאגט לתרופה איז צווי ווערטער להתיר פה. אויף צו מאכען דיא מויל:

וועלכע

של מעלה וחד אמר להתיר פה של מטה . איתמר נמי חזקיה אמר להתיר פה אלמים בר קפרא אמר להתיר פה עקרות ר׳ יוחנן אמר לתרופה ממש מאי לתרופה רבי שמואל בר נחמני אמר לתואר פנים של בעלי הפה :

נה דרש ר׳ יהודה בר סימון כל המשחיר (פנים) [פניו] על דברי תורה בעולם הזה הקב״ה מבהיק זיוו לעוה״ב שנאמר (ש״ה ה) מראהו כלבנון בחור כארזים . א״ר תנחום ברבי חנילאי כל המרעיב עצמו על דברי תורה בעה״ז הקב״ה משביעו לעולם הבא שנאמר (תהלים לו) ירוין מדשן ביתך ונחל עדניך תשקם . כי אתא רב דימי אמר עתיד הקב״ה ליתן לכל צדיק וצדיק מלא עומסו שנאמר (שם סח) ברוך ה׳ יום יום יעמס לנו האל ישועתנו סלה א״ל אביי וכי אפשר לומר כן והלא כבר נאמר (ישעיה מ) מי מדד בשעלו מים ושמים בזרת תכן א״ל מאי טעמא לא

שביחת

פירוש: כעקרות האוכלות מן העלין נעקדות : איתמר נמי חזקיה וכו׳ . והיינו כך דלעיל לתרופה : מראהו כלבנון . וכתיב לעיל מיניה שחורות כעורב וכמיך ליה חכו ממתקים : ירוין מדשן ביתך . דלעיל מיניה מהאי קרא מיירי עניים דמרעיב את עצמו וקאמר ירוין מדשן ביתך בהקב״ה

---

העכבע מויל . דיא אויבערשטע מויל . אז אשטומער וועט עסין פון דיא בלעטער וועט ער קענען אנהייבין ריידן . אונ איינער זאגט מען מיינט דיא אונטערשטע מויל . אאשה וואס קען נית האבען קינדער אז זיא וועט עסין דיא בלעטער וועט זיא קענען האבען קינדער . זאגט דיא גמרא מיר האבען אויך אזוי גילערונט . חזקיה זאגט דיא בלעטער וועלין אויף מאכען די מויל פון דיא שטומע . בר קפרא זאגט דיא בלעטער וועלין אויף מאכען דיא מויל פון דיא עקרות זייא זאלין קענען האבען קינדער . רבי יוחנן זאגט תרופה איז דער טייטש אהיילונג . דיא בלעטער וועלין זיין אהיילונג צו יעדער קראנקייט . פרעגט דיא גמרא האט דאך גידארפט שטיין ועלהו תרופה . דיא בלעטער זענען אהיילונג צו יעדער קראנקייט . פאר וואס שטייט להרופה . איז דאך דער למ״ד איבעריג . זאגט רבי שמואל בר נחמני לתרופה מאכט לתואר פנים של בעלי הפה . דיא מענטשין וואס ריידין שטענדיג מיט דעם מויל אין דער תורה . אונ זייער פנים איז פאר שווארצט פון טאג אונ נאכט אויף זיין . וועלין זיי עסין פון די בלעטער וועלין זיי בעקומען אשיינעם פנים :

נה דרש . רבי יהודה בר סימון האט גידרשעט דער וואס מאכט שווארץ זיין פנים אויף דער תורה אויף דיא וועלט . וועט גאט מאכין לייכטין זיין פנים צו עולם הבא . אזוי וויא עס שטייט אין פסוק דער וואס זיין פנים וועט זיין שווארץ וויא אקראה פון דיא פיל תורה לערנען . אונ פון פיל מאטערניש וועט ער אויס זעהן אלט וועט גאט מאכין לייכטין זיין פנים וויים . אונ ער וועט ווערין יונג אונ שטארק אזוי וויא אטענען בוים . רבי תנחום ברבי חנילאי זאגט דער וואס מאכט זיך הונגעריג אויף דער תורה אויף דיא וועלט (אפילו ער איז ארעם אונ האט נית וואס צו עסין אונ איז הונגעריג פון דעסטוועגין לערונט ער תורה) וועט איהם גאט זאט מאכין צו עולם הבא . אזוי וויא עס שטייט אין פסוק זייא וועלין זאט ווערין פון דעם פעטקייט פון דיין הויז אונ פון דעם טייך פון דיין ערן וועסטו זייא געבין טרינקען . אז רב דימי איז גיקומען האט ער געזאגט גאט וועט געבין צו יעדער צדיק פולע הענט מיט גוטס . אזוי וויא עס שטייט אין פסוק ברוך ה׳ יום יום יעמס לנו האל ישועתנו סלה . גילויבט איז גאט אלע טאג גיט ער אונז פולע הענט מיט גוטס . גאט איז אונזער הילף אויף אייביג . האט אביי גיזאגט צו רב דימי קען מען דען אזוי זאגין עס שטייט דאך אין פסוק מי מדד בשעלו מים ושמים בזרת תכן . ווער האט גימאסטין מיט אמאס דיא וואסער אונ דעם הימעל האט ער אנגיבריים מיט דעם פינגער וואס הייסט זרת . זעהן מיר דאך אז דער פינגער זרת פאר נעמט דיא גאנצע וועלט . אונ אז גאט גיט אפולע האנט גוטס . וויא אזוי קען דאס דער מענטש צו נעמען אונ וואו וועט ער דאס לייגין . האט רב דימי גיזאגט צו אביי פאר וואס ביזט דוא נית גיוואהנט צו לערנען אגדתא . מען האט גיזאגט אין ארץ ישראל פון רבא בר מרים וועגין

גאט

שכיחת באגדתא דאמרי במערבא משמיה דרבא בר מרי עתיד הקב"ה ליתן לכל צדיק וצדיק שלש מאות ועשרה עולמות שנאמר (משלי ח) להנחיל אוהבי יש וגו' יש בגימטריא תלת מאה ועשרה הוי . תניא ר' מאיר אומר במדה שאדם מודד מודדין לו דכתיב (ישעיה כז) בסאסאה בשלחה תריבנה . אמר ליה (ר' יהודה) [ר' יהושע] וכי אפשר לומר כן אדם נותן מלא עומסו לעני בעוה"ז הקב"ה נותן לו מלא עומסו לעוה"ב והא כתיב (שם מ) ושמים בזרת תכן ואתה אי אומר כן אי זה הוא מדה מרובה מדה טובה מרובה או מדת פורענות (שם ע"ב) הוי אומר מדה טובה מרובה ממדת פורענות במדה טובה כתיב (תהלים עח) ויצו שחקים ממעל ודלתי שמים פתח וימטר עליהם מן לאכול ודגן שמים נתן למו ובמדת פורענות הוא אומר (בראשית ז) וארובות השמים נפתחו במדת פורענות כתיב (ישעיה סו) ויצאו וראו בפגרי האנשים הפושעים בי כי תולעתם לא תמות ואשם לא תכבה והיו דראון לכל בשר והלא אדם מושיט אצבעו באור בעולם הזה מיד

שמכיין לעוה"ב : מלא עומסו . מלא חפניו של הקב"ה טובה : וכי אפשר לומר כן . שהרי אדם יכול לקבל מלא עומסו של הקב"ה והרי אין לו מקום שיתן דכל העולם כולו אינו הגה כמהו ועד אגודל : שלש מאות וכו'. כלומר עולמות יקבל כל צדיק את שעשה : במדה שאדם מודד . אם מדד ונתן צדקה לעני מלא חפניו הקב"ה מודד בחפניו ונותן לו: וכי אפשר לומר כן . שיהא הקב"ה נותן לאדם מלא חפנו והלא אינו יכול לסבול כל כך : הוי אומר מדה טובה מרובה ממדת פורענות . דבמדה טובה כתיב דלתות ובמדת פורענות כתיב ארובות ודלת גדול מארובה דארבעה ארובות יש בדלת במס' יומא בפרק יוה"כ אלמא מדה טובה מרובה ומעכשיו אין לתמוה היאך יש באדם כח לקבל שכר כל כך שהרי למדת פורענות נותן הקב"ה כח באדם לקבלו כל שכן שנותן כח באדם לקבל מדה טובה :

---

גאט וועט געבין צו יעדער צדיק דריי הונדערט מיט צעהן וועלטין : אזוי וויא עס שטייט אין פסוק להנחיל אוהבי יש . צו מאכין ירשנן צו דיא מענטשין וואס האבין מיך ליב יש . אונ דר וואָרט יש בטרעפט דריי הונדערט מיט צעהן . אונ אין דרייא הונדערט מיט צעהן וועלטין וועט יעדער צדיק ליגין דאס פולע האנט גוטס וואס גאט וועט איהם געבין :

מיר האבין גילערונט רבי מאיר זאגט מיט דער מאס וואס אמענטש מעסט . מעסט מען איהם . אזוי וויא עס שטייט אין פסוק בסאסאה בשלחה תריבנה . דוא טוהסט קריגען מיט איהר מיט אוועק שיקונג ווייל דאס איז דיא זעלביגע מאס וואס זיא האט גיטאהן טוהסטו מיט איהר . האט רבי יהושע גיזאגט צו רבי מאיר קען מען דען אזוי זאגין חיא וועט זיין אז אמענטש וועט געבין אפולע האנט געלט צו אארעם מאן אויף דער וועלט . וועט גאט איהם דארפין צוריק געבין אפולע האנט גוטס צו עולם הבא . ווא וועט דער מענטש ליגין אזוי פיל גוטס . עס שטייט דאך אין פסוק ושמים בזרת תכן . דעם הימעל האט ער אנגיברייט מיט דעם פינגער וואס הייסט זרת . זעהן מיר דאך אז דער פינגער זרת פארנעמט דיא גאנצע וועלט . אונ אז גאט וועט געבין צום צדיק אפולע האנט גוטס . ווא וועט ער דיא גוטס ליגין . האט רבי מאיר גיזאגט צו רבי יהושע אונ דוא זאגסט ניט אזוי . וועלכע מאס מעסט גאט בעסער . דיא גוטע מאס אדער דיא שלעכטע מאס . געווים מעסט גאט בעסער דיא גוטע מאס ווי דיא שלעכטע מאס . וואָרום אז גאט מעסט גוטס שטייט אין פסוק גאט האט גיבאטין צו דיא הימלען פון הויבין אונ דיא טירען פון הימעל האט ער גיעפינט אונ ער האט גימאכט רעגנען אויף זייא מן צום עסין אונ דיא קארין פון הימעל האט ער גיגעבין צו איהם . זעהן מיר אז גאט האט גיגעבין גוטס אויף דער וועלט האט ער גיעפינט צווייא טירען . אונ אז גאט האט גישטראפט דיא וועלט אונ האט אראפ געשיקט אמבול שטייט אין פסוק דיא פענסטער פון הימעל זענען גיעפינט גיווארין . איז דער מן גיגאנגען דורך צווייא טירען . אונ דער מבול איז גיגאנגען דורך צווייא פענסטער . אונ אין איין טיר איז דא פיר פענסטער . איז דאך דער מן גיגאנגען דורך אמאס וואס איז פיר מאהל אזוי גרוס וויא דיא מאס וואס דער מבול איז דורך איהר גיגאנגען . אונ ביי דיא מאס פון שטראף שטייט אין פסוק זייא וועלין ארויס גיין אונ וועלין זעהן דיא טויטע מענטשין וואס האבין צו מיר געזינדיגט זייערע ווערים וועלין ניט שטארבין אונ זייער פייער וועט ניט פאר לאשין ווערין אונ דיא

מיד נכוה אלא כשם שנותן הקב"ה כח ברשעים לקבל פורענותן כך נותן הקדוש ברוך הוא כח בצדיקים לקבל טובתן :

**נו פיסקא** ר"ע אומר אף הקורא בספרים החיצונים.

תנא בספרי מינין רב יוסף אמר אף בספר בן סירא אסור למיקרי א"ל אביי מאי טעמא אילימא משום דכתיב ביה לא תנטוש גילדנא מאודניה דלא ליזיל משכיה לחבלא אלא צלו יתיה בנורא ואיכול ביה תרתין גריצין אי כפשטיה באורייתא נמי כתיב (דברים כ) לא תשחית את עצה אי כדרשא אורחא דארעא קא משמע לן דלא לבעול שלא כדרכה ואלא משום דכתיב בת לאביה מטמונת שוא מפחדה לא יישן בלילה בקטנותה שמא תתפתה בנערותה שמא תזנה בגרה שמא לא תנשא נישאת שמא לא יהיו לה בנים הזקינה שמא תעשה כשפים הא רבנן נמי אמרוה אי אפשר לעולם בלא זכרים ובלא נקבות אשרי מי שבניו זכרים אוי לו למי שבניו נקבות אלא משום דכתיב לא תיעל דוי בלבך דגברא גוברין קטיל דוי

הא

מינין. שכופרין בתלמוד: רב יוסף אמר אף ספר בן סירא. (כלומר קורא בספרים החיצונים הייני נמי בספר בן סירא) שיש בו דברי הבאי ובאה עליהם לידי ביטול תורה: לא תפשוט גילדנא מאודניה. כלומר לא תטול עורו של דג אפילו מעל אזנו מפני שאתה מפסיד העור דאזיל משכא לחבלא להפסד אלא צלי יתיה בנורא ואכיל ביה תרתין גריצין שאתה יכול לאכול עור הדג עמו ולאכול בו שתי חלות דהוי לפתן לשתי חלות. גילדנא שם הדג. נ"א להכי נקט מאודניה שדרכו של דג להתחיל הפשטו מאזנו: אי מפשטיה. אי ממשמעותיה קא מתמהת באורייתא נמי כתיב: דלא לבעול שלא כדרכה. דאין נכון לאדם לשנות את דרכו וכיים דקאמר מאודניה: לא יישן. אינו יכול לישן: קטנה. קודם שהביאה ב' שערות: נערה. משהביאה ב' שערות עד שירבה שחור על הלבן הרי היא בוגרת: בנערותה שמא תזנה. משבגרה ראויה היא לנישואין להכי אמר שמא לא תנשא: דוי.

---

זייא וועלין זיין אשאנדע צו אלע מענטשין . איז דאך אקשיא וויא אזוי קען א מענטש האבין כח נאך זיין טויט צוריק צו לעבין אונ ליגען אזוי אלאנגע צייט לעבעדיג אין פייער אונ ניט פאר ברענט ווערין . מיר זעהן דאך אויף דער וועלט אז א מענטש זאל אריין שטעקין זיין פינגער אין איין פייער ווערט דער פינגער באלד פאר ברענט אונ דער מענטש קען קוים אוים האלטין די יסורים . זעהן מיר דאך אז גאט גיט כח די רשעים זייא זאלין אוים האלטין זייער שטראף . מאדאך גאט ניט כח די רשעים זיי זאלין אוים האלטין זייער שטראף . איז דאך געוויס אז גאט וועט געבין כח צו די צדיקים זייא זאלין קענען פאר נעמען די גוטס וואס גאט וועט זייא געבין :

נו פיסקא . רבי עקיבא זאגט דער וואס לייענט ספרים חצונים האט ער ניט קיין עולם הבא . וואס הייסט ספרים חצונים . אפיקורסישע ביכער וואס זייא לייקענען אין גאט . זייא זאגין עס איז ניטא קיין גאט אויף דער וועלט . רב יוסף זאגט אפילו דעם ספר בן סירא טאר מען אויך ניט לייענען . האט אביי גיזאגט צו רב יוסף פאר וואס טאר מען ניט לייענען דעם ספר בן סירא . איך זאל זאגין ווייל דארט שטייט נארעשקייט . וועלכעס איז די נארעשקייט . איך זאל זאגין ווייל דארט שטייט מען זאל ניט אראפ ציהען די הויט פון א פיש אפילו פון אויער אויך ניט (ווייל מען קען עסין דעם פיש מיט די הויט) דארף ניט גיין די הויט צוא שאדין . נאר מען זאל בראטין דעם פיש אויף דעם פייער מיט די הויט . אונ מען קען עסין צווייא חלות מיט די הויט פון דעם פיש . איז דאך אשאד קאליע צוא מאכין די הויט : דאס זאל זיין די נארישקייט . אויב בן סירא מיינט פראסט מען זאל ניט קאליע מאכין די הויט פון פיש ווייל מען קען זיא עסין . אין דער תורה שטייט דאך אויך אזוי . דוא זאלסט ניט פאר דארבין דעם בוים . די זאך וואס מען קען פון איהם הנאה האבין . טאר מען ניט קאליע מאכין . אונ אויב דער פיש איז נאר א משל . אונ בן סירא מיינט דעם נמשל . אז א מענטש זאל ניט בועל זיין דאס ווייב זייגע פון אינטען ווייל דאס איז ניט דער שטייגער פון דער וועלט מען זאל אזוי טאהן . האט ער דאך ניט געזאגט קיין נארעשקייט : נאר ער האט גיזאגט אזאך וואס עס איז דרך ארץ . טאמער וועסטו זאגין דאס איז די נארעשקייט וואס ער האט געזאגט א טאכטער צו א פאטער איז א פאלשער אוצר : דורך איר שרעק קען ער ניט שלאפין

בייא

הא שלמה נמי אמרה (משלי יב) דאגה בלב איש ישחנה ר' אמי ור' אסי חד אמר ישיחנה מדעתו וחד אמר ישיחנה לאחרים ואלא משום דכתיב מנע רבים מתוך ביתך ולא הכל תביא אל ביתך והא רבי נמי אמרה דתניא רבי אומר לעולם אל ירבה אדם רעים בתוך ביתו שנאמר (שם יח) איש רעים להתרועע אלא משום דכתיב זלדקן קורטמן עבדקן סכסן. דנפח בכסי לא צחי. אמר במאי איכול לחמא לחמא סב מיניה. מאן דאית ליה מעברתא בדיקניה כולי עלמא לא יכלי ליה.

אמר

דאגה: מנע רבים. אותן שאין לך עסק עמהם מנעם מתוך ביתך: ולא הכל תביא אל ביתך. אפי' אותם שאתה צריך להתעסק עמהם לא תביאם תדיר לביתך אלא מכמון תוכל עמהם: איש רעים. סוף לו רעים הרבה: להתרועע. לסוף תריעים לו שמתקוטט עמהם: זלדקן. מי שזקנו דקה ותלושה: קורטמן. תדע שחכם וחריף הוא ביותר: עבדקן סכסן. מי שזקנו עבה שוטה הוא: סכסן. כמו כל בר חנה סכסא כבנא בחלא: נפח בכסי. מי שנופח הוסיפו בכוסו: לא צחי. בידוע שאינו צמא: אמר במאי איכול לחמא. האומר באיזה לפתן אוכל פת זה: סב לחמא מיניה. בידוע שאינו רעב וקח הלחם מידו שאילו היה רעב היה אוכל: מאן דאית ליה מעברתא בדיקניה. שזקנו מחולק ומפוצל ויש בין שתי שבילות כמין מעבר:

---

ביא נאכט: איז זיא קליין האט ער מורא טאמער וועט איר איינער איבער רעדין אונ וועט מיט איר מזנה זיין. איז זיא אנערה ואביסער ערווערו האט ער מורא טאמער וועט זיא אליין וועלין מזנה זיין. איז זיא אגרויסע האט ער מורא טאמער וועט ער ניט געפינען פאר איהר אמאן. אזוי וויא זיא איז ווערט. אונ וויא פאר איהם פאסט. האט זיא שוין חתונה גיהאט האט ער מורא טאמער וועט זיא ניט האבין קיין קינדער. וועט דער מאן איהר גטין. איז זיא שוין אלט גיווארין האט ער מורא טאמער וועט זיא ווערין אמכשפה. דאס האבין דאך דיא רבנן אויך גיזאגט. דיא וועלט קען ניט זיין אן זכרים אונ זיא קען ניט זיין אן נקבות. פון דעסטוועגין וואהל צו דעם מענטש וואס זיינע קינדער זענען זכרים. אונ וויא צו דעם מענטש וואס זיינע קינדער זענען נקבות. טאמער וועסטו זאגין דאס איז דיא נארעשקייט וואס ער האט גיזאגט אמענטש זאל ניט אריין נעמען זארג אין זיין הארצין; ווארום זארג הרגת דעם שטארקסטין מענטשין. דאס האט דאך שלמה המלך אויך גיזאגט. דאגה בלב איש ישחנה. אז אמענטש האט זארג אין הארצין ישחנה. וואס מיינט מען ישחנה. רבי אמי אונ רבי אסי קריגען. איינער זאגט ישחנה איז דער טייטש אוועק שטויסין. ער זאל אוועק שטויסין דיא זארג פון קאפ. אונ זאל ניט זארגין. אונ איינער זאגט ישחנה איז דר טייטש דערציילין. ער זאל דער ציילין אלע זיינע צרות אונ זארג פאר זיינעם אגוטען פריינד. וועט איהם ווערין גרינגער אין הארצין. אדער דער גוטער פריינד וועט איהם געבין אעצה. טאמער וועסטו זאגין דאס איז די נארעשקייט וואס ער האט גיזאגט אמענטש זאל פאר מיידין צו ציהם אין שטוב זאלין ניט אריין קומען פיל פרעמדע מענטשין. אונ אפילו דיא מענטשין וואס דוא האנדילסט מיט זיי. זאלסטו אויך ניט ברייננען אלע אין דיין שטוב; זאלסט שמועסין מיט זייא אין גאס וואס דוא דארפסט. דאס האט דאך רבי אויך גיזאגט. ווארום מיר האבין גילערונט רבי האט גיזאגט איין מענטש זאל ניט אריין ברייננען פיל גוטע פריינד אין זיין שטוב. ווארום עס שטייט אין פסוק איש רעים להתרועע. דער מענטש וואס ברייננט אריין פיל פרעמדע מענטשין אין זיין שטוב. וועט ער צו בראכען ווערין. ווארום דיא פרעמדע מענטשין וועלין וויסען זיינע סודות. אמאהל וועט ער זיך מיט איינעם צו קריגען; וועט ער אלץ אויס זאגין. אונ וועט איהם טאהן שאדין. נאר דאס איז דיא נארעשקייט וואס שטייט אין דעם ספר בן סירא. זלדקן קורטמאן. דר וואס האט אקליינע בארד אדינע. איז אסימן אז ער איז אגרויסער חכם. עבדקן סכסן. דער וואס האט אגראבע בארד. איז אסימן אז ער איז אנאר. אז מען גיט איינעם אכוס צו טרינקען אונ ער בלאזט אוועק דיא שוים. איז אסימן אז ער איז ניט דארשטיג. אז מען גיט איינעם אשטיקול ברויט אונ ער זאגט מיט וואס וועל איך עסין דיא ברויט. זאלסטו דיא ברויט צו נעמען פון איהם. ווארום דאס איז אסימן אז ער איז ניט הונגעריג. דער מענטש וואס זיין בארד איז צוא טיילט אויף צוויי טייל. דיא רעכטע זייט איז בזונדער אונ דיא לינקע זייט איז בזונדער. אונ אין מיטען איז וויא אוועג דורך צו גיין. איז אסימן אז ער איז אגרויסער שווינדלער. אונ דיא

גאנצע

אמר רב יוסף מילי מעלייתא דאית ביה דרשינן להו אשה טובה מתנה טובה בחיק ירא אלהים תנתן. אשה רעה צרעת לבעלה מאי תקנתיה יגרשנה מתוך ביתו ויתרפא מצרעתו. אשה יפה אשרי בעלה מספר ימיו כפלים. העלם עיניך מאשת חן פן תלכד במצודתה. אל תט אצל בעלה למסוך עמו יין ושכר כי בתאר אשה יפה רבים הושחתו ועצומים כל הרוגיה. רבים היו פצעי רוכל המרגילים לדבר ערוה כניצוץ מבעיר גחלת ככלוב מלא עוף כן בתיהם מלאים מרמה. מנע רבים מתוך ביתך ולא הכל תביא אל ביתך. רבים יהיו דורשי שלומך גלה סודך לאחד מאלף. משוכבת חיקך שמור פתחי פיך. אל תצר צרת מחר כי לא תדע מה ילד יום שמא למחר איננו ונמצא מצטער על עולם שאינו שלו. כל ימי עני רעים בן סירא אומר אף לילות בשפל גגו גגו ובמרום

כ"ע לא יכלי ליה. בערמימותיה דמתרך בהובב כל ימיו בערמימות הוא משים ידו לזקנו ומושך כאדם שמהרהר עד שנקרחה ל"א [גרסינן] מכרתה מי שיש לו היכר בזקנו שספד כ"ע שלא כעדו אין יכולין להגיע לכחו ל"א גוורתא והוא לשון קרחה וכל הני דברי רוח ולכך אין קורין בו : דרשינן. כלומר אמרינן להו בפירקא ומשמעינן להו לכ"ע כגון כל הני אשה טובה וכו' אשה רעה צרעת לבעלה מה תקנתו יגרשנה מביתו כך הלשון בספר בן סירא. אשה רעה מתנה רעה ל"ג : כפלים. מרוב השמחה השורה כפלים : אל תט. אצל בעלה למסוך עמו יין ושכר : רבים היו פצעי רוכל. כמה וכמה מכות מקבל רוכל המחזר בעיר ומוכר תכשיטי נשים ועסקו עמהם שמשמיה מוצאו בעל. עמה מהרהר עם אשתו ומכהו ופוצעו : המרגילים לדבר ערוה. ניצוץ הרי הן כניצוץ מבעיר גחלת כשביב המבעיר את הפחם כך כל אחד להם כלה והולך : גחלת. אקרי פחם שאינו בוער כדאמרינן גחלים עוממות מ"ר. ככלוב. דירה של עופות : רבים יהיו דורשי שלומך. שתהא מתאהב עם הכל ואעפ"כ לא תגלה סודך לכולם אלא לאחד מני אלף : מה ילד יום. מה תולד היום שמא למחר איננו במת הוא היום : ונמצא מצטער על עולם שאינו שלו. על יום שאינו עתיד לראות והיינו עולם

נאנצע וועלט וועלין ניט קענען בשטיין געגין זיין שווינדל. רב יוסף זאגט דיא גוטע זאכין וואס שטייט אין דעם בן סירא. זאגין מיר זייא אין אדרשה אונ מיר דער ציילין דאס פאר אלע מענטשין. אלע זאלין דאס וויסען. בן סירא זאגט אגוטע ווייב איז אגוטע מתנה. דער פרומער מענטש בקומט דיא גוטע ווייב. אשלעכטע ווייב איז אזוי וויא קרעץ צום מאן. וואס זאל ער מאהן. זאל ער זיא גטין אונ ארויס טרייבין פון שטוב. וועט ער גיהיילט ווערין פון דיא קרעץ: אשיינע ווייב איז וואוהל צום מאן. פון גרויס פערגעניגען איז בייא איהם גלייך וויא ער וואלט גילעבט צווייא מאהל אזוי לאנג. אמענטש זאל אוועק טאהן זיינע אויגען אונ זאל ניט קוקען אויף אפרעמדע שיינע ווייב. טאמער וועט ער גיפאנגען ווערין אין איהר נעץ. דו זאלסט ניט גיין צו איהר מאן טרינקען מיט איהם וויין. ווארום דורך אפרעמדע שיינע ווייב. זענען פיל מענטשין פאר דארבין גיווארין. אונ זיא האט פיל שטארקע מענטשין נידהרגת. דיא קאראבעלניקעס וואס פאר קויפין צו ווייבער שמעקעדיקע זאכין וואס דאס דער וועקט אין דיא ווייבער אגלוסטונג צו מזנה זיין. פיל שרעק בעקומט ער פון דעם מאן אז ער טרעפט איהם אליין אין שטוב מיט זיין ווייב. אזוי ווי דער פונק פייער ברענט אויף דעם קויל, אזוי ברענען אויף דיא שמעקעדיקע זאכין דאס גלוסטונג צו מזנה זיין. אזוי וויא אשטייג איז פול מיט עופות. אזוי זענען דיא הייזער פון דיא קאראבעלניקעס פול מיט פאלשקייט. ווא דיא ווייבער קומען צו איהם קויפין דיא שמעקעדיקע זאכין דער ווייל זענען זייא מזנה מיט איהם. אמענטש זאל פאר מיידין פיל פרעמדע מענטשין זאלין ניט אריין גיין צו איהם אין שטוב. אונ אפילו די מענטשין וואס דוא האנדילסט מיט זייא. זאלסטו אויך ניט ברייננען אלע אין דיין שטוב. זאלסט שמועסן מיט זיי אין גאס אלץ וואס דוא דארפסט. דוא זאלסט האבין פיל גוטע פריינד וואס זאלין ווערין דיין פריידען. נאר צו איינעם פון טויזענד זאלסטו זאגין דיינע פאר בארגינע זאכין. פון די וואס ליגט אין דיין שויס פון דיין ווייב זאלסטו היטען דיא עפענונג פון דיין מויל. אז דוא האסט אפאר בארגענגע זאך זאלסטו ניט זאגין אפילו פאר דיין ווייב. זאל דיר ניט באנג טאהן היינט אויף דיא צרה וואס דארף קומען מארגין. ווארום דוא ווייסט ניט וואס דער היינטיגער טאג וועט גיבארין. טאמער ביז מארגין וועסטו שוין גאר נישט זיין אויף דער וועלט. האסטו דיך דאך מצער גיוועזען אויף אוועלט וואס איז ניט דיינע. ווארום דוא וועסט גאר ניט דער לעבין צו זעהן דיא צרה. אלע טאג פון דעם ארעם מאן זענען שלעכט. בן סירא זאגט דיא נעכט זיינע זענען אויך שלעכט.

ובמרום הרים כרמו ממטר גגים לגגו ומעפר כרמו לכרמים. א"ר זירא אמר רב כל ימי עני רעים אלו בעלי תלמוד וכו' עד שנוי וסת תחלת חולי מעים וכו':

(דף קא) **נז תנו** רבנן הקורא פסוק של שיר השירים ועושה אותו כמין זמר והקורא פסוק בבתי משתאות בלא זמנו מביא רעה לעולם מפני שהתורה חוגרת שק ועומדת לפני הקב"ה ואומרת לפניו רבש"ע עשאוני בניך ככנור שמנגנים בו לצים אמר לה בתי בשעה שאוכלין ושותין במה יתעסקו אמרה לפניו רבש"ע אם בעלי מקרא הם יעסקו בתורה ובנביאים ובכתובים אם בעלי משנה הם יעסקו במשנה ובהלכות ובהגדות ואם בעלי תלמוד הם יעסקו בהלכות הפסח בפסח בהלכות עצרת בעצרת בהלכות החג בחג. העיד ר' שמעון בן אלעזר משום ר' (שמעון) [יהושע] בן חנניה כל הקורא פסוק בזמנו מביא טובה לעולם שנאמר (משלי טו) ודבר בעתו מה טוב:

**נח פיסקא** והלוחש על המכה. א"ר יוחנן וברוקק בה

שאינו שלו שהוא מצטער עליו ודואג על הגשם מיום שמתחיל שלא תבא עליו צרה: כל ימי עני רעים וטוב לב משתה תמיד. פסוק הוא במשלי: בבעל גגים גגו. שעני הוא ואינו יכול להגביהו לפיכך ממטר גגים לגגו. שיורד מטר הגגים הגבוהים לגגו ומזלפין עליו הגשמים ואין לו מנוחה אפי' בלילה: במרום הרים כרמו. שאין לו השגת יד לקנות כרם בשפלה בדמים יקרים וקונה לו באחד מן ההרים בזול וכל עפר שהוא מוליך לגפן מוליך הרוח מן ההר לשאר כרמים שבבקעה ונמצא העני נפסד: ה"ג הקורא שיר השירים ועושה אותו [כמין זמר] שקורא בנגינה אחרת שאינו נקוד בה ועושה אותה כמין שיר אע"פ שמשיר השירים הוא ועיקרו שיר אסור שעשהו כמין שיר אלא כקריאתו: הקורא פסוק בבתי משתאות בלא זמנו. כגון על יין עושה שחוק בד"ת וקורא פסוקים בקול רם לשחק בהם בבית משתה אבל אם אמרו בזמנו על משתה כגון שהוא י"ט ונוטל כוס בידו ואומר עליו דברי הגדה ופסוקים מענינו של יום מביא טובה לעולם:

וברוקק. שכן דרך מלחשין לרקק קודם הלחש ואסור להזכיר פסוק על הלחישה ויש לחשים שדרך לרקק אחריהם ואומר אותו בלשון לעז ומזכירים להם שם בלשון לעז ואומר לי רבי דמוהר

---

דער דאך פון זיין שטוב איז נידעריגער פון אלע דעכער. דריבער דער רעגען פון אלע דעכער איז אויף זיין דאך. רינט אריין אין שטוב. קען ער ניט שלאפן ביי נאכט. זיין וויינגארטין איז אויף דעם בארג. ווייל עס קאסט וועלוועלער. אז ער ברייננט מיסט אויס צו מיסטען זיין וויינגארטין. פאלט אראפ די מיסט אויף די אונטערשטע וויינגארטנער:

**נז** תנו רבנן. די רבנן האבען געלערנט אז איינער לייענט א פסוק פון שיר השירים און זינגט אים ניט ווי די נגינה איז. נאר מיט אזוי א ניגון ווי ער וויל. אדער ער זיצט און טרינקט וויין און זינגט א פסוק וואס עס איז גאר ניט די צייט פון דעם פסוק. ברייננט ער שלעכטץ אויף דער וועלט. ווייל די תורה טוהט אן א זאק און שטייט פאר גאט און זאגט רבונו של עולם דיינע קינדער האבען מיך געמאכט ווי א פידול וואס די מענטשין ווס מאכען גילעכטערס שפילען מיט איר. אזוי מאכען די יודין געלעכטערס פון די פסוקים ואבער אז יודין טרינקען וויין יום טוב אדער שבת. און זינגען פסוקים צו לויבין גאט. ברייננגען זייא גוטס אויף דער וועלט. גאט האט גזאגט צו די תורה מיין טאכטער ווען יודין עסין און טרינקען וואס זאלין זייא טאהן. האט די תורה גזאגט פאר גאט רבונו של עולם אויב די מענטשין קענען תורה נביאים כתובים. זאלין זיי לערנן תורה אדר נביאים אדר כתובים. אוב זיי קענן משניות. זאלן זיי לערנן משניות אדר דינים. אדר אגדתות. אויב זייא קענען גמרא זאלין זייא לערנען די דינים פון דעם יום טוב. אויב עס איז פסח זאלין זייא לערנען די דינים פון פסח. אויב עס איז שבועות זאלין זייא לערנען די דינים פון שבועות. אויב עס איז סוכות זאלין זייא לערנען די דינים פון סוכות. רבי שמעון בן אלעזר האט עדות גזאגט פון רבי יהושע בן חנניהם ווענין דער וואס לייענט א פסוק צו דער צייט ופסוקים פון פסח אום פסח. פון שבועות אום שבועות. פון סוכות אום סוכות ברייננט ער גוטס אויף דער וועלט. אזוי ווי עס שטייט אין פסוק אזאך אין דער צייט ווי גוט איז:

**נח** פיסקא. והלוחש. און דער וואס זאגט פסוקים אויף א מכה האט ניט קיין חלק עולם הבא. רבי יוחנן זאגט דאס איז נאר אז ער שפייט פריער איידער ער הייבט אן צו זאגן די

בה לפי שאין מזכירין שם שמים על הרקיקה אתמר אמר רב אפי' בנגע צרעת ר' חנינא אמר אפילו ויקרא אל משה:

נש רב יצחק בר שמואל בר מרתא איקלע להחוא אושפיזא אייתיאו ליה משחא במנא שף נפקן ליה צמחי באפיה נפק לשוקא חזיתיה ההיא איתתא אמרה זיקא דחמת קא חזינא הכא עבדא ליה סלתא ואיתסי. א"ל ר' אבא לרבה בר מרי כתיב (שמות טו) כל המחלה אשר שמתי במצרים לא אשים עליך כי אני ה' רופאך וכי מאחר שלא שם רפואה למה א"ל הכי אמר ר' יוחנן מקרא זה מעצמו נדרש שנאמר (שם) ויאמר אם שמוע תשמע לקול ה' אלהיך אם תשמע לא אשים ואם לאו אשים ואע"פ כן אני ה' רופאך:

ס אמר רבה בר בר חנה כשחלה ר' אליעזר נכנסו תלמידיו לבקרו אמר להם חמה עזה יש בעולם דהתחילו הן בוכים ורבי עקיבא משחק אמרו לו מפני

דאין אכור אלא ללחוש אחר הרקיקה דהלכה דמזכיר השם על הרקיקה ועוד לא נאמר אלא בלה"ק אבל בלעז לא: אפי' בנגע צרעת. אפילו לוחש כמי קרא דלית ביה ש"ש על הרקיקה שקורא נגע צרעת כי תהיה באדם והובא אל הכהן לשם רפואה אין לו חלק לעה"ב: ואפילו ויקרא אל משה. שאין בו לא חולי ולא נגע דאין ראוי ללחשו על המכה ואין מזכירו לשם רפואה אלא כסבור הוא להנצל בזכות דברי תורה שהוא הזכיר אסור ללוחשו:

שף. סך שמן בפניו: צמחין. אבעבועות מלנ"ץ: זיקא דחמת. רוח של אותו שד שבמו חמה אני רואה בפניך שאחזך:

חמה עזה יש בעולם. על עצמו היה אומר שכעס

---

דיא פסוקים. ווייל מען טאר ניט דער מאנען דעם נאמען פון גאט אויף אוים שפייאונג. מיר האבען גילערונט רב זאגט אפילו ער זאגט אויף א מכה אזוי א פסוק וואס אין איהם איז ניטא דער נאמען פון גאט. למשל ער זאגט דעם פסוק נגע צרעת כי תהיה באדם והובא אל הכהן. אויב ער האט פריער אוים געשפיגען איידער ער האט אן גיהויבען צו זאגען דעם פסוק. האט ער ניט קיין עולם הבא. רבי חנינא זאגט אפילו ער זאגט אויף א מכה דעם פסוק ויקרא אל משה. אונ ער מיינט ניט אז דער פסוק איז א רפואה צו דער מכה. נאר ער מיינט אין דעם זכות פון דיא תורה זאל ער גיהיילט ווערין טאר מען אויך ניט:

נש רב יצחק בר שמואל בר מרתא איז אמאהל גיקומען אין אנאכט הויז האט מען גיבריינגט פאר איהם בוימאייל אין א כלי. האט ער בשמירט דעם פנים מיט דיא בוימאייל. איז גיווארין בלאטערין אויף דעם פנים. איז רב יצחק ארוים גיגאנגען אין גאס. האט א אשה גיזעהן דיא בלאטערין וואס רב יצחק האט אויף זיין פנים. האט זיא גזאגט צו רב יצחק איך זעה אויף דיין פנים איז גיוועזען דער ווינט פון דעם שד חמת. פון דעם ווינט האסטו די בלאטערין. האט דיא אשה עפעם גיטאהן אזוי איז רב יצחק גיזונט גיווארין: רבי אבא האט גזאגט צו רבה בר מרי עם שטייט אין פסוק אלע קראנקייט וואס איך האב גיטאהן אין מצרים וועל איך ניט טאהן אויף דיר ווארום איך גאט וועל דיך היילין. איז דאך א קשיא אז גאט וועט ניט טאהן קיין קראנקייט. צו וואס דארף מען היילין. האט רבה גזאגט צו רבי אבא אזוי האט גזאגט רבי יוחנן דער פסוק ווערט גידרשת פון זיך אליין. אזוי וויא עם שטייט אין פסוק משה האט גזאגט אויב דוא וועסט הערין דעם קול פון דיין גאט. אויב דוא וועסט הערין דעם קול פון גאט וועט מען אויף דיר ניט טאהן קיין קראנקייט. אונ אויב דוא וועסט ניט הערין דעם קול פון גאט וועט מען אויף דיר יא טאהן א קראנקייט. פון דעסטוועגין וועל איך גאט דיך היילין:

ס אמר. רבה בר בר חנה האט גזאגט אז רבי אליעזר איז קראנק גיווארין זיינען אריין גיגאנגען זיינע תלמידים צו איהם זעהן וואס ער טוהט. האט רבי אליעזר גזאגט צו דיא תלמידים א שטארקער כעם איז דא אויף דער וועלט גאט איז אויף מיר שטארק אין כעם ווארום ער האט שווער גימאכט מיין קראנקייט. האבען דיא תלמידים אן גיהויבען וויינען. אונ רבי עקיבא האט גילאכט. האבען דיא תלמידים גזאגט צו רבי עקיבא פאר וואס לאכסטו. האט רבי עקיבא גזאגט צו דיא תלמידים פאר וואס וויינט איר. האבען דיא תלמידים גזאגט צו רבי עקיבא די

ספר

עליו המקום והכביד עליו : שכל זמן שהייתי רואה את רבי שאין יינו מחמיץ וכו׳ . כלומר שהיתה מצלחת בכל מעשיו אמרתי קבל רבי את עולמו כל שכרו : רואה רבי בצער ושכרו מתחזק ונתון ולכך אני שמח : מדביש . מתקלקל ונעשה נגול מחמת חימום : כלום חסרתי . בתמה אומר אני שכל עונותי :
שגלגל חמה בעוה"ז ונא לעתיד כמאורות מההשות:

מפני מה אתה שוחק אמר להם וכי מפני מה אתם בוכים אמרו לו אפשר ספר תורה שרוי בצער ולא נבכה אמר להם לכך אני משחק שכל זמן שאני רואה רבי שאין יינו מחמיץ ואין פשתנו לוקה ואין שמנו מבאיש ואין דובשנו מדביש אמרתי שמא ח"ו קבל רבי עולמו ועכשיו שאני רואה רבי בצער אני שמח א"ל עקיבא כלום חסרתי מן התורה כולה א"ל למדתנו רבינו (קהלת ז) כי אדם אין צדיק בארץ אשר יעשה טוב ולא יחטא :

**סא תנו** רבנן כשחלה ר׳ אליעזר נכנסו ד׳ זקנים לבקרו ר׳ טרפון ור׳ יהושע ורבי אלעזר בן עזריה ור"ע נענה ר׳ טרפון ואמר טוב אתה לישראל מטפה של גשמים שטפה של גשמים בעה"ז ורבי בעה"ז ולעה"ב . נענה ר׳ יהושע ואמר טוב אתה לישראל יותר מגלגל חמה שגלגל חמה בעה"ז ורבי בעה"ז ולעולם הבא . נענה רבי אלעזר בן עזריה ואמר טוב אתה לישראל יותר מאב ואם שאב ואם בעה"ז ורבי בעה"ז ולעה"ב . נענה רבי עקיבא ואמר חביבין יסורין [אמר להם סמכוני ואשמעה דברי עקיבא תלמידי שאמר חביבין יסורין] א"ל עקיבא זו מנין לך אמר

---

ספר התורה ואונזער רבי איז אין צער זאלין מיר ניט וויינען : האט רבי עקיבא גזאגט צו די תלמידים וייל אונזער רבי איז אין צער דריבער לאך איך . ווארים אזוי לאנג וויא איך האב געזעהן אז דער רבי איז גליקלאך . דיא ווין זיינע ווערט ניט זויער . דיא פלאקס זיינע ווערט ניט קאליע . דיא בוימאייל זיינע ווערט ניט פאר שטונקען . דיא האניק זיינע ווערט ניט קאליע . האב איך גזאגט טאמער נעמט דער רבי דעם שכר פון זיין תורה אונ מצות אויף דער וועלט . אבער איצט אז איך זעה דער רבי האט צער . ווייס איך אז דער שכר פון זיין תורה אונ מצות בלייבט צו עולם הבא . פרייה איך מיך . האט רבי אליעזר גזאגט צו רבי עקיבא האב איך דען עפעס גיפעלט פון דער תורה וואס איך האב ניט מקיים גיוועזן וואס דוא זאגסט איך ווער גישטראפט אויף דער וועלט . איך דארף האבען ביידע וועלטין . האט רבי עקיבא גזאגט צו רבי אליעזר דער רבי האט דאך אונז גילערנט דעם פסוק עס איז נישטא א מענטש א צדיק אויף דער וועלט וואס ער זאל טאהן גוטס אונ זאל ניט זינדיגען . עפעס עבירות מוז א מענטש האבען . פר די ביסל עבירות ווערסטו גישטראפט אויף דער וועלט :

**סא** תנו רבנן . דיא רבנן האבען גילערנט אז רבי אליעזר איז קראנק גיווארין זענען אריין גיגאנגען פיר זקנים צו איהם זעהן וואס ער טוהט . רבי טרפון אונ רבי יהושע אונ רבי אלעזר בן עזריה אונ רבי עקיבא . האט רבי טרפון גזאגט צו רבי אליעזר דו ביסט בעסער צו דיא יודין וויא דיא טראפינס רעגין . דיא טראפינס רעגין גיבען נאר לעבין אויף דער וועלט ווען וואקסט תבואה איז דא צום לעבין . אונ דער רבי גיט לעבין צו דיא יודין אויף דער וועלט ווען לעבט אין זיין זכותו . אונ ער גיט זייא לעבין צו עולם הבא ווער לערנט מיט זייא תורה האבען זייא עולם הבאו . האט רבי יהושע גזאגט צו רבי אליעזר דוא ביסט בעסער צו דיא יודין וויא דער ראד וואס פירט דיא זוהן . ווארום דיא זוהן גיט נאר לעבין צו דער וועלט . אונ דער רבי גיט לעבין צו דיא יודין אויף דער וועלט אונ צו עולם הבא . האט רבי אלעזר בן עזריה גזאגט צו רבי אליעזר דוא ביסט בעסער צוא דיא יודין וויא א פאטער אונ מוטער . ווארום א פאטער אונ מוטער ברייגגען א מענטשין נאר אויף דער וועלט . אונ דער רבי ברייגגט דיא יודין צו דער וועלט אונ צו יענע וועלט . האט רבי עקיבא גזאגט אז עס קומט יסורים אויף א מענטשין . זענען דיא יסורים גוט פאר דעם מענטשין . האט רבי אליעזר גזאגט לעהנט מיך אן אונ איך וויל הערין דיא רייד פון מיין תלמיד עקיבא וואס ער זאגט אז יסורים איז גוט פאר דעם מענטשין . האט רבי אליעזר גזאגט עקיבא פון וואנען ווייסטו אז יסורים איז גוט פאר דעם

מ ענטשין

אמר מקרא אני דורש (מ"ב כא) בן שתים עשרה שנה מנשה במלכו וחמשים וחמש שנה מלך בירושלים גו' ויעש הרע בעיני ה' (ע"ב) וכתיב (משלי כה) גם אלה משלי שלמה אשר העתיקו אנשי חזקיה מלך יהודה וכי חזקיה מלך יהודה לכל העולם כולו לימד תורה ולמנשה בנו לא לימד תורה אלא מכל טורח שטרח בו ומכל עמל שעמל בו לא העלוהו למוטב אלא יסורין שנאמר (דה"ב לג) וידבר ה' אל מנשה ואל עמו ולא הקשיבו ויבא ה' עליהם את שרי הצבא אשר למלך אשור וילכדו את מנשה בחוחים ויאסרוהו בנחשתים ויוליכוהו בבלה וכתיב (שם) ובהצר לו חלה את פני ה' וגו' ויתפלל אליו ויעתר לו וישמע תחנתו (מאי עביד ליה שדיוה בדודא דנחשא ושדו נורא תותיה והוה קא מצטער טובא אמר היכי לעביד נקרייה להקב"ה כעים עילואי נקרייה לע"ז לית בה ממשא מה עשה קרא לגדולים ולא עניוהו קרא לקטנים ולא עניוהו אמר רבונו של עולם אי ענית ענית ואי לא אמינא איהו נמי כוותהון מיד ויעתר לו) וישיבהו ירושלים למלכותו הא למדת שחביבין יסורין:

הכינן יסורין. במסכת עליך: גם אלה משלי שלמה אשר העתיקו אנשי חזקיה. היינו תלמידי חזקיה כדקיימא לן בהשותפין בב"ב חזקיה וסייעתו כתבו משלי מכלל דחזקיה היה מלמד לכל וכדאמרינן נעץ חרב על פתח בהמ"ד וכ"ש שלמנשה בנו למד: מכל טורח שטרח בו. ללמדו: שלשה באו בעלילה שלא באו לבקש לפני הקב"ה בתפלה אלא באו בעלילה שאמרו דבריהם של

סב ת"ר ג' באו בעלילה ואלו הן קין עשו ומנשה קין דכתיב (בראשית ד) גדול עוני מנשוא אמר

---

מענטשין. האט רבי עקיבא גזאגט איך ווייס דאס פון א פסוק. צוועלף יאהר איז אלט געוועזן מנשה ווען ער איז געווארין א מלך. און פינף מיט פופציג יאהר האט ער געקיניגט אין ירושלים. און ער האט געטאהן וואס עס איז שלעכט געוועזן אין די אויגען פון גאט. און עס שטייט אין פסוק דאס איז אויך משלים פון שלמה וואס די מענטשין (דיא תלמידים פון חזקיה מלך יהודה האבען איבער געזעצט ופון איין אנדער שפראכע אויף לשון קודש). איז דאך א קשיא חזקיה מלך יהודה האט געלערנט תורה צו דיא גאנצע וועלט; און צו זיין זוהן מנשה האט ער ניט געלערנט תורה. נאר פון אלע טרחות וואס חזקיה האט זיך מטריח געוועזן. און פון אלע מאטערנעש וואס חזקיה האט זיך גימאטערט מיט זיין זוהן מנשה ער זאל לערנען תורה און זאל פרום ווערין. און דאס האט אלץ ניט גיהאלפען. נאר יסורים האבען גיהאלפען ער זאל פרום ווערין. אזוי וויא עס שטייט אין פסוק גאט האט גירעט צו מנשה און צו זיין פאלק זייא זאלין פרום ווערין. און זייא האבען ניט פאר נומען דיא רייד פון גאט. האט גאט גיברייננט אויף זייא דיא שרים פון דעם חיל פון מלך אשור און זייא האבען בצוואונגען מנשה מיט קייטין און האבען אים געבונדין מיט קייטין און האבען איהם געפירט אין בבל. און ווען עס איז מנשהן גאנץ שלעכט געוועזן. האט ער גיבעטין פאר גאט און האט מתפלל געוועזן איז גאט צו איהם איבער גיבעטין געווארין וואס האט מען איהם גיטאהן. מען האט איהם אריין גילייגט אין א קופערנעם קעסיל און אונטער דעם קעסיל דאט מען גילייגט פייער. האט ער גיהאט גרויס צער. עס האט איהם געברידט; האט ער גיטראכט וואס זאל איך איצט טאהן. איך זאל רופען צו גאט ער זאל מיר העלפין. גאט איז דאך אויף מיר אין כעס. איך זאל רופען צו די עבודה זרות זייא זאלין מיר העלפין. איך ווייס זייא קענען ניט העלפין. וואס האט מנשה גיטאהן. ער האט גירופען דיא גרויסע געטער און זייא האבען איהם ניט גיענטפערט. ער האט גירופען דיא קלייני געטער און זייא האבען אים ניט גיענטפערט. האט ער גזאגט רבונו של עולם וועסטו ענטפערין איז גוט. און אויב ניט וועל איך זאגין דו ביסט אויך אזוי וויא אלע געטער. איז באלד גאט איבער גיבעטין געווארין צו אים. און האט אים צוריק גיקערט אין ירושלים צוא זיין מלוכה: פון דאנען זעהן מיר אז יסורים קענען א מענטשין פרום מאכען.

סב תנו רבנן. דיא רבנן האבען גילערנט דריי מענטשין זענען גיקומען פאר גאט מיט אבלבוי'

אמר לפניו רבש"ע כלום גדול עוני מששים רבוא שעתידין לחטוא לפניך ואתה סולח להם . עשו דכתיב (שם מ) הברכה אחת היא לך אבי . מנשה בתחלה קרא לאלוהות הרבה ולבסוף קרא לאלהי אבותיו :

(דף ל ע"א) סג משנה שלשה מלכים וארבעה הדיוטות אין להם חלק

רבה אחין לכם הבוכה : הברכה אחת היא . וכי אין לך ברכה יותר חשובה נאחת השינו ומאחם לו : מנשה . כל בתעליה בגא התפלל למקום אלא לבסוף חב לא הושיעני מה הועיל לי בקראתי לך יואל מבאר אלוהות וסיינו דכתיב ויכנע לפני ה' אלהי אבותיו מכלל דעד השתא לפני אלוהות אחרים נכנע : שריבע עם . שריבן את ישראל והפילם : עשה מריבה בעם . הריבם אלו עם אלו בעסק ע"ז זה עובד וזה מוסה בידו ובאין לידי מחלוקת:

לעולם הבא . שלשה מלכים ירבעם אחאב ומנשה . ר' יהודה אומר מנשה יש לו חלק לעולם הבא שנאמר (דה"ב לג) ויתפלל אליו ויעתר לו וישמע תחנתו וישיבהו ירושלים למלכותו אמ"ו ליה למלכותו השיבו ולא לחיי עולם הבא השיבו . ארבעה הדיוטות בלעם ודואג ואחיתופל וגיחזי : (גמ' מי מנאן אמר ר' אשי אשי כנסת הגדולה) :

(דף קא ע"ב) סד תנו רבנן ירבעם שריבע עם . ד"א ירבעם שעשה מריבה בעם : דבר אחר ירבעם שעשה מריבה בין ישראל לאביהם שבשמים

בן

---

אבלבול . קין און עשו און מנשה . ביי קין שטייט אין פסוק איז אזוי גרויס מיין זינד אז מען קען זיא גאר ניט פאר געבין . קין האט גזאגט פאר גאט רבונו של עולם איז דען מיין זינד גרעסער פאר דיא זינד פון דיא זעקס מאהל הונדערט טויזענד יודין וואס וועלין זינדיגען פאר דיר אונ דוא וועסט זייא מוחל זיין . דריבער האט גאט גימוזט איהם מוחל זיין . ביי עשו שטייט אין פסוק ער האט גזאגט צו זיין פאטער יצחק מיין פאטער האסטו גאר גיהאט איין ברכה ואויב עס איז אמת אז גאט קען אליין טאהן אונ דיא גאנצע וועלט איז זיינע . וויא אזוי קען דאס זיין ער זאל נאר האבען איין ברכה . האסטו מער ברכות בענטש מיך אויך . אונ אויב דוא האסט ניט מער קיין ברכה . מוז זיין אז ניט אליין איז ביי גאט אין האנט . איז געווים דא נאך אגאט . דריבער האט יצחק אים גימוזט בענטשין . ביי מנשה וויל ער האט פריער גירופען צוא אלע עבודה זרות אונ זייא האבען איהם ניט גיענפערט . דער נאך אז ער האט גירופען צום גאט פון זיינע עלטערין . האט גאט איהם גימוזט ענפערין . ווארום אז ניט וואלט ער גזאגט אז גאט קען אויך ניט העלפין :

סג משנה . שלשה . דריי מלכים אונ פיר פראסטע מענטשין האבען ניט קיין חלק אין עולם הבא . ווער זענען דיא דריי מלכים . ירבעם בן נבט . אחאב . מנשה . רבי יהודה זאגט מנשה האט יא עולם הבא . ווארום עס שטייט אין פסוק מנשה האט גיבעטין צו גאט . אונ גאט איז איבער גיבעטין גיווארין צו אים . אונ ער האט גיהערט זיין גיבעט : אונ האט איהם צוריק גיקערט אין ירושלים צו זיין מלוכה . האבען דיא חכמים גזאגט צוא רבי יהודה צוא זיין מלוכה האט איהם גאט צוריק גיקערט . אבער צו עולם הבא האט מען איהם ניט צוריק גיקערט . ווער זענען דיא פיר פראסטע מענטשין . בלעם . דואג . אחיתופל . גיחזי : די גמרא פרעגט ווער האט גיציילט די אלע זיבען מענטשין . האט רב אשי גיזאגט דיא אנשי כנסת הגדולה האבען זייא גיציילט :

סד תנו רבנן . דיא רבנן האבען גילערנט מען האט איהם גירופען ירבעם . ווייל רבע עם . ער האט גיליינט דאס פאלק יודין אונ האט זייא נידעריג גימאכט . אנדערע זאגין דריבער האט מען איהם גירופען ירבעם . ווייל ער האט גימאכט אקריג צווישען דאס פאלק יודין . דער האט גזאגט מען זאל דינען עבודה זרה . דער האט גזאגט מען זאל ניט דינען עבודה זרה . דער ווייל איז גיווארין אקריג צווישען זייא . אנדערע זאגין דריבער האט מען אים גירופען ירבעם . ווייל ער האט גימאכט אקריג צווישען דיא יודין אונ גאט . בן נבט האט מען איהם

גערופין

בן נבט בן שניבט ולא ראה. תנא הוא נבט הוא מיכה הוא שבע בן בכרי. נבט שניבט ולא ראה. מיכה שנתמכמך בבנין ומה שמו שבע בן בכרי שמו. ת"ר שלשה ניבטו ולא ראו ואלו הן נבט ואחיתופל ואצטגניני פרעה. נבט שראה אש שיוצא מאמתו הוא סבר איהו מלך ולא היא ירבעם הוא דנפק מיניה. אחיתופל ראה צרעת שפרחה לו על אמתו הוא סבר איהו מליך ולא היא בת שבע [בתו] היא דנפק מינה שלמה. אצטגניני פרעה דאמר ר' חמא בר חנינא מאי דכתיב (במדבר כ) המה מי מריבה המה שראו אצטגניני פרעה וטעו ראו שמושיען של ישראל במים הוא לוקה אמרו (שמות א) כל הבן הילוד היאורה תשליכוהו והם לא ידעו שעל עסקי מי מריבה הוא לוקה. ומנא לן

דלא

שניבט ולא ראה. היה סבור להביט יפה ולעמוד על דבר עיקר ולא ראה שטעה כדאמרינן לקמן ראה אש יוצא מאמתו וכו': נתמכמך בבנין. של מצרים שנתנוהו בבנין במקום לבנה כדמפרש באגדה שא"ל משה להקב"ה אתה הרעות לעם הזה שעכשיו אם אין להם לבנים משימין בני ישראל בבנין א"ל הקב"ה קוצים הם מכלין שגלוי לפני שאלו הם חיים היו רשעים גמורים ואם תרצה הנסה ותוציא אחד מהן הלך והוציא את מיכה. ל"א נתמכמך עסק בבנין עד שנעשה מך כדאמרינן כל העוסק בבנין מתמסכן: הוא סבר איהו מליך. ולכן נתאמץ שבע בן בכרי וקבץ כל ישראל אליו והיה רוצה למלוך כדכתיב בקרא: איהו מליך. ולכן נעשה יועץ לאבשלום כדי שתשוב המלוכה מדוד לאבשלום ובין כך ובין כך יתגלגל הדבר ותשוב אליו: על מי מריבה. שבשעה שאמר שמעו נא המורים נענש ולא נכנס לא"י: ומנא לן דלא אתי. ירבעם לעולם הבא דאמרי וה"נ מפרש לקמן בכולהו ג' מלכים וד'

---

גערופן. ווייל ער איז געווען אזוהן פון דעם מענטש וואס ער האט גיקוקט. ער האט גיוואָרט זעהן אזאך. ער האט אבער ניט גוט גיזעהן. מיר האבען גירעדט נבט און מיכה און שבע בן בכרי דאס איז אלץ איין מענטש ער האט גיהייסען דריי נעמען. נבט. מיכה; שבע בן בכרי. נבט האט מען איהם גירופען ווייל ער האט גיקוקט און ער האט ניט גוט גיזעהן. מיכה האט מען איהם גירופען ווייל מען האט איהם אין מצרים איין גימאהערט אין וואנט פאר א ציגול ואזוי וויא עס שטייט אין מדרש ווען משה האט גזאגט צו גאט פאר וואס האסטו אזוי שלעכט גיטאהן צו דעם פאלק. איצט אז זייא האבען ניט קיין ציגול לייגין זייא ארין די קינדער אין וואנט פאר ציגול. האט גאט גזאגט צו משה דוא זאלסט דיך ניט מצער זיין. זייא פאר לענדין דערנער. איך ווייס אז די קינדער וואלטין גילעבט און גרויס גיווארין וואלטין זייא גיוועין רשעים. און אויב דוא ווילסט פרוב נעם ארויס איין קינד וועסטו זעהן וואס פון איהם וועט ווערין אז ער וועט זיין גרויס. האט משה ארויס גיצויגען דעם מיכה. און זיין אמתר נאמען איז געווען שבע בן בכרי. די רבנן האבען גירעדט דריי מענטשין האבען גיקוקט אויף אזאך און האבען ניט גוט גיזעהן. די דריי מענטשין זענען נבט. אחיתופל. און די שטערין זעהר פון פרעה. נבט האט גיזעהן פייער איז ארויס גיגאנגען פון זיין מילה דער פייער איז אסימן אויף מלוכה. ער וועט זיינע אלע שונאים פאר ברענגען און וועט קיניגען אויף זייא. האט נבט גימיינט ער אליין וועט זיין אמלך. אבער ער האט ניט גוט גיזעהן. ירבעם וואס איז גיבארין גיווארין פון אים איז געווען אמלך. אחיתופל האט גיזעהן קרעץ בליהט אויף זיין מילה דאס איז אויך אסימן אויף מלוכה. ווארום אקרעציגער בארף זיין אפ געזונדערט פון פאלק. און אמלך איז אויך אפ געזונדערט פון פאלק. ער האט גימיינט אז ער אליין וועט זיין אמלך. עס איז אבער ניט אזוי געווען: די מלוכה איז גיווארין פון זיינע קינדער. בת שבע וואס איז געווען אאייניקל פון אחיתופל איז זייא געווען די מוטער פון שלמה המלך. וואס איז געווען ביי די שטערין זעהר פון פרעה. רבי חמא בר חנינא האט גזאגט עס שטייט אין פסוק דאס זענען די וואסער פון קריג. דאס זענען די וואסער וואס די שטערין זעהר פון פרעה האבען גיזעהן און האבען גיהאט אטעות. זיי האבען גיזעהן אז דער העלפער פון יודין וועט גישלאגן ווערין דורך וואסער: האבען זייא גזאגט אלע קינדער וואס ווערין גיבארין ווערין זאל מען זייא ארין ווארפען אין וואסער. וועט משה אויך ארין גיווארפען ווערין אין וואסער. זייא האבען אבער ניט גיוואוסט אז ניט דורך די וואסער וועט ער גישלאגין ווערין. נאר דורך אנדערע וואסער. וואס ער האט גישלאגן דעם שטיין אין דער מדבר פון איהם זאל גיין וואסער. זאגט די גמרא פון וואנען

ווייסען

דלא אתי לעלמא דאתי דכתיב (מ"א יג) ויהי בדבר הזה להטאה בית ירבעם להכחיד ולהשמיד מעל פני האדמה להכחיד בעולם הזה ולהשמיד לעולם הבא, אמר ר' יוהנן מפני מה זכה ירבעם למלכות מפני שהוכיח את שלמה ומפני מה נענש מפני שהוכיחו ברבים שנאמר (שם יא) וזה הדבר אשר הרים יד במלך שלמה בנה את המלוא סגר את פרץ עיר דוד אביו א"ל דוד אביך פרץ פרצות בחומה כדי שיעלו ישראל לרגל ואתה גדרת אותם כדי לעשות אנגריא לבת פרעה ומאי זה אשר הרים יד במלך אמר רב נחמן שחלץ תפליו בפניו:

**כה אמר** רב נחמן גסות הרוח שהיה בו בירבעם טרדתו מן העולם שנאמר (מ"א יב) ויאמר ירבעם בלבו עתה תשוב הממלכה לבית דוד אם יעלה העם הזה לעשות זבחים בבית ה' בירושלים ושב לב העם הזה אל אדוניהם אל רחבעם מלך

פרדשות: הוכיח את שלמה. כדמפרש והולך ואמר דוד אביך כו': ומפני מה נענש שהוכיחו ברבים. פרץ פרצות בחומה כדי שיעלו. ויראו ברגל: ואתה גדרת אותם כדי לעשות אנגריא. כדי שיכנסו בשערים לידע מי נכנס כדי לגבות מס לבת פרעה מ"ר. ל"א שבנה השערים ושם מגדל לבת פרעה על אחד מן השערים וכולם עוברים דרך שם שהיו מעלין מס לבת פרעה ולעבדה. כל עבודת בית המלך קרי אנגריא. ל"א לעשות אנגריא שהיה רגיל שלמה לסגור דלתות העזרה ומגיע מפתחות בידו ודרכו של מלך לישן שלש שעות ביום וישראל עומדין על פתח העזרה עד שיעמוד המלך ואמר לו ירבעם אתה רוצה שיהיו לך אנגריא לבת פרעה שאתה שוהה בהן לבא מפתחות: בית המלוא. אחד מן הפרצות גדר ומלאו לגבול החומה ובנה שם מגדל לבת פרעה והכניס עובדים לה. לעיל מהאי קרא כתיב וירם יד במלך כלומר קם ברבים כנגד המלך ומרד בו: שחלץ תפליו בפניו. שהיה לו לפנות לצד אחר מפני אימת מלכות ולחלוץ שלא בפניו. ל"א שחלץ תפליו בפניו שלא להכניס בגדו בחזקה חלץ תפליו אין נכון זה ות בגלוי ראש לפני המלך והוא התחיל במרד כנגד מלכות ולומר לו שאינו נוהג כמנהג:

וייסען מיר אז ירבעם בן נבט וועט ניט האבען עולם הבא. וארום עס שטייט אין פסוק דיא זאך איז געוועזען אזינד צו דיא קינדער פון ירבעם צו פאר שניידען אונ פאר טיליגען זייא פון דער ערד. צוא פאר שניידען זייא פון דער וועלט. אונ פאר טיליגען זייא פון עולם הבא. רבי יוחנן זאגט פאר וואס האט זוכה געוועזען ירבעם צו זיין מלוכה. ווייל ער האט גישטראפט שלמה המלך. אונ פאר וואס איז ירבעם גישטראפט געווארין. ווייל ער האט איהם גישטראפט אונ פאר שעמט פאר פיל מענטשין. אזוי וויא עס שטייט אין פסוק דאס איז די זאך וואס ירבעם האט אויף געהויבען זיין האנט צו שטראפין דעם מלך שלמה. ער הט גיבאהט דעם מלוא אונ ער האט פאר שלאסין דאס אויס ברעכונג פון דיא שטאט פון זיין פאטער דוד. ירבעם האט גיזאגט צו שלמה דיין פאטער דוד הט אויס גיבראכין דיא מאהער יודין זאלין האבען נענטער צו קומען אויף יום טוב אין ירושלים. אונ דוא האסט פאר מאהערט דיא וועגט מען זאל מוזין אריין גיין דורך טויערין. דוא זאלסט קענען נעמען אפ צאהלונג פון דיא מענטשין וואס קומען אריין. אונ דאס געלט זאל גיהערין צו דיא טאכטער פון פרעה ואנדערע זאגין אזוי איז געוועזען שלמה פלעגט אלע נאכט פאר שליסען דיא טירען פון דיא עזרה אונ דיא שליסלען פלעגט ער בעהאלטען ביי זיך. אונ שלמה פלעגט שלאפין ביז דריי שעה אויפען טאג. אונ דיא יודין פלעגין שטיין ביי דיא טיר פון דיא עזרה אונ פלעגין ווארטין ביז שלמה פלעגט קומען עפענען. האט אמאהל ירבעם גיזאגט צו שלמה. דוא טוסט וועלין מען זאל באצאהלין דיין ווייב דיא טאכטער פון פרעה פאר דיא שליסלען ארויס געבין: נאך פאר וואס שטייט ער האט אויף גיהויבען דיא האנט געגין שלמה. רב נחמן זאגט ביי דער צייט איז ירבעם גיגאנגען אן גיטאהן אין תפלין. אונ ווען ער הט גיוואלט גיין צו שלמה קריגען מיט אים. האט ער אויף גיהויבען דיא האנט ארויף צוא נעמען דיא תפלין. ווייל עס פאסט ניט מען זאל מאכען אקריג ווען מען איז אן גיטאהן אין תפלין:

**כה אמר**. רב נחמן האט גיזאגט דיא גרויסקייט פון ירבעם האט איהם פאר טריבען פון דער וועלט. אזוי וויא עס שטייט אין פסוק ירבעם האט גיטראכט אין זיין הארצין איצט וועט צוריק גיקערט ווערין דיא קינגרייך צו דיא משפחה פון דוד. אויב דאס פאלק וועט אויף גיין צו מאכען קרבנות אין דיא הויז פון גאט וואס אין ירושלים. וועט צוריק גיקערט ווערין דיא הארץ פון דעם פאלק צו זייער האר צו רחבעם דער מלך פון יהודה וועלין זייא מיך הרגנן אונ זייא
ווועלין

יהורת והרגוני ושבו אל רחבעם מלך יהודה. (אמר) גמירי דאין ישיבה בעזרה אלא למלכי בית יהודה בלבד כיון דהזו ליה לרחבעם דיתיב ואנא קאימנא סברי הא מלכא והא עבדא ואי יתיבנא מורד במלכות הואי וקטלין לי ואזלו בתריה מיד (שם) ויועץ המלך ויעש שני עגלי זהב ויאמר אליהם רב לכם מעלות ירושלים הנה אלהיך ישראל אשר העלוך מארץ מצרים וישם את האחד בבית אל ואת האחד [נתן] בדן מאי ויועץ א״ר יהודה (אמר רב) שהושיב רשע אצל צדיק אמר להו חתמיתו על כל דעבידנא אמרו ליה הן אמר להו מלכא בעינא למיהוי אמרו ליה הן כל דאמינא לכו עבדיתו אמרו ליה הן אפילו למפלח לעבודה זרה אמר ליה צדיק חס ושלום אמר ליה רשע לצדיק סלקא דעתך דגברא כירבעם פלח לע״ז אלא למינסינהו הוא דקא בעי אי מקבליתו למימריה אי לא (דף קב) ואף אחיה השלוני טעה וחתם דהא יהוא צדיקא רבה הוה שנאמר (מ״ב י) ויאמר ה׳ אל יהוא יען אשר הטיבות לעשות הישר בעיני וגו׳ וכתיב (שם) ויהוא לא שמר ללכת בתורת ה׳ אלהי ישראל וגו׳ מאי גרמא ליה אמר אביי

ברית

גמירי דאין ישיבה. הלכה למשה מסיני ולא מקרא:
שהושיב רשע אצל צדיק. ואומר להם לכשת״ד להם אלה אחד בבית אל ואחד בדן הסכימו עמו׃ א״ל רשע לצדיק ס״ד גברא כירבעם פלח לע״ז אלא למינסינהו בעי. אם דעתם שלם עמו נתגלה בדבר וכך היה מטעה רשע לצדיק עד שהיו כולן חתומין וכשהן היו קלים לשוב לא היו יכולין לחזור בהם:
אף אחיה השילוני טעה. בדבר הדבר לגבוייתו חתי וחתם כלותו מעשה: שנא׳ ויאמר ה׳ אל יהוא

---

וועלן צוריק קערן צו רחבעם דעם מלך פון יהודה. ירבעם האט גזאגט מיר האבען גילערנט אז אין דיא עזרה טאר קיינער ניט זיצען נאר דיא מלכים פון שבט יהודה. אז דיא יודין וועלין זעהן רחבעם זיצט אין דיא עזרה. אונ איך מוז שטיין וועלין זייא זאגין רחבעם איז א מלך אונ איך בין א קנעכט. אונ אויב איך וועל אויך זיצען וועלין זייא זאגן איך זינדיג געגין דיא מלוכה פון רחבעם וועלין זייא מיך הרגן אונ זייא וועלין גיין צו רחבעם. האט ירבעם באלד גיהאלטען א עצה אונ ער האט גימאכט צוויי גאלדענע קעלבער אונ ער האט גזאגט צוא דיא יודין גענוג אויף צוא גיין אין ירושלים. יודין דאס איז דיין גאט (דיא קעלבערן) זייא האבען דיך אויף גיבריינגט פון מצרים. אונ איין קאלב האט ירבעם גישטעלט אין דן אונ דיא אנדערע קאלב האט ער גישטעלט אין בית אל. וואס איז גיוועז דיא עצה פון ירבעם. רב יהודה זאגט דיא אלע מענטשין וואס זענען דארטין גיזעסין. האט ירבעם גיהייסען א רשע זאל זיצען נעבין א צדיק. (א רשע נעבין א צדיק. ביז אלע מענטשין זענען אזוי גיזעסין א רשע נעבין א צדיק) דער נאך האט ער צו זייא גזאגט איר ווייסט אייך ההמנן אויף מיין וואס איך וועל טאהן. האבן זייא גזאגט יא. האט ירבעם צו זייא גזאגט איך וויל ווערין אויף אייך א מלך. האבען זיי גזאגט יא. האט ירבעם צו זייא גזאגט אלץ וואס איך וועל אייך זאגין וועט איר טאהן. האבין זייא גזאגט יא. האט ירבעם גזאגט אפילו איך וועל זאגין צו אייך איר זאלט דינען עבודה זרה. וועט איר אויך טאהן. האט דער צדיק גזאגט חס ושלום עבודה זרה וועל איך ניט דינען. הט דער רשע גזאגט צום צדיק ווייא מיינסטו אזוי א מענטש וויא ירבעם וועט דינען עבודה זרה. ירבעם וויל אונז נאר פרובין אויב מיר וועלין איהם פאלגין אלין וואס ער וועט זאגין. אדער ניין. דריבער האט ער אן גיחאפט א שווערע זאך אפילו עבודה זרה צו דינען. אבער ער מיינט גאר ניט צו דינען עבודה זרה. אזוי האט דער רשע גינארט דעם צדיק ביז אלע האבען זיך גיחתמת. אז וואס ירבעם וועט פון זייא פאר לאנגען זאלין זייא טאהן. אונ אפילו דער צדיק אחיה השלוני האט אויך א טעות גיהאט אונ האט גימיינט אז ירבעם וויל זיי נאר פרובין אונ ער האט זיך אויך גיחתמת. פון וואנען ווייסען מיר אז אחיה האט אויך א טעות גיהאט. ווארום יהוא איז גיוועזן א גרויסער צדיק אזוי וויא עס שטייט אין פסוק גאט האט גזאגט צוא יהוא וייל דוא האסט גוט גישאהן וואס עס איז וואוהל גיפעלין אין מיינע אויגען. דער נאך שטייט אין פסוק יהוא האט ניט גיהיט צו גיין אין דיא תורה פון גאט. פאר וואס איז יהוא אוועק

גיגאנגען

ברית כרותה לשפתים שנאמר (שם) אחאב עבד הבעל מעט יהוא יעבדנו הרבה רבא אמר חותמו של אחיה השילוני ראה וטעה דכתיב (הושע ה) ושחטה שטים העמיקו ואני מוסר לכלם א"ר יוחנן אמר הקב"ה הם העמיקו משלי אני אמרתי כל שאינו עולה לרגל עובר בעשה ודם אמרו כל העולה לרגל ידקר בחרב:

(מ"א יא) **כו ויהי** בעת ההיא וירבעם יצא מירושלים וגו' תנא משום רבי יוסי עת היא מזומנת לפורענות. (בראשית לח) ויהי בעת ההיא וירד יהודה תנא משמיה דרבי יוסי עת היא מזומנת לרעה. (ירמיה נא) בעת פקודתם יאבדו תנא משום ר' יוסי עת היא מזומנת לפורענות. (ישעיה מט) בעת רצון עניתיך תנא משום ר' יוסי עת היא מזומנת לטובה. (שמות ל"ב) וביום פקדי ופקדתי עליהם חטאתם תנא

משום

**פירוש**

וגו' לעשות הישר והטוב ויהוא לא שמר ללכת בתורת ה'. ואמריק מאי גרמא ליה ואמר רבא חותמו של אחיה השילוני ראה וטעה מכלל דהוה טעה: ושחטה שטים העמיקו. שטים ע"ז כ"ש שטים אחריה לשוט לע"ז: העמיקו. והעמיקו שאמרו שכל מי שעולה לרגל ידקר בחרב כדי שילכו כלם וישתחוו לפני העגלים: ואני מוסר לכלם. כלומר אנכי לא אמרתי כ"כ לכבוד ע"מ לומר כל מי שאינו עולה לרגל ידקר בחרב כמו שהם הם לכבוד ע"ז אלא יסורין בעלמא יכרתים כלומר דעבר בעשה: [נ"א] שטים כלומר בטייה שלהם שסרו מאחרי העמיקו עד שהיטב בהיינו מיתה כל מי שעולה לרגל ומכית את העגלים. ושחטה לשון שחיטה: מזומנת לפורענות. ששם נחלקה מלכות ישראל דסמיך ליה ויקח את השלמה ויקרע לי"ב קרעים וגו': ויהי בעת ההיא וירד יהודה. מזומנת לפורענות שאמר נתחייבה בשריפה ומתו שני בניו: ביום פקדי. בט' באב שבכל השנה מאותן מ' שנה שעמדו במדבר יום מזומן לפורענות בו חטאו מרגלים בו נחרב הבית בראשונה ובשניה:

---

געזאגט פון דיא תורה. אביי זאגט עס איז אגזרה אז אמענטש רעט ארויס אשלעכטין ווארט ווערט דאס מקוים. אונ עס שטייט אין פסוק יהוא האט גזאגט אחאב האט געדינט די עבודה זרה ווייניג אונ יהוא וועט איר דינען פיל. ווייל יהוא האט ארויס גירעט דעם ווארט אז ער וועט דינען עבודה זרה. אפילו ער האט ניט גימיינט מיט אמת פון דעסטוועגין איז דאס מקוים גיווארין אונ ער האט טאקי געדינט עבודה זרה. רבא זאגט יהוא האט גיזעהן די חתימה פון אחיה השילוני אז ער איז גיחתמת ביי ירבעם צו דינען עבודה זרה. האט יהוא גזאגט אז אחיה וויל דינען עבודה זרה. מעג איך דאך געוויס דינען עבודה זרה. ווען מיר אז אחיה האט אויך גיהאט אטעות אונ האט זיך גיחתמת ביי ירבעם. אזוי וויא עס שטייט אין פסוק ושחטה שטים העמיקו ואני מוסר לכולם. ירבעם האט גינארט דיא יודין אונ ער האט גזאגט ווי אזוי קען איך מיינען מען זאל דינען עבודה זרה. ואני מוסר לכולם אז איך האב ביז איצט גזאגט מוסר צו אלע יודין זייא זאלין זיין פרום. רבי יוחנן זאגט גאט האט גזאגט ושחטה שטים העמיקו זייא דינען צו דיא עבודה זרה אונ שעכטין צו איר קרבנות. נאך בעסער וויא זייא האבען געדינט צו מיר. איך האב גזאגט דער וואס וועט ניט אויף גיין אויף יום טוב אין ירושלים איז ער עובר אויף אמצות עשה. אונ די יודין האבען גיזאגט ווער עס וועט גיין אויף יום טוב אין ירושלים ואונ ער וועט אוועק לאזין דיא קעלבר אונ וועט ניט דינן צו זייא) זאל מען אים שטעכין מיט א שווערד:

**כו** ויהי. אונ עס איז גיוועזן אין דיא צייט איז ירבעם ארויס גיגאנגען פון ירושלים. מיר האבען גילערנט פון רבי יוסים וועגין דיא צייט איז גיוועזן אנגיברייט צוא שלעכטס. דיא מלוכה פון דיא יודין איז צו טיילט גיווארין. עס שטייט אין פסוק אין דיא צייט האט יהודה געגידערט פון זיינע ברידער. מיר האבען גילערנט פון רבי יוסים וועגין דיא צייט איז גיוועזן אנגיברייט צו שלעכטס. זיינע צוויי קינדער זענען גישטארבין. עס שטייט אין פסוק אין דיא צייט פון זייער בעפעלונג וועלין זייא פארלארין ווערין. מיר האבען גילערנט פון רבי יוסים וועגין דיא צייט איז גיוועזן אנגיברייט צו שלעכטס. עס שטייט אין פסוק אין די צייט פון בווילינונג וועל איך דיר ענטפערין. מיר האבען גילערנט פון רבי יוסים וועגין דיא צייט איז אן גיברייט צו גוטען. עס שטייט אין פסוק אין דעם טאג פון מיין בפעלונג וועל איך אויף זייא בפעלין זייער זינד. מיר האבען גילערנט פון רבי יוסים וועגין דיא צייט איז אן גיברייט צום

שלעכטין

משום ר' יוסי עת היא מוסנת לפורענות . (מ"א יב) וילך רחבעם שכם כי שכם באו כל ישראל להמליך אותו תנא משום ר' יוסי מקום מזומן לפורענות בשכם ענו את דינה בשכם מכרו אחיו את יוסף בשכם נחלקה מלכות ב"ד . (שם יא) וירבעם יצא מירושלים וגו' אר"ח ב"פ שיצא מפתקה של ירושלים . (שם) וימצא אותו אחיה השילוני הנביא בדרך והוא מתכסה בשלמה חדשה ושניהם לבדם בשדה מאי בשלמה חדשה אר"נ כשלמה חדשה מה שלמה חדשה אין בה שום דופי אף תורתו של ירבעם לא הי' בו שום דופי ד"א שלמה חדשה שחדשו דברים שלא שמעה אוזן מעולם . מאי ושניהם לבדם בשדה אר"י א"ר שכל ת"ח דומין לפניהם כעשבי השדה וא"ד שכל טעמי תורה מגולין להם כשדה . (מיכה א) לכן תתני שלוחים על מורשת גת בתי אכזיב לאכזב למלכי ישראל אר"ח בר פפא יצתה בת קול ואמרה להן מי שהרג את הפלשתי והוריש אתכם גת תתני שלוחים לבניו בתי אכזיב לאכזב למלכי ישראל :

בשכם מכרו אחיו את יוסף : כדכתיב הלוא אחיך רועים בשכם ודותן דכתיב בקרא היינו כפר הסמוך לשכם ונקרא על שם שכם א"נ כמדרשו שהיו דנין עליו להרגו : בשכם נחלקה מלכות בית דוד . כדכתיב במלכים : מפתקה של ירושלים . מכללה שלא לחזור בה לעולם ולא ליטול חלק בעבודה : מפתקה . כגון כפל פתקא מקיעא כלומר מהתקה של ירושלים הכתוב ותאום בה : שום דופי . נמגום בתלמודו : שחדשו . ודרשו דברי תורה בין ירבעם לאחיה : יצתה בת קול ואמרה . כשמלכו את ירבעם : מי שהרג את הפלשתי . דוד וכו' לכן שיה מוריש להם גת לכן תהי' שלוחים נגרו בתשובה מלכי בית דוד ותמליכו אחרים : בתי אכזיב לאכזב . למלכות בית דוד אתם מכזבים והלכתם אחרי מלכי ישראל לפיכך תהיו נמסרים לאכזב ביד העכו"ם שהם בעלי כזב :

---

שלעכטין . דאס מיינט מען דעם טאג פון תשעה באב . אין דעם טאג איז דער מאנט געווארין דיא זינד פון עגל . דריבער איז אין דעם טאג פאר ברענט געווארין דער ערשטער בית המקדש אונ דער אנדערער בית המקדש . עס שטייט אין פסוק רחבעם איז גיגאנגען אין שכם . ווארום אין שכם זענען גיקומען אלע יודין צו מאכען איהם פאר מלך . מיר האבען גילערנט פון רבי יוסים וועגין דער ארט שכם . איז פון אייביג אנגיגרייט צו שלעכטס . אין שכם האט מען גיפיינגט דינה . אין שכם האבען דיא ברידער פאר קויפט זייער ברודער יוסף . אין שכם איז צו טיילט געווארין דיא מלוכה פון דוד . אין פסוק שטייט ירבעם איז ארויס גיגאנגען פון ירושלים . רבי חנינא בר פפא זאגט ירבעם איז ארויס גיגאנגען פון ירושלים ער זאל שוין קיין מאהל אין איר נים צוריק קומען . אין פסוק שטייט אחיה השילוני דער נביא האט איהם גיטראפען אין וועג אונ ער איז גיוועזן בדעקט מיט אנייע קלייד אונ ביידע אליין זענען גיוועזן אין פעלד . וואס מיינט מען מיט אנייע קלייד . רב נחמן זאגט מען מיינט אזוי וויא אנייע קלייד . אזוי וויא אנייע קלייד איז אין איר ניטא קיין פלעק . אזוי אין די תורה וואס ירבעם האט גילערנט איז נים גיוועזן קיין פלעק . אז ירבעם האט גילערנט תורה איז גיט גיוועזן צו פרעגין קיין קשיא . אנדערע זאגין אזוי מיינט מען אנייע קלייד . ירבעם אונ אחיה האבען דאמאלס גילערנט אזעלכע נייע זאכען איבער תורה וואס דיא אויערין פון קיין מענטש אין דער וועלט האבען דס גיט גיהערט . וואס מיינט מען ביידע אליין זענען גיוועזן אין פעלד . רב יהודה האט גיזאגט פון רבס וועגין אלע תלמידי חכמים זענען גיוועזן גלייך פאר אחיה אונ ירבעם אזוי וויא דיא גראז אין פעלד . אנדערע זאגין אזוי מיינט מען אלע טעמים אונ סודות פון דער תורה איז גיוועזן אויף גידעקט פאר זיי אזוי וויא דיא פעלד : עס שטייט אין פסוק לכן תתני שלוחים על מורשת גת בתי אכזיב לאכזב למלכי ישראל רבי חנינא בר פפא זאגט ווען דיא יודין זענען ארויס גיגאנגען פון ירושלים מאכען ירבעם פאר אמלך איז ארויס גיגאנגען אקול פון הימעל אונ האט גיזאגט צו דיא יודין דער מענטש (דוד המלך) וואס האט גיהרגת דעם גלית הפלשתי אונ האט אייך גימאכט ירשנען דיא שטאט גת . זאלט איר געבין אוועק שיקונג צו זיינע קינדער . זאלט איר אוועק שיקן זיינע קינדער פון צוא זיין מלכים . אונ איר מאכט אמלך אפרעמדין מענטש . ווייל אייערע הייזער זענען מיט פאלשקייט צו די קינדער פון דוד אונ איר גייט צו די מלכים פון ישראל . דריבער וועט איר איבער גיגעבן ווערין צו די פאלשע פעלקער . זייא זאלין אויף אייך גיוועלטיגען :

סז אמר ר' חיננא בר פפא כל הנהנה מן העה"ז בלא ברכה כאילו גוזל להקב"ה וכנסת ישראל שנאמר (משלי כח) גוזל אביו ואמו ואומר אין פשע חבר הוא לאיש משחית ואין אביו אלא הקב"ה שנאמר (דברים לב) הלוא הוא אביך קנך ואין אמו אלא כנ"י שנאמר (משלי א) שמע בני מוסר אביך ואל תטוש תורת אמך. מאי חבר הוא לאיש משחית חבר הוא לירבעם בן נבט שהשחית ישראל לאביהם שבשמים:

(מ"ב יז) סח וידח ירבעם בן נבט את ישראל מאחרי ה' והחטיאם חטאה גדולה א"ר חנן כשתי כקלות המתיזות זו את זו (דברים א) ודי זהב אמרי דבי רבי ינאי אמר משה לפני הקב"ה רבש"ע בשביל כסף וזהב שהשפעת להן לישראל עד שאמרו די גרם להם לעשות להם אלהי זהב כשל אין ארי דורס ונוהם מתוך קופה של תבן אלא מתוך קופה של בשר. א"ר אושעיא עד ירבעם היו ישראל יונקים מעגל

ואין אביו אלא הקב"ה שנאמר וכו' ואין גוזלו כלפי מעלה וכלפי כנסת ישראל אלא זה הנהנה ממנו בלא ברכה כ"י הוא גוזל להקב"ה שהחכמים תקנו על כל דבר ודבר ברכה כדאמרינן כל הטועם ואינו מברך נקרא גזל שנאמר לה' הארץ ומלואה:

כשתי מקלות המתיזות זו את זו. כאדם שיש בידו מקל אחד ומכה בו מקל אחר ומתיזו ומשליכו ברחוק כך הדיח ירבעם את ישראל מאחרי ה' בעל כרחם: ודי זהב. אמרי דהיינו עד כמה בעגלים של ירבעם מפרש האי קרא: מתוך קופה של בשר. כשיש לו כרכה נאכול הוא נוהם: עד ירבעם היו ישראל יונקים מעגל אחד. [לוקין] על חטא עגל אחד שעשו במדבר: ה"ג מכאן ואילך [היו] יונקים מג' עגלים. ב' מירבעם ואחד

סז אמר רבי חיננא בר פפא האט געזאגט דער וואס האט הנאה פון דער וועלט ולמשל ער עסט און טרינקט און מאכט ניט קיין ברכה. איז גלייך ווי ער וואלט גיגזלת ביי גאט און ביי די יודין. אזוי ווי עס שטייט אין פסוק דער וואס גזלת ביי זיין פאטער און מוטער און ער זאגט עס איז ניט קיין עבירה איז אחבר צו דעם מענטש וואס איז אפארדארבער. דער פאטער מיינט מען גאט. אזוי ווי עס שטייט אין פסוק גאט איז דיין פאטער וואס האט דיך גיקויפט. די מוטער מיינט מען די יודין. אזוי ווי עס שטייט אין פסוק הער מיין זוהן די שטראף פון דיין פאטער (פון גאט). דוא זאלסט ניט פאר לאזין די לערנונג פון דיין מוטער (פון די יודישע פאר זאמלונג). וואס קען מען גזלנין ביי גאט און ביי די יודישע פאר זאמלונג. נאר די גאנצע וועלט און אלץ וואס אין איהר איז דא גיהער צו גאט. און אז איינער עסט און טרינקט און מאכט אברכה און לויבט צו גאט שיינקט איהם גאט דאס עסינווארג און דאס גיטראנק אז ער מעג פון דעם הנאה האבין. אבער אז ער מאכט ניט אברכה גזלת ער דאס עסינווארג אדער דאס גיטראנק פון גאט. און גאט וויל שוין מער ניט שפייזין די וועלט. גזלת ער דאך די וועלט וואס זייער שפייז ווערט גיגעמינערט דורך אים. און וואס מיינט מען ער איז אחבר צו דעם מענטש וואס איז אפארדארבער. ווער איז דער פארדארבער. ער איז אחבר צוא ירבעם בן נבט וואס ער האט פארדארבין די יודין צוא זייער פאטער וואס אין הימעל:

סח וידח. ירבעם בן נבט האט פארשטויסין די יודין פון גאט און ער האט זיא גמאכט זינדיגען אגרויסע זינד. רבי חנן זאגט ער האט די יודין אזוי אשטארקין שטויס גיטאהן אזוי ווי איינער וואס האלט אין האנט צוויא שטעקינס און ער טוהט אקלאפ מיט איין שטעקין אין דעם אנדערין און דער שטעקין טוהט אשפרונג גאנץ ווייט. עס שטייט אין פסוק ודי זהב (גענוג גאלד). דבי רבי ינאי זאגין משה האט גיזאגט פאר גאט רבונו של עולם וויל דוא האסט גיגעבין צוא די יודין אזוי פיל גאלד און זילבער ביז זיא האבין גיזאגט גענוג. דאס האט זיא גיברינגט דער צוא זיא זאלין מאכין דעם עגל פון גאלד. מענטשין זאגין אמשל אלייב ברומט ניט אז ער האט נאר שטרוי צו עסין. ווען דען ברומט ער און איז ווילד אז ער האט פלייש צו עסין. רבי אושעיא זאגט ביז ירבעם זענען די יודין גישטראפט גיווארין נאר פאר איין עגל. און פון ירבעם און ווייטער ווערין שוין די יודין גישטראפט פאר דרייא עגלים.

מעגל אחד מכאן ואילך משנים וג' עגלים א"ר יצחק אין לך כל פורענות ופורענות שבאה לעולם שאין בה אחד מכ"ד בהכרע ליטרא של עגל הראשון שנאמר (שמות לב) וביום פקדי ופקדתי עליהם חטאתם. א"ר חנינא לאחר כ"ד דורות נגבה פסוק זה שנאמר (יחזקאל ט) ויקרא באזני קול גדול לאמר קרבו פקודות העיר ואיש כלי משחתו בידו (מ"א יג) אחר הדבר הזה לא שב ירבעם מדרכו הרעה וגו' מאי אחר אמר (רבא) [ר' אבא] אחר שתפשו הקב"ה לירבעם בבגדו א"ל חזור בך ואני ואתה ובן ישי נטייל בג"ע א"ל ומי בראש א"ל בן ישי בראש אמר אי הכי לא בעינא:

**סט רבי** אבהו הוה רגיל דהוה קא דריש בשלשה מלכים חלש קביל עליה דלא דריש כיון (ע"ג) דאיתפח הדר קא דריש אמרו ליה לא קבילת עליך דלא דרשת בהו אמר אינהו מי אהדרו בהו דאנא אהדר בי רב אשי אוקים אג' מלכים אמר למחר

של המדבר ולפי מ"ש בספרים ב' וג' עגלים ניחא כלומר מב' שעשה ירבעם ושלישי שעשה במדבר והכשה היינו שלישי כמו ג' כמה נפלאו ממני וד' לא ידעתים: אחד מכ"ד בהכרע ליטרא. לאו דוקא אלא כלומר דבר מועט כמה שכף המשקל מטה לצד זה יותר מצד זה בכ"ב מפרש כמה הוי הכרע ליטרא: אחר כ"ד דורות. למעשה העגל: נגבה פסוק זה. דכתיב בעגל וביום פקדי והכא כימי צדקיה כשחרב בה"מ כתיב קרבו פקודות העיר קרבו אותו מעשה שנאמר וביום פקדי ומתמעשה העגל עד צדקיה כ"ד דורות דכימי נחשון נעשה העגל לא ותשוב כמה דורות מנחשון ועד צדקיה נחשון שלמון בנו בועז בנו עובד בנו ישי בנו דוד בנו שלמה בנו רחבעם בנו אביה בנו אסא בנו יהושפט בנו יורם בנו אחזיה בנו יואש בנו אמציה בנו עוזיה בנו יותם בנו אחז בנו חזקיה בנו מנשה בנו אמון בנו יאשיה בנו יהואחז ויהויקים בניו ומלכו זה אחר זה ודור אחד וגם יהויכין בנו של יהויקים הרי כ"ד יהויכין לא היה מלכותו שהוגלה לבבל עם החרש והמסגר והמליכו צדקיהו דודו במקומו והילכך לא קא חשיב צדקיהו דור בתפי נפשיה דהוא מלך בדור כ"ד:

דהוה דריש בשלשה מלכים. דהוה קתני במתניתין תג' מלכים אין להם חלק: אתפח. נתרפא: אמרו לו תלמידיו לא קבלת עליך וכו': אמר אינהו מי הדרי בהו. מדרכם הרעה דאנא אהדר לי מלדרוש: אוקים אג' מלכים. אוקים סיום סדר

---

צווייא פון ירבעם: אונ איינער פון דער מדבר. רבי יצחק זאגט יעדערע צרה וואס קומט אויף דער וועלט: איז אין איהר אריין געמישט אביסעל פון דיא זינד פון דעם ערשטען עגל. אזוי ווי מען וועגט אריבער אוואג שאל ווען מען וועגט אפונט. וויא פיל עס איז אפיר אונ צוואנציג חלק פון דיא אריבער געוואוגענע. אזוי פיל איז אריין געמישט פון דיא זינד פון עגל אין יעדער צרה. אזוי וויא עס שטייט אין פסוק אין דעם טאג וואס איך וועל גידיינקען וועל איך גידיינקען אויף זייא דיא זינד פון עגל אויך: רבי חנינא זאגט אז עס איז אריבער גינאנגען פיר אונ צוואנציג דורות נאך דיא זינד פון ערשטין עגל האט נאט אויף גימאנט דעם פסוק צו דער מאנען דיא זינד פון עגל אונ צו שטראפין דיא יודין. אזוי וויא עס שטייט אין פסוק ער האט גירופין אין מיינע אויערין מיט אגרויסע שטיממע אונ האט גיזאגט קרבו פקודות העיר ועס זאל גינענען די דער מאנונג פון עגל אויף די שטאט. באלד זענען גיקומען מענטשין אונ יעדער האט גיהאלטין דיא כלים פון פאר דארבונג אין זיין האנט. צו פאר דארבין דיא שטאט.

עס שטייט אין פסוק נאך דיא זאך האט זיך ירבעם ניט צוריק גיקערט פון זיין שלעכטען וועג. נאך וועלכע זאך. רבי אבא זאגט דער נאך וויא גאט האט אנגינומען ירבעם בייא זיין קלייד אונ האט גיזאגט צו איהם האב חרטה אויף דיינע עבירות. אונ איך אונ דוא אונ דער זהן פון ישי (דוד המלך) וועלין מיר גיין שפאצירען אין גן עדן. האט ירבעם גיזאגט צו גאט ווער וועט גיין צום ערשטין: האט גאט גיזאגט דער זוהן פון ישי (דוד המלך) וועט גיין צום ערשטין. האט ירבעם גיזאגט אויב אזוי וויל איך ניט:

**סט** רבי אבהו איז גיוועזן גיוואהנט צו דרשנן פון דיא דרייא מלכים וואס שטייט אין דער משנה אז זייא האבען ניט קיין חלק צו עולם הבא. אמאהל איז רבי אבהו קראנק גיווארין האט ער אויף זיך גינומען ער זאל שוין מער ניט דרשנן פון זייא. וויא ער איז גיזונד גיווארין הט ער ווייטער גידרשת פון דיא דריי מלכים. האבען דיא תלמידים גזאגט צו רבי אבהו דו האסט דאך אויף דיר גינומען דוא זאלסט ניט מער דרשנן פון זייא. הט רבי אבהו גזאגט האבען דען דיא דרייא מלכים שוין חרטה גיהאט פון זייערע שלעכטע מעשים אונ האבען תשובה גיטאהן. וואס איך זאל אויף הערין צוא דרשנן פון זייא. רב אשי האט אמאהל גזאגט אדרשה איז ער געבליבען

למחר נפתח בחברין אתא מנשה איתחזי ליה בחלמיה אמר חברך וחברי דאבוך קרית לן מהיכא בעית למישרא המוציא א"ל לא ידענא א"ל מהיכא דבעי' למישרא המוציא לא גמירת וחברך קרית לן אמר ליה אגמרן לי (מיהא) ולמחר דרשינן ליה משמך בפירקא א"ל מהיכא דקרים בישולא א"ל מאחר דחכימת כולי האי מאי טעמא קא פלחיתו לע"ז אמר ליה אי הות התם הוית נקיט בשיפולי גלימא (בשינך) ורהטת אבתראה. למחר אמר להו לרבנן נפתח ברבוותא אחאב אח לשמים ואב לע"ז אח לשמים דכתיב (משלי יז) אח לצרה יולד אב לע"ז דכתיב (תהלים קג) כרחם אב על בנים. (מ"א טז) ויהי הנקל לכתו בחטאת ירבעם בן נבט א"ר יוחנן קלות שעשה אחאב כחמורות שעשה ירבעם ומפני מה תלה הכתוב בירבעם מפני שהוא היה תחלה לקלקלה (הושע יג)

גם

פירקא עד שהגיע לג' מלכים: אמר למחר נפתח בחברין. מדרוש בחברינו שהיו ת"ח כמותנו ואין להם חלק לעתיד: א"ל. מנשה בחלום חברך וחברא דאבוך אנא כלומר וכי סבור אתה שהיה חברך וחברא דאבוך: מהיכא בעית למישרא המוציא (א"ל לאי יודע. בדבר זה) איני יודע מאיזה מקום בפת אתה צריך לבצוע המוציא: והבריך קרית לן. ואתה קורא אותנו חבריך: מהיכא דקרים בשולא. דריפתא ממקום שקרמין פניה של פת בתנור דהיינו מלמעלה או מכיבוס הפת או משוליו הכל כלומר לא בצים הביאו לפניו פרוסה של לחם לא יבצע כולו ומברך אלא משולי הפת ולא מאמצעיתו. ל"א מהיכא דקדים כלומר מהיכא שמקדים לאפות והיינו כך. ל"א מהיכא דגמר בשולא ממקום שהלחם אפוי [יפה] ולא מאותו מקום שקורין בסי"ל ורא"בון מרתא: הוית נקט שיפולי גלימך. היית מגביה שפת חלוקך מבין רגליך כדי שתהא קל לרוץ והיית רץ לשם מפני יצר ע"ז שהיה בוער: נפתח ברבוותא. [נתחיל] לדרוש ברבותינו ולא אמר בחברים: אח לשמים. רע לשמים כדאמריק מחבורות אח לרחם: דכתיב אח לצרה. וזו לצרה אלמא אח לשון רעה וזו: לע"ז. שהיה אוהבה ביותר: דכתיב כרחם אב. אלמא אב לשון רחם. כמו קראי בנדי נקיט להו: ויהי הנקל. באחאב כתיב כלומר קלות היו לאחאב כל העונות של ירבעם: מפני מה תלה הכתוב בירבעם. דבכמה מקומות כתיב לא סר מכל חטאת ירבעם ולא כתיב אחאב אע"פ שהיה רשע ממנו: תחלה לקלקלה. שהיה מלך ראשון שהקדיח את תבשילו:

גם

געבליבען שטיין אונ האט אויס גילאזט די דרשה ביי דיא משנה וואס שטייט פון די דריי מלכים. האט רב אשי גזאגט מארגין וועלין מיר אנהייבין שמועסין פון אונזערע חברים (פון דיא דרייא מלכים וואס זענען גיוועזן תלמידי חכמים אזוי וויא מיר זענען אונ זייא האבען ניט קיין עולם הבא). ביי נאכט איז דער מלך מנשה גיקומען אין חלום צו רב אשי אונ האט גזאגט צוא איהם דוא האסט אונז גערופין אז מיר זענען דיינע חברים אונ דיא חברים פון דיין פאטער. זאג מיר דעם דין אז מען עסט ברויט פון וועלכער זייט דארף מען אנהייבין עסין ווען מען מאכט המוציא. האט רב אשי גזאגט איך ווייס ניט. האט מנשה גזאגט צו רב אשי. פון וועלכער זייט מען דארף אנהייבין עסין דעם ברויט ווען מען מאכט המוציא. האסטו ניט גילערנט. רופסטו אונז מיר זענען דיינע חברים. האט רב אשי גזאגט צו מנשה לערין מיט מיר דעם דין. אונ מארגין וועל איך זאגין דעם דין אין דער דרשה אויף דיין נאמען. האט מנשה גזאגט מען זאל אנהייבין עסין פון דעם ארט וואו עס איז בעסער אויס גיבאקין. האט רב אשי גזאגט צו מנשה אז דוא ביסט יא אזוי קלוג. אונ דוא קענסט אזוי גוט לערנען. פאר וואס האט איר געדינט צוא דיא עבודה זרה. האט מנשה גזאגט צו רב אשי ווען דוא וואלסט דארט גיוועזן אין אונזער צייט וואלסטו אויך גיהויבען דיינע עקין קליידער ודיינע פאלעס אונ וואלסט גילאפען נאך די עבודה זרה צו דינען איר. אויף מארגין ווען רב אשי האט אנגיהויבין צוא זאגין דיא דרשה האט ער גזאגט צו דיא רבנן מיר וועלין אנהייבין צו דרשנן פון אונזערע רבנים ופון ירבעם אונ אחאב אונ מנשה. איינעם האט מען גירופען אחאב. ווייל אחאב איז צוויי ווערטער אח אב. ער איז גיוועזן אח לשמים. שלעכט צו גאט. אונ אב לעבודה זרה. אונ אפריינד צו דיא עבודה זרה. פון וואנען ווייסען מיר אז אח איז דער טייטש שלעכט. ווארום עס שטייט אין פסוק אח לצרה יולד. וויי צו דיא צרה וואס ווערט גיבארין. אונ פון וואנען ווייסען מיר אז אב איז דער טייטש אפריינד. ווארום עס שטייט אין פסוק כרחם אב על בנים. אזוי וויא א פאטער איז אפריינד צו זיינע קינדער אונ האט אויף זייא רחמנות. עס שטייט אין פסוק דס גרינגסטע איז גיוועזן ביי אחאב צו גיין אין דיא זינד פון ירבעם בן נבט. רבי יוחנן זאגט דיא גרינגע עבירות וואס אחאב האט גיטאהן זענען גיוועזן וויא דיא שווערע עבירות וואס ירבעם האט

גיטאהן

גם מזבחותם כגלים על תלמי שדי א"ר יוחנן אין לך כל תלם ותלם בא"י שלא העמיד אחאב עליו ע"ז והשתחוה לה:

**ע ומנא** לן דלא אתי לעלמא דאתי דכתיב (מ"א כא) והכרתי לאחאב משתין בקיר ועצור ועזוב בישראל עצור בעה"ז ועזוב לעה"ב. א"ר יוחנן מפני מה זכה עמרי למלכות כפני שהוסיף כרך אחד בא"י שנאמר (שם טז) ויקן את ההר שומרון מאת שמר בככרים כסף ויבן את ההר ויקרא את שם העיר אשר בנה על שם שמר אדני ההר שומרון. א"ר יוחנן מפני מה זכה אחאב למלכות כ"ב שנה מפני שכיבד את התורה שניתנה בכ"ב אותיות שנאמר (שם כ) וישלח מלאכים אל אחאב מלך ישראל העירה ויאמר לו כה אמר בן הדד כספך וזהבך לי הוא ונשיך ובניך הטובים לי הם וגו' כי אם כעת מחר אשלח את עבדי אליך וחפשו את ביתך ואת בתי עבדיך והיה כל מחמד עיניך ישימו בידם ולקחו וגו' ויאמר למלאכי בן הדד אמרו לאדני המלך כל אשר שלחת אל עבדך בראשונה אעשה והדבר הזה לא אוכל לעשות. מאי מחמד עיניך לאו ספר תורה. ודילמא ע"ז לא ס"ד דכתיב

ויאמרו

**פירוש:** גם מזבחותם. הכי ריהיט קרא בגלגל שורים זבחו גם מזבחותם כגלים על תלמי שדי: משתין בקיר. ת"ח משים לקירות לבו. ומפני שכיבד את התורה דכתיב: והיה כל מחמד עיניך ישימו בידם. והיינו ספר תורה ועל זו השיבו לא הדבר הזה לא אוכל לעשות: ודילמא. מחמד עיניו היינו ע"ז: לא ס"ד. מדקאמרי ליה זקנים אל תשמע ולא תאבה ואי ע"ז מי הוו אמרי ליה

---

געטאהן. ווארום אחאב איז געוועזען א גרעסערער רשע וויא ירבעם; נאר פאר וואס איינגט אן דער פסוק דיא עבירות אויף ירבעם גיט אויף אחאב. ווייל ירבעם איז געוועזען דער ערשטער וואס האט אן גיהויבען צו טאהן דיא עבירות. עס שטייט אין פסוק זייערע מזבחות זענען געוועזען וויא די בערג אויף די בייטען (זאנגעס) פון דיא פעלדער. רבי יוחנן זאגט עס איז ניט געוועזען איין בייט (זאנגען) אין ארץ ישראל וואס אחאב האט אויף איהם ניט געשטעלט קיין עבודה זרה און האט זיך גיבוקט צו איר:

ע ומנא. און פון וואנען ווייסען מיר אז אחאב וועט ניט האבען עולם הבא. ווארום עס שטייט אין פסוק איך וועל פאר שניידען צו אחאב משתין בקיר דאס מיינט מען א תלמיד חכם. ועצור ועזוב בישראל. עצור מיינט מען אויף גיהאלטען אויף דער וועלט. און עזוב מיינט מען אויף גיהאלטען צו עולם הבא. רבי יוחנן זאגט פאר וואס האט עמרי זוכה געוועזען צו זיין א מלך. ווייל ער האט געמערט א שטאט אין ארץ ישראל: אזוי וויא עס שטייט אין פסוק עמרי האט גיקויפט דעם בארג שומרון פון שמר פאר צוויא צענטנער זילבער און ער האט גיבאהט א שטאט אויף דעם בארג און ער האט גירופען דעם נאמען פון דיא שטאט וואס ער האט גיבאהט שומרון אויף דעם נאמען פון שמר וואס ער איז געוועזען דער האר פון דעם בארג: רבי יוחנן זאגט פאר וואס האט זוכה געוועזען אחאב צו זיין א מלך צוויי און צוואנציג יאהר. ווייל ער האט גיגעבען כבוד צו דיא תורה וואס זיא איז גיגעבען געווארין מיט צוויא און צוואנציג אותיות. אזוי וויא עס שטייט אין פסוק דער מלך פון ארם האט געשיקט שלוחים צו אחאב דעם מלך ישראל אין שטאט אריין און ער האט גזאגט צו אים אזוי האט גזאגט בן הדד דיינע זילבער און דיינע גאלד געהער צו מיר און דיינע ווייבער און דיינע קינדער דיא גוטע געהערין צו מיר דער נאך האט דער מלך ארם נאך אמאהל געשיקט צוא אחאב מארגין אין דער צייט וועל איך שיקען מיינע קנעכט צו דיר און זיא וועלין זוכען וואס עס געפינט זיך אין דיין שטוב און אין דיא שטובין פון דיינע קנעכט און אלע גלוסטיגקייט פון דיינע אויגן וועלין זייא נעמען און וועלין אוועק גיין. האט אחאב געזאגט צו דיא שלוחים פון בן הדד זאגט צו מיין האר דער מלך פון אלץ וואס דוא האסט געשיקט צו דיין קנעכט צום ערשטין מאהל. וועל איך טאהן נאך וועל דיר אוועק געבין מיין גאלד און זילבער ווייבער און קינדער. און די זאך וואס דו האסט איצט געשיקט איך זאל דיר אוועק געבין די גלוסטיגקייט פון מיינע אויגען

דאם

שפי: כבי דבהתא. זקנים שפלים שהיו דבעיר כמו דמ״ני באבשלום דקרי ליה לסבי דבהתא זקנים: שקול היה עוונות ומעשה זכיות מדמהדרי כולי האי מי יפתה את אחאב משמע דבקושי גדול

(שם) ויאמרו אליו כל הזקנים וכל העם אל תשמע ולוא תאבה ודילמא סבי דבהתא הוו מי לא כתיב (ש״ב יז) ויישר הדבר בעיני אבשלום ובעיני כל זקני ישראל ואמר רב יוסף סבי דבהתא התם לא כתיב וכל העם הכא כתיב וכל העם דאי אפשר דלא הוו בהון צדיקי דכתיב (מ״א יט) והשארתי בישראל שבעת אלפים כל הברכים אשר לא כרעו לבעל וכל הפה אשר לא נשק לו:

**א״ר** רב נחמן אחאב שקול היה שנאמר (מ״א כב) ויאמר ה׳ מי יפתה את אחאב ויעל ויפול ברמות גלעד ויאמר זה בכה וזה אומר בכה מתקיף לה רב יוסף מאן דכתיב ביה (שם כא) רק לא היה כאחאב אשר התמכר לעשות הרע בעיני ה׳ אשר הסתה אותו איזבל אשתו ותנינא בכל יום ויום איזבל היתה שוקלת שקלי זהב לע״ז ואת אמרת אחאב שקול היה אלא אחאב ותרן בממונו היה ומתוך שהיה מהנה ת״ח מנכסיו כפרו מחצה. (שם כב) ויצא הרוח ויעמוד לפני ה׳ ויאמר אני אפתנו ויאמר ה׳ אליו במה ויאמר

---

דס קען איך ניט טאהן. וואס האט אחאב גימיינט דיא גלוסטיגקייט פון זיינע אויגען געווים דיא ספר תורה. פרעגט דיא גמרא טאמער האט ער גימיינט דיא עבודה זרה. זאגט די גמרא עס קען ניט זיין. ווארום עס שטייט אין פסוק אלע זקנים אונ דאס גאנצע פאלק האבען גזאגט צו אחאב דוא זאלסט ניט הערין אונ זאלסט ניט ווערין געבין דיא גלוסטיגקייט פון דיינע אויגען. אז דאס וואלט מען גימיינט עבודה זרה. וואלט דאך דאס ניט גיוועזען טייער ביי דיא זקנים. פרעגט דיא גמרא טאמער מיינט מען זקנים רשעים וואס זייא האבען גערינט עבודה זרה. אזוי וויא עס שטייט אין פסוק די זאך איז גיפעלין גיווארין אין דיא אויגען פון אבשלום אונ אין דיא אויגען פון אלע אלטע יודין. אונ דיא עצה איז גיוועזען פון רשעות פון דערשטעטעגין איז זיי גיפעלין. ווארום רב יוסף הט גזאגט די זקנים זענען אויך גיוועזען רשעים. ענטפערט די גמרא דארט ביי אבשלום שטייט ניט אז די גאנצע פאלק איז דם גיפעלין. נאר צוא דיא זקנים איז גיפעלין. ווייל די זקנים זענען גיוועזען רשעים. אבער דא שטייט די גאנצע פאלק האבען גזאגט צו אחאב ער זאל ניט געבין דיא גלוסטיגקייט פון זיינע אויגען. אין דעם גאנצין פאלק זענען דאך געווים גיוועזען צדיקים אויך. אזוי וויא עס שטייט אין פסוק איך וועל איבער לאזין ביי יודין זיבען טויזענד מענטשין די אלע קניא וואס האבען ניט גיקניט צו דיא עבודה זרה אונ דיא אלע מיילער וואס האבען ניט גיקושט צוא דיא עבודה זרה. אונ דיא פרומע וואלטין דאך ניט גיזאגט צוא אחאב ער זאל ניט אוועק געבין דיא עבודה זרה. נאר געווים מיינט מען דאס דיא ספר תורה. זעהן מיר אז דיא ספר תורה איז גיוועזען ביי אחאב דיא גלוסטיגקייט פון זיינע אויגען:

**ע״א** אמר. רב נחמן האט גיזאגט אחאב איז גיוועזען גלייך. ער האט גיהאט העלפט מצות אונ העלפט עבירות. אזוי וויא עס שטייט אין פסוק גאט האט גיזאגט ווער וועט גיין אן ריידין דעם מלך אחאב ער זאל גיין מלחמה האלטין אונ ער זאל פאלין אין רמות גלעד. דער האט אזוי גיזאגט אונ דער האט אזוי גיזאגט. ווייל מען האט ארום איהם אזוי פיל גיקלערט. וויא אזוי מען זאל איהם הרגענען. איז אסימן אז ער איז נאך ניט גיוועזען א גאנצער רשע. האט רב יוסף גיפרעגט דער מענטש וואס אויף איהם זאגט דער פסוק עס איז ניט גיוועזען אזוי וויא אחאב וואס ער האט זיך פאר קויפט צו טאהן דיא זאכין וואס איז שלעכט אין דיא אויגען פון גאט וואס זיין ווייב איזבל האט איהם אן גירעט. אונ מיר האבין גילערנט אלע טאג פלעגט איזבל וועגין פונטען גאלד צו דיא עבודה זרה. זאגסטו אז אחאב איז גיוועזען גלייך אויף גלייך. העלפט מצות אונ העלפט עבירות. נאר אחאב איז גיוועזען א גוטער מענטש אונ ער פלעגט פארשיינקען זיין געלט אונ ווייל ער פלעגט שיינקען פון זיין געלט צו תלמידי חכמים. דריבער האט מען א ם

מוח.

ויאמר אצא והייתי רוח שקר בפי כל נביאיו ויאמר תפתה וגם תוכל צא ועשה כן. מאי רוח אמר ר' יוחנן רוחו של נבות היזרעאלי. מאי צא אמר רבינא (א״ל הקב״ה) צא ממחיצתי שכן כתוב (תהלים ק׳) דובר שקרים לא יכון לנגד עיני א״ר פפא היינו דאמרי אינשי דפרע קיניה מחריב ביתיה (מ״א יז) ויעש אחאב את האשרה ויוסף אחאב לעשות להכעיס את ה' אלהי ישראל מכל מלכי ישראל אשר היו לפניו א״ר יוחנן שכתב על דלתות שומרון אחאב כפר בה' אלהי ישראל לפיכך אין לו חלק באלהי ישראל (דה״ב כג) ויבקש את אחזיהו וילכדוהו והוא מתחבא בשומרון א״ר לוי שהיה קודר אזכרות וכותב ע״ז תחתיהן:

נענש: רוחו של נבות. שלפי שהוא הרגו היה רוחו מחזר לפתותו ולהפילו: דפרע קיניה. כשורע קנאה נוקם חמתו וקנאתו: מחריב ביתיה. כרוחו של נבות שנקם כעסו מאחאב ויצא ממחיצה של הקב״ה: קודר אזכרות. מוחק שמות שבתורה: וכותב שם ע״ז תחתיהן. לפיכך היה מתחבא כאילו היה עושה בפרהסיא שלא היו מניחין לעשות כן. קודר כמו מקדרין בהרים לשון (נוקב) מהעט ומקב: שנשה יה. ששכח הקב״ה. שהנשיא. השכיח: מה אחאב אין לו חלק. כדאמרן עזב לעולם

עב מנשה שנשה יה דבר אחר כנשה שהנשיא את ישראל לאביהם שבשמים ושנא ן דלא אתי לעלמא דאתי דכתיב (מ״ב כא) בן שתים עשרה שנה מנשה במלכו וחמשים וחמש שנה מלך בירושלים גו' ויעש אשרה כאשר עשה אחאב מלך ישראל מה אחאב אין לו חלק לעה״ב אף מנשה אין לו חלק לעוה״ב.

רבי

---

מוחל גיווען העלפט עבירות. ווען גאט האט גיפרעגט ווער וועט אן רידין דעם מלך אחאב ער זאל גיין אונ פאלין אין דער מלחמה. איז ארויס גיגאנגען אנשמה אונ האט זיך גישטעלט פאר גאט אונ האט גיזאגט איך וועל איהם אן רידין. האט גאט גיזאגט צו די נשמה מיט וואס וועסטו איהם אן רידין. האט דיא נשמה גיזאגט איך וועל ארויס גיין אונ וועל זיין אפאלשע נביאות אין דיא מויל פון זיינע אלע נביאים. האט גאט גיזאגט צו דיא נשמה רייד איהם אן אונ דוא וועסט קענען איהם איבער רידין גייא ארויס אונ טוה אזוי. וועלכעס נשמה איז דאס גיוועז. רבי יוחנן זאגט דאס איז גיוועז דיא נשמה פון נבות היזרעאלי וואס אחאב האט איהם גיהרגת. פאר וואס האט מען גיזאגט צו דיא נשמה גייא ארויס. רבינא זאגט גאט הט גיזאגט צו דיא נשמה גיי ארויס פון מיין ארט. ווארום אזוי שטייט אין פסוק דר וואס רעט פאלשקייט זאל ניט זיין אנגיבריים פאר מיינע אויגין: רב פפא זאגט דאס איז וואס מענטשין זאגין דער וואס גייט טאהן אנקמה אן זיין חבר. מאכט ער וויסט זיין שטוב. נבות איז גיגאנגען טאהן אנקמה אין אחאב. האט ער גימוזט אוועק גיין פון זיין ארט. עס שטייט אין פסוק אחאב הט גימאכט אלינדען בוים אונ אחאב האט נאך גימערט צו טאהן צו דער צערענען גאט מער פון אלע יודישע מלכים וואס זענען גיוועז פאר איהם. רבי יוחנן זאגט ער האט געשריבען אויף דיא טירען פון שומרון אחאב האט גילייקענט אין דעם יודישען גאט. דריבער האט ער ניט קיין חלק אין גאט. עס שטייט אין פסוק מען האט גיזוכט ווא אחזיהו איז אונ מען האט איהם בצוואונגען ער איז גיוועז בעהאלטין אין שומרון. רבי לוי זאגט אחזיהו האט אויס גימעקט דיא שמות פון די ספר תורה. אונ ער האט אויף דעם ארט געשריבען די נעמען פון די עבודה זרה. דריבער איז ער גיוועז בעהאלטין קיין מענטשין זאלין ניט וויסען וואס ער האט גיטאהן אין די ספרי תורות:

עב מנשה האט ער גיהייסן וייל ער האט פאר געסין גאט. אדער ער האט גיהייסין מנשה ווייל ער האט גימאכט דיא יודין זאלין פאר געסין גאט. אונ פון וואגען וויסין מיר אז מנשה וועט ניט האבין עולם הבא. ווארום עס שטייט אין פסוק צוועלף יאהר איז מנשה אלט גיוועז ווען ער איז גיווארין אמלך: אונ פינף אונ פופציג יאהר איז ער גיוועז אמלך אין ירושלים אונ ער האט געמאכט אלינדען בוים אזוי וויא אחאב דער מלך פון ישראל האט גימאכט. אזוי ווי אחאב האט ניט קיין חלק עולם הבא. אזוי מנשה האט אויך ניט קיין חלק עולם הבא.

רבי

**(פיסקא)** רבי יהודה אומר מנשה יש לו חלק לעולם הבא שנאמר (דה״ב לג) ויתפלל אליו ויעתר לו וישמע תחנתו וישיבהו ירושלים למלכותו. אמרו לו למלכותו השיבו ולא לעולם הבא השיבו. א״ר יוחנן ושניהם מקרא אחד דרשו שנא׳ (ירמיה טו) ונתתים לזועה לכל ממלכות הארץ בגלל מנשה בן יחזקיהו מר סבר בגלל מנשה שעשה תשובה ואינהו לא עבוד ומ״ס (דף קג) בגלל מנשה דלא עבד תשובה. א״ר יוחנן כל האומר מנשה אין לו חלק לעולם הבא מרפה ידיהם של בעלי תשובה דתני תנא קמיה דרבי יוחנן מנשה עשה תשובה ל״ג שנים דכתיב בן שתים עשרה שנה מנשה במלכו וחמשים וחמש שנה מלך בירושלים וכתיב (מ״ב כא) ויעש אשרה כאשר עשה אחאב וגו׳ כמה מלך אחאב עשרים ותרתין שנין מנשה כמה מלך נ״ה דל מינייהו כ״ב פשו להו ל״ג. א״ר יוחנן משום רשב״י מאי דכתיב ויתפלל אליו ויחתר *) לו ויעתר לו מיבעי ליה מלמד שעשה לו הקב״ה כמין

*) בספרים שלנו כתיב ויעתר

מחתרת

גמ׳: ובמ״ש. רבי יהודה דאמר יש לו חלק ורבנן דאמרי אין לו חלק: בגלל מנשה שלא עשה תשובה. ובמשיכן כולם אחריו: כאשר עשה אחאב. דמשמע כשיעור השנים שהיה אחאב במלכו חטא מנשה והיינו עשרים ושתים שנה שהטא הם כנגד כ״ב שנה שמלך אחאב: פשו להו ל״ג. שעשה תשובה: וישמע אליו ויחתר לו. ומכתב כתיב ויעתר לו כך שמעתי: מדת הדין. היתה מעכבת שלא לקבל פני מנשה בתשובה ועשה הקב״ה

---

רבי יהודה זאָגט מנשה האָט יאָ חלק עולם הבא. אַזוי וויא עס שטייט אין פסוק מנשה האָט גיבעטין צו גאָט אונ גאָט איז איבער גיבעטין געוואָרין צו איהם אונ ער האָט גיהערט זיין גיבעט אונ ער האָט איהם צוריק גיקערט אין ירושלים צו זיין מלוכה. האָבין דיא חכמים גיזאָגט צו רבי יהודה צו זיין מלוכה האָט איהם גאָט צוריק גיקערט. אָבער צו עולם הבא האָט איהם גאָט ניט צוריק גיקערט. רבי יוחנן זאָגט ביידע ורבי יהודה וואָס ער זאָגט אַז מנשה האָט יאָ עולם הבא: אונ דיא רבנן וואָס זאָגין אַז מנשה האָט ניט עולם הבא דרשנן איין פסוק. וואָרום עס שטייט אין פסוק גאָט האָט גיזאָגט איך וועל געבין די יודין צו אַציטערניש צו אַלע קיניגרייכין פון דער וועלט פון וועגין מנשה בן יחזקיהו. רבי יהודה זאָגט דער פסוק מיינט פון וועגין מנשה וואָס ער האָט גיטאָהן תשובה. אונ דיא יודין האָבין זיך ניט אָפּ גילערנט פון איהם אונ זייא האָבין ניט גיטאָהן תשובה: דריבער וועל איך זייא שטראָפין. אונ דיא רבנן זאָגין פון וועגין מנשה וואָס ער אַליין האָט אויך ניט גיטאָהן תשובה אונ ער האָט מיט גיצויגין אַלע יודין צו זיינע עבירות. רבי יוחנן זאָגט דער וואָס זאָגט אַז מנשה האָט ניט קיין חלק עולם הבא מאַכט ער שוואַך דיא מענטשין פון צוא טאָהן תשובה: וואָרום זייא וועלין זאָגין מיר זעהן אַז תשובה העלפט ניט. וואָרום מנשה האָט אויך תשובה גיטאָהן פון דעסטוועגין האָט ער ניט קיין עולם הבא. וואָרום אַתנא האָט גילערנט פאַר רבי יוחנן מנשה האָט גיטאָהן תשובה דרייא אונ דרייסיג יאָהר. וואָרום עס שטייט אין פסוק צוועלף יאָהר איז מנשה אַלט גיוועזין ווען ער איז געוואָרין אַמלך. אונ פינף אונ פופציג יאָהר איז ער גיוועזין אַמלך אין ירושלים. אונ עס שטייט אין פסוק מנשה האָט גימאַכט אַלינדען בוים אַזוי וויא אחאב האָט גימאַכט ודער פסוק מיינט אַזוי פיל יאָהרין וויא אחאב האָט געדינט עבודה זרה. האָט מנשה אויך געדינט עבודה זרה. אחאב איז גיוועזין אַמלך צוויי אונ צוואַנציג יאָהר והאָט ער געדינט עבודה זרה צוויי אונ צוואַנציג יאָהר. האָט מנשה אויך געדינט עבודה זרה צווייא אונ צוואַנציג יאָהר): אונ מנשה איז גיוועזין אַמלך פינף אונ פופציג יאָהר. אַראָפּ גענומען צווייא אונ צוואַנציג יאָהר וואָס ער האָט געדינט עבודה זרה. בלייבט נאָך דרייא אונ דרייסיג יאָהר וואָס ער האָט גיטאָהן תשובה. רבי יוחנן האָט גיזאָגט פון רבי שמעון בן יוחאים וועגין עס שטייט אין פסוק מנשה האָט גיבעטין צו גאָט. ויחתר לו. האָט דאָך גידאַרפט שטיין ויעתר לו. גאָט איז איבער גיבעטין געוואָרין צו איהם. ויחתר איז דאָך דער טייטש גראָבין. נאָר דער פסוק לערנט אונז אַז גאָט הָט אויסגבראָבין אין הימעל אַזוי וויא אַפענסטער. אונ דורך דעם פענסטער הָט גאָט צו גינומען דיא תשובה פון מנשה: ווייל דער מדת הדין האָט ניט גילאָזין צוא נעמען דיא תשובה פון מנשה. דריבער האָט גאָט

גינומען

מחתרת ברקיע כדי יקבלו בתשובה (והטמינו) כפני מדת הדין:

**עג ואמר** ר' יוחנן משום ר' שמעון בן יוחאי מאי דכתיב (ירמיה כו) בראשית ממלכת יהויקים בן יאשיהו וכתיב (שם כח) בראשית כמלכת צדקיהו וכי עד האידנא לא הוו מלכי אלא ביקש הקב"ה להחזיר את כל העולם כולו לתוהו ובוהו בשביל יהויקים כיון שנסתכל בדורו נתקררה דעתו וביקש הקב"ה להפוך לעולם כולו לתוהו ובוהו בשביל דורו של צדקיה נסתכל בצדקיה ונתקררה דעתו. בצדקיה ומי כתיב (מ"ב כד) ויעש הרע בעיני ה' שהיה בידו למחות ולא מיחה:

מחתרת ברקיע ופשט ידו וקבלו בלא ידיעת מדת הדין:

פ"ד בראשית ממלכת יהויקים ובראשית ממלכת צדקיה. מאי שנא דכתיב בהני בראשית יותר מבאחריני: וכי עד האידנא לא הוו מלכי. ואי משום ההוא מלכותו קאמר הוה ליה למכתב בשנה ראשונה למלכותו אלא לאכי שני קרא בדבוריה וכתב בראשית ללמדך מעשה בראשית היה בימי יהויקים שביקש הקב"ה להחזיר את עולמו לתוהו ובוהו כמו שהיו מראשית: כיון שנסתכל בדורו. של יהויקים שהיו צדיקים שעדיין לא גלו החרש והמסגר: דורו של צדקיהו. היו רשעים שהצדיקים גלו כבר עם יהויכין:

איש חכם נשפט. זהו הקב"ה שנקרא כ' איש מלחמה: אויל. אלו מלכים שבכמותן אחז והמליה: ורגז ושחק ואין נחת. בין שהוא כועס עמהם בין שהוא שוחק עמהם אין יראת מלפניו ואינם

**עד ואמר** ר' יוחנן משום רשב"י מאי דכתיב (משלי כט) איש חכם נשפט את איש אויל ורגז ושחק ואין נחת אמר הקב"ה כעסתי על אחז ונתתיו ביד מלכי דמשק זיבח וקיטר לאלהיהם שנאמר (דה"ב כח) ויזבח לאלהי דרמשק המכים בו ויאמר כי אלהי מלכי ארם הם מעזרים אותם להם אזבח ויעזרוני והם

---

גינומען זיין תשובה דורך אפאר באהגנעם ארט קיינער זאל ניט וויסען:

**עג ואמר**. נאך האט רבי יוחנן גיזאגט פון רבי שמעון בן יוחאים וועגן ביא יהויקים שטייט אין פסוק בראשית ממלכת יהויקים בן יאשיהו. אונ ביא צדקיהו שטייט אין פסוק בראשית ממלכת צדקיהו. פאר וואס ביא אלע מלכים וואס זענען גיוועזען פאר יהויקים אונ צדקיהו שטייט ניט דער ווארט בראשית. אונ ביא יהויקים מיט צדקיהו שטייט יא דר ווארט בראשית. נאר גאט האט גיוואלט מאכין דיא וועלט צוריק וויסט אזוי וויא דא איז גיוועזען אין אנהייב בשאפונג. ווייל יהויקים האט פיל געזינדיגט. וויא גאט האט גיזעהן אז דער דור פון יהויקים זענען אלע גיוועזען צדיקים. איז גאט אפ געקילט גיווארין פון זיין כעס. אונ גאט האט גיוואלט מאכין דיא וועלט צוריק וויסט אזוי וויא זיא איז גיוועזען אין אנהייב בשאפונג. ווייל דער דור פון צדקיהו זענען גיוועזען רשעים. וויא גאט האט גיזעהן צדקיהו אליין אז ער איז אצדיק. איז גאט אפ געקילט גיווארין פון זיין כעס. דריבער שטייט ביא יהויקים אונ צדקיהו דר ווארט בראשית. ווייל אין זייער צייט האט גידארפט דיא וועלט וויסט ווערין אונ זיא איז גיווארין אזוי וויא אנייע באשאפונג. פרעגט דיא גמרא ביא צדקיהו שטייט דאך אויך אין פסוק ער האט ניטאהן וואס עס איז שלעכט אין דיא אויגין פון גאט. ענטפערט דיא גמרא צדקיהו אליין איז גיוועזען נאר זיין עבירה איז גיוועזען ער האט גידארפט ווערין אונ ניט לאזין אנדערע טאקי פרום מענטשין טאהן דיא עבירות. אונ ער האט ניט גיווערט:

**עד ואמר**. נאך האט גיזאגט רבי יוחנן פון רבי שמעון בן יוחאים וועגין עס שטייט אין פסוק איש חכם נשפט את איש אויל ורגז ושחק ואין נחת. דער איש חכם דאס מיינט מען גאט. ער האט אמשפט מיט אמענטש וואס ער איז אנאר. סיי גאט צערינט אויף דעם מענטש. אונ סיי ער פרייט זיך מיט דעם מענטש. האט אלץ גאט פון איהם קיין נחת ניט). גאט האט גיזאגט איך בין אין כעס גיוועזען אויף אחז אונ איך האב איהם גיגעבין אין דיא הענט פון דיא מלכים פון דמשק. וואס האט אחז גיטאהן ער האט גישאכטין אונ האט גירייכערט צו זייערע געטער. אזוי וויא עס שטייט אין פסוק אחז האט גישאכטין קרבנות צו דיא געטער פון דרמשק וואס זייא האבין איהם גישלאגין. אונ ער האט גיזאגט דיא געטער פון דיא קיניגען פון ארם העלפין זייא. אין וועל אויך צו זייא שעכטין וועלין זייא מיר אויך העלפין. אונ דאס איז

והם היו לו להכשילו ולכל ישראל. שחקתי עם אמציה ונתתי מלכי אדום בידו הביא אלהיהם והשתחוה להם שנאמר (שם כה) ויהי אחרי בוא אמציה מהכות את אדומים ויבא את אלהי בני שעיר ויעמידם לו לאלהים ולפניהם ישתחוה ולהם יקטר אמר רב פפא היינו דאמרי אינשי בכי ליה למר ולא ידע אחוכי ליה למר ולא ידע וי ליה למר דלא ידע בין טב לביש. (ירמיה לט) ויבאו כל שרי מלך בבל וישבו בשער התוך (מאי שער התוך) א"ר יוחנן משום ר"ש בן יוחאי מקום שמחתכין בו הלכות א"ר פפא היינו דאמרי אינשי באתרא דמרא (ביתא) תלה ליה זייניה תמן קולבא רעיא קולתיה תלה:

עה א"ר חסדא א"ר ירמיה בר אבא מ"ד (משלי כד) על שדה איש עצל עברתי ועל כרם אדם חסר לב והנה עלה כלו קמשונים כסו פניו חרולים וגדר אבניו נהרסה. על שדה איש עצל עברתי זה אחז. ועל כרם אדם חסר לב זה מנשה. והנה עלה

התיס לחזור למוטב: בכי ליה למר וכו'. לאו דוקא נקט מר אלא משום דבכי מילי דאינשי כשהוא תכם כשהוא רואה להשפט ולהחוכת עמהם בין שהוא שוחק עליהם בין שהוא שוטם עמהם אינם יראים מלפניו ואינם חתים לחזור למוטב: מקום שהיו מחתכין בו. ודרשיק הלכות והפך למוטב לגיס של שרי מלך בבל: בשער התוך. לשון חותך והיינו בשר הבית ובעזרה ששם היו יושבין סנהדרין וכדאמריק בעלמא שלשה בתי דיינין היו שם אחד בלשכת הגזית ואחד על פתח העזרה ואחד על פתח הר הבית: קולתיה תלה. כלומר במקום שהיו חותכין בו הלכות בו דנין שרי בבל דינין שלהם: באתרא דמרא תלה זייניה. מקום שהאדון תולה כליו: קולבא רעיא. גבל רועה: קולתיה תלה. נאם כדו תלה כמו כדה ומתרגמינן קולתה. ליטנא אחריתא קודהיה מקדתו כמו מקדה של חרס:

אין געוועזן אשטרויכלונג צו אחז און צו אלע יודען. און צו אמציה האב איך געוויזען אפרייליכען פנים. און איך האב געגעבען די מלכים פון אדום אין זיין האנט. האט אמציה געברענגט זייערע געטער און האט זיך געבוקט צו זייא. אזוי וויא עס שטייט אין פסוק דער נאך וויא אמציה איז געקומען פון צו שלאגען די אדומים האט ער געברענגט דיא געטער פון שעיר און ער האט זייא געשטעלט זייא זאלין זיין צו איהם אגאט און פאר זייא האט ער זיך געבוקט און צו זייא האט ער געריייכערט קטורת. רב פפא זאגט דאס איז וואס מענטשען זאגען אז דער חכם שמועסט מיט אבאר און שטראפט איהם. סיי דער חכם וויינט פאר איהם. (ער שמועסט מיט איהם מיט בייזין) פארשטייט ער ניט. און סיי דער חכם לאכט פאר איהם. (ער שמועסט מיט איהם מיט גוטען) פאר שטייט ער ניט. וויי צו דעם מענטש וואס וויים ניט קיין אונטערשייד צווישען גוט און שלעכט. עס שטייט אין פסוק אלע שרים פון מלך בבל זענען געקומען און זענען געזעסין אין דעם טויער פון ירושלים וואס ער הייסט שער התוך. רבי יוחנן האט געזאגט פון רבי שמעון בן יוחאים וועגין דאס איז געוועזן דער טויער פון דעם ארט וואס דארט האט מען געפסקט דינים. זאגט אונז דער פסוק אז דיא שרים פון מלך בבל זענען געזעסין אויף דיא אלע הייליגע ערטער ווא דארט זענען געזעסין דיא סנהדרין און מען האט געפסקת דינים. און איצט האבין דיא שרים פון בבל דארט געפסקת זייערע דינים. רב פפא זאגט דאס איז וואס מענטשען זאגען אויף דעם ארט ווא דער בעל הבית פון שטוב הייננט אויף זיינע געווער. קומט אהיין דער גראבער מענטש דער פאסטוך און הייננט דארט אויף זיין טארבע:

עה אמר. רב חסדא האט געזאגט פון רבי ירמיה בר אבאס וועגין עס שטייט אין פסוק איך בין געגאנגען אויף דיא פעלד פון אפוילען מענטש. און איך בין געגאנגען אין דעם ווייגארטין פון אמענטשען וואס אים פעלט שכל. האב איך געזעהן אז אין דער פעלד און אין דעם ווייגארטען איז אויף געוואקסען דערנער. עס איז אין גאנצין בדעקט מיט דערנער און דיא שטיינערנע וואנט איז איין געפאלען. זאגט דיא גמרא אויף דיא פעלד פון דעם פוילען מענטש בין איך געגאנגען ודיא פעלד מיינט מען דיא יודין. אונז דער פוילער מענטש מיינט מען דעם מלך אחז. און אין דעם ווייגארטען פון דעם מענטש וואס איהם פעלט שכל בין איך געגאנגען דעם ווייגארטען מיינט מען די יודין. אונז דער נארישער מענטש מיינט מען דעם מלך מנשה. און עס איז אויף געוואקסען אין גאנצען דערנער דאס מיינט מען דעם מלך אמון. עס איז בדעקט

עלה כלו קמשונים זה אמון . כסו פניו חרולים זה יהויקים . וגדר אבניו נהרסה זה צדקיה שנחרב בה"מ בימיו . ואמר רב חסדא א"ר ירמיה בר אבא ארבע כתות אין מקבלין פני שכינה כת לצים כת שקרנים כת חנפים כת מספרי לשון הרע . כת לצים דכתיב (הושע ז) משך ידו את לוצצים . כת שקרנים דכתיב (תהלים קא) דובר שקרים לא יכון לנגד עיני . כת חנפים דכתיב (איוב יג) כי לא לפניו חנף יבא . כת מספרי לשון הרע דכתיב (תהלים ה) כי לא אל חפץ רשע אתה לא יגורך רע צדיק אתה ולא יהיה במגורך רע :

והטה עלה כלו קמשונים זה אמון . שהעלה שממית על גבי המזבח לקמן : כסו פניו חרולים זה יהויקים . שכסה פניו מאחוריו של הקב"ה כדאמרינן לקמן כלום אנו צריכין אלא לאורו יטול אורו : על שדה איש עצל עברתי זה אחז . ולהכי קרי ליה עצל שבטל את התורה ובטל את העבודה לקמן : ועל כרם אדם חסר לב זה מנשה . שעקר אזכרות והרס את המזבח (כל אלה בתמיה לשון) חרולים ארטיגא"ש : זה צדקיה . שהיה צדיק ונחרב בה"מ בימיו : משך ידו את לוצצים . משך הקב"ה את ידו מן הלוצצים שלא להתקרב אליהם : לא יגורך רע . היינו מספרי לה"ר דכתיב בתריה תאבד דוברי כזב איש דמים וגו' ועוד דכתיב בתריה קבר פתוח גרונם וגו' :

שלא תמצא אשתך ספק נדה וכו' . והיינו באהלך באשתך

**ע ואמר** רב חסדא א"ר ירמיה בר אבא מאי דכתיב (תהלים צא) לא תאונה אליך רעה ונגע לא יקרב באהליך לא תאונה אליך רעה שלא ישלוט בך יצר הרע ונגע לא יקרב באהלך שלא תמצא אשתך ספק נדה בשעה שתבא מן הדרך . דבר אחר לא תאונה אליך רעה שלא יבעתוך חלומות והרהורים רעים

---

גיווארין זיין פנים מיט דערנער דאס מיינט מען דעם מלך יהויקים : אונ דיא שטיינערנע וואנט איז איין גיפאלען דאס מיינט מען דעם מלך צדקיה . וואס אין זיין צייט איז חרוב גיווארין דער בית המקדש :

נאך האט רב חסדא גזאגט פון רבי ירמיה בר אבאס וועגן פיר ערליי מענטשין זעהן ניט דעם פנים פון דער שכינה . דיא לצים וואס לאכען פון די תורה אונ מצות . אונ דיא שקרנים וואס זאגן ליגענס . אונ די חנפים וואס חנפנן מענטשין . אונ דיא מענטשין וואס ריידן לשון הרע . ביי די לצים שטייט אין פסוק משך ידו את לוצצים . גאט האט אפ גיצויגען זיין האנט פון דיא לצים . ער וויל זייא ניט זעהן . ביי די ליגנערס שטייט אין פסוק דער וואס רעט ליגען זאל ניט זיין פאר מיינע אויגען . ביי דיא וואס חנפנן שטייט אין פסוק פאר גאט וועט ניט קומען דער וואס חנפת . ביי דיא וואס ריידן לשון הרע שטייט אין פסוק דוד המלך האט גזאגט פר גאט דוא ביסט א גאט וואס ווילסט ניט קיין שלעכץ . ביי דיר וואוהנט ניט קיין שלעכץ . דוא ביסט אצדיק אין דיין וואוהנונג וועט ניט זיין קיין שלעכץ . די שלעכטע מיינט מען דיא וואס ריידן לשון הרע :

**עו ואמר** . נאך האט גזאגט רב חסדא פון רבי ירמיה בר אבאס וועגן עס שטייט אין פסוק צו דיר וועט ניט טרעפין קיין שלעכץ אונ קיין פלאג וועט ניט גינענען אין דיין גיצעלט . צו דיר וועט ניט טרעפין קיין שלעכץ מיינט מען דער יצר הרע וועט ניט גיוועלטיגן אויף דיך אן צו ריידן צו עבירות . אונ קיין פלאג וועט ניט גינענען אין דיין גיצעלט מיינט מען ווען דוא וועסט קומען צו פארען פון וועג וועסטו ניט טרעפין דיין ווייב זאל זיין אספק אויב זיא איז א נדה אדער ניין . נאר אדער זיא וועט זיין געווים א נדה אדער געוויס כשר ווארום דער שטייגער איז אז א מענטש קומט פון וועג גלוסט ער צו זיין ווייב . אונ אויב ער טרעפט איר אין אספק צו זיא איז א נדה אדער ניין . פון גרויס תאוה וועט איהם דער יצר הרע אן ריידן ער זאל זיין ביי איר אונ דער יצר הרע וועט איהם ווייזן ראיות אז זיא איז ניט קיין נדה . אונ אין אמת קען זיין אז זיא איז יא א נדה . אונ אפילו ער וועט ניט פאלגין דעם יצר הרע אונ ער וועט ניט זיין ביי איר . אבער צער האט ער פון דעם ספק . אבער אז ער קומט אהיים אונ טרעפט זיין ווייב כשר איז געווים גוט . אונ אפילו ער טרעפט איר זיא איז געווים א נדה . האט ער אויך קיין צער ניט ווארום פון א נדה איז ער אייביג אפ גישיידט . אנדערע זאגין דיך וועט ניט טרעפין קיין שלעכטס דאס מיינט מען שלעכטע חלומות אונ שלעכטע טראכטונגען וועלן דיך ניט דר

שרעקין

רעים. ונגע לא יקרב באהלך שלא יהא לך בן או תלמיד שמקדיח תבשילו ברבים. עד כאן ברכו אביו מכאן ואילך ברכתו אמו. (שם) כי מלאכיו יצוה לך וגו' על כפים ישאונך וגו' על שחל ופתן תדרוך וגו' עד כאן ברכתו אמו מכאן ואילך ברכתו (שכינה) [שמים]. (שם) כי בי חשק ואפלטהו וגו' יקראני ואענהו וגו' ארך ימים אשביעהו וגו':

(ע"ב) **עז** א"ר שמעון בן לקיש מאי דכתיב (איוב לח) וימנע מרשעים אורם וזרוע רמה תשבר. מפני מה עי"ן של רשעים תלויה כיון שנעשה אדם רש מלמטה נעשה רש מלמעלה ולא נכתביה כלל ר' יוחנן ור' אלעזר חד אמר מפני כבודו של דוד וחד אמר מפני כבודו של נחמיה בן חכליה:

ת"ר

כדאמרינן אין אבנו אלא אשתו בשעה שאדם בא מן הדרך קשה לו כשימצא את אשתו ספק נדה יושב מנדה ודאית שעל ספק נדה הוא מיצר ויצרו תקפו ואומר טהורה היא ועל הגם אני מוגע: ע"כ ברכו אביו. דוד לשלמה בנו מתחלה לפי ענין הברכות יש לידע שדוד ברכו שכן דרך האב לדבריה שאלו בספק נדה וביצה"ר ובהרהורים רעים ובבנים ותלמידים שלא יקדיחו תבשילם ברבים אבל אבה אינה מתנת דעם בכך אלא מתוך רכות הלב בים לב מתפללת על בנה שיגל מאבן נגף ומזיקין ושדים לפיכך קא דריש לפי הענין שאלו ברכות ברכתו אמו כי מלאכיו יצוה לך מ"ר. ועוד משום דכתיב כי מלאכיו מבמע ליה דסליק ענין אחד דברכה ומכי מלאכיו עד כי בי חשק סליק חד ענין הילכך מוקים דמי לדמי דעד כאן ברכו אביו וכו' מ"ר: כי בי חשק. לא שייך אלא ברבותא דעלמא כלומר אותו שחשק בי וכיראתי אפלטהו:

עי"ן שברשעים תלויה. שאינה כתובה בשיטת אותיות התיבה אלא תלויה היא למעלה ונראה ככתוב רשים: כיון שנעשה אדם רש מלמטה. שיש לו שונאין ואין רוח הבריות נוחה הימנו: נעשה רש מלמעלה. בידוע ששונאים אותו מלמעלה לפכי כתיב רשים כ' מיני רשות: ולא נכתביה. לעי"ן כלל: משום כבודו של דוד. לומר שאין הדבר נוהג אלא ברשעים ולא בצדיקים ודוד היו לו שונאים הרבה: ונחמיה בן חכליה. היו לו שונאים הרבה מכרים שבקשו להורגו על שהיה בונה בה"מ כדכתיב בעזרא (ידי אחת מחזקת בשלח) [ואחת מחזקת השלח וגו']. נ"א פנים בעזרא שהיו לו לנחמיה שונאים וקנאים מישראל דכתיב ורבים מיהודה בעלי שבועה לו כי הוא חתן לשכניה בן ארח שהיו מגזין אותו. בקדושין מפרש להאי קרא ולהכי איכתבא למר שברשעים אמרינן ולא בצדיקים:

נ"ס

שרעקן. אונ אפלאג וועט ניט גינענען אין דיין גיצעלט דאס מיינט מען דוא וועסט ניט האבען אזהן אדער אתלמיד וואס זאל ווערין אאפיקורוס אונ ליקענען אן גאט עפענטליך פאר אלע מענטשין. ביז דעם פסוק איז די ברכה וואס דער פאטער פון שלמה ודוד המלך הט גיבענשט זיין זוהן שלמה. אונ פון דעם פסוק כי מלאכיו יצוה לך ביז דעם ווארט ותנין איז די ברכה וואס די מוטער פון שלמה ובת שבע הט גיבענשט איהר זוהן שלמה. אונ פון כי בי חשק ביז צום סוף קפיטול הט גאט גיבענשט שלמה המלך:

**עז** אמר: רבי שמעון בן לקיש האט גזאגט עס שטייט אין פסוק וימנע מרשעים אורם וזרוע רמה תשבר. ער האט פארמיטען פון דיא רשעים זייער ליכטיגקייט אונ דער הויכער ארעם וועט צו בראכען ווערין. פאר וואס שטייט דער עי"ן פון ווארט רשעים פון הויבין. ער שטייט ניט גלייך מיט די אותיות. אונ מען קען לייענען רשים וארעם. אז אמענטש ווערט ארעם אויף דער וועלט אונ דעם ארעם מאן האט מען דאך פיינט. ווערט ער ארעם אין הימעל אויך. מען איהם אין הימעל אויך פיינט. פרעגט דיא גמרא אז מען לייענט רשים (ארעם). צו וואס שטייט דער עי"ן. זאל דער עי"ן גאר ניט שטיין. רבי יוחנן אונ רבי אלעזר פריגען. איינער זאגט דורך דעם כבוד פון דוד המלך שטייט דער עי"ן. מען זאל לייענען רשעים אונ רשים. ווייל דוד האט גיהאט פיל שונאים פאסט ניט צו זאגן אז ער האט גיהאט שונאים אין הימעל אויך. דריבער לייענען מיר רשעים צו זאגן אז דאס איז נאר ביי רשעים אזוי אסימן אז זייא האבען שונאים אונטען האבען זייא שונאים הויבין אויך. אבער צדיקים אפילו זייא האבען שונאים אונטען אבער אין הימעל האבען זייא ניט קיין שונאים. אונ איינער זאגט דורך דעם כבוד פון נחמיה בן חכליה שטייט דער עי"ן. מען זאל לייענען רשעים אונ רשים. ווייל נחמיה האט גיהאט פיל שונאים פאסט ניט צו זאגן אז ער האט גיהאט שונאים אין הימעל אויך. דריבער לייענען מיר רשעים צו זאגן אז דאס איז נאר ביי רשעים אזוי אסימן אז זייא האבען שונאים אונטען האבען זייא שונאים הויבין אויך. אבער צדיקים אפילו זיי האבען שונאים אונטען אבער אין הימעל האבען זיי ניט קיין שונאים:

**עח ת"ר** מנשה היה שונה חמשים וחמשה פנים בתורת כהנים כנגד שני מלכותו אחאב שמונים וחמשה ירבעם מאה ושלשה. תניא היה ר' מאיר אומר אבשלום אין לו חלק לעה"ב שנאמר (ש"ב יח) ויכו את אבשלום וימיתוהו ויכוהו בעה"ז וימיתוהו לעה"ב. תניא ר' שמעון בן אלעזר אומר משום ר' מאיר אחז ואחזיה וכל מלכי ישראל שכתוב בהן (מ"ב כא) ויעש הרע בעיני ה' לא חיין ולא נדונין. (שם) וגם דם נקי שפך מנשה הרבה מאד עד אשר מלא את ירושלים פה לפה לבד מחטאתו אשר החטיא את יהודה לעשות הרע בעיני ה' הכא תרגימו כשהרג ישעיה. במערבא אמרי שעשה צלם משאוי אלף בני אדם ובכל יום ויום היה הורג את כולם:

**עט כמאן** אזלא הא דאמר רבה בר בר חנה נשמה של צדיק אחד שקולה ככל העולם כולו כמאן דאמר ישעיה הרג. כתיב (דה"ב לג) פסל וכתיב (שם) פסילים אמר

נ"ה פנים בתורת כהנים. ספר ויקרא היה דורש נ"ה פנים שכל שנה ושנה היה מחדש ודורש משלפניו: לא חיין. לא יחיו לעוה"ב עם הצדיקים ולא נדונין. עמי בגיהנם ודוקא קאמר מלכי ישראל אבל שלמה ונדקים מבית דוד אחז ואחזיה דכתיב בהו ויעש הרע חיין הן לעתיד: אחז ואחזיה. ממלכי יהודה וקים להו שהיו רשעים ולמנין ויהויקים לא חשיב ואע"ג דאיזו רשעים מאד כדלקמן בהנהו קים להו דחיין: הורג. את כלם. שהיו נבקעין בכובד המשאוי: כמאן דאמר שהרג ישעיה ואכא קאמר קרא מלא את ירושלים פה לפה בג מת של צדיק שקולה כמו שמלא את ירושלים תלוים: כתיב. במלכים וישם את פסל האשרה אשר עשה בבית האלהים: וכתיב. והעמיד את האשרים והפסילים

---

**עח** תנו רבנן. די רבנן האבען געלערנט מנשה האט געלערנט פינף און פופציג ערליי פשטים אין דעם ספר ויקרא געגען די יאהרען פון זיין מלוכה וועדער יאהר ווען ער האט געלערנט דעם ספר ויקרא האט ער געלערנט אנייעם פשט. און ער איז געוועזען א מלך פינף און פופציג יאהר האט ער געלערנט דעם ספר ויקרא פינף און פופציג מאהל צו זאמען איז געלערנט געווארען אין ספר ויקרא פינף און פופציג ערליי פשטים. אחאב האט געלערנט פינף און אכציג ערליי פשטים אין ספר ויקרא. ירבעם האט געלערנט הונדערט און דריי ערליי פשטים אין דעם ספר ויקרא:

מיר האבען געלערנט רבי מאיר פלעגט זאגען אבשלום האט ניט קיין חלק עולם הבא. אזוי וויא עס שטייט אין פסוק זייא האבען געשלאגען אבשלום און האבען איהם געהרגעט. זייא האבען איהם געשלאגען אויף דער וועלט. און האבען איהם געהרגעט פון יענע וועלט. מיר האבען געלערנט רבי שמעון בן אלעזר זאגט פון רבי מאירס וועגען אחז און אחזיה און אלע מלכים פון די צעהן שבטים וואס ווערען גערופען ישראל. וואס ביי זייא שטייט ער האט געטאהן וואס עס איז שלעכט אין די אויגען פון גאט. זייא לעבען ניט צו עולם הבא און זייא ווערין ניט געמשפט אין גיהנם. עס שטייט אין פסוק ריינע בלוט האט מנשה פאר גאסען זייער פיל ביז ער האט פול געמאכט ירושלים פון איין עק צום אנדערין עק אויסער די זינד וואס ער האט געמאכט זינדיגען יהודה זייא זאלין טאהן וואס עס איז שלעכט אין די אויגען פון גאט. דא אין בבל האט מען געזאגט דאס מיינט מען וואס ער האט געהרגעט דעם נביא ישעיה. אין ארץ ישראל האט מען געזאגט דאס מיינט מען דעם צלם וואס מנשה האט געמאכט טויזענד מענטשען האבען איהם געדארפט טראגען און אלע טאג זענען געהרגעט געווארין אנדערע טויזענד מענטשען פון די שווערע משא:

**עט** כמאן. וויא וועלכער תנא האט געזאגט רבה בר בר חנה אז א נשמה פון איין צדיק איז גערעכענט וויא די גאנצע וועלט. אזוי וויא דער וואס זאגט אז דאס וואס דער פסוק זאגט מנשה האט פול געמאכט ירושלים מיט בלוט דאס מיינט מען וואס ער האט געהרגעט דעם נביא ישעיה: זעהן מיר אז דאס הרגען פון נביא ישעיה איז גלייך וויא ער וואלט פול געמאכט גאנץ ירושלים מיט געהרגעטע מענטשען. פרעגט די גמרא אין איין פסוק שטייט מנשה האט געמאכט פסל. איין בילד. און אין אנדערין פסוק שטייט מנשה האט געמאכט פסילים. פיל בילדער

אמר רבי יוחנן בתחלה עשה לו פרצוף אחד ולבסוף עשה לו ארבעה פרצופין כדי שתראה שכינה ותכעוס. אחז העמידו בעליה שנאמר (מ"ב כג) ואת המזבחות אשר על הגג עלית אחז וגו'. מנשה העמידו בהיכל שנאמר (שם כא) וישם את פסל האשרה אשר עשה בבית אשר אמר ה' אל דוד ואל שלמה בנו בבית הזה ובירושלים אשר בחרתי מכל שבטי ישראל אשים את שמי לעולם אמון הבניסו לבית קדשי הקדשים שנא' (ישעיה כח) כי קצר המצע מהשתרע וגו' מאי כי קצר המצע מהשתרע אמר רב שמואל בר נחמני א"ר יונתן כי קצר מצע זה מלהשתרר עליו שני רעים כאחד. מאי (שם) והמסכה צרה אמר ר' שמואל בר נחמני ר' יונתן כי הוה מטי להאי קרא הוה קא בכי מי שכתוב בו כונס כנד מי הים תעשה לו מסכה צרה. אחז התם את התורה שנאמר (שם ח) חתום תורה בלמודי. מנשה קדר את האזכרות. אמון שרף את התורה. אחז בטל את העבודה. מנשה הרס את המזבח. אמון העלה שממית על גבי המזבח. אחז התיר את הערוה. מנשה בא על אחותו. אמון בא על אמו שנאמר (ד"ה ב לג) כי הוא אמון הרבה אשמה ר' יוחנן ור' אלעזר חד אמר ששרף את התורה וחד אמר שבא על אמו אמרה לו אמו כלום יש לך הנאה ממקום שיצאת ממנו אמר לה כלום אני עושה אלא להכעיס את בוראי

בד"ה: ולבסוף עשה. מנשה לאותו צלם ארבעה פרצופים: כדי שתראה שכינה. מכל צד שתכנס להיכל תראה הפרצוף כנגדו ותכעוס: מלהשתרר עליו שני רעים. שכינה וצלם: מצע. בית המקדש: תעשה לו מסכה צרה. כלומר שכינה צרה לחברתה: העלה שממית. קורי עכביש שבטל העבודה מכל וכל עד שארגו עכבים קוריהן על גב המזבח: התיר. נעשה לו כהיתר: ממקום שיצאת ממנו. מקום שאדם יוצא ממנו שבע כוח ממנו

---

בילדער: ענטפערט די גמרא רבי יוחנן האט גזאגט פריער האט מנשה גימאכט אויף דעם צלם איין פנים. דער נאך האט ער גימאכט צום צלם פיר פנימס. פון וועלכער זייט דיא שכינה וועט אריין קומען אין היכל זאל זיא זעהן אפנים פון עבודה זרה וועט זיא אין כעס ווערין. אחז האט גישטעלט דעם צלם אויף אבוידים: אזוי וויא עס שטייט אין פסוק אונ דיא מזבחות וואס זענען אויף דעם דאך פון דעם בוידים פון אחז. מנשה האט גישטעלט דעם צלם אין היכל. אזוי וויא עס שטייט אין פסוק דעם בילד פון דעם לינדען בוים וואס ער האט גימאכט האט ער אריין גישטעלט אין דיא שטוב וואס גאט האט גזאגט צו דוד אונ צו זיין זוהן שלמה אין דער שטוב אונ אין ירושלים וואס איך האב אויס דער ווילט פון אלע יודישע שבטים וועל איך טאהן מיין נאמען אויף אייביג. אמון האט אריין גישטעלט דעם צלם אין קדשי קדשים. אזוי וויא עס שטייט אין פסוק כי קצר המצע מהשתרע. וואס מיינט דער פסוק. רב שמואל בר נחמני האט גזאגט פון רבי יונתן וועגין דער פסוק מיינט דער אויס שפרייטונג ודער קדשי קדשים איז קורץ אין אים זאלין זיין צו זאמען די שכינה מיט דעם צלם. עס שטייט אין פסוק והמסכה צרה: רבי שמואל בר נחמני האט גזאגט אז רבי יונתן פלעגט קומען צוא דעם פסוק והמסכה צרה פלעגט ער וויינען. גאט וואס אויף איהם שטייט כונס כנד מי הים: ער פאר זאמעלט אזוי וויא אמאהער דיא וואסער פון ים. זאל אנגעזעסענער בילד גישטעלט ווערין נעבין איהם. אחז האט פאר חתמת דיא תורה מען זאל אין איר ניט לערנען. אזוי וויא עס שטייט אין פסוק חתום תורה בלמודי. ער האט פאר חתמת דיא תורה דיא לערנער זאלין ניט לערנען. מנשה האט אויס געשניטען דיא שמות פון דער ספר תורה. אמון האט פאר ברענט דיא ספר תורה. אחז האט גישטערט מען זאל ניט מקריב זיין קרבנות: מנשה האט צו ווארפין דעם מזבח. אמון האט אויף גיברייגנט שפינען אויף דעם מזבח. ער האט אזוי גישטערט די קרבנות אז דער מזבח איז גיוועזן אין גאנצען ליידיג אונ שפינען האבען אויף איהם גיוועבט זייערע שפינוועבאכץ. אחז האט מתיר גיוועזן מען זאל מזנה זיין. מנשה האט מזנה גיוועזן מיט זיין שוועסטער. אמון האט מזנה גיוועזן מיט זיין מוטער. אזוי וויא עס שטייט אין פסוק אמון האט גימערט עבירות. רבי יוחנן אונ רבי אלעזר קריגען. איינער זאגט אמון האט פאר ברענט דיא תורה. אונ איינער זאגט אמון האט מזנה גיוועזן מיט זיין מוטער. דיא מוטער האט גזאגט צו אמון האסטו הנאה פון דעם ארט וואס דוא ביסט פון איהם ארויס גיגאנגען. האט אמון גזאגט צו דיא מוטער איך מיין ניט איך זאל

בוראי, כי אתא ידויקים אמר כמאי לא ידעי לארגוזי כלום אנו צריכים אלא לאורו יש לנו זהב פריים שאנו משתמשים בו יטול אורו אמרו לו והלא כסף וזהב שלו הוא שנאמר (חגי ב) לי הכסף ולי הזהב נאם ה' צבאות אמר להם כבר נתנו לנו שנאמר (תהלים קטו) השמים שמים לה' והארץ נתן לבני אדם:

**פ א"ל** רבא לרבה בר מרי מפני מה לא מנו את יהויקים משום דכתיב ביה (דה"ב לו) ויתר דברי יהויקים ותיעבותיו אשר עשה והנמצא עליו מאי והנמצא עליו ר"י ור"א חד אמר שחקק שם ע"ז על אמתו וחד אמר שחקק עם שמים על אמתו א"ל במלכים לא שמעתי בהדיוטות שמעתי מפני מה לא מנו את מיכה מפני שפתו מצויה לעוברי דרכים שנא' (זכריה י) ועבר בים צרה והכה בים גלים א"ר יוחנן זה פסלו של מיכה. תניא ר' נתן אומר מגרב לשילה שלשה

יהיו מהלוז לכפלה היתי מקום: קמאי לא ידעי לארגוזי. מלכים הראשונים שלפנינו לא היו יודעים להכעיס המקום כמו שזה הרף ולמר כלום אנו צריכים אלא לאורו המאיר לנו השמש יכא ויטול אורו: שאנו משתמשין בו. שמאיר ביותר: אמרו לו. בני דורו והלא כסף וגו' בני דורו צדיקים היו כדאמרינן נסתכל בדורו של יהויקים ונתקררה דעתו:

מפני מה לא מנו את יהויקים. בהדי הנך שאין להם חלק לעוה"ב: משום דכתיב ויתר דברי יהויקים. בתמיה משום דכתיב ביה רשע כוס לא מנאוהו: שם ע"ז על אמתו. מתוך שהיה אדוק בה: שם שמים. משום בזיון: במלכים לא שמעתי. מפני מה לא מנו את יהויקים: בהדיוטות שמעתי ומפני מה לא מנו את מיכה. בהדי ד' הדיוטות דמתני': פתו מצויה לעוברי דרכים. שהיו כל העולם מתארחין אצלו דכתיב במקרא כל העובר ושב אל הלוים זה מיכה: (א"א פסוק זה הפסתי בנרות ולא מצאתיה): זה פסלו של מיכה. כשכתב משה את השם והשליכו על נילוס להעלות ארונו של יוסף בא מיכה ונטלו בהבאה והיינו דכתיב ועבר בים צרה כשהעביר הקב"ה לישראל עבר מיכה עמהם בידו השם לעבות העגל. א"א מיכה משה פסל והביאו עמו כשעברו ישראל הים: גרב.

---

זאל הנאה האבען. איך מיין נאר צוא דער צערענען גאט. אז יהויקים איז גיקומען האט ער גזאגט דיא ערשטע האבען ניט געוואוסט וויא אזוי צו דער צערענען גאט. אבער איך וויס. צו וואס דארפן מיר גאט נאר צו די ליכטיגקייט נאר צו דיא זוהן וואס ער מאכט שיינען. זאל ער צו נעמען דיא זוהן. מיר האבען פריים גאלד וואס דאס שיינט וויא דיא זוהן. האט מען וואגט צו יהויקים דיא זילבער מיט דיא גאלד גיהער דאך צו גאט. אזוי וויא עס שטייט אין פסוק צו מיר איז דיא זילבער אונ צו מיר איז די גאלד זאגט גאט. הט יהויקים צו זיי גזאגט די זילבער מיט די גאלד איז צו אונז געגעבן געווארין. אזוי וויא עס שטייט אין פסוק די הימלען געהערען צו גאט אונ די ערד האט ער גיגעבן צו די מענטשין:

**פ** אמר: רבא האט גזאגט צו רבה בר מרי פאר וואס האט מען ניט גיציילט דעם מלך יהויקים מיט דיא מענטשין וואס האבען ניט קיין עולם הבא. צו וויל עס שטייט אויף איהם אז ער איז געוועזען אגרויסער רשע דריבער ציילט מען איהם ניט צו זאמען מיט די מלכים וואס האבען ניט קיין עולם הבא. ווארום עס שטייט אין פסוק אונ די איבעריגע רייד פון יהויקים אונ זיינע מיאוסע זאכען וואס ער האט גיטאהן אונ וואס אויף איהם איז געפונען געווארין. וואס איז אויף איהם גיפונען געווארין קריגט רבי יוחנן אונ רבי אלעזר איינער זאגט ער האט אויס געקריצט דעם נאמען פון דיא עבודה זרה אויף זיין מילה. אונ איינער זאגט ער האט אויס געקריצט דעם נאמען פון גאט אויף דיא מילה. דארף מען דאך איהם געוויס ציילען מיט דיא מלכים וואס האבען ניט עולם הבא. האט רבה גזאגט צו רבא איך האב ניט גיהערט אונ וויס ניט פאר וואס מען האט ניט גיציילט יהויקים מיט דיא מלכים וואס האבען ניט עולם הבא: נאר פאר וואס מען האט ניט גיציילט מיכה מיט דיא פראסטע מענטשין וואס האבען ניט עולם הבא. דאס האב איך יא גיהערט. וויל ער פלעגט געבין עסן צו אלע מענטשין וואס פלעגין דורך גיין געבין זיין שטוב. אזוי וויא עס שטייט אין פסוק ועבר בים צרה והכה בים גלים. דיא צרה איז דורך גיגאנגען אין ים אונ ער האט גישלאגן דיא וואלען אין ים. ווער איז געוועזען דיא צרה: רבי יוחנן זאגט ווען מיכה איז גיגאנגען מיט דיא יודין פון מצרים אין ים האט ער גיטראגן מיט זיך דעם בילד ודיא עבודה זרה זיינע. פון דעסטוועגין האט איהם גאט ניט דער טרונקען אין ים. וויל ער הט גיהאט די מצוה וואס ער פלעגט געבין עסן אלע מענטשין וואס זענען גיגאנגען פאר ביי זיין שטוב. מיר האבען גילערנט רבי נתן זאגט פון גרב וואס דארט איז

גישטאנען

שלשה מילין והיה עשן המערכה ועשן פסל מיכה מתערבין זה בזה בקשו מלאכי השרת לדחפו אמר להם הקב"ה הניהו לו שפתו מצויה לעוברי דרכים. ועל דבר זה נענשו אנשי פילגש בגבעה אמר להן הקב"ה בכבודי לא מחיתם על כבודו של בשר ודם מחיתם:

**פא א"ר** יוחנן משום רבי יוסי בן קסמא גדולה לגימה שהרחיקה שתי משפחות מישראל שנאמר (דברים כג) על דבר אשר לא קדמו אתכם בלחם ובמים ור' יוחנן דידיה אמר מרחקת את הקרובים ומקרבת את הרחוקים ומעלמת עינים מן הרשעים ומשרה שכינה על נביאי הבעל ושגגתו עולה זדון מרחקת את הקרובים (דף קד) מעמון ומואב ומקרבת את הרחוקים מיתרו דאמר רבי יוחנן בשכר קראן

מקומו של מיכה בגרב שיה פסלו של מיכה קבוע ובשילה שיה המשכן: לדוחפו. למיכה: ועל דבר זה. על פסלו של מיכה שלא מיחו ישראל בידו נענשו אנשי פלגש בגבעה שנפלו ביד בנימין והרגו מהם מ' אלף:

לגימה. אכילה שמאכילין לאורחים: ב' משפחות. עמון ומואב שלפי שלא קדמו ישראל בלחם ובמים נכתב שלא יבאו בקהל: מעלמת עינים מן הרשעים. מעלמת מעיני המקום שלא להביט ברשעו שלום לו כדרכו ברעה אלא עושה כאילו אינו רואה במעשיו: עמון ומואב. קרובים לישראל שבאו מלוט בן אחי אברהם והרחיקם המקום שלא יבאו בקהל. נ"א קרובים מאי איכא למימר דהא מדין בני קטורה היו בני אברהם וקרובים היו בני מדין לישראל יותר מעמון ומואב שהם בני אברהם אלא

---

געשטאנען די עבודה זרה פון מיכה. ביז שילה וואס דארט איז געוועזן דער משכן. איז געווען ווייט דריי תחום שבת. אונ פון דעם מזבח פון שילה איז ארויף געגאנגען ארויך אונ פון דעם מזבח פון גרב איז ארויף געגאנגען ארויך. אונ די ביידע רויכן האבען זיך אין דער הייך אויס געמישט. האבען די מלאכים געוואלט אוועק שטויסען דעם מיכה. האט גאט געזאגט צו די מלאכים לאזט איהם ווייל ער גיט זיין ברויט צו אלע מענטשן וואס גייען פאר ביי זיין שטוב: אונ אויף דיא זאך זענען געשטראפט געווארן די יודין פון פילגש בגבעה: גאט האט צו זיי געזאגט אויף מיין כבוד האט איר ניט געוועהרט (אויף מיכה וואס ביי איהם שטייט א עבודה זרה זענט איר ניט געגאנגען מלחמה האלטען מיט איהם). אונ אויף דעם כבוד פון א מענטשן האט איר יא געוועהרט ווייל מען האט מזנה געווען מיט די פילגש זענט איר ארויס געגאנגען מלחמה האלטען. דעריבער איז געפאלען פון דיא יודין פערציג טויזענד מענטשן. וואס דיא בנימין האבען פון זיי געהרגעט:

**פא** אמר. רבי יוחנן האט געזאגט פון רבי יוסי בן קסמאס וועגן אז מען גיט ניט עסין צו אפרעמדין איז א גרויסע עבירה: אונ דורך די עבירה זענען דער ווייטערט געווארן צוויא משפחות פון דיא יודין. אזוי ויא עס שטייט אין פסוק ווייל עמון אונ מואב האבען ניט ארויס געטראגען צו אייך יודין ברויט מיט וואסער ווען איר זענט געוועזן אין וועג דריבער זאלין זייא זיין דער ווייטערט פון אייך. אונ רבי יוחנן זאגט פון זיינעט וועגין אז מען גיט ניט עסין צוא אפרעמדין ווערין אפילו דיא נאנטע דער ווייטערט. אונ אז מען גיט עסין צוא אפרעמדין ווערין אפילו דיא ווייטע דער נענטערט. אונ דיא מענטשין וואס גיבען עסין צוא פרעמדע אפילו זייא זענען רשעים נעמט גאט אוועק זיינע אויגען אונ קוקט ניט אויף זייערע שלעכטע עבירות אונ שטראפט זייא ניט. אונ גאט מאכט רוהען זיין שכינה אפילו אויף אפאלשין נביא וואס ער זאגט נביאות אין דעם נאמען פון דיא עבודה זרה: אויב דער נביא גיט זיין ברויט צו פרעמדע מענטשין. אונ דער וואס גיט ניט פון זיין ברויט צו אפרעמדין. אפילו ער האט פר געסין צו געבין. ווערט אויף איהם גירעכנט די עבירה גלייך וויא ער וואלט ניט געוואלט געבין. אז מען גיט ניט עסין צו אפרעמדין דער ווייטערט דאס דיא נאנטע. דאס ווייסען מיר פון עמון אונ מואב. עמון אונ מואב זענען דאך געווען נאנט צוא יודין. ווארום זייא זענען דאך געבארין פון לוט. נאר ווייל זייא האבען ניט געגעבין ברויט מיט וואסער צו דיא יודין האט זייא גאט דער ווייטערט פון דיא יודין: אונ האט געשריבען אין דער תורה אז יודין זאלין זיך ניט כתחתן זיין מיט עמון אונ מואב. אונ אז מען גיט עסין צוא אפרעמדין דער נענטערט דאס דיא ווייטע. דאס ווייסען מיר פון יתרו. ווארום רבי יוחנן האט געזאגט

(שמות ג) קראן לו ויאכל לחם זכו בני בניו וישבו בלשכת הגזית שנאמר (ד"ה א ב) ומשפחות סופרים יושבי יעבץ תרעתים שמעתים סוכתים המה הקנים הבאים מחמת אבי בית רכב וכתיב התם (שופטים א) גבני קיני חתן משה עלו מעיר התמרים וגו'. ומעלמת עינים מן הרשעים ממיכה. ומשרה שכינתו על נביאי הבעל מחבירו של עדו הנביא דכתיב (מ"א יג) ויהי הם יושבים אל השלחן ויהי דבר ה' אל הנביא אשר השיבו. ושגגתו עולה זדון אמר רב יהודה אמר רב אלמלא הלוהו יהונתן לדוד שתי ככרות לחם לא נהרגה נוב עיר הכהנים ולא נטרד דואג האדומי ולא נהרג שאול ושלשת בניו:

ומפני

עמון ומואב שהניה וקרובים היו לאחי ומדין רחוקים להם היו: וישבו בלשכת הגזית כדאמר ומשפחות סופרים. והאי קרא מפרש ליה כו'. בספרי בפרשה ויאמר משה לחובב בן רעואל המדיני: המה הקנים הבאים מחמת אבי בית רכב. וקיני הלא בניו של יתרו דכתיב ובני קיני חותן משה ובניו של יתרו הן הן בניו של רכב דכתי' הקנים הבאים מחמת אבי בית רכב וכתיב ובית הרכבים אמר ירמיהו כי כה אמר ה' וגו' יען אשר שמעתם על מצות יהונדב אביכם וגו' לא יכרת איש ליונדב בן רכב עומד לפני כל הימים ואמרינן בספרי אפשר נכרים הם ונכנסין להיכל והרי כל ישראל לא נכנסו להיכל אלא שהיו יושבין בסנהדרין ומורין בד"ת מ"ר: ממיכה. דאמרינן לעיל כיהו לו בהתו מלוים לעוברי דרכים: ומשרה שכינה על נביאי הבעל מחברו של עדו הנביא. דעדו הנביא נתנבא על מזבח בית אל שיחרב מפני שהעמיד בו ירבעם צלמים דכתיב במלכים והנה איש האלהים בא מיהודה וגו' ויאמר מזבח מזבח ומפרש בסדר עולם דהיינו עדו הנביא וכא נביא השקר והטעהו לעדו והשיבו לבית אל והעבירו על מצות הקב"ה שאמר לו לא תשוב אל הדרך אשר הלכת ובזכות שהאכילו שרתה עליו שכינה שנאמר ויהי דבר ה' אל האיש הנביא אשר השיבו להאכילו אלמא: ושגגתו עולה זדון. שהרי מלים ביהונתן שגגה ולא הלוהו לדוד שתי ככרות ונענש דאמר רב יהודה כו': לוהו. לשון לויה: לא נהרגה נוב. שלא היה צריך דוד לשאול לחם מכהני נוב ולא היה דואג מלשין עליהם: ולא היה שאול נהרג על אותו עון:

שמואל

---

געזאגט ווייל יתרו האט געזאגט צו זיינע טעכטער רופט משהן ער זאל עסן ביי אונז ברויט. האט ער זוכה געווען אז זיינע אייניקלאך זענען געזעסן צווישען דיא סנהדרין אין לשכת הגזית. אזוי וויא עס שטייט אין פסוק אונ דיא משפחות סופרים דיא זיצער יעבץ תרעתים שמעתים סוכתים דאס זענען דיא קנים וואס זענען געקומען פון חמת דער פאטער פון בית רכב. זעהן מיר אז דיא קנים זענען געבארין פון רכב. אונ צו די קינדער פון רכב האט גאט צו געזאגט אז זייא וועלין זיצען צווישען דיא סנהדרין. אונ עס שטייט אין פסוק דיא קינדער פון קיני דער שווער פון משה זענען אויף געגאנגען פון עיר התמרים. זעהן מיר אז קיני איז יתרו דער שווער פון משה. זענען דאך די אייניקלאך פון יתרו וואס זייא זענען אויך דיא אייניקלאך פון רכב געזעסן צווישען דיא סנהדרין. אונ אז גאט נעמט אוועק זיינע אויגען פון דיא רשעים וואס געבען עסן צו פרעמדע אונ ער שטראפט זייא ניט. דאס ווייסען מיר פון מיכה וויא פריער שטייט. אונ אז גאט מאכט רוהען זיין שכינה אויף דיא נביאים פון דיא עבודה זרה אויב זייא געבען זייער ברויט עסן צו פרעמדע. דאס ווייסען מיר פון דעם חבר פון עדו הנביא. ווארום דער נביא עדו האט געזאגט נביאות אין דעם נאמען פון גאט אויף דעם מזבח פון ירבעם בן נבט אז ער וועט צו בראכען ווערין אזוי וויא עס שטייט אין מלכים א קאפיטל יג. דער נאך איז געקומען א פאלשער נביא אונ האט גינארט דעם נביא עדו ער זאל גיין צו איהם אהיים עסן. אונ עס שטייט אין פסוק אזוי וויא זייא זענען געזעסן ביים טיש אונ האבען גיגעסן האט גאט גירעדט צום פאלשין נביא. זעהן מיר ווייל דער פאלשער נביא האט גיגעבן עסן צום נביא עדו. דריבער האט ער זוכה געווען גאט זאל צו איהם ריידן. אונ דער וואס גיט ניט זיין ברויט צו אפרעמדן. אפילו ער האט פאר געסין צו געבין ווערט אויף איהם גירעכנט דיא עבירה גלייך וויא ער וואלט גיט געוואלט געבין. דאס ווייסען מיר פון יהונתן. ווארום רב יהודה האט געזאגט פון רבס וועגין ווען יהונתן וואלט גיגעבן צו דוד ווען ער האט איהם באגלייט צוויי ברויטין. וואלט דוד ניט גידארפט בעטין ברויט ביי אחימלך וואלטין ניט גיהרגעט גיווארין די כהנים פון נוב. אונ דואג האדומי וואלט ניט פאר טריבען גיווארין פון ביידע וועלטין. אונ שאול מיט זיינע דריי זיהן וואלטין ניט גיהרגעט גיווארין:

ומפני

**פב ומפני** מה לא מני את אחז א"ר ירמיה בר אבא מפני שמוטל בין שני צדיקים בין יותם ליחזקיהו רב יוסף אמר מפני שהיה לו בושת פנים מישעיהו שנאמר (ישעיה ז) ויאמר ה' אל ישעיהו צא נא לקראת אחז אתה ושאר ישוב בנך אל קצה תעלת הברכה העליונה אל מסלת שדה כובס מאי כובס איכא דאמרי דכבשינה לאפיה והלך איכא דאמרי אוכלא דקצרי כהף אדישיה והלך . מפני מה לא מנו את אמון מפני כבודו של יאשיהו , מנשה נמי לא נמנייה מפני כבודו של חזקיהו ברא מזכי אבא אבא לא מזכי ברא כדתניא (דברים לב) ואין מידי מציל אין אברהם מציל את ישמעאל אין יצחק מציל את עשו השתא דאתית להכי אחז נמי לא אימני משום כבודו של חזקיהו :

שמוטל בין שני צדיקים. דאביו יותם ובנו חזקיה : ואחז . מישראל שבבו להיות נכון ותלמידיך וכל מי שישוב לבית דהיינו אל ידיו כדמתרגם ואחז יאחז תנוקו ודהבו תנוקי תלמידוסי : מאי כובס דכבשינהו לאפיה . שכבש את פניו והיה מתביים מפני ישעיהו : כובס . כמו כובש : אוכלא דקצרי סהף אדישיה . כלי מנוקב של כובסין שמזלפין בו מים על הבגדים ונתנו כלי הפך אחז על ראשו כדי שלא יכירו ישעיהו שהיה מתביים ממנו : יאשיהו . בן אמון : חזקיה . אבי מנשה: ברא מזכי אבא כו' . יאשיה מזכי אמון אביו ולא חזקיה מנשה בנו : דכתיב ואין מידי מציל . ודריק ליה בהגדה אין אברהם מציל כו' : השתא דאתית להכי . דברא מזכי לאבא : אחז נמי . לא תימא דכבשינהו לאפיה אלא מפני כבודו של חזקיה לא מנאוהו :
מפני מה לא מנו את יהויקים כאותם שאין להם חלק לעוה"ב : משום דרבי חייא בר אבויה . בתהכפר על שלא ניתן לקבורה וכל כמי

**פג ומפני** מה לא מנו את יהויקים משום דר' הייא בר אבויה דאמר ר' חייא בר אבויה כתוב

---

**פב** ומפני . און פאר וואס האט מען ניט גיצײלט דעם מלך אחז צווישען דיא מלכים וואס האבען ניט קיין עולם הבא . רבי ירמיה בר אבא זאגט ווייל ער איז גיוועזן צווישען צוויא צדיקים . זיין פאטער יותם איז גיוועזן אצדיק . און זיין זוהן חזקיהו איז גיוועזן אצדיק . רב יוסף זאגט ווייל ער האט זיך גישעמט פאר דעם נביא ישעיהו . אזוי וויא עס שטייט אין פסוק גאט האט גזאגט צו ישעיהו גיי ארויס אנטקעגין דעם מלך אחז דוא און דיין זוהן שאר ישוב ודאס מיינט מען דיא איבעריגע יודין וואס האבען תשובה גיטאהן און זענען גיווארין תלמידים אזוי וויא קינדער דיינעו . אחז שטייט ביי דעם עק גראבין פון דעם אויבערשטין קוואל . אל מסלת שדה כובס . דער קוואל איז ביי דיא וועג פון דיא פעלד כובס . וואס מיינט מען כובס . אנדערע זאגן כובס איז גלייך וויא עס וואלט גישטאנען כובש . כובש איז דער טייטש בעהאלטן . אחז האט בעהאלטען זיין פנים ווען ער איז גיגאנגען פאר ביא ישעיהו ער זאל איהם ניט דער קענען ווייל ער האט זיך גישעמט פאר ישעיהו אויף זיינע עבירות . אנדערע זאגן כובס איז דער טייטש וועשערס . אחז האט ארויף גילייגט אויף זיין קאפ אכלי פון דיא וועשערס און האט פאר שטעלט זיין פנים ווען ער איז גיגאנגען פאר ביי ישעיהו . פאר וואס האט מען ניט גיצײלט דעם מלך אמון צווישען דיא מלכים וואס האבען ניט קיין עולם הבא . ווייל מען הט ניט גיוואלט פאר שעמען דעם כבוד פון זיין זוהן יאשיהו וואס ער איז גוועזן אצדיק . פרעגט די גמרא האט מען דאך מנשהן אויך ניט גידארפט ציילען מען זאל ניט פאר שעמען דעם כבוד פון זיין פאטער יחזקיהו . ענטפערט די גמרא אזוהן איז מזכה אפאטער . אבער אפאטער איז ניט מזכה אזוהן . אזוי וויא מיר האבען גילערנט עס שטייט אין פסוק גאט האט גזאגט פון מיין האנט קען מען ניט מציל זיין . אברהם קען ניט מציל זיין זיין זוהן ישמעאל . און יצחק קען ניט מציל זיין זיין זוהן עשו . זאגט די גמרא איצט אז מען איז גיקומען צו דער זאך . אז דריבער רעכענט מען ניט אמון דורך זיין זוהן יאשיהו דארף מען ניט זאגן אז דעם מלך אחז הט מען ניט גירעכענט ווייל ער האט זיך גישעמט . נאר מען האט איהם ניט גירעכענט מען זאל ניט פר שעמען דעם כבוד פון זיין זוהן חזקיהו :

**פג** ומפני . און פאר וואס האט מען ניט גיצײלט דעם מלך יהויקים צווישען דיא מלכים וואס האבין ניט קיין עולם הבא . זאגט דיא גמרא פון וועגין דער זאך וואס רבי חייא בר אבויה האט גיזאגט ואז יהויקים איז ניט בגראבין גיווארין . דריבער האט איהם גאט מוחל גיוועזן דיא

כתוב על גלגלתו של יהויקים זאת ועוד אחרת. זקנו דרבי פרידא אשכח ההיא גלגלתא דהות שריא בשערי ירושלים והוה כתיב עילויה זאת ועוד אחרת קברה והדר נבוג קברה והדר נבוג אמר דלמא האי גלגלתו של יהויקים היא דכתיב ביה (ירמיה כב) קבורת חמור יקבר סחוב והשלך מהלאה לשערי ירושלים אמר מלכא הוא ולאו אורח ארעא לבזוייה שקלה כרכה בשיראי ואותביה בסיפ תא אתיא דביתהו חזיתא נפקא אמרה להו לשיבבתה אמרי לה האי דאתתיה קמייתא היא דלא קא מנשי לה שגרתא לתנורא וקלתה כי אתא אמר היינו דכתיב עילויה זאת ועוד אחרת:

מפני לא מת לא בעי אלא מהך דהוו רשעים גמורים כדחשבינן להו לעיל אחז הסט את הדורכ: זאת ועוד אחרת. נקמה נעשית בה ככל ועוד אחרת תעשה בה: זקנו דר' פרידא. הוא ר' חייא בר אבויה: נבוג. גלגלא ויצאה מקבורתה: קבורת חמור. מושלך ברחובות: בשפתא. אריג: לשיבבתה. לשכינתה: דלא קא מנשי לה. אינה משכחת מלבו: שגרתא לתנורא. הסיקה את התנור: בשביל הטוב מה אות. בשביל חזקיה שבכה אמר עלמו ואמר הטוב בעיניך עשיתי גרס לא שאמר מה אות כי אעלה בית ה' שאל אות

**פד תניא** א"ר שמעון בן אלעזר בשביל (מ"ב כ) הטוב בעיניך עשיתי מה אות בשביל כה אות נכרים אכלו על שלחנו בשביל נכרים

---

עבירות. אונ ער האט יא עולם הבאו. ווארום רבי חייא בן אבויה האט גיזאגט אויף די קאפ פון יהויקים איז גיוועזן געשריבען דיא דרייא ווערטער זאת ועוד אחרת ודיא נקמה איז מיט איהר גיטאהן גיווארין: אונ נאך אנקמה וועט מיט איהר גיטאהן ווערין. רבי חייא בר אבויה וואס ער איז גיוועזן דער זיידע פון רבי פרידא האט ער גיפונען אקאפ איז גילעגין אין דיא טויערין פון ירושלים. אויף דיא קאפ איז גיוועזן געשריבען דיא דרייא ווערטער זאת ועוד אחרת. האט רבי חייא בגראבין דעם קאפ. איז דיא קאפ צוריק ארויס פון דער ערד. האט ער זיא נאך אמאהל בגראבין. איז זיא נאך אמאהל צוריק ארויס פון דיא ערד. האט רבי חייא גיזאגט דאס מוז זיין דיא קאפ פון יהויקים. אויף יהויקים שטייט אין פסוק ער וועט בגראבין ווערין אזוי וויא מען בגראבט אין אייזיל. ער וועט אוועק גישלעפט ווערין אונ אוועק גיווארפין ווערין ווייט פון דיא טויערין פון ירושלים. האט רבי חייא גיזאגט יהויקים איז דאך גיוועזן אמלך איז ניט שיין פאר די וועלט מען זאל איהם פאר שעמען זיין קאפ זאל ליגען אויף דיא מיסט. האט רבי חייא גינומען דיא קאפ אונ האט איהר איין געוויקולט אין אזיידענע טוך אונ האט איהר ארין גילייגט אין צקעסטיל. איז גיקומען דיא ווייב פון רבי חייא אונ האט גיזעהן אקאפ ליגט אין אקסטיל איין געוויקולט אין אזיידינע טוך. איז זיא גיגאנגען אונ האט דאס דערציילט פאר דיא ווייבער וואס וואוינען איהרע שכנים. האבין דיא ווייבער צו איהר גיזאגט דיא קאפ איז געווים פון דיין מאנס ערשטע ווייב. ווייל ער קען זיא ניט פאר געסין דריבער האלט ער איהר קאפ. האט זיא אויס גיהייצט אאויבין אונ האט פאר ברענט דיא קאפ. אז רבי חייא איז גיקומען אהיים אונ האט זיך דער וואוסט פון דער זאך. האט ער גיזאגט איצט ווייס איך וואס אויף דיא קאפ איז גיוועזן געשריבען זאת ועוד אחרת: דיא נקמה איז מיט דיא קאפ שוין גיטאהן גיווארין. אונ נאך אנקמה וועט מיט איהר גיטאהן ווערין. דאס איז גיוועזן דיא אנדערע נקמה וואס מען האט איהר פאר ברענט:

**פד** תניא. מיר האבין גילערנט רבי שמעון בן אלעזר זאגט ווייל חזקיה ווען ער איז קראנק גיוועזן האט ער זיך צליין גילויבט אונ ער האט גיזאגט פאר גאט וואס עס איז גוט אין דיינע אויגין האב איך גיטאהן. דיא עבירה האט איהם גיברענגט צו נאך אעבירה. ווארום גאט האט גיזאגט צו איהם דוא וועסט גיזונד ווערין אונ אויף דעם דריטען טאג וועסטו קענען אויף גיין אין בית המקדש. אונ דאס וועל איך טאהן פון וועגין מיין קנעכט דוד. אונ וויא חזקיה האט גיהערט אז גאט שטראפט פון זיינע עלטערין. האט ער מורא גיהאט טאמער וועט גאט דער מאנען אויף איהם דיא עבירות פון זיין פאטער אחז. אונ דורך דעם וועט ער ניט גיהאלפין ווערין ער זאל גיזונד ווערין. דריבער האט חזקיה ניט גיגלויבט אונ ער האט גיוואלט גאט זאל

איהם

נכרים שאכלו על שלחנו ומשמש עליהם גרם גלות לבניו מסייע ליה לחזקיה דאמר רזקיה כל המזמין עכו"ם לתוך ביתו ומשמש עליו גורם גלות לבניו שנא' (ישעיה לט) ומבניך אשר יצאו ממך אשר תוליד יקחו והיו סריסים בהיכל מלך בבל. (שם) וישמח עליהם חזקיהו ויראם את בית נכתה את הכסף ואת הזהב ואת הבשמים וגו' אמר רב מאי בית נכתה אשתו השקתה עליהם ושמואל אמר בית גנזיו הראה להם ור' יוחנן אמר זין אוכל זין הראה להם:

(איכה א) **פה איכה** ישבה בדד אמר רבה א"ר יוחנן מפני מה לקו ישראל באיכה מפני שעברו על ל"ו כריתות שבתורה. א"ר יוחנן מפני מה לקו באל"ף בי"ת מפני שעברו על התורה שנתנה באל"ף בי"ת. ישבה בדד אמר (רבא) [רבה] א"ר יוחנן אמר הקב"ה אני אמרתי (דברים לג) וישכון ישראל בטח בדד עין יעקב אל ארץ דגן ותירוש אף שמיו יערפו טל עכשיו יהיה בדד מושבם. (איכה א)

מסקנ"ה שהעבירה גורמת עבירה: אכלו נכרים על שלחנו. אותן שבאו לו מרודך בלאדן בשרים ושמחה על ידם: ומשמש עליו. כגון חזקיה דאמריק לקמן אשתו השקתה עליהם: גורם גלות. דכתיב וישמח עליהם חזקיהו ויראם את בית נכתה וכתיב בתריה ומבניך אשר יצאו ממך יקחו והיו סריסים בהיכל מלך בבל: אשתו השקתה עליהם. (בית) שאשה היתה משקה שקולי"ן בלע"ז) בית עלמה מצא להם והיינו בית נכתה לשון מכוכה על שם שלא באספותא מן הזהב וממנה נכרלת כאשה: בית גנזיו. וכדי מתרגמינן בית גנזוהו ומנחם פתר במחברתו לשון כממנין כמו נכאת וצרי ולוט: זין אוכל זין. כגון פרזל דבליט בפרזל: איכה בגימטריא ל"ו: ל"ו כריתות. בכריתות חשיב להו: לקו באל"ף בי"ת. שכל מגילת איכה אמורה באלפ"א בית"א: בטח בדד. שיושבים

---

איהם געבין אצייכין אז עס וועט אזוי זיין אז דעם דריטען טאג וועט ער אויף גיין אין בית המקדש. אונ דיא עבירה האט איהם גיבריינגט צו נאך אעבירה. ווארום אז גאט האט איהם גיגעבין אצייכין דורך דיא זוהן. איז גיוועזן אוואונדער אויף דער וועלט. דריבער האט דער מלך מרודך בלאדן געשיקט דורך זיינע שלוחים אמתנה צו חזקיה. אונ דיא שלוחים דיא גוים האבין גיגעסין ביא זיין טיש. אונ וויל דיא עכו"ם האבין גיגעסין ביא זיין טיש אונ ער האט זייא בדינט ואונ האט ניט גיטראכט אז ווער עס דינט דיא עבודה זרה טאר מען איהם ניט בדינען דריבער וועגען זיינע קינדער פער טריבען גיווארין אין בבל. דאס איז אראיה צו חזקיה. ווארום חזקיה האט גיזאגט דער יוד וואס ברייננט אריין אעכו"ם צו זיך אין שטוב ער זאל ביא איהם עסין אונ דער יוד בדינט איהם. פאר דיא עבירה וועלין זיינע קינדער פאר טריבען ווערין אין גלות. אזוי וויא עס שטייט אין פסוק גאט האט גיזאגט צו חזקיהו דיינע קינדער וואס וועלין ארויס גיין פון דיר וואס דוא וועסט גיבארין וועלין פון דיר אוועק גינומען ווערין אונ זייא וועלין זיין בדינערס אין דעם פאלאסט פון מלך בבל. עס שטייט אין פסוק חזקיהו האט זיך גיפרייט מיט דיא שלוחים פון מרודאך בלאדן אונ ער האט זייא געוויזען את בית נכתה דיא זילבער אונ דיא גאלד אונ דיא בשמים. רב זאגט וואס מיינט מען בית נכתה. חזקיהו האט געוויזען פאר דיא שלוחים דיא ווייב זיינע. אונ זיא האט זייא גיגעבין ווין צו טרינקען. אונ שמואל זאגט ער האט געוויזען פאר דיא שלוחים זיינע אוצרות. אונ רבי יוחנן זאגט חזקיהו האט זיי געוויזען אייזין וואס ברעכט אייזין:

**פה** איכה. ירמיה הנביא האט גיקלאגט אויף די יודין איכה ישבה בדד. וויא אזוי איז ירושלים געבליבען זיצען אליין. רבה האט גיזאגט פון רבי יוחנן'ס וועגין פאר וואס וועגען די יודין אזוי גישלאגין גיווארין אז מען זאל אויף זייא קלאגין מיט דעם ווארט איכה. ווייל זיי האבין גיטאהן אזעלכע זעקס אונ דרייסיג עבירות וואס אויף זייא קומט כרת. אונ דער ווארט איכה בטרעפט זעקס אונ דרייסיג. רבי יוחנן זאגט פאר וואס וועגען די יודין אזוי גישלאגין גיווארין אז מען זאל אויף זייא קלאגין קינות וואס די פסוקים הייבין זיך אן מיט דעם אל"ף בי"ת. ווייל זיי האבין ניט מקיים גיוועזן דיא תורה וואס זיא איז גיגעבין גיווארין מיט דעם אל"ף בי"ת. ישבה בדד. זיא איז געבליבען זיצען אליין. רבה זאגט פון רבי יוחנן'ס וועגין גאט האט גיזאגט איך האב גיזאגט דיא יודין זאלין רוהען אליין אונ זיכער אויף דעם ארט וואו דיא אויג פון יעקב

האט

(א) העיר רבתי עם אמר (רבא) [רבה] א"ר יוחנן שהיו משיאין קטנה לגדול וגדולה לקטן כדי שיהו להם בנים הרבה. (בס) היתה כאלמנה א"ר יהודה אמר רב כאלמנה ולא אלמנה ממש אלא כאשה שהלך בעלה למדינת הים ודעתו לחזור אליה. רבתי בגוים שרתי במדינות אמר (רבא) [רבה] אמר ר' יוחנן כל מקום שהם הולכים נעשים שרים לאדוניהם:

**פו** ת"ר מעשה בשני בני אדם שנשבו בהר הכרמל והיה שבאי מהלך אחריהם (ע"ב) ואמר אחד מהם לחברו גמל שמהלך לפנינו סומא באחד מעיניו וטעונה שני נודות אחד של יין ואחד של שמן ושני בני אדם המנהיגים אותו אחד נכרי ואחד ישראל אמר להם שבאי עם קשה עורף מאין אתם יודעים אמרו לו גמל מעשבים שלפניה מצד שרואה אוכלת ומצד שאינה רואה אינה אוכלת וטעונה שני נודות אחד של יין ואחד של שמן של יין מטפטף ושוקע

יהודים והיו מתגיירין לה מן האומות ולא מן היום
כעות: רבתי עם. עם שמתרבה והולך יותר
מאחר עם: קטנה לגדול. שכבת זרע
של קטן אינו מבשל ואינו מזריע מהר וקולט כשל
גדול וכן להפך של קטנה אינה קולטת מהר כשל
גדולה להפך משיאין גדולה לקטן כדי שתהא זרעו
קולט מהר וקטנה לגדול כדי שיהא שכבת זרעו
קולט מהר ולא קטנה לקטן שבוחין להוליד ולא קטן
וקטנה ממש אלא בעומדין על פרקן וראויים הם
להוליד ומיהו אין זרע שלהם מתבשל כל כך:
אמר אחד. מן השבוים להבירו: גמל. זה
שמהלכת לפנינו סומא וכו': מצד שרואה.
שהיא אוכלת פעמים מצד ימין ופעמים מצד שמאל
כבהמה הרואה שאוכלת מכאן ומכאן אלא מצד
שרואה אוכלת: יין. מטפטף ושוקע. בקרקע
ורואין אנו בין רגליו הטיפין שנפלו כשעבר הגמל

---

האט געקוקט דאס מיינט מען דיא לאנד וואס אין איהר איז דא קארין אונ וויין. אונ די היםלען רינגען דארטין טהא. איצט וועט בלייבין לידיג דער ארט ווא זייא זענען דארט געזעסין. העיר רבתי עם. די שטאט וואס איהרע מענטשין האבין זיך אין איהר געמערט מער ווי אלע פעלקער. רבה האט געזאגט פון רבי יוחנן וועגין זיי פלעגין חתונה מאכין אקליינע מיידיל מיט אגרויסין מאן. אונ אגרויסע מיידיל צו אקליינעם מאן. זייא זאלין האבין פיל קינדער. היתה כאלמנה. זיא איז געווארין אזוי ווי אאלמנה. רב יהודה זאגט פון רבם וועגין זיא איז געווארין אזוי וויא אאלמנה. אבער ניט אאלמנה. נאר אזוי ווי אווייב וואס איהר מאן איז אוועק געגאנגען אין אווייטע מדינה אויף דעם ים. אונ ער מיינט ער זאל צו איהר צוריק קומען. אזוי האפט ירושלים גאט זאל צו איהר צוריק קומען. רבתי בגוים שרתי במדינות. רבה זאגט פון רבי יוחנן וועגין דער פסוק מיינט יודין זענען גרוים צווישען פעלקער אונ זייא זענען הארין אין די מדינות. אין וועלכע מדינות יודין קומען אפילו אין גלות ווערין זייא גירעכענט ביי דיא רעגירונג אזוי ווי הארין:

**פו** תנו רבנן. דיא רבנן האבין גילערענט עס האט אמאהל גיטראפין צווייא מענטשין זענען גיפאנגין געווארין אויף דעם בארג כרמל. אונ דער פאנגער איז גיגאנגען אינטער זייא: האט איין גיפאנגענער גיזאגט צו זיין חבר דער קעמיל וואס גייט פאר אונז האט ער איין אויג אבלינדע. אונ ער טראגט אויף זיך צווייא לעדערנע פעסער איין פאס מיט וויין אונ איין פאס מיט בוימאייל. אונ דיא צוויי מענטשין וואס פירען דעם קעמיל איז איינער אגוי אונ איינער איוד. האט דער פאנגער גיזאגט צו דיא צווייא גיפאנגענע יודין. איהר שלעכטע פאלק. פון וואנען ווייסט איהר דאס אלץ וואס איהר האט גיזאגט. האבין דיא יודין גיזאגט צום פאנגער פון דיא גראז וואס פאר דעם קעמיל ליגט ווייסין מיר אז ער האט איין אויג אבלינדע. ווארום אבהמה וואס זעהט עסט זיא פון ביידע זייטין פון דיא רעכטע זייט אונ פון דיא לינקע זייט: אונ דער קעמיל עסט נאר פון איין זייט. דאס איז ווייל ער האט איין אויג אבלינדע. פון דיא זייט וואס ער זעהט עסט ער אונ פון דיא זייט וואס ער זעהט ניט עסט ער ניט. אונ פון וואנען ווייסט איהר אז דער קעמיל טראגט צווייא לעדערנע פעסער איינע מיט וויין אונ איינע מיט בוימאייל. האבין דיא יודין גיענטפערט פון דיא גראז גערונענע טראפינס וואס זענען אויף דיא ערד ווייסין מיר. ווארום דיא טראפינס וויין וואס רינט אראפ אויף דיא ערד ווערין באלד איינגיזאפט. אונ דיא טראפינס בוימאייל וואס רינט אראפ אויף דיא ערד בלייבין שטיין פון

אויבין

במקום כזה מלד אחד כסיפין שוקעין בקרקע ומלד אחר נפין ועומדין (והיינו שמלאו דבש אלא שבשמן היו שוקעין יותר מדבש): נפנה לצדדין. שכן דרך ישראל להיות צנוע: רדף. השמאי דרך הגמל והמנהיג ומצא כדבריהם:

על עסקי לילה. לפי שבכו אותה לילה בכיית חנם: קולו נשמע. יותר מביום כדאמרינן בעלמא מפני מה אין הקול נשמע ביום כבלילה מפני גלגל חמה המנסר ברקיע והיינו דכתיב בכה תבכה בלילה כדי שיהא קולה נשמע וירחמו עליה ואעפ"כ אין מנחם לה: כוכבים ומזלות בוכים. שנכמרו רחמים עליו: בוכים כנגדו. מתוך ששמע בהדיה

ושוקע ושל שמן מטפטף וצף ושני בני אדם המנהיגים אותו אחד נכרי ואחד ישראל נכרי נפנה לדרך וישראל נפנה לצדדין רדף אחריהם ומצא כדבריהם בא ונשקם על ראשם והביאם לביתו ועשה להם סעודה גדולה והיה מרקד לפניהם ואמר ברוך שבחר בזרעו של אברהם ונתן להם מחכמתו ובכל מקום שהם הולכים נעשים שרים לאדוניהם ופטרן והלכו לבתיהם לשלום: (איכה א) **פז בכה** תבכה בלילה שתי בכיות הללו למה אמר רבה א"ר יוחנן אחד על בית ראשון ואחד על בית שני בלילה על עסקי לילה (במדבר יד) ותשא כל העדה ויתנו את קולם ויבכו העם בלילה ההוא אמר רבה אמר רבי יוחנן אותו (היום ערב) (הלילה ליל) תשעה באב היה אמר להם הקב"ה לישראל אתם בכיתם בכיה של חנם ואני אקבע לכם בכיה לדורות. דבר אחר בלילה שכל הבוכה בלילה קולו נשמע. דבר אחר בלילה שכל הבוכה בלילה כוכבים ומזלות בוכין עמו. דבר אחר בלילה שכל הבוכה בלילה השומע קולו בוכה כנגדו. מעשה באשה אחת שכנתו של רבן גמליאל שמת

בנה

---

אויבין אויף דיא ערד. אונ ווערין נים איין געזאפט. אונ פון וואנען ווייסט איהר אז דיא צוויא מענטשין וואס פירען דעם קעמיל איז איינער איוד אונ איינער אגוי. האבין די יודין געענפערט אז אגוי דארף זיך ריינקען ווענט ער זיך אויף מיטען וועג, אונ אז איוד דארף זיך ריינקען גייט ער אויף אזייט. אונ ווענט זיך. האט דער פאנגער נאך געיאגט דעם קעמיל מיט דיא מענטשין: אונ ער האט געזעהן אז אלץ איז אמת וויא דיא יודין האבין געזאגט. אין דער פאנגער צוריק גיקומען צו דיא צוויא יודין אונ האט זייא געקושט אויף זייערע קעפ. אונ האט זייא געבריינגט צו זיך אהיים אונ האט גימאכט פאר זייא אגרויסע סעודה. אונ האט געטאנצט פאר זייא. אונ ער האט גיזאגט גילויבט איז גאט וואס ער האט אוים דער ווילט דיא קינדער פון אברהם אונ ער האט זיי גיגעבין אטייל פון זיין חכמה. אונ אין וועלכע ארטער יודין קומען אפילו אין גלות האבין זיי אויך אגרויסען ווערט. אונ דער פאנגער האט זיי פריי געמאכט אונ זייא זענען גיגאנגען לשלום אהיים:

**פז** בכה. אין פסוק שטייט ווייגען טוהט זיא וויינען ביי נאכט. צו וואס זענען די צוויי מאהל וויינען. רבה זאגט פון רבי יוחנם וועגין איין מאהל וויינט מען אויף דעם ערשטין בית המקדש אונ איין מאהל וויינט מען אויף דעם אנדערין בית המקדש. פאר וואס וויינט מען ביי נאכט. מען וויינט אויף דיא זאך וואס עס איז גיטאהן גיווארין ביי נאכט. אזוי ווי עס שטייט אין פסוק דיא גאנצע פאלק האבען געשריגען אונ גיוויינט אין דיא נאכט וואס דיא מרגלים זענען גיקומען. אזוי וויא עס שטייט אין דיא סדרה שלחו. רבה זאגט פון רבי יוחנם וועגין דאס איז גיוועין דיא נאכט פון תשעה באב. האט גאט גזאגט צוא דיא יודין איר וויינט היינטיגע נאכט אאומזיסטע געוויין ואיר האט נים וואס צו וויינען. אונ איך וועל אייך מאכען אז איר זאלט אייביג וויינען אין דיא נאכט. אנדערע זאגן דריבער וויינט זי ביי נאכט. ווייל ביי נאכט הערט מען דעם קול פון געוויין מער וויא מען הערט ביי טאג. אונ אז מען וועט הערין איר געוויין מאמער וועט מען אויף איר רחמנות האבען. פון דעסטוועגין איז דאך ניטא ווער איר זאל טרייסטען. אנדערע זאגן דריבער וויינט זיא ביי נאכט ווייל דער וואס וויינט ביי נאכט וויינען מיט איהם אלע שטערין וואס אין הימעל. זיי האבען רחמנות אויף איהם. אנדערע זאגן דריבער וויינט זיא ביי נאכט ווארום דער וואס וויינט ביי נאכט ווער עס הערט דאס געוויין ווערט איהם וויך זיין הארץ אונ ער וויינט אויך מיט איהם. עס האט אמאהל גיטראפען אאשה וואס האט גיוואוינט

נאנט

בנה והיתה בוכה עליו בלילה שמע רבן גמליאל קולה ובכה כנגדה עד שנשרו ריסי עיניו למתר הכירו בו תלמידיו והוציאוה משכונתו. (איכה א) ודמעתה על לחיה אמר רבה א"ר יוחנן כאשה שבוכה על בעל נעוריה שנאמר (יואל א) אלי כבתולה חגורת שק על בעל נעוריה. היו צריה לראש אמר רבה א"ר יוחנן כל המיצר לישראל נעשה ראש שנאמר (ישעיה ח) כי לא מועף לאשר מוצק לה וגו' אמר רבה א"ר יוחנן כל המציק להם לישראל אינו עיף:

(איכה א) **פח לא** עליכם כל עוברי דרך אמר רבה א"ר יוחנן מכאן לקובלנא מן התורה. כל עוברי דרך אמר רב עמרם אמר רב עשאוני כעוברי על דת דאילו בסדום כתיב (בראשית יט) וה' המטיר על סדום ואילו בירושלים כתיב (איכה א) ממרום שלח אש בעצמותי וירדנה וגו' וכתיב (שם ד) ויגדל עון בת עמי מחטאת סדום וכי משוא פנים יש

מרקך לבו של אדם כשומע קולו לבכות עמו: ריסי עיניו. שער שבגבת עין היה נופל ונכפל על העין מרוב דמעות: על לחיה. לשון לחוס ונערות כגון לא ויבש (נ"א שמעתי): על בעל נעוריה. שבוכה תמיד ומזיל דמעתה: אלי. קוננו קינה מתרגמינן איליית:

מכאן לקובלנא מן התורה. כשאדם מודיע צערו לאחר צריך שיאמר לו לא תבא זאת לך כמו שבאה אלי כי קשה הוא לשומע שפעמים הוזכרת עליו והמקפיד על זה אין בו משום ניחוש. נ"א לקובלנא כשיש לו צרה יודיעה לרבים קובלנא צעקה. נ"א נגד מתרגמינן קבל כשאדם אומר לחבירו לא כענין אני אומר: וירדנה. ובסוף איכה הרים עשאוני כעוברי דת שדנני באש כסדום: לא עליכם. נביא היה מתמודד על חורבן כאילו באה עליו צרה ומספרה לאחרים ואומר להם לישראל לא תבא לכם צרה כזאת וכמדומה לי נביא היה מדבר כנגד בני משה או כנגד עשרת השבטים שלא הגלם נבוכדנאצר: וירדנה. לשון שבירה כמו וירד מיעקב כאדם המושל בחברו לכלקוחו ולשברו: כ"ג ויגדל עון בת עמי מחטאת סדום וכי משאת פנים יש בדבר. הואיל וישראל רעים יותר מסדום למה לא נהפכו כסדום. נ"א וכי משאת פנים יש בדבר דהכא כתיב וה' המטיר הוא בעצמו וכאן

---

נאכט פון רבן גמליאל איז ביי איר געשטארבן אזוהן. האט זיא געוויינט אויף דעם זוהן אלע נאכט. אונ רבן גמליאל פלעגט הערין איר געוויין האט ער אויך געוויינט מיט איר. ביז דיא ברעמען פון זיינע אויגען זענען ארויס גיפאלען פון געוויין. אמאהל האבען דיא תלמידים דער קענט אז דורך דיא אשה וויינט רבן גמליאל אלע נאכט. האבען זייא איר גיבעטין זיא זאל ארויס ציהען פון דיא וואהנונג אונ זיא זאל וואהנען אין איין אנדער גאס. ודמעתה על לחיה. רבה זאגט פון רבי יוחנן וועגין אזוי וויא א אשה וואס וויינט אויף איר מאן וואס איז געשטארבען אין איר יוגענד. אזוי וויינט ירושלים אויף דיא שכינה וואס איז פון איר אוועק גיגאנגען. אזוי וויא עס שטייט אין פסוק דוא זאלסט קלאגין אזוי וויא א בתולה יאיונגע פרויא וואס איז אן גינורט א זאק אונ קלאגט אויף איר יונגען מאן וואס איז געשטארבין. היו צריה לראש. רבה האט גיזאגט פון רבי יוחנן וועגין דער גוי וואס דריקט צו די יודין ווערט ער אעלצטער. אזוי ווי עס שטייט אין פסוק עס וועט ניט זיין קיין מזיקים צו דעם מענטש וואס ער וועט צו דריקען די יודין. רבה זאגט פון רבי יוחנן וועגין דער וואס דריקט צוא דיא יודין וועט ער ניט מיד ווערין:

**פח** לא. ניט אויף אייך זאל זיין איר אלע וואס גייט אין דעם וועג וואס אויף מיר איז גיווארין רבה זאגט פון רבי יוחנן וועגין פון דאנען ווייסען מיר אז דיא תורה זאגט ווען איינער בעקלאגט זיך פאר זיין חבר אויף זיינע שלעכטע טרעפונג וואס איהם האט גיטראפען. זאל ער זאגין צו זיין חבר ניט אויף דיר זאל קומען וואס אויף מיר איז גיקומען. עס שטייט אין פסוק כל עוברי דרך. וואס מיינט מען אלע וואס גייען איבער דיא וועג. האט רב עמרם גזאגט פון רבם וועגין דיא יודין זאגין מען האט מיך גימאכט גלייך וויא איך וואלט אריבער גיגאנגען דיא וועג פון דיא תורה. ווארום מען האט מיך גישטראפט אזוי וויא מען האט גישטראפט סדום. ווארום ביי סדום שטייט אין פסוק גאט האט גימאכט רעגענען אויף סדום פייער פון הימעל. אונ ביי ירושלים שטייט אין פסוק גאט האט געשיקט אפייער פון הימעל אין מיינע ביינער אונ זייא האבען מיך פאר ברענט. אונ עס שטייט אין פסוק דיא זינד פון מיין פאלק איז גרעסער וויא דיא זינד פון סדום. פרעגט דיא גמרא אז דיא יודין האבען געזינדיגט מער וויא סדום. פאר וואס האט זייא גאט ניט גישטראפט אזוי וויא ער האט גישטראפט סדום. נסדום איז איבער גיקערט גיווארין אויף אייביג אונ ירושלים איז געבליבען שטיין אין גאנצין האט רבה

גיזאגט

יש בדבר אמר רבה א"ר יוחנן מדה יתרה היתה בירושלים שלא היתה בסדום דאילו בסדום כתיב (יחזקאל טז) הנה זה היה עון סדום אחותך גאון שבעת לחם ויד עני ואביון לא החזיקה וגו' ואילו בירושלים כתיב (איכה ד) ידי נשים רחמניות בשלו ילדיהן (שם א) סלה כל אבירי ה' בקרבי כאדם שאומר לחבירו נפסלה מטבע זו:

(איכה ב) פצו פצו עליך פיהם אמר רבה א"ר יוחנן מפני מה הקדים פ"א לעי"ן בשביל מרגלים שאמרו בפיהם מה שלא ראו בעיניהם (תהלים יד) אוכלי עמי אכלו לחם ה' לא קראו אמר רבה אמר רבי יוחנן כל האוכל מלחמן של ישראל טועם טעם לחם ושאינו אוכל מלחמן של ישראל אינו טועם טעם לחם. ה' לא קראו רב אמר אלו הדיינין ושמואל אמר אלו מלמדי תינוקות:

אמר

**פירוש**

כתיב סלה על ידי שניה: מדה יתרה. לטובה דבירושלים כתיב ידי נשים רחמניות בשלו ילדיהן היו לברות למו בשיתה מזומנת חברתה ואוכלת בנה אלמא רחמניות היו ואילו בסדום כתיב יד עני ואביון לא החזיקה ומדה זו כפרה עליהם שלא נשפכו. נ"א מדה יתירה פורעניות גדולה היתה בירושלים שילדיהן היו אוכלות זו עם זו דכתיב היו לברות למו ואלו בסדום כתיב גאון שבעת לחם שלא טעמו טעם עוני הא למדת גדולה פורענות ירושלים מפני עונות סדום ולא היה משוא פנים בדבר: סלה. לשון מסלה כלומר כל האברים פסלם הקב"ה ועשאם פסולים וכבושים כמסלה זו והיינו דומיא למטבע שנפסל ואין לו תקנה:

מפני מה הקדים פ"א לעי"ן. בכתוב באלפ"א בית"א שבאיכה: מפני מרגלים. שהקדימו מאמר פיהם עד שלא ראו בעין: טועם טעם לחם. מזונות קנס בלחמם של ישראל שמאכל הוא להם כשגוזלין אותם: אלו הדיינין שמטה משפט בשביל שוחדיהם היה לחם עמי מאכל לאוכליו: מלמדי תינוקות. שעושים מלאכתם ברמיה:

---

נז גם פון רבי יוחנן וועגן איין גוטע מדה איז געווען אין ירושלים וואס אין סדום איז דאס ניט געוועז. ווארום ביי סדום שטייט דאס איז געווען דיא זינד פון דיין שוועסטער סדום זי איז געוועז גרוים ביי זיך אונ איז געווען זאט מיט ברויט פון דעכטוועגען האט זיא ניט געוואלט העלפין קיין ארעם מאן. אונ ביי ירושלים שטייט דיא הענט פון דיא רחמנותדיגע ווייבער האבען געקאכט זייערע קינדער צום עסין. אזוי אגרויסער הונגער איז געווען. פון דעסטוועגען האבען זיי איין ניט געגעסין דאס פלייש פון זייערע קינדער נאר זייא האבען נאך מיט געבעטין אנדערע ארעמע לייט צו דעם עסין. דריבער איז ירושלים ניט געשטראפט געווארין אזוי שטארק וויא סדום. ער שטייט אין פסוק סלה כל אבירי ה' בקרבי דיא גמרא טייטשט דעם ווארט אבירי גליך וויא עס וואלט געשטאנען אברי: מיינע גלידער. מען האט צו טרעטין מיינע גלידער אונ מיין פנים אונ מען דער קענט מיך גאר ניט פאר אמענטש. איך בין געווארין ווי אצוקלאפטע מטבע. מען זאגט אויף מיר אזוי וויא אמענטש וואס זאגט צו זיין חבר די מטבע איז קאליע געווארין:

פצו פצו. אין פסוק שטייט זייא האבען געעפונט אויף דיר זייער מויל. רבה האט געזאגט פון רבי יוחנן וועגן פאר וואס שטייט דער פ"א פאר דיא עי"ן ופריער שטייען דרייא פסוקים וואס הייבין זיך אן מיט אעי"ן דער נאך שטייען דריי פסוקים וואס הייבין זיך אן מיט אפ"א. דער עי"ן דארף דאך שטיין פר די פ"א. נאר וייל דיא מרגלים האבען גזאגט מיט זייער מויל וואס זייא האבען ניט געזעהן מיט זייערע אויגען. דריבער איז זייער שטראף אויך דער ציילט געווארין פריער מיט אפ"א (פה איז דער טייטש אמויל). דער נאך מיט אעי"ן (עין איז דער טייטש אאויג). עס שטייט אין פסוק דיא וואס עסין מיין פאלק האבען געגעסין ברויט גאט האבען זייא ניט גירופען. רבה זאגט פון רבי יוחנן וועגן דער גוי וואס עסט דעם יודינס ברויט. האט ער פאר זוכט אטעם פון ברויט. אונ דער גוי וואס האט ניט געגעסן דעם יודינס ברויט האט ער ניט פאר זוכט אטעם פון ברויט. וואס מיינט מען גאט האבען זיי ניט גירופען. רב זאגט דאס מיינט מען דיא דיינים. אונ שמואל זאגט דאס מיינט מען דיא מלמדים וואס לערנען מיט קליינע קינדער. אז די דיינים פסקנן פאלשע דינים. אדער די מלמדים לערנען פאלש מיט די קינדער. דם הייסט זיי רופען ניט גאט. דורך די עבירה ווערין דיא יודין געשטראפט אז גוים זאלין עסין זייער ברויט:

אמר

צ אמר רב יהודה אמר רב בקשו למנות עוד אחד באתה דמות דיוקנו של אביו ונשתטחה לפניהם ולא השגיחו עליה באתה אש מן השמים ולהכה אש בספסליהם ולא השגיחו עליה יצתה בת קול ואמרה להם (משלי כב) חזית איש כהיר במלאכתו לפני מלכים יתיצב בל יתיצב לפני חשובים מי שהקדים ביתי לביתו ולא עוד אלא שביתי בנה בשבע שנים וביתו בנה בשלש עשרה לפני מלכים יתיצב בל יתיצב לפני חשוכים ולא השגיחו עליה יצתה בת קול ואמרה (איוב לד) המעמך ישלמנה כי מאסת כי אתה תבחר ולא אני וגו'. דורשי רשומות היו אומרים כולם באים לעולם הבא שנאמר (תהלים ס) לי גלעד ולי מנשה ואפרים מעוז ראשי יהודה מחוקקי מואב סיר רחצי על אדום אשליך נעלי עלי פלשת התרועעי. לי גלעד זה אחאב שנפל ברמות גלעד. מנשה כמשמעו. אפרים מעוז ראשי זה ירבעם דקאתי

מאפרים

עוד אחד שלמה (והאמר כוז: נאמר בגמרא כפי' משנת ג' מלכים וד' הדיוטות אין להם חלק וכו' ועל זה אמרו שבקשו למנות עוד מלך אחד עמהם. והוא שלמה): דיוקנו. של דוד אביו נשתטח לפניהם שלא למנותו עמהם: יתיצב לפני חשוכים בגיהנם בתמיה לפני מלכים יתיצב בג"ע ולא לפני חשוכים: המעמך ישלמנה. וכי עליכם לשלם תשלומי עונשו לאדם שאתם מואסים בשלמה לומר שאין לו חלק לעוה"ב: כי אתה תבחר ולא אני. וכי הבחירה בכם תלויה ולא בי לומר מי יש לו חלק ומי אין לו חלק הלא בי הדבר תלויה: דורשי רשומות. דורשי פסוקים דכתיב את הרשום בכתב אמת: היו אומרים. שכולם יש להם חלק אפילו למנשה ולירבעם ולאחאב: לי גלעד ולי מנשה. עלי לשכול עונש כדי שיבוא הם זוכין: מנשה כמשמעו. מנשה בן חזקיה: דקאתי מיהודה. דאמר לו דוד ואתה אנוש כערכי אלופי ומיודעי שהיה קורא לאחיתופל מיודעי קרובי שהיה משבט יהודה כדוד: מואב סיר רחצי. דוד דקאתי ממואב: סיר רחצי. גיחזי שסר ונצטרע על עסקי רחיצה: על אדום אשליך נעלי. אנעיל

---

צ אמר. רב יהודה האט געזאגט פון רבס וועגן מען האט געוואלט ציילען נאך אמלך וואס האט ניט קיין עולם הבא ודאס איז שלמה המלך) איז געקומען דער געשטאלט פון זיין פאטער דוד המלך און האט געבעטין ביי די תנאים זייא זאלין דאס ניט זאגן פאר קיינעם: האבען די תנאים נישט געוואלט קוקען אויף די בילד פון דוד. איז אראפ געקומען אפייער פון הימעל און האט פאר ברענט די בענק פון די תנאים. און די תנאים האבען אויף דעם אויך ניט געקוקט. איז אראפ געקומען אקול פון הימעל און האט געזאגט צו די תנאים דעם פסוק אז דו האסט געזעהן אזוי אמענטש וואס ער איז געאיילט אין זיין ארבעט וועט ער שטיין פאר מלכים און ער וועט ניט שטיין פאר די פינסטערע. שלמה וואס ער איז געווען געאיילט אין זיין ארבעט און ער האט געבויט מיין שטוב ודעם בית המקדש) פריער פאר זיין שטוב. און נאך מער האט ער געטאהן מיין שטוב האט ער געבויט אין זיבען יאהר און זיין שטוב האט ער געבויט אין דרייצעהן יאהר. ער דארף שטיין פאר מלכים אין גן עדן. און ער דארף ניט שטיין פאר די פאר פינצטערטע אין גיהנם. האבען די תנאים נישט געוואלט צו הערין וואס דער קול האט געזאגט: איז נאך אמאהל ארוים געגאנגען אקול פון הימעל און האט געזאגט דעם פסוק המעמך ישלמנה. וועט איהר דען בצאהלען צו יעדער מענטש זיין פאר דינסט און זיין שטראף. וואס איר האט פאר מיאוסט דעם מלך שלמה און איר פסקנט ער זאל האבען גיהנם. וועט איר דען אוים דער וויילען ווער עס זאל האבען עולם הבא און ווער ניט. איך וועל אוים דער וויילין ווער עס זאל האבען עולם הבא און ווער ניט. און איך זאג אז שלמה וועט יא האבען עולם הבא. די דרשנים זאגן אלע וועלין קומען צו עולם הבא ואפילו מנשה און ירבעם און אחאב וועלין אויך האבען עולם הבא. ווארום עס שטייט אין פסוק צו מיר איז גלעד צו מיר איז מנשה אפרים איז דאס שטארקייט פון מיין קאפ יהודה איז מיין געזעץ געבער מואב איז דער טאפ וואס איך וואש מיך אין איהם אויף אדום וועל איך ווארפען מיין שלאס אויף פלשתים וועל איך מיך געזעלען. צו מיר איז גלעד דאס מיינט מען דעם מלך אחאב וואס ער איז געהרגת געווארין אין רמות גלעד. צו מיר איז מנשה דאס מיינט מען דעם מלך מנשה. אפרים איז דם שטארקייט פון מיין קאפ דאס מיינט מען ירבעם בן נבט וואס ער איז געבארין פון אפרים. יהודה איז מיין געזעצגעבער דאס מיינט מען אחיתופל וואס ער איז געבארן פון שבט יהודה.

מואב

הוכה בו ע"ע : אם יבא דוד שהרג את הפלשתי . ויצעק לפניך על שאתה נותן חלק לדואג ולאחיתופל לעוה"ב מה אתה עושה לכפים דעתו שהם כין שונאים זה לזה : אמר להם . עלי לפייסן ולעשותם ריעים ואוהבים זה לזה והיינו התרועעי לשון ריעות : ושמואל אמר . מאי תשובה נצחת כי כאי גוולה באו י' בני אדם וכו' : עבד שמכרו רבו . מאחר שמכרנו הקב"ה לנ"נ ונרשה מעליו יש לו עלינו

מאפרים . יהודה מחוקקי זה אחיתופל (דף קר) דקאתי מיהודה . מואב סיר רחצי זה גחזי שלקה על עסקי רחיצה . על אדום אשליך נעלי זה דואג האדומי עלי פלשת התרועעי אמרו מלאכי השרת לפני הקב"ה רבונו של עולם אם יבא דוד שהרג את הפלשתי והוריש את בנך גת מה אתה עושה לו אמר להם עלי לעשותם ריעים זה לזה :

(ירמיה ח) **צא מדוע** שובבה העם הזה ירושלים משובה נצחת וגו' אמר רב תשובה נצחת השיבתו כנסת ישראל לנביא אמר להם נביא לישראל חזרו בתשובה אבותיכם שחטאו היכן הם אמרו להם ונביאיכם שלא חטאו היכן הם שנאמר (זכריה א) אבותיכם איה הם והנביאים הלעולם יחיו (אמר להם אבותיכם) חזרו והודו שנאמר (שם) אך דברי וחקי אשר צויתי את עבדי הנביאים הלוא השיגו אבותיכם וישובו ויאמרו כאשר זמם ה' צבאות לעשות לנו כדרכינו וכמעללינו כן עשה אתנו שמואל אמר באו י' בני אדם וישבו לפניו אמר להם חזרו בתשובה אמרו לו עבד שמכרו רבו ואשה שגרשה בעלה כלום יש לזה על זה כלום אמר לו הקב"ה לנביא לך אמור להם

---

מואב איז דער טאפ וואס איך וואש מיך אין איהם דאס מיינט מען גיחזי וואס ער איז גישטראפט גיווארין דורך דעם וואס נעמן האט זיך גיוואשען אין ירדן . אויף אדום וועל איך ווארפען מיין שלאס דאס מיינט מען דואג האדומי . איך וועל איהם איין שליסען אין גן עדן . אויף פלשתים וועל איך מיך גיזעלענען . די מלאכים האבען גיזאגט פאר גאט רבונו של עולם אויב דוד וואס ער האט גיהרגת דעם פלשתי גלית און ער האט גימאכט ירשענען צו דיינע קינדער די שטאט גת וועט קומען פאר דיר און וועט שרייען פאר וואס דוא גיבסט עולם הבא צוא דיינע צוויא גרויסע שונאים דואג און אחיתופל . וואס וועסטו איהם ענטפערין . האט גאט גיזאגט איך נעם אויף מיר איך זאל זייא אלע דריי מאכען פר גוטע פריינד :

**צא** מדוע . עס שטייט אין פסוק פאר וואס איז ווילד גיווארין די פאלק וואס אין ירושלים משובה נצחת . וואס מיינט מען משובה נצחת . רב זאגט אשטארקע תשובה האבען די יודין גיענפערט צום נביא . דער נביא האט גיזאגט צו די יודין טוהט תשובה . אייערע עלטערין וואס האבען גיזינדיגט וואו זענען זייא . זייא זענען דאך גישטארבען . האבען די יודין גיזאגט צום נביא און אייערע נביאים וואס האבען ניט גיזינדיגט וואו זענען זייא . זייא זענען דאך אויך גישטארבען . אזוי וויא עס שטייט אין פסוק דער נביא האט גיזאגט צו די יודין אייערע עלטערין וואו זענען זייא . האבען די יודין גיזאגט צום נביא און די נביאים וועלין אייביג לעבין . פון דעסטוועגין האבען די יודין דער נאך מודה גיוועזן צום נביא אז מען דארף תשובה טאהן . אזוי וויא עס שטייט אין פסוק מיינע רייד און מיינע גיזעץ וואס איך האב גיבאטען צוא מיינע קנעכט די נביאים האבען גיטראפען צו אייערע עלטערין און זייא האבען צוריק גיקערט און האבען גיזאגט אזוי וויא גאט האט גיטראכט צו טאהן צו אונז אזוי וויא אונזערע וועגין און וויא אונזערע מעשים אזוי האט ער גיטאהן מיט אונז . האבען די יודין מודה גיוועזן אז זייא זענען גישטראפט גיווארין אזוי וויא זייערע עבירות זענען גיוועזן . שמואל זאגט דאס איז גיוועזן די שטארקע תשובה וואס די יודין האבען גיענפערט צום נביא . צעהן מענטשין זענען גיקומען און האבען זיך גיזעצט פאר דעם נביא . האט דער נביא צו זייא גיזאגט טוהט תשובה . האבען זייא גיזאגט צום נביא אקנעכט וואס דער בעל הבית האט איהם פאר קויפט . און אווייב וואס דער מאן האט איר גיגט . האט אייגער צו בפעלין אויף דעם אנדערין . אז גאט האט אונז פאר קויפט צו נבוכדנצר און ער האט אונז אוועק גיטריבען פון זיך . האט דען גאט נאך עפעס צו

להם (ישעיה נ) אי זה ספר כריתות אמכם אשר שלחתיה או מי מנושי וגו' והיינו דאמר ריש לקיש מאי דכתיב (ירמיה מג) דוד עבדי נבוכדנאצר עבדי גלוי וידוע למי שאמר והיה העולם שעתידין ישראל לומר כך לפיכך הקדים הקב"ה וקראו עבדו עבד שקנה נכסים עבד למי ונכסים למי.(יחזקאל כ) והעולה על רוחכם היו לא תהיה אשר אתם אומרים נהיה כגוים כמשפחות הארצות לשרת עץ ואבן חי אני נאם ה' אלהים אם לא ביד חזקה ובזרוע נטויה ובחמה שפוכה אמלוך עליכם אמר רב נחמן כל כי האי ריתחא לירתח רחמנא עלן ולפרוקינן . (ישעיה כח) ויסרו למשפט אלהיו יורנו אמר רבב"ה אמר להן נביא לישראל חזרו בתשובה אמרו לו אין אנו יכולין יצה"ר שולט בנו אמר להם יסרו יצרכם אמרו לו אלהיו יורנו :

כלום : דוד עבדי וגו' וה"נ עבדי . שקראו לאותו רשע עבד כמו שקראו לדוד דכתיב בסוף ירמיה הנני שולח ולקחתי את נ"נ עבדי לא מפני שדומה זה לזה אלא גלוי וידוע לפני מי שאמר והיה העולם שעתידין ישראל לומר כבר מכרנו הקב"ה לנ"נ לפיכך הקדים הקב"ה וקראו עבדי לנ"נ כדי להחזיר להם תשובה : עבד למי נכסים למי . כלומר נ"נ עבדי הוא וכל מה שקנה לי הוא ועדיין לא יצאתם מרשותי : והעולה על רוחכם וגו' . כל מה שאתם סבורים לא יהיה : כל כי האי ריתחא . מי יתן ויבא לנו זה הכעס בחמה שפוכה אמלוך עליכם שיגאלנו בעל כרחנו וימלוך עלינו : א"ר אבא בר כהנא . ביומי תשובה נאמר דא"ל אלהיו יורנו שאין אנו יכולים לייסר אותו :

בלא עם שאין לו חלק עם. עם : שבלה עם. שבלבל

צב [פיסקא] ארבעה הדיוטות בלעם ודואג ואחיתופל וגיחזי בלעם בלא עם

---

בפעלין אויף אונז . האט גאט גזאגט צום נביא גיי זאג צו דיא יודין וואו איז דער גט פון אייער מוטער וואס איך האב איר אוועק געשיקט : אונ ווער איז פון מיינע מאנערס וואס מאנט בייא מיר געלט אונ איך האב אייך פאר קויפט צו אים פאר דעם חוב וואשה וואס דער מאן האט איר גיגט אדער אקנעכט וואס דער בעל הבית האט איהם פאר קויפט . געווים אז דער מאן האט גאר ניט צו זיין ווייב . אונ דער בעל הבית האט גאר ניט צו זיין קנעכט . אבער אז ווייב וואס האט געזינדיגט אויף איר מאן אונ איז אנטלאפין פון איהם . אדער אקנעכט האט געזינדיגט אויף זיין בעל הבית אונ איז אנטלאפין פון איהם . געווים האט נאך דער מאן צו שאפען אויף זיין ווייב . אונ דער בעל הבית האט צוא שאפען אויף זיין קנעכט : גאט האט דאך אייך ניט גיגט אונ האט אייך ניט פאר קויפט : נאר איר האט געזינדיגט צוא גאט אונ איר אנטלויפט פון איהם געווים האט נאך גאט צו בפעלין אויף אייך . דאס זאגט וואס ריש לקיש האט גזאגט עם שטייט אין פסוק מיין קנעכט דוד . מיין קנעכט נבוכדנצר . האט דען גאט גלייך גימאכט נבוכדנצר צו דוד . נאר גאט האט גיוואוסט אז דיא יודין וועלין אזוי זאגן וגאט האט אונז פאר קויפט צו נבוכדנצר האט ער שוין אויף אונז ניט צו בפעלין . דריבער האט גאט גזאגט אויף נבוכדנצר ער איז מיין קנעכט . אז אקנעכט האט גיקויפט אפארמעגין . גיהער דער קנעכט מיט דעם פאר מעגין צום בעל הבית . גיהער דאך נבוכדנצר מיט די יודין צו גאט . דער נביא האט גזאגט וואס עס גייט אויף אויף אייער הארץ דאס וועט ניט זיין וואס איר זאגט מיר וועלין זיין אזוי וויא דיא פעלקער אזוי ווי די משפחות פון אלע לענדער מיר וועלין אויך בדינען דיא הילצערנע אונ דיא שטיינערנע גאטער . זאגט גאט אזוי אמת ווי איך לעב אז מיט מיין שטארקע האנט אונ מיט מיין גיניגטין ארעם אונ מיט אאוים גיגאסענעם צארין וועל איך אויף אייך קעניגען . רב נחמן זאגט זאל שוין גאט קעניגען אויף אונז מיט בעס . נאר זאל ער שוין קעניגען אויף אונז אונ זאל אונז שוין אויס לייזין . עס שטייט אין פסוק ויסרו למשפט אלהיו יורנו . רבה בר בר חנה זאגט דער נביא האט גזאגט צו דיא יודין טוהט תשובה . האבען דיא יודין גזאגט מיר קענען ניט תשובה טאהן ווארום דער יצר הרע גיוועלטיגט אויף אונז . הט דער נביא צו זיי גזאגט פייניגט אייער יצר הרע . האבען די יודין גזאגט צום נביא גאט זאל לערנען דעם יצר הרע ער זאל אוועק גיין פון אונז . ווארום מיר קענען איהם ניט אוועק טרייבען פון אונז :

צב פיסקא . ארבעה . פיר פראסטע מענטשין האבין ניט קיין עולם הבא . בלעם דואג אחיתופל גיחזי . בלעם איז צוויי ווערטער בלא עם . אן אפאלק . ער וועט ניט האבין קיין חלק

עולם

ישראל בעצתו שהשיאו לבלק כדכתיב למימר לקמן ונפיל מהם כ"ד אלפים: שבא על בעיר: שבא על אתונו כמו דמתרגמינן בהמה בעיר: הוא הוא בעור אביו של בלעם הוא כושן רשעתים הוא לבן הארמי: אחד בימי יעקב. שרדף אחריו ובקש לעקור את הכל: ואחד בימי שופטים. לאחר מיתת יהושע דכתיב ויחר אף ה' בישראל ויתן ביד כושן רשעתים: בנו בעור. משמע בעור בנו של בלעם היה: בנו הוא לבלעם בנביאות שבלעם גדול מאביו היה בנביאות: בלעם. שהיה נכרי בהדי הדיוטות וקאמר דאין לו חלק מכלל דשאר נכרים יש להם חלק: מתני' מני כו'. א"ל רבי יהושע אילו נאמר ישובו רשעים לשאולה ככל הגוים משמע כדקאמרת השתא דכתיב כל גוים שכחי אלהים לא משמע אלא אותן השוכחים אלוה כגון בלעם וכמותו אבל אחריני אתו כדאמרינן בריש פרקין ורעו זרים צאנכם ובני נכר אכריכם ונוכ"ב: מאן ניהו כל הגוים שכחי אלהים. דמכל האומות בורר הקב"ה הרשעים שבהם ונותן אותם בגיהנם ואין להם חלק לעתיד אבל השאר

דבר אחר בלעם שבלה עם. בן בעור שבא על בעיר תנא הוא בעור הוא כושן רשעתים הוא לבן הארמי בעור שבא על בעיר כושן רשעתים דעבד שני רשעיות בישראל אחד בימי יעקב ואחד בימי שפוט השופטים ומה שמו לבן הארמי שמו כתיב (במדבר כב) בן בעור וכתיב (שם כד) בנו בעור אמר רבי יוחנן אביו בנו הוא לו בנביאות בלעם הוא דלא אתי לעלמא דאתי הא שאר נכרים אחריתי אתו מתני' מני ר' יהושע היא דתניא רבי אליעזר אומר (תהלים ט) ישובו רשעים לשאולה כל גוים שכחי אלהים ישובו רשעים לשאולה אלו פושעי ישראל כל גוים שכחי אלהים אלו עכו"ם דברי ר"א אמר לו ר' יהושע וכי נאמר בכל הגוים והלא לא נאמר אלא כל גוים שכחי אלהים אלא ישובו רשעים לשאולה מאן נינהו כל

---

עולם הבא מיט דעם פאלק. מיט דיא יודין. אנדערע זאגין בלעם איז צוויי ווערטער בלה עם. ער האט צו מישט דאס פאלק יודין מיט זיין עצה ווארום עס איז געפאלין פיר אונ צוואנציג טויזענד יודין דורך זיין עצה. בן בעור האט מען איהם גירופין וייל ער האט מזנה געוועזן מיט אבהמה. מיט זיין אייזיל. ווארום בעיר איז דער טייטש אבהמה. מיר האבין געלערנט דער פאטער פון בלעם האט געהייסין בעור. אונ ער האט געהייסין דריי נעמען. בעור כושן רשעתים אונ לבן הארמי. בעור האט ער געהייסין וייל ער פלעגט מזנה זיין מיט בהמות. כושן רשעתים האט ער געהייסין וייל ער האט גיטאהן צוויי מאהל שלעכץ צו יודין. איין מאהל אין דיא צייט פון יעקב וואס ער האט נאך געיאגט יעקב אונ ער האט גיוואלט ביא איהם אלץ צוא נעמען. אונ דאס אנדערע מאהל אין דיא צייט פון דיא שופטים אזוי ויא עס שטייט אין שופטים קפיטל ג. אונ דער אמת'ר נאמען זיינער איז געוועזן לבן הארמי. פרעגט די גמרא אמאהל שטייט אין פסוק בן בעור (בלעם איז געוועזן דער זוהן פון בעור). אונ אמאהל שטייט אין פסוק בנו בעור (דער זוהן פון בלעם איז געוועזן בעור). רבי יוחנן זאגט בעור איז געוועזן אפאטער פון בלעם. נאר אין נביאות איז ער געוועזן אזוי ויא אזוהן צו בלעם. ווארום בלעם איז געוועזן אגרעסער נביא ויא זיין פאטער. פרעגט דיא גמרא נאר בלעם וועט ניט האבין עולם הבא. אבער אנדערע גוים האבין יא עולם הבא. וועט דיא משנה אויס קומען אזוי ווי רבי יהושע. ווארום מיר האבין גילערנט רבי אליעזר זאגט עס שטייט אין פסוק ישובו רשעים לשאולה כל גוים שכחי אלהים. דיא רשעים וועלי גיין צום גיהנם אלע פעלקער וואס פאר געסן אין גאט וועלין גיין צום גיהנם). דיא רשעים וועלין גיין צום גיהנם דאס מיינט מען יודישע רשעים. אלע פעלקער וואס פאר געסין אין גאט מיינט מען די גוים וואס דינען עבודה זרה וועלין זיין אין גיהנם). האלט רבי אליעזר אז אלע עכו"ם וועלין זיין אין גיהנם. האט רבי יהושע גיזאגט צו רבי אליעזר אז אין פסוק וואלט גישטאנען ישובו רשעים לשאולה ככל גוים. דיא רשעים וועלין צוריק קערין אין גיהנם אזוי ויא אלע פעלקער וואס וועלין זיין אין גיהנם). אונ די צוויי ווערטער שכחי אלהים וואס פאר געסין אין גאט) וואלט ניט גישטאנען. וואלט איך אויך זאגין ויא דוא זאגסט. אז רשעים מיינט מען יודישע רשעים אונ אלע גוים וועלין זיין אין גיהנם. עס שטייט דאך אבער כל גוים שכחי אלהים. אלע פעלקער וואס פאר געסין אין גאט. מיינט אזוי דער פסוק די רשעים וועלין צוריק קערין אין גיהנם. וועלכע רשעים. גוישע רשעים. ווער זענין די גוישע רשעים דיא וואס פאר געסין ונגלויבין ניט) אין גאט. אבער דיא גוים וואס גלויבין אין

גאט

כל הגוים שכחי אלהים ואף אותו רשע נתן סימן בעצמו אמר (במדבר כג) תמות נפשי מות ישרים אם תמות נפשי מות ישרים תהא אחריתי כמוהו ואם לאו הנני הולך לעמי:

(במדבר כב) **צג וילכו** זקני מואב וזקני מדין תנא מדין ומואב לא היה להם שלום מעולם משל לשני כלבים שהיו בעדר והיו צהובין זה לזה בא זאב על אחד אמר האחר אם איני עוזרו היום הורג אותו ולמחר בא עלי הלכו שניהם והרגו הזאב אמר רב פפא היינו דאמרי אינשי כרכושתא ושונרא עבדו הלולא מתרבא דביש גדא. (שם) וישבו שרי מואב עם בלעם ושרי מדין להיכן אזול כיון דאמר להו לינו פה הלילה והשיבותי אתכם דבר אמרו כלום יש אב ששונא את בנו א"ר נחמן חוצפא אפילו כלפי שמיא מהני מעיקרא כתיב (שם) לא תלך עמהם ולבסוף כתיב (שם) קום לך אתם אמר רב ששת חוצפא מלכותא

יש להם חלק: אף אותו רשע נתן סימן בעצמו. שאין לו חלק לעתיד: תמות נפשי מות ישרים. אם ימות מיתת עצמו הכל אחריתי כמוהו דהוי יש לו חלק עמהם: ואם לאו. דלא ימות אלא יהרג הנני הולך לעמי לגיהנם:

לא היה להם שלום. דכתיב המכה את מדין בשדה מואב: לזובין. כמו זוגין שכשהדם כיעס פניו לזובים: כרכושתא. חולדה: כרכושתא ושונרא. אין להם שלום מעולם: בי"ם גדא. מזל רע: כלום יש לב ששונא את בנו. שאלה סבור שיאמר לו הקב"ה קלל את בני דקאמר בלעם לינו פה הלילה: חוצפא אפי' כלפי שמיא מהני: דאלכי ליה מה שהחליף פניו לומר לשלוחי בלק לינו פה שאמר לו הקב"ה בתחלה לא תלך

---

גאט אונ זענען ניט רשעים וועלין זיי האבין עולם הבא. אונ דער רשע בלעם האט גיגעבין אסימן אויף זיך אויב ער וועט האבין עולם הבא. אדער ניין. ער האט אזוי גיזאגט תמות נפשי מות ישרים. אויב איך וועל שטארבין וויא דיא פרומע מענטשין שטארבין. (איך וועל אלט ווערין אונ קראנק ווערין אונ שטארבין). וועט אידר וויסען אז מיין סוף איז אזוי וויא דער סוף פון אלע יודין. איך וועל האבין עולם הבא אזוי ווי די יודין האבין. אונ אויב איך וועל גיהרגת ווערין. זאלט אידר וויסען אז איך גיי אין גיהנם צו מיין פאלק:

**צג** וילכו. דיא אלטע לייט פון מואב אונ דיא אלטע לייט פון מדין זענען גיגאנגען צו בלעם. מיר האבען גילערנט מדין אונ מואב האבען קיין מאהל ניט גיהאט שלום צווישען זיך. אמשל איז צוויי הינט זענען אמאהל גיוועזען אין אסטארע שעפסין. אונ זייא זענען גיוועזען אין כעס איינער אויף דעם אנדערין. איז גיקומען אוואלף אונ האט גיוואלט צו רייסען איין הונט. האט דער אנדערער הונט גיזאגט אויב איך וועל איהם ניט העלפין געגין דעם וואלף. היינט וועט דער וואלף איהם הרגנן. מארגין וועט ער קומען אונ וועט מיך הרגנן. זענען גיגאנגען ביידע הינט אונ האבען גיהרגת דעם וואלף. אזוי אז מדין האבען גיזעהן די יודין קומען מלחמה האלטען מיט מואב. האבען זיי גיזאגט היינט ווילען דיא יודין הרגנן מואב. מארגין ווערין זייא קומען הרגנן אונז. דריבער האבען זיך בהעפט מדין מיט מואב אונ זענען גיגאנגען צו בלעם מען זאל פלוכין דיא יודין. רב פפא זאגט דאס איז וואס מענטשין זאגין אמויז מיט אקאץ וואס האבען קיין מאהל ניט שלום איינער מיט דעם אנדערין. האבען אמאהל גימאכט אסעודה פון דיא חלב פון שלעכטין מזל. עס שטייט אין פסוק דיא שרים פון מואב זענען גיזעסן מיט בלעם. אונ דיא שרים פון מדין וואו הין זענען גיגאנגען. ענטפערט די גמרא וויא בלעם האט גיזאגט צו די שרים גענעכטיגט דא דיא נאכט וועל איך זאגין אנטווארט וואס גאט וועט מיר זאגין האבען דיא שרים פון מדין גיזאגט איז דען דא אפאטער וואס זאל פיינד האבען זיין זוהן. האט דען גאט פיינד דיא יודין וואס זייא זענען זיינע קינדער. געוויס האט זייא גאט ליב. אונ ער וועט ניט זאגין צו בלעם ער זאל פלוכין די יודין. וואס האבען מיר דא צו ווארטען. רב נחמן זאגט חוצפה העלפט אפילו געגין גאט אויך. גאט האט דאך שוין איין מאהל גיזאגט צו בלעם זאלסט ניט גיין מיט זייא. צו וואס האט בלעם זייא נאך אמאהל גיהייסן נעכטיגען. דאס איז דאך גיוועזען אחוצפה. אונ דאס האט איהם דאך גיהאלפען. ווארום פריער דיא ערשטע נאכט האט גאט גיזאגט צו איהם דוא זאלסט ניט גיין מיט זייא. אונ דער נאך

דיא

מלכותא בלא תאגא היא דכתיב (ש"ב ג) ואנכי היום רך ומשוח מלך והאנשים האלה בני צרויה קשים ממני וגו':

צד א"ר יוחנן בלעם חגר ברגלו אחת היה שנאמר (במדבר כג) וילך שפי שמשון בשתי רגליו שנאמר (בראשית מט) שפיפון עלי אורח בלעם סומא באחד מעיניו היה שנאמר (במדבר כד) שתום העין:

(ע"ב) צה ויודע דעת עליון השתא דעת בהמתו לא הוה ידע דעת עליון הוה ידע וכו':

(עד משהוי"ט להמר מידכוטס במס' ברכות ס"ח מאמר כ"ח)

(במדבר כב) צו ויקם בלעם בבקר ויחבוש את אתונו תנא משום ר' שמעון בן אלעזר אהבה מבטלת שורה של גדולה מאברהם דכתיב (בראשית כב) וישכם אברהם בבקר שנאה מבטלת שורה של גדולה מבלעם דכתיב ויקם בלעם בבקר ויחבוש את אתונו:

צז אמר רב יהודה אמר רב לעולם יעסוק אדם בתורה ובמצות אפילו שלא לשמה שמתוך

והדר אמר לך: מלכותא בלא תאגא. כלומר שררה גדולה ואינו חסר אלא כתר מלכות: ואנכי היום רך ומשוח מלך והאנשים האלה קשים ממני. כלומר אני גדול מהם אלא משיחת מלכות:

שפי. כמו בוקא דאטמא דשף מדוכתיה: שפיפון. משמע שתים: שתום העין: שתום פתוח כמו שתומים יככר כלומר עינו אחת פתוחה מכלל דאחריתי סתומה והכי נמי מתרגמינן דפתיח חזא. ע"כ. ואית דמפרשי שתום כמו סתום ולא מלתא היא:

אהבה. שאהב אברהם את הקב"ה ביטל שורה של גדולה שחבש הוא בעצמו: ושנאה. ששנא בלעם הרשע את ישראל ביטל שורה של גדולה שחבש הוא בעצמו:

---

דיא אנדערע נאכט האט גאט גזאגט צוא איהם גייא מיט זייא. רב ששת זאגט העזה איז אמלוכה אן אקרוין ווארום אזוי וויא מען האט מורא פאר אמלך. האט מען מורא פאר אעזות פנים אויך. נאר דער מלך האט אקרוין. און דער עזות פנים האט ניט קיין קרוין. אזוי ווי עס שטייט אין פסוק דוד המלך האט גזאגט איך בין נאך היינט יונג און היינט גזאלבט פר אמלך. און די מענטשין די קינדער פון צרויה זענען שווערער פר מיר. מען הט פר זיי מער מורא וויא פר מיר. זענען זיי גרעסערע מלכים וויא איך. נאר איך בין אמלך מיט אקרוין. און זייא זענען מלכים אן אקרוין:

צד אמר. רבי יוחנן זאגט בלעם איז גיוועזן לאהם (הינקעדיג) אויף איין פוס. אזוי וויא עס שטייט אין פסוק וילך שפי. ער איז גיגאנגען (מיט איין פוס). און האט געשפרונגען (מיט דיא אנדערע פוס). שמשון איז גיוועהן לאהם (הינקעדיג) אויף ביידע פיס. אזוי ווי עס שטייט אין פסוק שפיפון עלי אורח. אז ער איז גיגאנגען אין וועג האט ער גישפרונגען אויף ביידע פיס. בלעם האט גיהאט איין אויג אבלינדע. אזוי וויא עס שטייט אין פסוק שתום העין. איין אויג אאפינע. אבער דיא אנדערע אויג אפארמאכטע:

צה ויקם. בלעם איז אויף גישטאנען גאנץ פריא און האט גישפאנט דעם אייזיל. מיר האבין גילערנט פון רבי שמעון בן אלעזרס וועגין ליבשאפט שטערט אמאהל דעם פירונג פון גרויסקייט וייסין מיר פון אברהם אבינו. אזוי וויא עס שטייט אין פסוק אברהם איז אויף גישטאנען גאנץ פריא און האט גישפאנט דעם אייזיל. ווייל ער האט ליב גיהאט גאט אגרויסע ליבשאפט און ער האט גיוואלט געשווינט מקיים זיין וואס גאט הייסט ברייגגען יצחק צו דר עקידה. דריבער האט ער ניט גיווארט ביז זיינע קנעכט וועלין שפאנען דעם אייזיל נאר ער אליין האט איהם גישפאנט: און פיינדשאפט שטערט אמאהל אויך דעם פירונג פון גרויסקייט. ווייסין מיר פון בלעם. אזוי וויא עס שטייט אין פסוק בלעם איז אויף גישטאנען גאנץ פריא און הט גישפאנט דעם אייזיל. ווייל ער האט פיינט גיהאט דיא ידין אגרויסע פיינדשאפט און ער הט געשווינט גיוואלט גיין זיי פלוכין. דריבער הט ער ניט גיווארט ביז זיינע קנעכט וועלין שפאנען דעם אייזיל. נאר ער אליין האט איהם גישפאנט:

צז אמר. רב יהודה האט גיזאגט פון רבס וועגין איביג זאל אמענטש לערנען תורה

און

שסחוך שלא לשמה בא לשמה שבשכר מ"ב קרבנות שהקריב בלק זכה ויצתה ממנו רות וא"ר יוסי בר הונא רות בתו של עגלון בן בנו של בלק מלך מואב היתה :

**צז א"ל** רבא לרבה בר מרי כתיב (מ"א א) ייטיב אלהים את שם שלמה משמך ויגדל את כסאו מכסאך אורח ארעא למימר ליה למלכא הכי א"ל מעין קאמר ליה דאי לא תימא הכי (שופטים ה) תבורך מנשים יעל אשת חבר הקיני מנשים באהל תבורך נשים באהל מאן נינהו שרה רבקה רחל ולאה אורח ארעא למימר הכי אלא מעין קאמר הכי נמי מעין קאמר ופליגא דר' יוסי בר חוני דאמר רבי יוסי בר חוני בכל אדם

מתקנא

מ"ב קרבנות בין פרים ואילים ז' פרים וז' אילים ג' פעמים הרי מ"ב בין פרים ואילים : אורח ארעא למימר הכי. וכי דרך ארץ דיאמרו ייטיב אלהים שם שלמה מממך והא אלפא דעתים דאמרי ליה שיהא גדול מאביו : מעין. כמין קאמר ליה ומעין ככתך ולא גדול ממש : נשים באהל. שרה רבקה רחל ולאה דכתיב בהו אהל שרה ורבקה דכתיב ויביאה יצחק האהלה שרה אמו רחל ולאה דכתיב ויצא מאהל לאה ויבא באהל רחל : אורח ארעא. בתמיה דבורה ליעל שתהא ברוכה משרה ורבקה אלא מעין ברכת שרה קאמרה : ופליגא וכו'. כלומר דקא משמע שם שלמה מממך

אונ זאל טאהן מצות . אפילו ער מיינט ניט פון גאטס וועגן . ווארום ער וועט שוין קומען דר צו ער זאל יא מיינען פון גאטס וועגן ואונ אויב ער וועט ניט קומען דער צו . וועט קומען זיינער אקינד דער צו . ווארום דער קינד וועט זעהן דער פאטער לערנט תורה אונ טוהט מצות. וועט ער אויך אזוי טאהן . אונ וואס ביא זיין פאטער אין הארצין איז ווייס דאך דער קינד ניט. ער מיינט דער פאטער טוהט דאס פון גאטס וועגן . וועט דער קינד אויך טאהן פון גאטס וועגן) אזוי וויא מיר זעהן ביי בלק . ער האט מקריב געוועזן צוויי אונ פערציג קרבנות ואונ ער האט ניט גימיינט פון גאטס וועגן) האט ער זוכה געוועזן אז פון איהם איז גיבארין געווארין רות וואס זיא האט זיך מגייר גיוועזן אונ האט גיטאהן מצות פון גאטס וועגן . ווארום רבי יוסי בר הונא האט גיזאגט רות איז געוועזן דיא טאכטער פון עגלון דער מלך פון מואב . אונ עגלון איז געוועזן אאייניקול פון בלק דער מלך פון מואב :

**צז** אמר . רבא האט גיזאגט צו רבה בר מרי עס שטייט אין פסוק מענטשין האבן גזאגט צו דוד המלך ייטיב אלהים את שם שלמה משמך ויגדל את כסאו מכסאך . גאט זאל פאר בעסערין דעם נאמען פון שלמה מער פון דיין נאמען : אונ ער זאל גרויס מאכין דעם שטוהל פון שלמה גרעסער פון דיין שטוהל וראס מיינט מען דיא מלוכה פון שלמה זאל זיין גרעסער ווי דיא מלוכה פון דוד) . איז דען שיין מען זאל אזוי זאגין צו אמלך . אז דיא מלוכה פון זיין זוהן זאל זיין גרעסער וויא זיין מלוכה . האט רבה גזאגט מעין מיינט מען ניט גרעסער פון דיין נאמען . אונ מכסאך מיינט מען ניט גרעסער פון דיין שטוהל . נאר מען מיינט עס זאל זיך פר גלייכען צו דיין נאמען אונ עס זאל זיך פר גלייכען צו דיין שטוהל : דער נאמען פון שלמה זאל ניט זיין קלענער וויא דיין נאמען . אונ דער שטוהל פון שלמה זאל ניט זיין קלענער פון דיין שטוהל : ווארום אז דוא וועסט ניט אזוי זאגן . נאר דוא וועסט זאגין וויא פריער אז משמך מיינט מען גרעסער פון דיין נאמען אונ מכסאך מיינט מען גרעסער פון דיין שטוהל . עס שטייט אין פסוק תבורך מנשים יעל אשת חבר הקיני מנשים באוהל תבורך . ווער זענען דיא ווייבער פון גיצעלט . דאס איז שרה רבקה רחל לאה . אז דוא זאגסט דער מ"ם ווייזט אויף מער . וועסטו דאך טייטשין דעם פסוק יעל זאל גיבענטשט ווערין מער וויא דיא ווייבער פון גיצעלט . מער וויא שרה רבקה רחל לאה . איז שיין אזוי צו זאגן אז יעל זאל גיבענשט ווערין נאך מער וויא שרה רבקה רחל לאה : נאר מען מיינט אזוי וויא שרה רבקה רחל לאה . ניט ווייניגער פון זיי . אזוי מיינט מען ביי שלמה אויך . שלמה זאל גיבענשט ווערין ניט ווייניגער פון דוד . אונ רבה קריגט אויך רבי יוסי ווארום ר' יוסי האט גזאגט אויף אלע מענטשין האט אמענטש קנאה פר וואס יענער איז גרעסער פון איהם . אבער אפאטער אויף אזוהן אונ ארבי אויף אתלמיד האבען ניט קיין קנאה . אז אויף אזוהן האט מען ניט קיין קנאה דאס ווייסען מיר פון שלמה . מען האט

גזאגט

מתקנא ת"ץ מבנו ותלמידו בנו משלמה ותלמידו אי בעית אימא (מ"ב ב) ויהי נא פי שנים ברוחך אלי ואי בעית אימא (במדבר כז) ויסמוך את ידיו עליו ויצוהו : (במדבר כג) **צח וישם** ה' דבר בפי בלעם ר' אלעזר אומר מלאך ר' יונתן אמר חכה א"ר יוחנן מברכתו של אותו רשע אתה למד מה היה בלבו בקש לומר שלא יהיו להם בתי כנסיות ובתי מדרשות (שם כד) מה טבו אהליך יעקב. לא תשרה שכינה עליהם משכנותיך ישראל . לא תהא מלכותן נמשכת כנחלים נטיו . לא יהיו להם זיתים וכרמים כגנות

תפין סלוגא אדרבי יוסי בר חוני : בנו . מנין שאדם מקנא בנו : משלמה . דקאמר ליה לדוד ייטיב אלהים שם שלמה משמך : ותלמידו איבעית אימא . דקאמר ליה אלישע לאליהו ויהי נא פי שנים ברוחך אלי ונתן לו אליהו ולא נתקנא בו : ויסמוך את ידיו עליו ויצוהו . אע"ג דהקב"ה לא אמר ליה אלא וסמכת את ידך עליו הדא אזל איהו וסמך בתרתי :

מלאך . שמסרו הקב"ה למלאך שלא יניחנו לקלל : חכה . נתן בפי בלעם שלא היה מניחו לקלל והיינו וישם דבר בפיו : מברכותיו אתה למד מה היה בלבו . דכתיב ויהפך ה' אלהיך לך את הקללה לברכה קללה שהיה רוצה לקלל הפך הקב"ה לברכה גאה היה רוצה לקללם בכך שלא יהו להם בתי כנסיות ולא נתן רשות ואמר מה טובו

---

**גזאגט** צו דוד גאט זאל פר בעסערין דעם נאמען פון שלמה מער פון דיין נאמען . אונ ער זאל פר גרעסערין דעם שטוהל פון שלמה גרעסער פון דיין שטוהל . אונ דוד האט זיך בעדאנקט פאר די רייד ווען מיר אז רבי יוסי טייטשט דעם מ"ם פון משמך אונ דעם מ"ם פון מכסאך מער פון דיין נאמען אונ מער פון דיין שטוהל . נית וויא רבהו . אונ אז ארבי איז נית מקנא זיין תלמיד ווייסען מיר פון אליהו הנביא אונ פון משה רבינו . אלישע דער תלמיד פון אליהו הנביא האט גיבעטין ביי זיין רבי אליהו ער וויל זיין נביא צוויי מאהל אזוי גרויס וויא זיין רבי . האט אליהו איהם צו גזאגט . אונ ער האט גאר נית גיהאט קיין קנאה . אונ גאט האט גזאגט צוא משה ער זאל ארויף לייגען גאר איין האנט אויף יהושע . אונ משה האט ארויף גילייגט ביידע הענט אויף יהושע ווארום משה האט גיהאט צוויי כחות . איין כח צו מלחמה . אזוי וויא עס שטייט אין פסוק אז משה הט אויף גיהויבען זיין האנט האבען זיך די יודין גישטארקט אין דר מלחמה . אונ איין כח צו חכמה . אזוי וויא עס שטייט אין פסוק ער האט גיהאלטען די לוחות אויף זיינע הענט . גאט האט גיהייסען משה זאל ארויף לייגען איין האנט אויף יהושע . ער זאל איהם גאר געבין דעם כח פון מלחמה . אונ חכמה זאל יהושע גאר האבען אזוי וויא ער הט גיהאט ווען משה האט גילעבט . דריבער שטייט אין פסוק יהושע זאל שטיין פר אלעזר הכהן אונ ער זאל ביי איהם פרעגין וואס די אורים ותומים זאגין . אבער משה האט ארויף גילייגט ביידע הענט אויף יהושע אונ ער הט איהם אוועק גיגעבן דעם כח פון חכמה אויך . דריבער שטייט אין פסוק יהושע איז גיווארין פול מיט חכמה ווייל משה הט ארויף גילייגט אויף איהם זיינע ביידע הענט אונ משה הט אים גאר נית מקנא גיוועזן :

**צח** וישם . גאט האט גיטאהן אזאך אין די מויל פון בלעם . רבי אלעזר זאגט גאט הט גיגעבן בלעם אין די האנט פון אמלאך . דער מלאך זאל איהם נית לאזן פלוכין די יודין . ואדער אזוי מיינט מען אלע ברכות וואס בלעם הט גיבענשט די יודין ווען די רייד נית ארויס גיגאנגען פון בלעמס מויל . נאר אמלאך הט דאס גירעט . רבי יונתן זאגט אזעלכע הט מען אריין גיזעצט אין די מויל פון בלעם . אזוי וויא בלעם הט גיוואלט אנהייבען פלוכין דיא יודין איז איהם פאר האלטען גיווארין דאס מויל אונ ער הט נית גיקענט ריידן וואס ער הט גיוואלט . נאר וואס גאט הט גיוואלט . רבי יוחנן זאגט פון די ברכות וואס בלעם הט גיבענשט די יודין . פר שטייען מיר וואס ער האט זיי גיוואלט פלוכין ווארום עס שטייט דאך אין פסוק אז גאט הט פר קערט דיא קללה אונ הט גימאכט פון די קללה אברכה . ווייסען מיר פון דיא ברכה וואס דיא קללה וואלט גיוועזן . ער האט גיוואלט זאגין יודין זאלין נית האבען שולען אונ בתי מדרשים . האט ער זיא גימוזט בענטשין ווי גוט זענען דיינע גיצעלטין די שולען אונ בתי מדרשים פון יעקב . ער הט גיוואלט זאגן די שכינה זאל נית רוהען אויף יודין . האט ער גימוזט זאגין משכנותיך ישראל . דיין רוהונג זאל זיין אויף יודין דיא שכינה זאל יא רוהען אויף יודין . ער האט גיוואלט זאגן דיא מלוכה פון

ורין

בננות עלי נהר. לא יהא ריחן נודף כאהלים נטע ה'. לא יהיו להם טרבים בעלי קומה כארזים עלי מים. לא יהיה להם מלך בן מלך יזל מים מדליו. לא תהא מלכותן שולטת באומות וזרעו במים רבים. לא תהא עזה מלכותן וירם מאגג מלכו. לא תהא אימה מלכותן ותנשא מלכותו. א"ר אבא בר כהנא כולן חזרו לקללה חוץ מבתי כנסיות ובתי מדרשות שנאמר (דברים כג) ויהפוך ה' אלהיך לך את הקללה לברכה כי אהבך ה' אלהיך קללה ולא קללות:

מהלך יעקב: ריחו נודף. מגלות: וירם מאגג. מתגבר ויתקף מאגג שהיה מלכותם עז: וכולן. כל הברכות של בלעם חזרו לקללה כמו שהיתה כוונתו מתחלתו: חוץ מבתי כנסיות ובתי מדרשות. שלא יפסקו מישראל לעולם: הקללה לברכה. אחת מן הקללות לברכה שלא חזרה לעולם ולא כל הקללות לברכות שחזרו:

נעתרות נשיקות שונא. נעתרות והפכות כמו עתר שמהפך התבואה כלומר נאמנים פ' אוהב והפכות מתאמות נשיקות שונא: מחליף. נלהג

**צט** א"ר שמואל בר נחמני א"ר יונתן מ"ד (משלי כז) נאמנים פצעי אוהב ונעתרות נשיקות שונא טובה קללה שקלל אחיה השילוני את ישראל יותר מברכה שברכם בלעם הרשע אחיה השילוני קלל את ישראל בקנה שנאמר (מ"א יד) והכה ה' את ישראל כאשר ינוד הקנה במים וגו' מה קנה זו עומד במקום מים וגזעו (דף קו) מחליף ושרשיו מרובין ואפי' כל

הרוהות

---

יודין זאל זיך ניט לאזין ציהען. האט ער גימיינט זאגן זייא זאלן זיין גיניגט אזוי וויא טייכען. זייער מלוכה זאל זיך ציהען אזוי וויא דיא וואסער פון א טייך. ער האט גיוואלט זאגן יודין זאלן ניט האבען אייבערט בוימער אונ ניט ווייגערטנער. האט ער גימיינט זאגן זייא וועלין זיין אזוי ווי גערטנער וואס זענען ביי דעם טייך. ער האט גיוואלט זאגן זייער ריח זאל ניט שמעקין. זייער נאמען זאל ניט גרויס זיין אויף דער וועלט. האט ער גימיינט זאגן זייא זאלן זיין וויא די בשמים וואס גאט האט גיפלאנצט. זייער נאמען זאל שמעקן אונ גרויס זיין אויף דער וועלט. ער האט גיוואלט זאגן דיא יודין זאלין ניט זיין הויכע מענטשין. האט ער גימיינט זאגן זייא זאלין זיין וויא דיא טעגען בוימער וואס וואקסען נעבין וואסער. ער האט גיוואלט זאגן ביי דיא יודין זאל ניט זיין אמלך דער זוהן פון אמלך. האט ער גימיינט זאגן עס וועט רינען וואסער פון זיינע ברונענס. דער זוהן וואס וועט גיבארען ווערין פון דעם מלך וועט אויך זיין אמלך. ער האט גיוואלט זאגן דיא מלוכה פון דיא יודין זאל ניט גיוועלטיגען אויף דיא פעלקער. האט ער גימיינט זאגן זיין פאר זייהונג זאל זיין אויף פיל וואסער. זיין מלוכה זאל זיין אויף פיל פעלקער. ער האט גיוואלט זאגן זייער מלוכה זאל ניט זיין שטארק. האט ער גימיינט זאגן זיין מלוכה זאל זיין שטארקער וויא דיא מלוכה פון אגג. ער האט גיוואלט זאגן זייער מלוכה זאל ניט זיין פורכטעדליך. האט ער גימיינט זאגן זיין מלוכה זאל דער הויבין ווערין. רבי אבא בר כהנא זאגט פון דיא אלע ברכות איז צוריק גיווארין קללות. אזוי וויא בלעם האט גיטראכט צו פלוכין. נאר שולען אונ בתי מדרשים זענין געבליבען ביי יודין. אזוי וויא עס שטייט אין פסוק גאט הט פארקערט דיא קללה צו א ברכה. ווייל גאט האט דיך ליב והאט ער נאר פאר קערט איין קללה צוא א ברכה. אונ דיא איבעריגע קללות זענען געבליבען אזוי וויא זייא זענען גיוועזן. אין אמת אז יודין האבען גיזינדיגט האט גידארפט ווערין פון אלע ברכות צוריק קללות. נאר ווייל גאט הט ליב דיא תורה אונ דיא תפלות פון די יודין דריבער הט ער גילאזין די שולען אונ די בתי מדרשים:

**צט** אמר. רבי שמואל בר נחמני האט גיזאגט פון רבי יונתן וועגין. עס שטייט אין פסוק דיא וואונדין פון דעם גוטען פריינד זענען גיטריי אונ זייא זענען בעסער וויא דיא פיל קושען פון דעם שונא. דיא קללה וואס אחיה השילוני האט גיפלוכט דיא יודין איז בעסער ווי דיא ברכה וואס בלעם האט גיבענשט דיא יודין. אחיה השילוני האט גיפלוכט די יודין מיט א שטעקין. אזוי וויא עס שטייט אין פסוק גאט וועט שלאגין דיא יודין אונ זייא וועלין זיך שאקלען אזוי וויא עס שאקלט זיך א שטעקיל אין וואסער. אזוי וויא דער שטעקיל וואקסט נעבין וואסער. אז מען ברעכט אים אפ וואקסט ער אויף צוריק. אונ דיא ווארצלען זיינע זענען

הרוחות שבעולם באות ונושבות בו אין מזיזות אותו ממקומו אלא הוא הולך ובא עמהן כיון שדממו הרוחות עומד הקנה במקומו אבל בלעם הרשע ברכם בארז מה ארז זה אינו עומד במקום מים ושרשיו מועטין ואין גזעו מחליף ואפילו כל הרוחות שבעולם באות ונושבות בו אין מזיזות אותו ממקומו כיון שנשבה בו רוח דרומית מיד עוקרתו והופכתו על פניו ולא עוד אלא שזכה קנה ליטול ממנו קולמוס לכתוב בו ספר תורה נביאים וכתובים:

(במדבר כד) **וירא** את הקיני וישא משלו א"ל בלעם ליתרו קיני לא היית עמנו באותה עצה מי הושיבך אצל איתני עולם והיינו דאמר ר' חייא בר אבא א"ר שמלאי שלשה היו באותה עצה אלו הן בלעם איוב ויתרו בלעם שיעץ נהרג איוב ששתק נידון ביסורין ויתרו שברח זכו בני בניו וישבו בלשכת הגזית שנאמר (ד"ה א ב) וממשפחות סופרים יושבי יעבץ תרעתים שמעתים סוכתים המה הקינים הבאים מחמת אבי בית רכב וכתיב

פירוש

בארז: אינו עומד במקום מים. והאי דכתיב כארזים עלי מים שכינה היא דאמרה דאיהו אמר כארזים לומר שאין עומדין במקום מים אמרה שכינה עלי מים וכן כולהו מפרש להו בהגדות כבי נחלים נטיו הוא אמר כנחלים פוסקים לפעמים יצאה בת קול אמרה נטיו. הוא אמר כגנות אמרה בת קול עלי נהר. הוא אמר כאהלים יצאה בת קול אמרה נטע ה': רוח דרומית. קשה: לא עמנו היית באותה עצה. שגזר פרעה כל הבן הילוד היאורה בתשליכוהו ודאי היית כדלקמן: ומי הושיבך אצל איתני עולם. שעתידין בניך לישב בלשכת הגזית והיינו דכתיב איתן מושבך וגו' בין איתני עולם אתה יושב מי הזקיקך לכך: מבמוי אל. כשמבים הקב"ה פדיון לעמו ויתלם גמול לצדיקים

---

פיל און אפילו אלע ווינטען פון דער וועלט ווערן קומען און בלאזן אויף איהם וועלן זייא איהם ניט רירען פון ארט נאר ער גייט מיט דעם ווינט. טרייבט איהם דער ווינט אין מזרח בייגט ער זיך אין מזרח. טרייבט איהם דער ווינט אין מערב בייגט ער זיך אין מערב. און אזוי אין יעדער זייט: און אז דיא ווינטען ווערין שטיל בלייבט דער שטעקיל שטיין אויף זיין ארט. צו דעם שטעקיל האט אחיה געגליכען יודין ווען ער האט זייא גישאלטען. אבער דער רשע בלעם האט זייא גיבענשט מיט א צעדער בוים. אזוי וויא דער צעדער בוים שטייט ניט נעבין וואסער. און זיינע ווארצלען זענען ווייניג. און אז מען האקט אפ פון איהם א שטיקיל וואקסט ניט צוריק. און אפילו אלע ווינטען פון דער וועלט וועלן קומען און בלאזן אין איהם וועלין זייא איהם ניט רירען פון ארט: אבער וויא דער דרום ווינט קומט און בלאזט אויף איהם רייסט ער איהם באלד אויס און ער קערט איהם אום מיטען פנים אראפ. צו דעם צעדער בוים האט בלעם געגליכען יודין. זייא זאלין אויך אזוי זיין. ווען ער האט זייא גיבענשט. און נאך א בעסערונג איז דא אין דיא קללה פון אחיה השילוני. און אפילו דער שטעקיל ווערט אמאהל אויס גערייסען פון זיין ארט. ווערט ער גינומען צו א הייליגע זאך ווארום דער שטעקיל האט זוכה גיווען מען זאל מאכען פון איהם א פענע צו שרייבען מיט איהם א ספר תורה און נביאים און כתובים. אזוי יודין אפילו זייא זענען אויס גערייסען גיווארין פון זייער ארט פון ארץ ישראל און זייא זענען גיקומען אין גלות פון דעסטוועגין זענען זייא הייליג און לערנען תורה:

**וירא.** בלעם האט גיזעהן דעם קיני האט ער אויף גיהויבין זיין משל וקיני איז יתרו האט בלעם גיזאגט צו יתרו קיני דוא ביסט דאך גיווען מיט אונז אין דיא עצה וואס פרעה האט גוזר גיווען מען זאל דיא יודישע קינדער ווארפען אין טייך: ווער האט דיך גיזעצט צווישען דיא שטארקסטע פון דער וועלט. וויא אזוי קומסטו צו זיין ביי דיא יודין. דאס איז וואס רבי חייא בר אבא האט גיזאגט פון רבי שמלאים וועגין. דריי מענטשין זענען גיווען אין דיא עצה מען זאל דיא יודישע קינדער ווארפען אין טייך. בלעם און איוב און יתרו. בלעם וואס ער האט א עצה גיגעבין מען זאל דיא קינדער ווארפען אין וואסער. איז ער גיהרגת גיווארין: איוב וואס ער האט געשוויגען איז ער גישטראפט גיווארין מיט יסורים. יתרו וואס ער איז אנטלאפין האבען זיינע אייניקלאך זוכה גיווען צו זיצען אין לשכת הגזית מיט דיא סנהדרין. אזוי וויא עס שטייט אין פסוק און דיא משפחות סופרים דיא זיצער יעבץ תרעתים שמעתים

סיכתים

וכתי' (שופטים א) ובני קני חותן משה עלו מעיר התמרים. (במדבר כד) וישא משלו ויאמר אוי מי יחיה משמו אל אר"י אוי לה לאומה שתמצא בשעה שהקב"ה עושה פדיון לבניו מי מטיל כסותו בין לביא ללביאה בשעה שנזקקין זה עם זה. (שם) וצים מיד כתים אמר רב ליבון אספי"ר (שם) וענו אשור וענו עבר עד אשור קטלו מיקטל מכאן ואילך משעבדי שעבודי:

(במדבר כד) קא הנני הולך לעמי לכה איעצך אשר יעשה העם הזה לעמך עמך לעם הזה מיבעי' ליה אמר ר' אבא בר כהנא כאדם שמקלל את עצמו ותולה קללתו באחרים א"ל אלהיהם של אלו שונא זמה הוא והם מתאוים לכלי פשתן בוא ואשיאך עצה עשה להן קלעים והושיב בהם זונות

לעתיד לבא כך במעשי: אוי לה לאומה שתמצא בשעה שמביא ה' פדיון לבניו. אוי לה לאומה שהשים לאותן הימים שיעלה על דעתן לעכב את ישראל: מי מטיל כסות בין לביא וכו'. לעכבן שלא יזדקקו זה לזה דמכוון הוא כלומר מי הוא שיכול לעכב את ישראל והקב"ה מכניסם: ציס. ספינות גדולות כמו ואי אדיר לא יעברנו: מיד כתים. אמר רב ליבון אספי"ר. וכתים היינו מקום ששמו כך: עד אשור מיקטל קטלי. (כתיים ורומים) מאשור ואילך משעבדי להו בשעבוד: וצים מיד כתים וענו אשור. דקטלי להו וענו עבר דמשעבדי להו: עד אשור. כלומר אותן האומות שמביא הקב"ה בצים שהיודים להרוג את כל האומות עד אשור ומאשור ואילך מניחין אותם ומשעבדין בהם ולעתיד קא מיירי:

הן הנה היו לבני ישראל ל"ג אלא הכי גרסינן הנני הולך לעמי לכה איעצך אשר יעשה העם הזה לעמך עמך לעם הזה מיבעי ליה. שהשיא עצה לבלק שנכשלו בה ישראל הן הנה היו לבני ישראל בדבר בלעם: ותולה קללתו בחבירו. כך בלעם

---

ס'כתים דאס זענען דיא קינים וואס זענען גיקומען פון חמת דער פאטער פון בית רכב. זעהן מיר אז דיא קינים זענען גיבארין פון רכב. אונ צו דיא קינדער פון רכב האט נאט צו גזאגט אז זייא וועלין זיצען צווישען דיא סנהדרין: אונ עס שטייט אין פסוק דיא קינדער פון קיני דער שווער פון משה זענען אויף גיגאנגען פון עיר התמרים. זעהן מיר אז קיני איז יתרו דער שווער פון משה. זענען דאך דיא איניקלאך פון יתרו וואס זייא זענען אויך דיא איניקלאך פון רכב] גיזעסין צווישען די סנהדרין:

עס שטייט אין פסוק בלעם האט אויף גיהויבען זיין משל אונ האט גזאגט ווייא ווער וועט לעבין משמואל. ווען גאט וועט טאהן. רבי יוחנן זאגט ווייא וועט זיין צו דעם פאלק וואס וועט גיפונען ווערין אויף דער וועלט ווען גאט וועט מאכען אאויס לייזונג צו זיינע קינדער. אונ ער וועט זייא וועלין פאר האלטען אונ ניט ארויס לאזין פון גלות. ווער וועט ארין ווארפען זיין קלייד צווישען דעם לייב אונ זיין נקבה ווען זייא ווילען זיך בהעפטין איינם צו דאס אנדערע. דער מענטש וואס לאזט זייא ניט זיך בהעפטין איז געווים אין סכנה. אזוי דיא פאלק וואס וועט ניט לאזין גאט זאל זיך בהעפטין מיט דיא יודין וועט דיא פאלק זיין אין סכנה. אין פסוק שטייט וצים מיד כתים. ש' יפען וועלין גיין פון כתים. וועבען מיינט מען כתים. רב זאגט דאס איז ליבון אספיר [דאס איז אזוי א ארט וואס הייסט ליבון אספיר]. מען וועט פייניגען אשור אונ מען וועט פייניגען עבר. דיא פעלקער וואס גאט וועט זייא ברענגען אויף דיא שיפען וועלין זייא הרגנען אלע פעלקער ביז אשור. אונ דיא פעלקער וואס וואוהנען פון אשור אונ ווייטער וועלין זייא ניט הרגנען נאר זיי וועלין ארבעטין מיט זייא ווי מיט קנעכט:

קא הנני. בלעם האט גזאגט צו בלק איך גיי צוא מיין פאלק גיי איך וועל דיר אעצה געבין וואס דאס פאלק וועט טאהן צו דיין פאלק. פרעגט דיא גמרא עס דארף דאך שטיין וואס דיין פאלק וועט טאהן צו דעם פאלק. ווארום דיא יודין האבען צו מואב גאר ניט גיטאהן גאר פאר קערט מואב האט גיטאהן צו די יודין. האט רבי אבא בר כהנא גזאגט אזוי ווי א מענטש וואס דארף זיך פלוכין אונ ער וויל זיך ניט פלוכין זאגט ער דיא קללה אויף א אנדערין. אזוי האט דער פסוק ניט גיוואלט זאגן דאס שלעכץ אויף יודין. האט ער גזאגט דאס שלעכץ אויף מואב. בלעם האט גזאגט צו בלק דער גאט פון יודין האט פיינט מען זאל מזנה זיין. אונ די יודין גלוסטין זייער צו קויפען ליינוואנדענע קליידער. קום וועל איך דיר געבין א עצה. דוא זאלסט מאכען אויף דיא גאסען גיצעלטין [פאלאטקעס]. אונ אין דיא גיצעלטין זאלן זיצען זונות. אאלטע אשה זאל זיצען אויס ווייניג געבין גיצעלט אונ א יונגע זאל זיצען אינווייניג אין גיצעלט.

אונ

זונות זקנה מבחוץ וילדה מבפנים וימכרו להם כלי פשתן עשה להם קלעים מהר שלג עד בית הישימון והושיב בהן זונות זקנה מבחוץ וילדה מבפנים ובשעה שישראל אוכלים ושותים ושמחים ויוצאים לטייל בשוק אומרת לו הזקנה אי אתה מבקש כלי פשתן זקנה אומרת לו בשוה וילדה אומרת בפחות ב' וג' פעמים ואחר כך אומרת לו הרי אתה כבן בית שב ברור לעצמך וצרצורים של יין עמוני מונח אצלה ועדיין לא נאסר יין של עכו"ם אמרה לו רצונך שתשתה כוס של יין כיון ששתה בער בו אמר לה השמיעי לי הוציאה יראתה מתוך חיקה אמרה לו עבוד לזה אמר לה הלא יהודי אני אמרה לו ומה איכפת לך כלום מבקשים ממך אלא פיעור והוא אינו יודע שעבודתה בכך ולא עוד אלא שאיני מניחתך עד שתכפור בתורת משה רבך שנאמר (הושע ט) המה באו בעל פעור וינזרו לבשת ויהיו שקוצים כאהבם:

וישב

לא רצה להלות שפלות זה בבלק שיהא הוא צריך נבקש עצה היאך יכשלו ישראל אלא בישראל תלה השפלות לומר שהם צריכים לעצה שיכשלו בה בני מואב שלא תתקוף יד מואב על ישראל והיינו דכתיב אשר יעשה העם הזה לעמך מ"ר. ל"א ותולה קללתו בחברו כלומר שתלה הכתוב קללה במואב ולא רצה לכתוב כלפי ישראל כמ"ש בלעם הרשע: קלעים. אהלים של קלעים כמו שעושים בשוקים: בערבות מואב מהר שלג. שניר: כשהיה אומרת לה. ישראל כלי פשתן זה בכמה (נקנה) זקנה אומרת לו דמי שוויו וילדה אומרת לו בפחות מכדי שוויו וכן עושין עד ב' או ג"פ: ברור לעצמך. כל תכשיטים שאתה רוצה: צרצורים. נאדות: בער בו. שהיה מתחבר ובער בו יצה"ר: השמיעי. הוי שומעת להשמים: פיעור. כך היתה עבודתו של פעור שמתריזין לפניו. ה"ג כלום מבקשין ממך אלא פיעור והוא עושה ושוב אומרת לו כפור בתורת משה רבך והוא עושה: וינזרו לבשת.. כמו מדרכם והלכו אחר הבשת: כאהבם. מתוך תאות אהבתם לזנות היו מפוקים בכופרים בהקב"ה:

---

אונ דיא ווייבער זאלן האבען צו פאר קויפען ליינוואנדענע קליידער. האט בלק גימאכט גיצעלטין פון דעם בארג וואס אויף איהם ליגט אייביג שנייא ביז דעם ארט בית הישימון. אונ אין דיא גיצעלטין האט ער אריין גיזעצט זונות. אויס וויניג נעבין גיצעלט איז גיזעסן אאלטע אשה. אונ איניווייניג אין גיצעלט איז גיזעסן איונגע אשה. אונ ווען דיא יודין האבען גיגעסען אונ גיטרונקען אונ זענען גיוועזן פריילאך אונ זענען ארויס גיגאנגען שפאצירען אין גאס. הט דיא אלטע אשה גיפרעגט דעם יודין טאמער דארפסטו קויפען ליינוואנדענע קליידער איז דער יוד גיגאנגען קויפען. דיא אלטע אשה האט גיוואלט פאר דיא קליידער וויא פיל זייא זענען ווערט גיוועזן. אונ דיא יונגע אשה האט גיוואלט וויניגער געלט וויא עס איז ווערט גיוועזן אונ אזו האבען זייא גירעט צווישען זיך צוויי דריי מאהל. דער נאך האט דיא אשה גיזאגט צום יודין דוא ביסט דאך שוין דא אזוי וויא אשטוב מענטש. זיין דא אביסל אונ קלויב דיר אויס וואס דוא פאר לאנגסט. אונ פלעשער מיט וויין פון עמון זענען דארט גישטאנען. אונ גוישער וויין איז דאמאלס נאך ניט אסור גיוועזן צו איודין צום טרינקען. האט דיא אשה גזאגט צום יודין טאמער ווילסטו טרינקען אגלאז וויין. וויא דער יוד הט אויס געטרונקען דיא גלאז וויין אונ איז שיכור גיווארין האט באלד אן גיהויבען דער יצר הרע צו ברענען אין איהם ער זאל מזנה זיין. הט דער יוד גזאגט צו דיא אשה זיי מיט מיר מזנה. הט דיא אשה ארויס גענומען איר גאט פון קעשענע אונ האט גזאגט צום יודין דין צו דעם גאט. האט דער יוד גזאגט צו דיא אשה איך בין דאך איוד. טאר איך דאך ניט דינען עבודה זרה. האט דיא אשה גזאגט צוא איהם וואס הארט דיך מיר פערלאנגען ניט מער פון דיר נאר דוא זאלסט דיך אויף דעקן פאר דיא עבודה זרה אונ פון דיר זאל ארויס גיין צואה. אונ דער יוד טוהט אזוי ווארום ער וייס גאר ניט או אזוי דינט מען צו דיא עבודה זרה. דער נאך זאגט זיא צו איהם איך וועל דיך ניט אוועק לאזין ביז דו וועסט לייקענען דיא תורה פון דיין רבי משה. אזוי וויא עס שטייט אין פסוק דיא יודין זענען גיקומען צו דיא עבודה זרה בעל פעור אונ זייא האבען זיך אפ גישיידט פון גוטען וועג אונ זענען גיגאנגען צוא דיא שענדליכע עבודה זרה אונ זייא האבען זיך פאר מיאוסת דורך זייער ליבשאפט צו מזנה זיין:

(במדבר כה) **קב וישב** ישראל בשטים ר' אליעזר אומר שטים שמה רבי יהושע אומר שנתעסקו בדברי שטות (שם) ותקראן לעם גו' ר' אליעזר אומר ערומות פגעו בהן ר' יהושע אומר שנעשו כולם בעלי קריין מאי לשון רפידים רבי אליעזר אומר רפידים שמה ר' יהושע אומר שריפו עצמן מדברי תורה שנאמר (ירמיה מז) לא הפנו אבות אל בנים מרפיון ידים. א"ר יוחנן כל מקום שנאמר וישב אינו אלא לשון צער שנאמר (במדבר כה) וישב ישראל בשטים ויחל העם לזנות (בראשית לז) וישב יעקב בארץ מגורי אביו ויבא יוסף את דבתם רעה (שם מז) וישב ישראל בארץ מצרים ויקרבו ימי ישראל למות (מ"א ד) וישב יהודה וישראל לבטח איש תחת גפנו וגו' (שם יא) ויקם ה' שטן לשלמה וגו':

(במדבר לא) **קב ואת** מלכי מדין הרגו על חלליהם וגו' ואת בלעם בן בעור הרגו בחרב בלעם מאי בעי התם אמר רבי יוחנן שהלך ליטול שכר עשרים וארבעה אלף שהפיל מישראל אמר רב

ותקראן בגופן [משמע. וה"ד] לשון מקרה: מאי רפידים. איידי דלעיל פליגי ביה רבי אליעזר ורבי יהושע במשמעות דשטים נקיט נמי רפידים דפליגי ביה בהכי: לא הפנו אבות אל בנים. להטיב להם: מפני רפיון ידים. של תורה ומצוה והכי נמי רפידים רפיון ידים הוא כלומר מפני שרפו מד"ת בא עליהם עמלק:

(עיון יעקב) כל מקום שנאמר וישב אינו אלא לשון צער. אע"פ דלשון וישב משמע לשון ישיבה בשלוה ובטח. מכל מקום זו גורם שהשטן מקטרג על שרצה לישב בשלוה ונולד ממנו צער. וכדאיתא במדרש ריש פרשה וישב יעקב עיין שם בפירוש רש"י בחומש. והא דלא מייתי קרא דפרשה בראשית וישב בארץ נוד. וכן בפרשה לך לך וישב אברהם באלוני ממרא וכתיב אחר כך ויהי בימי אמרפל וכו'. אולי יש לומר דהתם וישב בארץ נוד הוי כצער שהרג קין להבל. וישב אברהם באלוני ממרא יש לומר ויהי בימי גרס הצער כדאיתא בפרק קמא דמגילה. ועוד יש לומר והוא עיקר דכל הפי' דחשיב הגמרא שישיבה גרם לפי שישבו במקום שגרם הזנות. וכן וישב יעקב שביקש לישב בשלוה לכך קפץ עליו רוגזו של יוסף. וכן בשביל שישב יעקב בארץ גושן ויצא מארץ לחוץ לארץ גרם המיתה. וכן איתא. (ע"כ מעיון יעקב):

שכר כ"ד אלפים מישראל. שהרגו בעצתו הלך ליטול

---

**קב** וישב. עס שטייט אין פסוק דיא יודין זענען געזעסן אין שטים. רבי אליעזר זאגט דער נאמען פון דעם ארט איז געוועזן שטים. רבי יהושע זאגט דער פסוק מיינט די יודין זענען געזעסן אונ האבין זיך בעשעפטיגט מיט נארעשקייט. עס שטייט אין פסוק ותקראנה לעם. רבי אליעזר זאגט ותקראנה איז דער טייטש טרעפין. ווען די יודין זענען אריין געגאנגען אין די נאסין פון מואב האבין זייא געטראפין דיא טעכטער פון מואב זענען געגאנגען נאקעט געגין זייערע עבודה זרות אונ האבין געטאנצט. רבי יהושע זאגט ותקראנה מיינט מען קרי. וויא די יודין האבין דער זעהן דיא שיינע טעכטער פון מואב איז פון זייא ארויס געגאנגען קרי ושכבת זרעו. וואס איז דער טייטש פון דעם ווארט רפידים. רבי אליעזר זאגט דער נאמען פון דעם ארט איז געוועזן רפידים. רבי יהושע זאגט דער פסוק מיינט די יודין זענען געוועזן אפגילאזין פון דער תורה. דריבער איז אויף זייא גיקומען עמלק. רפידים איז צוויי ווערטער רפ ידים. אפ גילאזין דיא הענט ופון דער תורה. אזוי ווי עס שטייט אין פסוק דיא פאטערס האבין זיך ניט גיקערט צו דיא קינדער מרפיון ידים ווייל זיי האבין אפ גילאזט דיא הענט פון דער תורה. רבי יוחנן זאגט וואו עס שטייט דער ווארט וישב וגיזעסין. איז דארט געוועזן א צער. אזוי ווי עס שטייט אין פסוק וישב ישראל בשטים. איז געוועזן א צער. דיא יודין האבין דארט מזנה געוועזן. אונ עס איז געהרגעט געווארין פון זייא פיר אונ צוואנציג טויזענד. וישב יעקב בארץ מגורי אביו. איז געוועזן א צער. יוסף האט זיך צו קריגט מיט דיא ברידער. אונ מען האט איהם פאר קויפט. וישב ישראל בארץ מצרים. איז דארט געוועזן א צער. יעקב איז קראנק געווארין צום שטארבין. וישב יהודה וישראל לבטח. איז געוועזן א צער. גאט האט אויף געשטעלט א פיינד אויף שלמה. וואס ער האט געטאהן שלעכץ צו די יודין:

**קב** ואת. אונ דיא יודין האבין גיהרגעט די מלכים פון מדין. אונ בלעם בן בעור האבין זיי אויך גיהרגעט מיט דעם שווערד. פרעגט דיא גמרא ווי קומט איצט בלעם אין מדין. רבי יוחנן זאגט בלעם איז גיקומען נעמען שכר פאר זיין עצה. ווארום דורך זיין עצה זענען גיהרגעט געווארין פיר אונ צוואנציג טויזענד יודין. רב זוטרא בר טוביה האט גיזאגט פון רבם ווענין דאם

רב זוטרא בר טוביה אמר רב היינו דאמרי אינשי גמלא אזל למיבעי קרני אודני דהוו ליה גזיזו מיניה. (יהושע יג) ואת בלעם בן בעור הקוסם קוסם נביא הוא אמר רבי יוחנן בתחלה נביא ולבסוף קוסם אמר רב פפא היינו דאמרי אינשי מסגני ושליטי הות אייזן לגברי נגרי. (שם ע"ב) (יהושע יג) הרגו בני ישראל בחרב אל חלליהם אמר רב שקיימו בו ארבע מיתות סקילה שרפה הרג וחנק:

**כד כתיב** (ש"א כג) דואג וכתיב דויג אמר רבי יוחנן בתחלה ישב הקב"ה ודאג שמא יצא זה להרבות רעה לאחר שיצא אמר וי שיצא זה. אמר רבי יצחק מאי דכתיב (תהלים נב) מה תתהלל ברעה הגבור חסד אל כל היום א"ל הקב"ה לדואג לא גבור בתורה אתה מה תתהלל ברעה לא חסד אל נטוי עליך כל היום. ואמר רבי יצחק מאי דכתיב (שם נ) ולרשע אמר אלהים מה לך לספר חקי א"ל הקב"ה לדואג הרשע מה לך לספר חקי כשאתה מגיע לפרשת מרצחים ופרשת מספרי לה"ר מה אתה

מבלק ומזקני מדין: גמלא. הנע קרני כך בלעם בקש שכר ונהרג: גזיז מיניה. התכו מניה: בלעם בן בעור הקוסם. הרגו בחרב כהוא קרא ביהושע כתיב: ולבסוף. שנתן עיניו לקלל את ישראל ניטלה ממנו נבואה ונעשה קוסם: מסגני ושליטי הות. אבות סגנים ושרים היתה: אייזן לגברי נגרי. זינתה למושכי חבל הספינה. ליטנא אחריגא נגרי חרשים: הרגו אל חלליהם. מיתות הרבה מצוע שתלאוהו והליתו אש תחת בלגיבה והתכו בחצו ונפל לתוך האש. תליה היינו חנק. תפיכת הראש הרג. כשנפל לארץ סקילה. וכשנפל לאור שרפה:

שמא יצא זה להרבות רעה לאחר שיצא. להרבות רעה אמר וי לכבי כתיב דויג: אמר לו הקב"ה לדואג. והלא גבור אתה בתורה למה תתהלל לספר לשון הרע על דוד: לא חסד. חורה עליך לא תכם בתורה אתה דכתיב ותורת חסד על לשונה: מרצחים: שהרג נב: עלי סיף. ולא

---

דאס איז וואס מענטשין זאגין דער קעמיל איז אמאהל גיקומען בעטין מען זאל איהם געבין הערנער. האט מען איהם אפ געשניטען זיינע אויערין. בלעם איז געקומען בעטען שכר. האט מען איהם גיהרגת. עס שטייט אין פסוק בלעם בן בעור הקוסם (דער מכשף). איז דען בלעם גיוועזען אמכשף. ער איז דאך גיוועזען אנביא. האט רבי יוחנן גיזאגט אין אנהייב איידער ער איז גיגאנגען פלוכין די יודין איז ער גיוועזען אנביא. דער נאך ווי ער איז גיגאנגען פלוכין די יודין איז פון איהם צו גינומען גיווארין די נביאות אונ ער איז גיווארין אמכשף. רב פפא זאגט דאס איז וואס מענטשין זאגין די ווייב פון אגרויסען שר אונ אגיוועלטיגער האט זי מזנה גיוועזען מיט אסטאלאר. פריער איז ער גיוועזען אנביא אונ איצט איז ער גיווארין אמכשף. עס שטייט אין פסוק דיא יודין האבין גיהרגת בלעם מיט אשווערד אויף זייערע דער שלאגענע. רב זאגט דיא יודין האבין מקיים גיוועזען אויף בלעם פיר ערליי מיתות. סקילה שרפה הרג חנק. זייא האבין איהם גיהאנגען. דאס איז חנק. אונטער איהם האבין זיי אנגיצונדען אפייער. איז שרפה. זיי האבין אפ גיהאקט זיין קאפ מיט אשווערד. איז הרג. אונ מען האט איהם אראפ גיווארפין אויף די ערד. דאס איז סקילה:

**כד** כתיב. אמאהל שטייט דואג מיט אאל"ף. אונ אמאהל שטייט דויג מיט איו"ד. רבי יוחנן זאגט אין אנהייב איז גאט גיזעסין אונ האט גיזארגט טאמער וועט דער מענטש ווערין ארשע. דריבער האט מען איהם גערופין דואג. ווארום דואג איז דער טייטש זארגין. דער נאך ווי ער איז שוין גיווארין ארשע. האט גאט גיזאגט ווי. אשאד וואס דער מענטש איז גיווארין ארשע. דריבער שטייט דויג מיט איו"ד. דיא מיטעלע אותיות זאלין מאכין וי. רבי יצחק זאגט עס שטייט אין פסוק וואס לויבסטו דיך מיט דיא שלעכץ. דער חסד פון גאט איז אגאנצין טאג. גאט האט גיזאגט צו דואג דוא ביזט דאך אשטארקער למדן אין דער תורה. פאר וואס לויבסטו דיך מיט דיא שלעכץ. דער חסד פון גאט ודיא תורה איז דאך אויף דיר גיגייגט אגאנצין טאג. דוא לערנסט דאך תורה אגאנצין טאג. פאר וואס זאלסטו טאהן שלעכץ. נאך האט רבי יצחק גיזאגט עס שטייט אין פסוק צום רשע האט גאט גיזאגט צו וואס טויג דיר צו ציילין מיינע מצוה. גאט האט גיזאגט צום רשע דואג צו וואס טויג דיר דאס צו ציילען מיינע מצות. אז דו קומסט צוא דיא פרשה פון מרצחים ואז מען טאר ניט הארגענין) אונ אז דוא קומסט צוא דיא פרשה

פון

אתה דורש בהם (שם) ותשא בריתי עלי פיך אמר ר' אמי אין תורתו של דואג אלא משפה ולחוץ. ואמר רבי יצחק מאי דכתיב (שם נב) יראו צדיקים וייראו ועליו ישחקו בתחלה ייראו ולבסוף ישחקו. ואמר רבי יצחק מאי דכתיב (איוב כ) חיל בלע ויקיאנו מבטנו יורישנו אל אמר דוד לפני הקב"ה רבונו של עולם ימות דואג אמר לו חיל בלע ויקיאנו אמר לפניו מבטנו יורישנו אל. ואמר רבי יצחק מאי דכתיב (תהלים נב) גם אל יתצך וגו' אמר הקב"ה לדוד ניתי דואג לעלמא דאתי אמר לפניו גם אל יתצך לנצח. לימרו שמעתא בי מדרשא משמיה יחתך ויסחך מאהל. ליהוי ליה בנין רבנן ושרשך מארץ חיים סלה. וא"ר יצחק מאי דכתיב (ישעיה לג) איה סופר איה שוקל איה סופר את המגדלים איה סופר כל אותיות שבתורה איה שוקל ששוקל כל קלים וחמורים שבתורה איה סופר את המגדלים שהיה סופר ג' מאות הלכות פסוקות

נב: בתחלה ייראו. הצדיקים היו יראים שלא ילמד אדם ממעשיו של דואג שהולך ומצליח: ולבסוף. כשמת בחצי ימיו ושב גמולו בראשו ישחקו: חיל בלע ויקיאנו. המתן עד שתשכח תורתו: אמר לפניו מבטנו יורישנו אל. אל תמתין לו עד שתשתכח אלא תמהר ותשכיחנו: בי מדרשא. מאהל זה בית המדרש: ושרשך מארץ חיים סלה. שורש שלו תכסה מארץ חיים דלא ליהוי ליה בנין רבנן: כל אותיות שבתורה. שהיה בקי בחסירות ויתרות: שוקל קלים וחמורים. ויודע לדרוש בק"ו: במגדל הפורח באויר. מתג העליונה שלמעלה מן הלמ"ד מפני מה כפופה למטה ע"ל מפי

---

פון לשון הרע וואס מען טאר ניט ריידן לשון הרע וואס לערונסטו דארטין. פאר וואס האסטו גיהרגת די כהנים פון נוב אונ פאר וואס האסטו גירעט לשון הרע אויף דוד המלך. דו טראגסט מיין תורה אויף דיין מויל. רבי אמי זאגט דיא תורה פון דואג איז נאר גיוועזן אויסוועניג. ער האט גילערונט תורה מיט זיין מויל אבער ניט אין הארצין. ער האט ניט מקיים גיוועזן וואס ער האט גילערונט. נאך האט רבי יצחק גיזאגט עס שטייט אין פסוק דיא צדיקים וועלען זעהן וועלען זייא מורא האבען אונ אויף איהם וועלען זייא לאכען. אין אנהייב ווען דיא צדיקים האבען גיזעהן דיא שלעכטס וואס דואג טוהט אונ ער האט גרוים הצלחה האבין זיי מורא גיהאט טאמער וועלען אנדערע מענטשען אויך ווערען רשעים. אבער דער נאך וויא זיי האבן גיזעהן אז דואג איז גישטארבען אין זיינע מיטען יאהרין. אונ גאט האט איהם גישטראפט. האבען זייא גילאכט. נאך האט רבי יצחק גיזאגט עס שטייט אין פסוק חיל בלע ויקיאנו מבטנו יורישנו אל. דוד המלך האט גיזאגט פאר גאט רבונו של עולם זאל דואג שטארבען. האט גאט גיזאגט צו דוד חיל בלע ויקיאנו: דואג האט איין געשלונגען תורה. מוז מען ווארטען ביז ער וועט אוים ברעכען דיא תורה. ביז ער וועט דיא תורה פאר געסען דער נאך וועט ער שטארבען. האט דוד גיזאגט פאר גאט מען זאל ניט ווארטען ביז ער וועט אליין פאר געסען דיא תורה. נאר מבטנו יורישנו אל. גאט זאל אויף געשווינט ארוים טרייבען דיא תורה פון זיין בויך. נאך האט רבי יצחק גיזאגט עס שטייט אין פסוק גם אל יתצך. גאט האט גיזאגט צו דוד זאל דואג קומען צו עולם הבא. האט דוד גיזאגט פאר גאט גם אל אפילו דו ביזט דאך גאט וואס דוא האסט רחמנות אויף אלע מענטשען. יתצך לנצח: אבער דואג זאל צו שטויסען ווערען אויף אייביג. ער זאל ניט האבען קיין עולם הבא. גאט האט גיזאגט צו דוד זאל מען זאגען איין דין אין בית המדרש פון דואגס וועגען. האט דוד גיזאגט יחתך ויסחך מאהל. גאט זאל פאר שניידין אונ אויס ריסען דעם דואג פון דעם בית המדרש. גאט האט גיזאגט צו דוד זאל דואג האבען קינדער זאלען זיין רבנן. האט דוד גיזאגט ושרשך מארץ חיים סלה. דוא זאלסט איהם אויסווארצלען פון דיא לעבעדיגע וועלט אויף אייביג. נאך האט רבי יצחק גיזאגט עס שטייט אין פסוק איה סופר איה שוקל. וו איז דער ציילער ווא איז דער וועגער ווא איז דער וואס ציילט דיא טורעמס. ווא איז דער וואס האט גיציילט אלע אותיות פון דער תורה. מען זאל וויסען וויא אזוי דיא ווערטער זאלען ווערען געשריבען אין דער ספר התורה. אונ ווא איז דער וועגער וואס ער האט גיוואוגין אלע מצות פון דער תורה. וועלכע איז גרינג אונ וועלכע איז שווער. מען זאל וויסען וויא אזוי אפ צו לערנען איין דין פון אנדערע. אונ ווא איז

דער

בפסוקות במגדל הפורח באויר. א"ר אמי ד' מאות בעיי הוו בעו דואג ואחיתופל במגדל הפורח באויר ולא אפשיט להו חד אמר רבא רבותא למבעי בעיי בשני דרב יהודה כולי תנויי בנזיקין ואנן קא מתנינן בעוקצין טובא וכי הוה מטי ר"י האשה שכובשת ירק בקדרה ואמרי לה זיתים שכבשן בטרפיהן טהורין אמר הויות דרב ושמואל קא חזינא הכא ואנן קא מתנינן בעוקצין תלת סרי מתיבתא ורב יהודה שליף מסאני ואתא מטרא ואנן צוחינן וליכא דמשגח בן אלא הקדוש ברוך הוא לבא בעי דכתיב (ש"א טז) וה' יראה ללבב:

**קה אמר** רב משרשיא דואג ואחיתופל לא הוו סברי שמעתא מתקיף ליה מר זוטרא מאן דכתיב ביה איה סופר איה שוקל איה סופר את המגדלים ואת אמרת לא הוו סברי שמעתא אלא דלא הוה סלקא להו שמעתתא אליבא דהלכתא דכתי' (תהלים כה) סוד ה' ליראיו. אמר רבי אמי לא מת דואג

בשמועה: ל"א במגדל הפורח באויר הנכנס לארץ העמים בשידה תיבה ומגדל אם הוא טמא אם לאו. ל"א ג' מאות הלכות במגדל הפורח באויר לעשות כישוף להעמיד מגדל באויר כגון שלשה מאות הלכות בנטיעת קישואין דאמרינן בפרקין דלעיל ולמורי נראה דה"נ ג' מאות הלכות במגדל העומד באויר ומשנה היא באהלות דמשכחת בהדי מגדל העומד וטומאה בתוכו כלים שבתוכו טמאים וכן נראה לרבי: רבותא למבעי בעיי. וללמוד תורה כהמנהג לא בעי דהא בשני דרב יהודה כולהו הוי בסדר נזיקין הוה כל התלמוד שלהן לא הוה תנא בסדר נזיקין שלא היו מרבין כל כך לדרוש: האשה שכובשת ירק בקדרה. לא אשכחתיה במסכת עוקצין: שכובשת ירק בחומץ או בציר טהורים דאין מקבלין טומאה ע"י עוקצין באם נגעה טומאה בשרשיו העלין טהורים שאין נעשה יד לעלין מאחר שכבשן שאין מניחים לשם אלא למראה: זיתים שכבשן בטרפיהן. איתא במסכת עוקצין טרפיהן עלין שלהם טהורים הזיתים שאין נעשין להם בית יד להכניס להם טומאה: הויות דרב ושמואל קא חזינא הכא. דלא הוה ידע מ"ט הם טהורים: תליסר מתיבתא. י"ג ישיבות שאנו עוסקים כולן במסכת עוקצין ויודעין אותה יפה ואפ"ה הם היו חסידים יותר ממנו דאילו רב יהודה וכו': לא סברי. לא היו יודעין הלכ' לפרשה כתקנה בטעמא: דלא הלכתא להו שמעתתא כו'. שלא זכו לקבוע

---

דֶער וָואס הָאט גֶעצֵיילְט דִיא טוּרֶעמְס. עֶר הָאט גֶעצֵיילְט דְרַייא הוּנְדֶערְט דִינִים אִין דֶעם טוּרֶעם וָואס פְלִיהְט אִין דֶער לוּפְטֶען (אִין דֶעם אוֹבֶּערְשְׁטֶען סְטְרִיכֶעלֶע פוּן לְמ"ד). רַבִּי אַמִי זָאגְט פִיר הוּנְדֶערְט שְׁאֵלוֹת הָאבֶּען דוֹאֵג אוּנ אֲחִיתוֹפֶל גֶפְרֶעגְט אוֹיף דֶעם טוּרֶעם וָואס פְלִיהְט אִין דֶער לוּפְטֶען (אוֹיף דֶעם אוֹבֶּערְשְׁטֶען סְטְרִיכֶעלֶע פוּן לְמ"ד). אוּנ מֶען הָאט נִיט גֶעוְואוּסְט צוּ עֶנְטְפֶערֶען זֵייא אוֹיף אֵיין שְׁאֵלָה אוֹיךְ נִיט. הָאט רָבָא גֶזָאגְט אִיז דֶען אַגְרוֹיסֶקַייט צוּ פְרֶעגִין שְׁאֵלוֹת. אִין דִי יָאהְרִין פוּן רַב יְהוּדָה אִיז גִיוֶוען דָאס גַאנְצֶע לֶערְנֶען נָאר אִין סֵדֶר נְזִיקִין. אוּנ מִיר לֶערְנֶען נָאר אִין דֶער מַסֶכֶת עוּקְצִין אַלֵיין פִיל דְרָשׁוֹת. אוּנ אַז רַב יְהוּדָה פְלֶעגְט קוּמֶען צוּ דֶער מִשְׁנָה אִשָּׁה וָואס הָאט אַיין גִיפְרֶעסְט יָרָק (קְרוֹיט אוּגֶערְקֶעס) אִין אַטָאפּ. אַנְדֶערֶע זָאגִין אַז רַב יְהוּדָה פְלֶעגְט קוּמֶען צוּ דֶער מִשְׁנָה אֵייל בִּירְטֶען וָואס מֶען הָאט זֵייא אַיינְגֶעפְּרֶעסְט אִין אַטָאפּ מִיט זֵייעֶרֶע בְּלֶעטֶער וֶוענֶען זֵייא טָהוֹר: הָאט רַב יְהוּדָה נִיט גֶעוְואוּסְט פַר וָואס זֵייא וֶוענֶען טָהוֹר. אוּנ עֶר הָאט גִיזָאגְט אִיךְ זֶעה דָא אִין דֶער מִשְׁנָה דִיא קֻשְׁיוֹת פוּן רַב אוּנ שְׁמוּאֵל. אוּנ מִיר לֶערְנֶען אִין דֶער מַסֶכֶת עוּקְצִין דְרַייצֶעהְן יְשִׁיבוֹת אוּנ מִיר וֵוייסֶען דִיא מַסֶכֶת זֵייעֶר גוּט פוּן דֶעסְטְוֶועגֶען אַז דִיא וֶועלְט הָאט גִידַארְפְט רֶעגִין אוּנ רַב יְהוּדָה הָאט נָאר אוֹיס גִיטָאהְן דִיא שִׁיךְ אוּנ הָאט אַבִּיסֶעל צֵער גִהַאט אִיז שׁוֹין גֶעגַאנְגֶען רֶעגֶען. אוּנ מִיר לֶערְנֶען אַזוֹי פִיל אוּנ אַז מִיר בַּארְפִין רֶעגֶען שְׁרֵייעֶן מִיר אוּנ מֶען קוּקְט גָאר נִיט אוֹיף אוּנְזֶער גֶעשְׁרֵייא. אוּנ מֶען גִיט אוּנְז נִיט קֵיין רֶעגִין. זֶעהְן מִיר אַז נִיט דָאס פִיל לֶערְנֶען אִיז דֶער עִיקָר. גָאט וִויל נָאר דִיא הַארְץ פוּן מֶענְטְשִׁין, עֶר זָאל הָאבֶּען אַפְרוּמֶע הַארְץ. אַזוֹי וִויא עֶס שְׁטֵייט אִין פָּסוּק גָאט זֶעהְט נָאר דִיא הַארְץ פוּן מֶענְטְשֶׁען:

**קה אָמַר.** רַב מְשַׁרְשְׁיָא הָאט גֶזָאגְט דוֹאֵג אוּנ אֲחִיתוֹפֶל הָאבֶּען נִיט גֶעוְואוּסְט צוּ לֶערְנֶען אַדִין אוּנ אִיהם צוּ פַארְשְׁטֵיין מִיט דֶעם טַעַם פַאר וָואס דֶער דִין אִיז אַזוֹי. הָאט מַר זוּטְרָא גֶפְרֶעגְט צוּ רַב מְשַׁרְשְׁיָא דֶער מֶענְטְשׁ וָואס אוֹיף אִיהם שְׁטֵייט ווא אִיז דֶער צֵיילֶער ווא אִיז דֶער וֶועגֶער ווא אִיז דֶער וָואס צֵיילְט דִיא טוּרֶעמְס (אַזוֹי וִוי עֶס שְׁטֵייט אִין פְרֶיעֶרְדִיגֶען סִימָן) זָאגְסְטוּ אַז זֵיי הָאבֶּען נִישְׁט פַארְשְׁטַאנֶען קֵיין דִין. נָאר אַזוֹי זָאג זֵיי הָאבִּין נִיט זוֹכֶה גֶוֶועזְן צוּ לֶערְנֶען אַזַאךְ וִויא דֶער דִין אִיז. וָוארוּם עֶס שְׁטֵייט אִין פָּסוּק סוֹד ה' לִירֵאָיו. גָאט זָאגְט זַיינֶע סוֹדוֹת נָאר צוּ דִיא מֶענְטְשֶׁען

וואס

דואג עד ששכח תלמודו שנאמר (משלי ה) הוא ימות באין מוסר וברוב אולתו ישגה רב אמר נצטרע שנא' (תהלים עג) הצמת כל זונה ממך וכתיב התם (ויקרא כה) לצמיתות ומתרגמינן לחלוטין ותנן אין בין מוסגר ומוחלט אלא פריעה ופרימה. א"ר יוחנן שלשה מלאכי חבלה נזדמנו לו לדואג אחד ששכח תלמודו ואחד ששרף נשמתו ואחד שפזר עפרו בבתי כנסיות ובבתי מדרשות. וא"ר יוחנן דואג ואחיתופל לא ראו זה את זה דואג בימי שאול ואחיתופל בימי דוד. וא"ר יוחנן דואג ואחיתופל לא הצו ימיהם תניא נמי הכי (תהלים נה) אנשי דמים ומרמה לא יחצו ימיהם כל שנותיו של דואג לא היו אלא ל"ד ושל אחיתופל אינם אלא ל"ג:

הלכה כמותן: ומתרגמינן לחלוטין. ולקמן תנן לגבי חליטה גבי מלורע: אלופי. היינו רבי: אוכל לחמי. לומד תורתי:

קו וא"ר יוחנן בתחלה קראו דוד לאחיתופל רבו ולבסוף קראו חברו ולבסוף קראו תלמידו בתחלה קראו רבו (תהלים נה) ואתה אנוש כערכי אלופי ומיודעי ולבסוף קראו חברו (שם) אשר יחדו נמתיק סוד וגו' ולבסוף קראו תלמידו (שם מא) גם איש שלומי

---

וואס זענען פרום און האבען מורא פאר איהם. רבי אמי זאגט דואג איז ניט געשטארבען ביז ער האט פאר געסין זיין תורה וואס ער האט געלערנט. אזוי וויא עס שטייט אין פסוק ער וועט שטארבען אן מוסר און ער וועט פאר אירט ווערין דורך זיינע פיל נארעשקייט: רבי זאגט דואג איז קרעציג געווארין. אזוי וויא עס שטייט אין פסוק הצמת כל זונה ממך ודיא אלע וואס קערין אפ פון דיר הצמת. (האסטו זייא קרעציג געמאכט). פון וואנען ווייסען מיר אז הצמת מיינט מען קרעץ: ווארום דא שטייט הצמת; און אין איין אנדער פסוק שטייט לצמיתות. טייטשט דער תרגום לחלוטין. ווערין מיר טייטשין הצמת אויך לחלוטין. און לחלוטין מיינט מען אקרעציגען. אזוי וויא מיר האבען געלערנט אין בין מוסגר ומוחלט אלא פריעה ופרימה. וצווישען אקרעציגען וואס מען דארף איהם פאר שליסען און אקרעציגען וואס ער איז טמא ביז ער ווערט געזונד. איז ניט מער דא אונטער שייד נאר געגין לאזין דיא האר וואקסען און דיא קליידער רייסען). רבי יוחנן זאגט דריי מלאכי חבלה זענען אנגיברייט געווארין צוא דואג; איינער האט איהם געמאכט פאר געסין זיין לערנען. און איינער האט פאר ברענט זיין נשמה. און איינער האט פאר שפרייט זיין אש אין דיא שולען און אין דיא בתי מדרשים. נאך האט רבי יוחנן געזאגט דואג און אחיתופל האבען ניט געזעהן איינער דעם אנדערין. ווארום דואג איז געוועזען אין דיא צייט פון שאול. און אחיתופל איז געוועזען אין דיא צייט פון דוד; נאך האט רבי יוחנן געזאגט דואג און אחיתופל האבען ניט גילעבט דיא העלפט יאהרין וויא זייא האבען געדארפט לעבין. מיר האבען אויך אזוי גילערנט דיא מענטשין וואס פאר גיסען בלוט און דיא פאלשע מענטשין וועלין ניט לעבין דיא העלפט פון זייערע יאהרין (א מענטשינם לעבין רעכענט מען זיבעציג יאהר. דיא העלפט איז פינף און דרייסיג יאהר. און דואג מיט אחיתופל האבען ניט גילעבט צו פינף און דרייסיג יאהרן. נאר דואג האט גילעבט פיר און דרייסיג יאהר. און אחיתופל האט גילעבט דריי און דרייסיג יאהר.

קו ואמר. נאך האט רבי יוחנן געזאגט אין אנהייב האט דוד גירופען צו אחיתופל רבי. דער נאך האט ער איהם גירופען חבר; דער נאך האט ער איהם גירופען תלמיד. אין אנהייב האט ער איהם גירופען רבי אזוי וויא עס שטייט אין פסוק דוד האט געזאגט צו אחיתופל דוא ביסט א מענטש אין מיין גלייכען דו ביסט אלופי ומיודעי (מיין רבי און מיין פריינד). דער נאך האט דוד איהם גירופען חבר אזוי וויא עס שטייט אין פסוק דוד האט געזאגט צוא אחיתופל מיר וועלין צו זאמען האלטען א עצה. זענען זייא געוועזען ביידע גלייך. דער נאך האט דוד איהם גירופען תלמיד אזוי וויא עס שטייט אין פסוק דוד האט געזאגט אויף אחיתופל דער מענטש וואס איך האב גימיינט

שהפך משכבו וכו' שהיה מהפך מטתו ביום כדי שלא יהרהר אחר אשה כל היום : ונתעלמה ממנו הלכה . שמשביע אבריו בהשמיש רעב ומרעבו שבוע : ה"ג ויתהלך על גג . ול"ג והיינו : הלהא . כוורת : פתק בה גירא . זכירה כלומר שהכה בה ובברה לשון אחר שהפיס שברה ונפלה :

של מי אשר בטחתי בו אוכל לחמי ונומר :

(דף קז) **קז אחר** רב יהודה אמר רב לעולם אל יביא אדם עצמו לידי נסיון שהרי דוד מלך ישראל הביא עצמו לידי נסיון ונכשל אמר לפניו רבונו של עולם מפני מה אומרים אלהי אברהם אלהי יצחק ואלהי יעקב ואין אומרים אלהי דוד אמר אינהו מינסו לי את לא מינסית לי אמר לפניו רבש"ע נסני שנאמר (תהלים כו) בחנני ה' ונסני א"ל מינסא לך ועבידנא מלתא בהדך דלדידהו לא הודענא ואילו אנא קא מודענא לך דמנסינא לך בדבר ערוה מיד (ש"ב יא) ויהי לעת הערב ויקם דוד מעל משכבו וגו' אמר רב יהודה שהפך משכבו של לילה למשכבו של יום ונתעלמה ממנו הלכה אבר קטן יש באדם משביעו רעב ומרעיבו שבע (היינו דכתיב) (שם ג) ויתהלך על גג בית המלך וירא אשה רוחצת מעל הגג והאשה טובת מראה מאד בת שבע הות קא חייפה רישה תותי חלתא אתי שטן אידמי ליה כצפרתא פתק ביה גירא פתקה לחלתא אגליה וחזיה

מיד

---

גימיינט אז ער איז מיט מיר שלום . וואס איך האב מיך פר זיכערט אויף איהם . וואס ער עסט מיין ברויט וואס ער לערנט מיין תורהן :

**קז אמר** . רב יהודה האט גזאגט פון רבם וועגן אמענטש זאל זיך ניט ברענגען צוא אעבירה ער זאל זיך פרובין צו שטארקן אויף דעם יצר הרע . טאמער וועט ער זיך ניט קענען שטארקן אויף דעם יצר הרע וועט ער דער חייל טאהן דיא עבירה . וואריום דוד המלך האט זיך גיברענגט צו אעבירה אונ ער האט אויך גימיינט ער וועט זיך קעגען שטארקן אויף דעם יצר הרע . אונ ער האט זיך ניט גיקענט שטארקן אונ האט גיטאהן אעבירה . ווארום דוד האט גזאגט פאר גאט רבונו של עולם פאר וואס זאגט מען אלהי אברהם אלהי יצחק ואלהי יעקב אונ מען זאגט ניט אלהי דוד . האט גאט גזאגט צו דוד זייא האב איך גיפרובט אונ האב גיזעהן אז זייא קענען זיך שטארקן אויף דעם יצר הרע . דיך האב איך ניט גיפרובט . האט דוד גזאגט פאר גאט רבונו של עולם פרוב מיך אויך : אזוי וויא עס שטייט אין פסוק גאט פרוב מיך . האט גאט גזאגט צו דוד איך וועל דיך פרובין . אונ איך וועל דיר טאהן אטובה . זייא האב איך ניט גזאגט מיט וואס איך וועל זייא פרובין אונ דיר זאג איך מיט וואס איך וועל דיך פרובין . מיט זנות . באלד האט גאט איהם גיפרובט . עס איז גיוועזן פארין נאכט איז דוד אויף גישטאנען פון זיין גילעגער . רב יהודה זאגט דוד האט גיטאהן פאר קערט . דעם גילעגער פון בייא נאכט האט ער גימאכט ביי טאג . ווייל גאט האט איהם גזאגט ער וועט איהם פרובין מיט זנות : האט דוד זיך גיוואלט זאט מאכען מיט תשמיש המטה . דריבער איז ער ביי טאג גישלאפען מיט זיינע ווייבער . ער זאל ניט גלוסטין צו אנדערע . ער זאל קענען בשטיין ביי דיא פראבע . ער האט אבער פאר געסין דעם דין דאס קליינע גליד פון מענטשין (דיא מילה) אז ער מאכט איהם זאט מיט תשמיש המטה איז ער הונגעריג . וויל ער נאך מער . אונ אז ער מאכט איהם הונגעריג . ער גיוואוהנט זיך אפ פון תשמיש המטה . איז ער זאט . אונ ער גלוסט גאר ניט . אונ דוד איז גיגאנגען שפאצירען אויף דעם דאך פון דאס קעניגליכע הויז . אונ ער האט גיזעהן פון דאך וויא אאשה וואשט זיך . אונ דיא אשה איז גיוועזן זייער אשיינע . זיא האט גיהייסען בת שבע , אונ זיא האט גיקעמט דעם קאפ אונטער אבינשטאק . האט דוד ניט גיקענט איר אזוי גוט זעהן . איז גיקומען דער שטן אונ האט זיך פאר שטעלט פאר אפייגעלע . האט דוד גיווארפען אפייל צו שיסען דיא פייגעלע . דער ווייל האט דיא פייל אומגיווארפען דעם בינשטאק איז בת שבע אנטדעקט גיווארען אונ ער האט איר גיזעהן . האט דוד באלד געשיקט פרעגין ווער דיא אשה איז . האט מען איהם גזאגט דאס איז בת שבע דיא טאכטער פון

אליעם

מיד (שם) וישלח דוד וידרוש לאשה ויאמר הלא זאת
בת שבע בת אליעם אשת אוריה החתי וישלח דוד
מלאכים ויקחה ותבא אליו וישכב עמה והיא מתקדשת
כטמאתה והיינו דכתיב (תהלים יז) בחנת לבי פקדת
לילה צרפתני בל תמצא זמותי בל יעבר פי אמר איכו
זממא נפל בפומיה דמאן דסני לי ולא אמר כי
הא מלתא :

**קח דרש** רבא מ"ד (תהלים יא) למנצח לדוד בה'
חסיתי איך תאמרו לנפשי נודי הרכם
צפור אמר דוד לפני הקב"ה רבש"ע מחול לי על אותו עון שלא יאמרו (הרשעים) הר
שבכם צפור נדדתו . דרש רבא מ"ד (שם נא) לך לבדך חטאתי וגומר אמר דוד לפני
הקב"ה גלוי וידוע קמך דאי בעאי למכפייה ליצרי הוה כייפינא אלא אמינא דלא לימרו
עבדא זכי למריה . דרש רבא מ"ד (שם לה) כי אני לצלע נכון ומכאובי נגדי תמיד ראויה
היתה בת שבע בת אליעם לדוד מששת ימי בראשית אלא שבאת אליו במכאוב
וכן תנא דבי ר' ישמעאל ראויה היתה לדוד בת שבע בת אליעם אלא שאכלה פגה . דרש
רבא מ"ד (שם לה) ובצלעי שמחו ונאספו נאספו
עלי

מתקדשת מטומאתה. (וכא עליה) [ואותה שעה פסק טומאתה ולא בא עליה] כשהיא נדה : פקדת לילה. על מעשה לילה פקדתני אם אוכל לעמוד בנסיון של דבר עבירה : צרפתני בל תמצא. חשבת למצוא בי ולא מלאתי נקי : איכו זממא. מי יתן והיה בפי רסן ונפסר לעכב את דברי שלא אומר דבר זה של בחנני :
הר שבכם. מלך שבכם : צפור נדדתו. דע"י צפור נטרד כדאמרינן אידמי ליה כצפרא : עבדא זכייה למריה. העבד נאה לו להודות בהוכחתו : כי אני לצלע נכון. ראוי לצלע היה נכון לי : שאכלה פגה. שקפצה את השעה ליזקק ע"י עבירה : נאספו

---

אֱלִיעָם דִיא וַוייבּ פוּן אוּרִיָה הַחִתִּי . הָאט דָוִד גֶעשִׁיקְט מֶענְטשֶׁין אוּנ מֶען הָאט אִיר גֶענוּמֶען
אוּנ מֶען הָאט אִיר גִיבְּרַיינְגְט צוּ דָוִד . אוּנ דָוִד אִיז מִיט אִיר גִישְׁלָאפֶען . אוּנ זִיא הָאט זִיךְ
גִיהַיילִיגְט פוּן אִיר טוּמְאָה וִויא אִיז גִיוֶועז אַנִדָה אוּנ הָאט זִיךְ טוֹבֵל גִיוֶועזְן . דָאס זָאגְט דֶער פָּסוּק
דָוִד הַמֶּלֶךְ הָאט גְזָאגְט צוּ גָאט דוּא הָאסְט גִיפְּרוּבְט מַיין הַארְץ . דוּא הָאסְט אוֹיף מִיר גִיבָּאטְן
צוּא פְּרוּבִין מִיךְ מִיט דִיא זַאךְ וָואס וֶוערְט גִישָׁאהן בַּיי נַאכְט וּמִיט תַּשְׁמִישׁ הַמִּטָּה] . דוּא הָאסְט
מִיךְ גִיפְּרוּבְט : דוּא הָאסְט מִיךְ אָבֶּער נִיט גִיטְרָאפֶען אִיךְ זָאל הָאבֶּען בֶּעשְׁטַאנֶען בַּייא דִיא
פְּרָאבֶּע . זַמּוֹתִי בַּל יַעֲבָר פִּי . הַלְוַואי וָואלְט גִיוֶועזְן אַשְׁרָאס בַּיי מַיינֶע שׂוֹנְאִים אִין מוֹיל . אוּנ
זַייא וָואלְטִין נִיט גִיזָאגְט דִיא זַאךְ מֶען זָאל זַייא פְּרוּבִין וָדאס הָט דָוִד גִימַיינְט זִיךְ . נָאר וִוי אֵיינֶער
ווִיל זִיךְ נִיט פְּרוּבִין זָאגְט עֶר דִיא קְלָלָה אוֹיף דִי שׂוֹנְאִים] :

**קח** דָרַשׁ . רָבָא הָאט גִידַרְשְׁת עֶס שְׁטֵייט אִין פָּסוּק לַמְנַצֵחַ לְדָוִד אִיךְ בַּשִׁיץ מִיךְ אִין
גָאט וִויא אַזוֹי קֶענְט אִיר אוֹיף מִיר זָאגֶן אַייעֶר בַּארְג אִיז פַאר וָואגִילְט גִיוָוארִין דוּרְךְ אַפוֹיגֶעל .
דָוִד הָאט גְזָאגְט פַאר גָאט רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם זַייא מִיר מוֹחֵל דִיא עֲבֵירָה פוּן בַּת שֶׁבַע . מֶען זָאל
נִיט זָאגֶן אוֹיף מִיר אַייעֶר בַּארְג [אַייעֶר מֶלֶךְ] אִיז פַאר וָואגִילְט גִיוָוארִין דוּרְךְ אַפוֹיגֶעל [אַזוֹי וִויא
עֶס שְׁטֵייט אִין סִימָן כוּ] :

רָבָא הָאט גִידַרְשְׁת עֶס שְׁטֵייט אִין פָּסוּק צוּא דִיר אַלֵיין הָאבּ אִיךְ גֶעזִינְדִיגְט . דָוִד הָאט
גְזָאגְט פַאר גָאט דִיר אִיז דָאךְ בֶּעווּאוּסְט אַז אִיךְ וָואלְט וֶועלִין נֵייטִין דֶעם יֵצֶר הָרָע נִיט מְזַנֶּה
זַיין מִיט בַּת שֶׁבַע . וָואלְט אִיךְ אִיהם גִיקֶענְט נֵייטִין . נָאר אַז אִיךְ וָואלְט דִיא עֲבֵירָה נִיט
גִיטָאהן וָואלְט מֶען זָאגֶן דֶער קְנֶעכְט [דָוִד] הָאט אַיין גֶענוּמֶען זַיין הַאר [גָאט] . גָאט הָאט גְזָאגְט
אִיךְ וֶועל נִיט קֶענֶען בַּשְׁטֵיין בַּייא דִיא פְּרָאבֶּע אוּנ אִיךְ בִּין יָא בֶּעשְׁטַאנֶען בַּייא דִיא פְּרָאבֶּע
דְרִיבֶּער הָאבּ אִיךְ גִיטָאהן דִיא עֲבֵירָה מֶען זָאל אַזוֹי נִיט זָאגֶן :

רָבָא הָאט גִידַרְשְׁת עֶס שְׁטֵייט אִין פָּסוּק כִּי אֲנִי לְצֶלַע נָכוֹן וְאִיךְ בִּין גִיוֶועזְן אָן גִיבְּרֵייט צוּא
דִיא וַוייבּ] וּמַכְאוֹבִי נֶגְדִּי תָּמִיד [אוּנ מַיינֶע שְׁמֶערְצִין זֶענֶען אֵייבִּיג נֶעגִין מִיר] . בַּת שֶׁבַע אִיז
גִיוֶועזְן אָן גִיבְּרֵייט צוּא זַיין אַוַוייבּ צוּ דָוִד פוּן דֶער צַייט וָואס דִיא וֶועלְט אִיז בַּשַׁאפֶען גִיוָוארִין .
נָאר זִיא אִיז גִיקוּמֶען צוּ אִיהם דוּרְךְ שְׁמֶערְצִין דוּרְךְ אַעֲבֵירָה . אוּנ אַזוֹי הָאט רַבִּי יִשְׁמָעֵאל
גִילֶערְנְט בַּת שֶׁבַע אִיז גִיוֶועזְן אָן גִיבְּרֵייט צוּ זַיין אַוַוייבּ צוּ דָוִד . נָאר עֶר הָאט אִיר גִיגֶעסֶען
אוּמְצַייטִיג . עֶר הָאט אִיר גֶענוּמֶען פַאר דִיא צַייט דוּרְךְ אַעֲבֵירָה : רָבָא הָאט גִידַרְשְׁת עֶס שְׁטֵייט
אִין

עלי נכים ולא ידעתי קרעו ולא דמו אמר דוד לפני הקב"ה רבש"ע גלוי וידוע לפניך שאם היו קורעין את בשרי לא היה דמי שותת ולא עוד אלא בשעה שהם עוסקים באהלות ונגעים פוסקים ממשנתן ואומרים לי דוד הבא על אשת איש מיתתו במה אמרתי להם הבא על אשת איש מיתתו בחנק ויש לו חלק לעה"ב אבל המלבין פני חברו ברבים אין לו חלק לעולם הבא :

**קם אמר** רב יהודה אמר רב אפילו בשעת חליו של דוד קיים שמונה עשר עונות שנא' (תהלים ו) יגעתי באנחתי אשחה בכל לילה מטתי בדמעתי ערשי אמסה :

**קי ואמר** רב יהודה אמר רב בקש דוד לעבוד ע"ז שנאמר (ש"ב טו) ויהי דוד בא עד הראש אשר ישתחוה שם לאלהים ואין ראש אלא עבודה זרה שנא' (דניאל ב) הוא צלמא ראשה די דהב (ש"ב טו) והנה לקראתו חושי הארכי קרוע כתנתו ואדמה על ראשו א"ל לדוד יאמרו מלך כמותך יעבוד ע"ז א"ל מלך שכמותי יהרגנו בנו מוטב יעבוד ע"ז ואל יתחלל שם

עלי נכים . בעלי . מומין כמו פרעה נכה והיו מלעיגין עלי ואני כלא ידע . לשון אחר ולא ידעתי לא הייתי יודע כשמלעיגין כלומר פתאום בא עלי אותו עון שלא ידעתי שניהן פתחין פה לביישני . ב"ג בשעה שעוסקין כמיהוה ביה דין אומרים לי הבא על אשה איש מיתתו וכו' : שמונה עשר עונות. לשמונה עשר נשיו שלא לענגן : באנחתי אשחה . אפי' בשעת אנחתי אשחה בכל לילה : מטתי . תשמיש כריטה שנין כתי ומשום קרי ליה : בדמעתי ערשי אמסה . שבשעת דמעתי אני ממאיס את מטתי בתשמיש : יאמרו מלך שכמותי . הכיצד שכמותי יהרגנו בנו ויהיו מתרעמין על מדותיו של הקב"ה ונמצא ש"ש מתחלל בפרהסיא : מוטב אעבוד ע"ז . ואחלל את השם אני לבדי ולא יחללו אותו כל העולם: אמר לו . חושי הארכי לדוד קב"ה לא עביד דינא בלא דינא שמעמיד בנך עליך להרגך דאת מאי טעמא נסבת יפת תואר דאמו של אבשלום מעכה

---

אין פסוק אויף מיין ברוך האבען זייא זיך גיפרייט אונ האבען זיך פאר זאמעלט. אפילו היינקעדיגע האבען זיך אויך פאר זאמעלט אויף מיר אונ איך ווייס ניט פאר וואס. ווען זיי וואלטין מיין לייב געריסען וואלט קיין בלוט ניט גיגאנגען : דוד האט גזאגט פאר גאט רבונו של עולם עס איז בעוואוסט פאר דיר אז זייא וואלטען געריסען מיין לייב וואלט קיין בלוט ניט גערונען. אונ נאך מער טוהען זייא ווען זייא לערנען דיא מסכת נגעים אדער דיא מסכת אהלות הערין זייא אויף צו לערנען אונ זאגען צו מיר דוד וואס ער האט מזנה גיוועזען מיט אשת איש מיט וואס דארף מען אים הרגנן . זאג איך צו זיי דער וואס איז מזנה מיט אשת איש דארף מען אים דער ווערגין . אבער ער האט עולם הבא . אונ דער וואס פאר שעמט זיין חבר פאר פיל מענטשין האט ער ניט קיין עולם הבא :

**קם אמר** . רב יהודה האט גזאגט פון רבם וועגין אפילו ווען דוד איז קראנק גיוועזען האט ער אויך מקיים גיוועזען אכטצעהן מאהל דיא מצוה פון תשמיש המטה מיט זיינע אכטצעהן ווייבער . יגעתי באנחתי ואפילו ווען איך האב מיך גימאטערט מיט מיינע זיפצונג ווען איך בין קראנק גיוועזען . פון דעסטוועגין אשחה בכל לילה מטתי והאב איך פאר מיאוסט אלע נאכט מיין בעט מיט שכבת זרע בדמעתי ערשי אמסה ואפילו ווען איך האב געוויינט מיט טרערין אויף מיין קראנקייט . פון דעסטוועגין האב איך פאר מיאוסט מיין בעט מיט שכבת זרעו :

**קי ואמר** . נאך האט רב יהודה גזאגט פון רבם וועגין דוד האט גיוואלט דינען עבודה זרה . אזוי וויא עס שטייט אין פסוק דוד איז גיקומען ביז הראש וואס דארט פלעגט ער זיך בוקין צו גאט . ראש מיינט מען עבודה זרה . אזוי וויא עס שטייט אין פסוק דער צלם ראשה די דהב . זיין קאפ איז גיוועזען פון גאלד : אונ געגין דוד איז געקומען חושי הארכי זיין העמד איז גיוועזען צוריסען אונ ערד איז גיוועזען אויף זיין קאפ . האט חושי הארכי גזאגט צו דוד מען וועט זאגען אזוי אמלך וויא דוא ביסט זאל דינען עבודה זרה . האט דוד גזאגט צו חושי הארכי אז זא אפרומער מלך וויא איך בין זאל מיך מיין זוהן וועלין הרגנן . וועלין מענטשין זאגען אז גאט איז אומגירעכט . וועט דאך זיין א חילול השם . וועל איך בעסער דינען עבודה זרה . וועט ניט זיין קיין חילול השם . וואדום מען וועט זאגען גאט איז גירעכט . ווייל דוד דינט עבודה זרה

דריבער

שם שמים בפרהסיא אמר מ"ט נסבת יפת תואר א"ל יפת תואר רחמנא שרייה א"ל לא דרשת סמוכין דסמוך ליה (דברים כא) כי יהיה לאיש בן סורר ומורה כל הנושא יפת תואר יש לו בן סורר ומורה:

## קיא דרש

רבי דוסתאי דמן בירי למה דוד דומה לסוחר כותי אמר דוד לפני הקב"ה רבש"ע (תהלים יט) שגיאות מי יבין א"ל שביקי לך מנסתרות נקני שביקי לך גם מזדים חשוך עבדך שביקי לך אל ימשלו בי אז איתם דלא לישתעו בי רבנן שביקי לך (אז איתם) ונקיתי מפשע רב שלא יכתוב סורחני אמר לו אי אפשר ומה יו"ד שנטלתי משרי עמד וצוח כמה שנים עד שבא יהושע והוספתי לו שנאמר (במדבר יג) ויקרא משה להושע בן נון יהושע כל

בת תלמי מלך גשור ותפסה דוד במלחמה דאין לומר כעבירה נהא לו דהא כתיב רק בדבר אוריה החתי: סוחר כותי. דרכו לפחות את סחורתו מעט מעט (יותר מדאי) להעמידה על דמים מועטים: שגיאות מי יבין. מי יוכל להשמר משגגות: אמר ליה הקב"ה: שביקא לך. מחול לך: נסתרות. מזיד של לינעא: זדים. מזיד של פרהסיא: ה"ג אל ימשלו בי דלא לשתעו בי רבנן. והיינו אל ימשלו לשון משל שלא ידרשו בתפלתי חכמי הדורות: אז איתם שלא יכתב סורחני. שתמחוק אותה פרשה מן המקרא ויתכחש הדבר לעולם: כל הפרשה. שכתובה בכר שעשים אותו חטא:

---

דְרִיבֶּער הָאט גָאט אוֹיף אִיהם אָן גֶערֵייצְט זַיין זוּהן. הָאט חוּשַׁי גֶעזָאגְט צוּא דָוִד אֲפִילוּ דוּא ווֶעסְט נִיט דִינֶען עֲבוֹדָה זָרָה ווֶעלִין אוֹיךְ אַלֶע מֶענְטְשִׁין זָאגֶן אַז גָאט אִיז גִידֶערְבְּט. ווָארוּם פַאר ווָאס הָאסְטוּ גֶענוּמֶען אַגוֹיִשֶׁע ווַייבּ וְדִיא מוּטֶער פוּן אַבְשָׁלוֹם אִיז גִיוֶוען אַטָאכְטֶער פוּן אַמֶלֶךְ ווָאס דָוִד הָאט אִיר גִיפַאנְגֶען אִין דֶער מִלְחָמָה. הָאט דָוִד גִזָאגְט דִיא תּוֹרָה הָאט מַתִּיר גִיוֶוען אַז מֶען זֶעהט אַשֵׁיינֶע גוֹיֶה אִין דֶער מִלְחָמָה מֶען זָאל זִיא גֶעמֶען פַאר אַווַייבּ. הָט חוּשַׁי גִזָאגְט צוּ דָוִד. פַאר ווָאס הָאסְטוּ נִיט גִידַרְשֶׁת דִיא נָאנְטֶע פְּסוּקִים. נֶעבִּין דִיא פְּסוּקִים ווָאס עֶס שְׁטֵייט אַז מֶען מֶעג גֶעמֶען אַגוֹיִשֶׁה ווַייבּ אִין דֶער מִלְחָמָה. שְׁטֵייט אַז אַמֶענְטְשׁ ווֶעט הָאבֶּען אַזוּהן ווָאס עֶר אִיז אַסוֹרֵר וּמוֹרֶה [אַפְרֶעסֶער אוּנ אַזוֹיפֶער ווָאס עֶר פָאלְגְט נִיט זַיין פָאטֶער אוּנ מוּטֶער] דֶער פָּסוּק לֶערוּנְט אוּנְז דֶער ווָאס נֶעמְט אַגוֹיִשֶׁע ווַייבּ ווֶעט עֶר פוּן אִיר הָאבֶּען אַזוּהן ווָאס עֶר ווֶעט זַיין אַסוֹרֵר וּמוֹרֶה. דְרִיבֶּער ווֶעט זִיךְ קֵיינֶער נִיט ווָאוּנְדֶערִין אוֹיף אַבְשָׁלוֹם ווָאס עֶר ווִיל בַּיי דִיר צוּ גֶעמֶען דִיא מְלוּכָה. דָאס ווֶעט מֶען נִיט אָן אֵיינֶגֶען אוֹיף דֵיינֶע שְׁלֶעכְטִקֵייט. נָאר מֶען ווֶעט אָנאֵיינֶגֶען אוֹיף דִי שְׁלֶעכְטִקֵייט פוּן דַיין זוּהן:

**קיא** דָרַשׁ. רַבִּי דוֹסְתָּאִי פוּן בִּירִי הָאט גִידַרְשֶׁת צוּ ווֶעמֶען אִיז דָוִד גְלַייךְ צוּ אַסוֹחֵר ווָאס עֶר אִיז אַכּוּתִי ווָאס עֶר הַאנְדִילְט סְחוֹרָה בִּיסְלַאכְווַייז עֶר זָאל קוֹיפֶען ווָאלְווִיל. אַזוֹי הָאט דָוִד גִיבֶּעטֶן בַּיי גָאט בִּיסְלַאכְווַייז אוֹיף זַיינֶע עֲבֵירוֹת מֶען זָאל זַיי אִיהם מוֹחֵל זַיין. דָוִד הָאט גִזָאגְט פַאר גָאט רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם ווֶער קֶען פַאר שְׁטֵיין זִיךְ צוּא הִיטֶען פוּן צוּא טָאהן אַעֲבֵירָה אוּמְגֶערִין. הָאט גָאט גִזָאגְט אוֹיף דִיא עֲבֵירוֹת ווָאס דוּא הָאסְט גִיטָאהן אוּמְגֶערִין בִּין אִיךְ דִיר מוֹחֵל. דֶער נָאךְ הָאט דָוִד גִזָאגְט פַאר גָאט פוּן דִיא עֲבֵירוֹת ווָאס אִיךְ הָאבּ גִיטָאהן גֶערִין ווַייל זַייא זֶענֶען פַאר בָּארְגִין קֵיינֶער ווֵייס נִיט פוּן זַייא. זָאלְסְטוּ מִיךְ אוֹיךְ דֵיין מַאכֶען. הָאט גָאט גִזָאגְט דִיא עֲבֵירוֹת בִּין אִיךְ דִיר אוֹיךְ מוֹחֵל. דֶער נָאךְ הָאט דָוִד גִזָאגְט פַאר גָאט פוּן דִיא עֲבֵירוֹת ווָאס אִיךְ הָאבּ גִיטָאהן גֶערִין אוּנ מֶענְטְשִׁין ווֵייסֶען פוּן דִיא עֲבֵירוֹת. זָאלְסְטוּ אוֹיךְ פַאר מַיידֶען דֵיין קֶנֶעכְט. זָאלְסְטוּ זַייא מִיר אוֹיךְ מוֹחֵל זַיין. הָאט גָאט גִזָאגְט דִיא עֲבֵירוֹת בִּין אִיךְ דִיר אוֹיךְ מוֹחֵל. דֶער נָאךְ הָאט דָוִד גִזָאגְט פַאר גָאט דִיא חֲכָמִים זָאלֶן נִיט זָאגֶן אוֹיף מִיר מְשָׁלִים. דִיא חֲכָמִים זָאלֶן נִיט שְׁמוּעֶסִין פוּן מִיר אִין בֵּית הַמִּדְרָשׁ. הָאט גָאט גִזָאגְט אִיךְ ווֶעל דָאס אוֹיךְ טָאהן פוּן דַיינֶעט ווֶעגִין. דֶער נָאךְ הָאט דָוִד גִזָאגְט פַאר גָאט דוּא זָאלְסְט מִיךְ רֵיין מַאכֶען פוּן מַיין גְרוֹיסֶען זִינְד מַיין זִינְד מִיט בַּת שֶׁבַע זָאל נִיט שְׁטֵיין אִין תַּנַ"ךְ. ווֶעט קֵיינֶער נִיט ווִיסֶען אַז אִיךְ הָאבּ דִיא זִינְד גִיטָאהן. הָאט גָאט גִזָאגְט דָאס קֶען נִיט זַיין. מַארָאךְ דֶער יוּד ווָאס אִיךְ הָאבּ צוּ גֶענוּמֶען פוּן שָׂרַי ווִיא זָאל הֵייסֶען שָׂרָה אִיז גִישְׁטַאנֶען פַאר מִיר פִּיל יָאהרִין אוּנ הָאט גֶעשְׂרִיגֶען. בִּיז יְהוֹשֻׁעַ אִיז גֶעקוּמֶען אוֹיף דֶער ווֶעלְט הָאבּ אִיךְ אִיהם

גינעבין

על אחת כמה וכמה . שלא הועקר : תחטאני באזוב . מכלל שהיה צריך טהרה אזוב כמצורע : בחברון מלך שבע שנים וששה חדשים . מדקאמר חשיב להו וכאידך קרא לא חשיב להו ש"מ לא היה מלכותו שלמה שנצטרע אותן ששה חדשים : ס"א אבל בהיי כך אני מודיע ולא גרסינן לך :

כל הפרשה כלה על אחת כמה וכמה . ונקיתי מפשע רב אמר לפניו רבש"ע מחול לי על אותו עון כולו אמר כבר עתיד שלמה בנך לומר בחכמתו (משלי ו) היחתה איש אש בחיקו ובגדיו לא תשרפנה אם יהלך איש על גחלים ורגליו לא תכוינה כן הבא אל אשת רעהו לא ינקה כל הנוגע בה א"ל כל הני נט"ד ההוא גברא א"ל קביל עליך יסורין קביל עליה אמר רב יהודה אמר רב ששה חדשים נצטרע דוד ונסתלקה הימנו שכינה ופירשו ממנו סנהדרין . נצטרע דכתיב (תהלים נא) תחטאני באזוב ואטהר וגו' נסתלקה הימנו שכינה דכתיב (שם) השיבה לי ששון ישעך ונומר ופרשו ממנו סנהדרין דכתיב (שם קיט) ישובו לי יראיך וגו' ו' חדשים מנ"ל דכתיב (מ"א ב) והימים אשר מלך דוד על ישראל ארבעים שנה בחברון מלך שבע שנים ובירושלים מלך שלשים ושלש שנים וכתיב (ש"ב ה) בחברון מלך על יהודה שבע שנים וששה חדשים ובירושלים מלך ל"ג שנה והנך ו' חדשים לא קא חשיב ש"מ נצטרע (כתיב (תהלים פו) עשה עמי אות לטובה וגו') אמר לפניו רבש"ע מחול לי על אותו עון

---

געגעבין דעם יו"ד . אזוי וויא עס שטייט אין פסוק משה האט גירופען צו הושע בן נון יהושע . וויא אזוי וועל איך ארוים נעמען פון תנ"ך אגאנצען קאפיטול וואס אין איהם שטייט געשריבען דיין זינד . דער נאך האט דוד גזאגט פאר גאט רבונו של עולם דער זינד וועט בלייבען שטיין אין תנ"ך זיי מיר אבער מוחל דיא עבירה אין גאנצען . האט גאט גזאגט צו דוד דיין זוהן שלמה וועט אמאהל זאגען מיט זיין חכמה קען דען זיין אז אמענטש זאל שארען פייער אין זיין שוים אונ זיינע קליידער זאלין ניט פאר ברענט ווערין . קען דען זיין אז אמענטש זאל גיין אויף ברענענדיגע קוילען אונ זיינע פיס זאלען ניט פאר בריהט ווערין . אזוי קען ניט זיין אז איינער זאל מזנה זיין מיט זיין חברס ווייב אונ ער זאל ריין ווערין . נאר ווער עס רירט אן זיין חברס ווייב וועט ניט ריין ווערין . האט דוד גזאגט אזוי בין איך פאר טריבען פון גאט . האט גאט גזאגט צו דוד נעם אויף זיך צו ליידין יסורים . האט דוד אויף זיך גענומען צו ליידין יסורים . רב יהודה זאגט פון רבס וועגין זעקס חדשים איז דוד גיוועז קרעציג . אונ די שכינה איז גיוועז אפ גיטאהן פון איהם . אונ די סנהדרין זענען גיוועז אפ גישייט פון איהם . פון וואנען ווייסען מיר אז דוד איז גיוועז קרעציג . ווארום עס שטייט אין פסוק דוד הט גזאגט דו זאלסט מיך ריין מאכען מיט אזוב וועל איך זיין ריין ואונ אקרעציגען ריינעגט מען מיט אזוב אזוי וויא עס שטייט אין די סדרה מצורע . פון וואנען ווייסען מיר אז די שכינה איז גוועז אפ גטאהן פון דוד . ווארום עס שטייט אין פסוק דוד האט גבעטען ביי גאט קער מיר צוריק דיין פריילעכע הילף ווארום אויף דעם ארט ווא די שכינה רוהט דארט איז פריילעכקייט . אז ער האט גבעטען דיא שכינה זאל צוריק קערין צו איהם . איז ויא דאך גוועז אפ גשיידט פון איהם . פון וואנען ווייסען מיר אז די סנהדרין זענען גוועז אפ געשיידט פון דוד . ווארום דוד האט גבעטען די פרומע מענטשען וואס האבען מורא פאר גאט זאלען צוריק קערען צו מיר . אז ער האט גבעטען זיי זאלען צוריק קערען . זענען זיי דאך גוועז אפגעשייד פון איהם . פון וואנען ווייסען מיר אז דוד איז גוועז קרעציג זעקס חדשים . ווארום עס שטייט אין פסוק אונ די טעג וואס דוד האט געקיניגט אויף דיא יודען איז גוועז פערציג יאהר . אין חברון האט ער געקיניגט זיבען יאהר . אונ אין ירושלים הט ער געקיניגט דריי אונ דרייסיג יאהר . אונ אין אנדערען פסוק שטייט אין חברון האט דוד געקיניגט אויף יהודה זיבען יאהר מיט זעקס חדשים . אונ אין ירושלים האט ער געקיניגט דריי אונ דרייסיג יאהר . פאר וואס רעכינט מען ניט אין יענעם פסוק די זעקס חדשים . ווייל דיא זעקס חדשים איז דוד גוועז קרעציג אונ ער האט זיך נישט געמישט צו דער מלוכה . נאך די זעקס חדשים האט דוד גזאגט פאר גאט רבונו של עולם זיי מיר מוחל דיא עבירה . הט גאט

גזאגט

עון כחול לך עשה עמי אות לטובה ויראו שונאי ויבושו א"ל בחייך איני מודיע אבל אני מודיע בחיי שלמה בנך בשעה שבנה שלמה את בה"מ בקש להכניס ארון לבית קדשי הקדשים דבקו שערים זה בזה אמר כ"ד רננות ולא נענה אמר (שם כד) שאו שערים ראשיכם והנשאו פתחי עולם ויבא מלך הכבוד וגו' ולא נענה כיון שאמר (ד"ה ב ו) ה' אלהים אל תשב פני משיחך זכרה לחסדי דוד עבדך מיד נענה באותה שעה נהפכו פני שונאי דוד כשולי קדרה וידעו כל ישראל שמחל לו הקב"ה על אותו עון :

כ"ד רננות. בין תפלה רנה ורנה אוכל כ"ד: בוהכה. מגבהת מתכה באה נגיעה כעין אותו שלושין ימאל"ה גלע"ז וע"י אותה אבן כעמיד

**קיב ופיסקא** גיחזי דכתיב] (מ"ב ח) וילך אלישע דמשק להיכן אזל א"ר יוחנן שהלך להחזיר גיחזי בתשובה ולא חזר א"ל חזור בך א"ל כך מקובלני ממך החוטא ומחטיא את הרבים אין מספיקין בידו לעשות תשובה מאי עבד א"ד אבן שואבת תלה לחטאת ירבעם והעמידה בין שמים לארץ ואיכא דאמרי שם חקק בפיה והיתה מכרזת ואומרת

---

זאגט איך בין דיר מוחל. האט דוד געזאגט פאר גאט טוה מיט מיר אצייכען צו גוטען ואז אלע זאלען וויסען אז דוא האסט מיר מוחל געווען דיא עבירה וועלען מיינע שונאים זעהן וועלען זיי זיך שעמען. האט גאט געזאגט צו דוד ביי דיין לעבען וועל איך דאס ניט וויסען מאכען נאר ביי דעם לעבען פון דיין זוהן שלמה וועל איך דאס וויסען מאכען פאר אלע מענטשען אז איך האב דיר די עבירה מוחל געווען. ווען שלמה האט געבאהט דעם בית המקדש אונ ער האט געוואלט אריין ברייינגען דעם ארון אין קדשי קדשים האבען די טוערין זיך בהעפט איינער צום אנדערען. אונ האבען ניט געלאזט אריין טראגען דעם ארון. האט שלמה געזאגט פיר אונ צוואנציג תפלות. די טוערען זאלען אויף געעפענט ווערען. אונ ער איז ניט געענטפערט געווארען. דיא טוערען זענען גוועזען פאר מאכט. שלמה האט געזאגט צו דיא טוערען. אידר טוערעי הייבט אויף אייערע קעפ. אונ דיא טירען זאלען אויף געהויבען ווערען אויף אייביג. אונ עס וועט קומען דער מלך ואס צו איהם געהער דער כבוד. אונ שלמה איז ניט געענטפערט געווארען. ווי שלמה האט גז גט גאט זאלכט ניט לייידיג צוריק קערען דעם פנים פון דיים געזאלבטען. געדיינק דיא חסדים וואס דוא האסט צו געזאגט צו דיין קנעכט דוד. איז שלמה באלד געענטפערט געווארען. אונ דיא טוערען זענען געעפענט געווארען. אונ מען האט אריין געבריינגט דעם ארון. אין דער צייט איז פאר קערט געווארען דער פנים פון די אלע פיינד פון דוד ואונ זייערע פנים מער זענען געווארין שווארץ וויא דער דעק פון אטאפ. אונ אלע יודין האבין געוואוסט אז גאט האט מוחל געווען צו דוד די עבירה פון בת שבע :

**קיב** פיסקא. פון וואנען ווייסען מיר אז גיחזי הט ניט קיין עולם הבא. ווארום עס שטייט אין פסוק אלישע איז געגאנגען צו דיא שטאט דמשק. צו וואס איז ער געגאנגען אין דמשק. רבי יוחנן זאגט ער איז געגאנגען צו גיחזי איהם זאגין ער זאל תשובה טאהן. אונ גיחזי האט ניט תשובה געטאהן. אלישע האט געזאגט צו גיחזי טוה תשובה. האט גיחזי געזאגט צו אלישע אזוי האב איך געלערענט פון דיר דער וואס זינדעגט אונ מאכט זינדיגען אנדערע מענטשען לאזט מען איהם ניט ער זאל תשובה טאהן. וואס איז געווען דיא עבירה וואס גיחזי האט געטאהן. אנדערע זאגין ער האט אויף געהאנגען אמאגנעט שטיין אויף דיא גאלדענע קעלבער וואס ירבעם האט געמאכט. זענען די קעלבער געבליבען הייגען אין דער לופטען צווישען הימעל אונ ערד. אנדערע זאגין ער האט אויס געקריצט דעם נאמען פון גאט אין דיא מויל פון דעם גאלדענעם קאלב. האט דיא קאלב געשריגען אנכי יי אלהיך אשר הוצאתיך מארץ מצרים איך בין דיין גאט וואס איך האב דיך ארויס געצויגען פון מצרים. אונ דעם אנדערען פסוק לא יהיה לך אלהים אחרים (דוא זאלסט ניט האבען קיין אנדערע געטער אויסער מיר). וויא דיא יודין האבען געזעהן

דיא

ואומרת אנכי ולא יהיה לך ואיכא דאמרי רבנן דחה מקמיה שנאמר (שם) ויאמרו בני הנביאים אל אלישע הנה המקום אשר אנחנו יושבים שם לפניך צר ממנו מכלל דעד הנה לא הוה דחיק :

קיג ת"ר לעולם תהא שמאל דוחה וימין מקרבת ולא כאלישע שדחפו לגיחזי בשתי ידים דכתיב (מ"ב ה) ויאמר נעמן הואל קח ככרים ויפרץ בו וגו' ויאמר אליו אלישע מאין גחזי ויאמר לא הלך עבדך אנה ואנה ויאמר אליו לא לבי הלך כאשר הפך איש מעל מרכבתו לקראתך העת לקחת את הכסף ולקחת בגדים וזיתים וכרמים וצאן ובקר ועבדים ושפחות. ומי שקל כולי האי כסף ובגדים הוא דשקל א"ר יצחק באותה שעה היה אלישע יושב ודורש בשמונה שרצים. נעמן שר צבא מלך ארם היה מצורע אמרה ליה ההיא רביתא דאישתבאי מארעא

סגולים של ירבעם בהויר : רבק דחה מקמיה שהלמידים דחה מישיבתו של אלישע : צר ממנו . מכלל דעד האידנא לא הוה צר : הואל קח. השבע שאלישע שלחך : ויפרץ בו. לגוחזי: ספת לקחת את הכסף והבגדים וגו' . ח' דברים קא חשיב בהאי קרא : וגיחזי מי שקל כולי האי . מנעמן כסף ובגדים הוא דשקל דכתיב וילר ככרים וגו' : אותה שעה היה אלישע עוסק . בפרק' שמונה שרצים : א"ל הגיע

---

דיא קערבער זענען אין דער לופטען : אדער זייא קענען רידען . האבען זייא געגלויבט אז דיא קעלבער זענען גאטער : האט דאך גיחזי געמאכט זינדיגען דיא יודען . אנדערע זאגען די עבירה פון גיחזי איז גיוועזן וואס ער האט ארויס געשטויסען דיא תלמידים פון אלישעס ישיבה זייא זאלין נים הערען תורה פון אלישע . אזוי וויא עס שטייט אין פסוק דיא יונגע נביאים האבען גזאגט צו אלישע דער ארט וואס מיר זיצען דארט פאר דיר איז איינג פאר אונז . אבער ביז איצט איז נים איינג גוועזן . וויל ביז איצט האט גיחזי אוועק געשטויסען פיל תלמידים . און איצט אז גיחזי איז ניטא . זענען אן גיקומען פיל תלמידים איז גווארין איינג :

קיג תנו רבנן . די רבנן האבין גילערונט אייביג זאל איין מענטש דעם אנדערען אוועק שטויסין פון זיך מיט דיא לינקע האנט . און זאל איהם נאנט מאכען צו זיך מיט די רעכטע האנט : נישט ווי אלישע וואס ער האט אוועק גשטויסען פון זיך דעם גיחזי מיט ביידע הענט , ווארום עס שטייט אין פסוק נעמן האט גזאגט צו גיחזי שווער אז אלישע האט דיך געשיקט און נעם צוויי צענטנער זילבער האט נעמן שטארק גיבעטען ביי גיחזי האט גיחזי גינומען . דער נאך ווי גיחזי איז גקומען פאר אלישע . האט אלישע גזאגט צו גיחזי פון וואנען קומסטו גיחזי , האט גיחזי גזאגט דיין קנעכט איז ערגעץ נים גגאנגען . האט אלישע גזאגט צו גיחזי מיין הארץ איז נים אוועק גגאנגען פון מיר . איך האב גיזעהן וויא אמענטש האט זיך אומגיקערט פון זיין רייט וואגען געגען דיר . איז דען איצט גיוועזן די צייט צו נעמען זילבער און צו נעמען קליידער , און איילבירטען און וויינגערטנער און שעפסין און רינדער און קנעכט און דינסטען . פרעגט די גמרא האט דען גיחזי גינומען אזוי פיל פון נעמן : ער האט דאך נאר גינומען זילבער און קליידער נים מער . און אלישע האט גירעכונט אכט זאכין האט גיחזי גינומען . האט רבי יצחק גזאגט אין דער צייט וואס גיחזי הט גענומען די זילבער מיט די קליידער איז גזעסין אלישע און האט גידרשת די דינים פון די אכט שרצים וואס שטייען אין דער תורה (החולד והעכבר והצב והאנקה והכח והלטאה והחומט והתנשמה) . און אלישע האט גיוואוסט אז גיחזי האט גיטראכט צו קויפען פאר דעם געלט וואס ער האט גינומען ביי נעמן איילבירטען און וויינגערטנער שעפסין און רינדער קנעכט און דינסטען . און מיט די זילבער און קליידער וואס ער האט גינומען . צו זאמען איז אכט זאכען . דריבער האט אלישע גיזאגט צו גיחזי . אזוי וויא די אכט שרצים וואס איך האב איצט גילערונט זייערע דינים אז מען עסט זיי ברייגנען זייא אויף דעם מענטשין צרעת . אזוי זאל אויף דיר קומען די צרעת פון נעמן פאר דיא אכט זאכין וואס דו האסט געוואלט האבין פון נעמנס געלט .

עס שטייט אין פסוק נעמן דער גענעראל פון מלך ארם איז גוועז קרעציג . ביי נעמנס וויב איז גיוועזן אמיידיל וואס איז גיפאנגען גווארין פון ארץ ישראל האט זיא גיזאגט צו נעמן אויב דוא

וועבט

מארעא דישראל אי אזלת לגבי אלישע מסי לך כי אתא א"ל זיל טבול בירדן א"ל אחוכי קא מחייכת בי אמרו ליה הנהו דהוו בהדיה כאי נפקא לך מינה זיל נסי אזל וטבל בירדנא ואיתסי אתא אייתי ליה כל הני דנקט לא צבי לקבולי מיניה גיחזי איפטר מקמי אלישע אזל שקל מאי דשקל ואפקיד כי אתא חזייה אלישע לצרעת דהות פרחה עילויה רישיה א"ל רשע הגיע עת ליטול שכר שמונה שרצים וצרעת נעמן תדבק בך ובזרעך עד עולם ויצא מלפניו מצורע כשלג (שם ז) וארבעה אנשים היו מצורעים פתח השער א"ר יוחנן גיחזי ושלשת בניו. תניא אמר רשב"א יצר תינוק ואשה תהא שמאל דוחה וימין מקרבת:

עת ליטול שכר פרק שמונה שרצים שנדבקו בו וכו'. ולהכי כתב בהאי קרא שמונה דברים כנגד אותו פרק כלומר כסף ובגדים שקבלת ממנו מנעמן סבור אתה לקנות דברים הללו להיותם לך שכר שמונה שרצים: יצר. אם יצר אתה מרחיקו ממנו לגמרי ממעט ישיבת העולם ואם מקרבו לגמרי בא לידי איסור שאינו יכול לכבוש יצרו מדבר עבירה: תינוק ואשה. דעתן קלה ואם מדחה אותם הטרידן מן העולם:

**קיד תנו** רבנן שלשה חלאים חלה אלישע אחד שגירה דובים בתינוקות ואחד שדחפו לגיחזי בשתי ידים ואחד שמת בו שנאמר (מ"ב יג) ואלישע חלה את חליו אשר ימות בו עד אברהם לא היתה זקנה כל דחזי לאברהם אמר האי יצחק כל דחזי ליצחק אמר האי אברהם בעא אברהם רחמי דליהוי ליה זקנה שנא' (בראשית כד) ואברהם

---

וועסט גיין צו אלישע וועט ער דיך היילען. אז נעמן איז גיקומען צו אלישע. האט אלישע גזאגט צו נעמן גייא טונק דיך איין אין ירדן וועסטו געזונד ווערין. האט נעמן גיזאגט צו אלישע דוא לאכסט פון מיר. דיא מענטשין וואס זענען געווען מיט נעמן האבין גיזאגט צו נעמן וואס הארט דיך אז דוא וועסט זיך איין טונקען אין ירדן: גיי פרוב. איז נעמן גיגאנגען אונ האט זיך איין געטונקט אין ירדן אונ ער איז געזונד געווארין. איז נעמן גיקומען צו אלישע אונ ער האט איהם גיוואלט געבען אלץ וואס ער האט מיט גיבראכט: האט אלישע ניט גיוואלט נעמען פון איהם. גיחזי איז אוועק גיגאנגען פון אלישע אונ איז גיגאנגען צו נעמן אונ ער האט ביי איהם גינומען וואס ער האט גינומען אונ ער האט בעהאלטין. אז גיחזי איז צוריק געקומען צו אלישע: האט אלישע גיזעהן ווי צרעת בליהט אויף דעם קאפ פון גיחזי: האט אלישע גיזאגט צוא גיחזי דוא רשע עס איז גיקומען די צייט דוא זאלסט נעמען דעם שכר פון די אכט שרצים וואס איך האב איצט גילערנט (ווי פריער שטייט). אונ די קרעץ פון נעמן זאל בהעפט ווערין אין דיר אונ אין דיינע קינדער אויף אייביג.. איז גיחזי ארויס גיגאנגען פון אלישע אונ איז געווען בדעקט מיט קרעץ ווייס וויא שנייא. עס שטייט אין פסוק פיר מענטשין זענען געווען קרעציג אונ זענען גיזעסין אין טויער פון שטאט. רבי יוחנן זאגט דאס איז געווען גיחזי מיט זיינע דרייא זיהן.

מיר האבין גילערנט רבי שמעון בן אלעזר זאגט דעם יצר הרע אונ א קינד אונ א ווייב זאל א מענטש אוועק שטויסען מיט דיא לינקע האנט אונ זאל זיי נאנט מאכען מיט די רעכטע האנט. א מענטש זאל ניט צו פיל נאך געבין דעם יצר הרע. אונ זאל אים ניט אין גאנצען אוועק שטויסין ער זאל זיך פייניגען. אונ ער זאל ניט אוועק שטויסין זיין ווייב אדער זיין קינד אין גאנצין פון זיך אונ ער זאל ניט ווייזען צו זיי צו פיל ליבשאפט:

**קיד** תנו רבנן. דיא רבנן האבען גילערנט דרייא מאהל איז אלישע קראנק גיוועזן. איין מאהל איז ער קראנק גיוועזן ווייל ער האט אן גירייצט בערין אויף דיא קינדער. דאס אנדערע מאהל איז ער קראנק גיוועזן ווייל ער הט אוועק געשטויסען זיין משרת גיחזי מיט ביידע הענט. אונ דאס דריטע מאהל איז ער קראנק גיוועזן וואס ער האט געדארפט שטארבען. אזוי ויא עס שטייט אין פסוק אונ אלישע איז קראנק גיווארין זיין קראנקייט וואס ער הט גידארפט שטארבען. ביז אברהם אבינו איז קיין מענטש ניט אלט גיווארין. אונ ווייל יצחק האט אויס גיזעהן אזוי וויא אברהם. פלעגט מען האבען אטעות. ווער עס האט גיזעהן אברהם האט ער געמיינט דאס איז יצחק. אונ ווער עס האט גיזעהן יצחק האט ער גימיינט דאס איז אברהם.

ואברהם זקן בא בימים . עד יעקב לא הוה חילשא בעא רחמי והוה חולשא שנאמר (שם מח) ויאמר ליוסף הנה אביך חולה עד אלישע לא הוה איניש חליש דמתפח ואתא אלישע ובעא רחמי ואיתפח שנאמר (מ"ב יג) ואלישע חלה את חליו אשר ימות בו :

קכו משנה דור המבול אין להם חלק לעה"ב ואין עומדין בדין שנאמר (בראשית ו) לא ידון רוחי באדם לעולם לא דין ולא רוח . דור הפלגה אין להם חלק לעה"ב שנאמר (שם יא) ויפץ ה' אותם משם וכתיב (שם) ומשם הפיצם ה' אנשי סדום אין להם חלק לעה"ב (אבל עומדין בדין) . שנאמר (שם יג) ואנשי סדום רעים וחטאים רעים בעה"ז וחטאים לעה"ב אבל עומדין בדין ר' נחמיה אומר אלו ואלו אין עומדין בדין שנאמר (תהלים א) על כן לא יקומו (דף קח)

חלה זה חליו הכי אשר ימות בו חלה : בעי רחמי דלהוי חולשא . כדי שיהא פנאי לבניו לבא כל אחד ואחד ממקומו לסוף · עניו בשעת מיתה שהיו סבורין בכלל למטה יודעין שימות ומתקבלין ובאין : מיתפח . מתרפא :
לא ידון רוחי לא דין ולא רוח . שאין עומדין בדין ואין להם רוח לחיות גם הצדיקים שיש להם חלק : ויפץ ה' אותם . בעוה"ז : ומשם הפיצם . בעוה"ב : אלו ואלו . אנשי דור המבול ואנשי סדום והדהפלגה פליג רבי נחמיה : רשעים דור המבול . דכתיב בהו כי רבה רעת האדם. חטאים אנשי סדום. דכתיב בהו רעים וחטאים : אבל עומדים הם .

---

האט אברהם מתפלל געוועזן אמענטש זאל אלט ווערן . אזוי וויא עס שטייט אין פסוק אברהם איז אלט געוועזן ער איז גיקומען אין יאהרין . ביז יעקב איז ניט געוועזן קיין קראנקייט . נאר אמענטש פלעגט שטארבן פלוצלינג . האט יעקב מתפלל געוועזן אז פאר דעם שטארבן זאל מען קראנק ווערן . מען זאל קענען בענטשין דיא קינדער אונ זאגן ווידוי אונ צוא טיילען דיא ירושה אונ נאך אנדערע זאכען וואס אמענטש דארף טאהן פאר זיין טויט . אזו ווי עס שטייט אין פסוק מען האט געזאגט צוא יוסף דיין פאטער איז קראנק . ביז אלישע איז קיין מענטש ניט געזונד געווארין פון זיין קראנקייט . נאר איידער ער האט געדארפט שטארבן איז ער קראנק גיווארן אונ גישטארבן . איז געקומען אלישע אונ האט מתפלל געוועזן אמענטש זאל קראנק ווערין אפילו ווען ער דארף ניט שטארבן . ווארער זאל זיך דער מאנען תשובה צוא טאהן אונ פרימער צו ווערין ווייל ער וועט מורא האבען אונ ער זאל געזונד ווערין פון זיין קראנקייט . אזוי וויא עס שטייט אין פסוק אלישע איז קראנק געוועזן זיין קראנקייט וואס פון איר האט ער געדארפט שטארבען . פון דעם פסוק זעהן מיר אז אוסער דיא לעצטע קראנקייט איז ער שוין אמאהל קראנק געוועזן וואס ער איז פון דיא קראנקייט נישט גישטארבען נאר געזונד געווארין :

קכו משנה : דור דיא מענטשין וואס זענען געשטארבען פון מבול האבען נישט קיין חלק עולם הבא . אונ זייא וועלין ניט געמשפט ווערין אין גיהנם . אזוי וויא עס שטייט אין פסוק לא ידון רוחי באדם לעולם מיין דין אונ מיין רוח וועט ניט זיין אין דיא מענטשין אויף אייביג . נישט איך וועל זייא משפטין . אונ איך וועל אין זייא נישט געבין אלעבעדיגען אטעם זייא זאלען קענען לעבעדיג ווערין צו תחיית המתים :

דור הפלגה . דיא מענטשין וואס האבען געמאכט דעם הויכען טורעם וויא עס שטייט אין דיא סדרה נח והאבען זייא ניט קיין חלק עולם הבא אזוי וויא עס שטייט אין פסוק גאט האט זייא פארשפרייט פון דארט אויף דער גאנצער וועלט . דער ווארט ומשם ופון דארט) איז איבעריג . עס דארף שטיין גאט האט זיי פארשפרייט אויף דיא גאנצע וועלט . נאר אזוי מיינט דער פסוק גאט האט זיי פאר שפרייט אויף די וועלט . אונ פון דארט טאמער שטארבט ער . דער נאך האט זיי גאט אויך פארשפרייט . זיי זאלין ניט האבין קיין עולם הבא . די מענטשין פון סדום וועלין ניט האבין קיין חלק עולם הבא . אזוי וויא עס שטייט אין פסוק די מענטשין פון סדום זענען געוועזן שלעכט וצו מענטשין) אונ זינדיג צו גאט זייער שטארק . ווייל זיי זענען געוועזן שלעכט צו מענטשין דריבער האט זיי גאט פארטריבען פון די וועלט . אונ ווייל זיי זענען געוועזן זינדיג צו גאט . דריבער וועלין זיי ניט האבין עולם הבא . אבער זיי וועלין שטיין צום משפט . רבי נחמיה זאגט די מענטשין וואס זענען דער טרונקען געווארין אין מבול אונ די מענטשין

פון

רשעים במשפט וחטאים בעדת צדיקים על כן לא יקומו רשעים במשפט זה דור המבול וחטאים בעדת צדיקים אינם עומדין אבל עומדין בעדת רשעים :

וכו׳. שחיין ונדונין : נשמתן קשה להם בגיהנם : נשמת עלמן שרפתן דכתיב רוחכם אש תאכלכם :

**קטז גמ׳ ת״ר** דור המבול אין להם חלק לעה״ב שנאמר (בראשית ז) וימח את כל היקום אשר על פני האדמה וגו׳ וימח את כל היקום בעולם הזה וימחו מן הארץ לעולם הבא דברי רבי עקיבא רבי יהודה בן בתירה אומר לא חיין ולא נידונין שנאמר לא ידון רוחי באדם לעולם לא דין ולא רוח דבר אחר לא ידון רוחי שלא תהא נשמתן חוזרת לנדנה ר׳ מנחם בר׳ יוסי אומר אפי׳ בשעה שהקדוש ברוך הוא מחזיר נשמות לפגרים מתים נשמתן קשה להם בגיהנם שנאמר (ישעיה לג) תהרו חשש תלדו קש רוחכם אש תאכלכם :

**קיז ת״ר** דור המבול לא נתגאו אלא בשביל טובה שהשפיע להם הקב״ה ומה כתיב בהם (איוב כא) בתיהם שלום מפחד וגומר וכתיב (שם) שורו עבר ולא

---

פון סדום וועלין ניט שטיין צום משפט. אזוי וויא עס שטייט אין פסוק דדיבער וועלין ניט אויף שטיין דיא רשעים צום משפט אונ דיא זינדיגע וועלין ניט זיין אין דיא פאר זאמלונג פון צדיקים. דיא רשעים וועלין ניט אויף שטיין צום משפט. דאס מיינט מען דיא רשעים וואס זענען דער טרונקען געווארן אין מבול. אונ דיא זינדיגע וועלן ניט זיין אין דיא פאר זאמלונג פון צדיקים. דאס מיינט מען דיא זינדיגע מענטשין פון סדום. האבען דיא חכמים גזאגט צו רבי נחמיה דיא מענטשין פון סדום וועלין ניט זיין אין די פאר זאמלונג פון צדיקים. אבער זיי וועלין זיין אין די פר זאמלונג פון רשעים. זייא וועלין געמשפט ווערין גלייך מיט אלע רשעים:

**קטז** גמרא תנו רבנן. דיא רבנן האבען גילערנט דיא מענטשין וואס זענען דער טרונקען געווארן אין מבול האבען ניט קיין עולם הבא. אזוי וויא עס שטייט אין פסוק ער האט אפ גימעקט אלץ וואס אויף דיא ערד איז גישטאנען. דער נאך שטייט נאך אמאהל זייא זענען אפ גימעקט געווארן פון דיא ערד. צוא וואס שטייט צווייא מאהל דער ווארט אפ גימעקט. נאר איין מאהל זענען זייא אפ גימעקט געווארן פון דיא וועלט. אונ נאך אמאהל זענען זייא אפ גימעקט געווארין פון עולם הבא. אזוי זאגט רבי עקיבא: רבי יהודה בן בתירה זאגט זייא וועלין נישט לעבעדיג ווערין צו עולם הבא. אונ זייא וועלין נישט געמשפט ווערין צו גיין אין גיהנם. אזוי וויא עס שטייט אין פסוק לא ידון רוחי באדם לעולם. מיין דין אונ מיין רוח וועט ניט זיין אין דיא מענטשין אויף אייביג. נישט איך וועל זייא משפטין. אונ איך וועל אין זייא נישט געבין אלעבעדיגען אטעם זייא זאלען קענען לעבעדיג ווערין צוא תחיית המתים. אנדערע זאגען לא ידון רוחי באדם מיינט מען דיא נשמות זייערע וועלן ניט קומען אין זייערע שיידן די נשמות וועלן ניט אריין קומען צוריק אין גוף: רבי מנחם ברבי יוסי זאגט אפילו ווען גאט וועט צוריק קערין דיא נשמות אין דיא טויטע קערפערס. אלע טויטע מענטשין וועלן מאכי צוריק לעבעדיג ווערין: אבער דיא מענטשין וואס זענען דער טרונקען געווארן אין מבול. וועט זייערע נשמות זיין פאר ברענט פון גיהנם. אונ אז דיא נשמות וועלן אריין קומען אין גוף וועלן זייא פר ברענען דעם גוף. אזוי וויא עס שטייט אין פסוק. תהרו חשש תלדו קש וואס איר וועט טראגן אונ גיבארין דאס וועט זיין אזוי וויא אשטרוי אונ אזוי וויא אפרעווע. רוחכם אש תאכלכם. אונ דיא נשמות וועלן זיין פייער. וועלן זייא פאר ברענען דעם גוף וואס ער איז וויא שטרויא:

**קיז** תנו רבנן. דיא רבנן האבען גילערנט דיא מענטשין וואס זענען דער טרונקען געווארן אין מבול זייער גרויסקייט איז גאר גיוועזן ווייל גאט האט זייא גיגעבן פיל גוטס. ווס שטייט בייא זיי. זייערע הייזער זענען גיוועזן מיט פרידען אונ עס איז ביי זייא קיין שרעק ניט גיוועזן.

ולא ינעיל וגו' וכתיב (שם) ישלחו כצאן עויליהם וגו' ישאו בתף וכנור וגו' יבלו בטוב ימיהם וגו' וכתי' וברגע שאול יחתו וגו' והיא גרמה שאמרו לאל (שם) סור ממנו ודעת דרכיך לא חפצנו מה שדי כי נעבדנו וגו' אמרו כלום אנו צריכים לו אלא לטפה של גשמים יש לנו נהרות ומעינות שאנו מסתפקין מהם אמר הקב"ה בטובה שהשפעתי להם בה מכעיסים אותי ובה אני דן אותם שנאמר (בראשית ו) ואני הנני מביא את המבול מים רבי יוסי אומר דור המבול לא נתגאו אלא בשביל גלגל העין שדומה למים שנא' (שם) ויקחו להם נשים מכל אשר בחרו לפיכך דן אותם במים שדומה לגלגל העין שנאמר (שם ז) נבקעו כל מעינות תהום רבה . אמר ר' יוחנן דור המבול ברבה קלקלו וברבה נידונו ברבה קלקלו דכתיב (שם ו) וירא ה' כי רבה רעת האדם ברבה נידונו דכתיב נבקעו כל מעינות תהום רבה (וכתיב (שם ח) ויסכרו מעינות תהום) א"ר יוחנן שלשה נשתיירו מהם בליעה דגדר וחמי טבריה ועינא רבתי דבירם :

בשביל גלגל העין . שרואים טובתם שלמה והיו נוכחים עיניהם ומגלפים אחר עיניהם : במים שדומה לגלגל העין . מעינות שנובעים ממקור קטן כמו עין : שלשה נשתיירו . מאותן מעינות של דור המבול שהיו חמין כדאמריק לקמן ברותחין קלקלו וברותחין נדונו :

כי

---

אז זיין אקס האט מעוברת געמאכט דיא קוה איז דיא זרע ביי איר געבליבען אונ זיא האט געבארן אקאלב . זייערע יונגע קינדער פלעגין זייא ארויס שיקען וויא דיא שעפסען . זיי פלעגין טראגן אפויק מיט אפידול . זייא האבען פאר ברייננגט זייערע טעג מיט גוטעס . אונ ביא זייער שטארבן פרעגין זייא אויך ניט האבען קיין יסורים . נאר אין איין רגע זענען זייא געשטארבען . אונ דיא גוטס האט זייא געבריינגט צוא דעם שלעכטיגקייט אז זייא האבען געזאגט צו גאט קער דיך אפ פון אונז אונ מיר ווילען ניט וויסען דיינע וועגין . וואס איז דען גאט מיר זאלען איהם דינען . זיי האבען געזאגט מיר דארפן דאך נאר גאט ער זאל אונז געבין דעם טראפען רעגין . מיר האבען טייכען אונ קוואלען וואס מיר קענען אונז בנוגענען מיט זייא . האט גאט געזאגט מיט די גוטס וואס איך האב זייא געגעבן (דיא טייכען אונ דיא קוואלען) מיט דעם דער צערענען זייא מיך . אונ מיט דעם וועל איך זייא שטראפען . איך וועל זייא דער טרייגקען אין דעם וואסער . אזוי וויא עס שטייט אין פסוק גאט זאגט אונ איך וועל ברייגגען דעם פאר פלייצונג פון וואסער . רבי יוסי זאגט דיא מענטשין וואס זענען דער טרונקען געווארען אין מבול זייער גרויסקייט איז נאר געוועזן דורך דיא אויג זייערע וואס דיא אויג איז גלייך צו אקוואל וואסער . ווארום דיא וואסער וואס גייט ארויס פון דיא ערד גייט אויך ארויס פון אלאך וואס איז אזוי וויא אאויג . ווייל זייא האבען געזעהן זייער גוטס מיט זייערע אויגען . אונ וואס זייער אויג האט נאר געזעהן אונ געגלוסט דאס האבען זייא געטאהן . אזוי וויא עס שטייט אין פסוק זייא האבען גענומען ווייבער וועלכע זייא האבען אויס דער ווילט . דריבער האט זייא גאט געשטראפט מיט וואסער . ווייל דיא אויג איז אויך וויא אקוואל וואסער . אזוי וויא עס שטייט אין פסוק עס זענען צוא שפאלטען געווארן אלע קוואלען פון גרויסען אבגרונד . רבי יוחנן זאגט דיא מענטשין וואס זענען דער טרונקען געווארן אין מבול האבען געזינדיגט מיט דעם ווארט רבה (זייא האבען צו פיל געזינדיגט) . אונ זיי זענען געשטראפט געווארן מיט דעם ווארט רבה (מיט אצוגרויסע שטראף) . זייא האבען געזינדיגט מיט דעם ווארט רבה . אזוי וויא עס שטייט אין פסוק גאט האט געזעהן כי רבה רעת האדם . אז דיא שלעכץ פון דיא מענטשין איז שוין צוא פיל . זענען זייא געשטראפט געווארן אויך מיט דעם ווארט רבה . אזוי וויא עס שטייט אין פסוק נבקעו כל מעינ'ת תהום רבה עס זענען צוא שפאלטען געווארן אלע קוואלען פון דעם גרויסען אבגרונד . צו דער טרייגקען דיא מענטשין . זאגט רבי יוחנן דריי ווארעמע קוואלען זענען געבליבען האפען וואס זענען נישט פאר מאכט געווארן האך דעם מבול . איין קוואל איז אין דעם ארט גדר . דער אנדערער איז אין טבריה . דער דריטער איז דער גרויסער קוואל וס איז דעם ארט בירם :

(בראשית ו) קיח כי השחית כל בשר את דרכו על הארץ א"ר יוחנן מלמד שהרביעו בהמה על חיה וחיה על בהמה והכל על אדם ואדם על הכל א"ר אבא בר כהנא וכולם חזרו חוץ מתושלמי . (שם) ויאמר אלהים לנח קץ כל בשר בא לפני א"ר יוחנן בא וראה כמה גדול כחו של חמס שהרי דור המבול עברו על הכל ולא נחתם עליהם גזר דינם עד שפשטו ידיהם בגזל שנאמר (שם) כי מלאה הארץ חמס מפניהם והנני משחיתם את הארץ וכתיב (יחזקאל ז) החמס קם למטה רשע לא מהם ולא מהמונם ולא מהמהם ולא נה בהם א"ר אלעזר מלמד שזקף עצמו כמקל ועמד לפני הקב"ה ואמר לפניו רבש"ע לא מהם ולא מהמונם ולא מהמהם ולא נה בהם . תנא דבי רבי ישמעאל אף על נח נחתם גזר דין אלא שמצא חן בעיני ה' שנאמר (בראשית ו) כי נחמתי כי עשיתם ונח מצא חן בעיני ה'. וינחם ה' כי עשה את האדם בארץ כי אתא רב דימי אמר

אמר

וכלב הזה. לכזווג עם מיניהם: חוץ מתושלמי: עוף הוא באותו עדיין הכביה רעה אמזווג עם הכל. תושלמי עוף א' כמס' חולין גבי במוגנ כפקות חיתא והרנגולת תושלמי ומורדא ודרכו של אותו עוף להרביע כל הבריות: שזקף עצמו עלמו כמקל. והיינו החמס קם למטה רשע: לא מהם. אין תועלת לא בהם ולא בהמונם ולא במהמם. מהמהם לשעריא בלע"ז: כי נחמתי כי עשיתם

---

קיח כי. עס שטייט אין פסוק יעדער בשעפעניש האט פארדארבן זיין געוואנהייט אויף דער ערד. רבי יוחנן זאגט דער פסוק דער ציילט אונז אז זיי האבען צו זאמען גיפארט א בהמה אזכר האט מזנה געוועזן מיט א חיה א נקבה. און א חיה א זכר האט מזנה געוועזן מיט א בהמה א נקבה. און בהמות און חיות זכרים האבען מזנה געוועזן מיט מענשליכע נקבות. און מענשן זכרים האבען מזנה געוועזן מיט בהמות און חיות נקבות. רבי אבא בר כהנא זאגט אלע בשעפעניש האבען זיך נאך דעם מבול צוריק געקערט צו זייער מין. נאר דער פויגעל וואס הייסט תושלמי איז נאך היינט אויך מזנה מיט וועלכע בשעפעניש עס קומט צו איהם. עס שטייט אין פסוק נאט האט גזאגט צו נח עס איז געקומען פאר מיר ועס איז ביי מיר געבליבען עס זאל זיין אן ענדע פון אלע בשעפעניש. רבי יוחנן זאגט קום און זעה ווי גרוים איז די עבירה פון גזלנן. די מענטשן פון מבול האבען געטאהן אלע עבירות און עס איז ניט נחתם געווארן אויף זיי דער גזר דין ביז זיי האבען געטאהן די עבירה פון גזלנן אויך. אזוי ווי עס שטייט אין פסוק ווייל די וועלט איז פול געווארן מיט רויב דריבער וועל איך זיי פארדארבן פון דער וועלט. נאך שטייט אין פסוק החמס קם למטה רשע לא מהם ולא מהמונם ולא מהמהם ולא נה בהם. רבי אלעזר זאגט דער פסוק לערנט אונז החמס קם למטה רשע אז דער מלאך וואס איז בשאפען געווארן פון די עבירה פון גזלה האט זיך אויף געשטעלט ווי א שטעקין און האט זיך געשטעלט פאר גאט שלעכטס צו טאהן אלע מענטשן און האט גזאגט רבונו של עולם לא מהם עס איז גישטא קיין נוצען פון די מענטשן צוא דיר גאט. ולא מהמונם. און עס איז גישטא פון זייא קיין נוצען צוא די גאנצע בשעפעניש. ולא מהמהם. און עס איז נישטא קיין נוצען צו זייא אליין. ווייל זייא גזלנן איינער ביא דעם אנדערין. ולא נה בהם. און אפילו דער נח וואס צווישען זייא טויג אויך ניט ואת ווערט פאר טאהשט אויף אהי. איז גלייך ווייא עס וואלט גישטאנען ולא נה בהם. דבי רבי ישמעאל האבען געלערנט אויף נח איז אויך געווען גיחתמת דער גזר דין ער זאל דער טרונקען ווערין אין מבול. נאר ער האט געפונען חן אין די אויגען פון גאט. אזוי ווייא עס שטייט אין פסוק גאט האט גזאגט כי נחמתי כי עשיתם ונח מצא חן בעיני ה'. שטייט דער ווארט ונח געבין דעם ווארט עשיתם. מיינט דער פסוק איך האב חרטה וואס איך האב זייא בשאפען און אויף נח האב איך אויך חרטה וואס איך האב איהם בשאפען. נאר פון דעסטוועגין איז נח געווען בעסער פון זיי און ער האט געפונען חן אין די אויגען פון גאט:

עס שטייט אין פסוק וינחם ה' כי עשה את האדם בארץ. אז רב דימי איז געקומען

פון

אמר הקב"ה יפה עשיתי שתקנתי להם קברות בארץ מאי משמע כתיב הכא וינחם וכתיב התם (שם נ) וינחם אותם וידבר על לבם וא"ד לא יפה עשיתי שתקנתי להם קברות בארץ כתיב הכא וינחם ה' וכתיב התם (שמות לב) וינחם ה' על הרעה אשר דבר לעשות לעמו:

ומה . סמוכים דריש : יפה עשיתי כו' . שאלמלאי זקן רשעים בזה : לא יפה עשיתי . דהפסד כיון חוזרים :
כל שכן אילו הוה בדורות אחרים היה צדיק יותר : פלייטון . בושם שריחו נודף ואית אפרסמון :

(בראשית ו) **קיט אלה** תולדות נח נח איש צדיק תמים היה בדורותיו א"ר יוחנן בדורותיו ולא בדורות אחרים וריש לקיש אמר בדורותיו כ"ש בדורות אחרים. א"ר חנינא משל דר' יוחנן למה הדבר דומה לחבית של יין שהיתה מונחת במרתף של חומץ במקומה ריחה נודף שלא במקומה אין ריחה נודף. א"ר אושעיא משל דריש לקיש למה הדבר דומה לצלוחית של פלייטן שהיתה מונחת במקום הטינופת במקומה ריחה נודף כל שכן במקום הבושם (שם ז) וימח את כל היקום אשר על פני האדמה אם אדם חטא בהמה מה חטאה תנא משום ר'

---

פון ארץ ישראל אין בבל האט ער גזאגט וינחם ה' איז דער טייטש גאט האט זיך גיטרייסט . גאט האט גזאגט איך האב גוט גיטאהן וואס איך האב אנגיברייט פאר דיא מענטשין קברים אין דער ערד . ווארום אז דער מענטש וואלט לעבין אייביג . וואלט זיינע זינד צו פיל גיוועזן . פון וואנען ווייסען מיר אז וינחם איז דער טייטש טרייסטן . ווארום דא שטייט וינחם . אונ דארט ביי יוסף מיט זיינע ברידער שטייט וינחם אותם וידבר על לבם . ער האט זייא גיטרייסט אונ האט גירעט צו זייא גוטע רייד וואס האט ברוהיגט זייערע הערצער . זעהן מיר אז וינחם איז דער טייטש טרייסטן . אנדערע זאגן וינחם ה' איז דער טייטש גאט האט חרטה גיהאט . גאט האט גזאגט איך האב ניט גוט גיטאהן וואס איך האב אן גיברייט פאר דיא מענטשין קברים אין דער ערד . אזוי אשיינע בשעפעניש וויא דער מענטש איז אויף דער וועלט . זאל ער בדארפן בגראבען ווערין אין דער ערד . נאר איך האב איהם גידארפט בשאפען אן יצר הרע ער זאל ניט זינדיגען אונ זאל לעבין אייביג . פון וואנען ווייסען מיר אז וינחם איז דער טייטש חרטה . דא שטייט וינחם ה' . אונ דארט שטייט וינחם ה' על הרעה אשר דבר לעשות לעמו . גאט האט חרטה גיהאט אויף די שלעכטס וואס ער האט גירעט צו טאהן צו זיין פאלק . זעהן מיר אז וינחם איז דער טייטש חרטה :

**קיט** אלה תולדות נח נח איש צדיק תמים היה בדורותיו . דאס זענען די קינדער פון **נח.** נח איז גיוועזן אפרומער מענטש מיט גאנצקייט אין זיינע דורות . רבי יוחנן זאגט אין זיינע דורות איז ער גיוועזן גירעכנט פר אצדיק ווייל אלע זענען גיוועזן רשעים . אבער אז נח וואלט גיוועזן אין אנדערע דורות צווישען צדיקים . וואלט ער ניט גיוועזן גירעכנט פאר אצדיק . אונ ריש לקיש זאגט פאר קערט . נח איז גיוועזן אצדיק אפילו אין זיינע דורות וואס אלע זענען גיוועזן רשעים . אז ער וואלט גיוועזן אין אנדערע דורות צווישען צדיקים וואלט ער גיוועזן נאך אפיין גרעסערער צדיק . רבי חנינא זאגט אמשל צו רבי יוחננס רייד . נח איז גליך צו אפאס ויין וואס איז גישטאנען אין אקעלער צווישען פעסער עסיג . האט מען גישמעקט דעם ריח פון די ויין . ווייל דיא ויין איז גיוועזן צווישען עסיג . אבער אז דיא פאס ויין וואלט גישטאנען צווישען בעסערע פעסער ויין וואלט מען איר ריח גאר ניט גישמעקט . רבי אושעיא זאגט אמשל צו די רייד פון ריש לקיש . נח איז גלייך צוא אגלעזעל מיט בשמים וואס איז גישטאנען אויף אפאר שטונקענעם ארט . פון דעסטוועגין הט גישמעקט פון די בשמים . מאדאך אויף אפארשטונקענעם ארט האט דיא בשמים גישמעקט . אז דיא בשמים וואלט גיוועזן אויף אריינעם ארט . וואלט געוויס גישמעקט . עס שטייט אין פסוק גאט האט אפ גימעקט דאס גאנצע בשטאנד וואלע בשעפעניש וואס איז גיוועזן אויף דער ערד . פרעגט דיא גמרא אויב מענטשן האבען גזינדיגט וואס האבען דיא בהמות גזינדיגט . ענפערט די גמרא מיר האבען גילערנט פון רבי יהושע

בן

ר' יהושע בן קרחה משל לאדם שעשה (סעודה) [חופה] לבנו והתקין מכל מיני סעודה ליסים מת בנו עמד ופזר את חופתו אמר כלום עשיתי אלא בשביל בני עכשיו שמת בני חופה ל"ל אף הקב"ה אמר כלום בראתי בהמה וחיה אלא בשביל אדם עכשיו שאדם חטא בהמה וחיה ל"ל. (שם) מכל אשר בחרבה מתו ולא דגים שבים. דרש ר' יוסי דמן קסרי מ"ד (איוב כד) קל הוא על פני מים תקולל חלקתם בארץ מלמד שהיה נח הצדיק מוכיח בהם ואמר להם עשו תשובה ואם לאו הקב"ה מביא עליכם את המבול וכקפה נבלתכם על המים כזיקים שנאמר קל הוא על פני מים ולא עוד אלא שלוקחין מהם קללה לכל באי עולם שנאמר תקולל חלקתם בארץ. (שם) לא יפנה דרך כרמים מלמד שהיו מפנים דרך כרמים אמרו לו ומי מעכב אמר להם פרידה אחת יש לי להוציא מכם (נ"א) אם כן לא נפנה דרך כרמים.

מקפה. מליף כמו ויצף הברזל דמתרגמינן וקפא כזיקים. מלדות: לא יפנה דרך כרמים אמרו לו ומי מעכב. שאינו עושה מיד אם יש בידו כח לעשות כך: פרידה א' יש לי להוציא מכם. מתושלח הצדיק ימות קודם ולא יהא נדון עמכם: א"נ לא נפנה דרך כרמים. כלומר לא נסור ולא נפנה את דרך הכרמים אלא כל מה שלך בהם כלומר ה"ק לא נלך דרך כבושה ולא נחזור מסורנו אלא נלך נקלקל השורה דרכים מסובבים בקוצים ובכרקנים כעין שבילי כרמים:



---

בן קרחה הם ווענן דאס איז גלייך צו אמענטשען וואס האט גימאכט אחופה צו זיין זוהן אונ ער האט אנגעבריים אלע ערליי שפייזען צו אסעודה. דער ווייל איז דער זוהן גישטארבען. האט ער פאטער צו ווארפען דיא חופה מיט דער סעודה. אונ ער האט גיזאגט די חופה מיט דער סעודה האב איך דאך נאר אן גבריים פון וועגין מיין זוהן. איצט אז מיין זוהן איז גישטארבען צו וואס טויג מיר דיא חופה מיט דיא סעודה. גאט האט אויך אזוי גיזאגט. אלע בהמות אונ חיות האב איך דאך נאר בשאפען פון וועגען דעם מענטשען. איצט אז דער מענטש האט געזינדיגט און ער שטארבט אין מבול. צוא וואס טויג מיר דיא בהמות מיט דיא חיות. עס שטייט אין פסוק אלץ וואס אויף דיא טריקענעש איז גישטארבען. אבער דיא פיש וואס אין ים זענען נישט גישטארבען. רבי יוסי פון קסרי האט גידרשת עס שטייט אין פסוק ער איז גרינג איף דעם וואסער עס ווערט פאר פלוכט ווערין זייער חלק אויף דער ערד. דער פסוק לערונט אונז אז דער צדיק נח האט גישטראפט די מענטשין פון זיין דור. אונ ער האט גזאגט צו זיי טוהט תשובה. אונ אויב נים וועט גאט אויף אייך ברייינגען דעם מבול. אונ ער וועט מאכען שווימען אייערע טויטע קערפערס אויף דעם וואסער אזוי וויא לאגלען. אזוי וויא עס שטייט אין פסוק ער איז גרינג צו שווימען אויף דעם וואסער. אונ נאך מער עס וועט פון זייא גינומען ווערין אקללה אויף דער גאנצער וועלט: אז אייניער וועט וועלען פלוכין. וועט ער זאגין דוא זאלסט ווערין פאר פלוכט וויא דיא מענטשין פון מבול. אזוי וויא עס שטייט אין פסוק עס וועט פאר פלוכט ווערין זייער חלק אויף דער וועלט. עס שטייט אין פסוק לא יפנה דרך כרמים. ער וועט נים אפ ראמען דיא וועג פון דיא ווייגערטנער. דער פסוק דער ציילט אונז ווען נח האט גישטראפט דיא מענטשין זייא זאלין תשובה טאהן. אונ אויב נים וועט גאט ברייינגען אמבול. האבין דיא מענטשין גיזאגט צו נח ווער לאזט דען נים גאט זאל שוין ברייינגען דעם מבול. דוא האסט דאך גזאגט אז נאר הונדערט מיט צוואנציג יאהר וועט גאט ווארטען. עס איז שוין נאך דיא הונדערט מיט צוואנציג יאהר: האט נאח גזאגט צו זייא איין טאהב האב איך ארוים צוא נעמען פון אייך. דאס איז מתושלח הצדיק. אונ איך וויל מען זאל אויף אים טרויערין זיבען טעג דריבער וועט דער מבול אויף גיהאלטען ווערין נאך זיבען טעג. האבען זייא גזאגט אויב עס איז אזוי וועלין מיר טאקי תשובה טאהן אונ מיר וועלין שוין נים אפ ראמען דיא וועגין פון דיא ווייגערטנער. ווארום מיר וועלין שוין נים טרינקען קיין וויין. דס האבען זיי גילאכט פון נח מוסר:

**קב דרש** רבא מאי דכתיב (איוב יב) לפיד בוז לעשתות שאנן נכון למועדי רגל מלמד שהיה נח הצדיק מוכיח אותם ואומר להם דברים קשים כלפידים והיו מבזין אותו אמרו לו זקן תיבה זו למה אמר להם הקב"ה מביא עליכם את המבול אמרו מבול של מה אם מבול של אש יש לנו דבר אחד ועליתא שמה ואם של מים הוא מביא אם מן הארץ הוא מביא יש לנו עששיות של ברזל שאנו מחפין בהם את הארץ ואם מן השמים הוא מביא יש לנו דבר ועקב שמו ואמרי לה עקש שמו אמר להם הוא מביא מבין עקבי רגליכם שנאמר (שם) נכון למועדי רגל. תניא מימי המבול קשים (ועבים) כשכבת זרע שנאמר נכון למועדי רגל. א"ר חסדא ברותחין קלקלו בעבירה וברותחין נידונו כתיב הכא (בראשית ח) וישכו המים וכתיב התם (אסתר ז) וחמת המלך שככה:

(בראשית ז) **קבא ויהי** לשבעת הימים ומי המבול היו על הארץ מה טיבם של שבעת הימים

לעשתות. כמו עשתונות שיושבין בלבן ותוכנין מחשבות רעות: עליתא שמה. ואין אש שולטת בה: מבין עקבי רגליכם. כשכבת זרע שנכנס יכול להיות אחכם. ל"א מבין עקבי רגליכם מן הרגל יוצאת חמת מים אם כיב רוצה ולא אפשר להיות רגליכם בעששיות: כשכבת זרע. רותחין תכין היו שכן ל"ג ופירוש הוא: וחמת המלך שככה. נתה מרתתו כבי נתי מים נתו מרתתן:

---

קב דרש. רבא האט נידרשת עס שטייט אין פסוק לפיד בוז לעשתות שאנן נכון למועדי רגל. דער פסוק דער ציילט אונז אז נח הצדיק האט גישטראפט די מענטשין אונ ער האט גיזאגט צו זייא שטארקע רייד וואס האט גיברענט וויא פייער ולפיד איז דער טייטש אפלאם פייער. בוז. האבען די מענטשין פר שעמט דעם נח אונ האבען גיזאגט צו איהם דו אלטער וואס טויג דיר די תיבה (די שטוב) וואס דוא האסט גיבאהט. האט נח צוא זייא גיזאגט גאט וועט ברייגגען אויף אייך אמבול. האבען זייא גיזאגט פון וואס וועט זיין דער מבול. אויב עס וועט זיין אמבול פון פייער האבען מיר איין זאך דאס הייסט עליתא וואו מען ברענגט פייער מאג אונ נאכט אויף איין ארט זיבען יאהר. קומט ארוים אחיה וואס זיא הייסט עליתא אדער סלמנדרא. דער מענטש וואס באשמירט זיך מיט איר בלוט. ווערט ער ניט פר ברענט פון פייער. אונ אויב ער וועט ברייגגען אמבול פון וואסער. פון וואנען וועט קומען די וואסער. אויב ער וועט ברייגגען די וואסער פון דער ערד. האבען מיר שטיקער אייזין וואס מיר וועלין מיט זייא בדעקין די ערד די וואסער זאל ניט ארויף קומען. אונ אויב ער וועט ברייגגען די וואסער פון הימעל. האבען מיר אזוי אזאך דאס הייסט עקב. אנדערע זאגין דאס הייסט עקש וועם איז אזוי אשוואם וואס ער קען איין זאפען אין זיך אלע וואסערין. דאס מיינט דער פסוק לעשתות שאנן. זייא זיצען מיט רוהיגע גידאנקען אז זייא האבען פאר קיין זאך קיין מורא ניט. האט נח צוא זייא גיזאגט גאט וועט אויף אייך ברייגגען אמבול וואסער פון די טריט פון אייערע פיס. פון דעם ארט וואו איר שטייט קען גאט ברייגגען אמבול וואסער. אזוי וויא עס שטייט אין פסוק נכון למועדי רגל. איר זענט אן גיברייט אוים געגליטשט צו ווערין אין דעם וואסער וואס וועט ארוים גיין פון דעם ארט וואו אייערע פיס שטייען. מיר האבען גילערינט די וואסער פון מבול זענען גיוועז געדיכט אזוי ווי שכבת זרע. אזוי וויא עס שטייט אין פסוק נכון למועדי רגל: די מענטשין זענען גיוועז אן גיברייט צו דער טרונקען ווערין אין אזעלכע וואסער וואס זענען גיוועז וויא די שכבת זרע וואס גליטשט זיך ארוים פון צווישען די פיס. רב חסדא זאגט די מענטשין האבען געזינדיגט מיט הייסע שכבת זרע אונ מיט הייסע וואסער זענען זייא גישטראפט גיווארן. ווארום דא שטייט וישכו המים אונ דארט שטייט וחמת המלך שככה. דער כעס פון מלך ווען ער האט גיברענט וויא פייער איז שטיל גיווארן: אזוי דא מיינט מען אויך די וואסער זענען שטיל גיווארן פון זייער היץ:

קבא ויהי. אונ עס איז גיוועזן צום סוף זיבען טעג איז גיוואהרן אמבול וואסער אויף דער ערד. וואס זענען גיוועזן די זיבען טעג: רב זאגט דאס זענען די זיבען טעג וואס מען

הימים אמר רב אלו ימי אבלות של מתושלח למדך שהספדן של צדיקים מעכבת את הפורענות לבא דבר אחר לשבעת ששינה הקב"ה עליהם סדרי בראשית שהיתה החמה יוצאת כמערב ושוקעת במזרח. דבר אחר שקבע להם הקב"ה זמן גדול ואח"כ זמן קטן. דבר אחר לשבעת הימים שהטעימם מעין העולם הבא כדי שידעו מה טובה מנעו מהם. (שם) מכל הבהמה הטהורה תקח לך שבעה שבעה איש ואשתו אישות לבהמה מי אית לה א"ר שמואל בר נחמני א"ר יונתן מא תן שלא נעבדה בהם עבירה מנא ידע אמר רב חסדא שהעבירן לפני התיבה כל שהתיבה קולטתו בידוע שלא נעבדה בהם עבירה וכל שאין התיבה קולטתן בידוע שנעבדה בהם עבירה רבי אבהו אומר מאותן הבאים מאליהן:

(בראשית ו) קכב עשה לך תבת עצי גפר מאי גופר א"ר אדא אמרי דבי ר' שילא זו מבליג ואמרי לה גולמיש. (שם) צהר תעשה לתבה א"ר יוחנן א"ל הקב"ה לנח קבע בה אבנים טובות ומרגליות כדי שיהיו מאירות לכם כצהרים. ואל אמה

סדרי בראשית. והיינו לשבעת הימים סדר שבעת ימי בראשית שינה להם: זמן קטן לאחר זמן גדול. בתחלה אמר להם והיו ימיו מאה ועשרים שנה כשעבר זמן זה לא שבו למוטב חזר וקבע להם זמן קטן: אישות לבהמה מי אית לה. נקבה אחת נשכבת לכמה זכרים ואין זו אישות: שלא נעבדה בהם עבירה. שלא מקרו אלא לבן זוגם: מבליי

---

האט גיטרויערט אויף מתושלח. דער פסוק לערנט אונז אז דער הספד פון צדיקים האלט אויף די פורענות זייא זאלין ניט קומען אויף דער וועלט. אנדערע זאגן דיא זיבען טעג מיינט מען גאט האט גיענדערט דעם ארדענונג וואס ער האט בשאפען אין דיא זיבען טעג. ביז איצט פלעגט דיא זוהן ארויס גיין פון מזרח אונ זיא פלעגט אונטער גיין אין מערב. אונ אין דער צייט פלעגט דיא זוהן ארויס גיין פון מערב אונ אונטער גיין אין מזרח. אנדערע זאגן גאט האט פריער אויס גיזעצט אגרויסע צייט זייא זאלן תשובה טאהן. ביז הונדערט מיט צוואנציג יאהר. אונ אז דיא צייט האט זיך שוין אויס גילאזן אונ זייא האבען נאך ניט תשובה גיטאהן: האט גאט זייא גיגעבן נאך אקליינע צייט פון זיבען טעג זייא זאלן תשובה טאהן. אנדערע זאגן אין דיא לעצטע זיבען טעג פאר דעם מבול האט גאט זייא גיגעבן פאר זוכען דעם טעם פון עולם הבא. זייא זאלן וויסען וועלכע גוטס זייא האבען פאר לארין דורך זייערע עבירות. עס שטייט אין פסוק פון אלע ריינע בהמות זאלסטו נעמען זיבען זיבען מאן אונ ווייב. האט דען א בהמה אווייב אדער אמאן. יעדער בהמה האט פיל מאנען אונ פיל ווייבער. האט רבי שמואל בר נחמני גזאגט פון רבי יונתן'ס וועגין מען מיינט ער זאל נעמען אזעלכע בהמות וואס האבען זיך בהעפט נאר מיט זייער מין. אונ זייא האבען ניט מזנה גיוועזן מיט איין אנדער מין. פון וואנען האט נח דאס גיקענט וויסען וועלכע בהמה האט יא מזנה גיוועזן אונ וועלכע ניט. האט רב חסדא גזאגט נח האט אלע בהמות געפירט פאר ביי דיא תיבה: דיא בהמה וואס דיא תיבה האט איהר צוא גענומען. האט מען גיוואוסט אז מיט איר איז ניט גיטאהן גיווארין קיין עבירה. אונ דיא בהמה וואס דיא תיבה האט איר ניט צו גענומען. האט מען גיוואוסט אז מיט איר איז יא גיטאהן גיווארין אעבירה. רבי אבהו זאגט דיא בהמות חיות עופות וואס האבען ניט מזנה גיוועזן זענען אליין גיקומען אין דער תיבה: אונ דיא וואס האבען מזנה גיוועזן זענען גאר ניט גיקומען צו דער תיבה:

קכב עשה. דוא זאלסט דיר מאכען אשטוב פון גופר האלץ. וואס איז גופר. רב אדא זאגט פון דבי רבי שילא'ס וועגין גופר איז מבליג. אנדערע זאגן גופר איז גולמיש ומבליג אונ גולמיש דאס איז אזעלכע האלץ: עס שטייט אין פסוק צהר תעשה לתבה. וואס איז צהר רבי יוחנן זאגט גאט האט גזאגט צו נח שטעל אריין אין דיא ווענט פון דער תבה דימאנטין אונ בריליאנטין דאס וועט אייך ליכטיג מאכען אזוי וויא דיא זוהן אין מיטען טאג. די תבה זאל זיין הויבען אזוי שמאהל ביז אאייל ברייט. אז זיא וועט זיין אזוי גימאכט וועט זיא קענען שטיין

עבלע. מן כוס: במוהר לי. אפי' בהאשתי אמי אסור: רוקק. הזרע מפיו לפיה של נקבה. לקה בעורו. שילא ממנו כוש: מאתו. גבי עורב לא כתיב מאתו מכאן שדירתה וכו' כלומר שאלו כוס לבם שדירה אצלן שמכירין בצדיקים כשמוריק בחכמא אמריהי: זית טרף בפיה. בפיה

אמה תכלנה מלמעלה דבהכי הוא דקיימא תחתים שנים ושלשים תעשה תנא תחתים לזבל אמצעים לבהמה עליונים לאדם. וישלח את העורב אמר ריש לקיש תשובה נצחת השיבו עורב לנח א"ל רבך שונאי ואתה שנאיתני רבך שונאני מן הטהורים שבעה מן הטמאים שנים ואתה שנאתני שאתה מניח ממין שבעה ושולח ממין שנים אם פגע בי שר חמה או שר צנה לא נמצא עולם חסר בריה אחת ועוד א"ל שמא לאשתי אתה צריך א"ל רשע במותר לי נאסר לי בנאסר לי לא כל שכן ומנא לן דנאסרו עליו דכתיב ובאת אל התבה אתה ובניך ואשתך ונשי בניך אתך ובתיב צא מן התבה אתה ואשתך ובניך ונשי בניך אתך וא"ר יוחנן מכאן שנאסרו בתשמיש המטה ، ת"ר שלשה שמשו בתבה וכולם לקו כלב ועורב וחם. כלב נקשר. עורב רוקק. חם לקה בעורו. (סס ח) וישלח את היונה מאתו לראות הקלו המים אמר ר' ירמיה מכאן שדירתם של עופות טהורים עם הצדיקים. (סס) והנה עלה זית טרף בפיה א"ר אלעזר אמרה יונה לפני

---

שטיין: אונטערשטע שטובין. אויף דיא שטובין נאך אנדערע שטובין. אונ אויף דיא אנדערע שטובין זאר זיין דריטע שטובין. מיר האבען גילערונט דיא אונטערשטע וואהנונגען זענען גיוועזען צוא מיסט. דיא מיטעלסטע וואהנונגען זענען גיוועזען צו בהמות: אונ דיא אויבערשטע וואהנונגען זענען גיוועזען צו מענטשען. נח האט ארויס געשיקט דיא קראה זעהן אויב די וואסער איז גרינגער גיווארן: ריש לקיש זאגט אשטארקע אנטווארט האט דיא קראה גיענטפערט צו נח: דיא קראה האט גזאגט צוא נח דיין בעל הבית (גאט) האט מיך פיינט. אונ דוא האסט מיך אויך פיינט. דיין בעל הבית האט מיך פיינט פון דיא ריינע בהמות האט ער גיהייסען נעמען זיבען. אונ פון דיא אומריינע האט ער גיהייסען נעמען נאר צווייא. אונ דו האסט מיך אויך פיינט. פון דיא מינים וואס זענען דא צוא זיבען שיקסטו קיינעם ניט. אונ פון דיא וואס זענען נאר דא צוויי שיקסטו יא. טאמער וועט מיך בגעגענען דער שר פון היץ אדער דער שר פון קעלט. אונ איך וועל שטארבען פון היץ אדער פון קעלט: וועט דאך פעלין אויף אייביג דער מין בשעפעניש אויף דער וועלט. נאך האט דיא קראה גזאגט צו נח טאמער ווילסטו מזנה זיין מיט מיין ווייב. האט נח גזאגט צוא דער קראה דוא רשע מיין ווייב וואס זיא איז אייביג מותר צו מיר. איז זיא היינט אסור גיווארין צוא מיר. דיין ווייב וואס זיא איז אייביג אסור צוא מיר. איז זיא דאך היינט געוויס אסור צוא מיר. אונ פון וואנען ווייסען מיר אז נח האט ניט גיטארט זיין בהעפט מיט זיין ווייב אין דער תבה. ווארום עס שטייט אין פסוק גאט האט גזאגט צוא נח דוא זאלסט קומען אין דער תבה דוא מיט דיינע זיהן (בזונדער). אונ דיין ווייב מיט די ווייבער פון דיינע זיהן (בזונדער). דער נאך ביי דעם ארויס גיין פון דער תבה האט גאט גזאגט צו נח גייא ארויס פון דער תבה דוא מיט דיין ווייב צוא זאמען. אונ דיינע זיהן צו זאמען מיט זייערע ווייבער. האט רבי יוחנן גזאגט פון דאנען זעהן מיר אז ווען זייא זענען גיוועזען אין דער תבה האבען זיך ניט גיטארט בהעפטין דיא מאנען מיט די ווייבער. דיא רבנן האבען גילערונט דריי האבען זיך בהעפט אין דער תבה מיט זייערע ווייבער. אונ זייא זענען גישטראפט גיווארן. דער הונט. דער קראה. אונ חם דער זוהן פון נח. דער הונט איז גישטראפט גיווארן אז נאך זיין תשמיש ווערט ער פאר בונדען צו די נקבה אונ קען ניט ארויס ציהען פון איר זיין גליד נאר דורך גרויס יסורים. דער קראה וואס איז א זכר שפייט אויס די זרע פון זיין מויל אין דיא מויל פון דער קראה וואס איז א נקבה. אונ ער האט ניט קיין הנאה. חם איז גישטראפט גיווארן פון איהם איז גיבארין גיווארן כוש. וואס דיא הויט זיינע איז שווארץ. עס שטייט אין פסוק נח האט געשיקט דיא טויב פון זיך צו זעהן אויב דיא

וואסער

לפני הקב"ה רבש"ע יהיו מזונותי מרורים כזית ומסורים בידך ואל יהיו מתוקים כדבש ומסורים ביד בשר ודם מאי משמע דהאי טרף לישנא דמזוני הוא דכתיב (משלי ל) הטריפני לחם חקי. (בראשית ח) למשפחותיהם יצאו מן התבה א"ר יוחנן למשפחתם ולא הם:

**קכג** אמר רב חנא בר (ליואי) [ביזנא] א"ל אליעזר לשם רבא כתיב למשפחותיהם יצאו מן התבה אתון היכי הויתון א"ל צער גדול היה לנו בתיבה בריה שדרכה להאכילה ביום האכלנוה ביום שדרכה להאכילה בלילה האכלנוה בלילה. האי זיקתא לא הוה ידע אבא מה אכלה יומא חד הוה יתיב וקא פאלי רמונא נפל הולעתא מיניה אכלה מכאן ואילך הוה גביל ליה היורא כי מתלע אכלה. אריה אשתא זינתיה דאמר רב לא בציר משיתא ולא טפי

היתה שואלת מזון טרף של זית: למשפחותיהם יצאו מן התבה. אלמא כל חד וחד בפני עצמו היה ולא היו אוכלין כלם במקום אחד אלא משפחות משפחות היו שרוין:
אמר ליה. אליעזר עבד אברהם: לשם רבא. גדול בנו של נח: היכי אתון הויתון. היאך הייתם יכולין להכין עניניהם בכך לעשות לכל בריה ובריה תפלה: זיקתא. שם בריה: פאלי. מחתך כמו פלי פלויי במסכת נדה: אשתא זינתיה. חמה אחזו וזנו ולא היה חושש לדרוש מאכל בהמות: לא בציר משיתא ולא טפי מתריסר זינא אשתא: אין לך חמה קלה שלא תהא המימותו יכול לזונו ששת ימים בלא ימות בלא מאכל ואין לך חמה גדולה לזון יותר מי"ב ימים בלא מאכל ומשום כך שמעתי. אית דגרסי לא פחות מששה חדשים

---

רבא האט גידרשת עס שטייט אין פסוק משה האט גיזאגט אויב גאט וועט בשאפען איין בעשאפונג אונ דיא ערד וועט עפענען איהר מויל אונ זיא וועט איין שלינגען דיא מענטשין פון קרח . אזוי האט משה גיזאגט פאר גאט אויב דער גיהנם איז שוין בשאפין גיווארין איז גוט . אונ אויב ער איז נאך ניט בשאפין גיווארין . זאל אים גאט איצט בשאפין . זאגט דיא גמרא וואס האט משה גימיינט . מיר זאלין זאגין ער הט גימיינט מען זאל טאקי איצט בשאפין א גיהנם . אויב ביז משהס צייט איז נאך דער גיהנם ניט גיוועזען בשאפין . קען ער איצט ניט בשאפין ווערין ווארום עס שטייט אין פסוק עס איז ניטא קיין נייע זאך אונטער די זוהן . נאך דיא ערשטע זעקס טעג וואס די וועלט איז בשאפין גיווארין ווערט שוין מער קיין נייע זאך ניט בשאפין . נאר אזוי הט משה גימיינט אויב דיא טיר פון גיהנם איז דא אויף דעם ארט איז גוט ; זאל דיא טיר גיעפינט ווערין . אונ אויב דא איז ניטא קיין טיר . זאל דיא טיר קומען פון דארטין אהער אונ זיא זאל גיעפינט ווערין . עס שטייט אין פסוק דיא קינדער פון קרח זענען ניט גישטארבין . מיר האבין גילערונט רבי האט גיזאגט גאט האט אנגיברייט פון זייערט וועגין א ארט אין גיהנם וואס זייא זאלין דארטין קענען זיין לעבעדיג . אונ זייא זענען דארט גיזעסין אונ האבען גיזאגט שירה .

רבה בר בר חנה האט גיזאגט אמאהל בין איך גיגאנגען אין וועג . האט א סוחר צו מיר גיזאגט קום איך וועל דיר ווייזען דעם ארט וואו קרח איז איין גיזונקען ג ווארין [אזוי ווי עס שטייט אין מסכת בבא בתרא] :

קלה פיסקא . דער דור וואס איז גישטארבין אין דער מדבר האבין ניט קיין חלק עולם הבא . דיא רבנן האבין גילערונט דער דור וואס איז גישטארבין אין דער מדבר האבין ניט קיין חלק עולם הבא . ווארום עס שטייט אין פסוק אין דעם מדבר וועלין זיי אויס גילאזין ווערין . אונ דארטין וועלין זייא שטארבין . זייא וועלין אויס גילאזט ווערין אויף דער וועלט . אונ דארטין צו עולם הבא וועלין זייא אויך שטארבין . נאך שטייט אין פסוק איך האב גישווארין מיט מיין כעס אויב זיי וועלין קומען צו מיין רוהונג [צו עולם הבא] . אזוי זאגט רבי עקיבא ; רבי אליעזר זאגט אז זייא וועלין יא קומען צו עולם הבא . ווארום עס שטייט אין פסוק גאט האט גיזאגט פאר אמולט צו מיר מיינע חסידים ודאס מיינט מען דעם דור פון דער מדבר) דיא וואס האבין זיך

פאר

כורתי בריתי עלי זבח. והיינו דור המדבר שכרתו ברית של מקום עלי זבחים ושלמים דכתיב ויזבחו זבחים שלמים וכתיב ויזרוק על העם ויאמר הנה דם הברית אשר כרת ה' עמכם: נשבעתי והוזרני בי. והיינו אשר נשבעתי באפי מפני שנשבעתי ומתחרט אני: אלו חנניה מישאל ועזריה. שמסרו עצמן למיתה בשביל בריתו של מקום: ופדויי ה'. אלו דור המדבר שנפדו ממצרים: שבקיה ר' עקיבא לחסידותיה. שהיה רגיל לזכות את ישראל והשתא מחייב להו דאמר לעיל דור המדבר אין להם חלק לעוה"ב לקמן מפרש מאי חסידותיה: שנאמר הלוך וקראת. כלומר שהרי היה יכול לדרוש שיש להם חלק לעוה"ב דכתיב הלוך וקראת וגו':

הבא שנאמר (תה נ) אספו לי חסידי כורתי בריתי עלי זבח אלא מה אני מקיים אשר נשבעתי באפי נשבעתי וחוזרני בי רבי יהושע בן קרחה אומר לא נאמר פסוק זה אלא כנגד דורות הבאים אספו לי חסידי אלו צדיקים שבכל דור ודור כורתי בריתי אלו חנניה מישאל ועזריה שמסרו עצמן לתוך כבשן האש עלי זבח אלו ר' עקיבא וחביריו שמסרו עצמן לשחיטה על דברי תורה. ר' שמעון בן מנסיא אומר באים הם לעה"ב שנאמר (ישעיה לה) ופדויי ה' ישובון ובאו ציון ברנה. אמר רבה בר בר חנה אמר ר' יוחנן שבקיה ר' עקיבא להסידותיה שנאמר (ירמיה ב) הלוך וקראת באזני ירושלים לאמר זכרתי לך חסד נעוריך אהבת כלולותיך לכתך אחרי במדבר בארץ לא זרועה ומה אחרים באים בזכותן הם עצמן לא כל שכן:

עשרת

---

פאר בונדען מיט מיר דורך קרבנות אזוי וויא עס שטייט אין פסוק מען האט געשאכטן קרבנות און העלפט בלוט האט מען געשפריינגט אויף דעם מזבח און העלפט בלוט האט מען געשפריינגט אויף דעם פאלק אז זייא ווערין פאר זאמולט צו גאט האבין זייא דאך עולם הבא. עס שטייט דאך אבער אין פסוק אז גאט האט גזאגט איך האב געשווארין מיט כעס זייא זאלן ניט קומען צו מיין רוהונג; אזוי מיינט דער פסוק ווייל איך האב געשווארין מיט כעס דריבער קען איך חרטה האבען פון דער שבועה. און זייא ווערין יא האבען עולם הבא. רבי יהושע בן קרחה זאגט דער פסוק איז גזאגט געווארן אויף דיא דורות וואס וועלין קומען. פאר זאמולט צו מיר מיינע חסידים דאס מיינט מען דיא צדיקים וואס זענען אין יעדער דור. וואס זייא האבען געמאכט מיט מיר אפאר בינדונג דאס מיינט מען חנניה מישאל ועזריה וואס זייא האבען זיך געלאזט אריין ווארפען אין פייער פון מיינעט וועגין. אויף דעם שעכטונג דאס מיינט מען רבי עקיבא מיט זיינע חברים וואס זייא האבען זיך געלאזט שעכטין פון וועגין דער תורה. רבי שמעון בן מנסיא זאגט דיא יודין וואס זענען געשטארבען אין דער מדבר וועלין קומען צוא עולם הבא. אזוי וויא עס שטייט אין פסוק ופדויי ה' ישובון. דיא מענטשין וואס גאט האט זייא אויס געלייזט פון מצרים וועלין צוריק געקערט ווערין צו גאט און זייא וועלין קומען אין ציון מיט גזאנג. רבה בר בר חנה האט גזאגט פון רבי יוחנן וועגין רבי עקיבא האט שוין אוועק געלאזין זיין פרומקייט. אייביג איז רבי עקיבא געוועזין געוואוהנט צו זוכען אזכות אויף יודין און זייא גירעכט מאכען. און היינט זאגט ער אז דיא מענטשין וואס זענען געשטארבען אין דער מדבר וועלין ניט האבען קיין עולם הבא. פאר וואס זוכט ער ניט אויף זייא אזכות זייא זאלן יא האבען עולם הבא. אזוי וויא עס שטייט אין פסוק גאט האט גזאגט צום נביא ירמיה דו זאלסט גיין רופען אין די אויערין פון דיא מענטשין וואס זענען אין ירושלים און דוא זאלסט צוא זייא זאגין. איך גידיינק דיר דעם חסד וואס דוא האסט געטאהן אין דיין יוגענד. איך גידיינק דיין ליבשאפט פון דער צייט וואס דו ביסט געוועזין צו מיר אזוי ווי א כלה צו א חתן. דו ביסט גיגאנגען נאך מיר אין דער מדבר אין אלאנד וואס אין איר ווערט ניט געזייט. מאדאך דיא שפעטערדיגע יודין זייערע אייניקלאך וועלין קומען צו עולם הבא דורך דעם זכות פון זייערע עלטערין דם זענען די מענטשין וום זענען געשטארבן אין דער מדבר. די מענטשין אליין וום זענען געשטארבן אין דער מדבר וועלין דאך געוויס האבען עולם הבא:

עשרת

**קלו משנה** עשרת השבטים אינם עתידין להזור שנאמר (דברים כט) וישליכם אל ארץ אחרת כיום הזה מה היום הולך ואינו חוזר אף הם הולכים ואינם חוזרים דברי רבי עקיבא ר' אליעזר אומר כיום הזה מה היום מאפיל ומאיר אף הם שאפלה להם כך עתידה להאיר להם: **גמ'** תנו רבנן עשרת השבטים (אינם עתידים לחזור) [אין להם חלק לעה"ב] שנאמר (שם) ויתשם ה' מעל אדמתם בעה"ז וישליכם אל ארץ אחרת לעה"ב דברי ר' עקיבא ר' שמעון בן יהודה איש כפר עכו אומר משום ר"ש אם מעשיהם כהיום הזה אינם חוזרים ואם לאו חוזרים. רבי אומר באים הם לעה"ב שנאמר (ישעיה כז) ביום ההוא יתקע בשופר גדול וגו'. אמר רבה בר בר חנה א"ר יוחנן שבקיה

עשרת השבטים שגלה סנחריב שנא' וינחם בחלח ובחבור נהר גוזן וערי מדי: אין עתידין לחזור. ממקום שגלו וזהו דאמרינן בגמרא דירמיה החזירן לא שהחזירן כולם אלא מקצתם החזיר: שנאמר וישליכם אל ארץ אחרת כיום הזה. שכך גזר הקב"ה שכיון שעוזבים את תורתו הוא מגלה אותם כיום הזה: מה היום מאפיל. בבקר אפל ולבהרים מאיר אף כמו בערב אפל והולך ולמחרתו מאיר אף עשרת השבטים עתידים להזור להיות להם חלק לעוה"ב לא בניהם וכמי בניהם קאמר אלא אותם שגלו הם עצמם אין להם חלק לעוה"ב שרשעים גמורים הם אבל בניהם ודורות הבאים זוכים וזוכין מ"ר: וישליכם אל ארץ אחרת. משמע שיהיו כולם גולין במקום אחד אל ארץ אחרת והיינו עשרת השבטים שגלה סנחריב והושיבם במקום אחד כדאמ' שהוליכם למדינת אפריקא אבל ב' השבטים לא גלו למקום אחד אלא נתפזרו בכל הארצות ועליהם הוא אומר אפריקה להם ולקבלם. ה"ג מתניתין עשרת השבטים אין עתידין להזור: ת"ר עשרת השבטים אין להם חלק לעוה"ב. היינו לימות המשיח שלא יקבלם משיח עם שאר גליות לפי שספרו בגמוס

א"י כדאמרן לעיל כי מטו בוש כו' וכדבר הזה נענשו מגלים: רבי שמעון אומר. כאי כהיום הזה נומר לך אם מעשיהם כהיום הזה לא יבא לכם חלק לעוה"ב: ואם לאו. שיחזרו בתשובה יחזרו גם כם מגלות ויש להם חלק לעוה"ב: כאוכדים בארץ

---

קלו עשרת. דיא צעהן שבטים וועלין ניט צוריק קומען פון דעם ארט וואס זיי זענען דארטין. נאר זייא וועלין דארטין זיין אייביג. אזוי וויא עס שטייט אין פסוק גאט האט זייא פאר וואָרפען אין איין אנדער לאנד אזוי וויא היינטיגען טאג. אזוי וויא דער היינטיגער טאג גייט אוועק אונ וועט ניט צוריק קומען. אזוי זענען דיא צעהן שבטים אוועק געגאנגען פון ארץ ישראל אונ וועלין ניט צוריק קומען. אזוי זאגט רבי עקיבא. רבי אליעזר זאגט אזוי וויא דער טאג מיינט מען. אזוי וויא דער טאג ווערט פינסטער אונ ווערט צוריק ליכטיג: אזוי דיא צעהן שבטים וואס גאט האט זייא פינסטער גימאכט. איז גאט אן גיברייט ער זאל זייא ליכטיג מאכען:

דיא גמרא זאגט דיא רבנן האבען גילערונט די צעהן שבטים האבען ניט קיין עולם הבא. ווארום עס שטייט אין פסוק גאט האט זייא אויס געריסען פון זייער ערד אויף דער וועלט. אונ ער האט זייא אוועק גיוואָרפען צו איין אנדער לאנד. דאס מיינט מען ער האט זייא אוועק גיוואָרפען פון עולם הבא. אזוי זאגט רבי עקיבא. רבי שמעון בן יהודה פון דארף עכו זאגט פון רבי שמעונס וועגין אויב זייערע מעשים וועלין זיין אזוי וויא היינטיגער טאג. זייא וועלין ניט תשובה טאהן. וועלין זייא ניט קומען צוריק אין ארץ ישראל ואונ וועלין ניט האבען עולם הבא: אבער אז זייא וועלין יא תשובה טאהן וועלין זייא האבען עולם הבא אונו וועלין צוריק קומען אין ארץ ישראל. רבי זאגט דיא מענטשין וואס זענען גישטארבען אין דער מדבר אונ דיא צעהן שבטים וועלין יא קומען צו עולם הבא. ווארום עס שטייט אין פסוק אין דעם טאג וואס משיח וועט קומען וועט גיבלאזין ווערין מיט אגרויסען שופר אונ עס וועלין קומען דיא וואס זענען פאר לארן גיווארען אין דעם לאנד אשור. דאס זענען דיא צעהן שבטים. אונ דיא וואס זענען גיוועזן פאר שטויסען אין לאנד מצרים. דאס זענען דיא מענטשין וואס זענען גישטארבען אין דער מדבר. אונ זייא וועלין זיך בוקין צו גאט אויף דעם היליגען בארג אין ירושלים. רבה בר בר חנה האט גזאגט פון רבי יוחנן וועגין רבי עקיבא האט שוין אוועק גילאזן זיין פרומקייט אייביג איז רבי עקיבא גיוועזן גיוואוהנט צו זוכען אזכות אויף יודין אונ זייא גירעכט מאכען. אונ היינט זאגט ער אז דיא צעהן שבטים וועלין ניט האבען עולם הבא: פאר וואס זוכט ער ניט אויף זייא אזכות זייא זאלין יא האבען עולם הבא אזוי וויא עס שטייט אין דעם פסוק גאט האט גזאגט צום נביא ירמיה דוא זאלסט גיין אונ זאלסט אויס רופען דיא רייד אין צפון זייט אונ זאלסט זאגן:

קערט

שבקיה ר' עקיבא לחסידותיה שנאמר (ירמיה ג) הלוך וקראת את הדברים האלה צפונה ואמרת שובה משובה ישראל נאם ה' ולא אפיל פני בכם כי חסיד אני נאם ה' ולא אטור לעולם מאי חסידותיה דתניא קטני בני רשעי ישראל אין באין לעה"ב שנאמר (מלאכי ג) כי הנה היום בא בוער כתנור והיו כל זדים וכל עשה רשעה קש ולהט אותם היום הבא אמר ה' צבאות אשר לא יעזוב להם שרש וענף שרש בעה"ז וענף לעה"ב דברי רבן גמליאל ר' עקיבא אומר באים הם לעה"ב שנאמר (תהלים קטז) שומר פתאים ה' שכן קורין בכרכי הים לינוקא פתיא ואומר (דניאל ד) גדו אילנא וחבלוהי ברם עקר שרשוהי בארעא שבוקו ואלא מה אני מקיים לא יעזוב להם שרש וענף שלא יניח להם לא מצוה ולא שיורי מצוה . דבר אחר שורש זו נשמה וענף זה הגוף . אבל קטני בני רשעי עכו"ם

ד"ה

**פירוש**

בארץ אשור . אלו עשרת השבטים והנדחים בארץ מצרים אלו דור המדבר וכן לשון הוכפלה ולא שמעתי עוד : שובה משובה . שכל ישראל עתידין להזור : קטני בני וכו' . רשעים שאמן פשיטא דאין להם חלק לעה"ב . כדאמרינן בפרק בתרא דכתובות רפאים בל יקומו מי שמרפה עצמו מד"ת אבל בנים שלהם קטנים ולא חטאו פליגי בהו : שרש וענף . אלו בנים קטנים שלהם : שורש בעה"ז. שימותו נפלים וענף לעה"ב שלע"פ שאבותיהם היו רשעים הם לא חטאו : עקר שרשוהי בארעא שבוקו. אלו הבנים קטנים שלע"פ שאבות אין להם חלק הקטן יש להם : שלא יניח להם . הקב"ה : לא מצוה ולא שיורי מצוה . לא מצוה חמורה ולא מצוה קלה הכל יהא מעביר ומשלם בכרם לאחר כדי לטרדן מן העולם : זו נשמה . שמעמדת הגוף כשורש שמעמיד האילן : אבל קטני בני רשעי עכו"ם . דוקא קאמר רשעי דאילו חסידי אוה"ע פליגי בה איכא למ"ד הן עצמן באין ואיכא למ"ד אין באין כדאמרן לעיל (דף קה) ישובו רשעים לשאולה כל גוים שכחי אלהים מכאן שאין להם חלק לעולם הבא אמר ליה רבי יהושע וכי נאמר בכל גוים והלא לא נאמר אלא כל הגוים שכחי אלהים הא אין שכחי אלהים יש להם חלק לעה"ב : ה"ג אבל קטני רשעי עכו"ם דברי הכל אין באין :

---

קערט איך צוריק איר ווילדע יודין זאגט גאט איך וועל ניט מאכען פאלען מיין כעס אויף איך וואָרום איך בין אחסיד זאגט גאט אונ איך וועל ניט היטען דיא פיינדשאפט אויף אייביג . אונ דער פסוק איז גיזאגט גיוואָרען צו דיא צעהן שבטים . זעהן מיר אז דיא צעהן שבטים וועלין אויך צוריק קומען אונ וועלין האבען עולם הבא . פרעגט דיא גמרא וואו האבען מיר גיזעהן דיא פרומקייט פון רבי עקיבא אז ער איז מזכה מענטשין צוא עולם הבא . ווארום מיר האבען גילערנט דיא קליינע קינדער פון דיא יודישע רשעים וואס זענען גישטארבען וועלין ניט קומען צוא עולם הבא . ווארום עס שטייט אין פסוק דער טאג וועט קומען ער וועט ברענען זויא אהויבין . אונ אלע רשעים וואס טוהען שלעכטס וועלין זיין וויא שטרויא אונ דער טאג וואס וועט קומען וועט זייא פאר ברענען . אזוי זאגט גאט וואס ער וועט ניט איבער לאזין פון זייא קיין ווארציל אונ קיין צווייג . קיין ווארציל אויף דער וועלט דאס מיינט מען דיא קינדער זייערע וועלין אוועק גיין פון דער וועלט ווען זייא וועלין נאך זיין גאר קליין אונ קיין צווייג אויף יענע וועלט וריא גישטארבענע קליינע קינדער זייערע וועלין ניט קומען צוא עולם הבא . אזוי זאגט רבן גמליאל . רבי עקיבא זאגט דיא קליינע קינדער פון די רשעים וועלין יא האבען עולם הבא . אזוי וויא עס שטייט אין פסוק שומר פתאים ה' . גאט היט דיא פתאים . אונ אין די שטעט פון ים רופט מען אויף אקינד פתיא . זאגט דער פסוק גאט היט דיא קינדער . נאך זאגט דער פסוק מען זאל אפ שניידען דעם בוים אונ מען זאל איהם פאר דארבין נאר דעם ווארציל זאל מען לאזין אין דיא ערד ודעם ווארציל מיינט מען דיא קליינע קינדער . זייא וועלין האבען אאייביגע איבער בלייבונג אויף עולם הבא . נאר וואס דען שטייט אין פסוק גאט וועט ניט איבער לאזין צו זיי אווארציל אונ אצווייג . דס מיינט מען גאט וועט ניט איבער לאזין צו די רשעים קיין מצוה אונ קיין איבער בלייבונג פון אמצוה וועלכע עס זאל ניט זיין בצאהלט אויף דער וועלט . גאט וועט בצאהלען צוא דיא רשעים אויף דער וועלט פאר אלע מצות וואס זייא טוהען . זייא זאלין צוא עולם הבא גאר קיין חלק ניט האבען . אנדערע זאגן אווארציל מיינט מען דיא נשמה . אצווייג מיינט מען דעם גוף . דער גוף מיט דער נשמה פון דיא רשעים וועלין פאר לערנט ווערין . אבער פון דיא קליינע קינדער פון דיא רשעים שמועסט גאר ניט דער פסוק . עס קען זיין זייא וועלין יא האבען עולם הבא : אבער דיא קליינע קינדער

פון

ד"ה אין באין לעה"ב. ור"ג נפקא ליה (ישעיה כו) מותאבד כל זכר למו:

**קלז איתמר** קטן מאימתי בא לעה"ב ר' חייא ור"ש בר רבי ח"א משעה שנולד וח"א משעה שסיפר מאן דאמר משעה שנולד שנאמר (תהלים כב) יבואו ויגידו צדקתו לעם נולד כי עשה ומאן דאמר משעה שסיפר דכתיב (שם) זרע יעבדנו יסופר לה' לדור. איתמר רבינא אמר משעה שנזרע דכתיב זרע יעבדנו. רב נחמן בר יצחק אמר משעה שנימול דכתיב (שם פח) עני אני וגוע מנוער נשאתי אמיך אפונה. תנא משום ר' מאיר משעה שיאמר אמן שנאמר (ישעיה כו) פתחו שערים ויבא גוי צדיק שומר אמונים אל תקרי שומר אמונים אלא שאומר אמן (דף ק"ט) מאי אמן אמר ר' חנינא אל מלך נאמן:

מותאבד כל זכר למו נפקא ליה. כלומר לתנא דברייתא והאי דנפקא ליה ד"ה היא דהא שורש וענף מיבעי ליה למר כדאית ליה ולמר כדאית ליה: זרע יעבדנו יסופר לה' לדור. זרע המספר יעבדנו לה' לדור ודור שיחזיר לו וימיה: משעה שנזרע. משעה שנקלט הזרע במעי אמה אפי' הפילה אמו ונמחה יש לו חלק לעתיד דכתיב זרע יעבדנו והכי אמרינן בכתובות בפרק בתרא גבלתי יקומון לרבות נפלים: עני אני וגוע מנוער. אע"פ שעני אני גויעתי השוכה גויעה וראוי לומר עלי ויגוע ויאסף כלומר שזוכה אני לעתיד לבא כצדיקים שנא' בהן גויעה ומאימתי משעה באני נושא אמיך ופהוך לפונה מהגלגלת ובכונה עלי והיינו מילה שבבשרו שאנו משמרים מאימתו של הקב"ה: אפונה. לשון אופן: מאי אמן. כשעונין על ברכה אמן היאך משמע קבלת יראת שמים: (אמן) אל מלך נאמן. בנוטריקון בתאמין עליו הקב"ה:

(ישעיה ה) **קלח לכן** הרחיבה שאול נפשה ופערה פיה לבלי חק אמר ריש לקיש למי

---

פון די גוישע רשעים זאגן אלע אז זייא וועלין ניט קומען צו עולם הבא. אונ רבן גמליאל דרשת פון דעם פסוק דו וועסט פאר לירען די רשעים אז פון זיי וועט קיין אנדענקונג ניט בלייבען, אלע קינדער זייערע וועלין פאר לארין ווערין:

**קלז איתמר.** מיר האבין גילערונט ווען קומט א קינד צו עולם הבא. רבי חייא אונ ר' שמעון בר רבי קריגען. איינער זאגט באלד וויא ער ווערט געבוירען; אונ איינער זאגט ווען ער הייבט אן צו ריידען. דער וואס זאגט אז דאס קינד האט עולם הבא באלד ווי ער ווערט גיבארען. ווארום עס שטייט אין פסוק זייא וועלען קומען אונ וועלען זאגין זיין פרומקייט צו דעם פאלק וואס וועט גיבארען ווערען וואס ער האט גיטאהן. זעהן מיר אז באלד ווי ער ווערט גיבארען זאגט מען שוין זיין פרומקייט. אונ דער וואס זאגט אז דאס קינד האט עולם הבא ווען ער הייבט אן צו ריידען. ווארום עס שטייט אין פסוק זרע יעבדנו יסופר לה' לדור. די קינדער וואס וועלען קענען דער ציילען (ריידען) וועלען דינען צו גאט אויף אייביג. מיר האבען גילערונט רבינא זאגט ווען דער קינד ווערט נאר פאר זייעט אין דער מוטערס בויך אפילו מען איז אים מפיל האט ער אויך עולם הבא. ווארום עס שטייט אין פסוק זרע יעבדנו. די שכבת זרע אפילו וועט אויך דינען צו גאט. רב נחמן בר יצחק זאגט ווען דער קינד ווערט גימלט האט ער שוין עולם הבא. ווארום עס שטייט אין פסוק עני אני וגוע מנוער. אפילו איך בין ארעם. פון דעסטוועגין בין איך פרום אז באלד אין דער יוגענד קען הייסין מיין שטארבען גויעה. פאר גאנגען; אזוי וויא מען רופט דאס שטארבען פון די צדיקים. די פרומקייט האט זיך אויף מיר אזוי ארויף גיקוילערט פון דער צייט וואס איך האב אנגיהויבען צו טראגען אויף זיך דיין טורא. דאס איז די מצוה פון מילה. מיר האבען גילערונט פון רבי מאירס וועגען ווען דאס קינד זאגט אמן. האט ער שוין עולם הבא. אזוי וויא עס שטייט אין פסוק איהר זאלט עפענען די טויערין דאס פרומע פאלק זאל אריין קומען שומר אמונים. זאלסט ניט לייענען שומר אמונים. נאר זאלסט לייענען שאומרים אמנים. וואס זייא זאגין אמן. דער וואס זאגט אמן פאר איהם עפענט מען די טירען פון גן עדן ער זאל אריין גיין אין גן עדן. וואס איז דער ווארט אמן. רבי חנינא זאגט אמן איז דרייא ווערטער אל מלך נאמן. איך גלויב אז גאט איז א מלך אויף דער גאנצער וועלט:

**קלח לכן.** דער נביא ישעיה האט גזאגט דריבער האט דער גיהנם דער ברייטערט איר ווילען

למי שמשייר אפי' חק אחד אמר ליה ר' יוחנן לא ניחא למרייהו דאמרת עלייהו הכי אלא אפילו לא (עשה) [למד] אלא חק אחד. (זכריה יג) והיה בכל הארץ נאם ה' פי שנים בה יכרתו יגועו והשלשית יותר בה אמר ריש לקיש שלישי של שם אמר ליה ר' יוחנן לא ניחא למרייהו דאמרת עלייהו הכי אלא אפילו שלישי של נח. (ירמיה יג) כי אנכי בעלתי בכם ולקחתי אתכם אחד מעיר ושנים ממשפחה אמר ריש לקיש דברים ככתבן אמר ליה ר' יוחנן לא ניחא למריידו דאמרת עלייהו הכי אלא אחד מעיר מזכה כל העיר כולה ושנים ממשפחה מזכין כל המשפחה כולה. יתיב רב כהנא קמיה דרב ויתיב וקאמר דברים ככתבן אמר ליה רב לא ניחא למרייהו דאמרת להו

פירוש

למי שמשייר אפילו חק אחד. מלמטה ידון בגיהנם: לא ניחא למרייהו. אין הקב"ה רוצה שתהא דן את ישראל כל כך לכף חובה: פי שנים בה יכרתו. ויגועו והשלישית יותר בה: אמר ריש לקיש שלישי של שם. שבני חלקים של כל העולם יהיו נכרתים והלק שלישי יותר בה ואי זה חלק שלישי כל שליטים שיש לשלש אנו משלשים שמנח נפרדו כל העולם ושלשה בנים היו לו הרי שלים בניו שם ושלישי של שם הוא ארפכשד כדכתיב בני שם עילם ואשור וארפכשד ולוד וארם ומשם זמאת כזרעו של ארפכשד יהיה בחרית הואיל וישראל יצאו ממנו ושלישי של ארפכשד בהוא שלישי של שם שהוא שלישי של נח יותר וכל העולם יכרת ולדברי ריש לקיש נמצאו ישראל מתמעטין ביותר שמארפכשד יצאו ישראל כדקתיב (בראשית) [בראשית כח] ארפכשד הוליד את שלח ושלח הוליד את עבר ועבר הוליד את פלג עד אברהם וכשאתה מחלק לשלשה חלקים זרעו של ארפכשד כגון בני ישראל ויבמואל שהם בני אברהם ובני לוט ובני כהן וכן שאר האומות שיצאו ממנו לג' חלקים שמא ישראל יהיו מרובין וקרובים להיות כנגד כולם ולא יגיעו כל זרע ארפכשד להיות פי שנים הלא הם כן ישראל מבלימין רובם או תליס ונמצאו ישראל מתמעטין בתוך פי שנים: לא ניחא ליה למרייהו. להקב"ה שאתה ממעט אותם כ"כ הלא אפי' שלישי של נח כלומר מכל בני נח דהיינו מכל העולם כולו יותר השליש ומכהמת אותו חלק השלישי שישראל בו יהיה באחרית ואם אין ישראל מרובין כ"כ להיות אחד משלשה בעולם יהיו נגרים ומבידי אומ"ע להשלים לשליש ואם הם מרובים להיות יותר מחלק השלישי יתמעטו קצת ומ"מ לר' יוחנן אין ישראל מתמעטין כ"כ כמו

ווילען אונ זיא האט געשפינט איר מויל קבלי חק. ריש לקיש זאגט אפילו איינער האט מקיים געוועזן דיא גאנצע תורה נאר איין מצוה האט ער גילאזן וואס ער האט איר ניט מקיים געוועזן. וועט ער זיין אין גיהנם. האט רבי יוחנן גזאגט צו ריש לקיש גאט וויל ניט דוא זאלסט אזוי זאגן. נאר אזוי מיינט מען דער וואס האט גאר ניט קיין מצוה. אפילו איין מצוה אויך ניט. דער וועט זיין אין גיהנם. אבער דער וואס האט אפילו נאר איין מצוה וועט ער ניט זיין אין גיהנם. עס שטייט אין פסוק גאט זאגט אזוי וועט זיין אויף דער וועלט: צוויי חלקים וועלין פר שניטען ווערין אונ שטארבן אונ אדריטטול וועט בלייבען: ריש לקיש זאגט אדריטטול פון שם וועט בלייבן. דיא גאנצע וועלט איז גיבארען גיווארען פון נח. אונ נח האט גיהאט דריי זיהן שם חם יפת. איז שם אדריטטול וועלט. עס האט גיהאט דריי קינדער עילם אשור ארפכשד. איז ארפכשד אדריטטול פון שם. אונ אדריטטול פון ארפכשד וואס ער איז אדריטטול פון שם. וואס שם איז אדריטטול פון נח. וועט איבער בלייבען. אונ די איבעריגע אלע מענטשין וועלין פאר שניטען ווערין. האט רבי יוחנן גזאגט צו ריש לקיש גאט וויל ניט דוא זאלסט אזוי זאגן. אז אזוי ווייניג וועט בלייבען. נאר אדריטטול פון נח וועט בלייבען. דאס מיינט מען אדריטטול פון דער וועלט וועט בלייבען. אויב יודין וועלין זיין פונקט אדריטטול וועלט. וועלין נאר יודין בלייבען. אונ אויב יודין וועלין זיין ווייניגער וויא אדריטטול. וועלין בהעזט ווערין צו זייא פרומע גוים אונ גרים ביז צו אדריטטול. אונ אויב יודין וועלין זיין מער וויא אדריטטול. וועלין דיא ניט פרומע אויך פרלארן ווערין. עס זאל נאר בלייבען אדריטטול. עס שטייט אין פסוק גאט זאגט איך וויל ווערין אייער בעל הבית אונ איך וועל אייך נעמען איינעם פון אשטאט אונ צוויי פון אמשפחה. ריש לקיש זאגט עס וועט זיין אזוי וויא עס איז געשריבען עס וועט ניט מער בלייבען נאר איינער פון אשטאט אונ צוויי פון אמשפחה: האט רבי יוחנן גזאגט צו ריש לקיש גאט וויל ניט דו זאלסט אזוי זאגן. נאר אזוי מיינט דער פסוק איין צדיק פון אשטאט וועט מזכה זיין דיא גאנצע שטאט. אונ צוויי צדיקים פון אמשפחה וועלין מזכה זיין דיא גאנצע משפחה. אונ אזוי מיינט דער פסוק ווענין איין צדיק וואס אין שטאט וועל איך נעמען דיא גאנצע שטאט. אונ ווענין צוויי צדיקים וואס אין אמשפחה וועל איך נעמען דיא גאנצע משפחה. רב כהנא איז גיזעסן פאר רב. אונ

להו הכי אלא אחד מעיר מזכה כל העיר ושנים ממשפחה מזכין כל המשפחה חזייה דהוה קא היף רישיה וסליק ויתיב קמיה דרב א"ל (איוב כח) לא תמצא בארץ החיים א"ל מילט קא לייטת לי א"ל קרא קאמינא לא תמצא תורה במי שמשים עצמו עליה. תניא ר' סימאי אומר נאמר (שמות ו) ולקחתי אתכם לי לעם ונאמר (שם) והבאתי אתכם מקיש יציאתן ממצרים לביאתן לארץ מה ביאתן לארץ שנים מששים רבוא אף יציאתן ממצרים שנים מששים רבוא. אמר רבא וכן לימות המשיח שנאמר (הושע ב) וענתה שמה כימי נעוריה וכיום עלותה מארץ מצרים:

תניא

כמו לדברי ר"ש בן לקיש: דברים ככתבן. שלא ימלטו אלא אחד מעיר ושנים ממשפחה: ולקחתי אחד מעיר. בשביל צדיק אחד שיש בעיר זוכה כל העיר כולה: חזייה. רב לרב כהנא: דקא היף רישיה. סורק ראשו ומעדן בעצמו בשעה שבא לו ללמוד תורה: לא תמצא בארץ החיים. מצאתי במקללו לא הגונה לעוה"ב: נאמר. בפרשת וארא ולקחתי אתכם לי לעם וכתיב בתריה והבאתי אתכם אל הארץ: מה ביאתן לארץ שנים מששים רבוא. שלא נכנסו מששים רבוא שיצאו ממצרים אלא שני אנשים יהושע וכלב כדאמרינן בב"ב בפרק יש נוחלין לא נגזרה גזרה לא בפחות מעשרים ולא ביותר מששים שנה ובהנך נמי ששים רבוא שמתו במדבר לא חשוב לא פחות מבן עשרים ולא יותר מבן ששים שנה מ"ר: אף יציאתן ממצרים שנים מששים רבוא. שמכל ששים רבוא שהיו במצרים לא נשאר מהם אלא שנים כנגד ואותם שנים של ששים רבוא עלו לששים רבוא שאלו ה' מששים רבוא שהיו בהם והשאר מתו כולם בשלשת ימי אפלה שלא יהו מצרים רואים במפלתן של ישראל: וכן לימות המשיח. שלא ישארו מכל ששים רבוא אלא שנים: וענתה שמה כימי נעוריה וכיום עלותה מארץ מצרים. עניים ושפלים יהיו כימי עלותם מארץ מצרים:

מעכן

---

ער האט געזאגט עס וועט זיין אזוי וויא עס איז געשריבען. אז מען וועט נאר נעמען איינעם פון א שטאט און צוויי פון א משפחה. האט רב געזאגט צו רב כהנא נאט וויל ניט דוא זאלסט אזוי זאגן. נאר אזוי מיינט דער פסוק איין צדיק פון א שטאט וועט מזכה זיין די גאנצע שטאט. און צוויי צדיקים פון א משפחה וועלין מזכה זיין דיא גאנצע משפחה. וויא רבי יוחנן האט געזאגט. רב האט געזעהן וויא רב כהנא פאר קעמט זיינע האר פון קאפ. און פוצט זיך אויס. דער נאך קומט ער פאר רב לערנען תורה. האט רב געזאגט צו רב כהנא דער פסוק זאגט לא תמצא בארץ החיים. האט רב כהנא געטייטשט דיא ווערטער אז רב זאגט צו איהם דוא וועסט ניט געפונען ווערין אויף דיא לעבעדיגע וועלט. האט רב כהנא געזאגט צו רב דוא פלוכסט מיך. האט רב געזאגט צו רב כהנא איך זאג דיר א פסוק לא תמצא בארץ החיים. נאר דוא זאלסט ניט טייטשין דיא צוויי ווערטער לא תמצא דוא זאלסט ניט געפינען ווערין. נאר דוא זאלסט טייטשין לא המצא זיא וועט ניט געפונען ווערין. איך מיין דיא תורה ווערט ניט געפונען ביי דיא מענטשין וואס ווילען לעבען אויף דער וועלט מיט פערגעניגען: מיר האבען געלערנט רבי סימאי זאגט עס שטייט אין פסוק גאט האט געזאגט איך וועל אייך נעמען צו מיר פאר א פאלק. און אין אנדערין פסוק שטייט איך וועל אייך ברייינגען אין אייער לאנד. גלייכען מיר זייער ארויס גיין פון מצרים צו זייער אריין קומען אין ארץ ישראל. אזוי וויא זייער אריין קומען אין ארץ ישראל זענען געוועזען צוויי פון זעקס מאהל הונדערט טויזענד. וואריום פון מצרים זענען ארויס גיגאנגען זעכס מאהל הונדערט טויזענד. און אריין גיקומען אין ארץ ישראל זענען נאר צוויי פון זייא. יהושע און כלב. אזוי זייער ארויס גיין פון מצרים איז אויך געוועזען צווייא פון זעקס מאהל הונדערט טויזענד. פון יעדערע זעקס מאהל הונדערט טויזענד זענען ארויס גיגאנגען נאר צווייא מענטשין. און דיא איבעריגע מענטשין זענען אלע גישטארבען אין דיא דרייא טעג וואס איז געוועזען פינסטערן. און דיא צווייער מענטשין האבען בטראפען זעקס מאהל הונדערט טויזענד מענטשין. רבא זאגט ווען משיח וועט קומען וועט אויך אזוי זיין: פון יעדערע זעקס מאהל הונדערט טויזענד וועט נאר בלייבען צוויי. און דיא איבעריגע וועלין שטארבען. אזוי וויא עס שטייט אין פסוק וענתה שמה כימי נעוריה יודין וועלין געמינערט ווערין דארטין אין גלות. און זייא וועלין זיין אזוי וויא זייא זענען געוועזען אין דער יוגענד. וכיום עלותה מארץ מצרים. און אזוי וויא זייא זענען געוועזען אין דעם טאג וואס זייא זענען אויף גיגאנגען פון מצרים:

תניא

**קלט תניא** אמר ר' אליעזר בר' יוסי פעם אחת נכנסתי לאלכסנדריא של מצ־ים ומצאתי זקן אחד ואמר לי בא ואראך מה עשו אבות' לאבותיך מהם טבעו בים מהם הרגו בחרב מהם מעלו בבנין ועל דבר זה נענש משה רבינו שנאמר (שמות ה) ומאז באתי אל פרעה לדבר בשמך הרע לעם הזה א"ל הקב"ה חבל על דאבדין ולא משתכחין הרבה פעמים נגליתי לאברהם יצחק ויעקב באל שדי ולא הרהרו על מדותי ולא אמרו לי מה שמך. אמרתי לאברהם (בראשית יג) קום התהלך בארץ לארכה ולרחבה כי לך אתננה בקש מקום לקבור את שרה ולא מצא עד שקנה בארבע מאות שקל כסף ולא הרהר על מדותי. אמרתי ליצחק (שם כ) גור בארץ הזאת ואהיה עמך ואברכך בקשו עבדיו מים לשתות ולא מצאו עד שעשה מריבה שנאמר (שם) ויריבו רועי גרר עם רועי יצחק לאמר לנו המים ולא הירהר אחר מדותי. אמרתי ליעקב (שם כח) הארץ אשר אתה שוכב עליה לך אתננה בקש מקום לנטוע אהלו ולא מצא עד שקנה במאה

מעלו בבנין. היו נותן אותם במקום לבנים : ועל דבר זה נענש משה רבינו . כשראה שנעשה לישראל כך התחיל להתרעם ולאמר לפני הקב"ה למה משה לפני הקב"ה ומאז באתי וגו' : חבל על דאבדין ולא משתכחין . הפסד גדול יש על החסידים שאבדו ואיני יכול למצוא אחרים חסידים כמותם שאין אתה כאברהם יצחק ויעקב שלא הרהרו אחר מדותי : אל שדי . שאמרתי לו אני אל שדי פרה ורבה וגו' אני אל שדי התהלך לפני והיה תמים והייתי מבטיחו שכל ארץ ישראל לו ולבניו ולא אמרו מה שמך כמו שעשית אתה : בתחלה אמרת לי מה שמך . ועכשיו הרהרת על מדותי ואמרת והצל לא הצלת את עמך : לנטוע אהלו . כמו ויטע אהלי אפדנו ולשון נטיעה שייך באהל :

---

**קלט** תניא. מיר האבן געלערנט רבי אליעזר ברבי יוסי זאגט אמאהל בין איך אריין געגאנגען אין די שטאט אלכסנדריא פון מצרים האב איך דארט געטראפן אאלטען מאן האט דער ערשטער צו מיר געזאגט קום איך וועל דיר ווייזען וואס מיינע עלטערן האבען געטאהן צו דיינע עלטערן. אנדערע פון אייך האבען זיא דער טרונקען אין וואסער: אנדערע פון אייך האבען זיא געהרגעט מיט דעם שווערד. אנדערע פון אייך האבען זיא איינגעמאהערט אין וואנט פאר ציגעל. אונ אויף דער זאך איז געשטראפט געווארן משה רבינו. ווארום אז משה האט געזעהן וואס די מצרים טוהען צו די יודען האט ער געזאגט פאר גאט פון דער צייט וואס איך בין געקומען צו פרעה אונ האב גערעט צו איהם אין דיין נאמען ער זאל ארויס שיקען די יודען פון מצרים. האט ער נאך שלעכטער געטאהן צום פאלק ווי פריער. האט גאט געזאגט צו משה איך האב אגרויסען שאדען וואס די פרומע מענטשן אברהם יצחק יעקב זענען פאר לארען געווארין. איך קען שוין ניט געפינען אנדערע מענטשן אזעלכע פרומע ווי זיא זענען געוועזען. דוא ביזט ניט אזוי פרום וויא זיא זענען געוועזען. פיל מאהל בין איך געזעהן געווארין צוא אברהם יצחק יעקב מיט דעם נאמען אל שדי ופיל מאהל האב איך צו זיא געזאגט איך בין אגאט וואס קען גענוג געבען. אונ האב זיא צו געזאגט צו געבען פיר זאכען. אונ האב זיא נאך ניט געגעבען אונ זיא האבען גאר ניט געטראכט אויף מיר פאר וואס בין איך ניט מקיים וואס איך האב צו געזאגט. אונ זיא האבען ניט געזאגט צו מיר וויא איז דיין נאמען. איך האב געזאגט צו אברהם שפייא אויף אונ גייא אין דער לאנד אין דער ליינג אונ אין דער ברייט ווארום צו דיר וועל איך זיא געבען. פון דעסטוועגען ווען ער האט געדארפט אארט צוא בגראבען שרה האט ער ניט געפונען קיין אוםזיסטען ארט נאר ער האט געמוזט בצאהלען פיר הונדערט טאלער: אונ עס האט איהם גאר ניט פאר דראסטין אויף מיר. איך האב געזאגט צו יצחק וואוהן אין דיא לאנד אונ איך וועל זיין מיט דיר אונ איך וועל דיך בענטשין. אונ איך וועל געבין צוא דיינע קינדער דיא אלע לענדער. פון דעסטוועגען ווען זיינע קנעכט האבין געזוכט וואסער צום טרינקען אונ האבען ניט געפונען ביז מען האט זיך געקריגט אזוי וויא עס שטייט אין פסוק די פאסטוכער פון גרר האבען זיך געקריגט מיט די פאסטוכער פון יצחק די פאסטוכער פון גרר האבען געזאגט די וואסער איז אונזערע. אונ עס האט יצחקן גאר ניט פאר דראסטין אויף מיר. איך האב געזאגט צו יעקב די ערד וואס דו ליגסט אויף איהר וועל איך זיא געבען צו דיר,

אונ

במאה קשיטה ולא הרהר אחר מדותי ולא אמרו לי מה שמך ואתה אמרת לי מה שמך בתחלה ועכשיו אתה אומר לי (שמות ה) והצל לא הצלת את עמך. (שם) עתה תראה אשר אעשה לפרעה במלחמת פרעה אתה רואה ואי אתה רואה במלחמות ל"א מלכים: (שמות לד) **וימהר** משה ויקוד ארצה וישתחו מה ראה משה ר' חנינא בן (גמליאל) [גמלא] אמר ארך אפים ראה ורבנן אמרי אמת ראה תניא כמאן דאמר ארך אפים ראה דתניא כשעלה משה למרום מצאו להקב"ה שיושב וכותב ארך אפים אמר לפניו רבש"ע ארך אפים לצדיקים א"ל אף לרשעים אמר לפניו רשעים יאבדו א"ל השתא חזית דמיבעי לך, כשחטאו ישראל א"ל לא כך אמרת לי ארך אפים לצדיקים (ע"ג) אמר לפניו רבש"ע ולא כך אמרת לי אף לרשעים והיינו דכתיב (במדבר יד) ועתה יגדל נא כח אדני כאשר דברת לאמר. רבי

עתה תראה. הפעם תראה נפלאות שאני עושה להם: מה ראה. על איזו מדה של י"ג מדות ראה והשתחוה: אמת ראה. ראה במדותיו שנקרא אמת ונתיירא שמתחייבו ישראל כליה אם הוא דן אותם בדין גמור ומיהר להתפלל עליהם שלא יהא דן אותם לפי מעשיהם: ה"ג תניא כמ"ד ארך אפים ראה דתניא כשעלה משה למרום וכו' אמר לו רשעים יאבדו ולא יהיה לך ארך אפים עליהם: א"ל. הקב"ה לא אמרת ארך אפים לצדיקים ולא לרשעים: אמר לפניו וכו'. והשתא משתברא כמ"ד ארך אפים ראה שכיון שראה מדה זו בהקב"ה הגי

---

און יעקב האט גיזוכט איין ארט ווא אויף צו שטעלין זיין גיצעלט און ער האט ניט גיפונען ביז ער האט גיקויפט איין ארט פאר הונדערט קשיטה. און עס האט איהם גאר ניט פאר דראסין אויף מיר. און זייא האבען גאר ניט גיפרעגט בייא מיר וויא איז דיין נאמען. און דוא האסט פריער גיפרעגט בייא מיר וויא איז דיין נאמען. און איצט זאגסטו צו מיר דוא האסט ניט גירעטעט דיין פאלק. איצט וועסטו זעהן וואס איך וועל טאהן צו פרעה. דיא מלחמה פון פרעה וועסטו יא זעהן. אבער דיא מלחמה מיט דיא איין און דרייסיג מלכים וועסטו שוין ניט זעהן:

**קם** וימהר. עס שטייט אין פסוק גאט האט גיזאגט פאר משה זיינע דרייצעהן מדות און משה האט גיאיילט און האט גיקניט אויף דיא ערד און האט זיך גיבוקט. פרעגט דיא גמרא וואס האט משה איצט גיזעהן פון גאט וואס ער האט נאך ניט גיהאט גיזעהן. רבי חנינא בן גמלא זאגט ער האט גיזעהן דיא מדה אז גאט האלט איין זיין כעס. דיא רבנן זאגין ער האט גיזעהן דיא מדה פון אמת. און אז גאט זאל משפטין נאר מיט דעם אמת זעגען דיא יודען גיוועזען פאר שולדיגט מען זאל זייא פאר לענדין. דריבער האט משה מורא גיהאט און ער האט גיאיילט און האט גיקניט פאר גאט און האט גיבעטען פאר דיא יודען מען זאל זייא מוחל זיין: זאגט די גמרא מיר האבען גילערנט וויא דער וואס זאגט משה האט גיזעהן דיא מדה אז גאט האלט איין זיין כעס. ווארום מיר האבען גילערנט ווען משה איז ארויף גיגאנגען אויף דעם הימעל האט ער גיטראפען גאט זיצט און שרייבט ארך אפים ואז ער האלט איין דעם כעס. האט משה גיזאגט פאר גאט רבונו של עולם דוא האלסט איין דעם כעס אויף דיא צדיקים ואז זייא זינדיגען עפעס זאלסטו זייא ניט שטראפין באלד נאר זאלסט ווארטען ביז זייא וועלען תשובה טאהן. האט גאט גיזאגט צו משה איך האלט איין דעם כעס אויף רשעים אויך. האט משה גיזאגט פאר גאט רשעים זאלען פאר לארען ווערען. האט גאט גיזאגט צו משה דוא וועסט זעהן אז דוא וועסט דארפען איך זאל איין האלטען מיין כעס פון רשעים. ווען דיא יודען האבען געזינדיגט און משה האט גיבעטען פאר זייא גאט זאל איין האלטען דעם כעס און זאל זייא ניט שטראפין. האט גאט גיזאגט צו משה דוא האסט דאך אליין גיזאגט צו מיר איך זאל נאר איין האלטען דעם כעס פון צדיקים אבער ניט פון רשעים. האט משה גיזאגט פאר גאט רבונו של עולם דוא האסט דאך צו מיר גיזאגט אז דו האלסט איין דעם כעס פון רשעים אויך. דאס איז וואס עס שטייט אין פסוק משה האט גיזאגט איצט זאל גרויס ווערין דער כח פון גאט אזוי וויא דוא האסט גירעט ודוא זאלסט איין האלטין דעם כעס פון רשעים אויך. דריבער וויא משה האט גיזעהן די מדה

חגי הוה סליק ואזיל בדרגא דבי רבה בר שילא שמעיה להה[ו]א ינוקא דאמר (תהלים צג) עדותיך נאמנו מאד לביתך נאוה קדש ה' לארך ימים וסמיך ליה (שם צ) תפלה למשה וגו' אמר שמע מיניה ארך אפים ראה : **קמא אמר** ר' אלעזר אמר ר' חנינא עתיד הקב"ה להיות עטרה בראש כל צדיק וצדיק וכו' (כמ"ש במגילה פ"א) :

מכות ארך אפים אף לרשעים שמח : ה' לאורך ימים . היינו מדת ארך אפים ועליה אמר מכה עדותיך נאמנו מאד כראה אותו כהורג ופסוק זה משרע"ה אמרו דכתיב לעיל מיניה תפלה למשה איש האלהים :
יצאו אנשים בני בליעל מקרבך . שאין להם חלק לעולם הבא :
החרם אותה פרט לנכסי צדיקים שבחוצה לה .
שאם היו צדיקים דרים בתוכה והוו להו

**קמב משנה** אנשי עיר הנדחת אין להם חלק לעה"ב שנאמר (דברים יג) יצאו אנשים בני בליעל מקרבך וידיחו את יושבי עירם וגו' וכו' כליל לה' אלהיך אמר ר' שמעון אמר הקב"ה אם אתה עושה דין בעיר הנדחת מעלה אני עליך כאלו אתה מעלה עולה כליל לפני . (שם) ולא ידבק בידך מאומה מן החרם שכל זמן שהרשעים בעולם חרון אף בעולם אבדו רשעים מן העולם נסתלק חרון אף מן העולם : (דף קיב) **קמג ת"ר** החרם אותה (דברים יג) פרט לנכסי צדיקים שבחוצה לה . ואת כל אשר בה לרבות נכסי צדיקים שבתוכה . שללה ולא שלל

---

פון גאט אז ער האט איין זיין כעס פון רשעים אויך . האט זיך משה גיפרייט און האט געקנייט אויף דיא ערד און האט זיך גיבוקט . רבי חגי איז ארויף גיגאנגען אויף דיא טרעפ פון רבה בר שילא . האט ער גיהערט וויא אקינד זאגט דעם פסוק דיינע עדות זענען זייער בגרויבט צו דיין שטוב איז שיין דיא הייליגקייט גאט האלט איין זיין כעס אויף אלאנגע צייט . און נעבין דעם קפיטול שטייט דער קפיטול תפלה למשה . זעהן מיר אז משה רבינו האט גזאגט דעם פסוק און האט גלויבט גאט פאר וואס ער האלט איין זיין כעס . ווייסען מיר פון דאנען וואס עס שטייט אין דער תורה אז משה האט געקנייט פר גאט דס איז אויך גיוועזן אויף דער מדה וואס ער האט גיזעהן אז גאט האלט איין זיין כעס :

**קמא** אמר . רבי אלעזר האט גזאגט פון רבי חנינאס וועגין גאט וועט זיין צקרוין אויף דעם קאפ פון יעדער צדיק (אזוי ווי עס שטייט אין דער מסכת מגילה) :

**קמב** משנה . אנשי . אויב דיא מענטשין פון אשטאט זענען פאר שטויסען גיווארן (איבער גירעט גיווארן) צו דינען עבודה זרה האבען זייא ניט קיין חלק עולם הבא . ווארום עס שטייט אין פסוק עס זענען ארויס גיגאנגען מענטשין (בליעל דאס איז צוויי ווערטער בלי יעל וואס ווערין ניט אויף גיין צו עולם הבא פון דיר (פון דיא שטאט) און האבען פאר שטויסען (איבער גירעט) דיא זיצער (דיא איינוואוהנער) פון זייער שטאט זייא זאלן דינען עבודה זרה . כליל לה' אלקיך . זאל דיא שטאט אין גאנצען פאר ברענט ווערין צו גאט . רבי שמעון זאגט גאט האט גיזאגט אויב איר וועט טאהן אמשפט אן דיא שטאט וואס האט געדינט עבודה זרה . און איר האט דיא מענטשין גיהרגת און זייער מעגין פאר ברענט איז ביי מיר גלייך וויא איר וואלט מקריב גיוועזן און פאר ברענט אעולה פאר מיר . עס שטייט אין פסוק עס זאל ניט בהעפט ווערין אין דיין האנט קיין זאך פון דיא פאר ווסטונג פון דיא שטאט . ווארום אזוי לאנג וויא דיא רשעים זענען אויף דער וועלט איז דער כעס פון גאט אויף דער וועלט . אז דיא רשעים ווערין פאר לארין פון דער וועלט . ווערט צפ גיטאהן דער כעס פון גאט פון דער וועלט :

**קמג** תנו רבנן . דיא רבנן האבען גילערנט עס שטייט אין פסוק דוא זאלסט פאר וויסטען דיא שטאט וואס האט געדינט עבודה זרה . אבער דיא צדיקים וואס וואוהנען אין שטאט און זייא האבען זייער פאר מעגין אויסער דער שטאט . זאל מען ניט פאר וויסטען דעם פאר מעגין וואס אויסער דיא שטאט . און עס שטייט אין פסוק דוא זאלסט פאר וויסטען אלין וואס

שלל שמים . ואת כל שללה לרבות נכסי רשעים שבחוצה לה . א"ר שמעון מפני מה אמרה תורה נכסי צדיקים שבתוכה יאבדו כי גרם להם שידורו בתוכה סכונם לפיכך כמונם אבד :

(דף קיג) (יהושע ו) **קמד וישבע** יהושע בעת ההיא לאמר

ארור האיש לפני ה' אשר יקום ובנה את העיר הזאת את יריחו גו' (ממשמע שנאמר העיר הזאת איני יודע שהוא יריחו אלא מה ת"ל יריחו) [תניא] לא יריחו על שם עיר אחרת ולא עיר אחרת על שם יריחו דכתיב (מ"א טז) בימיו בנה חיאל בית האלי את יריחה באבירם בכורו יסדה ובשגוב צעירו הציב דלתיה . תניא באבירם בכורו רשע לא היה לו ללמוד בשגוב צעירו היה לו ללמוד אבירם ושגוב מאי עבוד הכי קאמר באבירם בכורו היה לו ללמוד לאותו רשע בשגוב

נכסים מופקדים במקום אחר ביד אחרים אין מחרימין אותם אבל נכסים שיש להם בתוכה בעיר מחרימין אותם וטעמא מפורש לקמן : א"ר שמעון מפני מה אמרה תורה וכו' . בכל דוכתא דריש ר"ש טעמא דקרא :

ס"ג וישבע יהושע לאמר ארור האיש וגו' . וקרא דריש ואזיל בבכורו ייסדנה ובצעירו יציב דלתיה כשיתחיל לבנותה ימות בכורו וכשיעמיד דלתיה ימות בנו הקטן : לא יריחו על שם עיר אחרת . כלא יבנה יריחו ויכנה שמה על שם עיר אחרת : ולא עיר אחרת על שם יריחו . שאפי' בנה עיר אחרת וקראה יריחו ארור לבנותה שאפי' שם יריחו ימחה לעולם : בימיו בנה חיאל בית האלי את יריחה . בימיו של אחאב ועל שעבר על האלה קרי ליה בית האלי : את יריחו . ולא יריחו עצמו בנה אלא עיר אחרת בנה על שם יריחו שקראה לה יריחו ולא איהפיך הא מגלה ליה : באבירם בכורו יסדה . אבירם רשע כשמת אבירם הרשע לא היה לו לאחאב ללמוד שלא לבנות את יריחו : אבירם ושגוב מאי עבוד . דקרי להו רשעים : היה לו להותו רשע ללמוד בשגוב צעירו . דכיון שקבר בהתחלתו אבירם היה לו לחזור בו שלא ימות שגוב צעירו ומלאכה כלפי נפשיה הוא ולא דרשה :

---

וואס אין דיא שטאט . אפילו דאס פאר מעגין וואס דיא צדיקים האבען אין שטאט זאל מען אויך פאר ווישטען . איר פאר מעגין זאל מען פאר וויסטען . אבער דעם פאר מעגין וואס איז גיהייליגט גיווארין צו גאט זאל מען ניט פאר וויסטען . איר גאנץ פאר מעגין זאל מען פאר וויסטען . אפילו דאס פאר מעגין וואס דיא רשעים האבען אויסער דיא שטאט זאל מען אויך פאר וויסטען . רבי שמעון זאגט פאר וואס האט דיא תורה גיזאגט דאס פאר מעגין פון דיא צדיקים וואס אין שטאט זאל מען פאר וויסטען . ווארום פאר וואס וואוהנען דיא צדיקים אין דיא שטאט דורך זייער פאר מעגין . דריבער זאל מען זייער פאר מעגין פאר וויסטען :

**קמד** וישבע . יהושע האט גישווארין אין דער צייט אונ ער האט גזאגט פאר פלוכט זאל זיין דער מענטש פאר גאט וואס ער וועט אויף שטיין באהען די שטאט יריחו ווען ער וועט מאכען דעם פונדאמענט פון שטאט זאל שטארבען זיין ערשט גיבארענער זוהן . אונ ווען ער וועט אריין שטעלען דיא טירען זאל שטארבען זיין יינגסטער זוהן . זאגט דיא גמרא מיר האבען גילערנט מען טאר ניט אויף באהען דיא שטאט יריחו אונ איר רופען איין אנדער נאמען . אונ מען טאר ניט אויף באהען איין אנדער שטאט אונ איר רופען דעם נאמען יריחו . אזוי וויא עם שטייט אין פסוק אין זיין צייט האט חיאל בית האלי גיבאהט א שטאט (ניט יריהו) נאר ער האט איר גירופען יריחה . ווען ער האט גימאכט דעם פונדאמענט פון שטאט איז גישטארבען זיין ערשט גיבארענער זוהן אבירם . אונ ווען ער האט גישטעלט דיא טירען איז גישטארבען זיין יינגסטער זוהן שגוב . מיר האבען גילערנט ווען זיין בכור אבירם איז גישטארבען האט חיאל ניט גיוואוסט אז דאס איז פון יהושעס קללה . ווייל אבירם איז גיווען א רשע . האט חיאל גימיינט אז אבירם איז גישטארבען פאר זיינע זינד . אבער אז זיין יינגסטער זוהן שגוב איז גישטארבען האט שוין חיאל גידארפט וויסען אז ער איז גישטארבען פון יהושעס קללה . ווארום שגוב איז ניט גיווען קיין רשע . פרעגט דיא גמרא וואס האט גיטאהן אבירם אונ שגוב . פון וואנען ווייסטו אז אבירם איז גיווען א רשע אונ שגוב איז ניט גיווען א רשע . ענטפערט דיא גמרא אזוי מיינט מען דער ווארט רשע זאגט מען אויף חיאל . באלד ווי אבירם איז גישטארבען האט דער רשע חיאל גידארפט וויסען אז ער איז גישטארבין פון יהושעס קללה . האט ער עזין ניט גידארפט באהען ווייטער . ווארום ער האט גידארפט מורא האבען מאמער וועט שטארבען זיין יינגסטער זוהן שגוב אויך . פרעגט דיא גמרא אז אבירם

איז

בשגוב צעירו . כמשמע שנאמר באבירם בכורו איני יודע ששגוב צעירו מה תלמוד לומר שגוב צעירו מלמד שהיה מקבר והולך מאבירם עד שגוב . אחאב שושבינִיה הוה אתא איהו ואליהו למשאל בשלמא בי טמיא יתיב וקאמר דלמא כי לט יהושע הכי לייט לא יריחו על שם עיר אחרת ולא עיר אחרת על שם יריחו א"ל אליהו אין אמר ליה אחאב השתא לווטא דמשה לא קא מקיימא דכתיב (דברים יא) וסרתם ועבדתם וגו' וכתיב וחרה אף ה' בכם ועצר את השמים ולא יהיה מטר וגו' וההוא גברא אוקים ליה ע"ז על כל תלם ותלם ולא שביק ליה מטרא למיזל מיסגד ליה לווטתא דיהושע תלמידיה מקיימא מיד (מ"א יז) ויאמר אליהו התשבי מתושבי גלעד גו' חי ה' אלהי ישראל גו' אם יהיה גו' טל ומטר וגו' בעא רחמי ויהבו ליה אקלידא דמטרא וקם ואזל (שם) ויהי דבר ה' אליו לאמר לך מזה ופנית לך קדמה ונסתרת בנחל כרית וגו' והעורבים מביאים לו לחם ובשר בבקר מהיכא א"ר יהודה אמר רב מבי טבחי דאחאב . (שם) ויהי מקץ ימים וייבש הנחל כי לא היה גשם בארץ כיון דחזא דאיכא צערא בעלמא כתיב (שם) ויהי דבר ה' אליו לאמר קום לך צרפתה וכתיב (שם) ויהי אחר הדברים האלה

ממשמע שנאמר באבירם בכורו . השתא מתחה אקרא איני יודע ששגוב צעירו אלא מה ת"ל בשגוב צעירו שהיה קובר והולך מאבירם ועד שגוב שהוא צעיר מכולם : אחאב שושבינו . אוהבו של חיאל בית האלי : בי טמיא . [וי"א בי טעמא] בית האבל שמטעימין אותו בדברים לנחמו ובכמה דוכתין כתיב בבראשית רבה טמיא בלא עי"ן לי אבל (לשון אחר טמא אבל באותיות אטב"ח ואלב"ם טמא אבל) : על כל תלם ותלם . שורה שורה של ערוגה מקום גבוה הוא : ולא שביקא מטרא מיזל ומשגד . מרוב גשמים הבאים לעולם אין מניחין אותי לילך להשתחוות לע"ז מתוך שהדרכים מלוכלכים בטיט : מיד ויאמר אליהו חי ה' אם יהיה השנים האלה טל ומטר וגו'. בהאי קרא סמוך לקרא דחיאל בית האלי : אקלידא דמטרא . מפתח של מטר : כיון דהוא . הקב"ה ואיכא צערא בעלמא : א"ל . נאליהו לך נרפאה לגלגל הדבר שיחזיר לו מפתח

---

איז געוועזן דער עלצטער . ווייסען מיר דאך שוין אז שגוב איז געוועזן דער יינגסטער : ווארום אזוי איז געוועזן דיא קללה פון יהושע . ביי דעם פונדאמענט זאל שטארבען דער עלצטער . און ביי די טירען זאל שטארבען דער יינגסטער . צו וואס שטייט אז שגוב איז געוועזן דער יינגסטער . נאר דער פסוק דער ציילט אונז אז חיאל האט בגראבען אלע קינדער פון עלצטען ביז דעם יינגסטען . דער מלך אחאב איז געוועזן אגוטער פריינד פון חיאל . איז געגאנגען אחאב אונ אליהו הנביא טרייסטען דעם חיאל אין זיינע אבלות : איז חיאל געזעסן אונ האט געזאגט טאמער ווען יהושע האט גישאלטן אזוי געפלוכט האט ער אזוי גיפלוכט מען זאל ניט באהען דיא שטאט יריחה אונ איר רופען איין אנדער נאמען . אונ מען טאר ניט באהען איין אנדער שטאט אונ איר רופען דעם נאמען יריחו . האט אליהו געזאגט צו חיאל יא אזוי האט טאקי יהושע גימיינט . האט אחאב געזאגט צו אליהו מאדאך דיא קללה פון משה ווערט ניט מקוים : ווארום עס שטייט אין פסוק אז איר וועט אפ קערין פון גאט אונ איר וועט דינען אנדערע געטער וועט דער היצט ווערין דער כעס פון גאט אויף אייך אונ ער וועט אויף האלטען דעם הימעל אונ עס וועט ניט זיין קיין רעגין . אונ איך האב גישטעלט עבודה זרות אין דיא פעלדער אויף יעדער בייט וואגאן . אונ עס גייט אזוי פיל רעגין אז דער רעגין לאזט מיך ניט גיין בוקין צו די עבודה זרות : אונ דיא קללה פון זיין תלמיד יהושע איז יא מקוים געווארין . האט באלד אליהו געזאגט אזוי וויא גאט לעבט אויב עס וועט זיין דריי יאהר טאה אדער רעגין . ער האט געבעטן ביי גאט האט מען אים גיגעבן די שליסלען פון רעגין אונ ער איז אוועק גיגאנגען . האט גאט געזאגט צו אליהו גיי אוועק פון דאנען אונ דוא זאלסט דיך קערין צו מזרח זייט אונ דו זאלסט דיך פאר באהרגן נעבין דעם טייך כרית . אונ דיא קראהען פלעגין ברייגגען צו אליהו ברויט מיט פלייש אלע פריא מארגן . פון וואנען פלעגין זייא נעמען פלייש . האט רב יהודה געזאגט פון רבס וועגין פון דיא קיך פון אחאב . אין אצייט שפעטער איז טרוקען געווארן דער טייך ווייל עס איז ניט געוועזן קיין רעגין . אז גאט האט געזעהן עס איז אגרויסע צער אויף דער וועלט וואס עס איז ניטא קיין רעגין . האט גאט געזאגט צו אליהו קום גיי אין צרפת דארט וועט דיך שפייזן אאלמנה . דער נאך איז קראנק געווארן

האלה חלה בן האשה בעלת הבית בעא רחמי למיתן ליה אקלידא דתחית המתים אמרו ליה שלש מפתחות לא נמסרו לשליח של חיה ושל גשמים ושל תחית המתים יאמרו שתים ביד תלמיד ואחת ביד הרב אייתי האי ושקיל האי וכתיב מיד (שם יח) לך הראה אל אחאב ואתנה מטר:

**קמה דרש** ההוא גלילאה קמיה דרב חסדא משל דאליהו למה הדבר דומה לגברא דטרקיה לגליה ואבדיה למפתחיה דרש ר' יוסי בצפורי אבא אליהו (ע"ב) קפדן הוה רגיל למיתי גביה איכסיא מיניה תלתא יומי ולא אתא כי אתא אמר ליה אמאי לא אתא מר א"ל קפדנא קרית לי א"ל הא דקמן קפיד מר: פיסקא (דברים יג) ולא ידבק בידך מאומה מן החרם כל זמן שרשעים בעולם חרון אף בעולם. מאן



ט: מטר כדקא מפרש ואזיל: ג' מפתחות לא נמסרו ביד שליח. על כל האוצרות של הקדוש ברוך הוא יש מפתחות ונמסרו ביד שלוחים הממונים אבל ג' אלו מפתחות יש לו בידו שלא מינה שליח עליהם מברכותיו אלא בידו הם ולא רצה למסור שליח עליהם וקאמר הקב"ה לאליהו אותן שלשה מפתחות עכשיו בידי מברכותיו ולא מניתי שליח עליהם אלא אותך עשיתי ממונה על אחד מהם ועתה תבלע מפתח שני יאמרו ב' ביד תלמיד ואחד ביד הרב:

טרקיה לגליה. שסגר שער שלו ואבדיה לנפתחיה כך עשה אליהו (נטל מפתח של גשמים בבית השער) [נטל לשערי מטר] ולבסוף אבד המפתח של גשמים שלא נפתח השער של מטר על ידו דכתיב לך הראה אל אחאב ואתנה מטר ולא כתיב ותן מטר: אבא אליהו. חביבו וגדולו: הוה קפדן. שכעס על אחאב ואמר חי ה' אם יהיה השנים האלה טל ומטר: איכסי מיניה. שהיה רגיל למיתי לבי מדרשו כל יומא ולא אתא בתלתא יומי: א"ל. ר' יוסי: הא דקמן דקא קפיד מר. הרי על דבר שאמרתי עליך שאתה

---

גיווארן דער זוהן פון דיא אלמנה אונ איז געשטארבען. האט אליהו געבעטען מען זאל איהם געבען דיא שליסלען פון תחית המתים ער זאל קענען לעבעדיג מאכען דעם קינד. האט גאט געזאגט צו אליהו דריי שליסלען זענען נישט אוועק געגעבען געווארען צו אשלים. נאר זייא זענען ביי מיר אין האנט. דעם שליסול פון אגעווינערין: אונ דעם שליסול פון רעגין. אונ דעם שליסול פון תחית המתים. איין שליסול פון רעגין האב איך דיר געגעבען. אז איך וועל דיר איצט געבען דעם שליסול פון תחית המתים אויך. וועסטו האבען צוויי שליסלען אונ איך איינעם וועט מען זאגען דער תלמיד האט צוויי שליסלען אונ דער רבי האט איין שליסול. ברענג אפ דעם שליסול פון רעגין וועל איך דיר געבען דעם שליסול פון תחית המתים. האט אליהו אזוי געטאהן ער האט אוועק געגעבען דעם שליסול פון רעגין אונ האט גענומען דעם שליסול פון תחית המתים אונ האט לעבעדיג געמאכט דעם קינד אונ וויא גאט האט געהאט צוריק דעם שליסול פון רעגין האט גאט געזאגט צוא אליהו גייא ווער געזעהן צוא אחאב אונ איך וועל געבען רעגין:

**קמה דרש.** איינער פון גליל האט געדרשת פאר רב חסדא דיא מעשה פון אליהו אין גלייך צו איינעם וואס האט פאר שלאסען זיין טויער אונ האט פאר לארען דעם שליסול. מוז קומען דער מייסטער פון שלאסער אונ עפענען דעם שלאס. אבער דער מענטש אליין קען שוין ניט עפענען. אזוי איז געווען ביי אליהו. ער האט פאר שלאסען דעם טויער פון רעגין: אבער געעפינט צוריק דעם טויער האט ניט אליהו. נאר גאט האט געעפינט. רבי יוסי האט געדרשת אין צפורי אונזער פאטער אליהו הנביא איז געווען אכעסן. אליהו איז געווען געוואוהנט צו קומען אלע טאג אין בית המדרש פון רבי יוסי. איז אליהו ניט געקומען דריי טעג. דער נאך אז אליהו איז געקומען: האט רבי יוסי געזאגט צו אליהו פאר וואס ביסטו שוין דריי טעג ניט געווען. האט אליהו געזאגט צוא רבי יוסי דוא האסט מיך גערופען כעסן וועל איך צו דיר קומען. האט רבי יוסי געזאגט איצט זעהט מען אז דער רבי איז טאקי אכעסן. ווארום דורך דעם איין ווארט כעסן ביסטו ברוגז געווארן דריי טעג:

**קמו פיסקא.** עס שטייט אין פסוק עס זאל ניט בהעפטן ווערין אין דיין האנט עפעס פון דיא פאר ניכטונג. אזוי לאנג וויא דיא רשעים וואס האלטען ניט קיין חרם זענען אויף דער וועלט. איז דער כעס פון גאט אויף דער וועלט. ווער זענען דיא רשעים וואס האלטען ניט קיין חרם. זאגט רב יוסף גנבים ווארום דער בעל הבית וואס ביי איהם איז אזאך גיגנבת

מקשיד שלא כאה אלא בלבה יפים: מפני הרעה. קודם שתבא הרעה הצדיק נאסף מכלל דכיון במה הרעה באה: אבל צדיק בא לעולם. פסקה הרעה שנאמר זה ינחמנו:

רשעים אמר רב יוסף גנבי. ת"ר רשע בא לעולם חרון אף בא לעולם שנאמר (משלי יח) בבא רשע בא גם בוז ועם קלון חרפה רשע אבד מן העולם טובה באה לעולם שנאמר (שם יא) ובאבוד רשעים רנה.

צדיק נפטר מן העולם רעה בא לעולם שנאמר (ישעיה נז) הצדיק אבד ואין איש שם על לב ואנשי חסד נאספו באין מבין כי מפני הרעה נאסף הצדיק. צדיק בא לעולם טובה באה לעולם שנא' (בראשית ה) זה ינחמנו ממעשנו ומעצבון ידינו:

אמר

---

געוואָרן. רופט ער אויס אהם אויף דעם גנב. און אז דער גנב גיט ניט אפ די גניבה האלט ער דאך ניט דעם חרם. די רבנן האבען געלערנט אז א רשע קומט אויף דער וועלט קומט אבעם אויף דער וועלט. אזוי ווי עס שטייט אין פסוק אז דער רשע קומט קומט מיט אים שאנד. מיט דעם שענדליכען מענטשין קומט מיט שאנד. אז דער רשע ווערט פאר לארין פון דער וועלט. קומט גוטס אויף דער וועלט. אזוי וויא עס שטייט אין פסוק אז די רשעים ווערין פאר לארן איז געזאנג. אז א צדיק גייט אוועק פון דער וועלט. קומט שלעכטס אויף דער וועלט. אזוי וויא עס שטייט אין פסוק דער צדיק ווערט פאר לארין און קיין מענטש נעמט דס ניט אויף זיין הארץ. און די מענטשין וואס טוהען חסד מיט מתים האבען זיך פאר זאמלט צום צדיק זייא זאלן מיט איהם אויך טאהן חסד. קיינער פון זייא פאר שטייט גאר ניט אז דער צדיק איז געשטארבען פאר די שלעכטס וואס דארף קומען אויף דער וועלט. דער צדיק זאל ניט זעהן דיא שלעכטס וואס דארף קומען. זעהן מיר אז נאך דעם צדיקס שטארבען קומט שלעכטס אויף דער וועלט. אז א צדיק קומט אויף דער וועלט קומט גוטס אויף דער וועלט. אזוי וויא עס שטייט אין פסוק אז ווען איז געבארן געוואָרן האט מען געזאגט דער וועט אונז טרייסטען פון אונזער ארבעט און פון אונזערע שווערע ארבעט וואס מיר ארבעטן מיט אונזערע הענט:

## סליק מסכת סנהדרין

אמר